DAVID AND SYLVIA STEINER YIZKOR BOOK COLLECTION
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 14279

# *Lithuania Memorial Book*

Liṭe

THE NEW YORK PUBLIC LIBRARY – NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
YIZKOR BOOK PROJECT

NEW YORK, NEW YORK AND AMHERST, MASSACHUSETTS

THE STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY PROVIDES
ON-DEMAND REPRINTS OF MODERN YIDDISH LITERATURE

©2003 THE NEW YORK PUBLIC LIBRARY AND
THE NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER

•

MAJOR FUNDING FOR THE
YIZKOR BOOK PROJECT WAS PROVIDED BY:
*Harry and Lillian Freedman Fund*
*David and Barbara B. Hirschhorn Foundation*
*David and Barbara Margulies*
*The Nash Family Foundation*
*Harris Rosen*
*David and Sylvia Steiner*
*Ruth Taubman*

•

*Original publication data*

| | |
|---|---|
| TITLE | Lite / redagirt fun Mendl Sudarski, Uriyah Katsenelnbogn, Y. Kisn. |
| IMPRINT | 880-02 [New York] : Aroysgegebn fun "Kultur-gezelshaft fun Litvishe Yidn", [1951]-1965. |
| DESCRIPT | 2 v. : ill., ports. ; 29 cm. |
| SUBJECT | Jews -- Lithuania -- History. |
| | Lithuania -- Ethnic relations. |
| | Holocaust, Jewish (1939-1945) -- Lithuania. |
| ADD'L NAME | Sudarsky, Mendel, 1885-1951. |
| | Katzenelenbogen, Uriah, 1885-1980. |
| ADD'L TITLE | Lite (Lithuania) |

THIS BOOK MEETS A.N.S.I. STANDARDS FOR
PAPER PERMANENCE AND LIBRARY BINDING.

PRINTED IN THE U.S.A.

# ליטע

JS - 1524

# ליטע

## באַנד צוויי

רעדאַגירט: ח. לייקאָוויטש

פאַרלאַג
י.ל. פּרץ
ישראל

תשכ״ה—1965

# LITE *(Lithuania)*

VOLUM TWO

Editor: CH. LEIKOWICZ

I. L. Peretz Publishing House
31, Allenby str., Tel-Aviv, Israel

*

# ליטא

כרך שני

עריכה: ח. לייקוביץ'

PL 480

THE NEW YORK PUBLIC LIBRARY
ASTOR LENOX & TILDEN FOUNDATIONS

©

Copyright, 1965

נדפס בישראל תשכ"ה

דפוס „ארזי" בע"מ, ת"א, רח' אילת השחר 4, טל. 34294

# אינהאלט:


פון פאַרלאַג ... 13

צווייטער באַנד „ליטע" ... 21

רובינשטיין, ראובן

נוסח ליטע ... 25

## געהייליקט דעם אָנדענק פון ד"ר מענדל און אַלטע סודאַרסקי

לאַדסקי, מ.

ד"ר מענדל סודאַרסקי ... 33

רובינשטיין, ראובן

אַלטע סודאַרסקי ז"ל ... 49

## געשיכטע, אַרבעטער־באַוועגונגען און פּאַרטייען

פראַנק, הערמאַן, ד"ר

זאַמוט און אירע יידן ... 57

אלישיב (פרידמאַן), שמואל, ד"ר

די צ"ס־באַוועגונג אין ליטע ... 63

כהן, משה

דער אַלגעמיינער ציוניזם אין דער זעלבשטענדיקער ליטע ... 71

עמית (גאָטליב), יעקב

די השומר־הצעיר באַוועגונג אין ליטע ... 91

שולמאַן, וויקטאָר

דער „בונד" אין ליטע ... 101

שמעוני, ל.

צו דער געשיכטע פון לינקע „פועלי ציון" אין ליטע ... 123

אַראָנסאָן, גריגאָרי

בלעטלעך פון געזעלשאַפטלעכן לעבן און אַרבעטער־קאַמף אין אַמאַליקער ליטע ... 163

שקליאַר, ה.

אָנהייב פון דער יידישער אַרבעטער־באַוו. אין ליטע ... 181

## יידישע עקאָנאָמיק און פּראָדוקטיוויזאַציע

פּאַרט, צבי

יידישע קאָאָפּעראַציע ... 233

אַלייסקי, יעקב, אגראָנ.

„אָרט" אין ליטע ... 269

## שול און בילדונג

ליפעץ, דב

העברעאיש שול־וועזן און קולטור־באַוו. אין ליטע ... 293

שולמאַן, אליהו

די יידישע וועלטלעכע שולן אין ליטע ... 323

עציון (האָלצבערג), יצחק רפאל הלוי

„יבנה"־שולן אין ליטע ... 351

בן־אפרים (אפרימטשיק), א.

די יידישע סטודענטנשאַפט אין ליטע ... 369

גינזבורג, מ.

דער ווילנער יידישער לערער־אינסטיטוט ... 381

גאָלאָמב, אַ.

שעפער און בויער פון שול־וועזן אין ווילנער פּראָווינץ ... 393

## שרייבער, פּרעסע, ייוואָ

יפה, מרדכי

העברעאישע דיכטער פון ליטע ... 405

טשאַרני, דניאל

קאָוונער ליטע האָט אַרויסגעגעבן איבער 100 יידישע שרייבער ... 407

גאר, יוסף

די קאָוונער טאָגצייטונג „פאָלקסבלאַט" ... 419

שולמאַן, וויקטאָר

יידישער וויסנשאַפטלעכער אינסט. (ייוואָ) אין ליטע ... 441

## קולטור־אינסטיטוציעס און אָרגאַניזאַציעס

ארש־סודאַרסקי, אַלטע

אונדזער קולטור־געזעלשאַפטלעכע טעטיקייט ... 453

שוואַרץ, ד., ד"ר

די „מאַפּו"־ביבליאָטעק אין קאָוונע ... 485

יאזעליט, יעקב

ספּאָרט־אָרגאַניזאַציעס ... 493

## קונסט, טעאַטער און מוזיק

ליכטנשטיין, יצחק

מאַרק אַנטאָקאָלסקי און זיין צייט ... 505

קיסין (גארן), י.

איסאַק לעוויטאַן ... 511

שובין, ליעוו

וויקטאָר ד. ברענער ... 519

קאָזלאָווסקי, יעקב

יידישע קינסטלער פון ליטע ... 525

קאַדיסאָן (שוסטער), לייב

קאָוונער דראַמאַטיש־מוזיקאַלישע געז. און די „ווילנער טרופּע" ... 535

נאַדל, לייב

די יידישע אָפּערע־סטודיע ... 547

ד. פ.

יאַשאַ חפץ, יוסף אחרון, ל. גאָדאָווסקי ... 555

סטאָלניץ, נתן

וועגן חזנים און חזנות־ליטא ... 567

## חורבן ליטע

קאַפּלאַן, ישראל

פּעדער־מענטשן אין די נאַצי־נעגל ... 595

חיין, ל.

זלמן קאַלמאַנאָוויטש דער ל"וניק פון דער יידישער קולטור ... 603

א. י.

מרדכי רודניק ז"ל ... 611

ירושלמי, א.

רוצחים פון יידן אין ווילקאָמיר, שאַוול און אַנדערע שטעטלעך ... 615

**לעדין, ל.**
יידישע זין פון ליטע קעגן די נאַציס 635
**גריליכעס, שמואל זלמן, ד״ר**
יידישע דענטיסטן און צאָנטעכניקער אין ליטע 637
**לייקאָוויטש, ח.**
וועגן אומקום פון קאָוונער יידן 641
**קאָוואַלסקי, יצחק**
אַ ניי פויליש־דייטשע צייטונג 673
**קאַניוכאָווסקי, לייב**
דייטשע אָפּיצירן און יידישע פעלצן 687

## פערזענלעכקייטן

**ווערבאַ, ז.**
שאול פנחס ראַבינאָוויטש (שפ״ר) 690
**פראַנק, הערמאַן, ד״ר**
הערמאַן מינקאָווסקי 715
**טשערנאָוויטש (רב צעיר), ח., פּראָפ.**
שמואל ראָזענפעלד 723
**שאַפּירא, מ. ש., הרב**
דער גאון ר׳ הירש ראַבינאָוויטש ז״ל 731
**פליסקין, ש., הרב**
ווען דער „חפץ חיים“ איז געווען אַ קרעמער... 739
**מלאכי, א. ר.**
ר׳ הלל מילייקאָווסקי ; משה לונץ 743
**ראָזענפעלד, שמואל**
משה לייב ליליענבלום 759
**יפה, לייב**
א. ווייטערס לעצטע שעהן 771
**סודאַרסקי, מענדל, ד״ר**
ד״ר קלאַצקין און זיין רבנים־משפחה אין ליטע 775
**אַראַנסאָן, גריגאָרי**
ל. בראַמסאָן ; אַ. דעבאָרין־יפה ; מ. קלעוואַנסקי ;
הירש לעקערט 787
**שטיין, הענעך**
יהושע פעלאָוויטש — מחבר פון דער „פועלי־ציון“ שבועה 807

## ליטווישע יידן אין דער וועלט

**זאַק, ב. י.**
ליטווישע יידן אין קאַנאַדע 813
**באָטניצקי, יהונתן**
יידישע ליטע און יידישע דרום־אַפריקע 843
**שטאַרקמאַן, מ.**
ליטווישע יידן — פּיאָנערן פון דער יידישער פּרעסע
אין אַמעריקע 851
זוכצעטל פון פּערזאָנען, פון שטעט און שטעטלעך 869

# בילדער:

מאַפּע פון ליטע 24
משה ווישטיניצער, פּאָטער פון ד״ר מ. סודאַרסקי 34
ד״ר מענדל סודאַרסקי 38
גאָלדע ארש, באָבע פון אַלטע סודאַרסקי 47
אַלטע סודאַרסקי 50
אָנפירנדיקע ח״ח פון קאָוונער צעירי־ציון — „התאחדות“ 64
ד״ר משה מאַטיס 103
10טער צוזאַמענפאָר פון די ייד. פאָלקס־בענק אין ליטע 259
אַרויסלאָז פון צושניידער־קורסן ביי קאָוונער „אָרט“ 283
פאַרוואַלטונג, לערער־פּערסאָנאַל פון קאָוונער „אָרט“ 285
מעכאַנישע וואַרשטאַטן פון קאָוונער „אָרט“ 285
לערער־פּערסאָנאַל פון קאָוונער העבר. רעאַל־גימנאַזיע 299
יידישע עספּעראַנטיסטן־גרופּע אין גארזד 340
ווילקאָמירער יידישע רעאַל־גימנאַזיע 341
לערער־פּערסאָנאַל פון קאָוונער ייד. קאָמערץ־גימנאַזיע 345
קעלמער תלמוד־תורה 353
די רבנים פון טעלזשער ישיבה 359
קאָוונער רעליגיעזע סטודענטן־אָרג. „מורי“ 363
קאָוונער יידישע שרייבער־גרופּע „מיר אַליין“ 409
יידישע פּרעסע אין ליטע 419
פאַקסימיליע פון לעצטער זייט „פאָלקסבלאַט“ 426
רעדאַקציע און מיטאַרבעטער פון „פאָלקסבלאַט“ 425
לעגיטימאַציע פון ד״ר מ. סודאַרסקי אַלס הויפּט־רעדאַקטאָר
פון „פאָלקסבלאַט“ 431
קבלת־פּנים פאַר ד״ר מ. און א. סודאַרסקי אין פּאַריז 455
קבלת־פּנים פאַר ד״ר מ. און אַ. סודאַרסקי אין האַוואַנאַ 457
קאָוונער ייד. קינדערהיים 463
רענטגען־עלעקטר.־מעדקאַבינעט פון ד״ר מ. סודאַרסקי 464
ד״ר י. איפּ 465
אַרויסלאָז פון קראַנקן־שוועסטער ביי קאָוונער „אָזע“ 465
בנין פון קאָוונער „אָזע“ 467
ד״ר מ. און אַ. סודאַרסקי אויף אַ באַזוך אין טאַלין 475
קינסטלער מאַנע קאַץ צו גאַסט אין קאָוונ. עטנאָגראַפישער געז.
א״נ פון ש. דובנאָוו 481
ווילנער זשורנאַליסטן אויף אַ באַזוך אין קאָוונע 483
קבלת־פּנים פאַר די אַרטיסטין אידאַ קאַמינסקי צו אירע
גאַסטשפּילן אין קאָוונע 484
טורן־לערער ל. מירסקי מיט אַ גרופּע ספּאָרטלער פון י. א. ק. 496
פּרעמיערע פון ווילנער ייד. טעאַטער־קאָלעקטיוו :
„גאָלדגרעבער“ — שלום עליכם 517
גרינדונגס־זיצונג פון דער קאָוונער העבר. טעאַטער־סטודיע 523
קאָוונער העבר. טעאַטער־קאָלעקטיוו ביי „טיש־אַרבעט“ 523
אַ גרופּע באַקאַנטע קאָוונער יידישע קינסטלער 527
פּראָפ׳ שמעון דובנאָוו אין קאָוונע 533
„הבימה“ אין קאָוונע 543
קבלת־פּנים פאַרן דיכטער־רעזשיסער יעקב שטערנבערג
און שוישפּילערין סידי טאַל אין קאָוונער ייד. טעאַטער־געז. 545
ערשטער „איקוף“־קאָנגרעס אין פּאַריז 553
רעדאַקציע פון „די אידישע שטימע“ 553
שילער־קאַרטע פון ייד. טעכניקום ביי די ייד. העכערע קורסן
אין קאָוונע 562
דראַמאַטישער אַנסאַמבל ביי דער ליטווישער דיוויזיע בעתן
2טן וועלט־קריג 587
ליטווישע שוץ־פּאָליציי שטעלט אַ צוים אַרום סלאָבאָדקער
געטאָ אין קאָוונע 561
אויסווייד־שיין פון ווילנער געטאָ א״נ פון א. סמיגליס 659
ייוואָ־בנין אין ווילנע 675
די ברידער קלאַצקין 778
הרב א. קלאַצקין 782
יידישע מיליטער־לייט, אָפּשטאַמיקע פון ליטע, אין דער אַמערי־
קאַנער אַרמיי בעת דער 2טער וועלט־מלחמה 861

# פון פאַרלאַג

ס'איז פאַר דעם י. ל. פרץ-פאַרלאַג אין ישראל אַ באַזונדערע זכיה צו ברענגען פאַרן יידישן לייענער, בעיקר פאַר דעם אָפּשטאַמיקן פון ליטע — דעם צווייטן באַנד פון דער מאָנאָגראַפיע „ליטע”.

אין דעם באַנד גייען אַריין צענדליקער אַרבעטן, שילדערונגען, זכרונות, אָפּהאַנדלונגען און באַטראַכטונגען פון דעם יידישן לעבן אין ליטע, פון דעם ישוב, וואָס האָט דורותדיק געלעבט ביי די ברעגעס פון ניעמאַן און ווילי.

יידיש ליטע איז נישט נאָר אַ געאָגראַפישער באַגריף; ליטע איז שטיי-גער; ליטע איז נוסח, וואָס האָט טיף און ברייט געוואָרצלט ווייט איבער די ברעגעס פון דעם יידישן קיבוץ.

אינעם באַנד באַטייליקן זיך אַ ריי שרייבער און טוער, וואָס זיינען באַ-קאַנט אין דער יידישער וועלט, אָבער פון נישט ווייניקער באַדייטונג זיינען די אַרבעטן, מעמואַרן און שילדערונגען פון די פאָלקס-מענטשן, אָפּגעראַטעוועטע פון היטלערס גיהנום, וועלכע האָבן אונטער דעם דרוק פון די איבערלעבונגען אינעם פינצטערן נע-ווּנד אין קאַצעט און לאַגער, מיט דער צוגעבונדנקייט צו דעם אַמאָליקן יידיש-פאָלקסטימלעכן לעבן אין ליטע, אַרויסגעבראַכט סיי די אומקום-יאָרן, סיי דעם נעכטיקן ליטווישן יידישן שטייגער.

דער פאַרלאַג האָט נישט געשפּאָרט קיין מי און אָנשטרענגונג אויך אין פינאַנסיעלן זין, בכדי דאָס בוך זאָל אַרויס וואָס מהותדיקער, פּינקטלעכער און שענער; דאָס איז אין אַ געוויסער מאָס אויך די סיבה, וואָס דער באַנד גייט אַרויס מיט אַ פאַרשפּעטיקונג.

מיר גלייבן, אַז דער דאָזיקער באַנד „ליטע” — ווי דער ערשטער, וואָס איז דערשינען אין אַמעריקע — וועט זיין אַ ביז גאָר וויכטיקער צושטייער צו דער רעגיאָנאַלער יידישער היסטאָריאָגראַפיע און צו דער דערקענטעניש פון דער חורבן-תקופה אין אייראָפּע.

# צווייטער באַנד „ליטע״

די אידעע פון אַרויסגעבן יזכור־ביכער, פּנקסים און מאָנאָגראַפיעס, וואָס זאָלן פאַראייביקן די פאַרטיליקטע יידישע ישובים אין מזרח־אייראָפּע דורך די היטלער־האָרדעס, איז גלייכצייטיק אויפגעקומען ביי אַלע שרידי־הפליטה און לאַנדסמאַנשאַפטן אין דער גאָרער יידישער וועלט.

אויך די שארית־הפליטה פון ליטע אין דער וועלט, און די אָפּשטאַמיקע פון ליטע אין מדינת־ישראל, האָבן פאַר דער צייט געמאַכט באַמיאונגען אַרויסצוגעבן זאַמלביכער אין יידיש און עברית, וואָס פּרואוון דערציילן וועגן זיבן הונדערט יאָריקער געשיכטע פון יידישן ליטווישן יידנטום און באַקלאָגן זיין טראַגישן אומקום.

מיט גרויס איבערגעגעבנקייט און געטריישאַפט האָט זיך צו דער דאָזיקער הייליקער אַרבעט גענומען, בשעתו, דער פאַרשטאָרבענער ד״ר מענדל סודאַרסקי, ז״ל. ער איז געווען דער גרונטלייגער און רעדאַקטאָר פון וואָגיקן זאַמלבוך „ליטע״ (דערשינען אין 1951 אין ניו־יאָרק), וואָס איז אויפגענומען געוואָרן דורך דער ברייטער יידישער עפנטלעכקייט מיט גרויס אָנערקענונג.

שוין ביים אַרויסגעבן דאָס ערשטע בוך „ליטע״ האָט ד״ר מ. סודאַרסקי אין דער זעלבער צייט געזאַמלט און געגרייט מאַטעריאַלן פאַר אַ ווייטערדיקן באַנד, וואָס אים איז, ליידער, שוין נישט באַשערט געווען אַרויסצוגעבן.

די צונויפגעזאַמלטע כתב־ידן זיינען פאַרבליבן ביי דער אַלמנה אַלטע סודאַרסקי ז״ל, וועלכע האָט די גאַנצע צייט זיך באַמיט, אַז דער באַנד זאָל דערשיינען. אַזוי איז אַדורכגעלאָפן מער ווי אַ יאָרצענדליק, ביז זי האָט עס געקאָנט פאַרווירקלעכן דאָ, אין ישראל, אין פאַרלאַג י. ל. פרץ. איר איינציקער באַגער אין לעבן איז געווען, צו זען שוין אַן



אָפגעדרוקטן עקזעמפּליאַר פון צווייטן באַנד, פאַר וועלכן זי האָט ממש געבלוטיקט און אָפּגעגעבן אירע לעצטע כוחות. צו אונדזער טיפן צער איז זי געשטאָרבן אין די טעג, ווען זי האָט זיך געגרייט אָפּפאָרן צוריק קיין ניו־יאָרק און ווען דער צווייטער באַנד „ליטע״ איז אַריין אין זאַץ. זאָל איר גרינג זיין די ישראל־ערד!

דעם צווייטן באַנד האָבן מיר זיך באַמיט צו געשטאַלטן אין גייסט פון זיין פאָרגייער — דעם ערשטן בוך.

מיר האָבן אינעם רוב באַוווּסטזיניק איבערגעלאָזט דעם סטיל און די פאָרעם פון יעדן באַטייליקטן אינעם בוך, און דער מחבר אַליין טראָגט די אחריות פאַרן אינהאַלט פון זיין אַרבעט; די רעדאַקציע האָט זיך נאָר דערלויבט, אין געוויסע פאַלן, צוצוגעבן באַמערקונגען.

אויף וויפל עס איז געווען אין אונדזער רשות, האָבן מיר אויך אַריינגעגעבן אייניקע נייע אַרטיקלען און בילדער. אין דעם איצטיקן באַנד גייען אַריין ווייטערדיקע אַרבעטן, וואָס שטעלן מיט זיך פאָר געשיכטלעכע מאַטעריאַלן צו דער פאָרשונג פון יידישן לעבן אין ליטע.

די דאָזיקע אויסגאַבע האָט געקאָנט צו שטאַנד קומען אַ דאַנק דער פינאַנסיעלער מיטהילף פון אַלטע אַרש־סודאַרסקי ע״ה און אירע קרובים, און אַ דאַנק דער פאַראינטערעסירטקייט מצד דעם י. ל. פרץ־פאַרלאַג אין תל־אביב. ליידער האָבן אָביעקטיווע סיבות געשטערט זיין דערשיינען צו דער צייט, ווי עס איז לכתחילה געווען פּלאַנירט.

עס קומט אַן אויפריכטיקן יישר־כוח דעם פאַרזיצער פון „איגוד יוצאי ליטא בישראל״, דעם שרייבער ראובן רובינשטיין, פאַר זיין מאָראַלישער

שטיצע און אקטיווער מיטווירקונג ביים ארויס־
געבן דאס זאמלבוך.

מיר דריקן אויס אונדזער חברישן דאנק אלע
אונדזערע מיטארבעטער און דער לייטונג פון י. ל.
פרץ־פארלאג, פאר זייער בייטראג צום דאזיקן
2טן באנד „ליטע”.

צום טיפן צער זיינען אייניקע חשובע שריי־
בער, וועלכע נעמען אנטייל אין צווייטן באנד „ליטע”
אוועק פאר דער צייט פון דער וועלט און ניט דער־
לעבט צו זען זייערע זאכן אפגעדרוקט.

כבוד זייער אנדענק!

מיר האבן, לײדער, נישט געקאנט דעם גאנצן
צונעשטעלטן מאטעריאל, וואס איז אונדז איבער־
געגעבן געווארן דורך פרוי א. סודארסקי, אריינגעמען
אין דאזיקן באנד און מיר בעטן אנטשולדיקונג ביי
יענע מחברים, וועמענס ארבעטן זיינען צוליב מאנגל
אין פלאץ ניט אריין.

מיר מיינען, אז עס איז די פליכט פון די לאנדס־
מאנשאפטן אין דער גארער וועלט, צו שאפן א
פאנד, וואס זאל דערמעגלעכן ממשיך צו זיין און
ארויסצוגעבן וויטערדיקע זאמלביכער „ליטע”.

אונדזער הייליקער חוב איז, צו שטעלן א לי־
טעראַרישן מאנומענט די פארטיליקטע קהילות פון
אונדזער אלטער היים; פאראייביקן ווירדיק אונדזע־
רע קדושים, די אומגעבראכטע ליטווישע יידן און
די מוטיקע קעמפער קעגן די נאצישע רוצחים און
זייערע מיטהעלפער, א מאנומענט, וואס זאל בלייבן
פאר די קומענדיקע דורות.

**חיים לייקאוויטש**

# נוסח ליטע

שבט ליטע, נוסח ליטע — דאָס זיינען אין דער יידישער פילצווייגיקער געדאַנקען־וועלט תמיד געווען באַגריפן פון טיף־פאַרוואָרצלטער, קערנדיקער תורה־טראַדיציע־יידישקייט און פון עכטער יידישער נאַציאָנאַלער קולטור־שאַפונג.

צוויי ליטעס געווען: די היסטאָרישע ליטע אין משך פון אַ זיבן הונדערט יאָר ביז דער ערשטער וועלט־מלחמה און די פּאָליטיש־און געאָגראַפיש־איינגע־שרומפּטע אומאָפּהענגיקע ליטע, צווישן ביידע וועלט־מלחמות, אָבער די טראַ־דיציעס, נוסחאות, אייגנשאַפטן און אייגנאַרטיקייטן, וועלכע זיינען געווען כאַראַקטעריסטיש פאַרן „ליטוואַק" און פאַר דער יידישער ליטע אין ערשטן געשיכטלעכן פּעריאָד, זיינען אַריבער בירושה צום יידיש־ליטווישן קיבוץ פון צווייטן פּעריאָד.

קליין אין כמות, אָבער טיף אין איכות איז געווען אָט דער יידישער ישוב פאַר די 22 יאָר פון זיין קיום ביז זיין טראַגישן חורבן.

אַ פינטעלע אויף דער גרויסער יידישער וועלט־מאַפּע, — אָבער מיט וויפל ענערגיע, שעפערישקייט און געבענטשטער עקשנות האָט געשפּרודלט אָט דער קליינער קיבוץ מיט זיינע 165 טויזנט נפשות!

* * *

לכתחילה — אַ מוסטערהאַפטע נאַציאָנאַל־קולטורעלע אויטאָנאָמיע, מיט אַ יידישן מיניסטעריום און יידישן נאַציאָנאַל־ראַט — אָט דאָס צאַרטע געוויקס, וואָס איז אויסגעריסן געוואָרן דורך בייזע ווינטן פון דער אויפגעקומענער רעאַקציע.

דעמאָקראַטיש־אָרגאַניזירטע קהילות, פּאַרטייען פון אַלע באַפאַרבונגען, אַ געדיכטע שול־נעץ פון אַלע ריכטונגען, ישיבות מיט אַ וועלט־נאָמען, סאָציאַלע אינסטיטוציעס, קורסן, ביבליאָטעקן, פאָלקס־קאָאָפּעראַציע, פּראָפעסיאָנעלע פאַר־באַנדן, צייטונגען, ביכער־פאַרלאַגן, חלוצישע יוגנט־באַוועגונגען, ספּאָרט־אָרגאַ־ניזאַציעס — וואָס פאַרא שפע און פילפאַרביקייט פון נאַציאָנאַלן און סאָציאַלן קולטור־אויסבוי!

אַסימילאַציע, שפּראַכלעכע און געזעלשאַפטלעכע, — ניט ווי אַ רגילות, ניט ווי אַ באַוועגונג און אוודאי ניט ווי אַן אידעאָלאָגיע — דאָס אַלץ איז פרעמד און דערווידער געווען דער יידישער ליטע. העברעאיש און יידיש האָבן פריי און פריידיק געהערשט אין יידישע הייזער, אין פּריוואַטן און געזעלשאַפט־לעכן לעבנס־שטייגער, אויף די גאַסן און געמאַרקן פון יידישן שטעטל.

און איינגעהאַלטן געוואָרן איז דער לעבעדיקסטער, פרוכפּערדיקער קאָנטאַקט מיט דער גרויסער יידישער וועלט און בפרט מיט ארץ־ישראל. רבנים־גאונים, שרייבער, קינסטלער, גייסט־מענטשן, לעקטאָרן, עסקנים, שליחים פלעגן גערן באַזוכן די יידישע ליטע. זיי האָבן משפיע געווען אויף זייערע פילצאָליקע

צוהערער און אָנהענגער און זיינען אַליין מושפּע געוואָרן פונעם קוואַליקן אוצר ייִדישקייט, וואָס איז געווען פאַרבאָרגן אין אָט דעם קאָמפּאַקטן ייִדישן ציבור.

*    *    *

די האַק פון נאַציש־דייטשן וועלט־רשע און בלוטיקן צורר האָט זיך אויך אַראָפּגעלאָזן אויפן קאָפּ פון ייִדישן שבט אין ליטע, ווי אויפן גאַנצן אייראָפּעאישן ייִדנטום.

מיט דער פרייוויליקער מיטהילף פון רוצחים־ליטווינער איז אויך דער דאָזיקער ייִדישער ישוב אומגעבראַכט געוואָרן אין גרויסע עינויים.

און ווען די ערשטע איכה־ידיעות וועגן אָט דער שוידערלעכער פאַר־לענדונג פון די ליטווישע ייִדן זיינען דערגאַנגען קיין אַמעריקע, האָט ד״ר מענדל סודאַרסקי ז״ל, איינער פון די מנהיגים פון ליטווישן ייִדנטום, גענומען אויף זיך די איניציאַטיוו צו פאַראייביקן לדורות דעם ליכטיקן אָנדענק פון דעם פאַרשני־טענעם שבט אין אַ מאָנומענטאַלן ווערק. פיל שוועריקייטן און שטרויכלונגען, טעכנישע און פינאַנציעלע, זיינען אים געשטאַנען אויפן וועג צו זיין טרוים. אָבער ער האָט זיי מיט אויסערגעוויינלעכער ענערגיע און אויסדויער גובר געווען.

און אין יאָר 1951 איז דערשינען אין ניו־יאָרק דער ערשטער באַנד פון גרויסן ווערק „ליטע”, רעדאַגירט פון ד״ר מענדל סודאַרסקי, אוריה קאַצענע־לענבאָגן, י. קיסין און בערל כהן. דער וואָגיקער היסטאָריש־ליטעראַרישער דענקמאָל האָט געמאַכט אַ שטאַרקן רושם אויפן ייִדישן לייענער־עולם מיט זיין פאַרנעם, מיט זיין רייכן אינהאַלט, מיט זיין היסטאָריש־וויסנשאַפטלעכן כאַראַקטער.

ד״ר מענדל סודאַרסקי, דער איניציאַטאָר און אָרגאַניזאַטאָר פונעם ווערק, האָט געטרוימט וועגן אַ המשך — וועגן אַ צווייטן באַנד, וווּהין ס׳זאָלן אַריינגיין די איבערגעבליבענע פון ערשטן באַנד מאַטעריאַלן.

איצט איז זיין חלום פאַרווירקלעכט געוואָרן. אַ דאַנק דער מסירות־נפשדיקער אַרבעט פון פרוי אַלטע סודאַרסקי ז״ל, וועלכע האָט געהאַלטן פאַר איר חוב צו רעאַליזירן די צוואה פון איר מאַן, אַ דאַנק דער מיטווירקונג פון זייערע קרובים און פריינד און ביי דער מיטהילף פון י. ל. פּרץ־פאַרלאַג אין תל־אביב, דערזעט דער צווייטער באַנד „ליטע” די ליכטיקע שיין.

*    *    *

דאָס מאָנומענטאַלע ווערק „ליטע”, וואָס איז מיט אַ צוויי צענדליק יאָר צוריק פּלאַנירט געוואָרן דורך ד״ר מ. סודאַרסקי און זיינע מיטאַרבעטער און וואָס דער ערשטער באַנד פון אים איז דערשינען אין אַמעריקע, איז סוף־סוף פאַרענדיקט געוואָרן אין מדינת ישראל.

איז דערין איינצוזען אַ רמז און אַ ברכה — אַ רמז אויף דער פעסטער קולטור־פאַרבינדונג צווישן די ייִדישע תפוצות און דער ייִדישער מדינה, און אַ ברכה פון אונדזער ניי אויפקומענדיקן לעבן פאַר יענע אומדערמידלעכע קולטור־טוערס, וועלכע גיבן זיך די טירחה צו פאַראייביקן אין היסטאָרישע ווערק די רומפולע געשיכטע פון די פאַרשניטענע דורכן גרויליקן אויסראָט־געוויטער ייִדישע קהילות און ישובים.



סאלאט
פאסוואל
פאנעוועזש
ראקישאק
דווינסק
דווינע
אבעל
קופישאק
סקאפישאק
וואבאלניק
פומפיאן
פושעלאט
יאנישקעל
פאקראי
סמילג
טראשקון
אניקשט
אוטיאן
קאווארסק
קורקלע
טאוויאן
שאט
ווילקאמיר
באלניק
מאליאט
אלונטע
געדרעוויץ
געלוואן
נעמענטשין
ווילנע
ווידז
פאסטאוו
סמארגאן
מאלאדעטשנע
אשמענע
אלשאן
סוראלישאק
וואלאזשין
סאלאק
דוסיאט
אנטאלעפט
דאמשישאק
קאשעדאר
זאסלע
זיזמער
דארשונישאק
סטאקלישאק
אליטע
מערעטש
דרוסקעניק
ווילייקע
רעמיגאלע
ראגאווע


מאפּע פון
ליטע
מאַסשטאַב
10 5 0 10 20 30
ק"מ
1 800 000
שטעט מיט א באפעלקערונג איבער 10.000
שטעט מיט א באפעלקערונג אונטער 10.000
שטעטלעך
אייזנבאַן
קלייַנבאַן
שאָסייען
שליאַכן
טייכן
אָזערעס
בערג
גרענעץ פון ליטע (צווישן ביידע וועלט־מלחמות)
ווילנער געגנט
ליטמאן
באַלטישער ים
פּרעקולן
שאוול
שאַוולי
טעלז
קעלם
קעדאַני
מעמל
קרעטינגע
פּלונגיאַן
טויראַגע
ראַסיין
יורבורג
נייעמאַן
ווילקאָווישק
ווירבאַלן
מאַריאַמפּאָל
קאַלוואַריע
סעריי
לאַזדיי
סייני
אויגוסטאָוו
קוראַשאַן
שקוד
ראַדזשוויליק
ליטע
פינלאַנד
עסטלאַנד
לעטלאַנד
דייטשלאַנד
שוועדן
פּוילן

# ל י ט ע

באנד צוויי

געווידמעט דעם ליכטיקן אָנדענק
פון

**דר. מענדל סודאַרסקי ז״ל**

דעם פאַרדינסטפולן געזעלשאַפטלעכן און קולטור-
עסקן און גרונטלייגער פון די זאַמלביכער „ליטע״

און פון

**פרוי אַלטע ארש-סודאַרסקי ז״ל**

דער טרייער געזעלשאַפטלעכער טוערין
און פריינד פון דער יידישער קולטור

# ד״ר מענדל סודאַרסקי

האַרט ביי דער רוסישער גרענעץ מיט מזרח־פּרייסן האָט זיך געפונען אַ קליין שטעטעלע ווישטינעץ. הגם דאָס שטעטעלע איז געווען אויף דער רוסישער טעריטאָריע, איז אָבער איר הויפּט־פאַרבינדונג געווען מיטן שכנותדיקן דייטשישן גרענעץ־פּונקט אין מזרח־פּרייסן. פון די רוסישע שטעטלעך אַרום איז ווישטינעץ געווען ווי אָפּגעגרענעצט מיט אַ „כינעזישער וואַנט״, ווייל קיין געבויטע שאָסייען זיינען ניט געווען און דערגרייכן אַ פינף מייל ווייט ליגנדיקן יישוב אויף דער רוסישער טעריטאָריע, איז כמעט דאָס גרעסטע טייל פון יאָר ניט מעגלעך געווען צוליב די זומפּן און באַריערן פון הרודעס ערד און טאָלן. אָבער דער שטח פון דעם שטעטעלע ווישטינעץ גופא, הגם קליין, איז געווען נאַטור־שיין, אַרומגעקרייזט פון אָזערעס, גרינע פעלדער זומערצייט, באַצירט מיט גערטנער צווישן די שטיבלעך, און שלייכנדיקע געסלעך פון אַ טיפּיש־שטעטעלע, וואו עס האָט געהערשט אַן אידילישע שטילקייט.

געווען איז עס אייגנטלעך אַ טיפּיש יידיש שטעטל, און אַפילו אין די עקזיסטירנדיקע פּרימיטיווע באַדינגונגען האָבן יידן געלעבט אין דחקות. דייטשלאַנדס עקאָנאָמישער אויפבלי נאָכן דייטש־פראַנצויזישן קריג, פון וואָס איר פּראָווינץ פּרייסן האָט שטאַרק פּראָפיטירט, האָט זיך אויסגעווירקט לטובה אין די מקומות פון צאַרישן רוסלאַנד, וואָס האָבן זיך געגרענעצט מיט פּרייסן, און דאָס איז אויך געווען דער פאַל מיט ווישטינעץ. פאַר די איינוואוינער פון אָט דעם שטעטעלע האָבן זיך, אַזוי אַרום, געשאַפן נייע פּערספּעקטיוון פון מסחר מיט פּרייסן און אַן אַזוי גערופענע פּראָספּעריטי איז געוואָרן אַ יש.

דער עצם לעבנס־שטייגער פון שטעטעלע, ניט געקוקט אויף דער פאַרבעסערטער עקאָנאָמישער לאַגע, האָט זיך לכתחילה ווייניק וואָס געענדערט. דאָס אויסזען פון שטעטעלע — דאָסגלייכן. באַזונדערס ווינטערצייט האָט עס געהאַט אַ טיפּיש אויסזען. די געסלעך, הייזקעס פלעגן שטיין איינגעהילט אין ווייסן, אין בערג שניי, נאָך שטאַרקע שניי־שטורעמס, און פאַרטרייבן די שטעטלשע איינוואוינער אין זייערע הילצערנע שטיבלעך, פון וואַנען אין די לאַנגע, פראָסטיקע ווינטער־נעכט פלעגט זשיבקען דאָס געלבלעכע שיין פון קעראָסין־לעמפּלעך. אָבער חנוכה־צייט פלעגט אויך דאָס קוים פינקלדיקע ליכט דורך די שייבלעך באַקומען אַן אילומינירנדיק אויסזען. די וואַרעמע הערצער פון די ווישטינעצער יידן פלעגן אָנהייבן שטאַרקער צו פּולסירן אין די טעג פון חנוכה. פון די געוויינלעך־פאַרטונקלטע שייבלעך פלעגן שטראַלן די ליכטלעך פון פרייהייט, נסים און גבורות פון די מכביער און ששון ושמחה פלעגט הערשן אין די פיר ווינקעלעך פון יעדער יידישער שטוב.

און געווען איז עס חנוכה, ווען אין איינעם אַ הויז האָט זיך געפילט אַ דאָפּלטע יום־טובדיקייט. צו אַ הויזגעזינט, זאַלבע זיבן, איז צוגעקומען אַ משפחה מיטגליד. ביי איצעלען און הינדע סודאַרסקי איז געבוירן געוואָרן דאָס פינפטע זונעלע. דאַן, דעם 14־טן דעצעמבער 1885, האָט ד״ר מענדל סודאַרסקי דערזען צום ערשטן מאָל דאָס ליכטיקע שיין אויף דער וועלט.

## די סודאַרסקי סביבה

צווישן די שטעטלשע יידן אין ווישטינעץ האָט דער פאָטער פון ד״ר סודאַרסקי, וואָס האָט זיך אויסגעצייכנט מיט פיינע מידות, טראַדיציאָנעלן וויסן, פאַרנומען אַ בכבודיקן אָרט און איז געווען איינער פון די אָנגעזעענסטע באַלעבאַטים אין שטעטל. שוין צו יענער צייט האָט ער געציילט צו די פאַרמעגלעכע סוחרים. שווער־דערנערדיק איז אָבער געווען זיין וועג צום עקאָנאָמישן אויפשטייג. פאַרבליבן פאַריתומט אין די קינדערשע יאָרן, נאָכן טויט פון זיין מוטער, האָט ער שוין אין די יאָרן פון זיין קינדהייט פאַרזוכט דעם טעם פון האָרעווען, שטרעבנדיק צו



דער פאָטער פון ד״ר מ. סודאַרסקי, משה ווישטינעצער

דערגרייכן צו אַ קאַריערע אין לעבן. פון זיין פאָטער, הרב משה סודאַרסקי, אַ גרויסער למדן מיט אַ שאַרפן מוח, האָט ער געירשנט שאַרפזיניקייט און טיפע פאַרשטענדעניש פון אַן ענין. צו דעם אַלעם איז דער פאָטער פון ד״ר סודאַרסקי, באַקאַנט אין שטעטל אַלס איצעלע סודאַרסקי, נאָך געווען אַרבעטזאַם, ענערגיש, מיט אַ חוש פאַר אָריגינעלע אידייען און האָט געהאַט אַ רעאַליסטישן צוגאַנג צו ענינים.

זיין אינטערעס אין מסחר האָט ער געווידמעט דער חזיר־האָר בראַנזשע, אָדער, ווי מ׳האָט עס גערופן, באַרשטן־בראַנזשע, ווערנדיק פון אַן אַרבעטער אַ זעלבשטענדיקער פאַבריקאַנט. דער חזיר־האָר פראָדוקט, וואָס די בעסטע קוואַליטעט פלעגט קומען פון רוסלאַנד, דער עיקר פון סיביר, איז געווען אַ יקר המציאות פאַר דער דייטשישער אויפשטייגנדיקער אינדוסטרי. פאַר דעם פאָטער פון ד״ר סודאַרסקי, דעם פאַבריקאַנט, האָבן זיך, אַזוי אַרום, געעפנט נייע פערספעקטיוון פון דערפאָלגרייכער פראָדוקציע און צוזאַמען מיט זיין פרוי הינדע, אַן אשת חיל, האָט ער אויפגעבויט אַן אינדוסטריעלע אונטערנעמונג פון באַרשטן אין קליין שטעטעלע ווישטינעץ און אין אַ קורצער צייט דערגרייכט צו אַ גוטן עקאָנאָמישן מצב.

דאָס איז אָבער ניט געווען דער עצם אינטערעס און אויסלעבן זיך אין דער סודאַרסקי־סביבה. עס איז געווען אַ שטוב, וואו מ׳האָט געלייגט דעם טראָפ אויף וויסן און רעספעקטירט האָט מען אַ יודע ספר, אַ למדן, און די הויפט־כוונה פון איצעלען און הינדע סודאַרסקי איז געווען חינוך פון זייערע קינדער. איינער פון אָט די קינדער, וואָס האָט אַרויסגעוויזן פון קינדהייט־אָן גרויס התמדה, גוטע תפיסה און אינטעליגענץ, איז געווען דער תלמיד מענדעלע, דער שפעטערדיקער ד״ר מענדל סודאַרסקי.

## יוגנט און שטודיום

מיטן אָנהייב פון די ניינציקער יאָרן פון פאַריקן יאָרהונדערט האָט זיך אויך אָנגעהויבן אַ נייע תקופה אין לעבן פון די סודאַרסקיס. דאָס איז געקומען נאָכדעם, ווען די סודאַרסקיס האָבן פאַרלאָזט דאָס שטעטעלע ווישטינעץ און זיך באַזעצט אין דער דערבייאיקער גרעסערער שטאָט ווערזשבאַלאָווע (ווירבאַלן).

די דאָזיקע רוסישע שטאָט ווערזשבאַלאָווע, ליגנדיק צוויי מייל פון דער באַן־סטאַנציע ווערזשבאַלאָווע, באַקאַנט ווי דער טויער פון רוסלאַנד צו מערב, איז געוואָרן דער וואוינאָרט פון די סודאַרסקיס ביז דער ערשטער וועלט־מלחמה אין 1914. עס איז די אַזוי גערופענע גאָלדענע עפאָכע פון דער סודאַרסקי משפחה אין פרט פון עקאָנאָמישן אויפבלי, און ווען חינוך פון ד״ר סודאַרסקי און זיינע ברידער און שוועסטער האָבן אָנגענומען אַ ברייטן פאַרנעם. אין אָט דעם פעריאָד איז דער פאָטער פון ד״ר סודאַרסקי באַקאַנט געוואָרן ווי איינער פון די גרעסטע פאַבריקאַנטן פון דער באַרשטן פראָדוקציע אין דער גאַנצער געגנט אַרום ווערזשבאַלאָווע. עס איז ניט נאָר אַ רייך הויז, וואו יעדער נצרך געפינט אַן אָפענע טיר, וואו מ׳גיט צדקה מיט אַ ברייטער האַנט און וואו מ׳איז מכניס אורח יעדן, נאָר עס איז אויך געווען דאָס הויז, וואו מ׳האָט געאָטעמט מיט נאַציאָנאַלע אידייען; די קינדער זיינען געווען אַקטיוו אין קרייז פון חובבי עברית און דער ציון אידעאַל האָט פאַרנומען דעם אויבן־אָן.

אין אַזאַ סביבה האָט ד״ר סודאַרסקי זיך געפונען נאָך אַלס קינד. כאָטש ער האָט געלערנט אין אַ חדר, ווי אַלע אַנדערע קינדער, איז עס אָבער ניט געווען דער חדר וואָס האָט באַהערשט די אַנטוויקלונג און געדאַנקען־גאַנג פון יונגן מענדעלען. אויף זיין חינוך האָט געלייגט אַ קענטיקן שטעמפל זיין זיידע, הרב משה סודאַרסקי, באַקאַנט אונטערן נאָמען הרב ר׳ משהל ווישטינעצער, וואָס איז געווען זיין מדריך. פון זיין זיידן, דעם גרויסן למדן, וואָס האָט געשמט מיט זיינע טיפע ידיעות אויך אין פילאָזאָפיע, ברענגענדיק עס צום אויסדרוק אין זיינע כתבים וועגן די שיטות פון רמב״ם, אברבנאל און אַנד., האָט ד״ר מענדל סודאַרסקי ניט נאָר געירשנט אַ סך פון זיינע ידיעות, נאָר אויך זיין זיידנס גוטע מעלות, קודם כל, איידלקייט און דעם עטישן צוגאַנג צום מענטש.

הגם תלמוד, עברית און אַנדערע לימודים זיינען געווען דער אָנהייב בילדונג אין ד״ר סודאַרסקיס פריער יוגנט, האָט זיך אָבער אויף דעם אַליין ניט באַשרענקט דער חינוך פון יונגן תלמיד. יידישער חינוך איז דאַן דערגענצט געוואָרן מיט וועלטלעכער בילדונג, אַ דערשיינונג, אייגנטלעך, אַ מער זעלטענערע אין דעמאָלטיקן לעבנס־שטייגער פון ווערזשבאַלאָווער יידן. אָבער אַנדערש איז געווען די סודאַרסקי סביבה, וואו וויסן בכלל איז שטאַרק רעספעקטירט געוואָרן, אחוץ וואָס אין אַ געוויסן פרט האָט אויך אַ ראָל געשפילט דאָס געפינען זיך בשכנות פון דייטשלאַנד, פון וואַנען די השפעה פון מערב־אייראָפעאישער קולטור איז געוואָרן אַ יש.

דאָך האָט דאַן די קליינע שטאָט ווערזשבאַלאָווע קיין איינציקע מיטלשול אָדער גימנאַזיע ניט געהאַט. דאָס איז אָבער ניט געווען קיין מניעה פאַר די סודאַרסקיס, דאגה־נדיק פאַר דער וועלטלעכער בילדונג פון זייערע קינדער. פריוואַט־לערער ווערן דאַן די מחנכים פון די סודאַרסקי קינדער. אַן עלטערער ברודער פון ד״ר מענדל סודאַרסקי, דער ביז גאָר חשובער ניסן סודאַרסקי, דאָסגלייכן אַ דאָקטאָר מעדיצין, געשטאָרבן מיט עטלעכע יאָר צוריק אין תל־אביב, אין שכונת מאָנטעפיאָרע, וואו ער איז געווען גוט־באַקאַנט, איז געווען דער ערשטער צו האַלטן עקזאַמען אַלס עקסטערן און אים האָט דאַן נאָכגעפאָלגט ד״ר מענדל סודאַרסקי, וועלכער האָט פאַרענדיקט אַלס עקסטערן די גימנאַזיע אין סואוואַלק, די הויפטשטאָט פון דער דעמאָלטיקער סואוואַלקער גובערניע אין צאַרישן רוסלאַנד.

עס האָט זיך דאַן אָנגעהויבן דאָס אוניווערזיטעט־שטודיום. די עלטערן פון די סודאַרסקיס האָבן געדאגהט, זייערע קינדער זאָלן געניסן פון מעדיצין שטודיום אין אוניווערזיטעטן וואָס שטייען אויף אַ הויכער מדרגה. און

גענוי ווי זיין ברודער ניסן, שטודירט ד״ר מענדל סודאַרסקי מעדיצין אין דייטשישע אוניווערזיטעטן. צו ערשט, פון 1907—1909, שטודירט ער אין לייפּציגער אוניווערזיטעט. ער איז דאַן ווייטער ממשיך זיין שטודיום אין פרייבורג און פון דאָרט די לעצטע צוויי יאָר, פון 1910—1912, אין בערלינער אוניווערזיטעט, וואו ער באַקומט דאַן דעם דאָקטאָר דיפּלאָם.

בעתן שטודיום באַקומט ד״ר סודאַרסקי די טרויער־ריקע ידיעה וועגן זיין פאָטערס טויט. עס דויערט ניט לאַנג און אויך זיין מוטער שטאַרבט. מיט דעם גייען אַוועק אין דער אייביקייט צוויי פיינע מענטשן מיט וואַרעמע יידישע הערצער, די בויער פון אַ באַקאַנטער יידישער משפחה, וואָס האָט געווירקט, געשאַפן און דערהויבן דאָס שטעטלשע לעבן צו אַ העכערער מדרגה. זייערע גוטע מעשים ווערן דאַן פאָרגעזעצט פון זייערע קינדער, וואָס געניסן גרויס אָנזען אין שטעטל.

פון די שטעטלעך אַרום האָט זיך ווערזשבאלאווא באַזונדערס אויסגעצייכנט מיט אירע סימפּאַטיעס פאַרן ציוניזם, און אין דעם פּרט האָבן די סודאַרסקיס געהאַט גרויסע פאַרדינסטן. זייער שטוב איז צו יענער צייט, קורץ פאַר דער ערשטער וועלט־מלחמה, געווען דער צענטער פון ציוניסטישער טעטיקייט. און אויך דער יונגער ד״ר מענדל סודאַרסקי איז ציוניסטיש טעטיק. ער איז שוין דאַן געווען אַ פּראַקטיצירנדיקער דאָקטאָר אין דער רוסישער שטאָט קיעוו, באַגנוגנט זיך אָבער ניט דערמיט און פאָרט דאַן צוריק קיין בערלין זיך צו ספּעציאַליזירן אַלס אויגן־דאָקטאָר.

## יאָרן פון מיליטער־דינסט

אינצווישן ברעכט אויס די ערשטע וועלט־מלחמה. ווי אַ רוסישער בירגער ווערט דער יונגער ד״ר סודאַרסקי אינטערנירט אין דייטשלאַנד, און נאָך גרויסע אָנשטרענגונגען געלינגט עס אים צו ווערן דעפּאָרטירט קיין שוועדן, פון וואַנען ער פאָרט צוריק קיין רוסלאַנד.

אין סאַמע ברען פון דייטש־רוסישן קריג ווערט ד״ר סודאַרסקי מאָביליזירט אין דער צאַרישער אַרמיי. דאָס איז געווען אין ווילנע. דעם שרייבער פון די שורות געדענקט זיך גוט יענע צייט, ווען דער באַשיידענער, טיפּיש רוסיש־יידישער אינטעליגענט און קולטור־מענטש פון אַקאַדעמישן שניט ווערט מיט איינמאָל אַ מיליטער־מאַן, געקליידט אין אַן אָפיציר־אוניפאָרם אַלס מיליטער־דאָקטאָר פון דער צאַרישער אַרמיי. יאָ, עס געדענקט זיך מיר יענע צייט, ווען שפּאַצירנדיק מיט אים, דעם אָפיציר, אין די ווילנער גאַסן, פלעגן לויט די אַרמיי־תקנות, אַפילו די שונאי ישראל קאזאקן, מוזן סאַלוטירן אַ יידן פון אָפיצירן ראַנג. געפילט האָב איך אין דעם עצם סאַלוט אַ באַזונדערע סאַטיספאַקציע אַלס ייד. ד״ר סודאַרסקין גופא איז אָבער געווען דאָס אָפּגעבן אים כבוד (טשעסט) גאָר ניט צום האַרצן. ער, דער זייער באַשיידענער, אידעאַליסטיש־דענקענדיקער אַז אַלע מענטשן זיינען גלייך, האָט זיך



געפילט ביים „טשעסט״ זייער אומבאַקוועם און געווען מער געניגט זיך חבריש באַגריסן און ריידן מיטן באַטרעפנדיקן סאָלדאַט, ווי אַ גלייכער מיט אַ גלייכן.

איינע פון די סאַמע וויכטיקסטע אייגנשאַפטן פון ד״ר סודאַרסקי איז געווען זיין אידעאַליזירן דעם מענטשן. אים האָבן קיינע דערשיטערונגען, צוליב די אָדער יענע דערשיינונגען פון דער צייט, וואָס האָבן גערעדט דעם היפוך, ניט געקענט אַנטוישן אין זיין אָפּשאַצן פון מענטשן. ער האָט תמיד מלמד־זכות געווען און כסדר געגלייבט אַז יושר און גערעכטיקייט אין דער מענטשהייט מוז ענדלעך זיגן, ניט געקוקט וואָס צייטנווייז נעמט עס אָן דיסקרימינירנדיקע פאָרמען.

דער מיליטער־מאַן אין אים איז ניט בכוח געווען צו ענדערן סודאַרסקי, דעם שטאַרק עטישן מענטשן. און אַ פאַקט איז, אַז סודאַרסקי, דער מיליטער־דאָקטאָר אין אָפיצירן־אוניפאָרם, איז געבליבן דער זעלביקער אין זיין עצם פּאַציפיסטישן געדאַנקען־גאַנג. אים איז געווען שווער תופס צו זיין, הלמאי איין מענטש קריגט זיך מיט אַ צווייטן, בפרט נאָך מלוכות, און גאָר צוליב פאַרכאַפּן נייע טעריטאָריעס אָדער דעראָבערן נייע מערק פאַר האַנדל פאַרגיסט מען בלוט, — דאָס איז געווען לחלוטין פרעמד זיין ריין־הומאַנישן צוגאַנג, וואָס האָט באַהערשט זיין גאַנצן וועזן. דאָך, דאָס אחריות־געפיל, איינע פון זיינע אייגנשאַפטן, איז תמיד געווען וואַך אין אים. געוויסנהאַפט האָט ער דערפילט זיינע פליכטן אַלס מיליטער־דאָקטאָר, און זייענדיק אויפן רומענישן פראָנט צייכנט ער זיך אויס אַלס דאָקטאָר און ווערט דערהייבן צום ראַנג פון פּאָד־פּאָלקאָווניק.

פיר יאָר האָט ער דאָרט פאַרבראַכט, אַרבעטנדיק אין אַ מיליטערישן שפּיטאָל. עס ברעכט דאַן אויס אין 1917 די באָלשעוויסטישע רעוואָלוציע, און זייענדיק אין



ד״ר מענדל סודאַרסקי

ניזשני נאָווגאָראָד, איידער ער באַוויזט נאָך צו מאַכן הכנות פאַר זיין רעפּאַטריאַציע קיין ליטע, ווערט ער מאָביליזירט פון די באָלשעוויקעס און צוגעטיילט אַלס אויבער־דאָקטאָר צו דער 11־טער שווערער אַרטילעריע־דיוויזיע. דער גורל האָט געוואָלט, אַז צו יענער צייט זאָל זיך ד״ר סודאַרסקי באַגעגענען מיט זיין לעבנס־באַגלייטערין, אַלטע ארש פון דווינסק, אַ פעלדשעריצע אין דער זעלביקער אַרמיי־דיוויזיע. זיי האָבן דאָן, דעם 15־טן אָקטאָבער 1918, חתונה געהאַט אין דער רוסישער שטאָט וויאַזמע. צוזאַמען מיט זיין פרוי האָט ד״ר סודאַרסקי געדינט אין דער רויטער אַרמיי כמעט דריי יאָר, וואַנדערנדיק פון איין קעמפנדיקן פראָנט צום צווייטן.

## פּעריאָד ליטע

ליטע איז, אָן ספק, אין דער קולטור־געזעלשאַפטלעכער טעטיקייט פון דעם פּאָרל סודאַרסקי דער סאַמע אינהאַלטסרייכער און רומפולסטער פּעריאָד. זייער טעטיקייט האָט געלייגט אַ קאַנטיקן שטעמפל אויף דער אַנטוויקלונג און אויפבלי פון שטאָלצן ליטווישן יידנטום. סיי ד״ר סודאַרסקי און סיי זיין פרוי האָבן אַריינגעשריבן אַ שיין בלאַט אין דער געשיכטע פון גייסטרייכן ליטווישן יידנטום, וואָס איז טראַגיש פאַרשניטן געוואָרן פון די נאַציס אין אָנהייב פון דריטן יאָרצענדליק, אין זיין רענעסאַנס־פּעריאָד.

## דער פאָלקס־דאָקטאָר

די יאָרן פון מיליטער־דינסט האָבן צוגענומען ביי די סודאַרסקיס זייער פּריוואַט־אויסלעבן, טיילנדיק אַ וואַנדערנדיק לעבן פון שטאָט צו שטאָט און פון פראָנט צו פראָנט. דאָך אָבער, מיט גרויס מעדיצינישער דערפאַרונג פון מיליטער פּעריאָד, מיט ענערגיע און דראַנג צו אַ ניי־פּראָדוקטיוו לעבן, קומט דאָן ד״ר סודאַרסקי צוריק מיט זיין פרוי אין דער נאָר־וואָס געשאַפענער אומאָפּהענגיקער ליטע.

נאָך אַ קורצער צייט פון שטודירן רענטגען און עלעקטראָמעדיצין אין דייטשלאַנד האָבן זיי דערעפנט דעם 1־טן מאָדערן ־איינגעאָרדנטן מעדיצינישן קאַבינעט אין קאָוונע. מיט דעם באַגאַזש פון וויסן פון אַלגעמיינער מעדיצין, אויגן־ספּעציאַליזאַציע, לאַנגיאָריקער פּראַקטיק און מיט די מאָדערנסטע מעדיצינישע איינאָרדנונגען האָט ד״ר מענדל סודאַרסקי געקאָנט ווערן אין דער נייער ליטע דער דערפאָלגרייכסטער דאָקטאָר פון ביזנעס שטאַנדפּונקט, אָבער דאָס האָט אים נאָר אויף אַזויפיל אינטערעסירט, אויף וויפל עס קאָן זיין אַ מקור פון דורכשניטלעכער חיונה, און טאָג־טעגלעך פלעגט ער שטיין מיט זיין מעדיצינישן קאַבינעט אין רשות פון די סך פּאַציענטן, צוריקגעקומענע נאָך דער מלחמה מיט כלערליי אינפעקציע־קראַנקהייטן, ווי פּאַוואוס, טראַכאָם, וואָס האָבן ניט געהאַט די מעגלעכקייט צו באַצאָלן. זיינע אויפנאַמע־





צימערן אין קאָוונע זיינען ממש פאַרוואַנדלט געוואָרן אין אַ פאָלקס־אַמבולאַטאָריע פריי פון אָפּצאָל.

עס איז געווען באַקאַנט אין ליטע, אַז ד״ר מענדל סודאַרסקי איז דער פאָלקס־דאָקטאָר, וואָס שטייט כסדר אין דינסט פון עלנטע און ליידנדיקע.

## קולטור־געזעלשאַפטלעכע טעטיקייט

צאָלרייך זיינען געווען די כלערליי אָרגאַניזאַציעס און געזעלשאַפטן, וועלכע ד״ר און פרוי סודאַרסקי האָבן געגרינדעט און אינספּירירט מיט זייער וויסן און מסירת־נפשדיקייט. מ׳זעט ד״ר סודאַרסקי בראש פון די פאָלקס־מאַסן אין ליטע, וואָס האָבן זיך גרופּירט אַרום פאָלקיסטישן געדאַנק. יידישע בילדונגס געזעלשאַפט, „אָזע״, „אָרט״, „האַיאַס״, „ייוואָ״, „דובנאָוו ענציקלאָפּעדיע״, יידישע קאָמערץ־גימנאַזיע, פאָלקס־שולן, היסטאָריש־עטנאָגראַפישע געזעלשאַפט, טעאַטער־סטודיע, ספּאָרט געז. און אַנד. אין זיי איז געווען ד״ר סודאַרסקי טעטיק און פון די מערסטע פון זיי — דער איניציאַטאָר. גלייכצייטיק האָט ד״ר סודאַרסקי אויך געהערט צו די פּראָמינענטע מיטגלידער פון „האַיאַס״, „אָזע״, „אָרט״ און „ייוואָ״ וועלט־צענטראַלעס.

אַ געביט פון גאָר גרויסן פאַרנעם איז געווען זיין ליטעראַרישע און זשורנאַליסטישע טעטיקייט, זייענדיק שעף־רעדאַקטאָר פון קאָוונער „פאָלקסבלאַט״ און מיטאַרבעטער פון פאַרשיידענע באַקאַנטע מעדיצינישע און ליטעראַרישע אויסגאַבעס, צווישן זיי „פאָלקסגעזונט״, „ליטעראַרישע בלעטער״, יידישע ענציקלאָפּעדיע און אַנד.

ד״ר סודאַרסקי און „פאָלקסבלאַט״ איז אַ קאַפּיטל געשיכטע, וואָס האָט ניט געהאַט זיין גלייכן מיט קיין געביט פון ד״ר סודאַרסקיס קולטור־געז. אַרבעט אין ליטע. אַרום דער צייטונג האָבן זיך גרופּירט די קליין־הענדלער און האַרעפּאַשנע מאַסן, וואָס זיינען ניט בכוח געווען צו פינאַנסירן די דאָזיקע אונטערנעמונג, די קאָוונער טעגלעכע יידישע צייטונג „פאָלקסבלאַט״. אַזוי אַרום, איז געוואָרן ד״ר סודאַרסקיס טאָג־טעגלעכע דאגה דאָס דערשיינען פון דער צייטונג, אַחוץ דער רעדאַקציע־אַרבעט אַלס אַזעלכע, וואו ד״ר סודאַרסקיס הומאַניסטישער צואַנג, קאַמף פאַר יידיש אויסלעבן, קיום און המשך איז געווען דער לייטמאָטיוו אין שפּרייטן יידיש ליכט דורך „פאָלקסבלאַט״. און זאָל דאָ אונטערגעשטראָכן ווערן, אַז ד״ר מענדל סודאַרסקי האָט תמיד געווייטיקט פאַר יידישע אינטערעסן. ער האָט געפירט אין די ראַמען פון מעגלעכקייט אַ קאַמף קעגן שטייגנדיקן אַנטיסעמיטיזם פון ליטווישן רעאַקציאָנערן עלעמענט און געקעמפט ווי אַן אמתער דעמאָקראַט פאַר יושר און רעכט.

עס געדענקט זיך מיר די באַגעגעניש מיט אים אין בערלין, סוף די צוואַנציקער יאָרן, אין הויף פון זיין שוועסטער ברײנע גרינגאַרד, אין רייכן מערבדיקן וווינונגסבאַצירק שענעבערג. אגב, זיין שוועסטערס הויז, די מאָדערן־איינגעאָרדנטע גרינגאַרד ווילע פאַר אייגענעם קאָמ־

פאָרט און כלערליי געזעלשאַפטלעכע געלעגנהייטן, האָט געהאַט אַ שם אין יידישן בערלין. אָפט פלעגט עס זיין דער טרעפפונקט פון וויסנשאַפטלער, שרייבער, מאָלער, אַרטיסטן, מוזיקער, כלל־טוער און פון ציוניסטישע מנהיגים. אומפאַרגעסלעך ביי מיר אין זכרון איז געבליבן דער באַנקעט דאָרט לכבוד נחום סאָקאָלאָוו. ווי אימפּאָזאַנט, קאָלירפול און פייערלעך איז עס געווען אין די רחבותדיקע צימערן, וואו פראָמינענטע פאָרשטייער פון דער ציוניסטישער וועלט, וויסנשאַפט, ליטעראַטור און פרעסע האָבן זיך געפונען. און צו דעם דאַרף נאָך באַזונדערס דערמאָנט ווערן די אויסערגעוויינלעכע גאַסטפריינדלעכקייט פון ד״ר סודאַרסקיס שוועסטער ברײנע, וועמענס וואַרעם יידיש האַרץ, אויפריכטיקייט, גוטסקייט און פערזענלעכער חן, האָבן צוגעגעבן אַזויפיל רייץ און קאָליר דער גאַנצער שמחה.

אין יענער צייט האָב איך זיך באַגעגנט מיט ד״ר סודאַרסקי און געשמועסט מכוח יידישע ענינים אין ליטע. ער איז געווען שטאַרק באַזאָרגט וועגן שטייגנדיקן אנטי־יידישן קורס אין ליטע, צוזעענדיק ווי די ניי־געשאַפענע ליטווישע סוחרים, אָרגאַניזירט אין אַ „ווערסלינינקאַס" באַוועגונג, שטופּן וואָס ווייטער אַלץ מער אַרויס יידן פון זייערע עקאָנאָמישע פּאָזיציעס, איינגעפונדעוועטע פון דור דורות, ווי די רעשטלעך פון דער יידישער אויטאָנאָמיע ווערט פון די מושלים אַלץ מער חרוב און אַלגעמיינע דעמאָקראַטיע איז שוין אויך אַ זאַך פון עבר.

ביי ד״ר סודאַרסקי האָט יידישקייט פאַרנומען דעם אויבן־אָן. אַרבעט לטובת הכלל האָט באַהערשט זיין גאַנצן געמיט. אין אָט דעם דינסט זיינעם, אין ליבע צום יידישן פאָלק, טעטיקייט פאַר קיום האומה, שפּיגלט זיך אָפּ זיין גאַנצער איך. יעדע דערגרייכונג פון יידישן פאָלק האָט אין אים דערוועקט גרויס ענטוזיאַזם. עס געדענקט זיך מיר ווען מדינת ישראל איז געשאַפן געוואָרן, ווען דער רענעסאַנס פון יידישן פאָלק איז ווידער געוואָרן אַ יש. וועגן אָט דער גרעסטער געשעעניש אין אונדזער צוויי־טויזנט־יאָריקער גלות־געשיכטע האָב איך דאַן געלייענט אין ד״ר סודאַרסקיס אַ בריוו. וואָס פאַר אַ קוואַל פון פרייד און נאַציאָנאַלן שטאָלץ האָט באַהויכט דעם ייד אין אים, וואָס האָט איינגעזאַפּט עכטע יידישקייט פון זיין פּריסטער יוגנט אין זיין עלטערנס היים, וואו מ׳האָט ממש געאָטעמט מיט נצח ישראל און ציון־אידעאַל.

## אזשעשקיענע 3

דאָס איז געווען די גאַס און דער נומער פון דער וואוינונג פון ד״ר און פרוי סודאַרסקי אין קאָוונע. אָט דער אַדרעס מיטן פאַרליטווישטן נאָמען פון גאַס איז געווען גוט באַקאַנט ניט נאָר אין ליטע, נאָר אויך אין אייראָפּע און אַ סך לענדער מעבר לים. עס איז געווען ממש אַ געזעלשאַפטלעכע אכסניה פאַר די כלערליי שליחים פון אויסלאַנד און געסט פון דער ליטווישער פּראָווינץ.

די אַלע באַזוכער, כלל־טוער, וויסנשאַפטלער, שרייבער, פּראָמינענטע אַרטיסטן און אַנד. פלעגן אויפגענומען ווערן פון די סודאַרסקיס מיט אָפענע אָרעמס, פלעגן געפינען אין זייער הויז אַ היימיש, ליכטיק ווינקעלע און כמעט טאָג־איין, טאָג־אויס פלעגט זיך רודלען פון אָט די חשובע געסט. און עס איז קיין פּראָבלעם געווען, ווען נאָך איינער אָדער נאָך צוויי געסט פלעגן קומען אומדערוואַרט צו אַ מאָלצייט אָדער איבערנעכטיקן, בעת די וואוינונג איז שוין געווען פול פון באַזוכער. די סודאַרסקיס האָבן תמיד גאַסטפריינטלעך אויפגענומען זייערע געסט און פלעגן דינען די אַלע באַזוכער מיט ראָט און טאָט.

## אַ פאָלקס יום־טוב

ווער געדענקט ניט די אומפאַרגעסלעכע דאַטע, סוף 1935, ווען מ׳האָט זיך געגרייט צו פּראַווען ד״ר מענדל סודאַרסקיס אַ יובילייַ. עס איז געווען דאַן, ווען ער איז געוואָרן אַ בן־חמישים. אין קאָוונער געזעלשאַפטלעכקייט איז געווען באַקאַנט ד״ר סודאַרסקיס באַשיידנקייט און פּראַווען לכבוד אים עפּעס אַ שמחה איז ניט געווען אַזוי פּשוט. יעדער איינער האָט געוואוסט, אַז ווי נאָר דער בעל־יובל וועט זיך דערוויסן דערפון, וועט קומען דער גרעסטער פּראָטעסט און פון גאַנצן פּלאַן וועט גאָרניט ווערן. האָט מען עס געהאַלטן בסוד סודות פון ד״ר סודאַרסקין. די הכנות זיינען געמאַכט געוואָרן אין דער שטיל, אָן דעם קלענסטן אָנדייט אין דער פּרעסע. ערשט דעם טאָג פון יובל, נאָכדעם ווי די גאַנצע יידישע פּרעסע אין דער דעמאָלטיקער ליטע האָט באַקאַנט געמאַכט אין דער עפנטלעכקייט די געשעעניש, איז עס אויך באַקאַנט געוואָרן דעם בעל־יובל גופא, וועלכער האָט קיין ברירה ניט געהאַט און, בכדי ניט מבייש זיין דעם עולם, אַקצעפּטירט דעם געשעענעם פאַקט.

די פייערונג איז געווען זייער אימפּאָזאַנט און באַוויזן ווי פּאָפּולער און באַליבט ד״ר סודאַרסקי איז ביי אַלעמען. צוליב דעם וואָס מ׳האָט ניט געקענט מפרסם מאַכן די יובל־פייערונג און צוליב די הכנות אין דער שטיל האָט מען דערוואַרט, אַז נאָר די נאָענטסטע פריינד וועלן קומען צו דער שמחה. ווי אַנגענעם איבערראַשט מ׳איז אָבער געווען צו זען אַ קאָלאָסאַלן עולם פון פאַרזאַמלטע פריינט אין הויז פון אַלטעס שוועסטער און שוואָגער (בלומע און משה באָבראָוו), פּראָמינענטע כלל־טוער, פאָרשטייער פון פּאַרטייען, גרופּירונגען, גאָר קעגנערישע צו דער, צו וועלכער דער בעל־יובל האָט געהערט, אָבער יעדער איז געקומען, ווייל ער האָט געפילט אַ חוב עס צו טאָן, און די פייערונג איז, אַזוי אַרום, פאַרוואַנדלט געוואָרן אין אַן אמתן פאָלקס יום־טוב לכבוד ד״ר מענדל סודאַרסקי, איינעם פון די באַליבטע און באַקאַנטע פירער פון ליטווישן יידנטום.

## אין ניו־יאָרק

נאָך היטלערס קומען צו דער מאַכט אין דייטשלאַנד האָט דער נאַציזם אויך אָנגעהויבן פאַרפעסטן שכנותדיקע

לענדער און בתוכם ליטע. עס איז וואָס ווייטער אַלץ דראַענדיקער געוואָרן דער מאָרגן און די סודאַרסקיס וואַנדערן אויס קיין ניו־יאָרק, וואו זיי האָבן זיך באַזעצט דעם 15־טן אָקטאָבער 1937. פון 1940 הייבט אָן ד״ר סודאַרסקי צו פּראַקטיצירן אַלס אויגן־ספּעציאַליסט אין ברוקלין און ניו־יאָרק. ער איז אַן אָנגעזעענער דאָקטאָר אין פאַרשיידענע שפּיטאָלן.

די נייע היים איז געוואָרן דער המשך פון ד״ר סודאַרסקי, דעם פּראָמינענטן קולטור־געזעלשאַפטלעכן טוער. און ווי געוויינלעך אין אַ נייעם מקום, זיינען אַנטשטאַנען נייע פּראָבלעמען. אין ניט ווייניק פאַלן ענדערן נייע באַדינגונגען דעם עצם גאַנג פון לעבן, און אין משך פון פופצן יאָר אין ניו־יאָרק אַלס פּראַקטיצירנדיקער דאָקטאָר וואָלט אייגנטלעך ד״ר סודאַרסקי שוין געדאַרפט זיין ענלעך צו יענעם סאָרט אַסימילירנדיקע דאָקטוירים, וועלכע האָבן זיך באַהעפט מיטן נייעם לעבנס שטייגער. אָבער ד״ר סודאַרסקי איז געבליבן ביז זיין לעצטן אָטעם־צוג דערזעלביקער אידעאַליסטיש־דענקנדיקער ליטווישער ייד. אין ברוקלינער היים פון די סודאַרסקיס האָט זיך דאָסגלייכן, ווי אין קאָוונע, געפילט די היימישע, געמיטלעכע און פאָלקסטימלעכע אַטמאָספער. ווי תמיד, איז ד״ר סודאַרסקי געווען פאַרנומען מיט געזעלשאַפטלעכע ענינים. געווען טעטיק אַלס דירעקטאָר פון „האיאס״, גרינדעט פעדעראַציע פון ליטווישע יידן אין אַמעריקע און עס גייט דאַן אַרויס אונטער זיין רעדאַקציע דער זשורנאַל „ליטווישער ייד״, צווישן די יאָרן 1943—1947. אין צוגאָב צו זיין רייכן אינהאַלט איז דער זשורנאַל געוואָרן אַ וויכטיקער אינפאָרמאַטיווער אָרגאַן פאַר אַלע אָפּשטאַמיקע פון ליטע. עס איז געוואָרן די טריבונע און זוך־אַדרעס פון דער שארית־הפליטה און זייערע קרובים — ליטווישע יידן אין די אַמעריקעס, אַפריקע און אַנד. קאָנטינענטן. און אַ דאַנק דעם איז טאַקע געלונגען מאַסן יידן אָפּצוזוכן איינע די אַנדערע.

עס איז אָבער ניט געווען דאָס איינציקע פעלד פון אַרבעט אין ד״ר סודאַרסקיס ניו־יאָרקער פּעריאָד. ווי אַ פאַקל, וואָס שפּרייט ליכט אויף אַ ברייטער פאַרטונקלטער פּעריפעריע, איז געווען זיין פּעדער, פון וועלכער דער לייענער פלעגט שעפּן וויסן. זעלטן ווען אַ שרייבער איז געלייענט געוואָרן פון אַזעלכע ברייטע שיכטן פון פאָלק אין אַלע ווינקעלעך פון אַמעריקע, ווי דאָס איז געווען דער „טאָג״־מיטאַרבעטער ד״ר סודאַרסקי. די אַרטיקלען זיינע האָבן פאַרשאַפט דעם לייענער אַ טאָפּלטן אינטערעס מיט זייערע באַלערנדיקע מעדיצינישע אָפּהאַנדלונגען און ליטעראַריש־קינסטלערישן לבוש. פון 1945 ביז אָנהייב 1952, כמעט ביזן סוף פון זיין לעבן, איז ד״ר סודאַרסקי געווען אַ קאָלעקטיוו־מיטגליד פון רעד. פון דער וועלט־באַקאַנטער ניו־יאָרקער יידישער טעגלעכער צייטונג „דער טאָג״ און אַ מיטאַרבעטער פון דער אַרגענטינער פּרעסע.

אַ פּרק פאַר זיך זיינען געווען זיינע אינטערעסאַנטע אַרטיקלען און נאָטיצן פון ליטעראַטור־קריטיק. זיי פלעגן





דערשיינען אין פאַרשיידענע צייטונגען און זשורנאַלן, און דער נאָמען ד״ר מענדל סודאַרסקי, דער שרייבער פון די דאָזיקע אַרטיקלען, פלעגט פון צייט צו צייט באַצירן די שפּאַלטן פון „פאָרווערטס״, „צוקונפט״, „יעווריעיסקי מיר״, יידישע ענציקלאָפּעדיע און אַנדערע אויסגאַבעס.

און הגם ד״ר סודאַרסקיס ווירקן און שאַפן אין ניו־יאָרק האָט געמוזט באַקומען אין אַ געוויסן פּרט אויסדרוקס־פאָרמען צוגעפּאַסטע, מער וויניקער, צום אַמעריקאַנער יידישן לעבן, איז אָבער די יידישע ליטע אַלץ געבליבן דער חוט השדרה פון זיין יידישקייט. מיטן ליטווישן יידנטום איז ער געווען און געבליבן באַהעפט ביזן סוף פון זיין לעבן.

## דאָס מאָנומענטאַל ווערק „ליטע״

ד״ר מענדל סודאַרסקיס צוגעהעריקייט צום ליטווישן יידנטום, זיין אָפּשאַצונג פון דער גייסטיקער יידישער ליטע ווי אַן אינטעגראַלן טייל פון יידישן פאָלק, וואָס געהערט צו דער עליטע פון וועלט־יידנטום, האָט אין ד״ר סודאַרסקי דערוועקט דעם געדאַנק, נאָך איידער דער נאַצי־קאַשמאַר איז געוואָרן אַ יש אין ליטע, אַז די גאָלדענע עפּאָכע פון דער יידישער ליטע מוז אין דער אָדער יענער פאָרם פון אָנדענק געפינען איר תיקון. אויף דער איניציאַטיוו פון ד״ר סודאַרסקי און זיין פרוי ווערט געגרינדעט אין 1943, אין ניו־יאָרק, אַ געזעלשאַפט מיטן נאָמען „יידיש־ליטווישע קולטור־געזעלשאַפט — ליטע״, וואָס האָט זיך געשטעלט אַלס אויפגאַבע צו פאַראייביקן דאָס לעבן און שאַפן פון ליטווישן יידנטום פאַר די לעצטע 700 יאָר אין אַ ווערק אונטערן נאָמען „ליטע״.

אינצווישן האָט די נאַצי־מגפה גענומען בושעווען איבער אייראָפּע. בליענדיקע יידישע יישובים זיינען אָפּגעמעקט געוואָרן דורך די נאַצישע רוצחים און דעמזעלביקן גורל האָט אויך געטיילט דאָס ליטווישע יידנטום, וואָס איז פאַרטיליקט געוואָרן דורך די דייטש־ליטווישע נאַצי־מערדער. ווען אָט די גרויליקע נייס פון דער גרויסער יידישער טראַגעדיע איז באַקאַנט געוואָרן, האָט עס שטאַרק דערשיטערט ד״ר סודאַרסקי. ער האָט צו זיך ניט געקאָנט קומען, זיין הארץ האָט געווייטיקט פאַר כל ישראל און בתוכם פאַרן שטאָלצן ליטווישן יידנטום, אין אויפבוי און געדייען פון וועלכן ער איז געווען פירנדיק. דער דאָזיקער חורבן האָט ד״ר סודאַרסקי און זיין פרוי געגעבן נאָך אַ שטאַרקן שטויס צו פאַראייביקן דעם אָנדענק פון דער יידישער ליטע אין אַ מאָנומענטאַל ווערק. ד״ר מענדל סודאַרסקי, דער פּאָרזיצער פון דער געזעלשאַפט „ליטע״, ווערט דאַן אויך דער רעדאַקטאָר פון דעם מאָנומענטאַלן ווערק „ליטע״, זיין פרוי אַלטע — די סעקרעטאַרין, וואָס דאַרף דאגהן פאַר די פינאַנצן.

אמת, נאָך אַנדערע טוער האָבן פאַרנומען וויכטיקע אַמטן, געהאָלפן אָרגאַניזירן, שאַפן פאָנדן, אויך דער שרייבער פון די שורות האָט בשעתו, זייענדיק אין אויסטראַליע, געהאָלפן אָרגאַניזירן און געשאַפן פאָנדן, אָבער

די הויפּט־לאַסט האָבן געטראָגן ד״ר סודאַרסקי און זיין פרוי. זייער אייגענע עקזיסטענץ, מעדיצינישע אַפּיס־אַרבעט און פריוואַטע ענינים זיינען געוואָרן צווייטראַנגיק און זייער גאַנצע ענערגיע האָבן זיי געווידמעט דער הייליקער שליחות פון פאַראייביקן דאָס ליטווישע יידנטום אין דער ווירדיקער אויסגאַבע פון מאָנומענטאַל ווערק „ליטע״.

ווי ד״ר סודאַרסקי איז געוואוינט געווען צו שאַפן עפּעס אָריגינעלעס, האָט ער אויך אַנדערש ניט געקאָנט זיין אין דעם פאַל. פון אָנהייב אָן איז זיין כוונה געווען צו שאַפן אַ ווערק פון גרויסן פאַרנעם, רייך אין אינהאַלט, ווי עס געהערט זיך פאַרן ליטווישן יידנטום.

נאָכן סוף פון דער צווייטער וועלט־מלחמה איז געשאַפן געוואָרן אַ גרויסע חורבן־ליטעראַטור. עס שיינט אָבער, אַז סיי לויטן אינהאַלט און סיי לויט דער פאָרם איז דאָס בוך „ליטע״ דאָס גרעסטע, מאָנומענטאַלסטע ווערק, וואָס יידן האָבן ביז איצט געשאַפן.

עס ליגט פאַר מיר באַנד איינס פון פּנקס „ליטע״, ד״ר סודאַרסקיס שאַפן אין די לעצטע צען יאָר פון זיין לעבן. אייגנטלעך איז עס אַ מין ענציקלאָפּעדיע־פּנקס פון דעם אויפקום ביזן אומקום פון רומפולן ליטווישן יידנטום.

דאָס אויג קען זיך ניט גענוג אָנזעטיקן מיט דער פּרעכטיקער און רייזיקער אויסגאַבע. דיינע ערשטע בליקן זיינען געווענדעט אויף די אַש־גרוי־בלוי מאַסיווע טאָוולען, וואָס דינען ווי אַ באַצירט צודעק פאַרן גייסטיקן אוצר. אויף איינעם פון די דאָזיקע טאָוולען זיינען איינגעקריצט פיר שרייאיקע אותיות פון גאָלדענעם קאָליר, וואָס לייענען זיך — ל י ט ע. עס שניידט ביים האַרצן ווען דו קוקסט אויף די אותיות, וואָס סימבאָליזירן פיר גאָלדענע מצבה־אותיות נאָכן פאַרשניטענעם שטאָלצן ליטווישן יידנטום.

און עפּנסטו פונאַנדער די טאָוולען ווערט דער ווייטיק נאָך גרעסער. דערזעסט אַ מאַפּע פון הונדערטער שטעט און שטעטלעך אין ליטע, וואו דורות יידן האָבן געלעבט. עס אַנטפּלעקט זיך פאַר דיר די יידישע ליטע. מ׳דערזעט פאַר די אויגן אַזוי פיל היימיש־באַקאַנטע שטעט און שטעטלעך. אַ שפע פון געשטאַלטן, בילדער און זכרונות בליצן אויף אין דיין מוח און גרויס האַרץ־קלעמעניש באַהערשט דיך, דערמאָנענדיק זיך, אַז אָפטמאָל איז דיר אויסגעקומען צו פאָרן אַהין אין געזעלשאַפטלעכער שליחות, קומענדיק אין מגע ומשא מיט ערלעכע, פיינע, באַשיידענע, גוטע יידן. און אָט אַזאַ גרויליקע פּאַסירונג. פון דעם אַלץ איז מער קיין זכר ניט געבליבן — די שטעט און שטעטלעך זיינען פאַרוואַנדלט געוואָרן אין אַ גרויסן קבר און די אַמאָליקע קאָמפּאַקטע יידישע מאַסן זיינען טראַגיש אומגעקומען דורך די דייטש־ליטווישע נאַצי־רוצחים.

דאָס בוך „ליטע״ איז זייער אינטערעסאַנט, פון אַ גרויסן פאַרנעם, און אַפילו ווען אַלץ גייט כשורה, פאָדערט עס אַ קאָלאָסאַלע אָנשטרענגונג צו רעדאַקטירן און שאַפן





פאָנדן, בפרט אַז מ׳האָט זיך אָנגעשטויסן אויף ניט פאָראויסגעזעענע גרויסע פינאַנציעלע און טעכנישע שוועריקייטן, וואָס זיינען געוואָרן אַ ביז גאָר שווערער באַלאַסט פאַר ד״ר סודאַרסקי און זיין פרוי, די הויפּט־טוער פון בוך. דאָס איז געווען דער מצב נאָך יאָרנלאַנגע הכנות, האָרעוואַניע און דאגות פון כלערליי כאַראַקטער.

ד״ר סודאַרסקי, באַגעגענענדיק זיך מיט די אַלע שוועריקייטן, האָט געזען באַשיימפּערלעך, אַז גובר צו זיין דעם דערנעבער־וועג איז ניט נאָר איבער זיינע כוחות, נאָר געפערלעך פאַר זיין געזונט. אָבער זיין אחריות געפיל פאַר דער זאַך צו פאַראייביקן דעם רומפולן געשיכטלעכן עבר פון יידישן קיבוץ אין ליטע האָט אים ניט געלאָזט רוען און געפאָדערט די מאַקסימאַלסטע אָנשטרענגונג. בעת אָט די געראַנגלענישן האָט ד״ר סודאַרסקי זיך שוין געפילט שוואַך אין געזונט. וואָלט ער באַצייטנס וואָס געטאָן קעגן דעם, וואָלט זיין מצב אפשר אָנגענומען אַן אַנדערע ווענדונג, וואָס שייך זיין געזונט. אָבער כדי צו דערמעגלעכן וואָס גיכער דאָס דערשיינען פון בוך „ליטע״, איז זיין אייגן געזונט געוואָרן צווייטראַנגיק, און אַ פאַקט איז אויך, אַז שוין זייענדיק צוגעשמידט צום בעט, אויך דאַן האָט ער ניט איבערגעריסן די אַרבעט פון מאָנומענטאַלן ווערק „ליטע״. ערשט קורץ פאַר זיין טויט האָט ער דערלעבט צו זען די דערשיינונג פון ערשטן באַנד פון בוך „ליטע״, וואָס איז שוין היינט דאָסגלייכן אַ מאָנומענט נאָכן אומפאַרגעסלעכן און טייערן ד״ר מענדל סודאַרסקי, וואָס איז אַוועק אין דער אייביקייט דעם 2־טן יאַנואַר 1952 און באַערדיקט מיט גרויס כבוד און ליבע פון יידישע פאָלקסמאַסן אויף דעם „לבנון בית הקברות״ אין ניו־יאָרק, אין סודאַרסקי־סידער פאַמיליע־קבר.

## די אינסטיטוציע אַלטע סודאַרסקי

ווען ד״ר סודאַרסקי האָט אויסגעהויכט די נשמה איז געבליבן אַ חלל אין גאַנצן ליטוויש־יידישן געזעלשאַפטלעכן אַרום. ניטאָ מער די גאָלדענע קרוין וואָס האָט באַצירט די דאָזיקע אָרגאַניזאַציע. אָבער ד״ר סודאַרסקי האָט איבערגעלאָזט אַ טרייע יורשטע מיט גרויסער איניציאַטיוו, אומגעהויערער ענערגיע, אונטערנעמונגס־גייסט און אָנטשלאָסנקייט צו פאַרענדיקן דעם מאָנומענטאַלן ווערק „ליטע״. דאָס איז אַלטע סודאַרסקי, די פרוי פון ד״ר מענדל סודאַרסקי.

אַלטע סודאַרסקי, געבוירענע ארש, שטאַמט פון דווינסק. זי איז די טאָכטער פון ירחמיאל ארש, אַ גרויסער תלמיד חכם און כלל־טוער. פון איר פריסטער יוגנט איז פרוי סודאַרסקי געווען געזעלשאַפטלעך טעטיק. אין דער יידישער ליטע איז זי געווען פירנדיק אין אַ ריי אינסטיטוציעס און געזעלשאַפטן, און באַזונדערס דאַרף דערמאָנט ווערן איר טעטיקייט דאָרט אַלס פאַרזיצערין פון דער פרויען „אָרט״־באַוועגונג.

אַ ביז גאָר שיינעם צושטייער, וואָס איז ראוי לשבח, איז געווען איר נאָך־מלחמהדיקע טעטיקייט אין ניו־יאָרק,



גאָלדע ארש, די באָבע פון א. ארש־סודאַרסקי

העלפנדיק די פּליטים, גערעטעוועטע פון היטלער־לאַגערן. זי האָט ממש פאַרוואַנדלט איר הויז אין ברוקלין אין אַ מין אימיגראַציע־אָפּטיילונג, און מאַסן פּליטים פלעגן באַקומען געהעריקע הילף פון פאַרשידנאַרטיקן כאַראַקטער.

אין צוגאָב צו דעם איז פרוי סודאַרסקי אויך געווען טעטיק אויף אַנדערע געביטן און פון זיי דאַרף באַזונדערס דערמאָנט ווערן איר אַקטיווער אָנטייל אין דער באַוועגונג פון פּיאָנערן־פרויען.





ועל כולם, איר אומדערמידלעכע אַרבעט פאַרן 1־טן און 2־טן באַנד פון דעם מאָנומענטאַלן ווערק „ליטע". עס איז, אָן ספק, פון גרויסער חשיבות. דאָס אייגנטלעך וואָס אַ קאָמיטעט וואָלט געדאַרפט טאָן, ווערט עס אַדורכגעפירט פון איין פּערזאָן, פון דער באַקאַנטער כלל־טוערין פרוי סודאַרסקי, וואָס קען מיט רעכט באַצייכנט ווערן ווי די אינסטיטוציע — אַלטע סודאַרסקי.

* * *

פאַרטיליקט צוזאַמען מיט אַנדערע יידישע ישובים איז די יידישע ליטע. אָבער דאָס מאָנומענטאַל ווערק „ליטע", וואָס ברענגט צום אויסדרוק די הונדערטער יאָרן פון ווירקן און שאַפן אין די געביטן פון תורה, השכלה, יידישער עקאָנאָמיק, געזעלשאַפטלעכקייט און קולטור, וועט דערציילן די קומענדיקע דורות, מיט וואָס פאַר אַ רומפולע קאַפּיטלען די יידישע ליטע האָט באַרייכערט די געשיכטע פון יידישן פאָלק.

עס שפּיגלט זיך אָפּ אין אָט דעם מאָנומענטאַלן ווערק ד״ר מענדל סודאַרסקיס ליבע און אינטערעס פאַר דער יידישער ליטע, זיין גרויסער אחריות געפיל, אידעאַליזם, און זיין פיינע, צאַרטע פעדער, וואָס האָט באַצירט די שפּאַלטן פון גרויסן ווערק מיט אַ שיינעם ליטעראַרישן שליף, ציט זיך ווי אַ גאָלדענער פאָדעם דורך די קאַפּיטלען פון בוך „ליטע".

אין די אנאַלן פון דער געשיכטע פון ליטווישן יידנטום וועט דער נאָמען פון ד״ר מענדל סודאַרסקי, וואָס האָט מקריב געווען זיין לעבן פאַר יידישע אינטערעסן, זיין אַ מוסטער פון אַ הייסן ייד, נאַציאָנאַלן דענקער, אידעאַליסט און טיף־עטישן מענטשן.

ראובן רובינשטיין

# אלטע סודארסקי ז״ל

זונטיק, ד׳ באלול תשכ״ג — דעם 3־טן סעפּטעמבער 1962 איז נפטר געוואָרן אין תל־אביב די איבערגעגעבענע, ענערגישע, כלל־טוערין אַלטע סודאַרסקי ז״ל.

געשטאָרבן איז זי אין רעכטן ברען פון גרייטן צום דרוק דעם צווייטן באַנד „ליטע" — אַן אויפגאַבע, וואָס זי האָט באַטראַכט ווי איר לעבנס־שליחות נאָכן טויט פון איר מאַן ד״ר מענדל סודאַרסקי ז״ל. צוליב אָט דעם צוועק איז זי געקומען אין יאָר 1960 קיין ישראל. אין אָט דער אַרבעט האָט זי אַריינגעטאָן אירע לעצטע כוחות, האָט געמינטערט, געוועקט און גערופן אירע פריינד אין ישראל איר צו העלפן אין איר שווערער מיסיע. זי האָט אָבער ניט זוכה געווען צו דערלעבן צום דערשיינען פון דאָזיקן ווערק.

געבאָרן איז אַלטע אין דווינסק אין יאָר 1885 אין אַ משפחה, וואָס איז געווען באַקאַנט מיט איר טראַדיציאָנעלער יידישקייט, לומדות און השכלה. איר פאָטער ירחמיאל אַרש איז געווען מפורסם אין זיין שטאָט מיט זיין עסקנות בצרכי ציבור. אַלטע איז פון די גאָר יונגע יאָרן געווען דורכגעדרונגען מיט די מאָדערנע אידעען פון פּראָגרעס, סאָציאַליזם און פון יידישער אויפלעבונג, וועלכע האָבן באַהערשט די יידישע גאַס. זי האָט באַקומען די בילדונג פון אַ פּראָפעסיאָנעלער פעלדשערין און איז בשעת דער ערשטער וועלט־מלחמה געשטאַנען אין דינסט פון רוסישן רויטן קרייץ.

אויפן מלחמה־פראָנט באַקענט זי זיך מיט ד״ר מענדל סודאַרסקי, וואָס איז געווען אַ מיליטערישער דאָקטער. נאָך דער מלחמה האָבן זיי חתונה געהאַט און זיך באַזעצט אין קאָוונע.

דאָס הויז פון די סודאַרסקיס ווערט אַ בית־ועד לחכמים, אַ צענטראַלער פונקט פון יידישער געזעלשאַפטלעכער און קולטור־אַרבעט. ד״ר סודאַרסקי, איינער פון די גייסטרייכסטע און פאַרדינסטפולסטע פערזענלעכקייטן אין דער יידישער ליטע, האָט אין זיין פרוי געפונען אַ מיטקעמפערין, וואָס איז בלב ונפש געווען איבערגעגעבן זייערע געמיינזאַמע אידעאַלן און שטרעבונגען. אָן גוזמא קאָן מען זאָגן, אַז ס׳איז ניט געווען קיין איין צווייג פון געזעלשאַפטלעכער עסקנות, ווו די סודאַרסקיס זאָלן ניט זיין פאַרטראָטן און וואו זיי זאָלן ניט האָבן צוגעלייגט אַ האַנט. „אָרט", „אָזע", יידישע שול־נעץ, פּרעסע, ליטעראַטור, סאָציאַלע הילף, יתומים־פאַרזאָרגונג, האַנטווערקער־אָרגאַניזאַציע, קורסן פאַר פאָלקס־בילדונג, עקאָנאָמישע אויפריכטונג — אַלץ, וואָס האָט אַ שייכות צום יידישן פאָלקסלעבן, האָט זיי אינספּירירט צו געבענטשטע פעולות.



קומט אַ גאַסט פון חוץ לארץ קיין ליטע — אַ שרייבער, אַ פעדער־מענטש, אַ לעקטאָר, אַ געזעלשאַפטלעכער טוער, אַ קינסטלער, אַן אַרטיסט — ווו איז זייער אַדרעס? ביי די סודאַרסקיס! זייער הויז איז געווען אַ גאַסטפריינדלעכע, וואַרעמע אַכסניה פאַר אָט די אורחים.

אַ פאָלקס־מענטש לויט איר נאַטור, מיט אַ גליענדיקער ליבשאַפט צו דער פאָלקס־שפּראַך און צו דער יידישער קולטור, איז אַלטע געווען די געטרייע לעבנס־באַגלייטערין פון איר מאַן און פריינד.

איז קיין וואונדער ניט, וואָס זיי האָבן זיך ביידע דערוואָרבן ניט נאָר דעם טיפן דרך ארץ פון די ברייטע פאָלקס־קרייזן, נאָר אויך די אָנערקענונג און סימפּאַטיע מצד זייערע אידעאישע קעגנער.

אין יאָר 1937 האָבן די סודאַרסקיס אויסגעוואַנדערט קיין אַמעריקע. זיי זיינען אויך דאָרט ממשיך זייער לעבנס־שטייגער, זייער געזעלשאַפטלעכע אַרבעט, זייערע טראַדיציעס.



אַלטע סודאַרסקי

און ווען עס ברעכט אויס די צווייטע וועלט־מלחמה און עס דערגרייכן קיין אַמעריקע די ידיעות וועגן די שוידערלעכע אויסראָט־אַקציעס אין ליטע ווי אין גאַנץ אייראָפּע, וואָס דער נאַצישער אַשמדאי האָט פאַרשקלאַפט און אין טייכן בלוט דערטרונקען — האָבן די סודאַרסקיס זיך אָפּגעגעבן מיט אַ צווייפאַכיקער אַרבעט: העלפן מיט אַלע כוחות די קרבנות און זיך מיען צו פאַראייביקן אין אַ מאָנומענטאַלן ווערק די חרוב געוואָרענע יידישע ליטע.

אין אַמעריקע דערנענטערט זיך אַלטע אויך צו דער

אַרבעט פאַר ארץ־ישראל. זי איז טעטיק אין ציוניסטישן בית־עם פון אַרבעטער־צענטער אין ברייטאָן־ביטש און אין ברייטאָנער קלוב פון די פרויען־פּיאָנערן, אין קרן קימת לישראל און אויך אין דער אָרגאַניזאַציע פון די נאַצי־געליטענע, אַחוץ איר פאַרצווייגטער טעטיקייט אין אַנדערע יידישע אָרגאַניזאַציעס.

אין דער אַרבעט לטובת דעם ערשטן באַנד „ליטע“, וואָס דערשיינט אין ניו־יאָרק לויט דער איניציאַטיוו און אונטער דער רעדאַקציע פון ד״ר מענדל סודאַרסקי און פון זיינע מיטהעלפער, האָט אויך פרוי סודאַרסקי אַ גאָר קאָנטיקן חלק.

און ווען איר מאַן איז נפטר געוואָרן, האָט זי זיך געגעבן אַ נדר אַרויסצוגעבן דעם צווייטן באַנד „ליטע“. דאָ אין ישראל האָט זי ממש טעג און נעכט געווידמעט דער דאָזיקער אויפגאַבע, וואָס איז געווען פאַרבונדן מיט פינאַנציעלע און טעכנישע שוועריקייטן. זי האָט ניט גערוט. לויט איר איניציאַטיוו איז געשאַפן געוואָרן אַ געזעלשאַפטלעכער קאָמיטעט, וואָס זאָל געבן זיין מאָראַלישע שטיצע ביים אַרויסגעבן דאָס ווערק. זי איז אָבער געפאַלן אונטער דער לאַסט פון דער אָנגעשטרענקטער אַרבעט. זי האָט געהאַט פיל עגמת נפש, וואָס די אַרבעט האָט זיך געצויגן פאַמעלעך מחמת געוויסע טעכנישע סיבות.

האָט זי באַשלאָסן סוף אויגוסט 1962 אָפּצופאָרן קיין ניו־יאָרק, זיך אָפּצורוען דאָרט פון איר שווערער האָרעוואַניע. מיר, אַ גרופּע אירע פריינד, האָבן באַשלאָסן זי צו באַערן מיט אַן אָפּשייד־מסיבה. ערב דער געפּלאַנטער מסיבה שרייבט זי מיר, אַז זי ליידט פון אַ האַרץ־קראַנקייט און אַז די דאָקטוירים ווילן זי אַוועקנעמען אין שפּיטאָל. זי האָפט אָבער זיך צו טרעפן מיט אירע פריינד אין קאַפעהויז, וואו דער באַנקעט דאַרף פאָרקומען, און ווי פאַרויסשפּירנדיק איר טרויעריקן גורל, גיט זי צו: „איך דאַנק אייך און דאַנק אייך פאַר אייער אינטערעס און געטריישאַפט. מיין גאַנצע האָפענונג איז אויף אייך“.

ניט באַשערט געווען אונדז, אירע פריינד, זיך צו טרעפן מיט איר ביים באַנקעט־טיש. זי איז אָפּגעפירט געוואָרן אין איכילאָוו־שפּיטאָל און האָט זונטיק דעם 3־טן סעפּטעמבער שטיל אויסגעהויכט איר נשמה.

דינסטיק דעם 5־טן סעפּטעמבער איז פאָרגעקומען די לוויה. אַ גרויסער עולם משפּחה־קרובים, פריינד און באַקאַנטע, בעיקר ליטווישע יידן, צווישן זיי געזעלשאַפטלעכע עסקנים און שרייבער, האָבן זי באַגלייט צו איר אייביקער רו. ס׳האָבן זי מספּיד געווען אין נאָמען פון איגוד יוצאי ליטא בישראל דער פאָרזיצער ר. רובינשטיין און אין נאָמען פון „אָרט“ דירעקטאָר יעקב אָלייסקי.

ד״ר מענדל סודאַרסקי האָט אָפּגעגעבן זיינע כוחות אויפן ערשטן באַנד „ליטע“. אַלטע סודאַרסקי האָט זיך מוסר נפש געווען פאַרן צווייטן באַנד.

זייערע ליכטיקע נעמען וועלן אויף אייביק בלייבן איינגעקריצט אין דער געשיכטע פון דער טראַגיש אומגעקומענער יידישער ליטע.

# געשיכטע,
# ארבעטער־
# באוועגונגען
# און
# פארטייען

ד"ר הערמאַן פראַנק

# זאַמוט און אירע יידן

(קולטור־געשיכטלעכע און עטנאָגראַפישע סקיצע)

א.

אין די זומפיקע און וואַלדיקע געגנטן אַרום דעם מזרח־דרומדיקן ברעג פון באַלטישן ים האָט זינט די אורצייטן געלעבט אַ זייער אַלט און קריגעריש פאָלק — די ליטווינער. לויט זייער אָפּשטאַם און שפּראַך זיינען זיי אַ צווייג פון דער גרויסער אינדאָ־אייראָפּעאישער פעלקער־פאַמיליע. דעם דאָזיקן אַלטן יחוס היטן די ליטווינער אייפעריק אָפּ ביז היינט. צווישן די אינדאָ־אייראָפּעאישע שפּראַכן, וואָס האָבן אַלע, ווי באַוואוסט, אַ ווייטע קרובה־שאַפט מיטן דרום־אַזיאַטישן, אינדישן סאַנסקריט־לשון, האָט דווקא ליטוויש אַמשטאַרקסטן אָפּגעהיט די שפּורן פון דעם ווייטן אורשפּרונג, סיי אין די קלאַנג־פאָרמען, סיי אין דעם ווערטער־בוי

שוין אין די אורצייטן האָבן זיך די ליטווינער געטיילט אויף צוויי שבטים. איינער האָט פאַרנומען די נידעריקערע געגנטן פון דעם גרויסן האַלב־ויסטן קאַנט. ער האָט זיך גערופן „זיעמאיטיס" און זיין לאַנד — „זיעמאיטיא" (וואָס באַדייט אין ליטוויש „נידעריק לאַנד") אין קעגנזאַץ צום שבט וואָס האָט פאַרנומען דעם „אַוקשטאַיטיא", דאָס הייסט דעם העכערן טייל פון לאַנד. דער טייך ניעוויאזש, וואָס ציט זיך פון צפון צו דרום און פאַלט אַריין אין ניעמאַן הינטער קאָוונע, איז געוואָרן די גרענעץ צווישן אָט די צוויי גרויסע שבטים. אויף זיין לינקן נידעריקערן ברעג האָבן זיך באַזעצט די „זיעמאַיטיס", אָדער (אין דער דייטש־פּוילישער אויסשפּראַך־פאָרם) די „זאַמוטער", און אויף דעם רעכטן ברעג, אויפן שטח, וואָס ציט זיך צו מזרח ביז ווילנע און צו דרום ביז קאָוונע — די ליטווינער. די גאַנצע געגנט, וואו דער ערשטער פון די דאָזיקע שבטים האָט יאָרהונדערטער־לאַנג געלעבט, האָט באַקומען דעם נאָמען „זאַמוט" אָדער (אין רוסיש) „זשמוד". די אַנדערע שבטים פון אָט דער אַלטער פעלקער־גרופּע האָבן געהאַט שטענדיקע באַרירונגען מיט די אַרומיקע גרעסערע פעלקער, ווי די רוסן, פּאָליאַקן און דייטשן. פון זיי האָבן אָט די ליטווישע שבטים איבערגענומען פיל פרעמדע עלעמענטן אין דער שפּראַך און אין די מנהגים. אַנדערש איז אָבער געווען די לאַגע פון די זאַמוטער. אָפּגעשלאָסן, אָפּגעצאמט און כמעט באַהאַלטן אין זייערע אוראַלטע וועלדער, אין צעוואָרפענע ישובים אַרום די גרויסע אָזיערעס און ביי די ברעגעס פון אומצייליקע טייכן און טייכלעך, האָבן זיי הונדערטער יאָרן כסדר געלעבט כמעט ווי אַ זעלבשטענדיק פאָלק אין אַן אייגענעם לאַנד, מיט אַ פירשט און



מיליטער פאַר זיך. לאַנג נאָך דעם, ווי אַרום זיי האָט זיך שוין געשפּירט דער איינפלוס פון דעם קריסטנטום און דער רוימישער ציוויליזאַציע, האָבן זיי, די זאַמוטער, נאָך אַלץ זיך האַרטנעקיק געהאַלטן ביים היידנטום, ד. ה. ביי דער נאַטור־רעליגיע פון זייערע פּרימיטיווע עלטער־עלטערזיידעס. ערשט אין 16־טן י"ה האָט די רוימיש־קאַטוילישע קירך, מיט דער הילף פון די יעזואיטן, זיך ענדלעך איינגעוואָרצלט אויך צווישן דעם עקשנותדיק־קאָנסערוואַטיוון און געהיימניספול־אייגנאַרטיקן ליטווישן שטאַם — די זאַמוטער.

הונדערטער יאָרן האָט דער דאָזיקער מערקווירדיקער שטאַם געפירט אָן אויפהער בלוטיקע מלחמות מיט די אייגענע ברידער, די ליטווינער, און נאָך מער מיט די טעווטאָנישע אָנגרייפער, וואָס האָבן זיך כסדר געריסן צו קאָלאָניזירן די לענדער אַרום באַלטישן ים. דאָס זיינען געווען די קרייצציגלער און ריטער פון דעם ליוואָנישן אָרדן, וואָס האָבן לסוף פאַרכאַפּט ביי די סלאַווישע און באַלטישע שבטים מזרח־פּרייסן און עס באַזעצט. זייער פאָעטיש און טרעפלעך האָט אָט דעם לאַנגן און בלוטיקן היסטאָרישן סכסוך איבערגעגעבן אין פיר קורצע שורות אברהם ליעסין אין זיין שטימונג־ליד „צווישן די שנייען":

פאָכט זיין שפּיז, זיין טייטשישן, גזלנישן,
דער מאָנאַך פון אָרדן פון ליוואָנישן.
פאָכט זיין בולאַווע דער פויער ליטוויש־ביטער
קעגן קרייץ פון קנעכטשאַפט און די קלויסטער־ריטער.

שפּעטער, אין 16־טן יאָרהונדערט, האָבן די ליטווישע גרויס־פירשטן איינגעשלונגען זאַמוט, און נאָך דער פאַרליטישער פאַראייניקונג פון ליטע מיט פּוילן (אין 1569) איז זאַמוט געוואָרן איינע פון די צפונדיקסטע און אָפּגעלעגנסטע פּראָווינצן פון דער גרויס־פּוילישער מלוכה, וואו די רייכע פּריצים און די קירך האָבן רויבעריש און דעספּאָטיש געהערשט איבער די אונטערדריקטע פינצטערע פויערים־מאַסן.

די שטאָט שאַוול איז דער געאָגראַפישער צענטער פון זאַמוט — פון אָט דער טשיקאַווער, אייגנאַרטיקער פּראָווינץ פון דער פאַרצייטיקער ליטוויש־פּוילישער מלוכה. זאַמוט האָט זיך געצויגן, אויף אַ שטח פון הונדערטער קוואַדראַט־מייל, אין די גרענעצן פון דריי קרייזן (אויעזדן) פון דער שפּעטערדיקער קאָוונער גובערניע (שאַוול, טעלזש און ראָסיעני). אין די לעצטע 700 יאָר איז דער שאַוולער קרייז געווען די אַרענע פון אַ סך בלוטיקע פעלקער־

צוזאַמענשטויסן און מלחמה־צעשטערונגען. 200—300 יאָר נאָכאַנאַנד פלעגן זיך דאָרט שלאָגן די לאָקאַלע איינוואוינער, די ליטווינער און פּאָליאַקן, מיט די דייטשע אַכזריותדיקע ריטער־אָרדנס, וואָס האָבן לייכט איינגענומען די שכנותדיקע פּראָווינצן, קורלאַנד און ליפלאַנד. די דייטשן פלעגן ליידן מפּלות אין די שלאַכטן מיט די ליטווינער. שפּעטער, אין 17־טן און 18־טן יאָרהונדערט, איז זאַמוט ווידער געוואָרן אַ קריגס־פּלאַץ אין די מלחמות, וואָס פּוילן פלעגט פירן מיט די רוסן און שוועדן. אין אָנפאַנג 19־טן י״ה האָט נאַפּאָלעאָנס אַרמיי אַריינמאַרשירט אין זאַמוט אויפן וועג קיין צענטראַל־רוסלאַנד, און אין 1831 און 1863 האָבן זיך דאָרט צעפלאַקערט די פּוילישע אויפשטאַנדן קעגן צאַריזם.

ענדלעך, בעת דער וועלט־מלחמה פון 1914—1918, האָט גאַנץ ליטע געמוזט אויסשטיין אַ פיר־יאָריקע מיליטערישע אָקופּאַציע פון די דייטשן. דערפאַר האָט זי אָבער, די וועלט־מלחמה, געבראַכט די ליטווינער די נאַציאָנאַלע ווידערגעבורט און די פּאָליטישע זעלבשטענדיקייט. ערשט, דער צווייטער וועלט־קריג, וואָס האָט אויסגעבראָכן אין סעפּטעמבער 1939, האָט ווידער געפירט צו אַ פּאָליטישער איבערקערעניש אין יענעם שוין פיל־געליטענעם ווינקל פון מזרח־אייראָפּע.

אָט אַזוי האָט יענער שטילער, אָפּגעלעגענער טייל פון ליטע, אַן איינגעהילטער אין ראָמאַנטיש־געהיימניספולע אַלטע טראַדיציעס, לעגענדעס און פאָלקס־מנהגים, דורכגעמאַכט אין די לעצטע 700 יאָר שטורעמדיקע געשעענישן; איז געשטאַנען אונטערן איינפלוס פון אַ סך רעליגיעס, שפּראַכן, ציוויליזאַציעס און רעגירונגען. ניט אומזיסט געפינט מען ביי די אויסגראָבונגען פון אַלטע „קורגאַנען", ביי די קברים־בערגלעך אַרום שאוול שפּורן פון אַ סך היסטאָרישע עפּאָכעס, רעשטלעך און סימנים פון דעם לעבנסשטייגער מיט הונדערטער יאָר צוריק. אָבער נאָך טיפער האָבן מסתמא די עפּאָכע־מאַכנדיקע פּאַסירונגען וואָס די געגנט האָט איבערגעלעבט אין משך פון דורות, באַווירקט די פּסיכיק פון די איינוואוינער. די באַפעלקערונג פון זאַמוט איז פיל מער פון די איינוואוינער פון אַ סך אַנדערע, מער אָנזעעוודיקע און רייכערע פּראָווינצן פון ליטע און פּוילן, דערפאַרן און באַהאַוונט און אויך פאַראינטערעסירט אין די פּאָליטישע און גייסטיקע וועלט־ענינים. אַ היפּשער טייל פון פאָלק האָט, אַזוי צו זאָגן, אַנטוויקלט אין זיך אַ חוש פאַר געשיכטע, און ממילא געלעבט מיט גייסטיקע אינטערעסן, און ניט בלויז מיט די טאָג־טעגלעכע דאגות און וואָכעדיקע עסקים. באַזונדערס שטאַרק האָט זיך אָט דער פּסיכאָלאָגישער מצב געלאָזט באַמערקן ביי די יידן פון זאַמוט, באַזונדערס אין דער שאַוולער געגנט, אין לויף פון 19־טן י״ה.

ב.

אין דער געשיכטע פון פּויליש־ליטווישן יידנטום האָט די פּראָווינץ זאַמוט (באַקאַנט אין יידישע געשיכטסקוועלן ווי „מדינת זאַמוט") שטענדיק געשפּילט אַן אייגנאַרטיקע ראָל. זי האָט געהאַט אַ יידישן ישוב נאָך מיט איבער 400 יאָר צוריק. דאָרט האָבן זיך קאָלאָניזירט יידן פון אַנדערע ליטווישע פּראָווינצן ווי בריסק און טראָקי. די הויפּט־פּרנסות פון די רייכערע יידישע משפּחות איז געווען, ווי דער שטייגער אין יענער צייט, דאָס נעמען אין פּאַכט די מלוכה־שטייערן. אָבער מחמת דער געאָגראַפישער לאַגע פון זאַמוט, וואָס גרענעצט זיך מיט פּרייסן, האָבן די יידן באַלד אָנגעפאַנגען זיך צו פאַרנעמען אויך מיט אַנדערע צווייגן פון מסחר, ווי צ. ב. עקספּאָרט פון געהילץ, תבואה און אַנדערע רוי־מאַטעריאַלן קיין דייטשלאַנד. און פון דייטשלאַנד פלעגן די זאַמוטער סוחרים אַריינפירן קיין ליטע און פּוילן גאָלדענע און זילבערנע זאַכן, מאַנופאַקטור סחורות, וויינען א. א. ז. וו.

שוין אַרום 1650 זיינען אויפגעקומען די ערשטע זאַמוטער יידישע קהילות, ווי קיידאַן און בירזש. די גרעסטע יידישע קהלה איז געווען קיידאַן, דעמאָלט — אַ פאַמיליעגוט פון די גרויסע פּוילישע מאַגנאַטן ראַדזיווילס. די רייכע פּוילישע פּריצים האָבן פון דאָרטיקן יידישן קיבוץ געצויגן אַן אומגעהייער גרויסן נוצן, און דעריבער געשטרעבט אַריינצוציען קיין זאַמוט וואָס מער יידישע איינוואוינער.

אַרום 1750 קומען אויף אַ סך נייע יידישע קהילות, ווי פּאַלאַנגע, וויזון, גאַרזד א. אַ. וו. אין די קומענדיקע 50—80 יאָר גייט נאָך שנעלער דער וואוקס פון דעם זאַמוטער יידישן קבוץ, און אין סוף 18־טן י״ה געפינט מען שוין אַ סך פרישע קהילות, ווי פּלונגיאַן, פּומפּיאַן, יאַנישקי, קעלם, פּאָסוואַל, זשאַגער און אַנדערע. איבער 15 טויזנט יידישע נפשות האָט מען געציילט אין 1766 אין גאַנץ זאַמוט. פאַר יענער צייט איז דאָס געווען ניט קיין קליינער ישוב.

ווי אין גאַנץ ליטע, האָבן אויך די זאַמוטער יידן זיך שטענדיק באַצויגן מיט דער גרעסטער חשיבות צו תלמודישער לומדות, און גאָר גרויסע לומדים פלעגן פאַרנעמען די כסאי־הרבנות אין די עלטסטע און גרעסטע זאַמוטער קהלות, ווי קיידאַן, טעלזש און אַנדערע. דאָס טראַדיציאָנעלע יידישקייט איז דאָרט געווען טיף פאַרוואָרצלט דורות־לאַנג. פּאָליטישע און גייסטיקע דערשיטערונגען האָבן אָבער אין דער צווייטער העלפט פון 18־טן י״ה אויפגעטרייסלט די רו און זיכערקייט פון דעם הונדערטיעריקן יידישן ישוב אין זאַמוט. אַ טייל פון אָט דעם אַלטן קבוץ איז אָפּגעריסן געוואָרן פון דער פּויליש־ליטווישער מלוכה דורך רוסלאַנד אין יאָר 1772. די איבעריקע טיילן פון ליטע און זאַמוט זיינען אַריינגעפאַלן אונטער דער דעספּאָטישער רוסישער הערשאַפט ביי די צוויי ווייטערדיקע צעטיילונגען און ליקווידאַציע פון פּוילן, אין 1793 און 1795.

די פּאָליטישע און גייסטיקע יסודות פון דעם יידישן קהלישן און יחידישן לעבן, וואָס זיינען געבליבן אומפאַרענדערט פיל דורות, זיינען דעמאָלט, אין סוף 18־טן

י״ה, איבערנאַכט צעשטערט געוואָרן. אַ פרעמדע, מעכטיקע און אומרחמנותדיק שטרענגע מאַכט, רוסלאַנד, האָט צו זיך אין די הענט אַריינבאַקומען טויזנטער שוצלאָזע און רעכטלאָזע יידישע אונטערטאַנען, וואָס זיינען אַזוי פעסט פאַרוואָרצלט געווען אין דעם אַלט־יידישן לעבנס־שטייגער און וועלט־באַנעם.

דאָס איז אָבער ניט אַלץ. אין דער זעלבער צייט, אין דער צווייטער העלפט פון 18־טן י״ה, האָבן צוויי נייע גייסטיקע באַוועגונגען — חסידות און השכלה — אויפ־געאַקערט דעם באָדן, אויף וועלכן דער ליטוויש־יידישער קיבוץ איז לאַנגע דורות געשטאַנען.

אין משך פון גאַנצן 19־טן י״ה, באַזונדערס אין זיין צווייטער העלפט, האָבן די גייסטיק־פירנדיקע קרייזן פון זאַמוטער יידן אַרויסגעוויזן אַ היפש גרויסע מאָס נאַציאָנאַל־יידישן באַוואוסטזיין, אַ ליבע און טרייקייט צו די יידיש־פאָלקסטימלעכע קולטור־אוצרות.

אין די 80־ער און 90־ער יאָרן פון 19־טן י״ה האָט אין דער יידישער אויפגעקלערטער און ראַדיקאַל־גע־שטימטער יוגנט אין רוסלאַנד געהערשט אַן אַסימילאַ־טאָרישער גייסט, וואָס איז געווען אין טעאָריע קאָסמאָ־פאָליטיש־אינטערנאַציאָנאַליסטיש און אין דער פראַקטיק — רוסיפיקאַטאָריש אָדער (אין פוילן) פאָלאָניזאַטאָריש. גאַנץ אַנדערש איז אָבער געווען די לאַגע אין זאַמוט, וואו פאַר דער רוסיפיקאַציע איז כמעט קיין פלאַץ ניט געווען. די גרויסע מערהייט פון פאָלק איז באַשטאַנען פון ליטווינער, און די גרעסטע נאַציאָנאַלע מינדערהייט־גרופע זיינען געווען די יידן. פון יעדע צען איינוואוינער אין שאוולער קרייז, צום ביישפיל, זיינען זיבן געווען ליט־ווינער, צוויי יידן און איינער אָדער אַ רוס, אָדער אַ פאָליאַק אָדער אַ דייטש. דער אויבערשטער סאָציאַלער שיכט פון ליטווישן פאָלק, די פריצים, איז געווען דורך און דורך פאָלאָניזירט און האָט זיך געהאַלטן פיינדלעך צו רוסלאַנד. די אינטעליגענץ, ווידער, האָט מערסטנטייל גערעדט רוסיש און זיך אַפילו געשעמט מיטן לשון פון פראָסטן פאָלק, דאָס מיינט — מיט ליטוויש.

די ברייטע ניט־יידישע מאַסע איז הייסט עס, געווען אין אָפאָזיציע סיי צום פרעמדן פוילישן סיי צום הער־שנדיקן רוסישן איינפלוס, און דאָס ליטווישע פאָלק האָט זיך געהאַלטן פעסט ביי זיין אייגן לשון און די אַלטע נאַציאָנאַלע מנהגים. די רוסישע שפראַך איז אין זאַמוט געווען בלויז די שפראַך פון דער פאָליציי און אַנדערע שררות. די דייטשע שפראַך ווידער האָבן גוט באַהערשט בלויז געציילטע פון די געבילדעטע יידישע קרייזן, אָבער פאַר דער ברייטער יידישער מאַסע איז דייטש געווען ווייט און פרעמד. אַפילו אין דעם נאָענטן קורלאַנד, וואו די השפעה פון דייטשלאַנד איז געווען נאָך אַ פיל גרעסערע, האָבן די יידן גערעדט אויף זייער אייגענער שפראַך, אַ מין קורלענדישער יידישער דיאַלעקט. מען טאָר אויך ניט פאַרגעסן, אַז צו דער יידישער נאַציאָנאַליטעט איז מצד די קליינע און שוואַכע באַלטישע פעלקער, די לעטן, ליטווינער און אַנדערע, שטענדיק געווען אַ פיל טאָלע־ראַנטערע, פריינדלעכערע באַציאונג איידער מצד די רו־סישע אָדער פוילישע נאַציאָנאַליטעטן, וואָס האָבן ניט אויפגעהערט צו שטיקן און רודפן די יידישע קולטורעלע אייגנאַרטיקייט, כדי די יידן מיט געוואַלט צו אַסימילירן און פאַרשלינגען. פאַרקערט, די לעטן און ליטווינער, אַליין אונטערדריקטע און נאָך ווייניק אַנטוויקלטע און מאָדערניזירטע פעלקער, האָבן דורך זייער פראָגרעסיווער אינטעליגענץ אַרויסגעוויזן אַ פיל פריינדלעכערע באַציאונג דווקא צו יענע יידן וואָס האָבן געזוכט אָפצוהיטן זייער אייגן קולטור־פנים און ניט געוואָלט זיך צונויפמישן מיט די הערשנדיקע, מעכטיקע נאַציעס, ווי די רוסן און דייטשן, וואָס האָבן די קליינע באַלטישע פעלקער באַ־הערשט און אונטערדריקט. איז דעריבער ביי אַ גרויסן טייל פון די סאָציאַל־פראָגרעסיווע יידן פון די באַל־טישע לענדער שטענדיק געווען צו באַמערקן אַ פאָזיטיווע באַציאונג צו זייער פאָלקס־שפראַך און פאָלקסטימלעכער קולטור. אָט דער אומשטאַנד דערקלערט אונדז אויך למאי ווילנע און ליטע בכלל מיט איר דעמאָקראַטישער און יידיש־פאָלקסטימלעכער אינטעליגענץ שפילט אַזאַ גרויסע ראָל אין דער אויפלעבונג פון דער שיינער און וויסנשאַפט־לעכער ליטעראַטור אין יידיש אין די לעצטע צענדליקער יאָרן. פון דער צווייטער זייט, לאָזט זיך שוין דערפון לייכט פאַרשטיין, פאַרוואָס די ניי־אויפגעבויטע באַלטישע מלוכות האָבן ניט בלויז צוגעזאָגט, נאָר אין אָנפאַנג אַפילו געגעבן זייערע יידישע מינדערהייטן כמעט פולע רעכט אויף אַ נאַציאָנאַל־קולטורעלער אויטאָנאָמיע, ווי צום ביישפיל דאָס רעכט צו באַנוצן זיך אין די שולן מיט דער יידישער שפראַך א. אַז. וו.

אַזוי איז די אַנטוויקלונג געגאַנגען ביז די 1920־ער יאָרן, ווען עס האָט זיך אין גאַנצן באַלטישן קאַנט, דאָס מיינט אין די צפון־מערבדיקע „ראַנד־מלוכות" אויף דער סאָוועט־רוסישער גרענעץ, אַנגעהויבן אַנטוויקלען דער אַגרעסיווער נאַציאָנאַליזם און שאָוויניזם — דער פאַשיזם. ער האָט לחלוטין צונישט געמאַכט די ליכטיקע האָפענונ־גען, וואָס זיינען אויפגעקומען ביי די יידן אין ליטע נאָכן סוף פון דער ערשטער וועלט־מלחמה. און אָט דער ווילד־אַגרעסיווער שאָוויניסטיש־נאַציאָנאַלער גייסט פון די געוועזענע אונטערדריקטע קליינע פעלקער האָט, ווי מיר וויסן איצט, צוגעגרייט דעם באָדן פאַר דעם מוראדיקן יידישן חורבן בעת דער צווייטער וועלט־מלחמה.

שמואל אלישיב (פרידמאַן)

# די צ.ס. באַוועגונג אין ליטע

א

אין אַ סך הינזיכטן האָט די קליינע ליטע געדינט אַלס ביישפּיל פאַר אַנדערע יידישע קיבוצים, און פיל אַנטפּלעקונגען פון איר עפנטלעכן לעבן האָבן אַרויסגערופן באַוואונדערונג און דרך־ארץ ווייט הינטער אירע גרענעצן. דער אייגנאַרטיקער כאַראַקטער פון ליטווישן יידן, זיין ערנסטקייט, אחריות־געפיל פאַרן כלל, זיין צניעותדיקע האַלטן זיך אין אַ זייט פון שרייענדיקער רעקלאַמע, זיין עקשנותדיקע איבערגעגעבנקייט צום ציל, וואָס ער שטעלט פאַר זיך, און דערצו די טיפע וואָרצלען אין יידישער קולטור, די למדנות פון פילע דורות, וואָס האָבן געשאַפן ארום דעם קליינעם ליטוויש־יידישן קיבוץ אַ באַזונדער אַטמאָספער פון עכטער און ערנסטער יידישקייט, — דאָס אַלץ צוזאַמען האָט געבראַכט דערצו, אַז פאַרשיידענע אויפטוען פון ליטווישע יידן האָבן באַקומען אַ באַזונדער וואָג, און אַז ליטווישע יידן, ניט געקוקט אויף זייער קליינע צאָל און זייער אָפּגעריסנקייט פון אַנדערע גרויסע יידישע קיבוצים, האָבן באַוויזן אויפצוטאָן זאַכן, וואָס אַנדערע קיבוצים האָבן עס ביי זיך ניט געקענט פועלן.

איך קען ברענגען דערצו אַ סך ביישפּילן. אין קיין אַנדער לאַנד, למשל, האָבן יידן ניט אויפגעבויט אַזאַ בנין פון יידישע קהילות מיט אַ נאַציאָנאַל־ראַט, אַזאַ נעץ פון קרעדיט־אַנשטאַלטן, וואָס האָט אַריינגענומען אין זיך די קלענסטע ווינקעלעך פון לאַנד. אין קיין אַנדער לאַנד האָט די יידישע עפנטלעכקייט ניט געפונען ביי זיך קיין מוט צו פאָדערן פון „דזשאָינט“, ער זאָל זיין הילפס־אַרבעט פירן דווקא דורך אירע אייגענע געוויילטע אָרגאַנען, און אַפילו געוואַגט זיך צו אַנטזאָגן פון דער דאָזיקער הילף, ווי דאָס האָט געטאָן דער קהילות־צוזאַמענפאָר פון ליטווישע יידן נאָכן ערשטן וועלט־קריג, אין דער צייט פון טיפער נויט, ווען ס'איז אַזוי דרינגענד געווען הילף פון דרויסן אויף אויפצושטעלן די חורבות פון דער מלחמה. אין קיין אַנדער לאַנד, למשל, איז ניט געווען אַזאַ העברעאישער שולוועזן, וואָס האָט אויפגעשטעלט אַ גאַנצן דור, וועלכער רעדט און שרייבט העברעאיש, הגם העברעאישע קולטור־טוער אין אַנדערע לענדער האָבן זיכער געהאַט אין דער הינזיכט די זעלבע שטרעבונגען, וואָס אין ליטע.

נאַטירלעך, האָבן געשפּילט זייער ראָל דערביי אויך פאַרשיידענע אויסערלעכע באַדינגונגען, אָבער דער עיקר איז געווען אין דעם כאַראַקטער פון ליטווישן יידן, וואָס מיינט ערנסט מיט יעדער זאַך, צו וועלכער ער נעמט זיך, און וואָס ווערט ניט מיד פון זאַכלעכער אָפּט אויסמאַטערנדיקער און איינטאָניקער טעטיקייט, ווייסנדיק, אַז מ'דאַרף קיינמאָל ניט פאַרלירן פון אויג די ווייטע צילן, און צוגלייך מיט דעם אויך ווייסנדיק, אַז מען קאָן קיין זאַך ניט דערגרייכן, אויב מען פאַרשטייט ניט, ווי אַזוי צו זיצן אויף דער סאַמע ערד און פלאַסטערן די וועגן צו די ווייטע צילן.

ב

איינע פון אַזעלכע דערגרייכונגען פון ליטווישע יידן און פון באַזונדערע אַנטפּלעקונגען פון זייער אייגנאַרטיקער געזעלשאַפטלעכער איינשטעלונג איז געווען די ליטווישע צ. ס.־באַוועגונג. ליטע איז, כידוע, אַ קליין לאַנד, ס"ה האָט זי באַטראָפן נאָר איין פּראָצענט פון וועלט־יידנטום. אין דער וועלט, וואָס פאַרן מבול פון שרעקלעכן 2־טן וועלט־קריג, זיינען געווען אַ סך יידישע ישובים גרעסערע פון ליטווישן קיבוץ און רייכערע פון אים. אויך אין דער וועלט־באַוועגונג פּועלי־ציון־צ. ס. זיינען געווען גרעסערע און מער יחוסדיקע אָרגאַניזאַציעס ווי אין דער אָרעמער ליטע מיט אירע קליינע שטעטלעך, און פונדעסטוועגן האָט די ליטווישע צ. ס.־באַוועגונג פאַרנומען דעם אויבן־אָן. און דאָס אין אַ סך הינזיכטן.

די ליטווישע צ. ס. איז יאָרן געווען, נאָך דער ריי, די איינציקע, חוץ די ארץ־ישראלדיקע אַרבעטער־פּאַרטיי, וואו די פאַרטרעטער פון אַרבעטער־ציוניזם האָבן געהאַט די אַבסאָלוטע מערהייט ביי די וואַלן צום ציוניסטישן קאָנגרעס. נאָך אַמעריקע מיט איר געווערקשאַפט־קאַמפּיין פאַרן אַרבעטנדיקן ארץ־ישראל איז ליטע געשטאַנען אויפן ערשטן פּלאַץ לויט די הכנסות פון א"י־דיקן אַרבעטער־פאָנד, און פלעגט יאָר־איין־יאָר־אויס ביי איר גרויסער אָרעמקייט אויפזאַמלען הונדערטער פונטן פאַר דעם צענטראַל־פאָנד פון דער הסתדרות אין א"י, דאָס וואָס גרע־



אָנפירנדיקע ח"ח פון קאָוונער צעירי־ציון „התאחדות“

סערע און רייכערע פאַר איר האָבן ניט געטאָן. זי איז געווען די איינציקע צווישן אַלע פּאַרטייען פון פּועלי־ציון־צ. ס. און התאחדות אין דער וועלט — חוץ די פּאַראיבערגייענדיקע פּרוּוון גאַר אַמאָל אין אַמעריקע און שפּעטער אין פּוילן — וואָס האָט אויפגעשטעלט און אויפגעהאַלטן אַ לאַנגע צייט אָן הפסקות אַ טעגלעכע צייטונג פון דער באַוועגונג. די אייניקע ביישפּילן אַליין ווייזן שוין באַשיינפערלעך, וואָס פאַר אַ וואָג די ליטווישע צ. ס. האָט געהאַט אין איר וועלט־באַוועגונג.

די ליטווישע צ. ס. האָט געהאַט צו פאַרצייכענען אויך גרויסע דערגרייכונגען אין דער היים, אויף פאַרשיידענע געביטן, וואָס זייער עיקר־וויכטיקייט איז געווען אויפן פּלאַץ גופא. אין דער ציוניסטישער טעטיקייט אין ליטע איז זי יאָרן געשטאַנען בראש פון דעם לעבעדיקסטן נערוו פון ארץ־ישראלדיקער אַרבעט, דער פּאַלעסטינאַ־אַמט, וואָס האָט געהאַט אַזאַ באַדייטונג פאַר פיל ליטווישע יידן. אין צייט איז זיין פאַרזיצער געווען דער שרייבער פון די שורות, און שפּעטער — דער טאַלאַנטפולער, חבריש־ליבער און טיף־איבערגעגעבענער חבר א פ ר י ם ג ר י ב ע ר ג, וואָס האָט אין יאָר 1942 געפונען זיין טויט נאָך יסורים פון טורמע, פּליטים־לעבן און קורצער דינסט אין דער רויטער אַרמיי, ערגעץ ווייט אין אַזיאַטישן רוסלאַנד, ביי אומשטענדן, וואָס זיינען אונדז ווייניק באַוואוסט. בראש פון דער קרן־היסוד אַרבעט איז געשטאַנען אַ סך יאָרן דער אַדוואָקאַט לייב גאַרפינקל, געוועזענער סיים־דעפּוטאַט און גענעראַל־סעקרעטאַר פון יידישן נאַציאָנאַל־ראַט, איינער פון די הויפּט בויער פון דער נאַציאָנאַלער אויטאָנאָמיע אין ליטע. דער אויסברוך פון רוסיש־דייטשן קריג האָט אים געטראָפן אין תפיסה. די צ. ס. און די יוגנט־גרופּירונגען פון אַרבעטנדן ארץ־ישראל זיינען געווען די הויפּט־טרעגער פון יידישן נאַציאָנאַל־פאָנד. אַ געוויסע צייט האָט צ. ס. אויך אָנגעפירט מיט דעם דאָזיקן צווייג פון ציוניסטישער אַרבעט, דעם סאַמע פאָלקסטימלעכן אויסדרוק פון ציוניסטישער טעטיקייט, וואָס האָט אָפּגעהיט זיין כאַראַקטער אויך ביי דער אַלגעמיינער פאָלקסטימלעכקייט און „עמך"־דיקייט, מיט וועלכער ס'האָט זיך אויסגעצייכנט בכלל דער ציוניזם אין ליטע. בראש פון דעם נאַציאָנאַל־פאָנד איז אַ צייט לאַנג געשטאַנען דער שרייבער פון די שורות.

חברים פון צ. ס. זיינען געווען די הויפּט־בויער פון דער העברעאישער שול און פיל פון זיי האָבן זיך גערעכנט צווישן אירע באַדייטנדיקסטע לערער. מען מוז אָבער דאָ פאַרצייכענען, אַז אויף דעם געביט האָבן צ. ס. ניט באַוויזן צו דערגרייכן צו דער פאַרווירקלעכונג פון אַן אייגענער שול־פּראָגראַם. די פּאַרטיי איז ניט געווען מסכים מיט דער אַלגעמיינער ריכטונג פון „תרבות", און האָט, לויט אַ באַשלוס פון איינעם פון אירע צוזאַמענפאָרן, פאַרלאָזן די דאָזיקע אָרגאַניזאַציע. זי האָט אָבער ניט באַוויזן אויפצושטעלן קיין אייגענעם שול־וועזן, וואָס זאָל זיין דורכגעדרונגען מיט אַ יידיש־חלוצישן גייסט און אין





וועלכן ס'זאָל זיין אָפּגעגעבן דער געהעריקער אָרט פאַר יידיש און יידישער קולטור. דער פּלאַץ איז שוין געווען פאַרנומען און אין דער קליינער ליטע, מיט איר שטאַרק אַנטוויקלטער שול־נעץ און מיט דער אַלץ מער וואַקסנדיקער השגחה מצד דער מאַכט אויפן שול־וועזן פון די נאַציאָנאַלע מינדערהייטן, זיינען ניט געווען קיין אויסזיכטן פאַר נייע פּרוּוון, וואָס האָבן געזאָלט זיין אַרויסגערופן ניט דורך פּעדאַגאָגישע מאָטיוון נאָר דורך געזעלשאַפטלעך־פּאָליטישע.

ס'איז אויפגעשטעלט געוואָרן די ליגע פאַרן אַרבעטנדן ארץ־ישראל, וואָס האָט פאַראייניקט אין אירע רייען טויזנטער מיטגלידער, צווישן זיי אויך מענטשן, וואָס זיינען ניט געווען פּאָליטיש אָרגאַניזירט אין צ. ס. אויך אַזוינע, וואָס האָבן אָנגעהערט צו אַנדערע גרופּירונגען און האָבן דורך דער באַטייליקונג אין דער „ליגע" געבראַכט צום אויסדרוק זייער סימפּאַטיע צו דער א"יידיקער אַרבעטערשאַפט. ס'איז געווען אויפגעשטעלט אַ ספּעציעלע פאַרצווייגטע אַרבעטער־ספּאָרט־אָרגאַניזאַציע „הפועל", וואָס איז געווען פאַרבונדן מיטן סאָציאַליסטישן ספּאָרט־אינטער־אינטערנאַציאָנאַל און מיט דער א"יידיקער אַרבעטער־ספּאָרט־אָרגאַניזאַציע מיטן זעלבן נאָמען.

און אחרון־אחרון חביב: דער ה ח ל ו ץ, וואָס איז געוואָרן ממש אַ לייכט־טורעם פאַר טויזנטער בחורים און מיידלעך פון שטעט און שטעטלעך, וועלכע האָבן ביי זיך אין דער היים ניט געפונען קיין אָנווענדונג פאַר זייערע יונגע כוחות און זיינען געווען פאַראורטיילט אויף פאַרבטלען זייער יוגנט אָדער אַרומלויפן מיט די טאַטעס פון יריד צו יריד. אין פּראָצעס פון הכשרה האָבן פיל פון זיי נאָך אין ליטע דערפילט דעם טעם פון ממשותדיקער אַרבעט, און געשטאַרקט און באַגייסטערטע דורך די אויסזיכט עולה צו זיין קיין א"י, האָבן זיי נאָך זייענדיק אין ליטע געפונען ביי זיך כוח צו פאַרלאָזן טאַטע־מאַמע און דורכברעכן זיך אַ וועג צו אַרבעט אין דאָרף און אין פאַבריק. די יידישע יוגנט אין ליטע, וואָס האָט פאַרלאָזן טאַטנס היים און האָט זיך אָוועקגעלאָזט אויפן שווערן וועג פון איבערבויען זיך אַליין, האָט עס געטאָן מיט דער זעלבער התמדה און עקשנותדיקער טרייקייט צו זיך אַליין, מיט וועלכער ס'האָבן זיך אויף פאַרשיידענע געביטן תמיד אויסגעצייכנט עלטערע דורות ליטווישע יידן. ס'איז דעריבער קיין חידוש ניט, וואָס פיל און פיל פון די, וואָס האָבן באַקומען זייער דערציאונג אין ליטווישן „החלוץ", פאַרנעמען אַצינד אַ קאַנטיקן אָרט אין די אַרבעטער־ווירטשאַפטן אין ארץ־ישראל, אין די קיבוצים און קבוצות, און צייכענען זיך אויך דאָ אויס מיט ווערטן, אין וועלכע זיי זעען אין דעם אינהאַלט פון זייער לעבן.

לאָמיר דאָ, אגב, פאַרצייכענען, אַז ליטווישע חלוצים זיינען די הויפּט־בויער און דער רוקן־ביין פון איינעם פון די גרעסטע קיבוצים אין ארץ־ישראל, גבעת ברענער, לעבן רחובות; זיי שטעלן מיט זיך פאַר דעם הויפּט־קערן אין איינעם פון די נייע קיבוצים אין אויבערשטן גליל, ד פ נ ה,

אין קיבוץ פון השומר־הצעיר אין עמק הירדן, בית־זרע, פון דער קבוצה משמרות לעבן פרדס־חנה און אַנדערע. אין די אַלע זידלונגען פילט איר ביז היינט דעם ליטווישן גייסט, חוץ פיל, פיל אַנדערע פונקטן אין לאַנד, וואו ס׳געפינען זיך אַרבעטס־מענטשן, וואָס האָבן באַקומען אין ליטווישן החלוץ זייער דערציאונג צו לעבן פון אַרבעט.

ג

דאָס אַלץ — אויפן ציוניסטישן און ציוניסטיש־קולטורעלן געביט.

ענלעכעס קען מען זאָגן אויך וועגן דעם אָנטייל פון צ. ס. אין אַלגעמיינעם יידישן לעבן פון ליטע. זיי זיינען געווען אַקטיוו אין אויפבוי פון דער יידישער נאַציאָנאַלער אויטאָנאָמיע אין צייט פון איר ערשטער עקזיסטענץ. איר ערשטער גענעראַל־סעקרעטאַר איז געווען מאיר זאַק (אין ישראל), נאָך אים דער דערמאָנטער ל. גאַרפונקל. זיי האָבן פאַרנומען אַ קאָנטיקן פלאַץ אין די זעלבסטפאַרוואַלטונגען, און אין אייניקע באַדייטנדע ערטער זיינען חברים פון צ. ס. געווען וויצע־בירגערמייסטערס, ווי שמואל פעטוכאָווסקי אין שאַוול, מאיר וואַרשאַווסקי אין ווילקאָווישק (איצט אין ישראל).

באַזונדערס פיל ענערגיע האָבן די צ. ס. געווידמעט דער יידישער קרעדיט־קאָאָפעראַציע, דער פאַרצווייגטער נעץ פון די יידישע פאָלקס־בענק, וואָס איז חוץ דעם שול־וועזן געווען דער באַדייטנדסטער איבערבלייב פון דער נאַציאָנאַלער אויטאָנאָמיע און האָט מיט זיך פאָרגעשטעלט דעם רוקן־ביין פון ווירטשאַפטלעכן לעבן פון ליטווישן יידנטום. אַ ריי יאָרן איז בראש פון דער צענטראַל־באַנק אויף שטיצן יידישע קאָאָפעראַציע, — דער באַדייטנדסטער יידישער אינסטיטוציע אין ליטע — געשטאַנען איינער פון די אָנגעזעענסטע צ. ס.־טוער אייזיק ברודני, און אין די לעצטע יאָרן פאַרן קריג — נאָך אַ לאַנגער הפסקה, בעת בראש פון דער באַנק זיינען געשטאַנען פאַרטרעטער פון דער גרויסער סוחרישער וועלט, — דער צ. ס. טוער בן־ציון ברודני. חברים פון צ. ס. האָבן אָנגעפירט מיטן פאַרבאַנד פון די יידישע פאָלקס־בענק, צוערשט אברהם זאבארסקי, און שפעטער — צבי פארט און שלמה קעלזאָן. מען דאַרף פאַרצייכענען דעם אומדערמידלעכן אָרגאַניזירער פון די פאָלקס־בענק אין דער ליטווישער פּראָווינץ, עזריאל וואלק, וואָס כמעט אַלע פאָלקס־בענק, ביז אין די ווייטסטע ווינקעלעך האָבן געהאַט די געלעגנהייט אָפּצושאַצן זיין חברישע הילף און קענטנישפולע אינסטרואירונג.

אין דער קורצער תקופה פון דער דעמאָקראַטישער רעגירונג אין ליטע, ווען ס׳איז מעגלעך געווען פרייע אָרגאַניזירונג פון דער אַרבעטערשאַפט, האָבן צ. ס. גענומען אַ גאָר קענטיקן אָנטייל אין דער גרינדונג פון פּראָפעסיאָנעלע פאַראיינען — אין קאָוונע, ווילקאָמיר, אַליטע און אַנדערע פלעצער, און האָבן אין קאָוונע, צוזאַמען מיט די ס. ד. אָנגעפירט מיט די ווייניקע פאַרטייען, וואָס זיינען





געבליבן ווי ניט איז אויך אין די יאָרן, ווען אַרבעטער־טעטיקייט איז געווען אין ליטע גערודפט.

דאָ מוז אויך פאַרצייכנט ווערן, אַז די צ. ס. אין ליטע האָבן נאָך אַ לאַנגער טעטיקייט פון אויפקלערונג, איינגשטעלט באַציאונגען פון קעגנזייטיקער אַכטונג און פון שטענדיקן קאָנטאַקט מיט דער ליטווישער סאָציאַל־דעמאָקראַטיע. מען האָט צוזאַמען געאַרבעט אין די פאַרוואַלטונגען פון די קראַנקן־קאַסעס, — דער איינציקער אָרט, וואו ס׳האָט געקענט קומען צו אַ באַשיידענעם אויסדרוק פון אַרבעטער־דעמאָקראַטיע אין ליטע און וואו אַרבעטער האָבן געהאַט אַ שטיקל מאַכט. אין דער צענטראַל־פאַרוואַלטונג פון דער קאָוונער קראַנקן־קאַסע איז געווען פון אָנהייב אָן פאַרטראָטן שמואל קאַפלאַן, דער פאַרדינסטפולער אַרבעטער־טוער, וואָס איז איצט אין קאַנאַדע, שפעטער — מרדכי פרידמאַן, וואָס איז איצט אין חולון, און נאָך אים — אליהו וואלדבערג, איינער פון יינגערן צ. ס.־דור אין ליטע, וואָס איז פאַרבליבן אין ליטע, און וואָס האָט געטיילט דעם גורל פון אַלע יידן. דער שרייבער פון די שורות איז געווען דער יורידישער ראַטגעבער פון דער דאָזיקער גרויסער אַרבעטער־אינסטיטוציע, און האָט צוזאַמען מיט דער סאָציאַל־דעמאָקראַטן טוערין, אַדוואָקאַטין לידיע פורעניעניע אָנגעפירט מיט יורידישער הילף פאַר אַרבעטער ביים צענטראַל־ראַט פון די פּראָפעסיאָנעלע פאַראיינען אין ליטע. די געמיינזאַמע אַרבעט אין די צוויי אַרבעטער־קערפערשאַפטן האָבן מיטגעבראַכט צו ווייטערדיקער דערנענטערונג און קעגנזייטיקע פאַרשטענדעניש צווישן ליטווישע און יידישע סאָציאַליסטן.

אַלס איינע פון מיינע אָנגענעמסטע פערזענלעכע איבערלעבונגען אויף דעם געביט זאָל מיר דאָ דערלויבט ווערן צו דערמאָנען דעם אָפּשיידס־אָוונט, וואָס דער צ. ק. פון די צ. ס. האָט איינגעאָרדנט פאַר מיין אָפּפאָר קיין ארץ־ישראל אין הויז פון דעם פירער פון די ליטווישע ס. ד. סטעפאַן קיירים, אַן אָוונט, ביי וועלכן ס׳איז געקומען צום אויסדרוק דער וואַרעמער אינטערעס פון די ערנסטע און ערלעכע ליטווישע סאָציאַליסטן צו יידישע ענינים, אַן אינטערעס וואָס האָט זיך פאַרפעסטיקט נאָך יאָרן פון געמיינזאַמער אַרבעט מיט יידן אויף די דערמאָנטע געביטן.

ד

וואָס זיינען געווען די הויפט־עטאַפּן פון דער אַנטוויקלונג פון ליטווישן צ. ס.? מיר ווילן זיך דאָ אָפּשטעלן אויף דעם בקיצור.

צום אָפּשלוס פון ערשטן וועלט־קריג איז אין ליטע באַשטאַנען אַ גרויסע יוגנט־אָרגאַניזאַציע „צעירי־ציון“, וואָס האָט ניט מיטגעלעבט די רוסישע רעוואָלוציע און ניט דורכגעמאַכט די אַנטוויקלונג פון רוסישן צווייג פון דער באַוועגונג, פון יוגנט־גרופּן, דורך יוגנט־ציוניזם צום

סאָציאַליסטישן ציוניזם. די ראַדיקאַלע עלעמענטן פון ליטווישע צעירי ציון, וואָס האָבן עקזיסטירט אין פאַרשיידענע פונקטן פון לאַנד, זיינען נאָך דעמאָלט ניט געקומען צו קיין ריכטיקן אויסדרוק. שפּעטער אָבער, אין דעם שטראָם, וואָס איז געקומען נאָכן זשעליגאָווסקי־שטורעם פון ווילנע, און נאָך שפּעטער צווישן די צוריקגעקומענע פון ראַטן־רוסלאַנד, האָבן זיך איינגעפונען ניט ווייניקע, וואָס האָבן אין רוסלאַנד געהערט צו צ. ס. אָדער אין פּוילן — צום מזרח־פאַרבאַנד „צעירי־ציון״, וועלכער איז געווען סאָציאַליסטיש איינגעשטעלט. די טרעגער און וואָרט־זאָגער פון סאָציאַליסטישן ציוניזם אין ליטע זיינען געווען צוערשט די געקומענע פון ווילנע אפרים ביעלאַגלאָווסקי (אַ. חרמוני) און ירוחם לעווין. שפּעטער — די רוסישע גרופּע, צווישן זיי: אייזיק ברודני, נתן גרינבלאַט, אברהם זאַבאַרסקי, עזריאל וואַלק, מרדכי פרידמאַן, ז. ליובאָווסקי דער שרייבער פון די שורות און אַנדערע. ס׳איז אינטערעסאַנט, אַז די דאָזיקע גרופּע איז אָנגעקומען קיין ליטע אין דער זעלבער צייט, ווען ס׳איז געקומען אַהין אַ גרופּע פון אָנגעזעענע פאָלקיסטישע טוער און יידישיסטישע אינטעליגענץ: א. בן־אדיר, נ. שטיף, ד״ר מוקדוני, ז. קאַלמאַנאָוויטש און אַנדערע, וואָס האָבן אין דעם יידישיסטישן לאַגער אין ליטע אַריינגעבראַכט פיל לעבן און זיינען געווען די וואָרט־זאָגער אין דער דעמאָלט־געגרינדעטער צייטונג „נייס״. דער שטראָם צוריקוואַנדערער האָט אַזוי אַרום אַריינגעגאָסן פרישע בלוט אין די פאַרשיידענע טיילן פון דער יידישער עפנטלעכקייט.

אויף דער קאָנפערענץ פון צעירי־ציון אין דעצעמבער 1921 האָט די אָרגאַניזאַציע זיך פּראָקלאַמירט אַלס ציוניסטיש־סאָציאַליסטישע פּאַרטיי. מיט צוויי יאָר שפּעטער איז פאָרגעקומען אַ שפּאַלטונג צווישן דעם טייל צ. ס. וואָס האָט אָנגעהערט צום צ. ס. וועלט־פאַרבאַנד (וועלכער האָט זיך מיט צוויי יאָר שפּעטער פאַראייניקט מיטן פועלי־ציון פאַרבאַנד), און דעם רעכטן טייל, וואָס איז געווען אין וועלט־מאַסשטאַב פאַרבונדן מיט דער „התאחדות״. די חילוקי־דעות זיינען געווען ניט נאָר אָרגאַניזאַציאָנעלע, נאָר אויך אויף פאַרשיידענע טעטיקייט־געביטן. התאחדות (זייערע פירער: ל. גאַרפונקל, ז. טרויב) איז געווען פאַר אַן אַלגעמיין־יידישן פראָנט אין פּאָליטישן לעבן; צ. ס. האָבן אָבער ביי די לעצטע פרייע סיים־וואַלן, אין יאָר 1926, געשטיצט די ס. ד. ליסטע. ס׳זיינען געווען ניואַנסן אין דער אויפפאַסונג פון קולטור־פּראָבלעם. צ. ס. האָט חוץ דעם אַרויסגעוויזן אַקטיווויטעט אויף פאַרשיידענע געביטן, — ווי יידישער אַרבעטער־ספּאָרט, געברויכס־קאָאָפּעראַציע, פּראָפעסיאָנעלע באַוועגונג, קאָנטאַקט מיט די ליטווישע ס. ד., קולטור־טעטיקייט אין אינטערנאַציאָנאַלן סאָציאַליסטישן גייסט, — צו וועלכע התאחדות האָט ניט אַרויסגעוויזן קיין אינטערעס. ס׳זיינען אָבער געווען אויך פיל געמיינזאַמע פונקטן פון טעטיקייט. צווישן ביידע פּאַרטייען און נאָך דעם ווי ס׳איז פאָרגעקומען אין וועלט־מאַסשטאַב די פאַראייניקונג פון פועלי־ציון־צ. ס. מיט התאחדות, איז ליטע געווען איינע פון די ערשטע וואָס האָט די פאַראייניקונג פאַרווירקלעכט. זי האָט זיך גערופן די „פאַראייניקטע צ. ס. פּאַרטיי״, דער נאָמען אונטער וועלכן זי איז געווען באַקאַנט אין די מאַסן און עפנטלעכקייט איז געבליבן ווי פריער: צ. ס.

אין דער צייט פון דער אָפּגעזונדערטער עקזיסטענץ האָט די צ. ס. אַרויסגעגעבן אַ ריי יאָרן פון 1924 ביז 1932 אַ צוויי־וואָכן אָרגאַן „אונזער וועג״, וואָס האָט געהאַט אַ גוטע פאַרשפּרייטונג אין פאַרשיידענע קרייזן פון ליטווישן יידנטום, און איז אויך פיל געווען ציטירט אין דער ציוניסטיש־סאָציאַליסטישער פּרעסע פון אַנדערע לענדער. פון יאָר 1932 איז אָנשטאָט „אונזער וועג״ דערשינען אַ וואָכן־צייטונג „די צייט״ און שפּעטער האָט זי אָפּגעטראָטן דעם אָרט דער טאָג־צייטונג „דאָס וואָרט״. די ערשטע אויסגאַבן האָט רעדאַגירט ש. פרידמאַן, אַקטיוו מיטגעאַרבעט אין זיי האָט נתן גרינבלאַט, וואָס איז געווען דער ערשטער רעדאַקטאָר פון „דאָס וואָרט״. נאָך זיין אָפּפאָר קיין א״י האָט די טאָג־צייטונג רעדאַגירט אפרים גרינבערג, וואָס איז אין די לעצטע יאָרן פאַרן קריג געווען די באַדייטנדסטע פיגור פון ליטווישן צ. ס.

אין יאָר 1927, נאָך דער איבערקערעניש פון וואַלדעמאַראַסן, האָבן זיך אָנגעהויבן רדיפות אויף דער באַוועגונג, צוגלייך מיט רדיפות אויף אַנדערע אַרבעטער־קערפּערשאַפטן אין לאַנד. ס׳איז געשלאָסן געוואָרן דער צ. ס. יוגנט־פאַרבאַנד, אויך אַלע אָפּטיילונגען פון דער צ. ס. פּאַרטיי. געלאָזן האָט מען נאָר דעם צענטראַל־קאָמיטעט. איבערלאָזנדיק אים אָרטיקע אָפּטיילונגען, האָט די מאַכט גערעכנט מאַכן אים אומעטיק. אַזוי, אַגב, האָט די מאַכט געהאַט געהאַנדלט אויך בנוגע די ס. ד. די צ. ס. פּאַרטיי האָט פאַרגעזעצט איר טעטיקייט אין פאַרשיידענע פאָרמען: דורך דער ספּעציעל געגרינדעטער „בילדונגס־געזעלשאַפט אויפן נאָמען פון נחמן סירקין״, וואָס האָט געדינט אַלס דעק־מאַנטל פאַר אירע צוזאַמענפאָרן, עפנטלעכע אַרויסטרעטונגען, פּעריאָדישע אויסגאַבן וכו׳, ווי אויך דורך דער „ליגע פאַרן אַרבעטנדן ארץ־ישראל״.

ניט געקוקט אויף די שטערונגען פון דער מאַכט, האָט זיך די באַוועגונג שטאַרק פאַנאַנדערגעוואַקסן. בעתן אויסברוך פון קריג איז די פּאַרטיי פאַרשטאַרקט געוואָרן דורכן צופלוס פון פליטים פון פּוילן, צווישן זיי — פירנדיקע טוער פון דער פּאַרטיי. נאָך דער איינשטעלונג פון ראַטן־רעזשים אין ליטע, איז די צ. ס. פּאַרטיי געוואָרן געשלאָסן. איינִיקע פון אירע פירנדיקע פערזענלעכקייטן זיינען געוואָרן אַרעסטירט, צווישן זיי, פון די ערשטע — דער אָנערקענטער פירער פון דער פּאַרטיי און רעדאַקטאָר פון „דאָס וואָרט״ אַ. גרינבערג, וואָס איז אין איינִיקע חדשים אַרום באַפרייט געוואָרן. שפּעטער איז געוואָרן אַרעסטירט ל. גאַרפונקל, וואָס איז ניט באַפרייט געוואָרן ביז צום אויסברוך פון קריג.

נאָר געציילטע מענטשן פון דער גאַנצער גרויסער

(זע שפּאַלט 71)

משה כהן

# דער אַלגעמיינער ציוניזם אין דער זעלבשטענדיקער ליטע

כדי צו באַקומען אַ קלאָרן באַגריף און אַ ריכטיקע אָפּשאַצונג פון דעם אַלגעמיינעם ציוניזם אין דער זעלבשטענדיקער ליטע און זיין טעטיקייט, מוז מען צוערשט זיך שאַפן אַ בילד פון די אַרומיקע באַדינגונגען, אין וועלכע עס איז דאַן אויסגעקומען צו אַרבעטן און צו ווירקן. דערפאַר מוז איך מיך צוערשט באַשעפטיקן אַ ביסל מיט דער געשיכטע פון יענער צייט, וואָס איז נוגע ליטע בכלל און די יידן בפרט.

ווי באַקאַנט, האָבן די יידן דורכגעמאַכט אין ליטע אין יאָר 1915 אַ שווערן גירוש. געשען איז דאָס נאָך דעם, ווי דעם גענעראַל רענענקאַמפס אונטערגענומענער מאַרש אויף בערלין, אין זומער 1915, האָט אָנפאַנגס געהאַט געוויסע דערפאָלגן און זיך לסוף פאַרענדיקט מיט אַ גרויסער מפלה. דער דורכפאַל איז געווען אַזוי העסלעך און קאַטאַסטראָפאַל, אַז עס האָט געדראָט אַ סכנה ניט נאָר דעם פרעסטיזש פון דער אַרמיי, נאָר דער גאַנצער עקזיסטענץ פון דעם דעמאָלטיקן צאַרישן רעזשים. עס האָבן זיך אַרויסגעשטעלט אין זייער גאַנצער גרויזאַמער נאַקעטקייט די צעפוילטקייט און צעלייגונג פון דאָזיקן רעזשים, און עס האָט געדראָט אַן אויפשטאַנד. מען האָט אַלזאָ געמוזט וואָס שנעלער אויסגעפינען אַ „שעיר לעזאזל“, וואָס זאָל אויף זיך איבערנעמען די גאַנצע שולד פאַר דעם וואָס איז געשען.

האָבן זיך טאַקע פלוצעם, ווי דורך אַ צויבער־האַנט, אָנגעהויבן טראָגן פון איין עק רוסלאַנד ביז צום צווייטן כלערליי משונהדיקע קלאַנגען, מעשיות און לעגענדעס וועגן יידישן פאַרראַט און שפּיאָנאַזש פאַרן שונא, — פאַר די דייטשן. קאָזאַקן האָבן גלייך אָנגעהויבן פאַנגען הונדערטער יידן, וועלכע באַהאַלטן־אויס אין די בערד טעלעפאָנען צו געבן דעם שונא ידיעות, אָדער וועלכע ווילן איבערפירן אין ארונות פון מתים גאָלד און זילבער צום שונא, אָדער וועלכע גיבן דעם שונא צו וויסן דורך דאַווענען אין טלית־און־תפילין וועגן די באַוועגונגען פון דער רוסישער אַרמיי, און דאָס גלייכן. ניט ווייניק יידן זיינען דאַן געפאַלן אומזיסטע קרבנות פון די הענט פון די קאָזאַקן, וועלכע האָבן זיי אויפן אָרט געטאָן זייער רעכט. פיל אַנדערע זיינען אומגעקומען דורכן מיליטערישן געריכט, וואָס איז געווען גענוג באַקאַנט מיט זיינע גרויזאַמקייטן.

די פאַרשטאָרבענע יידישע יוריסטן גרוזענבערג און ראָזענבוים וואָלטן אונדז געקאָנט פיל דערציילן וועגן די דאָזיקע משפטים.

דאָס אַליין איז אָבער געווען צו ווייניק אויף אָפּצווענדן דעם פאָלקס אויפמערקזאַמקייט פון דער קאַטאַסטראָפע אויפן פראָנט. מען האָט זיך גענייטיקט אין אַ מעראָנזעעוודיקער האַנדלונג, וועלכע זאָל שטאַרקער ווירקן אויפן ברייטן עולם, אַז דאָס וואָס איז געשען איז נאָר אַ דאַנק דער שולד פון די פאַרפלוכטע יידן. און די דאָזיקע האַנדלונג איז טאַקע באַלד געקומען: דער הויפּט־קאָמאַנדיר פון דער אַרמיי, פירשט ניקאָלאַי ניקאָלאַיעוויטש, און זיין געהילף, גענעראַל יאַנושקעוויטש, האָבן אַרויסגעגעבן אַ פאַראָרדנונג, אַז אַלע יידן, וועלכע געפינען זיך איפן מלחמה־געביט, לענגאויס דעם גאַנצן צפון־פראָנט, מוזן תיכף־ומיד אַרויסגעשיקט ווערן צו מזרח. אַזוי אַרום איז פון דער הייך פון דער הויפּט־אָנפירונג דייטלעך און קלאָר געשטעמפּלט געוואָרן די שולד פון די יידן אין פאַרראַט און שפּיאָנאַזש... דער כבוד פון דער אַרמיי איז ווי־עס־איז געראַטעוועט געוואָרן, דער רעזשים איז צייטווייליק אַרויס פון געפאַר.

דער באַפעל פון הויפּט־קאָמאַנדיר איז אויסגעפירט געוואָרן מיט דער העכסטער שטרענגקייט. וואו־ניט־וואו האָט מען די אַרויסגעטריבענע געגעבן אַ טערמין פון אַ טאָג צייט, מערסטנטייל האָט מען זיי געשענקט בלויז אַ פּאָר שעה, און אַפילו בלויז געציילטע מינוטן. עס פאַרשטייט זיך, אַז די אָרעמע יידן זיינען אַוועק פון זייערע היימען מיט ליידיקע הענט. אַלץ איז געבליבן הפקר און מופקר. הלוואי וואָלט מען געקאָנט מיטנעמען כאָטש דאָס סאַמע נויטיקסטע, אָבער אויך דאָס איז ניט אַלעמען געלונגען. ווייל אַ גרויסער טייל פון די אַרויסגעשיקטע האָט ניט באַקומען קיין שום טראַנספּאָרט־מעגלעכקייטן און געמוזט, קינד און קייט, אַלט און יונג, גיין צופוס צענדליקער און צענדליקער קילאָמעטערס, ביז זיי האָבן זיך דערשלאָגן צו אַ יידישן ישוב. אָבער גאָר גיך זיינען אויך די יידן פון יענעם ישוב אַרויסגעשיקט געוואָרן. אַזוי האָט זיך

(סוף פון שפּאַלט 70)

באַוועגונג האָבן זיך באַוויזן צו ראַטעווען קיין ראַטן־רוסלאַנד. די איבערוויגנדיקע מערהייט איז געבליבן אין ליטע. וואָס מיט זיי איז געוואָרן, ווייסן מיר שוין אַלע.

זאָלן די דאָזיקע צײלן דינען אַלס אָנדענק און מצבה ניט נאָר פאַר אַ באַשטימטער פּאָליטישער באַוועגונג פון דער יידישער עפנטלעכקייט אין ליטע, נאָר אויך פאַר די טויזנטער מענער און פרויען, וואָס האָבן זיך אין דער באַוועגונג באַטייליקט, וואָס האָבן איר אויסגעבויט און אַוועקגעגעבן איר זייערע בעסטע כוחות, און וואָס האָבן געפונען זייער ביטערן סוף אין די לעצטע פינצטערע יאָרן.

געבילדעט אַ מחנה פון צענדליקער און צענדליקער טויזנטער ייִדן, וועלכע האָבן געוואַנדערט דורך פעלד און וואַלד, ניט וויסנדיק וואוהין און ניט האָבנדיק קיין אַנונג, וואָס עס גרייט פאַר זיי דער מאָרגנדיקער טאָג...

איינציקע פון די וואַנדערער האָבן זיך דאָ און דאָרט פאַרשטעקט און אויסבאַהאַלטן, און ווען די דייטשן זיינען געקומען, זיך צוריקגעקערט אין די אַלטע היימען; די גרויסע מערהייט אָבער האָט געצויגן ווייטער און ווייטער צו מזרח.

אַ טייל פון זיי האָט אָנגעשפּאַרט אַזש אין די אינערלעכע רוסישע גובערניעס, ווי ראָסטאָוו, טאַמבאָוו און אַנדערע; אַ טייל איז אַוועק קיין אוקראַינע און דרום רוסלאַנד; די מערהייט אָבער האָט זיך אָפּגעשטעלט אין ווייסרוסלאַנד, און מינסק, וויטעבסק, מאָהילעוו און טשערניגאָוו.

ווי אַזוי האָבן זיך די אַלע אָרעמע דערנערט? גאַנץ פּשוט. ווער עס האָט געאַרבעט ווי אַ בעל־מלאכה, ווער עס האָט פאַרדינט ווי אַ הענדלער, און די גרויסע מערהייט האָט זיך דערנערט פון דעם „פּאַיאָק“, וואָס זיי האָבן געקראָגן פון די קאָמיטעטן אַלס „פּליטים“. שווער און ביטער איז געווען זייער לעבן. ניט ווייניק האָבן טאַקע ניט געקאָנט אויסהאַלטן און זיינען אומגעקומען אין צאָרן און פּיין. די אַלע אַנדערע אָבער האָבן זיך געהאַלטן אויף די פּיס מיט דער האָפענונג, אַז באַלד, באַלד וועט זיך ענדיקן דאָס בלוט־פאַרגיסונג, און זיי וועלן קאָנען צוריקקערן זיך צו דער אַלטער היים, צו זייער האָב־און־גוטס...

לסוף איז דער אויסגעבענקטער טאָג געקומען. מיט דער אָקופּאַציע פון ווייסרוסלאַנד און אוקראַינע אין יאָר 1918 דורך די דייטשן, האָט זיך געעפנט דער וועג צום צוריקקער קיין ליטע, און יעדער איינער האָט געטאָן אַלץ וואָס מעגלעך, וואָס שנעלער אַהיים צו פאָרן. מען איז געפאָרן לעגאַל און אומלעגאַל; מען האָט געאיילט אַהיים וואָס גיכער צום אייגענעם ווינקל, צום אייגענעם שטיקל ברויט... שווער איז אָנגעקומען דער צוריקקער. ניט ווייניק איז מען אויסגעשטאַנען חשדים, אונטערזוכונגען, ה:אַגלעניש און דאָס גלייכן. פונדעסטוועגן האָט געדויערט ניט מער ווי עטלעכע יאָר, און כמעט אַלע ליטווישע ייִדן האָבן זיך צוריקגעקערט קיין ליטע... אָבער...

און דאָ קומט דער שטענדיק טרויעריקער „אָבער“. ניט ווי מען האָט געחלומט, איז געווען די ווירקלעכקייט. קומענדיק אהיים, האָט מען שוין ניט געטראָפן דאָס אַלטע ווינקל. ניט ווייניק איז צעשטערט געוואָרן אין פייער פון דער מלחמה; ניט ווייניקער האָט דער שונא חרוב געמאַכט. דאָס לאַנד איז געלעגן צערואינירט. די אָרעמקייט אַרום — גרויס, אַלץ פעלט אויס. דער האַנדל — טויט. פּרנסה איז כמעט ווי ניטאָ... אַלץ וואָס מען האָט געלאָזן ביים אַוועקגיין, איז געווען פאַרניכטעט אָדער צעריבט דורכן שונא און „גוטע“ שכנים. חוץ הימל און ערד איז פאַר די ייִדן גאָרניט געבליבן. מען האָט געמוזט אָנ־





הייבן אַלץ פון דאָס ניי, פון „בראשית“... נאָר די ייִדן האָבן זיך ניט אָפּגעשראָקן. זיי האָבן זיך אַ נעם געטאָן מיט אַ געוואַלדיקן ענטוזיאַזם צום ווידעראויפבוי פון זייערע היימען, און אין אַ קורצער צייט אַרום האָט דאָס ייִדישע לעבן ווידער אָנגעהויבן קרעפטיק צו פּולסירן.

ניט נאָר אויפן געביט פון פּערזענלעכן לעבן האָבן די ליטווישע ייִדן דאַן אַרויסגעוויזן אַזוי פיל שאַפונגסווילן און קראַפט, נאָר אויך אויפן אַלגעמיין מלוכהשן געביט. געקומען אַהיים, האָבן די ייִדן שוין ניט געטראָפן די אַלטע צאַרישע הערשאַפט מיט אַלע אירע גזירות און פּורעניותן. עס האָט זיך געהאַלטן אין אויסבויען די ליטווישע זעלבשטענדיקע „דעמאָקראַטישע“ רעפּובליק, וועלכע האָט צוגעזאָגט גלייכע רעכט אַלע אירע בירגער אָן שום אונטערשייד. נאָך מער, די ליטווישע געזעלשאַפט האָט געדאַרפט די ייִדישע מיטהילף און מיטאַרבעט ביים אויפריכטן איר זעלבשטענדיקייט. צו אָרעם און צו פּרימיטיוו איז דאַן דאָס ליטווישע פאָלק געווען עס זאָל קאָנען אַליין מיט אייגענע כוחות אויספירן די גרויסע אויפגאַבע פון אויפריכטן אַ מלוכה. עס האָט זיך גענייטיקט ביז גאָר אין די ייִדישע כוחות. און די ייִדן, באַצויבערט פון די פּערספּעקטיוון אין דער צוקונפט, האָבן זיך געוואָרפן אין דער דאָזיקער מלוכה־אַרבעט מיטן גאַנצן ברען פון זייער נשמה און פיל, זייער פיל, בייגעטראָגן צום אויפבוי און דער איפריכטונג פון דער ליטווישער מלוכה. אין די ערשטע האָניק־יאָרן האָבן זיך די ייִדן טאַקע געפילט ווי מיטשותפים אין דעם מלוכה־בנין און געהאַט אַ שטאַרקן נחת־רוח.

אינצווישן איז געשען אַ היסטאָרישער פאַל: די ליטווישע רעגירונג האָט אַנערקענט דאָס רעכט פון נאַציאָנאַל־קולטורעלער אויטאָנאָמיע פאַר אירע בירגער־ייִדן, מיט אַ ייִדישן מיניסטער בראש, מיט ייִדישע אָפיציעלע קהלות, מיט אַ נאַציאָנאַל־ראַט, און אַזוי ווייטער. נאַציאָנאַלע אויטאָנאָמיע — דאָס איז דאַן געווען דער חלום פון אַלע נאַציאָנאַל־געשטימטע ייִדן און די ציוניסטן בתוכם; אַן אידעאַל, וואָס האָט זיין אָנפאַנג געהאַט אין אוקראַינע, וואו ער האָט אָבער ניט מאריך־ימים געווען; אַן אידעאַל, וואָס האָט ניט זיין גלייכן כמעט אין דער ייִדישער געשיכטע און ממילא אויך ניטאָ קיין ביישפּיל פאַר זיך. זיינען די ליטווישע ייִדן, הייסט דאָס, גערופן געוואָרן זיין די אַרכיטעקטאָרן, די חלוצים, די פאַרווירקלעכער זיינע. דאָס האָט געשיינט צו זיין אַ צו שווערע און צופיל פאַראַנטוואָרטלעכע אויפגאַבע פאַרן קליינעם און פאַרהעלטנישמעסיק כוחות־אָרעמען ליטווישן ייִדנטום.

אָבער ווי געזאָגט, דאָס ליטווישע ייִדנטום איז געווען דאַן אויסגעהונגערט נאָך טעטיקייט, אַרבעט; די אין משך פון די פּליטים־יאָרן איינגעשרומפּענע ענערגיע האָט געשלאָגן און געשפּרודלט פון אַלע ווינקעלעך פון גוף־און־נשמה; זיין קוראַזש איז געוואַקסן צוזאַמען מיט דעם שטייגן פון די אויפגאַבן — און דאָס ליטווישע ייִדנטום האָט אָנגעהויבן מוטיק אויפצושטעלן זיין אויטאָנאָמיע.

עס וואָלט אויך געוויס געווען דערפאָלגרייך פאַרענדיקט זיין אויפגאַבע, ווען ניט פיינטלעכע כוחות פון אויסן און טיילוויז אויך פון אינעווייניק וואָלטן ניט ז‍אַגעשטעלט די אַרבעט אין איר רעכטן אויפבלי און גלאַנץ.

ווער איז געשטאַנען אין דער שפּיץ פון דער דאָזיקער מאָנומענטאַלער אַרבעט, ווער איז געווען דער טרייבנ־דיקער כוח פון אָט דער ריזיקער טעטיקייט?

איך גלייב, אַז איך וועל ניט זיין אומגערעכט אָדער ניט גענוג לאָיאַל לגבי די אַנדערע ריכטונגען אין ליט־ווישן יידנטום, וועלכע האָבן אויך זייערע פאַרדינסטן אויף דעם געביט, ווען איך וועל פעסטשטעלן, אַז די הויפּט־אָנפירער און אויספירער פון דער אַרבעט זיינען געווען די ציוניסטן בכלל און די אַלגעמיינע ציוניסטן בפרט.

דריי הויפּט־ריכטונגען האָבן זיך דאַן געראַנגלט אין ליטווישן יידנטום: די ציוניסטישע, די דעמאָקראַטישע (יידישיסטישע) און די פון „אגודת־ישראל“.

די דעמאָקראַטן האָבן דאַן, אמת, פאַרמאָגט אַ היפּש ביסל אינטעליגענץ, אָבער ניט קיין מאַסן. אויסער דעם, האָבן זיי ניט אַרויסגעוויזן קיין באַזונדערע התלהבות פאַר דער אויטאָנאָמיע אין יענער פאָרם, וואָס זי האָט באַקומען גלייך ביים אָנהייב פון איר אויפבוי, אַ דאַנק דער ציוניסטישער איבערוויגנדיקער השפעה; דאָס האָט זיי נאָך מער דערווייטערט פון די ברייטע מאַסן, וועלכע זיינען געווען ענטוזיאַסטיש געשטימט פאַר דער אויטאָנאָמיע.

די אגודה, דאַקעגן, האָט דווקא יאָ געהאַט געוויסע טיפע וואָרצלען אין דער מאַסע, האָט אָבער ניט פאַרמאָגט קיין מאָדערנע אינטעליגענץ, און איר טאַקטיק און האַלטונג האָבן אָפּגעשטויסן פון אירע רייען די איבערוויגנדיקע פאָלקס־מאַסן און מכל־שכן די יוגנט.

גאַנץ אַנדערש האָט דאָס אויסגעזען ביי די ציוניסטן. מען דאַרף געדענקען, אַז דאָס ליטווישע יידנטום איז, לויט זיין וועזן, דערציאונג און לעבנס־שטייגער געווען דער נאַטירלעכסטער אָנהענגער פון ציוניזם. ליטע — די נעסט פון תורה און נאַציאָנאַלער יידישקייט אין משך פון לאַנגע דורות, האָט געמוזט ציוניסטיש זיין לויט איר מהות און תוך. ניט אומזיסט איז דער ערשטער טרוימער־ראָמאַ־ניסט א. מאַפּו, וואָס האָט אַזוי קינסטלעריש געשילדערט דאָס יידישע לעבן אין ארץ־ישראל פאַר די צייטן פון די נביאים, דערשינען אין ליטע און האָט אויף די אַלעקסאָ־טער בערג אַזוי הערלעך געמאָלן די רייצנדיקע נאַטור פון ארץ־ישראל און דאָס פרייע יידישע לעבן אין דער צייט פון די מלכים. זיינען טאַקע די יידן אין ליטע געווען די ערשטע, וואָס זיינען צוגעשטאַנען פריער צום חיבת־ציון און נאָכדעם צום פּאָליטישן ציוניזם.

מיר שיינט, אַז אַסימילאַציע, אין יענער העסלעכער פאָרם, ווי זי האָט זיך אַנטפּלעקט ביי די אַנדערע טיילן פון רוסישן יידנטום, האָט אין ליטע בכלל קיינמאָל ניט עקזיסטירט. על כל פנים, האָט אין ליטע נאָך פאַר דער



מלחמה געהערשט אַ שטאַרקע ציוניסטישע שטימונג. נאָך דער מלחמה, אַוודאי און אַוודאי! וואָרעם די ליט־ווישע יידן האָבן אין זייער פּליטים־לעבן דורכגעמאַכט די גאַנצע עפּאָכע פון דער רוסישער רעוואָלוציע, אויך דורכגעלעבט די גוואַלדיק טיפע ציוניסטישע איבערלע־בונג פון אַלע יידן אין רוסלאַנד. די רוסישע יידן זיינען דעמאָלט געווען פאַרכאַפּט פון אַ גוואַלטיקער ציוניס־טישער שטימונג. די דאָזיקע שטימונג איז געבליבן ביי די ליטווישע יידן אויך נאָך זייער צוריקקער אַהיים; די האָפענונג פון אַ יידישער אויטאָנאָמיע דאָ האָט זי נאָך קענטיק פאַרשטאַרקט.

ווען איך זאָג „ציוניסטן“ מיין איך אַלע שאַטירונגען אין ציוניזם, הן אַלגעמיינע ציוניסטן, הן צ. ס. און הן „מזרחי“. ווייל צו יענער צייט, אין די יאָרן 1918—1923, איז די דיפערענצירונג אין ציוניזם נאָך ניט געווען אַזוי בולט. נאָמינאַל האָבן טאַקע עקזיסטירט די אַלע שאַטירונגען, פאַקטיש אָבער האָבן זיי לכתחילה געאַרבעט צוזאַמען, האַנט ביי האַנט, און זיינען געווען אייניק כלפּי זייערע קעגנער. ערשט שפּעטער האָט זיך די דאָזיקע לאגע געענדערט.

אין די ציוניסטישע רייען גופא האָבן די אַלגעמיינע ציוניסטן דאַן געהאַט די אויבערהאַנט. ערשטנס, ווייל זיי האָבן פאַרמאָגט אַ גרויסע און איינפלוסרייכע אינטעלי־גענץ, ניט בלויז אויסגעפּרואווטע ציוניסטישע און פון לאַנג באַקאַנטע אָרטיקע עסקנים, נאָר אויך פון דרויסן געקומענע. אַזוי, אַ שטייגער, האָבן דאַן די אַלגעמיינע ציוניסטן באַקומען פון דרויסן אַזעלכע ערשטקלאַסיקע כוחות, ווי: ד״ר ראָזענבוים, איינער פון די ערשטע אויס־קעמפער פון דער ליטווישער פּאָליטישער זעלבשטענ־דיקייט בכלל; ד״ר יוליוס ברוצקוס, געוועזענער פּאָרזיצער פון דער ציוניסטישער באַוועגונג אין רוסלאַנד און גוט באַקאַנטער יידישער כלל־טוער און פיל אַנדערע. די דאָזיקע כוחות זיינען דאַן געשטעלט געוואָרן אין שפּיץ פון דער אַלגעמיינער און יידישער אַרבעט, אַ שטייגער: ד״ר מאַקס סאָלאָווייטשיק אַלס מיניסטער פאַר יידישע אָנגעלעגנהייטן; ד״ר ראָזענבוים אַלס פאָרזיצער פון ועד הארץ, חוץ זיינע פיל שליחותן אַלס רעגירונגס־פאָרשטייער אין פּאַריז ביי דער שלום קאָנפערענץ און ביים שליסן דעם שלום־אָפּמאַך מיט ראַטן־רוסלאַנד; ד״ר מ. וואָלף אַלס איינער פון די דריי פאָרזיצערס פון קאָוונער שטאָט־ראַט, און אַזוי ווייטער. דאָס האָט דעם אַלגעמיינעם ציו־ניזם פאַרשאַפט פיל גלאַנץ און צוציאונגס־קראַפט ביי אַלע שיכטן פון דער יידישער באַפעלקערונג.

בשעת די וואַלן האָבן טאַקע די אַלגעמיין־ציוניסטישע קאַנדידאַטן געצויגן די גרעסטע צאָל שטימען, און זיי, האָבן אומעטום אויסגעמאַכט די גרעסטע פראַקציע. דאָס, נאַטירלעך, האָט זיי געגעבן די מעגלעכקייט פון השפעה אין גייסט פון זייערע אידייען. אָבער ניט בלויז דאָס אַליין. דער עיקר איז אין דעם, וואָס דאָס ליטווישע יידנטום און לויט זיין גאַנצן וועזן און אַרט דענקען מער

געוועזן גענייגט צו דעם אַלגעמיינעם אידייען־גאַנג פֿון ציוניזם, איידער צו די אַנדערע ריכטונגען זיינע.

לויט זיין טבע איז דער ליטווישער ייד ניט גענייגט געוועזן צו ראַדיקאַליזם, הן אין אַלגעמיין פּאָליטישן און עקאָנאָמישן זין, און הן אין ספּעציעל יידישן זין. ער איז בעצם געשטימט מער פֿאַר מיטלמעסיקע שריט איידער פֿאַר עקסטרעמע, איז מעסיק, מיושבדיק, קאַלטבלוטיק, שטענדיק באַטראַכט, טיף אַריינדרינגענדיק; סענטימענטן און רעוואָלוציאָנערע שפּאַנונג זיינען אים ניט געוועזן צום האַרצן. בכלל, איז דער ליטווישער ייד ווייט געוועזן פֿון סתם התלהבות, פֿון איבערטרייבונגען, פֿון עקסטרעמקייטן; ער איז שטענדיק געוועזן באַטראַכט, גלייכגעוויכטיק און ליבעראַל. דערפֿאַר האָט דער חסידיזם, למשל, אין ליטע קיין צו גרויסן אָרט זיך ניט דעראָבערט. דאָס גלייכן אויך די השכלה־אַסימילאַציע, ווי אויך די רעוואָלוציאָנערע באַוועגונגען.

דאָס זעלבע איז אויך געשען דאַן. ניט דער עקסטרעמער דעמאָקראַטיזם, ניט די לינקע ציוניסטן, אויך ניט דער רעכטער פֿליגל פֿון דער „אגודה", און אַפֿילו אויך ניט די מזרחי האָבן קיין צו פֿיל אָנהענגער זיך ניט דערוואָרבן. דער כלל פֿון ליטווישן יידנטום האָט זיין פֿולן אויסדרוק געפֿונען אין דעם דעמאָלטיקן אַלגעמיינעם ציוניזם, וועלכער איז געווען מעסיק און ליבעראַל געשטימט.

אין וואָס אייגנטלעך האָט זיך דאַן אויסגעדריקט די טעטיקייט פֿון די אַלגעמיינע ציוניסטן און וואָס זיינען געווען די גרונט־פּרינציפּן פֿון זייער טעטיקייט?

זייער טעטיקייט האָט זיך בעיקר אָפּגעשפּיגלט אויף דעם אַלגעמיינעם בוי פֿון דער ליטווישער רעפּובליק, אויף דער אויפֿריכטונג פֿון דער יידישער אויטאָנאָמיע און אויף דעם אויפֿבוי פֿון דעם חרוב־געוואָרענעם יידישןווירטשאַפֿטלעכן לעבן. דאָס זיינען געווען די דריי הויפּטגעביטן פֿון דער דעמאָלטיקער ציוניסטישער טעטיקייט. אויפֿן געביט פֿון ארץ־ישראל־אויפֿבוי איז זייער טעטיקייט געוועזן באַגרענעצט און האָט זיך אויסגעדריקט נאָר אין געלט־זאַמלונגען פֿאַר די פֿאַרשיידענע פֿאָנדן און אַנדערע ציוניסטישע אונטערנעמונגען, ווי אויך אין דער אויסבילדונג פֿון „חלוצים" און זייער צוגרייטונג פֿאַר ארץ־ישראל.

אויבערפֿלעכלעך קאָן דאָס אויסזען אַ ביסל משונהדיק און אומפֿאַרשטענדלעך, אַז ציוניסטן זאָלן מאַכן די טעטיקייט פֿאַרן גלות פֿאַרן עיקר און די טעטיקייט פֿאַר ארץ־ישראל נאָר אַ טפֿל. אָבער ווען מען טראַכט זיך אַריין אין דער דעמאָלטיקער יידישער לאַגע אין אייראָפּע און אין ארץ־ישראל, ווערט די זאַך פֿאַרשטענדלעך.

ערשטנס, האָבן די ציוניסטן די גאַנצע צייט געטענהט, אַז אמתע אַרבעט פֿאַרן אויפֿבוי פֿון ארץ־ישראל וועט קאָנען טאָן נאָר אַ יידנטום וואָס איז געזונט אַנטוויקלט הן פּאָליטיש און הן עקאָנאָמיש. זיי האָבן כסדר צוגעגעבן, אַז דאָס אויפֿבויען פֿון ארץ־ישראל איז אַ לאַנג דויערנדיקער פּראָצעס, אַ זאַך פֿון געשיכטע, און בכן קאָנען אינצווישן ניט פֿאַרוואָרלאָזט ווערן די יידישע אינטערעסן אין גלות. אדרבה, זיי מוזן וואָס מער באַפֿעסטיקט ווערן, כדי דער גלות זאָל קאָנען אָן אויפֿהער און איבעררייס זאַמלען און צושטעלן די געהעריקע מיטלען, ווי אין מענטשן אַזוי אויך אין געלט, וואָס וועלן זיך פֿאָדערן פֿאַרן כסדרדיקן וואוקס פֿון ארץ־ישראל. און וואָס איז נאָך אַזוי וויכטיק פֿון דאָזיקן שטאַנדפּונקט, ווי אַ יידישע נאַציאָנאַלע אויטאָנאָמיע, וועלכע וועט דערמעגלעכן אַ פֿולע יידישע דערציאונג און אַ פֿריי ייִדיש־נאַציאָנאַל לעבן.

צווייטנס, איז די לאַגע פֿון די יידן אין מזרח־אייראָפּע, די דעמאָלטיקע הויפּט־נעסט פֿון ציוניזם, אין די ערשטע יאָרן נאָך דער מלחמה געוועזן אַזאַ, וואָס האָט ניט געקאָנט שאַפֿן קיין צו גרויסע אילוזיעס מכוח אַ באַלדיק אַריבערברענגען גרעסערע מאַסן קיין ארץ־ישראל.

די יידן אין רוסלאַנד זיינען געוועזן אַטראָפֿירט בנוגע אַלץ וואָס איז שייך ציוניזם און ארץ־ישראל. דער ראַטן־רעזשים האָט דאַן דערקלערט קריג דעם יידישן נאַציאָנאַליזם בכלל און דעם ציוניזם בפֿרט. די יידן אין אוקראַינע האָבן דאַן איבערגעלעבט אַ גרויזאַמען קריג, זיך געטרונקען אין ימען בלוט, זיינען אומגעקומען אין די צענדיקער טויזנטער, האָבן דורכגעמאַכט אַלע שבעה־מדורי־גיהנום, — פֿאַרשטייט זיך, אַז ניט זיי האָבן געקאָנט דאַן עפּעס אויפֿטאָן פֿאַר ארץ־ישראל. די יידן פֿון פּוילן, ליטע, און זייער גלייכן, וואָס זיינען נאָר־וואָס אַרויס פֿון מלחמה־שטורעם און זיינע חורבנות, האָבן צוערשט געמוזט אַ ביסל צו די כוחות קומען, מאַטעריעל און גייסטיק, און אויפֿשטעלן פֿאַר זיך אַ וועלכע עס איז נעסט. ארץ־ישראל האָט ניט געקאָנט זיין פֿאַר זיי אַ פֿראַגע פֿון מאָמענט, פֿון באַלדיקער אַנטשיידונג.

דריטנס, איז די לאַגע אין ארץ־ישראל גופֿא געוועזן דאַן אַזוי פֿאַרנעפּלט און אומבאַוואוסט, אַז אַפֿילו ביים בעסטן ווילן האָט מען ניט געקאָנט טראַכטן וועגן אַריבערפֿירן גרעסערע מאַסן. אַזוי אַרום האָט מען וועגן ארץ־ישראל געקאָנט טראַכטן נאָר ווי וועגן אַ זאַך פֿון דער שפּעטערער צוקונפֿט.

בכן האָבן זיך די אַלגעמיינע ציוניסטן מיטן גאַנצן אימפּעט געווידמעט דער קעגנוואַרטאַרבעט:

אויפֿן געביט פֿון אַלגעמיינער מיטהילף דער מלוכה האָבן זיי אויפֿגעטאָן זייער פֿיל. זייערע חברים, ווי ד"ר ראָזענבוים, א שטייגער, ד"ר סאָלאָווייטשיק און אַנדערע, האָבן זיך ניט נאָר פֿלייסיק באַטייליקט אין פּאַריז און אין אַנדערע פּאָליטישע צענטערס אין די באַמיאונגען צו אַנערקענען ליטע אַלס זעלבשטענדיקע מלוכה, נאָר אויך אויסגענוצט די השפּעה פֿון ציוניסטן אין לאָנדאָן און אין אַמעריקע, צו שאַפֿן אַ גוטע שטימונג פֿאַר ליטע און באַקומען פֿאַר איר הילף. אויך ביים שליסן פּאָליטישע אָפּמאַכן מיט די שכנותדיקע לענדער האָבן די אַלגעמיינע ציוניסטן־חברים געשפּילט אַ פֿירנדיקע ראָל און זייער פֿיל מיטגעווירקט פֿאַר ליטעס דערפֿאָלג. זייערע

פירער און חברים האָבן זיך זייער טעטיק באַטייליקט אין דעם אויפבוי און דער אויסשטאַטונג פון די שטעטישע זעלבסטפאַרוואַלטונגען און אויפגעטאָן אַ זייער נוצבאַרע און פרוקטבאַרע אַרבעט. זיי האָבן אויך מיטגעהאָלפן און מיטגעאַרבעט אויף אַלע אַנדערע געביטן פון דעם מלוכה־אויפבוי.

ביי דער דאָזיקער אַרבעט האָבן זיי זיך שטענדיק געהאַלטן ביי די פאָלגנדיקע פּרינציפּן: פולע דעמאָקראַטיע, פולקאָמע פרייהייט און גלייכבאַרעכטיקונג פון אַלע בירגער, אָן וועלכן עס איז אונטערשייד אַפילו צווישן שיכט און קלאַס. דערביי דאַרפן די יידן דערשיינען אומעטום ווי אַן איינהייטלעכע, אָרגאַניזירטע און דיסציפּלינירטע קערפּערשאַפט, כדי צו באַשיצן די אינטערעסן פון אַלע יידן בכלל. צו דעם צוועק האָבן זיי אַרויסגעשטעלט צו דער יידישער געזעלשאַפטלעכקייט די פאָדערונג פון אַ געאייניקטן פראָנט ביי אַלע דערשיינונגען און אַרויסטרעטונגען כלפּי חוץ און אַן איינהייטלעכע יידישע רשימה ביי כלערליי אַלגעמיינע וואַלן. זיי האָבן אויך געהאַלטן פאַר אַן אַלגעמיינעם חוב אַפילו מצד דער יידישער אַרבעטערשאַפט, צו באַשיצן די אינטערעסן ניט בלויז פון יידישן אַרבעטער — נאָר אויך פון בעל־מלאכה אָדער קליינהענדלער קעגן יעטוועדער אונטערדריקונג אָדער באַגרענעצונג פון דרויסן; פונקט אַזוי דאַרפן אויך באַשיצט ווערן די אינטערעסן פון די יידישע פאַרמעגלעכע קרייזן ווי די גרויס־סוחרים, אָדער פאַבריקאַנטן און אַנדערע אונטערנעמער ווען עס דראָט זיי אַ סכנה בלויז דערפאַר ווייל זיי זיינען יידן. עס טאָר נישט דערלאָזט ווערן קיין שום אָנגריף אויף וועמען עס איז צוליב דעם, וואָס ער שטאַמט פון יידן, מעג דאָס קומען פון לינקס, אָדער פון רעכטס. די אַלגעמיינע ציוניסטן האָבן געפאָדערט אַ גלייכע ליבעראַלע באַציאונג פאַר אַלע און מצד אַלעמען.

אויפן געביט פון דעם אויפבוי פון דער נאַציאָנאַלער אויטאָנאָמיע זיינען די אַלגעמיינע ציוניסטן געשטאַנען די ערשטע אין פראָנט. האָבן געגעבן די ערשטע דריי יידישע מיניסטאָרן און אָנגעפירט מיטן ועד־הארץ. זיינען געווען די ערשטע אין די קהלות, האָבן געשאַפן אַ גאַנצע נעץ פון העברעאישע שולן, און אַזוי ווייטער. עס איז ניט געווען אין ליטע קיין פאַרוואָרפן ווינקל, וואו עס האָט ניט עקזיסטירט קיין יידישע קהלה, וועלכע האָט אַריינגענומען אין איר טעטיקייטס־קרייז אַלע פונקציעס פון אַן אויטאָנאָם לעבן. קיין איין קהלה איז ניט געבליבן אָן אַ יידישער שול, סאָציאַלע אינסטיטוציעס און דאָס גלייכן. עס האָט זיך אויספאָרמירט אַ פולשטענדיק פרייער יידישער קיבוץ, וואָס בנוגע זיין אינערלעך לעבן, איז כמעט אוממעגלעך געווען צו באַצייכענען, וואו ענדיקט זיך ז י י ן אויטאָריטעט און וואו פאַנגט זיך אָן די הערשאַפט פון דער אַ ל ג ע מ י י נ ע ר מאַכט.

אויף דעם געביט האָבן געהערשט כמעט פולשטענדיק די אַלגעמיינע ציוניסטן איינציק אַליין. דאָ האָבן זיי דורכגעזעצט אין לעבן זייערע פּרינציפּן כמעט אָן וועלכן עס איז קאָמפּראָמיס. אויף דעם אַרבעטס־געביט זיינען אַנטשטאַנען שאַרפע מיינונגס־פאַרשיידנהייטן ניט נאָר צווישן די ציוניסטן און זייערע קעגנער, נאָר אין די ציוניסטישע רייען גופא. אַזוי, אַ שטייגער, זיינען די „מזרחיסטן" און „אגודיסטן" געווען קעגן אַ וועלטלעכער קהלה און האָבן געפאָדערט דורכאויס אַ ר ע ל י ג י ע ז ע קהלה. דאַקעגן זיינען די לינקע ציוניסטן און די דעמאָקראַטן געשטאַנען שטאָל־און־אייזן פאַר אַ פולער סעקולאַריזאַציע פון דער קהלה. די אַלגעמיינע ציוניסטן האָבן דורכגעפירט זייער אַלטן, נאָך פון העלסינגפאָרסער צוזאַמענפאָר אָנגענומענעם פּרינציפּ, אַז די קהלה דאַרף זיין אַ וועלטלעכע, מוז אָבער באַפרידיקן די באַדערפענישן פון אַלע שיכטן פון דער באַפעלקערונג, צווישן זיי אויך די רעליגיעזע און פרומע יידן. דאָס זעלבע איז אויך געשען אויפן געביט פון די שולן. די לינקע ציוניסטן, לויט זייער גלות־פּראָגראַם, ווי אויך די דעמאָקראַטן זיינען געווען דורכאויס פאַר וועלטלעכע שולן מיט י י ד י ש אַלס א ו נ ט ע ר י כ ט ־שפּראַך, וואו עס זאָל אויך געלערנט ווערן אַ ביסל העברעאיש. די „אגודיסטן" און „מזרחי" האָבן געפאָדערט דורכאויס אַ רעליגיעזע שול. אָבער די אַלגעמיינע ציוניסטן זיינען געבליבן טריי זייער אַלטן פּרינציפּ: אָנערקענונג פון פרייהייט און פולע רעכט פאַר אַלע ריכטונגען, לויטן באַשטימען פון די עלטערן דעם גורל פון זייערע קינדער. יעדע גרופּע עלטערן האָט דאָס רעכט צו עפענען שולן, לויט איר פאַרלאַנג, און די נאַציאָנאַלע אויטאָנאָמיע איז מחויב געבן זיי די מיטלען דערצו.

זיי אַליין, די אַלגעמיין־ציוניסטישע אָרגאַניזאַציע האָט געעפנט שולן נאָר מיט העברעאיש אַלס אונטעריכטס־שפּראַך, אָבער זי איז געווען אינגאַנצן ו ו ע ל ט ל ע ך. און אַזוי ווי די איבערוויגנדיקע מערהייט פון ליטווישן יידנטום איז געווען אַלגעמיין־ציוניסטיש געשטימט, האָבן זיי טאַקע געעפנט העברעאישע וועלטלעכע שולן, וועלכע זיינען באַזוכט געוואָרן פון איבער 85—90 פּראָצ. פון דער יידישער שול־יוגנט. חוץ די פאָלקס־שולן, וועלכע האָבן זיך מייסטנס אויסגעהאַלטן אויפן חשבון פון דער רעגירונג, האָבן די ליטווישע יידן אויסגעבויט אַ גאַנצע נעץ פון קינדערגערטנער, מיטל־שולן און גימנאַזיעס. געעפנט העכערע קלאַסן פון דער פאָלקס־שול, מחוץ דער רעגירונגס־פּראָגראַם, וועלכע האָבן זיך אויסגעהאַלטן אויפן חשבון פון די עלטערן און טיילווייז אויף דער שטיצע פון דער אַלגעמיינער ציוניסטישער אָרגאַניזאַציע.

איינע פון די וויכטיקסטע זאַכן, וועלכע די אַלגעמיינע ציוניסטן האָבן געשאַפן אין ליטע, איז געוויס געווען „די יידישע שטימע". דער ערשטער אָרגאַן אין יידיש אין דער נייער ליטע. קליין אין אויסזען און אָרעם אין אינהאַלט איז זי געווען אין אירע ערשטע יאָרן. זי האָט זיך אָבער ביסלעכווייז אַנטוויקלט און איז אויסגעוואַקסן אין אַ גרויסער טעגלעכער צייטונג, וואָס האָט פאַרנומען דעם ערשטן אָרט אַפילו אין דער ליטווישער פּרעסע. זי איז געווען דער אָפיציעלער אָרגאַן פון דעם אַלגעמיינעם

ציוניזם; אָבער פּאַקטיש — אין די ערשטע יאָרן — די שטים פון גאַנצן כמעט ליטווישן יידנטום. לאַנגע יאָרן כסדר האָט זי געהאַלטן פאַר איר חוב ניט צו זיין קיין ענג־פּאַרטייאישער אָרגאַן און האָט געגעבן אַלעמען די מעגלעכקייט זיך פריי אויף אירע שפּאַלטן אַרויסצוזאָגן. האָט מיט שטאָלץ און ווירדע פאַרטיידיקט דעם יידישן כבוד און זיינע אינטערעסן, און צו איר וואָרט האָט מען זיך צוגעהערט ווי אין די סתם־ליטווישע קרייזן, אַזוי אויך אין די רעגירונגס־ספערן. זי איז אויך געשטאַנען אויף אַ געהעריקער הייך אין זין פון קולטור און ליטעראַטור, און האָט פיל בייגעטראָגן צו דער גייסטיקער אַנטוויקלונג פון ליטווישן יידנטום. זי האָט אויך געגעבן אירע לייענער די מעגלעכקייט איינצושאַפן זיך ביכער, וועלכע האָבן דאָ אין ליטע שטאַרק אויסגעפעלט צוליב איר אָפּגעריסנקייט פון דעם יידישן פוילן. גאַנצע ביכער־געוועג, ווי: מענדעלי מוכר ספרים, שלום עליכם, גרעץ און צענדליקער אַנדערע זיינען אין פיל הונדערטער עקזעמפּליאַרן פאַרטיילט געוואָרן צווישן די יידישע לייענער אין ליטע.

„די יידישע שטימע" האָט אויך איינגעאָרדנט עקסקורסיעס קיין ארץ־ישראל, און ניט ווייניק חלוצים און סתם יידן זיינען שוין דאָרט פאַרבליבן. דער אַלגעמיינציוניסטישער מרכז האָט ניט געשפּאָרט קיין מי און געלט, דאָס אַלץ דורכצוזעצן אין לעבן.

דער אַלגעמיינער ציוניזם האָט אויך אַרויסגעגעבן אַ העברעאישן וואָכנבלאַט „הד ליטא", וואָס האָט אין משך פון צוויי יאָר ניט ווייניק גייסטיק־ליטעראַרישע שפּייז פון די בעסטע העברעאישע דיכטער און שרייבער צוגעשטעלט דעם יידישן עולם. האָט אויך פיל בייגעטראָגן צו דער דערשיינונג פון צוויי אַנדערע העברעאישע זשורנאַלן — „נתיבות" און „עולמנו". אַ דאַנק זיי איז אין ליטע דערצויגן געוואָרן אַ היבש ביסל יונגע העברעאיש־ליטעראַרישע כוחות וואָס אַ טייל פון זיי פאַרנעמען אין ישראל און אין אַנדערע לענדער אַן אָנגעזעען אָרט.

אויסער דעם איז אויף די מיטלען פון די אַלג. ציוניסטן אַרויסגעגעבן געוואָרן אַן אילוסטרירט וואָכנבלאַט אויף יידיש „די וועלט" און אויך אַ וואָכנבלאַט אין ליטוויש „מוסו גאַרסאַס" („אונדזער קלאַנג"). זיי אַלע האָבן געהאַט גרויסע פאַרדינסטן פאַרן פּאָליטישן און קולטורעלן וואוקס פון דעם ליטווישן יידנטום.

ניט ווייניק האָבן די אַלגעמיינע ציוניסטן געשאַפן אויך אויפן עקאָנאָמישן געביט פאַר דער אויפריכטונג פון דער יידישער ווירטשאַפט אין ליטע. גענוג צו דערמאָנען די „יידישע צענטראַל באַנק" און די קרוב צו הונדערט פאָלקס־בענק, וועלכע האָבן רעגולירט דעם יידישן האַנדל און מלאכה־וועזן. די דאָזיקע אינסטיטוציעס זיינען געגרינדעט און אויפגעהאַלטן געוואָרן דורך די שטענדיקע גרויסע קרעדיטן מצד דער „יידישער באַנק" אין לאָנדאָן און אירע פיליעס אין ארץ־ישראל א. א. וו. די דאָזיקע הילף איז געווען ניט ווייניק פאַרבונדן מיט דער השפּעה





פון די פירער פון די אַלגעמיינע ציוניסטן אין ליטע, וועלכע האָבן פאַרנומען אַ קענטיק אָרט אין דער ציוניסטישער וועלט־באַוועגונג. פיל חברים פון די אַלגעמיינע ציוניסטן זיינען געווען טעטיק אין די דאָזיקע בענק אויף די ערטער און האָבן ניט ווייניק מיטגעווירקט זייער דערפאָלגרייכער אַנטוויקלונג.

און איצט — וועגן זייער טעטיקייט פאַרן אויפבוי פון ציוניזם און ארץ־ישראל. וואָס שייך די געלט־זאַמלונגען קאָן מען פעסטשטעלן, אַז די ליטווישע יידן האָבן פאַרהעלטנישמעסיק זיך אויסגעצייכנט אין פאַרגלייך מיט די יידן פון אַנדערע לענדער. שפּאָרזאַמע, אויסגערעכנטע און איינגעהאַלטענע האָבן זיי בנוגע ארץ־ישראל דערפילט זייער חוב ערלעך און גרויס־האַרציק. סיי דער קרן־קימת, סיי דער קרן־היסוד האָבן אין ליטע געזאַמלט גאָר קענטיקע סומעס. נישט מער וואָס פאַרן „קרן קימת" האָט מייסטנס געאַרבעט די יוגנט, בעת פאַרן „קרן היסוד" — דער עיקר די אַלגעמיינע ציוניסטן, און מיט גרויס דערפאָלג. ליטע האָט פאַרנומען אַ בכבודיק אָרט צווישן אַלע אַנדערע רייכע לענדער, אפילו איינס פון די ע ר ש ט ע.

חוץ דעם האָט דער ציוניסטישער מרכז אין משך פון יאָרן געגעבן סטיפּענדיעס תלמידים פון דעם העברעאישן טעכניקום אין חיפה, די גימנאַזיעס אין תל־אביב און ירושלים און דעם העברעאישן אוניווערזיטעט. ער האָט אויך געגעבן קענטיקע מאָנאַטלעכע פּענסיעס עטלעכע אָנגעזעענע ציוניסטישע פירער אין ארץ־ישראל.

וואָס שייך די חלוצים, דאַרף מען געדענקען, אַז צו יענער צייט איז דער החלוץ נאָך ניט געווען דיפערענצירט. עס האָט עקזיסטירט איין החלוץ, וואָס אין זיין אויסבילדונג זיינען אַלע געווען גלייך פאַראינטערעסירט. אָבער די לאַסט פון שאַפן מיטלען פאַרן החלוץ איז מייסטנס געלעגן אויף די אַלגעמיינע ציוניסטן. זיי זיינען עס געווען די יעניקע, וועלכע האָבן אויסגעבאָרגט אַ גרויסע געלטסומע און אויך גאַראַנטירט דעם „דזשאָינט" פאַר אַ גאָר קענטיקער סומע, כדי אָפּצוקויפן אַ גרויס שטיק באָדן מיט אַ געוויסער באַלעבאַטישקייט, וואו חלוצים זאָלן קאָנען באַקומען זייער אויסבילדונג אַלס ערד־אַרבעטער. די דאָזיקע פערמע האָט שפּעטער געפּאָדערט גרויסע סומען געלט פאַר איר ווייטערדיקן אויפבוי, און די אַלגעמיינע ציוניסטן האָבן די דאָזיקע מיטלען שטענדיק געשאַפן. אַזוי איז דאַן אויך אויפגעשטעלט געוואָרן אַ קאָאָפּעראַטיווע סטאָלעריי, וואו חלוצים האָבן באַקומען זייער אויסבילדונג אַלס מעבל־מאַכער און סתם סטאָליאַרעס. אויך דעם דאָזיקן קאָאָפּעראַטיוו האָבן די אַלגעמיינע ציוניסטן כסדר צוגעשטעלט די נייטיקע געלט מיטלען פאַר זיין עקזיסטענץ און זיך טעטיק אין אים באַטייליקט מיט אַלץ, וואָס מעגלעך איז.

די האָניק־יאָרן פון דער ליטווישער זעלבשטענדיקייט האָבן אָבער ניט לאַנג אָנגעהאַלטן. שוין אין יאָר 1923 האָט זיך דער גאַנצער ענין פון יידישער אויטאָנאָמיע שטאַרק אַ וואַקל געטאָן, און צוזאַמען דערמיט אויך

די לאַגע פון דעם יידנטום אין ליטע בכלל, און עס האָט זיך אָנגעהויבן אַ גאָר נייע עפּאָכע אין דעם לעבן פון די יידן אין ליטע.

פאַר די 5—6 יאָר, פון 1918 און ווייטער, האָט די ליטווישע מלוכה באַוויזן, ביי דער גרויסער מיטווירקונג פון די יידן אין ליטע און אין אויסלאַנד, זיך שטאַרק צו באַפעסטיקן. זי האָט זיך דערוואָרבן פּאָליטישע אַנערקענונג, האָט ווענזנטלעך אויסגעבויט איר אַפּאַראַט און באַקומען אַ גאַנץ קענטיקע מאַכט. עס איז אַנטשטאַנען אַ ליטווישע אינטעליגענץ. עס איז אויסגעוואַקסן אַ יונגער דור, וועלכער האָט געשטרעבט אין שטאָט אַריין, געגלוסט זיך צו פאַרנעמען מיט האַנדל, אינדוסטרי און פרייע פּראָפעסיעס, און דאָס גלייכן. דער נאַציאָנאַלער עגאָאיזם איז שטאַרק געוואַקסן און מען האָט באַקומען גאָר גרויסע גלוסטענישן און פּרעטענזיעס. מען האָט שוין ניט געוואָלט מער דולדן אין לאַנד די אַנדערע נאַציאָנאַלע מינדערהייטן און זייערע פאָדערונגען. און עס האָט זיך אָנגעהויבן דער צוג קעגן די „פרעמדע" — און דאָס אַרויסשטויסן זיי פון אַלע דורך זיי ביז דאַן פאַרנומענע פּאָזיציעס אויף אַלע געביטן פון מלוכה־און פאָלקס־לעבן.

זעלבסטפאַרשטענדלעך, אַז צום ערשטן האָט דאָס געטראָפן די יידן. עס האָט ניט לאַנג גענומען, און פון דער נאַציאָנאַלער אויטאָנאָמיע זיינען געבליבן ניט מער ווי די שולן. דער אַמט פון מיניסטער פאַר יידישע אָנגעלעגנהייטן איז געשטראָכן געוואָרן, דער נאַציאָנאַל־ראַט — געשלאָסן, און די קהלות — פאַרווערט. די יידן האָבן זיך ביטער אַנטקעגנגעשטעלט, עס האָט אָבער גאָר ניט געהאָלפן. אין יאָר 1924 איז פון דער אויטאָנאָמיע שוין קיין זכר ניט געבליבן. אפילו די שולן האָבן אָנגעהויבן וואָס ווייטער אַלץ מער צו פילן אויף זיך דעם דרוק פון ליטוויניזאַציע און איינגעשרומפּן געוואָרן.

אויפן עקאָנאָמישן געביט האָט זיך אָנגעהויבן אַ פּראָצעס פון „קאָאָפּעראַציע", וואָס איז אין תוך גענומען געווען בלויז אַ פאַרמאַסקירט „מאָנאָפּאָליזירן" מצד דער רעגירונג די גרעסטע ווירטשאַפטס־צווייגן, כדי אַרויסצושטויסן פון דאָרט די יידן. עס האָבן זיך אַפילו אָנגעהויבן לאָזן הערן אַנטיסעמיטישע שטימען, וואָס זיינען שטאַרקער געוואָרן און שרייענדיקער פון טאָג צו טאָג. מען האָט אָנגעהויבן באַליידיקן יידן אויף די גאַסן, שרייען זיי אין פּנים אַריין: „זשידאַס, אייק אי פּאַלעסטינאַ!" (ייד, גיי קיין פּאַלעסטינע) און פון צייט צו צייט איז עס אפילו געקומען צו איבערפאַלן אויף יידן און צו בלוט־בלבולים.

עס איז לייכט זיך פאָרצושטעלן, ווי דאָס אַלץ האָט זיך אויסגעווירקט אויף דעם ליטווישן יידנטום. מיטאַמאָל זיינען פאַרשוואונדן אַלע זיסע חלומות, ווי אַ זייפנבלאָז. מען איז אַוועקגעשטעלט געוואָרן פּנים־אל־פּנים קעגן אַ פינצטערער ווירקלעכקייט. מען מוז ווידער אַמאָל אָנהייבן קעמפן פאַר רעכט צום לעבן און עקזיסטענץ. אָבער דער ביטערער נסיון פון דער נאָענטער פאַרגאַנגענהייט האָט



אָפּגענומען דעם מוט דערצו. די יידישע מאַסן זיינען געשטאַנען מוטלאָז און אָן ווילן...

דאַן האָט זיך אין ליטע, ווי דאָס איז אין יענער צייט געשען אויך אין פוילן, געשאַפן אַ שטימונג צו פאַרלאָזן ליטע און גיין ערגעץ אַנדערשוואו. דער דאָזיקער „אַנדערשוואו" האָט צו יענער צייט ניט געקאָנט זיין, הן צוליב אויסערלעכע סבות הן צוליב אינערלעכער שטימונג, קיין אַנדערער ווי נאָר ארץ־ישראל. האָט זיך טאַקע דאַן אָנגעהויבן אַן עליה קיין ארץ־ישראל ניט בלויז פון חלוצים, נאָר אויך פון מיטלשטאַנד. פיל פאַרמעגלעכע, גוט איינגעפונדעוועטע סוחרים, אונטערנעמער און סתם בעלי־בתים האָבן זיך אַריבערגעצויגן קיין ארץ־ישראל. אַ דאַנק דער דעמאָלטיקער קאָניונקטור אין ארץ־ישראל, האָבן זיך דאָרט די ערשטע עולים גאַנץ גוט איינגעאָרדנט, און זייערע גוטע גרוסן פון לאַנד האָבן אַרויסגערופן פּשוט אַ היפּנאָז־שטימונג אין ליטע, און זייער פיל זיינען גרייט געווען תיכף ומיד זיך לאָזן אין וועג.

מען איז דאַן געשטאַנען ערב אַ גרויסער מיטלשטאַנד־עמיגראַציע קיין ארץ־ישראל. און אָט האָבן זיך אָנגעהויבן לאָזן הערן אין די רייען פון די אַלגעמיינע ציוניסטן שטימען, וואָס האָבן ניט נאָר געפאָדערט אינטערעס און שטיצע פאַרן מיטלשטאַנד, נאָר זיינען אויך אַרויס מיט פיינטלעכע מאָטיוון כלפּי די חלוצים, די „קעסט־קינדער" פון דער ציוניסטישער באַוועגונג, וועלכע שלינגען איין דעם גאַנצן ציוניסטישן בודזשעט. מען האָט אָנגעהויבן פאָדערן אַ רעוויזיע אין דער ציוניסטישער שטעלונג מכוח דעם אויסזען פון דעם ארץ־ישראל־אויפבוי. און עס האָט זיך אָנגעהויבן אַ קאַמף צווישן דיביידע מחנות פאַר מאַכט בכלל אין דער ציוניסטישער טעטיקייט. נאָר אויך דערביי האָט זיך עס ניט אָפּגעשטעלט. מען האָט אָנגעהויבן האַרב צו קריטיקירן דעם גאַנצן זידלונגס־סיסטעם פון די חלוצים, דאָס הייסט: די קיבוצים און קבוצות, ביז מען האָט זיך לסוף דערקייקלט צו דעם, אַז מען האָט גענומען באַקעמפן די „לינקע" און באַשולדיקן זיי אין פאַרכאַפּן די מאַכט אין ציוניזם.

פאַרשיידענע סבות האָבן אין משך פון עטלעכע יאָר מיטגעהאָלפן דער אַנטוויקלונג פון דעם נייעם געדאַנקענגאַנג ביי די אַלגעמיינע ציוניסטן. ערשטנס — די נייע באַוועגונג פון מיטלשטאַנד־עליה, וועלכע האָט לכתחילה אַרויסגערופן אַ ווידערשטאַנד מצד די לינק־געשטימטע עלעמענטן בכלל און ביי אַ געוויסן טייל פון די הויפּטפירער פון דעם ארץ־ישראל־ווערק בפרט; דאָס איז געווען אַ ווידערשטאַנד קעגן די אַלגעמיינע ציוניסטן, וועלכע זיינען פון אָנפאַנג אָן געשטאַנען פאַר גלייכע רעכט פון אַלע יידן אין ארץ־ישראל און פאַר פולער שטיצע פאַר אלעמען מצד דער ציוניסטישער באַוועגונג און זיינען געוואָרן אייפעריקע שטיצער פון דער דאָזיקער באַוועגונג; און דאָס האָט נאַטירלעכערווייז געמוזט פירן צו אַ קאָנפליקט. צווייטנס, האָבן וואָס ווייטער אַלץ דייטלעכער און בולטער זיך אָנגעהויבן אַרויסצווייזן פאַר־

שיידענע דיפערענצן צווישן די ציוניסטישע פראַקציעס, און די אייניקייט איז פון טאָג צו טאָג געוואָרן אַלץ שוואַכער. עס האָבן זיך כסדר געמערט קאָנפליקטן, רייבונגען, און די פאַרהעלטענישן זיינען געוואָרן אָנגעצויגענער און גערייצטער. דריטנס, האָט דאַן אויף דער ציוניסטישער אַרענע אָנגעהויבן אַלץ מער און העפטיקער אַרויסצוטרעטן דער רעוויזיאָניזם, וועלכער האָט פאַרכאַפּט ניט ווייניק עלעמענטן אויך פון די אַלגעמיינע ציוניסטן, און היות עס איז די גאַנצע צייט אָנגעגאַנגען דער געראַנגל צווישן די רעוויזיאָניסטן און די לינקע, האָט דאָס געפירט דערצו, אַז אויך אין די אַלגעמיין־ציוניסטישע רייען זאָל כסדר וואַקסן די צאָל קעגנער צו די לינקע.

מען דאַרף אָבער גלייך באַטאָנען, אַז אין די רייען פון די אַלגעמיינע ציוניסטן אין ליטע האָבן זיך דאַן געפונען זייער פיל אָנפירנדיקע חברים, וועלכע זיינען מיט לייב און לעבן, נישט געקוקט אויף אַלץ, געבליבן טריי דעם טראַדיציאָנעלן אַלגעמיינעם ציוניזם און זיינע פּרינציפּן, האָבן זיך ניט געלאָזט פאַרפירן אין אַ זייט, און זיינען ביז צום לעצט געבליבן פריינד פון דעם אַלץ, וואָס העלפט בויען אַ יידיש ארץ־ישראל, ווער דער בויער זאָל ניט זיין און אויף וואָס פאַר אַ שטייגער ער זאָל ניט בויען.

נאָכן דורכפאַל פון דער אויטאָנאָמיע האָבן די אַלגעמיינע ציוניסטן געווידמעט זייער גאַנצע באַפרייטע ענערגיע דער ציוניסטישער טעטיקייט. אמת, זייערע כוחות זיינען קענטיק אָפּגעשוואַכט געוואָרן. סאָלאָווייטשיק, ראָזענבוים און אַנדערע האָבן פאַרלאָזן ליטע. דאָך זיינען נאָך געבליבן פיל וויכטיקע כוחות אָנצופירן מיט דער ציוניסטישער טעטיקייט. איבערהויפּט האָבן זיי דאַן אָנגעהויבן זיך צו באַשעפטיקן מיטן אויסבויען זייער אָרגאַניזאַציע, וואָס איז געווען היפּש פאַרנאַכלעסיקט. קיין גרויסן דערפאָלג האָבן זיי אָבער דערין ניט געהאַט. עלטערע עלעמענטן לאָזן זיך בכלל ניט אַזוי לייכט דיסציפּלינירן, זיינען ניט גערן צו זיין שטרענג אָרגאַניזירט און קיין יוגנט האָבן זיי דאַן בכלל ניט פאַרמאָגט. האָבן זיי טאַקע אָנגעהויבן אַ טעטיקייט פאַר דער יוגנט. זיי האָבן קענטיק געשטיצט די יוגנט־אָרגאַניזאַציעס פון „השומר הצעיר״, וועלכער האָט דאַן אין ליטע געגאָלטן אַלס אַ ריין ציוניסטישער יוגנט־פאַרבאַנד, אָן וועלכע עס איז סאָציאַליסטישע שטימונגען. אויך פון „מכבי״, וועלכע איז געווען קלאָר אויסגעשפּראָכן קעגן סאָציאַליסטישע נייגונגען.

די אַלגעמיינע ציוניסטן האָבן אויך געשטיצט מיט געהעריקע סומען יענע לער־שולן, וואָס אין זייער שפּיץ זיינען געשטאַנען אויסגעשפּראָכענע אַלגעמיינע ציוניסטן, און האָבן צוגעזאָגט צו דערציען גוטע, געטרייע אַלגעמיינע ציוניסטן. מען מוז אָבער צוגעבן, אַז דאָס אַלץ איז געטאָן געוואָרן גאַנץ קאָנסטיטוציאָנעל און אָן אַ וועלכן פּאַרטייאישן אייפער. צו יענער צייט האָט דער אַלגעמיינער ציוניסטישער מרכז נאָך געגעבן גענוג שטיצע דעם „החלוץ״, נישט געקוקט דערויף וואָס ער האָט שוין דאַן





אַרויסגעצייגט גאָר קענטיקע נייגונגען צו לינקס. אויך די אַגיטאַציע האָט דאַן נאָך געהאַט אַ גאַנץ אָנשטענדיק פּנים, מען איז געווען איינגעהאַלטן, מען האָט אָנגעהויבן, אמת, מער צו באַטאָנען דעם אַלגעמיינעם ציוניזם, מען איז אַרויסגעטרעטן מיט אַ געוויסער קריטיק קעגן די לינקע, אָבער אַלץ אין דער געהעריקער מאָס, אָנשטענדיק און קולטורעל. עס האָט נאָך אויך געהערשט אַ קענטלעכער שלום צווישן די פאַרשיידענע ריכטונגען, עס איז נאָך געווען אַ געמיינזאַמע אַרבעט. כאָטש אין דער אונטערפלאַך, אין די טיפענישן, האָט שוין שטאַרק געיוירט און געברויזט, איז נאָך אויף דער אויבערפלאַך אַלץ געווען גאַנץ רואיק.

די אַלגעמיינע ציוניסטן האָבן דאַן זיך אויך באַטייליקט ענערגיש אין די אַזוי גערופענע „עזרה״־אינסטיטוציעס, אַ מין ערזאַץ צו די געשלאָסענע קהלות, געשטיצט, מיט סובסידיעס און הלוואות, די העבּרעאישע באַדערפטיקע שולן, העפטיק באַקעמפט די „אגודת ישראל״, וועלכע האָט זיך אַלץ מער מתקרב געווען צו דער מאַכט און געוואָלט אויסנוצן די געשאַפענע קאָניונקטור לטובת אירע אינטערעסן און גלוסטענישן צו ווערן די פאָרשטייער פון ליטווישן יידנטום. דאָסגלייכן האָבן זיי געפירט אַ קאַמף קעגן די רבנים, וואָס אויך זיי האָבן געוואָלט אויסנוצן די געגעבענע שעה און האָבן געפּרואווט אויפשטעלן אַ מין „קאָנסיסטאָריום״ מיט געוויסע רעכט אויפן אינעווייניקסטן יידישן לעבן און אויף דער פרייהייט פון געוויסן. מוטיק און העפטיק איז געפירט געוואָרן דער דאָזיקער קאַמף, סיי מינדלעך סיי שריפטלעך, איבערהויפּט אויף די זייטן פון „די יידישע שטימע״, וואָס איר קול איז דערגאַנגען צו דער רעגירונג. נאָר געהאָלפן האָט דאָס ווייניק. די ציוניסטן זיינען דאַן שוין מער ניט געווען אין דער מאָדע, כאָטש שטערן האָט מען זיי ניט געפּרואווט. די „אגודה״ איז געוואָרן די רעדל־פירערין ביי דער רעגירונג, און די רבנים האָבן דאָס זייערע כמעט ווי דערגרייכט. אָבער לאַנג האָט אויך די דאָזיקע אידיליע ניט געדויערט, און גאָר אינגיכן איז מקוים געוואָרן דאָס אַלץ, וואָס די ציוניסטן האָבן פאָראויסגעזאָגט.

אינצווישן איז אין ליטע פאָרגעקומען אַ נייעס. די מאַכט איז אַריבער צו דער ליטווישער פאָלקס־פּאַרטיי („ליאַודינינקאַי״) און די סאָציאַל־דעמאָקראַטן. עס האָט זיך אָנגעהויבן אַ גאַנצע קייט רעפאָרמעס. פאַר יידן איז געקומען אָבער אַ זייער שווערע צייט. די יידישע אינדוסטריע און האַנדל האָבן אָנגעהויבן שטאַרק צו ליידן פון די נייע געזעצן. אויך דאָס גייסטיקע יידישע לעבן האָט געהאַט אויסצושטיין אַ שווערן נסיון. דאָס געזעץ פון זונטיק־רו, לויט וועלכן זונטיק און חגא איז פאַרבאָטן געווען יעטוועדע אַרבעט אין קראָם, פאַבריק, געווערבשטוב און אין גאַס, האָט געדראָט מיט אַ גרויסער סכנה דעם יידישן עקאָנאָמישן קיום. האָט מען טאַקע אויס נויט אין פיל קראָמען און געשעפטן געאַר־

בעט אום שבת; אפילו פּראָסטע בעלי־עגלות זיינען גע־וווען געצוואונגען צו פאָרן אום שבת. דער בילדונגס־מיניסטער, אַ סאָציאַליסט, האָט ניט געוואָלט אַנערקענען דעם העברעאישן דערציאונגס־וועזן, און דער גאַנצער נעץ פון העברעאישע שולן האָט געדראָט אונטערגאַנג. עס איז לייכט זיך פאָרצושטעלן, וואָס פאַר אַ שטימונג עס האָט דאַן געהערשט אויף דער יידישער גאַס.

ניט לאַנג אָבער האָט די דאָזיקע מאַכט אָנגעהאַלטן. עס איז אינגיכן פאָרגעקומען אַן איבערקערעניש, און עס איז אַנטשטאַנען אַ דיקטאַטור. וועלנדיק געווינען די מאַסע פּויערים און אַרבעטער, מאַכן זיי טריי דער נייער אָרדנונג, האָט די דיקטאַטאָרישע רע־גירונג אַנטוויקלט אַ גוואַלדיק גרויסע שטיק־אַרבעט פאַר די דאָזיקע שיכטן. מען האָט געשאַפן קאָאָפּעראַטיוון, וועלכע האָבן אַלץ איינגעקויפט צוריק ביים פּויער און אים פאַרקויפט, און אַזוי אַרום געזוכט צו פאַרניכטן דעם גאַנצן פאַרמיטלער־שיכט, וואָס איז באַשטאַנען כמעט דורכאויס פון יידן. די יידן אין די קאָאָפּעראַטיוון האָט מען ניט אָנגענומען. מען האָט אָפּגעשטעלט די טעטיקייט פון די פּריוואַטע עקספּאָרטערן, וועלכע זיינען ווידער געווען דורכאויס יידן. די פּויערים גופא האָבן באַקעמפט דעם דאָזיקן סיסטעם, ווייל מיט און דורך די יידן האָבן זיי גע־מאַכט פיל בעסערע געשעפטן. עס איז צוליב דעם געקו־מען אַפילו צו אויפשטאַנדן מצד די פּויערים. די מאַכט איז געווען געצוואונגען באַנוצן געווער, לסוף אָבער האָט דאָס ניט געהאָלפן; די אינטעליגענץ, דאָס סוחרטום, די אָנגע־שטעלטע און זייער גלייכן זיינען געווען פאַר דעם. צום סוף האָט די רעגירונג אָנגעהויבן געבן די פּויערים מיליאָ־נען־סובסידיעס פון דער מלוכה־קאַסע און עס איז געוואָרן רואיק. אינצווישן זיינען ניט ווייניק יידן צערוואינירט און אַרויסגעשטויסן געוואָרן. די רעגירונג האָט גלייכצייטיק געשאַפן אַ גאַנצע נעץ געזעצן, וועלכע האָבן באַצוועקט צו שיצן די אינטערעסן פון די אַרבעטער, האָבן פּשוט געשמידט די הענט פון די בעלי־בתים און געמאַכט זיי לסוף אויס דעה־זאָגער אויף זייער האָב און גוטס. אַזוי אַ שטייגער, האָט די רעגירונג, ניט אָנצופרעגן ביי די בעלי־בתים, ווילקירלעך פעסטגעשטעלט דעם לוין פון אַרבעטער און אָנגעשטעלטן און אויך איינגעשטעלט לויטן אייגענעם איינזען די פּרייזן פון די סחורות און אַזוי ווייַ־טער. ווען אַ קרעמער האָט ניט געוואָלט פאַרקויפן די סחורה לויט דעם רעגירונגס־פּרייז, אָדער ווען אַן אונ־טערנעמער האָט זיך געזען געצוואונגען צו ליקווידירן זיין אונטערנעמונג, איז דאָס געווען שטרענג פאַרבאָטן. מען האָט געמוזט אָנהאַלטן דאָס געשעפט און פאַרקויפן פאָרן פעסטגעשטעלטן פּרייז. אלא וואָס דען? עס האַלט ניט אויס קיין רעכענונג, מען לייגט צו, מען פאַרלירט פון טאָג צו טאָג? די רעגירונג רעכנט זיך ניט מיט דעם און דראָט מיט שטראָפן, רעקוויזיציעס און דאָס גלייכן.

די דאָזיקע לאַגע האָט געהאַט איר אויסווירקונג אויף די יידן. דער מיטלקלאַס האָט נאָך מער אָנגעהויבן ציען



קיין ארץ־ישראל, אין די רייען פון די ציוניסטן איז אַלץ געוואַקסן דער מיטלשטאַנד, און אַלס פּועל־יוצא האָט זיך אַלץ מער געוועקט די קעגנערשאַפט צום החלוץ בכלל און צום לינקן סעקטאָר בפרט. די דיקטאַטור ווידער האָט געשטאַרקט ביי דער יוגנט די נייגונג איבערהויפּט צו לינקס, די קעגנערשאַפט צווישן דעם לינקן פליגל אין ציוניזם און דעם אַלגעמיינעם ציוניזם איז געשטיגן פון טאָג צו טאָג און האָט אָנגענומען אַלץ מער שאַרפערע פאָר־מען. דאַן איז אין ליטע שוין טעטיק געווען אַ רעוויזיאָ־ניסטישע פּאַרטיי, וועלכע האָט צוגעצויגן טיילן פון די אַלגעמיינע ציוניסטן, לסוף זיינען די דאָזיקע טיילן אַוועק פונעם אַלגעמיינעם ציוניזם, וועלכער איז דורך דעם קענטיק שוואַכער געוואָרן. די לינקע האָבן געפונען פאַר נייטיק צו גרינדן אַן אייגענעם ציוניסטישן אָרגאַן, „דאָס וואָרט”, און דאָס האָט האָט נאָך מער פאַרגרעסערט דעם ברוך און דעם פּירוד. צוליב פּאַרטיי־פּרעסטיזש האָבן אויך די רעוויזיאָניסטן געעפנט אַן אייגענע צייטונג, כאָטש עס האָט זיי דערצו געפעלט ניט בלויז מיטלען, נאָר אויך קרעפטן און לייענער. עס האָט זיך געשאַפן אַ גאָר און גאָר שווערע אַטמאָספער. ערגער פון אַלע האָט זיך געהאַלטן דער רעוויזיאָניסטישער אָרגאַן. אים האָט גאָרניט אָפּגע־האַלטן אין זיין פאַנאַטישן דראַנג. ער האָט אָבער געצויגן נאָך זיך די יוגנט.

די דאָזיקע לאַגע האָט געצוואונגען דעם אַלגעמיינעם ציוניזם צו זוכן נייע וועגן, כדי צו זיכערן זיין פּאָזיציע. מען האָט קודם־כל געמוזט שאַפן אַ יוגנט, אַן אייגענעם החלוץ, אַן אַלגעמיין־ציוניסטישע מאַסע בכלל אין ליטע גופא. צווייטנס, האָט מען איינגעפונען פאַר אַ נויטווענ־דיקייט זיך פעסטער צוזאַמענצושליסן מיט די שכנותדיקע לענדער — לעטלאַנד און עסטלאַנד. אַ צוזאַמענבונד איז נייטיק געווען פאַר זיי אַלעמען. לעטלאַנד און עסטלאַנד האָבן ניט פאַרמאָגט קיין אַלגעמיינעם ציוניסטישן פּרעסע־אָרגאַן, אַ זאַך מיט וואָס ליטע האָט זיי געקאָנט אַרויסהעלפן. אין לעטלאַנד ווידער איז דאַן דערצויגן געוואָרן און אויס־געוואַקסן אַ גאָר היפּשע אַלגעמיין־ציוניסטישע יוגנט און אויך אַ החלוץ. אין דער הינזיכט האָבן די ליטווישע אַלגעמיינע ציוניסטן געהאָפט אויפגעבויט צו ווערן דורך די שכנים־חברים. און עס איז ווירקלעך אַזוי געשען.

דער ליטווישער אַלגעמיין־ציוניסטישער צענטער האָט ניט געשפּאָרט קיין מי און קיין מיטלען, האָט זיך צו ערשט פאַרבונדן מיט דעם ריגער „דאָס פאָלק” (אַרויס־געגעבן דורך איינעם איידעס) און מיט דעם „פרימאָרגן” (אַרויסגעגעבן דורכן ריגער „סעוואָדניאַ” און רעדאַגירט דורך ד״ר לאַצקי און ד״ר יעקב העלמאַן), און גענומען פון זיי טעגלעך 4 זייטן פאַר דער „יידישער שטימע”, דערפאַר זיינען זיי געוואָרן אָפיציעל די אָרגאַנען פון לעטישן אַלגעמיינעם ציוניזם. דאַקעגן האָבן די פאָרשטייער פון דער אַלגעמיין־ציוניסטישער יוגנט אין לעטלאַנד זיך אָפּגעגעבן מיטן אויסבילדן אַזאַ יוגנט אויך אין ליטע. און ווירקלעך, ניט געקוקט אויף אַלע פּעסימיסטישע

שטימען, און קעגן אַלע דערוואַרטונגען, האָט זיך גאָר אינגיכן אַרויסגעוויזן, אַז אויך אין ליטע איז פאַראַן אַ פּרוכטבאַרער באָדן פאַר אַן אַלגעמיין־ציוניסטישע יוגנט. עס האָט ניט לאַנג גענומען און דער אַלגעמיינער ציוניזם האָט געשלאָגן צווישן דער יוגנט גאָר שטאַרקע וואָרצלען. עס האָט זיך אויסגעבילדעט אַ גאָר היפּשע מחנה פון אַלגעמיין־ציוניסטישער יוגנט און גלייך נאָך דעם אויך אַן אַלגעמיינער ציוניסטישער „החלוץ”. סיי די יוגנט אין אַלגעמיין, סיי דער החלוץ אירער, האָט זיך אַרויסגעוויזן פאַר אַ זייער גוטן מענטשן־מאַטעריאַל און ניט ווייניק האָבן געשטוינט זעענדיק, ווי אָט די „בעלי־בתּישע קינדערלעך”, וואָס מען פּלעגט שפּאָטן פון זיי, אָט די דאָזיקע אַלגעמיינע ציוניסטן מיט זייער „פאַרשימלטער” אידעאָלאָגיע, האָט באַוויזן אַזוי שנעל און אַזוי איבערגעגעבן צוצופּאַסן זיך ניט נאָר צו אַלערליי שוואַרצע אַרבעט, ווי: האָלץ־האַקן און דאָס גלייכן, נאָר אויך צום פּויערישן לעבן אין דאָרף, וואו פיל פון זיי האָבן זיך איינגעאָרדנט ביי די פּויערים אויף ערד־אַרבעט, איבערהויפּט אין מעמלער געביט. עס איז דערגאַנגען דערצו, אַז פּויערים האָבן ווי מיט ליכט געזוכט די דאָזיקע חלוצים אויף אַרבעט. דאָס לעבן אין די מחנות איז געווען ווייט ניט קיין לייכטס, זייער אַן אָרעמס און אַ שווערס. דאָך האָט דאָרט געהערשט אַ גוטע שטימונג, אינערלעכע פרייד, איבערגעגעבנקייט, צופרידנקייט און האָפענונג אויף אַ גיכע עליה.

די דאָזיקע דערשיינונג האָט, פאַרשטייט זיך, אַרויסגערופן פיל פרייד אין די לאַגערן פון די אַלגעמיינע ציוניסטן, עס האָט זיי באַהערשט אַ זיכערקייט, און אַפילו אַ שטאָלץ: „זיינען מיר דאָך איצט צו לייטן גלייך און האָבן יורשים, וועלכע וועלן פאַרנעמען אונדזער אָרט און ווייטער וועבן דעם אַלגעמיין־ציוניסטישן אידעאַל”. זיי האָבן אויף די ערטער מיטן מרכז בראש געטאָן אַלץ וואָס מעגלעך, אויפצוהאַלטן און ווייטער צו אַנטוויקלען זייער יוגנט־באַוועגונג, וועלכע האָט זיך אָנגעהויבן מיט אַזאַ דערפאָלג. און עס איז קיין ספק ניט, אַז ווען ניט די אינערלעכע מחלוקת, וואָס האָט זיך אינגיכן אָנגעהויבן, וואָלט די אַלגעמיין־ציוניסטישע יוגנט און דער החלוץ גאָר שנעל געווען פאַרנומען איינס פון די ערשטע ערטער אין דעם ליטווישן יידנטום. עס זיינען געווען אַלע סימנים פאַר דעם, אַלץ אַרום האָט גערעדט פאַר דעם. אָבער...

עס איז ניט באַשערט געווען דעם אַלגעמיינעם ציוניזם לאַנג צו געניסן פון זיין פרוכט. עס איז אויסגעבראָכן אַ קאַמף צווישן די אַלגעמיינע און זייער יוגנט. די יוגנט, ווי אַלגעמיין־ציוניסטיש זי איז ניט געווען, האָט זי דאָך געהאַט אירע אייגענע אנשויאונגען און אָפּשאַצונגען. זי האָט געוואָלט זיין אין אַ געוויסער מאָס זעלבשטענדיק און קאָנען פריי האַנדלען. דאָס האָט געוועקט אַ מורא ביי די רעכטע עלעמענטן צווישן די אַלגעמיינע, און זיי האָבן אָנגעהויבן שטאַרק באַקעמפן די דאָזיקע טענדענץ, געפאָדערט פולקאָמע דיסציפּלין מצד דער יוגנט





צו דער אַלגעמיינער אָרגאַניזאַציע און איר פולשטענדיקע געהאָרכזאַמקייט. די יוגנט האָט זיך ניט געבויגן. די אַלגעמיינע האָבן זיי דערקלערט אַ ביטערן קאַמף און עס איז געקומען צו אַ שפּאַלטונג. דער רעכטער פליגל האָט זיך אָפּגעטיילט און עס האָט זיך געשאַפן אַ נייע אַלגעמיין־ציוניסטישע יוגנט, וועלכע איז געבליבן אומבאַדינגט אונטערגעוואָרפן דער אַלגעמיין־ציוניסטישער אָרגאַניזאַציע. דאַן האָט זיך אָנגעהויבן אַן אינערלעכער שטרייט, אַ געיעג נאָך חברים, אַ קאַמף פאַר די רעכט צו טראָגן דעם נאָמען „אַלגעמיינער ציוניזם”.

אַזאַ צושטאַנד האָט, נאַטירלעך, ניט צוגעגעבן קיין געזונט קיינעם פון די צדדים. גענאָסן דערפון האָבן אַנדערע. אינצווישן זיינען פאַרלעצט געוואָרן די בליענדיקע האָפענונגען אויף דער צוקונפט.

מיט דער צעטיילונג פון דער יוגנט איז פאָרגעקומען אַ שפּאַלטונג, כאָטש פאָרלויפיק ניט קיין אָרגאַניזאַציאָנעלע, אויך ביי די עלטערע חברים. טייל פון זיי זיינען געווען מיט דער אָפּאָזיציאָנעלער יוגנט, האָט געשטימט פאַר זייער זעלבשטענדיקייט און זי געשטיצט אַפילו נאָכדעם ווי די אָרגאַניזאַציע האָט זיי אָפיציעל דערקלערט פאַר אויסגעשלאָסענע.

דאַן האָט זיך דערנענטערט דער צעשפּאַלטונגס־פּראָצעס אין לאַגער פון די אַלגעמיינע ציוניסטן אין גאַנץ אייראָפּע בכלל. אין אָנפאַנג פון די דרייסיקער, אויפן צווייטן צוזאַמענפאָר אין קראָקע, האָבן זיך די אַלגעמיינע ציוניסטן געשפּאָלטן אויף צוויי לאַגערן — אַלגעמיינע „אַלף” און אַלגעמיינע „בית”, אָדער ווי זיי האָבן זיך נאָכדעם גערופן: „ברית הציונים הכללים” און „התאחדות הציונים הכללים”.

די אַלגעמיינע ציוניסטן אין ליטע, וועלכע זיינען בלויז מיט צוויי יאָר פריער געווען דורכאויס קעגן אַזאַ צעטיילונג, האָבן עס איצט אָנגענומען פאַר אַ גאַנץ נאַטירלעכע נויטווענדיקייט, און קורץ נאָך קראָקע זיך אויך געשפּאָלטן אויף צוויי לאַגערן. פיל פון די אַלטע, אָנפירנדיקע חברים, האָבן פאַרלאָזן די אָרגאַניזאַציע און צוזאַמען מיטן ווידערשפּעניקן החלוץ געבילדעט אַ נייע פּראָגרעסיווע אַלגעמיין־ציוניסטישע אָרגאַניזאַציע.

פאַרשטייט זיך, אַז נאָך אַזאַ אַנטוויקלונג האָט שוין די אָרגאַניזאַציע פון דעם אַלגעמיינעם ציוניזם ניט געקאָנט מער איינהאַלטן איר פריערדיקע פּאָזיציע. לויט איר גרייס, האָט זי אָנגעהויבן פאַרנעמען איינעם פון די לעצטע פּלעצער. צו די קאָנגרעסן האָט זי באַקומען די קלענסטע צאָל דעלעגאַטן. אַ גרעסער אָרט האָבן פאַרנומען די ציוניסטן־סאָציאַליסטן, וועלכע האָבן נאָך איינגעהאַלטן זייער אייניקייט און אויסגעמאַכט איין גרויסע מחנה. ניט מער, וואָס די אינטעליגענץ, וועלכע די אַלגעמיינע האָבן נאָך דאַן פאַרמאָגט, ווי אויך די טראַדיציע פון דער נאָענטער פאַרגאַנגענהייט, האָבן נאָך דערמעגלעכט די אַלגעמיינע ציוניסטן טיילווייז איינצוהאַלטן

זייער אָרט, און ווייטער בלייבן אין אַ געוויסער מאָס די וואָרטזאָגער און אָנפירער פון ליטווישן יידנטום.

סוף יאָר 1935 האָב איך פאַרלאָזן ליטע און בין אַוועק קיין ארץ־ישראל. איך האָב זיך שוין מער ניט באַטייליקט אין די אָנגעלעגנהייטן פון ליטווישן ציוניזם; פון די ידיעות, וואָס איך האָב באַקומען, האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז די לאַגע דאָרט איז געוואָרן אַלץ מער און מער אומדערטרעגלעך. די צאַנקערייען און די צערייצט־קייט זיינען געוואַקסן פון טאָג צו טאָג.

עס איז דערגאַנגען אַזוי ווייט, אַז מען איז געווען גע־צוואונגען צו דעלעגירן פון ארץ־ישראל אַ געוויסע פירנ־דיקע פּערזאָן, דווקא פון די רעכטע, כדי אויסצואווירקן דאָרט אַ מער אַנשטענדיקערע באַציאונג צווישן די חברים און כאָטש עטוואָס איינצוצאַמען די בייזע געמיטער. ליידער, איז אים זייער וויניק געלונגען. זיינע חברים זיינען אויף קיין קאָמפּראָמיסן ניט איינגעגאַנגען, און אַלץ איז פאַרבליבן ווי געווען.

דאָס יאָר 1941 מיט זיינע געשעענישן האָט צונישט געמאַכט די גאַנצע ציוניסטישע אַרבעט. פיל פון די חברים זיינען דורך די סאָוויעטן אַרעסטירט און אַרויס־געשיקט געוואָרן, די אַנדערע האָבן געהאַט נאָך אַ ביטע־רערן סוף — היטלער, ימח שמו, האָט זיי אויסגעמאָרדעט און עס איז פון זיי כמעט קיין שריד־ופליט ניט געבליבן.

עס איז געווען אַמאָל אַ גרויסער, שאַפנדיקער פיל־פאַרביקער יידישער קיבוץ אין ליטע, וועלכער האָט געהאַט גוואַלדיק גרויסע פאַרדינסטן פאַרן יידישן פאָלק בכלל און פאַרן רוסישן יידנטום בפרט. ער איז שוין מער ניטאָ! רעשטלעך בלויז זיינען פון אים פאַרבליבן, דאָ און דאָרט. געווען אויך אַ ליטווישער אַלגעמיינער ציוניזם, וואָס אויך ער האָט געהאַט געוויסע קענטיקע פאַרדינסטן, ניט בלויז פאַר דער ציוניסטישער באַוועגונג, נאָר אויך פאַרן כלל ישראל. אויך ער איז שוין ניטאָ מער. אויך פון אים זיינען פאַרבליבן נאָר טרויעריקע רעשטלעך. מיר קאָנען זיי נאָר אין טרויער דערמאָנען, שטעלן זיי מצבות און זאָגן נאָך זיי:

יתגדל ויתקדש...

**יעקב עמית (גאָטליב)**

# די „השומר־הצעיר" באַוועגונג אין ליטע

## די ערשטע שפּראָצונגען

דאָס יאָר תרפ"א איז דאָס בראשית־יאָר פון דער „השומר־הצעיר" באַוועגונג אין ליטע. מיט זיבן יאָר שפּעטער, ווי דאָס ערשטע קערנדל פון „השומר־הצעיר" האָט אויסגעשפּראָצט איבער דער גאָרער יידישער וועלט.

דער פאַרשפּעטיקטער אויפבלי פון דער „השומר־הצעיר" באַוועגונג אין ליטע איז ניט צופעליק. דאָס איז אַ פּועל־יוצא פון ספּעציפישן מצב ביים ליטווישן יידנ־טום אין יענע יאָרן פון ערשטן וועלט־קריג. אין יאָר 1915 זיינען יידן פאַרטריבן געוואָרן פון זייערע וואוין־ערטער טיפער קיין רוסלאַנד. אין פאַרלויף פון עטלעכע יאָר איז הינטערשטעליק געבליבן די געזעלשאַפטלעכע אַנטוויק־לונג פון די יידן אין לאַנד. ערשט אין יאָר 1918, — ווען די פּליטים האָבן זיך צוריקגעקערט קיין ליטע און ס׳האָט זיך געגרינדעט די ליטווישע רעפּובליק — האָט זיך אויך באַנייט דאָס יידישע לעבן אין ליטע.

עס האָט זיך אָנגעהויבן אַ פּעריאָד פון אויפשטייג און אויפבלי — דאָס פאַרווירקלעכן פון דער יידישער נאַציאָנאַלער אויטאָנאָמיע, דאָס אויפלעבן פון ציוניזם, די פריידיקע געשעעניש פון דער באַלפור־דעקלאַראַציע, סאַן־רעמאָ און די דערוואַרטונג פון גרויסע פּאַסירונגען. דעמאָלט איז געלייגט געוואָרן דער יסוד פאַר דער אָרגאַ־ניזאַציע פון די צופים עברים אין ליטע, וואָס איז בכלל געווען די ערשטע העברעאישע יוגנט־אָרגאַניזאַציע אין לאַנד. די ערשטע פאָנען־טרעגער פון דער באַוועגונג האָבן זיך על־פּי־רוב גרופּירט פון די צוריקגעקומענע פון רוסלאַנד, באַזונדער פון מאָסקווע און פון אוקראַינע, וועלכע האָבן פאַרמאָגט דערפאַרונג און טראַדיציע פון דער העברעאישער סקויטן־באַוועגונג, וואָס האָט זיך אָנגעהויבן צו אַנטוויקלען נאָך דער פעברואַר־רעוואָלוציע.

פּורים תרפ"א איז אין קאָוונע געשאַפן געוואָרן אַ סקויטן־אָפּטיילונג. נאָך פריער מיט עטלעכע חדשים איז אין ווירבאַלן געשאַפן געוואָרן אַ „השומר־הצעיר" אָר־גאַניזאַציע ביי דער איניציאַטיוו פון אַ סוואַלקער שומר, לויטן מוסטער פון פּוילישן „השומר־הצעיר".

דער סקויטן־קן, וואָס איז געשאַפן געוואָרן אין דער אַטמאָספער פון דער העברעאישער גימנאַזיע, האָט גאָר גיך אַריינגעצויגן אין זיך אַלע שילערס, וועלכע האָבן געפונען אין דעם שומרישן פּראָגראַם די פאַרווירקלעכונג פון זייערע שטרעבונגען, צוגעפּאַסט פאַרן יונגן דור פון יענער צייט.

די „השומר־הצעיר באַוועגונג אין ליטע איז דאָפּלט באַאיינפלוסט געוואָרן אויפן וועג פון איר אַנטוויקלונג. פון איין זייט, דער מהות פון די העברעאישע סקויטן אין

רוסלאַנד און, פון דער צווייטער זייט, — דער גייסט פון „השומר־הצעיר" אין פּוילן.

זאָל דאָ פאַרצייכנט ווערן אַ כאַראַקטעריסטישער פּרט: אויף דער ערשטער קאָנפערענץ פון דער באַוועגונג איז באַהאַנדלט געוואָרן די פראַגע, וואָסער נאָמען גיט מען דער אָרגאַניזאַציע? טייל האָבן פאָרגעשלאָגן: „הסתדרות הצופים העברים", אַנדערע האָבן, ווידער, געוואָלט — „השומר הצעיר". דאַן איז באַשלאָסן געוואָרן אַ סינטעטישער נאָמען: הסתדרות הצופים העברים „השומר־הצעיר".

## זוכונגען

אויף דער ערשטער קאָנפערענץ פון דער סקויטן־באַוועגונג, פּסח תרפ"ב, האָבן אָנטייל גענומען דעלעגאַטן פון זעקס גדודים. אויף דער קאָנפערענץ האָט מען געהערט צוויי באַזונדערע מיינונגען פאַר די צילן פון דער באַוועגונג. פון איין זייט — יוגנטלעכע נאַאיוויטעט און פון דער אַנדערער זייט — האָבן זיך געלאָזט מערקן סימנים פון פּאָזיטיוו־געזעלשאַפטלעכע שטרעבונגען.

די קאָנפערענץ האָט באַטאָנט, אַז די סקויטן־באַוועגונג פאַרקערפּערט אין זיך די שיטה פון זעלבסט־דערציאונג, וואָס שטרעבט צו בילדן די יידישע יוגנט, צו פאַרריכטן די פעלערן פון אַלטן דור און צו שאַפן אַ נייעם דור פון געזונטע בירגער, גייסטיק און קערפּערלעך, געטריי און איבערגעגעבן צו זיך. אָבער ווען עס האָט זיך געשטעלט די ערנסטע פראַגע: וואָס באַדייטן די דאָזיקע רייד? וואָסער צוקונפט האָט פאַר זיך דער סקויט ווען ער ווערט עלטער? דאַן האָט די קאָנפערענץ אָנגעוויזן אויף די אָרגאַניזאַציעס פון „מכבי" און „החלוץ", וואָס זיינען נאָענט אין גייסט צו דער סקויטן־באַוועגונג.

פאַרוואָס „מכבי"? ווייל די דאָזיקע אָרגאַניזאַציע שטרעבט אויפצולעבן דעם גייסט פון יונגן מכבי — און דאָס איז אויך די אויפגאַבע פון דער סקויטן־באַוועגונג.

און דער „החלוץ"?

„החלוץ" איז דער אָנזען פון אונדזער צוקונפט. דער אויספיר איז: די אויפגאַבע פון די יידישע סקויטן איז צו דערציען געטרייע בירגער פאַר דער אַרבעטנדיקער פּאַלעסטינע (אונטערן איינפלוס פון דער רוסישער שפּראַך), דעריבער איז אַ פליכט צו שטיין אין אַ נאָענטן קאָנטאַקט מיט דער אָרגאַניזאַציע „החלוץ".

דער אינערלעכער צובונד צו דער „החלוץ"־באַוועגונג האָט זיך סימבאָליזירט מיט דעם ערשטן זומער־לאַגער, וואָס די סקויטן האָבן אָפּגעהאַלטן נאָענט פון דער חלוצישער פערמע פילאַדנאַגי. אָט דער זעלישער קאָנטאַקט מיטן „החלוץ" האָט דעמאָלט ניט אויסגעמיטן זיך צו אידענטיפיצירן, אָן איבעריקע באַוואָרענישן, מיטן סקויטן־אָרדן פונעם ענגלענדער באַדן פּאַול. די ערשטע יאָרן איז די יידישע סקויטן־אָרגאַניזאַציע געווען אַן אָרגאַנישער טייל פון אַלגעמיינעם ליטווישן סקויטן־פאַרבאַנד.





די ערשטע קאָנפערענץ פון דער סקויטן־באַוועגונג אין ליטע, וואָס האָט זיך געגעבן דעם נאָמען „השומר הצעיר", איז נאָך געווען ווייט פון אַ קריסטאַליזירטער געזעלשאַפטלעך־נאַציאָנאַלער אידעאָלאָגיע. די באַוועגונג האָט געבלאָנדזשעט אין פלאָנטער פון באַגריפן און זי האָט געשטעלט אירע וואַקלדיקע טריט אַנטקעגן אַן אומבאַקאַנטער צוקונפט.

## צו וועמען געהערן מיר?

די העבראַאישע סקויטן־קאַדרען, וואָס זיינען לכתחילה געווען ווי אַ דעקאָראַציע פאַר דער דערוואַקסענער ציוניסטישער געזעלשאַפט, האָבן זיך מיט דער צייט אַנטוויקלט צו אַ באַוועגונג פון העבראַאישער יוגנט מיט זעלבסט־באַוואַרטונג. עס איז אויפגעקומען דאָס גלויבן אין דער יוגנט־קולטור, וואָס האָט באַטאָנט די יוגנטלעכקייט אַלס אַ ציל פאַר זיך, און דער שווער־פּונקט האָט זיך געפונען אין דער אינטים געזעלשאַפטלעכער עמאָציאָנעלער ראָמאַנטיק. עס האָט זיך אויסגעדוכט, אַז די באַוועגונג האָט דערגרייכט דעם העכסטן שאַפונגס־פּונקט. אינטענסיווע אינערלעכע קאָנצענטראַציע, דאָס געפיל פון „וועלט־שמערץ" — דאָס זיינען געווען די שטריכן וואָס האָבן געלייגט זייער שטעמפּל אויפן וועזן פון דער באַוועגונג אין יענעם פּעריאָד. דערווייל זיינען די צופים — אונטערגעוואַקסן און רייפער געוואָרן און עס איז געשטאַנען די פראַגע: וואוהין? צי וועלן זיי מיטגעשלעפּט ווערן מיטן לעבנס־שטראָם אין ים פון ליגנס און פּוסטקייט? עס האָט אויסגעזען ווי דאָס לעבן אין דער באַוועגונג איז אויסגעליידיקט און אין דער אַטמאָספער האָט געשוועבט מיט דער פולער האַרבקייט די זאָרג פאַר דער צוקונפט.

פון די טיפענישן אין דער באַוועגונג האָבן זיך דערטראָגן שטימען: פאַר וועמען זיינען מיר? יאָ, געטריישאַפט צום פאָלק, אָבער... אָט זיינען דאָך פאַראַן אָרעם און רייך, עקספּלואַטירטע און עקספּלואַטירער, אַרבעטער און אַרבעטסגעבער — טאָ פאַר וועמען זיינען מיר?

ארץ־ישראל און ציוניזם? עס זיינען דאָך פאַרשיידן די כלערליי ציוניסטן און פאַרשיידן זיינען אויך זייערע פּראָגראַמען פאַרן אויפבוי פון לאַנד — טאָ פאַר וועמען זיינען מיר?

אויף דער צווייטער קאָנפערענץ פון דער באַוועגונג אין יאָר תרפ"ג האָבן זיך געשאַפן צוויי מיינונגען: איינס — פאַר אַ קלאָרער געזעלשאַפטלעכער אידעאָלאָגיע און דאָס צווייטע — אָפּצוהיטן די „אומאָפּהענגיקייט" פון דער באַוועגונג, מ'זאָל חלילה ניט אָנגעשטעקט ווערן מיט „פאַרטייאישקייט".

די צייט האָט זיך אירס געטאָן. אַז מ'האָט נאָר אויפגעהויבן די פראַגע — איז דאָס שוין ניט אַרונטער פון טאָג־אָרדענונג. די סקויטן־צופים זיינען אונטערגעוואַקסן און רייפער געוואָרן, און ווי מען זאָגט: הגדיים נעשו תיישים...

## פּאַזן

איידער דער יחיד האָט נאָך געפונען אַן אויסוועג פאַר זיינע פּראָבלעמען, איידער די באַוועגונג האָט נאָך דעראָבערט דעם שליאַך פאַר דער פאַרווירקלעכונג, האָבן זיי שוין פאַר זיך געהאַט דעם געדאַנק פון „קעגנוואַרטס־אַרבעט" אין גלות. אין דעם לערער און השומר־דערציער, אין דער פּרעבליסטין און אויפזעערין — אין די אַלע, וואָס ווידמענען זיך פאַר דער פאָלקס־אַרבעט — האָט זי געזען חלוצים. זאָל דאָ פאַרצייכנט ווערן: די שטרעבונג צו קעגנוואַרטס־אַרבעט האָט געדינט פאַר אַ קוואַל פון סאָציאַלן פּאַטאָס. און ניט נאָר דאָס אַליין: לכתחילה איז די השומר־הצעיר־באַוועגונג באַשטאַנען פון שילער־יוגנט, אָבער ביסלעכווייז האָבן אַריינגעדרונגען אַהין ברייטערע קרייזן פון אַרבעטנדיקע פאָלקס־יוגנט, וואָס איז פאַרוואַנדלט געוואָרן אין אַ שאַפנדיקע באַוועגונג פאַר דעם יונגן יידישן דור פון אַלע ריכטונגען און קלאַסן. דער צונויפטרעף פון ביידע טיילן יוגנט — דעם שטודירנדיקן און אַרבעטנדיקן — איז געווען ניט אָפּצושאַצן און איינהאַלטסרייך. דער קן פון דעם „השומר הצעיר" אין קאָוונע האָט זיך איינגעשאַפט אַ וויכטיקע פּאָזיציע אין דעם דערציאונגס־אַנשטאַלט — „קינדער־הויז".

דאָס קינדער־הויז, געגרינדעט דורך ד״ר ז. לעהמאַן ז״ל, האָט דעמאָלט געשמט און געלויבט געווען פאַר זיין מוסטערהאַפטיקייט. (אין יאָרן אַרום האָט ד״ר לעהמאַן געגרינדעט אין בן־שמן דעם כפר־הנוער). אין „קינדער־הויז" זיינען געשאַפן געוואָרן קבוצות פון אַרבעטנדיקע צופים, וואָס האָבן פאַרווירקלעכט אין לעבן דאָס, וואָס איז שוין לאַנג געווען די שטרעבונג ביי אַ סך פון די שומרים: אַ קאָלעקטיוו פון אַרבעטנדיקע צופים — קאָנקרעטיזירטער צענטער פאַרן אַרבעטס־געדאַנק און פּראָדוקטיוויטעט. די דערציערישע האָריזאָנטן פון דער באַוועגונג האָבן זיך אויסגעברייטערט. די באַוועגונג האָט פון תמיד אָן געזען אין דער פּערזענלעכקייט דעם טרעגער פון מצוות־עשה און זי האָט שטענדיק אָריענטירט זיך אויף דער מאָראַלישער פּערזענלעכקייט. די „צען געבאָט" פון צופה ברענגען פאַרן יחיד באַנייטע באַציאונגען פון אים צו זיך אַליין, פון אים צו זיין חבר און אויך צו דער נאַטור. דאָס האָט געגעבן, ניט ווילנדיק, אַ שטויס צו דער אויסקריסטאַליזירונג פון אַן ערנסטער און פּאָזיטיווער וועלט־אַנשויאונג. עס איז גאָר קיין וואונדער ניט, אַז די באַוועגונג האָט געשעפּט פון די אידעען פון א. ד. גאָרדאָן, ל. טאָלסטאָי — און שפּעטער אויך פון גוסטאַוו לאַנדאויער.

די קבוצה וואָס איז תחילת געווען בלויז אַ דערציאונג־אינסטרומענט, איז דערנאָך פאַרוואַנדלט געוואָרן פאַרן יחיד אין אַ מאָראַלישער דערהויבנקייט פאַר נייע געזעלשאַפטלעכע אַספּיראַציעס. ביסלעכווייז האָט די קבוצה זיך דערוואָרבן אַן אָרט אין לעבן. פאַרן דערוואַקסענעם שומר איז די פּלאַטפאָרם געוואָרן צו ענג, ער האָט זיך געריסן צו אַ ברייטערן האָריזאָנט — לעבן אין אַ קאָלעקטיוו, קיבוץ. די גרייטקייט צו קיבוצישער פאַרווירקלעכונג איז דאָ און דאָרט מקדים געווען די גרייטקייט צו לעבן ווי אַרבעטער אין ארץ־ישראל. די קיבוצישע טענדענץ פון דער באַוועגונג האָט זיך אויסגעשפּראָכן נאָך איידער זי האָט זיך באַקענט מיט דער רעאַליטעט פון דער קיבוצים־באַוועגונג אין לאַנד. דער סוביעקטיווער דראַנג פון יונגן יידישן דור, באַלאָדן מיט דערציערישקייט און יוגנט־איבערלעבונגען, האָט זיך געריסן אין היסטאָרישן שטראָם צו נאַציאָנאַל־סאָציאַלער שעפערישקייט.

## דער געראַנגל פאַר פאַרווירקלעכונג

פרילינג תרפ״ה. אין די עלטערע קרייזן פון די צופים איז מען אין אַ גרויס פאַרלעגנהייט. נאָך אַ סך זוכונגען, בלאָנדזשענישן און איבערוואַנדלונגען איז דער וועג פון דער באַוועגונג אויסגעקריסטאַליזירט געוואָרן און געפונען זיין אויסדרוק אין אַ צויבער־וואָרט: חלוציזם. ניט לייכט איז מען געקומען צום פּערזענלעכן באַשלוס, ווי אַ פּועל יוצא פון דער אַלגעמיינער איינשטעלונג וואָס האָט זיך פאָרמירט בכלל אין דער באַוועגונג. די פאַרלעגנהייט איז דעריבער גרויס, די דערוואַקסענע צופים פאַרטיפן זיך אין די פראַגן פון זייער צוקונפט — געפינען אַן עצה פאַרן מאָרגנדיקן טאָג. זיי ווערן אויפגערופן צו אַ ראַדיקאַלער איבערשיכטונג.

און זאָל דאָ געזאָגט ווערן צום זכות פון דער באַוועגונג: אין דער תקופה פון דער פערטער עליה איז זי אַריבער צום חלוציזם, אַ סך האָבן נביאות געזאָגט, אַז אין אויפבוי פון ארץ־ישראל מוז די תקופה פון חלוציות קומען צו אַן ענדע. דער איבערגאַנג צו חלוציות איז דעמאָלט ניט געווען קיין פאַרשפּרייטע דערשיינונג צווישן דער יוגנט און די עלטערן האָבן אַוודאי ניט אַרויסגעוויזן גענוג ליבשאַפט און ווילן פאַר דעם. זומער תרפ״ה איז אַרויס די ערשטע קבוצה אויף הכשרה און די עלטערע חברים פון דער באַוועגונג האָבן זיך אָנגעשלאָסן אין דער „החלוץ"־אָרגאַניזאַציע. אויפן פינפטן יאָר פון דער עקזיסטענץ האָט די באַוועגונג געוואוסט: דער וועג איז געפונען געוואָרן!

## די אידעאָלאָגישע געשטאַלטיקונג

דער אידייען־גאַנג פון דער „השומר־הצעיר" באַוועגונג אין ליטע האָט געהאַט זיינע ספּעציפישע שטריכן. ליטע האָט אין יענע יאָרן ניט געהאַט קיין צעשטורעמטע פּאָליטישע און סאָציאַלע דינאַמיק. אין די סוף צוואַנציקער יאָרן האָט געהערשט אַ רעאַקציאָנערער רעזשים. אָט די סאָציאַל־פּאָליטישע איינשטעלונג האָט פאַרשמעלערט אירע האָריזאָנטן און אַלס צוגאָב: ליטע איז אַלע יאָרן געווען אין קריג מיט פּוילן. צוליב דעם איבערגעריסענעם קאַנטאַקט צווישן ביידע לענדער איז דער „השומר־הצעיר" אין ליטע געווען דערווייטערט פון דירעקטער השפּעה מצד דער וועלטלעכער באַוועגונג, וועמעס לעבעדיקער צענטער האָט זיך געפונען אין פּוילן. אויף דער וועלט־קאָנפערענץ פון „השומר־הצעיר" אין דאַנציג האָט זיך די ליטווישע באַוועגונג צום ערשטן מאָל באַגעגנט מיט

דעלעגאַטן פון אַנדערע לענדער, איידער דער קיבוץ־הארצי פון „השומר־הצעיר" איז נאָך געווען אין ארץ־ישראל. די באַוועגונג האָט נאָך ווייניק וואָס געוואוסט פון דער דערפאַרונג פון דער שומרישער עליה קיין ארץ־ישראל.

די „השומר־הצעיר" באַוועגונג אין ליטע האָט געהאַט אירע אייגענע מקורות. פון אָנהייב איז זי געקומען אין פּערזענלעכן קאָנטאַקט מיטן „השומר־הצעיר" פון ס. ס. ס. ר. ליטע איז דעמאָלט געווען אַ טראַנזיט־לאַנד צום מערב, פון מאָל צו מאָל האָבן זיך דאָרט פאַרהאַלטן שומרים פון רוסלאַנד אויפן וועג קיין ארץ־ישראל. זיי פלעגן דערציילן וועגן דער העלדישקייט פון די שומרים אין סאָוויעטן־לאַנד — און דאָס האָט אויסגעזען מוסטעראַרטיק. אין דער זעלבער צייט איז די באַוועגונג אין ליטע געגאַנגען מיט „קלאַסישן" וועג פון „השומר־הצעיר", האָט געשטרעבט צו פאַרוואַנדלען די יוגנט־באַוועגונג אין אַ היסטאָרישן פאַקטאָר מיט שאַפנדיקע דויערנדיקע ווערטן. די „השומר־הצעיר" באַוועגונג אין ליטע איז, אין פלוג, געווען ענלעך צו יעדער „השומר־הצעיר" באַוועגונג אין דער וועלט, גלייבנדיק אין דער ספּעציפיש אידעאָלאָגישער מיסיע, אָבער גלייכצייטיק איז זי איבערצייגט געווען, אַז די ספּעציפישע שומרישע ווערטן איז זי מסוגל אַריבערצוטראָגן צו די ברייטע אַרבעטער־מאַסן אין ארץ־ישראל, אַריינגענומען אין דער ראַם פון אַלגעמיינער קלאַסן־פאַראייניקונג אויף דער באַזע פון דערציעריש־אידעאָלאָגישער אויטאָנאָמיע צווישן אַלע ריכטונגען.

אָבער דאָ האָט זיך אַרויסגעוויזן די צרה: עס זיינען געווען אַ טייל אין דער „השומר־הצעיר" באַוועגונג אין ליטע, וואָס האָט געלייגט דעם טראָפּ אויף דעם שומרישן, און אַנטקעגן דעם האָבן אַנדערע געשטעלט דעם טראָפּ אויף דער קלאַסן־פאַראייניקונג. און מ'האָט געזען פאַר זיך דעם שייד־וועג. מיט דער צייט האָט זיך פון דער באַוועגונג אָפּגעשפּאָלטן אַ מינדערהייט, וואָס האָט אידעאיש־פּאָליטיש זיך אידענטיפיצירט מיט מפא"י, אָבער די מערהייט פון דער באַוועגונג האָט זיך פאַרבונדן מיטן גורל פון דעם חלוציש־סאָציאַליסטישן קיבוץ־הארצי פון „השומר־הצעיר" אין ארץ־ישראל.

## די ערשטע עליה

פרילינג תרפ"ה איז אַרויס אויף הכשרה די ערשטע גרופּע פון שומרים, עס זיינען אָבער אַריבער פיר יאָר ביז די באַוועגונג האָט זוכה געווען אויפצובורענגען קיין ארץ־ישראל — די ערשטע פּרוכט פון איר פאַרווירקלעכונג. אינצווישן איז אויסגעבראָכן דער קריזיס נאָך די פּראָספּעריטי־יאָרן פון דער פערטער עליה און עס זיינען געשלאָסן געוואָרן די טויערן פון לאַנד. די הכשרה־פּונקטן פון „החלוץ", וואָס האָבן אין זיך קאָנצענטרירט הונדערטער בעת דער גרויסער עליה, האָבן זיך צו ביסלעך אויסגעליידיקט און די „השומר־הצעיר" חברים, וואָס זיינען געבליבן צווישן די ווייניקע, האָבן אָפּגעהיטן, עס זאָל ניט פאַרלאָשן ווערן דער חלוצישער פונק.





דער שיכט אין דער באַוועגונג, וואָס איז גרייט געווען צו רעאַליזירן דעם חלוציזם, האָט שוין דערגרייכט אין די הונדערטער. עס האָט זיך געבילדעט דער ערשטער עליה־קיבוץ. דער חלוצישער כוח אין דער באַוועגונג האָט זיך אַלץ מער געשטאַרקט און גראָד דעמאָלט, ווען אין ציוניזם און אין ארץ־ישראל האָט געהערשט אַ ירידה, האָט אין די שיכטן פון דער יידישער יוגנט די באַוועגונג אַרויסגערופן שטאַרקע אָפּקלאַנגען. אַלע האָבן געלעכצט נאָך דעם טאָג, ווען די עליה וועט זיך אָנהייבן. און ווי מעכטיק האָט געווירקט די „געשעעניש", ווען זעקס חברים פון דער באַוועגונג זיינען געווען צווישן די דערעפנער פון דער פערטער עליה!

פאַר דער באַוועגונג איז דאָס ניט געווען קיין געוויינלעכע עליה. מיט ציטער און ליבשאַפט האָט מען באַגלייט די ערשטע שוואַלבן פון דער דאָזיקער עליה. די בעסטע האָפענונגען האָט מען אין זיי אָנגעהאָנגען. ענדלעך האָט די באַוועגונג זיך געשטעלט צום עקזאַמען: דעם פּראָדוקט פון איר דערציאונג פאַר דער ארץ־ישראלדיקער ווירקלעכקייט.

## אין אידעאָלאָגישער דעצידירונג

דער מעמד פון דעם „השומר־הצעיר" אין ליטווישן „החלוץ" איז געווען איינציקאַרטיק. אין אַנדערע לענדער האָט דער „השומר־הצעיר" געהאַט זיינע אויטאָנאָמע הכשרה־פּונקטן, אין ליטע, ווידער, איז די הכשרה געווען מאָנאָפּאָליזירט דורך דער מערהייט, וואָס איז באַשטאַנען פון מפא"י און פון קיבוץ המאוחד, — אַ געמישטע הכשרה. דער קאַמף פאַרן רעכט צו האָבן אייגנאַרטיקע אויטאָנאָמע הכשרה־פּונקטן פאַר דער דערציערישער יוגנט־באַוועגונג איז אָנגעגאַנגען אין ליטע אַ לאַנגע צייט און דאָס ניט האָבן קיין אויטאָנאָמע הכשרה־פּונקטן האָט קיין גוטס ניט צוגעגעבן.

די ערשטע ליטווישע עולים פון „השומר־הצעיר" האָבן אויפגעשטעלט זייערע געצעלטן אין בנימינה. די באַוועגונג אין גלות האָט נאָכגעפאָלגט די אַנטוויקלונג פון איר ערשטן קיבוץ אין ארץ־ישראל און זיך גרייט געמאַכט פאַר דער צוקונפט. די פּאָזיציעס האָבן זיך פאַרשטאַרקט וואָס אַ מאָל מערער. די מערהייט פון דער באַוועגונג, ווי עס האָט זיך אַרויסגעוויזן אויף דער קאָנפערענץ אין יאָר תר"ץ, איז געווען אידענטיש מיט די אידעאָלאָגישע גרונט־יסודות פון דעם קיבוץ־הארצי „השומר־הצעיר". דער „השומר־הצעיר" איז געוואָרן קריטיקירט סיי פון רעכטס און סיי פון לינקס, אָבער די באַוועגונג איז עקשנותדיק באַשטאַנען אויף אירע ווערטן און איר גייסט, און האָט אַפילו מיט אַן אָרגאַניזאַציאָנעלן שוואונג אָנגעהויבן פירן אַ גרויסע דערציערישע אַרבעט. ס'איז באַנייט געוואָרן דאָס דערשיינען פון דער שריפט „זיו" (דאָס ערשטע שריפט איז דערשינען אין יאָר 1925 און פון דעמאָלט אָן דערשינען מיט הפסקות). נייע קנים פון „השומר־הצעיר" זיינען אויפגעקומען אין שטעט און שטעטלעך פון ליטע. עס האָבן זיך אַנטפּלעקט אומגעהוי־

ערע כוחות און די באַוועגונג האָט זיך פאַרמאָסטן מיטן דראַנג און שטורעם.

## פּראָבלעמען פון דערציאונג

די באַוועגונג איז געבענטשט געווען דערנאָך מיט אַן אומאויפהערלעכן וואוקס. 4500 יוגנטלעכע זיינען געווען אָרגאַניזירט אין „השומר־הצעיר" אין ליטע. רעלאַטיוו צו דער אַלגעמיינער צאָל פון דער יידישער באַפעלקערונג אין לאַנד האָט דער „השומר־הצעיר" אין די אָנהייב דרייסיקער יאָרן פאָרויס פּראָגרעסירט. 800 שומרים זיינען געווען אָנגעשלאָסן אין „החלוץ". אין זומער־סעזאָן 1933 זיינען 250 חברים געווען אויף הכשרה. דריי עליה־קיבוצים און אַ צוגאָב די ליטווישע שומרים אין ארץ־ישראל, וואָס האָבן זיך קאָנצענטרירט אין די קיבוצים פון פּתח־תקוה, חיפה און נתניה.

צוליב דער עקאָנאָמישער ירידה פון די ליטווישע שטעטלעך האָט די יוגנטלעכע מאַסע ניט געהאַט קיין מעגלעכקייט פאָרצוזעצן די מיטלשול־בילדונג. די באַוועגונג האָט געמוזט נעמען אויף זיך די מיסיע פון פאַרשפּרייטן בילדונג, ווייל דאָס בילדונגס־ניוואָ פון פאָלקסשולן האָט געהאַלטן אין איין זינקען. דער איבערגאַנג צו פיזישער אַרבעט איז פאַר אַ סך פון דער יוגנט — און בפרט פאַר דער שומרישער יוגנט — געווען אַ זעלבסטפאַרשטענדלעכער פאַקט. דערמוטיקט צו דעם האָט אָפטמאָל אויך דער ווילן פון די עלטערן. דער עיקר האָט דאָמינירט דער קיבוצישער כאַראַקטער ביים אויסבילדן דעם חבר פאַר דער געטריישאַפט פון קאָלעקטיוו, ניט ווערן מיטגעריסן דורך שלעכטע אָדער גוטע קאָניונקטורן — דאָס זיינען געווען דערציערישע אויפגאַבן, וואָס ס'האָט זיך געשטעלט די באַוועגונג.

אין די אָנהייב דרייסיקער יאָרן איז די „השומר־הצעיר" באַוועגונג אין ליטע געשטאַנען פאַר אַ באַדייטונגס־פולן דערציערישן עקזאַמען. דער חלוצישער וועג איז געווען באַהעלט מיט דער וויזיע פון זיין שלמותדיקער ריינקייט. די חברים האָבן זיך באַקענט מיט דער רעאַליטעט פון לעבן, מיט אַלע זיינע ווידערשפּרוכן און זיגזאַגן, ברענגען אין איינקלאַנג דאָס רעאַליטעטס־געפיל מיט אַ שלמותדיקן אידעאישן צוגאַנג צום חלוצישן־ווערק — דאָס איז געווען אַ גרויסער פּרואוו.

## דער סוף און די באַלערנונג

די געשיכטע פון דער „השומר־הצעיר" באַוועגונג אין ליטע ביז 1934 ברענגען מיר דאָ מיט געוויסע דורכלאָזן און ענדערונגען, ווי ס'איז געשריבן געוואָרן אין שבט תרצ"ד. נאָך אַ הפסקה פון צוויי יאָר לעבן אין לאַנד, בין איך אין שליחות פון דער באַוועגונג געקומען קיין ליטע. איך האָב זיך ווידער געטראָפן מיט די קאַדרען פון „השומר־הצעיר", מיט די דערציער און חברים. איך האָב זיי דערציילט דעם אמת פון ארץ־ישראל, דאָס לעבן פון קיבוץ. איך האָב ווידער געזען פון דער נאָענט די האַרציקע יידן פון ליטע, די אוהבי־ציון און ירושלים, וועמעס אויגן און



האַרץ איז געווענדעט צום לאַנד פון ישראל. איך האָב געזען די יידישע ייִנגלעך און מיידלעך זיצן אין ענגע יוגנט־קלובן פון די פאַרוואָרפענע, פאַרשטויסענע שטעטלעך. כשרע קינדערישע אויגן, וואָס פלאַמען אויף ביים הערן די בשורה און זינגען די לידער פון ארץ־ישראל.

עס קומט מיר אויפן זכרון די שטאָלצע מאַרשן פון דעם שומרישן קן איבער די גאַסן פון קאָוונע מיט צעפלאַטערטע פענער און מיט געזאַנג אויף די ליפּן. עס דערמאָנט זיך די צונויפטרעפונגען פון די חברים אויבן, אויפן אַלעקסאָטער באַרג, ניט ווייט פון מאַפּוס איינגעפאַלענער ביידל, אַנטקעגן ניעמאַן. די מסורה דערציילט, אַז אין דעם ביידל פלעגט א. מאַפּו זיצן און זיך צוקוקן צו דער שיינער פּאַנאָראַמע פון אַרום און אין זיין שעפערישן דמיון האָבן זיך צונויפגעגאָסן דער אַלעקסאָטער באַרג מיטן הר־ציון, און דער טייך ניעמאַן מיטן ירדן. אויפן פּאָן פון דעם פּייזאַזש האָט ער אויסגעטרוימט דעם „אהבת ציון" און „אשמת שומרון". מיר אַלע זיינען דעמאָלט געווען פאַרטרוימט — מיר זיינען געזעסן ביים טייך ניעמאַן און מיר האָבן געזונגען די לידער פון ציון. ליטע האָט געברויזט מיט יידיש לעבן. איבער די גאַסן פון שטעט און שטעטלעך האָט הויך געקלונגען די העברעאישע שפּראַך. „ארץ־ישראל דליטא" — האָבן מיר דאַן איר גערופן. מיר זיינען געווען זיכער מיט זיך און ניט תמיד האָבן מיר געדענקט, אַז דאָס לאַנד איז פרעמד צו אונדז. אין פלוג האָבן מיר גאָרנישט געפילט און פאַרדעכטיקט, אַז אין אַ פאַרבאָרגענעם אָרט שלייפט שוין דער מערדער דעם מעסער און ווען דער מוראדיקער טאָג וועט קומען, וועט ער זיך וואַרפן אויף אונדזערע טאַטעס און מאַמעס, אויף אונדזערע ברידער און שוועסטער, וואָס זיינען געבליבן שטעקן אין דעם גלות פון ליטע, ווי אין אַנדערע לענדער.

אָנהייב תרצ"ה האָב איך פאַרלאָזט ליטע און זיך אומגעקערט אין לאַנד אַריין.

ביזן אויסברוך פון דער צווייטער וועלט־מלחמה האָט די באַוועגונג ווייטער געפירט אַ פאַרצווייגטע אַרבעט, געשיקט די חברים אין די הכשרה־פּונקטן. די שומרים עליה האָט זיך פאַרגרעסערט און עס האָבן זיך קאָנצענטרירט ווידער שומרישע קאַדרען פון ליטע: פון פּתח־תקוה האָבן זיי געביטן דאָס אָרט אויף בית־זרע; פון חדרה זיינען חברים אַרויס גרינדן דעם קיבוץ עמיר אין גליל; פון בת־גלים און חיפה זיינען געקומען די גרינדער פון כפר מאַסאַריק; און פון „מיצפּה השרון" און רעננה זיינען געווען צווישן די גרינדער פון רמת השופט. איינצלנע שומרים פון ליטע האָבן זיך איינגעגלידערט אין קיבוץ מענית און אין אַנדערע קיבוצים פון „השומר־הצעיר".

אָנהייב צווייטן וועלט־קריג איז ליטע, ווי די איבעריקע באַלטישע לענדער, אָנגעשלאָסן געוואָרן צו ראַטן־רוסלאַנד. די „השומר־הצעיר" באַוועגונג אין ליטע איז געשטאַנען פאַר אַן עקזאַמען פון אַ טרייהייטס־נסיון,

אָבער דער ציוניסטיש־חלוצישער שומרישער פייער איז ניט פאַרלאָשן געוואָרן. מיט דער נאַצישער אינוואַזיע, וואָס האָט אָנגעטראָגן חורבן און טויט פאַרן ליטווישן יידנטום, האָבן פונקען פון גבורה און מסירות־נפש אויפגעפלאַקערט אין די געטאָס און וועלדער, אָבער ס'זיינען פאַרשניטן און פאַרניכטעט געוואָרן די מאַסן פון יידישן פאָלק און אויך די היימען פון אונדזער באַוועגונג. ווייניק זיינען געראַטעוועט געוואָרן — נאָר צענדליקער זיינען אפשר געקומען קיין ישראל נאָכן פאַרענדיקן דעם 2־טן וועלט־קריג — די אָפּגעראַטעוועטע שארית־הפליטה פון געראַנגל און אומקום. זיי האָבן געברענגט דעם שוידערלעכן גרוס פון פאַרשניטענעם, אויסגעמאָרדעטן פאָלק און די צוואה פון די מאַרטירער, וואָס זיינען געפאַלן דורך דער נאַצישער האַק.

צווישן דעם רומפולן עבר פון דער „השומר־הצעיר" באַוועגונג אין ליטע ביז דעם היינטיקן טאָג טיילט פאַנאַנדער אַ ים פון בלוט. געווען איז דאָס ליטווישע יידנטום ציוניסטיש־העברעאיש, און ס'איז אפשר ניט געווען זיין גלייכן, פונדעסטוועגן זיינען זיי פאַרכאַפּט געווען דורך דער אילוזיע און געווען זיכער אין דער „אָרנטלעכקייט" פון דער פרעמדער סביבה. די ליטווישע יידן, זיי, ווי אַנדערע יידישע קיבוצים, זיינען ניט געווען פילבאַר, אַז זיי זיצן אויף אַ פייערדיקן וואולקאַן — און זיי האָבן זיך געפירט לאַנגזאַם אויף די רעטונגס־וועגן. ס'איז ווייניק געווען דער ציוניזם פאַר זיך אַליין, כדי צו אַלאַרמירן צו דער גרויסער עליה. אויך דאָרט איז נייטיק געווען אַ פּלאַנירטע דערציאונגס־אַרבעט, אַ חלוצישע הכשרה, כדי מען זאָל ברענגען הונדערטער פון צווישן טויזנטער אויפן וועג פון זעלבסט־פאַרווירקלעכונג. דאָס ליטווישע יידנטום האָט באַצייטנס דערזען פאַר זיינע פיס דעם אויפגעריסענעם תהום. צי זעען דעם תהום אַנדערע יידישע קיבוצים?

זאָל עס אַ לערע און אַ וואָרענונג זיין פאַר אַנדערע יידישע קיבוצים אין דער וועלט, וואָס זיינען רואיק און זיכער, ווי זיי וואָלטן געלעבט דערווייטערט פון געפאַרן און ביטערע דערפאַרונגען. ניט רואיק זיין, נאָר דורכגעדרונגען מיט טיפער זאָרג, ניט פאַרזאַמען זיך, נאָר צואיילן דעם טראָט — דאָס איז די אָנווייזונג, דאָס געבאָט!

**ו. שולמאַן**

# דער „בונד" אין ליטע*

ליטע, דער עיקר איר הויפּטשטאָט קאָוונע, האָט פאַרנומען אַן אָנגעזען אָרט אין דער געשיכטע פון דער סאָציאַליסטיש־רעוואָלוציאָנערער באַוועגונג אין אַמאָליקן רוסלאַנד. ס'איז באַוואוסט, אַז שוין אין די 70־קער יאָרן פון פאָריקן י. ה. האָבן דאָ עקזיסטירט קרייזלעך פון אַרבעטער און באַלמעלאָכעס, וועלכע האָבן זיך פאַרנומען מיט קעגנזייטיקער הילף. דאָ האָבן געווירקט אין זייער יוגנט־יאָרן אַ ריי פּערזענלעכקייטן, וועלכע זיינען שפּעטער באַרימט געוואָרן מיט זייער ראָל און טעטיקייט אויפן פעלד פון דער סאָציאַליסטישער און רעוואָלוציאָנערער באַוועגונג.

מאָריס ווינטשעווסקי, געבוירן אין יאַנאָווע, נעבן קאָוונע, האָט זיך פון זיין זיבעטן יאָר אָן דערצויגן אין קאָוונע. אין די 70־קער יאָרן איז ער געווען אָנגעשטעלט אין גוט באַקאַנטן פיינבערגס קאַנטאָר, וואָס האָט געפירט געשעפטן דער עיקר מיט פּרייסן. ווינטשעווסקי איז געווען אין קאָוונע טעטיק ווי אַ רעוואָלוציאָנער־סאָציאַליסט; אונטער דער ווירקונג פון אהרן ליבערמאַנס אויפרוף „אל שלומי בחורי ישראל" האָט ער אָרגאַניזירט אַ קרייז צו פאַרשפּרייטן מלאכה צווישן די אָרעמע יידישע קינדער.

אין די 80־קער יאָרן איז דאָ געווען טעטיק דער גוט באַקאַנטער נאַראָדאָוואָלעץ איסאַק דעמבאָ פון פּאָנעוועזש; ער האָט געמוזט פון ווילנע אַנטלויפן קיין אויסלאַנד נאָכן אומגעלונגענעם אַטענטאַט פון דער גרופּע „יונגע נאַראָדאָוואָלצעס" אויף אַלעקסאַנדער דעם 3־טן (1־טער מערץ 1887). אונטער אַ פאַלשן נאָמען בראָנשטיין איז ער געווען איינער פון די ענערגישסטע אָרגאַניזאַטאָרן פון די רוסישע עמיגראַנטן אין דער שווייץ, האָט אָרגאַניזירט פון זיי אַ טעראָריסטן־קרייז פאַר רוסלאַנד און איז אומגעקומען אין יאָר 1889 אין ציריך ביים אויספּרואוון אַ באָמבע.

אין קאָוונע האָט פון קינדווייז אָן זיך דערצויגן וולאַדימיר קאָסאָווסקי (נחום לעווינסאָן). שפּעטער גוט באַקאַנטער טעאָרעטיקער פון „בונד"; אָנהייב 90־קער יאָרן האָט ער דאָרטן געפירט סאָציאַליסטישע קרייזן צווישן באַאַמטע, לערער, גימנאַזיסטן און סטודענטן — צוליב דעם געמוזט אַנטלויפן פון קאָוונע קיין ווילנע. אין קאָוו־

* די אַרבעט איז באַגרענעצט בלויז מיט דעם שטח פון דער אַ. ג. קאָוונער ליטע — אַמאָליקע קאָוונער גוב. מיט אַ טייל סואוואַלקער, וואָס איז געווען עקאָנאָמיש און קולטורעל פאַרבונדן מיט קאָוונער ליטע. ווילנע גייט אַהער ניט אַריין.

נער גימנאַזיע האָט זיך אויך געלערנט מוטניק (גליעב) שפּעטער (1897) אויסגעוויילט געוואָרן אויפן ערשטן צוזאַמענפאָר פון בונד אין ערשטן צענטראַל־קאָמיטעט. די באַקאַנטע מאַרקסיסטישע שריפטשטעלערין ליובא אַקסעלראָד (אָרטאָדאָקס) דערציילט אין אירע זכרונות (היסטאָרישע ייוואָ שריפטן ב3, ז. 312), אַז קאָסאָווסקי און מוטניק האָבן געהאַט אין קאָוונע אַ קאָנספּיראַטיווע קוואַרטיר, וואו ס'פלעגן זיך טרעפן די רעוואָלוציאָנערן, וועלכע פלעגן אומלעגאַל פאָרן דורך קאָוונע קיין אויסלאַנד.

אין די 90־קער יאָרן איז געווען טעטיק אין קאָוונע נח פּאָרטנאָי; אַ לערער אין דער מלוכה־שול פאַר יידישע קינדער, האָט ער געפירט סאָציאַליסטישע קרייזן צווישן יידישע און קריסטלעכע אַרבעטער (פון די גרויסע מעטאַלפאַבריקן אין קאָוונע און שאַנץ); אין קאָוונע איז ער (1895) אַרעסטירט און פאַרשיקט געוואָרן קיין סיביר. שפּעטער באַקאַנט געוואָרן ווי אַ לעגענדאַרע פּערזענלעכקייט פון דער אונטערערדישער בונדישער באַוועגונג און איינער פון די באַליבסטע פירער פון בונד. פּאָרטנאָי און קאָסאָווסקי זיינען געשטאָרבן (1941) אין ניו־יאָרק ווי פּליטים פון פּוילן.

צו די סאָציאַליסטישע טוער אין קאָוונע סוף 90־קער יאָרן געהערט אויך מ. מאַטיס, שפּעטער געשפּילט אַן אָנגעזעענע ראָל ווי אַ יידישער קולטור־טוער אין קאָוונע, וואו ער האָט געלעבט ביז די היטלער־רוצחים האָבן אים אומגעבראַכט. אויך זיין פרוי אַ. מ. רובינשטיין איז אין די 90־קער יאָרן געווען טעטיק צוזאַמען מיט פּאָרטנאָיען



ד"ר משה מאַטיס

אין די קאָוונער סאָציאַליסטישע קרייזן. מאַטיס האָט געהערט צום קרייז נאַראָדאָוואָלצעס פון שוין דערמאָנטן דעמבאָ. אין 1889 איז ער געוואָרן אַרעסטירט אין צוזאַמענהאַנג מיטן באָמבע־אויפרייס ביי דעמבאָ אין ציריך. אין 1899 האָט ער אין קאָוונע איינגעאָרדנט זיינע אַן אייגענע לאַבאָראַטאָריע ביי דער אַפּטייק נעבן דעם גובערנאַטאָרס גאָרטן. די לאַבאָראַטאָריע האָט אויך געדינט ווי אַ טרעף־פּונקט פאַר רעוואָלוציאָנערן. 1905 איז מאַטיס ווידער אַרעסטירט געוואָרן.

אין קאָוונע (סלאָבאָדקע) איז געבוירן און דערצויגן געוואָרן ישעיה ראָזענבערג. סוף 1903 געקומען קיין אַמעריקע און דאָ באַקאַנט געוואָרן א. ג. ד"ר ק. פּאָרנבערג, איינער פון די אָנגעזעענסטע סאָציאַליסטישע טוער און וויסנשאַפטלער, פּובליציסט, פּיליאָריקער רעדאַקטאָר פון „צוקונפט", „יידישע אַרבעטער־וועלט", איינער פון די פירער פון דער יידישער סאָציאַליסטישער פעדעראַציע.

דער באַליבטער פירער פון די יידישע דאַמענשניידער, איינער פון די גרינדער פון „אינטערנייציאָנאַל" בנימין שלעזינגער איז געבוירן און אויסגעהאָדעוועט געוואָרן אין קאָוונע; אַ צווייטער פירער פון די יידישע אַרבעטער אין די פאַראייניקטע־שטאַטן סידני הילמאַן איז אַ געבוירענער אין זשאַגאַר (קאָוונער גוב.).

אין זשאַגאַר איז אויך געבוירן און דערצויגן געוואָרן א. ש. זאַקס, באַקאַנטער סאָציאַליסטישער וויסנשאַפטלער און שרייבער, מחבר פון פיל וויכטיקע סאָציאַליסטישע ווערק ווי: „דער היסטאָרישער סאָציאַליזם", „גרונטשטריכן פון פּאָליטישער עקאָנאָמיע", „לערע פון סאָציאַליזם", „פּאַריזער קאָמונע" און נאָך אַ בוך זיינער „חרובע וועלטן", — אַ האַלב בעלעטריסטישע שילדערונג פונעם יידישן שטייגער־לעבן אין דער אַלטער היים, — האָט געמאַכט אַ טיפן רושם.

אין קאָוונע איז סוף 90־קער אויך געווען טעטיק ווי אַ בונדיסט אַ. ווייטער (אַ. דעווענישסקי), שפּעטער באַקאַנט געוואָרענער יידישער שריפטשטעלער און דראַמאַטורג. אין ליטע (שאַוול, פּילווישאָק) איז אויפגעהאָדעוועט געוואָרן פּסח־ליבמאַן הערש, איינער פון די אינטערעסאַנטסטע יידישע וויסנשאַפטלער, לאַנגע יאָרן געווען טעטיק אין „בונד". געווען העכער 30 יאָר פּראָפעסאָר אין זשענעווער אוניווערסיטעט.

דאָס יידישע קאָוונע סוף פאָריקן י. ה. האָט זיך אויסגעצייכנט מיט איר אינטעליגענץ, מיט איר אידעאַליסטישער יוגנט, אויף וועלכע ס'איז געלעגן אַ שטעמפּל פון עפּעס הוילער גייסטיקייט, רוחניותדיקייט; זי איז געווען בראשה ורובה אריינגעטאָן אין וועלט־פּראָבלעמען, געזוכט אַ וועלט־תיקון. אָט אין אַזאַ אַטמאָספער האָבן געקאָנט טיף און ברייט זיך פאַנאַנדערוואַקסן די ערשטע שפּראָצונגען פון אַ סאָציאַליסטישער באַוועגונג, וואָס איר אויסדרוק איז געווען דער „בונד". ס'איז אויך צום פאַרשטיין פאַרוואָס נאָך ווילנע, וואו ס'איז פאָרגעקומען 1897 דער גרינדונגס־צוזאַמענפאָר פון „בונד" איז קאָוונע געוואָרן

די צווייטע פאַסיקע שטאָט אויף איינצואָרדענען דאָרטן די וויטערדיקע צוויי צוזאַמענפאָרן פון „בונד" (1898 און 1899). אָרגאַניזירן אַן אומלעגאַלן צוזאַמענפאָר איז אין יענע טעג געווען איינע פון די שווערסטע און געפערלעכסטע אונטערנעמונגען. די צאַרישע זשאַנדאַרמעריע האָט געלויערט צו אַנטדעקן אַזאַ צוזאַמענפאָר, וואָס האָט באַדייט פאַר אים מיט איין קלאַפּ פאַרניכטן דעם מוח און האַרץ פון דער רעוואָלוציאָנערער פאַרטיי, פונקט ווי אַרעסטירן דעם גענעראַל־שטאַב פון אַן אַרמיי בעת אַ מלחמה. ווען מ'האָט אויסגעקליבן קאָוונע פאַרן צווייטן צוזאַמענפאָר איז דאָס געווען נאָכן גרויסן אַרעסט, ווען דער ערשטער צ. ק., וואָס איז אויסגעוויילט געוואָרן אויפן ערשטן צוזאַמענפאָר אין ווילנע און די דרוקערס פון צענטראַל־אָרגאַן „ארבעטער שטימע" זיינען „ליקווידירט" געוואָרן (אויפן לשון פון צאַרישן עדות־שפּיאָן זובאַטאָוו, וועלכער האָט מיט די אַרעסטן אָנגעפירט). מ'האָט געמוזט פאַרמאָגן אין שטאָט אַ גרעסערע פּעריפעריע פון סימפּאַטיקער, ביי וועמען איינצואָרדענען די דעלעגאַטן מיט דירות, אויך אַ פאַסיקע דירה פאַרן צוזאַמענפאָר גופא. ווי געזאָגט איז אין קאָוונע געווען אַ גרעסערע גרופּע אינטעליגענץ, סימפּאַטיקער פון דער רעוו. באַוועגונג. כמעט יעטוועדע אָנגעזעענע משפחה אין שטאָט איז געווען אויף אַזאַ אָדער אַנדער אופן פאַרבונדן מיט דער רעוו. באַוועגונג.

דער צווייטער צוזאַמענפאָר איז פאָרגעקומען סוכות־צייט אויפן גרינעם באַרג. זיין אָרגאַניזאַטאָר אויפן אָרט איז געווען לעאָן בערנשטיין, וועלכער האָט אָנגעפירט מיט דער באַוועגונג אין קאָוונע, אַ נאָענטער מיטאַרבעטער פונעם גרינדער פון בונד אַרקאַדי קרעמער. דער דריטער — סוף דעצעמבער 1899 בעת די קריסטלעכע יום־טובים. די דירה איז געווען אויף בריק־גאַס נאָענט צו דעם סלאָבאָדקער בריק, אַנטקעגן ישראל רוקחס * פאַבריק פון כשרע זייף, אין הויף אויף אַ סאַלקע, הילצערנע טרעפּ האָבן געפירט אויף אַ צווייטן שטאָק צו אַן אָפּגעזונדערטן גאַנעק פון דער דירה פון אַן אַרבעטער־פאָרפאָלק אַלטער דער בערשטער און זיין פרוי ליזע; ביידע געווען זייער טעטיק אין קאָוונער בונד.

דער דריטער צוזאַמענפאָר איז געווען אַ וויכטיקער עטאַפּ אין דער אַנטוויקלונג פון בונד. אויף אים איז צום ערשטן מאָל אַוועקגעשטעלט געוואָרן די נאַציאָנאַלע פראַגע דורך דעם דעלעגאַט פון אויסלענדישן קאָמיטעט פון בונד דזשאָן מילס ** וועלכער איז ספּעציעל געקומען פון אויסלאַנד אומלעגאַל דורך ווערזשבאָלאָווע. אין צוזאַמענפאָר האָבן זיך באַטייליקט 12 דעלעגאַטן פון 9 גרעסערע שטעט פון די צוויי צענטראַלע פאַראיינען — בערשטער־בונד און גאַרבער־בונד און די מיטגלידער פון צענטראַל־קאָמיטעט. דער דעלעגאַט פון קאָוונע איז געווען סעמיאָן

* ישראל רוקח האָט שפּעטער עמיגרירט קיין אַמעריקע און דאָרט געגרינדעט די באַרימטע פירמע פון כשרע קאָנסערוון „וועזשעטייבלס".





קליוואַנסקי, אַ סטודענט פון אַן אָנגעזעענער סוחרישער משפחה אין קאָוונע.

צום אָנהייב 20 י. ה. זעען מיר שוין אַ ברייט פאַרצווייגטע סאָציאַליסטישע באַוועגונג אין גאַנץ ליטע (קאָוונער גוב. מיט אַ טייל סואוואַלקער, וואָס האָט מיט איר געגרענעצט). די יידישע באַפעלקערונג אין יענע געגענטן איז געווען אַ גאַנץ היבשע אין צאָל. לויט די סטאַטיסטישע מאַטעריאַלן פון ייק"א (1904) האָט די צאָל יידן אין קאָוונער גוב. באַטראָפן קנאַפּע 60 פּראָצענט פון דער אַלגעמיינער באַפעלקערונג, אין סואוואַלקער — קנאַפּע 50%. אַ חשובן אָרט אין דער אַרבעטער־באַוועגונג פון יענער צייט האָבן פאַרנומען די בערשטער־אַרבעטער, וואָס זיינען געווען קאָנצענטרירט אין די שטעטלעך ביי דער פּרייסישער גרענעץ: ווילקאָווישק, ווערזשבאָלאָווע, קאַלוואַריע, מאַריאַמפּאָל, פּאָנעוועזש, וולאַדיסלאַוואָווע־נייַשטאָט, ווישטינעץ און אַנד. די בערשטעריי איז געווען אַ טיפּישע קליינאינדוסטרי, וואָס האָט אָבער פּראָדוצירט פאַרן גרויסן אויסלענדישן מאַרק (לייפּציג און אַנד.). שרעקלעכע אַרבעטס־באַדינגונגען: פאַר 17—18 שעה אַ טאָג אַרבעט — 3—4 רובל אַ וואָך לוין; שוידערלעכע היגיענישע באַדינגונגען: פונעם שטויב פון חזיר־האָר איז שטאַרק געווען אַנטוויקלט טובערקולאָז און אַנדערע לונגען־קראַנקהייטן ביי די אַרבעטער. דאָס רוב פון זיי געקומענע פון די גאָר קליינע שטעטלעך, אַ גרויסער % האָט זיך וועבירט פון לופט־מענטשן, אָרעמע קרעמערלעך; פלעגן וואוינען צו 10—20 מענטשן אין אַ קליינעם צימערל, שלאָפן אויף ברעטער אָן לופט און אָן ליכט.

אַזאַ שוידערלעכע לאַגע האָט טאַקע געטריבן די בערשטער אויפצוהייבן די ערשטע די פאָן פון קאַמף. שוין 1895 האָבן 300 בערשטער־אַרבעטער אין ווילקאָווישק אויסגעקעמפט דורך אַ שטרייק אַ 12 שעהדיקן אַרבעטסטאָג און אַ העכערן לוין; 1897 ווילן די פאַבריקאַנטן צוריק איינפירן אַ 14 שעהדיקן אַרבעטסטאָג; 7 וואָכן דויערט אַ שטרייק פון 600 אַרבעטער פאַר איינהאַלטן דעם 12 שעהדיקן אַרבעטסטאָג. די פּאָליציע האָט געווילדעוועט אויף דער זייט פון די פאַבריקאַנטן, דורכגעפירט אַרעסטן, אַרויסגעשיקט צענדליקער אַרבעטער מיטן עטאַפּ אין זייערע וואוינערטער — אַ ספּעציעלער טעראָר־מיטל ביי דער פּאָליציי בעת אַ שטרייק. 1898 איז געגרינדעט געוואָרן דער אַלגעמיינער יידישער בערשטער־אַרבעטער־בונד אין ליטע און פּוילן. ס'האָט אָנגעהויבן אַרויסגיין זיין אָרגאַן „דער וועקער". דאָס האָט אַריינגעטראָגן אַ געוואַלדיקע אויפמונטערונג און קאַמפלוסטיקייט צווישן די דאָזיקע

** מיל געפינט זיך אין די פאַראייניקטע שטאַטן. אין פאַרלאַג „וועקער", ניו־יאָרק, זיינען דערשינען זיינע מעמואַרן פון וואַנען מיר האָבן גענומען די ידיעות וועגן 3־טן צוזאַמענפאָר פון בונד. אויך מיל האָט זיך דערצויגן אין ליטע, שטודירט אין גימנאַזיע אין פּאָנעוועזש.

דזשאָן מיל — די פּיאָנערן־עפּאָכע פון דער יידישער אַרב. באַוו., היסטאָרישע שריפטן פון ייוואָ, ב. III, ז. 375.

פֿאַרחושכטע מאַסן. אָט ווי אַזוי אין ערשטן נומער „וועקער“ ווערט געשילדערט די קלאַסן־לאַגע פֿון די בערשטער:

„אונדז האָט מען אָן קיין שום אורזאַך געוואָרפֿן אין די טורמעס; אויף וועמען נאָר דער פֿאַבריקאַנט האָט אָנגעוויזן — דעם האָט מען אַרויסגעשיקט מיטן עטאַפּ, מען פֿלעגט אָנפֿאַלן ווי אַ וואָלף אויף אַ סטאַדע שעפּסן, פֿאַרשיקן קיין סיביר, באַהאַנדלען ווי קרימינעלע פֿאַרברעכער, ווי פֿערזאָנען פֿון אוממאָראַלישער אויפֿירונג“.

דער בערשטער־בונד איז געווען דער ערשטער צענטראַליזירטער פּראָפֿ. פֿאַראיין אין גאַנץ רוסלאַנד — האָט געשריבן די „אַרבעטער־שטימע“, צענטראַל־אָרגאַן פֿון בונד. צוגלייך מיט די בערשטער איז אויך געוואַקסן זייער פּאָליטישער קלאַסן־באַוואוסטזיין. אַן ענגער קאָנטאַקט האָט עקזיסטירט צווישן „בונד“ — די פּאָליטישע פּאַרטיי און צענטראַלן בערשטער־פֿאַראיין; אין די צוזאַמענפֿאָרן פֿון בערשטער־פֿאַראיין האָבן זיך באַטייליקט פֿאָרשטייער פֿון צ. ק. פֿון בונד און דעלעגאַטן פֿון בערשטער־בונד האָבן אָנטייל גענומען אין די צוזאַמענפֿאָרן פֿון בונד. אויפֿן גרינדונג־צוזאַמענפֿאָר פֿון בערשטער־בונד איז פּראָקלאַמירט געוואָרן, אַז דער פֿאַראיין סאָלידאַריזירט זיין טעטיקייט מיט די אויפֿגאַבעס און צילן פֿון אַלג. יידישן אַרבעטער־בונד אין רוסלאַנד און פּוילן. דער צוזאַמענפֿאָר האָט איבערגעשיקט אַ גרוס דעם צ. ק. פֿון „בונד“. אויך די צאַרישע רעגירונג האָט קוואַליפֿיצירט דעם בערשטער־בונד ווי אַ פּאָליטישע אָרגאַניזאַציע. ווען דער באַרימטער זובאַטאָוו־שעף פֿון דער מאָסקווער „אָכראַנע“ (געהיים־פּאָליציי), וועלכער האָט געהאַט די אויפֿגאַבע איבערן גאַנצן ראַיאָן פֿון בונד, — האָט אָנהייב 20־טן י. ה. גענומען שאַפֿן די אַ. ג. „לעגאַלע“ אַרבעטער־באַוועגונג, האָט ער די אַרעסטירטע טוער פֿון בערשטער־בונד פֿאָרגעלייגט צוואַנציק טויזנט רובל אויף אַרויסצוגעבן לעגאַל דעם „וועקער“. ער האָט דערפֿאַר געפֿאָדערט זיי זאָלן פֿירן אויסשליסלעך אַ ריין עקאָנאָמישע טעטיקייט און זיך ניט מישן אין פּאָליטיק. זעלבסטפֿאַרשטענדלעך, האָבן די פֿירער פֿון בערשטער־בונד מיט פֿאַראַכטונג אָפּגעוואָרפֿן די צאַרישע מתנה, פֿאַר וואָס מ׳האָט געוואָלט קויפֿן זייער לאָיאַליטעט בנוגע דעם צאַרישן רעזשים.

פֿאָלגן מיר נאָך די גאַנצע ליטעראַטור וועגן בערשטער־בונד זעען מיר דעם גאַנצן אויפֿשטייג פֿון די פֿאַרחושכטע, פֿאַרטעמפּטע פּועלים מעבדות לחרות — צו אַ ניי לעבן, אַ מער קאָלירפֿולן, אַ מער אינטערעסאַנטן, אַ מער גייסטרייכן. די בערשטער האָבן אַרויסגעגעבן פֿון זיך פֿיל טרייע קעמפֿער, ליכטיקע געשטאַלטן פֿון סאָציאַליסטישע פּראָלעטאַריער, וועלכע האָבן געשפּילט אַ גרויסע ראָל אין בונד. דער גיפּטיקער שטויב פֿונעם חזיר־האָר איז געווען אַ גוטער אַגיטאַטאָר און אָרגאַניזאַטאָר.

דער בערשטער־ראַיאָן, וואָס איז געלעגן ביי דער פּרייסישער גרענעץ האָט געדינט ווי אַ מין „פֿענצטער צו אייראָפּע“, וואו ס׳האָט דאָך עקזיסטירט אַ פֿרייע סאָציאַליסטישע באַוועגונג. פֿון צייט צו צייט פֿלעגט אין די גרענעץ־שטעטלעך אַריינפֿאַלן אַ בראָשור, אַן אויפֿרוף, אַ צייטונג פֿון אויסלאַנד. נאָך ניט געזעענע ווערטער, נאָך ניט געהערטע קלאַנגען בליצן אַדורך דעם געדיכטן שטויב פֿון די חזיר־האָר־פֿאַבריקלעך און צינדן אָן אין די מוחות פֿון די פֿאַרחושכטע פּראָלעטאַריער אַ פֿונק פֿון נייע געדאַנקען און שטרעבונגען. די בערשטער־אַרבעטער זיינען געוואָרן די פּיאָנערן פֿון אומלעגאַלן ליטעראַטור־טראַנספּאָרט ניט בלויז פֿאַרן בונד נאָר אויך פֿאַר אַלע אַנדערע רעוואָלוציאָנערע פּאַרטייען פֿון צאַרישן רוסלאַנד. איינער אַזאַ הערלעכער טיפּ פֿון אַן אומלעגאַלן ליטעראַטור־שמוגלער איז ביי מיר איינגעקריצט געוואָרן אין זכרון און איך האָב אים באַשריבן מיט 13 יאָר צוריק אין אַ קאַפּיטל זכרונות: „משהקע דאָס אומלעגאַלע בייכל“ — האָט מען אים גערופֿן*.

אַ נידעריקער, מיט קורץ געשוירענע טונקל־בלאָנדע האָר (אַזוי שטייט ער פֿאַר מיינע אויגן איצט, ווי מיט קנאַפּע 50 יאָר צוריק, אַ שפּיציקע נאָז, גרויע אויגן, אַ ביסל אומגעלומפּערטע באַוועגונגען, טריט שווערע, בערישע — משהקע דער בערשטער („משהקע דער ראַגאָווער“). ער פֿלעגט די ליטעראַטור טראָגן אויף זיך, אַרומגעוויקלט דערמיט דעם גאַנצן קערפּער, האָט דערצו געהאַט ספּעציעלע אויפֿגענייטע לאַנגע זעקלעך, מיט „אָפּטיילונגען“ פֿאַר גרעסערע און קלענערע בראָשורן, אַ גאַנצן „אויסשטייער“ — פֿאַרן רוקן באַזונדער, פֿאַרן בויך און די זייטן באַזונדער. פֿלעגט ערגעץ־וואו עמיצער פֿון די געציילטע, וואָס האָבן געוואוסט דעם סוד פֿון משהקען, דערזען אים אין גאַס מיט זיין „פֿולן“ בייכל, און באַלעגאָלישן מאַנטל מיטן קאַפּישאָן פֿון הינטן, שלעפּנדיק זיך מיט זיינע שווערע טריט אין די לאַנגע שטיוול, — האָט מען שוין געוואוסט, אַז עס איז געקומען אַ נייער טראַנספּאָרט „ליטעראַטור“. פֿלעגט מען שוין מיט האַרצקלאַפּעניש וואַרטן אויף דער שעה, ווען מ׳קען אַוועק אויף דער קאָנספּיראַטיווער דירה, נעמען צו פֿאַרטיילן די בראָשורן און צייטשריפֿטן, וואָס משהקע האָט געבראַכט. טאָג און נאַכט פֿלעגט ער זיך אַרומשלעפּן איבער שטעט און שטעטלעך, אין געדיכטע בלאָטעס, אין שניי — זאַווערוכעס און שלאַקסרעגנס: ווי אַ למד־וואָווניק אַריינגעשלייכט אין אַ שטעטל, אויסגעליידיקט פֿון „בויך“ די טייערע בראָשורן און צייטשריפֿטן, נאָך וועלכע ס׳האָבן אַזוי געגאַרט די נשמות פֿון די אויפֿגעוואַכטע יידישע פּראָלעטאַריער, וואָס פֿלעגן וואַרטן דערויף מיט טיפֿער בענקשאַפֿט לאַנגע וואָכן און חדשים...

יאָר איין, יאָר אויס איז אָנגעגאַנגען דער האַרטנעקיגער קאַמף פֿון בערשטער־בונד פֿאַר אַ קירצערן אַר־

* וו. שולמאַן — ווי אַזוי מיר האָבן פֿאַרשפּרייט אומלעגאַלע ליטעראַטור, „פֿאָלקסצייטונג“, וואַרשע, 1933, נומ׳ 297.

בעטסטאָג; די סכנה פון טובערקולאָז איז געווען דער הויפּטמאָטיוו, וואָס האָט זיי געבראַכט אין באַוועגונג. געטריבן איינצופירן אַ סטאַבילע קורצע אַרבעטסצייט. אין די יאָרן 1903—4 איז שוין אין גאַנצן פּוילישן ראַיאָן פון בערשטער־בונד געווען איינגעפירט אַ 9—10 שעהדיקער אַרבעטסטאָג. שווער איז אָבער געווען איינצוהאַלטן לאַנג דעם קורצן אַרבעטסטאָג. 1905 האָבן די פאַבריקאַנטן אויף זייער צוזאַמענפאָר אין לייפּציג אָרגאַניזירט זיך אין אַ טרעסט קעגן בערשטער־בונד מיטן צוועק צו צעברעכן די אָרגאַניזאַציע און צוריק אָפּנעמען אַלע דעראָבערונגען פון די אַרבעטער: איינגעפירט שוואַרצע ליסטעס, געשאַפן אַ געמיינזאַמע קאַסע צו באַקעמפן שטרייקן, געשטיצט זיך קעגנזייטיק אין אַזעלכע פאַלן.

די אַרבעטער האָבן דערויף געענטפערט מיט אַן אַלגעמיינעם שטרייק, וואָס האָט אַרומגענומען אַלע בערשטער פון ווילקאָווישק, ווערזשבאָלאָווע, ווישטינעץ, ניישטאָט א. אַנד. די הויפּט־פאָדערונג איז געווען — אַן 8 שעהדיקער אַרבעטסטאָג. די רעוואָלוציאָנערע אַטמאָספער פון יאָר 1905 האָט מיטגעהאָלפן צום זיג פון די אַרבעטער: אויף אַ ספּעציעלן צוזאַמענפאָר אין ווילקאָווישק האָבן די פאַבריקאַנטן באַשלאָסן זיך אונטערצוגעבן; דער 8 שעהדיקער אַרבעטסטאָג איז געוואָרן איינגעפירט אין גאַנצן ראַיאָן. בעת די רעוואָלוציע־יאָרן 1905—6 האָט זיך שטאַרק געלאָזט פילן אין גאַנצן ראַיאָן דער הייסער אָטעם פון רעוואָלוציאָנערן בערשטער־פּראָלעטאַריאַט, אומעטום האָבן עקזיסטירט קאַמף דרוזשינעס פון די בערשטער, וועלכע פלעגן אויספירן אַלע באַשלוסן און באַפעלן פון דער פּאָליטיש־רעוואָלוציאָנערער פּאַרטיי פון בונד.

בעתן רעאַקציע־פּעריאָד (1907—8) האָבן די פאַבריקאַנטן ווידער אַ מאָל אָנגעהויבן אַן אָפענסיווע קעגן די אַרבעטער, דער עיקר איז זיי געגאַנגען וועגן פאַרלענגערן דעם אַרבעטסטאָג. 11 וואָכן האָט געדויערט דער לאָקאַוט פון די פאַבריקאַנטן אין יאָר 1907; דאָס האָט געקאָסט דעם בערשטער־בונד 3500 רובל, דער 8 שעהדיקער אַרבעטסטאָג איז דאָך איינגעהאַלטן געוואָרן. דער „בונד" האָט פיל מיטגעהאָלפן מאָראַליש און מאַטעריעל צו געווינען דעם קאַמף און אויפן בערשטער־צוזאַמענפאָר (אויגוסט 1907) איז אָנגענומען געוואָרן אַ ספּעציעלע דאַנק־רעזאָלוציע פאַרן צ. ק. פון בונד פאַר זיין הילף בעתן לאָקאַוט. 1908 האָבן די פאַבריקאַנטן אויף זייער צוזאַמענפאָר אין לייפּציג ווידער באַנייט זייער פאָדערונג — צוריק איינפירן אַ 10 שעהדיקן אַרבעטסטאָג. 5 חדשים האָט געדויערט דער קאַמף, וועלכער איז פול געווען מיט דראַמאַטישע מאָמענטן; די פאַבריקאַנטן האָבן געפּרוּווט אַראָפּברענגען רוסישע אַרבעטער שטרייקברעכער פון טשערניגאָווער גוב.; דאַקעגן האָבן די אַרבעטער באַקומען פיל געלט־שטיצע פון אויסלאַנד, דער עיקר פון דער דייטשער סאָצ. דעמ. פּאַרטיי, לויט דער ווענדונג





פון אויסל. קאָמיטעט פון בונד. דער 8 שעהדיקער אַרבעטסטאָג איז איינגעהאַלטן געוואָרן.

אָבער די יאָרן פון רעאַקציע האָבן אַוועקגעלייגט זייער שטעמפּל אויך אויף דער בערשטער־באַוועגונג. אַלץ שווערער איז געוואָרן די אַרבעטער איינצוהאַלטן זייערע אויסגעקעמפטע פּאָזיציעס, די פּאָליציייאישע רעפּרעסיעס האָבן זיך כסדר געשאָטן; אין 1912 טרעפן מיר שוין אין פּאָנעוועזש אַן 11 שעהדיקן אַרבעטסטאָג; אין יאָר 1913 ווערט איינגעפירט שטיק־אַרבעט אין ווערזשבאָלאָווע; אין יאָר 1914 איז אין ניישטאָט, ווילקאָווישק, ווערזשבאָלאָווע, די צענטערן פון דער בערשטער־אינדוסטריע — ניט געבליבן קיין שפּור פון אָרגאַניזאַציע, יעדע איניציאַטיוו איז דערשטיקט, דער גייסטיקער צושטאַנד פון די אַרבעטער איז זייער אַ נידעריקער. דער קלענסטער שטרייק רופט אַרויס אַרעסטן און פאַרשיקונגען; מען אַרעסטירט פאַמיליע־מענטשן, אָפטמאָל שווער קראַנקע און מען האַלט זיי אָפּ אין די טורמעס חדשים־לאַנג אָן שום באַשולדיקונג. דער אויסברוך פון דער ערשטער וועלט־מלחמה האָט געגעבן אַ טויט־קלאַפּ דער בערשטער־באַוועגונג, דער גאַנצער ראַיאָן האָט זיך פלוצלונג געפונען אויף דער פייער־ליניע פון פראָנט. די גרעסטע פאַבריקן זיינען רואינירט געוואָרן, אָפּגעשניטן פון דער איבעריקער וועלט. די בערשטער־אינדוסטריע האָט שוין ניט אויפגעלעבט אין יענעם ראַיאָן, וואָס איז נאָך דער ערשטער וועלט־מלחמה געווען אַ טייל פון דער זעלבשטענדיקער ליטע *.

איך האָב זיך אָפּגעשטעלט עטוואָס מער אויף דער בערשטער־באַוועגונג צוליב איר אייגנאַרטיקן סאָציאַלן פּנים און באַזונדערס כאַראַקטעריסטישע שטריכן, וואָס ווייזן אונדז די אַנטשטייאונג און אַנטוויקלונג פון קאַפּיטאַליסטישן פּראָדוקציע־סיסטעם אינעם יידישן ווירטשאַפטלעכן לעבן פון ליטע אין ערשטן צייט־פּעריאָד. מיר וועלן איצטער אָנמערקן די הויפּט־עטאַפּן פון דער באַוועגונג פון סוף פאָריקן י. ה. ביז דער ערשטער וועלט־מלחמה.

דער אומלעגאַלער־פּעריאָד, ווי מיר האָבן שוין ביי די בערשטער, איז רייך מיט דראַמאַטישע מאָמענטן. די פּיאָנערן פון דער באַוועגונג זיינען געקומען צום אויסדרוק אויף די פאַרשיידנסטע אופנים, אָנהויבנדיק פון עקאָנאָמישע מאַסן־שטרייקן, פּאָליטישע קרייזן און פאַרזאַמלונגען ביז גאַסן־דעמאָנסטראַציעס, צוזאַמענשטויסן מיט פּאָליציי און מיליטער, אַגיטאַציע און פּראָפּאַגאַנדע צווישן מיליטער, — ניט אויסשליסנדיק באָמבעס־אַטענטאַטן און נקמה־אָנפאַלן אויף די באַזונדערע פאַרהאַסטע פאַרשטייער פון צאַרישן מאַכט־אַפּאַראַט. די באַוועגונג איז אַריינגעדרונגען אין די וויטסטע פאַרוואָרפנסטע שטעטלעך. אין די בונדישע אומלעגאַלע צייטונגען ווי „אַרב. שטימע", „דער בונד", „לעצטע פּאַסירונגען", „פּאָסלעדניע איז־

* מ. דובנאָוו־ערליך — גאַרבער־בונד און בערשטער־בונד, פאַרלאַג „קולטור־ליגע", וואַרשע, 1937, ז. ז. 254—255.

וועסטיאַ" געפינען מיר כסדר קאָרעספּאָנדענצן פון אַזעלכע שטעטלעך, ווי קופּישאָק, יאַנאָווע, קיידאַן, קעלם, זשאַגער, קאַלוואַריע, יאַנישאָק, שאַדעווע, א. אַ. וו. א. אַ. וו. וועגן אַ פּאָליטישער פאַרזאַמלונג פון אַ 100 מאַן אין אַ וואַלד ביי יאַנאָווע, מיט אַ פאַנאַדערגעוויקלטע רויטע פאָן און רעוואָלוציאָנערע אויפשריפטן ווערט דערציילט אין „פּאָסל. איזוועסטיאַ" (22 אָקט. 1902). „דער בונד — האָט דער רעדנער געזאָגט — „זאָרגט ווי אַ פאָטער פאַר זיינע קינדער אַפילו אין אַזאַ לאָך ווי יאַנאָווע; גיט איבער דעם בונד (דער רעדנער ווענדט זיך צום געקומענעם פאָרשטייער פון צענטער) ער זאָל אונדז, יאַנאָווער, ניט פאַרגעסן ווען ער וועט רופן די יידישע אַרבעטער צו רעוואָלוציע; וואוהין ער וועט אונדז רופן וועלן מיר גיין ביזן טויט".

וועגן אַ כאַראַקטעריסטישן פאַקט פון עיכוב הקריאה דורך אַרבעטער אין זעלביקן יאַנאָווע און וועגן אַן ענין, וואָס האָט דירעקט צו אַרבעטער קיין שייכות ניט געהאַט, נאָר ס'האָט זיך געהאַנדלט וועגן סתם יושר און גערעכטיקייט, ווערט דערציילט אין דער זעלבער אויסגאַבע (22 אויגוסט, 1902): אַ פּריסטאַוו האָט שרעקלעך צעמזיקט דעם יידן יאַנקל ראָקער; די פאַמיליע פון צעשלאָגענעם האָט געפאָדערט פון די „פּני" פון שטאָט אַראָפּצוברענגען אַ דאָקטאָר פון קאָוונע, כדי צו פאַרפירן אַ פּראָצעס קעגן רוצחישן פּריסטאַוו. די „פּני" האָבן זיך אָפּגעזאָגט, מורא האָבנדיק אָנצוהייבן מיטן פּריסטאַוו. די אַרבעטער מיט דער פאַמיליע פון יאַנקל ראָקער זיינען געקומען אין שול אַריין, ניט געלאָזט לייענען און געפאָדערט פאַרפירן אַ פּראָצעס קעגן פּריסטאַוו; ס'איז געקומען צו אַ גרויס געשלעג אין שול גופא און אויך אין דער גאַס. די אַרבעטער האָבן אַראָפּגעבראַכט אַ דאָקטאָר פון קאָוונע, אַוועקגענומען דעם צעמזיקטן אין אַ קאָוונער שפּיטאָל און פאַרפירט אַ פּראָצעס קעגן פּריסטאַוו.

די אָרגאַניזאַציעס פון די קליינע שטעטלעך פלעגן זיך קעגנזייטיק אַרויסהעלפן אין אַן עת צרה. אָט ווערט דערציילט דאָרטן (נ. 87, 1902), אַז די באַלעבאַטים אין קיידאַן (משה לייב ליליענבלומס געבורטשטאָט), האָבן אָנגעדונגען כוליגאַנעס, כדי צו שלאָגן די „סטאַטשקעניקעס" און זיי טעראָריזירן; די פּאָליציי, פאַרשטייט זיך, איז געווען אויף דער זייט פון די באַלעבאַטים. האָבן די קיידאַנער גערופן נאָך הילף צו די יאַנאָווער; ס'איז אַראָפּגעקומען אַ גרויסע גרופּע געזונטע אַרבעטער פון יאַנאָווע. אין שטעטל — שרייבט דער קאָרעספּאָנדענט — האָט זיך געטאָן חושך, מ'האָט אויס מורא פאַרמאַכט טיר און טויער. אין אָוונט, ווען דער אוריאַדניק מיט די סאָטניקעס זיינען אַרויס צוזאַמען מיט די כוליגאַנעס אין גאַס, האָט מען זיי אַזוי צעמזיקט, אַז זיי זיינען פאַרבלוטיקטע זיך צעלאָפן, איבערלאָזנדיק דעם אוריאַדניק מיט אַ צעשפּאָלטענעם קאָפּ; מ'האָט די כוליגאַנעס גוט אָנגעלערנט. די באַלעבאַטים האָבן אָנגעגעבן אַ ביטע צום גובערנאַטאָר וועגן פאַרגרעסערן די צאָל פּאָליציי. פון אַ ריי שטעטלעך — קופּישאָק,





זשאַגער, קעלם, קיידאַן און אַנד. — ווערט דערציילט וועגן פּאָליטישע מאַניפעסטאַציעס אין די שולן און בתי־מדרשים אין די שבתים און יום־טובים — די פאַרזאַמלטע אַרבעטער פלעגן ניט לאָזן מאַכן „הנותן תשועה" פאַרן צאַר, פלעגן סיסטעמאַטיש אויסלעשן די אילומינאַציע־לעמפּלעך, וואָס פלעגן ספּעציעל באַלויכטן די גאַסן און די עפנטלעכע אַנשטאַלטן בעת אַ מלוכה־יום־טוב לכבוד דעם קייזער אָדער מיטגליד פון דער קייזערלעכער משפחה. דאָס קליין שטעטלע האָט שוין אין יענע פרי־יאָרן (3—1901) זיך געוואַרעמט מיטן פייער פון פּאָליטישן קאַמף, וואָס האָט זיך אָנגעצונדן אין די גרעסערע שטעט פון ליטע. שפּעטער אין די יאָרן 5—1904, שפּירט זיך שוין אויך אין שטעטל דער הייסער אָטעם פון דער רעוואָלוציע, די פאַרוואָרפענע פּראָווינץ באַקומט גאָר אַן אַנדער פּנים, אירע איינוואוינער — אַן אַנדער געמיט; אַ פּאָר פאַקטן בלויז פאַר אילוסטראַציע (אַרויסגענומען פון די דערמאָנטע צייטשריפטן):

קופּישאָק — אַ געמיינזאַמע גאַסן־מאַניפעסטאַציע פון ליטווישע און יידישע אַרבעטער, צוויי פענער — אַ בונדישע און פון דער ליטווישער סאָצ. דעמאָקראַטיע; אַ ליטווישער אַרבעטער נעמט אין האַנט די בונדישע פאָן און רעדט וועגן אַרבעטער־סאָלידאַריטעט פון אַלע נאַציעס; די טעלעפאָן־און טעלעגראַף־פאַרבינדונג מיט דווינסק און ליבאַווע איז איבערגעריסן; בונדישע אָרגאַניזאַציע גיט אַרויס אַן אייגענע פּראָקלאַמאַציע „צום קאַמף".

קאַלוואַריע — אין דער גרויסער שול, אָנשטאָט „הנותן תשועה" האָט אַן אַרבעטער איבערגעלייענט פון דער בימה דעם אויפרוף פון צ. ק. פון בונד „פּאָגראָמען אָדער קאָנטררעוואָלוציע" (וועגן זשיטאָמירער פּאָגראָם).

אָניקשט — אין די אָקטאָבער־טעג געאַרבעט צוזאַמען מיט ליטווישער ס. ד. פּאַרטיי. דער היגער פּריסטאַוו אָרלאָוו, אַ מוראדיקער כוליגאַן און סאַדיסט איז דערהרגעט געוואָרן. אויף אַ גרויסן מאַסן־מיטינג — אַ פּראָטעסט־רעזאָלוציע קעגן ביאַליסטאָקער פּאָגראָם, אַ פאָדערונג אָפּצושאַפן דאָס שטענדיקע מיליטער און איינפירן פאָלקס־מיליץ.

יאַנישאָק — אין די אָקטאָבער־טעג געבילדעט אַ פעדעראַציע מיט דער ליטווישער ס. ד.; פויערים פון די אַרומיקע דערפער פאָדערן ביים בונד ליטעראַטור; צאָלרייכע מיטינגען פון טויזנטער פויערים מיט יידישע רעדנער; אַ ספּעציעלע קאָמיסיע פאַר אַרבעט צווישן מיליטער; די גאַנצע ראָטע פון היגן מיליטער אַריינגעטראָטן אין דער מיליטערישער „רעוו. אָרגאַניזאַציע" און געשוואוירן ביי דער רויטער פאָן צו בלייבן טריי דער פרייהייט.

ווילקאָווישק — געמיינזאַמע מאַניפעסטאַציעס פון ליטווינער און יידן. צוזאַמענשטויסן צווישן אַרבעטער מיט סאָלדאַטן: קאָמאַנדיר באַפעלט, אַז סאָלדאַטן זאָלן אַלע מאָל טראָגן געווער ביי זיך. פאַרזאַמלונג פון 300 אַרבעטער אין וואַלד ביי דער שטאָט.

קיידאַן — גאַסן־דעמאָנסטראַציעס געדויערט אַ שעה

צייט; פאָרויס מאַרשירט אַ גרופּע פון 20 סאָלדאַטן פון דער מיליטער־אָרגאַניזאַציע. צום יאָרצייט פון קעשענעווער פּאָגראָם האָבן אַרבעטער אין אַלע שולן, אָנשטאָט „הנותן תשועה", געהאַלטן פּאָליטישע רעדעס.

שאַדעווע — גאַסן־מאַניפעסטאַציעס דעם 1־טן מאַי, פּריסטאַוו געשטאַנען מיט אַ בלויזן קאָפּ, אַ צעטומלטער.

און איצט אַ צווייטער דאָקומענט, וואָס כאַראַקטעריזירט דעם גייסטיקן פּנים פון די יעניקע, וועלכע האָבן זיך געפונען אויף דער צווייטער זייט באַריקאַדע:

ראָסיין — אין אַלע שולן זיינען אויסגעהאָנגען געוואָרן מודעות, אונטערגעשריבן פון רב מיטן גאַנצן בית־דין, בזה הלשון: „אַזוי ווי אין ראָסיין וויל מען אַ רעוואָלוציע (ד. ה. מענער און פרויען וועלן אַרויס אין גאַס מיט רויטע פענער און וועלן זינגען פאַרבאָטענע לידער) בעטן מיר די עלטערן אַכטונג געבן אויף זייערע קינדער, אַז זיי זאָלן דאָס ניט טאָן, ווייל דער הער איספּראַווניק איז דערפון זייער געערגערט".

משמעות, כדי צו פאַרבעסערן דאָס געמיט פונעם ה. איספּראַווניק, האָבן די יידישע פּני פון ראָסיין אָרגאַניזירט אַ זעלבסטשוץ קעגן דעמאָנסטראַציעס. און גראָד אין דער זעלביקער צייט הערן מיר פון קאָוונע אַ רוף צו אַן אַנדער מין זעלבסטשוץ: לויטן באַשלוס פון צ. ק. פון בונד, וועגן אָרגאַניזירן זעלבשוץ קעגן פּאָגראָמען, האָט דער קאָוונער קאָמיטעט (נאָכן האָמלער פּאָגראָם) אַרויסגעלאָזט אַן אויפרוף (יידיש און רוסיש), וועלכער ענדיקט זיך מיט אַזעלכע מוטיק־רעוואָלוציאָנערע ווערטער: „מיר רופן אַלע יידן, אַלע ערלעכע קריסטן אין דער קאַמף־אָרגאַניזאַציע פאַר שוץ קעגן פּאָגראָמען. מיט אונדזער באַוואָפנטן קאַמף וועלן מיר אָפּלערנען די פּלעוועס און די ראָמאַנאָווס פון מאַכן פּאָגראָמען".

מיר זעען בחוש ווי אַזוי די רעוואָלוציאָנערע באַוועגונג האָט ראַדיקאַל געענדערט דעם גייסטיקן פּנים, דאָס געמיט פון די פריער פאַרחושכטע און פאַרטעמפּטע מאַסן. ס'איז לחלוטין פאַרשוואונדן דאָס געפיל פון דורות איינגעוואָרצלטער מורא און הכנעה לגבי די מאַכטהאָבער. זיי האָבן זיך שוין מער ניט געפילט ווי פאַרשטויסענע, פאַרוואָרלאָזטע, רעכטלאָזע. זיי האָבן זיך געפילט מער פאַרבונדן מיט זייערע אידייאישע חברים פון די פאַרשיידענע נאַציעס, — סיי פון ריזיקן רוסלאַנד גופא, סיי אין וועלט־מאַסשטאַב.

שוין אין 1903 לייענען מיר וועגן אַ גאַנצער ריי אַטענטאַטן און נקמה־אַקטן קעגן די אַממערסטן פאַרהאַסטע צאַרישע דינער. געוואָרן דערמאָרדעט אַ יידישער פּראָוואָקאַטאָר פאַר אַרויסגעבן דער פּאָליציי 8 אַרבעטער; אין פּאָנעוועזש ווערט אין צענטער פון שטאָט לעבן דער קאַזנאָטשייסטוואָ, אָפּגעגאָסן מיט וויטראָל אַ זשאַנדאַרמען־וואַכמייסטער. צוליב דעם איז דורכגעפירט געוואָרן אין שטאָט ביז 500 רעוויזיעס. דער אָרטיקער קאָמיטעט פון בונד האָט פאַנאַדערגעקלעפּט אין אַלע שולן און איבער די גאַסן אַן אויפרוף, וואו ס'ווערן אויפגעקלערט די מאַ־



טיוון פון אָנפאַל. סעפּטעמבער 1905 געוואָרפן אין קאָוונע אַ באָמבע אויפן פּאָליצמייסטער בעת ער איז געזעסן אין די אַלייען אויפן „נייעם פּלאַן", וואו ס'איז אויך געווען די אַרבעטער־בירזשע. אין 1906 געוואָרפן אַ באָמבע נעבן גובערנאַטאָרס הויז. געהרגעט געוואָרן דער געהילף־פּריסטאַוו ביעלינסקי. איןביידע פאַלן קיינער ניט אַרעסטירט. אַ גוואַלדיקן רושם האָט אָנגעמאַכט אין קאָוונע, מערץ 1903, די דעמאָנסטראַציע אין שטאָטישן טעאַטער קעגן דער שחיטה אויף אַרבעטער אין זלאַטאוסט (אוראל). ס'איז געקומען צו אַ געשלעג מיט דער פּאָליציי; אַ גרופּע אַרבעטער האָט געכאַפּט דעם געהילף־פּאָליצמייסטער און שיער אים ניט אַראָפּגעוואָרפן פון דער גאַלעריע אונטן אַראָפּ. ס'זיינען אַרעסטירט געוואָרן אַ 50 מאַן, קעגן 7 איז פאַרפירט געוואָרן אַ פּראָצעס, וואָס איז פאָרגעקומען אין „סודיעבנע פּאַלאַטע". צוליב מאַנגל אין באַווייזן זיינען אַלע באַפרייט געוואָרן; ס'האָבן פאַרטיידיקט די בעסטע פּעטערבורגער אַדוואָקאַטן. אַן אָריגינעלע דעמאָנסטראַציע איז איינגעאָרדנט געוואָרן צוליב אַרויסשיקן אַ גרויסע פּאַרטיע פּאָליטישע אַרעסטירטע פון קאָוונער טורמע. חברה האָט זיך אויסגעשטעלט ביים באַן־טויער פון ביידע זייטן וועג און ווען דער צוג איז פאַרבייגעפאָרן האָט אַ דונער פון רעוואָלוציאָנערע אויסגעשרייען אים באַגלייט אין טונעל אַריין. אַ שווייגנדיקע דעמאָנסטראַציע איז געמאַכט געוואָרן לכבוד דעם גרויספירשט ניקאָלאַי ניקאָלאַיעוויטש (צאַר ניקאָלאַיס פעטער), ווען ער איז געקומען אין קאָוונע צו עפּעס אַ יום־טוב פון דראַגונער־פּאָלק. גרויסע מאַסן מענטשן זיינען געשטאַנען פון ביידע זייטן גאַס; דער פּאָליצמייסטער, שטייענדיק אין קאַרעטע מיטן פּנים אויף הינטן — צו דער קאַרעטע פון גרויסן פירשט, וואָס איז געפאָרן נאָך אים האָט געברומט צום עולם: „שרייט הויך, שרייט הוראַ", אָבער דער עולם האָט געשטומט, ס'האָבן זיך געהערט בלויז שיטערע אויסרופן פון טשינאָווניקעס און אַנדערע „נאַטשאַלסטוואָ". קאָוונער קאָמיטעט פון בונד האָט פאַרן באַזוך פון גרויספירשט אַרויסגעלאָזט אַ ספּעציעלע פּראָקלאַמאַציע צום מיליטער אין נאָמען פון דער מיליטעריש־רעוואָלוציאָנערער אָרגאַניזאַציע.

אַ שיינעם אויפרוף, וואָס האָט געמאַכט אַ גוואַלדיקן רושם אויף דער גאַנצער באַפעלקערונג האָט דער קאָוונער קאָמיטעט אַרויסגעלאָזט אין אָקטאָבער 1903 א. נ.: „אַ גרוס דעם איטאַליענישן פּראָלעטאַריאַט". דער קייזער ניקאָלאַי האָט זיך געקליבן צו באַזוכן איטאַליע. די איטאַליענישע סאָציאַליסטן האָבן אויפגעהויבן אין לאַנד אַ מוראדיקע פּראָטעסט־באַוועגונג. אין פּאַרלאַמענט האָט דער פירער פון די סאָציאַליסטן מאַרגאָרי עפנטלעך דערקלערט, ווענדנדיק זיך צום אויסערן־מיניסטער: „גיט איבער אין פּעטערבורג, אַז אויב דער צאַר וועט זיך דערוועגן צו קומען אין אונדזער לאַנד, וועלן מיר אים אויספייפן"! די פּרעסע האָט געשריבן, אַז אין גאַנץ איטאַליע זיינען אין עטלעכע טעג אויספאַרקויפט געוואָרן כלערליי

פייפלעך און ענלעכע „מוזיק"־אינסטרומענטן. די וועלט־פרעסע איז געווען פול מיט דער דאָזיקער אויסטערלישער געשעעניש; דורך דער אומלעגאַלער פרעסע איז עס דערגאַנגען אויך קיין רוסלאַנד און האָט פול געמאַכט מיט פרייד די געמיטער פון די רעוואָלוציאָנערן פון גאַנץ רוסלאַנד. אינעם דערמאָנטן אויפרוף שרייבט דער קאָוונער קאָמיטעט פון בונד בזה הלשון:

„ניט דאָס רוסישע פאָלק האָבן די איטאַליענישע אַרבעטער באַליידיקט דערמיט. דער רוסישער דעספאָט איז ניט קיין פאָרשטייער פון פאָלק. אונטערן שיינעם הימל פון איטאַליע איז ניטאָ קיין אָרט פאַרן פינצטערן דעספאָט, וואָס איז פון קאָפ ביז די פיס אויסגעפאַטשקעט אין בלוט פון זיינע בירגער. פון דער ברידערלעכער האַנדלונג פון די איטאַליענישע סאָציאַליסטן וועלן מיר פראָלעטאַריער פון גאַנץ רוסלאַנד, שעפן מוט און נייע קרעפטן אין אונדזער קאַמף מיטן צאַריזם".

מיט אירע ליטעראַרישע אויסגאַבעס האָט זיך אויסגעצייכנט די פאָנעוועזשער אָרגאַניזאַציע. 1902 איז איבערן גאַנצן ראַיאָן פאַרשפרייט געוואָרן פאַר די ימים נוראים זייער אַ געלונגענע קאַריקאַטור: אַן אַרבעטער שלאָגט כפרות מיט ניקאָלאַיען (האַלט אין האַנט אַ האָן מיט ניקאָלאַיס פנים, אַ צעשראָקענער מיט אויסגעשטאַרצטע אויגן. אונטן אַן אויפשריפט: „זה התרנגול ילך למיתה"), אַ צווייטע קאַריקאַטור פון זעלביקן קינסטלער איז געוואָרן פאַרשפרייט מיט אויסרופן צו רעקרוטן און זעלנער: אַן אויסגעדאַרטער אַרבעטער שטייט פאַר דער „פריסוטסטוועי", אין שכנישן צימער וויינען און קלאָגן זיין טאַטע און מאַמע, אונטערשריפט — „גאָדיען"; אין דער צווייטער אָפטיילונג: אַ פעטער סוחר שטייט מיט זיין געזונטן בענאָק, פול מיט בלוט און פלייש, אונטערשריפט — „ניעגאָדיען". אין פעברואַר 1903 (צום יאָרטאָג פון דער „פויערים באַפרייאונג", פאַר אַלעקסאַנדער דעם צווייטן) דערשיינט ווידער אַ מאָל אַ קאַריקאַטור: ניקאָלאַי זיצט רייטנדיק אויף אַן איינגעבויגענעם פויער, וואָס זיינע הענט זיינען צוגעשמידט מיט קייטן צו צוויי גרויסע שטיינער אויף דער ערד. אין איין האַנט ביי ניקאָלאַיען אַ נאַהייקע, אין דער צווייטער — אַ בעכער בראָנפן, שלאָגט דעם פויער און טרינקט, אויפשריפט — „מיר טרינקען פאַרן געזונט פון אונדזער פאָלק".

מיטן וואוקס פון פאָליטישן באַוואוסטזיין ביי די מאַסן איז אויך געשטיגן זייער קאַמף־גרייטקייט, זייער מוט; דער הכנעהדיקער האָרעפאַשניק האָט זיין רוקן אויסגעגלייכט, איז געוואָרן אַריינגעצויגן אין פראָצעס פון אַ גראַנדיעזן פאָליטישן קאַמף.

די אַרבעט צווישן מיליטער איז באַזונדערס אָנגעגאַנגען אינטענסיוו אין גאַנצן גרענעץ־ראַיאָן מיט דער קאָוונער פעסטונג בראש, וואָס איז פול געווען פאַרפלייצט מיט מיליטער. צו דעם צוועק איז, ווי געזאָגט, אויסגעטיילט געוואָרן אַ ספעציעלע מיליטעריש רעוו. אָרגאַניזאַציע, וועלכע האָט געהאַט פאַרבינדונגען אין אַלע





מיליטערישע־פאָרמאַציעס. אין די קלענערע שטעטלעך זיינען די פאַרבינדונגען געווען גאָר ענגע, דאָ האָט דאָס איזאָלירן די סאָלדאַטן פון דער ציווילער באַפעלקערונג ניט געקאָנט דורגעפירט ווערן אַזוי שטרענג. די אָרגאַניזאַציע פלעגט באַקומען כלערליי געהיימע מיליטערישע צירקולאַרן און זיי אויסנוצן אין דער אַגיטאַציע, פלעגט זיך דערוויסן פאַרשיידענע סודות. אַזוי למשל, האָט מען אין קאַלוואַריע זיך דערוואוסט, אַז אַ סאָלדאַט וואָס האָט זיך אויסגעצייכנט מיט זיין שפיאָנאַזש־אַרבעט אין מיליטער, איז באַשטימט געוואָרן אין דער לייבוואַך פון קייזער ניקאָלאַי; זיין נאָמען מיט אַלע סימנים איז געוואָרן איבערגעשיקט צו די פעטערבורגער חברים. די אויפרופן און פלוגבלעטער פון דער מיליטעריש רעוו. אָרגאַניזאַציע פלעגן האָבן פון אויבן די אָפיציעלע אויפשריפט (מיט פעטע אותיות): „איבערלייענען אין אַלע ראָטעס, עסקאַדראָנעס, אַרטילעריע־באַטארייען" א. אַ. וו. איז געשען אין שאַנץ, נעבן קאָוונע, אַזאַ קוריאָז: אַן אָפיציר, ניט קיין איבעריק גרויסער חכם, משמעות, האָט באַקומען אין אַ קאָנווערט אַן אויפרוף צו די אָפיצירן, וואו ס'איז געווען איבערגעדרוקט (מיט אַנטשפרעכענדיקע פירושים, פאַרשטייט זיך) דער געהיימער צירקוליאַר פון קריגס־מיניסטער קוראָפאַטקין וועגן שפיאָנאַזש אין מיליטער (באַקעמפן די רעוואָלוציאָנערע באַוועגונג), האָט ער צונויפגענומען זיין ראָטע און גענומען לייענען דעם פריקאַז. ערשט שפעטער האָט ער זיך געכאַפט וועגן זיין פאַטאַלן טעות. מ'האָט גלייך גענומען דורכפירן רעוויזיעס אין אַלע קאַזאַרמעס, אין די קעסטלעך פון די זעלנער! מ'האָט געוואָלט אויספאָרשן און זיך דערוויסן, ווי אַזוי איז דער געהיימער צירקוליאַר פון מיניסטער אַריינגעפאַלן צו דער מיליטערישער רעוו. אָרגאַניזאַציע. דער גוואַלדיקער טומל און די מאַסן־רעוויזיעס איז געווען די בעסטע אַגיטאַציע פאַר דער רעוו. אָרגאַניזאַציע און האָט אַרויסגערופן צו איר גרויס פאַראינטערעסירונג.

בעת דער יאַפאַנישער מלחמה האָט זיך כסדר געשאָטן אויפרופן קעגן דער מלחמה און מאָביליזאַציע און קעגן דער פאַטריאָטישער אַגיטאַציע פון די צאַרישע טשינאָווניקעס; אויפרופן האָבן געפונען אַ טיפן אָפקלאַנג ביים מיליטער. אַ גוטע סאָצ. רעוו. אָרגאַניזאַציע האָט עקזיסטירט אין 110־טן דאָנסקי פאָלק, וואָס האָט סטאַנציאָנירט אין מאַריאָמפאָל; מיט אים האָבן אָנגעפירט חברים פון בונד. אין צוזאַמענהאַנג מיטן בלוטיקן 9־טן יאַנואַר אין פעטערבורג, זיינען פאָרגעקומען מאַסן־מיטינגען פון סאָלדאַטן, מאַניפעסטאַציעס מיטן געזאַנג פון רעוו. לידער. די נאַטשאַלסטוואָ האָט זיך קיין עצה ניט געקאָנט געבן.

אין די רעוואָלוציע־טעג פלעגט מען באַקומען דורכן מיליטער פיל רעוואָלווערן און אַנדערע מינים וואָפן פאַרן זעלבסטשוץ און פאַר די קאַמף־דרוזשינעס (ב. אָ. — „באָיעוואַיאַ אָרגאַניזאַציאַ" אויף רוסיש). בעת רעוויזיעס אין מאַריאַמפאָל האָט מען געפונען 25 רעוואָלווערן

און ביקסן, וואָס האָבן געשטאַמט פון מיליטער. אין
שכנישן שטעטל ניישטאָט האָט מען געפונען עטלעכע
רעוואָלווערן באַהאַלטן אין קלויז. דער מיליטערישער קאָ־
מענדאַנט האָט דערפאַר אַרויפגעלייגט אויף דער יידישער
קהילה אַ שטראָף פון 3000 רובל.

דער אַלטער פון דורות איינגעפונדעוועטער לעבנס־
שטייגער האָט זיך גענומען ברעקלען. נייע שטראָמען,
נייע ווינטן האָבן זיך אַריינגעריסן. די באַוועגונג האָט
געשאַפן נייע פאָרמען פון נייעם לעבנסשטייגער. דער
דראַנג צו קולטורעלן אויפשטייג, דאָס געפיל, אַז די
אַרבעטער דאַרפן ראוי זיין צו די גרויסע אויפגאַבעס,
וואָס שטייען זיי פאַר, האָט געצוואונגען זיי צו שאַפן
קולטור־אינסטיטוציעס — ביבליאָטעקן, בילדונג־קרייזן,
דראַמאַטישע קרייזן א. ד. גל., וועלכע האָבן געהאַט אַ
גוואַלדיקן באַדייט פאַר דער דערהייבונג פון זייער קולטור־
ניוואָ. אין יעדן שטעטעלע, וואו נאָר ס'האָט זיך גע־
פונען אַ בונדישע אָרגאַניזאַציע, האָט אויך עקזיסטירט
אומלעגאַל אַ ביבליאָטעק פון לעגאַלע ביכער אויף יידיש;
אַזוי איז שוין געווען דער ווילדער אומגעלומפערטער
סדר אונטערן צאַרישן רעזשים: די מורא פאַר דער אויפ־
קלערונג פון די מאַסן האָט ניט דערלויבט די עקזיסטענץ
פון לעגאַלע ביבליאָטעקן. אַפילו דער גרינדונג־טאָג פון
אַזאַ ביבליאָטעק פלעגט אַלע יאָר געפייערט ווערן אויף
געהיים־פאַרזאַמלונגען: עס פלעגן צו דער פייערונג קומען
דעלעגאַטן פון אַלע פאַכן פון די אַרומיקע שטעטלעך.
מיר לייענען אַ באַשרייבונג פון פּאַנעוועזש, ווי אַזוי מ'האָט
דאָרטן ראש־השנה (1903) געפייערט דעם גרינדונגס־יאָר־
טאָג פון דער ביבליאָטעק: „...אין וואַלד, געווען אַ 100
מאַן, ס'האָט געפלאַטערט אַ רויטע פאָן איבערן פּאָרטרעט
פון קאַרל מאַרקס, געהאַלטן רעדעס וועגן סאָציאַליס־
טישער אויפקלערונג, אמתער בילדונג א. ד. גל..."

אויף אַזאַ מין טעאַטער־שפּיל פלעגט אין די קליינע
שטעטלעך, וואו די פּאָליצייאישע באַדינגונגען זיינען לפי
ערך געווען לייכטער, קומען גאָר אַ גרויסער עולם; אין
די גרעסערע שטעט פלעגן זיי איינגעאָרדנט ווערן אין
אַ חתונה־זאַל, כלומרשט ווי אַ חתונה אָדער אַן אַנדער
שמחה. אונטער דער מאַסקע פון אַ חתונה פלעגן אָפטמאָל
דורכגעפירט ווערן וויכטיקע פּאָליטישע פאַרזאַמלונגען.
אַזוי ווי קאָוונע און די גאַנצע גרענעץ־געגנט האָט גע־
שפּילט, ווי איך האָב שוין דערמאָנט, אַ גרויסע ראָל ביים
אומלעגאַלן שמוגל פון ליטעראַטור, זיינען אין די ביבליאָ־
טעקן אויך געווען זייער פיל סאָציאַליסטישע בראָשורן
און זשורנאַלן פון אַמעריקע, ווי די „צוקונפט", „נייע
צייט" א. אַ. וו.

דער קאָנטאַקט מיט דער אַלגעמיינער רוסישער באַ־
וועגונג, מיט דער אייראָפּעאישער האָט זיך געלאָזט שטאַרק
פילן אין די נייע יום־טובים און אָנדענק־טעג, וואָס די
אַרבעטער פלעגן פייערן: יאָרצייט פון דעקאַבריסטן־
אויפשטאַנד, פון דער פּויערים־באַפרייאונג פון 1־טן מערץ
(מאָרד פון אַלעקסאַנדער דעם 2־טן), פּאַריזער קאָמונע.





דער נייער לעבנסשטייגער האָט מיט אימפּעט גע־
בראָכן די אַלטע פאָרמען. אַפילו, למשל, אין אַזעלכע פעס־
טונגען פון דער אַלטער טראַדיציע ווי די סלאָבאָדקער
ישיבות איז אַריינגעדרונגען דער נייער רעוואָלוציאָנערער
גייסט; דער קאָוונער קאָמיטעט פון בונד האָט אַרויס־
געלאָזט עטלעכע אויפרופן צו די ישיבה־בחורים און
קלויזניקעס. פיל פון זיי האָבן זיך אָנגעשלאָסן אָן דער
באַוועגונג און געוואָרן אַקטיווע פּייאיקע טוער. דעם
22־טן סעפּטעמבער 1903 האָט די גאַנצע קאָוונער טורמע
באַגלייט איינעם — שמואל מאָלטשאַן, מיט געזאַנג
און אויסגעשרייען, ווען מ'האָט אים אַרויסגעפירט צום
פאַרשיקן אין יאַקוטסק אויף 5 יאָר. ס'איז געקומען דעם
טאָג צו אַ בלוטיקן געשלעג אין טורמע: צעהאַקט פענצטער
און טירן, פיל צעשלאָגענע פּאָליטישע אַרעסטירטע אין
דער אָנוועזנהייט פון וויצע־גובערנאַטאָר, וועלכער האָט
פּרובירט איינשטילן דעם „בונט". אַגב האָט דער זעלבער
מאָלטשאַן געפּרוּווט באַגיין זעלבסטמאָרד אין טורמע
צוליב די שלעכטע באַדינגונגען.

ס'איז שוין געווען אַן איינגעפירטער מנהג איינצו־
אָרדענען תשעה־באָב, אויפן בית־עלמין, פּאָליטישע פאַר־
זאַמלונגען פאַר די גרויסע מאַסן יידן, וואָס קומען דעם
טאָג אויפן „ריינעם אָרט". מיר האָבן שוין דערמאָנט וועגן
די „הנותן תשועה"־דעמאָנסטראַציעס אין די שולן; די
לעצטע פלעגן פאַרוואַנדלט ווערן אין טריבונעס פאַר די
גרויסע מאַסן דאַוונער בעת וויכטיקע פּאָליטישע גע־
שעענישן, וואַל־קאַמפּאַניעס א. ד. גל. האָט זיך גע־
האַנדלט אַמאָל וועגן ברענענדיקע פראַגן אין דער גע־
געבענער שטאָט, ווי, למשל, די קאָראָבקע און ענלעכע,
זיינען די שולן געוואָרן ממש מיטינג־פּלעצער. אַזעלכע
קאַמפּאַניעס זיינען געפירט געוואָרן אין קאָוונע, שאַוול,
ווילקאָמיר און אַנד. דאָס זעלביקע איז געשען בעת די
גרויסע וואַל־קאַמפּאַניע צו דער דומע.

איינע פון די בולטסטע פאָרמען פון נייעם לעבנס־
שטייגער, דאָס זיינען געווען די גרופּעס פון אַזוי
גערופענעם „קליינעם בונד", וועלכע האָבן זיך גענומען
בילדן שוין אין 1903 — אַן אָפּקלאַנג פון דער אַלץ שטיי־
גנדיקער רעוואָלוציאָנערער באַוועגונג ביי די גרויסע.
דער אַלטער לעבנסשטייגער האָט געשאַפן אין ליטע
חברות „פּרחי שושנים", — קינדער פלעגן צאָלן וואָכן־
געלט און פאַר דעם איינקויפן ספרים פאַר די שולן ביי
בתי־מדרשים. אין יעטוועדער שול פלעגט זיין אַ גאַנג
ש"ס, יורה דעה"ס, רמב"מס אויפן נאָמען פון דער אָדער
יענער חברה פּרחי שושנים. „דער קליינער בונד" האָט
נאָכגעטאָן דעם גרויסן — פלעגט זאַמלען געלט אויף
אומלעגאַלע ליטעראַטור, אויף שטיצן שטרייקן, פאַרן
צ. ק. פון בונד א. אַ. וו. מיר זעען דעם געלט־באַריכט
פון „קליינעם בונד" אין זשאַגער, פאַרעפנטלעכט אין
„פּאָלקסצייטונג", (ווילנע 1906): פון די 8 רובל מיט
87 קאָפּ., וואָס זייער „קאַסע" האָט פאַרמאָגט, איז אויס־
געגעבן געוואָרן — 3 רובל פאַרן צ. ק. פון בונד, 2,50 פאַר

ליטעראַטור, 17 קאָפּ. שיקן ליטעראַטור, 1,10 אײַנבינדן ליטעראַטור, 1 רובל פאַר שטרײַקנדיקע מעזעריטשער בערשטער. דער „קלײנער בונד" פון זשאַגער שרײַבט אין זײַן ווײַטערדיקן באַריכט: „מיר האָבן זיך אָרגאַניזירט אין „קלײנעם בונד", ווײַל נאָר דורך אָרגאַניזירן זיך אונטער דער פאָן פון „בונד" קאָן מען פאַרטיידיקן די אינטערעסן פון ייִדישן פּראָלעטאַריאַט. און מיר זײַנען דאָך ייִדישע פּראָלעטאַריער, אַפילו קינדער, אָבער מיר זײַנען שוין עקספּלאָאַטירטע. מיר האָבן דאָ אַ גאַנץ פײַנע מאַסע, אונדזער אָרגאַניזאַציע איז שוין 1½ יאָר אַלט. אין אָנפאַנג זײַנען מיר געווען שוואַך, עס האָבן אונדז געפעלט מאַטעריעלע שטיצע און גײַסטיקע קרעפטן. איצט האָט זיך די לאַגע פאַרבעסערט. מיר פירן דורך אַלע וואָך קרײַזלעך און מיר האָבן גוטע ליטעראַטור. אונטערגעשריבן: „זשאַגערער אָרגאַניזאַציע פון קלײנעם בונד" — „זאָל לעבן דער קלײנער בונד אין ליטע, פּוילן און רוסלאַנד".

די אָרגאַניזאַציעס פון קלײנעם בונד זײַנען על־פּי־רוב באַשטאַנען פון לערנײנגלעך און אָנגעשטעלטע בײַ באַל־מעלאָכעס, אין די גרעסערע שטעט האָבן צו זײ געהערט אויך שילער־יוגנט. אין קאָוונע, מאַריאַמפּאָל, פּאָנעוועזש, ווילקאָמיר, שאַוול זײַנען באַזונדער שטאַרק געווען די שילער־אָרגאַניזאַציעס; זײ האָבן דורכגעפירט שול־שטרײַקן, ווי אַ פּראָטעסט קעגן די באַזונדערס פאַרהאַסטע אינספּעקטאָרן און דירעקטאָרן און אויך פּאָליטישע שטרײַקן (וועגן די געשעענישן פון 9 יאַנואַר און אַנד.). דער קאָוונער „קלײנער בונד" האָט אויך (יאַנואַר 1907) פאַרעפנטלעכט אַן אויפרוף וועגן אַ באָיקאָט אויף „אַראַנאָווסקעס אָגולנע (הורט־געשעפט) „פאַר פּראָוואָקאַטאָריש באַגײן זיך — ווי ער שרײַבט — מיט אונדזערן אַ חבר" (אַן אָנגעשטעלטער אין געשעפט). ס'ווערט אָנגעגעבן דער אַדרעס פון געשעפט: ווילנער גאַס, אײגן הויז. אָרגאַניזאַציעס פון קלײנעם בונד האָבן עקזיסטירט (1903—5) אין אַזעלכע שטעטלעך ווי ווילקאָווישק, קיידאַן, יאַנאָווע. פרײַנט ה. שנײד, איצט אַ סאָציאַליסטישער טוער אין לאָס אַנדזשעלעס, דערציילט:

> איך בין אַרײַנגעטרעטן אין „קלײנעם בונד" אין יאָר 1903, אין מײַן שטעטל שאַט, קאָוונער ראַיאָן. אָרגאַניזאַציעס פון „קלײנעם בונד" זײַנען דעמאָלט אויך געווען אין קיידאַן, יאַנאָווע, ווילקאָמיר, שאַוול און אַ רײ אַנדערע שטעטלעך מיט קאָוונע אַלס אָנפירנדיקן צענטער. אין 1903 אָדער אָנהײב 1904 איז צו אונדז אין שטעטעלע שאַט געקומען אַ ראַיאָנער אַגיטאַטאָר. גערופן האָט מען אים מענדל קיידאַנסקי. ער האָט אונדזערע ײנגלעך צונויפגעבראַכט. מיר זײַנען דעמאָלט געווען איבער 25 ײנגלעך אין עלטער פון 12 ביז 15 יאָר. אונדזער אַרבעט איז באַשטאַנען פון לײענען אין קרײַז. אין אָנהײב האָבן מיר סתם געלערנט לײענען. ווען מיר האָבן זיך שוין געהאַט צוגעוואוינט, האָבן מיר געלײענט בונדישע אויפרופן און ביכלעך.





> צום יאָרצײַט פון קישענעווער פּאָגראָם האָבן מיר, קלײנוואַרג, דורכגעפירט אונדזער ערשטע דעמאָנסטראַציע. אין שול בײַם דאַווענען האָבן מיר ניט געלאָזט מאַכן אַ „הנותן תשועה" פאַרן קײסער. אונדזער פּרעסטיזש אין שטעטל איז צוליב דעם שטאַרק געשטיגן.

דער „קלײנער בונד" — שרײַבט ווײַטער ה. שנײד, — האָט אָן ספק געראַטעוועט אַ טײל יוגנט פון צו זײַן פאַרברעכער. דורך דעם „קלײנעם בונד" האָבן די ייִדישע פאָלקס־קינדער דערזען אַ שײנעם אינהאַלט פון לעבן און אַ הויכן אידעאַל. ס'איז געווען צוליב וואָס צו לעבן. איך אַלײן שטאַם פון אַ פאַמיליע פון 11 נפשות — אַלע האָרעפּאַשניקעס. פון די עלטער־עלטערן אָן זײַנען מיר אַלע געווען פאַרהאָרעוועטע, דערדריקטע און פאַרשקלאַפטע מענטשן. אין מײַן האַרץ האָט זיך אָנגעזאַמלט אַ ביטערניש קעגן הונגער און נויט, וואָס דאָס אײגענע איז אויך געווען מיט אַנדערע ײנגלעך. אין „קלײנעם בונד" האָבן מיר אַ תיקון געפונען. מיר האָבן דערזען, וואָס מיר האָבן צו טאָן *".

ווי מיר האָבן געזען, איז די ייִדישע רעוואָלוציאָנער־סאָציאַליסטישע אַרבעטער־באַוועגונג אונטער דער פירונג פון „בונד" אַרײַנגעדרונגען אין אַלע ווינקעלעך פון ייִדישן לעבן אויפן שטח פון ליטע; זי האָט ראַדיקאַל געענדערט דעם סאָציאַלן פּנים, די עקאָנאָמישע יסודות פון די ייִדישע אַרבעטנדיקע מאַסן, דערהײבן צו אַ הײכער מדרגה זײער קולטור־ניוואָ, פאַרשטאַרקט זײער חשיבות, זײער אָנזען אויך מחוץ די גרענעצן פון ייִדישן פאָלק. דערמיט האָט זי אַרײַנגעשריבן אַ קאָלירפולן בלאַט אין געשיכטע־אַלבאָם פון דער ייִדישער געזעלשאַפטלעכקייט פאַרן לעצטן יאָרהונדערט.

## וועגן די מיטאַרבעטער פון „נאַשאַ טריבונאַ"

אָנהײב ווינטער 1906 האָט דער צ. ק. פון „בונד" באַשלאָסן צו באַנײען דאָס רוסישע וואָכנבלאַט, וואָס ער האָט אַרויסגעגעבן אין משך פון זומער און איז דורך דער רעגירונג פאַרמאַכט געוואָרן. מען האָט געהאַלטן — דערציילט וו. מעדעם ** — ערב די וואַלן צו דער צווייטער דומע און די פּאַרטײ האָט זיך גענייטיקט אין אַ רוסישער קאַמפּסצײַטונג מיט אַקטועלן גרינגן און לעבעדיקן מאַטעריאַל. דער צוזאַמענשטעל פון דער רעדאַקציע איז געווען אַזאַ, אַז דאָס רוב מיטגלידער האָט ניט געקאָנט וואוינען אין ווילנע, וואו ס'איז געווען דער אָפיציעלער אַדרעס פון רעדאַקציע און אַדמיניסטראַציע פון דער צײַטונג. האָט מען באַשלאָסן אַריבערטראָגן די הויפּט־קוואַרטיר פון דער רעדאַקציע אין קאָוונע. די דירה,

* אין בוך „צו דער געשיכטע פון אַ יוגנט" („קלײנער בונד" — יוגנט־בונד, „צוקונפט" אין פּוילן), פון י. ש. הערץ.

** וו. מעדעם — פון מײַן לעבן, ניו־יאָרק, 1923, 2־טער באַנד, קאַפּיטל קאָוונע.

וואָס מען האָט פאַר אונדז געדונגען איז געווען אין „כץ׳ס זאַאולאָק“ (אָפיציעלער נאָמען „פּאַזשעסקאַיאַ“), דער נאָמען האָט געשטאַמט דערפון, וואָס דאָס גרעסטע הויז אויף דער דאָזיקער גאַס האָט געהערט צו איינער אַ פרוי כץ. אָט אין דעם הויז האָבן מיר טאַקע געוואוינט. ס׳איז געווען אַ גרויסע באַלעבאַטישע דירה פון 6—7 צימערן. די דירה איז געשטאַנען אין גאַנצן אַ ליידיקע — פּוסט, פינצטער און קאַלט. האָט אונדז די באַלעבאָסטע פאַרדונגען פון דער דאָזיקער פּוסטער דירה די צוויי ערשטע צימערן. אין ערשטן צימער האָט מען אַוועקגעשטעלט צוויי בעטן, אַ גרויסן טיש און אַ פּאָר שטולן, אין צווייטן צימער איז געשטאַנען אַ טיש, און דאָס איז געווען אַלץ. איבערן גרויסן טיש איז געהאָנגען אַן אַלטער לאָמפּ, פלעגט פון אים שטענדיק רינען נאַפט — אַ טראָפּן נאָך אַ טראָפּן און באַשפּריצן אונדזער טיש. האָבן מיר געפונען ערגעץ אַ ליימענעם טעפּל און צוגעבונדן עס מיט שטריקלעך אונטערן לאָמפּ, פלעגט די נאַפט רינען אין טעפּל אַריין, און אַלץ איז געוואָרן אין אָרדענונג. די ערשטע צימערן האָט מען געהייצט. דער באַלעבאָסטעס אַ דינסטמיידל, אַן אַלטע קאַטוילישע מויד, וואָס פלעגט יעדע פרייע מינוט פאַרברענגען אין אַ קלויסטער, אַ זעלטענע מיאוסקייט, אַ האַלב טויבע דערצו, פלעגט הייצן דעם אויוון און אַריינברענגען דעם סאַמאָוואַר, די איבעריקע צימערן זיינען געבליבן פּוסט, פינצטער און קאַלט.

אָט אין דער מערקווירדיקער וואוינונג איז געווען אונדזער רעדאַקציע. (פון דער וואָכנשריפט „נאַשאַ טריבונאַ“) און דאָרטן האָבן מיר געוואוינט זאַלבע־צווייט — זאַסלאַווסקי * און איך; דער דריטער מיטגליד פון רעדאַקציע יודין־אייזנשטאַט האָט זיך באַזעצט ערגעץ־וואו אַנדערש אין שטאָט. ווי מען זעט איז די וואוינונג געווען ניט פון די גאָר היימלעכע און אַ קבלת־פּנים האָבן מיר באַקומען גאָר ניט קיין אָנגענעמען: דעם ערשטן טאָג, ווען מיר האָבן זיך אַריינגעקליבן אַהין, זיינען מיר געזעסן ביז שפּעט ביינאַכט. אַרום איינס אַזייגער הערן מיר פּלוצלונג ווי מען קלאַפּט אין טיר. אין די אַמאָליקע רוסישע צייטן איז אַזאַ קלאַפּ געווען אַ שלעכטער סימן. זיצן מיר און קוקן איינער אויפן צווייטן. „מען קלאַפּט“, זאָגט זאַסלאַווסקי, „מען קלאַפּט“ רוף איך זיך אָפּ. „איז ביטער“ — מאַכט ער, „ס׳איז פּאַסקודנע“ — ענטפער איך. „מען דאַרף אָבער עפענען“. — „אַוואַדע דאַרף מען“, גיי איך אַרויס אין פאָרצימער: „ווער איז דאָרטן“ — „דער נאַכט־וועכטער“! „וואָס ווילט איר?“ — „עפנט אָקאָרשט“, עפן איך. אין דער טיר באַווייזט זיך אַ פיגור אין אַ

---

* דאַוויד זאַסלאַווסקי (פּ. באַגראָוו — אין דער בונדישער פּרעסע, באַקאַנט אויך אונטערן פּסעוודאָנים „האָמונקולוס“ אין דער רוסישער פּרעסע) איז איצט דער הויפּט־פּאָליטאָגיסט פון די סאָוויעטישע צענטראַלע צייטונגען. די לעצטע יאָרן בעת דער מלחמה געוואָרן וועלט־באַרימט אַ דאַנק זיינע אַרויסטרעטונגען אין פראַגן פון דער וועלט־פּאָליטיק.





שפּעסענעם פוטער און ...אַ פּאָליציאַנט. איך קוק אויף זיי, זיי קוקן אויף מיר און ביידע צדדים פילן זיך עפּעס ניט היימיש. „וואָס ווילט איר?“ — פרעג איך די חשובע־לייט. „און וואָס טוט איר דאָ“ — פרעגן זיי ביי מיר. „איך וואוין דאָ“ — זאָג איך. „איר וואוינט דאָ? אַזוי? פון ווען אָן?“, — „פון היינט אָן“, „נו, אויב אַזוי איז אַלץ אין אָרדענונג“. „זייט מיר מוחל“, זאָגט דער וועכטער — איך האָב געהאַט אַ טעות, איך האָב געזען, אַז ס׳איז ליכטיק אין פענצטער און מיר האָבן דאָך געוואוסט, אַז די דירה איז אַ ליידיקע, איז מיר געווען קשה. איך האָב זיך געטראַכט: טאָמער האָבן זיך אַריינגעכאַפּט גנבים, האָב איך גערופן דעם פּאָליציאַנט. — „אַ גוטע נאַכט“, — „אַ גוטע נאַכט“, און מיר זיינען געגאַנגען שלאָפן.

דעם נומער פלעגן מיר צוגרייטן אין משך פון דעם לעצטן טאָג, אָדער, ריכטיקער געזאָגט, אין דער לעצטער נאַכט, ווען ער האָט געדאַרפט גיין צום דרוק.

עס האָט זיך דערביי אויסגעאַרבעט אַ באַשטימטער צערעמאָניאַל. יודין פלעגט קומען צו אונדז אין אָוונט, אָפּעסן מיט אונדז וועטשערע, און דאַן פלעגן מיר זיך באַוואָפענען מיט די נייטיקע כלי זיין. דאָס איז געווען, ערשטנס, אַ סאַמאָוואַר; צווייטנס, אַ פּאָר סיפאָנען סאָדעוואַסער און אַ פּעקעלע קליינינטשקע, קיילעכדיקע צוקערלעך, וואָס מיר פלעגן נוצן אָנשטאָט פּאַפּיראָסן. מיר פלעגן זיך אַוועקזעצן באַוואָפנטע אָט מיט די מיטלען און די אַרבעט איז אָנגעגאַנגען. יודין פלעגט שרייבן אַ גרויסן פּאָליטישן אַרטיקל, זייער לאַנג, אַ ביסל שווערלעך, אָבער דער עולם האָט דאָס ליב געהאַט. איך פלעג אַרומריידן פאַרשיידענע טאַקטישע פראַגן און זאַסלאַווסקי פלעגט מאַכן זיינע גלענצנדיקע קאַוואַלעריע־אַטאַקעס. אַ לעבעדיקער, פריילעכער בחור איז ער געווען, זאַסלאַווסקי. געשאָטן מיט וויצן, געשטיפּט אָן אַ שיעור. ס׳איז געגאַנגען די וואַלקאַמפּאַניע און די צייטונג אונדזערע האָט אָנגענומען אַ פרישן בייסנדיקן קאַמפּסטאָן. זאַסלאַווסקי פלעגט זיך אַוועקזעצןביים טיש, פאַרקאַשערן די אַרבל און פרעגן מיט אַ פריילעכן שמייכל: „נו, וועמען דאַרף מען היינט קלאַפּן גאָר געשמאַק, אַז פונקען זאָלן פליען“. שונאים, וועמען צו קלאַפּן, האָבן מיר געהאַט פון אַלע זייטן; היינט האָט מען געדאַרפט געבן אַ פּאַטש די יידישע ליבעראַלן, מאָרגן די ציוניסטן, איבערמאָרגן די ס. ס. (וואָס האָבן גראָד אין קאָוונע אַרויסגעשטעלט איינעם פון זייערע וויכטיקסטע קאַנדידאַטן). מיר האָבן דעמאָלט גראָד באַקומען פון אַמעריקע אַ יידישע צייטונג מיטן בילד פון אַ באַוואוסטן ס. ס. טוער (טשערניכאָוו — דאַניעלי — וו. ש.), אונטערן בילד אַן אויפשריפט: „אַ פּנים פון יעזוס, אַ טעמפּעראַמענט פון וועזאוויוס“. זאַסלאַווסקי האָט אויסגעשניטן דעם פּאָרטרעט מיט דער אונטערשריפט, אויפגעקלעפּט אויף דער וואַנט אין אונדזער צימער, און יעדעס מאָל ווען ער האָט געדאַרפט

עפּעס שרייבן וועגן די ס. ס. פלעגט ער זיך אַוועקשטעלן קוקן אויפן בילד און באַקומען פון דעם אַן אינספּיראַציע פאַר אַ פּאָר בייסיקע וויצן.

אַרום 2 אָדער 3 בייגאַכט פלעגט די אַרבעט זיין געענדיקט. יודין פלעגט זיך אַוועקלייגן אין צווייטן צימער אויפן גרויסן טיש כאַפּן אַ דרעמל. איך פלעג זיך אויך צולייגן — בלויז אַ פּאָר שעה, וואָרעם 5 אַזייגער פאַרטאָג איז געגאַנגען דער צוג קיין ווילנע און איך האָב געדאַרפט אַוועקפירן אַהין דעם גאַנצן מאַטעריאַל פאַרן נומער. די וועג צום וואָקזאַל איז געווען גאַנץ ווייט; איך פלעג באַשטעלן פאַראויס אַן איזוואָשטשיק (פורמאַן); צווישן 4 און 5 פלעגט ער קומען און אָנקלאַפּן אין פענצטער, אַ מידער, ניט אויסגעשלאָפענער פלעג איך מיך אויפהייבן פון וואַרעמען בעט און זיך אַריינזעצן אין שליטן. ס׳פלעגן זיין ביטערע פרעסט, זייער אַ האַרבער ווינטער, און ניט איין מאָל האָב איך אָפּגעפרוירן די פיס. אין דער פרי פלעג איך אָנקומען קיין ווילנע, פאַרבלייבן דאָרטן אַ פּאָר טעג, ביז דער נומער פלעגט ווערן פאַרטיק — מאַכן קאָרעקטור, אַכטונג געבן אין דער דרוקעריי, און דאַן צוריק פאָרן קיין קאָוונע, און די אַרבעט איז געגאַנגען ווייטער.

אין אונדזערע פרייע טעג פלעגן מיר זיך באַטייליקן אין דער וואַלקאַמפּאַניע. אין קאָוונע איז געווען אַרויסגעשטעלט אונדזער וויכטיקסטער קאַנדידאַט, אַבראַמאָוויטש און די אַרבעט איז געגאַנגען פריש און לעבעדיק. מען פלעגט ריידן אין די בתי־מדרשים, מען פלעגט מאַכן גרויסע פאַרזאַמלונגען אין זאַל פון דער שטאָטישער דומע. די אויסערלעכע באַדינגונגען אין קאָוונע זיינען דעמאָלט געווען גאַנץ גוטע. די פּאָליציי פלעגט אונדז ניט שטערן און אַז עס פלעגט אַפילו קומען אַ פּאָליציאַנט אויף אַ פאַרזאַמלונג, פלעגן מיר אים געבן אַ פּאָר רובל אָדער אַריינגעמען אין אַ דערבייאיקן צימערל און מכבד זיין מיט אַ פלעשעלע שנאַפּס — פלעגט ער ניט שטערן.

ל. שמעוני

# צו דער געשיכטע פון לינקע „פועלי־ציון“ אין ליטע

„מעג דער מזבח זיין צעבראָכן,
אָבער דאָס פייער ברענט!“

נאַדסאָן

1

פאַר דער ערשטער וועלט־מלחמה האָט אין ליטע פּאַקטיש ניט עקזיסטירט קיין זעלבשטענדיקע פּוע״צ פּאַרטיי. די צעשפּרייטע גרופּן און אָרגאַניזאַציעס פון ווילנער, קאָוונער און סואוואַלקער געגנטן זיינען געווען פאַרבונדן מיט דער י. ס. ד. א. פּ. (פּועלי־ציון) אין רוסלאַנד.

די דייטשע אָקופּאַציע פון ליטע בעת דער ערשטער וועלט־מלחמה, — איינע פון די פינצטערע בלעטלעך אין דער יידישער אַרבעטער־באַוועגונג, — האָט אַלץ דערשטיקט און צעפּולוורט.

די גרויסע גירושים פון יידן דורך ניקאָלאַי ניקאָלאיעוויטשן (1915) האָט די אַרבעט אָנגעהויבן, די „אָבער־אָסט“־פאַרוואַלטונג פון הינדענבורג־לודענדאָרף האָט איר פאַרענדיקט דורך נגישות, צוואַנג־אַרבעט, הונגער און תפיסות. יעדן פאַרדעכטיקן האָט מען באַזייטיקט און נאָכהער געפּייניקט אין די לאַגערן פון קאַטאָרגע־אַרבעט אין פּאָדבראָדזש (הינטער ווילנע), פּלאַטשיטשנע (אויגוסטאָווער וואַלד) אין מאַליאַט א. אַ. וו. און ניט ווייניק „פאַרדעכטיקע“ האָט מען „מסדר“ געווען אין כלערליי פּייניקונגס־לאַגערן פון דייטשלאַנד גופא, — די פּראָטאָטיפּן פון די קאַצעטן אין צווייטן וועלט־קריג.

די אַרבעטער, וואָס האָבן אויסגעמיטן די גירושים צוליבן גיכן פאַרמאַרש פון די דייטשן, האָבן זייערע גאַנצע מחשבות צוגעשפּיצט ווי צו קריגן אַ טאָג אַרבעט און ווי צו קריגן אַן איבעריקע ברויט־קאַרטע אויפצוהאַלטן ס׳לעבן פון זייערע משפּחות.

וואָר־ניט־וואו האָט געזשיפּעט אַ שאָטן פון אַ געזעלשאַפטלעכער אָרגאַניזאַציע, זאָל עס זיין אַ זכר פון אַ יידישער קהילה, אָדער אַ „הילפס־קאָמיטעט“ אין ווילנע, אין סואוואַלק, צי אַנדערשוואו.

ערשט נאָך דער סטאַביליזאַציע פון דער אָקופּאַציע־מאַכט האָבן זיך צוריק באַוויזן יוגנט־פאַראייגען, וואָר־ניט־וואו אַ מאַסקירטער בונדישער „קונסט־פאַראיין“, אָדער „דראַמאַטישע קרייזן“, וואָס פלעגן צוטוליען די יוגנט, וואָס האָבן געלעכצט נאָך געזעלשאַפטלעכער טעטיקייט — יוגנט פון אַלע שאַטירונגען. קאָוונע איז אין יענע יאָרן נאָכן גירוש געווען אַ געזעלשאַפטלעכער בית־עולם צוגלייך מיט די איבעריקע גרעסערע שטעט פון ליטע. די שטעט זיינען געווען אָפּגעריסן איינע פון דער צווייטער. דער איינציקער קאָמוניקאַציע־מיטל, די באַן, האָט נאָר באַדינט ס׳מיליטער און אין זעלטענע פאַלן פלעגט אַ ציוויליסט קריגן אַ ספּעציעלע פאָר־דערלויבעניש. קיין אויטאָבוסן־פאַרקער איז דעמאָלט כמעט ווי ניט געווען און מיט די וועגענער און „קאַרעטקעס“ (בוידן) פלעגן

זיך על־פּי־רוב באַנוצן די לייטועליקע סוחרים און שמוגלער.

די ערשטע צייט פון דער אָקופּאַציע האָט מען ניט געוואוסט פון קיין צייטונג, אַחוץ דייטשע. די ידיעות פון די פראָנטן פלעגט מען פאַרנאַכט לויפן לעזן פון די מודעה־טאָוולען אויף די קאָמענדאַנטורן, ביז די מאַכט האָט געגרינדעט אָפיציעלע צייטונגען אין דריי שפּראַכן: יידיש, פּויליש און דייטש. אַזעלכע זיינען דערשינען אין ווילנע, קאָוונע, גראָדנע און סואוואַלק. די רעדאַקטאָרן זיינען געווען יונקערס, די איבערזעצער — פּראָ־דייטשע בירגער — יידן ווי קריסטן (אגב, איז די „אָבעראָסט“ געווען געדרוקט חוץ אין דייטש, אויך אין יידיש).

עטלעכע אַרבעטער־צענטערן האָבן דעמאָלט געשפּילט אַ באַשטימטע ראָל אין דער אַנטשטייאונג פון אַ זעלבשטענדיקער פּועלי־ציון פּאַרטיי אין ליטע: ווילנע, סואוואַלק און ווילקאָווישקי.

אין 1915—16 האָט שוין אין סואוואַלק געווירקט אַ פּוע״צ גרופּע, מיט וועלכער עס האָבן זיך פאַרנומען אינזשעניער טראָצקי, דער סטודענט ראָזנבערג, דער מוניציפּאַל־באַאַמטער טשאַרנעס און דער שרייבער פון די שורות. (שפּעטער זיינען צוגעקומען וואַסער פון לאָדזש, דער שרייבער און קריטיקער י. ר. ברינמאַן, זשעניאַ בראָמסאָן און טייבעלע פּאָלניצקאַ). דאָרטן האָט עקזיסטירט אַ „דראַמאַטישער פאַראיין“, וואָס האָט געדעקט די פּאָר בונדיסטן, ציוניסטן און פּוע״צ, צוזאַמען מיט די יידישע חסידים פון פּ. פּ. ס. דער דראַמקרייז פלעגט איינאָרדענען אָוונטן, פאָרשטעלונגען און „קולטורעלע“ (לייען: פּאָליטישע) וויכוחים. דער אינסטינקט פון געזעלשאַפטלעכער זעלבסטדערהאַלטונג האָט אין יענע יאָרן אָפּגעבראָכן אַלע שאַרפע פּאַרטיי־שפּיצן. ס'איז געשאַפן געוואָרן אַ מין צווישן־פּאַרטייאישע אַחדות, זאָל עס האָבן זיך אויסגעדריקט אין בשותפותדיקן „דראַמ.־פאַראיין“, אָדער אין לעגאַלע און אומלעגאַלע ביבליאָטעקלעך (על פּי רוב פּאָליטישע בראָשורן אין רוסיש) אָדער אינעם געמיינשאַפט פון דער יידישער אַרבעטער־באַוועגונג אין ליטע און פּוילן יענע יאָרן. די יידישע אַרבעטער קראַנקןקאַסע אין סואוואַלק, וואָס איז געשאַפן געוואָרן אין די לעצטע אָקופּאַציע־יאָרן, איז זיכער געווען די ערשטע יידישע אַרב. קראַנקן־קאַסע אין מזרח־אייראָפּע. די קאַסע האָט געטאָן אומשולדיקע, פּרימיטיווע אַרבעט פון קעגנזייטיקער הילף, וואָס האָט זיך ניט פיל אונטערשיידט פון אַ „לינת הצדק“. די וואַלן פון אַ פאַרוואַלטונג און די זיצונגען זיינען שפּעטער אויסגענוצט געוואָרן פאַר פּאָליטישע דיסקוסיעס, וואָס האָבן באַשטימט דעם געזעלשאַרבעטער־כאַראַקטער פון אַנשטאַלט.

דער דערמאָנטער „דראַמקרייז“ האָט אויסגעטיילט פון זיך אַ ליטעראַרישע סעקציע — דורכאויס אַ פּאָליטישע צווישנפּאַרטייאישע קערפּערשאַפט, וואָס האָט זיך געריסן צו מעשים. אויסערלעך האָט די סעקציע געמאַכט דעם רושם פון אַ בונדישער אינסטיטוציע, בעת אינערלעך האָט געפלאַקערט אַ פּאָליטישער געראַנגל צווישן





ציונים, פּוע״צ און בונדיסטן. יעדע גרופּירונג האָט דאָרטן דערוואָרבן אירע סימפּאַטיקער.

אין רעוואָלוציאָנערן פרילינג פון 1917 זיינען שוין פּוע״צ אין סואוואַלק געווען אַ פעסט־צעמענטירטע גרופּע פון אַ קנאַפּע 120—100 מאַן, וואָס האָט זיך אָפּגעטיילט פון „אַלגעמיינעם דראַמקרייז“ און געשטרעבט נאָכן אויסברוך פון דער דייטשער רעוואָלוציע צו באַקומען נייע מיטגלידער פון די צוריקגעקערטע פון די לאַגערן און גירושים. אין 1919 גייען פּוע״צ מיט אַ זעלבשטענדיקער ליסטע צו די ערשטע קהילה־וואַלן אין סואוואַלק. זיי פאַרנעמען אַ גרויסע דירה אין דער הויפּטגאַס פון שטאָט, וואו זיי עפענען אויך אַ פּרעכטיקן קלוב און אַ „פאָלקס־אוניווערזיטעט“ אויפן נאָמען פון באָר וואָס פאַרשטאָרבענעם בער באָראָכאָוו.

פּוע״צ, צוזאַמען מיט „בונד“, אַנטוויקלט אַ שאַרפן געראַנגל מיט די גבאים פון די „הילפס־קאָמיטעטן“, וואָס באַלעבאַטעווען איבער דער אַמעריקאַנער הילף (פריער פון בערלינער הילפס־פאַראיין), זיי קעמפן אויס דעם אַרבעטער חלק פון די פּראָדוקטן און שאַפן אַן אַרבעטער־קיך. פּוע״צ ווענדן דעמאָלט אָן זייער גאַנצע ענערגיע אויף צו שאַפן אַן אַרבעטער־ראַט, אָבער דער דייטשער סאָלדאַטן־ראַט דערלאָזט ניט צו דעם.

אין 1919 פירט פּוע״צ דורך אין סואוואַלק איר ערשטע פּאָליטישע אַקציע מיטן אויפרייסן די קוריאַלע וואַלן צום שטאָט־ראַט, בעת „בונד“ און פּ. פּ. ס. זיינען בכלל געווען דעזאָריענטירט אין דעם פּרט.

פּוע״צ זיינען אַקטיוו ביים אויפשטעלן אַ זעלבשוץ, זיי פאַרטיילן געווער יעדן זיכערן חבר, וויסנדיק אַז די פּאָליאַקן גרייטן צו אַ פּאָגראָם. אין זעלבן יאָר 1919 שטעלט מען אויף, צוזאַמען מיט פּ. פּ. ס. און „בונד“, דעם אינטערנאַציאָנאַלן „פּראָפעסיאָנעלן פאַך־פאַראיין“, וואָס פּראָקלאַמירט און פירט איין דעם 8 שעהדיקן אַרבעטס־טאָג און צווינגט אַלע אַרבעטס־געבער דורך זייערע חתימות אויספירן דעם באַשלוס.

פון דער אַנדערער זייט לעבט אויף דער „קונסט־פאַראיין“ אין ווילנע. אין האַרבסט 1918 — אין דער סאַמע חבלי־לידה צייט פון דער דייטשער רעוואָלוציע — הייבן אויך אין ווילנע אָן צו שטראָמען אַ סך אַרבעטער, ווער פון מיליטער, ווער פון גירושים, ווער פון צוואַנגס־אַרבעט.

די רוסישע רעוואָלוציע לאָקט, באַגייסטערט. די מאַסע ווערט דרייסט.

די יידישע געזעלשאַפטלעכקייט אין ווילנע נעמט זיך גרייטן צו די ערשטע דעמאָקראַטישע קהילה וואַלן. פּוע״צ דערשיינט זעלבשטענדיק צו די וואַלן מיט אַ קלאָר פאָרמולירטער ציוניסטיש־סאָציאַליסטישער פּלאַטפאָרם. קריגט 600 שטימען, וואָס גיבן דריי ראַטמענער. די רעוואָלוציע אין רוסלאַנד און אין דייטשלאַנד ווערט פאַרטיפט. אירע כוואַליעס פלייצן ווייט און ברייט איבער די פליינען פון ליטע — ווילנער אַרבעטער־קלובן ווימלען ווי בינשטאָקן. די נעכטיקע „אַבסטראַקטע“ לאָזונגען קריגן

בלוט און פלייש און מען גרייט זיך אין ווילנע איבערצונעמען די מאַכט, און ווי דאָס ערשטע שריט, — ווײלן אַן אַרבעטער־ראַט. אין דער דאָזיקער אַקציע אַרבעט פּוע״צ מיט איר גאַנצן ברען. אָבער די ווילנער אַרבעטער, ווי די ליטווישע ממשלה, האָבן נאָך ניט באַוויזן זיך צו פאַרפעסטיקן ווי די פּוילישע באַוואָפנטע האָרדעס אָקופּירן די שטאָט. דעמאָלט, פרילינג 1919, שביעי של פּסח, דערמאָרדן די ווייסע פּוילישע האָרדעס אַ. ווייטערן און טעראָריזירן די יידישע באַפעלקערונג, וואָס איז געווען סימפּאַטיש צו דער ליטווישער מאַכט.

אין 1918 איז נאָך אַלץ פאַרגליווערט אין דער קאָווער ליטע. קאָווגע מיט איר גאַנצן אַרום, צוזאַמען מיט זאַמוט ליגן פּאַראַליזירט.

די רעוואָלוציע צעשמעטערט דעמאָלט די רעשטן פון דער דייטשער קריגס־מאַשין און אין ליטע באַווייזן זיך די ערשטע עפּנטלעכע ס. ר. און ס. ד.־אָרגאַניזאַציעס. ס'שאַפן זיך אויך די ערשטע סאָלדאַטן־ראַטן. די ליטווישע פּריצישע „דיפּלאָמאַטן" ווייסן נאָך ניט קלאָר ווי אַזוי צו פאַרמירן זייער מדינהשאַפטלעכקייט.

ווי דעלעגאַטן אין באַקאַנטן רוסישן פעלקער־צוזאַמענפאָר אין קיעוו, נעמען אָנטייל די שפּעטערדיקע ליטווישע מלוכה־לייט, וואו זיי באַגעגענען זיך מיט בער באָראָכאָוון. נאָך אַ רייע שמועסן און באַראַטונגען, צייכנט באָראָכאָוו אָן פאַר די ליטווישע דעלעגאַטן די יסודות פון אַ נאַציאָנאַלער פּראָגראַם. (צווישן די דעלעגאַטן איז דעמאָלט געווען דער שפּעטערדיקער ליטווישער פאַשיסט און מלוכה־שעף פּראָפ. וואָלדעמאַראַס). די ליטווישע דעלעגאַטן האָבן דעם דאָזיקן חסד באָראָכאָוון ניט פאַרגעסן, און נאָך זיין טויט האָט זיך איינער פון זיי געווענדעט צום מחבר פון די דאָזיקע שורות מען זאָל אים דערלויבן אָנטייל נעמען אין די אזכרה־אָוונטן נאָך באָראָכאָוון צוזאַמען מיט פּוע״צ.

אין דעצעמבער 1919 האָט אין אַזאַ אזכרה אין מאַריאַמפּאָל אָנטייל גענומען דער ליטווישער סאָציאַליסט און סיים־דעפּוטאַט אַדוואָקאַט מאַרקאַוסקאַס, וואו ער האָט אויסגעדריקט זיין דאַנק באָראָכאָוון אין נאָמען פון ליטווינער פאַרן העלפן אויפן פעלקער־צוזאַמענפאָר אין קיעוו פאָרמולירן די ליטווישע נאַציאָנאַלע פּראָגראַם, וואָס איז שפּעטער, אין אַ געוויסער מאָס, אויך אויסגענוצט געוואָרן אַלס יסוד פאַר דער ערשטער ליטווישער דעמאָקראַטישער קאָנסטיטוציע און האָט באַוואָרנט די נאַציאָנאַלע מיעוטים, בתוכם די יידן, מיט אַ ברייטער נאַציאָנאַל־פּערסאָנאַלער אויטאָנאָמיע.

2

סואוואַלק האָט דורכגעמאַכט דעם זעלבן גורל ווי ווילנע. נאָכן אויסברוך פון דער דייטשער רעוואָלוציע האָט די מאַכט איבערגענומען די פּוילישע מיליטערישע אָרגאַניזאַציע פּ. אָ. וו. (פּאָלסקאַ אָרגאַניזאַציאַ וואָיסקאָוואַ) און נאָכן אויסברוך פון רוסיש־פּוילישן קריג, ווען די רויטע אַרמיי האָט געהאַט פאַרנומען גראָדנע און איז





אַוועק ביזן ווייסל, האָט ניט נאָר סואוואַלק, נאָר גאַנץ ליטע זיך געריכט אויף אַן אַנדערער פּאָליטישער אַנטוויקלונג ווי עס איז געשען.

בעת פּוילן איז געווען באַשעפטיקט מיט דער רויטער אַרמיי, האָט ליטע באַוויזן פאַרפעסטיקן איר מאַכט, אויפשטעלן אַ קערנדל פון אַן אַרמיי, אַ מלוכה־אַפּאַראַט, אַ פּאָליציי מיט די באַרימטע „זשוואַלגיבע" — אַ מין פּראָטאָטיפּ פון אַ געשטאַפּאָ — און בעת די פּאָליאַקן זיינען געלעגן צעבלוטיקטע נאָך די קלעפּ פון דער רויטער אַרמיי, האָבן די ליטווינער באַזעצט סואוואַלק.

נאָך פריער, פאַר דער צייט פון דער פּוילישער מאַכט — פּסח 1919 — האָט סואוואַלקער פּוע״צ־אָרגאַניזאַציע צונויפגערופן די ערשטע ליטווישע קרייז־קאָנפערענץ, וואו חוץ פון די אַרומיקע שטעטלעך האָבן אויך אָנטייל גענומען דעלעגאַטן פון גראָדנע, ביאַליסטאָק, ווילקאָווישקי, מאַריאַמפּאָל און קאַלוואַריע.

אין ווילקאָווישקי האָט עקזיסטירט אַ זעלבשטענדיקע פּועלי־ציון אָרגאַניזאַציע וואָס איז ניט געווען פאַרבונדן ניט מיט ווילנע און ניט מיט סואוואַלק. ביי די פּועלי־ציון אין ווילקאָווישקי האָבן דעמאָלט געווירקט אפרים ברוקער, (שפּעטער אָנפירנדיקע פערזענלעכקייט פון ק. פּ. ד. בערלין), אלבאם, און דער גימנאַזיסט ניצעוויטש (שפּעטער איינער פון די אָנפירער פון פּוע״צ אין ליטע, אַן אַדוואָקאַט). צו דער דאָזיקער קאָנפערענץ זיינען געקומען צוויי שליחים פון דער פּוע״צ פּאַרטיי אין פּוילן: אייזיק פלאַטנער, דער שניידער (שפּעטער אַ דיכטער אין אַמעריקע, וואָס איז אַוועק קיין ראַטנפאַרבאַנד. אין דער בעריאַ־סטאַלין תקופה האָט מען אים פאַרשיקט אויף קאַטאָרגע קיין סיביר, פונוואַנען ער איז צוריקגעקומען אַ צעבראָכענער קיין מינסק. געשטאָרבן אַ רעהאַביליטירטער אין 1961) און ברוך ווינאָגורא, — אַ קירזשנער (שפּעטער אַ יידישער זשורנאַליסט און שרייבער אין פּאַריז). אויך די מינסקער פּוע״צ־אָרגאַניזאַציע האָט געהאַט געשיקט צוויי חברים קיין סואוואַלק (יודל לעווין און נתן פּינטשוק).

אויף דער דאָזיקער קאָנפערענץ האָט זיך אַנטוויקלט דער ערשטער אידעאָלאָגישער וויכוח, וואָס האָט נאָכהער קריסטאַליזירט דעם פּרצוף פון די לינקע פּוע״צ אין ליטע. ס'האָבן שאַרף דיסקוטירט 2 ריכטונגען: די „פּוילישע", וואָס איז געווען מער סאָציאַל־דעמאָקראַטיש און געקעמפט ווי אַלע ס. ד. פאַר פּאַרלאַמענטאַרישע מלוכה־פאָרמען, פאַר נאַציאָנאַל־פּערסאָנאַלער אויטאָנאָמיע, רעכט פון דער יידישער שפּראַך א. אַ. וו. וואָס שייך ארץ־ישראל און ציוניזם איז די שטעלונג געווען אַן איינהייטלעכע, ס'איז נאָר נאָך ניט גענוג קלאָר געווען ביי אַלעמען דאָס פּראָבלעם ווי אַזוי זיך צו באַציען צו דער אַלגעמיינער ציוניסטישער אָרגאַניזאַציע, בעת מען איז שוין לאַנג געווען אַנטי־קאָנגרעסיסטן. ס'איז אויך ניט קלאָר געווען די שטעלונג צו דער באַלפור־דעקלאַראַציע. אין דער זעלבער צייט זיינען די „מינסקער" געווען שאַרף קעגן יעדער סאָציאַל־דעמאָקראַטישער אויפפאַסונג, זיי זיינען געווען פאַר פּראָלעטאַרישער דיקטאַטור, פאַרן

ראַטן־סיסטעם, און אינעם יידישן לעבן: — פאַר יידישע אַרבעטער־ראַטן אַנשטאַט קהילות, קעגן יעדער צוזאַמענאַרבעט מיטן בירגערלעכן ציוניזם. זיי האָבן געגלייבט, אַז דער אינטערנאַציאָנאַלער אַרבעטער־קלאַס, נאָכן איבערנעמען און פאַרפעסטיקן די ראַטן־מאַכט אומעטום, וועט זיכער העלפן דעם יידישן אַרבעטער־קלאַס שאַפן אַ „סאָציאַליסטישע פּאַלעסטינע".

אַזאַ שטעלונג האָט זיך, בערך, אידענטיפיצירט מיט דער פּראָגראַם פון ווינער אָ. ב., וואָס איז אַזוי התלהבותדיק פאָרמולירט געוואָרן אין אַ בראָשור פון אַלעקסאַנדער סערפּאָוו און אינעם „אַוואַנגאַרד", דערשינען אין ווין און ברייט פאַרשפּרייט געוואָרן דורך פּועלי־ציון אין ליטע.

ניט נאָר די סואוואַלקער", נייערט אויך די פאָר ליטווישע אָרגאַניזאַציעס האָבן אויף יענער קאָנפערענץ סימפּאַטיזירט מיט די „מינסקער". נאָך לאַנגע וויכוחים האָט זיך די קאָנפערענץ בשלום געשלאָסן אָן... אַ פּאָליטישער רעזאָלוציע וועגן דער „אָריענטאַציע". אַגב, איז די דאָזיקע קאָנפערענץ איבערגעפאַלן געוואָרן דורך דער דעמאָלטיקער געמישטער פּויליש־דייטשער פּאָליציי און אַדאַנק דעם איינפאַל פון נתן פּינטשוקן, וועלכער האָט זיי דערקלערט, אַז דאָ קומט פאָר אַ „גאָטעסדינסט" און באַלד גענומען זאָגן פּסוקים פון „שיר השירים" געמישט מיט „אשר יצר" און „ברכי נפשי" — זיינען די פּאָליציאַנטן אַוועק...

ס'האָבן זיך באַוויזן די ערשטע פּוע"צ־צייטונגען פון וואַרשע, וואָס האָט די ח"ח באַגייסטערט, ווייל זיי האָבן דעמאָלט געזען דעם ערשטן מאָל אַ געדרוקטע פּוע"צ צייטונג פון פּוילן. אין דער „אַרבעטער צייטונג" פון יענער תקופה קאָן מען געפינען נאָטירט אַ באַדייטנדע סומע „פּרעסע־פאָנד", געזאַמלט אין סואוואַלק.

דער פּוילישער צ. ק. האָט געטאָן וואָס ער האָט געקאָנט כדי צו ווירקן אויף די „ליטוואַקעס", בעת מינסק איז אָפּגעקומען נאָר מיט די דערמאָנטע שליחים, וואָס זיינען, אַגב, פאַרבליבן אין ליטע ביז 1920—1921. מינסק האָט געשוויגן מחמת דער צעבראָכענער קאָמוניקאַציע.

די דערמאָנטע קאָנפערענץ האָט אויפגעאַקערט דעם פּאַרטייאישן באַוואוסטזיין, וואָס האָט גורם געווען צו דער שאַפונג פון אַ לינקער פראַקציע אין סואוואַלקער אָרגאַניזאַציע. די „לינקע" האָבן איבערגענומען די מענטשן, דערפאַר האָבן די „רעכטע" פאַרכאַפּט די שטעמפּלען און פּאַרטיי־פאָן, וואָס איז יענע צייט געווען פאַרהייליקט ביי יעדן חבר. ס'האָט געהאַלטן ביי אַ שפּאַלטונג.

די צו זיך געקומענע פּוילישע מאַכט האָט דעמאָלט בכלל אַ סוף געמאַכט צו יעדער געזעלשאַפטלעכער אַרבעט, צעבראָכן די פּאַרטייען, מאָביליזירט די יונגע אין דער אַרמיי, די עלטערע אַרעסטירט, און אַ גרעסערע גרופּע פּוע"צ האָבן באַוויזן צו אַנטלויפן צופוס דורך די וועלדער פון טשיפּלישקי קיין ליטע. ס'איז כדאי צו דערמאָנען אַ קוריאָז, וואָס האָט אויפגעבראַכט די פּוילישע מאַכט: — פּילסודסקי, בכבודו, האָט באַזוכט סואוואַלק; די אָרטיקע מאַכט האָט באַפוילן אַלע פּאָליטישע פּאַרטייען אָנטייל צו נעמען אין פייערלעכן קבלת פּנים; פאַר פּוע"צ איז אַזאַ „יום טוב" געווען ניט אַראָפּצושלינגען, ניט אויסצושפּייען. בעת „בונד" און פּ. פּ. ס. זיינען יאָ געגאַנגען מיט זייערע רעפּרעזענטאַטיווע מענטשן, האָט פּוע"צ באַשלאָסן צו שיקן אַ חבר, וואָס זאָל הייסן יאָ געשיקט „פּאָפּריקאַזו" און גלייכצייטיק אָנגעשפּיגן אין פּנים — מען האָט געשיקט דעם יינגסטן חבר מענדעלע, וואָס האָט פיזיש אויסגעזען נעבעכדיק, אָבער גייסטיק גוט אַנטוויקלט און אינטעליגענט. אַלט איז ער געווען אַ יאָר 17 און אויסגעזען ווי אַ 10 יאָריק בחורל. מען קאָן זיך פאָרשטעלן דעם רושם פון עולם בעת פּילסודסקי האָט, לויטן צערעמאָניאַל, געדריקט אונזער טייערן מענדעלעס האַנט...

די סואוואַלקער פּוע"צ פּליטים זיינען האַלב־לעבעדיקע אָנגעקומען קיין קאַלוואַריע, קיין מאַריאַמפּאָל (סוכות צייט 1919), וואו יהונתן באָטניצקי (איצט אַ לערער און רעדאַקטאָר פון אַ יידישער צייטונג אין דרום־אַפריקע) מיט נאָך אייניקע אַרבעטער און גימנאַזיסטן פון בולאַטס־גימנאַזיע האָבן געהאַט אָנגעפירט מיט אַ שיינעם פּוע"צ קרייז.

אַ טייל פּוע"צ פּליטים פון מאַריאַמפּאָל האָבן זיך צוריקגעקערט קיין סואוואַלק, נאָכפאָרנדיק אַ דעלעגאַציע פון יידישע נאַצ.־ראַט אין קאָוונע, וואָס האָט דעמאָלט באַזוכט די שטאָט אין נאָמען פון דער ליטווישער רעגירונג, כדי משפּיע זיין אויף די יידן צו שטימען פאַר ליטע אין פאַל פון אַ פּלעביסציט.

פּוע"צ האָט ניט באַוויזן צו פאַרטיילן דעם ערשטן אָפּגעדרוקטן אויפרוף אירן ניט צו זיין „פאַר ליטע" און ניט „קעגן פּוילן", אלא פאַר... אַרבעטער־ראַטן, ווי מען איז געצוואונגען געווען צוריק לויפן דורכן באַקאַנטן שליאַך טשיפּלישאַק — קאַלוואַריע קיין ליטע, דורך די זעלבע וועלדער און פאַרהעצטע דערפער; געלאָפן איז מען דעמאָלט, געדרודפּט, ווי מענטשן, וואָס שטייען אויסערן געזעץ. מען האָט די פּליטים אומעטום מכבד געווען מיט קלעפּ און ווען ניט אַ ליטווישער פּאַטרול, ניט ווייט פון קאַלוואַריע, ווער ווייסט צי עמעצער וואָלט נאָך היינט געדענקט די נעמען פון דעם מחבר פון די דאָזיקע שורות צוזאַמען מיט נאָך צענדליק נעמען, וואָס האָבן גאָרניט ווייניק, יענע יאָרן, בייגעטראָגן צום אויפבוי פון יידישן אַרבעטער־לעבן אין ליטע, — מענטשן פון פאַרשיידענע ריכטונגען (אַגב האָט אין יענער תקופה אויך געווירקט אין סואוואַלק ווי אַ פייערדיקער ציוניסטישער רעדנער אין אַ רוסישן אַרמייאישן שינעל דער היינט באַוואוסטער אינטערנאַצ. יוריסט דר. יעקב ראָבינזאָן, וועלכער איז געווען איינער פון די בויער פון די העברעאישע גימנאַזיעס אין ליטע, — אַ פּאָליטיקער, אַ גלענצנדער זשורנאַליסט און רעדאַקטאָר, אַ סיים־דעפּוטאַט, — איצט אין אַמעריקע. ווידער, זיין ברודער נתן, איז געווען אַ פּוע"צ, וואָס האָט מיטגעאַרבעט אין סואוואַלקער פּוע"צ אָרגאַניזאַציע. צווישן די פּליטים איז אויך געווען דער איצט

באַקאַנטער דר. נ. ראַבינזאָן — אַ פיזיקער, אַ פּראָפעסאָר אין חיפהער פּאָליטעכניקום).

נאָכן צווייטן צוריקקער קיין ליטע האָבן די „סאָוואַלקער" שוין געפונען אין מאַריאַמפּאָל אַ שיינע פּוע"צ אָרגאַניזאַציע מיט אַ פּאַרטיי־גרופּע אין קאַלוואַריע (דאָרטן האָבן געווירקט די ברידער קאַפּיליעוויטש — ווילנער לערער. איין ברודער איז געווען מיטרעדאַקטאָר פון קאָוונער „פּאָלקסבלאַט", דעמאָלט אַ פּוע"צ חבר. פון פאַך אַ לינגוויסט, אַ קענער פון כינעזיש און אייניקע אינדישע דיאַלעקטן...) זיי האָבן געפונען אַ שיינע אָרגאַניזאַציע אין ווילקאָווישקי, אָרגאַניזאַציעס אין ניישטאַט, שאַקי, קיידאַן, שאַוול א. אַ. וו.

אויך קיין קאָוונע האָבן געשטראָמט מאַסן יידישע פּליטים פון ווילנע און ווילנער געגענט, וואָס האָבן אויך בייגעטראָגן דער ליטווישער אַרבעטער־באַוועגונג אויפצולעבן, איר שטעלן אויף די פיס, אָרגאַניזירן פּראָפעסיאָנעל און אַנטוויקלען אַ ברייטע שול־און קולטור־אַרבעט און צוטיילן מענטשן אַלע פּאַרטייען.

סוף 1919 קומען זיך צונויף אין קאָוונער שטאָטגאָרטן אויף אַ באַנק 10 מאַן בראש מיטן „פּוילישן" חבר שלמה שערצמאַן, וואו זיי שאַפן די קאָוונער פּוע"צ אָרגאַניזאַציע, וואָס שטעלט זיך בהדרגה בראש פון דער פּוע"צ־באַוועגונג ניט נאָר אין ליטע, נייערט אויך אין לעטלאַנד און שפּעטער (1926) אויך אין עסטלאַנד.

אין קאָוונע איז די אַרבעט ניט געווען אַזאַ לייכטע, נאָכדעם ווי דער „בונד" איז געזעסן פּאַרפּעסטיקט (ווייניקער ווי אין צוויי יאָר שפּעטער האָט זיך דער „בונד" אין ליטע ליקווידירט). דער „בונד" האָט אין ליטע געהאַט זיין טראַדיציע, באַזונדערס די באַרימטע בונדישע בערשטער־אָרגאַניזאַציע פון ווילקאָווישקי. דער „בונד" איז געווען גוט אָרגאַניזירט, דיסציפּלינירט, מיט אַ צענטראַל־קאָמיטעט, מיט באַדייטנדע הילף פון ווילנע, בעת פּוע"צ האָט ניט געהאַט קיין צענטראַלע, ניט קיין פּרעסע, ניט קיין געניטע טוער — אָפּגעריסן איין אָרגאַניזאַציע פון דער צווייטער, אויפגעקומענע פון דער אַרבעטערשאַפט פון די ליטווישע האָרעפּאַשנע יידן נאָך דעם באַקאַנטן „אַבעלער קאַראַנטין", נאָכן חורבן־זשעליגאָווסקי אין ווילנע. קיין אַנטיסעמיטישע העצער האָט אין ליטע אויך ניט געפעלט, דעמאָלט זיינען פאָרגעקומען אייניקע אַנטי־יידישע אַרויסטרעטונגען אין קאָוונע, מען האָט אינסטינקטיוו געפילט, אַז ווי „גוט" ס'זאָל יידן ניט זיין אין ליטע, וואַקלט זיך דער באָדן אונטער די פיס; און ווי „באַזונגען" ס'זאָלן ניט זיין די ערשטע יידישע „פרייהייטן" מיט דער נאַציאָנאַלער אויטאָנאָמיע, צאַפּלט ביי יעדן ייד ערגעץ טיף פאַרבאָרגן אַ טיפער אומרו... און מען קוקט אויס אויף אַ שיפסקאַרטע; ארץ־ישראל האָט געלאָקט און גערופן, פונדעסטוועגן האָבן אַ סך עמיגרירט קיין דרום־אַפריקע און אַמעריקע.

דערווייל פאַרפעסטיקן זיך די פּאָליאַקן אין ווילנע. פּוע"צ גייען אַוועק „אונטער דער ערד". די אָנפירנדיקע ח"ח פאַרלאָזן די שטאָט, זיי צעשפּרייטן זיך ווער אין רוסלאַנד, ווער אין פּוילן, און ניט ווייניק פון זיי אין קאָוונע. נאָכדעם ווי דער ערשטער פּוילישער טעראָר שטילט זיך אַ ביסל איין קומען ווידער פּוע"צ צו זיך, מען מאַכט אויף די באָראָכאָוו־קיך, וואָס ווערט גלייכצייטיק די היים און דער אַדרעס פון דער פּאַרטיי, אָבער ניט אויף לאַנג. בעת די פּוילישע פּאָליציי פון ווילנע שליסט גיך די „באָראָכאָוו־קיך" — וואַרפן זיך פּוע"צ אויף קולטור־אַרבעט, זיי מאַכן אויף אַן אָוונט־שול און אַ קינדער־היים א. נ. פון ב. באָראָכאָוו, זיי באַנייען די מאַסאַוועקעס און דיסקוסיעס, וואו ס'ווערט היציק דעבאַטירט דאָס נייע פּראָבלעם „אָנשלוס" (אין קאָמאינטערן, מותר אויף ארץ־ישראל, — וואָס פּוע"צ אין ליטע האָבן קאַטעגאָריש אָפּגעוואָרפן). אָבער ווילנע איז שוין אָפּגעשניטן פון ליטע, די פאַרבינדונג איז כמעט ווי ניט מעגלעך.

די ווילנער פּליטים האָבן אַריינגעבראַכט אין קאָוונע פריש בלוט, אינטעליגענץ און געזעלשאַפטלעכע טוער, וואָס די אָרעמע ליטע האָט ווייניק דאַן פאַרמאָגט, אויך די אַרבעטער־טוער־פּליטים האָבן מחיה געווען די יונג פאַרשניטענע נאַצ. אויטאָנאָמיע צוזאַמען מיט דער ליטווישער מלוכה בכלל. ס'איז אויפגעקומען אַ געזעלשאַפט „אָזע", נאָכהער „אָרט". ס'האָבן געאַרבעט אין ליטע דר. בערגערס, טשערניכאָוו, פּראָפעסאָר בעליאַצקין, דר. ראָבינזאָן, דאָצענט דר. לאַזערסאָן, ז. קאַלמאַנאָוויטש, דר. שמשון ראָזענבוים (שפּעטער יידישער מיניסטער), פּראָפ. שמעון דובנאָוו, לאַזאַר גורעוויטש, דער פּעדאַגאָג גיטעלעס, אַגראָנאָם לאַפּקעס א. אַ. וו. אויך פּוע"צ האָבן גענאָסן פון דאָזיקן פּליטים־שטראָם, ס'זיינען געקומען דר. גרשון גערשוני, אברהם קובלאַנאָוו, אבא ווערט א. אַ. וו. אַזאַ פערזאָן ווי אַלטער אַראַצקער (באַדייטנדער מלוכה־טוער אין ראַטן־פאַרבאַנד) האָט אָרגאַניזירט די אינטערנאַציאָנאַלע פּראָפעסיאָנעלע־באַוועגונג. ס'זיינען געקומען נתן פינטשוק, יודל לעווין, ברוך ווינאָגוראַ, אייזיק פּלאַטנער, מישאַ שלאָסבערג, נאָכהער דר. כוואַניק. די דריי ברידער קאָפּילעוויטש, דער לערער סעניצקי און משה ערעם — די בויער פון וועלטלעכן שול־וועזן, ס'איז געקומען יוסף ראָזען, פּסח אייזנבערג. (יוסף ראָזען האָט פאַרנומען אַ וויכטיקן פּאָסטן אין דער סאָוויעטישער אַמבאַסאַדע אין קאָוונע).

אויגוסט 1919 קומט פאָר די ערשטע ליטווישע לאַנדעס־פּאַרטיי קאָנפערענץ שוין אין אייגענעם פּאַרטיי־קלוב אויף מאַפּו־גאַס, וואו ס'זיינען אויך איינגעלאַדן געוואָרן דעלעגאַטן פון לעטלאַנד. די דאָמינירנדע פּערזאָנען אויף דער דאָזיקער קאָנפערענץ זיינען געווען אפרים ברוקער און נתן פינטשוק, פון לעטלאַנד — די לערערין דאָראַ טאַראַנט. די קאָנפערענץ קומט פאָר פאַרן שיין פון פלאַמען פון אַ ריזיקער שריפה, וואָס האָט דעמאָלט געווילדעוועט אין קאָוונע און אויסגעברענט אַ שטיק יידיש שטח פון יאַנאָווער, יאַטקאָווער און ווילקאָמירער גאַסן, די פלאַמען האָבן אָנגעשפּאַרט ביז די פענצטער פון זיי־צונגס־זאַל. די קאָנפערענץ האָט זיך געמוזט איבערטראָגן

אויפן גרינעם באַרג, (דעמאָלט האָט די „זשוואַלגיבע“ געזוכט ברוקערן, פאַר זיין קאָפּ איז באַשטימט געוואָרן אַ שיינע מטבע). די דאָזיקע קאָנפערענץ האָט געשאַפן די ליטוויש־לעטישע געאייניקטע פּוע״צ־באַוועגונג, וואָס האָט זיך צעוואַקסן אין אַ קורצע צייט אין אַ מחנה פון קנאַפּע צוויי טויזנט גוט־אָרגאַניזירטע דיסציפּלינירטע חברים. די קאָנפערענץ האָט אויך געוויילט די דעלעגאַציע צו דער 5־טער וועלט־קאָנפערענץ (אין ווין) און דעם ערשטן צענטראַל קאָמיטעט.

די קאָנפערענץ, נאָך לאַנגע וויכוחים, האָט אָנגענומען די „מינסקער“ אָריענטאַציע און אַ נאָמען געגעבן די פּאַרטיי „י. ק. פּ. פּוע״צ“. דער ערשטער ליטווישער פּוע״צ צ. ק. האָט געשטיצט דעם ווינער אָ. ב. און, צום ערשטן מאָל אין ליטע, געשאַפן אַן אַרבעטער יוגנט־באַוועגונג, — די „באָראָכאָוו יוגנט“, וואָס איז געווען די ערשטע אַרבעטער יוגנט־אָרגאַניזאַציע אין ליטע.

דער צ. ק. האָט אָנגענומען אַלע מיטלען אַרויסצוגעבן אַ פּאַרטיי־צייטונג, וואָס איז געלונגען אַ יאָר שפּעטער, שוין דורך אַן אַנדערן צוזאַמענשטעל. שלמה שערצמאַן האָט געבראַכט פון פּוילן די ערשטע קאַסטן שריפט (אַ מתנה פון פּוע״צ אין פּוילן). אַ דאַנק אָט דער שריפט איז נאָכהער אויפגעבויט געוואָרן דער פּוע״צ דרוקער־קאָאָפּעראַטיוו „האַמער“ אויף יאַטקאָווער גאַס, וואו מען האָט געזעצט די פּוע״צ „אַרבעטער צייטונג“, וואָס איז רעגולער דערשינען יעדע וואָך.

צו דער דאָזיקער ערשטער תקופה פון פּוע״צ (פאַר דער קאָנפערענץ) געהערן די 9 נומערן זשורנאַלן „אַרבעטער לעבן“ אין יידיש, ליטוויש און רוסיש פון קאָוונער צ. ב. פון די פּראָפּפאַראיינען, וואו דער לעבעדיקער נערוו פון רעדאַקציע איז געווען אונדזער פריער דערמאָנטער חבר אַלטער אראצקער (שפּעטער יודל לעווין און משה ערעם). אַלטער אראצקער האָט ניט נושא חן געווען ביי דער ״זשוואַלגיבע״, זי האָט אים אַזוי לאַנג אַרומגעזוכט און פאַרפאָלגט, ביז ער איז געצוואונגען געווען צו פאַרלאָזן ליטע. אין דער צייט פון ערשטן צענטראַל־קאָמיטעט זיינען אין ליטע געווען 45 פּוע״צ־אָרגאַניזאַציעס און גרופּן. אין 16 פּונקטן זיינען געווען פּאַרטיי־קלובן, ביבליאָטעקן און אָוונט־קורסן.

ניט ווייניק ענערגיע האָט פּוע״צ יענע יאָרן אָפּגעגעבן דער פּראָפ. באַוועגונג, וואָס איז על פּי רוב געווען אַן אַלגעמיינע און אינטערנאַציאָנאַלע. צום „שבח“ פון די ליטווישע אַרבעטער אין יענער תקופה, איז ניט געווען קיין איין איינציקער פּאַרטייאישער פּראָפּ.־פאַראיין (שפּעטער האָבן אַזעלכע פאַראיינען געשאַפן די ס. ד.).

די פינפטע וועלט־קאָנפערענץ אין ווין, האָט די פּועלי ציון־באַוועגונג געשפּאָלטן אויף „רעכטע און לינקע“ (1920). אין ליטע האָט זיך פּוע״צ קיינמאָל ניט געשפּאָלטן, ווייל קיין „רעכטע“ פּוע״צ זיינען ניט געווען.

בעת די רעזולטאַטן פון דער פינפטער וועלט־קאָנפערענץ, וואָס האָט זיך פאַרענדיקט מיט דער שפּאַלטונג פון דער פּוע״צ וועלט־באַוועגונג און טיף אויפגערודערט די פּראָלעטאַריש־ציוניסטישע מחנות אין דער גאַנצער וועלט — איז די יידישע אַרבעטער־ליטע געבליבן רואיק; די פּוע״צ פּאַרטיי האָט נאָך דער 5־טער וועלט־קאָנפערענץ זיך פאַרשטאַרקט און אויסגעברייטערט, ווייל זי האָט ניט דורכגעמאַכט און ניט איבערגעלעבט די יסורים און אינערלעכע דערשיטערונגען פון דער שפּאַלטונג אין וועלט־מאַסשטאַב.

נאָך דער 6־טער וועלט־קאָנפערענץ (דאַנציג, אָנהייב 1922) האָט זיך די לינקע פּוע״צ־אידעאָלאָגיע ענדגילטיק קריסטאַליזירט. ס׳האָט זיך פאַרענדיקט די פיינטלעכע דיסקוסיע אַרום די באַרימטע פּונקטן, וואָס דער קאָמאינטערן האָט אַרויסגעשטעלט פּוע״צ, ווי תנאים זיך אָנצושליסן אין אים. איין עיקר תנאי איז געווען — דאָס מוותר זיין אויפן ציוניזם. אַרום דעם תנאי האָט זיך אָפּגעשפּילט אַ טיפע און ברייטע דיסקוסיע אין דער וועלט־באַוועגונג. אמת, ס׳זיינען געווען געוויסע מענטשן, וואָס האָבן געטראַכט אַז דער אָנשלוס איז כדאי, ווייל נאָך דער סאָציאַלער רעוואָלוציע „וועט די אינטערנאַציאָנאַלע אַרבעטער־באַוועגונג במילא קומען צום אויספיר, אַז נאָר אַ סאָציאַליסטיש ארץ־ישראל קאָן און וועט לייזן די יידן־פראַגע“, כידוע האָט די 6־טע וועלט־קאָנפערענץ די דאָזיקע פאָדערונג אָפּגעוואָרפן און מיט דעם פאַרענדיקט דעם טראַגישן קאַפּיטל אין דער פּוע״צ־באַוועגונג.

ווי גרויס ס׳איז דעמאָלט געווען דער ציטער און אחריות פאַר דער פּאַרטיי אין ליטע קאָן אילוסטרירן דער פאַקט, אַז דער דעלעגאַט פון דער ליטווישער פּאַרטיי, מישא שלאָסבערג, איז צוריק געקומען אַהיים מיט אַ שווערן נערוון שאָק. נאָכן אָפּליגן אַ סך חדשים אין אַ הייל־אַנשטאַלט אין קעניגסבערג, האָט ער זיך צוריקגעקערט צו דער פּאַרטיי־אַרבעט.

דאָס ערשטע פּוע״צ געדרוקט וואָרט אין ליטע איז דערשינען אין 1919, אַ ביאָגראַפיע פון בער באָראָכאָוו, אַרויסגעגעבן צום צווייטן יאָרצייט, פאַרלאַג „האַמער“. קיין נאָמען איז אויפן ביכעלע ניט אָנגעגעבן, אָבער געשריבן האָט עס יודל לעווין. אין סעפּטעמבער 1920 דערשיינט די ערשטע פּוע״צ־צייטונג אין ליטע: „אונדזער וואָרט“, וואו ס׳ווערט זייער קורץ פאָרמולירט די פּוע״צ פּראָגראַם אין ליטע: 1) דער דירעקטער קאַמף פאַר דער נייער סאָציאַליסטישער געזעלשאַפט. 2) די אויפבויאונג פון דער יידישער נאַציאָנאַלער אַרבעטער־אויטאָנאָמיע. 3) דער קאַמף פאַר דער יידישער פּראָלעטאַרישער צוקונפט — דורך דער באַשאַפונג פון אַ „סאָציאַליסטישער פּאַלעסטינע“.

אין דער זעלביקער צייטונג ווערט געמעלדעט, אַז אינגיכן דערשיינט דער ערשטער נומער פון דער יידישער וועכנטלעכער אַרבעטער־צייטונג „דאָס פרייע וואָרט“, אָבער אָנשטאָט דעם, דערשיינען ווייטער איינמאָליקע מאָנאַטלעכע זאַמלהעפטן, ווי „אַרבעטער וועלט“ — אָקטאָבער 1920; „אַרבעטער געדאַנק“ — נאָוועמבער 1920 און „אונדזער אַרבעטער געדאַנק“ — דעצעמבער 1920. דאָס אַרויסגעבן יעדן נומער איז פאַרבונדן מיט עינויים, —

הן מאַטעריאַלע, הן מחמת צענזור. אָבער דער ניוואָ פון די אויסגאַבן איז צו באַוואונדערן ביז היינט. דער ריינער סטיל, אַ שיינער יידיש, אָן דרוק־פעלערן מיט וואַגיקע פובליציסטישע מאַטעריאַל (דער „בונד" האָט דעמאָלט אַרויסגעגעבן דאָס „אַרבעטער וואָרט"; שפּעטער די ייד־סעקציע — „די וואָך").

נאָך 4 חדשים ענערגישע אָרגאַניזיר־אַרבעט איז אין קאָוונע דערשינען די ערשטע פּעריאָדישע פּועלי־ציוניס־טישע וואָכן־צייטונג די „אַרבייטער צייטונג" (7.4.21), וואָס איז אָן אַ הפסקה, אין דער אייגענער זעצעריי „האָמער". דערשינען רעגולער 40 וואָכן. דעם 12־טן מאַי 1922 האָט קאָוונער „זשוואַלגיבע" באַפאַלן די זעצעריי, די צייטונג געשלאָסן און דעם פאַראַנטוואָרטלעכן רעדאַקטאָר (טוביה משורר, אַ שניידער פון סלאָבאָדקע) אַריינגעוואָרפן אויף לאַנגע חדשים אין דער טרויעריק־באַוואוסטער „געלער" טורמע. די „אַרב. צייטונג" איז גוט פאַרשפּרייט געוואָרן און איז געווען זייער אָנגענומען צווישן דער אַרבעטער פאָלקס־אינטעליגענץ. די מיטאַרבעטער האָבן געגעבן דאָס בעסטע און ניט איין יונגער דיכטער האָט דאָרטן צום ערשטן מאָל געדרוקט זיין ערשט ליד. דער אמתער רע־דאַקטאָר, כמעט די גאַנצע 40 וואָכן, איז געווען משה ערעס (ביז מען האָט אים אַרעסטירט און אַרויסגעשיקט פון לאַנד). ניט וויניק מי האָבן אין דער צייטונג אַריינגע־לייגט: יוסף ראָזען (געשטאָרבן אין ישראל), נאָכהער ביז דער שליסונג — פּסח אייזנבערג, מישאַ שלאָסבערג, דער שרייבער פון די שורות און קאָרעספּאָנדענטן פון דער ליטווישער פּראָווינץ.

די „באַראַכאָוו יוגנט" האָט אַרויסגעגעבן אַ ניט־פּעריאָדישע אויסגאַבע „יוגנט קלאַנגען" (ערשטער נומ' 2.8.21). שפּעטער האָט די יוגנט באַקומען איר ווינקל אין דער „אַרבעטער צייטונג", ווייל די „זשוואַלגיבע" האָט איר צייטונג באַלד געשלאָסן.

די פּוע"צ־פּאַרטיי אין ליטע האָט אין 1920 אַנטוויקלט אַ גרעסערע פּראָדוציר־קאָאָפּעראַציע טעטיקייט אונטער אַ צענטראַלער לייטונג „האָמער", וועלכער האָט געהאַט אין רשות די דערמאָנטע אייגענע זעצעריי, אַ מענער שניידעריי אויף מאַפּו גאַס (נאָכהער אויף יאַטקאָווער גאַס און שפּעטער אין אַן אייגן אויסגעבויטן בנין), אַ גרויסע קאָאָפּעראַטיווע מעכאַניזירטע סטאָלעריי. ס'זיינען אויך געשאַפן געוואָרן איניקע פּראָדוציר־קאָאָפּעראַטיוון אין פּראָווינץ, פון וועלכע ס'איז ווערט צו דערמאָנען דעם בערשטער־קאָאָפּעראַטיוו אין קרעטינגען. נאָך איניקע יאָר אַרבעט איז אויף די קאָאָפּעראַטיווע טוער אויך שווער געפאַלן די האַנט פון דער „זשוואַלגיבע", וואָס האָט דער־פירט די קאָאָפּעראַציע צו פאַרניכטונג. די דערמאָנטע סטאָלעריי מיטן בנין און די גרויסע מאַשינען־איינריכ־טונג איז די לעצטע מינוט געלונגען איבערצוגעבן דעם „החלוץ".

ס'איז אוממעגלעך פאַרבייצוגיין די קאָאָפּעראַטיוון פון פּוע"צ אין קאָוונע און ניט דערמאָנען אַזעלכע נעמען ווי דוד סמאָליאַקאָוו אָדער צמח, באַזונדערס דעם חבר



שמוליק גרינבערג־קלינגער, וואָס האָט טריי אָפּגעהיט די בנינים ביז דער לעצטער רגע, ניט האָבנדיק אַ ביסן ברויט אין מויל. דער חבר שמוליק איז געווען דער טיפּ אין פּאַרטיי, וואָס האָט שטיל גענומען אויף זיך אַלץ: קלעפּן אומלעגאַלע אויפרופן, פאַרוואָס מען משפּט אין ליטע ביז לעבנסלענגלעכע טורמע; „פּאַרמישן" אַ זשע־לאַטין פאַר אַ העקטאָגראַף, זיין אַ „זיץ־רעדאַקטאָר", פירן אומלעגאַלע וואַליזעס. ער האָט אפילו זוכה־געווען צו אַ ליטווישן פּאַס און צו קאַנדידירן צום סיים. אויך ער איז אַנטלאָפן פון ליטע אַ מינוט פאַרן אַרעסט, געקומען קיין א"י, נאָכהער צוליב משפּחה־ענינים אַוועק קיין פּאַריז, (די נאַציס האָבן אים אומגעבראַכט אין קאַצעט פון דראַנסי, סוף צווייטער וועלט־מלחמה).

צו יענער צייט האָבן פּוע"צ חברים, צוזאַמען מיט קריסטלעכע אַרבעטער, אויפגעמאַכט אַ קאָנסום־קאָאָפּע־ראַטיוו „לעבן" מיט 300 מיטגלידער. אָבער אויך דאָרטן האָט „גוזיגט" די „זשוואַלגיבע". דער הויפּט־מומחה פון דער פּוע"צ־קאָאָפּעראַציע אין קאָוונע איז געווען שמואל קאַפּלאַן, וואָס האָט זייער פיל געגעבן די דאָזיקע אָנ־שטאַלטן צו אַנטוויקלען. אויך איז צו דערמאָנען דעם יונג פאַרשניטענעם חבר ווערבאַלאָוו פון קרעטינגען, אַ בחור ווי אַ דעמב. געקומען איז ער אין מאָל אויף אַ פּאַרטיי־באַראַטונג אין קאָוונע, ווינטער 1923, קראַנק געוואָרן אויף דער „שלאָף קרענק" און געשטאָרבן אין קאָוונער שפּיטאָל.

פּוע"צ אין ליטע זיינען חוץ אַ יאָר — צווי (1920—1919) קיינמאָל ניט געווען לעגאַל. בכלל זיינען אין ליטע יענע יאָרן געווען נאָר 2 יידישע אַרבעטער־פּאַרטייען: פּוע"צ און די יידסעקציע; פּוע"צ פלעגן אין דער עפנט־לעכקייט אומעטום דערשיינען ווי די „אַרב. פּראַקציע 7" און די יידסעקציע — „אַרב. פּראַקציע 5".

* * *

די שווערע רדיפות און דער אינערלעכער איניקער פּאַרטייידיקונגס־אינטערעס פון די יידישע אַרבעטער אין ליטע יענע יאָרן, האָט דערמעגלעכט אָן יסורים אויפ־צושטעלן די צווישנפּאַרטייאישע „קולטור ליגע", וואָס האָט אויסגעבויט און אָנגעפירט מיטן יידישן וועלטלעכן שול־וועזן און בכלל אָנגעפירט מיט דער גאַנצער אַלגעמיינער קולטור־אַרבעט צווישן אַרבעטער אין לאַנד. די „קולטור ליגע" האָט, חוץ די שולן, אויפגעשטעלט ביבליאָטעקן, אַ טעאַטער־סטודיע, אָוונט־קורסן א. א. וו. אַזוי אַרום איז זי געוואָרן פאַרוואָרצלט אין יידישן אַרבעטער־לעבן פון ליטע. זי האָט חוץ די פאָלקס־שולן אויפגעמאַכט אַ מיטל־שול אין קאָוונע און דעם יידישן לערער־סעמינאַר אויף יאַנאָווער גאַס, וואָס האָט צוגעגרייט אייגענע יידישע פאָלקס־שול־לערער מיט מלוכה־רעכט. דער לערער־סע־מינאַר איז געווען לעגאַליזירט ווי „לערער־קורסן", די עקזאַמענס פלעגן פאָרקומען ביי דער אָנוועזנהייט און השגחה פון אַ מלוכה־פאַרשטייער, וואָס פלעגט אויך חתמענען די דיפּלאָמען. דער לייטער פון סעמינאַר איז געווען דער באַקאַנטער פּעדאַגאָג ש. לעווין. דאָרטן האָבן

מיטגעאַרבעט ווי לעקטאָרן: ז. קאַלמאַנאָוויטש (יידיש און יידישע ליטעראַטור), העלענאַ כאַצקעלס (נאַטור־וויסנשאַפט און געשיכטע), דר. חיים יאפע (פיזיק און כעמיע), דר. פרומקין (מאַטעמאַטיק), דר. פינקלשטיין (אַנאַטאָמיע), דר. לאַזערסאָן און ש. לעווין (פסיכאָלאָגיע, יסודות פון פילאָזאָפיע, פעדאַגאָגיק און דידאַקטיק), דער אַגראָנאָם לאַפּקעס, (גערטנעריי, סעדעריי, בינען־צוכט, קאַרטאָגראַפיע און געאָגראַפיע), מוזיק און געזאַנג — פידלער און דיריגענט זיידמאַן, צייכענען און סקולפּטור־קלעפּן — קאַגאַנאָוויטש, ספּאָרט — מירסקי און קאַפּעליושניק, דייטש — מיקוניס, ליטוויש — אַ קריסטלעכע טוערין פון די ס. ר.

אין פאַרוואַלטונג האָט מיטגעאַרבעט דער דר. מאַטיס מיט זיין פרוי. די תקופה פון לערער־סעמינאַר איז געווען זייער אַן אינטערעסאַנטע (אַ קאַפּיטל פאַר זיך), די סעמינאַריסטן, כמעט אַלע אָפּגעקליבענע יונגע פאַרטייטוער פון דער יידסעקציע און פּוע״צ. דער סעמינאַר האָט צוגעצויגן צו זיך די בעסטע פון דער אַרבעטער־אינטעליגענץ אויף לעקציעס און וויכוחים. דאָרטן האָט זיך אָפּגעשפּילט דער אידעאָלאָגישער פאַרטיי־שפּראַכן־וויכוח, וואו... לינקע פּוע״צ האָבן פאַרטיידיקט העברעאיש, זייענדיק אַליין יידישיסטן, געהאַנדלט האָט זיך ניט וועגן סתם העברעאיש, אלא ווי אַ לימוד־שפּראַך אין סעמינאַר און אין די פאָלקס־שולן פון קולטור־ליגע.

פּוע״צ זיינען אַרויס פון נאַציאָנאַל־פּעדאַגאָגישן שטאַנדפּונקט מיט דער טענה, אַז אַ יידישער לערער, וואָס דאַרף אונטעררינכטן יידיש און יידישע ליטעראַטור מוז קענען העברעאיש. די גאַס האָט די טענה צוגעשריבן צום ציוניזם... דער שפּראַך־וויכוח האָט קיינמאָל ניט אויפגעהערט אין ליטע, ביז די היטלער־רוצחים האָבן אים „געלייזט“, — אומגעבראַכט צוזאַמען מיט די טייערע ליטווישע יידן.

דער דערמאָנטער לערער־סעמינאַר איז געשטאַנען אויף אַ געהעריקער קולטורעלער הייך. דאָס אינערלעכע האַרמאָנישע צוזאַמענלעבן, דער טיפער אינטערעס צום שול־וועזן, די איבערגעגעבענע לעקטאָרן, די עקסקורסיעס פון די שילער צוזאַמען מיט די לעקטאָרן איבער דער יידישער פּראָווינץ (אַפילו אין לעטלאַנד) האָט אומעטום אַריינגעטראָגן ליכט און באַגייסטערונג. דאָס איז אַ ליכטיק בלעטל אין דער גענוג ביטערער געשיכטע פון דער יידישער אַרבעטער־באַוועגונג אין ליטע.

יענע יאָרן זיינען געווען די יאָרן פון דער יידישער נאַציאָנאַלער אויטאָנאָמיע אין ליטע. דער בוי פון דער אויטאָנאָמיע איז געווען פאָלגנדיקער: די גרונד צעל — די קהילה. די צענטראַלע פון אַלע קהילות — דער נאַציאָנאַל־ראַט; דער נאַציאָנאַל־ראַט פלעגט געוויילט ווערן פריער דורך די קהילות־צוזאַמענפאָרן, נאָכדעם דורך דער העכסטער אינסטאַנץ — דורך דער יידישער נאַציאָנאַל־פאַרזאַמלונג. דער געזעצלעכער מלוכהשאַפטלעכער אויסדרוק פון דער נאַציאָנאַלער אויטאָנאָמיע איז געווען דאָס יידישע מיניסטעריום. דער יידישער מיניסטער מיטן מיניסטעריום זיינען געווען פאַראַנטוואָרטלעך פאַר זייערע מעשים פאַרן נאַציאָנאַל־ראַט, וואָס פלעגט באַשטימען די ליניע פון דער יידישער פּאָליטיק אין ליטע (פאַר די קנאַפּע 5 יאָר עקזיסטענץ פונעם מיניסטעריום האָבן זיך געביטן 4 יידישע מיניסטאָרן: דר. מ. סאָלאָווייטשיק, יוליוס ברוצקוס, דר. שמשון ראָזנבוים און דער אַדוואָקאַט פרידמאַן, וואָס איז אַרויפגעזעצט געוואָרן ווי אַ מיניסטער דורך דער ליטווישער רעגירונג קעגן יידישן ווילן); דער פּרעזידענט פון נאַציאָנאַל־ראַט איז געווען איין צייט דר. ראָזנבוים און ביים סוף דער אַדוואָקאַט עוזר פינקלשטיין. פון די סעקרעטאַרן זיינען דעמאָלט געווען: אַדוואָקאַט גאַרפונקל (צ. ס.) און יודל מאַרק (פאָלקיסטן). אינערהאַלב דעם דאָזיקן אויטאָנאָמען שטח האָט זיך אָפּגעשפּילט דער גאַנצער יידישער געזעלשאַפטלעכער און פאַרטייאישער געראַנגל, דער געראַנגל איז ניט געווען סתם לשם השמים, נייערט פאַר טאָג־טעגלעכע לעבנס־ענינים פון יידישן ישוב, וואָס איז געזעלשאַפטלעך־מאַטעריעל אויסגעהאָלפן געוואָרן מצד די אויטאָנאָמע אָרגאַנען אַדאַנק דעם צוואַנגסשטייער־רעכט און אין אַ געוויסער מאָס מיט די מיטלען פון „דזשאָינט“, און אויך פאַרטיילט דורך די אויטאָנאָמע מוסדות. די אויטאָנאָמע אָרגאַנען האָבן געהאַט אונטער זיך: דעם גאַנצן יידישן שול־וועזן, רעליגיע, געזונטהייט,ווידעראויפבוי און פאָלקס־באַנק־וועזן, פּליטים, קינדער־פאַרזאָרגונג, סאָציאַלע הילף, יורידישע הילף (מעטריקאַציע) א. אַ. וו. ס׳האָבן זיך געראַנגלט צווישן זיך 5 גרונט־ריכטונגען: 1) די ציוניסטן און צ. ס., 2) אגודת־ישראל, 3) פאָלקיסטן, 4) די יידישע אַרבעטער־באַוועגונג, וואָס איז באַשטאַנען פון 2 פאַרטייען: „יידישע סעקציע“ און לינקע פּוע״צ, 5) „מזרחי“. צום שבח פון ליטווישן יידנטום האָט זיך קיינמאָל דער פאַרטיי־געראַנגל ניט געפירט אַרום בודזשעטן, נייערט אַרום פּרינציפּן, וואו דעם ערשטן פּלאַץ האָט פאַרנומען דער כאַראַקטער פון שפּראַכן־פראַגע אינעם שול־וועזן.

די לינקע פּוע״צ האָבן געהאַט זייער אָריגינעלע, עקסטרעמע שטעלונג כלפּי דער נאַציאָנאַלער אויטאָנאָמיע, זיי האָבן געפאָדערט יידישע אַרבעטער־ראַטן אויף דער יידישער גאַס (מחמת לעגאַליטעט: „אַרבעטער קאָמיטעטן“), וואָס זאָלן שטיין בראש פון יידישן לעבן אַפילו נאָך דער סאָציאַלער רעוואָלוציע, וואָס האָט דעמאָלט אויסגעזען צו זיין זייער נאָענט...

אין די געגעבענע באַדינגונגען האָבן זיי געהאַלטן, אַז די נאַציאָנאַלע אויטאָנאָמיע פון די יידן אין דער קאַפּיטאַליסטישער אָרדענונג קאָן לאַנג ניט אָנהאַלטן, מוז מען באַצייטנס זאָרגן פאַר אַן אַלטערנאַטיווער רעוואָלוציאָנערער יידישער אויטאָנאָמער זעלבסט־פאַרוואַלטונג, וואָס מיינט יידישע אַרבעטער־ראַטן.

„די פליכט פון פּוע״צ איז תמיד אונטערצושטרייכן די קלאַסן־קעגנזאַצן צווישן יידישע אַרבעטער און די פאַרמעגלעכע שיכטן, אומעטום און ביי יעדער געלעגנהייט, נאַטירלעך אויך אין די אויטאָנאָמע מוסדות“.

פאַר די אויגן פון פּוע״צ איז שטענדיק געשטאַנען

אַן אַנדערע אויטאָנאָמיע — די נאַציאָנאַל־טעריטאָריאַלע אויטאָנאָמיע אין ארץ־ישראל, וואָס וועט פאַרווירקלעכט ווערן נאָר דורך קלאַסן־קאַמף אין אַלגעמיינעם, ווי אין יידישן לעבן. מחמת סטראַטעגישע טעמים זיינען פוע״צ אין געוויסע פראַגן געשטאַנען אין איין פראָנט מיט דער יידסעקציע, אָבער דער אונטערשייד צווישן ביידע פראַקציעס איז געווען אַ טיף פרינציפּיעלער און גרינטלעכער, כאָטש פוע״צ פלעגן אין ליטע, פון איין זייט, פאַרשריען ווערן ווי די „לינקסטע״ און ניט ווי ציוניסטן, בעת די יעווסעקציע פלעגט זיי שטעמפלען ווי ציוניסטן און קלאַסן־פאַררעטער. פוע״צ האָבן געטענהט, אַז אַרבעטער מוזן און דאַרפן פאַרטיידיקן די נאַציאָנאַלע יידישע רעכט אומעטום, אין אַלע סיטואַציעס, דעריבער זיינען זיי ניט אַנטלאָפן פון נאַצ. ראַט און שפעטער פון דער נאַצ. פאַרזאַמלונג, ווי ס׳האָט געטאָן די יידסעקציע וואָס האָט געהאַלטן, אַז די אויטאָנאָמיע־פאָרומס דינען זיי נאָר ווי אַגיטאַציע־טריבונעס און ניט מער (דעם 2־טן קהילות־צוזאַמענפאָר האָבן פוע״צ דעמאָנסטראַטיוו פאַרלאָזן — צוליב ענינים אַרום שול־קאַמף). פוע״צ זיינען אָבער ווייטער פאַרבליבן אין די ועדי הקהילות, ווייל דאָרטן איז געווען צו פאַרטיידיקן די אינטערעסן פון אַרבעטער.

ווי געזאָגט האָבן די קהילות געהאַט צוואַנגס שטייער־רעכט, פון וואָס זיי האָבן סובסידירט פאַר סאָציאַלער הילף, שולן, געזונטהייט א. אַ. וו. נאַטירלעך האָט פוע״צ ניט נעגירט די קהילה־פאָרומס ווי טריבונעס פאַר פאָליטישן קאַמף אין די געגעבענע שווערע אומלעגאַלע באַדינגונגען. די פוע״צ ראַטמענער האָבן אומעטום קאָנסטרוקטיוו מיטגעאַרבעט אין די קהילות, האָבן אָנטייל גענומען אין די ערשטע ועדי קהילות פון ליטע (1919) און אין ערשטן קהילות צוזאַמענפאָר, וואו פון די יידישע אַרבעטער אַלס אַזעלכע זיינען קיין אַנדערע דעלעגאַטן ווי פוע״צ ניט געווען (די צ. ס. אין ליטע האָבן זיך דעמאָלט נאָך ניט געהאַלטן פאַר אַן אַרבעטער־פאַרטיי).

דער ערשטער קהילות צוזאַמענפאָר איז דערעפנט געוואָרן דורך דעם יידישן מיניסטער דעם 5.1.20 אין קאָוונע. דער צוזאַמענפאָר איז געווען אַ בלאַסער. דאָרטן געפינען מיר שוין 2 פוע״צ דעלעגאַטן: דייטש פון קיידאַן און ראַפאַלאָוויטש פון ראַסיין. אַרויסגעטרעטן איז נאָר דייטש, וועלכער האָט פאַרטיידיקט... די יידישע ערד־אַרבעטער אין ליטע און געפאָדערט הילף און שטיצע פאַר דער יידישער לאַנדווירטשאַפט, וואָס איז דעמאָלט געווען גאָר ניכר אין לאַנד.

מיט דער פוע״צ־פראַקציע פירט דעמאָלט אָן משה ערעם, וועלכער נעמט אַן אַקטיוון אָנטייל אין אַלע וויכוחים. אויף דעם דאָזיקן צוזאַמענפאָר האָט זיך אָפגעשפּילט אַ פאַרביטערטער פאָליטישער־און קולטור־קאַמף, באַזונדערס אַרום דעם שול־וועזן, אַרום דער שפראַכן־פראַגע, אַרום פראָגראַם פון דער נאַצ. אויטאָנאָמיע און די רעכט פון וועלטלעכן יידישן אַרבעטער שול־וועזן, ס׳איז אויך דערמאָנט געוואָרן דער קלעריקאַליזם וואָס האָט אָנגעהויבן אַריינדרינגען אין די צעלן פון דער אויטאָנאָמיע.





ווי געזאָגט האָבן דעמאָלט די יידסעקציע און פוע״צ פאַרלאָזן דעם צוזאַמענפאָר. די יידסעקציע האָט געטענהט, זי האָט אירס אָפגעטאָן, אויסגענוצט די „טריבונע״ און אַוועק, בעת פוע״צ האָבן מאָטיווירט דאָס פאַרלאָזן דעם צוזאַמענפאָר ווי אַ פראָטעסט־אויסדרוק קעגן באַוועלענען דעם וועלטלעכן שול־וועזן. ס׳איז ניט צו איגנאָרירן דעם פאַקט, אַז אַ סך פאַרטיי חברים זיינען געווען קעגן פאַרלאָזן. ס׳איז אויך אָנגעגעבן געוואָרן דער מאָטיוו, אַז דער קהילות־צוזאַמענפאָר איז דעמאָקראַטיש געוויילט (די קהילות האָבן געוויילט דעלעגאַטן), דעריבער טראָגט דער צוזאַמענפאָר אַ גבאישן כאַראַקטער. אַזוי איז דעמאָלט געוואָרפן געוואָרן דער לאָזונג פון אַלגעמיינע וואַלן אין לאַנד ניט צו אַ קהילות־צוזאַמענפאָר, נייערט צו אַ יידישן „פאַרלאַמענט — אַ יידישע נאַציאָנאַלע פאַרזאַמלונג״ (די פאָדערונג פון וואַלן צו אַ נאַציאָנאַלער פאַרזאַמלונג איז דעמאָלט הייס געשטיצט געוואָרן דורך די פאָלקיסטן).

פוע״צ האָבן ברייט פראָפּאַגאַנדירט אַזעלכע וואַלן און וואו זיי האָבן געקאָנט האָבן זיי דורכגעפירט אַזעלכע רעזאָלוציעס אין די קהילות. דער לאָזונג האָט געזיגט און די ליטווישע יידן האָבן אין האַרבסט 1923 געוויילט די יידישע נאַציאָנאַלע פאַרזאַמלונג אין ליטע.

די לינקע פוע״צ זיינען דורך דער פאָליציי שווער פאַגראָמירט געוואָרן נאָך יעדן עפנטלעכן אַרויסטריט. בעת די קהילות־וואַלן אין מאַי 1921 האָט מען אין אַ גאַנצע ריי שטעטלעך אַרעסטירט די פוע״צ־קאַנדידאַטן, די רעדנער, און קאָנפיסקירט יעדעס געדרוקט וואָרט. פונדעסטוועגן איז דער פאַרטיי געלונגען דורכצופירן ביי יענע וואַלן אירע פאָרשטייער אין די גרעסערע קהילות פון ליטע.

דאָס יידישע מיניסטעריום האָט אינטערווענירט און געפאָדערט אַ געוויסע אימוניטעט פאַר די געוויילטע קהילה־ראַטמענער. ס׳האָט אָבער ניט געהאָלפן. ס׳איז כדאי צו דערמאָנען דעם שטורעם אין קאָוונע בעת די פאָליציי האָט אַרעסטירט דעם ערשטן פוע״צ קאַנדידאַט צו קאָוונער קהילה. די פאַרטיי האָט צונויפגענומען און אָרגאַניזירט דעם סאַמע פאָליטיש אָפגעשטאַנענסטן שווער־אַרבעטער־עלעמענט — די טרעגער, בראש מיטן פרעכטיקן טיפ שלמה דיאַמאַנט, וועלכער איז געווען פאָרזיצער פון טראַנספּאָרט־פאַראיין. אינעם פאַראיין האָבן אַקטיוו געאַרבעט משה ערעם (וואָס איז פאַר זיין אַרבעט דורך די טרעגער געוויילט געוואָרן ווי אַן „ערן פאָרזיצער״). דער דערמאָנטער פאַראיין איז אינגאַנצן געשטאַנען אונטער דער השפעה פון פוע״צ און האָט דעמאָלט געדראָט פיזיש אַרונטערצורייסן די וואַלן, אויב מען וועט דעם קאַנדידאַט ניט באַפרייען. נאָך אַ מיזאַמער אינטערווענץ איז עס דעם יידישן מיניסטעריום געלונגען.

צו די וואַלן פון דער „נאַצ. פאַרזאַמלונג״ אין 1923 איז די פוע״צ־פאַרטיי פאַרבליבן כמעט אָן אַן אינטעליגענץ און אָן אַ צענטראַל־קאָמיטעט. די פאַרטיי האָט דעמאָלט באַקומען איר ביטערסטן קלאַפּ ביי די סיים־וואַלן, וואו זיי האָבן אָנטייל גענומען אין אַ ניט געראָטענעם וואַל־

בלאָק מיט די לינקע ס. ר. (סאָציאַל רעוואָלוציאָנערן). כאָטש דער בלאָק איז געווען אַ ריין טעכנישער, זיינען פּוע"צ פאַרשריען געוואָרן פון רעכטס און פון לינקס, ווייל זייער פּאָזיטיווע שטעלונג צום ראַטן־פאַרבאַנד, האָט גאָרניט צו טאָן מיט דער אידעאָלאָגיע פון די ס. ר. — קעגנער פון ראַטן־פאַרבאַנד. אַגב האָבן פּוע"צ פריער אָפּגעגעבן ניט ווייניק מי פאַר אַן אַלגעמיינעם אינטער־נאַציאָנאַלן אַרבעטער־בלאָק, אָבער ס'איז ניט געלונגען צוליב דער קאָמוניסטישער קעגנערשאַפט צו די ס. ר. ווי בכלל צו אַזאַ „איינהייטלעכן פראָנט", וואָס איז דעמאָלט נאָך ניט געווען אין דער מאָדע. פּוע"צ איז דעמאָלט אַליין ניט געווען ביכולת אויסצוטראָגן אַזאַ וואַל־קאַמפּאַניע צום סיים און געמוזט זוכן „שותפים".

ס'איז נאָך געווען אַ סיבה: ס'רוב פּאַרטיי־טוער זיינען געווען פאַררעכנט ווי „פּליטים", וואָס האָבן ניט געהאַט קיין וואַל־רעכט און ניט געטאָרט עפנטלעך אַרויס־טרעטן, אַזוי איז פּוע"צ אַריין אין דער נייער וואַל־קאַמ־פּאַניע פּאַקטיש צו פירן אַליין אַ זעלבשטענדיקע אַרבעט... די „זשוואַלגיבע" האָט אין סאַמע וואַל־ברען פאַרניכטעט ס'רעשט פון די פועלי־ציוניסטישע אינסטיטוציעס: גע־שלאָסן די „אַרבעטער־היימען", אַרעסטירט די הויפּט קעפּ פון צ. ק. צוזאַמען מיט משה ערעמען, וואָס איז זיי געשטאַנען ווי אַ דאָרן אין אויג; ערעם איז דעמאָלט דעפּאָרטירט געוואָרן קיין דייטשלאַנד, און אַ פּאָר יאָר שפּעטער עולה געווען קיין א"י.

בעת די באַן מיטן אַרעסטירטן משה ערעם האָט זיך געריקט פון קאָוונער וואָקזאַל צו דער דייטשישער גרענעץ, איז די „זשוואַלגיבע" מיט דער פּאָליציי שטאַרק איבעראַשט געוואָרן פון דער פועלי־ציון דעמאָנ־סטראַציע, וואָס איז געקומען זיך געזעגענען מיטן אַרעס־טירטן באַליבטן מנהיג, וועלכער האָט אַ סך כוח געלאָזן אין ליטע ביים אויפבויען דעם וועלטלעכן שול־וועזן, די פּאַרטיי, צוזאַמען מיט די ערשטע צעלן פון דער אויטאָנאָמיע.

אויך צו אייניקע שטאָט־ראַטן זיינען דעמאָלט פאַר־געקומען וואַלן, וואו פּוע"צ האָבן אָנטייל גענומען און דורכגעפירט קאַנדידאַטן. זאָל דערמאָנט ווערן דער קוריאָז פון קיידאַן, וואו פּוע"צ האָט דורגעפירט מער ראַטמענער פון דער צאָל אַרויסגעשטעלטע קאַנדידאַטן; זאָלן אויך דערמאָנט ווערן ניישטאָט און שאַקי, וואו מען האָט געוויילט אַלס בירגערמייסטער דעם פּוע"צ חבר יודל נייפעלד *.

אין אַט דער אַטמאָספער איז מען נאָכהער געגאַנגען צו די וואַלן צו דער יידישער נאַציאָנאַלער פאַרזאַמלונג. די רעשטן פון צ. ק. האָבן גערופן אַ פּאַרטיי־ראַט פון גאַנצן לאַנד, די פּאַרטיי האָט צוריק אויפגעלעבט און גענומען שאַפן נייע קרעפטן פון דער טיף פון דער אַר־בעטער באַוועגונג, ס'האָבן זיך באַלד געפונען נייע אַק־

* שפּעטער אַוועק קיין ביראָבידזשאַן און זיך צוריקגעקערט קיין ליטע. אומגעקומען. — רעד.





טיווע טוער, מיטלען, „שרייבער", און דאָס שווערסטע: קאַנדידאַטן צו די וואַלן, וואָס זיינען מיט זייער דערשיי־נען, אויסגעליפערט געוואָרן דער פּאָליציי.

אויף דער קאַנדידאַטן־רשימה האָבן פיגורירט לויט דער ריי 1) יוסף פרידמאַן (זשורנאַליסט), וועלכער איז ספּעציעל געקומען פון בערלין, וואו ער איז פריער געווען אַנטלאָפן פון דער פּאָליציי. ער איז אַ פּלימעניק פון בעל מחשבותן און געווען ברייט באַקאַנט צווישן דער קאָוו־נער פאָלקס־אינטעליגענץ. יוסף פרידמאַן האָט געאַרבעט אין בערלין אין ליטווישן „אויסלענדישן קאָמיטעט" פון די ליטוויש־לעטישע פועלי־ציון, געשאַפן און אָנגעפירט מיטן פּאַרטיי־פאַרלאַג „פונקען", וואָס האָט דער פּאַרטיי באַזאָרגט מיט אומלעגאַלע ליטעראַטור און מיט... פּעסער. (איצט לעבט ער אין פראַנקרייך). 2) לייבל ראַבינאָוויטש „סעקרעטאַר פון סאַניטאַר־אַמט ביים יידישן נאַציאָנאַל־ראַט" (דער שרייבער פון די שורות ל. שמעוני־חיין, „לייבל ראַבינאָוויטש" איז געווען איינער פון זיינע יתרוס נעמען...) 3) אברהם מאַנדל * — פאָלקס־לערער, דעמאָלט סעמינאַריסט. אַ פּרעכטיקע קעמפער־פיגור, שפּעטער פאַרמשפּט פאַר פּוע"צ־טעטיקייט צו לאַנג־יאָריקער תפיסה אין ריגע, 4) זלמן טאַמפּאַווסקי, ראַטמאַן אין ניישטאַט, אויסגעצייכנטער קאָאָפּעראַטאָר און מסירת־נפשדיקער חבר, 5) דער שלאָסער יעקב וואָלפּערט, שטאָטישער ראַט־מאַן פון קיידאַן, 7) טוביה משורר, אַ שניידער (סלאָבאָדקע), געווען נאָר וואָס באַפרייט פון טורמע ווי אַ פאַראַנטוואָרט־לעכער רעדאַקטאָר פון „אַרב.־צייטונג", 8) העניע זאַקס פון יורבורג, אַ באַאַמטע אין אַ ליטווישער רעגירונגס־ביוראָ. די פּאַרטיי האָט דורכגעפירט די ערשטע 3 ווי דעפּוטאַטן צו דער נאַציאָנאַל־פאַרזאַמלונג. לייבל ראַבי־נאָוויטש איז דעמאָלט אַרומגעפאָרן איבער דער פּראָווינץ ווי אַ שליח פון ייד. נאַציאָנאַל־ראַט. ער איז אויך געפאָרן קיין דייטשלאַנד אין שליחות פון ייד. נאַציאָנאַל־ראַט און ייד. מיניסטעריום — זיינע נסיעות האָט ער גלייכ־צייטיק אויסגענוצט ווי אַ לעבעדיקער פאַרבינדער און ליטעראַטור־צעפירער פון דער פּאַרטיי. אַגב, ביים שליסן דעם יידישן נאַציאָנאַל־ראַט מיטן יידישן מיניסטעריום איז פאַרלוירן געגאַנגען אַ שיינער טייל פון פּאַרטיי־אַר־כיוו, וואָס איז דאָרטן געלעגן באַהאַלטן אין איינער פון די אַלמערס. די לעצטע צייט האָט מיטגעאַרבעט אין נאַציאָ־נאַל־ראַט, ווי ראַבינאָוויטשעס אַ געהילף, די סטודענטקע דבורה ראָטשטיין פון ווילקאָווישקי, אַן איבערגעגעבענע פּאַרטיי־חברטע, וואָס איז שפּעטער אַרעסטירט געוואָרן צוזאַמען מיט ראַבינאָוויטשן אויף אַ בלוטיקער מאַי־דע־מאָנסטראַציע און פאַרבראַכט לאַנגע חדשים אין דער „געלער" טורמע — די קאַטאָרגע פון קאָוונע.

דעמאָלט האָט די פּאַרטיי אַרויסגעלאָזן אַ גאַנצע ריי אויפרופן (געדרוקט אומלעגאַל אין קאָוונע און בערלין), די צייטונגען „אויפגאַנג" און „דאָס אַרבעטער וואָרט"

* שפּעטער אַוועק קיין ראַטנפאַרבאַנד און דאָרטן געשטאָרבן. רעד.

(סעפּטעמבער 1923), אַ דריטע צייטונג איז קאָנפיסקירט געוואָרן אין אַ דרוקעריי אין שאַוול. דער רעזולטאַט פון די וואַלן מיט די מוטיקע אַרויסטרעטונגען פון די פּוע״צ חברים האָט דערמונטערט די פּאַרטיי און איר געגעבן שוואונג פונסניי אָנצוהייבן די אַרונטערגעריסענע פּאַרטיי־טעטיקייט.

די נאַציאָנאַלע פאַרזאַמלונג האָט זיך געעפנט אין קאָוונע אין פאָלקס־הויז, אין נאָוועמבער 1923, אין דער אָנוועזנהייט פון פּרעמיער־מיניסטער פון ליטע, קאָוונער בירגערמייסטער, קאָנסולן, ווייסרוסישן מיניסטער אַראַנאָוו. די אַטמאָספער איז געווען אַ פייערלעכע און געהויבענע. נאָך דער דערעפענונגס־רעדע פון יידישן מיניסטער ד״ר ראָזנבוים זיינען אַרויף באַגריסן, איינציקוויז, דער קאָוונער בירגערמייסטער, פאַן לאַטיק אין נאָמען פון דער פּוילישער סיים־פראַקציע, און הער קינדערעס אין נאָמען פון... די דייטשן. נאַכהער האָבן באַגריסט פאָרשטייער פון קאָוונער קהילה, פון „אָרט“, „אָזע“, פּראָפ. שמעון דובנאָוו, עקס מיניסטער ד״ר סאָלאָווייטשיק. ס׳זיינען אָנגעקומען באַגריסונגען פון ד״ר ווייצמאַן פון ירושלים און פון פאַרשיידענע יידישע קערפּערשאַפטן אין דער גאַנצער וועלט. נאָכהער זיינען אויף דער טריבונע דערשינען די פאָרשטייער פון די קאָמוניסטן (אינזשעניער אַבראַמסאָן) אין פון די לינקע פּוע״צ (ל. ראַבינאָוויטש) מיט זייערע פּאָליטישע דעקלאַראַציעס און האַרבע דיבורים צו די מיניסטאָרן און הויכע געסט, וואָס זיינען געשטעמפּלט געוואָרן ווי אַרבעטער אויסראָטער... (פּרטים וועגן דער ערשטער און לעצטער סעסיע פון דער נאַצ. פאַרזאַמלונג זע אין ערשטן באַנד „ליטע“, וואָס איז דערשינען אין ניו־יאָרק אין 1951).

פּוע״צ האָט דאָס מאָל אויך אָנטייל גענומען אין נאַצ. ראַט מיט 2 פאָרשטייער: יוסף פרידמאַן און לייבל ראַבינאָוויטש. דער ערשטער האָט תיכף געמוזט עוקר זיין פון ליטע, דער צווייטער איז אַרעסטירט געוואָרן אויף דער מאַי־דעמאָנסטראַציע אין יאָר 1924 (צוזאַמען מיט די חברים מאַנדל, רייך, ביילע, אַלכסנדער און דבורה ראָטשטיין). נאָך אַ פּאָר חדשים תפיסה איז ל. ראַבינאָוויטש ווידער אַרויסגעטרעטן אויף דער 13 סעסיע פון נאַצ. ראַט (אין זאַל פון שטאָט־ראַט) און אויף אַ פּלענום פון קהילה, וואו ער האָט שאַרף אָנגעגריפן די רעגירונג פאַר דערלויבן די אַנטי־יידישע דעמאָנסטראַציע און פּאָגראָם אויף גרויס־ווילנער גאַס מצד די ליטווישע פאַשיסטן — ס׳רעשט פון יענער נאַכט האָט ער שוין פאַרבראַכט אין דער אינקוויזיציע־קאַמער פון „זשוואַלגיבע“ און נאָכן אָפּזיצן ווידער אַ פּאָר חדשים אין טורמע, איז אים געלונגען צו אַנטלויפן פון אויספאָרשונגס אַמט און בשלום אָנקומען קיין בערלין, פון וואַנען ער איז סוף 1924 אומלעגאַל עולה געווען קיין א״י, ניט האָבנדיק קיין כשרן סערטיפיקאַט...

יענע צייט האָט די ליטווישע רעגירונג פאַרענדיקט איר אויטאָנאָמיע־שפּיל מיט די יידן — פריער געשלאָסן דעם יידישן מיניסטעריום און דעם מיניסטער ד״ר ראָזנבוים אָנגעקלאָגט אין געריכט פאַרן געברויכן „אומגעזעצלעך דעם טיטל מיניסטער“... נאַכהער צעטריבן דעם נאַצ. ראַט (1925) און שפּעטער אַ סוף געמאַכט צו די וועלטלעך אויטאָנאָמע יידישע קהילות (1926).



פאַר דער תקופה פון דער אויטאָנאָמיע איז קאָוונער קהילה 2 מאָל איבערגעוויילט געוואָרן. אין דער ערשטער קהילה האָט פּוע״צ געהאַט 3 ראַטמענער (משה ערעם, אייזיק פלאַטנער און ברוך ווינאָגוראַ). נאָכדעם ווי פלאַטנער און ווינאָגוראַ זיינען, גערודפט דורך דער פּאָליציי, אַנטלאָפן פון ליטע, האָבן זייערע פּלעצער פאַרנומען דער באַקאַנטער אַרבעטער־טוער פון קאָוונע, דער סטאָליער דוד סמאָליאַקאָוו און דער בוכהאַלטער זאַנוול טוב*. אין דער 2־טער קהילה זיינען געוויילט געוואָרן לייבל ראַבינאָוויטש און דער בלעכער־אַרבעטער ביינאַרט. ביינאַרט איז געווען איינער פון די פּאָפּולערע אַרבעטער טיפּן אין דער דעמאָלטיקער קאָוונע, נאָך שווערע רדיפות פון דער „זשוואַלגיבע“ איז ער אַנטלאָפן קיין פּאַריז, וואו ער איז אומגעבראַכט געוואָרן דורך די נאַציס בעת דער צווייטער וועלט־מלחמה.

שווער און ביטער איז געווען דער יידישער און אַלגעמיינער אַרבעטערשאַפט אין ליטע, אָבער דאָפּלט שווער און ביטער איז געווען די לינקע פּוע״צ, וואָס זיינען גערודפט געוואָרן פון רעכטס און פון לינקס, — אויסער פון דער „זשוואַלגיבע“ און פּאָליציי. די קאָמוניסטן פלעגן פּוע״צ פאַרשרייען ווי „ציוניסטן“, „ענגלישע אַגענטן“ וכדומה. אלא דער רום פון דער דעמאָלט לעגאַלער פּוע״צ פּאַרטיי אין ראַטן־פאַרבאַנד מיטן מאָסקווער פּוע״צ־אָרגאַן, וואָס פלעגט אָנקומען קיין ליטע (די איינציקע לעגאַלע פּאַרטיי צייטונג, וואָס איז דערשינען אין מאָסקווע ניט פון דער אָפיציעלער באָלשעוויסטישער פּאַרטיי) און דער רום פונעם „באָראָכאָוו באַטאַליאָן“ אין דער רויטער אַרמיי בעתן פּוילישן קריג מיטן ראַטן־פאַרבאַנד, וואו ס׳זיינען געווען ניט ווייניק „ליטוואַקעס“ — פלעגן אָפּהאַקן די בייזע יעווסעקישע צינגער און צונישט מאַכן זייערע רכילות. וואָרעם אָפּפרעגן די ראָל פון פּוע״צ אין ליטע גופא איז ניט לייכט געווען, כאָטש פּועלי־ציוניסטן זיינען געזעסן מיט זיי צוזאַמען אין די תפיסות, פאַרן אָנטייל אין בשותפותדיקע אַקציעס, אין בשותפותדיקע גאַסן־דעמאָנסטראַציעס, — פלעגט מען אויך העצן קעגן זיי און פאַרמסרן פאַר די ניט־יידן רעוואָלוציאָנערן, ווי קאָנטררעוואָלוציאָנערן, „ציוניסטישע חונפים“ וכדומה. אָבער אין די תפיסות פלעגט אַזאַ העצע אויך האָבן אַ פאַרקערטע ווירקונג, ווייל די תפיסה איז געווען דער „אַרבעטער אוניווערזיטעט“, וואו פּוע״צ־חברים האָבן געהאַט צייט און מעגלעכקייט אויפצוקלערן די ניט־יידן זייער פּראָגראַם. פּוע״צ אין ליטע האָט בשעתו אָנטייל גענומען אין „מאָפּר“ און אירע חברים אין די תפיסות האָבן גענאָסן פון דער „רויטער הילף“ ווי אַלע פּאָליטישע אַרעסטאַנטן.

די צ. ס., וואָס האָבן גענאָסן פון לעגאַליטעט, געהאַט

* אומגעקומען מיט זיינע 2 זין. רעד.

אַ טאָג־צייטונג און, דער עיקר, די גרויסע הנאה פון די סערטיפיקאַטן, פלעגן אויך רודפן פּוע״צ צוזאַמען מיט די אַלגעמיינע בירגערלעכע ציונים — מען פלעגט זיי פאַרשרייען ווי „יידישיסטן־ליקווידאַטאָרן“, „רויטע“, וכדומה. כאָטש פּוע״צ האָט קיינמאָל ניט מוותר געווען אויף אַ קוצו של יוד פון איר פּראָלעטאַרישן ציוניזם, מיטגעאַרבעט אין „פּאַלעסטינע אַרבעטער פאָנד“ און ברייט פּראָפּאַגאַנדירט פאַר דער אַרבעטערשאַפט דעם פּראָלעטאַרישן ציוניזם — דעם באָראָכאָוויזם.

אין יענער תקופה איז דער „החלוץ“ געווען געשלאָסן פאַר לינקע „פּועלי ציון“. פּוע״צ האָט געטענהט, אַז זייערע חברים, געניטע אַרבעטער דאַרפן קיין מלאכה ניט לערנען און קאָנען עולה זיין אָן „הכשרה“, פּועלי ציון נייטיקט זיך ניט אין דער פּאָליטישער צ. ס. דערציאונג פונעם „החלוץ“, וואָס ליגט אינגאַנצן אין זייערע הענט.

שפּעטער ווען פּוע״צ איז געלונגען צו ברעכן דעם פאַרבאָט פון יאָ גיין אין „החלוץ“, דאָרטן אַקטיוו צו אַרבעטן און געווינען טיפע סימפּאַטיעס צווישן דער חלוצישער יוגנט, פלעגט מען זיי ווידער רודפן און שוואַרץ־מאַכן ס׳לעבן. דאָרטן וואו דער פּוע״צ געדאַנק האָט באַהערשט חלוצישע פונקטן, פלעגט מען זיי רודפן ווי „יידישיסטן“.

נאָכדעם ווי פּועלי־ציוניסטישער חלוץ האָט אויף אַ פאַרזאַמלונג אָנשטאָט „ארץ ישראל“ געזאָגט — „פּאַלעסטינע“, האָט מען גענומען די פּועלי־ציון חברים אויסשליסן פון „החלוץ“, און זאָל אונטערשטראָכן ווערן, אַז פּוע״צ אין ליטע האָבן קיינמאָל ניט גענאָסן פון אַ לעגאַלן סערטיפיקאַט קיין ארץ־ישראל!

ניט געקוקט אויף דעם אַלעמען זיינען כסדר אויסגעוואַקסן און צוגעוואַקסן נייע קרעפטן, וואָס האָבן אָן הפסקה צוגעשטראָמט צו דער פּאַרטיי און אויסגעפילט די ליידיקע ערטער פון די פאַרשיקטע, אַנטלאָפענע און אַרעסטירטע.

ס׳איז צו דערמאָנען דעם „משונהדיקן“ פאַקט פון 1924—25, ווען אין דער פּועלי־ציון־באַוועגונג אין ליטע האָבן גענומען שטראָמען יוגנט פון די העכערע קלאַסן פון די העברעאישע גימנאַזיעס, וואָס זיינען אַזוי אויסגעהיט און באַשיצט געוואָרן פון דער לינקער פּאַרטיי אינעם ציוניזם...

ווען ס׳איז געשאַפן געוואָרן די אַלגעמיינע לינקע יוגנט־אָרגאַניזאַציע „וואַנדערפויגל“, דרינגען דאָרטן אַריין די יונגע פּוע״צ עלעמענטן, וואו זיי האַלטן זיך צוזאַמען אונטער דער השגחה פון פריער דערמאָנטן חבר אברהם מאַנדל.

די נייע יונגע קאַדרען, צוזאַמען מיט די רעשטן פון די עלטערע פּועלי־ציוניסטן גיבן אַרויס נייע טוער, וואָס וואַרפן זיך מיט באַגייסטערונג צו דער פּאַרטיי־אַרבעט. די פּאַרטיי אין ליטע בלייבט ווייטער אָפּגעשניטן פון דער וועלט־באַוועגונג צוליבן קריגס־צושטאַנד צווישן ליטע און פּוילן.

פונדעסטוועגן האַלטן זיי אָן געהיימע פעדעם מיט דער





דערמאָנטער וועלט־באַוועגונג, וואָס קאָאָרדינירט די פּאָליטישע אַרבעט פון אַלע פּועלי־ציון פּאַרטייען אין די לענדער, וואו זיי עקזיסטירן.

אין יאַנואַר 1925 פּרובירט די פּאַרטיי אַרויסצוגעבן פאַר ליטע אַ צייטונג, געדרוקט אין ריגע.ליידער איז דערשינען נאָר איין נומער „אַרבעטער געדאַנק“ (ריגע, 26.1.25), ווייל אין ריגע איז דער פּאָליטישער רעזשים געווען ניט קיין בעסערער ווי אין ליטע און אונדזערע לעטישע חברים זיינען דאָרטן אויך געווען אומלעגאַל. די צייטונג אין איר לייט־אַרטיקל כאַראַקטעריזירט דעם רעזשים אין ליטע אין 1925 מיט פאָלגנדע ווערטער:

„דער רעאַקציע־פלאַם זוכט אַריינצודרינגען ביז צו די וואָרצלען פון יעדער פרייער באַוועגונג און אויסראָטן אַלץ. אויב גאַלוואַנאָסקאַסעס מאַכט פלעגט זעצן אין טורמע פאַר שטרייקן, דערגייען איצטיקע מאַכטהאָבער דערצו, אַז פאַר אַ חשד אין פאַרשפּרייטן פּראָקלאַמאַציעס ווערן מענטשן (אויך מינדעריעריקע) פאַרמשפּט צום טויט, און נאָר דורכן „חסד“ פון פּרעזידענט ווערט די טויט־שטראָף פאַרביטן אויף אייביקע קאַטאָרגע.

ווען הונגעריקע אַרבעטער פאָדערן ברויט — ענטפערט מען זיי מיט פייער, פּאָליטישע אַרעסטירטע ווערן געשלאָגן ביזן פאַרלירן דעם באַוואוסטזיין, מען פירט זיי אין גאַס געשמידט אין קייטן...

...פאַרן האַלטן אַ בילדל פון קאַרל מאַרקס משפּט מען ווי אַ פאַרברעכער, געזעלשאַפטלעכע וויסנשאַפט איז טריף... אין די ליטווישע שולן ווערן די לערער פאַרביטן אויף גלחים. איז אַ מיטלשול עפּעס פרייער, נעמט מען פון איר אָפּ די סובסידיע, די קלעריקאַליזאַציע שפּאַרט אָן אויך אין יידישן לעבן, אַזוי האָט מען אַרויסגענומען די מעטריקאַציע פון די קהילות און איבערגעגעבן די רבנים, די „אַגודה“ (אַגודת ישראל) פאַרלירט געוויס גאָרניט פון דעם דאָזיקן מצב אין לאַנד...“

מיר וועלן פאַרענדיקן דעם קאַפּיטל מיטן נומער „אַרבעטער פּאַלעסטינע“, וואָס פּוע״צ האָט אַרויסגעגעבן אַ פּאָר חדשים פריער (סעפּטעמבער 1924), וואו מען גיט נאָך אָן דעם פּאַרטיי אַדרעס: „יידישער נאַצ. ראַט — פראַקציע 7“, כאָטש ראַבינאָוויטש איז געזעסן אין תפיסה און יוסף פרידמאַן — אין בערלין. די צייטונג איז אינגאַנצן געווידמעט ארץ־ישראל און אירע פּראָבלעמען. די צייטונג איז אויך פול מיט דער טיפסטער פאַרביטערונג קעגן דעם קאָונער „פּאַלעסטינע־אַמט“, וואָס האָט פאַר פּוע״צ אין ליטע „געשלאָסן די טויערן פון ארץ־ישראל. מען לאָזט אונדז ניט אַריבערטראָגן דעם פּראָלעטאַרישן ברען אין לאַנד פון אונדזער צוקונפט. מען פירט אַ ברייטע געלט־זאַמלונג פאַר ארץ־ישראל. די צייטונג דערציילט וועגן מיטינגען אין ניישטאָט, ווילקאָווישק, ווילקי, פּאָנעוועזש. מען זאַמלט יידישע ביכער פאַר ארץ־ישראל און מען פירט ווייטער די פּאָליטישע וויכוחים מיט דער יידסעקציע. מיר געפינען דאָרטן אַ מעלדונג פון צ. ק. וואָס קאָן נאָר כאַראַקטעריזירן די פּאָליטישע רייפקייט פון דער פּאַרטיי.

„אַזוי ווי דאָסמאָל קאָנען מיר ניט אַרויסשטעלן אייגענע רשימות צו די וואַלן אין די שטאָט־ראַטן, רופן מיר די ברייטע יידישע וויילער־מאַסן צו שטימען און אַגיטירן פאַר די אַלגעמיינע אַרבעטער־רשימות“.

ניט קיין קליינעם אָרט האָבן פוע״צ אין קאָוונע פאַרנומען צווישן די סטודענטן אין קאָוונער אוניווערזיטעט, וואו מיט דער הילף און איניציאַטיוו פון לינקן פוע״צ, ישראל ניצעוויטש, ווערט געשאַפן דער סטודענטן־פאַראיין: „צו דערלערנען און פאַרשפרייטן די יידישע שפּראַך און ליטעראַטור ביים ליטווישן אוניווערזיטעט“. נאַטירלעך, דריקט ניט אויס דער דאָזיקער נאָמען דעם אמתן פנים און כאַראַקטער פון יידישן סטודענטן־פאַראיין, וואָס האָט אין דער אמתן קאָנצענטרירט און אָרגאַניזירט אַלע פּראָגרעסיווע און לינקע יידישע סטודענטן, וואָס האָבן בייגעטראָגן זייער חלק צום אַלגעמיינעם סאָציאַליסטישן קאַמף קעגן דער ליטוויש־גלחישער רעאַקציע. ווי געזאָגט, איז איינע פון די הויפּט־פיגורן אין דער דאָזיקער באַוועגונג געווען ישראל ניצעוויטש (פּסיידאָנים: איזידאָר צעוויני). אין אַפּריל 1924 האָט דער סטודענטן־פאַראיין אַרויסגעגעבן אַ שיינעם זאַמלהעפט „קולטור און לעבן“ (קאָוונע, אַפּריל, 1924, רעדאַקטאָר — חבר שמידט, סטודענט. פון דער שרייבער־רשימה אין דער דערמאָנטער אויסגאַבע וועט איר זען, אַז דאָרטן האָט דעם לייטאַרטיקל געשריבן „צעוויני“, אַ צווייטן אַרטיקל — ל. חיין, אַ דריטן, ה. דודס — אַלע פוע״צ חברים. אַפילו די לידער פון דיכטער ה. בלאָשטיין זיינען געקומען דורך פוע״צ, ווייל דער איציקער יידיש־סאָוויעטישער שרייבער ה. בלאָשטיין איז דעמאָלט געווען אַ סימפּאַטיקער פון פוע״צ און מיטגעאַרבעט אין „אַרבעטער צייטונג“ (ער איז דעמאָלט געווען אַ פאָלקס־שול לערער אין יאַנאָווע).

אין אַפּריל 1926 געלינגט יוסף פרידמאַנען צוריק אויפצושטעלן דעם פאַרלאַג „פונקען“ (דער דאָזיקער פאַרלאַג האָט בשעתו אַרויסגעגעבן אויך אייניקע ליטעראַרישע אויסגאַבן, ווי האָפּשטיינס לידער און דאָס באַקאַנטע בוך „די וואַנט“ פון דוד פינסקי, וואָס איז קאָנפיסקירט געוואָרן אין פוילן. („די וואַנט“ דערציילט ווי אַזוי די פּאָליאַקן האָבן אין פינסק דערשאָסן אַרעסטירטע צ״צ). גלייכצייטיק האָט דער פאַרלאַג אַרויסגעגעבן אַ זאַמלבוך פון די לינקע פוע״צ אין די באַלטישע לענדער אונטערן נאָמען „אַרבעטער געדאַנק“, וואָס איז אַריינגעשוואַרצט געוואָרן אין ליטע דורך אונדזערע ניישטאָטער און קיבאַרטער חברים. דער „אַרבעטער געדאַנק“ איז געווען רייך מיט ידיעות פון א״י און ליטע אין 1926.

אברהם אמאַנסקי (א. מאַנדל) רעאַגירט אין אַ גרויסן אַרטיקל וועגן דער ליקווידאַציע פון די קהילות אין ליטע.

„ביי די איצטיקע פּאָליטישע פאַרהעלטענישן אין ליטע, וואו עס הערשט ווילקיר, וואו יעדעס פרייע וואָרט איז אַבסאָלוט דערשטיקט, וואו דער גאַנצער מלוכה־אַפּאַראַט געפינט זיך אין די הענט פון גלחישן בלאָק, קאָן קיין רייד ניט זיין פון וועלכע ניט איז רעכט... היינט איז שוין קלאָר געוואָרן פאַר יעדערן, אַז בלויז נאַציאָנאַל־פּראָלעטאַרישע זעלבסטפאַרוואַלטונג, וואָס וועט זיך באַזירן אויף אַן אַרבעטער־און פּויערים־מאַכט איז מסוגל צו לייזן די פראַגע (יידישע) אין ליטע אויף דעם געהעריקן אופן“...

ליטע האָט דערלעבט מאַנדלס נבואה צו זען אויף דער וואָר, אָבער ס׳זיינען דאָרטן פאַרבליבן זייער ווייניק יידן פאַר וועמען צו לייזן די „פּראָלעטאַרישע זעלבספאַרוואַלטונג“... זיי געפינען זיך צוזאַמען מיט די לינקע פוע״צ אין גרויסן ברידער־קבר.

4

פאַרוואָס האָט ליטע געגעבן יידן אויטאָנאָמיע און נאַכהער איר פאַרניכטעט? אויף דעם האָט פוע״צ געענטפערט; געגעבן האָבן זיי די אויטאָנאָמיע, ווייל זיי האָבן זיך גענייטיקט אין דער הילף פון די יידן אויף געביטן פון זייער מלוכה־לעבן, — ווי אַ פּויערים פאָלק אָן אַן אינטעליגענץ, אָן אַ האַנדלס־קלאַס און אָן פאַרבינדונגען מיט אויסלאַנד. די יידן האָבן זיי געגעבן אַלץ אין דער ערשטער תקופה: זייער מלוכה־ראַם, אינטעליגענץ, דיפּלאָמאַטן, אַ ברייטע ליטווישע פּראָפּאַגאַנדע אין אַמעריקע, ענגלאַנד, פראַנקרייך, אַפילו דייטשלאַנד. דער ציוניזם האָט זיי זייער פיל געהאָלפן, יידן האָבן געפירט זייער האַנדל, יידן האָבן זיי געליפערט פאַכלייט און יידן האָבן געבילדעט גאָר אַ וואָגיקע צאָל אין ווילנער געביט, וואָס זיי האָבן געהאָפט צוריקקריגן; דאָרטן האָבן די צענדליקער, טויזנטער יידישע שטימען פאַר ליטע געקאָנט מכריע זיין. אָבער תיכף ווי זיי האָבן זיך אויסגעלערנט אַליין צו שאַפן און זיך מיאש געווען פון צוריקקריגן ווילנע אויף אַ דעמאָקראַטישן לעגאַלן וועג — האָט מען זיך אויפגעהערט צאַצקען מיט די יידן און ברוטאַל צוגענומען און פאַרניכטעט אַלץ, וואָס די יידן האָבן באַקומען (רעכט). ווי „פּרימיטיוו“ די דאָזיקע טענה זאָל איצט ניט קלינגען, איז איר יסוד אַ ריכטיקער!

דער קאָנפליקט מיט פוילן צוליב ווילנע האָבן די גלחים מער אויסגענוצט כלפי פנים, ווי כלפי חוץ. קודם כל דער קריג־צושטאַנד, וואָס האָט זיי דערמעגלעכט „לעגאַל“ צונישט מאַכן די ליבעראַלע קאָנסטיטוציע, וואו די יידישע נאַציאָנאַלע אויטאָנאָמיע איז געווען פאַרזיכערט אין אַ ספּעציעלן קאַפּיטל, צולעצט האָבן שוין משלים געווען די „זשוואַלגיבע“ מיט דער פאַשיסטישער אָרגאַניזאַציע „אייזערנער וואָלף“.

1926 איז פאַר ליטע געווען אַן איבערברוכס יאָר: ס׳זיינען פאָרגעקומען וואַלן צום סיים און די אַרבעטער און פּויערים פּאַרטייען צוזאַמען מיט די פּראָגרעסיווע „ליאודינינקעס“ (פאָלקיסטן) האָבן באַזיגט דעם שוואַרצן קלעריקאַלן פראָנט.

אין יולי 1926 קומט זיך צונויף דער נייער סיים און שאַפט אָפּ דעם פאַרהאַסטן קריג־צושטאַנד. דער סיים קערט צוריק פרייהייט פון וואָרט און פאַרזאַמלונג און דעקרעטירט אַן אַמנעסטיע פאַר אַ גרויסער צאָל פּאָליטישע אַרעסטירטע. דער נייער סיים פאַרריכט אַ ביסל

דעם אגרארן און סאציאלן געזעץ, אבער צו די מיעוטים, וואס האט א שייכות צו די אפגענומענע יידישע רעכט, איז מען ניט דערגאנגען, דאס לאנד אטעמט פריי אפ און ס'שאפט זיך ווידער א רעוואלוציאנערע סיטואציע — די ארבעטער פארטייען גייען ארויס פונעם אונטערגרונט און אנטוויקלען א ברייטע ארגאניזיר־ארבעט, צוריקצושטעלן די חרובע ארבעטער־באוועגונג.

פוע"צ באווייזט זיך ווידער עפנטלעך אין די שטעט און שטעטלעך פון ליטע. די „ארבעטער־צייטונג", וואס איז געווען געשלאסן זינט מאי 1922, דערשיינט פונסניי רעגולער יעדע וואך, ווערט גוט פארשפרייט און ווערט צוריק א וועגווייזער און א ווארטזאגער. שוין אין ערשטן נומער ווארנט די פוע"צ פארטיי די דעמאלטיקע מאכטהאבער, די סאציאל־דעמאקראטן:

„צאלט אפ די פריערדיקע פינצטערע הערשער לויט זייערע מעשים... רייניקט אויס דעם מלוכה־אפאראט פון שווארצן קאדעטישן סם".

...„דאס ערגסטע שמוץ אין לאנד, די בלוטיקע „זשוואלגיבע" עקזיסטירט ווייטער אונטער דער מאכט פון סאציאל־דעמאקראטישן מיניסטער פאזשעלא... אט די „זשוואלגיבע", וואס האט אזוי טריי געדינט די פאשיסטן און אזוי אכזריותדיק געפייניקט ארבעטער".

די ס. ד. האט זיך איינגערעדט אז די „זשוואלגיבע" וועט זיי העלפן אויסראטן די פאשיסטן, און די „ארב. צייטונג" דערציילט, אז „זשוואלגיבע" טוט גאר עפעס אנדערש „זיי שמעקן און דרייען זיך ארום די פראפ.־פאראיינען און גייען נאך יעדן טריט פון די אמנעסטירטע לינקע טוערס".

ראטשיס, דער שעף פון „זשוואלגיבע", דער אינקוויזיטאר פון ליטווישן און יידישן ארבעטער־קלאס, אט די גרויזאמע חיה איז ניט ארעסטירט געווארן, נייערט באשטימט געווארן דורך דעם ס. ד. מיניסטער פאר א פאליציי־אינספעקטאר...

ווי פון אונטער דער ערד באווייזן זיך ווידער אויף די טריבונעס די פארשטומטע נעמען פון פוע"צ טוער: ישראל ניצעוויטש, אברהם מאנדל, זלמן טאמפאווסקי, העניע זאקס, די ברידער באלעל, מאטקע לאן, סמאליאקאוו, י. גאר, טרויב פון פאנעוועזש, מאטל פון דארפאט, שלמה פון ריגע. ס'באווייזן זיך ווידער עפנטלעך די אלטע פוע"צ טוער פון קיידאן: יעקב וואלפערט, דער שלאסער, אברהם מינסק, ברוך שמש (אהרן מעכלינסקי איז געווען אין קאוונע), ס'רופן זיך אפ שמעון שלמה און חיה פון דארפאט, ס'באווייזט זיך צוריק דעמבא (פאנעוועזש), שלום חייטין פון טעלזש, דוד באטלער פון זשאגער, ס'לעבן אויף די חברים פון ריגע (משה הערצבערג בלייבט זיצן אין טורמע), אפילו אין ווייטן עסטלאנד לעבן אויף די פועלי־ציון חברים, וואס זיינען ענג פארבונדן מיט דער ליטווישער פארטיי, ס'שטייען אויף תחית־המתים אזעלכע „פארגעסענע" טוער, ווי ווערזשבאלאווסקי פון ניישטאטשאקי, ס'קומט אויף א נייע פוע"צ־ארגאניזאציע אין





מעמעל, ס'רופן זיך צוריק אפ אלע ארגאניזאציעס און גרופן פון די פארווארפנסטע פונקטן אין ליטע.

די הויפט־ארבעט איז אין יענער תקופה געווען דאס צוריקשטעלן די צעבראכענע פראפ. באוועגונג, באלעבן די קולטור־ארבעט, וואס האט אנגעפירט א מין עקספאזיטור פון דער קולטור־ליגע — די געזעלשאפט „ליבהאבער פון וויסן". (די „קולטור־ליגע" איז געשלאסן געווארן דורך דער מאכט אין 1924). די פוע"צ ארגאניזאטארן און רעדנער לאזן זיך ארויס איבער דער מרה־שחורהדיקער פראווינץ, מונטערן און וועקן צוריק צו בויען די געשעדיקטע באוועגונג און ווי ס'האט זיך געפירט יענע יארן, האט מען נאך ניט באוויזן צוריקצובויען די פראפ. באוועגונג, ווי ס'האט זיך צעפלאקערט אן אינערלעכער קאמף. ס'האבן זיך פארשארפט די אידעאלאגישע רייבונגען אין די נאר־וואס אויפגעמונטערטע פראפ. פאראיינען, ס'דערגייט צו שפאלטונגען — די קללה פון דער אינטערנאציאנאלער ארבעטער־באוועגונג יענע יארן אומעטום.

אלע נומערן „ארבעטער צייטונג" פון יענע 5 פרייע חדשים אין 1926 לויטערן צארנדיק און ווארענען: „שפאלט ניט די פראפ. באוועגונג! רוימט אויס דעם מלוכה־אפאראט פון דער פאשיסטישער פלאג!" אבער... די „זשוואלגיבע" האט ווייטער געווירקט, די פאשיסטן האבן בעסער פארשטאנען ווי אזוי אויסצונוצן די „פרייהייט", ווי די דעמאלט הערשנדע סאציאל־דעמאקראטן און ליבעראלן. אפשאצנדיק די שווארצע קרעפטן אין ליטע אין יאר 1926 מוזן מיר נעמען אין אכט די פאליציי און די ארמיי מיטן פריצישן אפיצערנטום וואס איז געווען דורכאויס פאשיסטיש, זייער שאטן איז געהאנגען איבער ליטע, איבער דער פרייהייט־דורשטיקער באפעלקערונג.

פוע"צ, וואס האט זיך דעמאלט גרופירט אין אלגעמיינעם „וואנדערפויגל", דערפילן זיך שלעכט אונטער די שיקאנעס און רדיפות פון דער יידסעקציע, וואס באהערשט דעם פאראיין, בלית ברירה ארגאניזירן פוע"צ א זעלבשטענדיקע יוגנט־ארגאניזאציע „שטורעם־פויגל". די פארטיי האט מיט אלע חושים געפילט די באדנלאזיקייט און צייטווייליקייט פון דער נייער רעגירונג, דעריבער האבן זיי באלד ניט צוריק לעגאליזירט דעם פארטיי־נאמען, נאר ווייטער אויפגעטרעטן ווי די „ארבעטער פראקציע 7". ערשט די לעצטע וואכן פון דער „פרייהייט" לעגאליזירט זיך די פארטיי ווי א לאנדעסגעזעלשאפט: „ארבעטער היים א. נ. פון ב. באראכאוו".

דעם 11־טן דעצעמבער קומט פאר אין קאוונע, אין זאל פון פאלקס־קיך (מאפו גאס 10), די פארמעלע גרינדונגס־פארזאמלונג, וואס באשטעטיקט דעם אפיציעלן סטאטוט פון 3 גרונט־פונקטן: 1) פארשפרייטן די אידעען פון סאציאליזם צווישן די ארבעטער־מאסן, 2) מיטהעלפן דער באשאפונג פון יידישן ארב. צענטער אין ארץ־ישראל, 3) שטיצן דעם קאמף פאר רעכט און אנטוויקלונג פון דער יידישער שפראך און קולטור אין אלע לענדער פון

יידישן מאַסן־ישוב און פאַר איר הערשאַפט אין יידישן קולטור־לעבן"...

וואָס פּוע"צ ווערט קרעפטיקער, ווערט זי איצט מער גערודפט דורך... דער אַלגעמיינער אַרבעטער־אָרגאַניזאַציע, וואו די יידסעקציע דאָמינירט. פריער, ווי געזאָגט, האָט מען פּוע"צ גענומען אויסשליסן פון „וואַנדערפויגל" פאַר באַראָכאָוויסטישער אַגיטאַציע (מיטן זעלבן מאָטיוו פלעגט מען זיי אויסשליסן פון צווייטן פאָלוס, פון „החלוץ"...)

נאַכהער האָט מען פּוע"צ אויך גענומען אויסשליסן פון די ספאָרט־פאַראיינען: „איסא" און „אָלימפּ", נאַכהער — פון דער „געזעלשאַפט ליבהאָבער פון וויסן". אָט די סיטואַציע האָט דער פּאַרטיי געטריבן צו דער זעלבשטענדיקער אָרגאַניזאַציע „אַרבעטער היים". אין לעצטן נומ' „אַרבעטער צייטונג" (סוף דעצעמבער 1926) ווערט באַשריבן די ערשטע פאַרזאַמלונג פון „אַרבעטער היים" אין קאָוונע, וואָס איז ניט אויסגעמיטן געוואָרן פון אַ יידסעקישן איבערפאַל. אין יענער פאַרזאַמלונג האָבן זיך באַטייליקט 200 חברים פון קאָוונע און זי האָט זיך פאַרענדיקט אין אַ געהויבענער שטימונג מיטן געזאַנג פון דער שבועה און אינטערנאַציאָנאַל (שבת, דעם 11־טן דעצעמבער 1926), דאָס איז געווען די ערשטע און לעצטע לעגאַלע פאַרזאַמלונג פון פועלי־ציון אין קאָוונע אין יענע פאַר פרייע חדשים...

אין אָקטאָבער פאַרגינט זיך ס. ד. פּאָליציייאיש צו שליסן די פּראָפ. פאַראיינען אין פּאָנעוועזש, וואָס שטורעמט אויף די אַרבעטער באַוועגונג. ס'ברענט אַ ברידערקאַמף אינעם ליטווישן פּראָלעטאַריאַט און די „זשוואַלגיבע" צעפּירט פונסניי אירע הענט ווי אין די אַלטע גוטע צייטן, די תפיסות ווערן ווידער איבערפולט, דאָס מאָל מיט לינקע אַרבעטער־אַקטיוויסטן. די פאַשיסטן אָרדענען איין „סטודענטישע" גאַסן־דעמאָנסטראַציעס מיט אונטערוועלט וואָס לעכצט נאָך פּאָגראָם־רויב. די אַרבעטער וואַרפן די אַרבעט און אָרדענען איין קעגן־דעמאָנסטראַציעס. צווישן ביידע מחנות ווירקט די רייטער פּאָליציי, וואָס צעטרייבט און שלאָגט מכות רצח... די אַרבעטער. די ס. ד. באַווייזן נאָך צו שליסן פּאָליציייאיש דעם ספּאָרט־קלוב, „איסא" אין פּאָנעוועזש און אָרדענען איין אַ מאַסן משפט איבער לינקע אַרבעטער אין קאָוונע.

די פאַשיסטן דערפילן אַז די רעגירונג האָט פאַרלוירן איר אויטאָריטעט אין לאַנד, אַ רעגירונג, וואָס האָט מיט אירע אייגענע הענט אויסגעליפערט איר מאַכט דער „זשוואַלגיבע", פּאָליציי און מיליטער. אין טאָג, ווען פּוע"צ האָבן זיך געגרייט צו פייערן אין גאַנצן לאַנד באַראָכאָווס יאָרצייט, דעם 17־טן סעפּטעמבער 1926, ברעכט אויס דער פאַשיסטישער פּוטש, וואָס מאַכט אַ סוף צו דער קורצער פרייהייט ביזן סוף פון ליטעס זעלבשטענדיקן קיום.

אין „אַרב. צייטונג", ס'לעצט נומער (55) 15, דאַטירט פרייטיק דעם 17־טן דעצעמבער 1926 (אגב, דערשינען אין גרעסערן פאָרמאַט מיט באַראָכאָווס בילד אויף דער ערשטער זייט), איז דער לייטאַרטיקל טיטולירט „דער



אָנהייב פון סוף". דער מחבר (ח. ישראל) האָט זיך ניט פאָרגעשטעלט אַז זיין „אָנהייב פון סוף" וועט דערשיינען שוין נאָכן סוף. אין אַ צווייטן אַרטיקל געחתמעט א. מ. (אַ. מאַנדל) וואָרנט די „אַרב. צייטונג" ליידנשאַפטלעך דעם ליטווישן פּראָלעטאַריאַט מען זאָל זיך באַזינען און צוריקשטעלן די גאַנצקייט פון דער פּראָפ. באַוועגונג און ראַטעווען דאָס לאַנד פון די פאַשיסטישע נעגל. אָבער אויך דער אַרטיקל האָט דערזען די ליכטיקע שיין נאָך אַלעמען, ווען דאָס לאַנד איז געלעגן פאַרפלייצט אין אַרבעטער בלוט און אירע טראַקטן האָבן באַצירט תליות. ווי אַ טרויעריקער שפּאָס קלינגען די דערציילונגען אין דער דערמאָנטער היסטאָרישער צייטונג, ווי אַזוי די יידסעקעס באַפאַלן די לעצטע וואכן און שלאָגן מערדערלעך די יוגנט־חברים פון... פּוע"צ.

אין די לעצטע צוויי נומערן „אַרבעטער צייטונג" זייגען נאָך אַנאָנסירט פּוע"צ מיטינגען אין קאָוונע, פּאָנעוועזש, קיידאַן, אוטיאַן, זשאַגער, טעלזש, ווילקאָווישק, ניישטאָט, שירווינט און וואַרנע, וואָס האָבן געזאָלט פאָרקומען סוף דעצעמבער. אין דער רעדנער־ליסטע געפינען מיר שוין נייע נעמען פון דער יונגער גענעראַציע פּוע"צ, ווי גוטמאַן [1], ראַבינאָוויטש, ברוך שאַמעס, דוד גאַטלער [1], נ. באָלעל [2], שלום חייטין א. אַ. וו.

נאַכט האָט צוריק אַראָפּגעגנידערט איבער דער געפייניקטער אַרבעטער ליטע, די מאַכט איז צוריק אַריבער צו דער „זשוואַלגיבע" און דער פּאָליציי, וואָס האָבן זייער קאַריערע פאַרענדיקט 15 יאָר שפּעטער מיטן העלפן די היטלעריסטישע בעסטיעס ליקווידירן די יידישע געטאָס פון קאָוונע און ווילנע און ווי די יידישע רעשטן דערציילן: „האָבן די ליטווישע פּאָליציאַנטן אַרויסגעוויזן מער גרויל און גרויזאַמקייט, מער בלוטדורשטיקייט און בעסטיאַליטעט כלפּי די שוצלאָזע יידן, ווי די בלוט ריינע נאַציישע אַרכי־מערדער פון דייטשלאַנד".

אַ באַזונדערע ווירקונג האָט די אויפלעבונג פון פּוע"צ אין 1926 געהאַט אויף די שכנותדיקע לענדער: לעטלאַנד און עסטלאַנד. אין ריגע האָט פריער געווירקט משה הערצבערג, וואָס איז פאַרמשפּט געוואָרן אויף לאַנגיאָריקער תפיסה. אין 1926 געפינען מיר דאָרטן אַ באַנייטע פּוע"צ אָרגאַניזאַציע. אין עסטלאַנד, וואו די יידן האָבן גענאָסן פון אַ נאַציאָנאַל־קולטורעלע אויטאָנאָמיע האָט אין דעם אָפיציעלן קולטור־ראַט געאַרבעט און געווירקט אַן אָפיציעלע פראַקציע פון לינקע פּוע"צ לויטן מוסטער פון דער „פראַקציע 7" אין ליטע, אין עסטלאַנד מיט דער הילף פון ליטווישע חברים האָבן פּוע"צ געשאַפן די געזעלשאַפט „ליכט", וואָס האָט געהאַט אַנטוויקלט אַ שיינע קולטור־און־פּאָליטישע אַרבעט צווישן אָרטיקן קליינעם יידישן קיבוץ.

אַמבולטסטן כאַראַקטעריזירט די פאַרוואָרצלונג פון דער לינקער פּוע"צ די פרעסע־קייט אין דער באַנייטער „אַרבעטער צייטונג" מיט די רשימות פון הונדערטער און

1. לעבן אין ר"פ. — רעד.
2. אין ישראל — רעד.

הונדערטער נעמען פון אַלע שטעט און שטעטלעך אין ליטע, צוזאַמען מיט די נעמען פון דאָרפּאַט און רעוועל פון עסטלאַנד, צוזאַמען מיט די נעמען פון ריגע, צוזאַמען מיט די נעמען פון די פּאָלטישע פּוע"צ עמיגראַנטן פון ליטע און דייטשלאַנד, צוזאַמען מיט צענדליקער נעמען פון אַנטלאָפענע פּוע"צ אין אַלע ערד טיילן, וואָס האָבן זיך מיט זייער באַשיידענער הילף אַריינגעקייטלט אין דער היימישער פּאַרטיי־משפּחה און דורך דער דאָזיקער קייט אַרויסגערופן און דערמאָנט אייגער דעם צווייטן זייער מקור, די געוועזענע היים אין ליטע.

ס'איז כדאי צו דערמאָנען די פּאַסיוויטעט פון יידישן בירגערטום אין די פּאָר פריִע חדשים, להיפך צום אַרבעטער־קלאַס, וואָס האָט די קורצע צייט זיך באַמיט אויסצונוצן ביזן מאַקסימום צוריקצושטעלן די פּאַרלוירענע פּאָזיציעס. די יידישע נאַציאָנאַל־אויטאָנאָמיע איז געבליבן טויט — און דאָס בירגערטום האָט עס אַזוי געלאָזט רוען אַפּאַטיש, ווי זי וואָלט קיינמאָל ניט עקזיסטירט אין ליטע.

.5

דעם 17־טן סעפּטעמבער 1926 איז די מאַכט צוריק אַריבער צום פאַשיזם און ליטע איז אַרונטערגעפאַלן דער דיקטאַטור פון פּראָפ. וואָלדעמאַראַס*, אַ פאַשיסט, וואָס האָט זיך באַצויגן צו די יידן ווי מוסאָליני אין איטאַליע.

דאָס יידישע בירגערטום, באַזונדערס די יידישע פּרומאַקעס, האָבן זיך גיך צוגעפּאַסט צום נייעם סדר. ווי געזאָגט, איז די יידישע נאַציאָנאַלע אויטאָנאָמיע פאַרניכטעט געוואָרן פריִער דורך דער מאַכט פון די גלחים. די רעגירונג, נאָכדעם ווי זי האָט געשלאָסן דעם יידישן מיניסטעריום און נאַציאָנאַלן ראַט, האָט דורך אַ צירקולאַר געפאָדערט פון די קהילות אויסקלייבן ליקווידיר־קאָמיסיעס, וואָס זאָלן איבערגעבן די „מאַכט" מיט די רעשטן פון קהילהשן רכוש דער ניי־געגרינדעטער קלעריקאַלער געזעלשאַפט „עזרה", וואָס זאָל פאַרטרעטן די פריִערדיקע וועלטלעכע קהילה. ווי דער פּועלי־ציוניסטישער „אַרבעטער געדאַנק" פון בערלין (געדרוקט פאַר ליטע) גיט איבער, איז דעם 15־טן מערץ 1926 נאָך פאָרגעקומען אַ פּלענום פון קאָוונער קהילה וואָס האָט געזאָלט וויילן אַזאַ ליקווידיר־קאָמיסיע. די פאָרשטייער פון די אַרבעטער, בתוכם פּוע"צ, האָבן געפאָדערט אַן אָרט אין דער דאָזיקער קאָמיסיע, זיי האָבן אויך געפאָדערט איבערגעבן אַ טייל פון קהילה־רכוש די יידישע אַרבעטער, וואָס האָבן דעם רכוש געשאַפן. דער באַריכט אונטערשטרייכט, אַז די צ. ס. האָט אַזאַ פאָדערונג ניט אַרויסגעשטעלט, און אין דעם וויכטיקן פּרט זיך פאַרלאָזן אויף די אַלגעמיינע ציונים און „מזרחים"...

אין דער דערמאָנטער אויסגאַבע געפינען מיר נייע קאָרעספּאָנדענצן פון פּוע"צ פון ווילקאָווישק, פּאָנעוועזש,

---

* די סאָוויעטן האָבן אים געכאַפּט אין 1941 — רעד.





קיידאַן, קאָוונע, ניישטאָט, דאָרפּאַט (עסטלאַנד) און פון מעמעל, וואו ס'ווערט דערציילט, אַז פּועלי־ציון לעבט און ווירקט ווייטער אין די נייע באַדינגונגען.

ש. (שלום חייטין) שרייבט דאָרט פון טעלזש איבער ברוטאַלע רדיפות אויף פּוע"צ מצד דער מאַכט, מצד דער יידישער רעאַקציע (די ישיבה־שטאָט טעלזש איז אין ליטע געווען אַ באַסטיאָן פון יידישן קלעריקאַליזם) און מצד די... רויטע, ער דערציילט אַ כאַראַקטעריסטישן פאַל ווי אַזוי אַ „מאַכער" האָט אויסגעשטאָכן די אויגן פון באַראַכאָווס בילד, ווי אַזוי אין דער אָרטיקער ביבליאָטעק וואָס ליגט אין די הענט פון די רויטע, האָט מען פון „רויטן פּנקס" אַרויסגעריסן זרבבלס אַן אַרטיקל „וועגן פּועלי ציוניזם". אין דער אויסגאַבע איז אויך פאַראַן אַ גרוס פון ריגער פּ"צ, וואָס זיינען טעטיק אויף אַלע געביטן.

ס'איז נאָך ניט אַוועק קיין יאָר פון דער באַנייטער פאַשיסטישער מאַכט און די פּאַרטיי פאַרפלייצט ווידער דאָס לאַנד מיט אויפרופן, לאָזונגען, מאַסואוקעס, באַגעגענישן; מען פאַרהיילט די וואונדן, מען זאַמלט כוח און די אַרבעט איז אין פולן גאַנג. די „יוגנט" נוצט אויס די „פּראָלעטאַרישע טעג", ווי דעם ערשטן מאַי, דעם 7־טן נאָוועמבער, די באָראָכאָוו יאָרצייטן, דעם ערשטן אויגוסט א. אַ. וו. פאַר ספּאָנטאַנע דעמאָנסטראַציעס, זיי לאָזן אין די גאַסן פליִען טויבן מיט רויטע פענדלעך, צוגעבונדן צו די פיסלעך, זיי פאַרשמירן די ווענט מיט אַנטיפאַשיסטישע לאָזונגען און פאַרקלעפּן זיי מיט פּוע"צ־פּראָקלאַמאַציעס.

ווי פּוע"צ זיינען ניט עלנט אין ליטע, זיינען זיי ענג און האַרציק צוזאַמענגעשמידט און ציִען זייער יניקה און באַגייסטערונג פון דעם אַלוועלטלעכן כאַראַקטער פון דער באַוועגונג, אין דעם פּרט האָט געשפּילט אַ גרויסע ראָלע די בערלינער פּוע"צ־אָרגאַניזאַציע, וואָס פלעגט זיי באַזאָרגן דורך כלערליי אומוועגן, מיט פּאַרטיי־ליטעראַטור פון דער גאַנצער וועלט, באַזונדערס פון פּוילן און א"י.

די ליטווישע יידן בכלל, וואָס רייסן זיך צום לעבן, פילן אינסטיקטיוו די סכנה פון חורבן, וואָס האָט זיך אויף זיי אָנגערוקט אַ צען יאָר שפּעטער. דער ציוניסטישער געדאַנק און די בענקשאַפט נאָך פרייהייט און זעלבשטענדיקייט פאַרכאַפּט אַלץ גרעסערע מאַסן. יידן ווילן זיך ראַטעווען, זיך ראַטעווען מיינט פאַר זיי: ארץ־ישראל. זיי דורשטן נאָך באָדן אונטער די פיס, זיי ווילן זיין אַ פאָלק „ככל הגויים". אין יענע יאָרן ברייטערט זיך אויס דער „החלוץ", ס'קומט אויף דער „העובד" און דער סערטיפיקאַט ווערט אַ לעבנס־פראַגע פאַר ברייטע יידישע מאַסן. אָבער דער סערטיפיקאַט איז בתכלית האיסור פאַר פּוע"צ.

כאָטש זיי טרעטן אַריין אין „החלוץ" און פירן אַ ברייטע פּראָלעטאַריש־ציוניסטישע אויפקלערונג און טעטיקייט, געניסן זיי ניט פונעם אויסגעבענקטן לאַנד א"י. די צ. ס. נוצט גוט אויס דעם צוציאונגס־כוח פון סערטיפיקאַט, וואָס נעמט געבן מאַכט אין יידישן לעבן.

צו דער „יידישע שטימע", די טאָג־צייטונג פון אַלגעמיינעם ציוניזם, קומען צו נאָך צוויי טעגלעכע צייי־

טונגען: „דאָס וואָרט“, פון צ. ס. און די פאָלקיסטישע „פאָלקס־בלאַט“ (פעברואַר 1930). שפּעטער קומט צו אַ דריטע טאָג־צייטונג פון די רעוויזיאָניסטן „דער מאָמענט“. די יידישע קלעריקאַלן האָבן יענע יאָרן גאָר אויפגעלעבט, נאָכדעם ווי זיי האָבן באַקומען פון דער מאַכט אין אַרענדע די עקספּאָזיטור פון די צעבראָכענע קהילות, — די „עזרה“ — אַ מין נייע רעליגיעזע קהילה, וואָס רודערט אַרום אין יידישן לעבן מיטן חסד פון דער פאַשיסטישער מאַכט, וואו וואַל־רעכט האָבן נאָר די מתפּללים פון די בתי מדרשים!

בעת דער א״י־געדאַנק און דער ציוניזם איז געווען אַזוי פּאָפּולער אין ליטע, האָט די פאָלקיסטישע טאָג־צייטונג „פאָלקס־בלאַט“ ניט געקאָנט אויסמיידן ארץ־ישראל, כאָטש דער ציוניזם איז דער רעדאַקציע ניט געווען שטאַרק צום האַרצן, האָט זי איינגעלאַדן אַלס שטענדיקן קאָרעספּאָנדענט פון ארץ־ישראל, דעם שרייבער פון די שורות, וואָס פלעגט זיך חתמענען „אבא גוטעס“ און אים פאַרזיכערט פולע פרייהייט פון וואָרט אין דער צייטונג.

אַבאַ גוטעס האָט אויסגענוצט די געלעגנהייט און זיך רעכענענדיק מיטן מצב פון פּועלי־ציון אין ליטע, וואָס קאָן ניט האָבן קיין אייגענע לעגאַלע פּעריאָדישע טריבונע, במשך פון קנאַפּע 10 יאָר צייט ביז קורץ פאַר דער מלחמה (ווען די יידסעקציע האָט איבערגענומען די צייטונג), וואָך־איין, וואָך־אויס געשיקט זיינע גרויסע קאָרעספּאָנדענצן פון א״י, אָפטמאָל צוויי מאָל אַ וואָך. די „פאָלקס־בלאַט“ האָט, ווענלדיק צי ניט ווענלדיק, געהאַלטן וואָרט און דעם מאַטעריאַל געדרוקט. דער מאַטעריאַל איז ניט געווען סתם אינפאָרמאַציע, נייערט אינפאָרמאַציע מיט באַלייכטונגען, — די זעלבע אַרטיקלען פון זעלבן מחבר וואָס זיינען געדרוקט געווען אין דער פּוע״צ־פּרעסע אומעטום. דער קאָרעספּאָנדענט האָט דערפאַר ניט גענומען קיין געהאַלט, ער האָט עס געטאָן פון ריין פּאַרטייאישן אינטערעס צו העלפן די ליטווישע פּאַרטיי־חברים. די „פאָלקס־בלאַט“ האָט אַלץ געדרוקט, אַפילו אַ גרויסן ציוניסטיש־סאָציאַליסטישן ראָמאַן פון זעלבן מחבר אונטער אַן אַנדערן נאָמען, וואָס האָט זיך געדרוקט מיט המשכים 43 וואָכן. דירעקט און אומדירעקט איז דאָס געווען אַ גרויסע הילף דער אומלעגאַלער פּוע״צ באַוועגונג.

ליטע איז יענע יאָרן געווען געוואוינט צו א״י־אינפאָרמאַציע פון אָפיציעלן קאַזיאָנעם נוסח, אַז אַלץ וואָס קומט פאָר אין א״י איז כולו תכלת, אָן דעם מינדסטן שפּרינקל, אָבער אַז מען האָט דעם ליטווישן יידנטום אָנגעהויבן דערציילן וועגן קלאַסן־קאַמף אין א״י און קריטיקירן געוויסע גבאישע רעאַקציאָנערע און ביוראָקראַטישע דרכים אינעם ישוב — האָט עס געהייסן „בגידה“ און „שעדיקערייַ פאַר דער ציוניסטישער דערציאונג פון דער יוגנט“.

ס׳האָט גענומען גענוג צייט ביז די ליטווישע יידן האָבן זיך גענומען איבערצייגן, אַז די קאָרעספּאָנדענציעס פון אַבאַ גוטעס זיינען וואָרער לעבנס־שטייגער פון א״י, און ניט איינער פון די ליטווישע טייערע בחורים פון



„החלוץ“ האָבן שפּעטער געטענהט, אַז געבענטשט זאָל זיין די פּעדער וואָס גרייט צו דעם עולה צו דער א״י־דיקער ווירקלעכקייט און ניט צו כולו תכלת, ווי מען חלומט“, ווייל דאָס לעבן איז אין דער ווירקלעכקייט גרוי און שווער, מיט פריידן און מיט ניט ווייניקליידן...

אין 1933 דערשיינט ווידער אין ליטע אַ קורצע צייט אַ מאָנאַט־זשורנאַל, „קלאָרקייט“, שטאַרק מאַסקירט אויסערלעך, אָבער שטרענג פּאַרטייאיש אין אינהאַלט. ס׳איז נאָר צו באַוואונדערן דעם מוט פון די אַרויסגעבער, באַזונדערס פון די אָפיציעלע רעדאַקטאָרן (גוטמאַן און בעק), וואָס האָבן מיט דער דאָזיקער אויסגאַבע איינגעשטעלט ניט נאָר זייער פרייהייט, נאָר ס׳נאַקעטע לעבן.

דער לייט־אַרטיקל פון ערשטן נומער הייבט זיך אָן מיטן איבערשריפט: „ספּעקולירט ניט אויף דער נויט פון די מאַסן!“ דער אַרטיקל איז געווידמעט דעם ווירטשאַפטלעכן קריזיס אין ליטע און דעם אויסוואַנדערונגס דראַנג קיין א״י, וואָס ווערט דורך געוויסע ציוניסטישע פּאַרטייען אין ליטע אויסגענוצט פאַר זייערע פּאַרטייצוועקן, ניט רעכענענדיק זיך מיט די אינטערעסן פון די עליה־דורשטיקע מאַסן. דאָרטן איז געדרוקט אַן אַרטיקל קעגן די רעוויזיאָניסטן, אַ פּאָלעמיק מיט שאַך־אַנינס „בייערד“ פון ריגע און אַ רייכע א״י־אינפאָרמאַציע. אַן אַנדערער נומער (יאַנואַר 1934), מאַכט אַ יאָריקן ס״ה פון דער וועלט־פּאָליטיק און פון דער לאַגע אין ליטע, אַ שאַרפן אַרטיקל קעגן רעוויזיאָניזם, אַן אַרטיקל וועגן טראָצקיס, „נייעם אינטערנאַציאָנאַל“ און אַ קאָרעספּאָנדענץ איבערן „מצב אין דריטן רייך“, געשריבן דורך אַ פּוע״צ חבר פון בערלין — אַ געבוירענער אין דייטשלאַנד — פריץ, וועלכער שרייבט דעמאָלט: „אין גאַנץ דייטשלאַנד בויט מען איצט פרישע פלי־פּלעצער. אין אַ שטאָט ניט ווייט פון האַנאָווער בויט מען אַ פליפּלאַץ פאַר 200 עראָפּלאַנען און אַ באַזונדערע אויפמערקזאַמקייט פאַרדינט דער נאַצישער פליגל־קאָרפּוס“... דאָרט זיינען אויך פאַראַן אַרטיקלען, „וועגן באַראָכאָוויזם“, „די פּאָליטישע לאַגע אין א״י“ און אַן אַרטיקל קעגן מסחר מיט סערטיפיקאַטן.

„קוואַליפיצירטע אַרבעטער מיט מאָזאָליעדיקע הענט, פאַרהאָרעוועטע אין שווערן קאַמף פאַר אַ פרייען לעבן, ציען זיך צו יענעם לאַנד (א״י), וואו די יידישע אַרבעטערשאַפט בויט איר אַרבעטער צענטער... אָבער דער וואָס קאָן אויף זיך ניט אַרויפציען אַ מאַסקע פון אַ וועלכן ניט איז „רעגירונגס־ציוניסט“, ווערט אים ציניש געוויזן די טיר“...

די לינקע פּוע״צ אין ליטע האָבן ביטער געקעמפט פאַר דאָס רעכט עולה צו זיין קיין א״י, אָבער ווי געזאָגט: לעגאַל, אַלס פּוע״צ, איז כמעט קיינעם ניט געלונגען עולה זיין, אַפילו אין יענער שוידערלעכער צייט פון פאַשיסטישן טעראָר און פאַרניכטונג!

מיר נעמען נאָך אַ נומער „קלאָרקייט“ פון סוף 1934, וואו די לייט־אַרטיקלען אַפּעלירן צו אַרבעטער־איינהייט בכלל און צו יידישער אַרבעטער־איינהייט בפרט:

„מיר האָבן דאָך שוין אַן אייגענעם יידישן פאַשיזם, און ס'איז פון דער גרעסטער נויטווענדיקייט דער קאַמף קעגן שטייגענדיקן אַנטיסעמיטיזם, פון וואָס די יידישע מאַסן ליידן דירעקט און אין וואָס ס'איז ניט ווייניק פאַראינטערעסירט דער אַלגעמיינער אַנטיפאַשיסטישער קאַמף. דעריבער רופן פּוע״צ צו אַרבעטער־אייניקייט, אָבער צ. ס. האָט דערצו ניט קיין ווילן“.

אינטערעסאַנט איז די פּאָליטישע רייפקייט פון די ליטווישע פּוע״צ, וואָס זיינען אָפּגעריסן פון גאַנצן אַרום און אַרום; זיי שרייבן אין „קלאָרקייט“ וועגן דעם וואַרשיינלעכן אַריינטריט פון ראַטן־פאַרבאַנד אין פעלקער־בונד אין וואָס קיינער האָט דאַן ניט געגלייבט. אין דעם נומער זיינען פאַראַן אַרטיקלען וועגן „דער פיבערהאַפטער צוגרייטונג פון קריג“, וועגן „יידיש אַראַבישע סאָלידאַריטעט“, וועגן ח. נ. ביאַליקס „נסיעות“, „זכרונות פון פאָריקן קריג“ פון ל. חיין, וועגן „ביראָבידזשאַן“ און וועגן „הכשרה“. דאָרטן ווערט דערציילט פון צוויי כאַראַקטעריסטישע פאַלן: פון אויסשליסן פּוע״ציוניסטן פון „החלוץ“ און „העובד“ פאַרן זיך באַטייליקן אין דער געלטזאַמלונג אויף אַ „באָראָכאָוו־הויז“ אין תל־אַביב און פאַרן אַרויסשטעלן זיך עפנטלעך ווי אָנהענגער פון יידיש... דער מחבר שרייבט אַז אין די קיבוצים און קבוצות באַציט מען זיך „מילדער“ צו די זינדיקע פּועלי־ציוניסטן, מען האָפט אַז די „הכשרה“ וועט זיי „אויסבעסערן“, אָבער מען לאָזט זיי לאַנג זיצן אין „החלוץ“, ביז זיי האַלטן ניט אויס און גייען אַוועק...

זומער 1934 קומט פאָר אין א״י די 9־טע וועלט־קאָנפערענץ פון פּוע״צ. די ליטווישע פּאַרטיי מאַכט אַלע אָנשטרענגונגען און שאַפט אַ באַדייטנדע סומע אויף רייזע הוצאות צו שיקן אַן אייגענעם דעלעגאַט (אַדוואָקאַט מ. טרוספּוס)[1] די אַרויסטרעטונגען פון ליטווישן פּוע״ציוניסט אויף די פּלענומס און קאָמיסיעס מאַכן אַן אומפאַרגעסלעכן רושם אויף די דעלעגאַטן פון די פאַרשיידענע טיילן וועלט, מען באַוואונדערט דעם פאַקט, ווי אַזוי אַ פּאַרטיי אין אַזעלכע שווערע באַדינגונגען, נאָך אַזוי פיל רדיפות און שיקאַנעס, אַזוי אָפּגעריסן און פאַרקאָנספּירירט פון גאַנצן אַרום און אַרום, באַזונדער אַזוי אָפּגעריסן פון די איבעריקע פּוע״צ־פּאַרטייען, קאָן דערציען און אַרויסגעבן פון זיך אַ מענטשן מיט אַזוי פיל פּוע״ציוניסטיש וויסן, ערודיציע, אחריות און מיט אַזוי פיל התלהבותדיקן גלויבן אין באָראָכאָוויזם. זיין צוריקקער אין ליטע האָט דערמונטערט און מחיה געווען די פּאַרטיי מיט דער יוגנט, וואָס האָבן צום ערשטן מאָל זינט דער 5־טער וועלט־קאָנפערענץ אין 1920 באַקומען אַ לעבעדיקן גרוס פון די ברידער־פּאַרטייען.

עס מוז צוגעגעבן ווערן, אַז די ליטווישע פּוע״צ האָבן זינט דער דערמאָנטער ווילנער־סואוואַלקער תקופה 1920 — 1921 קיינמאָל ניט זוכה געווען צו האָבן אַ לעבעדיקן גאַסט פון אַ ברידער־פּאַרטיי, אַן אינסטרוקטאָר, אָדער אַ רעפערענט, אַפילו ניט פון א״י, בעת די איבעריקע פּאַרטייען פון אַלע שאַטירונגען האָבן אין דעם פּרט געהאַט ברייטע הילף פון אויסלאַנד. אַלע יאָרן האָט פּוע״צ אין ליטע אַלץ געבויט אויסשליסלעך אויף אייגענע קרעפטן און נאָך באַדינט די שכנותדיקע לעטלאַנד און עסטלאַנד. אַ פּוע״צ פון אויסלאַנד האָט קיינמאָל ניט באַקומען אַ וויזע קיין ליטע.

אין 1938 האָט דער מחבר פון די דאָזיקע שורות באַזוכט פּוילן שוין מיט אַ בריטישן פּאַס, ווי אַן א״יבירגער, ער האָט זיך געווענדעט צום נאָר וואָס געשאַפענעם ליטווישן קאָנסולאַט אין וואַרשע נאָך אַ וויזע כאָטש אויף עטלעכע טעג קיין קאָוונע ווי אַ זשורנאַליסט, נאָך אַ 10 טעג פאָרשונגען האָט מען די בקשה אָפּגעוואָרפן מיט דער פּשוטער תשובה: „מיר געפינען ניט פאַר נייטיק אַזעלכע זשורנאַליסטן צו האָבן ווי געסט אין קאָוונע“...

אין אַ יוני־נומער „ביי־וועלט“, 1939, געפינען מיר אַ נאָטיץ, געשריבן אויפן סמך פון אַ ידיעה אין דער ליטווישער פּרעסע (פון 11.6.39), אַז די סאָוויעטישע מאַכט פירט אונטערהאַנדלונגען מיט ליטע וועגן באַפרייען 32 ליטווישע גלחים און פאַרבייטן אויף פּאָליטישע אַרעסטירטע פון ליטע, און „בייוועלט“ דערמאָנט דעם גורל פון די פּוע״צ אַרעסטירטע אין ליטע, וואָס פייניקן זיך יאָרן לאַנג אין די תפיסות און קיינער זאָרגט פאַר זיי ניט. אמת איז, אַז די פּאַרטיי האָט פאַר זיי יאָ געזאָרגט, אָבער געמיינט האָט מען דאָ עפּעס אַנדערש: בעת פאַר די ליטווישע לינקע אַרעסטירטע איז שטענדיק פאַר די אויגן געשטאַנען די האָפענונג אויסגעביטן צו ווערן אויף אַן אַנדער אַרעסטירטן אין ראַטן־פאַרבאַנד, ווי ס'איז איינציקע מאָל פאָרגעקומען, — אַזאַ האָפענונג איז פאַר פּוע״צ ניט געווען, כאָטש זיי זיינען געווען פּראָסאָוויעטיש געשטימט.

סוף 1937 איז אין א״י פאָרגעקומען די צענטע וועלט־קאָנפערענץ פון פּוע״צ. אויפן סדר־היום זיינען געשטאַנען אַזעלכע קאַרדינאַלע פּראָבלעמען ווי פּוע״צ־אויפגאַבן אין דער געגעבענער אינטערנאַציאָנאַלער סיטואַציע, דער פּלאַן פון צעטיילן א״י און דאָס אויפריכטן אַ יידישע מדינה אין אַ טייל פון לאַנד, די באַציאונג פון פּוע״צ צו דער ציוניסטישער אָרגאַניזאַציע און ציוניסטישן קאָנגרעס, אַ פּונקט, וואָס האָט אַרויסגערופן אַ באַזונדערש ברייטע און טיפע דיסקוסיע אין אַלע פּוע״צ פּאַרטייען פון דער וועלט, נאַטירלעך אויך אין ליטע. פּוע״צ איז 28 יאָר צייט ניט געגאַנגען צום קאָנגרעס, אין דרויסן האָט מען דאָס ניט גיין אָנגענומען ווי אַן „עיקר“ פון לינקן פּוע״ציוניזם, אָבער אין דער פּאַרטייאישער טיף, כמעט אַן „עיקר“ הויפּטזעכלעך פּסיכאָלאָגיש. נאַטירלעך, זיינען אין ליטע, ווי אַנדערש־וואו, געווען „יאָ“־און „ניין“־זאָגערס, אָבער, אַז די וועלט־קאָנפערענץ האָט באַשלאָסן יאָ גיין, ריכטיקער געזאָגט: זיך צוריקקערן צום קאָנגרעס, איז דער באַשלוס דורכגעפירט געוואָרן אָן איבעריקע יסורים, ניט

[1] געלעבט אין ראַטן־פאַרבאַנד אין פאַרשיקונג. נאָכן באַפרייען אים, זיך באַזעצט מיט זיין משפחה אין קלייפּעדע. אין 1962 געשטאָרבן (ז״ל). — רעד.

פּוגע צו זיין די אינערלעכע אייניקייט. דער באַשלוס איז אָנגענומען געוואָרן שוין ווי אַן אויסדרוק פון דעמאָלטיקן מצב פון די יידן, וואָס איז ערגער געוואָרן ממש פון טאָג צו טאָג. מיר זיינען געשטאַנען אויפן שוועל פון חורבן, די קומענדיקע קאַטאַסטראָפע איז געשטאַנען פאַר די אויגן, די יידישע אויסוואַנדערונג, וואָס איז פּאַקטיש געווען — דאָס לויפן פון אַ שריפה, איז אָפּגעשפּאַרט געוואָרן אַלץ מער און מער, א״י איז געוואָרן דער הויפּט־צענטער פון יידישן ווידערגעבורט און וועלט־אויפמערקזאַמקייט.

דער ציוניסטישער קאָנגרעס איז פּאַקטיש געווען די איינציקע לעגיטימע רעפּרעזענטאַנץ פון יידישן פאָלק וועמען מען האָט נאָך דעמאָלט געהערט. די כוחות־פאַרהעלטענישן אין יידישן לעבן האָבן זיך געענדערט, דער ישוב מיטן אַרבעטער־קלאַס אין א״י זיינען שטאַרק אויסגעוואַקסן. דער קאָנגרעס באַשטימט די בודזשעטן פון דער קאָלאָניזאַציע, בילדונג, רעגולירט ווי ווייט מעגלעך, די עליה. דער קאָנגרעס איז די העכסטע אינסטאַנץ, וואָס שטייט איבער די פּאַלעסטינאַ־אַמטן א. אַ. וו.

פאַרוואָס זאָל מען זיך ווייטער האַלטן אין אַ טאַקטישן באַשלוס פון פאַר 28 יאָר? נאַטירלעך זיינען אויך געווען גענוג אַרגומענטן קעגן גיין — באַזונדערש צווישן די ליטווישע פּוע״צ. אָבער דער חוש פאַר צייט און ווירקלעכקייט, די דיסציפּלין און טרייקייט צו דער באַוועגונג האָבן איבערוואונדן אַלע פּסיכאָלאָגישע און פּאַרטייאישע שטרויכלונגען, און פּוע״צ האָט זיך צוריקגעקערט צום קאָנגרעס. שוין ביי די ערשטע וואַלן האָבן די פּוילישע פּוע״צ באַקומען 10 טויזנט שטימען, צפון־אַמעריקע מער ווי 1500, א״י מער ווי טויזנט, דאָס נעמלעכע די פּועלי ציון אין צענטראַל־אייראָפּע און דרום אַמעריקע.

די לינקע פּועלי־ציון אין ליטע האָבן צו דעם קאָנגרעס פאַרקויפט 900 שקלים, וואָס מיינט 900 שטימען. פּוע״צ אין ליטע האָבן זיך צום ערשטן מאָל געלאָזט אין אַזאַ אַקציע, וואָס איז ווייט ניט געווען פּאָפּולער אין דער לינקער אַרבעטער־סביבה. פאַרשריענע, פון רעכטס און פון לינקס, האָבן די ווילער געציטערט זיך צו שטעלן אין פאַרבינדונג מיט די „געפערלעכע" און אומלעגאַלע פּוע״צ, זיי האָבן געציטערט פאַר זייערע נעמען, זיי זאָלן צופעליק ניט געניזוקט ווערן. אָבער ווען ס׳וואָלטן פאַרגעקומען וואַלן, וואָלטן מיר זיך איבערצייגט אין דער ריכטיקייט פון אונדזער אָפּשאַצונג. אָבער ס׳לעצטע וואָרט האָבן גאָר געהאַט די ליטווישע פאַשיסטן, וואָס האָבן דעמאָלט בכלל פאַרבאָטן די וואַלן צום ציוניסטישן קאָנגרעס.

די 900 פּוע״ציוניסטישע שקלים האָבן פאַרוואונדערט די יידישע ליטע. די צ. ס., צוזאַמען מיט אַנדערע גוטע ציונים, איז אָט דער פּאַקט ווייט ניט געווען צום האַרצן, ווייל אויב פּוע״צ אויפן ציוניסטישן קאָנגרעס, מיינט ווייטערדיקע קאָנסעקווענצן, וואָס זיינען עלול פּוגע צו זיין זייער מאָנאָפּאָל אויף די סערטיפיקאַטן.

דעם וויכוח בכלל האָט פאַרענדיקט די וועלט־מלחמה.





ביזן לעצטן טאָג, ווען דער קריג האָט אויסגעבראָכן האָבן די ליטווישע לינקע פּוע״צ פאָרגעזעצט זייער מי־זאַמע, פּאָליטישע און קולטורעלע, סאָציאַליסטיש־ציוניסטישע אַרבעט. ערשט נאָכן אויסברוך פון קריג האָבן די ליטווישע פּוע״צ דערלעבט צו דערזען אין זייער סביבה די געגאַרטע פּוע״צ מענטשן פון אויסלאַנד, פון דער וועלט־באַוועגונג, דאָס מאָל פון דער גרעסטער פּאַרטיי, פון פּוילן, זיי זיינען אָנגעקומען צעבראָכענע, קוים מיטן לעבן אַנטלאָפענע פּליטים.

די יעניקע פון די פּליטים פון פּוילן, וואָס האָבן שפּעטער זוכה געווען געראַטעוועט צו ווערן פון ליטע קיין א״י, אין לאַנד פון זייערע אידעאַלן און בענקשאַפט, האָבן געבראַכט דעם לעצטן גרוס פון די לינקע פּוע״צ אין ליטע פון 1941. זיי האָבן ניט געפונען גענוג פּאַסיקע ווערטער אויסצודריקן זייער לויב די ליטווישע פּוע״צ ברידער, ווי אַזוי מען האָט זיי אויפגענומען, ווי אַזוי מען האָט זיי געהאָלפן, און, דער עיקר, ווי אַזוי זיי האָבן מסירת־נפשדיק געאַרבעט און געווירקט, ווי אַזוי מען האָט גיך אַריבערגעוואָרפן די פּוע״צ־אַרבעט צוריק קיין ווילנע, אויף מאָרגן נאָך איר „באַפרייאונג" — ווי אַזוי און ווי אַזוי — — —

## 6

אַזוי האָט געלעבט, געקעמפט, געווירקט און געליטן אין דער ליטע די קליינע לינקע פּוע״צ־פּאַרטיי מיט איר גרויסער נשמה, גרויסע אידעאַלן און נאָך גרעסערן גלויבן אין אַ ליכטיקער צוקונפט. אין אַזעלכע אומשטענדן האָבן זיי צוזאַמען מיט די יידן אין ליטע באַגעגנט דעם חודש יוני 1941.

עס פאַלט דער טויטער פאָרהאַנג, די היטלעריסטישע האָרדעס פאַרפלייצן ס׳ליטווישע לאַנד. זייער ערשטע אַרבעט איז געווען דאָס אויסקאַרטשעווען די ליטווישע יידן פונעם באָדן, וואו זיי האָבן געלאָזן טיפע וואָרצלען, וואו זיי זיינען געזעסן אַרום 800 יאָר.

דער גורל פון די ליטווישע יידן איז דער זעלבער ווי פון זייערע ברידער אומעטום, וואו די האַקנקרעציקע האַנט האָט דערגרייכט; אויסגעמאָרדעט, פאַרברענט און פאַרגאַזט אַלץ און אַלעמען — קינד און קייט, ס׳איז געבליבן אַ גרויסער ברידער־קבר, וואו זייערע רעשטן רוען איצט, אַלע צוזאַמען, אַלע טויט, רעכטע און לינקע, ציוניסטן און קאָמוניסטן, צ. ס. און לינקע פּוע״צ.

מאַסן ליטווינער האָבן קאָלאַבאָרירט מיט די האַקנקרעציקע טעווטאָנען, אַ סך קאָלאַבאָראַנטן זיינען נאָכהער געוואָרן טרייע „קאָמוניסטן", כדי ווייטער צו אַקערן די ליטווישע ערד, וואָס איז דורכגעזאַפּט מיט יידיש בלוט, כדי ווייטער צו אָטעמען די ליטווישע לופט אויסגעמישט מיט יידן־אַש. נאָכן חורבן זיינען צוריקגעקומען אַ הויפן יידישע פּליטים, וואָס גייען דאָרטן אַרום ווי שאָטנס, ווי ס׳האָט זיך אויסגעדריקט די פּאַרטיזאַנקע רוזשקע קאָרטשאַק: לעבעדיקע יידישע מצבות...

# קוועלן צו דער געשיכטע פון די לינקע „פועלי־ציון" אין ליטע

1) „פראָטאָקאָל פון ערשטן קהלה צוזאַמענפאָר אין ליטע", אַרויסגעגעבן דורך דער „פרעסע־אָפּטיילונג ביים יידישן מיניס־טעריום אין ליטע". 10 ביולעטינען, בראָשירט, קאָוונע, יאַנואַר 1920.

2) „דער צווייטער קהילות צוזאַמענפאָר אין ליטע", 13 ביו־לעטינען, אַרויסגעגעבן בראָשירט דורך דער רעדאַקציע „אידישע שטימע", קאָוונע, פעברואַר 1922.

3) „פראָטאָקאָלן פון דער יידישער נאַציאָנאַלער פאַרזאַמלונג אין ליטע", 10 ביולעטינען, בראָשירט, געדרוקט דורך דער „אידי־שער שטימע", אַרויסגעגעבן דורכן יידישן נאַציאָנאַל־ראַט אין ליטע, נאָוועמבער 1923.

4) „צענטע סעסיע פון יידישן נאַציאָנאַל־ראַט". „אידישע שטימע", קאָוונע, סוף מערץ 924ת.

5) „יידישער אַרבעטער פנקס", רעדאַגירט דורך זרובבל, וואַרשע, פאַרלאַג „נייע קולטור", 1927. ערשטער באַנד. ל. חיין — „פוע"צ אין ליטע", זייטן 352—359. דאָרטן: „פרעסע און אָרגאַ־ניזאַציעס אין ליטע", זייטן 565־566.

6) „אַרבעטער לעבן", קאָוונע, 1918—1919.

7) „זאַמלהעפטן, קאָוונע, 1920, פאַרלאַג „אַרבעטער היים".
א) „אונדזער וואָרט" — סעפּטעמבער.
ב) „אונדזער אַרבעטער געדאַנק" — אָקטאָבער.
ג) „אַרבעטער געדאַנק" — נאָוועמבער.
ד) „אַרבעטער וואָרט" — דעצעמבער.

8) „אַרבעטער צייטונג", קאָוונע (40 נומערן), פון 6־טן אַפּריל 1921 ביזן 22־טן מאַי 1922.

9) „„כוואַליעס", קאָוונע, 20.5.22.

10) „אויפגאַנג", קאָוונע, יוני 1922.

11) „אונדזער רוף", שאוול, פרילינג 1923. (איינמאָליקע אויסגאַבע).

.12 „אַרבעטער פּאַלעסטינע", קאָוונע, סעפּט. 1924.

13) „אויפגאַנג", קאָוונע, 6 סעפּט. 1923.

14) „דאָס אַרבעטער וואָרט", קאָוונע, 23.9.24.

15) „אַרבעטער געדאַנק", ריגע, 25.1.26.

16) „אַרבעטער געדאַנק", בערלין, פאַרלאַג „פונקען". באַל־טישע אויסגאַבע. זאַמלהעפט אונטער דער רעדאַקציע פון י. סאַמאַרין, אַפּריל 1926.

17) „אַרבעטער צייטונג" (15 נומערן), באַנייטע אויסגאַבע. קאָוונע, יולי—דעצעמבער 1926.

18) „קלאָרקייט", זאַמלהעפטן, קאָוונע, פון יולי 1933 ביז סעפּט. 1934.

19) „ווילנער זאַמלביכער", ווילנע 1918. צווייטער באַנד (זייט 21), ד"ר שאַבאַד: „איבערזיכט".

20) „פרייע יוגנט" פון אַפּריל־מאַי־אויגוסט. וואַרשע, סעפּטעמ־בער 1925. ל. חיין: „אין ליטווישע תפיסות".

21) „אַרבעטער צייטונג", וואַרשע, נומ' 13, מערץ 1928. ל. שמועני: „באַראַכאָוו און די ליטווינער"

22) „אַרבעטער צייטונג", וואַרשע, נומ' 6—5, 1929. ל. חיין: „איינער פון פיל".

23) „אַרבעטער צייטונג", וואַרשע, 42—40. ל. חיין: די קאָנ־פערענץ אין פלאַמען".

24) „נייוועלט", תל־אביב, נומ' 11, מערץ 1945. ל. חיין: „פאַרגאַנגענע יאָרן".

25) „זאַמלבוך לכבוד דעם 250־טן יובל פון דער יידישער פרעסע, רעדאַגירט ד"ר שאַצקי. ניו־יאָרק, ייוואָ־אויסגאַבע, 1937. זע אַרטיקל פון יודל מאַרק, זייטן: 258, 276, 282, 296, 298.

26) „פאַר די רעכט פון יידיש אין פּאַלעסטינע", קאָוונע, מערץ 1935. איינמאָליקע אויסגאַבע.

27) „אַלגעמיינע ענציקלאָפּעדיע", באַנד „ג" — יידן. ניו־יאָרק, 1942, עמודים: 400, 401, 402, 604, 616.

28) „אַלגעמיינע ענציקלאָפּעדיע", באַנד „א" — יידן, עמודים: 579, 580.

29) „יוגנט קלאַנגען" — זאַמלהעפט, קאָוונע, 2.8.21.

30) „יהדות ליטא", ערשטער באַנד, פאַרלאַג „עם הספר", תל־אַביב. י. זרובבל, זייטן: 545—539.

31) „ליטע", בוך איינס, אַרויסגעגעבן פון „קולטור געזעל־שאַפט פון ליטווישע יידן", ניו־יאָרק. ל. שמועני, זייטן: 273—251 — „די יידישע נאַציאָנאַלע פאַרזאַמלונג".

32) „נעכטן" פון ל. חיין — שמועני (445 זייטן), פאַרלאַג „אונדזער וואָרט", בועןאָס איירעס.

33) „אסופות", הוצאת ארכיון ומוזיאון של תנועת העבודה בישראל. ד"ר ארנולד; דפים.

ג. אַראָנסאָן

# בלעטלעך פון געזעלשאַפטלעכן לעבן און אַרבעטער־קאַמף אין אַמאָליקער ליטע

צווישן די פאַרשיידענע מאַטעריאַלן, וואָס זיינען געפונען געוואָרן נאָך דער רוסישער רעוואָלוציע אין די אַרכיוון פון דער געהיימער פּאָליציי אין דער זשאַנדאַרמעריע, איז פאַראַן אַ זעלטענער דאָקומענט, וואָס באַלייכט דעם אינעווייניקסטן בוי פון דער בונדישער אָרגאַניזאַציע אין קאָוונע אין 1900 יאָר. דעם דאָזיקן דאָקומענט נעמען מיר אַרויס פון דעם באַריכט פון דעם באַרימטן שעף פון דער רוסישער געהיים־פּאָליציי זובאַטאָוו (די ענינים פון דער מאָסקווער אָכראַנע, נומ. 355). ניט קוקנדיק אויף דעם, וואָס זובאַטאָווס באַריכט באַזירט זיך אויף אַ מסירה פון אַ קאָוונער פּראָוואָקאַטאָר, האָט ער אַ היסטאָרישן אָביעקטיוון ווערט, סיי לויט דער מיינונג פון רוסישע היסטאָריקער, וואָס האָבן געפאָרשט היסטאָריש־רעוואָלוציאָנערע אַרכיוון, סיי פון די געשיכטע שרייבער פון אַלטן „בונד“ אין רוסלאַנד, ליטע און פּוילן. דער נאָמען פון פּראָוואָקאַטאָר איז ניט אַנטדעקט און בלייבט נאָך ביז היינט אומבאַקאַנט. עס איז אָבער קלאָר, אַז דעם דאָזיקן פּראָוואָקאַטאָר האָט זיך איינגעגעבן אַריינקריכן אין סאַמע צענטער פון די קאָוונער אַרבעטער־אָרגאַניזאַציעס אין יענער צייט.

לויט דעם דאָזיקן דאָקומענט — וואָס איז איינער פון די ערשטע אין דער הינזיכט צו כאַראַקטעריזירן דעם צושטאַנד פון דער יידישער אַרבעטער־באַוועגונג אין 1900 יאָר, — זיינען פאַראַן עטלעכע מאָמענטן, וואָס איז ווערט אונטערצושטרייכן. קודם כל, איז קלאָר, אַז אין 1900 יאָר האָבן אויף אַלע שטופן פון דער אָרגאַניזאַציע פאַרוואַלטעט אויסשליסלעך אַרבעטער און אַרבעטערינס (אפשר דערפאַר, ווייל די אינטעליגענץ איז געווען פריער דורך אַגענטן פון זובאַטאָוון „אַראָפּגענומען פון די פּאָסטנס“ און אַרעסטירט), צווייטנס, פון דער סטרוקטור פון דער אָרגאַניזאַציע איז קלאָר, אַז די ביידע אירע טיילן, סיי די עקאָנאָמישע, סיי די פּאָליטישע, זיינען אָרגאַניש פאַרבונדן צווישן זיך — אַזוי, אַז מען באַקומט אַן איינהייטלעכן אָרגאַניזם.

ס׳וואָלט געווען זייער ווינטשנסווערט צו דעשיפרירן די נעמען, וואָס זיינען אָנגעגעבן אין דעם באַריכט צו דער געהיים־פּאָליציי. לויט פאַרשיידענע אָנווייזונגען אין דער מעמואַרן־ליטעראַטור קען מען נאָר דריי נעמען פון דעם צעטל, וואָס איז אָנגעגעבן געוואָרן פון פּראָוואָקאַטאָר, דאָס איז: 1) די פּאַפּיראָסן־מאַכערין רחל, וואָס איר פאַמיליע־נאָמען איז געווען גערשאָנאָוויטש, זי איז געווען



שפּעטער אַרעסטירט אין 1903 יאָר און איבערגעגעבן צום געריכט צוזאַמען מיט מאָיסיי גורעוויטש א. א. 2) אַנדריי יעלניצקי, וועלכער איז דעמאָלט געווען אַ פאַרבינדונגס־מאַן צווישן די רעוואָלוציאָנערע אַרבעטער מיט דער לעגאַלער „געזעלשאַפט“, באַזונדערס, איז ער געווען פאַרבונדן מיט די שילער פון די מיטלשולן אין קאָוונע, 3) צילע קליס, וועלכע איז שפּעטער געוואָרן אַ פרוי פון דעם באַקאַנטן בונדישן טוער גאַזשאַנסקי (דער לערער; פּען־נאָמען העברעאיש: לנו).

*

אין דעם באַריכט פון פּראָוואָקאַטאָר איז פאַראַן נאָך אַ טייל, וואָס באַציט זיך ניט צו דער סטרוקטור פון דער בונדישער אָרגאַניזאַציע, אָבער וואַרפט אַ ליכט אויף דער דעמאָלטיקער אַרבעטער־באַוועגונג. אויספירלעכער איז דאָרט דערציילט וועגן אַ „סטיכישן“ שטרייק, וואָס איז אין 1900 יאָר אויסגעבראָכן אין קאָוונע צווישן די אַ. ג. „וואַשאַווניקעס“, ד. ה. אַרבעטער, וואָס האָבן זיך פאַרנומען מיטן פאַנאַנדערנעמען די „פּליטן“ אויפן ניעמען פאַר די וואַלד־און האָלץ־זאַוואָדן. עס איז צו ווייניק מאַטעריאַל, כדי צו איבערגעבן איינצלהייטן וועגן דעם דאָזיקן שטרייק פון די יידישע „וואַשאַווניקעס“. עס לוינט זיך נאָר איבערגעבן, אַז די שטרייקערס האָבן זיך געווענדעט נאָך הילף אויך קיין ווילנע און פון דאָרטן, פון ווילנער קאָמיטעט, איז געקומען קיין קאָוונע אָנצופירן מיטן שטרייק איינער טאַרשיש (וועגן אים דערציילט גאַנץ אויספירלעך דער אומבאַקאַנטער פּראָוואָקאַטאָר אין זיין באַריכט צו זובאַטאָוו). אָסיפּ טאַרשיש, אונטערן נאָמען אָ. פּיאַטניצקי, איז שפּעטער באַקאַנט געוואָרן צווישן די באָלשעוויקעס. פאַר דער ערשטער רעוואָלוציע האָט ער צוזאַמען מיט וואַלאַך ליטווינאָוון אָנגעפירט מיט דעם אומלעגאַלן טראַנספּאָרט פון ליטעראַטור און געווען פאַר דער רעוואָלוציע; נאָך דער אָקטאָבער־רעוואָלוציע (1917) האָט טאַרשיש־פּיאַטניצקי פיל יאָרן געשפּילט אַ וויכטיקע ראָל אין קאָמאינטערן...

נאָך די אַלע אָנגעגעבענע קאָמענטאַרן, פאַרעפנטלעכן מיר איצטער דעם דאָקומענט גופא — דעם באַריכט וועגן דער סטרוקטור פון דער בונדישער אָרגאַניזאַציע אין 1900 יאָר, וואָס איז געפונען געוואָרן אין די אַרכיוון פון דער רוסישער געהיים־פּאָליציי.

## ווי אַזוי איז געווען געבויט די קאָוונער אָרגאַניזאַציע פון „בונד" אין יאָר 1900

„די קאָוונער סאָציאַל־דעמאָקראַטישע אָרגאַניזאַציע" פון דעם אַלגעמיינעם יידישן אַרבעטער בונד אין רוסלאַנד און פוילן („בונד"), וואָס איז געווען זייער אָפּגעשוואַכט אין איר טעטיקייט דורך מערערע ליקווידאַציעס, פירט איצט אַ נעבעכדיקע עקזיסטענץ. עס פעלן אָרטיקע ענער־גישע פירער, ניטאָ קיין געלט־מיטלען, און ביי די אָנטייל־נעמער פון דער באַוועגונג איז פאַרפאַלן דער פריערדיקער ווילן צו אַרבעטן פאַרן דערפאָלג פון זייער זאַך.

דער אָרטיקער „קאָוונער קאָמיטעט", וואָס זיין שטעמפל האָט מען געזען זייער אָפט אויף די אומלע־גאַלע בראָשורן און פּראָקלאַמאַציעס, פאַקטיש עקזיסטירט מער ניט, און אַלס אַ זכר פון אים, איז געבליבן נאָר איין שטעמפל, וואָס באַהאַלטן אויס די אָנטיילנעמער פון דער „אַגיטאַטאָרישער סכאָדקע". די לעצטע „סכאָדקע" אין דער צייט ווען דער קאָמיטעט איז ניטאָ, שטעלט מיט זיך פאָר אַלס אָנפירנדיקער אָרגאַן פון דער אָרטיקער אָרגאַ־ניזאַציע. בכדי צו שאַפן די דאָזיקע „סכאָדקע" נאָך די לעצטע אַפּריל־אַרעסטן, וואָס האָבן אַרויסגעריסן פון די רייען פון דער אָרגאַניזאַציע כמעט די גאַנצע „אַגיטאַ־טאָרישע סכאָדקע" אין איר פולן באַשטאַנד, האָט מען גע־דאַרפט אַרבעטן כמעט 2½ חדשים. אַריינגיין אין איר באַשטאַנד האָבן געגעבן זייער הסכמה נאָר דריי פרויען: די שניידערין חיה־לאה, די שניידערין לאה, אַ גוטע באַקאַנטע פון דעם ניט לאַנג אַרויסגעשיקטן קיין סיביר שמואל בלומענפעלד און די שוועסטער פון לעצטן — בלומע בלומענפעלד. קיין מענער, וואָס וואָלטן געהאַט דעם לוסט אַריינצוטרעטן, האָט מען ניט געפונען. די אָנגערו־פענע פרויען, וואָס באַקומען דירעקטיוון פון „ווילנער קאָמיטעט", זיינען אין היינטיקער צייט די אָפיציעלע אָנפירערינס פון דער קאָוונער יידישער סאָצ.־דעמ. אָר־גאַניזאַציע. אַלס פאַרבינדלער צווישן זיי און „ווילנער קאָמיטעט" איז באַשטימט געוואָרן איינער פייוויש...

די „אָרגאַניזאַטאָרישע סכאָדקע" ווירקט אויף דער מאַסע דורך דער „צענטראַלער סכאָדקע", וואָס איז איר אונטערגעאָרדנט. צו די מיטגלידער פון דער „צענטראַלער סכאָדקע" געהערן אַ חוץ די דריי אויבנדערמאָנטע פרויען פון דער „אַגיטאַטאָרישער סכאָדקע", וואָס זיינען געווען פאַרקאָנספּירירט, נאָך 8 מענטשן: דער איינבינדער מאיר, 20 יאָר אַלט, דער אַרבעטער פון שוועבל־פאַבריק אַלטער, 26 יאָר, דער קופּערשמיד שלמה, 19 יאָר , אַן אָנגע־שטעלטער יענקל, אַ שניידער נאַטל, אַ שוסטער ביינעש, די פּאַפּיראָסן־מאַכערין רחל, 20 יאָר, און גילזאָווישטיצע עלקע, 20 יאָר אַלט.

כדי צו פאַרשפּרייטן צווישן דער מאַסע די אומלע־גאַלע אויסגאַבן, האָט די „אַגיטאַטאָרישע סכאָדקע" אין איר רשות נאָך אַן „אומלעגאַלע סכאָדקע" פון 3 מיטגלי־דער: דער אָנגעשטעלטער יענקל, דער שניידער איציק



און ריווע פריד, — אַ שוועסטער פון דעם מיטגליד פון דער פריערדיקער „אַגיטאַטאָרישער סכאָדקע", מאַושע פריד, וועלכער געפינט זיך איצטער אין אַרעסט אין מאָסקווע. די אומלעגאַלע ביבליאָטעק ציילט אַ גאַנץ גרויסע צאָל פון פּעריאָדישע אויסגאַבן אין זשאַרגאָן, וועלכע ס'שטעלט זייער פיל צו ווילנע; קאָוונע האָט ניט קיין אַנ־דערע קוואַלן. עס איז געמאַכט געוואָרן אַ באַשטעלונג אין איינער פון די אויסלענדישע שטעט, אָבער זי איז ניט געווען אויסגעפירט צוליבן אַרעסט פון אַזעלכע דערפאַ־רענע טוער, ווי גערצאָוו („קאַפּעלקאַ"), אַלעקסאַנדריסקי (אבראם, „טאָוואַרישטש") און נאָכן אַנטלויפן פון מאַושע ראַגאָוו — לעליא.

דער פערטער אָרגאַן פון דער אָרגאַניזאַציע, וואָס אַרבעט כמעט זעלבשטענדיק, איז דער „רייטער קרייז", וואָס באַשטייט פון דעם סטודענט פון פּעטערבורגער אוני־ווערזיטעט אַנדריי יעלניצקי, מינאַ טראַכטענבערג, אַ שוועסטער פון אַ פּערזאָן, וואָס געפינט זיך אונטער דער פּאָליציייִשער אויפזיכט, און צילאַ קליס. דער ערשטער פון די אָנגערופענע איז דער קאַסירער און שטייט אין פאַר־בינדונג מיט דער „אַגיטאַטאָרישער סכאָדקע".

אַחוץ די אָנגעוויזענע פּערזאָנען, וואָס פירן אַ קאַמף קעגן דער רעגירונג, געהערן נאָך פאָלגנדיקע פּראָפּאַ־גאַנדיסטן, וואָס פירן זייער אַרבעט ביחידות צווישן דער אָרטיקער אינטעליגענץ:

דער אַרבעטסלאָזער יאָוועליר ישראל ראַבינאָוויטש, 30 יאָר אַלט, יאָוועליר מיכאַאיל ליפשיץ און זיין פרוי... די לעצטע רעכנט זיך אַלס אַ גוטע, געבילדעטע טוערין... איינער אַ סאַדינסקי, וואָס טראָגט די אוניפאָרם פון ווילנער לערער־אינסטיטוט און דער אָנגעשטעלטער פון פּומפּיאַנס־קיס מינעראַלע וואַסערן־זאַוואָד, קאַפּלאַן, וועלכער האָט זיך ניט איין מאָל געווענדעט צו די פירער מיט דער ביטע, מען זאָל אים אַריינגעמען אין אַקטיוון באַשטאַנד פון דער אָרגאַניזאַציע.

צווישן די אַרבעטער טיילן זיך אויס אַלס טוער די אָנגעשטעלטע: לייבע, דוד, מיכל, שלום, דער שוסטער יודל, דער איינבינדער בענצל, דער טאַפּעצירער זלמן, דער בלעכער יחיאל, די שניידערין חנה־לאה און דער גילזן־מאַכער בוניע...

דאָס איז דער קאָנטינגענט מענטשן, וואָס פירן אָן אין שטאָט קאָוונע מיט דער פאַרברעכערישער אַרבעט"...

## די יידישע ליבעראַלן ערב דער רעוואָלוציע 1905

דעם 15־טן יולי 1904 איז דורך דער קאַמפס־דרוזשינע פון דער סאָציאַליסטן־רעוואָלוציאָנערן פּאַרטיי (סאַזאָנאָוו, סיקאַרסקי) דערהרגעט געוואָרן אין פּעטערבורג דער בלו־טיקער אינערן־מיניסטער פאָן פּלעווע, וועלכער האָט אָר־גאַניזירט דעם פּאָגראָם אין קישיניעוו. אויף זיין אָרט איז באַשטימט געוואָרן דער פירשט פּעטער סוויאַטאָ־פּאָלק־מירסקי. מיטן נאָמען פון סוויאַטאָפּאָלק־מירסקי איז אין רוסלאַנד פאַרבונדן אַ בלעטל געשיכטע, וואָס

איז באַקאַנט אונטערן נאָמען: „פּאָליטישער פּרילינג“. דאָס איז געווען סוף 1904, ווען אין פיל שטעט, און אין יידישן תּחום, האָבן זיך אָנגעהויבן ליבעראַלע באַנקעטן, אויף וועלכע עס זיינען אָנגענומען געוואָרן רעזאָלוציעס א. אַ. וו. דער קורצער פּעריאָד פון סוויאַטאָפּאָלק־מירסקי (ערב דער רעוו. 1905), איז דורכגעגאַנגען אונטערן לאָזונג: צוטרוי צו די געזעלשאַפטלעכע כּוחות, וואָס האָבן געפאָדערט: קאָנסטיטוציע, פרייהייט, גלייכבאַרעכטיקונג פון נאַציעס א. אַ. וו.

ערב דער באַשטימונג פון סוויאַטאָפּאָלק־מירסקין אויפן פּאָסטן פון איינער־מיניסטער, איז ער געווען גענעראַל־גובערנאַטאָר פון צפון־מערבדיקן קאַנט. אין די צייטונגען פון יענער צייט איז געווען פאַרעפנטלעכט אַן אַדרעס, וואָס האָבן צוגעטראָגן דעם פירשט סוויאַטאָפּאָלק־מירסקי, בשעת זיין אָפּפאָרן קיין פּעטערבורג, פאַרשטייער פון דריי יידישע קהילות: פון ווילנער, קאָוונער און גראָדנער גובערניעס. מיר וועלן ברענגען אַ פּאָר שורות פון דעם דאָזיקן אַדרעס: „דער היסטאָרישער גורל פונעם יידישן פאָלק האָט אים געמאַכט זייער פילבאַר צו אַלע דערשיינונגען פון גערעכטיקייט אין זיין בירגערלעכן לעבן... מיט געפיל פון דאַנקבאַרקייט צו אייך איז דורכגעדרונגען די יידישע באַפעלקערונג פון דער געגנט, מיט וועלכער איר האָט די לעצטע צייט פאַרוואַלטעט... אונטער אייער השגחה האָט זיך די יידישע באַפעלקערונג געפילט רואיק און האָט געהאָפט אויף אַ געזעצמעסיקע באַפרידיקונג פון אירע נויטיקסטע באַדערפענישן. איצטער, זעגנדיק זיך מיט אַ שווער האַרץ מיט אייך... טרייסטן מיר זיך נאָך מיט דעם, וואָס אייער אויפגעקלערטע און מענטשנפריינדלעכע טעטיקייט.... וועט באַקומען נאָך אַ ברייטערן פּלאַץ עס אַרויסצואווייזן... מיט טיפער אַכטונג בעטן מיר אייך צונעמען פון אונדזערע הענט די ספר־תּורה — דאָס אַלטע הייליקטום פון יידישן פאָלק“...

אויפן אַדרעס פון די יידישע קהילות האָט סוויאַטאָפּאָלק־מירסקי געענטפערט: „איך בין צופרידן, וואָס מיין טעטיקייט... האָט מיר געגעבן די מעגלעכקייט זיך צו באַקענען מיט די אמתע נויטן פון דער יידישער באַפעלקערונג, און דעריבער וועל איך זיין ביכולת ביי דער באַהאַנדלונג פון דער ערנסטער יידן־פראַגע, וואָס עס שטייט אין גיכן פאַר, צו באַציִען זיך צו דער לעצטער פולקאָם באַוואוסטזיניק. פון אייער זייט אָבער וואַרט איך, אַז איר זאָלט ווירקן אויף דער יידישער פאָלקס־מאַסע, זי זאָל זיך באַציִען מיט צוטרוי צו די מאַסמיטלען פון דער רעגירונג“. צום סוף האָט דער נייער מיניסטער געזאָגט, אַז אַזוי ווי ער וועט אין זיין ווייטערדיקער אַרבעט „שטיין ביים אמתן מקור פון גערעכטיקייט — ביים קיסר“ — קענען די יידן זיין אינגאַנצן רואיק: „די גערעכטיקייט וועט איר אַלע מאָל באַקומען“.

די יאַנואַר־טעג 1905 אין קאָוונע, שאַוול א. אַ.

מיר נעמען אַרויס פון די זכרונות פון ס. מיצקיעוויטש־



קאַפּסוקאַס, איינעם פון די ליטווישע סאָציאַל־דעמאָקראַטן (שפּעטער אַ קאָמוניסט) די פאָלגנדיקע באַשרייבונג פון די טעג פון דער ערשטער רוסישער רעוואָלוציע (זע דעם זשורנאַל „פּראָלעטאַרסקאַיאַ רעוואָלוציאַ“ נומ' 11, 1922, מאָסקווע.):

— אין קאָוונע זיינען די אַרבעטער (קריסטלעכע) געווען אַ סך ווייניקער באַוואוסטזיניק און אָרגאַניזירט איידער אין ווילנע. פאַר די יאַנואַר־געשעענישן האָט צווישן די ניט־יידישע אַרבעטער ניט געאַרבעט קיין אָרגאַניזאַציע. דאָך האָבן זיך אויך די קאָוונער אַרבעטער אָפּגערופן אויף די געשעענישן פון 9־טן יאַנואַר. דעם 11־טן יאַנואַר האָבן איניקע טויזנט אַרבעטער פאַרשטרייקט, אַרויסשטעלנדיק אַ ריי עקאָנאָמישע פאָדערונגען.

דער שטרייק איז דורכגעגאַנגען איניק, ניט קוקנדיק אויף דעם, וואָס דער גובערנאַטאָר האָט דורכאויס געזוכט צו דעזאָרגאַניזירן און אָנרייצן די אַרבעטער אויף די יידן. אויפן צווייטן טאָג פון שטרייק איז דער גובערנאַטאָר פאַרזענלעך געקומען אָפּצורייִדן די אַרבעטער.

דעם 14־טן יאַנואַר האָט דער גובערנאַטאָר איינגעאָרדנט אַ יאָרצייט נאָך אַלעקסאַנדער דעם 2־טן. פון קלויסטער איז די מאַסע קענטיק דורך אַ גועניטער האָנט געקירעוועט געוואָרן צום גובערנאַטאָר, וועלכער האָט נאָכאַמאָל פאַרגעלייגט די אַרבעטער ענדיקן דעם שטרייק, ניט צוהערן זיך צו די רייד פון די בונטאָווטשיקעס — די זשידעס.

אין די פאַבריקן זיינען אַריינגעפירט געוואָרן סאָלדאַטן. דעם 17־טן יאַנואַר האָבן די דראַגונער געשלאָגן די אַרבעטער פון טילמאַנס פאַבריק. דעם 18־טן יאַנואַר זיינען אַלע צוגעטרעטן צו דער אַרבעט, דערשלאָגנדיק זיך אַ פאַרקירצונג פון אַרבעטס־טאָג און אַ העכערונג פון אַרבעטס־לוין.

אין שאַוול האָט זיך דער שטרייק אָנגעהויבן דעם 18־טן יאַנואַר. עס זיינען געווען אַרויסגעשטעלט עקאָנאָמישע פאָדערונגען. די פּאָליציי האָט ניט געשטערט די אַרבעטער זיך קלייבן אויפן פּלאַץ און אַרויסטרעטן די רעדנער. קיין פּאָליטישע פאָדערונגען זיינען ניט אַרויסגעשטעלט געוואָרן. אויפן צווייטן טאָג האָט דער איספּראַווניק צוזאַמענגעקליבן די פאַרשטייער פון די אַרבעטער און פאַבריקאַנטן און איז אַרויסגעטראָטן אין דער ראָל פון אַ פאַרמיטלער.

דאָס רוב פאָדערונגען פון די אַרבעטער זיינען באַפרידיקט געוואָרן. אַלע באַמיאונגען פון דער פּאָליציי צו מאַכן אַ יידישן פּאָגראָם זיינען געגאַנגען פאַרלוירן. אויפן דריטן טאָג זיינען די אַרבעטער צוגעטראָטן צו דער אַרבעט.

אין פּאָנעוועזש האָבן געשטרייקט בלויז די יידישע אַרבעטער, וועלכע האָבן אַרויסגעשטעלט עקאָנאָמישע פאָדערונגען.

דאָס זעלבע איז אויך פאָרגעקומען אין אַלע איבעריקע קלענערע שטעטלעך פון ליטע. די יאַנואַר־געשעענישן

אין פּעטערבורג האָבן געפונען אַן אָפּקלאַנג אויך אין די דאָזיקע פּאַרוואָרפענע ווינקלעך.

## אין אויגוסט 1905 אין קאָוונע

אין די „לעצטע פּאַסירונגען" פון 1905 איז געווען פאַרעפנטלעכט אַ קאָרעספּאָנדענץ פון קאָוונע, וואָס באַשרייבט אַן אייגנאַרטיקן עפּיזאָד פון די רעוואָלוציאָנערע געשעענישן אין יענעם „משוגענעם יאָר".

ווי באַוואוסט, האָט נאָך געדויערט אין אויגוסט 1905 די מלחמה צווישן רוסלאַנד מיט יאַפּאַן. ריכטיקער געזאָגט, די מלחמה האָט שוין געגוססט. נאָך די גרויסע מפּלות, וואָס רוסלאַנד האָט געקראָגן אין דער מלחמה, האָבן זיך שוין אָנגעהויבן שלום־פאַרהאַנדלונגען. לויט דער פאַרמיטלונג פון אַמעריקע איז גראַף וויטע אַרויסגעפאָרן קיין פּאָרטסמוט, כדי דאָרטן אונטערצוחתמענען דעם שלום־אָפּמאַך.

אָבער דאָס אַלץ איז פאָרגעקומען אין דער מלוכה פון גרויסער פּאָליטיק. אין קאָוונע איז די זאַך געשטאַנען אַנדערש. דאָ האָט מען געהאַלטן נאָך אין סאַמע ברען פון דער מלחמה און אין די טעג פון אויגוסט האָט די מיליטערישע מאַכט אָנגעהויבן דורכצופירן אַ נייע מאָביליזאַציע פון רעזערוויסטן. אין שטאָט און אין דאָרף איז די באַפעלקערונג געווען זייער אויפגערודערט. די מלחמה מיט יאַפּאַן איז געווען זייער אומפּאָפּולער. סאָלדאַטן און בירגער זיינען געווען אויסגעשפּראָכן דעפעטיסטיש געשטימט. די אויפגערעגטע רעזערוויסטן האָבן דורכגעפירט מאַסן־פאַרזאַמלונגען, יידן און קריסטן צוזאַמען, און צוגעגרייט אַ ווידערשטאַנד. די רעוואָלוציאָנערע אָרגאַניזאַציעס האָבן אויסגענוצט דעם מאָמענט. דער „בונד" האָט אַרויסגעגעבן בלעטלעך אויף יידיש, פּויליש און רוסיש, האָט גערופן „צום געווער" און דערקלערט אין שטאָט אַן אַלגעמיינעם פּאָליטישן שטרייק. דאָס איז געווען דעם 15־טן אויגוסט.

אויף מאָרגנס האָבן זיך אָפּגעשטעלט כמעט אַלע פאַבריקן, אַ חוץ שמידס פאַבריק. צו 11 אַזייגער האָבן זיך פאַרמאַכט אַלע וואַרשטאַטן, געשעפטן, די „קאָנקע" און די פורמאַנעס זיינען ניט געפאָרן. די „בירזשע" איז געווען פול מיט שטרייקנדיקע יידישע אַרבעטער. די קריסטן זיינען געבליבן אין זייערע פאָרשטעט און אין די אַרבעטער־קוואַרטאַלן.

אויף די גאַסן זיינען געווען דראַגונער און סאָלדאַטן. די רעזערוויסטן האָט מען געדראָט, אַז אין פאַל פון אַ „בונט", וועלן זיי זיין באַשטראָפט מיט קאַטאָרגע און טויט. עס זיינען געווען אין דער נאַכט אַרעסטירט אַ 20 מאַן — יידן און קריסטן.

אַ זייגער 2 האָט זיך שמידס פאַבריק אויך אָפּגעשטעלט. די אַרבעטער האָבן דעמאָנסטרירט אין די גאַסן. עס זיינען דורכגעפירט געוואָרן געשלאָסענע פאַרזאַמלונגען פון רעזערוויסטן, וואו עס זיינען מיט רעדעס אַרויסגעטרעטן אַגיטאַטאָרן.





עס זיינען פאָרגעקומען צוזאַמענשטויסן צווישן פּאַטרולן און אַרבעטער. אַ גרופּע אַרבעטער האָט אָפּגעשלאָגן ביי אַ פּאַטרול אַן אַרעסטירטן, — מיטן נאָמען בוכעלמאַן. דעם 17־טן אויגוסט זיינען געווען געשלעגן נעבן די פאַרמאַכטע קראָמען. די פּאָליציי האָט געפאָדערט די בעלי־בתים צו עפענען די קראָמען, געדראָט זיי מיט שטראָף פון 500 רובל. דער פּאָליציימייסטער אַליין האָט אָנגעפירט מיטן קאַמף פאַר עפענען די קראָמען. אָבער די רעוואָלוציאָנערע אַגיטאַטאָרן האָבן ניט דערלאָזן. דער פּאָליציימייסטער האָט געמוזט אַ צעמזיקטער פאַרלאָזן דאָס שלאַכטפעלד. אַן 18־יאָריק ייִנגל, אַן איינבינדער, גליק, וואָס האָט פאַנאַנדערגעקלעפּט פּראָקלאַמאַציעס האָט מען אַרעסטירט און געשלאָגן. דאָס זעלבע איז געווען מיט אַן אַרבעטער סאָסנאָווסקי, ביי וועלכן מען האָט געפונען אַ קויל.

סאָלדאַטן האָבן ניט געשאָסן. די דראַגונער האָבן זיך געוואָרפן מיט די נאַגייקעס אויפן עולם אין די גאַסן.

די לאַגע האָט זיך פלוצלונג געביטן, ווען אינדערפרי דעם 18־טן אויגוסט איז אָנגעקומען די ידיעה וועגן שלום. קיינער האָט ניט געגלויבט אין די ידיעות, כאָטש ניט גלייבן האָט זיך אויך ניט געוואָלט. אָבער באַלד זיינען שוין אַרויס פון דרוק טעלעגראַמעס.

דעם 18־טן אויגוסט האָבן די רעזערוויסטן געדאַרפט קומען צום מיליטער־פּונקט. געקומען זיינען נאָר איינצלנע מענטשן. אַ זייגער 10 אין דער פרי האָט זיך פאַרשפּרייט דער קלאַנג וועגן פּאָרטסמוט. דעמאָלט זיינען די באַרויִקטע רעזערוויסטן אַוועק צום מיליטער־פּונקט...

## די דעצעמבער־טעג 1905 אין קאָוונע

דער אַלגעמיינער שטרייק אין דעצעמבער 1905 איז געווען אייגנטלעך אַ שטרייק פון סאָלידאַריטעט. ער איז אַרויסגערופן געוואָרן אַלס פּראָטעסט קעגן דעם אַרעסט פון דעם פּעטערבורגער ראַט פון אַרבעטער־דעפּוטאַטן. אין צוזאַמענהאַנג מיט דעם מאָסקווער אויפשטאַנד, וואָס האָט זיך דאַן פאַנאַנדערגעוויקלט איז דער דעצעמבער־שטרייק געוואָרן דער לעצטער אָנגריף פון דער רעוואָלוציע קעגן דער צאַרישער רעגירונג. דער יידישער תחום האָט זיך גלייך אָפּגערופן, ווי נאָר צו אים איז דערגאַנגען דער אויפרוף, וואָס איז אַרויסגעגעבן געוואָרן אין פּעטערבורג. דער אויפרוף צום אַלגעמיינעם פּאָליטישן שטרייק איז געווען אונטערגעחתמעט אויך פון די צענטראַלע קאָמיטעטן פון די יידישע סאָציאַליסטישע פּאַרטייען.

„דער וועקער" (נר׳ 2) פון 26 דעצעמבער ברענגט אַ גענויע באַשרייבונג וועגן די געשעענישן אין קאָוונע אין יענע טעג.

ערב דעם שטרייק זיינען געווען גערופן צוויי גרויסע מיטינגען: דעם 10 דעצעמבער פאַר די יידישע אַרבעטער, דעם 11־טן אַן אַלגעמיינער, וואָס האָבן צונויפגערופן אַלע אָרטיקע רעוואָלוציאָנערע אָרגאַניזאַציעס. דער שטרייק איז געווען פּראָקלאַמירט אויף דעם 12־טן דעצעמבער אין

נאָמען פון בונד, פּ. ס. ד., פּ. פּ. ס. און ליטווישער ס. ד. פּ., צו 9—10 אַזייגער אינדערפרי איז דער שטרייק שוין געווען אַן אַלגעמיינער. די שולן האָבן זיך פאַרמאַכט, די „קאָנקע" האָט זיך אומגעקערט אין פּאַרק. אין משך פון טאָג האָט מען דורכגעפירט אַ דעמאָנסטראַציע פון אַרבעטער און שול־תלמידים, וואָס האָט זיך פאַרענדיקט מיט אַ גרויסן מיטינג אויף דעם פּאַראַדעס־פּלאַץ. צום אָרט פון מיטינג איז אָנגעקומען אַ פאַרשטאַרקטער מיליטערישער פּאַטרול, וואָס האָט פאַרגעלייגט דעם עולם פאַנאַנדערצוגיין זיך, דראָענדיק מיט שיסעריי. די מאַסע איז זיך ניט פאַנאַנדערגעגאַנגען. מען האָט אויסגעשפּילט אַ סיגנאַל. דאַן האָבן די אָנפירער פאַנאַנדערגעלאָזן דעם מיטינג. אַ טייל פון דער מאַסע — אַרום 1000 מענטשן — האָט זיך אויסגעשטעלט אין רייען און אַוועק דעמאָנסטרירן צו דער הויפּט־גאַס. די מאַניפעסטאַציעס האָבן געדויערט דעם גאַנצן טאָג. אויף דער דעמאָנסטראַציע, מיט וועלכער ס'האָבן אָנגעפירט די ציוניסטן־סאָציאַליסטן, האָבן געמאַכט אַן אָנגריף סאָלדאַטן, וועלכע האָבן שטאַרק געהרגעט די דעמאָנסטראַנטן. דעם 13־טן איז געווען פאַנאַנדערגעקלעפּט אַ מעלדונג פון דעם פעסטונג־קאָמענדאַנט, אַז די שטאָט איז איבערגעגעבן אין רשות פון דער מיליטערישער מאַכט און אַלע פאַרזאַמלונגען וועלן זיין פאַנאַנדערגעטריבן אָן באַוואָרענישן א. אַ. וו. האַרמאָטן און פּולעמיאָטן זיינען אַוועקגעשטעלט געוואָרן אויף די גאַסן. צו 11 אַזייגער אינדערפרי זיינען אַרויסגעפאָרן די וואַגאָנעס פון „קאָנקע" מיט באַוואָפנטע סאָלדאַטן אָנשטאָט די קאָנדוקטערס. ווי נאָר ס'האָבן זיך באַוויזן אין די וואַגאָנעס די ערשטע פּאַסאַזשירן, האָבן די אַרבעטער אָנגעהויבן צו וואַרפן אין זיי שטיינער, און די וואַגאָנעס האָט מען געמוזט אומקערן אין פּאַרק. אין עטלעכע שעהן אַרום האָבן זיך ווידער באַוויזן די וואַגאָנעס אין גאַס, און ווען די אַרבעטער האָבן אויפסניי פאַרוואָרפן זיי מיט שטיינער, האָבן די סאָלדאַטן אויפגעהויבן אַ שיסעריי. ס'זיינען געווען פאַרוואונדעטע און געהרגעטע. דעם 14־טן דעצעמבער אין אָוונט איז געווען געמעלדעט, אַז דער שטרייק איז געענדיקט...

## אַ פּראָטעסט פון טויזנט קאָוונער אָנגעשטעלטע און אַרבעטער

דעם 15־טן נאָוועמבער 1906 האָט די צאַרישע רעגירונג פאַרעפנטלעכט דעם געזעץ וועגן „דער נאָרמאַלער רו פון די אָנגעשטעלטע אין די קראָמען און אַרבעטער אין די האַנטווערקערייען". לויט דעם דאָזיקן געזעץ, איז דער אַרבעטסטאָג געווען באַשטימט „ניט לענגער", ווי 12 שעה אין טאָג — פאַר אָנגעשטעלטע אין די קראָמען, קאַנטאָרן, סקלאַדן א. אַ. וו. דאָס געזעץ האָט געלויטעט, אַז דער טאָג פון רו פאַר די אָנגעשטעלטע דאַרף זיין זונטיק, אָבער וואו די באַפעלקערונג איז בולט אין איר מערהייט ניט קיין קריסטלעכע, דאָרטן מעג דער רו־טאָג זיין אַן אַנדערער (אין אַזאַ פאַל דאַרפן אַלע קראָמען זיין צו־



געמאַכט זונטיק ביז 12 אַזייגער בייטאָג). די פּונקטן פון געזעץ פון 15 נאָוועמבער האָבן פּאַקטיש אַריינגעטראָגן אַ פאַרערגערונג אין דער לאַגע פון די אָנגעשטעלטע: ערשטנס, האָבן זיי פּאַקטיש געהאַט אַ פּיל קירצערן אַרבעטס־טאָג און צווייטנס, אין די „יידישע שטעט", ד. ה. אין די שטעט, וואו דער האַנדל ליגט פּאַקטיש אין די הענט פון די יידישע סוחרים און וואו די איבערוויגנדע מערהייט פון די אָנגעשטעלטע זיינען יידן, — איז דער אָבליגאַטאָרישער זונטיק־רו געווען אַ קלאַפּ איבער די לעבעדיקע אינטערעסן פון דער יידישער באַפעלקערונג. מען דאַרף נאָך נעמען אין אַכט, אַז פּאַקטיש זיינען די יידישע געשעפטן פאַרמאַכט שבת און יום־טוב. דאָס געזעץ פון 15־טן נאָוועמבער האָט געהאַט נאָך איין קאָרעקטיוו: ער האָט באַשטימט ביי די שטאָט־פאַרוואַלטונגען אַ. ג. „געמישטע קאָמיסיעס", פון פאָרשטייער פון שטאָט, פון בעלי־בתים און אָנגעשטעלטע, וואָס דאַרפן באַהאַנדלען אַלע פראַגן, וואָס זיינען פאַרבונדן מיטן דורכפירן דעם געזעץ אין לעבן און צופּאַסן אים צו באַזונדערע אָרטיקע פאַרהעלטענישן.

מיר קאָנען דאָ ניט אַריינגיין אין תוך פון דער פראַגע. ס'איז נאָר אינטערעסאַנט דאָ ברענגען דעם פאָרשלאַג, וואָס איז געווען אין יענער צייט אַריינגעטראָגן אין די אַרבעטער־קרייזן, און וואָס האָט פאָרמולירט אין אַלגעמיין דעם שטאַנדפּונקט פון די יידישע סאָציאַליסטן: די אָנגעשטעלטע דאַרפן פאָדערן 40 שעה אין וואָך אומאויפהערלעכע רו, ד. ה. אַז פון סוכות ביז פּסח (סעפּטעמבער־אַפּריל) זאָל מען פאַרמאַכן די געשעפטן פרייטיק 3 אַזייגער און עפענען זונטיק 9 אין דער פרי, און פון פּסח ביז סוכות (אַפּריל־סעפּטעמבער) פאַרמאַכן פרייטיק 7 און עפענען זונטיק אויך 9 אין דער פרי. דאָס וואָלט געמאַכט אין ווינטער — 42 שעה רו און זומער — 38 שעה.

אין צוזאַמענהאַנג מיט דעם געזעץ פון 15 נאָוועמבער איז אין קאָוונע געוואָרן דורכגעפירט אַ מאַסן־פאַרזאַמלונג, וואָס איז באַקאַנט אונטערן נאָמען: „אַ פּראָטעסט־פאַרזאַמלונג פון 1000 קאָוונער אַרבעטער". נאָך אַ פאָרטראַג און דעבאַטן אויף דער דאָזיקער פאַרזאַמלונג, וואָס איז געווען דורכגעפירט דעם 21 פעברואַר 1907, איז געווען אָנגענומען די פאָלגנדיקע רעזאָלוציע (ז. „פאָלקסצייטונג" פון 1907).

„אינעם נאָמען פון 1000 אַרבעטער און אַרבעטערינס, וועלכע האָבן זיך צונויפגעקליבן דעם 21־טן פעברואַר 1907, אויסצוהערן דעם באַריכט וועגן דער „געמישטער קאָמיסיע", — שיקן מיר אַ באַגריסונג דער סאָציאַל־דעמאָקראַטישער פראַקציע אין „דומע" און דריקן אויס די גרייטקייט צו אונטערהאַלטן די פראַקציע אין איר קאַמף פאַר די רעכט פון פאָלק.

באַטראַכטנדיק דעם געזעץ פון 15־טן נאָוועמבער, האָט די פאַרזאַמלונג אונטערגעשטראָכן, ווי קלאָגעדיק עס איז די דאָזיקע ביוראָקראַטישע הנחה. די פאַרזאַמלונג האָט אונדז איבערגעגעבן צו מאַכן אויפמערקזאַם די פראַק־

ציע אויף דעם, אַז דער דאָזיקער געזעץ טראָגט אַריין אַ נאַציאָנאַלע פיינדשאַפט, אַז די אָרטיקע אַדמיניסטראַציע שאַפט פון אים אַ כלי־זין, וועלכער איז ספּעציעל אָנגעווענדעט קעגן די יידן. עס ווערט איינגעפירט פאַר די יידישע אונטערנעמונגען אַ צוואַנגס־רו אין זונטיק־טעג; אַזוי ווי אין די יידישע האַנדלס־אונטערנעמונגען און וואַרשטאַטן אַרבעט מען ניט אויך שבת, ווערט דורך דעם געשאַפן אַ לאַגע, וועלכע עס רופט זיך זייער שווער אָפּ אויף די אינטערעסן פון די יידישע אַרבעטער און די אָנגעשטעלטע, וועלכע פאַרלירן די אַרבעט צוויי טעג אין וואָך.

מיר רופן אונדזערע דעפּוטאַטן צו העלפן אונדז אינעם קאַמף קעגן דער דאָזיקער נייער דערשיינונג פון דער נאַציאָנאַלער אונטערדריקונג".

## די וואַל־קאַמפּאַניע צו דער 2־טער דומע, דער „בונד", דער יידישער קאָמיטעט, די ס. ס. אין קאָוונע.

דער בונדישער אָרגאַן „נאַשאַ טריבונאַ" נומ. 1 פון 13־טן דעצעמבער 1906 האָט באַשריבן די באַציאונגען, וואָס האָבן זיך געשאַפן אין קאָוונע צווישן דעם „יידישן קאָמיטעט", דעם פּאַרטייאישן בונדישן קאָמיטעט און דעם יידישן וואַל־קאָמיטעט אין דער צייט פון די וואַלן צו דער צווייטער דומע.

„אין קאָוונע האָט מען אין די שולן און די מנינים אויסגעוויילט באַפולמעכטיקטע, וועלכע האָבן זיך דערנאָך פאַרזאַמלט אויסצוקלייבן דעם „יידישן וואַל־קאָמיטעט". די לינקע עלעמענטן אין קאָוונע שטעלן מיט זיך פאָר אַ באַדייטנדיקן כוח, און דערפאַר האָט מען איינגעלאַדן אויף דער פאַרזאַמלונג אויך די פאָרשטייער פון „בונד". אויף דער זעלביקער פאַרזאַמלונג זיינען אויך געווען פאָרשטייער פון אַנדערע יידישע פּאַרטייען. דער פאָרזיצער הערש פיינבערג האָט געעפנט די פאַרזאַמלונג מיט אַ רעדע, אין וועלכער ער האָט גערופן די יידן גיין צו די וואַלן אונטער דער פאָן פונעם „דערגרייכער־פאַראיין". ווען עס האָבן זיך אָנגעהויבן די דעבאַטן, האָט דער פאָרשטייער פון „בונד" געמעלדעט, אַז דער „בונד" קאָן ניט נעמען קיין אָנטייל אינעם „דערגרייכערישן קאָמיטעט". ער האָט אויך מודיע געווען דער פאַרזאַמלונג, אַז אין שטאָט איז אָרגאַניזירט געוואָרן אַ וואַל־קאָמיטעט פון „בונד" און ר. ס. ד. א. פּ., אין וועלכן עס ווילן אַריינטרעטן אויך די פּ. פּ. ס. און די ל. ס. ד. דער רעדנער האָט אויך אָנגעוויזן, אַז דער דאָזיקער קאָמיטעט וועט גרופּירן אַרום זיינע לאָזונגען די אַרבעטנדיקע שיכטן פון דער באַפעלקערונג פון אַלע נאַציעס.

די רעדע פון „בונד"־פאָרשטייער האָט אַרויסגערופן אַ שטאַרקע אומצופרידנהייט ביי די „דערגרייכער", וועלכע האָבן געטענהט, אַז די יידן דאַרפן ניט צעברעקלען זייערע שטימען. קעגן די בונדיסטן זיינען אַרויסגעטראָטן די ס. ס. דער באַוואוסטער דניאלי איז אין זיין רעדע באַשטאַנען אויף דעם, „אַז מען דאַרף ניט צונויפמישן די ס. ס. מיטן בונד... די ס. ס. האָט ער געזאָגט, ווילן אַריינגיין אינעם יידישן קאָמיטעט. זיי ווילן אָבער, אַז אינעם קאָמיטעט זאָלן זיין פאָרגעשטעלט אַלע קלאַסן... און אויב די ס. ס.ן וועט מען ניט אַריינעמען אינעם יידישן קאָמיטעט, וועלן זיי זיין געצוואונגען אַרויסצוטרעטן זעלבשטענדיק און אַפילו אַריינטרעטן אינעם סאָציאַליסטישן קאָמיטעט. די פאַראַנטוואָרטלעכקייט פאַר אַזאַ שריט וועט פאַלן אויף די „דערגרייכער"...

דעם הער דניאליס רעדנער־קונסט האָט מען אָפּגעשאַצט ווי געהעריק. מען האָט אים אויסגעקליבן אין יידישן קאָמיטעט. און צוזאַמען מיט אים עטלעכע „פרידלעכע באַנייער" און עטלעכע קאַדעטן — רעכטע און לינקע, אינאיינעם 21 מענטשן, וועלכע וועלן אונטער דער פאָן פונעם „דערגרייכער־פאַראיין" אַרויסטרעטן אויף די וואַלן אינעם נאָמען פון די יידן.

קאָמיש איז דער סוף פון דער דאָזיקער געשיכטע. אין עטלעכע וואָכן אַרום איז דער הער דניאלי אַרויסגעטראָטן פון קאָמיטעט. ער האָט זיך פריער, הייסט עס, ניט פאָרגעשטעלט ווי געהעריק דעם אמתן מהות פון „קאָמיטעט"...

*

דניאלי — איז דער פּאַרטיי־נאָמען פון אָ. טשערניכאָוו, וואָס איז דעמאָלט געווען אַ מיטגליד פון צ. ק. פון דער ציוניסטיש־סאָציאַליסטישער אַרבעטער פּאַרטיי און אַ גרויסער רעדנער. שפּעטער וואוינענדיק אין ווילנע איז ער געוואָרן אַ פאָלקיסט, געווען פאָרזיצער פון דער ווילנער קהילה, אין אָנהייב פון דער צווייטער וועלט־מלחמה אַרעסטירט פון דער סאָוויעטנמאַכט און שפּעטער ליקווידירט.

אין זשורנאַל פון דער ציוניסטיש־סאָציאַליסטישער אַרבעטער פּאַרטיי „דער נייער וועג", נומ. 25 פון 12 יאַנואַר 1907 געפינען מיר אַ קאָרעספּאָנדענץ פון קאָוונע, וואָס איז געווידמעט דער וואַל־קאַמפּאַניע צו דער צווייטער דומע אין רוסלאַנד. מיר ברענגען די קאָרעספּאָנדענץ אין גרעסערע אויסצוגן:

„די וואַלקאַמפּאַניע דערגרייכט איר העכסטע מדרגה. עס איז שוין זעלטן צו טרעפן אַ יידישן ווילער, — אַפילו פון יענע פאַריאָגטע, וועמען די „כלל־זאַכן" קריכן ניט אין מוח אַלע טעג פון אַ גאַנץ יאָר, אַז ער זאָל ניט אונטערשיידן, וואָס איז אַזוינס ס. ס., „בונד" און „דערגרייכער"...

פון דעם 23 דעצעמבער האָט זיך אָנגעהויבן אין אַלע טיילן פון שטאָט די ברייטסטע אַגיטאַציע פון ס. ס., אַזוי, אַז פאַר דער צייט האָט זיך די גאַנצע שטאָט פאַראינטערעסירט מיט דער פראַגע פון די יידישע פּראָלעטאַרישע פּאַרטייען. 12 ווילער־פאַרזאַמלונגען אין פאַרלויף פון 8 טעג, וועלכע האָבן געלאָזן טיפע וואָרצלען אין די מאַסן. מען קאָן זאָגן, אַז אונדז האָט געלונגען צו באַ־

גייסטערן די יידישע גאַס. זי האָט איצט פון אונדז דערהערט אונדזער גרויסן אמת און פילנדיק אין אונדז די ערנסטע איבערגעגעבענע קעמפער פאַר די נאַציאָנאַלע פּערספּעקטיוון, וועלכע מיר האָבן אָנגעוויזן אין דער צוקונפט, איז זי גרייט אונדז פאַרטרויען איר קעגנוואָרט. מיט דער גרעסטער צופרידנקייט באַגעגנט דער עולם אומעטום אונדזערע רעדנער. ס׳טרעפט אַז דער אַגיטאַטאָר ווירקט אַזוי אויף די צוהערער, אַז זיי דריקן אויפן אָרט אויס זייער גרייטקייט צו שטימען פאַר דעם ס״סישן קאַנדידאַט.

שבת נאָך „לייענען" רעדט מען אין די בתי־מדרשים און אינטערעסאַנט איז, ווי נייגעריק די דאַוונער באַגעגענען און הערן אויס דעם רעדנער. דער שבת פון 30 דעצעמבער האָט אין שטאָט געהייסן — „דער ס. ס.־ישער", ווייל דורכאויס אין אַלע שולן און קלויזן פון קאָוונע און סלאָבאָדקע האָבן גערעדט אונדזערע חברים. אין „כאָר־שול" האָט אונדזער אַ חבר גערעדט פאַר אַ גרויסן עולם וועגן אונדזערע קעגנער פון רעכטס און פון לינקס. זיין רעדע האָט געמאַכט אַ גרויסן רושם, אַפילו אין אַנדערע עקן פון שטאָט האָבן יידן דעם גאַנצן טאָג גערעדט וועגן איר. אין דער זעלבער צייט האָט חבר אַ. גערעדט אין גרויסן בית־המדרש (שוין צום צווייטן מאָל) פאַר זייער אַ גרויסן עולם. מער מענטשן האָט שוין די שול ניט געקענט אַריינגעמען, אַפילו ביי די פרויען אין דער הייך איז געווען איבערגעפולט. זיינע רייד האָבן אויף אַזוי פיל געווירקט, אַז ס׳איז גענוג צו זאָגן, דער חבר וועט ערגעץ וואו ריידן און יידן, אַפילו אַלטע, זיינען גרייט צו גיין הערן צו יעדער צייט.

אויסער פאַרזאַמלונגען אין שולן און אין פאַרשיידענע ערטער זיינען פאָרגעקומען אויך אָפיציעלע.

אין זאַל פון דער „ביליקער קיך" איז צונויפגערופן געוואָרן מיט דער דערלויבעניש פון דער פּאָליציי אַ דעלעגאַטן־פאַרזאַמלונג, אויף וועלכער עס זיינען איינגעלאַדן געוואָרן די „דערגרייכער" און דער „בונד". דער חבר ס. האָט געלייענט אַ קורצן, שאַרפן רעפעראַט אין רוסיש, וואו ער האָט אויסגעלייגט אונדזער פּראָגראַם; נאָכהער האָט דער חבר א. געהאַלטן אַ רעדע, אין וועלכער עס זיינען שאַרף קריטיקירט געוואָרן די „דערגרייכער" און דער „בונד". די פאַרזאַמלונג האָט זיך געפונען אונטער אַ שטאַרקער ווירקונג פון די רייד, אַזוי אַז אייניקע פון די פאַרזאַמלטע (פריער פיינט פון ס. ס.) האָבן פאָרגעלייגט צו אויפרופן לעגאַלע פאָרוואַל־פאַרזאַמלונגען אויף דעם אופן, אַז אונדזערע רעדנער זאָלן אַרויסטרעטן מיט רעדעס. פון „בונד" איז קיינער אויף דער דאָזיקער פאַרזאַמלונג ניט אַרויסגעטרעטן, און ווי עס ווייזט אויס ניט על פּי צופאַל.

אין אַלגעמיין פילט ער זיך אין קאָוונע ניט איבעריק פעסט (ווען מען זאָל ניט רעכענען די האָפענונג אויף די „דערגרייכער"), כאָטש אויף די זייטן פון „פאָלקס־צייטונג" טריאומפירט מען נצחון. פאַר דער גאַנצער צייט איז



געווען צו הערן נאָר פון איין פאָרוואַל־פאַרזאַמלונג אין סלאָבאָדקע און אויך ניט מיט אַזאַ שיינעם שם. אַהין האָט זיך אונדז מיט גרויסער שוועריקייט איינגעגעבן צו אַריינפירן אונדזערן אַ רעדנער, ווייל די בונדיסטן ניט נאָר וואָס זיי האָבן ניט איינגעלאַדן, זיי האָבן אַפילו געשטערט דעם ס. ס. צו דורכגיין אין צימער, וואו די פאַרזאַמלונג איז פאָרגעקומען. און ווען אונדז האָט שוין געלונגען דורכצוקריכן, און איינער פון די ווילער ח. א־אָן האָט געבעטן אַ וואָרט פאַר דעם רעדנער פון ס. ס. איז פּלוצלונג עפּעס געשען. דער בונדישער רעדנער אין רעכטן היץ פון זיין רעדע ישובט זיך אייניקע סעקונדן מיט דעם פאָרזיצנדן, נאָכהער... איז ער מוחל אויף זיין מלא כבוד, — ד. ה. אויף דעם וואָס ער... מוז לאָזן אינמיטן... און פּונקט ווי אַ שד וואָלט אים געטריבן — אַ זאָג געטאָן: „בירגער, איר ט׳שוין גענוג געהערט, צייט גיין אַהיים". און חברה האָט גענומען שטופּן דעם עולם...

צווישן דעם המון הערשט אין קאָוונע זייער אַ גוטע שטימונג פאַר די ס. ס., און דאָס האָט נאָך אַמאָל באַוויזן די פאַרזאַמלונג פון 2־טן יאַנואַר.

אינטערעסאַנט איז אויך דער אינצידענט אויף דער דאָזיקער פאַרזאַמלונג, וועלכע כאַראַקטעריזירט דעם „בונד" אין זיין יאָגעניש צו געפינען חן אין די אויגן פון די „גרויע בערד"... נאָך דעם רעפערענט ה׳ אבר. האָט דאָס וואָרט באַקומען אַ „יידל", וועלכער האָט גלייך איבערגעאַנדערשט די שטימונג פון דער פאַרזאַמלונג. ער האָט זיך אַריינגעלאָזן אין מגידות, געזונגען אויף אַ ניגון... פּלוצלונג — דער רעדנער שרייט, אַז אין דומע מוז גיין אַ... בונדיסט... לאָזט זיך אויס, אַז דאָס איז ניט קיין „דערגרייכישער" מגיד, נאָר איינער פון די גרעסטע „בונדישע קרעפטן", וועלכע זיינען בלילה ההוא „דעמאָנסטרירט געוואָרן"...

## פון וול. מעדעמס מעמואַרן

וולאַדימיר מעדעם אין זיינע מעמואַרן „פון מיין לעבן" (ב. וו, ז. ז. 157—164), דערציילנדיק וועגן קאָוונע, באַשרייבט אין קורצן דעם גאַנג פון דער וואַל־קאַמפּאַניע דאָרט צו דער 2־טער דומע. ער שרייבט אַז „אין קאָוונע איז געווען אַרויסגעשטעלט אונדזער וויכטיקסטער קאַנדידאַט, אַבראַמאָוויטש, און די אַרבעט איז געגאַנגען פריש און לעבעדיק. מען פלעגט ריידן אין בתי־מדרשים, מען פלעגט מאַכן גרויסע פאַרזאַמלונגען אין דעם זאַל פון מאַגיסטראַט. די אויסערלעכע באַדינגונגען אין קאָוונע זיינען געווען גאַנץ גוטע. די פּאָליציי פלעגט אונדז ניט טשעפּען, און אַז ס׳פלעגט אַפילו קומען אַ פּאָליציאַנט אויף אַ פאַרזאַמלונג, פלעגן מיר אים געבן אַ פּאָר רובל, אָדער אַריינגעמען אים אין אַ דערבייאיקן צימערל און אים מכבד זיין מיט אַ פלעשעלע שנאַפּס — פלעגט ער ניט שטערן".

„איך געדענק דעם ערשטן גרויסן מיטינג, דערמאָנט זיך וול. מעדעם. אַבראַמאָוויטש האָט געהאַלטן אַ גרויסע

זאַלכעכע רעדע. נאָכדעם... טרעט אַרויס אַ יונגער ס. ס.־אָוויעץ — אַ בחורל פון אַ יאָר 18—17, טאַקע זייער אַ שיינער רעדנער (איך מיין לויט דער פאָרם נאָר) און הייבט אָן צו האַקן אַ טשייניק... פאַרשטייט זיך, אַז דער יונגער מאַן האָט באַקומען אַ געהעריקן גאָב".

דער קאָוונער קאַנדידאַט פון די ס"ס איז געווען נ. סירקין. און מעדעם דערציילט וועגן אַ מיטינג, וואָס איז געווען אָרגאַניזירט פון דעם קאָוונער יידישן „כלל־ישראל־קאָמיטעט", אויף וועלכן ס'זיינען איינגעלאַדן געווען די ביידע סאָציאַליסטישע קאַנדידאַטן. נאָך דער רעדע פון אַבראַמאָוויטש, וואָס האָט גערעדט יידיש, — האָט באַקומען דאָס וואָרט סירקין. „אין אַ לאַנגן שוואַרצן „אַקטאָרישן ראָק" — באַשרייבט מעדעם, — שפרייט ער אויס זיין גרויסע ברייטע באָרד און לייגט אַוועק אַ דרשה — אויף דייטש. איך זיץ און הער זיך צו און פרעג זיך אַליין, צי איך חלום, צי ניט... ניין, ער רעדט און קנאַקט אַ ריינעם, אמת־ליטעראַרישן דייטש, גלייך ווי ער וואָלט גערעדט ניט פאַר די קאָוונער בעלי־בתים, נאָר אויף אַ פאַרזאַמלונג פון בערלינער יאַהודים. פון צייט צו צייט האַקט ער אַריין אַ העברעאישן פסוק און דרשנט אויך „האָך־דייטש". קען ער ניט קיין יידיש? אוודאי קען ער. נאָר וואָס? קענטיק, אַז ער האָט געוואָלט אימפּאָנירן דעם עולם: אַ דאָקטאָר, קען דייטש און קען העברעאיש, ווי זשע ווילט מען ניט אַזאַ חכם?...

„ס'איז מיר דעמאָלט אויסגעקומען צו באַטייליקן זיך אין עטלעכע וואַל־מיטינגען אויסער קאָוונע... איך בין געפאָרן אין פאָנעוועזש; דאָרטן איז דער מיטינג פאָרגעקומען אין דער גרויסער שול; ס'איז געווען אַזוי פול געפּאַקט מיט מענטשן, און די לופט איז געווען אַזוי געדיכט, אַז די לאָמפּן האָבן געצאַנקט און שיער ניט אויסגעגאַנגען. די קעגנער האָבן דערשמעקט, ווער איך בין און האָבן מיר געוואָלט אונטערשטעלן אַ פיסל. ווי נאָר איך האָב אָנגעהויבן צו ריידן, — און גערעדט האָב איך אין רוסיש, ווייל יידיש האָב איך ניט געקענט, — האָבן זיי אָנגעהויבן צו שרייען: „יידיש! יידיש!" מען האָט זיי אָבער איינגעשטילט. דאָס קאָמישע דערביי איז געווען, וואָס זייער אייגענער קאַנדידאַט, דער אַדוואָקאַט פרידמאַן, האָט אויך גערעדט רוסיש".

## די ליטווישע סאָציאַל־דעמאָקראַטן ווענדן זיך צום ערשטן מאָל צו יידישע אַרבעטער אין דער יידישער שפּראַך

דאָס איז געווען אין דער צייט פון דער צוגרייטונג צו דער וואַל־קאַמפּאַניע צו דער צווייטער דומע. די סאָציאַליסטישע פּאַרטייען: „בונד", ר. ס. ד. א. פ. און די ליטווישע ס. ד. האָבן געפירט פאַרהאַנדלונגען וועגן אַ געמיינזאַמען אָנטייל אין דער וואַל־קאַמפּאַניע, אָבער, הפנים, ס'איז פון די פאַרהאַנדלונגען גאָרניט אַרויסגעקומען. באַזונדערס, איז דורך דעם געקומען צו אַ גאַנץ שאַרפן קאָנפליקט צווישן די ליטווישע ס. ד. און דעם





בונד. דער דאָזיקער קאָנפליקט האָט דערפירט צו דעם, אַז די ליטווישע ס. ד. פון שאַוול, נעמלעך, דער שאַוולער ראַיאָנער קאָמיטעט פון דער ליטווישער ס. ד. א. פּאַרטיי האָט זיך מיט אַ באַזונדער בלעטל געווענדעט צו די יידישע אַרבעטער פון שאַוולער ראַיאָן מיט אַ פּראָטעסט קעגן דער טאַקטיק פון בונד, וואָס פירט אַ „נאַציאָנאַליסטישע" און אַן אַנטי־פּראָלעטאַרישע טאַקטיק, רייסט איבער מיט די ליטווינער סאָציאַליסטן און וויל זיך איינקויפן ביי די יידישע „דערגרייכער" (אַזוי האָט מען אָנגערופן די מיטגלידער פון דעם פאַרבאַנד צו דערגרייכן יידישע רעכט אין רוסלאַנד. פאַקטיש זיינען אין שפּיץ פון די „דערגרייכער" געשטאַנען קאַדעטן, דעמאָקראַטיקע ליבעראַלן). ס'איז זייער אינטערעסאַנט, אַז דער דאָזיקער אויפרוף פון די ליטווינער איז פאַרפאַסט אין יידיש, — און דערפאַר לוינט באַזונדער ברענגען פון אים עטלעכע וויכטיקע אויסצוגן.

*

„הגם מיר ווענדן זיך צו אייך דעם ערשטן מאָל אין אייער מוטערשפּראַך און גראַדע מכוח ניט קיין פריילעכן ענין, דאָס וועט אָבער געוויס ניט פאַרשאַטן, איר זאָלט געדולדיק אויסהערן ביז צום סוף אונדזער ברידערלעכן וואָרט, מיט וועלכן מיר ווענדן זיך צו אייך, איר זאָלט אַרויסטראָגן אייער משפּט איבער אַזעלכע מוראדיקע אומרעכטן, וועלכע קאָנען באַגאַנגען ווערן אַפילו פון „ריינע" סאָציאַל־דעמאָקראַטן.

...בשעת ס'האָט זיך אָנגעהויבן די וואַל־אַגיטאַציע, האָט זיך באַלד געשפּירט די נויטיקייט צו קאָאָרדינירן די באַוואוסטזיניקע כוחות פון דעם פּראָלעטאַריאַט פון ליטע. מיר פון אונדזער זייט, האָבן עס דערפילט. וועלנדיק, ווי א טעריטאָריעלע פּאַרטיי פון ליטע, אַרבעטן צווישן דעם יידישן פּראָלעטאַריאַט, אַריינציענדיק אים אין אונדזערע רייען, אָבער ניט האָבנדיק צוליב פאַרשיידענע אורזאַכן קיין מעגלעכקייט ביז איצט צו דערפילן אונדזער וואונטש, זיינען מיר אַריין אין באַציאונגען מיט דער שאַוולער אָרגאַניזאַציע פון „בונד" און מיר האָבן אויסגעשטעלט צוזאַמען אַ וואַל־ליסטע אויף די פאָלגנדיקע באַדינגונגען: מיר און דער בונד דאַרפן אַגיטירן פאַר זובאָוון און פרידמאַנען, זען זיי זאָלן אויסגעקליבן ווערן פאַר באַפולמעכטיקטע, און אַגיטירן קעגן די רעכטע קאַנדידאַטן, וועלכע ווערן אויסגעשטעלט ווי פון ליטווינער, אַזוי אויך פון די יידן.

דער בונד אָבער, וועלכער האָט אויפגעבויט די גאַנצע פאַרטיי אויף אַ נאַציאָנאַלן גרונט, קען זיך בשום אופן ניט אָפּטרייסלען פון די נאַציאָנאַליסטישע טענדענצן, וועלכע זיינען די הויפּט־סיבה פון זיין אַנטשטייאונג. ער האָט שוין פאָראויס פאַר זיך אויסגעאַרבעט אַ פּלאַן לויט וועלכן דער בונד מוז אומבאַדינגט, אַפילו בלויז מיט די שטימען פון די יידישע בורזשויען, וועלכע ער האָט בדעה מיט זיין וואַל־אַגיטאַציע מאַכן פאַר באַוואוסטזיניקע סאָציאַ־

ליסטן, דורכפירן דווקא בונדאָווצעס אין דומע. ווי אַזוי דערגרייכט מען דאָס אָבער? מ׳נעמט און מ׳גייט אַריין אין אָפמאַכן מיט די יידישע וואַל־קאָמיטעטן, וועלכע באַשטייען פון אַלערליי אויסוואורפן. דאָרטן פעלן ניט פון די רעכטסטע ציוניסטן ביז די בעסטע „דערגרייכער״, און אויפן וועג פון פאַרהאַנדלונגען, פשרהס ווייזט מען אויס ביי זיי אַ פאָר ערטער פאַרן בונד.

...דער בונד לאָזט זיך אַזוי ווייט אויף קאָמפּראָמיסן, אַז ער ווערט מרוצה אויף דער פאָלגנדער פשרה מיט דעם קאָוונער יידישן וואַל־קאָמיטעט. זיי פון זייער צד זאָלן אים אָפּלאָזן אין קאָוונער גובערניע 2—3 ערטער, און ער פון זיין צד וועט אונטערהאַלטן אין דער גאַנצער גובערניע די קאַנדידאַטן, וועלכע ווערן אַרויסגעשטעלט פון דעם יידישן קאָמיטעט.

אויף אַזאַ אופן האָט די שאַוולער אָרגאַניזאַציע פון בונד פאַראַטן דעם אָפּמאַך מיט זייער ברידערלעכער אָרגאַניזאַציע — פון ל. ס. ד., אַוועקגעוואָרפן זייער אייגענעם קאַנדידאַט פרידמאַנען און אויפגעהערט אַגיטירן פאַר דעם אַרויסגעשטעלטן דורך אונדז זובאָוון. אָנשטאָט די דערמאָנטע קאַנדידאַטן, אַגיטירן די בונדאָווצעס פאַר אַזעלכע קאָנסערוואַטיווע רעאַקציאָנערן, ווי צינקאָווסקי און פאַר דעם טיפּישן בורזשוי כאַראַנזשיצקי, וועלכע האָבן פריער געוואָלט אַריינגיין אין אַן אָפּמאַך מיט די פּוילישע פּריצים, בלויז דערפאַר, ווייל זיי זיינען אַרויסגעשטעלט דורך דעם יידישן וואַל־קאָמיטעט״.

דער שאַוולער ראַיאָנער קאָמיטעט פון דער ליטווישער ס. ד. פּראָטעסטירט קעגן די בונדישע „מוראדיקע אומרעכטן״ און אין נאָמען פון דער אינטערנאַציאָנאַלער סאָציאַליסטישער סאָלידאַריטעט אַפּעלירט ער צו די יידישע אַרבעטער און רופט זיי אַגיטירן אין דער וואַל־קאַמפּאַניע פאַר די קאַנדידאַטן פרידמאַן און זובאָוו, וועגן וועלכע מען האָט זיך פריער געאייניקט.

## אַ ביסל אינפאָרמאַציע וועגן די ליטווישע סאָציאַליסטן

אין צוזאַמענהאַנג מיט דעם „שאַוולער אינצידענט״ לוינט צו ברענגען אייניקע ידיעות וועגן די ליטווישע סאָציאַל־דעמאָקראַטן. די אַ. ג. ליטווישע ס. ד. אַרבעטער־פאַרטיי האָט אָנגעהויבן צו באַקומען אַ געוויסע ווירקונג אויף די יידישע אַרבעטער־קרייזן נאָך דער רעוואָלוציע פון 1905, ווען ס׳האָט זיך אָפּגעטיילט פון דער פּ. פּ. ס. אין ליטע אַ סאָציאַל־דעמאָקראַטישע גרופּע (דאָס איז געווען אין יוני 1906 אויף דער 4־טער קאָנפערענץ פון פּ. פּ.ס׳ישער אָרגאַניזאַציעס אין ליטע) און ס׳איז פאָרגעקומען אַ פאַראייניקונג צווישן דער דאָזיקער גרופּע מיט דער ס. ד. אַרבעטער־פאַרטיי. די ליטווישע פּעפּעסאָווצעס האָבן פון פריער געהאַט פאַרבינדונגען צווישן יידישע אַרבעטער און אַפילו אַרויסגעגעבן אַן אָרגאַן אין דער יידישער שפּראַך: „דער קאַמף״.

ס׳איז אינטערעסאַנט, אַז לויט דעם אָפּמאַך צווישן



די צוויי אויבנדערמאָנטע ליטווישע אָרגאַניזאַציעס איז געווען באַשטימט, אַז דער יידישער טייל, וואָס גייט אַריין אין באַשטאַנד פון דער ליטווישער סאָציאַל־דעמאָקראַטיע, „בלייבט אַן אווטאָנאָמער טייל אין אַלץ, וואָס ס׳איז שייך ספּעציעל וועגן דער יידישער אַרבעט און שיקט אַן אייגענעם פאָרשטייער אין דעם פאַראייניקטן קאָמיטעט״.

אין דער צייט פון דער וואַל־קאַמפּאַניע צו דער צווייטער דומע האָבן די ליטווישע סאָציאַל־דעמאָקראַטן באַשלאָסן צונויפרופן געמיינזאַמע קאָנפערענצן פון יידישע און ניט־יידישע אַרבעטער. באַזונדערס איז געווען אַנטוויקלט די אַרבעט צווישן דער יידישער באַפעלקערונג אין שאַוול. פון 1 דעצעמבער 1906 איז אַרויס דער ערשטער נומער פון דער צייטונג „סאָציאַליסטישעס פלוגבלאַט״ (אַרויס זיינען אינגאַנצן 4 נומערן). דאָרטן זיינען געווען פאַרעפנטלעכט גאַנץ פיל קאָרעספּאָנדענצן, צווישן זיי פון קאָוונע, שאַוול, ווילנע, גראָדנע, אמדור א. א. ס׳זיינען אויך אַרויס פּראָקלאַמאַציעס צו דער וואַל־קאַמפּאַניע, צווישן זיי אויך אַ פּראָקלאַמאַציע פון דעם קאָוונער קאָמיטעט אין 3000 עקזעמפּלאַרן.

אין 1907 יאָר האָט די ליטווישע סאָציאַלדעמאָקראַטיע אַרויסגעגעבן אויך אַ לעגאַלן יידישן ליטעראַטור־געזעלשאַפטלעכן זשורנאַל א. ק. „אַרבייטערשטימע פון ליטע״ (די אַרבעטערשטימע פון ליטע). טראָץ דער צענזור און פּאָליציייִשע שטערונגען, האָט זיך דער רעדאַקציע איינגעגעבן צו פאַרעפנטלעכן אַ גאַנצן גרויסן מאַטעריאַל פון פאַרטיילעבן און קאַמף.

די באַציאונגען מיט די יידישע סאָציאַליסטן, באַזונדערס מיטן „בונד״, זיינען געווען אין דער ערשטער צייט גאַנץ נאָענטע, אַפילו פריינדלעכע, אָבער אין דער צייט פון דער וואַלקאַמפּאַניע האָבן זיך די באַציאונגען פאַרשאַרפט דורך דעם קאָנפליקט, וואָס איז פאָרגעקומען אין שאַוול.

## די וואַלן צו דער 4־טער דומע

האַרבסט 1912 זיינען פאָרגעקומען וואַלן צו דער 4־טער דומע אין רוסלאַנד.

לויט די נאָטיצן פון די צייטונגען איז באַקאַנט, אַז דער „בונד״ האָט אַרויסגעשטעלט אין דער צווייטער יידישער קוריע, — אין קאָוונע — דעם אַדוואָקאַט אי. אוריסאָן. די קאַנדידאַטור איז געווען אונטערשטיצט פון אַנדערע סאָציאַליסטישע גרופּירונגען, ווי אויך פון פאַרשיידענע דעמאָקראַטיש־בירגערלעכע עלעמענטן פון שטאָט.

די מאַכט האָט געפירט אַ קאַמף קעגן דער סאָציאַליסטישער קאַנדידאַטור, און סוף כל סוף איז אין דעם טאָג פון די וואַלן געווען דערקלערט, אַז אוריסאָן האָט ניט קיין וואַל־רעכט און זיין קאַנדידאַטור ווערט אַזוי אַרום אַנולירט. ניט קוקנדיק אויף דעם האָט אַ טייל פון די וויילער געשטימט פאַר דעם קאַנדידאַט פון די סאָציאַליסטן: ער האָט באַקומען 524 שטימען (קעגן 1042 שטימען, וואָס האָט באַקומען דער קאַנדידאַט פון די קאַדעטן).

### דער גירוש פון דער יידישער באַפעלקערונג אין קאָוונער גובערניע, מאַי 1915

(טעלעגראַפישער באַפעל פון דער מיליטער־מאַכט צום איספּראַווניק פון פּאָנעוועזש),

(טעקסט)

לויט דער פאַראָרדענונג פון אַרמיי־שעף דאַרפן אַרויסגעשיקט ווערן אַלע יידן, וואָס וואוינען צו מערב־זייט פון דער ליניע קאָוונע, יאַנאָווע, ווילקאָמיר, ראָגאָווו, פּאָנעוועזש, פּאָסוואַל, סאַלאַנט, בויסק. די אויסגערעכנטע פונקטן גייען אויך אַריין אין דער צאָל פון די ערטער, וואָס פון זיי דאַרפן אַרויסגעשיקט ווערן די יידן. בנוגע די יידן, וואָס וואוינען אין די ערטער, וועלכע זיינען איצט פאַרנומען פון דייטשישן חייל, דאַרף מען אויספירן דעם דאָזיקן באַפעל תיכף, ווי נאָר אָט די ערטער וועלן אָפּגערייניקט ווערן פון דעם שונא און זיי וועלן פאַרנומען ווערן דורך אונדזער חייל.

די אַרויסגעשיקטע יידן דאַרפן באַזעצט ווערן אין איינעם פון די פאָלגנדיקע אויעזדן: באַכמוטער, מאַריופּאָלער, סלאַוויאַנאָסערבסקער פון יעקאַטערינאָסלאַווער גובערניע און פּאָלטאַווער, גאַדיאַטשער, זענקאָווער, קאָבעליאַקער, קאָנסטאַנטינאָגראָדער, לאָכאָוויצער, לאָבענער, מירגאָראָדער, קומענער און כאַראָלער פון פּאָלטאַווער גובערניע. דער לעצטער טערמין אויף אַרויסצושיקן איז באַשטימט דער 5־טער פון היינטיקן חודש מאַי. נאָך דעם דאָזיקן טערמין וועט דאָס פאַרבלייבן פון די יידן צו מערב־זייט פון דער אָנגעוויזענער ליניע באַשטראָפט ווערן לויט די געזעצן פון דער מלחמה־צייט, און די פּאָליציי־באַאַמטע, וואָס האָבן ניט אָנגענומען קיין ווירקזאַמע מיטלען אויף אויסצופירן די אָנגעוויזענע פאַראָרדענונג, וועלן באַזייטיקט ווערן פון די פּאָסטנס און איבערגעגעבן ווערן צום געריכט.

מודיע זייענדיק אייך וועגן דעם צום אויספירן, לייג איך אייך פאָר, נאָכן פאַרענדיקן די אַלגעמיינע אַרויסשיקונג פון די יידן הינטער דער גרענעץ פונעם ראַיאָן, מיטצוטיילן מיר טעלעגראַפיש 12 אַזייגער ביינאַכט דעם 5־טן מאַי וועגן גאַנג פונעם אַרויסשיקן די יידן פון די ערטער, וואָס זיינען איצט פאַרנומען דורכן שונא, מיטטיילן לויט זייער אויספירן.

(אונטערשריפטן)

לויט די סטאַטיסטישע אָנגאַבן פון צענטראַלן יידישן קאָמיטעט אין פּעטראָגראַד, צו העלפן די מלחמה־קרבנות זיינען פון קאָוונער גובערניע אַרויסגעשיקט געוואָרן, הויפּטזעכלעך אין מאַי 1915 (אויפן סמך פון דער פאַראָרדענונג פון דער מיליטער־מאַכט) 69.313 יידן, פון 329 ישובים.

די היימלאָזע פון דער קאָוונער גובערניע, לויט זייער צאָל, האָבן פאַרנומען דעם ערשטן אָרט צווישן אַלע היימלאָזע יידן אין דער צייט פון דער ערשטער וועלט־מלחמה. (די אַלגעמיינע צאָל היימלאָזע איז פאַרעגיסטרירט אין אַ צאָל פון 211.691 יידן)...

ה. שקליאַר

# אָנהייב פון דער יידישער אַרבעטער־באַוועגונג אין קאָוונע

(זכרונות)

זייענדיק פון די ערשטע פּיאָנערן פון דער יידישער רעוואָלוציאָנערער אַרבעטער־באַוועגונג, האָט מיך אינספּירירט איינע אַ פריינדין, טאַקע פון די דעמאָלטיקע אַרבעטער־טוערינס, איך זאָל אָנשרייבן, אויף וויפל איך געדענק, זכרונות וועגן דעם. האָב איך זיך גענומען צו דער מלאכה פון שרייבן, וואָס איז אַגב ניט קיין גרינגע, און אַרויסגעבראַכט עטלעכע פון מיינע דערינערונגען פון יענער צייט.

איך שיק דעם מאַטעריאַל אין אַ רויער פאָרם צום רעדאַקטאָר פון צווייטן בוך „ליטע“ אין דער האָפענונג, אַז ער וועט עס ווי געהעריק באַאַרבעטן און לאָזן עס דרוקן, וואָס וועט זיין פאַר מיר די בעסטע סאַטיספאַקציע און שכר־סופר פאַר מיין אַריינגעלייגטער מי.

*

שוין ביים אָנהייב שרייבן מוז איך זאָגן, אַז איך האָב שוועריקייטן ביים באַשטימען גענוי די צייט, ווען עס האָט זיך אָנגעהויבן די אַרבעטער־באַוועגונג אין קאָוונע, איך מוז זיך דאָ אינגאַנצן פאַרלאָזן אויף מיין זכרון, ווייל איך בין ניט גאָר זיכער אויב איך געדענק גענוי די דאַטעס.

אַלנפאַלס, ס'איז געווען ניט פריער ווי אין יאָר 1892, און ניט שפּעטער ווי אין 1893. אין אַ שיינעם העלן טאָג, און אפשר איז עס געווען גאָרניט קיין שיינער טאָג, איז געקומען צו פאָרן קיין קאָוונע אַ מיידל, וועלכע האָט זיך גערופן ליזע, זי איז געווען אַ שניידערין, וועלכע האָט געפונען אַרבעט אין איר פאַך און זיך באַזעצט אין קאָוונע. ווי איך פאַרשטיי, איז זי געשיקט געוואָרן פון ווילנע,

וואו עס איז אין יענער צייט אָנגעגאַנגען אַן אַרבעט פון רעוואָלוציאָנערע אינטעליגענטן אויסצובילדן אַרבעטער, מאַכן פון זיי אַגיטאַטאָרס און שיקן זיי צווישן די אַרבעטער־מאַסן. ליזע איז געווען איינע אַזאַ אַגיטאַטאָרקע. זי האָט זיך דאָ באַלד באַקאַנט מיט נאָך אַ מיידל, אַ קאָוונערין, אויך אַ שניידערין, וועלכע האָט געהייסן דאָברע און צווישן זיי האָט זיך פאַרבונדן אַזאַ נאָענטע, וואַרעמע פריינדשאַפט, וואָס האַלט זיך אָן ביז די לעצטע יאָרן. קאָנענדיק זייביידן נאָענט, האָב איך פאַרשטאַנען זייער צוגעבונדנקייט דערמיט, וואָס זייערע כאַראַקטערן זיינען ענלעכע, — זיי זיינען ביידע געווען די גוטסקייט אַליין.

אויב איך וואָלט געגלויבט אין אַזאַ זאַך ווי נשמה, וואָלט איך געזאָגט אַז זיי זיינען ביידע פון בלויז נשמה באַשאַפן, נאָר דאָס איז אַגב אורחא.

דאברע איז שוין געווען עטוואָס אָנגעשטעקט מיט אַ ביסל גייסט, דאַן ווען אַנדערע אַרבעטער־מיידלעך האָבן נאָך דערפון קיין אַנונג ניט געהאַט.

די זאַך איז געווען אַזוי: אין קאָוונע האָבן זיך צו יענער צייט געפונען צוויי סטודענטן אויסגעשלאָסענע פון אוניווערזיטעט, איינער מיטן נאָמען איוואַנאָוו און דער צווייטער איליאַנאָוו, וועלכע זיינען געווען אונטער פּאָליציייִשער אויפזיכט, זיי זיינען געווען באַקאַנט מיט אַ גימנאַזיסטקע ליזאַ מייזל, וועלכע איז אונטער זייער איינפלוס געוואָרן ליבעראַל געשטימט און ביי אָט דער יונגער ליבעראַלקע איז געווען אַן אידעאַל צו באַקאָנען זיך מיט אַן אַרבעטער און באַאיינפלוסן אים. און דאָברע איז אויך געווען באַקאַנט מיט ליזא מייזל און פלעגט ביי איר נעמען „אוראקן" (לעקציעס), פון דעם האָט געשטאַמט איר גייסטיקע אַנטוויקלונג לגבי אַנדערע אַרבעטער־מיידלעך.

ליזע און דאָברע האָבן גענומען איינאָרדענען יעדן שבת צוזאַמענטרעפן פון מיידלעך, כלומרשט צו טאַנצן, בכדי נענטער באַפריינדעט צו ווערן, אויך צו קאָנען אַגיטירן צווישן זיי. פאַר די, וועלכע זיינען ניט באַקאַנט מיט יענער צייט קאָן עס אויסקומען קאָמיש אָדער נאַריש, ס'איז אָבער אַ פאַקט, אַז מען האָט זיך געמוזט באַנוצן מיט אַזעלכע מעטאָדן, ווייל מען האָט פריער געמוזט געווינען דעם צוטרוי פון די מיידלעך, איידער מען האָט מיט זיי געקאָנט ערנסט ריידן, אַניט וואָלטן זיי באַלד איבערגעגעבן די בעלי־בתים וועגן זייערע שמועסן און עס וואָלט געווען אויס אַגיטאַציע און די אַגיטאַטאָרשע וואָלט מען באַלד אַרויסגעשיקט אָדער אַרעסטירט.

און אַזוי, טאַנצנדיק אַ ביסל און אַגיטירנדיק אַ ביסל, טיילן זיך אויס אייניקע מיידלעך, וועלכע ווערן ווערבירט צו דער אַרבעטער־באַוועגונג, כאָטש זיי אַליין באַגרייפן עס ניט. פאַרשטייט זיך אַז צום טאַנצן קומען אויך בחורים און צווישן זיי איז געווען אַ שניידער, נחום, ער האָט געאַרבעט ביי משה זאהן, ער איז גיך צוגעצויגן געוואָרן צו דער זאַך און האָט פון צייט צו צייט, שוין צוגע־



צויגן נאָך אייניקע אַרבעטער: איינער איז געווען זונדל, אַ סטאָליער, (ער איז שפּעטער געווען פון די בעסטע חברים אין דער באַוועגונג). משה ציק, אַ דרוקער, זייער אַ גוטער בחור און נאָך אַ משה ציק, אַ בלעכער. אַזוי אַרום האָט זיך אויפגעקליבן אַ גאַנצע גרופּע, אַלע זיינען שפּעטער געוואָרן גוטע בונדיסטן, און פאַרשטייט זיך, גוטע רעוואָלוציאָנערן. שפּעטער איז צוגעקומען אַ מיידל, מינע (זי האָט געאַרבעט ביי משה זאהן), בלומע (געאַרבעט ביי רובינשטיין), צילע (געאַרבעט ביי חנהן פון שלאָס־גאַס) און אונדזער קרייז איז געוואָרן גרעסער. פון טאַנצן איז מען שנעל איבער־געגאַנגען צום לייענען און בעת מעשה האָט מען זיי אַגיטירט.

אַ שטיקל צייט שפּעטער איז געקומען פון ווילנע צו פאָרן אַ פאַרטיקער אַגיטאַטאָר אַלתר (אַלטער) שעוויטש, געווען אַ בערשטל־מאַכער אין קאָוונע. ס'האָט אויך מיטגעווירקט דער גראַווירער קלעבאַנאָוו, געאַרבעט ביי שימעלעוויטשן אין ליטאָגראַפיע, אַן אַנטוויקלטער יונגערמאַן און אַ למדן. כאָטש דער לעצטער האָט קיינמאָל קיין דירעקטן אָנטייל ניט גענומען אין דער באַוועגונג, האָט ער אָבער פיל בייגעטראָגן צו איר אָרגאַניזירונג.

אַלתר שעוויטש מיט קלעבאַנאָוון האָבן געוואוינט צוזאַמען און טאַקע ביי זיי האָב איך זיך באַקאַנט מיט דער באַוועגונג, נאָר וועגן דעם אַביסל שפּעטער.

אין דער זעלבער צייט איז אין קאָוונע געווען אַ לערער אין דער „גאראדסקאָיע אוטשילישטשע" (שטאָטישע שול), נח פּאָרטנאָי, געווען אַן איבערגעגעבענער רעוואָלוציאָנער און האָט זיך אָפּגעגעבן מיט די בערשטער פון ווילקאָווישק. ווי אַזוי ער האָט געהאַט פאַרבינדונגען מיט זיי, איז מיר ניט גענוי באַקאַנט. ער האָט געהאַט אַ פריינד, אַ פּוילישן גלח, צי דער גלח איז געווען אויך אַ סימפּאַטיקער, אָדער גאָר אַ פּוילישער נאַציאָנאַליסט איז מיר ניט באַקאַנט, איך האָב זיך מיט אים קיינמאָל ניט געטראָפן.

אַלנפאַלס, דאָס אָנוועזנהייט פון נח פּאָרטנאָי, אַלתר שעוויטש, ליזע (שפּעטער געוואָרן ליזע שעוויטש) און קלעבאַנאָוו, האָט געשאַפן אַ גרויסע רעוואָלוציאָנערע גרופּע און זייער ווירקונג האָט זיך געלאָזט פילן גאַנץ גיך.

און איצט וועל איך דערציילן ווי אַזוי איך בין אַריין אין דער באַוועגונג, איך מוז וועגן זיך אויך עטוואָס שרייבן, ווייל פּונקט ווי יעדער מענטש, קאָן איך אויך מיין „איך" ניט אַוועקשטופּן...

אגב, איז עס אינטערעסאַנט, ווי אַזוי עס שפּילן צופעליקייטן אַ ראָל אין לעבן.

איך בין אָנגעקומען קיין קאָוונע אין סוף יאָר 1889. איך בין דאַן געשטאַנען צום פּריזיוו אין דווינסק, וואָס איז געווען מיין געבורט־שטאָט. פון דאָרטן בין איך גלייך נאָכן פּריזיוו אַוועקגעפאָרן קיין ווילנע (ביזן פּריזיוו האָב איך געלעבט אין פּעטערבורג). אין ווילנע האָב איך געאַרבעט עטלעכע וואָכן און ניט געקאָנט אויסקומען מיט

מיינע פאַרדינסטן, מסתמא דערפאַר, ווייל איך בין געווען צוגעוואוינט צום פעטערבורגער אַרט לעבן. אַזוי צו אַזוי, איך בין פון ווילנע אַוועקגעפאָרן און אָנגעקומען קיין קאָוונע. דאָ האָב איך זיך אָפּגעשטעלט אַרבעטן ביי שיינע רחל עליאַשעוויטש אָדער עליאַשעוו. אין קאָוונע איז זי געווען באַקאַנט אונטערן נאָמען „שיינע ראכקע“, ביי איר האָב איך אָפּגעאַרבעט אומגעפער אַ יאָר.

אין דער צייט האָב איך חתונה געהאַט און מיין שיינע ראכקע האָט דערוויל אַוועקגעשטעלט אַנדערע אַרבעטער אויף מיין אָרט; איך בין געבליבן אָן אַרבעט.

אייניקע מאָנאַטן בין איך געווען אַרבעטסלאָז אין קאָוונע און האָב געמוזט פאָרן זוכן אַרבעט אַנדערשוואו. איך האָב אַ פּאָר מאָנאַטן דאַן געאַרבעט אין ריגע. אויף פּסח בין איך געקומען צוריק קיין קאָוונע, מיטן באַשלוס נעמען די צווייטע העלפט און אַוועקפאָרן ערגעץ אַנדערשוואו. מיין ווייבל האָט אָבער געהאַלטן, אַז קאָוונע איז דער פּופּיק פון דער וועלט און ניט געהאַט קיין חשק צו פאַרלאָזן איר שטאָט. זי האָט מיר צוגערעדט וואַרטן, אפשר וועט זיך דאָך מאַכן פאַר מיר אַ שטעלע. איך האָב טאַקע ניט לאַנג געוואַרט און באַקומען אַ שטעלע ביי עליע לוריע, וועלכער האָט דאַן געעפנט אַ געשעפט אַנטקעגן די גלחישע קראָמען.

ביי שיינע ראָכקען האָט דעמאָלט געאַרבעט אַ בחור, ניסן גאָרניצקי, ער פלעגט צו מיר אַריינקומען. איך האָב אים ניט ליב געהאַט. אַ שטיקל צייט איידער איך בין אַוועק אַרבעטן, קומט ער צו מיר און דערציילט אַז ער האָט זיך באַקאַנט מיט אַ בחור פון זיין פאַך, וועלכער האָט אים געבראַכט אַ בוך צום לייענען, נאָר עפּעס, זאָגט ער, געפעלט אים ניט דער בחור. אויף מיין פראַגע פאַרוואָס? ענטפערט ער, זיין בגד איז מיט אַ פלעק, כאָטש ער קוקט אויס אַ פיינער יונג. איך בעט אים ברענגען דעם בחור צו מיר. שבת, זאָגט ער, האָט ער מיט אים אָפּגערעדט זיך טרעפן אין שטאָט־גאָרטן, קאָן איך קומען אַהין, זיך מיט אים באַקענען און אַזוי איז געוואָרן אָפּגערעדט.

שבת קום איך אין שטאָט־גאָרטן און פרעג ניסנען אויפן בחור, ער ווייזט מיר אים אָן, אָבער אַליין צוגיין צו אים, וויל ער ניט. איך גיי צו צו אים, פאַרפיר מיט אים אַ שמועס און מיר ווערן באַקאַנט, שפּעטער נעם איך אים צו זיך אַהיים, מיר פאַרברענגען אַ פּאָר שעה גוט און איך באַקום אים ליב. איך בעט אים קומען אָפט, ער זאָגט מיר צו און אויף מאָרגנס קומט ער און ברענגט מיר אַ בוך, לייענען האָב איך ליב געהאַט, נאָר איך האָב ניט געוואוסט, וואָס פאַראַ ביכער צו לייענען.

איבערלייענענדיק זיין בוך אַ פּאָר מאָל, האָבן זיך מיר די אויגן געעפנט. ווען ער איז געקומען אַ צווייטן מאָל, האָט ער אין מיר געפונען אַן אַנדער מענטש.

יענער בחור איז געווען אַלטער דער הויכער, אַ קאָמאַשנמאַכער פון ווילנע, פון זעלבן חדר ווי ליזע און אַלתר דער בערשטל־מאַכער.

דעמאָלט האָב איך זיך אויך באַקאַנט מיט ח. פ. קלעבאַנאָוו און אלתר דעם בערשטל־מאַכער. אין אַ קורצער צייט אַרום ווער איך איינער פון זייער גרופּע און באַלד שטיי איך מיט ביידע פיס אין דער באַוועגונג.

מיר, די גרופּע, פלעגן זיך צונויפקומען ביי קלעבאַנאָוו, דאָ פלעגט מען לייענען, דעבאַטירן, אָפט פלעגן מיר האָבן אומלעגאַלע ליטעראַטור. דאָ האָב איך זיך באַקאַנט מיט דער רעוואָלוציאָנערער באַוועגונג, מיט פּאָליטישע עקאָנאָמיע. באַלאָדן מיט ידיעות נעם איך זיך אַליין צום אַגיטירן.

במשך פון דער צייט זיינען געוואָרן צוגעצויגן אייניקע אַרבעטער: איינבינדער, בלעכער, און דרוקער; ירוחם, שוין ניט קיין יונגערמאַן, אַ מיידל פריידע־מירל, אַ זאָקן־שטריקערין, אַ שלאָסער, וועמענס נאָמען איך געדענק ניט (שפּעטער פאַרדעכטיקט אַלס פּראָוואָקאַטאָר). איך וויל זאָגן, אַז אַגיטירן צווישן אַרבעטער איז געווען זייער אַ שווערע מלאכה, די אַרבעטער זיינען געווען דעמאָלט אומבאַוואוסטזיניק, אָרעם און פאַרשקלאַפט. עס האָט זיך ביי קיינעם ניט געלייגט אויפן שכל, אַז עס קאָן אַנדערש זיין, דערצו נאָך דער פאַנאַטיזם, זייער גלייבן אין גאָט און באַשערטקייט, מזל און נאָך אַזעלכע זאַבאָבאָנעס.

מען האָט ניט געקאָנט אָנהייבן ריידן צו אַן אַרבעטער וועגן זיין שלעכטער עקאָנאָמישער לאַגע, וועגן זיין קנעכטישן 18 שעהדיקן אַרבעטסטאָג, אָדער ענלעכעס, וואָס אָנבאַלאַנגט אים דירעקט, ווייל ער וואָלט עס ניט געוואָלט הערן. ער וואָלט בעסער געגאַנגען ערגעץ טאַנצן מיט אַ מיידל אָדער אין שענק אַריין, אויב ער וואָלט געהאַט דערצו עטלעכע גראָשן, דעריבער האָט מען פריער געמוזט פאַראינטערעסירן דעם אַרבעטער מיט עפּעס לייכטערס: ווי אַרויסגיין מיט זיי שפּאַצירן, שמועסן מיט זיי אויף לייכטע טעמעס און, דרך אַגב, באַרירן די פראַגן: לאַנגע אַרבעטס־שעהן, קלאָגעדיקע פאַרדינסטן און ד. גל. אַגיטירנדיק אַזוי אַ 10 אַרבעטער האָט מען פון זיי אויסגעקליבן 2, 3, וועלכע מען האָט דערנאָך צוגעצויגן צו דער באַוועגונג. מען טאָר ניט פאַרגעסן, אַז מען האָט געמוזט אָנהאַלטן אַ געוויסע קאָנספּיראַציע.

פון צייט צו צייט פלעגט קומען פון ווילנע אַ לערער, מען האָט אים געקאָנט אונטערן נאָמען: „דער אוטשיטעל“, מיר דוכט, אַז ער איז געווען דער יעניקער, וועלכער האָט זיך אָפּגעגעבן מיט דער באַוועגונג אין קאָוונע, ביז וואַנען זי האָט זיך דאָרט איינגעשטעלט. ער פלעגט ברענגען אָדער צושיקן ביכלעך, וועלכע ער פלעגט לייענען מיט די אַרבעטער. די ביכער זיינען אַלע געווען פון אַגיטאַטאָרישן כאַראַקטער און מיט קליינע אויסנאָמען, געשריבענע פון האַנט.

ס'האָט זיך איינגעשטעלט אַ סיסטעמאַטישע אַרבעט, מען האָט אויסגעטיילט גרופּן אַרבעטער וואו מיט יעדער גרופּע האָט אָנגעפירט אַן אַגיטאַטאָר. יעדע וואָך אַן אָוונט. פלעגט ער מיט זיי לייענען, אָנהייבנדיק פון אַ לייכטן מאַטעריאַל און איבערגיין צו מער ערנסטע פּראָבלעמען.

דעמאָלט האָט יצחק גוידע (אין ניו־יאָרק באַקאַנט

אונטערן נאָמען גאָרן) אַרויסגעגעבן אַזעלכע ביכלעך, ווי: „אַ וועלט מיט וועלטעלעך" א. אַ. צווישן די פלעגט מען שוין אַריינגנבענען אומלעגאַלע אויך. אין יענער צייט האָט יצחק לייבוש פרץ אָנגעהויבן אַרויסגעבן זיינע שריפטן, פריער די „יום־טוב־בלעטלעך", נאָכהער „ליטעראַטור און לעבן", די „יידישע ביבליאָטעק". פאַר אונדז איז עס געווען אַ גרויסע הילף. דאָס האָט געלערנט די מאַסן לייענען און פאַרשטיין, וואָס זיי לייענען.

אין יענער צייט האָט מען אָנגעהויבן אַגיטירן צו אַ שטרייק צווישן די שניידערינס. ליידער, קאָן איך זיך ניט דערמאָנען די איינצלהייטן פונעם שטרייק, איך האָב אין אים דירעקט קיין אָנטייל ניט גענומען, נאָר אויף וויפל איך געדענק, איז ער געווען האַלב דערפאָלגרייך, אָבער דאָך געהאַט אַ באַדייטונג.

איך האָב פריער אויך דערמאָנט וועגן די געשריבענע ביכלעך, וואָס מיר פלעגן באַקומען, מערסטנטייל צו איין עקזעמפלאַר, געדאַרפט האָבן מיר אָבער פיל מער, האָט מען עס געמוזט אַליין קאָפירן. ניט איין נאַכט בין איך געזעסן און קאָפירט, פון קיין דרוק האָט מען נאָך דאַן אַפילו ניט געחלומט און ווען מען האָט געקראָגן אַ ביכל, באַזונדערס אַן אומלעגאַלן, האָט מען עס געהיט ווי אַן אויג אין קאָפ.

ווי איך האָב שוין אין אָנהייב באַמערקט, קאָן איך ניט פעסטשטעלן די גענויע צייט פון די פאַסירונגען, איך קאָן מיר אָבער ניט העלפן, דאָס, וואָס איך האָב ביז איצט דערציילט האָט פאַסירט אין פאַרלויף פון אַ יאָר אָדער עפעס מער. אין דער זעלבער צייט איז געקומען צו פאָרן איינער, משה שמוקלער, ער איז געווען, ווי מען האָט דאַן גערופן, אַ „באַקאַנטער", דאָס הייסט ער האָט שוין געוואוסט פון דער באַוועגונג. שפעטער האָבן מיר פון אים געהאַט אַ רעכט פעקל צרות. נאָכהער זיינען געקומען אַבציק, אַ שניידער, כאַצקל, אַ שניידער, נתן זיסקינד, אַ בערשטל־מאַכער, אויך פון ווילנער חדר, ער האָט געאַרבעט צוזאַמען מיט אַלתר דעם בערשטל־מאַכער.

אין קאָוונע האָט זיך דאַן געעפנט אַ קליין פאַבריקל פון בערשטער, וואו ס'האָבן געאַרבעט ביי אַ 20 בערשטער־אַרבעטער. געווען צווישן זיי אויך באַוואוסטזיניקע: ישראליק, אַ קליין געוויקסיק דאַרער בחור, וואָס האָט אויסגעזען ווי אַ יינגל, שפעטער, ווען ער איז געוואָרן אַריבער 60, האָט ער אויסגעקוקט ווי 35. מערקווירדיק, אַז זיין קליין געוואוקס מיטן יונגן אויסזען איז אים דאַן צונוץ געקומען, ווען מען האָט אים גענומען אין „זשאַנדאַרמסקאָיע אופראַוולעניע" אויף „דאַפראָסן", האָט ער געשפילט די ראָל פון אַ יינגל, וואָס ווייסט נאָך גאָרניט. די פינצטערע זשאַנדאַרמען האָבן אים טאַקע געגלייבט. אויפן פאַרהער האָט אים דער זשאַנדאַרמסקי פולקאָווניק געגעבן אַ האַלבן רובל און געפרעגט צי ער ווייסט וואָס דאָס איז? זאָגט ער, עס איז געלט. פרעגט ער אים צי ער ווייסט וויפל עס איז? ענטפערט ער: עס איז אַ סך געלט. זאָגט אים דער פולקאָווניק, אַז ער וועט אים אָפּגעבן אַזאַ געלט, אויב ער וועט אַלץ דערציילן, ישראליק זאָגט עס כלומרשט אים צו. ביי יענע באַלוואַנעס איז טאַקע רעכט געווען, אַז עס איז אַ יינגל, וואָס פאַרשטייט גאָרניט.

צווישן אונדזערע אָנהענגער זיינען געווען ישיע, אַ ווילער יונג; אורציק גערצן, ער איז שפעטער טעטיק געווען אין בערשטער־שטרייק אין ווילקאָווישקי, ווען ער איז געזעסן אין דער בוטירסקער טורמע אין מאָסקווע, האָט זובאַטאָוו צו אים געהאַלטן אַן עקסטראַ וואַך. דאָס פאַבריקל, דוכט מיר, האָט ניט לאַנג אָנגעהאַלטן אין קאָוונע, איך ווייס אָבער, אַז די זשאַנדאַרמען האָבן געהאַלטן אַן אויג אויף איר.

מיר, די גרופעס־פירער, האָבן געטראַכט, אַז ס'איז שוין צייט אָרגאַניזירן אַלע אַרבעטער אין איין אָרגאַניזאַציע. עס פלעגט זיך פירן, אַז יעדער צעך האָט געהאַט איר קאַסע, אַזוי האָט מען עס דאַן גערופן, עס האָט אייגנטלעך מיט זיך פאָרגעשטעלט אַ מין פאַראיין, וואו די מיטגלידער פלעגן צאָלן חבר־אָפצאָל. דער אָפצאָל איז באַשטאַנען פון 5 אָדער 10 קאָפּיקעס אַ וואָך, מער פאַרשטייט זיך, האָט קיינער ניט פאַרמאָגט, דערפאַר האָט מען זיך באַצויגן צו דער קאַסע ערנסט. ביי אונדז אָבער זיינען נאָך ניט געווען גענוג אַרבעטער אין יעדן פאַך צו אָרגאַניזירן פאַך־קאַסעס, האָבן מיר באַשלאָסן פאָרלויפיק צו אָרגאַניזירן איין קאַסע, אַן אַלגעמיינע.

עס שטייט מיר פאַר די אויגן ווי מיר האָבן זיך צונויפגעקליבן אין אַ הויז ערגעץ אויף ווילקאָמירער גאַס, אַ שבת ביי טאָג. ביי די אַרבעטער האָט זיך געמערקט עפעס אַ יום־טובדיקע שטימונג, עס האָט זיך געפילט אַז עפעס פאַסירט. בכדי צו דערקלערן די נוצלעכקייט פון דער קאַסע, זיינען געהאַלטן געוואָרן אַ פאָר רעפעראַטן (אויב מען קאָן עס אַזוי אָנרופן) און עס איז געגרינדעט געוואָרן די קאַסע. איך און וואַרשיינלעך די אַנדערע האָבן געפילט אַז ס'איז צוגעלייגט־געוואָרן אַ שטיין צום פונדאַמענט פון דער אַרבעטער־באַוועגונג.

אַלתר שעוויטש, ליזע, דאָברע און איך פלעגן זיך צוזאַמענקומען ביי קלעבאַנאָוון און דאָרטן פאַרברענגען עטלעכע שעה. דאָ פלעגט מען זיך פאַרנעמען מיט באַלערנדיקע שמועסן אָדער מיט שטודירן ערנסטע ביכער. אָפטמאָל פלעג איך הערן ווי ליזע אָדער אַלתר פלעגן זאָגן: „ער האָט געזאָגט", אָדער, „מאָרגן וועל איך אים זען", איך האָב געשפירט אַז ס'איז דאָ עפעס אַן „ער", וועמען איך קאָן ניט, אָט די סודותקייט האָט מיך געמאַכט נייגיריק. איינמאָל שבת, אין דער פרי, זאָגט אַלתר צו מיר — „קומט לאָמיר גיין ערגעץ", און מיר זיינען געקומען צו נח פאָרטנאָי, וואו מיר האָבן פאַרבראַכט איבער אַ שעה. איבעריק צו זאָגן, אַז נח האָט מיך באַאָבאַכטעט די גאַנצע צייט. ווען מיר זיינען אַוועק, האָט ער מיר מיטגעגעבן אַ ביכל וועגן פאָליטישער עקאָנאָמיע. ווען איך בין געווען אַ צווייט מאָל און אָפגעבראַכט דאָס ביכל, האָט ער געבלעטערט און באַמערקט אין איניקע ערטער אונטערגעשטראָכן, פרעגט ער מיך צו וואָס איך האָב עס געטאָן? איך זאָג אים, אַז אין ביכל זיינען

דאָ ערטער פאַר מיר ניט פאַרשטענדלעכע. פאַרשטייט זיך, ער האָט עס באַלד אויפגעקלערט, ער איז זייער צופרידן געווען מיט מיר. פאַר מיר זיינען די וויזיטן געווען פון גרויסן באַדייט, איך האָב געפילט, איך בין אין קדשי קדשים, מען האָט צו מיר פיל צוטרוי, איך האָב ווי באַקומען אַ צייגעניש אַלס רעוואָלוציאָנער.

די אַרבעט גייט אָן מיט דערפאָלג. ס׳ווערן צוגעצויגן אַלץ מער אַרבעטער, מיר האָבן שוין גרופּעס אין יעדן פאַך: שניידער, בלעכער, דרוקער, סטאָליער. מיר הייבן אָן פונאַנדערטיילן די גרופּעס באַזונדער און אָרגאַניזירן פאָלקס־קאַסעס. מיט די שניידערינס פירן אָן ליזע און דאָברע, מיט די סטאָליערס — משה דערשמוקלער. מיך האָט מען צוגעשטעלט צו די דרוקער, צו די בלעכער — אהרן זאַלקינד, אַ יואוועליר, ער איז געווען אין קאָוונע אונטער פּאָליציי־אויפזיכט, שפּעטער האָט מען אים געקרוינט מיטן נאָמען, „אראן גאָרניט״.

איין מאָל אין וואָך פלעגן מיר, די אָנפירער, זיך צוזאַמענקלייבן און יעדער פלעגט באַריכטן וואָס עס טוט זיך אין זיין קאַסע, וויפל מען האָט אַריינגענומען נייע חברים, וועלכע אַרבעטער עס צייכענען זיך אויס (אויף דעם האָט מען געלייגט אַ סך אַכט), וואָס מען לייענט מיט זיי, ווי די קאַסע איז איינגעשטעלט א. ד. גל. אייגנטלעך איז די גרופּע אונדזערע געווען אַן עקזעקוטיוו־קאָמיטעט. די גרופּע האָט געטראָגן פאַראַנטוואָרטלעכקייט פאַר דער גאַנצער אַרבעט פון דער באַוועגונג. געמוזט אויפפּאַסן אויף אַלץ וואָס עס קומט פאָר אין יעדן פאַך באַזונדער.

די וועכנטלעכע באַריכטן פון די איינציקע אָנפירער זיינען געווען זייער וויכטיק. ס׳האָט זיך אונדז גענומען וואַרפן אין די אויגן, אַז משה דעם שמוקלערס באַריכטן וועגן די סטאָליער זיינען עפּעס צו גוטע, עס וואַקסן ביי אים די מיטגלידער ווי שוואָמען נאָכן רעגן, איבערהויפּט גייט ביי אים אַלץ אַזוי אגיל־ואשמחדיק און מיט אַזאַ טעמפּאָ, אַז ער איז פאַרטיק צו דער רעוואָלוציע, האָבן מיר אים אויפגעפאָדערט צום נאָענטסטן באַריכט ברענגען די אַרבעטער.

זונדל און ירוחם, וועלכע מיר האָבן גוט געקאָנט, ווען זיי זיינען געקומען צום באַריכט און מיר האָבן זיי אויסגעפרעגט וואָס הערט זיך ביי זיי, האָבן מיר דערפילט, אַז משה האָט דאָרטן פאַרקאָכט אַ קאַשע, וואָס מען וועט ניט קאָנען פאַרדייען. גענוי אָבער וואָס דאָרטן טוט זיך, האָבן מיר נאָך אַלץ ניט געוואוסט, און מיר האָבן באַשלאָסן, אַז איינער פון אונדז זאָל גיין צו זייערס אַ פאַרזאַמלונג. צוערשט האָט מען מיך געוואָלט שיקן, אָבער צוליב קאָנספּיראַציע, — אויסגעמיטן. אין דער צייט איז געקומען צו אונדז פון ווילנע אַ דאַמען־שניידער, אברהם מילשטיין, באַקאַנט אונטערן נאָמען „אַורעמעלע דער קליינער״, אַ באַוואוסטזיניקער אַרבעטער, אים האָט מען געשיקט צו די סטאָליער. נאָכדעם ווי ער האָט אונדז אָפּגעגעבן זיין באַריכט, האָט ער רעקאָמענדירט די גאַנצע קאַסע אויפצולייזן און אויסשליסן דעם טייל מיטגלידער, וועלכע זיינען ניט פּאַסיק פאַר דער אָרגאַניזאַציע. ס׳האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז משה דער שמוקלער האָט דאָרטן צוזאַמענגעשטעלט אַן אָרגאַניזאַציע פון אַרבעטער מיט בעלי בתים צוזאַמען. ביי אונדז האָט קיין צוויי מיינונגען וועגן דעם ניט געקאָנט זיין. לאָזן אַזאַ זאַך וואָלט געמיינט, שטעלן אין געפאַר די גאַנצע אַרבעט, וואָס איז געטאָן געוואָרן אין פאַרלויף פון צוויי יאָר. מיר באַשליסן עס אויפצולייזן, אָבער משה דער שמוקלער שטעלט זיך איין, פאַרטיידיקט איר עקזיסטענץ, ער האָט צו זיך אַן אַרויסהעלפער, אבטשיק, אַ שניידער, וועלכער איז אויך אַזאַ „פלוט״ ווי ער אַליין. עס שאַפט זיך ביי אונדז אַ שווער פּראָבלעם.

די צוויי סטאָליער, זונדל און ירוחם, זיינען געווען פאַרשטענדלעכע מענטשן, אָבער זייענדיק נאָך יונג אין דער באַוועגונג האָבן זיי זיך געוואַקלט. ענדלעך האָבן מיר פאָרגעשלאָגן אויסצוקלייבן נאָך עטלעכע אַרבעטער פון זיי, פאַרשטייט זיך די בעסטע, און מיר צוזאַמען מיט זיי וועלן אַנטשיידן דעם גורל פון דער סטאָליאַרישער קאַסע. אַזוי איז געווען. נאָכדעם ווי מיר האָבן אָפּגעהאַלטן עטלעכע פאַרזאַמלונגען, באַהאַנדלענדיק אַלע איינצלהייטן, איז באַשלאָסן געוואָרן די קאַסע אויפצולייזן.

מיר האָבן זונדלען און ירוחמען אינסטרוקטירט און מיט זיי האָט מען אין אַ קורצער צייט אַרום געשאַפן אַ נייע סטאָליער־קאַסע פון וועלכער מיר האָבן שפּעטער געהאַט נחת אָנשטאָט צרות.

די ווירקונג פון דער באַוועגונג האָט ניט געקאָנט בלייבן אומבאַמערקט אין שטאָט, די אַרבעטער האָבן זיך אָנגעהויבן באַציען אינגאַנצן אַנדערש צו די בעלי־בתים. זייער אויפפירונג איז געוואָרן אַ גאַנץ אַנדערע ווי פריער און זייערע שמועסן צווישן זיך ביי דער אַרבעט זיינען געווען פון אַ גאַנץ אַנדערן כאַראַקטער ווי פריער. פאַרשטייט זיך אַז די בעלי בתים האָבן ניט געקאָנט דאָס ניט באַמערקן, דערצו האָט מען שוין געוואוסט וועגן אַ שטרייק ביי די שניידערקעס. אויך אין רעליגיעזער הינזיכט האָבן די אַרבעטער זיך אויפגעפירט אַ סך פרייער ווי פריער. דאָס אַלץ האָט אַרויסגערופן אַ צערודערונג און מען האָט אונדז געקרוינט מיטן נאָמען „סטאַטשקעניקעס״. ניט קוקנדיק אויף דעם וואָס מען פלעגט זיך אויסהיטן ווי ווייט מעגלעך זיך ניט צו וואַרפן אין די אויגן, האָט מען דאָך אויף אונדז געטייטלט מיט די פינגער, מיך האָט מען גערופן „סטאַטשקעניק מיט די רויטע אויגן״.

איך האָב שוין פריער דערמאָנט, אַז מיר האָבן געהאַט גרופּן אַרבעטער, מיט וועלכע מיר פלעגן לייענען, מיט אַנדערע ווערטער, מיט זיי לערנען. האָט מען דאָך געדאַרפט האָבן וואו זיך צו פאַרזאַמלען? איז טאַקע געווען אַ סך קלאָפּאָט. עס זיינען געווען איניקע שטיבער פון אַרבעטער, וועלכע מען האָט צוליב קאָנספּיראַציע ניט געקאָנט נוצן פאַר דעם צוועק, פלעגט אויסקומען זיך צו פאַרזאַמלען אין אַ הויז פון אַן אַרבעטער, וואָס האָט געוואוינט מיט זיין פאַמיליע. יעדעס מאָל פלעגט מען דאַרפן געפינען עפּעס אַן אויסרייד פאַר זיינע עלטערן. ווען איינער פון די אָנפירער האָט געדאַרפט קומען אין

אַזאַ הויז, פלעגט מען ניט איינמאָל אַרויפשטעלן דעם קאָלנער פון בגד און שאַרן זיך מיטן פנים צום וואַנט, מען זאָל ניט וויסן ווער דאָס איז. זומער איז געווען בעסער: מען פלעגט אַוועקגיין אויסערן שטאָט אויף פעטראָווקער באַרג אָדער אין אַלעקסאָט, און אַזוי ווי צו יענער צייט האָט נאָך די פאָליציי און זשאַנדאַרמעריע כמעט ניט געוואוסט פון אונדזער טעטיקייט, האָבן מיר ניט געהאַט פון וועמען צו היטן זיך.

דאָס איז געווען אין יאָר 1895. נח פאָרטנאָי איז ניט געקומען אין פאַרבינדונג מיט יידישע אַרבעטער אין שטאָט. נאָר ליזע, אַלתר דער בערשטל־מאַכער, אַמאָל איך און נאָך איניקע, די מאַסע האָט ניט געוואוסט פון אים. אין שאַנץ איז געווען דעמאָלט אַ פאַבריק פון שרויפן, טשוועקעס און זאַוויאַסעס. אין דער פאַבריק האָבן געאַרבעט דורכאויס פוילישע אַרבעטער, מיט אַ גרופע אַרבעטער פון דער פאַבריק האָט נח געהאַט פאַרבינדונגען. איך האָב שוין דערמאָנט, אַז נח האָט געהאַט אַ פריינד, אַ פוילישן גלח, איינמאָל קומט צו אים דער גלח און דערציילט אַז פאָליאַקן זיינען געקומען צו אים אויף „ווידוי", און אים איבערגעגעבן וועגן זייער באַקאַנטשאַפט מיט נחן און וואָס ער לערנט זיי. דאָס האָט נחן געצוואונגען צו טראַכטן, אַז ניט היינט־מאָרגן וועלן די חברה אים פאַרשיטן, ער האָט זיך געריכט יעדן טאָג אַרעסטירט צו ווערן. ער האָט מיט אונדז אָפגעמאַכט, מיר זאָלן ניט אַרויפגיין צו אים, איידער מיר וועלן ניט פריער אַ קוק טאָן אין זיין פענצטער. אויב דאָס פוירהענגל וועט זיין פאַרצויגן אויף אַ זייט, זאָלן מיר וויסן, אַז ער איז שוין אַרעסטירט, און ניט גיין.

עס איז געווען האַרבסט. אין אַן אָוונט בין איך געווען ביי נחן, ער האָט מיר געזאָגט, ער ריכט זיך די נאַכט אויף „געסט". ער האָט געהאַט ביי זיך אַ סך ביכער. איך פרעג אים צי איז ניטאָ צווישן זיינע ביכער פאַרבאָטענע? ער ענטפערט: יאָ. איך בעט דאַן ער זאָל מיר דערלויבן דורכזען זיי, ער דערלויבט מיר. איך האָב דורכגעקוקט זיינע ביכער ביז איינס אַזייגער אין דער נאַכט, איך האָב טאַקע געפונען עטלעכע טריפה, דאַן בין איך אַוועק אַהיים.

אין אַ שעה שפעטער זיינען שוין געווען ביי אים דער פראָקוראָר, פאָליציי־מייסטער מיט זשאַנדאַרמען און מען האָט אים אַרעסטירט. זייענדיק אַ לערער אין דער גאַראַדסקאָיע אוטשילישטשע, איז ער געווען פאַר זיי אַ גרויסער פאַנג און דערפאַר אַזאַ פאַראַד אים געמאַכט.

ווען איך בין געגאַנגען מאָרגן אַ קוק טאָן אויף זיין פענצטער, האָב איך שוין געפונען אַ רעדל מענטשן אין הויף און פון זיי זיך דערוואוסט, וואָס עס האָט פאַסירט. אַ שניידער האָט אים געהאַט אָפגעבראַכט זיינעם אַ קאָסטיום, האָט מען אים דאָרט פאַרהאַלטן; אַ יידענע האָט אַרויפגעטראָגן בייגעלעך, האָט מען איר אויך פאַרהאַלטן. איך האָב זיך דערפילט זייער שטאַרק געטראָפן פון דעם, דאָס איז געווען דער ערשטער אַרעסט פון איינעם וועמען איך האָב נאָענט געקענט. שפעטער איז דאָס געוואָרן אַ וואָכעדיקע זאַך.

אַזוי ווי אַלתר און ליזע פלעגן אָפטער אַריינגיין צו נחן, איז געווען אַ מורא, אַז זיי זיינען אונטער פאַרדאַכט. ביי דאָברען האָט זיך געפונען אַ טשעמאָדאַן מיט פאַרבאָטענע ביכער, וואָס האָבן באַלאַנגט צו אַלתרן. איינער פון אונדזערע חברים איז געפאָרן קיין ווילנע, וואו אַלתר האָט זיך אויפגעהאַלטן און האָט אים איבערגעגעבן וועגן נחס אַרעסט.

איך האָב דערמאָנט וועגן אַ לערער פון ווילנע, וועלכער האָט זיך אָפגעגעבן מיט דער קאָוונער באַוועגונג, האָט מען געמאַכט אַזאַ פלאַן: דער לערער וועט זיך אָנטאָן אין זיין אוניפאָרם, און אַלתר אַלס זיין באַדינער, און ביידע וועלן פאָרן קיין קאָוונע אָפנעמען די „ליטעראַטור", עס וועט הייסן אַז דער טשעמאָדאַן איז דעם פריצס און דער באַדינער טראָגט אים אונטער, טרעפן דאַרפן זיי זיך ביי דאָברען נעבן איר שטוב. אַלתר איז געקומען צו דער באַשטימטער צייט און וואַרט אויפן לערער און יענער איז ניטאָ. אַלתר וואַרט ניט לאַנג, נעמט דעם טשעמאָדאַן און היידאַ צום וואָקזאַל, מיט די טריפה ליטעראַטור קיין ווילנע. ער האָט פאַרשטייט זיך ריזיקירט אַרעסטירט צו ווערן, נאָר אַזוי ווי ער איז געווען אַ קאַלטער „לונג און לעבער" האָט עס אים דאָסמאָל געגאָלטן.

בעת מען וואַרפט אַריין אַ שטיין אין וואַסער, מאַכט עס אָן אַ גערודער. ס'הייבט אָן קאָכן און רוישן, עס בילדן זיך רונדע כוואַליעס און צעשפרייטן זיך ווייט־ווייט ביז זיי ווערן ניט, ס'בלייבט ניט קיין סימן פון שטיין און פון זיין רוישן, שאַ־שטיל — ווי געווען. פונקט דאָס זעלבע האָט פאַסירט דאַן ביי אונדז. דער אַרעסט האָט אַלעמען שטאַרק געטראָפן, מיר זיינען לכתחילה צעטומלט געוואָרן, באַלד אָבער זיינען מיר געקומען צו זיך און מען האָט ווידער גענומען אַרבעטן נאָך מיט מער ענערגיע און ברען, מען האָט אָנגעהויבן פלאַנעווען אַ שטרייק ביי דרוקער.

די דרוקער זיינען געווען אינטעליגענטער פון די אַנדערע אַרבעטער, כאָטש פאַרשקלאַפט זיינען זיי געווען ווי אַלע אַנדערע. זומער פלעגט מען אַרבעטן ביז פינצטער, ווינטער, ביז 10—11 אין אָוונט, שבת צו נאַכטס פלעגט מען דאַרפן קומען אַרבעטן, ווייל פרייטיק פלעגט מען אַרבעטן בלויז ביז פאַרנאַכט. די פאַרדינסטן זיינען געווען קלאָגעדיקע, און אָט פלאַנעוועט מען אַ שטרייק. די פאָדערונגען דאַרפן זיין אַ רובל אויף דער וואָך מער געהאַלט, אַ שעה, ריכטיקער 2 שעה, ווייניקער אַרבעט און שבת צו נאַכט זיין פריי. געווען זיינען אַזעלכע 6 דרוקערייען. איין דרוקעריי, סאָקאָלאָווסקיס, האָט געהאַט אַרבעט, וואָס ס'האָט געמוזט געמאַכט ווערן צו דער צייט. ביי אים האָט מען געדרוקט טעאַטער־אַפישן און נאָך שטאָטישע אַרבעט. מיר האָבן געוואוסט, אַז די אַנדערע קאָנען שטיין ניט אַרבעטנדיק אַ וואָך, צוויי און מער, אָבער סאָקאָלאָווסקיס דרוקעריי האָט דאָס ניט געקאָנט. דעריבער האָבן מיר געלייגט דאָס גאַנצע אַכט

אויף זיין דרוק. מיר האָבן געוואוסט, אַז אויב סאָקאָלאָווסקי וועט נאָכגעבן, וועלן די אַנדערע עס אויך טאָן. געווען איז עס אַרום סוכות־צייט, ביי סאָקאָלאָווסקין האָט דאַן געאַרבעט אַ מאַשיניסט, וועלכער האָט זיך געדאַרפט שטעלן צום פּריזיוו. אַזוי ווי עס איז קיין צווייפל ניט געווען, אַז מען וועט אים אָפּגעבן, האָט סאָקאָלאָווסקי אויסגעשריבן פון ביאַליסטאָק אַן אַנדערן מאַשיניסט אויף זיין פּלאַץ.

איך האָב אויבן דערמאָנט, אַז איך בין געווען דער פירער ביי די דרוקער. אַזוי ווי די שטימונג ביי די אַרבעטער איז געווען פאַר אַ שטרייק האָבן מיר דעם שטרייק באַשטימט. פאַרשטייט זיך, אַז מיר האָבן געשטרעבט אַז דער שטרייק זאָל האָבן דערפאָלג. איך האָב גענומען נאָכזוכן אויב מיר קאָנען דערוואַרטן אַ שטרייקברעכער, זוכנדיק געפינען איך, אַז עס זיינען דאָ אייניקע געוועזענע דרוקער — איינער האַלט אַ פריזעריי אין שאַנץ. אַ צווייטער איז אַן אָנגעשטעלטער אין אַ שניט־קראָם, אַ דריטער, — אַ שקץ און אַ געקומענער פון אַמעריקע. חוץ זיי אַ מאַשיניסט פון ביאַליסטאָק, וועלכן מיר קאָנען נאָך ניט. איך פאָר קיין שאַנץ און זע זיך מיט דעם פריזירער, איך דערצייל אים אין וואָס עס האַנדלט זיך און איך וויל דערגיין אויב ער וועט גיין אַרבעטן, ווען מען זאָל אים רופן. איך קריג פון אים אַ צוזאָג, אַז ער וועט ניט גיין.

פאַרטיק מיט איינעם, זעען מיר זיך מיטן אָנגעשטעלטן, אויך ער זאָגט צו. דעם ניט־יידן האָב איך ניט געטראָפן. משה ציק האָט זיך מיט אים געזען און ער איז אויך גרייט ניט צו אַרבעטן, דעם אַמעריקאַנער האָב איך ניט געפונען פאַר נייטיק צו גיין זען, ווייל איך בין געווען זיכער, אַז אַ געקומענער אַזש פון אַמעריקע, וועט זיכער ניט גיין ברעכן דעם שטרייק, בלייבט נאָך איבער דער ביאַליסטאָקער מאַשיניסט. אויסער זיי איז געווען נאָך אַן עלטערער ייד, אַ זעצער, וועלכן מיר האָבן ניט געקאָנט צוציען צו דער באַוועגונג, מיט אים האָט מען זיך אויך געמוזט זען. מיר קומען צום מאַשיניסט און דערקלערן אים וואָס מיר פאַרלאַנגען. מיר לייגן אים פאָר, אויב ער האָט ניט קיין געלט, וועלן מיר אים געבן פאַר אַ וואָך שכירות אין פאָראויס, ער אַנטזאָגט זיך פון געלט נעמען און זאָגט צו ניט צו גיין אַרבעטן. דאַן גייען מיר אַוועק אין סלאָבאָדקע זיך זען מיטן עלטערן זעצער. מיר זאָגן אים אויך דאָס זעלבע, ער טענהט, אַז ער אַרבעט שוין 10—12 יאָר ביי סאָקאָלאָווסקין און קאָן עס ניט טאָן — אַ רובל אויפן וואָך מער וואָלט צונוץ געקומען, מיט אַ שעה ווייניקער אַרבעטן — אַוודאי גוט, שבת צו נאַכט בכלל ניט אַרבעטן, באמת וואויל, אָבער שטרייקן — דאָס קאָן ער ניט.

מען רעדט מיט אים אויס די לונגען און עס העלפט ניט, ענדלעך זאָג איך אים: ווערט קראַנק, לייגט זיך אין בעט, מיט אַ האַנטוך פאַרבינדט דעם קאָפּ און מיר וועלן אייך געבן אייער וואָכן־שכירות, ער זאָגט צו און מיר האַלטן אַז מיר זיינען פאַרטיק.

דער שטרייק האָט זיך געדאַרפט אָנהייבן מיט דעם, וואָס מען וועט דעם נאָענטסטן שבת צו נאַכט ניט קומען





אַרבעטן. אינגאַנצן זיינען שטרייקערס געווען עטלעכע און צוואַנציק.

שבת צו נאַכט גייען מיר אַ קוק טאָן וואָס עס טוט זיך אין דער דרוקעריי, מיר זעען: דער עלטערער זעצער איז דאָ, דער מאַשיניסט פון אַמעריקע, דער שייגעץ, זיינען דאָ און צוויי פּראָסטע אַרבעטער דרייען די ראָד — אַלע אַרבעטן. מיר וואַרטן אָפּ אַלעמען ביז זיי גייען צוריק אַהיים און מען שמועסט מיט זיי. איך נעם זיך צום מאַשיניסט, ער הערט מיך אַ ווילע און מאַכט צו מיר מעשה שטאַרקער יונג, „וואָס איז, איר וועט מיר אפשר שלאָגן?" — איך וויל, אַז איר זאָלט פאַרשטיין, אַז עס איז אין אייערע אייגענע אינטערעסן, און אַזוי ווייטער... ענדלעך זאָגט ער צו, ער וועט מאָרגן ניט גיין אַרבעטן. די שטרייקערס האָבן זיך דערווייל'ע דורכגערעדט מיט די אַנדערע אַרבעטער, מיר האָט זיך זייער געוואָלט כאַפּן דעם אַמעריקאַנער, אָבער והילד איננו.

אויף מאָרגן האָבן ווידער די חברה־לייט געאַרבעט, אין אָוונט זעען מיר זיך ווידער מיט זיי און דאָס זעלבע. זיי זאָגן צו ניט צו קומען, אָבער אויף מאָרגן אַרבעטן זיי ווידער. אַזוי גייען אַוועק עטלעכע טעג און מיינע שטרייקערס גייען אַרויס פון געדולד, זיי ווילן די שטרייקברעכערס אָנברעכן די ביינער, איך האַלט זיי אָפּ פון דעם. יעדע נאַכט טענהט מען איין מיט זיי און ס'העלפט ווי דער פאַראַיאָריקער שניי. דעם אמת געזאָגט, בין איך געווען מער אויפגערעגט ווי די שטרייקערס, נאָר איך האָב ניט געוואָלט דערלאָזן צו שלעגעריי, איך האָב זיי געהייסן אָפּוואַרטן נאָך אַ טאָג. אין לעצטן אָוונט רייד איך ווידער מיטן מאַשיניסט און ער זאָגט מיר ווידער דאָס זעלבע: „איר ווילט מיר שלאָגן, מעגט איר, איך האָב ניט קיין מורא", דאָ האָב איך שוין אינגאַנצן אויפגעקאָכט — אים געזאָגט: „דו ווילסט עס אַזוי שטאַרק, וועסטו קריגן!" טאַקע דעם זעלבן אָוונט האָט מען זיי גוט אָנגעבראָכן די ביינער, באַזונדערס דעם מאַשיניסט. זיי פלעגן גיין אַלע צוזאַמען קיין סלאָבאָדקע, האָט מען זיי אָפּגעוואַרט אויף יענער זייט בריק און מכבד געווען. וואָלט איך ניט אָנגעקומען צו דער צייט און אָפּגעהאַלטן, וואָלט מען זיי געמאַכט פאַר קאַליקעס.

מערקווירדיק, אַז אַזאַ „שפּראַך" האָבן זיי יאָ פאַרשטאַנען, אויף מאָרגן האָט מען שוין ניט געאַרבעט. דער שטרייק האָט זיך געענדיקט האַלב אויף האַלב.

סאָקאָלאָווסקי איז דאַן אַוועק אין „זשאַנדאַרמסקאָיע אופּראַוולעניע" און אָנגעגעבן די נעמען פון די שטרייקערס, מען האָט טאַקע באַלד אַרעסטירט אַ 10 אַרבעטער, צווישן זיי, משה ציק און זיין ברודער. אין פאַרלויף פון אַ 10 טעג האָט מען זיי איינציקווייז באַפרייט. אויף משה ציק האָבן די זשאַנדאַרן שפּעטער געהאַלטן אַן אויג.

## מיר האָבן צרות פון דער אונטערוועלט

אַזוי ווי אומעטום, האָבן מיר אויך אין קאָוונע פאַרמאָגט, דאָס וואָס מען פלעגט רופן, זשוליקעס, כוליגאַנעס, דאָס זיינען געווען די נידעריקסטע פון די געמיינסטע.

איך ווייס ניט מיט וואָס צו דערקלערן, עס איז אָבער אַ פאַקט, אַז אומעטום האָט אונדזער באַוועגונג באַגעגנט אין זיי אַן אָפּאָזיציע, עס איז געקומען צו דעם, אַז מען האָט געמוזט מיט זיי אַרויסגיין אין אַן אָפענעם קאַמף. אַזוי האָט פאַסירט אין ווילנע, וואַרשע, מינסק און אויך ביי אונדז אין קאָוונע און אין אַלע אַנדערע שטעט.

זיי האָבן גענומען פאַרפאָלגן אונדזערע אַרבעטער אָן אַ פאַרוואָס. גאַנץ אָפט פלעגט טרעפן, אַז זיי פלעגן באַפאַלן אַן אַרבעטער, אים אָנשלאָגן און זיך אַוועקגיין. מיידלעך, אמת, האָט מען קיינמאָל ניט געשלאָגן, אָבער מען פלעגט שרעקן, יאָגן, סטראַשען. האָט אָבער שוין פאַסירט, אַז זיי האָבן זיך אָנגעשטויסן אויף אַ גרופּע אַרבעטער, האָבן זיי געקראָגן זייער חלק. אַזוי צו אַזוי, איז אָנגעגאַנגען אַ שטילער קאַמף צווישן זיי און אונדז.

טרעפט זיך, אַז איינער פון אונדזערע אַרבעטער האָט חתונה; ער איז געווען פון דער אַזוי גערופענער מאַסע, אַ ווייניק באַוואוסטזיניקער און געפראַוועט אַן אַלט־מאָדישע חתונה מיט אַלע קליפערלעך. צו דער חתונה זיינען געקומען אַ סך בעלי־בתימלעך, פריינט פון חתן און פון דער כלה. אויך זיינען דאָרטן געווען פאַרטרעטן די אונטערוועלט־חברה. איך האָב ניט געוואָלט גיין צו דער חתונה, ווייל איך האָב זיך ניט געוואָלט טרעפן מיט אַזעלכע מענטשן. נאָך פאַר דער חופּה קומט אַרויף צו מיר אַן אַרבעטער פון אונדזערע און זאָגט, אַז חברים ווילן איך זאָל קומען אַהין. איך זאָג זיך אָפּ צו גיין. שפּעטער, ווען עמיצער קומט ווידער אַרויף צו מיר און זאָגט, אַז ליזע און נאָך איייניקע פון די אָנפירער זיינען דאָרטן און זיי בעטן מיך דורכאויס איך זאָל קומען — ס'איז נייטיק איך זאָל דאָרט זיין, — גיי איך. ארויפקומענדיק געפין איך דאָרט אַ סך פון אונדזערע אַרבעטער, איך זע אָבער אויך גענוג פון די חברהלייט. מיר ריידן אָפּ צווישן זיך, אַז ווייניקסטנס וועלן מיר זען די חופּה־צערעמאָניע זאָל דורכגיין אויף אַן אָנשטענדיקן אופן. ווי געוויינטלעך, האָבן מיר עס דורכגעפירט און אַלץ איז געווען שיין און רואיק, איך בין דאָרט געווען ביז האַלב נאָך איינס ביינאַכט. אברהם מילשטיין האָט געזאָלט באַגינען אָפּפאָרן קיין קיעוו, זיין צוג האָט געדאַרפט אָפּגיין 3 אַ זייגער פאַרטאָג. מיר פאַרלאָזן די חתונה, איך באַגלייט אים אַ ביסל, ער גייט אוועק צום וואָקזאַל און איך אהיים און לייג זיך שלאָפן.

אַ זייגער 6 אין דער פרי כאַפּ איך זיך אויף און זע ביים הויז, וואו די חתונה איז געווען (איך האָב געוואוינט אויפן צווייטן עק פון יענעם הויז, אין דאָרמאַנס קאַזאַרמע) — אַ רעדל מענטשן און אַ טומל. אַ יידענע גייט פאַרביי, איך הער ווי זי זאָגט: „אוי, אוי, פון דער חתונה אין שפּיטאָל״, פאַרשטיי איך, אַז אויף דער חתונה איז פאָרגעקומען אַ צוזאַמענשטויס. איך האָב אָבער ניט קיין צייט צו דערוויסן זיך וואָס ס'האָט פאַסירט און איך גיי צו דער אַרבעט. דאָס איז געווען פרייטיק פרי. פאַרנאַכט, נאָך דער אַרבעט, גייענדיק אַהיים דורך



יאַטקאָווער גאַס, קומען מיר אַנטקעגן צוויי פון די כוליגאַנעס, איינעם האָב איך געקענט. עס פאַלט מיר איין, אַז זיי ווילן מיך באַפאַלן, זיי גייען טאַקע אַריבער די גאַס און — גלייך צו מיר. אַזוי ווי איך בין געווען אויף דער וואַך, האָב איך זיך געשטעלט אין אַ פאַרטיידיקונגס־פאָזע און האָב בלויז געקראָגן אַ קלאַפּ, דערווייל איז געוואָרן אַ געזעמל און די חברה־לייט האָבן זיך אָפּגעטראָגן. איך טראַכט דערביי, אַז דאָס זיינען נאָכווייעניש פון דער חתונה. אין דעם קומט אַרויף צו מיר אַ באַקאַנטע מיידל און זאָגט, אַז מען האָט איר געשיקט מיך וואָרנען, איך זאָל זיך היטן, ווייל די „שטאַרקע״ קלייבן זיך מיר שלאָגן, גלייכער איך זאָל ניט גיין אין גאַס. איך זאָג איר, אַז כ'האָב שוין ניט מורא, זיי האָבן זיך שוין מיט מיר באַגעגנט... דאָס מיידל האָט דערציילט די אַרבעטער, אַז מען האָט מיך געשלאָגן, האָבן זיי אָנגעהויבן קומען צו מיר, דערוויסן זיך, וואָס עס האָט פאַסירט. איך באַרואיק זיי, אַז עס איז גאָרנישט, דערווייל דערציילן זיי מיר, וואָס עס איז פאָרגעקומען אויף דער חתונה. דאָרטן איז טאַקע געווען אַ געשלעג ניט אויף שפּאַס. אונדזערע אַרבעטער האָבן זיי אַריינגעטיילט ווי געהעריק. אַזוי ווי די חברה־לייט האָבן מיר געזען אויף דער חתונה אַלס פירער פון די אַרבעטער, האָבן זיי דאָס געוואָלט אָפּרעכענען זיך מיט מיר.

אויף מאָרגן אין דער פרי, שבת, קומען ארויף צוויי חברים און זאָגן, אַז אונדזערע אַרבעטער זיינען אַלע אויף דער „נאַבערעזשניא״ און וואַרטן אויף מיר, זיי ווילן זיך אָפּרעכענען מיט די כוליגאַנעס. איך בעט זאָגן די אַרבעטער זיי זאָלן זיך פונאַנדערגיין און ניט פאַרפירן קיינע געשלעגן. זיי גייען אַוועק און באַלד קומען אַנדערע און זאָגן מיר אָן, אַז די אַרבעטער ווילן זיך ניט פונאַנדערגיין, אויך ליזע איז דאָרטן. איך קום ארונטער און געפין אונדזערע, באַוואָפנטע מיט וואָס איינער האָט געקאָנט. וועגן איינשטילן זיי קאָן שוין קיין רייד ניט זיין. איך פרואוו זיי באַרואיקן, עס העלפט ניט.

דערווייל איז מען אונדז געקומען זאָגן, אַז די חברה־לייט זיינען אַ גאַנצע באַנדע און זוכן אונדזערע. מען האָט מאַנעווורירט אַ גאַנצן טאָג, און פאַרנאַכט האָבן זיך די צוויי לאַגערן באַגעגנט אויפן גרינעם באַרג. אונדזערע האָבן זיי איינגעקלעמט אין מיטן, צו קיין געשלעג איז אָבער ניט געקומען.

ביי אונדז איז געווען אַ סטאָליער, ביייניש, אַ שטאַרקער יונג. פאַר אים האָבן חברה־לייט אָפּשיי געהאַט; זיי האָבן געזען אַז אונדזערע זיינען צו פיל, האָט מען געשלאָסן פרידן און צוגעזאָגט מער קיינמאָל ניט אַטאַקירן אונדזערע. זיי האָבן טאַקע געהאַלטן וואָרט, מעגלעך אַז פאַר מורא, אָבער זיי האָבן אונדז מער ניט געטשעפּעט.

איך האָב זיך אַ ביסל מער אָפּגעשטעלט אויף דעם, ווייל איך מיין אַז עס איז אַ כאַראַקטעריסטישער שטריך פאַר דער באַוועגונג, וואָס זי האָט געהאַט דורכצומאַכן.

## אַ שטרייק אָן אַ שטרייק

פון קאַמאַשן־שטעפּער זיינען געווען אין שטאָט אָן ערך 10 וואַרשטאַטן. די בעלי בתים זיינען געווען, מיט אויסנאַמען, לעדער־קרעמער. דאָס רוב האָט מען געאַרבעט מיט לערן־יינגלעך, אַזוי האָט מען געקאָנט אין יעדן וואַרשטאַט געפינען איין אַרבעטער, אַ צושניידער און אַ 5—6 לערן־יינגלעך. געווען יינגלעך וואָס פלעגן קריגן געצאָלט 2 אָדער 3 רובל אַ וואָך; די אַרבעטס־שעהן זיינען געווען: ווינטער — ביז 10—11 אין אָוונט, ערב יום־טובים — דורך נאַכט, זומער ביז פינצטער. פון אַלע עלטערע אַרבעטער איז קיין איין איינציקער ניט געווען ראוי אַריינצונעמען אים אין דער באַוועגונג. איך פאַרנעם זיך מיט זיי אויסערהאַלב דער באַוועגונג, קלויב זיי צוזאַמען און אַגיטיר זיי פאַר פאַרקירצן דעם אַרבעטס־טאָג. די הויפּט־שוועריקייט איז מיט די עלטערע אַרבעטער, מיט די יינגערע האָט מען אַפילו ניט געדאַרפט ריידן.

איך האָב געהאַט, צום ביישפּיל, אַ צען יינגלעך, וועמען ס׳וואָלט גענוג געווען איך זאָל זאָגן אַז כ׳קום ניט אַרבעטן, וואָלטן זיי אויך ניט געאַרבעט, אַזוי איז געווען אומעטום. די יינגלעך, וועלכע האָבן געאַרבעט מיט מיר, זיינען גרייט געווען צו שטרייקן, ניט קוקנדיק וואָס זיי זיינען געשטאַנען אויסער דער באַוועגונג. קיין אַגיטאַציע האָט זיי ניט אויסגעפעלט. איך האָב זיי אינספּירירט צו לייענען און באַזאָרגט מיט ביכער, מיט איין וואָרט, מיט מיינע בין איך געווען זיכער, זיי פלעגן שוין אַגיטירן אַפילו אַנדערע.

אָפּאַרבעטנדיק עטלעכע מאָנאַטן מיט עלטערע אַר־בעטער, באַשליסן מיר ענדלעך מען זאָל פאַרקירצן דעם אַרבעטס־טאָג, פאָרלויפיק, אין ווינטער ביז 9 אַ זייגער אָוונט (אָנשטאָט ביז 11) און קיין שום נאַכט־אַרבעט ערב יום־טובים. ווי אַזוי זאָל מען דאָס פאַרווירקלעכן? מיר באַשליסן, אַז ווען מען וועט אָנפאַנגען אַרבעטן פאַר ליכט — אומגעפאַר צו די ערשטע סליחות — זאָל מען 9 אַ זייגער אויפהערן אַרבעטן; ווען די בעלי־בתים וועלן פרעגן פאַרוואָס מען אַרבעט ניט ביז 11, ווי פריער, זאָל מען דערקלערן, אַז פון איצט אָן אַרבעט מען נאָר ביז 9; אויב די בעלי־בתים וועלן אויף אונדז אַרויפצווינגען אַ שטרייק, וועלן מיר שטרייקן. איך בין געווען זיכער אַז מיר קאָנען ניט פאַרלירן, ווייל די בעלי־בתים אַליין זיינען ניט געווען קיין פאַך־לייט און יעדער אַרבעטער האָט שוין געאַרבעט אויף זיין פּלאַץ 4—5 און 6 יאָר. עס איז שווער צו פאַרבייטן אַזאַ אַר־בעטער, דערצו נאָך זיינען אין שטאָט ניט געווען אַזעלכע פאַך־לייט, די בעלי־בתים וואָלטן געמוזט פאָרן קיין ווילנע ברענגען אַרבעטער פון דאָרט.

דאָס אַלץ האָב איך אויפגעקלערט די אַנדערע אַרבעטער, זיי האָבן עס באַגריפן און באַשטימט צו שטרייקן.

און אָט קומט דער אָנגעזאָגטער אָוונט. 3 אַ זייגער זאָג איך צו מיינע יאַטעס: „קינדער, לעשט אויס די לאָמפּן, מיר גייען אַהיים“. דער וואַרשטאַט איז געווען אין הינטער־טייל פון קראָם; מיר גייען פאַרביי דעם בעל־הבית, ער זאָגט גאָרניט. איך הייס די יאַטעס אַ קוק טאָן אין אַנדערע פלעצער צי מען אַרבעט. אויף מאָרגן זאָגן זיי מיר, אַז אומעטום האָט מען געאַרבעט ביז 11 אַ זייגער.

דעם צווייטן אָוונט — אויך דאָס זעלבע, — 9 אַ זייגער גייען מיר אַהיים. אומעטום אַרבעט מען ווידער ביז 11. דעם דריטן אָוונט, ווען מיר גייען אַהיים האַלט דער בעל־הבית מיך אָפּ (איך האָב דאַן געאַרבעט ביי עליע לוריע) און פרעגט מיך, וואָס דאָס מיינט? איך בין מיט אים געווען זייער נאָענט, ער איז געווען זייער אַ קלוגער מענטש, און איך פּרואוו אים דערקלערן אַז ער קאָן דערביי גאָרניט פאַרלירן, דאָס זיצן שפּעט ברענגט ניט קיין גוטס, ווייל מען קען אויף אַזאַ אופן קיין סך ניט אויפטאָן, זייענדיק אויסגעמאַטערט פון אַ גאַנצן טאָג, קען מען דעם צווייטן טאָג ניט אַרבעטן ווי געהעריק און אַזוי ווייטער.

ער פאַרשטייט מיך גאַנץ גוט, ער איז מסכים, אויב עס וועט זיין אַזוי אומעטום. איך זאָג אים, אַז איך בין דאָ ניט קיין גובערנאַטאָר, איך קאָן ניט פאַראָרדענען, אָבער איך בין זיכער, אז די אַנדערע וועלן אויך נאָכ־פאָלגן, עס איז נאָר אַ פראַגע פון טעג. ער טענהט, אַז ער קאָן פאַרלירן לייזונג, וואָס עס איז אין אַ געוויסער מאָס אמת. אויב איר וועט, זאָג איך, פאַרלירן אַ קלייני־קייט, איז עס ווערט צו האָבן אויף אייער קרעדיט, אַז איר זייט געווען דער ערשטער וואָס האָט פאַרקירצט דעם אַרבעטס־טאָג.

איך וואַרט אויף שבת, פריער קאָן איך זיך מיט די אַנדערע אַרבעטער ניט טרעפן. איך האָב זיי ווידער צוזאַמענגענומען, איך רייד צו זיי און זיי זיינען כמעט מיט מיר איינשטימיק, נאָר אַזוויוי ס׳איז ערב יום־טובים און עס איז דאָ פיל אַרבעט, קאָנען זיי ביי זיך נישט פועלן גלייך עס צו טאָן, נאָר נאָך די יום־טובים זיינען זיי גרייט.

אַזוי טיף איז שקלאַפעריי געווען דאַן איינגעוואָרצלט ביים אַרבעטער.

שבת צו נאַכט גיי איך ניט אַרבעטן, אין אַלע אַנ־דערע וואַרשטאַטן אַרבעט מען יאָ. זונטיק אָוונט — ווידער די זעלבע געשיכטע. מיין בעל־הבית האָט מיט מיר אַ געשפּרעך, איך דריי זיך דיפּלאָמאַטיש ווי איך קען. מאָנטיק, שטייענדיק ביי דער אַרבעט, זאָגן צו מיר מיינע יאַטעס, אַז ווען איך זאָל זיי נאָר הייסן וועלן זיי נאָך דער אַרבעט אויסשלאָגן די פענצטער, וואו מען וועט אַרבעטן.

די פּראַקטיק האָט מיר געלערנט אַז אַזעלכע מיטלען זיינען ניט שיין און עטיש, זיי ברענגען אָבער גוטע רעזולטאַטן. אין אָוונט הייס איך האַקן שויבן, מיטן תנאי, אַז קיין מענטשן זאָל דערפון ניט ליידן. אויף מאָרגן האָט מען שוין מער ניט געאַרבעט נאָך 9 אַ זייגער.

שפּעטער האָבן מיר די אַרבעטער געזאָגט, אַז דאָס איז געווען אַ גוטער מיטל, ווייל זיי האָבן געהאַט אַן אויסרייד: זיי האָבן מורא; אַזוי האָבן מיר געוואונען אַ שטרייק, אָן אַ שטרייק...

פאַרשטייט זיך, ס׳איז ניט אַריבער אַזוי גלאַט. די בעלי־בתּים האָבן דערזען אַז עפּעס טוט זיך ביי די אַרבעטער, האָבן זיי זיך אַלע פאַרזאַמלט צו באַראַטן זיך וואָס צו טאָן, געפינען פון וואַנען דאָס קומט.

ווען איך בין אויף מאָרגן געקומען צו דער אַרבעט האָט מיר מיין בעל־הבית דערציילט וועגן זייער פאַרזאַמלונג. אַלע מיט איין קול האָבן דאָרטן געזאָגט, אַז איך בין דער יעניקער, וואָס האָב עס אינספּירירט, דעריבער דאַרף מען פון מיר פּטור ווערן. זיי האָבן פאַרלאַנגט פון מיין בעל־הבית ער זאָל מיך אַנטזאָגן, אויף וואָס ער האָט ניט איינגעשטימט. דאַן האָבן זיי פאָרגעשלאָגן: זיי וועלן אים באַצאָלן 100 רובל פאַרן שאָדן פון לייזונג און דעקן די קאָסטן צו קריגן אַן אַנדערן אויף מיין פּלאַץ, אויך דאָס האָט ער צוריקגעוויזן. מיט דעם האָט זיך עס פאַרענדיקט, עס האָט זיך נאָך אַ ביסל געקאָכט, ביז עס האָט זיך איינגעשטילט.

## די בירזשע

די באַוועגונג האָט זיך גענומען פונאַנדערוואַקסן. עס האָט זיך געפאָדערט אַ שטענדיקער קאָנטאַקט מיט די אַרבעטער. מען האָט געמוזט וויסן אַלע פּאַסירונגען פון יעדן טאָג, האָבן מיר באַשטימט אַז נאָך דער אַרבעט זאָלן אַלע אַרבעטער זיך צונויפקומען אויף דער לאַנגער גאַס, וואָס האָט געהייסן די „בירזשע״, דאָ פלעגט מען זיך דערוויסן אַלע נייעס פון טאָג, דאָ פלעגט אויך אָנגיין אַ ביסל אַגיטאַציע.

די ערשטע צייט איז געווען ניט גלאַטיק, ווייל די אַרבעטער האָבן זיך אויפגעפירט צו פריי, זייער האַלטונג האָט צו פיל זיך געוואָרפן אין די אויגן, אָבער ביסלעכווייז האָט זיך עס איינגעשטעלט, אגב, האָט מען שוין ניט אַזוי מורא געהאַט פאַר אַן עין הרעה. די „בירזשע״ האָט, אייגנטלעך, מיט זיך פאָרגעשטעלט אַ סאָרט דעמאָנסטראַציע פון נייע צייטן, דאָ פלעג איך צעטיילן ביכלעך פאַר די אַרבעטער, דאָ פלעגט מען אויך איבערגעבן ווער, וואו און ווען מען דאַרף זיך פאַרזאַמלען, דאָ זיינען די אַרבעטער געוואָרן מער באַפריינדעט איינער מיט די אַנדערע. האָט עפּעס פּאַסירט, איז עס באַלד געוואָרן באַקאַנט פאַר אַלע אַרבעטער. די „בירזשע״ איז געוואָרן אַ נייטיקע און וויכטיקע אינסטיטוציע.

די רוסישע רעגירונג האָט געזען אַז עס גייט אָן אַ באַוועגונג צווישן די אַרבעטער, און בכדי צו קענען בעסער שפּיאָנירן צווישן זיי האָט מען גענומען עפענען אין יעדער שטאָט טיי־הייזער, כלומרשט, אונטערצוהאַלטן די געזעלשאַפט פאַר פאָלקס־ניכטערקייט, די „אָבשטשעסטוואָ נאַראָדנאַי טרעזוואָסטי״, אין דער אמתן אָבער איז דאָרט געווען אַ נעסט פון שפּיאָנען און מען פלעגט גאַנץ אָפט מוזן אויפפּאַסן אויף די אַרבעטער,



לערנען ווי צו דערקענען אַ שפּיאָן, ווי צו האַלטן זיך בעת אַ געשפּרעך מיט אים און אַזוי ווייטער.

צו אָפט אָבער פלעגן מיר, די פירער, זיך ניט ווייזן דאָרט. ווינטער, און אין קאַלטע אָוונטן, פלעגט דאָרט זיין די בירזשע, אָבער דאָך אַ קלענערע ווי אין גאַס. איך האָב דערמאָנט וועגן אַ שלאָסער אַ חצי־פּראָוואָקאַטאָר, איך בין כמעט ווי זיכער אַז אין אַזאַ „טיי־הויז״ האָט ער זיך באַקאַנט מיט אַ זשאַנדאַרם, געווינלעך אין ציווילע קליידער, וועלכער האָט אים געמאַכט פאַר אַ פּראָוואָקאַטאָר. איבעריק האָבן מיר פון אים ניט געליטן, ווייל ער איז גיך ערגעץ פאַרשוואונדן און איך האָב פון אים מער קיינמאָל ניט געהערט.

ריידנדיק וועגן זשאַנדאַרן, וויל איך דערמאָנען איינעם מיט אַ רויטן באָרד, וועלכער פלעגט תּמיד אויסוואַקסן ווי פון דער ערד. ניט נאָר איך אַליין האָב עס באַמערקט; מען גייט אין גאַס, עס זעט זיך קיינער ניט, מיטאַמאָל, ער איז דאָ. אַזוי גאַנץ אָפט, אויף פאַרשיידענע ערטער. איך וועל וועגן אים ריידן שפּעטער. איך האָב דערמאָנט נח פּאָרטנאָי און זיין אַרעסט. בשייכות מיט זיין אַרעסט זיינען אויך אַרעסטירט געוואָרן אַ 15 אַרבעטער פון טילמאַנס פאַבריק. אייגנטלעך האָבן אים טאַקע אַרויסגעגעבן אייניקע אַרבעטער פון דער זעלבער פאַבריק.

וואָס עס איז געוואָרן מיט די אַרעסטירטע אַרבעטער, איז מיר ניט באַקאַנט, נח אָבער איז געזעסן אין קאָוונער טורמע 8 מאָנאַטן, שפּעטער האָט מען אים אַרויסגעשיקט קיין מאָסקווע און פון דאָרטן קיין סיביר.

געלעבט האָט אין קאָוונע אַ באַלעבאַטישער ייד, שערעשעווסקי, אַ קאַליקע. איך געדענק ניט מיט וואָס ער האָט זיך באַשעפטיקט, נאָר ער איז געווען ניט פון די אָרעמע. אויב איך מאַך נישט קיין טעות האָט ער געהאַט אַ זון, אַ רעוואָלוציאָנער, פאַרשיקט ערגעץ־וואו, ער האָט אויך געהאַט אַ טאָכטער, אָלגאַ, וואָס איז געווען זייער נאָענט מיט נח פּאָרטנאָי. ווי מיר דוכט זיך, איז זי שפּעטער, ווען מען האָט אים פאַרשיקט קיין סיביר, מיט אים מיטגעפאָרן.

עס דערמאָנט זיך מיר אַ שפּאַס. שערעשעווסקי האָט געהאַט, אויסער אויסגעדרייטע פיס, אַ פּנים, וואָס האָט געמאַכט אַן איינדרוק, אַז עס לאַכט. אין 94־טן יאָר, ווען אַלעקסאַנדער דער דריטער איז געשטאָרבן, זיינען געווען אויסגעקלעפּט אין שטאָט טרויער־בלעטלעך וועגן זיין טויט; שטייט שערעשעווסקי ביי אַזאַ מודעה און לייענט. עס גייט פאַרביי אַ פּריסטאַוו און דערזעט ווי ער לייענט און לאַכט, פרעגט ער ניט קיין קשיות, אַרעסטירט אים און פירט אים אָפּ אין „זשאַנדאַרמסקאָיע אופּראַוולעניע״. עס האָט גענומען דריי טעג צייט ביז מען האָט אים באַפרייט, נאָכדעם ווי די אָנגעזעענסטע בעלי־בתּים פון שטאָט האָבן עדות־געזאָגט, אַז ביי אים איז אַזאַ פּנים.

נאָכדעם ווי מען האָט פּאָרטנאָיען אַרויסגעשיקט, איז געבליבן אַ גרויסער קאָרב מיט ביכער ביי אָלגאַ שערעשעווסקי. אין קאָוונע איז געווען אַ גרופּע אינטע־

ליגענטן, סימפּאַטיקער, אַליין האָבן זיי קיין אָנטייל ניט גענומען, אָבער העלפן דער באַוועגונג פלעגן זיי גערן. צווישן זיי איז געווען אַ צאָן־דאָקטאָר, ארקינא. זי האָט מיטגעהאָלפן מיט וואָס זי האָט געקאָנט. דורך איר האָט מען געהאַט פאַרבינדונגען מיט אַנדערע סימפּאַטיקער.

איין מאָל קריגן מיר אַ בריוו — איך געדענק ניט צי פון ווילנע אָדער פון דער שווייץ — פון אַ באַקאַנטע פּערזאָן, אין וועלכן מען איז אונדז מודיע, אַז ס'איז געקומען פון דער שווייץ אַ סטודענט און מיר דאַרפן זיך מיט אים זען און אריינציען אין דער אַרבעט. געפינען אים וועלן מיר ביי דער ארקינא.

אין אַ שיינעם אָוונט גיי איך און אוורעמעלע דער „קליינער" טרעפן זיך מיט אים. מיר פאַרברענגען מיט אים אַ פּאָר שעה, מאַכן אים באַקאַנט מיט אונדזער אַרבעט און פרעגן מיט וואָס ער קאָן אונדז בייהילפיק זיין?

ער ענטפערט, אַז ער ווייסט נאָך אַליין ניט און בעט אונדז קומען אַ 2־טן מאָל. אויף מיר האָט ער געמאַכט אַ שלעכטן איינדרוק, נאָר איך האָב גאָרניט געזאָגט. איך פרעג אברהמעלען וואָס איז זיין מיינונג? ענטפערט ער ווי אַ זשאַבע וואָלט אים אַ ביס געטאָן, ביז היינט געדענק איך נאָך דעם אויסדרוק. אלנפאַלנס, איך האָב געזען אַז ער האָט די זעלבע מיינונג ווי איך. שפּעטער האָבן מיר געהאַט צו זינגען און צו זאָגן פון אים, נאָר איך וועל קומען צו אים שפּעטער.

איך האָב דערמאָנט, אַז ביכער זיינען פאַרבליבן פון פּאָרטנאָיען. איך ווייס ניט גענוי אויף וואָס פאַר אַן אופן, אָבער די ביכער זיינען אַריבער צו אים. עס מוז דאָ געזאָגט ווערן, אַז ביכער זיינען פאַר אונדז דאַן געווען פון גרויס באַדייט און וויכטיקייט. איך האָב פאַרגעסן צו דערמאָנען זיין כשרן נאָמען — ער האָט זיך גערופן פּאַוועל. זיין פאַמיליע־נאָמען האָב איך קיינמאָל ניט געוואוסט.

אַ קורצע צייט נאָך דעם ווי דער פּאַוועל האָט זיך באַזעצט אין קאָוונע איז געקומען צו פאַרן אַ „האַלבער אינטעליגענט", ווי מיר פלעגן עס דעמאָלט רופן, מיטן נאָמען מיראַן פּייקעס. ער האָט זיך צוזאַמענגעשמעקט מיט פּאַוולען און מיר האָבן שפּעטער פון זיי ביידן געהאַט געברענטע צרות (צו דעם וועל איך אויך קומען שפּעטער). ווען מיר זיינען ווידער געווען ביי פּאַוולען און דאָרט געפונען אויך מיראַנען, האָבן מיר געוואָלט וויסן פון זיי, אויב זיי קלייבן זיך עפּעס טאָן אָדער ניט. זיי האָבן אונדז דערקלערט, אַז ביז איצט האָבן זיי שטודירט אונדזער באַוועגונג און וויסן שוין וואָס עס פאָדערט זיך, אין אַ וואָך אַרום וועלן זיי זיין פאַרטיק מיט אַ פּראָגראַם פון אַרבעט. ווען מיר זיינען געווען אין אַ וואָך שפּעטער האָבן זיי געבעטן אָפּלייגן נאָך אויף אַ וואָך.

אַזוי עטלעכע וואָכן נאָך־אַנאַנד. איך מיט אברהמלען באַשליסן ניט צו צאַצקען זיך מיט זיי, ווייל זיי שטערן אונדז בלויז אין אונדזער אַרבעט, אַנשטאָט צו העלפן.





## אונדזער ערשטע „מאַסאָווקע"

אין ווילנע, וואו די באַוועגונג איז געווען עלטער פון אונדזערער און אַ גרעסערע, פלעגט מען שוין צו יענער צייט פייערן דעם 1־טן מאַי, פאַרשטייט זיך, ניט עפנטלעך. מיר באַשליסן אויך צו אָרגאַניזירן אַן 1־טע מאַי פייערונג. מיר באַשטימען אַ קאָמיסיע, וועלכע דאַרף אָפּזוכן אַ פּאַסנדן פּלאַץ פאַר דעם צוועק אויסער דער שטאָט. עס האָט געדאַרפט זיין אַ פּלאַץ, וואו עס זאָלן זיך קאָנען צוזאַמענקלייבן אַ 200 מענטשן און מער וויניקער זיכער פון אַ פּאָליצייאישן איבערפאַל. נאָך עטלעכע וואָכן זוכעניש האָבן מיר אויסגעקליבן אַ פּלאַץ אין מארעוויאנקע, אין אַלעקסאָטער זייט, אַ באַקוועמער אָרט נעבן וואַלד. ס'איז איינגעאָרדנט געוואָרן אַזוי: מיר האָבן באַשטימט עלטסטע, יעדער עלטסטער האָט געדאַרפט ברענגען 10 אַרבעטער צום באַשטימטן פּלאַץ, דאָרטן האָט ער שוין געפונען אַ חבר, וועלכער האָט אים אָנגעזאָגט וואו צו גיין ווייטער, קיינער האָט ניט געוואוסט גענוי דעם פּלאַץ, ביז ער איז אַהין אָנגעקומען, אויסער די אָרגאַניזאַטאָרס.

אויפן וועג און ניט ווייט פון פּלאַץ זיינען געווען אויסגעשטעלט אונדזערע אָרדנער, וועלכע האָבן געדאַרפט וואָרענען אין פאַל פון אַ געפאַר.

אַ טאָג פאַר דער פאַרזאַמלונג האָבן צוויי חברים גענומען אַ שיפל און אַריבערגעפירט אַהין עסנוואַרג און ביר, זיי זיינען אַוועק פאַרנאַכט און געבליבן דאָרט איבער נאַכט מיט דער פּראָוויזיע. געווען איז עס שבת. פון 8 פרי האָט מען שוין גענומען זיך קלייבן און ביז וואַנען אַלע האָבן זיך פאַרזאַמלט איז געווען ארום 12. מיר האָבן געוואָלט, אַז צום וועג אַהין זאָל מען ניט גיין מאַסנווייז, אויף צוריק — האָט אונדז שוין ניט געאַרט.

אויף דער פאַרזאַמלונג זיינען געהאַלטן געוואָרן רעדעס, פאַרשטייט זיך, אָנגעשריבענע פריער (מיר האָבן נאָך דאַן ניט פאַרמאָגט צווישן אַרבעטער קיין רעדנער), וועגן באַדייטונג פון 1־טן מאַי; אַ רויטע פאָן האָבן מיר נאָך ניט געוואַגט ארויפציען.

די מאַסאָווקע האָט געמאַכט אַ רושם, די שטימונג איז געווען אַ יום־טובדיקע, פול מיט ענטוזיאזם. דער באַוועגונג האָט עס געגעבן זייער פיל, — ס'האָט געלערנט די אַרבעטער צו אָרגאַניזאַציע־דיסציפּלין.

ריידנדיק וועגן געשריבענע רעדעס, וויל איך דערציילן אַ ביישפּיל, ווי אַזוי מ'האָט זיך געגרייט צו אונדזער ערשטער מאַסאָווקע. ביי אונדז איז דאַן געווען אַ יונגער אינטעליגענט מיטן נאָמען לעאָן, זיין פאַמיליע־נאָמען געדענק איך ניט גוט, — בערגמאַן אָדער בערנשטיין, — גיכער דאָס לעצטע. איבעריקנס פלעגן מיר זיך ניט באַנוצן מיטן פאַמיליע־נאָמען. ער איז געווען אַ סימפּאַטישער מענטש, אַ זעלטן שיינער, אַ פייערדיקער רעדנער און טיכטיקער טוער. יידיש האָט ער ניט געקענט. מען דאַרף האָבן אַ רעדע צום 1־טן מאַי, זעצן מיר זיך ביידע אַוועק, ער שרייבט אין רוסיש און לייענט עס און איך

זעץ עס איבער אין יידיש. מיר ענדיקן ביידע גלייך — איך האָב דאַן געקענט די יידישע שפּראַך פיל בעסער ווי איצט. ליידער איז לעאָן ביי אונדז ניט לאַנג פאַרבליבן, ווייל מ׳האָט אים אַרעסטירט און אַרויסגעשיקט אין אַן אַנדער שטאָט אונטער דער אויפזיכט פון דער פּאָליציי.

לעאָן איז ביי אונדז געווען אַ יאָר, אפשר עטוואָס מער, אָבער זיכער ניט מער. ער איז ערגעצוואו פאַרשיקט געוואָרן, פון דאָרטן איז ער געלאָפן קיין פּאַריז, וואו ער איז געוואָרן איינער פון די באַוואוסטע ליטעראַטן. פאַר דער צייט וואָס ער איז געווען מיט אונדז, איז ער געווען זייער נוצלעך, ווען ער האָט גערעדט איז עס געווען פייער־פלאַם און אָנגענעם צו הערן; ער פלעגט אַלעמען באַגייסטערן מיט זיין כוח־הדיבור.

דערציילנדיק וועגן אים, וועל איך שוין דערמאָנען נאָך איינעם, וועלכער האָט שפּעטער געשפּילט אַ גאַנץ אָנגעזעענע ראָל אין דער רוסישער רעוואָלוציע. אין קאָוונע איז געווען אַ פאַמיליע קלעוואַנסקי, זיי האָבן געהאַט אַ פאַיאַנס־געשעפט אויף דער לאַנגער גאַס, אַ בכבודיקע פאַמיליע, דער פאָטער, דוכט מיר, איז געווען מערסטנס אין מאָסקווע, דאָס געשעפט האָט געפירט די מוטער. זיי האָבן געהאַט אַ זון סעמיאָן. ווען מיר האָבן זיך מיט אים באַקאַנט איז ער געווען אַ גימנאַזיסט פון 7־טן קלאַס. אַ סימפּאַטישער בחור, ער האָט זיך איבערגעגעבן דער באַוועגונג און מיטגעהאָלפן ביי אַלע אומשטענדן. ער פלעגט אָנטיילנעמען אין פאַרהאַנדלונגען מצד דער באַוועגונג; זיין קוואַרטיר האָבן מיר אויסגענוצט צו האַלטן אומלעגאַלע ליטעראַטור, ווי לאַנג ער איז געווען אויסער פאַרדאַכט.

בכדי מיר זאָלן קאָנען קומען צו אים אין שטוב האָט ער זיך געקויפט אַן איינבינדער־געשטעל און מיר פאַרגעשטעלט אַלס איינבינדער, וואָס קומט צו אים כלומרשט לערנען די מלאכה. ער איז געווען פון פאַרמעגלעכע עלטערן און ער האָט געהאַט זיין פּריוואַטן צימער, דאָרטן פלעגן מיר פאַרברענגען. ער פלעגט מיר געבן אַ לעקציע איבער אַ וועלכע עס איז וויסנשאַפט און איך אים פון אַרבעטער־קאַמף. פון צייט צו צייט פלעגן מיר טאַקע איינבינדן ביכלעך, אומלעגאַלע. אַזוי אַרום איז ניט געווען קיין חשד וואָס איך קום צו אים מיט ביכער.

אַז לעאָן איז אַרעסטירט געוואָרן, האָב איך זיך דערוואוסט גלייך אין דער פרי. איך האָב געוואוסט, אַז סעמיאָן קומט צו אים אויף קוואַרטיר און אַז פאַרנאַכט דאַרף ער זיין ביי לעאָנען. איך וויל געבן צו וויסן וועגן לעאָנס אַרעסט, בכדי ער זאָל צו אים ניט גיין, און באַהאַלטן די אומלעגאַלע ליטעראַטור, וואָס ער האָט ביי זיך. גיין צו אים גאַנץ פרי, קאָן ווערן פאַרדעכטיק ביי זיין משפחה, איך קען זיך אָבער ניט העלפן און איך גיי. איך קלינג אָן אין טיר, ס׳קומט אַרויס די דינסט און איך הייס איר אַרויסשיקן סעמיאָנען. ווען ער האָט זיך באַוויזן האָב איך קוים געהאַט צייט צו זאָגן וואָס



עס איז געשען, ווייל זיין מוטער איז אַרויס זען, ווער עס רופט אים אַזוי פרי. ער איז וואַרשיינלעך געווען איבערראַשט און דערשראָקן. די מוטער האָט דערזען זיין דערשראָקן פּנים, האָט זי געפרעגט וואָס ס׳איז געשען. מיר האָבן ביידע קונציק עפּעס אויסגעטראַכט אַ ליגן און איר געמאַכט גלויבן אַז עס איז גאָרנישט, עס דאַכט זיך איר אַזוי אויס.

סעמיאָן קלעוואַנסקי האָט געענדיקט גימנאַזיע און אַוועק קיין פּעטערבורג אין אוניווערזיטעט, אין זעלבן יאָר ווערט ער אַרויסגעשיקט צוריק קיין קאָוונע פאַר פּאָליטישער טעטיקייט, פאַרשטייט זיך; איך מיין, ס׳איז געווען אין יאָר 1899. ער האָט דאַן אין קאָוונער טעאַטער אָנגעפירט מיט אַ דעמאָנסטראַציע, וואו ער ווערט ווידער אַרעסטירט און פון דאַן אָן ווערט ער אַ פּראָפעסיאָנעלער רעוואָלוציאָנער. אין יאָר 1905 איז ער אָנפירער פון דער רעוואָלוציע אין די באַלטישע פּראָווינצן, באַקאַנט אונטערן נאָמען „מאַקסים״.

אַ שטיקל צייט איז ער געווען טעטיק און זייער פּאָפּולער אין ריגע. נאָך דער ירידה פון דער רעוואָלוציע האָט זיך אים איינגעגעבן צו אַנטלויפן. אין אַ יאָר אַרום איז ער אין ניו־יאָרק, וואו איך האָב זיך מיט אים געזען צום לעצטן מאָל. נאָך דער אָקטאָבער־רעוואָלוציע איז ער געווען פאַרשיקט אויף די סאָלאָוועצקע אינדזלען. מער האָב איך פון אים ניט געהערט.

## דער ערשטער אַרעסט פון אַ פאַרזאַמלונג

דאָס איז געווען, דוכט מיר, אין 96־טן יאָר. די גרופּע בלעכער איז באַשטאַנען פון 25 מאַן, זייער פירער איז געווען אַהרן זאַלקינד, אַ יאָוועליר. עס איז אַ שבת נאָך מיטאָג. אַהרן איז ביי מיר. איך זע, ער האָט ביי זיך אַ קינזשאַל. איך פרעג אים צו וואָס ער דאַרף עס? ער ווייסט אַליין אויך ניט צו וואָס. איך זאָג אים, אַז די נאַרישקייטן וועלן אים קאָסטן צו טייער — „דו גייסט צו די אַרבעטער אויף אַ פאַרזאַמלונג, דאַרפסטו עס ביי זיך זיכער ניט האָבן״, און נעם ביי אים עס צו. איידער ער גייט אַוועק נעמט ער בשתיקה צוריק דעם קינזשאַל, איך האָב עס ניט געהאַט באַמערקט. פאַרנאַכט קומט מען מיר זאָגן, אַז אַהרן מיט אַלע בלעכער זיינען אַרעסטירט. איך לויף אַהין און געפין דאָרטן אַ גאַנצן געזעמל יידן. וואָס עס איז געווען ווייסט קיינער ניט. איך לייג פאַר די אַרבעטער אַרויסלאָזן אַ קלאַנג, אַז מען האָט פאַרכאַפּט מעד, וואָס עמיצער האָט געברייט אויף פסח. נאָך דעם ווי עס איז איינגעפירט געוואָרן דער מאָנאָפּאָל האָט מען ניט געטאָרט מאַכן קיין מעד; עס איז געבליבן ביים עולם, אַז ס׳איז וועגן אַן עניין מעד, זיי האָבן שוין געהאַט וועגן וואָס צו ריידן.

אינטערעסאַנט, אַז די אַרבעטער זיינען זיך ניט פאַנאַנדערגעגאַנגען. ווי נאָר מען האָט גענומען קלאַפּן אין טיר און מען האָט דערזען פּאָליציי, האָבן אַלע אַרבעטער זיך אַוועקגעשטעלט דאַוונען. ווען מען האָט די טיר ניט געעפנט, האָט פּאָליציי אַ שטופּ געטאָן

און דערזען ווי אַלע שטייען און שאָקלען זיך. זיי פרעגן, מען ענטפערט ניט. ענדלעך איז מען אויסגעגאַנגען „שמונה־עשרה״. ווען מען פרעגט זיי וואָס זיי טוען דאָ, האָט יעדערער איין תשובה: מען האָט אים אַריינגערופן צו אַ מנין. פאַרשטייט זיך, מען האָט אַלעמען באַזוכט און גאָרניט געפונען. אונטערן טיש אָבער, האָבן זיי געפונען אַן אומלעגאַל ביכל און אין אויוון — דעם קינזשאַל. מען האָט זיי אַלעמען אַרעסטירט. שפּעטער, ווען מען האָט זיי אויסגעפרעגט אין זשאַנדאַרמסקאָיע אופּראַווליעניע, האָבן זיי געזאָגט, אַז זיי האָבן געדאַוונט מנחה.

קעגן די אַרבעטער האָט מען קיין זאַך ניט געקאָנט געפינען, נאָר דאָס ביכל מיטן קינזשאַל האָט מען „צוגעגנייט״ אַראָנען. די אַרבעטער האָט מען איינציקוויַיז באַפרייט אין משך פון אַ חודש. אַראָנען האָט מען אַוועקגעשיקט, וואַרשיינלעך, קיין מאָסקווע, שפּעטער איז ער אַרויסגעשיקט געוואָרן קיין סיביר.

אין יאָר 1905 האָט מען אים באַפרייט. געווען אין ווילנע. וואָס ס׳איז פון אים שפּעטער געוואָרן, ווייס איך ניט, נאָר קיין גרויסע זאַכן האָט ער זיכער ניט אויפגעטאָן, ווייל ניט אומזיסט האָט מען אים גערופן: „אַראָן גאָרניט״.

## פעליקס דזשערזשינסקי

איינמאָל אין אַן אָוונט קומט צו מיר אַרויף אַ באַקאַנטער און רופט מיך אַרונטער אין גאַס — דאָ וואַרט אויף אונדז נאָך איינער א יונגערמאַן, אַ קריסט. מיין באַקאַנטער שטעלט אים פאָר אַלס „יאַקאָב״, ער איז געשיקט געוואָרן צו מיר, איך זאָל אים באַזאָרגן מיט אַ נאַכט־לעגער. איין קוק אויף אים — און ס׳איז צו זען, אַז ער איז אַ רעוואָלוציאָנער. מיך האָט אָבער געוואונדערט זיין האַלטן זיך, וואָס האָט זיך געוואָרפן אין די אויגן. אויפן קאָפּ האָט ער געטראָגן אַ געשטריקט וואָלן היטעלע, וואָס איז געווען אַ נייס אין שטאָט און געצויגן אויף זיך די אויפמערקזאַמקייט. שפּעטער, ווען איך בין מיט אים געווען נעענטער באַקאַנט, האָב איך אים אויפמערקזאַם געמאַכט אויף דעם. ער האָט צוגעגעבן, אַז איך האָב רעכט, און מודה־געווען, אַז ער איז נאַכלעסיק אין הילכות קאָנספּיראַציע. איך האָב אַרגומענטירט, אַז זייענדיק אויף דער פריי, קאָן ער ברענגען דער באַוועגונג הונדערט מאָל מער נוצן, ווי זיצנדיק אין טורמע אָדער זיין פאַרשיקט ערגעץ אין סיביר. מיט דעם האָט ער אויך מסכים געווען. ליידער, זאָגט ער, באַזיצט ער ניט די קאַלטבלוטיקייט און אויסגערעכנטקייט וואָס איך פאַרמאָג...

עס איז אמת, אַז זיין טעמפּעראַמענט איז געווען אַ פייערדיקער, אַן אומגעדולדיקער. איך באַזאָרג אים מיט נאַכט־לעגער און מיר גייען זיך פאַנאַנדער, ווי אומבאקאנט. ער האָט זיך דאָ באַלד איינגעאָרדנט און אונדזער באַקאַנטשאַפט ווערט נעענטער. ער האָט זיך געריסן אַרבעטן, ווי אַ יונגער פערדל אין שפּאַן.





איך האָב אים געראַטן זיין אַ ביסל געדולדיקער און בעסער ארומקוקן זיך, וועט די אַרבעט זיין מער פּרודוקטבאַר. דאָס האָט אויף אים ניט געווירקט.

אין אַלעקסאָט איז געווען אַ פאַבריק פון הילצערנע טשוועקלעך. דאָרטן האָבן געאַרבעט דורכאויס פרויען און יונגע מיידלעך. דער מצב פון די אַרבעטער איז דאָרט געווען אַ טרויעריקער; ער באַשליסט גיין אין פאַבריק אַרבעטן. עס האָט גענומען אַ רעכטע צייט ביז איך האָב אים איבערצייגט, אַז דאָרטן איז ניט קיין פּלאַץ פאַר אים, דאָרטן מוז מען האָבן אַ פרוי. אַזוי ווי דאָרטן אַרבעטן דורכאויס קריסטלעכע פרויען און אַ יידישע קאָן דאָרט קיין צוטריט ניט האָבן, מוזן מיר אָפּוואַרטן ביז מיר וועלן אויסזוכן אַ פּאַסנדע קריסטלעכע פרוי, צו שיקן אַהין. ענדלעך איבערצייגט ער זיך אין דעם און גייט ניט אַהין.

שפּעטער ריידן מיר וועגן טילמאַנס פאַבריק. איך זאָג אים, אַז דאָרט איז פאַר אים דאָ אַ פּלאַץ פאַר אַרבעט. דערביי וואָרן איך אים, ער זאָל זיין גענוג פאָרזיכטיק, אויב ניט, וועט ער זיך ניט האַלטן, ווייל דאָרטן זיינען דאָ שפּיאָנען און זיי האָבן אַרויסגעגעבן נח פאָרטנאָי. נאָכן אויסהערן די דערמאָנטע אינפאָרמאַציע איז ער אַוועק אהין אַרבעטן.

דערווייל דערוויס איך זיך, אַז ער האָט זיך געהאָדעוועט ביי זיינער אַ באָבען, וועלכע איז אַ פּריצטע ערגעץ אין ווילנער גובערניע, און אַז ער האָט צעבונטעוועט אַלע פּויערים ביי איר. ער האָט געענדיקט גימנאַזיע, געפינט זיך אונטער פּאָליציי־אויפזיכט. לאַנג האָט ער ניט אויסגעהאַלטן, איך געדענק ניט גענוי וויפל צייט, נאָר קיין יאָר זיכער ניט.

איין מאָל, אַ זונטיק אין דער פרי, האָט ער זיך געזאָלט טרעפן מיט עטלעכע אַרבעטער פון דער פאַבריק אויפן „נייעם פּלאַן״, נעבן סאָבאָר. די אַרבעטער זיינען טאַקע געקומען צו דער באַשטימטער צייט, אָבער מיטגעבראַכט מיט זיך צוויי זשאַנדאַרן און אים אַרעסטירט. ער האָט געהאַט ביי זיך אין שטוב אַ העקטאָגראַף און אויך פאַרבאָטענע ליטעראַטור. געוואוינט האָט ער אין אַ צימער ביי אַ קריסט, פון וועלכן מיר האָבן געוואוסט. ווען מען האָט אים אַרעסטירט, בעת דער אויספאָרשונג, האָט ער אין משך פון דריי טעג ניט אָנגעגעבן זיין אַדרעס, בכדי צו געבן צייט אויפרוימען זיין צימער.

עס איז אויסגעפאַלן אויף אברהמעלע דעם קליינעם צו גיין „אויפרוימען״ זיין צימער, אָבער ער געפינט דעם צימער פאַרשלאָסן. ער נעמט זיך צום קריסט און עס פאַנגט זיך אָן אַ שפּיל אין קאַץ־און־מויז. זיי האָבן ניט קיין צוטרוי איינער צום צווייטן און קאָנען צו קיין טאָלק ניט קומען. דער קריסט, אָט שטעלט ער זיך אַרויס ווי אַ פריינד, און באַלד מוסרט ער גאָר די יונגע מענטשן, הלמאי זיי גייען אויף פאַלשע וועגן. ער רעדט וועגן אַלץ, אָבער ווי עס קומט וועגן עפענען דעם צימער, מאַכט ער זיך כלא יודע און ניט פון אָרט.

אַברהמעלע מאַכט אַ פּלאַן: ביינאַכט פּרוּוון אַרויסגע־

מען אַ שויב פון פענצטער (וואָס גייט אַרויס אין הויף) און אריינקריכן אין צימער. ער קומט ביינאַכט, אָבער פונקט אַנטקעגן איז דאָ נאָך אַ הויז, וואו ביים פענצטער זיצט עמיצער מיט אַ ליכט ביז באַגינען. דאָס שטערט אים צום „שטיקל אַרבעט". בשום אופן געלינגט אים ניט אריינצוקומען אין צימער.

אונדז האָט זיך אָבער געלייגט אויפן שכל, אַז דער קריסט וועט דעם צימער בודק־חמץ זיין, ס׳הייסט, אַרויסנעמען די טריפה זאַכן.

אויף דעם 4־טן טאָג נאָך זיין אַרעסט האָט ער אָנגעגעבן זיין אַדרעס און מען האָט אים גענומען אהין צו מאַכן אַ הויז־זוכונג. איך האָב וועגן דעם געקראָגן צו וויסן און בין געקומען גלייך צו זיין קוואַרטיר. איך האָב זיך אַרומגעדרייט אין גאַס און געוואַרט ביז זיי וועלן אַרויס צוריק. ווען מען האָט אים אַרויסגעפירט האָב איך זיך געפונען אויף דער צווייטער זייט גאַס. ער האָט מיך באַמערקט און אַ שמייכל געטאָן, האָב איך פאַרשטאַנען, אַז מען האָט ביי אים גאָרניט געפונען. דער קריסט האָט אַלץ אַרויסגענומען.

אין קאָוונע האָט מען אים אָפּגעהאַלטן 8 מאָנאַטן, דערנאָך אַרויסגעשיקט קיין אַרכאַנגעלסק אויף 3 יאָר. דאָרטן האָט ער זיך „אַרויפגעאַרבעט" און מען האָט אים אַוועקגעשיקט קיין סיביר.

זייענדיק אין סיביר, האָט ער אָנטיילגענומען אין דער „יאַקוטסקער־דראַקע" און פאַראורטיילט געוואָרן צום טויט. די רעוואָלוציע האָט אים באַפרייט. נאָך דער „אָקטאָבער־רעוואָלוציע", אין וועלכער ער האָט גענומען אַ גרויסן אָנטייל, איז ער געוואָרן דער שעף פון טשעקאַ. אין 1926 איז ער געשטאָרבן. דאָס איז געווען פעליקס דזשערזשינסקי.

## די אָפּאָזיציע

אין ווילנע און אין מינסק איז דאַן אָנגעגאַנגען אַ דיספּוט אין דער באַוועגונג. עס האָבן זיך אַנטוויקלט צוויי פליגלען: איין פליגל, די סאָציאַל־דעמאָקראַטן, מיט דער טעאָריע, אַז דער אַרבעטער דאַרף, דער עיקר, צוגעגרייט ווערן צו קעמפן אויפן עקאָנאָמישן פעלד, און קעמפנדיק וועט ער זיך שוין אַליין אויסבילדן אויפן קולטורעלן און רעוואָלוציאָנערן געביט.

דער אַנדערער פליגל האָט געהאַלטן, אַז מען דאַרף דעם אַרבעטער געבן בילדונג און אַז ער וועט זיך אויסבילדן, וועט ער שוין זיין אַ רעוואָלוציאָנער, פאַרשטייט זיך, די בילדונג דאַרף האָבן אַ רעוואָלוציאָנערן אונטערשלאַק. די פּראַקטיק האָט געוויזן, אַז דער גרעסטער טייל פון אַזעלכע אויסגעבילדעטע אַרבעטער זיינען געוואָרן פּראָפעסיאָנאַלן און האָבן זיך דערנאָך אָפּגעשאָקלט פון דער אַרבעטער־באַוועגונג. די דיספּוטן אין די אַרבעטער רייען האָבן זיך שפּעטער פאַרוואַנדלט אין אַ ביטערן קאַמף.

אָנגעפירט מיט דער אָפּאָזיציע ביי אונדז האָבן דער סטודענט פּאַוועל און דער „האַלבער אינטעליגענט" מיראָן. זיי האָבן צוגעצויגן צו זיך אויך אייניקע אַרבעטער: משה דער שמוקלער, אבטשיק (אַ שניידער) און נאָך אַ פּאָר, וועלכע איך געדענק ניט. כאַראַקטעריסטיש, אַז זיי האָבן געהאַט דערפאָלג נאָר ביי די אומבאַוואוסטזיניקע אַרבעטער.

איך האָב שוין דערמאָנט, אַז מיר האָבן איבערגעריסן דעם קאָנטאַקט מיט דער אויבנדערמאָנטער גרופּע נאָך דעם ווי מיר האָבן געזען, אַז זיי טוען גאָרניט. זיי זיינען אָבער שפּעטער געקומען צו אונדז און דערקלערט, אַז זיי האָבן אויסגעאַרבעט אַ פּראָגראַם און וועלן פירן אַ סיסטעמאַטישע אַרבעט, דערביי גיט מיר מיראָן אַ בראָשור, וואָס מען דאַרף לערנען מיט די אַרבעטער; ער וועט, זאָגט ער, צוגרייטן אַ צווייטע בראָשור און מער. מיר, די אַגיטאַטאָרס, דאַרפן געוויינלעך פריער שטודירן די בראָשור, און איך נעם איר לערנען. זי איז, וואָס אַן אמת, געווען שיין געשריבן. לייענענדיק געפין איך שטעלן און געדאַנקען, מיט וועלכע איך שטים ניט איין. איך שטרייך עס אונטער, כדי צו דיסקוטירן מיט מיראָנען איידער מיר וועלן געבן דאָס די אַרבעטער. ער האָט גערופן אַ פאַרזאַמלונג אויף וועלכער איך בין אויך געוואָרן איינגעלאַדן. ער פרעגט, אויב מיר האָבן זיך שוין באַנוצט מיט זיין בראָשור. איך ענטפער, אַז מיר דאַרפן פריער דיסקוטירן, ווייל מיר זיינען ניט איינשטימיק מיט איר. ער ווערט בייז, — וואָס הייסט דיסקוטירן? ער איז דאָך באַרופן אָנצופירן מיט דער באַוועגונג, און ווער קאָן עס אים קריטיקירן?

איך פּרוּוו אָנווייזן איבער וואָס מיר גייען זיך פאַנאַנדער. מעגלעך, זאָג איך, אַז איר זייט גערעכט, אפשר האָב איך ניט גוט פאַרשטאַנען? ער דערזעט, אַז אין זיין בראָשור זיינען אייניקע ערטער אונטערגעשטראָכן, גייט ער אַרויס פון די כלים, דאָס איז, זאָגט ער, צופיל העזה; איך ווער אָבער ניט נתפעל און ווייז אים אָן, אַז זיינע מיינונגען, וועלכע ער באַצייכנט אַלס היסטאָרישע פאַקטן, זיינען היסטאָריש פאַלש. ער ווערט נאָך מער בייז און חזרט איבער דאָס זעלבע, — אַז ער איז דאָ געקומען צו פירן, אָבער ניט לערנען זיך, — מער האָב איך ניט געקאָנט דולדן און איך פרעג, ווער עס האָט אים באַשטימט אַלס אָנפירער, באַשטימען אַלס אָנפירער קאָנען בלויז מיר, ניט קיין אַנדערע, ווילט איר מיט אונדז מיטאַרבעטן, וועט איר זיך רעכענען מיט אונדזערע מיינונגען.

ער איז אַוועק פון דער פאַרזאַמלונג און פון דאַן אָן האָבן זיי אָנגעפאַנגען אַרבעטן קעגן אונדז. זיי האָבן דערציילט די אַרבעטער אַ געשיכטע פון בילדונג, פון לערנען וויסנשאַפט און די אומבאַוואוסטזיניקע האָבן זיי צעטומלט דעם קאָפּ. פאַרשטייט זיך, אַז עס האָבן זיך געפונען אויך ביי אונדז אַרבעטער, וואָס האָבן געהאַט אינטערעס אין דעם און פלעגן מאָנען בילדונג. דאָס האָט גענומען שטערן די נאָרמאַלע אַרבעט. אַזוי ווי דער גרופּע האָט זיך ניט איינגעגעבן צוצוציען געניג אַרבעטער, האָבן זיי זיך גענומען באַנוצן מיט ניט קיין

שיינע מיטלען, אַבי נאָר צו האָבן וואָס מער אָנהענגער. ס'האָט פּאַסירט אַזאַ געשיכטע:

עס איז געווען שבת אין דער פרי. מען האָט יענעם פרימאָרגן דזשערזשינסקין אַוועקגעשיקט מיטן עטאַפּ פון קאָוונע; מיר האָבן אַראַנזשירט אַ גרופּע פון 50 אַרבעטער, וועלכע האָבן באַדאַרפט אָפּוואַרטן דעם צוג מיט דזשערזשינסקין אַ וויאָרסט הינטערן שטאָט און אים באַגעגענען מיט דער מאַרסעליעזע און רעוואָלוציאָנערע לאָזונגען. איך און נאָך אַ 7—8 זיינען געווען אויף דער סטאַציע, ווען מען האָט אים געבראַכט מיטן עטאַפּ. מיר האָבן געקראָגן די דערלויבעניש פון וואַך־אָפיציר צו ריידן מיט אים ביי אַ צען מינוט. מיר האָבן זיך גאַנץ שיין געזעגנט. נאָך דעם ווי די באַן איז אַוועק, קומט צו מיר צו אַ מיידעלע פון אונדזערע און גיט איבער, אַז איך זאָל ניט גיין אויף קיין „סכאָדקעס" און זאָל זיין אויף דער וואַך, ווייל עס וועט ביי מיר זיין די טעג אַן „אביסק", מיט אַנדערע ווערטער, דאָס הייסט, איך זאָל זיך ריכטן אויף אַן אַרעסט. זי גיט מיר ניט קיין דירעקטן ענטפער, פון וואַנען זי האָט אַזעלכע ידיעות. ס'פאַלט מיר איין, אַז ס'איז פּאַוועלס אַ שפּיצל. איך שטיי צו צו איר, און ענדלעך זאָגט זי מיר, אַז דאָס האָט משה דער שמוקלער געשיקט זאָגן. גיי איך און געפין משה דעם שמוקלער, — אויך די זעלבע געשיכטע, — ער וויל ניט זאָגן ווער. ווען איך שפּאַר אים צו צום וואַנט, פאַררופט ער זיך אויף אבטשיק דעם שניידער. איך געפין אַבטשיקן און איך קריג ביי אים אַרויס, אַז פּאַוועל האָט עס געשיקט זאָגן.

איך גיי צו פּאַוולען. איך קלאַפּ אָן אין טיר, אָבער אַ שטים ענטפערט מיר, אַז ער איז ניטאָ. איך הייב אָן ארונטערגיין פון די שטיגן, פאַלט מיר איין, אַז ער איז געוויס דאָך דאָ. איך גיי צוריק און בעט עפענען. ווי נאָר די טיר האָט זיך אויפגעמאַכט עטוואָס, האָב איך גלייך אריינגעשטעקט מיין פוס און ניט געלאָזט פאַרמאַכן. איך האָב דאָרט דערזען עטלעכע אַרבעטער; פּאַוועל האָט זיך באַהאַלטן אין אַ צווייטן צימער, איך בעט אים אַרויסגיין. ניט האָבנדיק קיין אַנדער ברירה, איז ער אַרויס. ער האָט צו מיר אַ טענה, הלמאי איך האָב זיך אַריינגעריסן צו אים אין קוואַרטיר.

איך פרעג אים, צי ער האָט געשיקט מיר זאָגן, אַז איך זאָל זיך ריכטן אויף אַן אַרעסט. לכתחילה דרייט ער זיך אַרויס פון אַן ענטפער, אָבער צו לעצט איז ער זיך מודה, אַז אים האָט זיך געוואָלט אָפּציען פון מיר די דרוקער, צווישן וועלכע ער האָט געהאַט זיינע צוויי־דריי מענטשן; צוליב דעם האָט ער עס פאַרשפּרייט דעם קלאַנג, אַז עס גרייט זיך אַן „אָביסק" ביי מיר. איך האָב אים אין דער אָנוועזנהייט פון די אַרבעטער גוט אויסגעזידלט און אָנגערופן ליגנער. אויך די אָנוועזנדע האָב איך געטאַדלט, וואָס זיי לאָזן זיך פאַרפירן פון אַזאַ נידערטרעכטיקן מענטשן און בין אַוועק.

מיראַן, זעענדיק אַז ער וועט דאָ נישט פידלען, איז





באַלד אַוועקגעפאָרן. פּאַוועל איז געבליבן אליין און ווייטער אָנגעגאַנגען מיט זיין אַרבעט (כאָטש ער האָט גאָרניט אויפגעטאָן, האָט ער אָבער אונדזער אַרבעט זייער פיל געשטערט).

איך האָב שוין דערמאָנט, אַז ביי פּאַוולען האָבן זיך געפונען די ביכער פון פּאָרטנאָי, אין וועלכע מיר האָבן זיך גענייטיקט, ער האָט אונדז אָבער ניט געלאָזן זיך באַנוצן מיט זיי.

אַ שטיקל צייט שפּעטער האָבן מיר געמוזט אָנווענדן קעגן אים שטרענגע מיטלען. בכדי אים צו באַזייטיקן האָבן מיר געמוזט איבערצייגן די אַרבעטער, אַז ער ברענגט בלויז שאָדן דער באַוועגונג. דאָס איז געווען ניט שווער, ווייל די אַרבעטער האָבן געזען, אַז די אַרבעט טוט זיך ניט. מיר האָבן גערופן אַ פאַרזאַמלונג צוזאַמען מיט די אַרבעטער, וועלכע זיינען געשטאַנען אויף זיין זייט. מיר האָבן צוגעגרייט אַ באַשולדיקונגס־אַקט קעגן אים און באַשלאָסן אים משפּטן.

מיר שיקן אים זאָגן וועגן דעם און פאָדערן אים אויף צו קומען זיך פאַרטיידיקן; ער קומט ניט און ענטפערט ניט. אַזאַ האַנדלונג איז געווען קעגן דער עטיק פון דער באַוועגונג. מיר פאָדערן אים אויף אַ צווייטן מאָל און וואָרנען, אַז מיר וועלן אים משפּטן אין זיין אָפּוועזנהייט. דאָס מאָל איז ער געקומען, ס'האָבן זיך פאַרזאַמלט 30 אַרבעטער; מען לייענט פאָר דעם באַשולדיקונגס־אַקט און פּאַוועל ווערט אויפגעפאָדערט צו געבן דערקלערונגען וועגן זיינע האַנדלונגען. זיינע דערקלערונגען זיינען ניט צופרידנשטעלנד און ניט קיין אמתע. מיר הערן אויס עדות און מען שטעלט אים אַרויס אַלס ליגנער; ער ווערט אויפגערעגט און כאַפּט זיך שלאָגן. צו קיין געשלעג האָבן מיר אָבער ניט צוגעלאָזן. זיין פאַרטיידיקונג איז געווען אַ לעכערלעכע און געמאַכט אַ שלעכטן איינדרוק אויף די פאַרזאַמלטע.

מיר האָבן אים פאָרגעשלאָגן זיך פרייוויליק צוריקצוציען פון דער אַרבעט און איבעררייסן זיינע באַציאונגען מיט די אַרבעטער. ער אַנטזאָגט זיך דאָס צו טאָן. דאַן באַשליסן מיר אים צו באָיקאָטירן. מיט אַ קליינער מערהייט ווערט דער פאָרשלאַג אָנגענומען. דערמיט ענדיקט זיך די פאַרזאַמלונג, אָבער די זאַך בלייבט נאָך ניט דערליידיקט.

מיר האָבן שפּעטער געהאַט עטלעכע פאַרזאַמלונגען אָן אים און כמעט איינשטימיק באַשלאָסן צו באַזייטיקן אים פון דער גאַנצער אַרבעטער־באַוועגונג, ניט נאָר ביי אונדז — נאָר אומעטום. דער באַשלוס ווערט אים איבערגעגעבן, און גלייכצייטיק שרייבן מיר וועגן דעם אין ווילנע און מינסק. מיט דעם האָט זיך פאַרענדיקט די „טעטיקייט" פון דער אָפּאָזיציע. פּאַוועל איז אין קורצן אַוועק פון קאָוונע, און מער האָב איך פון אים קיין מאָל ניט געהערט. די געשיכטע האָט אונדז פאַרשאַפט אַ סך אומאַנגענעמלעכקייטן און געשטערט די אַרבעט אין משך פון עטלעכע מאָנאַטן.

## דער בערשטער־שטרייק

דער בערשטער־פאַך איז געווען קאָנצענטרירט אין די שטעטלעך: ווילקאָווישק, וויסטיניעץ, מעזשעריטש און נאָך אייניקע. אין ווילקאָווישק האָבן געאַרבעט אין דעם פאַך עטלעכע הונדערט אַרבעטער, דוכט זיך אַרום 500, און אָט ווערט דאָרטן אָרגאַניזירט אַן אַלגעמיינער שטרייק. אָנגעפירט מיטן שטרייק האָט אברהם דער האמלער, אַ געוועזענער ישיבה־בחור, אַ למדן און אַ באַוואוסטזיניקער אַרבעטער. צווישן די אַרבעטער האָט ער געהאַט זייער אַ הויכע רעפּוטאַציע, זיינע אַ מיינונג איז געווען אַ געזעץ. די בעלי־בתים האָבן עס ניט געקאָנט ניט באַמערקן. פאַרשטייט זיך, אַז ער האָט ניט געטאָרט אַרבעטן אָפּן, ווייל די בעלי־בתים וואָלטן אים דעם ערשטן אַרויסגעגעבן. ער באַזעצט זיך אין וויסטיניעץ און ווערט אַ ישיבה־בחור, זיצט אין שול, קוועטשט די באַנק און לערנט תורה.

אַלתר שעוויטש און ליזע, וועלכע זיינען אין דער צייט שוין געווען פאַרהייראַט, פאָרן אַוועק קיין ווילקאָווישק העלפן אָנפירן מיטן שטרייק. אויך ישראל אַראָנסאָן (דערמאָנט אין צוזאַמענהאַנג מיטן זשאַנדארמסקי פּאָלקאָווניק און זיין האַלבן רובל) און אורטשיק גערצן זיינען געווען דאָרטן. איך וויל דאָ באַמערקן, אַז ער האָט געהאַט אַן איינפלוס אויף די אַרבעטער. אין דער צייט פון שטרייק איז ער ווערט געווען אַ סך; ער האָט געקאָנט דערמוטיקן, אַזוי עלעקטריזירן די מאַסע, אַז זי האָט אים אין אַלץ געפאָלגט.

זיי, אינאיינעם מיט אַברהם דעם האַמלער, האָבן אָנגעפירט מיטן שטרייק. דער שטרייק האָט געהאַט אַ ווירקונג אויף קאָוונע צוליב אונדזער גוטע פאַרבינדונג מיט איר. דער שטרייק איז געווען אַ פאַרביטערטער און האָט אָנגעהאַלטן אַ לענגערע צייט. אַ סך אַרבעטער זיינען געווען שטעטלדיקע, האָבן געהאַט אויסצושטיין אַ דרוק פון זייערע פאַמיליעס, וועלכע האָבן געפאָדערט זיי זאָלן גיין אַרבעטן. די שוואַכערע, וועלכע האָבן ניט געקאָנט זיך אַנטקעגנשטעלן דעם דרוק, האָט מען געמוזט אַוועקנעמען פון דאָרטן, זיי זאָלן ניט ווערן שטרייק־ברעכער.

אין יענע טעג זיינען געקומען צו מיר אַ חברה פון 30 אַזעלכע אַרבעטער פון ווילקאָווישק און איך האָב זיי געדאַרפט באַזאָרגן מיט עסן און נאַכטלעגער. עס שטייט מיר נאָך פאַר די אויגן אַזאַ סצענע: אין מיין הויף איז געווען אַ בייגל־בעקער, בין איך אַראָפּ צו אים און גענומען אַ הונדערט בייגל אין אַ זיפּ, איך האָב עס אַרויפגעטראָגן אין שטוב און חברה האָט זיך אַ כאַפּ געטאָן צו דעם, אַז אין צוויי מינוט זיינען די בייגל פאַרשוואונדן און ס׳זענען געבליבן בלויז די לעכער...

דער שטרייק האָט געדאַרפט האָבן געלט; די קאַסעס ביי די אַרבעטער זיינען געווען אָרעמע, קיין סך האָט מען פון זיי ניט געקאָנט קריגן, — אַ ביסל האָט מען געקראָגן פון דייטשלאַנד, פון דער שווייץ און פון אַמעריקע.

אין אַ שיינעם טאָג קומט צו מיר ליזע און זאָגט, אַז זיי נייטיקן זיך דרינגנד אין געלט. איך דערקלער, אַז די קאַסעס זיינען ליידיק, די אַרבעטער האָבן ניט און עס איז ניטאָ וואו צו נעמען. ליזע וויינט זיך פונאַנדער און צעבייזערט זיך אויף מיר: „פאָרט איר, זאָגט זי, אין ווילקאָווישק און זאָגט די אַרבעטער, אַז איר האָט ניט קיין געלט״. איך האָב פאַרשטאַנען איר מצב און געגאַנגען זוכן געלט. איך בין אַוועק צו דער מיידל אלטע און פאַרלאַנגט זי זאָל אונדז אויסבאָרגן כאָטש אַ 100 רובל ביז מיר וועלן באַקומען פון אויסלאַנד צוגעשיקט. זי איז געווען אַ סימפּאַטיקערין, פונדעסטוועגן האָט זי אָבער געוואָלט האָבן אַ שטיקל גאַראַנטיע און זי האָט מיר געגעבן, דוכט זיך, 85 רובל, וואָס זי האָט ביי זיך געהאַט, אויף מיין פאַראַנטוואָרטלעכקייט. בעסער ווי גאָרניט. ליזע פאָרט אַוועק אַ דערהייבענע.

דער שטרייק גייט אָן, אָבער די בעלי־בתים שלאָפן אויך ניט. זיי האָבן געבראַכט דערצו, אַז מען האָט אלתרן, אורטשיקן, ישראל אראָנסאָן און נאָך עטלעכע אַרעסטירט. אַזוי ווי מען האָט קעגן זיי ניט געהאַט קיין פאַקטישע באַווייזן, האָט מען זיי אַרויסגעשיקט פון ווילקאָווישק מיטן עטאַפּ אויפן סמך וואָס דאָרט איז אַ גרענעץ־שטאָט און זיי האָבן ניט געהאַט קיין באַשעפטיקונג. זיי זיינען אַ געוויסע צייט געזעסן אין קאָוונער טורמע, שפּעטער האָט מען אָפּגעשיקט יעדערן אין זיין געבורט־שטאָט. אלתר איז געווען פון אַ שטעטל נעבן ווילקאָמיר. ער האָט אונדז שפּעטער דערציילט, אַז ביז זיין שטעטל האָט ער געהאַט צו גיין צו פוס אַ שטיק וועג. געפירט האָט אים אַ סטראַזשניק, דער סטראַזשניק האָט געריטן און אלתר צוגעבונדן מיט אַ שטריק צום פערד, האָט געדאַרפט נאָכלויפן.

אברהם דער האמלער איז נאָך אַלץ געזעסן אין וויסטיניעץ, געלערנט תורה און געפירט דעם שטרייק.

איך קאָן זיך ניט דערמאָנען ווי לאַנג דער שטרייק האָט געדויערט און ווי אַזוי ער האָט זיך פאַרענדיקט, אָבער אָן באַדייטונג איז ער זיכער ניט געווען. פאַר דער צייט וואָס די אַרעסטירטע זיינען געווען אין קאָוונע, פלעגן מיר זיי אריינשיקן אין טורמע אַביסל שפּייז און פּאַפּיראָסן, מיר פלעגן אויף די מונשטוקן פון די פּאַפּיראָסן שרייבן צו זיי און אַזוי אַרום געהאַט אַ פאַרבינדונג.

איך האָב שוין דערמאָנט וועגן דער מיידל אלטקע. דורך איר האָב איך געהאַט אַ מעגלעכקייט זיך צו זען מיט פעליקס דזשערזשינסקי בעת ער איז געווען אין טורמע. געווען איז עס אַזוי: זי האָט זיך געקענט מיט איינעם פון די טורמע־אויפזעער, און פאַר אַ פלאַש שנאַפּס, וואַרשיינלעך, האָט זי ביי אים געפועלט, אַז שבת אין דער פרי זאָל מען מיר אריינלאָזן אין דעם פאָדערשטן הייפל פון טורמע. דאָס איז געווען אַ קליינער פאָדער־הויף, אָפּגעטיילט פון דעם טורמע־הויף מיט אַ צווייטן

אייזערנעם טויער. איך פלעג קומען אַהער 10 אַ זייגער אין דער פרי, בעת מען פלעגט ארויסלאָזן די אַרעסטירטע אין הויף אויף שפּאַציר. שטייענדיק אין ערשטן הייפל האָב איך געקאָנט זען די אַרעסטאַנטן און זיי מיך. עס שטייט מיר פאַר די אויגן דאָס בילד, ווען איך בין צום ערשטן מאָל געקומען און פעליקס איז אַרויס אין הויף מיט אַ פּיפּקע אין מויל; ער איז געגאַנגען לאַנגזאַם און אַזוי ווי ער האָט מיך דערזען, האָט ער אָנגעהויבן שפּרייזן מיט גרויסע טריט, דורכגעגאַנגען דעם הויף הין און צוריק און פאַרשוואונדן. איך האָב פאַרשטאַנען, אַז ער איז געגאַנגען אָנשרייבן אַ צעטעלע. איך האָב אָבער נאָך ניט געוואוסט, ווי אַזוי ער וועט עס מיר איבערגעבן. עס האָט ניט געדויערט קיין פינף מינוט, און איך זע ווי צוויי וועכטער פירן אים אונטער די אָרעמס אַ צוזאַמענגעדרייטן, קוים וואָס ער שלעפּט זיך, מען עפנט דעם טויער און זיי פירן אים פאַרביי מיר, צו דער געביידע וואו ס׳געפינט זיך דער דאָקטאָר. ווען ער איז פאַרבייגעגאַנגען נעבן מיר, האָט ער מיר אַ וואונק געטאָן, איך זאָל בלייבן שטיין, וואַרטן. עס האָט ניט לאַנג געדויערט, פירט מען אים אַרויס צוריק, ער גייט שוין אַליין, אָבער נאָך אַלץ איינגעבויגן, און פאַרבייגייענדיק שטעקט ער מיר אריין אַ צעטעלע. דער איינפאַל איז געווען אַ פשוטער: אַזוי ווי ער האָט מיר דערזען, איז ער אַוועקגעלאָפן צו זיך אין קאַמער און געמאַכט קולות, אַז ער איז קראַנק, אַז ער שטאַרבט, האָט מען אים געפירט צום דאָקטאָר...

## אונדזער צווייטע „מאַיואווקע“

עס קומט אָן דער ערשטער מאַי, און מיר אָרדענען ווידער איין אַ פאַרזאַמלונג, דאָס מאָל אין סלאָבאָדקע. דער טאָג איז געווען אַ וואונדערבאַר שיינער; מיר האָבן זיך פאַרזאַמלט אין וואַלד, געהאַלטן רעדעס, געזונגען לידער, געפילט זיך זיכער און פאַרבראַכט אַ הערלעכן טאָג. עס איז נאָך דאַן אָנגעגאַנגען דער שטרייק אין ווילקאָווישק און מיר האָבן מיטגענומען שטרייקערס מיט זיך, געמאַכט אַ זאַמלונג לטובת דעם שטרייק און יעדער האָט בייגעשטייערט וויפל ער האָט געקאָנט, פיל נאָך מער ווי זיי האָבן געקאָנט. פאַרנאַכט, ווען מיר האָבן שוין געוואָלט גיין אַהיים, קומען אָן עטלעכע וועכטער און פרעגן, וואָס מיר טוען דאָ. מיר דערציילן זיי אַ מעשה, אַז עס איז ביי אונדז אַ יום טוב און מיר זיינען געקומען פאַרברענגען, דערווייל זיינען מיר זיי מכבד מיט אַ שנאַפּס. עס ווייזט זיך אַרויס אַז מיר זיינען אין אַ פּריוואַטן וואַלד און זיי זיינען ניט מער ווי וואַלד־היטער. זיי קריגן נאָך שנאַפּס און בעטן אונדז ווידער קומען אַהער. ס׳איז געווען אַן אַיינגעגעבענע און אָנגענעמע פאַרזאַמלונג און די אַרבעטער זיינען געווען באַגייסטערט.

## אַ ספּעקטאַקל

די לאַגע ביי די אַרבעטער, אונטער דער ווירקונג פון דער באַוועגונג, האָט זיך ביסלעכווייז פאַרבעסערט.



אַ דאַנק דער פאַראייניקונג און סאָלידאַריטעט, זיינען די אַרבעטער באַשטאַנען אויף זייערע רעכט. די בעלי בתים, מיט קליינע אויסנאַמען, אַליין אויך ווייט פון גבירים, האָבן קיין גרויסן ווידערשטאַנד ניט געקאָנט שטעלן. מיר האָבן ביסלעכווייז אויפגעצוואונגען אונדזערע דעמאָלטיקע קליינע פאָדערונגען און זיי האָבן עס, ווילנדיק אָדער ניט ווילנדיק, נאָכגעגעבן. די צייט איז געווען אַ גינסטיקע פאַר קולטור־אַרבעט און מיר פאַרנעמען זיך איינצואָרדענען אַ ספּעקטאַקל. עס איז געווען פּורים־צייט, איך קלייב אויס פון פּרצס יום־טוב־בלעטלעך אַ פּורים־דערציילונג און טשעפּע צו צו דעם אַ שטרייק. כאַצקל דער שניידער העלפט מיר צונויפשטעלן די פּיעסע, צוקלייבן אַקטיאָרן און מיר נעמען שטודירן די ראָלן. אין אַ פּאָר וואָכן זיינען מיר גרייט צו שפּילן. די אָנטיילנעמער זיינען געווען: כאַצקל דער שניידער, זונדל דער סטאָליער, אברהם דער יוּוועליר, אברהמעלע דער קליינער, איך, אַ פּאָר מיידלעך און נאָך עטלעכע אַרבעטער, וועלכע איך געדענק שוין ניט.

אויפגעפירט האָבן מיר עס אין דאָרמאַנס קאַזאַרמעס און ס׳איז דורכגעגאַנגען זייער גוט. אונדזערע סטאָליער האָבן געמאַכט אַ בינע, דעקאָראַציעס האָט מען געדאַרפט ווייניק, און אַז עס האָט עפּעס געפעלט, איז אויך געווען כשר.

אונדזער „ווערטעס פּובליקום“ איז ניט געווען זייער קריטיש און עס האָט געהאַט דערפאָלג. מיר האָבן באַשלאָסן צום ספּעקטאַקל אריינלאָזן, אָדער ריכטיקער געזאָגט, באַמיען זיך צו ברענגען אַזעלכע אַרבעטער, וועלכע זיינען נאָך ניט געווען צוגעצויגן צו דער באַוועגונג. אַריינקומען אין זאַל האָט מען געקאָנט פון יאַטקאָווער און ווילקאָמירער גאַסן, מיר האָבן באַשטימט אַ 25 אַרבעטער וועלכע האָבן געוואוסט וואו דאָס אָרט איז, און יעדערער פון זיי האָט געדאַרפט מיטברענגען ניט מער ווי 10 מאַן. ביים אריינגאַנג זיינען געשטאַנען אַ פּאָר אונדזערע יאַטן און האָבן געוויזן וואו מען דאַרף אריינגיין.

אויף אַזאַ אופן האָט מען זיך געקאָנט צונויפקלייבן, ניט ציענדיק די אויפמערקזאַמקייט פון דער פּאָליציי.

אַ לאַנגע צייט האָט מען אין שטאָט גערעדט וועגן ספּעקטאַקל. פיל מאָל האָט מען געהערט ווי יידן שמועסן, אה, אה, וואָס די סטאַטשעטשניקעס קאָנען אויפטאָן! אָבער ווער, וואָס, ווען — האָט מען ניט געוואוסט. עס וועלן זיך געפינען איצט חכמים, וואָס וועלן זאָגן מיט שפּאַס: „מיט וואָס האָבן זיי זיך דאָ פאַרנומען, אַ קינדער שפּיל!“ מוז איך זאָגן, אַז די אַרבעט דאַרף מיט דער געהעריקער פאַרשטענדעניש אָפּגעשאַצט ווערן, נעמענדיק אין באַטראַכט דעם מענטשן־מאַטעריאַל, מיט וועלכן מיר האָבן דאַן געדאַרפט אַרבעטן, און צו וועלכע רעזולטאַטן מיר האָבן דערפירט. איך בין זיכער, אַז דער היסטאָריקער וועט אונדזער אַרבעט אָפּגעבן דעם פאַרדינטן אָרט אין דער געשיכטע פון דער אַרבעטער־באַוועגונג.

## אַ כאַראַקטעריסטישער עפּיזאָד

אַ פּאָר ווערטער וועגן דעם, ווי „איינפּאַלעריש" עס זיינען געווען די זשאַנדאַרן. אַלטער און ליזע זיינען געווען אונטער פּאָליציי־אויפזיכט. ליזע האָט דאַן געאַרבעט אין דער היים און תמיד געהאַט ביי זיך אַ פּאָר טריפה ביכלעך. פּאַסירט אַמאָל, אַז ס׳קומען 3 זשאַנדאַרן מאַכן אַ הויז־זוכונג. אַלטער איז ניטאָ אין שטוב, ער איז אַוועק צו זיין אַרבעט. ליזע פרעגט, אויב זיי האָבן אַן אָרדער צו מאַכן די רעוויזיע? זיי כאַפּן זיך, אַז זיי האָבן עס טאַקע ניט. צוויי פון זיי גייען אַוועק קריגן דאָס פּאַפּירל און דעם דריטן לאָזן זיי היטן די שטוב. צו ליזען זיינען דעמאָלט גראד אריינגעקומען משה־איציק דער דרוקער, אויף וועמען די זשאַנדאַרן האָבן „געהאַט אַן אויג", און אַ מיידל, איך געדענק שוין ניט ווער. דאָס מיידל זאָגט צו ליזען: „אייל זיך אונטער מיט מיין קלייד, איך וועל דערווייל ארונטערגיין קויפן די קנעפּלעך". זי רעדט, פאַרשטייט זיך, אין רוסיש, און נעמט בשעת מעשה משה־איציקן, ער זאָל זי באַגלייטן. אויף אַזאַ אופן האָבן זיי פאַרכאַפּט מיט זיך די טריפה ביכלעך און שוין מער ניט צוריקגעקומען. דער זשאַנדאַרם, מעשה איידעלער ריטער, לאָזט דעם קאַוואַליער, משה־איציקן מיט זיין דאַמע, גיין קויפן קנעפּעלעך... ווען די צוויי זשאַנדאַרן זיינען געקומען מיטן פּאַפּירל, האָבן זיי שוין גאָרניט געפונען.

איך וואָלט באַגאַנגען אַן אומרעכט, ניט דערמאָנענדיק נאָך צוויי פּערזאָן, וואָס האָבן אויך בייגעטראָגן צו דער באַוועגונג אין קאָוונע און, אגב, וועגן דער „חכמה" פון דער רוסישער אדמיניסטראַציע. פון ווילנע האָט מען אַרויסגעשיקט צוויי חברים קיין קאָוונע אונטער פּאָליציי־אויפזיכט: איינער, מיכאל ליפשיץ, אַ יואַוועלירער, אַ באַוואוסטזיניקער יונגערמאַן און אַ רעוואָלוציאָנער, די צווייטע — אַ מיידל, אויך אַ רעוואָלוציאָנערקע (שפּעטער האָבן זיי ביידע חתונה געהאַט), מיטן נאָמען גוסטאַ. מיכאל איז געווען אַ גלאַסענער, מער טעאָרעטיקער ווי אַגיטאַטאָר, גוסטא — אַ „ברײַנדעלע קאָזאַק"; ביידע זייער סימפּאַטישע מענטשן און גוטע חברים. אין דער מאסנבאַוועגונג האָבן זיי קיין אָנטייל ניט גענומען, אָבער אין אונדזער ענגערן קרייז האָבן זיי זיך שטענדיק באַטייליקט און געווען נוצלעך.

ס׳דערמאָנט זיך מיר, ווי מיר האָבן זיי חתונה־געמאַכט; זיי זיינען ביידע געווען ווייט פון פראַווען אַ צערעמאָניע מיט אַ חופּה, אָבער צוליב געזעצלעכקייט האָט מען געמוזט האָבן די דערלויבעניש פון קאַזיאָנעם רב, אַז זיי מעגן חתונה האָבן. נו, דאַרף מען דאָך אָט די דערלויבעניש קריגן! לויטן געזעץ דאַרף דער חתן עס קריגן פון קאַזיאָנעם רב אין זיין געבורט־שטאָט, דאָס קאָן ער ניט, דאַרף מען עס קויפן ערגעץ פאַר געלט.

גיי איך צום אַלעקסאָטער קאַזיאָנעם רב, מאַכן מיט אים אַ געשעפט. עס איז געווען ענדע ווינטער, דאָס אייז אויפן ניעמאַן איז אַוועק, קיין בריק איז נאָך ניט געווען



און פאָרן קאָן מען נאָר מיטן פּאַראָם. איך דערקלייב זיך צום רב, דערצייל וועגן ענין, און פרעג, מה יקר? מיין רבעלע דרייט אַהער און אַהין, ניט אַראָפּצושלינגען, ניט ארויסצושפּייען. ענדלעך זאָגט ער מיר, אַז ער וואָלט גריילעך זיין אַ בעלן אויף די עטלעכע רובל, נאָר ער האָט מורא, ער איז נאָך דאָ, זאָגט ער, ניט לאַנג און האָט אַ ביסל שונאים, ער קאָן עס ניט דורכפירן.

ענדלעך האָט מען די דערלויבעניש געקראָגן אין אַ צווייט שטעטל און דאָס פּאָרל האָט חתונה געהאַט.

## נאָך אַן עפּיזאָד

איין מאָל, אין אָוונט, איך קום אַהיים און געפין אלטען וואַרטן אויף מיר. זי האָט מיר געדאַרפט איבערגעבן עפּעס נייטיקס. עס איז שוין געווען אַרום צען אָוונט, זי פאַרבלייבט ביי מיר אַ קורצע צייט און גייט אַוועק. אַ פינף מינוט שפּעטער קומט זי ווידער אַרויף אַ דערשראָקענע, אַ בלאַסע, און דערציילט, אַז דער הויף איז אַרומגערינגלט מיט פּאָליציי און מען לאָזט איר נישט אַרויסגיין; זי איז זיכער, אַז דאָס קומט מען צו מיר. איך גיי ארונטער מיט איר אין הויף און איך זוך ווי אַזוי איר ארויסצולאָזן פון דאַנען. איך האָב געוואוינט ביי יענקל מאַנאָשעוויטש — ווינקל יאַטקאָווער און ווילקאָמירער. אויפן ווינקל פון יאַטקאָווער גאַס איז געווען אַ שענק. פון הויף גיי איך אַריין אין שענק און בעט זיי זאָלן דורכלאָזן אַלטען. זיי פירן איר אַדורך און זי פאַרשווינדט.

קעגנאיבער, אויפן ווינקל, אין דאָרמאַנס קאַזאַרמעס, האָט געוואוינט אַ גרופּע באַקאַנטע אַרבעטער; אַלטע גייט אַרויף צו זיי און דערציילט אַז ביי מיר איז אַ הויז־זוכונג. ס׳איז געוואָרן אַ טאַראַראַם, און באַלד האָבן כמעט אַלע אַרבעטער געוואוסט, אַז ביי מיר איז אַן „אָביסק" און איך וועל אַרעסטירט ווערן.

איך, ווידער, בין אַרויף צוריק אין שטוב, מיינענדיק, אַז איך וועל שוין דאָרט געפינען זשאַנדאַרן. איך געפין אָבער קיינעם ניט. איך גיי ווידער אַרונטער צום טויער, דאָרט שטייען פּאָליצייסקע, אָבער קיין זשאַנדאַרן זע איך ניט, בין איך זיכער, אַז דאָס מיינט מען ניט מיר און פרעג אַ גאָראָדאָוואָי, וואָס איז געשען? זאָגט ער מיר — ער ווייסט ניט. איך גיי ווידער אַרויף אין שטוב. מיר ווילט זיך אָבער אויסגעפינען, וואָס דאָ קומט פאָר. דערווייל זיינען ביי מיר געקומען צוויי מיידלעך ניט פון דער באַוועגונג, — זיי דאַרפן גיין אַהיים צום שאָסיי־באַרג, — נעם איך זיי און גיי צום טויער, וואו עס שטייט דער אָקאָלאָדאָטשנער נאַדזיראַטעל. איך זאָג אים, אַז די צוויי מיידלעך דאַרפן גיין אויפן בארג און בעט ער זאָל זיי לאָזן גיין. ער קאָן עס ניט טאָן, אויב איך וויל, — זאָגט ער, — זאָל איך דעם פּריסטאַוו בעטן, ער איז אין דער אכסניה. איך גיי אריין אין דער אכסניה פון הויף, געפין טאַקע דעם פּריסטאַוו און בעט אים דורכלאָזן די מיידלעך; ער לאָזט זיי גיין.

דערווייל האָב איך זיך דערוואוסט, אַז מען זוכט דאָרט אַ גנב; די פּאָליציי האָט זיך אַרומגעדרייט ביז שפּעט, ארויסגיין לאָזט מען ניט, האָב איך זיך געלייגט שלאָפן. אין דער פרי בין איך אַרויס אין גאַס און געפונען אַ סך פון אונדזערע ארבעטער לעבן מיין הויז. צו מיר ארויפגיין האָבן זיי ניט געוואָלט, ווייל זיי האָבן ניט געוואוסט, צי מען איז שוין ביי מיר „געווען". חברה האָבן כמעט די גאַנצע נאַכט ניט געשלאָפן און ניט געוואוסט, וואָס עס האָט פּאַסירט מיט מיר, איבעריק צו זאָגן, אַז ס'איז געווען א שמחה.

איך וועל דערמאָנען נאָך אַ פאַל, וואָס האָט זיך אויסגעלאָזט מיט אַ שפּאַס: אָפט פלעגן צו מיר ארויפקומען דריי סאָלדאַטן; איינער אַ משורר, אַ רעוואָלוציאָנער, דער צווייטער — אַ קאַוואַלעריסט, איך געדענק ניט זיין נאָמען — אַ באַקאַנטער אַרבעטער פון מינסק, דער דריטער — אברהם רייזען, דער דיכטער.

איינמאָל ביינאַכט, אַרום האַלב איינס, איך האָב גראָד יענע נאַכט זיך געלייגט פרי שלאָפן, כאַפּ איך זיך אויף און הער שפּאָרן קלינגען ביי מיר אויף די טרעפּ. איך האָב געהאַט גענוג סיבות צו פאַרדעכטיקן אַ באַזוך פון זשאַנדאַרן און בין זיכער, אַז מען גייט צו מיר. איך האָב ביי מיר אַ פּעקל טריפה ליטעראַטור, איך מוז עס באַגראָבן און דאָ קלאַפּט מען שוין אין טיר. ביי מיר איז געווען אַ פאָרהויז, וואו עס איז געשטאַנען אַ פּעסל וואַסער. איך לאָז אַראָפּ דאָס פּעקל אין פּעסל וואַסער און דריק עס צו מיט אַ טאָפּ, בכדי עס זאָל ניט אַרויפשווימען פון אויבן. דערווייל ווערט דאָס קלאַפּן שטאַרקער, איך עפן, ערשט... מיין דראַגון איז דאָ! איך פרעג, וועלכער טייוול האָט אים געבראַכט אַזוי שפּעט אין דער נאַכט? דערציילט ער, אַז ער קומט פון אורלויב און וויל זיך אַ ביסל אָפּרוען ביי מיר. האָבן מיר געהאַט פון וואָס צו לאַכן ביז מיר זיינען איינגעשלאָפן. אַזעלכע פאַלן זיינען געווען אַ סך ביי אונדזערע מענטשן.

## דער „בונד"

אין 1897 האָט זיך געגרינדעט דער „בונד". ער האָט זיך דאַן גערופן „דער אידישער אַרבעטער בונד פון רוסלאַנד, ליטע און פוילן". איבעריק צו זאָגן, אַז עס איז געווען אַ גרויסער יום־טוב ביי אונדז. איך געדענק ווי מיר האָבן זיך פאַרזאַמלט ביי אַלטער און ליזען, יעדער איז געווען אין אַ געהויבענער שטימונג, פול מיט ענטוזיאַזם, מיר זיינען געווען ביי אַ 25 פּערזאָן. מען האָט געקוילעט עטלעכע הערינג, געקויפט אַ האַלבע קוואָרט שנאַפּס, געהויבן פייערדיקע טאָסטן און עס איז געווען אַ געפיל, אַז דאָס קינד וואָס מיר האָבן מיט אַזוי פיל מי אויסגעהאָדעוועט — צוליב וועמען קיין נעכט ניט געשלאָפן, ניט דערעסן, שטעלט זיך אויף די פיס. ערשט איצט הייבט עס אָן צו וואַקסן גרעסער, שענער, בעסער. די פאַנטאַזיע פירט אַוועק אַזש ביז צו די באַריקאַדן...

מיר פאַרברענגען ביז שפּעט אין דער נאַכט. איך





זע נאָך איצט, ווי אין אַ ווינקל־חדר שטייט רייזעלע, אַ קליין מיידעלע, קליין בלויז אין וואוקס, און דעקלאַמירט ניעקראַסאָוון; איך וואָלט געוועןאַ בעלן דאָס הערן איצט... זי האָט אויסגעזען ווי אַ מלאכל! איר שטימעלע האָט געקלונגען ווי אַ גאָלדן גלעקעלע און יעדעס וואָרט, ווי אַ פּערל געפאַלן.

אין יענער צייט האָבן מיר שוין פאַרמאָגט אַ רעכט ביסל יידישע געדרוקטע ליטעראַטור, דרוקן פלעגט מען עס מערסטנס אין דער שווייץ, דערנאָך פלעגט מען עס שמוגלען איבערן גרענעץ. דאָס האָט געקאָסט פיל געלט און נאָך מער ענערגיע.

וועגן אייגענע דרוקערייען האָט מען נאָך דעמאָלט ניט געחלומט! דאָס העכסטע, וואָס מען האָט געקאָנט דערגרייכן, איז געווען אַ העקטאָגראַף. נאָך ליטעראַטור זיינען מיר געווען הונגעריק און יעדעס ניי ביכעלע איז געווען אַן אוצר.

דער צענטראַל־קאָמיטעט פון „בונד" איז געווען אין ווילנע. דער גרעסטער טייל פון זיי איז שוין מער ניטאָ אויף אונדזער וועלטל.

איצט אַ ביסל וועגן דער ערשטער יידישער בונדישער צייטונג. איין מאָל, אַן אָוונט, קומט צו מיר אַן אומבאַקאַנטער יונגערמאַן, גראָד איז דאַן ביי מיר געווען אַברהם מילשטיין, און זיי כאַפּן זיך ביידע אַרום, נאָכדעם ווי זיי ריידן זיך דורך, רופן זיי מיך צו און אברהם זאָגט יענעם, ער זאָל ריידן מיט מיר. ער דערקלערט מיר, אַז עס איז געשאַפן געוואָרן אַ דרוקעריי און זיי גייען אַרויסגעבן אַ צייטונג, „די אַרבעטער־שטימע", מען דאַרף האָבן קאָרעספּאָנדענטן, ער איז געקומען ספּעציעל צוליב דעם. איך בין מסכים אָנטיילצונעמען און מיר זעצן זיך אַוועק אויסאַרבעטן אַ שיפער. אייגנטלעך איז ער געווען שוין פאַרטיק, מיר האָבן בלויז געדאַרפט זיך צונויפריידן, ווי צו באַנוצן זיך מיט אים, פאַרטיק געוואָרן מיט דעם, — איז ער אָפּגעפאָרן.

אַ פּאָר ווערטער וועגן דעם אומבאַקאַנטן. ווען איר זעט דעם מענטשן, זיין גיין, זיין ריידן, זיינע מאַניערן, וואָלט איר ניט פאַרדעכטיקט, אַז אַזאַ קאַלטבלוטיקער, ממש, פלעגמאַטיק, טראָגט זיך אַרום מיט אַזעלכע געדאַנקען. און דאָך איז ער געווען אויסערגעוויינלעך ענערגיש. ער האָט אַליין געשאַפן די דרוקעריי, אין דער צייט ווען אַלע האָבן עס געהאַלטן פאַר אַן אוממעגלעכקייט. אַ געוועזענער ישיבה־בחור, ווערט ער אַ שלאָסער, גייט אַריין אין דער באַוועגונג, ווערט אַ טיכטיקער טוער — איינער פון צענטראַל קאָמיטעט פון „בונד" — און גרייט צו די אויסגאַבע פון דער „אַרבעטער־שטימע". שפּעטער שאַפט ער ענלעכע דרוקערייען איבער גאַנץ רוסלאַנד, וואו עס האָבן זיך געפונען יידישע אַרבעטער. ווערט אַרעסטירט, שפּילט זיך מיט זובאַטאָוון אין קאַץ און מויז. זובאַטאָוו פירט אים פאַר דער נאָז — ער זובאַטאָוון. צו לעצט ווערט ער באַפרייט, אָבער קאָנטיק, אַז זובאַטאָוו האָט גובר געווען. ער ווערט אַ מסור, אָרדנט איין דרוקערייען און גיט זיי

נאָכדעם אַליין אַרויס. אַזוי ביז 1906־טן יאָר, ווען בורציעוו, דער רוסישער רעוואָלוציאָנער אין פּאַריז, אַנטדעקט אים אַלס פּראָוואָקאַטאָר. איך דערמאָן זיך, ווען איך האָב וועגן דעם געלייענט, שוין דאָ אין אַמעריקע, האָבן זיך מיר די האָר געשטעלט קאַפּויער, אַזוי איבערראַשט בין איך געוואָרן.

שפּעטער, אין 1915, און אפשר שוין נאָך דער רוסישער רעוואָלוציע, האָט מען אים געכאַפּט אין סאַראַטאָוו און דערשאָסן. דאָס איז געווען ישראל מיכל קאַפּלינסקי.

איך געדענק ווי איך האָב געשריבן די ערשטע קאָרעספּאָנדענץ. דאָס וואָס איך האָב געשריבן האָט געדאַרפט דויערן אַ 15 מינוט, איך האָב אָבער אויף דעם געהאָרעוועט אַ 3 שעה. דערפאַר איז עס אָבער געווען גוט שיפרירט, אַז דער טייוול אַליין וואָלט עס ניט געקאָנט כאַפּן. די גדולה וואָס עס איז געווען, ווען מיר האָבן די צייטונג באַקומען, נעם איך זיך ניט אונטער צו באַשרייבן. מיר זיינען אַרויס אויף דער „בירזשע“ און צעטיילט צווישן דער מאַסע עטלעכע נומערן (צופיל האָבן מיר ניט געהאַט) און אַלע זיינען געווען אין זיבעטן הימל.

די דרוקעריי האָט זיך געפונען אין באָברויסק. אַלטער מיט ליזען האָבן מיט איר אָנגעפירט. שפּעטער איז די דרוקעריי דורכגעפאַלן און על־פּי־נס זיינען אַלטער מיט ליזען ניט אַרעסטירט געוואָרן, — זיי זיינען דאַן אַוועקגעפאָרן קיין וואַרשע, מער האָב איך זיי ניט געזען ביז מיין אָנקומען קיין אַמעריקע.

## עדעלשטיינס שטרייק

ניט קוקנדיק אויף דעם, וואָס דער שטרייק איז פאָרגעקומען ניט אין קאָוונע, האָט עס אָבער אַ צוזאַמענהאַנג מיט אונדזער אַרבעט אין קאָוונע.

אין ווילנע איז געווען עדעלשטיינס אַ טאַבאַק־פאַבריק. זיינע פּאַפּיראָסן און טאַבאַק זיינען געווען פּאָפּולער אין דער גאַנצער געגנט: ווילנע, קאָוונע, מינסק, און אַלע אַנדערע שטעט און גובערניעס. די פאַבריק האָט שוין פריער געהאַט שטרייקן. דער שטרייק פון וועלכן איך דערצייל איצט איז געווען אין 96־טן אָדער אין 97־טן יאָר. אַזוי ווי די אַרבעטער־באַוועגונג איז געוואָרן שטאַרקער ווי אין די פריערדיקע יאָרן, איז דער שטרייק אויך געווען אַ מער פאַרביטערטער. עדעלשטיין האָט זיך באַנוצט מיט אַלע מיטלען, וועלכע באַסן באַנוצן צו ברעכן אַ שטרייק, ווי פּאָליציי, שטרייק־ברעכער א. אַ. וו. עדעלשטיין האָט אַראָפּגעבראַכט פון פּעטערבורג אַ כאַפּטע רוסישע מיידלעך, פּאַפּיראָסן מאַכערינס, וועלכע עס האָט באַשיצט די פּאָליציי. די שטרייקערס האָבן פּיקעטירט די פאַבריק און ס'זיינען אויסגעבראָכן געשלעגן.

אין אַ העלן טאָג ווערן אויפגעקלעפּט איבערן שטאָט מודעות, אַז דער שטאָט־מגיד וועט האַלטן אַ דרשה אין דער גרויסער שטאָט־שול. די שול איז געווען געפּאַקט. אַרבעטער זיינען געווען פאַרטרעטן ווי געהעריק. דער



מגיד דרשנט, פאַנגט אָן מיט הייליקע רייד און באַלד גייט ער איבער צום שטרייק. ער שיט פּעך און שוועבל אויף די טריפהנע סטאַטשקעניקעס, ווייזט אויף, אַז צוליב זיי קאָן משיח ניט קומען, אַז זיי זיינען קעגן גאָט און קעגן קיסר. „וואָס ווילן זיי? מערער געלט פאַר זייער אַרבעט? וואָס וועלן זיי דען טאָן מיט מערער געלט? זיי וועלן מער פאַרשיכורן“, און נאָך אַזעלכע פּערל. ווי ער האַלט אַזוי אין דרשנען, גייט אַרויף אַן אַרבעטער אויף דער בימה און פרעגט עפּעס אַ קשיה, איך געדענק ניט וואָס ער האָט אים געפרעגט, אין שול אָבער האָט זיך אָנגעהויבן אַ שטורעם, אַזאַ חוצפּה האָבן נאָך די ווילנער יידן ניט געזען.

עס שטילט זיך איין און דער מגיד דרשנט ווייטער. דאָ גייט צו אַן אַנדערער אַרבעטער און גיט אַ זאָג: „רבי, וויפל באַצאָלט אייך עדעלשטיין פאַר דער דרשה“ עס האָט זיך אויפגעהויבן נאָך אַ גרעסערער שטורעם. דער מגיד איז געשטאַנען אַ בלאַסער, אַ צעטומלטער. באַלד האָט זיך צעטראָגן איבערן שול אַ פּייפעריי, וואָס האָט אָנגעהאַלטן עטלעכע מינוט. דאָס איז שוין געווען צופיל, מער האָט ער שוין ניט געדרשנט. ווען ער איז אַרונטער פון דער בימה, איז צוגעגאַנגען אַן אַרבעטער און מיט קרייד געמאַכט אים אַ צלם אויפן פּלייצע.

אַזוי האָט זיך פאַרענדיקט דעם מגידס דרשה. שפּעטער איז דערשינען אַ ביכעלע וועגן דער אָ געשיכטע, וואָס פאַר אַן אָנטייל דער מגיד האָט גענומען אין שטרייק. דאָס ביכעלע האָט געהייסן: „דער ווילנער שטאָט־מגיד“.

עדעלשטיין האַלט זיך שטאַרק און מען קאָן אים ניט ברעכן. האָט מען אויסגעאַרבעט אַ פּלאַן צו שלאָגן אים פינאַנסיעל. עס ווערט באַשלאָסן, אַז די אַרבעטער פון גאַנצן געגנט זאָלן דורכפירן אַ באָיקאָט אויף זיינע אויסאַרבעטונגען.

פּאַפּיראָסניצעס אין די רוסישע שטעט האָבן געהאַט א רעפּוטאַציע ניט קיין זייער פויגלדיקע. איך ווייס ניט אויב עס איז טאַקע אַ פאַקט, נאָר ס'האָט זיך פאַרשפּרייט אַ קלאַנג, אַז די מיידלעך, וועלכע עדעלשטיין האָט געבראַכט פון פּעטערבורג, זיינען אָנגעשטעקט מיט סיפיליס.

מיר קריגן אַ הסכמה פון ווילנע דורכצופירן דעם באָיקאָט. מיר זאָגן אָן אַלע אַרבעטער, אַז זיי זאָלן ניט נעמען אין האַנט אַריין עדעלשטיינס פּאַפּיראָסן. איז דאָס נאָך ווייניק, הייסן מיר אַלע אַרבעטער גיין איבער די קראָמען קויפן פּאַפּיראָסן און ווען מען וועט געבן עדעלשטיינס, זאָל מען עס צוריקוואַרפן מיט פאַראַכטונג און זאָגן, אַז זיי זיינען אָנגעשטעקט מיט סיפיליס. חברה אַגיטירט טיכטיק, אָבער נאָך אַלץ ניט גענוג.

פרייטיק ביינאַכט לאָזט זיך אַרויס כאַצקעלע דער שניידער מיט נאָך איינעם (מיט אַ טעפּעלע שטאַרקע פּאַפּ) און קלעפּן אויפרופן מיט גרויסע ווערטער, וואָס וואָרענען דעם עולם, ניט צו קויפן עדעלשטיינס פּאַפּיראָסן און טאַבאַק, אויב זיי ווילן זיך ניט אָנשטעקן מיט סיפיליס. מען קלעפּט עס אויס אין אַלע בתי־מדרשים. שבת

אין דער פרי גיי איך אַרויס זען וואָס פאַר אַן איינדרוק דאָס האָט געמאַכט. איך גיי צו צום נייעם בית המדרש. עס שטייען אַ רעדל יידן און טשמאַקען מיט די ליפּן, פיל זאָגן: אָט וועט מען אַמאָל קראַנק ווערן און מען ווייסט גאָרניט פון וואַנען און פון וואָס. אייניקע זאָגן, אַז דאָס מוז זיין אַ שפּיצל פון די סטאַטשקעניקעס. איך זע אָבער אַז די ווירקונג איז אַ גוואַלדיקע. ביי אַ צווייטן בית המדרש — אויך דאָס זעלבע. דאָ אָבער רעדט שוין אַ טייל וועגן דעם וואָס מען האָט געקלעפּט אין שבת, מען הייסט גלייך דעם שבת־גוי אַראָפּרייסן. דאָס איז געווען אַ גוטער מעדיצין און עדעלשטיין האָט באַלד דערפילט דעם באַיקאָט, און טאַקע גאַנץ שטאַרק.

## פּראָקלאַמאַציעס

איין מאָל האָבן מיר געקראָגן אַ טראַנספּאָרט פלוגבלעטלעך, צווישן זיי איז אויך געווען די בראָשור „דער ווילנער שטאָט־מגיד" (אין יענער צייט איז דער קאָוונער רב געשטאָרבן, קאָוונע האָט דאַן גענומען דעם ווילנער שטאָט־מגיד, וועלכער איז דעם פאַרשטאָרבענעמס אַ זון, אַלס רב). פאַרשפּרייטן די פּראָקלאַמאַציע האָט מען באַשטימט אויף שבת. פאַרן פאַרשפּרייטן האָט מען זיי געדאַרפט קנייטשן און צוזאַמענבייגן אין פירן, אַ פּאַסיק אָרט וואו דאָס צו מאַכן, איז געווען ביי איינעם פון אונדזערע אַרבעטער, ישראל ראַבינאָוויטש, אַ יוּוועליר.

ישראל ראַבינאָוויטש איז געווען, ווי מען זאָגט, „אַ קאַלטער לונג און לעבער", זיך קיינמאָל ניט צעהיצט. קיינמאָל ניט געאיילט. ס'פלעגט טרעפן עפּעס אַ פראַגע, אַ טעאָרעטישע, האָט מען עס מיט אים געמוזט איינשטודירן שיינע עטלעכע מאָל, ביז ער האָט עס באַגריפן. דאַכט זיך מען איז שוין מיט אים פאַרטיק, ער פאַרשטייט שוין די זאַך ווי געהעריק, פּלוצעם, ווידער גאָר קשיות, נאָך אַמאָל דאָס זעלבע, און ווידער דאָס זעלבע. דער מענטש איז ווייט געווען פון אַ נאַר, ער האָט גראָד געהאַט אַ גוטן קאָפּ. דאָס האָט זיך גענומען ביי אים מסתמא דערפון, וואָס ער איז פון נאַטור געווען אַ „קאַלטער פאַמעלעך".

איך דערמאָן זיך אַזאַ פאַל. מען האָט אים געגעבן אַ פּעקל ליטעראַטור צו באַהאַלטן און ער האָט עס פאַרשטעקט אין דרויסן, צווישן פאַרקאַן פון זייער שטוב און פון אַ צווייטן שכן. אויף מאָרגן, אָדער אַ טאָג שפּעטער, ווען ער איז געגאַנגען אַרויסנעמען, האָט ער דאָרטן עס ניט געפונען. ווער עס האָט עס צוגענומען האָבן מיר זיך קיינמאָל ניט דערוואוסט. אַזאַ זאַך, ווען עס פּאַסירט מיט מיר אָדער מיט אַן אַנדערן פון אונדז, וואָלט געוואָרן אַ גוואַלדיקער גערודער, ער אָבער, איז געבליבן קאַלט, ניטאָ איז ניטאָ, און שוין.

מיר האָבן פלייסיק געאַרבעט ביים צוגרייטן די פּראָקלאַמאַציעס. ווען מיר, אַ 10 מאַן, זיינען פאַרטיק געוואָרן, האָט יעדער פון אונדז גענומען זיין טייל און פאַרלאָזן דאָס אָרט. מיר האָבן זיך צונויפגעקליבן אויף





דער נאַבערעזשניע און פון דאָרטן האָבן מיר זיך געדאַרפט פאַנאַנדערגיין איבערן שטאָט, יעדער לויט זיין ראַיאָן. די שטאָט איז געווען געטיילט אויף 5 אָדער 6 ראַיאָנען, אין יעדן ראַיאָן זיינען געגאַנגען צוויי מענטשן. עס איז אָפּגערעדט געוואָרן, אַז אַלע זאָלן פאַרשפּרייטן אין איין צייט. נאָך דער „מלאכה" דאַרפן מיר ווידער קומען אויפן זעלביקן אָרט.

דער רב האָט געוואוינט אויף דער נאַבערעזשניע, טאַקע ניט ווייט פון דעם אָרט וואו מיר האָבן זיך פאַרזאַמלט. מיר האָבן שוין געמאַכט, אַז דער רב זאָל אויך באַקומען די בראָשור „דער ווילנער שטאָט־מגיד", מיט אַ פּראָקלאַמאַציע אַלס צוגאָב. די אונטערנעמונג איז אַדורך מיט דערפאָלג, אַלע זיינען געקומען צוריק אויפן באַשטימטן פּלאַץ מיט גאַנצע ביינער. עס טוט מיר לייד, וואָס איך געדענק ניט גענוי ווער עס האָט אָנטיילגענומען אין דעם שטיקל אַרבעט.

אין סלאָבאָדקע איז געווען וואָלפס ביר־ברויעריי און מיר האָבן געוואָלט, אַז די אַרבעטער זאָלן געפינען די פּראָקלאַמאַציעס גלייך אין דער פרי, ווען זיי קומען צו דער אַרבעט. 12 אַזייגער ביינאַכט האָט עס ליזע אַריינגעשמוגלט אין הויף. אויף אַזאַ אופן האָט די שטאָט קאָוונע צום ערשטן מאָל באַקענט זיך מיט דער אונטערערדישער אַרבעט פון די „סטאַטשקעניקעס".

אַ קאָמישע פּאַסירונג איז דערביי פאָרגעקומען. געשען איז אָט וואָס:

אין געסל פון נייעם בית המדרש האָט אין אַ קעלערשטוב געוואוינט אַ מלמד און ווי געוויינלעך האָט זיין ווייב, די רביצן, געבאַקן בייגל. גייט זיך דער מלמד זונטיק פרי אויף ניקאָלאַיעווסקי פּראָספּעקט און זעט אויף דער ערד ליגן אַ ביכעלע מיט יידישער שריפט, הייבט ער עס אויף און זעצט זיך אַוועק אויף אַ באַנק לייענען. באַלד לויפן צו צוויי פּאָליציאַנטן און מען גיט אים אַ כאַפּ, טאַקע ווי דער טייוול דעם מלמד, און מען שלעפּט אים אַוועק אין רעוויר, פון דאָרטן אין זשאַנדאַרמעריע, און באַלד פירן אים זשאַנדאַרן מיטן גאָראָדאָוואָי אַהיים, וואו מען פירט דורך אַ רעוויזיע. די זשאַנדאַרן, ווייזט אויס, האָבן געמיינט, אַז זיי האָבן דאָ געכאַפּט די גאַנצע רעוואָלוציע, האָבן זיי געזוכט, גענישטערט, די פּאָדלאָגע אויפגעריסן, דער רביצנס טייג אויף באַקן בייגל צעראַיעט. אַזוי ווי זיי האָבן דאָ די רעוואָלוציע ניט געפונען, האָבן זיי פאַרנומען דעם מלמדס מחזורים, הגדה, סידור מיט אַלע זיינע ספרים, וואָס ער האָט פאַרמאָגט, אַפילו דער רביצנס טייטש־חומש, און מיט גרויס פּאַראַד אָפּגעטראַנספּאָרטירט, אין איינעם מיטן מלמד, אין „זשאַנדאַרמסקאָיע אופּראַוולעניע". דער מלמד, נעבעך, איז געווען אַזוי דערשראָקן, אַז עס איז געווען אַ ווייטיק אויף אים צו קוקן. ער האָט געציטערט ווי אַ בלאַט אין אלול, זיין שפּיציק בערדל איז אים געשטאַנען דיבאָם, דאָס אַלץ איז געווען אַזוי קאָמיש, אַז מען האָט געמוזט לאַכן. מען האָט דעם מלמד געמאַטערט עטלעכע טעג און

נאָכדעם ווי זיי האָבן זיך איבערצייגט, אַז דער מלמד איז פאַר דער רוסישער רעגירונג ניט קיין געפאַר, האָט מען אים פרייגעלאָזט. וואָס דער מלמד האָט אָנגעוואונטשן די סטאַטשקעניקעס קאָן מען זיך לייכט פאָרשטעלן. דערפאַר דאָט ער אָבער געהאַט כל ימיו וואָס צו דערציילן. וויכטיק איז אָבער, אַז פיל אַנדערע, ניט קיין מלמדים, האָבן אויך אויפגעהויבן וואָס מיר האָבן פאַרזייט און עס טאַקע געלעזן אין דער היים, און דאָס איז דאָך געווען אונדזער ציל.

## דער צווייטער ספּעקטאַקל

עס קומט אין אונדזער באַוועגונג כמעט אַ רואיקע צייט. קיין אַרעסטן זיינען ניטאָ, קיין אינעווייניקסטע רייסערייען אויך ניט, די אַרבעט גייט אָן ווי געהעריק, דער עולם פירט זיך אויף גוט און די צאָל אָנהענגער ווערט גרעסער, מיר פאַרגינען זיך דעם פאַרגעניגן איינצואָרדענען אַ צווייטן ספּעקטאַקל. מיר האָבן געלערנט פון דער ערשטער פאָרשטעלונג, אַז עס איז געווען צופיל דיאַלאָגן און צו ווייניק האַנדלונג. דאָס מאָל מאַכן מיר אויסבעסערונגען. מיר עפענען די פאָרשטעלונג מיט אַ שלאָסער־וואַרשטאַט, אָבער טאַקע מיט הויט און ביינער. איך בין געווען סופלאָר, איך האָב געוואָלט זען ווי די בינע וועט אויסקוקן, בין איך אַריין אין זאַל און געוואַרט ביז דער פאָרהאַנג וועט זיך הייבן, איך בין געווען אַנטציקט פונעם בילד. דער ספּעקטאַקל איז פאָרגעקומען אין זעלביקן הויז, וואָס דאָס ערשטע מאָל, אין דארמאנס קאַזאַרמעס. דאָס מאָל האָבן מיר געהאַט אין זאַל אַ בופעט און די פרעקווענץ איז געווען אַ גרעסערע. דאָס צוזאַמענקומען און פונאַנדערגיין זיך איז געווען אָרדענונגס־פול, די פאָרשטעלונג האָט געהאַט דערפאָלג.

דער עולם איז זיך פונאַנדערגעגאַנגען און מיר, אַ 30 אונדזערע, זיינען פאַרבליבן און פאַרבראַכט ביז 3 אַזייגער באַגינען. מיר האָבן אויסגעקויפט אַלץ, וואָס עס איז פאַרבליבן אין בופעט און ס׳איז געווען חי־געלעבט. די פאָרשטעלונג האָט זיך איינגעגעבן און האָט געהאַט אין זיך אַ סך פּראָפּאַגאַנדע.

צו ביסלעכווייז ווערט אונדזער ענגע גרופּע פון די ערשטע פּיאָנערן שיטערער. אַלטער און ליזע, ווי איך האָב שוין דערמאָנט, זיינען אַוועק קיין באָברויסק צו דרוקעריי; ח. פּ. קלעבאַנאָוו איז אַוועקגעפאָרן קיין אַמעריקע; נח פּאָרטנאָי פאַרשיקט; דזשערזשינסקי, — אויך פאַרשיקט; לעאָן בערנשטיין, אַרעסטירט (שפּעטער איז ער אַוועק קיין פּאַריז און געוואָרן, ווי געזאָגט, פון די אָנגעזעענסטע ליטעראַטן); אברהם מילשטיין, אַוועק קיין קיעוו און אַרעסטירט געוואָרן באַלד נאָך זיין אָנקומען אַהין, דאָרט איז דעמאָלט פאָרגעקומען אַ צוזאַמענפאָר און אַלע זיינען אַרעסטירט געוואָרן.

סעמיאָן קלעוואַנסקי איז אַוועק קיין פּעטערבורג, אין אוניווערזיטעט, דאברע — קיין אַמעריקע. די באַוועגונג, אָן איינגעשטעלטע, איז געגאַנגען איר וועג. מען



קאָן ניט זאָגן, אַז יענע האָבן ניט געפעלט, אָבער די אַרבעט האָט זיך ניט אָפּגעשטעלט.

אַ פּאָר ווערטער וועגן די עטלעכע אינטעליגענטע סימפּאַטיקער, וועלכע האָבן אונדז מיטגעהאָלפן, אויב ניט דירעקט אין דער אַרבעט, איז מיט וואָס נאָר זיי האָבן געקאָנט. אַזאַ איז געווען די דענטיסטין אַרקינאַ, וועמען איך האָב שוין דערמאָנט. מיר פלעגן זיך צייטנווייז באַנוצן מיט איר קוואַרטיר. אויך האָבן מיר דורך איר געהאַט פאַרבינדונגען מיט אויסלאַנד, פון וואַנען מיר פלעגן באַקומען געלט־שטיצע.

ראָזנבערג, דער איצטיקער דאָקטאָר פאַרנבערג — מיטאַרבעטער פון „טאָג“, — איז דאַן געווען אַ בוכהאַלטער אין זאַקס בוך־קאַנטאָר. אויך מיט זיין קוואַרטיר האָט מען זיך באַנוצט, אמת, ניט אָפט. פון מאָל צו מאָל פלעגט ער אונדז ברענגען אַ ביסל פאַרבאָטענע ליטעראַטור, בעת ער פלעגט פאָרן קיין ווילנע אין אינטערעסן פון זיין פירמע. ער איז ניט געווען אונטער קיין שום פאַרדאַכט און מען האָט דורך אים געקאָנט אָנהאַלטן אַ פאַרבינדונג מיט דער יינגערער אינטעליגענץ, וואָס איז געווען ניט אַהין און ניט אַהער.

איך דערמאָן זיך אַ פאַל. ס׳איז געווען אין דער צייט פון פעריען. ס׳זיינען דאַן זיך צוזאַמענגעפאָרן אַ גרופּע סטודענטן אויף די זומער־מאָנאַטן. זיי האָבן געוואָלט איינאָרדענען אַן עקסקורסיע און צו דעם צוועק צונויפגערופן אַ פאַרזאַמלונג. ראָזנבערג איז אויך געווען צווישן זיי. איך האָב געוואָלט אַרויסקריגן פון זיי אַ ביסל געלט פאַר אונדזער ביבליאָטעק, בין איך אויך צו דער פאַרזאַמלונג געגאַנגען, אַלס פאָרשטייער פון די אַרבעטער. איך בין דאַן אַנטוישט געוואָרן פון דער חברה. זיי האָבן מיך גענומען פרעגן וועגן דער ביבליאָטעק, ווער עס באַנוצט זיך מיט איר, וועלכע סאָרטן ביכער עס געפינען זיך דאָרטן, צו וועלכע צוועקן דינט זי און צי געפינען זיך פאַרבאָטענע ביכער אויך?

צווישן זיי איז געווען סאָקאָלאָווסקיס אַ זון, אין וועמענס דרוקעריי ס׳איז געווען דער ערשטער שטרייק. ער האָט זיך געאַמפּערט, געריסן זיך אויף „גלאַטע ווענט“, אָבער נאַריש. מיין ענטפער איז געווען — אַז איך קען ניט רעאַגירן אויף נאַרישקייטן. דאָך האָבן מיר געקראָגן פון זיי עטלעכע און צוואַנציק רובל.

דאָרטן איז געווען אַ סטודענט, אַש, וואָס האָט זיך געפונען אונטער פּאָליציי־אויפזיכט. ער וואָלט געוואָלט מיטאַרבעטן, איז ער אָבער געווען אַ גרויסער פחדן, מורא געהאַט פאַר זיין אייגענער שיין. דאָך פלעגט מען אים אַ מאָל אויסנוצן.

אויך סאָניע טראַכטנבערג, אַ וואויל מיידל, פלעגט אונדז אָפט אַרויסהעלפן. ס׳האָט פּאַסירט: זי האָט מיר געדאַרפט איבערגעבן אַ פּעקעלע ליטעראַטור, פאַרבאָטענע, פאַרשטייט זיך, זי האָט געוואוסט, איך קום אַהיים איינס אַזייגער, מיטאָג עסן. קומט זי צו דער דערמאָנטער צייט מיטן פּעקל. גראָד בין איך געווען פאַרנומען און ניט

געקאָנט קומען. וואַרט זי ניט און לאָזט איבער דאָס פּעקל אויפן טיש, מיינענדיק, אַז איך וועל באַלד קומען. דערווייל קומט אַריין מיין בעל הביתס אַ זון (געווען פון די פּראָווע יונגע אינטעליגענטן), עפנט דאָס פּעקל און נעמט זיך דורכקוקן די ביכער, צום גליק בין איך אָנגעקומען און האָב אָן צערעמאָניעס פון אים די ביכער צוגענומען. פון דאַן אָן האָט ער אויף מיר שטענדיק געקוקט מיט פאַרדאַכט.

נאָענט צו אונדזער באַוועגונג איז געווען מיכעלעוויטש, שפּעטער געלעבט אין דייטשלאַנד און געמאַכט עפּעס אַ דערפינדונג, אָבער ניט אָנערקענט געוואָרן. לבסוף איז ער אַראָפּ פון זינען. מיינער אַ באַקאַנטער האָט מיר דערציילט, אַז מען זאָל אים האָבן אַמאָל געפונען דאָ אויף דער באַיערי, ער האָט אָבער קיינעם ניט דערקענט.

איך האָב געהאַט דערמאָנט וועגן אַ זשאַנדאַרם מיט אַ רויטער באָרד, וועלכער פלעגט תמיד אויסוואַקסן, ווי פון אונטער דער ערד, גראָד דאַן, ווען איך האָב זיך ניט געריכט אויף אים. פּאַסירט אַמאָל, איך בין געווען ביי באַקאַנטע, אויף וועלכע די זשאַנדאַרן האָבן געהאַלטן אויג. זיי האָבן געוואוינט אויף דער גאַס, וואו די כאָר־שול. איך בין דאָרט פאַרבליבן ביז נאָך 12 אַזייגער ביינאַכט. די נאַכט איז געווען אַ פינצטערע, אַרונטערגייענדיק האָב איך זיך אַרומגעקוקט און קיינעם ניט באַמערקט. ווען איך בין אָפּגעגאַנגען עטלעכע מינוט, הער איך שפּאָרן קלינגען אויף דער צווייטער גאַס. איך באַמערק עמעצן גיין, אָבער ווער דאָס איז ווייס איך ניט. גייענדיק, האָב איך אָפּגעהיט, אַז ווען יענער וועט זיין נעבן לאַמטערן, זאָל איך כאַפּן אַ קוק אויף אים. איך דערזע מיין זשאַנדאַר מיט דער רויטער באָרד, טראַכט איך — אויב איך וועל זיך איבערצייגן, אַז ער פאַרפאָלגט מיך, וועל איך אַהיים ניט גיין. איך קום צו צום ווינקל פון ניקאָלאַיעווסקי פּראָספּעקט — דאָ איז געווען שימעלעוויטשעס טיפּאָגראַפיע. דאָס הויז האָט געהאַט צוויי טויערן, איינער פון פּראָספּעקט, דער צווייטער צו דער גאַס, וואָס האָט געפירט צום שאָסייבאַרג. איך גיי אַריין אין ערשטן טויער און גיי אַרויס דורכן צווייטן טויער, די רויטע באָרד פאָלגט מיר נאָך. נו, טראַכט איך זיך, „איך וועל דיך שוין אַ ביסל אַרומפירן פאַר דער נאָז“. אַזוי קום איך ביז צום מאַרק, וואו עס זיינען געווען די געמויערטע קראָמען. דאָרט, אַנטקעגן, זיינען געשטאַנען בוידן מיט די בעלי־עגלות, וואָס פלעגן פאָרן קיין יאַנאָווע. דאָ איז אַ טומל, די בעלי־עגלות שרייען, די פּאַסאַזשירן מיט זייערע קלומעקעס שפּאַרן זיך אין די בוידן אַריין, מען שרייט, מען שטופּט זיך — אַן אמתער יריד! פאַלט מיר איין אַריינצוּוואַרפן זיך אין עולם, זיך אויסמישן מיט זיי און פון דאַנען טשאַטעווען, צי וועט ער מיך פאַרלירן פון אויג, אָדער ניט. ער איז אַ רעכט שטיקל ווייט פון מיר; איך פיר עס דורך שנעל און זע ווי ער זוכט מיט די אויגן.

די געמויערטע קראָמען האָבן געהאַט אַ הויף וואו עס זיינען געווען עטלעכע טויערן פון 3 זייטן, אין אַ





גינסטיקער מינוט, ווען איך בין געווען פאַרשטעלט מיט איינע פון די בוידן, כאַפּ איך זיך אַריין אין איינעם פון די טויערן און ביים שיין פון די לאַמטערנעס היט איך די רויטע באָרד. איך האָב אים אָבער פאַרלוירן. איך גיי אַרויס דורך אַ צווייטן טויער, זוך אים אַרום און זע אים ניט, דערווייל זיינען די פורן אַוועקגעפאָרן, דאָס אָרט איז געבליבן ליידיק, איך זע שוין קיין מענטשן ניט.

אין סעפּטעמבער 1898 בין איך אַוועקגעפאָרן פון קאָוונע און עס האָט זיך איבערגעריסן מיין פאַרבינדונג מיט דער אָרטיקער באַוועגונג. סוף דעצעמבער פון זעלביקן יאָר בין איך ווידער געווען אין קאָוונע אַ פּאָר וואָכן צייט, נאָר דאַן האָב איך געהאַט מיינע אייגענע צרות מיט דער פּאָליציי, אַזוי, אַז עס איז מיר קיין צייט ניט געבליבן פאַר קיין זאַך. אין יאָר 1904 בין איך ווידער געווען אין קאָוונע אַ פּאָר טעג, דאָס איז געווען אויף מיין וועג קיין אַמעריקע. איך דערמאָן זיך, אַז פריידע מירל די זאָקן־שטריקערין האָט מיך געזען און דערציילט, אַז עס זיינען דאָ אַ סך אַרעסטירטע און מען דאַרף האָבן געלט זיי צו שטיצן, נאָר וואָס איך האָב אין דער היגזיכט געטאָן און וואָס איך האָב שפּעטער אין אַמעריקע געטאָן פאַר דעם, איז שוין אַ טעמע פאַר זיך.

מיט דעם פאַרענדיק איך מיינע דערינערונגען וועגן אָנהייב פון דער אַרבעטער־באַוועגונג אין קאָוונע.

צו לעצט, אַ פּאָר ווערטער וועגן חברים פון יענער גרופּע, וועגן וועלכע מיר איז באַוואוסט און מיט וועלכע איך האָב זיך געטראָפן פון צייט צו צייט.

ליזע שעוויץ, געוואוינט אין ברוקלין מיט איר פאַמיליע. זי איז עס די יעניקע, וועלכע האָט מיר אינספּירירט די זכרונות צו שרייבן. אַלטער שעוויץ, איר מאַן, איז געשטאָרבן. זיין טויט איז געווען אַ שווערער פאַרלוסט פאַר אַלע אונדזערע חברים. ער איז געווען אַ זעלטענער מענטש. זיין גוטסקייט האָט ניט געהאַט קיין ברעג, פאַר אַלע יאָרן וואָס איך האָב אים געקענט, קאָן איך זיך ניט דערמאָנען ער זאָל האָבן געווען בייז אָדער אויפגערעגט, זיין אַרט ריידן איז געווען אַ שטילער, אַ רואיקער. אָבער אַ רעוואָלוציאָנער איז ער געווען אַ פייערדיקער, פאַר אים האָט ניט עקזיסטירט קיין געפאַר, וואָס זאָל אים צוריקהאַלטן פון טאָן עפּעס פאַר דער אַרבעטער־באַוועגונג, איך וועל אים קיינמאָל ניט פאַרגעסן!

דאָברע, געוואוינט אין לאָס־אַנדזשעלעס, אויך אַ מערקווירדיקע פּערזאָן, אַ קליינע, שוואַכע, סענטימענטאַל, קאָן זיך פון אַ קלייניקייט פונאַנדערוויינען. עס איז גענוג זי זאָל הערן פון אַ פריינד, אַ חברטע, אַז יענער אָדער יענע ליידט, ליידט זי מיט, קאָן אַוועקגעבן די נשמה פון זיך. צו דער זעלבער צייט פאַרמאָגט אַזויפיל ענערגיע, אַזאַ פעסטן, שטאַרקן כאַראַקטער, אַז עס איז צו באַוואונדערן. נעמט זי זיך אונטער וואָס דורכפירן, פירט זי עס דורך קעגן אַלע שוועריקייטן און שטערונגען. מיר האָבן זיך אין ניו־יאָרק פיל מאָל געזען.

נח פאָרטנאָי, געווען דער פירער פון „בונד” אין פוילן.

חיים פסח קלעבאַנאָוו, געווען אַ דאָקטאָר אין ניו־יאָרק, די לעצטע יאָרן געוואוינט אין בארא פאַרק. געשטאָרבן.

אַברהם מילשטיין און מינע, געוואוינט אין ברוקלין, בלומע, געוואוינט אין באַרא פאַרק מיט איר פאַמיליע.

צילע און ישראל אַראָנסאָן, געוואוינט אין ברוקלין, מיכאל ליפשיץ, געוואוינט אין ניו־יאָרק. זיין פרוי איז געשטאָרבן. ישראל ראַבינאָוויטש האָט געהאַט אַ געשעפט אין ניו־יאָרק. אורטשיק גערצען געלעבט אין לאָס־אַנדזשעלאָס, חאַצקל דער שניידער, ערגעץ אין טשיקאַגאָ. איך אַליין בין אַ תושב אין די קעסטקיל בערג.

צום סוף וויל איך בעטן מחילה ביי די חברים, וועלכע איך האָב דאָ דערמאָנט, אויב איך האָב וואָס ניט איז דורכגעלאָזן, אָדער באַשריבן ניט ווי אַ טאַלאַנטפולער שרייבער וואָלט עס געטאָן. זאָל גענומען ווערן אין באַטראַכט, אַז איך בין ניט קיין שרייבער און שוין דער פאַקט אַליין, באַפרייט מיך פון פרעטענזיעס. איך האָף, אַז קיינער וועט מיך ניט באַשולדיקן אין ביישוויליקייט.

# יידישע עקאנאמיק,

# פראדוקטיוויזאציע

צבי פאָרט

# די יידישע קרעדיט־קאאפעראציע אין ליטע

צום אָנדענק פון מיין פרוי, ד״ר בתיה ז״ל, וועלכע איז נפטר געוואָרן נאָך אַ שווערער קראַנקייט, דעם 4 טבת תש״ך — 4.1.60.

## אריינפיר־ווארט

דאָס ליטווישע יידנטום, וועלכעס האָט אין סוף פון 19־טן יאָרהונדערט געציילט בערך אַ פערטל מיליאָן מענטשן, האָט איר פרנסה געצויגן פון מסחר, האַנטווערקעריי, קליין־אינדוסטרי, פון צושטעלן פּראָדוקטן דער רוסישער אַרמיי, וועלכע האָט זיך געפונען אויפן ליטוויש־דייטשן גרענעץ; און טיילווייז פון קליין־לאַנדווירטשאַפטלעכער טעטיקייט (גערטנעריי און סעדעריי).

די באַשעפטיקונגען פון די איינוואוינער האָבן לרוב געטראָגן אַ לאָקאַלן כאַראַקטער און אַלס רעזולטאַט פון דעם האָבן זיך ביי זיי (יידן און קריסטן צוזאַמען) אַנטוויקלט געוויסע געמיינזאַמע כאַראַקטער־שטריכן, ווי רויִקייט, פלייסיקייט און שפּאָרזאַמקייט.

בכדי צו קאָנען עקזיסטירן און אַנטוויקלען זייערע געשעפטן האָבן די יידן, זעלבסטפאַרשטענדלעך, זיך גענייטיקט אין אַ קרעדיט, דער עיקר אויף אַ קורצן טערמין, און צוליב דעם זיינען זיי די גאַנצע צייט געווען געצוואונגען אָנצוקומען צו הלוואות אויף פּראָצענט.

מיר האָבן, ליידער, ניט קיינע אָנגאַבן וועגן די תנאים פון דער קרעדיט לאַגע אין ליטע אין משך פון דער צווייטער העלפט פון 19־טן יאָרהונדערט.

פון אָרעמען מאַטעריאַל, וואָס געפינט זיך ביי אונדז, זעען מיר, אַז דער אָנגענומענער יערלעכער פּראָצענטזאַץ אין ליטע איז דאַן געווען בערך 48%—60 (אין פוילן און אין וואָלין האָט דער %־זאַץ דאַן, לויט די אָנגאַבן פון „יקא״־פאָרשונג פון 1906, דערגרייכט ביז 100%—120 יערלעך).

ס׳איז כדאי צו באַמערקן, אַז אין משך פון די יאָרן זיינען אויך געשאַפן געוואָרן מקורות פון פילאַנטראָפּישן קרעדיט: די „גמילות־חסדים״־קאַסעס, וועלכע האָבן דאַן געציילט בערך 60 אין צאָל — די דאָזיקע קאַסעס זיינען געפירט געוואָרן דורך אַן אינערלעכן סטאַטוט: די הלוואות פלעגן געגעבן ווערן צו קורצע טערמינען, אָן פּראָצענט, קעגן זיכערהייטן פון חפצים: גאָלד און זילבער־זאַכן, קליידער, און, מאַנכעסמאָל, אַפילו פון „בעטגעוואַנט״. מען פלעגט ניט נוהג זיין צו פאַרקויפן די זיכערהייטן און דעריבער פלעגט אויך דער לווה ניט זיין געצוואונגען צו זאָרגן פּינקטלעך צו צאָלן זיין חוב צום טערמין.

די פאַרוואַלטונגען פון די קאַסעס זיינען געווען פּריִמיטיווע. די פאַרוואַלטערס — פרייוויליקע גבאים. עס האָט



זיך ניט געפירט קיין סטאַטיסטיק, פון וועלכער מען זאָל קאָנען זען די אומזאַצן פון זייערע אָפּעראַציעס. עס איז באַוואוסט, אַז ביי 80% פון די קאַסעס האָט זייער אייגן־קאַפּיטאַל אין דורכשניט ניט איבערגעשטיגן 100 ביז 500 רובל אויף אַ קאַסע, און צוליב דעם האָט די הלוואה פאַר איין יחיד ניט איבערגעשטיגן 10—15 רובל אין דורכשניט.

### דער אָנהייב פון יידישן קאָאָפּעראַטיוון קרעדיט־וועזן

פּאַראַלעל צו די נייע ווינטן, וועלכע האָבן אין יענער צייט אָנגעהויבן צו בלאָזן אין די אינטערנאַציאָנאַלע ווירטשאַפטלעכע געדאַנקען, האָט זיך אָנגעפאַנגען די שנעלע אַנטוויקלונג פון דער אָרטיקער ווירטשאַפט — די שאַפונג פאַר ווייטע מאַרק־פלעצער.

עס זיינען דאַן אַנטשטאַנען די געדאַנקען וועגן גרינדן נייע פינאַנץ־אַנשטאַלטן פון אַ געהעריקן פאַרנעם. די גרויסהאַנדלס־און אינדוסטרי־אונטערנעמונגען זיינען געהאָלפן געוואָרן דורך די קרעדיטן פון די האַנדלס־בענק, אָבער די מיטעלע און קליינע אונטערנעמונגען, וועלכע זיינען געוויינלעך דער רוב מנין און רוב בנין פון יעדער ווירטשאַפטלעכער אונטערנעמונג, זיינען געבליבן אָן וועלכע עס איז מקורות פון קרעדיט.

נאָר אין יאָר 1898 זיינען אין רוסלאַנד דערשינען די צוויי ערשטע יידישע קאָאָפּעראַטיווע אַנשטאַלטן פון קרעדיט פאַרן „קליינעם מענטשל״: די ערשטע אונטערן נאָמען „ליי־און שפּאָר־קאַסע פאַר בעלי־מלאכות און קליין קרעמער״ אין ווילנע און די צווייטע אין שטאָט פּאָריץ (מינסק. גוב.).

די ביידע געזעלשאַפטן האָבן געדינט אַלס מוסטער צו גרינדן אַזעלכע געזעלשאַפטן אין „תחום המושב״ פאַר די יידן אין רוסלאַנד. נאָך דער ערשטער הצלחה פון די געזעלשאַפטן האָבן אָנגעהויבן ממש צו שפּראָצן אַזעלכע חברות, אָבער שנעל האָט די רוסישע מאַכט אָנגעהויבן שווער מאַכן זייער גרינדונג.

אין קאָוונע איז אַ יידישע ליי־און שפּאָר־געזעלשאַפט געגרינדעט געוואָרן אין 1901 יאָר.

צווישן די גרינדער זיינען דאַן געווען: ד״ר צבי (האַנס) וואָלף, געשוואָרענער אַדוואָקאַט גדעוני, עליאַ־

שעוויטש, ווידוצקי, ד״ר נ. פיינבערג, יוסף בירגער, ישעיהו שאַכנאָווסקי און שלמה אָקונעצקי (פון סלאָבאָדקע).

אין 1914 יאָר זיינען אין גאַנצן „תחום המושב" פון דער גרויסער רוסלאַנד בסך הכל געווען 50 אַזעלכע געגרינדעטע געזעלשאַפטן, ווייל נאָך פריער האָט מען אין רוסלאַנד אויפגעהערט צו דערלויבן צו גרינדן אַזעלכע נייע יידישע געזעלשאַפטן. לויט אַ באַפעל פון דעמאָלטיקן רוסישן פינאַנץ־־מיניסטער איז באַשטימט געוואָרן, אַז די פאַרוואַלטונגען און ראַטן פון די יידישע קאָאָפּעראַטיווע קרעדיט־ געזעלשאַפטן דאַרפן באַשטיין 2/3 פון קריסטלעכע און 1/3 פון יידישע מיטגלידער.

די פאָדערונג האָט אַרויסגערופן אַ קאַטעגאָרישע קעגנערשאַפט פון די יידן, וועלכע האָבן אין דער פאַראָרדענונג געזען אַ פאַרלעצונג פון זייערע רעכט און אויך אַ ניט זאַכלעכן צוגאַנג צום ענין. צווישן די קריסטלעכע מיטגלידער פון די געזעלשאַפטן (וועלכע האָבן געציילט נאָר 3—4% פון דער אַלגעמיינער צאָל פון אַלע חברים); זיינען ניט געווען קיין פּאַסנדע פּערזאָנען צו פירן אַ פינאַנציעלן אַנשטאַלט, וועמענס פינאַנציעלע מיטלען זיינען, אַגב, געוואָרן נאָר יידישע.

אין 1905 יאָר, נאָכדעם ווי עס איז אויסגעוויילט געוואָרן די ערשטע „דומע" אין רוסלאַנד, איז דאָרט פאַרעפנטלעכט געוואָרן דער ערשטער קאָאָפּעראַטיווער געזעץ, וועלכער האָט בטל געמאַכט די פאַראָרדנונג פון פינאַנץ־מיניסטער, אָבער ניט קוקנדיק אויף דעם פלעגט די אָרטיקע מאַכט אָפט שווער מאַכן די גרינדונג פון יידישע קרעדיט קאָאָפּעראַטיוו־געזעלשאַפטן. באַזונדערס האָט זיך אין דעם אויסגעצייכנט די מאַכט פון קאָוונער גובערניע.

אין 1910 יאָר האָבן די ראַדווילישקער יידן געבעטן זיי דערלויבן גרינדן אַ יידישע ליי־און שפּאָר־געזעלשאַפט, אויף דער ביטע זיינען געווען אונטערגעשריבן 13 קרעמער און 12 האַנדווערקער.

אין דעצעמבער 1911 זיינען די אָנגעבער פון דער בקשה אויפגעפאָדערט געוואָרן צו באַזייטיקן די חתימות פון די קרעמער און אויף זייער אָרט צושטעלן נאָך חתימות פון 3 האַנדווערקער, די איניציאַטאָרן האָבן אויסגעפילט די דאָזיקע פאָדערונג, אָבער עס זיינען נאָך פאַריבער 2 יאָר, ביז די דערלויבניש איז זיי געגעבן געוואָרן.

אין יורבורג איז מען זיך משתדל געווען מער ווי 3 יאָר ביז זיי האָבן באַקומען אַ דערלויבניש צו גרינדן אַ יידישע קרעדיט־קאָאָפּעראַטיווע געזעלשאַפט ביי זיי אין שטאָט.

די ביישפּילן וועגן דער באַציאונג פון דער רוסישער מאַכט צו דער גרינדונג פון יידישע קרעדיט־קאָאָפּעראַטיווע געזעלשאַפטן וואָלט מען נאָך געקאָנט פיל פאַרלענגערן, אָבער דאָס וועט שוין זיין גענוג בכדי צו דערקלערן, פאַרוואָס עס האָבן זיך אין קאָוונער גובערניע



געפונען נאָר 24 יידישע קרעדיט־קאָאָפּעראַטיווע געזעלשאַפטן דאַן, ווען עס איז אויסגעבראָכן די ערשטע וועלט־מלחמה.

וואָס אָנבאַלאַנגט די געזעלשאַפטן גופא, איז וויכטיק צו באַמערקן, אַז זיי האָבן זיך שנעל דערוואָרבן דאָס פאַרטרויען פון דער באַפעלקערונג און האָבן צו יענער צייט קאָנצענטרירט אין קאָוונער גובערניע העכער פון 1½ מיליאָן רובל אַלס דעפּאָזיטן און שפּאָר־פּקדונות (צווישן די דעפּאָנענטן זיינען אויך געווען קריסטן) און האָבן אויך צונויפגעזאַמלט אַ פיינעם אייגענעם קאַפּיטאַל.

פון זיי זיינען פאַרטיילט געוואָרן איבער אַ מיליאָן מיט אַ פערטל רובל אויף הלוואות אויף אויסצוצאָלן אין משך ביז אַ יאָר צייט. די געזעלשאַפטן האָבן ניט גענוצט און האָבן זיך אַגב ניט גענויטיקט אין אַ קרעדיט פון רוסישן מלוכה־באַנק אָדער אַנדערע אַנשטאַלטן, מיטן אויסנאַם פון איין געזעלשאַפט אין ווילקי, וועלכע איז צום אויסברוך פון דער ערשטער וועלט־מלחמה געבליבן שולדיק צו דער יידישער געזעלשאַפט יק״א נאָר 56 רובל בסך הכל.

עס איז כדאי צו באַמערקן, אַז אין דער זעלבער צייט האָט די רוסישע מאַכט אין קאָוונער גובערניע אויפגעשטעלט 32 קאָאָפּעראַטיווע געזעלשאַפטן („קרעדיטנאיע אבשטשעסטוואָ") וועמענס חברים זיינען געווען נאָר קריסטן און וועלכע זיינען געווען געשלאָסן פאַר יידן. די דאָזיקע געזעלשאַפטן האָבן ניט מצליח געווען אין זייער אַרבעט. זיי זיינען געפירט געוואָרן זייער שלעכט און האָבן זיך אויסגעהאַלטן נאָר אויף די רעגירונגס־געלטער.

אין די לעצטע יאָרן, פאַרן אויסברוך פון דער ערשטער וועלט־מלחמה, איז אויסגעבעסערט געוואָרן די מאַטעריעלע לאַגע פון די יידן אין ליטע, אין פאַרגלייך מיט זייער מצב אין די 60־קער און 80־קער יאָרן פון 19־טן יאָרהונדערט. אַלס רעזולטאַט פון אויסערן־האַנדל, פון וועלכן ליטע, אַלס טראַנזיט־לאַנד אויפן גרענעץ פון דייטשלאַנד, האָט גענאָסן, האָבן טיילן פון דער יידישער באַפעלקערונג אויך אָנגעפאַנגען צו האַנדלען אויף פאַרשיידענע געביטן פון דאָזיקן אויסערן־האַנדל. אַזוי האָבן אויך אויסגעפילט אַ וויכטיקע אויפגאַבע אין ווירטשאַפטלעכן לעבן פון די יידן, די הילפס־געלטער, וועלכע די עמיגראַנטן פלעגן שיקן צו זייערע קרובים קיין ליטע.

אויך די קויפס־פעאיקייט פון ליטווישן דאָרף האָט אָנגעהויבן צו וואַקסן. דאָס אַלץ האָט געווירקט צוגונסטן פון מצב פון די יידישע קרעמער אין די שטעט און שטעטלעך.

די אויסבעסערונג פון ווירטשאַפטלעכן מצב פון די יידן אין ליטע האָט אויך געדינט אַלס גוטער באַזיס פאַר דער אַנטוויקלונג פון די קרעדיט־געזעלשאַפטן אויף די ערטער.

דער גוטער מצב איז אָבער פלוצלונג אָפּגעשטעלט געוואָרן, ווען אין חודש מאַי 1915 האָט דער רוסישער גרויס־פירשט ניקאָלאַי ניקאָלאַיעוויטש באַפוילן אין משך

פון 24 שעה אַרויסצוטרייבן אַלע יידן פון די געביטן, וועלכע האָבן געגרענעצט מיט דייטשלאַנד, און די יידן זיינען געצוואונגען געווען מפקיר צו זיין זייער אייגנטום און צו פאַרלאָזן ליטע בערום ובחוסר כל. אַזוי איז מיט איינמאָל צעשטערט געוואָרן דער ווירטשאַפטלעכער מצב פון דער יידישער באַפעלקערונג פון ליטע און עס זיינען פאַרניכטעט געוואָרן די ווירטשאַפטלעכע אַנשטאַלטן, וועלכע זיינען אויפגעשטעלט געוואָרן אין משך פון פיל יאָרן.

די אַרויסגעשיקטע זיינען אַריבערגעפירט און צע־שפּרייט געוואָרן איבער אַלע טיילן פון רוסלאַנד און זיי זיינען דורכגעגאַנגען די אַלע צרות און פּלאָגערייען פון דער מלחמה און רעוואָלוציעס. נאָר די וויניקע, וועלכע זיינען איבערגעבליבן אויף די שטחים פון דער דייטשער אָקופּאַציע, האָבן געקאָנט זיך צוריקקערן צו זייערע פריער־דיקע פּלעצער. אָבער די שטעט און שטעטלעך זיינען פאַרברענט און פאַרניכטעט געוואָרן און דער רעזשים פון דער דייטשער אָקופּאַציע און זייערע שטענדיקע רעקוויזיציעס און צוואַנגס־אַרבעטן, וועלכע זיינען אַרויפ־געלייגט געוואָרן אויף דער באַפעלקערונג, האָבן גע־שטערט צו דער ווירטשאַפטלעכער לעבנס־באַנייאונג אין לאַנד.

אין 1917־טן יאָר איז דער מצב טיילווייז בעסער געוואָרן. די יידישע באַפעלקערונג האָט ביסלעכווייז זיך אַנגעהויבן צוגעוווינען צום אָקופּאַציע־רעזשים, וועלכער איז, אַגב, לייכטער געוואָרן. די צוואַנגס־אַרבעטן זיינען פאַר־ביטן געוואָרן מיט געזעלשאַפטלעכער אַרבעט, וועלכע האָט באַשעפטיקט פיל אַרבעטער. די אַרבעט פאַר דער דייטשער מאַכט האָט אַנגעהויבן צו געבן פּרנסות און אַפילו ריווח, און אַ טייל יידן האָבן אַפילו מצליח געווען זיך איינצואָרדענען אין די אַנשטאַלטן פון דער דייטשי־שער מאַכט, ווי צום ביישפּיל אויף די אייזנבאַנען א.א. וו.

די נויטן און הונגער אין דער מלחמה־צייט האָבן געבראַכט דערצו, אַז אַ טייל יידן, וועלכע זיינען געבליבן אין ליטע, באַזונדערס אין די קליינע שטעטלעך, האָבן אַנגעהויבן באַשעפטיקן זיך אויך מיט לאַנדווירטשאַפט. זיי האָבן אַנגעהויבן צו דינגען ערד ביי אינהאָבער פון ווירטשאַפטן, וועלכע זיינען איבערגעבליבן אויף די ערטער אָדער האָבן די ערד פאַרלאָזן און זיינען אַנטלאָפן קיין רוסלאַנד.

## די אומאָפּהענגיקע ליטע

אין מיטן 1918 טן יאָר איז אויפגעשטעלט געוואָרן די אומאָפּהענגיקע ליטע. די צאָל יידן, וועלכע זיינען געווען אין ערשטן רעגירונגס־קאַבינעט, איז געווען אַ גאַנץ היפּשע. דאָרט איז אויך געווען אַ ספּעציעלער מיניסטעריום פאַר יידישע ענינים; דער מיניסטער איז געווען ד״ר סאָלאָווייטשיק. דער שטראָם פון די יידן, וועל־כע האָבן זיך צוריקגעקערט פון רוסלאַנד, איז אַלץ גע־וואַקסן, אָבער די צוריקקערנדיקע האָבן ניט געפונען



זייערע ווירטשאַפטן, וועלכע זיי האָבן איבערגעלאָזן. מער פון אַ דריטל פון די שטעט און שטעטלעך אין ליטע זיינען פאַרברענט און צעשטערט געוואָרן, און אויך אין די איבעריקע פּלעצער זיינען די דירות חרוב געוואָרן, די גע־שעפטן אויסגעליידיקט און די ווערקשטאַטן און פאַבריקן באַרויבט געוואָרן. פאַר דער מלחמה האָבן 84% פון די פאַבריקן אין ליטע געהערט צו די יידן. איצט איז מער ווי 50% פּולקאָם צעשטערט געוואָרן. די צוריקקערנדיקע האָבן ניט מיטגעבראַכט קיין אייגנטום, מיט וועמענס הילף זיי זאָלן קענען אַלץ פון דאָסניי איינאָרדנען און די פראַגע פון זייער ווידער־אויפבוי איז געשטאַנען אין דער פולער שאַרפקייט.

דעריבער איז ביים יידישן מיניסטעריום געגרינדעט געוואָרן אַ באַזונדערע ווירטשאַפטס־אָפּטיילונג בראש מיטן אַדוואָקאַט עוזר פינקעלשטיין. זיין געהילף איז געווען ד״ר נ. ראַכמילעוויטש (דער דעמאָלטיקער וויצע־מיניסטער פאַר האַנדל און אינדוסטרי אין דער ליטווישער רעגירונג) און אַלס אַקטיווער פאַרוואַלטער פון ווירטשאַפט־לעכן ראַט — ד״ר ש. גאָלדבערג. זייער אויפגאַבע איז געווען צו געבן ווירטשאַפטלעכע הילף צו די צוריקקערנ־דיקע.

אַלס מיטגלידער פון ראַט זיינען געווען די הערן: טוביה שאַפּירא, לייב גאַרפונקעל, ד״ר מאַרקוס, איסר ראַ־בינאָוויטש, יוסף בירגער און אַנדערע. דער ראַט האָט געהאַט די אויפגאַבע צו געפינען די וועגן ווידעראויפצו־שטעלן ווירטשאַפטלעך די יידן און זיי צו פאַרפעסטיקן.

דורכן ראַט איז באַשלאָסן געוואָרן אויפצושטעלן: א) אַ געדיכטע נעץ פון קרעדיט־קאָאָפּעראַטיווע אַנשטאַלטן, וועלכע זאָלן אַרומנעמען דעם גאַנצן יידישן ישוב און ב) גרינדן אַ צענטראַל־באַנק, וועלכע זאָל מאָביליזירן און שאַפן די נויטיקע מיטלען דערצו.

וואָס שייך דער צענטראַל־באַנק, איז פריער נייטיק געווען פעסטצושטעלן דעם מוסטער, לויט וועלכן די באַנק זאָל געשאַפן ווערן.

צוויי מוסטערס זיינען געשטאַנען פאַרן ווירטשאַפט־לעכן ראַט:

1) די צענטראַל־באַנק פון דער רוסישער קאָאָפּע־ראַציע אין מאָסקווע, וועלכע האָט געאַרבעט נאָר מיט קאָאָפּעראַטיווע אַנשטאַלטן, און צוליב דעם זיינען אירע מעגלעכקייטן און טעטיקייט־געביטן געווען באַגרענעצט.

2) די דרעזדענער באַנק אין דייטשלאַנד, וועלכע איז אויפגעשטעלט געוואָרן אויף קאַפּיטאַליסטישע יסודות און האָט געאַרבעט מיט אַלע קרייזן פון דער געזעלשאַפט און אויך מיט דער קאָאָפּעראַציע, מיט אַלעמען צוזאַמען.

נאָך אַ גענויער באַהאַנדלונג פון דער פראַגע איז באַשלאָסן געוואָרן צו גרינדן אַן אַלגעמיינע באַנק, וואָס אירע אַקציעס זאָלן פאַרשפּרייט ווערן צווישן אַלע שיכטן אין ליטע און אויך צווישן די יידן אין חוץ־ליטע, און אירע פליכטן זאָלן זיין צו דינען די אינטערעסן פון גאַנצן

האַנדל און אינדוסטרי בכלל און אויך פון דער יידישער קרעדיט־קאָאָפּעראַציע.

בכדי לכתחילה צו פאַרמיידן רייבונגען וועגן דער השפעה אויף דער טעטיקייט פון צענטראַל־באַנק, איז באַשלאָסן געוואָרן צו גרינדן איר לויטן מוסטער פון דער יידישער קאָלאָניאַל־באַנק אין לאָנדאָן, מיט פּריווילעגירטע אַקציעס, וועלכע זאָלן זיין גלייך צו אַלע געוויינלעכע אַקציעס צוזאַמען.

די פּריווילעגירטע אַקציעס זאָלן געהערן דעם העכסטן יידישן אויטאָנאָמיע־אַנשטאַלט אין ליטע.

די באַנק זאָל טראָגן דעם נאָמען „יידישע צענטראַל־באַנק צו שטיצן די קאָאָפּעראַציע אין ליטע".

## די ערשטע פאָלקס־באַנק

פּאַראַלעל צו דערווירטשאַפטס־אָפּטיילונג פון מיניס־טעריום פאַר יידישע ענינים און דעם ראַט ביי איר האָט אַ גרופּע עסקנים (צווישן זיי זיינען אויך געווען אייניקע פון ווירטשאַפטס־ראַט) זיך באַשעפטיקט מיטן אויפשטעלן די יידישע פאָלקס־באַנק אין קאָוונע. עס איז אויסגע־אַרבעט געוואָרן אַ פאַרברייטערטער מוסטער־סטאַטוט פאַר דער טעטיקייט פון אַן אָרטיקער געזעלשאַפט, וועמען ס'איז געגעבן געוואָרן דאָס רעכט אָנצונעמען פּקדונות און לויפנדע חשבונות, צו פירן אַ טשעקן־סיסטעם, צו איבערווייזן געלט און צאָלונגען מיט טשעקן אויך פון ניט חברים, באַשעפטיקן זיך מיט דאָקומענטאַרע קרעדיטן א. אַ. וו. אויף אַזאַ אופן איז די געזעלשאַפט פאַרוואַנדלט געוואָרן אין אַ באַנק־אַנשטאַלט, וואָס האָט אויך באַקומען דעם נאָמען „פאָלקס־באַנק".

אין דער פאַרוואַלטונג פון פאָלקס־באַנק זיינען אויס־געוויילט געוואָרן די ה"ה: יוסף בירגער, גוטמאַן ברוידא, דב דוואָרקאָוויץ, מרדכי מאַנדלברויט, צבי פּארט און דוד ראָזנבלום.

אַלס פאַקטישע דירעקטאָרן די ה"ה: יוסף בירגער און צבי פּארט.

אַלס אָנהייב־קאַפּיטאַל איז געווען בס"ה 2000 מאַרק, וועלכע זיינען צונויפגעזאַמלט געוואָרן ביז דער ערשטער פאַרזאַמלונג. עס איז געווען קלאָר, אַז מיט אַזאַ קאַפּיטאַל האָט מען ניט געקאָנט אָנהייבן קיין באַנק־אָפּעראַציעס. דאַן איז געקומען צו הילף דער קאָוונער רב, הרב א. ד. שפּירא ז"ל, וועלכער האָט אַריינגעטראָגן אין באַנק ‎—.50.000 מאַרק — אַ מתנה, וואָס ער האָט באַקומען פון אַ נדבן פון חו"ל אויפצושטעלן אַ גמילות־חסד־קאַסע אין קאָוונע. מיטן דערהאַלטענעם סכום איז דעם 25 טן יאַנואַר 1920 (2 טעג נאָכן שליסן דעם ערשטן קהילות־צוזאַמענפאָר אין ליטע) געעפנט געוואָרן די יידישע פאָלקס־באַנק אין קאָוונע — די ערשטע פון דעם מין אין ליטע.

די באַנק האָט אָנגעהויבן איר טעטיקייט אין אַ צימער פון ועד־הקהילה מיט פריי־ווויליקע אַרבעטער און האָט זיך באַשעפטיקט מיט געבן קליינע הלוואות אירע חברים.





נאָך אַנדערטהאַלבן חדשים איז פאָרגעקומען אַ שטאַר־קע איבערקערעניש אין איר אַנטוויקלונג.

ווי די מלחמה האָט זיך געענדיקט און די פּליטים האָבן אָנגעהויבן צוריקצוקערן זיך קיין ליטע, האָבן זייערע קרובים אין אַמעריקע, ענגלאַנד און אַפריקע אָנגעהויבן צו קומען זיי צו הילף. אין ליטע האָט נאָך דאַן ניט עק־זיסטירט קיין שום באַנק־אַנשטאַלט. די אויסלענדישע בענק האָבן ניט געהאַט קיין שום פאַרבינדונג מיט ליטע, דעריבער פלעגן זיי אויסשטעלן פאַר זייערע קונדן די איבערווייזונגען אַלס צאָלונגס־פּלאַץ: וואַרשע, בערלין, ריגע א. אַ. וו. די יידישע קאָלאָניאַל־באַנק פלעגט איבערווייזן אירע געלט־אויסצאָלונגען צו איר אַגענט קיין ליבאַווע (לעטלאַנד). צווישן פּוילן און ליטע האָבן דעמאָלט געהערשט מלחמה־באַציאונגען. די רייזע־הוצאות ביז לעטלאַנד אָדער בערלין פלעגן מאַנכעמאָל איבער־שטייגן די געלט־איבערווייזונגען. אין דייטשלאַנד האָט דאַן געהערשט די אינפלאַציע און דער ווערט פון מאַרק פלעגט יעדן טאָג פאַלן אומגעהויער. אויף דעם באַזיס האָט זיך אַנטוויקלט אַ ספּעקולאַציע מיט טשעקן, און פלינקע ספּעקולאַנטן פלעגן זיי איינקויפן צו 40—50% נידעריקער פון זייער נאָמינאַלן ווערט.

די קאָוונער פאָלקס־באַנק האָט דערקלערט, אַז זי איז גרייט אָנצונעמען טשעקן צום אינקאַסאָ, און אין משך פון אייניקע טעג האָבן זיך ביי איר קאָנצענטרירט טויזנ־טער אַזעלכע טשעקן. די באַנק האָט געעפנט אַ קאָנטע אין „דייטשן באַנק" אין בערלין און האָט דאָרט איבערגעגעבן אַלע טשעקן צום אינקאַסאָ. דורך די דאָזיקע אָפּעראַציע האָט די קאָוונער פאָלקס־באַנק מיט איין מאָל אַרונטער־געזעצט די אינקאַסאָ־הוצאות פאַרן אינקאַסירן טשעקן ביז 1%.

דער רושם פון דער דאָזיקער טעטיקייט איז געווען אַ גרויסער. די זאַך האָט תיכף אויפגעהויבן די פאָלקס־באַנק אין די אויגן פון דער געזעלשאַפט, וועלכע האָט דערקענט איר נוציקייט און האָט איר געשענקט צו־טרוי. די מקבלים פון די איבערווייזונגען האָבן אָנגע־הויבן איבערלאָזן אַ טייל פון זייער געלט אין באַנק און דער סכום פון די פּקדונות דאָרט האָט אָנגעהויבן וואַקסן פון טאָג צו טאָג.

אייניקע חדשים נאָך דער גרינדונג פון פאָלקס־באַנק זיינען קיין קאָוונע געקומען פאַרטרעטער פון גרויסע בענק אין ניו־יאָרק, באָסטאָן און שיקאַגאָ, בכדי צו שאַפן גע־שעפטלעכע פאַרבינדונגען. זיי האָבן געפונען אין קאָוונע אַ קליינעם באַנק־אַנשטאַלט, אָבער האָבן געזען אין אים אַ געזעלשאַפטלעכע אונטערנעמונג, וועלכע פירט זיך אין אָרדנונג, און האָבן זיך מיט איר פאַרבונדן אויסצוצאָלן טשעקן און טעלעגראַפישע איבערווייזונגען. די אַמעריקאַ־נער בענק האָבן געמאַכט אַ גרויסע רעקלאַמע אין דער אַמעריקאַנער פּרעסע פאַר דער יידישער פאָלקס־באַנק אין קאָוונע, און אין משך פון אַ קורצער צייט איז געשאַפן געוואָרן צו אַלעמענס צופרידנקייט אַ שנעלע פאַרבינדונג

צווישן די קרובים אין אַמעריקע און ליטע. דורך דער טעטיקייט איז די קאָוונער פאָלקס־באַנק צייטווייליק פאַרוואַנדלט געוואָרן אין אַ צענטראַלן פינאַנץ־אַנשטאַלט פאַר אַלע יידן אין ליטע און האָט פון איר זייט געהאָלפן אויפשטעלן פאָלקס־בענק אין קלענערע און גרעסערע ישובים אין דער מדינה. אויך די פאָלקס־בענק אין די פראָווינץ־שטעט האָבן אָנגעהויבן אָנצונעמען פקדונות און געבן הלוואות און קרעדיט־הילף פאַר זייער באַפעלקערונג.

## די פאַרבינדונג מיטן וועלט־יידנטום אַלס גורם צו אַנטוויקלען די פאָלקסבענק

לויט די וועגן פון די פריוואַטע בענק אין חוץ־לארץ האָבן אָנגעהויבן אויך דער „דזשאָינט" און די „ליטווישע באַלטישע פעדעראַציע" אין אַמעריקע זיך צו פאַרנעמען מיטן איבערפירן געלט פון יענער זייט ים. לויט זייער פאָרשלאָג האָט דער נאַציאָנאַל־ראַט אין ליטע אויפגעשטעלט אַ ספּעציעלע אָפטיילונג צו די דאָזיקע צוועקן. אָבער אויך דער נאַציאָנאַל־ראַט האָט די דאָזיקע טעטיקייט דורכגעפירט דורך די יידישע פאָלקס־בענק.

די איבערווייזונגען אין חוץ־לארץ זיינען אין יענער צייט געווען אַ חשובער גורם צו דער ווידעראויפבוי־אַרבעט פון צענדליקער טויזנטער משפחות (יידישע און ניט־יידישע) און די דעפּאָזיטן אין די בענק האָבן געדינט אַלס באַזיס צו געבן הלוואות.

דער נאַציאָנאַל־ראַט האָט געפירט אַ גרויסע פראָפּאַגאַנדע אויפצושטעלן פאָלקס־בענק. ער פלעגט שיקן אינסטרוקטאָרן צו העלפן אָרגאַניזירן די גרינדונג פון די בענק, וועלכע האָבן זיי אינסטרואירט ווי צו פירן די ביכער א. אַ. וו. אַזוי האָט דער נאַציאָנאַל־ראַט פראָקלאַמירט, אַז יעדע נייע פאָלקס־באַנק, וועלכע וועט געגרינדעט ווערן, באַקומט אַ הלוואה אַלס אומזאַצקאַפּיטאַל, אַ סכום גלייך צו די געלטער וואָס די באַנק וועט מאָביליזירן פון חברים־אַפּצאָל און דעפּאָזיטן צוזאַמען.

ווי אַזוי ס'איז פאַרלאָפן די שנעלע אַנטוויקלונג פון די בענק, באַווייזט דער פאַקט, אַז צום 1־טן יוני 1920 האָבן 29 בענק באַוויזן צו מאָביליזירן אין דעפּאָזיטן 619.000 מאַרק, און צום ערשטן אָקטאָבער איז די צאָל בענק געוואַקסן שוין צו 44 און האָבן שוין מאָביליזירט 3.900.000 מאַרק אין דעפּאָזיטן. אָבער די הלוואות, וועלכע די פאָלקס־בענק האָבן אין דער ערשטער צייט געגעבן זייערע חברים, זיינען געווען קליינע און האָבן דערגרייכט ס"ה צו 2000 פער פערזאָן.

די ווירטשאַפטלעכע אָפּטיילונג פון נאַציאָנאַל־ראַט האָט געזאָרגט צו פאַרפעסטיקן דעם האַנדל און די אינדוסטריע פון די יידן אין ליטע און צו דעם צוועק האָט זי זיך מטפל געווען מיט די צענטראַל־באַנק, וועלכע האָט געהאַט דעם ציל צו שאַפן גרויסע געלט־מיטלען; אָבער



אַ באַזונדערע אויפמערקזאַמקייט, און אַ דרינגנדע דערביי, איז געלייגט געוואָרן אויף די יידישע לאַנדווירטשאַפט.

## די יידישע לאַנדווירטשאַפט

ניט קוקנדיק אויף אַלע באַגרענעצונגען און שוועריקייטן, וועלכע זיינען געלייגט געוואָרן אויפן וועג פון די יידישע לאַנדווירטן אין ליטע, איז די צאָל יידן, וועלכע האָבן זיך באַשעפטיקט מיט לאַנדווירטשאַפט אין 19 טן יאָרהונדערט, געווען אין קאָוונער גובערניע 5.5%, אין ווילנער גובערניע — 6%, אין גראָדנער גוב. — 3.2% און אין סואוואַלקער גוב. — 9.2% פון דער אַלגעמיינער באַפעלקערונג.

וועגן דער צאָל פון יידישע גערטנער אין קאָוונער גוב. אין די יאָרן 1903—1917 זאָגן עדות די שטחים פון די באַאַרבעטע דורך זיי באָדנס. אין 1903 יאָר — 88 דעסיאַטין, אין 1913 — 184 דעסיאַטין. אַ שנעלערע אַנטוויקלונג איז אויסגעפאַלן אין דער צייט פון דער דייטשישער אָקופּאַציע בעת דער ערשטער וועלט־מלחמה.

די פאָרשונג, וועלכע איז דורכגעפירט געוואָרן אין יאָר 1920 דורך דער ווירטשאַפטלעכער אָפּטיילונג פון דעם יידישן נאַציאָנאַל־ראַט, האָט אין 100 פונקטן, אויף וועלכע עס האָבן זיך געפונען 95.000 יידישע נפשות, געוויזן, אַז 11% פון זיי האָבן זיך באַשעפטיקט מיט לאַנדווירטשאַפט, אין דער צאָל זיינען אויך איינגעשלאָסן געוואָרן 450 לאַנדווירטן, וועלכע זיינען שוין אַריבער צו דער לאַנדווירטשאַפט אין דער צייט פון דער מלחמה.

די שטרעבונג פון די ליטווישע יידן זיך צו באַשעפטיקן מיט לאַנדווירטשאַפט איז געווען אַ גרויסע. נאָר אין 54 פונקטן פון ישוב בכלל האָבן זיך פאַרשריבן 943 יידישע משפחות צו באַקומען באָדן אין די ראַמען פון דער אַגראַר־רעפאָרם, וועלכע דער ליטווישער סיים האָט געהאַט וועגן דעם צו באַשליסן. אָבער פאַר דעם יידישן ישוב איז געשטאַנען די פראַגע ניט נאָר ווי צו פאַרפעסטיקן און פאַרברייטערן די יידישע לאַנדווירטשאַפט, נאָר דער עיקר, ווי אָפּצוהיטן, אַז זי זאָל ניט פאַרקלענערט ווערן אָדער צעשטערט ווערן דורך דער אַגראַר־רעפאָרם.

לויטן אַגראַרישן געזעץ־פראָיעקט האָט די רעגירונג געדאַרפט רעקווירירן אַלע גיטער, וועלכע זיינען געווען מער ווי 80 העקטאַר און דעם באָדן פאַרטיילן צווישן די פויערים, וועמען עס פעלט באָדן. פון די פראַגעבויגנס, וועלכע זיינען געשיקט געוואָרן צו יידישע לאַנדווירטן, האָט מען ניט פון אַלעמען באַקומען תשובות. אָבער עס האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז 437 לאַנדווירטן האָבן באַאַרבעט 11821 דעסיאַטין אייגענעם באָדן און 10495 דעסיאַטין געדונגענעם באָדן — בס"ה 22316 דעסיאַטין. לויטן גרויס פון דער ווירטשאַפט האָבן זיך 361 פון די יידישע לאַנדווירטן פאַרטיילט:

| | | | | | | | |
|---|---|---|---|---|---|---|---|
| 239 | ווירטשאַפטן מיט אַ שטח פון | 1 | ביז | 25 | דעסיאַטין זיינען באַאַרבעט געוואָרן | 2983 | דעסיאַטין* |
| 44 | „ „ „ „ „ | 26 | „ | 80 | „ „ „ „ | 3132 | „ |
| 15 | „ „ „ „ „ | 81 | „ | 150 | „ „ „ „ | 1536 | „ |
| 43 | „ „ „ „ „ | 151 | און מערער | | „ „ „ „ | 11886 | „ |
| | | | | | ס״הכ | 19537 | „ |

שוין פון דער רשימה איז צו זען, אַז 49 יידישע לאַנדווירטשאַפטלעכע ווירטשאַפטן, אינהאַבער פון אייגענע 4993 דעסיאַטין און 5810 געדונגענע דעסיאַטין וועלן פאַרלירן פון דער אַגראַר־רעפאָרם. צוזאַמען מיט דעם איז נאָך געווען אַ גרויסער ספק, אויב וועלכע גיט איז אַנדערע טיילן פון דער יידישער באַפעלקערונג וועלן געניסן פון דער פאָרגעלייגטער אַגראַר־פאַרטיילונג. דערפאַר איז נייטיק צו ברענגען פאַר דער רעגירונג אַ פּראָיעקט, אַז זי זאָל פאַרטיילן דעם באָדן אויך צווישן די יידן, וועלכע זאָלן זיך אַרויסווייזן ווי לאַנדווירטן פון פאַר דער מלחמה־צייט. צוליב דעם האָט דער נאַציאָנאַל־ראַט באַשלאָסן צו דינגען אייניקע גרויסע ווירטשאַפטן און גלייך צו באַזעצן אויף זיי יידן. צו דעם צוועק זיינען געדונגען געוואָרן (מיט דער הילף פון קאָוונער פאָלקס־באַנק), פון גראַף טאַטלעבן זיין גוט „פעלאדנאגי״ ביי קיידאַן (אַ שטח פון 12.500 דעסיאַטין) און פון דער משפחה סטאָליפין זייער גוט פילאַמאָנט ביי דאַטנאָווע (אַ שטח פון 6000 דעסיאַטין בערך), בכדי אויף די שטחים צו 18 דעסיאַטין פון די דאָזיקע צוויי גיטער צו באַזעצן יידישע לאַנדווירטן. מיט דער טעטיקייט צו באַזעצן די יידן האָט זיך פאַרנומען דער אַגראָנאָם ה׳ לעשעם (איצט אַ פּרדסן אין ישראל).

די אַרבעט האָט זיך ניט איינגעגעבן, דער עיקר צוליב פאָלגנדע סיבות:

1) די שוועריקייט אַראָפּצונעמען די ליטווישע אַרבעטער פון דער ערד, וועלכע זיי האָבן באַאַרבעט, און זיי אַריבערפירן אויף אַנדערע גיטער פון די זעלבע אייגנטימער.

2) דאָס פעלן פון אַ יידישן מענטשן־מאַטעריאַל, וועלכער זאָל פּאַסן פאַר אַ קאָאָפּעראַטיווער באָדן־באַזעצונג.

3) דאָס פעלן פון אומזאַץ־מיטלען.

דעריבער זיינען די קאָאָפּעראַטיווע ווירטשאַפטן, וועלכע זיינען אַזוי אויפגעשטעלט געוואָרן, שנעל צעפאַלן געוואָרן. אַ קורצע צייט האָבן נאָך די לאַנדווירטן פאָרגעזעצט צו אַרבעטן אין זייערע ווירטשאַפטן, ביז עס איז געקומען די רעגירונג און האָט דעם באָדן רעקווירירט, מיטן מאָטיוו, אַז די יידן זיינען ניט קיין ריכטיקע פּויערים, ווייל זייערע עלטערן האָבן זיך מיט קיין לאַנדווירטשאַפט ניט באַשעפטיקט.

אָט אַזוי איז דורכגעפאַלן אַ וויכטיקע טעטיקייט פון יידישן נאַציאָנאַל־ראַט. נאָר די יידישע גערטנערער ביי

* אַ דעסיאַטין איז גלייך צו 1,0923 העקטאַר.



קיידאַן, וועמען דער נאַציאָנאַל־ראַט האָט איבערגעגעבן דעם באָדן פון גראַף טאַטלעבן, וואָס האָט זיך געפונען ביי דער שטאָט, זיינען געבליבן ביי זייער באָדן. אמת, אַז נאָכן פאַרעפנטלעכן דעם געזעץ פון דער אַגראַר־רעפאָרם זיינען נאָך געבליבן פיל יידישע לאַנדווירטן אין ליטע. אין דער געגנט פון קיידאַן, דאַטנאָווע, לייפון, פּאַנאָסישקי, ווייגואָווא, סיאַד און אַנדערע. די אַלע לאַנדווירטן פלעגן באַקומען קרעדיטן פון די פאָלקס־בענק צו דערווערבן לאַנדווירטשאַפטלעכע מאַשינעס און אומזאַץ־קאַפּיטאַל.

## די פאַרגרעסערונג פון נעץ פון די פאָלקס־בענק

די צאָל פאָלקס־בענק האָט זיך אין אַ קורצער צייט פאַרגרעסערט און עס איז געוואָרן נייטיק פעסטצושטעלן און אויפצוקלערן די בשותפותדיקע פּראָבלעמען צווישן זיי. צוליב דעם זיינען צונויפגערופן געוואָרן די עסקנים פון די פאָלקס־בענק צו אַ באַראַטונג. אַזאַ ערשטע באַראַטונג איז פאָרגעקומען אין קאָוונע אין די טעג פון 19—21, אָקטאָבער 1920. עס איז געמאַכט געוואָרן דער סך הכל פון דער טעטיקייט פון די פאָלקס־בענק אין פאַרלויף פון די ערשטע אַכט חדשים פון זייער עקזיסטענץ און עס איז מיט צופרידנקייט פעסטגעשטעלט געוואָרן, אַז ניט קוקנדיק אויפן פעלן פון געניטע עסקנים, האָבן די בענק פאַרשטאַנען צו אינוועסטירן פון זייער אייגן קאַפּיטאַל און די דעפּאָזיטן, וועלכע זיי האָבן באַקומען פון נאַציאָנאַל־ראַט אין הלוואות, וואָס זייערע צאָלונגס־טערמינען זיינען געווען אין משך פון 8—9 חדשים און זיך אויסצונוצן מיט די פּריוואַטע דעפּאָזיטן צו דיסקאָנטירן אָנווייזונגען און טשעקן פון קורצע טערמינען.

אויף דער באַראַטונג זיינען אויך באַהאַנדלט געוואָרן די פּרטים פון דער טעטיקייט, וועלכע זיינען געווען פאַרבונדן מיט איבערווייזונגען פון חוץ־לארץ, דאָס געבן הלוואות צו האַנדווערקער און לאַנדווירטן, הלוואות צו פאַרריכטן די הייזער און די פראַגע וועגן דער קעגנזייטיקער באַציאונג צווישן די בענק. עס איז אונטערשטראָכן געוואָרן די וויכטיקייט פון אַ פינאַנץ־צענטער, וועלכער זאָל דערמעגלעכן די ערנסטע מאָביליזירונג פון געלט־מיטלען פאַר די פאָלקס־בענק, און פון דער אַנדערער זייט — וועלכע זאָל מטפל זיין און ריכטן די טעטיקייט פון די בענק.

עס איז אויך אַרויסגעהויבן געוואָרן דער געדאַנק, אַז פּאַראַלעל צו דער צענטראַל־באַנק זאָל אויפגעשטעלט ווערן אַ פאַרבאַנד פון די פאָלקס־בענק גופא, וועלכער זאָל זיך מטפל זיין מיט אַלע זייערע אינערלעכע ענינים. קיין

ענדגילטיקע החלטה איז וועגן דער פראַגע נאָך ניט אָנגענומען געוואָרן צו יענער צייט.

די צווייטע באַראַטונג איז פאָרגעקומען דעם 2—5־טן דעצעמבער פון זעלביקן יאָר. ס איז געשאַפן געוואָרן די צייטווייליקע פאַרוואַלטונג פון פאַרבאַנד פון די פאָלקס־בענק אין באַשטאַנד פון די ה"ה: צבי פארט — קאָוונע, שמואל לאַנדוי — פּאַנעוועזש, אהרן פיין — ראַדווילישקי, גילדה — שאַוול און פרידמאַן — ראַסיין. עס איז אַרויפגעלייגט געוואָרן אויף דער פאַרוואַלטונג צוצוגרייטן קאָנקרעטע פאָרשלאַגן און צו אָרגאַניזירן די בענק, צוגרייטן אַ פּלאַן פון זייער טעטיקייט און צוזאַמענרופן דעם צוזאַמענפאָר פון די פאָלקס־בענק אין ליטע.

## דער ערשטער צוזאַמענפאָר פון די פאָלקס־בענק

דעם 30־טן מערץ 1921 איז אין קאָוונע פאָרגעקומען דער ערשטער צוזאַמענפאָר פון 47 בענק. דער צוזאַמענפאָר האָט באַשטעטיקט דעם נוסח פון די תקנות פון פאַרבאַנד פון די פאָלקס־בענק.

מיט די תקנות איז די אויפגאַבע פון פאַרבאַנד געווען צו שיצן זייערע אינטערעסן פון אויסן, צו זאָרגן צו באַקומען די נויטיקע מיטלען פאַר זייער טעטיקייט, זיי קאָנטראָלירן און ריכטן זייער טעטיקייט לויט די פּרינציפּן פון דער אמתער קאָאָפּעראַציע. אַזוי איז אויך באַשלאָסן געוואָרן אויף דעם צוזאַמענפאָר, אַז אין די ראַמען פון איין קהילה זאָל ניט עקזיסטירן מער ווי איין פאָלקס־באַנק, אַז אַלע פאָלקס־בענק זיינען מחוייב זיך צו געפינען אונטערן אויפזיכט פון פאַרבאַנד פון די פאָלקס־בענק און אַז אַן אַנשטאַלט, וואָס וועט ניט אויספילן די באַשלוסן פון צוזאַמענפאָר פון די פאָלקס־בענק, זאָל אויסגעשלאָסן ווערן פון נעץ פון די אָרגאַניזירטע פאָלקס־בענק, וועלכע זאָלן מיט אים אויפהערן צו אַרבעטן, אַזאַ פאַל זאָל אומעטום פאַרעפנטלעכט ווערן, בכדי די אַנדערע זאָלן ניט געשטרויכלט ווערן איבער דעם.

וואָס שייך די שאלה פון צענטראַל־באַנק, איז באַשלאָסן געוואָרן צו באַשטעטיקן דעם פאָרשלאַג פון דער ווירטשאַפטלעכער קאָמיסיע ביים נאַציאָנאַל־ראַט וועגן טיפּ פון באַנק, באַאויפטראַגן די צייטווייליקע פאַרוואַלטונג צו זאָרגן וועגן באַקומען פון דער רעגירונג די באַשטעטיקונג פון די פאַרבאַנד־תקנות פון די פאָלקס־בענק און אויספירן די החלטות פון דעם צוזאַמענפאָר.

די דאָזיקע כללים זיינען שפּעטער געוואָרן די גרונטשטיינער, אויף וועלכע ס'איז אויפגעשטעלט געוואָרן דער פּרעכטיקער בנין פון דער יידישער קרעדיט־קאָאָפּעראַציע, וועלכע האָט במשך פון 20 יאָר געדינט מיט אַ באַזונדערער הצלחה די אינטערעסן פון יידישן ישוב.

אין דער צייט פון יענער תקופה זיינען קיין ליטע אָנגעקומען די עסקנים פון דער יידישער קאָאָפּעראַציע אין כאַרקאָוו (אוקראַינע), וועלכע זיינען גלייך צוגעצויגן געוואָרן צו דער אַרבעט אין דער קרעדיט־קאָאָפּעראַציע: מאיר אַקסעלראָד, וועלכער איז באַשטימט געוואָרן פריער





אַלס פאַרוואַלטער פון דער ווירטשאַפטלעכער אָפּטיילונג ביים נאַציאָנאַל־ראַט און נאָכדעם איז ער אויסגעוויילט געוואָרן אין פאַרוואַלטונג פון פאַרבאַנד פון די פאָלקס־בענק און אין צענטראַל־באַנק; אברהם זאַבאַרסקי, וועלכער איז געשטאַנען בראש פונעם גרויסן יידישן קאָנסום־קאָאָפּעראַטיוו אין כאַרקאָוו און איז געווען באַקאַנט אַלס אַ מענטש פון גרויסע אָרגאַניזאַציאָנס־פעאיקייטן, ער איז אויסגעוויילט געוואָרן אַלס פאַרוואַלטער פון פאַרבאַנד פון די פאָלקס־בענק; און יצחק (אייזיק) ברודנע, נאָך אַ בעל־נסיון, אַלס באַנקיר פון עלטערן־הויז און אין דער יידישער קרעדיט־קאָאָפּעראַציע אין כאַרקאָוו, וועלכע ער האָט אָרגאַניזירט און געשטאַנען בראש. ער איז אויסגעוויילט געוואָרן אין פאַרוואַלטונג פון צענטראַל־באַנק און אין פאַרבאַנד פון די פאָלקס־בענק.

די דריי האָבן צוזאַמען מיט פיל אַנדערע פיל אויפגעטאָן צוגונסטן פון דער יידישער קרעדיט־קאָאָפּעראַציע ביז זיי זיינען עולה־געווען קיין ארץ־ישראל.

מיטן שליסן דעם ערשטן צוזאַמענפאָר האָט דער פאַרבאַנד פון די בענק אָנגעהויבן זיין טעטיקייט, ניט קוקנדיק אויף דעם, וואָס זיינע תקנות זיינען דורך דער רעגירונג באַשטעטיקט געוואָרן ערשט אין סעפּטעמבער 1921.

## די אויפשטעלונג פון דער צענטראַל־באַנק

דער נאַציאָנאַל־ראַט, וועלכער האָט ביז דאַן זיך פאַרנומען מיטן מאָביליזירן דעם אַקציען־קאַפּיטאַל פון באַנק, האָט ניט מצליח געווען אין דער זאַך; די יידישע סוחרים און אינדוסטריעלער, וועלכע האָבן געפאָדערט רעכט אין באַנק, האָבן אָבער ניט דערפילט די פאָדערונגען צו געבן די מיטלען, וועלכע זיי האָבן צוגעזאָגט. אויך אין אויסלאַנד זיינען ניט געפונען געוואָרן קיין בעלנים אויף די אַקציעס פון באַנק. דערמיט איז די טייערע צייט פאַרלוירן געגאַנגען און עס איז געשטאַנען אַ געפאַר, אַז ווען עס וועט אָפּלויפן דער טערמין אויפצושטעלן די באַנק, וועט דער טערמין ניט פאַרלענגערט ווערן. דעריבער איז דער נאַציאָנאַל־ראַט געצוואונגען געוואָרן זיך צו ווענדן צו די פאָלקס־בענק מיט אַ פאָרשלאַג, אַז זיי זאָלן נעמען אויף זיך די פאַרטיילונג פון די אַקציעס און דערמיט העלפן דאָס באַלדיקע דערעפנען פון צענטראַל־באַנק.

די פאָלקס־בענק האָבן דעם פאָרשלאַג אַקצעפּטירט נאָכדעם ווי עס איז זיי צוגעזאָגט געוואָרן, אַז די העלפט פון די פּריווילעגירטע אַקציעס וועט איבערגעגעבן ווערן דעם פאַרבאַנד פון זייערע פאָלקס־בענק, און אַזוי איז דעם 1־טן נאָוועמבער 1921 געגרינדעט געוואָרן די יידישע צענטראַל־באַנק. צו שטיצן די קאָאָפּעראַציע אין ליטע און דאַן אָנגעהויבן איר טעטיקייט.

דער אָנגעצייכנטער אַקציען־קאַפּיטאַל פון צענטראַל־באַנק איז געווען 3.000.000 מאַרק, אָבער דער איינגעצאָלטער קאַפּיטאַל איז געווען נאָר 1.824.000 מאַרק. פון איר גרינדונגס־טאָג זיינען צו איר געווען פאַרבונדן 71 פאָלקס־

בענק, וועלכע האָבן אין משך פון אַנדערטהאַלבן יאָר פון זייער עקזיסטענץ באַוויזן זיך צו אַנטוויקלען און צו מאָ־ביליזירן חבר־אַפּצאָל און פאַרשיידענע פאָנדן אין אַ סכום פון 2.500.000 מאַרק און דעפּאָזיטן — 19.000.000 מאַרק. די צאָל פון זייערע מיטגלידער האָט שוין דער־גרייכט 11.000.

די פאָלקס־בענק זיינען אויפגעשטעלט געוואָרן אין אַ צייט ווען אין ליטע האָט נאָך ניט עקזיסטירט קיין איין באַנק, אָבער ווען די צענטראַל־באַנק איז שוין געעפנט געוואָרן, האָבן שוין עקזיסטירט 5 אַנדערע האַנדלס־בענק, און דאָס זיינען געווען:

1) די ליטווישע באַנק פאַר האַנדל און אינדוסטרי.
2) די ליטווישע ווירטשאַפטס־באַנק.
3) די ליטווישע באַנק פאַר קרעדיט.
4) די ליטווישע קאָמערץ־באַנק און
5) די אינטערנאַציאָנאַלע באַנק.

די אַנגעוויזענע בענק זיינען געווען ריין ליטווישע אַנשטאַלטן און זיינען געגרינדעט געוואָרן אָן דער באַטיי־ליקונג פון פרעמדן קאַפּיטאַל. נאָר די ליטווישע קאָמערץ־באַנק איז געגרינדעט געוואָרן דורך דער משפחה טילמאַנס (אַ באַקאַנטער דייטשישער אינדוסטריעלער אין ליטע) און הערן סאָלאָווייטשיק, אַ יידישער ווירטשאַפטס־מאַן, אַ ברודער פון ייד. מיניסטער סאָלאָווייטשיק. די באַנק האָט זיך געשטיצט אויף דער דייטשישער דאַרמשטעטער באַנק.

דער אייגענער קאַפּיטאַל פון יעדער פון די אויבנ־דערמאָנטע בענק האָט מיט פיל איבערגעשטיגן דעם איי־גענעם קאַפּיטאַל פון דער יידישער צענטראַל־באַנק, אָבער די צענטראַל־באַנק האָט געהאַט גוטע פאַרבינדונגען אין אויסלאַנד און האָט פון אַנהייב אָן מצליח געווען צו אַנט־וויקלען אַ לעבהאַפטע טעטיקייט פון אינטערנאַציאָנאַלער באַדייט.

אין ערשטן עקזיסטענץ־יאָר האָט די צענטראַל־באַנק געאַרבעט לויטן רעזשים פון די דייטשע אינפלאַציאָנס־מאַרקן, נאָר אין אָקטאָבער 1922 האָט די ליטווישע רע־גירונג איינגעצויגן דעם דייטשן מאַרק פון דעם מטבע־אומלויף פון דער מדינה און האָט אויף זיין אָרט אַרויס־געלאָזן אַן אייגענע וואַלוטע — דעם ליטאַס, וועלכער האָט זיך באַזירט אויפן אַמעריקאַנער דאָלאַר (איין ליטאַס = 1/10 דאָלאַר).

## די באַגעגעניש מיטן „דזשאָינט"

אין יענער תקופה האָט פּאַסירט אַ זאַך, וואָס האָט אויפגערודערט די יידן אין ליטע און ס'איז כדאי זיך אָפּצושטעלן אויף איר.

דער דזשאָינט, וועלכער האָט אַנגעפירט מיטן העלפן די יידן אין פּוילן, רומעניע, בעסאַראַביע, לאַטוויע און אין אַנדערע לענדער מיט דער הילף פון אַנגעשטעלטע און דירעקטאָרן, האָט פאַרשפּעטיקט צו באַזוכן ליטע, און ווען זיי זיינען אַהער געקומען, האָבן זיי, צו זייער גרויס באַ־וואונדערונג, געפונען זאַכן, וועלכע די יידן אין אַנדערע



לענדער האָבן צו זיי ניט זוכה געווען. אַ יידישע אויטאָנאָ־מיע, אַ מיניסטעריום פאַר יידישע ענינים, אַ נאַציאָנאַל־ראַט און וועדים פון קהילות, אָרגאַניזירטע און אויסגע־וויילטע אויף דעמאָקראַטישע יסודות, ווירטשאַפטלעכע מוס־דות. פאָלקס־בענק און זייער פאַרבאַנד, אַ צענטראַל־באַנק א. א. וו. — אַנשטאַלטן, וואָס מיט זייער הילף וואָלט דער דזשאָינט געקאָנט זיין טעטיק, זיינען שוין געווען גרייט פאַר זיין קומען, און דער דזשאָינט איז אויפגעפאָדערט געוואָרן צו קויפן אַקציעס פון אַ באַנק, וואָס די דעה אויף איר איז געלעגן אין די הענט פון נאַציאָנאַל־ראַט, אָדער צו פינאַנסירן באַשטימטע אונטערנעמונגען, ווי הייזער־בוי און אַנדערע ווירטשאַפטלעכע אונטערנעמונגען אויף גוטע תנאים, וואָס די שליטה אויף זיי זאָל זיך געפינען אין די הענט פון אָרטיקע געזעלשאַפטלעכע אַנשטאַלטן. די שליחים פון דזשאָינט זיינען דערצו ניט געווען געוויינט און זיי האָבן געפאָדערט מבטל צו מאַכן די אַלע אַנשטאַלטן, און די השגחה איבערן ווירטשאַפטלעכן לעבן פון די יידן אין ליטע איבערגעבן זיי. די יידן אין ליטע האָבן די תנאים ניט אַנגענומען, און די ווירטשאַפטלעכע קאָנפערענץ, וועל־כע איז ספּעציעל צוזאַמענגערופן געוואָרן, בכדי צו באַ־האַנדלען די ענינים צוזאַמען מיט די פאָרטרעטער פון דזשאָינט, איז פונאַנדערגעלאָזן געוואָרן אָן וועלכע עס איז רעזולטאַטן. די פאָדערונג פון דזשאָינט האָט אַרויסגע־רופן אַ שטאַרקע ערגערונג צו אים מצד די יידן אין ליטע.

די דרייסטע תשובה פון די יידן אין ליטע, וועלכע האָבן זיך אָפּגעזאָגט אַנצונעמען די תנאים פון דזשאָינט, האָט געמאַכט אַ רושם ביי יידן אויף דער וועלט. נאָר, ווען ד"ר בערנאַרד כהן איז באַשטימט געוואָרן אַלס איי־ראָפּעאישער דירעקטאָר פון דזשאָינט, איז אויפגעשטעלט געוואָרן די באַציאונגען צווישן דעם „פאָנדיישן" (אַזוי האָט מען דאַן גערופן די בשותפותדיקע אַרבעט פון דזשאָינט און די געזעלשאַפט „איקא" צום ווידעראויפ־שטעלן פון דעם אייראָפּעאישן יידנטום) און די יידן אין ליטע. דער „פאָנדיישן" האָט בעיקר געאַרבעט אויפן שטח פון ווידעראויפבוי פון די צעשטערטע בנינים אין ליטע, און די קרעדיטן דערצו זיינען געגעבן געוואָרן מיט דער הילף פון צענטראַל־באַנק דורך די פאָלקס־בענק.

## די באַציאונגען צווישן דער יידישער און ליטווישער קאָאָפּעראַציע

די ליטווישע קאָאָפּעראַציע האָט זיך אַנטוויקלט אויף אַנדערע וועגן און ביי גאַנץ אַנדערע תנאים. די ליטווישע באַפעלקערונג איז געווען קאָנצענטרירט אין דאָרף. ווען די מלחמה האָט זיך געענדיקט און די ליטווישע פליטים האָבן זיך צוריקגעקערט אויף זייערע פעלצער, איז פאַר זיי געשטאַנען דאָס פּראָבלעם צו באַזאָרגן די עלעמענטאַרע באַדערפענישן פאַר זייער באַפעלקערונג. קיין קלאַס ליט־ווישע קרעמער זיינען אין דאָרף ניט געווען, די פּראָג־רעסיווע צווישן די ליטווינער האָבן אַנגעהויבן צו אָר־גאַניזירן אין דאָרף די קאָנסום־קאָאָפּעראַציע, וועגן איר

נוציקייט האָבן זיי שוין באַוויזן צו הערן אין רוסלאַנד. אויף די קאָנסום קאָאָפּעראַטיוון איז אַרויפגעלייגט געוואָרן די אויפגאַבע צו באַזאָרגן אַלע נויטיקע באַדערפענישן פאַר דער דירה פון פויער און זייןווירטשאַפט.

סוף 1921 זיינען אין ליטע געווען טעטיק 350 אָרגאַניזירטע קאָנסום קאָאָפּעראַטיוון. אין קאָוונע האָבן דאַן עקזיסטירט צענטראַל־אַנשטאַלטן: „טאלקא" — צו באַזאָרגן באַקליידונג, שיך און אַ. וו. „אוקינינקו סאיונגא" — צו באַזאָרגן לאַנדווירטשאַפטלעכע מאַשינען, זאָמען, מיסט א. אַ. וו.

די עסקנים פון דער ליטווישער קאָאָפּעראַציע האָבן אין מאַי 1922 צוזאַמענגערופן אַן אַלגעמיינע קאָאָפּעראַטיוו־קאָנפערענץ. צו איר זיינען אויך איינגעלאַדן געוואָרן די יידן. 80 דעלעגאַטן פון דער קרעדיט־קאָאָפּעראַציע האָבן געענטפערט אויף דער איינלאַדונג און זיינען געקומען. (ליטווינער זיינען געווען 300, יידן — 80).

וועגן דער קרעדיט־קאָאָפּעראַציע אין שטאָט און אין דאָרף האָט געלייענט אַ רעפעראַט דער פאָרשטייער פון פאַרבאַנד פון די פאָלקס־בענק. אין וויכוח וועגן רעפעראַט זיינען אַרויסגעטראָטן די דעלעגאַטן פון די סאָציאַל־דעמאָקראַטן און ליטווישע פאָלקס־סאָציאַליסטן — פערזאָנען פון אַ שטעלונג און אַ השפעה — מיט אַ טענה, אַז די קרעדיט־קאָאָפּעראַציע העלפט בעיקר דעם קרעמער און דעם ניט־פּראָדוקטיוון מענטש, און דעריבער האָבן זיי פאָרגעשלאָגן איר פסלען אַלס קאָאָפּעראַטיווע באַוועגונג און צונעמען פון איר די רעכט, וואָס די קאָאָפּעראַציע בכלל האָט פון זיי אַ הנאה.

זייער כוונה איז געווען אַ קלאָרע: דערליידיקן די יידישע קרעדיט־קאָאָפּעראַציע. ס'איז געווען אַ סכנה, אַז די מיינונג וועט אָנגענומען ווערן מיט אַ מערהייט שטימען. נאָר דאָ זיינען געקומען צו הילף דער יידישער קרעדיט־קאָאָפּעראַציע די קריסטלעכע גייסטלעכע, וועלכע האָבן די פראַגע מיט אַ קליינער מערהייט אַראָפּגענומען פון סדר היום.

דער אָנגריף פון די ליטווינער האָט צעשטערט דעם מצב־רוח פון די יידן און אַלס פּראָטעסט האָבן זיי פאַרלאָזן די קאָנפערענץ, נאָך איידער עס האָבן זיך פאַרענדיקט די באַהאַנדלונגען.

דער ממשותדיקער רעזולטאַט פון דער קאָנפערענץ איז געווען: — די קאָנקורענץ פון די ליטווישע פּאַרטייען צו גרינדן קרעדיט־קאָאָפּעראַטיווע־געזעלשאַפטן אין די דערפער און שטעט, מיט דער כוונה צו פאַרפעסטיקן דורך זיי זייער פּאָליטישע השפעה.

מיט דער צייט איז דער ענין געבראַכט געוואָרן דערצו, אַז אין די דערפער זיינען געגרינדעט געוואָרן 3—4 געזעלשאַפטן פאַר קרעדיט (פּאַרטייאישע, וועלכע האָבן קאָנקורירט איינע מיט דער צווייטער).

די מיטלען צו זייער טעטיקייט האָבן די געזעלשאַפטן באַקומען פון דער ליטווישער מלוכה־באַנק. זיי





האָבן די געלטער פאַרטיילט צו די מיטגלידער, ניט זאָרגנדיק זיי צוריקצובאַקומען.

## דער צווייטער צוזאַמענפאָר פון די פאָלקס־בענק

דעם 22־טן מערץ 1922 איז פאָרגעקומען דער צווייטער צוזאַמענפאָר פון די פאָלקס־בענק אין ליטע. דאָס איז געווען דער ערשטער צוזאַמענפאָר נאָכדעם ווי דער סטאַטוט פון פאַרבאַנד פון די פאָלקס־בענק איז דורך דער רעגירונג באַשטעטיקט געוואָרן.

דער צוזאַמענפאָר האָט פאַרפעסטיקט דעם פאַרבאַנד, ער האָט באַשטעטיקט די שטעלונג צו די באַציאונגען מיטן „פאָנדיישן" און צוזאַמען מיט דעם האָט ער געפאָדערט, אַז די אַרבעט פאַרן ווידעראויפבוי פון די יידן אין דער חרובער ליטע זאָל זיך גלייך אָנהייבן. דער צוזאַמענפאָר האָט אויך באַהאַנדלט די פאַרזיכערונגס־פראַגע און האָט פּראָטעסטירט, וואָס דער וויכטיקער צוויג איז דורך דער רעגירונג מאָנאָפּאָליזירט געוואָרן.

עס איז אויסגעוויילט געוואָרן אַ שטענדיקע פאַרוואַלטונג פון פאַרבאַנד, אין באַשטאַנד פון די הערן: מ. אָקסעלראָד, אַ ברודני, יהודה בלאָך, אברהם זאַבאַרסקי, שמואל לאַנדוי, ז. לאַזאַראָוו און צבי פאָרט.

אין ראָט פון פאַרבאַנד זיינען אויסגעוויילט געוואָרן: אַקערמאַן פון אַניקשט, גילדה פון שאַוול, פיין פון ראַדווילישקי, קאָרצמער פון אַליטע, זלמן ראַבינאָוויטש פון פּאָנעוועזש, שוהאם פון ראַסיין און שטערן פון יאַנאָווע.

## די השפעה פון די מאָניטאַרע ענדערונגען אין דייטשלאַנד אויפן ווירטשאַפטלעכן מצב אין ליטע

די אינפלאַציע פון דייטשישן מאַרק און די סטאַביליטעט פון דער ליטווישער מטבע האָבן מיטגעווירקט צו שאַפן אַ פעריאָד פון שפע אין מסחר און דאָס האָט געהאָלפן פאַרפעסטיקן די צענטראַל־באַנק און די פאָלקס־בענק.

אין איין יאָר איז געוואַקסן דער אייגענער קאַפּיטאַל פון דער צענטראַל־באַנק אויף 900.000 ליט. די דעפּאָזיטן זיינען געוואַקסן פון 646 טויזנט ביז 2.300.000 ליט. און די הלוואות צו די קליענטן פון באַנק פון 1.500.000 ליט צו 9.440.000 ליט.

אין 1924 האָט זיך אָנגעהויבן די סטאַביליזאַציע פון דייטשישן מאַרק אין ליטע, וואָס איר ווירטשאַפט איז געווען אָפּהענגיק פון דייטשישן מאַרק, האָט מען עס גלייך אָנגעהויבן צו שפּירן צום שלעכטן. די יידישע סוחרים אין ליטע זיינען געווען געוויינט אין דער צייט פון דער אינפלאַציע צו גרויסע איינקויפן, וועלכע האָבן איבערגעשטיגן זייערע אומזאַצן. ווען די פּרייזן זיינען געשטיגן, זיינען קלענער געוואָרן די פאַרקויפונגען און די סוחרים האָבן ניט געקאָנט דעקן זייערע פאַרפליכטונגען, עס האָט זיך אָנגעהויבן אַ שטורעם פון באַנקראָטן. דער יאָך פון די שטייערן איז געוואָקסן. 85% פון דער באַפעלקערונג זיינען געזעסן אין דאָרף און נאָר 15% אין שטאָט, אָבער אין דאָרף

האָבן זיך געפונען די ליטווינער און אין די שטעט — די מינדערהייטן, און דער עיקר, די יידן, און די מאַכט האָט באַפאָרצוגט אַרויפצולייגן דעם יאָך פון די שטייערן אויף די פּלייצעס פון די איינוואוינער פון דער שטאָט — אויף די יידן.

אין דעם יאָר זיינען געמאַכט געוואָרן אייניקע פּרוּוון צו גרינדן יידישע קאָנסום־קאָאָפּעראַטיוון אין ליטע, אָבער אָן אַ באַזונדערער הצלחה.

עס זיינען אויך געגרינדעט געוואָרן אייניקע פּראָדוציר־קאָאָפּעראַטיוון, בעיקר דורך „החלוץ" (די סטאָלעריי „עבודה", קאָאָפּעראַטיוו פון עלעקטרא־מעכאַניקער א. א. וו.), אָבער זיי אַלע האָבן ניט געקאָנט לאַנג אָנהאַלטן.

אין דעם יאָר האָט אויך פאַרלאָזן ליטע הער זאַבאַרסקי און איז עולה געווען קיין ארץ־ישראל.

עס איז געמאַכט געוואָרן אַ רעאָרגאַניזאַציע אין בוי און אומפאַנג פון דער טעטיקייט פון פאַרבאַנד פון די פאָלקס־בענק, עס איז פאַרברייטערט געוואָרן דער פּערסאָנאַל פון די אינסטרוקטאָרן, עס זיינען איינגעלאַדן געוואָרן נייע מיטאַרבעטער א. א. וו.

אַלס לייטער פון פאַרבאַנד איז איצט אויסגעוויילט געוואָרן ה' צבי פּאַרט, וועלכער איז פריער געווען דער דירעקטאָר פון דער קאָוונער פאָלקס־באַנק. אין דער פאַרוואַלטונג פון פאַרבאַנד איז אויך געוויילט געוואָרן ד"ר א. אידעלסאָן, וועלכער איז פאַרבליבן אויפן פּאָסטן אין פאַרלויף פון 2 יאָר.

## הילף פאַר קליין־אינדוסטריעלער און בעלי־מלאכה

די קליין־אינדוסטריעלער און די בעלי־מלאכה האָבן זיך גענייטיקט אין כלים און פאַרשיידענע אינסטרומענטן צו זייער אַרבעט. עס האָט זיי דאַן געפעלט די אינפאָרמאַציע וועגן די מקורות, ווו זיי צו באַקומען; די טעכנישע פּרטים און די לייכטע תנאים זיי צו דערווערבן. צו זייער הילף איז געקומען די צענטראַל־באַנק, וועלכע האָט בשותפות מיט דער וועלט־אָרגאַניזאַציע „אָרט" געגרינדעט אין לאָנדאָן אַ געזעלשאַפט אונטערן נאָמען: „קאָאָפּעראַטיוו טול סופּליי קאָמפּאַני", אַלס מנהלים זיינען באַשטימט געוואָרן די ה"ה פּראָפ. פּרענקל און דער אינזש. כאַרנאַס, וועלכע האָבן זיך שטענדיק געפונען אין בערלין. די געזעלשאַפט האָט זיך באַשעפטיקט מיט צוטיילן מאַשינען און אַרבעט־געצייג פון ענגלאַנד און דייטשלאַנד פאַר יידישע בעלי־מלאכות און קליין־אינדוסטריעלער אויף אויסצוצאָלן ביי לייכטע צאָלונגס־באַדינגונגען.

די געזעלשאַפט האָט געהאַט אָפּטיילונגען אין ליטע, לאַטוויע, פּוילן, רומעניע און בעסאַראַביע. אין ליטע איז די געזעלשאַפט געווען פאַרטראַטן דורך אַ קאָאָפּעראַטיוון־אַנשטאַלט „רוימאַש", די מיטגלידער פון וועלכן ס'זיינען געווען די פאָלקס־בענק, וועלכע האָבן זיך אָפּגעגעבן מיטן איינקאַסירן די געלטער און מיט אַלע איבעריקע געלט־ענינים פון „רוימאַש", ניט באַקומענדיק גאָרניט פאַר זייער אַרבעט און טרחה.



אין משך פון עטלעכע יאָר האָט „רוימאַש" מיט פיל הצלחה דורכגעפירט די אַרבעט, אָבער אַז די מוטער־געזעלשאַפט אין בערלין האָט זיך בהדרגה פאַרוואַנדלט אין אַ האַנדלס־געזעלשאַפט פאַר מאַשינעס פון דער שווערער אינדוסטריע און האָט אָנגעהויבן צו געבן פאָרצוגס־רעכט די גרויסע אונטערנעמונגען, יידישע און ניט־יידישע, און זיי געגעבן אַ בעסערע באַהאַנדלונג איידער די יידישע מיטעלע און קליינע אונטערנעמונגען, איז מען אין ליטע געוואָרן אומצופרידן מיט איר.

דער פאָרזיצער פון פאַרוואַלטונג פון „רוימאַש" אין ליטע איז געווען צבי פּאַרט און דער פּאַקטישער פאַרוואַלטער ה. מ. מישורסקי. אין יענער צייט האָט זיך די צענטראַלע פון דער געזעלשאַפט אין בערלין אויך פאַרפּלאָנטערט מיט ניט קיין געלונגענע געשעפטן מיט סאָוויעט־רוסלאַנד. בכדי זיך מער ניט צו פאַרפּלאָנטערן האָבן די פאָלקס־בענק זיך צוריקגעצויגן פון „רוימאַש" און איר גאַנצע טעטיקייט איז אַריבער צו אַן אַקציע־געזעלשאַפט, וועלכע די געזעלשאַפט „אָרט" האָט ספּעציעל צוליב דעם געגרינדעט.

## די קריזיס־יאָרן

אין 1925 יאָר איז געוואָרן 5 יאָר זינט דער יידישער קאָאָפּעראַציע־באַוועגונג אין ליטע. אין דעם יאָר איז אויך פאַרטיק געוואָרן דער פּרעכטיקער בנין פון דער צענטראַל־באַנק, אָבער דאָס יאָר איז אויך געווען אַ יאָר פון שווערן קריזיס אין ליטע. אין אַ שווערער פאָרם איז איבערן לאַנד אַריבער אַ שווערע טריקעניש און דער עקספּאָרט פון דער לאַנדווירטשאַפטלעכער גערעטעניש איז געפאַלן פון 83 מיליאָן ביז 68 מיליאָן ליט. אַלס רעזולטאַט פון דעם איז ביז אַ מינימום פאַרקלענערט געוואָרן די קויפּ־קראַפט פון ליטווישן דאָרף.

די רעגירונג האָט באַשלאָסן צו פאַרפולקאָמען אירע פאַרשיידענע לאַנדווירטשאַפטלעכע געביטן און זיי אַריבערפירן צו אַן אינטענסיווער ווירטשאַפט.

זי האָט אויסגעאַרבעט אַ פּלאַן אויף 5 יאָר, זי האָט איינגעפירט ענדערונגען אין נידעריקן שטאַל־ווירטשאַפט, אויסבעסערונג פון דער קו־אָפּשטאַמונג, אַ געהעריקן טיפּול אין זייער דערנערונג, אויפגעשטעלט אַ נעץ פון מילכיקערייען און אַ צענטראַלן מוסד אונטערן נאָמען „פּיענאַצענטראָס", מיט אַ פאַבריק צו שאַפן פּוטער פאַרן עקספּאָרט (די ליטווישע פּוטער האָט זיך אויסגעצייכנט מיט איר גוטער קוואַליטעט און האָט געהאַט אַ גוטן אָפּזאַץ־מאַרק אין דייטשלאַנד, ענגלאַנד און אַנדערע לענדער און אַפילו אין ארץ־ישראל).

אין משך פון איין יאָר זיינען געגרינדעט געוואָרן 280 מילכיקערייען און זייער צאָל איז שפּעטער דערגאַנגען ביז 628.

דער פּלאַן איז דורכגעפירט געוואָרן אין לויף פון 5 יאָר מיט הצלחה און האָט געבראַכט גרויסע נוצן דער ליטווישער באַפעלקערונג, אָבער די קרייזן פון יידישן

מסחר זיינען אַרויסגעשטופּט געוואָרן דורך דעם פון אַלע צווייגן פון דער ווירטשאַפט, אין וועלכער די יידן זיינען דאָרט דורות־לאַנג געווען פאַרפעסטיקט.

אויסער דער פאַרפעסטיקונג פון דער דייטשער מטבע, דער שלעכטער גערעטעניש און דער נייער ווירטשאַפטלע־כער פּאָליטיק פון דער רעגירונג, איז די יידישע ווירטשאַפט אין ליטע אויך פאַרלעצט געוואָרן צוליב די פאָדערונגען פון די פּאָליטישע באַציאונגען צווישן דייטשלאַנד און ליטע, צוליבן מעמל־געביט. עס איז אַרויס דער פאַרבאָט אויף די דייטשע בענק צו געבן וועלכע ס׳איז קרעדיט צו הילף די פינאַנסיעלע אַנשטאַלטן אין ליטע.

דער פּלוצלונגער אויפהער פון די דייטשע בענק צו קרעדיטירן האָט אַוועקגעשטעלט אין אַ שווערן מצב די יידישע צענטראַל־באַנק, וועלכע האָט ניט געקענט דעקן די טשעקן, וואָס זי האָט אין דער צייט געצויגן אויף אַנדערע בענק אין אַמעריקע. די ליטווישע מלוכה־באַנק האָט זיך אַנטזאָגט צו העלפן דער יידישער צענטראַל־באַנק אין דער דאָזיקער שווערער לאַגע. די ניט געדעקטע טשעקן האָבן אָנגעהויבן צוריקגעקערט ווערן, עס איז אַנטשטאַנען אַ בהלה. די אינהאַבער פון די פּקדונות האָבן אָנגעהויבן צו פאָדערן זייערע דעפּאָזיטן, און די רעזערוון האָבן ניט געקלעקט. קיין הילף איז ניט דערהאַלטן גע־וואָרן און די באַנק האָט אויפגעהערט אירע צאָלונגען. די פאַרוואַלטונג פון באַנק איז געווען געצוואונגען זיך אָפּ־צוזאָגן און די יידישע צענטראַל־באַנק איז אַריבער אין די הענט פון אַ געזעלשאַפטלעכן קאָמיטעט, פון וועלכן בראש איז אַוועקגעשטעלט געוואָרן ל. אָזשינסקי — אַן אינדוסטריעלער און באַקאַנטער געזעלשאַפטלעכער טוער אין קאָוונע.

ער האָט באַרואיקט די דעפּאָנענטן און האָט דער־גרייכט זייער הסכמה צו אַ מאַראַטאָריום. עס איז דער־גרייכט געוואָרן אַן אָרדנונג מיט די גרופּן צווישן וועלכע עס זיינען געווען דער דזשאָינט, די יידישע קאָלאָניאַל־באַנק אין לאָנדאָן, פאַרשיידענע בענק אין דייטשלאַנד, און דער עיקר, די דרעזדנער באַנק.

לויט דער ביטע פון געזעלשאַפטלעכן קאָמיטעט האָט די דרעזדנער באַנק איינגעלאַדן קיין קאָוונע איר פאַר־טרעטער ד״ר קרעווער (יידישער באַנקיר פון רוסלאַנד) אויפצוקלערן, אויב עס איז פאַראַן אַ מעגלעכקייט געזונט צו מאַכן די באַנק און פאָרצוזעצן די טעטיקייט.

לויטן געזונטמאַכונג־פּלאַן, וועלכער איז אויסגעאַרבעט געוואָרן דורך ד״ר קרעווער, איז נייטיק געווען:

א) פאַרקלענערן דעם ווערט פון דער אַקציע פון באַנק (די מערהייט האָט געהערט צו די פאָלקס־בענק) אויף 2/3 פון זייער ווערט.

ב) מבטל מאַכן די גרינדער־אַקציעס.

ג) אַריבערצופירן די באַנק אויף אַ געוויינלעכע אַקציע־געזעלשאַפט, און די קרעדיטאָרן זאָלן מסכים זיין צו באַקומען אַקציעס אַנשטאָט זייער חוב.





ד) צו פאַרגרעסערן דעם אייגענעם קאַפּיטאַל פון באַנק ביז 3.000.000 ליט.

דער פּלאַן איז אָנגענומען געוואָרן דורך אַלע פאַראינ־טערעסירטע צדדים.

## דער פינפטער צוזאַמענפאָר פון די פאָלקס־בענק

דער קריזיס אין דער צענטראַל־באַנק האָט שטאַרק באַרירט דאָס ווירטשאַפטס־לעבן פון דער יידישער באַ־פעלקערונג און אויף אַ קורצער צייט אים אַפילו פּאַ־ראַליזירט, ווייל די שנעלע פאָדערונג פון די דעפּאָזיטן האָט זיך אויך פאַרשפּרייט אויף די פאָלקס־בענק אין גאַנצן לאַנד.

די צענטראַל־באַנק האָט דאַן צוריקגעגעבן 30% פון די דעפּאָזיטן און דאָס איבעריקע געלט איז אָפּגע־שטופּט געוואָרן אויף אַ משך פון 2 יאָר.

די פאָלקס־בענק זיינען געווען געצוואונגען אָפּצו־געבן אין פאַרלויף פון די לעצטע 3 חדשים פון יאָר 1925 47.5% פון זייערע דעפּאָזיטן, אויסער דעם האָבן זיי געדאַרפט פאַרקלענערן מיט איבער אַ מיליאָן ליט זייערע חובות צו דער צענטראַל־באַנק און צו אַנדערע בענק.

אויפן צוזאַמענפאָר פון די פאָלקס־בענק, וועלכער איז זיך צעזאַמענגעקומען אין נאָוועמבער 1925, האָבן זיך אַנטזאָגט די מיטגלידער פון די פאַרוואַלטונגס־אָרגאַנען פון פאַרבאַנד פון די פאָלקס־בענק (אַ טייל פון זייערע מיטגלידער האָט דאַן פאַרלאָזן ליטע און איז עולה געווען קיין ארץ־ישראל) און עס זיינען איבערגעוויילט געוואָרן נייע לייטונגס־אָרגאַנען.

אויף דעם צוזאַמענפאָר זיינען צוגעצויגן געוואָרן צו דער קאָאָפּעראַטיווער באַוועגונג 2 חשובע געזעלשאַפט־לעכע טוער פון ליטע, וואָס האָבן אָנערקענט די וויכטיקייט פון די פאָלקס־בענק און מסכים געווען זיך צו שטעלן בראש פון דער נייער פאַרוואַלטונג פון פאַרבאַנד: אַדוואָקאַט ל. גאַרפונקעל, אַ סיים־מיטגליד, וועלכער איז אויסגעוויילט געוואָרן אַלס פאָרזיצער פון ראַט, און דער אַדוואָקאַט ר. רובינשטיין, רעדאַקטאָר פון דער צייטונג „אידישע שטימע״, אַלס פאָרזיצער פון פאַרוואַלטונג.

דער פאַרבאַנד פון די פאָלקס־בענק איז געווען פאַר־אינטערעסירט צו באַנייען די נאָרמאַלע טעטיקייט פון דער צענטראַל־באַנק און ווידער אויפשטעלן דעם צוטרוי צו איר מצד דער געזעלשאַפט. אויך נאָכדעם ווי די באַנק איז אַרויס פון די הענט דער יידישער קרעדיט־קאָאָפּעראַציע, ווייל דער אַנשטאַלט איז דאָך געבליבן דער עיקר קרעדיטאָר פון די פאָלקס־בענק, אָבער די הויפּט־דאגה פון דעם פאַרבאַנד פון די פאָלקס־בענק איז געווען געזונט צו מאַכן די פאָלקס־בענק גופא.

דער פינאַנסיעלער מצב פון די פאָלקס־בענק האָט זיך פאַרערגערט צוליב דער פאַרקלענערונג פון זייערע אָפּעראַציעס און זייער גרויסן שאָדן צוליבן פאַלן פון ווערט פון די אַקציעס פון דער צענטראַל־באַנק. די אַקטיוון

זיינען מייסטנס פאַרפרוירן געוואָרן און מען האָט געדאַרפט איבערקוקן יעדן ייד באַזונדער, נאָכזען די קוואַליטעט פון די הלוואות און זייערע זיכערהייטן און אַריבערפירן דעם „פאַרפרוירענעם קרעדיט״ אין אַ „לויפנדן קרעדיט״, וועלכער איז געזיכערט דורך לויפנדע וועקסלען.

נאָך אַ גרינטלעכן קאָנטראָל פון מצב פון די פאָלקס־בענק האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז דורכן שווערן פינאַנסיעלן דרוק האָט אַ טייל פון די פאַרוואַלטונגען און ראַטן פון די אַנשטאַלטן זיך לייכטער געמאַכט צום צוטרוי פון זייערע וויילער, און מען האָט געדאַרפט אַריינברענגען אויסבעסערונגען אין די רעכטן און פליכטן פון די פאַרוואַלטערס פון די בענק און אַרויפלייגן אויף זיי דעם וועטאָ פון פאַרבאַנד פון די פאָלקס־בענק.

אַ באַזונדערער שריט איז באַשטאַנען אין דעם, אַז אין יעדע פאָלקס־באַנק האָט געדאַרפט באַשטימט ווערן אַ באַצאָלטער פאַרוואַלטער און ניט קיין געוויילטער, וועלכער זאָל, אגב, באַשטעטיקט ווערן דורכן פאַרבאַנד.

אַזוי זאָל צו דער באַשטימונג פון הלוואות פאַר די פאַרוואַלטונגס־און ראַט־מיטגלידער פון יעדער פאָלקס־באַנק זיין פאַרבונדן מיט אַ פריערער באַשטימונג פון פאַרבאַנד. אַז די פאַרוואַלטערס זאָלן באַקומען אַ באַפרידיקונג אין זייער אַרבעט — איז באַשלאָסן געוואָרן, אַז דאָס אויסצייכענען זיך אין ראַנג פון זייער אַרבעט זאָל פאָרקומען אין דער פאָרם פון אַריבערפירן פון איין אָרט צו אַ צווייטן, ד. ה., פון אַן אַנשטאַלט מיט אַ קלענערן טעטיקייטס־געביט צו אַ גרעסערן טעטיקייטס־געביט.

אַזוי איז אויך אויפגעשטעלט געוואָרן אַ פּענסיע־קאַסע פאַר די מיטאַרבעטער אין נעץ פון די פאָלקס־בענק.

בכדי צו פאַרלייכטערן די אַרבעטס־לאַסט, איז דאַן באַשלאָסן געוואָרן צו פאַרגרעסערן די פאַרוואַלטונג פון פאַרבאַנד און עס איז צוגעצויגן געוואָרן צו אים אויך ה׳ ש. קעלזאָן, וועלכער איז פריער געווען דער רעוויזאָר און אינסטרוקטאָר פון פאַרבאַנד.

די דירעקטאָרן פון „פונדיישן״ אין אייראָפּע — ד״ר בערנאַרד כהן, ד״ר ל. אונגער און דער גענעראַל־סעקרעטאָר פון אַנשטאַלט, ה נח אהרונוביצי, האָבן זייער אָפּגעשאַצט די אָנשטרענגונגען, וואָס דער פאַרבאַנד האָט געטאָן אויף צו פאַרפעסטיקן און געזונט מאַכן די פאָלקס־בענק און זיינען זיי געקומען צו הילף מיט באַדייטנדע קרעדיטן און בייטראַגן.

## די קעגנזייטיקע קרעדיטירונג פון די פאָלקס־בענק און די פאַרקלענערונג פון די צינדזן

נאָכדעם ווי די צענטראַל־באַנק האָט אויפגעהערט צו זיין דער איינציקער אַנשטאַלט צו קרעדיטירן די קאָאָפּעראַציע, איז נייטיק געווען צו שאַפן אַ מכשיר פאַר אַ קעגנזייטיקער הילף צווישן די פאָלקס־בענק. צו דעם צוועק האָט דער 7־טער צוזאַמענפאָר פון די פאָלקס־בענק באַשלאָסן צו שאַפן אַ קאָאָפּעראַטיוון־פאָנד און אַרויפגעלייגט אויף יעדער באַנק צו באַשטימען פאַר דעם פאָנד 10% פון די רווחים און די רעשטלעך פון די פקדונות. דער פאָנד זאָל זיין באַשטימט פאַר אַן אויסנאַמצייט, ווי דאָס אַרויספאָדערן פון דעפּאָזיטן, דעקונג פון הפסדים און אַ. וו.

אַזאַ דירעקטע קרעדיטירונג צווישן די קאָאָפּעראַטיווע אַנשטאַלטן האָט נאָך ביז דאַן ניט עקזיסטירט אין קיין שום אַנדערער קאָאָפּעראַטיווער באַוועגונג. דאָס איז געווען אַ פּרעצעדענס.

דער פאָנד האָט זיך געפירט אין אַ גרויסן פאַרנעם און האָט געהאַט אַ גוטע השפעה אויף דער אַנטוויקלונג פון די פאָלקס־בענק אין דער צוקונפט.

דער עקאָנאָמישער מצב פון יידישן ישוב האָט געפאָדערט די פאַרקלענערונג פון די צינדזן. ס׳איז קלאָר געוואָרן, אַז די תשובה אויף דעם וועט קאָנען געגעבן ווערן איבערהויפּט מיט דער הילף פון דער צענטראַל־באַנק.

דער הויפּט־דירעקטאָר פון דער צענטראַל־באַנק איז דאַן געווען ד״ר קרעווער און ער האָט זיך קעגנגעשטעלט קעגן דעם קאַטעגאָריש, ער איז ניט איינגעגאַנגען אויף קיינע אונטערהאַנדלונגען און אויף קיין פּשרה. ער האָט בכלל געקוקט מיט אַ שלעכטן אויג אויפן פאַרבאַנד פון די פאָלקס־בענק און האָט דאָ געפונען אַ גוטן וועג דורכצוואַרפן זיין איניציאַטיוו צו פאַרקלענערן די צינדזן און צוגלייך אויך פּטור צו ווערן פון פאַרבאַנד, וועלכער האָט אים געשטערט צו באַהערשן די פאָלקס־בענק.

ד״ר קרעווער האָט זיך דאַן געווענדעט צו די פאָלקס־בענק דירעקט און האָט זיי פאָרגעלייגט נייע געשעפטס־באַדינגונגען, זיך ניט רעכענענדיק מיט דעם פאַרבאַנד פון די פאָלקס־בענק.

ער האָט זיי פאָרגעלייגט צו ליקווידירן דעם פאַרבאַנד פון די פאָלקס־בענק, וועלכער האָט געקאָסט זיי כלומרשט צו טייער, און האָט זיי פאָרגעלייגט אינסטרואירן אויפן חשבון פון דער צענטראַל־באַנק — אומזיסט אָן געלט.

דער שריט פון ד״ר קרעווער האָט ניט מצליח געווען. דאָס האָט נאָר אַרויסגערופן כעס און פאַרביטערונג, און די פאָלקס־בענק האָבן זיך נאָך קאָמפּאַקטער פאַראייניקט אַרום פאַרבאַנד, עס זיינען נאָך אַנטשטאַנען פאָדערונגען זיך אָפּצורייסן אין גאַנצן פון דער צענטראַל־באַנק און צו אָרגאַניזירן אַ קלירינג דורכן פאַרבאַנד.

אין דעם שווערן קאַמף צווישן דער צענטראַל־באַנק און די פאָלקס־בענק איז די צענטראַל־באַנק געווען די אָנגרייפערין, דאַקעגן, דער פאַרבאַנד פון די פאָלקס־בענק איז געווען קעגן דראַסטישע מיטלען קעגן צענטראַל־באַנק, און האָט פון זיין זייט זיך באַמיט צו באַווירקן די אייגנטימער פון די אַקציעס פון דער צענטראַל־באַנק, זיי זאָלן זיך אַריינמישן אין סכסוך און זאָלן ניט דערלאָזן צו אַ ריס צווישן די פינאַנסיעלע אַנשטאַלטן פון יידישן ישוב. און אָט איז די הצלחה געקומען פון צווייזייטיקע קוועלן: די אַקציאָנערן פון דער צענטראַל־באַנק, פון איין

זייט, און די ליטווישע מלוכה־באַנק, פון דער אַנדערער זייט, האָבן זיך אַריינגעמישט אין דעם סכסוך און האָבן אים מכריע געווען צו גונסטן פון די פאָלקס־בענק.

דאָס געזונטמאַכונג פון די פאָלקס־בענק איז פאָרגעזעצט געוואָרן און דער צוטרוי צו זיי האָט זיך פאַרשטאַרקט. דאָס איז צו זען פון די פאָלגנדע ציפערן:

אין יאָר 1928 איז דער אייגענער קאַפּיטאַל פון די פאָלקס־בענק געוואַקסן אויף 200.000 ליט, דער סכום פון די דעפּאָזיטן איז געוואַקסן אויף 3.000.000 ליט. זייער חוב צום צ. ב. האָט זיך פאַרקלענערט אויף 600.000 ליט. די אינקאַסאָ דאָקומענטן, וועלכע זיינען דורך זיי דורכגעגאַנגען, האָבן דערגרייכט צו 6.600.000 ליט (פאַרגרעסערונג מיט 2 מיליאָן ליט), דאָס אַלץ האָט מיטגעבראַכט צו אַ באַדייטנדער פאַרלייכטערונג אויך אין דער צינדזן־פראַגע.

דאָ איז די טאַבעלע פון דער ענדערונג, וואָס איז פאָרגעקומען אין דעם צינדזאַץ פאַר הלוואות אין די פאָלקס־בענק:

| דער צינדזאַץ | צום 1 יאַנואַר 1928 צאָל בענק | צום 1 יאַנואַר 1929 צאָל בענק |
| --- | --- | --- |
| 21 — 26% | 63 | 27 |
| 10 — 20% | 22 | 58 |

די בולטע ענדערונג אין דער פאַרקלענערונג פון צינדזאַץ איז אַלזאָ געווען קלאָר, עס איז געשאַפן געוואָרן כאילו אַ מין קאָנקורענץ צווישן די פאָלקס־בענק צום פאַרקלענערן די צינדזן און עס איז דערגאַנגען דערצו, אַז דער פאַרבאַנד פון די פאָלקס־בענק האָט זיך געמוזט אַריינמישן און זאָרגן אַז די פאַרקלענערונג זאָל דורכגעפירט ווערן פּלאַנמעסיק, לויט די מעגלעכקייטן פון יעדן אַנשטאַלט, און אַז די פאַרקלענערונג פון די הכנסות זאָל ניט ברענגען קיין פאַרלוסטן און צו דעפיציטן אין בודזשעט.

כדי צו פאַרקלענערן די צינדזן ביז 18% יערלעך, האָבן אַ טייל פאָלקס־בענק געדאַרפט געהאָלפן ווערן מיט ביליקן קרעדיט פון „פאָנדיישן."

## די פעדעראַציע פון די ליטווישע יידן אין אַמעריקע

צום סוף 1928 איז איינגעאָרדנט געוואָרן אין אַמעריקע אַ צוזאַמענפאָר פון די יידן פון ליטע, אין צוזאַמענהאַנג מיט דער שלעכטער גערעטעניש און שווערן קריזיס, וועלכע האָבן זיי געטראָפן אין דער זעלבער צייט, און צו דעם צוועק איז אויפגעשטעלט געוואָרן די פעדעראַציע פון די ליטווישע יידן אין אַמעריקע. די פעדעראַציע האָט אָנגעהויבן זיך צו באַשעפטיקן מיטן ענין און האָט זיך גלייך פאַרבונדן מיטן פאַרבאַנד פון די פאָלקס־בענק. נאָכדעם איז אויפגעשטעלט געוואָרן די



דעלעגאַציע פון דער פעדעראַציע, וועלכע איז אַרויסגעפאָרן קיין ליטע, כדי צו לערנען די פּראָבלעמען אויף אַן אָרט.

ווען זיי זיינען אָנגעקומען אויפן אָרט, זיינען זיי אויפגענומען געוואָרן דורכן פאַרבאַנד פון די פאָלקס־בענק. זיינע פאָרשטייער האָבן זיך פאַרבונדן מיט די פאַרטרעטער פון דער פעדעראַציע און צוזאַמען האָבן זיי באַזוכט די הויפּטצענטרען פון די יידן אין ליטע.

נאָכן גרויסן באַזוך, וועלכער האָט געדויערט אייניקע וואָכן, איז מען צוגעטראָטן אויסצואַרבעטן אַ פּלאַן פאַר הילף, און נאָכדעם, ווי ער איז פאַרטיק געוואָרן, האָבן די הערן פון דער פעדעראַציע זיך צוריקגעקערט קיין אַמעריקע פאַר דער ווייטערדיקער טעטיקייט, און אָט דאַן האָט פּאַסירט דער קריזיס אויף דער ניו־יאָרקער בירזשע, וועלכע האָט צוגענומען פון דער פעדעראַציע די מעגלעכקייט צו זאַמלען געלט. צוליב דעם טעם איז דער גאַנצער פּלאַן אַראָפּ פון סדר־היום, און די פעדעראַציע איז זיך צעפאַלן.

די אָנשטרענגונגען צוצוגרייטן אַ פּלאַן פון אַ גרעסערן פאַרנעם און די גרויסע האָפענונגען, וועלכע מען האָט אָן דעם אָנגעבונדן, זיינען אַלזאָ צעפאַלן געוואָרן.

דער פאַרבאַנד פון די פאָלקס־בענק האָט געמאַכט אַלע אָנשטרענגונגען צו באַקומען אַ וועלכע עס איז הילף פאַרן יידישן ישוב פון דער ליטווישער מלוכה־באַנק, און איצט האָבן די אָנשטרענגונגען אין אַ געוויסער מאָס מצליח געווען. די ליטווישע מלוכה־באַנק האָט ניט געקענט שוין ווייטער אָפּזאָגן צו העלפן די יידישע פאָלקס־בענק און האָט זיי באַשטימט אַ קליינעם רעדיסקאָנט פון די וועקסלען פון זייערע קונדן, וועלכע איז אויך דורכגעפירט געוואָרן אין לעבן.

## די דרייסיקער יאָרן

אַנטקעגן דעם יאָר 1928 איז דאָס יאָר 1929 געווען פאַר דער מדינה אַן אויסערגעוויינלעכס יאָר פון ברכה. עס איז געווען אַ גוטע גערעטעניש אויף די פעלדער, און אַ באַזונדערע הצלחה אויך אין די אַנדערע געביטן פון דער ווירטשאַפט. עס איז ניט נאָר פאַרפאַלן געוואָרן דער דעפיציט אין צאָלונגסבאַלאַנס פון ליטע, נאָר עס האָט זיך נאָך באַקומען אַן עודף פון 23.4 מיליאָן ליט, און אין יאָר 1930 איז דער עודף געווען אויף נאָך 21.3 מיליאָן ליט. עס איז אין לאַנד געשאַפן געוואָרן אַ מצב־רוח פון שפע. אין דעם מצב־רוח פון דער אַלגעמיינער פּראָספּעריטע איז אויך בעסער געוואָרן דער אַלגעמיינער מצב פון דער יידישער באַפעלקערונג אין יענער תקופה. דער אייגענער קאַפּיטאַל פון די פאָלקס־בענק איז געוואַקסן אין יאָר 1929 אויף 400.000 ליט. און די דעפּאָזיטן און אָפּשפּאָרונגען זיינען גרעסער געוואָרן אויף 4.500.000 ליט.

דער חוב צו דער צענטראַל־באַנק האָט זיך פאַרקלע־




10טער צוזאַמענפאָר פון די ייד. פאָלקס־בענק אין ליטע

נערט אויף 2.500.000 ליט. דער סכום פון די הלוואות צו די חברים האָט זיך פאַרגרעסערט אויף 1½ מיליאָן ליט, און דעם סכום פון דעם רעזערוו, וועלכן די פאָלקס־בענק האָבן געהאַלטן פאַר זייערע דעפּאָזיטן, איז שוין דערגאַנגען צו 25% פון זייערע דעפּאָזיטן. אין דעם יאָר זיינען אויך ליקווידירט געוואָרן די דעפיציטן פון די פאָלקס־בענק פאַר די פריקע יאָרן און עס איז שוין אַפילו דערגרייכט געוואָרן אַ ריינער ריווח פון קרוב 1½ מיליאָן ליט.

מיט אַזאַ באַלאַנס איז זיך דעם 28—30 מאַי 1930 צונויפגעקומען דער צענטער צוזאַמענפאָר פון די פאָלקס־בענק — דער צען־יאָריקער יובליי־צוזאַמענפאָר.

אין צוזאַמענפאָר האָבן זיך באַטייליקט 119 דעלעגאַטן און איז דורכגעגאַנגען אין אַ געהויבענער שטימונג. ס'איז מיט צופרידנקייט אָנערקענט געוואָרן די גרויסע אויפגאַבע, וועלכע די פאָלקס־בענק האָבן אויסגעפירט אין ווירטשאַפטלעכן לעבן פון דער יידישער באַפעלקערונג אין ליטע און באַזונדערס אין ווידעראויפשטעלן זיינע ווירטשאַפטלעכע פּאָזיציעס נאָך דער מלחמה.

די יידישע קרעדיט־קאָאָפּעראַציע האָט באַוויזן זיך צו באַפעסטיקן און איז געווען גרייט מיט מער פעסטקייט צו שטיין צו הילף דעם יידישן ישוב אין זיין ווירטשאַפט־לעכן קאַמף, וועלכער שטייט אים פאָר אין דער צוקונפט.

דאָן האָט דער פאַרבאַנד פון די פאָלקס־בענק אויך אַרויסגעלאָזן אַ גענויעם דין־וחשבון איבער די פאָלקס־בענק צום סוף פון 1930 יאָר. ליידער איז דער גאַנצער מאַטעריאַל און דער דו"ח פאַרלוירן געגאַנגען אין דער צייט פון מלחמה און צעשטערונג פון יידישן ישוב אין ליטע דורך די רוסן און היטלעריזם, און מיר קאָנען ליידער ניט ברענגען קיין שום ידיעות פון דאָרט.



דעם 31 דעצעמבער 1930 איז די פאַרטיילונג פון די דעפּאָזיטן אין די פאָלקס־בענק געווען פאָלגנדע: —

| | | | | |
|---|---|---|---|---|
| פון די חברים | 36% | ס"ה | 4.327.513 | ליט |
| פון אַנשטאַלטן | 16% | " | 979.723 | " |
| פון ניט־חברים | 48% | " | 8.106.178 | " |
| ס"ה | 100% | " | 13.809.413 | " |

די אָפּשפּאָרונגען האָבן באַטראָפן 1.087.426 ליט און האָבן זיך פאַרטיילט:

| די גרויס פון אָפּשפּאָרונג | % אָפּשפּאָרער |
|---|---|
| ביז 100 ליט | 56.7% |
| " 300 " | 20.2% |
| " 500 " | 11.4% |
| " 1000 " | 6.8% |
| " 3000 " | 4.2% |
| העכער פון 3000 ליט | 0.7% |
| | 100% |

די צאָל חברים פון די פאָלקס־בענק האָבן זיך פאַר־טיילט אויפן פאָלגנדיקן אופן:

| | |
|---|---|
| 1. אינדוסטריעלער | 639 |
| 2. בעלי־מלאכות | 3819 |
| 3. סוחרים און קרעמער | 10279 |
| 4. לאַנדווירטן | 1701 |
| 5. אַרבעטער | 1818 |
| 6. אָנגעשטעלטע | 1226 |
| 7. פרייע פּראָפעסיעס | 894 |
| 8. אָן אַ באַשטימטע פּראָפעסיע | 1886 |
| ס"ה | 22262 |

ווי געזאָגט, זיינען די יאָרן 1929 און 1930 געווען יאָרן פון שפע, אָבער עס איז שוין דאַן קלאָר געווען, אַז די גוטע יאָרן זיינען נאָר צייטווייליקע, עס איז קלאָר געווען, אַז עס איז אוממעגלעך אַ פּראָספּעריטי אויף אַ לאַנגער צייט אין אַן אָפּגעזונדערט לאַנד, דאַן ווען אין דער גאַנצער וועלט הערשט אַן אַלגעמיינער קריזיס, וואָס גייט און פאַרברייטערט זיך. דער קריזיס אויף דער בירזשע פון ניו־יאָרק האָט געבראַכט קאָלאָסאַלע שאָדנס אין די ווירטשאַפטן פון אַמעריקע, און נאָכדעם זיינען צוגעקומען די באַנקראָטן פון גרויסע בענק (דנט באַנק א. אַ. וו.) אין דייטשלאַנד און אַנדערע לענדער אין אייראָפּע, און צום סוף דאָס פאַרלאָזן פון שטערלינג זיין גאָלד־באַזע. נאָך ענגלאַנד זיינען געגאַנגען אַנדערע לענדער אין אייראָפּע, וועלכע האָבן אָפּגעריסן זייער מטבע פון גאָלד־באַזיס. אַזעלכע ווירטשאַפטלעכע שטערונגען, אין אַזאַ פאָרמאַט, ברייט און טיף, האָבן ניט געקאָנט אַזוי פּשוט פאַרבייגיין ליטע, ניט באַרירנדיק איר. די מטבע פון ליטע איז, אמת, געבליבן פעסט, אָבער די מדינה האָט אָנגעהויבן צו ליידן פון אַלגעמיינעם וועלט־קריזיס.

אין יענער תקופה איז צוגעקומען נאָך אַ סיבה, וואָס האָט גורם געווען צו דער פאַרערגערונג פון ווירטשאַפטלעכן מצב אין דער מדינה.

ביי דער מלוכה־מאַכט איז געזעסן די פּאַרטיי פון די טאוטינינקעס (די נאַציאָנאַליסטן אין ליטע), וועלכע האָט געשטרעבט צו פאַרשטאַרקן די ליטווישע יסודות אין דער גאַנצער מדינה און מיט איר פּאָליטיק האָט זי שטאַרק אָנגערירט דאָס געזעלשאַפטלעכע און קולטורעלע לעבן פון מעמל־געביט, אַ געביט, וואָס האָט פאַר דער ערשטער וועלט־מלחמה געהערט צו דייטשלאַנד.

דאָס אָנרירן דורך די ליטווינער די רעכט פון די דייטשן אין מעמל האָט געהאַט אַ שטאַרקן ווידערקלאַנג אין דייטשלאַנד, וואָס האָט מיטגעבראַכט צו ווירטשאַפטלעכע סאַנקציעס, צווישן זיי דער פאַרבאָט צו באַנוצן זיך מיט פּראָדוקטן פון ליטווישן אימפּאָרט; דער פאַרבאָט האָט אין גאַנצן פּאַראַליזירט די ליטווישע פּראָדוקציע.

אויך אין יאָר 1931 איז דער עקספּאָרט פאַרקלענערט געוואָרן מיט 60 מיליאָן ליט און איז אַראָפּ ביז 273.1 מיליאָן ליט. און אין יאָר 1932 האָט ער זיך פאַרקלענערט מיט נאָך 84 מיליאָן ליט און איז דערגאַנגען ביז 189.1 מיליאָן ליט. בסך הכל האָט זיך אין די צוויי יאָר פאַרקלענערט דער עקספּאָרט פון ליטע אויף 144 מיליאָן ליט, ד. ה. ווייניקער מיט 43% פון אַלגעמיינעם עקספּאָרט אין יאָר 1930.

דער מצב האָט געצוואונגען די ליטווישע רעגירונג צו פאַרשנעלערן די סטרוקטורעלע ענדערונג אין דער לאַנדווירטשאַפט פון דער מדינה, וועלכע האָט זיך שוין פריער אָנגעהויבן, ד. ה. איר איבערפירן צו אַן אינטענסיווע ווירטשאַפט, און זוכן נייע מערק פאַר איר לאַנד־ווירטשאַפטלעכער פּראָדוקציע.

די רעגירונג האָט געזאָרגט פאַרן ליטווישן פּויער און אָפּגעהיט זיינע אינטערעסן דורך כל מיני באַשטימונגען און סובסידיעס.

נאָר דער ייד אַליין איז געבליבן אָן וועלכער עס איז שטיצע.

אויף וויפל די מדינה איז מצליח געווען צו געפינען נייע מערק פאַרן עקספּאָרט (ענגלאַנד און אַמעריקע), האָט זי דאָס אויסגעפירט דורך די ליטווישע קאָאָפּעראַטיוון, אין וועלכע די יידן האָבן דאָרט ניט געהאַט קיין שום צוטריט.

דאָס האָט זייער אָנגערירט די יידן, וועלכע האָבן געשעפּט זייער גאַנצע פּרנסה נאָר פון אויסן־האַנדל, און די אַרבעטסלאָזיקייט ביי זיי איז געגאַנגען און געוואַקסן.

דאָס פאַלן פון די גרויסע בענק אין דער וועלט האָט געווירקט אויך בנוגע דער באַציאונג צו די בענק אין ליטע.

עס האָט זיך אָנגעהויבן די נערוועזע אַרויספאָדערונג פון די דעפּאָזיטן און, פאַרשטענדלעך, די דערשיינונג האָט ניט געקאָנט אַריבערגיין און אַריבערהיפּן אויך די יידישע פאָלקס־בענק. פון זיי האָט מען דאָסמאָל אַרויסגעפאָדערט נאָר 39% פון די דעפּאָזיטן, אין דער צייט וואָס פון אַלע איבעריקע בענק אין דער מדינה האָט מען איצט אַרויסגעפאָדערט 50—60% פון די דעפּאָזיטן.

און צוויי סיבות האָבן געבראַכט דערצו:

א) דער פאַרבאַנד פון די פאָלקס־בענק האָט איצט געהערשט אויפן מכשיר פון קעגנזייטיקער קרעדיטירונג אין נעץ פון זיינע בענק און האָט אַריבערגעפירט צו די בענק, וועלכע זיינען געווען באַרירט דורך דער נערוועזער אַרויספאָדערונג פון די דעפּאָזיטן, די מאַקסימאַלע סכומים, וועלכע זיינען זיי נייטיק געווען צו באַצאָלן די געפאָדערטע דעפּאָזיטן. דער מיטל האָט מיטגעבראַכט צו דער בעסטער באַרואיקונג אויף די בעלי־פּקדונות און די אַרויספאָדערונג האָט זיך גלייך אָפּגעשטעלט.

ב) די מיטלען האָבן דערמעגלעכט די פאָלקס־בענק צו בלייבן רואיק אויך אין דער שטורעם־צייט בנוגע דער צינדזן־פראַגע, ד. ה. זיי האָבן אויך ניט געפאָדערט קיין העכערע צינדזן פאַר זייערע הלוואות.

אין יאָר 1932/1931 האָט די רעגירונג פאַרעפנטלעכט נייע געזעצן, וועלכע האָבן באַרירט די קאָאָפּעראַציע אין דער מדינה.

א) דאָס געזעץ וועגן שטייערן:

לויט דעם געזעץ זיינען אין גאַנצן באַפרייט געוואָרן פון שטייערן די קאָאָפּעראַטיוון, וועמענס אייגענער קאַפּיטאַל איז געווען ווייניקער פון 50.000 ליט, און די קאָאָפּעראַטיוון, וועמענס אייגענער קאַפּיטאַל האָט אַריבערגעשטיגן דעם סכום, האָבן באַדאַרפט באַצאָלן שטייערן נאָר 8% פון זייער ריינעם ריווח. דאַן ווען די ניט־קאָאָפּעראַטיווע אונטערנעמונגען האָבן געצאָלט שטייערן אין די ראַמען פון 11—16% פון זייער ריווח.

דאָס געזעץ איז אַלזאָ געווען צו גונסטן פון דער קאָאָפּעראַציע.

אָבער ניט לייכט האָט די מאַכט מסכים געווען, אַז דאָס געזעץ זאָל אויך זיין חל אויף די אַנשטאַלטן פון דער יידישער קאָאָפּעראַציע.

פיל מי האָט דער פאַרבאַנד פון די פאָלקס־בענק געדאַרפט אָנווענדן ביז עס איז דערגרייכט געוואָרן די אויטענטע דערקלערונג, לויט וועלכער אויך די יידישע פאָלקס־בענק האָבן געקאָנט נהנה זיין פון דעם געזעץ.

ב) דאָס געזעץ פון אויפזיכט איבער די קאָאָפּעראַטיוון

איז לכתחילה געווען קעגן די פּאַרטייאישע קאָאָפּעראַטיוון און אָפּאָזיציאָנערן צו דער רעגירונג, און האָט באַאויפטראַגט די רעגירונגס־רעוויזאָרן צו שטראָפן יעדן קאָאָפּעראַטיוו פאַר די קלענסטע עבירה ביז 2500 ליט, אָן אַ וועלכע עס איז רעכט זיך צו קלאָגן אויף דעם.

ווען דאָס געזעץ איז אָבער פאַרעפנטלעכט געוואָרן, איז ער אָנגעווענדעט געוואָרן, אויסשליסלעך, נאָר קעגן יידישע אַנשטאַלטן.

ג) דאָס געזעץ וועגן דער שפּראַך צו פירן די ענינים פון דער קאָאָפּעראַציע.

לויטן געזעץ האָבן די ענינים פון די קאָאָפּעראַטיוון זיך געדאַרפט פירן נאָר אין ליטוויש (אָנשטאָט ווי פריער — יידיש). אין דעם פּרט איז דאָס געזעץ אַפילו האַרבער געווען פאַר דעם רוסישן געזעץ פון די צייטן פון „צאַר", וועלכער האָט דערלויבט אין פוילן און אין קאָוונער גובערניע צו פירן די ענינים פון די קאָאָפּעראַטיוון אין דער שפּראַך פון דער אָפיציעלער מינדערהייט, וועלכע זיינען געווען דאַן די מערהייט אין די קאָאָפּעראַטיוון. דאָס געזעץ איז אויך געווען קעגן דעם מנהג, וועלכער האָט זיך געפירט אין אַלע פריערדיקע יאָרן. עס איז געווען אין אים ניט נאָר אַ שטאַרקע פּגיעה אויף די רעכט און כבוד פון יידישן ישוב, נאָר אויך אַ באַליידיקונג פאַר די אַנשטאַלטן און פּערסאָנאַל, ווייל די פאַרוואַלטונגען און ראַט־מיטגלידער פון זיי האָבן ניט באַהערשט גענוגנד די ליטווישע שפּראַך. די יידן האָבן ניט מצליח געווען, ניט קוקנדיק אויף אַלע באַמיאונגען, מבטל צו מאַכן דעם געזעץ.

אמת, די יידישע קאָאָפּעראַציע איז געווען נאָר אַ טייל פון דעם אָנגריפס־פראָנט, וואָס די רעגירונג האָט אָנגעהויבן צו פירן קעגן יידישן ישוב. אַזוי איז אויך אַרויסגעגעבן געוואָרן אַ רעגירונגס־באַפעל, וועלכער האָט פאַרבאָטן אַרויסהייבן אַ געלט־תביעה קעגן אַ פּויער, וועלכער איז געווען אויף אַ געוויסערווירטשאַפטלעכער מדרגה. דער באַפעל איז געווען געווענדט קעגן יידישן קרעמער.

דער ליטווישער קאָנסום־קאָאָפּעראַטיוו פלעגט פאַרקויפן דעם פּויער נאָר קעגן מזומנים. צוליב דעם איז ער געווען געצוואונגען צו מאַכן אַ טייל פון זיינע קניות אויך ביי יידן, וועלכע פלעגן אים פאַרקויפן אויך אויף באָרג. ווען דער באַפעל איז אָבער פאַרעפנטלעכט געוואָרן, איז דער יידישער קרעמער שוין געוואָרן געצוואונגען אויפצוהערן זיין האַנדל מיטן פּויער. דער ציל צו באַ־



זייטיקן דעם יידישן קרעמער איז אַלזאָ פון זיך אַליין דערגרייכט געוואָרן.

צוזאַמען מיטן אַרויסשטויסן דעם יידישן קרעמער פון מסחר און פון אַנדערע מקורות פון פּרנסה, האָט די רעגירונג שווערער געמאַכט דעם שטייערן־דרוק אויף די יידן. עס איז אויף זיי אַרויפגעלייגט געוואָרן צו דעקן דעם גרעסטן טייל פון רעגירונגס־בודזשעט. דאַן ווען די ליטווישע באַפעלקערונג האָט באַקומען אַלערליי פאַרלייכטערונגען צו באַצאָלן די שטייערן, האָבן יידן דאָס ניט באַקומען.

צו די אַלע צרות האָט אַ גרויסער טייל פון דער יידישער באַפעלקערונג פּערזענלעך אָנגעהויבן נאָך צו ליידן צוליב דעם, וואָס עס האָט אויפגעהערט צו באַקומען די שטיצע פון זייערע קרובים פון יענער זייט ים. די שטיצע האָט אויסגעפירט אַ ספּעציעלע אויפגאַבע אין לעבן פון דעם יידישן שטעטל. די שטיצע פלעגט דערגיין ביז 40% און אָפטמאָל אַפילו ביז 70% פאַר אַ יידישער פאַמיליע אין ליטע.

דאָס איבעררייסן פון באַקומען שטיצע האָט אָנגערירט ניט נאָר דעם יידישן פּרט, נאָר עס זיינען אויך אָנגערירט געוואָרן יידישע מוסדות, וואָס זייער בודזשעט האָט זיך באַזירט אויף דער שטיצע פון דער יידישער געזעלשאַפטלעכקייט אין אַמעריקע.

פון 1932 יאָר איז דער ווירטשאַפטלעכער מצב פון די יידן אין ליטע אַלץ שווערער געוואָרן.

אין יאָר 1933 האָבן די נאַציס דערגרייכט צו דער מאַכט אין דייטשלאַנד, און אין פוילן האָט געהערשט דער פאָלקאָווניק בעק, וואָס זיין רעגירונג האָט אונטערגעגראָבן דעם יידישן ישוב. אויך אין לאַטוויע איז געווען אַן ענלעכער מצב. ליטע איז אַלזאָ געווען אַרומגערינגלט דורך מדינות, וואו דאָס אַנטיסעמיטישע שטריך איז געווען זייער פּאָליטישע ליניע אין זייער פּאָליטיק.

אין ליטע איז דער ווירטשאַפטלעכער מצב געוואָרן אַלץ ערגער. אין צווישנצייט איז אויפגעשטאַנען אַ ליטווישער מיטלשטאַנד, וועלכער האָט פאַרלאָזן דעם דאָרף און געשטרעבט זיך צו באַזעצן אין שטאָט. די אַבסאָלווענטן פון מיטעלע שולן, דער קלאַס פון ליטווישע קרעמער און סוחרים, די אַבסאָלווענטן פון העכערע שולן: אַדוואָקאַטן, דאָקטוירים און אינזשעניערן, — די אַלע האָבן געזוכט פּרנסה אין שטאָט און די ווירטשאַפטלעכע פּאָזיציעס זיינען געווען פאַרנומען דורך די יידן אַלס שטאָטישע איינוואוינער פון שטענדיק. דאָס אַרויסשטויסן די יידן פון זייערע פּאָזיציעס און זיי איבערגעבן די ליטווינער איז געוואָרן אַ פּאָפּולערער לאָזונג, און די רעגירונג האָט פאַרעפנטלעכט שאַרפע געזעצן קעגן אַדוואָקאַטן, האַנטווערקער, אָנגעשטעלטע און יידישע סוחרים, ניט דערמאָנענדיק אַפילו דעם נאָמען ייד.

אויך אין יאָר 1934 איז דער ווירטשאַפטלעכער מצב אין ליטע ניט בעסער געוואָרן, כאָטש עס איז געווען אין דעם יאָר אַ גוטע גערעטעניש. אויך אין דעם יאָר איז דער

עקספּאָרט קלענער געוואָרן אויף 13 מיליאָן ליט, אין פאַרגלייך מיטן פאָריקן יאָר.

די עיקר סיבה איז געווען דאָס פאַלן פון די פּרייזן אויף די לאַנדווירטשאַפטלעכע פּראָדוקטן אין אויסלאַנד.

אין יאָר 1933 איז דער אימפּאָרט דערגאַנגען צו 142 מיליאָן ליט און אין 1934 האָט ער אַראָפּגענידערט צו 138 מיליאָן ליט.

די סיסטעם פון פּרעמיעס, קאָנטינגענטן און שוץ־צאָל זיינען געווען די מיטלען, וועלכע האָבן געהאָלפן דער ליטווישער רעגירונג אונטערגראָבן אונטער דער השפּעה פון די יידן אויף דער ווירטשאַפט פון דער מדינה און האָט זיי דערמעגלעכט מיט מער לייכטקייט די יידן צו באַזייטיקן פון זייערע פּאָזיציעס און זיי אַריבערפירן צו ליטווישע קאָאָפּעראַטיוון און פּריוואַטע ליטווישע פירמעס.

אין 1933 האָט דער קאָאָפּעראַטיוו „ליעטוקיס" אָנגעהויבן צו האַנדלען מיט תבואה און אין 1934 זיינען שוין אַריבער אין זיינע הענט 56.4% פון דעם מסחר־צווייג.

אויך דער מסחר מיט כעמישע באַמיסטיקונגען, וועלכער איז פריער געווען אויסשליסלעך אין יידישע הענט, איז אַריבערגעגאַנגען אין די הענט פון „ליעטוקיס" און דערגרייכט אין 1932 יאָר צו 44%, אין יאָר 1933 — צו 50% און אין 1934 יאָר — צו 88% פון גאַנצן האַנדל מיט כעמישע באַמיסטיקונגען.

אין 1934 יאָר האָט די רעגירונג קאָנצענטרירט אין די הענט פון „ליעטוקיס" 60% פון האַנדל מיט צוקער, 70% פון האַנדל מיט זאַלץ, 60% פון האַנדל מיט צעמענט, און דער עקספּאָרט פון די אייער, פון וועלכן ס'האָבן פריער געלעבט טויזנטער יידישע משפּחות, איז אין גאַנצן אַריבער אין די הענט פון ליטווישן קאָאָפּעראַטיוו.

אין יענעם יאָר איז פון די הענט פון די יידן אויך אַרויסגענומען געוואָרן דער האַנדל מיט פלאַקס און איז אין גאַנצן און פולקאָם אַריבער צו „ליעטוקיס". דער האַנדל מיט פלאַקס האָט געפאָדערט פאַכמענישע קענטענישן און אויף וויפל די ליטווינער האָבן נאָך די קענטענישן ניט געהאַט, האָבן זיי צייטווייליק אויך באַשעפטיקט יידישע אָנגעשטעלטע און ביי דער ערשטער מעגלעכקייט זיי אַלעמען אָפּגעזאָגט, ניט באַצאָלנדיק אַפילו קיין שום קאָמפּענסאַציע.

זוכנדיק נייע וועגן פון פּרנסה, האָבן די יידן אין יענער תקופה איינגעפירט דעם צווייג פון טראַנספּאָרט מיט אויטאָמאָבילן, ד. ה. דעם טראַנספּאָרט פון מענטשן און סחורה. אַלס פּיאָנערן אויף דעם געביט האָבן זיי געהאַט צו איבערווינדן זייער גרויסע שוועריקייטן.

אין 1933 יאָר האָט די רעגירונג באַשטימט, אַז מען דאַרף דערצו האָבן דערלויבענישן אויף די וועגן פון טראַנספּאָרט. דער סיסטעם האָט גורם געווען, אַז די באַטייליקונג פון די יידן אין צווייג פון פירן מיט אויטאָס איז פון 70% אַרונטער אויף 40% אין 1936 יאָר.

אָנהייב 1934 יאָר האָבן ליטווישע פירמעס אָנגעהויבן צו פאַרשפּרייטן מאַרקעס מיטן לאָזונג „קויפט ביי ליטווינער און ניט ביי יידן". דאָס האָט געהאַט אַ ווירקונג. אין זעלבן יאָר האָבן איבערגעריסן זייערע געשעפטס־באַציאונגען מיט יידן 37 פירמעס.

אָבער אין אַפּריל 1935 איז זייער צאָל שוין אויסגעוואַקסן ביז 1360.

ווי געזאָגט, זיינען אַממייסטן האַנדלס־צווייגן אַרויסגענומען געוואָרן פון די יידישע הענט און דאַן זיינען די יידן אַריבער צו דער אַנטוויקלונג פון דער אַרטיקער אינדוסטריע. אַ דאַנק זייער אינטעליגענץ, איניציאַטיוו און געלט האָבן די יידן אין דער קורצער צייט מצליח געווען צו אַנטוויקלען די אינדוסטריעס פון טעקסטיל, גאַלאַנטעריע, גומי, כעמיקאַליען, שפּייז, פאַרמאַצעווטיק, קאָסמעטיק, קאָנסערוון, און אויך דאָ האָבן די ליטווינער שוין לכתחילה געזאָרגט אַזוי צו ריכטן די ענינים, אַז ביי דער ערשטער מעגלעכקייט זאָל די אינדוסטריע, וועלכע וועט מצליח זיין, אַריבערגיין אין זייערע הענט.

אמת, די זאַך איז געווען קלאָר אויך פאַר די יידן, אָבער באין ברירה האָבן זיי זיך באַגנוגנט מיט דער חיי־שעה.

פון דער אַנדערער זייט, האָט די רעגירונג באַשווערט איר יאָך אויף די יידישע פינאַנסיעלע אַנשטאַלטן. אַזוי האָט זי אַרויסגעגעבן אַ באַפעל, לויט וועלכן עס האָט זיך געפאָדערט אַ רעגירונגס־דערלויבעניש ביים אָננעמען נייע באַאַמטע אויף אַרבעט אין די קאָאָפּעראַטיוון, ניט רעכענענדיק זיך מיט וועלכער מדרגה עס זאָל ניט זיין.

אַזוי האָבן אויך די רעגירונגס־אויפזעער געדאַרפט באַשטעטיקן דעם יערלעכן בודזשעט פון יעדן קאָאָפּעראַטיוו. באַזונדערס האָט עס באַשווערט אויף די קרעדיט־קאָאָפּעראַטיוון, ווייל עס איז לכתחילה געוואָרן באַשטימט, אַז דער יערלעכער בודזשעט זאָל ניט אַריבערשטייגן מער ווי מיט 2.5% פון אַלע הכנסות פון די הלוואות, וואָס דער אַנשטאַלט פאַרלייט, דאַן ווען דער צינדזזאַץ איז געווען באַשטימט לויטן געזעץ אַלס ניט מערער ווי 8% יערלעך.

די פאַראָרדענונגען האָבן באַזונדערס אָנגערירט די יידישע פאָלקס־בענק, ווייל זייערע פּקדונות זיינען געווען פּריוואַטע און ניט קיין מלוכהשע, פון וועלכע עס האָבן גענאָסן נאָר ליטווישע אַנשטאַלטן. אויסער דעם האָבן די פאָלקס־בענק פונקציאָנירט אַלע טעג פון יאָר, וואָס ס'איז ניט געווען דער פאַל מיט די ליטווישע אַנשטאַלטן.

די אַלע באַגרענעצונגען, פון איין זייט, און די שווערע לאַגע פון ווירטשאַפטלעכן מצב פון די יידן אין ליטע, פון דער אַנדערער זייט, האָבן שטאַרק געווירקט אויפן אומפאַנג פון דער טעטיקייט פון די פאָלקס־בענק און האָבן קלאָר געוויזן, וואָס עס שטייט זיי פאָר אין דער צוקונפט.

צום ביישפּיל, ווען מיר נעמען די אָפּעראַציע פון אינקאַסאָ פון די פאָלקס־בענק דאָקומענטן, זעען מיר, אַז זייער סכום איז ביי די פאָלקס־בענק געפאַלן פון 8.5

מיליאָן ליט ביז 4.5 מיליאָן ליט. אין אַזאַ לאַגע האָט דער פאַרבאַנד פון די פאָלקס־בענק פיל געהאָט צו אַרבעטן, בכדי צו באַזייטיקן די יידישע קרעדיט־קאָאָפּעראַציע פון פיל געפאַרן.

דער 15־טער צוזאַמענפאָר פון די פאָלקס־בענק האָט באַשלאָסן צו גרינדן אַ ווירטשאַפטלעכן ראַט ביי די יידישע פאָלקס־בענק. דער ראַט איז פאַרפליכטעט געוואָרן צו זוכן וועגן, בכדי אויסצובעסערן דעם ווירטשאַפטלעכן מצב פון יידישן יישוב. עס איז אויך באַשלאָסן געוואָרן צו שאַפן אַ פאָנד פאַר זשירעס פאַר די הלוואות, וועלכע וועלן געגעבן ווערן צו בעלי־מלאכות.

נאָכדעם ווי ס'איז קלאָר געוואָרן, אַז די פּאָליטישע ליניע פון דער ליטווישער רעגירונג איז געוואָרן אַן אַנטי־יידישע, און נעמענדיק אין באַטראַכט דעם פּאָליטישן מצב, וועלכער האָט דאַן געהערשט אין די לענדער, וועלכע גרענעצן זיך מיט ליטע, וואָס איז אויך געווען ניט צו גונסטן פון די יידן, איז קלאָר געוואָרן, אַז דער מצב פון די יידישע פאָלקס־בענק אין ליטע וועט וואָס ווייטער ווערן ערגער, אַן וועלכע ס'איז פאַראויסזעאונגען צו אַ בעסערער צוקונפט.

דאַן האָב איך באַשלאָסן צו פאַרלאָזן ליטע און אַריבערפאָרן קיין ארץ־ישראל.

אין אַ געוויסער הינזיכט האָב איך אין דעם באַשלוס באַקומען די שטיצע פון מיין פרוי, וועלכע איז לויט איר פאַך געווען אַן אַרצטין און האָט די גאַנצע צייט געשטרעבט צו פאָרן קיין ארץ־ישראל.

דווקא איז אין דער צייט פאַרעפנטלעכט געוואָרן פון דער מאַנדאַט־רעגירונג אין ארץ־ישראל אַ געזעץ, לויט וועלכן דאָקטוירים, וועלכע וועלן אָנקומען קיין ארץ־ישראל נאָכן 1.2.35, וועט מען זיי מאַכן שווערקייטן צו באַקומען אַרבעטס־דערלויבענישן.

אין ארץ־ישראל האָב איך זיך געטראָפן מיט ה' האָפּיען, דעם גענעראַל־דירעקטאָר פון דער באַנק „אַנגלו־פלשתינה בע"מ" (איצט באַנק לאומי לישראל) און איך בין איינגעלאַדן געוואָרן דורך אים אַלס פאַרוואַלטער פון דער קאָאָפּעראַטיווער אָפּטיילונג פון דער באַנק, וועלכע איז דאַן געגרינדעט געוואָרן.

אין פאַרבאַנד פון די יידישע פאָלקס־בענק אין ליטע איז דאַן פאַרבליבן אַלס איינציקער דירעקטאָר הער שלמה קעלזאָן. זיין גורל איז געווען ווי פון אַלע איבעריקע יידן אין ליטע. ער און זיין גאַנצע פאַמיליע און כמעט אַלע מיטאַרבעטער פון דעם פאַרבאַנד זיינען אומגעקומען אין די קאָנצענטראַציאָנס־לאַגערן אין דייטשלאַנד. זכרונם לברכה.

דער ווירטשאַפטס־ראַט האָט אָנגעפאַנגען זיין אַרבעט אין אַ גרויסן אומפאַנג און פאַרנעם. אַלס ערשטער ציל האָט ער באַשלאָסן צו מאַכן אַ ציילונג פון די יידישע האַנטווערקער און אינדוסטרי־אונטערנעמונגען אין ליטע.

מען האָט באַשטימט אַ נעץ פון אַגענטן אין אַלע פונקטן פון יידישן ישוב, וועלכע האָבן געדאַרפט אויספילן



פראַגע־בויגנס און אָנמערקן זייער מיינונג, וואָס מען קען טאָן לטובת די אָנגעפרעגטע יידן, און צושטעלן דאָס אין צענטראַל־ביוראָ.

די אַרבעט איז געווען פיל קאָמפּליצירטער ווי מען האָט לכתחילה זיך געקענט פאָרשטעלן.

נאָכן צונויפזאַמלען דעם מאַטעריאַל איז אַרויסגעגעבן געוואָרן אַ בראָשור, וועלכע האָט מער־ווייניקער פעסטגעשטעלט דעם מצב פון די יידישע בעלי־מלאכות און יידישע קליין־אינדוסטרי־אונטערנעמונגען, און עס זיינען אָנגעצייכנט געוואָרן די אַלגעמיינע שטריכן פאַר הילף אויף אַ לענגערער צייט פאַר זיי. ליידער האָט די צייט שוין דאַן ניט געפּאַסט פאַר אַזעלכע אונטערנעמונגען.

אין יאָר 1936, צוליבן אויפגאַנג פון דער נאַצישער השפעה אין מעמל־געביט, זיינען די יידן געצוואונגען געוואָרן צו פאַרלאָזן דעם געביט. דאָס מערסטע זיינען אַריבערגעפאָרן קיין קאָוונע.

אין יענער צייט איז אויך בעסער געוואָרן דער אַלגעמיינער ווירטשאַפטלעכער מצב אין לאַנד, ווייל עס האָט זיך אָנגעהויבן די פאַרגרעסערונג פון די פאָדערונגען אויפן וועלט־מאַרק אויף די סחורות, דער אימפּאָרט פון וועלכע איז מייסטנס געווען פון ליטע.

צייטווייליק איז אַלזאָ ביי די יידן געוואָרן אַ בעסערע שטימונג פון אַ שפע, און דאָס האָט מיטגעבראַכט אויך צו דער פאַרגרעסערונג פון די אונטערנעמונגען, וועלכע זיינען אַריבערגעפירט געוואָרן פון מעמל־געביט.

זינט עס זיינען אָפּגעשאַפט געוואָרן דורך דער ליטווישער רעגירונג די אַנשטאַלטן פון דער יידישער אויטאָנאָמיע, זיינען איבערגעבליבן נאָר צוויי וועגן צו באַשיצן די געזעלשאַפטלעכע טעטיקייט פון די יידן אין ליטע: דאָס זיינען געווען די יידישע צייטונגען און די אַרענע פון די יערלעכע צוזאַמענפאָרן פון די יידישע פאָלקס־בענק.

אויף די צוזאַמענפאָרן, וועלכע האָבן געהאַט אַ גרויסע באַדייטונג און האָבן קאָנצענטרירט פיל באַזוכער, האָט שטענדיק די צענטראַל־רעדע געהאַלטן דער פאָרזיצער פון פאַרבאַנד ה' ר. רובינשטיין, דער רעדאַקטאָר פון דער פאַרשפּרייטסטער יידישער צייטונג אין ליטע.

זיין רעדע פלעגט שטענדיק האָבן אַ ווידערקלאַנג אין יידישן ציבור און אויך ביי אַ טייל פון די פריינדלעכע ליטווישע פערזענלעכקייטן, הגם דאָס האָט על פי רוב ניט געווירקט אויף זיי צו ראַדיקאַל ענדערן זייער אַנטי־יידישע ליניע.

## די צווייטע וועלט־מלחמה

אין סעפּטעמבער 1939 האָבן די דייטשן אַריינגעמאַרשירט קיין פוילן.

פיל פון די יידישע פליטים זיינען פון פוילן געקומען קיין ליטע, וואו זיי האָבן געטראָפן אַ וואַרעמע און ברידערלעכע אויפנאַמע.

אין דער צייט האָבן די רוסן פאַרנומען ווילנע און האָבן זי אָפּגעגעבן צו די ליטווינער.

דאָס איז געווען פון זייער זייט אַ קלוגער פּאָליטישער שריט, ווייל ווילנע האָט זיך די גאַנצע צייט גערעכנט אַלס הויפּטשטאָט פון ליטע.

אָנשטאָט דעם האָבן די רוסן באַקומען פון ליטע מיליטערישע באַזעס. עס איז אַלזאָ דאַן געשאַפן געוואָרן אַ צופרידנקייט הן ביי די ליטווינער, — הן ביי די יידן. ליטע האָט דאַן באַשטימט אַלס איר זיץ־אָרט פון דער רעגירונג, ווילנע.

דאָס האָט אויך מיטגעווירקט, אַז עס זאָל פאָרקומען אַ פאַראייניקונג פון יידישער קרעדיט־קאָאָפּעראַציע אין ווילנע און די פאָלקס־בענק פון ליטע.

ס'האָט זיך אַלזאָ געשאַפן אַ מין סברה, אַז אין דער וועלט־מלחמה וועט ליטע כלומרשט בלייבן אַ מין נייטראַלער ווינקל.

אָבער די סברה האָט שוין אין 1940 יאָר געפּלאַצט. אין מיטן יאָר זיינען די רוסן אַרויסגעגאַנגען פון זייערע מיליטערישע באַזעס, וועלכע זיי האָבן פריער באַקומען פון דער ליטווישער רעגירונג, און האָבן אינגאַנצן באַזעצט ליטע.

ווען די רוסן האָבן באַהערשט די מאַכט, האָבן זיי אָנגעהויבן צו רעקווירירן דעם פּערזענלעכן און געזעלשאַפטלעכן פאַרמעגן און דאַן האָבן זיי באַפוילן אויך די יידישע פאָלקס־בענק, וועלכע האָבן באַדינט די יידישע באַפעלקערונג ביזן לעצטן מאָמענט, צו ליקווידירן זייער טעטיקייט און דעם פאַרמעגן איבערצוגעבן דער רוסישער מלוכה־באַנק.

די יידישע קאָאָפּעראַציע — דער שטאָלץ פון יידישן ישוב אין ליטע — וועלכער איז די גאַנצע צייט געווען פאַרקניפּט און פאַרבונדן מיטן יידישן ישוב דאָרט, האָט געמוזט פאַרשטומט ווערן, ווען עס האָבן זיך דערהערט די שריט פון דער צווייטער וועלט־מלחמה.

אַזוי האָט זיך געענדיקט די תקופה פון קאַמף פון יידישן ישוב אין ליטע פאַר זיין ווירטשאַפטלעכער עקזיסטענץ, דער קאַמף, וואָס זיין פאָן איז געווען די יידישע קרעדיט־קאָאָפּעראַציע אין דער מדינה.

יעקב אַלייסקי

# „אָרט״ אין ליטע

די געזעלשאַפט „אָרט״ איז געווען טעטיק אין ליטע פון יאָר 1920 ביז 1941. זומער 1940, נאָכן אָנשליסן ליטע צום ראַטן־פאַרבאַנד, זיינען די „אָרט״־שולן אין שאַוול, ווילקאָווישקי, מאַריאַמפּאָל און די „אָרט״־קאָמיטעטן אין אַנדערע ערטער געשלאָסן געוואָרן. בלויז די האַנטווערקער־מיטלשול פון „אָרט״ אין קאָוונע איז נאַציאָנאַליזירט געוואָרן און איז נאָך געווען טעטיק אין משך פון איין יאָר — ביז 1941, ווען ליטע איז אָקופּירט געוואָרן דורך די דייטשן. די שול האָט אין לערן־יאָר 1941/1940 ווייטער פאָרגעזעצט איר טעטיקייט מיטן זעלבן דירעקטאָר, די זעלבע אינסטרוקטאָרן און לערער. בלויז אַ פּאָר מיטאַרבעטער זיינען באַזייטיקט געוואָרן פון דער אַרבעט, לויט דער פאָדערונג פון צענטראַל־קאָמיטעט פון דער ליט״ק. קאָמוניסטישער פּאַרטיי. אויך דער לערן־פּלאַן איז מיט גאַנץ קליינע ענדערונגען געווען דער זעלבער. אין דער שול האָבן געלערנט בלויז יידישע קינדער, און די אונטערריכט־שפּראַך איז געווען יידיש. אויך דער נאָמען פון דער שול איז געבליבן דער זעלבער: 4־טע מלוכהשע האַנטווערקער מיטלשול „אָרט״ אין ליטע. דאָס יאָר 1941 איז אַלזאָ געווען דאָס יאָר פון דער עקזיסטענץ פון לעצטן רעשט פון „אָרט״ אין ליטע, ניט געקוקט אויף דעם, וואָס אויך די פאַכשול אין געטאָ, האָבן די געטאָ־יידן באַטראַכט אַלס אַ המשך פון „אָרט״, ווייל די לייטונג, אינסטרוקטאָרן און לערער זיינען אַלע געווען פון דער קאָוונער „אָרט״־שול.

פון די 21 יאָר, וואָס „אָרט״ איז געווען טעטיק אין ליטע, איז במשך פון 14 יאָר (1927—41) דער שרייבער פון די שורות געווען דירעקטאָר פון „אָרט״ אין אָט דעם לאַנד, טראָצדעם איז אים זייער שווער צו געבן אַ גענויע אָפּהאַנדלונג וועגן דער געשיכטע פון „אָרט״. דער גאַנצער אַרכיוו פון קאָוונער „אָרט״ איז פאַרשוואונדן. עס גלייבט זיך קוים, אַז ערגעץ וואו אין ליטע איז נאָך פאַרבליבן אַ וועלכער ניט איז מאַטעריאַל וועגן „אָרט״. שוין זייענדיק אין געטאָ סלאָבאָדקע איז מיר איין מאָל אויסגעקומען צו באַזוכן די „אָרט״־שול אין קאָוונע אויף יאַנאָווער גאַס. דאָרט האָט געאַרבעט אַ יידישע בריגאַדע ביים רעפּערירן אויטאָמאָבילן פאַר דער דייטשער אַרמיי, און איך האָב זיך אָנגעשלאָסן אין דער בריגאַדע, כדי צו זען די שול, אין וועלכער עס איז אַריינגעלייגט געוואָרן אַזוי פיל יידישע מי און אַרבעט. אַ דערשיטערטער, מיט טרערן אין די אויגן, בין איך געשטאַנען און צוגעקוקט ווי אויפן הויף פון דער שול און נעבן איר האָבן זיך געוואַלגערט דאָקומענטן און מאַטעריאַלן פון דער שול. אַ טייל פון אָט די דאָקומענטן האָב איך צונויפגעקליבן און געבראַכט אין געטאָ. שפּע־

טער אָבער, ווען ז׳אָס געטאָ איז ליקווידירט געוואָרן, זיינען אויך די מאַטעריאַלן פאַרלוירן געגאַנגען. אויך דער אַרכיוו פון דער וועלט־צענטראַלע „אָרט" איז אין זיין ווייט גרעסטן טייל פאַרלוירן געגאַנגען. אַ טייל ביים אַריבערפירן די צענטראַלע פון בערלין קיין פּאַריז, און דער אַנדערער טייל איז פאַרניכטעט געוואָרן בעת דער דייטשער אָקופּאַציע פון פּאַריז. עס בלייבט בלויז איבער זיך צו קאָנצענטרירן, אויפצופרישן דעם זכרון, כדי צו שאַפן כאָטש טיילווייז אַ בילד פון דעם, וואָס „אָרט" האָט אויפגעטאָן אין ליטע און וואָס אָט די אָרגאַניזאַציע האָט געגעבן דעם יידישן קיבוץ אין דעם לאַנד.

עס פאַרשטייט זיך, אַז אָט די אָפּהאַנדלונג קאָן באַטראַכט ווערן בלויז ווי אַ בייטראָג צו אַ קאַפּיטל „אָרט"־ליטע, אַ קאַפּיטל, וואָס הייבט זיך אָן, ווי געזאָגט, אין יאָר 1920.

## יידישע עקאָנאָמישע לאַגע אין ליטע פאַר דעם אָנהייב פון דער „אָרט"־טעטיקייט

די „אָרט"־טעטיקייט אין ליטע איז דורכגעגאַנגען אַ ריי אַנטוויקלונגס־פאַזעס. אָבער איידער מיר וועלן זיי באַהאַנדלען, איז כדאַי צו דערמאָנען, ווי אַזוי עס האָט אויסגעזען די עקאָנאָמישע לאַגע פון די יידן אין ליטע ערב דעם אָנהייב פון דער „אָרט"־טעטיקייט אין אָט דעם לאַנד, ווייל די „אָרט"־טעטיקייט איז געווען פאַרבונדן מיט דער אַנטוויקלונג פון דער עקאָנאָמישער און סאָציאַלער לאַגע פון די ליטווישע יידן און אַ רעזולטאַט פון איר.

די עקאָנאָמישע לאַגע פון די יידן אין ליטע איז אין די סאַמע ערשטע פאַר יאָר פון דער אומאָפּהענגיקייט פון אָט דער מדינה ניט געווען קיין שלעכטע, אָבער שוין אין יאָר 1920 האָט זיך די לאַגע פון די יידן שטאַרק געענדערט.

די וויכטיקסטע סיבות פון דער דערשיינונג זיינען געווען: דער פאַרשטאַרקטער אָנגריף פון די ליטווינער אויף די יידישע עקאָנאָמישע פּאָזיציעס, די נאַציאָנאַל־עקאָנאָמישע פּאָליטיק פון דער רעגירונג, וועלכע האָט געשטיצט אָט דעם אָנגריף, און די שינויים אין עקאָנאָמישן לעבן פון ליטע בכלל.

## אָנגריף אויפן יידישן האַנדל און אינדוסטריע

דער קאַמף פון די ליטווינער צו פאַרכאַפּן די עקאָנאָמישע פּאָזיציעס אין לאַנד האָט זיך שוין אָנגעהויבן נאָך איידער ליטע איז געוואָרן אַ זעלבשטענדיקע מדינה. אָבער ממשותדיקע פאָרמען פון אַן אמתער אָפענסיווע אויף די יידישע פּאָזיציעס אין די שטעט און שטעטלעך האָט דער קאַמף אָנגענומען אַ יאָר נאָכן פּראָקלאַמירן די זעלבשטענדיקייט פון ליטע. די ליטווישע רעגירונג האָט מיט איר גאַנצן אַפּאַראַט און מיט איר פּאָליטיק שטאַרק געשטיצט אָט דעם אָנגריף.

די ליטווישע רעגירונג, וואָס האָט זיך געשטעלט אַלס ציל צו ליטוויניזירן די שטעט און שטעטלעך, האָט מיט אַלע מיטלען זיך באַמיט אונטערצוגראָבן די יידישע עקאָנאָמישע פּאָזיציעס אין לאַנד. די רעגירונג האָט געהאָלפן שאַפן און האָט געשטיצט אַ נעץ פון קאָאָפּעראַטיוון און דורכגעפירט אַ שטייער־פּאָליטיק, וועמענס ציל עס איז געווען צו רואינירן די יידישע ווירטשאַפטלעכע פּאָזיציעס. זי האָט אויך געפירט, דורך דער ניי־געשאַפענער „באַנק פון ליטע", אַן עמיסיע און קרעדיט־פּאָליטיק, וואָס האָט געשטיצט די קאָאָפּעראַטיוון און די ליטווישע אונטערנעמער און איז געווען געווענדעט קעגן יידן.

אין לאַנד גופא איז אויך געפירט געוואָרן אַ גרויסע אַגיטאַציע קעגן יידישן האַנדל. אפילו פאָרשטייער פון כלומרשט דעמאָקראַטישע פּאַרטייען (סאָציאַל־דעמאָקראַטן און „ליאַודינינקעס") האָבן זיך ניט געשעמט, בעת דער וואַל־קאַמפּאַניע צום צווייטן סיים, אַרויסטרעטן אָפן מיט דערקלערונגען, אַז „מיר וועלן אַרויפלייגן אויף יידן אַזעלכע שטייערן, אַז זיי וועלן מוזן אַנטלויפן פון לאַנד". און צו אָט דעם אָנגריף מצד דער רעגירונג, צו די הויכע שטייערן, צו דער קאָנקורענץ מצד די קאָאָפּעראַטיוון, זיינען נאָך צוגעקומען ענדערונגען אין סאָציאַלן צוזאַמענשטעל פון יידישן קיבוץ, וואָס האָט נאָך פאַרשווערט די לאַגע, נאָך מער פאַרשאַרפט דעם קריזיס.

נאָך דער ערשטער וועלט־מלחמה האָט זיך שטאַרק געענדערט דער פּראָפעסיאָנעלער באַשטאַנד פון דער יידישער באַפעלקערונג אין ליטע. דער פּראָצענט יידן, וואָס האָט זיך באַשעפטיקט מיט מסחר, איז באַדייטנדיק געוואַקסן לגבי דער צייט פון פאַר דער מלחמה. אויב לויט דער פאָלקס־ציילונג פון 1897 האָבן זיך בלויז 31% פון דער יידישער באַפעלקערונג אין ליטע באַשעפטיקט מיט מסחר, האָט די צאָל באַשעפטיקטע מיט האַנדל, נאָך דער מלחמה, באַטראָפן כמעט 60%. דאָס האָט בלי ספק אַרויסגערופן אומנאָרמאַלע דערשיינונגען און גורם געווען קאַטאַסטראָפאַ׳ע רעזולטאַטן. כל זמן דער מסחר איז געגאַנגען אין דייטשע מאַרקן, וועמענס ווערט עס האָט געהאַלטן אין איין פאַלן, האָט זיך די סוחרים און קרעמער אויסגעדאַכט, אַז זיי ווערן נתעשר. באַלד איז אָבער געקומען די סטאַביליזאַציע פון דער וואַלוטע און מיט איר — דער קראַך. אָבער איידער דער קראַך איז געקומען, האָט די צאָל קרעמער כסדר געהאַלטן אין איין וואַקסן, און אין אַ שטאָט, אָדער אַ שטעטל, וואו עס זיינען, למשל, פאַר דער מלחמה געווען 5—10 קראָמען פון מאַנופאַקטור, זיינען דערעפנט געוואָרן 30—40 אַזעלכע געשעפטן, און אַזוי אויך אין אַנדערע בראַנזשעס. די געשעפטן האָבן שטאַרק קאָנקורירט צווישן זיך און זיי אַלע צוזאַמען האָבן באַדאַרפט אויסשטיין די קאָנקורענץ פון די קאָאָפּעראַטיוון און געמוזט צאָלן הויכע שטייערן, ווי אויך פירן זייער טעטיקייט אין אַן אַטמאָספער פון שאַרפער אַגיטאַציע צווישן דער ליטווישער באַפעלקערונג קעגן זיי. דאָס אַלץ, ווי געזאָגט, האָט אַרויסגערופן אַ גרייסן קריזיס אין יידישן האַנדל און אינדוסטריע, וואָס איז שפּעטער

נאָך מער פאַרשאַרפט געוואָרן, בעת די וואַלוטע איז סטאַ־ביליזירט געוואָרן.

## לאַגע פון די האַנטווערקער

אַ סך בעסער איז צו יענער צייט געווען דער מצב פון דער יידישער מלאכה און האַנטווערק. אין די ערשטע יאָרן נאָך דער ערשטער וועלט־מלחמה איז דער אָנגריף פון די ליטווינער געגאַנגען, דער עיקר, אויפן יידישן האַנדל און יידישער אינדוסטרי. די קאָנקורענץ פון די ליטווינער אויפן געביט פון האַנטווערק איז געווען אַ סך קלענער ווי, למשל, אין פוילן, וואו גרויסע מאַסן פון שטאָטישן בירגערטום האָבן שוין פאַר דער מלחמה זיך פאַרנומען מיט האַנטווערק און זיינען אפילו אין געוויסע פאַלן געווען בעסער אויסגעשולט ווי יידן.

צוליב דעם, וואָס עס איז ניט געווען קיין שטאַרקער אָנגריף מצד די ליטווינער אויף די יידישע פּאָזיציעס אין האַנטווערק, האָט דער יידישער האַנטווערקער געקאָנט רואיק אַרבעטן און ציען זיין פרנסה, און די רעגירונג האָט נאָך ניט געפירט קעגן אים קיין ספּעציעלע דיסקרי־מינאַציע־פּאָליטיק.

די יידישע מלאכה איז אָבער אין אַ גרויסן טייל ניט געשטאַנען אויפן געהעריקן פאַכמענישן ניוואָ.

נאָכן גירוש פון יידן אין ליטע, אין יאָר 1915, איז אַ געוויסער טייל פון די יידישע האַנטווערקער פאַרבליבן אין רוסלאַנד. אין דער צייט פון דער אָקופּאַציע האָט די יוגנט ניט געהאַט וואו צו לערנען אַ פאַך, דער יונגער דור בעלי־מלאכות האָט ניט געהאַט קיין געהעריקע פאַכ־מענישע אויסבילדונג, איז דעריבער די צאָל פאַכמעניש אויסגעבילדעטע יידישע האַנטווערקער געווען אַ נישטיקע.

עס האָט זיך געשאַפן אַן אייגנאַרטיקע לאַגע. אין דער צייט, וואָס פאַרן יידישן האַנטווערקער איז נאָך געווען אָפן אַ פעלד פאַר טעטיקייט, איז ער אָבער פאַכ־מעניש ניט געווען דערצו צוגעגרייט, און דאָס אויסשולן געהעריקע קאַדרען בעלי־מלאכות איז געווען איינס פון די וויכטיקסטע פּראָבלעמען, וואָס איז געשטאַנען פאַרן יידישן קיבוץ אין ליטע.

## יידישע לאַנדווירטשאַפט

ביים באַהאַנדלען די עקאָנאָמישע לאַגע פון יידן אין ליטע ערב דעם אָנהייב פון דער „אָרט"־טעטיקייט, מוז דערמאָנט ווערן אויך די יידישע לאַנדווירטשאַפט, ווייל אין דער יידישער לאַנדווירטשאַפט אין מזרח־אייראָפּע האָט ליטע פאַרנומען אַ ספּעציעלן און גאַנץ באַדייטנדיקן פּלאַץ.

לויט אַ סטאַטיסטיק פון יאָר 1897 זיינען אין קאָוונער גובערניע געווען באַשעפטיקט ביי ערד־אַרבעט 5,5 פּראָ־צענט פון דער יידישער באַפעלקערונג. דער הויפּט־צווייג פון יידישער אַגריקולטור איז געווען גערטנעריי. די יידי־שע לאַנדווירטשאַפט אין ליטע האָט אַרומגענומען צענד־ליקער טויזנטער דעסיאַטין פון אייגענעם יידישן באָדן און צענדליקער טויזנטער דעסיאַטין אַרענדירטן באָדן. די יידישע באַפעלקערונג, וועלכע האָט געלעבט פון ערד־אַרבעט, האָט באַטראָפן ביי אַ 12 טויזנט נפשות. אַן ערך אַ העלפט פון אָט דער צאָל האָט זיך באַשעפטיקט מיט גערטנעריי. די איבעריקע האָבן זיך פאַרנומען מיט מילך־ווירטשאַפט, תבואה־ווירטשאַפט און אַנדערע צווייגן פון אַגריקולטור.

די מלחמה און דער גירוש האָבן צעטרייסלט דאָס גאַנצע יידישע לעבן אין ליטע, און אויך, נאַטירלעך, די יידישע לאַנדווירטשאַפט. יידישע הויפן־ווירטשאַפטן און גערטנערייען זיינען חרוב געוואָרן. ספּעציעל האָט געליטן די גערטנעריי, פאַר וועמען די מלחמה איז געווען אַ טויט־קלאַפּ, ווייל זי האָט אָפּגעריסן די גערטנער פון די גרויסע מערק אין רוסלאַנד און אויך אין דייטשלאַנד. אָבער גלייכצייטיק איז, דווקא אין דער צייט פון דער דייטשער אָקופּאַציע, געוואַקסן דער דראַנג צו לאַנדווירט־שאַפט ביי דער פאַרבליבענער יידישער באַפעלקערונג פון דער אָקופּירטער ליטע.

אין דער צייט פון דער אָקופּאַציע האָבן הונגער און נויט געהערשט ביי די יידן, וואָס זיינען פאַרבליבן אין ליטע, און אָט די נויט האָט געשטויסן די יידן, וואָס האָבן פאַרלוירן זייערע באַשעפטיקונגען און אַפילו די יעניקע, וואָס האָבן יאָ עפּעס־וואָס פאַרדינט, זיך צו נעמען צו ערד־אַרבעט. אָט דער דראַנג האָט אָנגעהאַלטן ביי די יידן אין די ערשטע יאָרן פון דער ליטווישער אומאָפּהענגיקייט.

לויט אַן אויספאָרשונג, וואָס עס האָט דורכגעפירט דער יידישער נאַציאָנאַל־ראַט אין קאָוונע וועגן דער יידי־שער לאַנדווירטשאַפט אין ליטע, זיינען אין 59 שטעט און שטעטלעך פון ליטע — אויסער קאָוונע — געווען 12,3 פּראָצענט פּראָפעסיאָנעל זעלבשטענדיקע יידן־לאַנד־ווירטן. אין צענדליקער שטעטלעך האָט כמעט יעדער ייד געהאַט אַ גאָרטן. פאַמיליעס, וועלכע האָבן פריער קיינמאָל ניט געהאַט קיין שום שייכות צו לאַנדווירטשאַפט, האָבן מיט אייגענע כוחות פאַרזייט גערטנער און פעלדער פאַר אייגענעם געברויך. און געווען איז אַ גרויסע האָפענונג ביי יידן, אַז ביי ערד־אַרבעט וועלן פאַרבלייבן אַן ערך 12—15 פּראָצענט פון דער פּראָפעסיאָנעל־באַשעפטיקטער יידישער באַפעלקערונג.

עס האָט זיך אָבער אַרויסגעוויזן, אַז די האָפענונג איז געווען אַן אומזיסטע. די געזעצגעבונג פון דער נייער ליטע האָט געזאָרגט דערפאַר, אַז די יידישע באַפעלקע־רונג זאָל ניט צוגעלאָזט ווערן צו לאַנדווירטשאַפט. די אַגראַר־רעפאָרם, וואָס איז דורכגעפירט געוואָרן, האָט קוים געקאָנט באַפרידיקן דעם דוחק אין באָדן פאַר אָרעמע פויערים, און עס איז קלאָר, אַז יידן האָט מען בכלל צו לאַנדווירטשאַפט ניט צוגעלאָזט.

נאָכמער, די יידישע באַפעלקערונג האָט פאַרלוירן גרויסע שטחים, וואָס זי האָט קולטיווירט אין די איבער־גאַנגס־יאָרן. אַ סך יידן האָבן זיך געמוזט אָפּזאָגן פון זייער נייעם פרנסה־מקור — לאַנדווירטשאַפט. אַ געוויסער קליי־

נער טייל אָבער פון די יידן איז דאָך געבליבן ביי דער לאַנדווירטשאַפט און אויף וויפל די יידן זיינען פאַרבליבן ביי לאַנדווירטשאַפט, איז דער הויפּט־צווייג געבליבן ווי פריער — גערטנעריי. כדי אָבער אויפצוהאַלטן אַפילו דעם קליינעם פּראָצענט יידן ביי לאַנדווירטשאַפט, איז נייטיק געווען גרויסע הילף אין אַלע פאָרמען, ווי: מאַשינען, זריעה, לעבעדיקער אינווענטאַר, לאַנדווירטשאַפטלעכע באַראַטונג א. אַ. וו.

סומירנדיק אין קורצן די יידישע עקאָנאָמישע לאַגע אין דער אומאָפּהענגיקער ליטע, פאַרן אָנהייב פון דער „אָרט"־טעטיקייט, באַקומען מיר פאָלגנדיק בילד: שאַרפער קריזיס אין האַנדל און מעגלעכקייטן פון אַרבעט פאַר בעלי־מלאכות, אָבער גלייכצייטיק אַ נויטווענדיקייט פון הייבן זייער פאַכמענישן ניוואָ, אַ נויטווענדיקייט אויפצוהאַלטן די יידישע לאַנדווירטשאַפט, אויף וויפל זי איז געבליבן אין ליטע.

## אַנטשטייאונג פון „אָרט"

אין אָנבליק פון אָט דעם אַלגעמיינעם עקאָנאָמישן מצב, און זוכענדיק וועגן צו באַפעסטיקן יידישע עקאָנאָמישע פּאָזיציעס אין לאַנד, זיינען יידישע געזעלשאַפטלעכע קרייזן געקומען צום אויספיר, אַז אַ חוץ עמיגראַציע איז די איינציקע מעגלעכע לייזונג אין די געגעבענע באַדינגונגען — צו העלפן וואָס גרעסערע יידישע מאַסן איבערגיין צו פּראָדוקטיווער אַרבעט און צו פאַרפעסטיקן די פּראָדוקטיווע פּאָזיציעס, וואָס יידן האָבן פאַרנומען.

אין אָקטאָבער 1920 האָט אַן איניציאַטיוו־גרופּע פון געזעלשאַפטלעכע טוער געגרינדעט אַ קאָמיטעט פון „אָרט" אין ליטע. אויף דער ווענדונג פון דער איניציאַטיוו־גרופּע האָט זיך זייער וואַרעם אָפּגערופן דער גרעסטער טייל פון דער יידישער באַפעלקערונג אין ליטע. עס האָבן אויסגעדריקט זייער גרייטקייט צו העלפן „אָרט" אין איר טעטיקייט די אינטעליגענץ, פאָרשטייער פון אַרבעטס־גרופּירונגען, פון בעלי־מלאכות, די פאָלקס־בענק, דער נאַציאָנאַל־ראַט פון די קהילות. אַלע זיינען געווען גרייט העלפן „אָרט" אין איר וויכטיקער מיסיע.

אין משך פון אַ קורצער צייט איז „אָרט" געוואָרן איינע פון די פּאָפּולערסטע און סאַמע פאַרצווייגטע יידישע אינסטיטוציע. „אָרט" איז געוואָרן אַ וויכטיקער ערשטראַנגיקער פאַקטאָר אין עקאָנאָמישן לעבן פון די יידן אין ליטע, און די איינציקע אָרגאַניזאַציע, וואָס האָט זיך באַשעפטיקט מיט פאַרשפּרייטן פאַכבילדונג צווישן יידן אין ליטע.

די „אָרט"־טעטיקייט האָט פאַרנומען פאָלגנדיקע געביטן: 1) פּראָפעסיאָנעלע שולן, 2) לערן־וואַרשטאַטן אין דער פּראָווינץ, 3) פּאַטראָנאַטן (אויפזיכט איבער יוגנטלעכע, וואָס אַרבעטן אין פּריוואַטע וואַרשטאַטן, 4) פאַכקורסן פאַר האַנטווערקער, 5) אַרבעטס־עלעמענטן אין די פאָלקס־שולן און קינדער־גערטנער (אָרגאַניזירונג פון שול־גערטנער), 6) הילף פאַר האַנטווערקער, 7) לאַנדווירטשאַפט, 8) פּראָדוציר־קאָאָפּעראַטיוון און 9) אויפבוי־פאָנד.





אָט די גרויסע טעטיקייט קאָן כראָנאָלאָגיש איינגעטיילט ווערן אין דריי פּעריאָדן:

דער ערשטער פּעריאָד האָט פאַרנומען דעם צייט־אָפּשניט פון די יאָרן 1920—1925. דער אָנגעוויזענער צייט־אָפּשניט פון „אָרט" איז געשטאַנען אונטערן צייכן פון אויסברייטערונג און פערמאַנענטן וואוקס.

פון דעם יאָר 1925 ביז אַן ערך 1928 איז געקומען אַ פּעריאָד פון געוויסער סטאַגנאַציע און ירידה אין דער טעטיקייט פון „אָרט", און פון יאָר 1929 ביזן יאָר 1940 האָט געדויערט די דריטע פאַזע פון דער „אָרט"־טעטיקייט אין ליטע, אַ פאַזע, וועמענס כאַראַקטעריסטישער שטריך עס איז — גרויסער וואוקס, אויסברייטערונג און פאַרטיפונג פון דער טעטיקייט אַריינצוציען און באַדינען אַלץ ברייטערע שיכטן פון דער יידישער באַפעלקערונג אין ליטע.

## ערשטע פאַזע פון דער „אָרט"-טעטיקייט אין ליטע

ווי שוין דערמאָנט, איז די ערשטע פאַזע פון דער „אָרט"־טעטיקייט אין ליטע געווען אַ פּעריאָד פון אומאויפהערלעכן וואוקס און אויסברייטערונג. אין צענטער פון אָט דער טעטיקייט איז, פונקט ווי במשך פון אַלע יאָרן פון דער „אָרט"־אַרבעט, געשטאַנען די פּראָפעסיאָנעלע אויסבילדונג. אין יענער צייט זיינען אין קאָוונע און אין אַ ריי פּראָווינץ־שטעט געעפנט געוואָרן פּראָפעסיאָנעלע שולן און לערן־וואַרשטאַטן.

אין קאָוונע איז אין יאָר 1920 געעפנט געוואָרן די פּראָפעסיאָנעלע מיטלשול. דער אָנהייב איז געווען אַ מענער־שניידעריי־וואַרשטאַט מיט 30 שילער און צוויי אינסטרוקטאָרן, די עפענונג איז פאָרגעקומען אין נאָוועמבער 1920. אין דעצעמבער 1920 איז געעפנט געוואָרן אַ דאַמען־שניידעריי־שול. די לערן־צייט איןביידע שולן איז געווען פאָראויסגעזען אויף דריי יאָר צייט. אין דער מענער־שול האָט מען אין דריטן לערן־יאָר געאַרבעט כמעט אויף באַשטעלונגען, און אין דער שול פאַר דאַמען־שניידעריי האָט מען אויף באַשטעלונגען שוין געאַרבעט פון צווייטן לערן־יאָר. גלייכצייטיק איז געעפנט געוואָרן אַ שטעפּעריי־וואַרשטאַט מיט 16 שילער, אַלס צווייאָריקע שול.

אין יאָר 1921 איז געעפנט געוואָרן די מעכאַנישע שול מיט אַ דריי־יאָריקן פּראָגראַם, בראש מיטן הויפּט־אינסטרוקטאָר ה. נאָמבערג, און אין יוני 1923 — אַ שוסטעריי־וואַרשטאַט מיט 13 שילער. צוליב דער קליינער צאָל שילער האָט די אָפּטיילונג עקזיסטירט נאָר אַ קורצע צייט.

די שילער האָבן געלערנט פּראַקטישע און טעאָרעטישע לימודים. די פּראַקטישע לימודים פלעגן פאָרקומען אין די פאַרמיטאָג־שעהן, צו 6 שעה אַ טאָג, די טעאָרעטישע לימודים פלעגן פאָרקומען נאָך מיטאָג.

די פּראָפעסיאָנעלע שול פון „אָרט״ אין קאָוונע, ניט געקוקט אויף פאַרשיידענע שטערונגען, אין דער ערשטער ריי צוליב מאַנגל אין אַ געהעריקן בנין, האָט זיך שנעל אַנטוויקלט, און די צאָל שילער געהאַלטן אין איין וואַקסן. ספּעציעל גרויס איז געווען דער דראַנג צו דער מעכאַניק אָפּטיילונג. די שול איז אין יאָר 1929 פאַרוואַנדלט געוואָרן אין אַ 4־יאָריקער האַנטווערקער מיטלשול, מיט פולע רעכט פון אַ מלוכהשער האַנטווערקער־שול.

במשך פון דערמאָנטן פּעריאָד זיינען אויך געגרינדעט געוואָרן „אָרט״־שולן און וואַרשטאַטן אין אַ ריי אַנדערע שטעט פון ליטע.

אין שאַוול איז אין סעפּטעמבער 1921 געגרינדעט געוואָרן אַ סטאָלעריי־וואַרשטאַט. לכתחילה האָבן אין אים געלערנט 12 שילער אין עלטער ביז 16 יאָר. דער גרעסטער טייל פון זיי זיינען געווען פאַרוואָרלאָזטע קינדער, אָן עלטערן. דער שאַוולער „אָרט״־קאָמיטעט האָט באַזאָרגט די קינדער מיט עסן און קליידונג. דער וואַרשטאַט האָט עקזיסטירט ביזן יאָר 1925 און איז דערנאָך, צוליב מאַטעריעלע שוועריקייטן געשלאָסן געוואָרן. אויסער דעם סטאָלעריי וואַרשטאַט איז אין שאַוול געגרינדעט געוואָרן אַ שול פאַר דאַמען־שניידעריי. די לימודים האָבן געדויערט 9 שעה אַ טאָג — 6 שעה פּראַקטישע אַרבעט און 3 פאַר טעאָרעטישע לימודים.

פּאָנעוועזש. אין יאָר 1922 איז אין פּאָנעוועזש געעפנט געוואָרן אַ סטאָלעריי־וואַרשטאַט, וועלכער האָט עקזיסטירט ביזן יאָר 1927.

טעלז. ביי דער פאָלקס־שול פון דער קולטור־ליגע איז אין 1921 געעפנט געוואָרן קורסן פאַר דאַמען־שניידעריי אין די נאָכמיטאָג־שעהן. אין מערץ 1922 איז אויך געשאַפן געוואָרן אַ שול פאַר דאַמען־שניידעריי אין ווילקאָמיר. די אַרבעט האָט זיך אָנגעהויבן מיט 30 שילערינס און די שול האָט זיך גוט אַנטוויקלט. זי האָט עקזיסטירט ביזן יאָר 1926.

פּאַטראָנאַט. כדי צו דערמעגלעכן יוגנטלעכע דערלערנען אַ פאַך, אויסער די ראַמען פון אַ פאַכשול, איז דורך „אָרט״ געשאַפן געוואָרן די אינסטיטוציע פון פּאַטראָנאַט, ד. ה. „אָרט״ האָט איבערגענומען די השגחה איבער די יוגנטלעכע, וואָס האָבן געלערנט אַ פאַך ביי פּריוואַטע בעלי־מלאכות. דער פּאַטראָנאַט האָט אָנגעהויבן זיין טעטיקייט אין יאָר 1922.

אין משך פון זיין טעטיקייט איז דער פּאַטראָנאַט געוואָרן זייער פּאָפּולער אין ליטע. די פּראָפעסיאָנעלע פאַראיינען האָבן אונטערשטיצט אָט די „אָרט״־אינסטיטוציע. די האַנטווערקער האָבן זיך איבערצייגט, אַז דורך דער פאַרמיטלונג פון „אָרט״־פּאַטראָנאַט קאָנען זיי באַקומען די פּאַסיקע לערן־יינגלעך, און זיי האָבן זעלטן אָנגענומען יוגנטלעכע צו לערנען אַ פאַך, אויסער דעם „אָרט״־פּאַטראָנאַט. אויך די עלטערן האָבן זיך איבערצייגט, אַז בלויז „אָרט״ קאָן אויסגעפינען פאַר זייערע קינדער דעם פּאַסיקן בעל־מלאכה און אויסדינגען פאַר זיי די בעסטע





באַדינגונגען. אין מיטן יאָר פון 1923 זיינען געווען באַשעפטיקט 67 יוגנטלעכע אין זיבן פאַכן אין די פּראָווינץ־שטעט פון ליטע.

דער לערן־טערמין, וואָס דער פּאַטראָנאַט האָט פעסטגעשטעלט, איז געווען פון $1\frac{1}{2}$ ביז איין יאָר. די לערן־יינגלעך האָבן באַלד, נאָכן אָנהייבן אַרבעטן, באַקומען אַ געוויסן לוין, יעדנפאַלס, ניט שפּעטער ווי פון צווייטן חודש.

פאַרן שיקן אַ יוגנטלעכן זיך לערנען אַ פאַך, פלעגט ער אונטערזוכט ווערן אין אַ ספּעציעלער פּסיכאָ־טעכנישער לאַבאָראַטאָריע, בראש פון וועלכער עס איז געשטאַנען פּריוואַט־דאָצענט דר. לאַזערסאָן און דער „אָרט״־לערער קושעלעוויטש. יעדער וואַרשטאַט, וואו עס האָט זיך געלערנט אַ לערן־יינגל, איז לכל־הפחות צוויי מאָל אין חודש באַזוכט געוואָרן דורך אַן אינספּעקטאָר. אַלע לערן־יינגלעך, וואָס זיינען געשטאַנען אונטער דער השגחה פון פּאַטראָנאַט, האָבן אין די אָוונטן באַקומען אין „אָרט״ אַלגעמיינע און ספּעציעל טעכנישע אויסבילדונג.

אויסער קאָוונע זיינען נאָך געווען פּאַטראָנאַטן אין ראַקישאַק, ווילקאָמיר און אין אַ ריי אַנדערע פלעצער.

## קורסן פאַר דערוואַקסענע

איינע פון די הויפּט־אויפגאַבן וואָס „אָרט״ האָט זיך געשטעלט באַלד ביי זיין אַנטשטיין אין ליטע, איז געווען דאָס עפענען קורסן פאַר דערוואַקסענע, אויסצולערנען אַ פאַך, ווי אויך פאַר האַנטווערקער, כדי צו דערווערבן דערגאַנצונגס־קענטענישן אין זייערע פאַכן.

ווי מיר האָבן שוין פריער אָנגעוויזן, איז דער פּראָפעסיאָנעלער ניוואָ פון יידישן בעל־מלאכה אין ליטע אין די ערשטע יאָרן נאָך דער מלחמה געווען אַ נידעריקער, און זיינע טעכנישע קענטענישן זייער פּרימיטיווע. כדי צו העלפן דעם יידישן בעל־מלאכה און אַרבעטער זיך צו פאַרפולקאָמען אין זיין פאַך, אים געהעריק צו באַהערשן, און כדי אים צו באַקענען מיט די נייע אַרבעטס־מעטאָדן און מיט די מאָדערנע מאַשינען, איז נייטיק געווען צו עפענען אַ ריי פאַרפולקאָמונגס־קורסן פאַר האַנטווערקער און אַרבעטער.

אין יאָר 1921 זיינען אין קאָוונע אָרגאַניזירט געוואָרן צושניידעריי־קורסן פאַר שניידער. דעם קורס האָבן באַזוכט 20 שילער און ער האָט געדויערט 4 חדשים. אין 1922 זיינען געעפנט געוואָרן צוויי אַזעלכע קורסן, אויף וועלכע עס האָבן זיך געלערנט 46 שילער. די צושניידעריי־קורסן פון „אָרט״ זיינען געווען זייער פּאָפּולער, און עס האָבן זיי פאַרענדיקט עטלעכע הונדערט פּערזאָן — כמעט אַלע יידישע שניידער אין ליטע.

אין יאָר 1923 זיינען אָרגאַניזירט געוואָרן אָוונט־קורסן פאַר מעכאַנישער שלאָסעריי, מיטן ציל צו געבן די שלאָסער אַ מעגלעכקייט זיך צו פאַרפולקאָמען אין זייער פאַך און זיך צו באַקענען מיט די נייע אַרבעטס־מעטאָדן און מאַשינען. די קורסן האָבן געדויערט $1\frac{1}{2}$

יאָר. אַזעלכע קורסן זיינען אויך אָרגאַניזירט געוואָרן פאַר שוסטער, שטעפּער און בלעכער.

## פּראָווו אויסצובילדן טעכניקער

ריידנדיק וועגן דער טעטיקייט פון „אָרט" אויפן געביט פון פאַכבילדונג, איז אינטערעסאַנט אָנצואווייזן אויף אַ דריסטן פּרואוו אויסצובילדן יידישע טעכניקער. ביים ליטווישן רעגירונגס־טעכניקום איז דערעפנט געוואָרן אַ פּאַראַלעלער קלאַס מיט דער יידישער אונטעריכט־שפּראַך. דער קלאַס, אין וועלכן עס האָבן זיך געלערנט 67 שילער, האָט עקזיסטירט בלויז צוויי יאָר — אין די לערן־יאָרן 1921—1922 און 1922—1923. דאַן איז ער געשלאָסן געוואָרן, ווייל די רעגירונג איז געווען קעגן אַ פּאַראַלעלן קלאַס אין טעכניקום מיט יידיש אַלס אונטעררריכט־שפּראַך. 40 פון די 67 שילער זיינען אַריבער אין דריטן קלאַס אין אַלגעמיינעם טעכניקום.

## אַרבעטס־עלעמענטן אין די פאַך־שולן און שול־גערטנער

דער ציל פון „אָרט" איז געווען פאַרשפּרייטן ליבשאַפט צו פיזישער אַרבעט, דעריבער האָט „אָרט" גלייך ביים אָנהייב פון איר טעטיקייט זיך באַמיט איינצופירן עלעמענטן פון פאַכבילדונג אין די פאָלקס־שולן. „אָרט" האָט מיטגעהאָלפן איינפירן פאַך־אויסבילדונג אין די פאָלקס־שולן פון קאָוונע, שאַוול, ווילקאָמיר און אַנדערע. עס זיינען אָרגאַניזירט געוואָרן ווארשטאַטן אין די קינדער־קלובן, וועלכע „אָרט" האָט מיטגעהאָלפן מיט אינסטרוקטאָרן, מאַטעריאַלן און וועקצייג. אין יאָר 1921 האָט „אָרט" אויך אָרגאַניזירט קורסן פון האַנט־אַרבעט פאַר די לערער פון די פאָלקס־שולן.

„אָרט" האָט אויך מיטגעהאָלפן צו אָרגאַניזירן שול־גערטנער, כדי געבן דעם יונגן דור אַ מעגלעכקייט זיך צוגעוואוינען צו לאַנדווירטשאַפטלעכער אַרבעט און זיך דערנענטערן צו דער נאַטור.

אין יאָר 1921 זיינען אין 11 פּונקטן געגרינדעט געוואָרן 17 שול־גערטנער, אויף וועלכע עס האָבן געאַרבעט 1240 קינדער. אין יאָר 1927 זיינען שוין געווען 37 גערטנער אין 27 פּונקטן, אויף וועלכע עס האָבן געאַרבעט 4400 קינדער. אין יאָר 1923 איז שוין דורך די קינדער באַאַרבעט געוואָרן אַ שטח פון 60 טויזנט קוו. מעטער, און אין די ווייטערדיקע יאָרן איז די צאָל קינדער געוואַקסן ביז איבער 5100. די קינדער האָבן מיט גרויס ליבשאַפט באַאַרבעט די גערטנער, און די רעזולטאַטן פון זייער אַרבעט זיינען געווען זייער גוטע. אויף דער מלוכהשער לאַנדווירטשאַפטלעכער אויסשטעלונג האָבן די קינדער פון די יידישע שולן באַקומען פאַר זייערע עקספּאָנאַטן אַן אויסצייכענונג פון דער צווייטער מדרגה.

„אָרט" האָט אויך געהאָלפן גרינדן אַ גרעסערן שול־גאָרטן ביי די יידישע לערער־קורסן אין קאָוונע, וועמענס ציל עס איז געווען צוצוגרייטן לערער, אַז זיי זאָלן





שפּעטער אַליין אָנפירן מיט דער אַרבעט אויף די שול־גערטנער.

## הילף פאַר האַנטווערקער און לאַנדווירטן

ווי מיר האָבן שוין פריער אָנגעוויזן, האָט „אָרט" זיך געשטעלט אַלס ציל צו הייבן דעם פאַכמענישן ניוואָ פון יידישן האַנטווערקער און צו דעם צוועק זיינען אָרגאַניזירט געוואָרן פאַרשיידענע קורסן. אָבער עס איז געשטאַנען אויך אַ צווייטע אויפגאַבע — פאַרזאָרגן די האַנטווערקער מיט געצייג, און דאָס איז טאַקע געווען איינע פון די ערשטע און וויכטיקסטע טעטיקייט פון „אָרט". עס איז דורכגעפירט געוואָרן אַ מאַשינען־אַקציע, און אין אַלע כמעט שטעט און שטעטלעך האָבן האַנטווערקער באַקומען פון „אָרט" מאַשינען און געצייג. די מאַשינען זיינען געגעבן געוואָרן אויף לאַנגטערמיניקע קרעדיטן און אַ סך האַנטווערקער זיינען געשטעלט געוואָרן אויף די פיס אַ דאַנק דער אַקציע פון „אָרט". אַ באַזונדער קאַפּיטל איז די הילף פון „אָרט" פאַר די יידישע לאַנדווירטן. ווי שוין געזאָגט, האָט די מלחמה און די דייטשע אָקופּאַציע געצוואונגען נייע שיכטן פון דער יידישער באַפעלקערונג זיך צו באַשעפטיקן מיט לאַנדווירטשאַפט. פון דער אַנדערער זייט, זיינען אָבער אַ סך יידישע לאַנדווירטן פון פאַר דער מלחמה אַרויסגעשטויסן געוואָרן פון זייערע ווירטשאַפטן. די ניי־געשאַפענע יורידישע און פּאָליטישע לאַגע האָט ניט דערלויבט אויסצוברייטערן די טעטיקייט אויף דעם געביט און צו פאַרגרעסערן די צאָל יידישע לאַנדווירטן, זיינען דעריבער אַלע אָנשטרענגונגען געגאַנגען אין דער ריכטונג אויף איינצוהאַלטן די עקזיסטירנדיקע ווירטשאַפטן. די נויט פון די יידישע לאַנדווירטן האָט זיך בולט אַרויסגעוויזן אויף זייער צוזאַמענפאַר אין 1921. „אָרט" האָט זיך באַמיט מיטהעלפן די לאַנדווירטן אויף וויפל דאָס איז געווען אין אירע מעגלעכקייטן. „אָרט" האָט אַרויסגעשיקט איינציקע אַגראָנאָמען צו באַזוכן די יידישע לאַנדווירטן, און זייערע באַריכטן האָבן אָנגעוויזן, אַז מ'מוז די לאַנדווירטן דרינגנד העלפן מיט מאַשינען, זריעות, באַמיסטיקונג און קרעדיטן אויף איינצושאַפן לעבעדיקן און טויטן אינווענטאַר, ווי אויך צוריק אויפבויען די צעשטערטע דורך דער מלחמה בנינים.

אין יאָר 1921 האָבן 128 יידישע ווירטשאַפטן אין 43 פּונקטן באַקומען 223 לאַנדווירטשאַפטלעכע מאַשינען. „אָרט" האָט אויך באַזאָרגט די גערטנער מיט ערשט־קלאַסיקער זריעה און כסדר געשיקט אין די פּונקטן אַגראָנאָמען, וועלכע האָבן געבראַכט צו די לאַנדווירטן הילף דורך פאַכמענישע אָנווייזונגען.

רעזומירנדיק אין קורצן די אַרבעט פון „אָרט" אין דער ערשטער פּאַזע פון איר טעטיקייט אין ליטע, קאָן אונטערגעשטראָכן ווערן, אַז דאָס איז געווען אַ פּאַזע פון אומאויפהערלעכן וואוקס אויף אַלע געביטן און אַ גרויסע שעפערישע אַרבעט.

## צווייטע פאַזע פון דער „אָרט"־טעטיקייט

נאָך דעם פעריאָד פון גרויסן וואוקס האָט זיך אין יאָר 1925 אָנגעהויבן די צווייטע פאַזע פון דער „אָרט" טעטיקייט אין ליטע, וועלכע איז געשטאַנען אונטערן צייכן פון ירידה. במשך פון אָט דעם פעריאָד, וואָס האָט אָנגעהאַלטן ביזן יאָר 1928, האָט זיך די „אָרט"־טעטיקייט באַדייטנד פאַרקלענערט. במשך פון אָנגעוויזענעם פעריאָד איז געשלאָסן געוואָרן די סטאָלעריי אין שאַוול (1925), דער סטאָלעריי־וואַרשטאַט אין פאָנעוועזש (1927), די קורסן פאַר דאַמען־שניידעריי אין טעלזש. די ווילקאָמירער שול פאַר דאַמען־שניידעריי (1926). עס איז אויך געפאַלן די צאָל שילער אין דער קאָוונער שול. צווישן אַנדערע סיבות פון אָט דער דערשיינונג דאַרף מען נעמען אין אַכט דעם מאַנגל אין פינאַנסיעלע מיטלען, שוועריקייטן צו באַקומען דעם ריכטיקן שילער־מאַטעריאַל, און אויך שוועריקייטן צו באַקומען געהעריקע אינסטרוקטאָרן. דאָס האָט געדויערט ביז 1928/29.

## דער דריטער פעריאָד פון דער „אָרט"־טעטיקייט אין ליטע

דער פעריאָד איז כאַראַקטעריסטיש מיט אומאויפהערלעכן וואוקס, וואָס האָט אַ סך אַריבערגעשטיגן דעם וואוקס פון דער צייט פון ערשטן פעריאָד. אין יאָר 1928 איז פאַרגרעסערט געוואָרן די שול אין קאָוונע, וועלכע האָט במשך פון די ווייטערדיקע יאָרן אַליין מער אויסגעברייטערט איר טעטיקייט און איז פאַרוואַנדלט געוואָרן אין דער קרוין פון דער „אָרט"־טעטיקייט אין ליטע, ווי אויך דער שטאָלץ פון אַלוועלטלעכן „אָרט". במשך פון דערמאָנטן צייט־אָפּשניט זיינען ווידער געעפנט געוואָרן שולן אין אַ ריי פראָווינץ־שטעט. אין יאָר 1931 זיינען ווידער געעפנט געוואָרן די פאַכשולן פון שלאָסעריי און דאַמען־שניידעריי אין שאַוול מיט אַ דריי־יאָריקן לערן־פראָגראַם. אין 1930 איז געעפנט געוואָרן אַ פאַכשול אין ווילקאָווישק און אין 1937 זיינען געעפנט געוואָרן קורסן פאַר פליטים אין מאַריאַמפּאָל. במשך פון דערמאָנטן פעריאָד איז שטאַרק אויסגעברייטערט געוואָרן די נעץ פון קורסן פאַר דערוואַקסענע, ספּעציעל אין קאָוונע. עס זיינען דורכגעפירט געוואָרן קורסן פאַר דאַמען און מענער־צושניידעריי, פאַר הוט־פוצעריי, גאָרסעטן־אַרבעט, דאַמען־פריזיערעריי. עס זיינען אָרגאַניזירט געוואָרן קורסן פאַר אָנפאַנגער און אויך דערגאַנצונגס־קורסן פאַר האַנטווערקער אויפן געביט פון עלעקטראָטעכניק, בלעכעריי, גאַלוואַנאָפּלאַסטיק, אַנקער־וויקלעריי און אַנדערע. די קורסן זיינען באַזוכט געוואָרן דורך טויזנטער שילער און שילערינס. אַ ספּעציעל וויכטיקע ראָל האָבן די קורסן געשפּילט, ווען די רעגירונג האָט אָנגעהויבן צוגרייטן אַ געזעץ, וואָס האָט געפאָדערט, אַז יעדער האַנטווערקער זאָל באַזיצן אַ מייסטער דיפּלאָם. די שילער און שילערינס, וואָס האָבן דורכגעמאַכט אַזאַ דערגאַנצונגס־קורס אין



„אָרט", האָבן דערנאָך באַלייגט אַן עקזאַמען אין דער אָנוועזנהייט פון אַ קאָמיסיע, וואָס איז באַשטאַנען פון פאָרשטייער פון האַנטווערקער־פאַרבאַנד און עקספּערטן, וועלכע זיינען צום עקזאַמען דעלעגירט געוואָרן דורכן בילדונגס־מיניסטעריום. עס פאַרשטייט זיך, אַז אַזאַ דיפּלאָם פון „אָרט" איז ווי געהעריק אָפּגעשאַצט געוואָרן דורך דער געהעריקער מאַכט ביים אָנערקענען מייסטער־רעכט פאַר האַנטווערקער. די צאָל אַבסאָלווענטן פון די „אָרט"־שולן און פאַרשיידענע קורסן אין ליטע האָבן דערגרייכט אין די טויזנטער.

„אָרט" האָט באַזאָרגט אירע אַבסאָלווענטן מיט אַרבעט אין פאַרשיידענע אינדוסטריע־צענטערן, וואו זיי האָבן פאַרנומען דעם פּלאַץ פון טעכנישע ספּעציאַליסטן.

עס איז פאַרגרעסערט און אויסגעברייטערט געוואָרן די טעטיקייט פון „אָרט" אויפן געביט פון באַזאָרגן מיט מאַשינען און געצייג די יידישע האַנטווערקער. דער איינקויף פון מאַשינען איז אין ערשטן פעריאָד דורכגעפירט געוואָרן דורך דער איינקויף־שטעלע ביי דער צענטראַלע אין בערלין. אין די לעצטע יאָרן איז געגרינדעט געוואָרן דורך „אָרט" אַ פאַרקויף־שטעלע מיטן נאָמען „רוימאַש". עס זיינען באַזאָרגט געוואָרן מיט מאַשינען אַלע צווייגן פון האַנטווערק און אַפילו טיילן פון דער קליין־אינדוסטרי.

עס איז ווייטער געפירט געוואָרן די אַרבעט פאַר דער יידישער לאַנדווירטשאַפט און עס זיינען געמאַכט געוואָרן באַמיאונגען אויסצושולן יוגנטלעכע אין דער לאַנד־ווירטשאַפט, וועמענס צוקונפט עס האָט געדאַרפט זיין, אין דער ערשטער ריי, אין די אויסוואַנדערונגס־לענדער, דער עיקר, — ארץ־ישראל.

אין יאָר 1928 האָט „אָרט" געגרינדעט די ערשטע יידישע לאַנדווירטשאַפטלעכע שול אין ליטע. די שול איז געגרינדעט געוואָרן צוזאַמען מיטן יידישן לאַנדווירטן־פאַרבאַנד. די שול האָט עקזיסטירט בלויז צוויי יאָר און איז געשלאָסן געוואָרן צוליב מאַנגל אין געלט־מיטלען.

שפּעטער, אין מערץ 1934, האָט „אָרט" געגרינדעט צוויי לאַנדווירטשאַפטלעכע שולן, ספּעציעל פאַר יוגנטלעכע פליטים, אין אונגאַרינאַ און די צווייטע אין קאַלינאַוואַ. אין די דערמאָנטע שולן האָבן געלערנט, בעיקר, יידישע יוגנטלעכע פון דייטשלאַנד און אויך פון ליטע, וואָס האָבן זיך געגרייט צו ווערן לאַנדווירטן אין די לענדער, וואוהין זיי האָבן זיך געקליבן אויסצוּוואַנדערן.

די לאַנדווירטשאַפטלעכע שולן זיינען געפירט געוואָרן דורך אַגראָנאָם י. ראַסיין, וואָס האָט אויך פאַרעפנטלעכט אַ ספּעציעלע בראָשור אונטערן נאָמען: „מיר ווערן פּויערים".

די טעטיקייט פון „אָרט" האָט געהאַלטן אין איין שטייגן ביזן יאָר 1940, ווען ליטע איז געוואָרן סאָוויעטיש, דעמאָלט, ווי שוין דערמאָנט, זיינען געשלאָסן געוואָרן אַלע שולן און קורסן פון „אָרט" אויסער דער מיטלשול אין קאָוונע, וואָס האָט ממשיך געווען איר עקזיסטענץ ביזן אויסברוך פון דער דייטש־רוסישער מלחמה אין יאָר 1941.

## „אָרט"-מיטלשול אין קאָוונע

אַ באַזונדער קאַפּיטל אין דער געשיכטע פון „אָרט" אין ליטע האָט פאַרנומען די מיטלשול אין קאָוונע, וואָס איז געווען דער שטאָלץ הן פון וועלט-פאַרבאַנד „אָרט", הן פון ליטווישן יידנטום. די שול האָט זיך זינט 1932 געפונען אין אַ ספּעציעלן גרויסן בנין, וואָס האָט געטראָגן דעם נאָמען „הויז פאַר אַרבעט" (אויפן נאָמען פון פּרעזידענט פון „אָרט"-פאַרבאַנד ד"ר לעאָנטי מאַיסעיעוויטש בראַמסאָן — אַ זון פון דער באַוואוסטער משפחה בראַמסאָן אין קאָוונע).

פון יאָר 1921 ביזן יאָר 1932 האָט זיך די שול געפונען אין אַן אַלטער אָפּגעלאָזענער געביידע (אַמאָל געווען אַ חסידיש שטיבל) אויף מאַלונו-גאַס (שפּעטער איטאַליאַס) נומער 4. די וואַרשטאַטן זיינען געווען אין



אַרויסלאָז פון צושניידער-קורס ביי קאָוונער „אָרט"

אַ קעלער, קוים-קוים באַלויכטן. די קלאַסן — אויפן ערשטן און צווייטן שטאָק אין ענגע צימערן. די אַרבעטסבאַדינגונגען זיינען געווען אויסערגעוויינלעך שווערע, און דאָך איז דער בנין געווען איבערפולט מיט יוגנטלעכע פון אַכט אַזייגער אין דער פרי ביז 4 אַזייגער נאָך מיטאָג, און פון 5 אַזייגער ביז 10 אין אָוונט, מיט דערוואַקסענע, וואָס האָבן געשטרעבט זיך אויסצולערנען אַ פאַך, אָדער זיך פאַרפולקאָמען אין זייער פאַך.

לכתחילה איז די שול געווען אַ דריי-יאָריקע, אָבער פון יאָר 1929 איז זי געוואָרן אַ 4 יאָריקע. אין די ערשטע יאָרן האָט מען אין דער שול געלערנט שלאָסעריי, מענער- און דאַמען-שניידעריי. שפּעטער, ווען די שול איז געוואָרן אַ 4 יאָריקע האַנטווערקער-שול, זיינען צוגעקומען אָפּטיילונגען פאַר עלעקטראָמעכאַניק, אויטאָ-מעכאַניק, מעטאַל-גיסעריי און גאַלוואַנאָפּלאַסטיק. עס איז דערביי כדאי אָנצואווייזן, אַז בעת דער דריטער פאַזע פון דער „אָרט"-טעטיקייט איז פאָרגעקומען אַ פאַרקלענערונג פון דער צאָל שילער אין די אָפּטיילונגען פון מענער-שניידעריי, שטעפּעריי און שוסטעריי, וועלכע האָבן זיך געמוזט שליסן, דאַקעגן האָט זיך זייער גוט אַנטוויקלט די מעכאַנישע אָפּטיילונג און עס האָבן זיך געפאָדערט פּאַראַלעלע קלאַסן.

אין יאָר 1929, נאָכדעם ווי עס זיינען אָנגעקומען אַ סך שילער אין דער אָפּטיילונג פון מעכאַנישער שלאָסעריי, ווי אויך אין דער אָפּטיילונג פאַר דאַמען-שניידעריי, איז „אָרט" געווען געצוואונגען צו דינגען נייע לאָקאַלן און אַריבערפירן די טעאָרעטישע לימודים אין אַ געדונגענער פאָלקס-שול.

דער מאַנגל אין בנינים האָט געשטערט דער ווייטערדיקער אַנטוויקלונג פון דער שול. די אַלטע אָפּגעלאָזענע געביידע האָט ניט געקאָנט צוציען פּאַיקע שילער פון מיטלשטאַנד, אין דער צייט ווען אין צענטער פון שטאָט זיינען אויפגעשטעלט געוואָרן מאָדערנע געביידעס פאַר גימנאַזיעס, ווי די העב. רעאַל-גימנאַזיע (פון קאַרלעבאַך) און די העב. גימנאַזיע פון שוואַבע — חוץ דעם אַ רוסישע און אַ דייטשע. דאָס אויפבויען אַ נייע געביידע פאַר „אָרט" איז געווען דאָס געבאָט פון דער שעה.

אייגנטלעך, נאָך אין יאָר 1922 איז געשאַפן געוואָרן אַ ספּעציעלער קאָמיטעט בראש מיטן באַקאַנטן געזעלשאַפטלעכן טוער לעאָן אָזשינסקי, וואָס האָט זיך געשטעלט פאַר אַ ציל אויפצובויען אַ מאָדערנע יידישע האַנטווערקער-שול אין קאָוונע, און אין יאָר 1923 איז שוין אַפילו איינגעקויפט געוואָרן אַ פּלאַץ פאַר אַט דער שול, אָבער צווישן די מיטגלידער פון בוי-קאָמיטעט זיינען געווען חלוקי-דעות אין דער פראַגע, צי דער פּלאַץ איז צוגעפּאַסט פאַר דער שול. אַ טייל מיטגלידער פון קאָמיטעט האָט געהאַלטן, אַז דער פּלאַץ אויף יאַנאַווער גאַס איז צו ווייט, ווייל ער ליגט אויסערן שטאָט, און אַז די שול דאַרף זיך געפינען אין צענטער פון שטאָט. אַן אַנדער טייל פון די קאָמיטעט-מיטגלידער, מיט ה. אָזשינסקי בראש, האָט געהאַלטן, אַז די שול דאַרף מען אויפבויען אויף דעם באַשטימטן פּלאַץ, וואָס איז געלעגן אויסערן שטאָט.

נאָך לאַנגע וויכוחים איז דער קאָמיטעט ענדלעך צוגעטראָטן צו בויען די פאַכשול אויף יאַנאַווער גאַס, און אין יאָר 1932 זיינען די בנינים אויסגעפּערטיקט געוואָרן. די פאַכשול מיט אַלע אירע אָפּטיילונגען איז אַריבערגעגאַנגען אין ליכטיקע רחבותדיקע בנינים און האָט באַקומען אַ מעגלעכקייט צו פירן אַ נאָרמאַלע יסודות-



פאַרוואַלטונג, לערער־פּערסאָנאַל און מיטאַרבעטער פון קאָוונער „אָרט"

דיקע אַרבעט אויפן געביט פון פאַכבילדונג, סיי פּראַקטיש און סיי טעאָרעטיש.

אין דער שול אויף יאַנאָווער גאַס, אין דעם „הויז פאַר אַרבעט", האָבן זיך געלערנט 400 יוגנטלעכע (ייִנגלעך און מיידלעך) אין מעטאַל־פאַכן, עלעקטריק, אויטאָ־מעכאַניק, דאַמען־שניידעריי א. אַ. די שילער האָבן געלערנט פון 8 אַזייגער אין דער פרי ביז 4 נאָך מיטאָג, און פון 5 אַזייגער פלעגן אין די בנינים פאָרקומען די לימודים פון פאַרשיידענע קורסן פאַר דערוואַקסענע, וועלכע זיינען אויבן דערמאָנט געוואָרן. דירעקטאָר איז געווען אַגראָנאָם יעקב אָלייסקי, דער שרייבער פון די שורות. אָנפירער מיט די פאַרשיידענע וואַרשטאַטן איז געווען ה. נאָמבערג.

דאָס „הויז פאַר אַרבעט" מיט זיינע געראַמע און באַקוועמע בנינים האָט זייער געהויבן דעם פּרעסטיזש און אָנזען פון „אָרט" צווישן דער יידישער באַפעלקערונג. סיי אין שול און סיי אויף די קורסן זיינען אָנגעקומען גרויסע צאָלן שילער און שילערינס פון מיטלשטאַנד, ספּעציעל פרויען, וואָס האָבן געוואָלט זיך אויסלערנען אַ פאַך און אַזוי אַרום מיטהעלפן אין דער פּרנסה. עס זיינען געקומען אויף די קורסן אויך אַביטוריענטן פון גימנאַזיעס און סעמינאַרן. דאָס „הויז פאַר אַרבעט" איז געוואָרן איינס פון די פּאָפּולערסטע אינסטיטוציעס ביים ליטווישן יידנטום. די אָרט־שול אין קאָוונע איז אויך געווען שטאַרק אָנגענומען ביים ליטווישן בילדונגס־מיניסטעריום.

דער נאַצישער צורר האָט פאַרניכטעט אויך די פּרעכטיקע אינסטיטוציע, פּונקט ווי עס זיינען פאַרניכטעט געוואָרן אַנדערע פּראַכטפולע אינסטיטוציעס פון ליטווישן יידנטום, צוזאַמען מיט זייערע אומדערמידלעכע עסקנים.



מעכאַנישע וואַרשטאַטן פון קאָוונער „אָרט"

## „אָרט״־קאָמיטעט

„אָרט״ איז געווען אַרומגערינגלט מיט דער סימפּאַטיע פון אַלע שיכטן פון דער יידישער באַפעלקערונג אין ליטע. אין געזעלשאַפטלעכן „אָרט״־קאָמיטעט זיינען געווען פאַרטראָטן פאָרשטייער פון אַלע ריכטונגען, פּאַרטייען און גרופּירונגען.

דער געזעלשאַפטלעכער קאָמיטעט פלעגט אויסקלייבן דעם דירעקטאָר פון דער האַנטווערקער־שול, וואָס איז גלייכצייטיק געווען דער דירעקטאָר פון „אָרט״ אין ליטע. דער קאָמיטעט פלעגט אויסגעקליבן ווערן אויף דער יערלעכער פאַרזאַמלונג דורך די מיטגלידער פון דער געז. „אָרט״.

די לאַגע פון דירעקטאָר, וואָס פלעגט באַשטימט ווערן דורכן געזעלשאַפטלעכן קאָמיטעט, איז געווען אַ שווערע אין דאָפּלטן זין. פון איין זייט — די שווערע אויפגאַבן פון אָנפירן מיט דער שול און מיט די אַלגעמיינע „אָרט״־ענינים, וואו אַ היפשע צאָל דאגות זיינען געקומען פון שטענדיקן מאַנגל אין פינאַנסיעלע מיטלען, פון דער אַנדערער זייט, האָט ער געדאַרפט קאָאָרדינירן די צוזאַמענאַרבעט פון די פאַרשיידענע גרופּירונגען אין געזעלשאַפטלעכן קאָמיטעט. אָט די שוועריקייטן האָבן גורם געווען דערצו, אַז די דירעקטאָרן פון „אָרט״ האָבן זיך זייער אָפט געביטן. במשך פון 1920 ביז 1927 האָבן זיך זעקס מאָל געביטן די דירעקטאָרן פון דער קאָוונער פאַכשול און פון „אָרט״ אין ליטע. דאָס האָט, פאַרשטייט זיך, זייער שווער זיך אָפּגערופן אויף דער אַנטוויקלונג פון דער שול און אויף דער גאַנצער טעטיקייט.

דער שרייבער פון די שורות איז איינגעלאַדן געוואָרן אַלס דירעקטאָר פון „אָרט״ אין יאָר 1927 און איז געבליבן אויף זיין פּאָסטן ביז דער ליקווידאַציע פון „אָרט״ אין ליטע.

די פאָרזיצער פון „אָרט״ זיינען געווען — אין אָנהייב ד״ר מאַטווי סאָלאָווייטשיק, שפּעטער ד״ר סודאַרסקי און צום סוף אַ. ידידיה.

ד״ר מענדל סודאַרסקי, וועלכער איז געווען איינער פון די הויפּט־גרינדער פון „אָרט״ אין ליטע און וועלכער האָט פון אָנהייב פאַרנומען דעם אַמט פון וויצע־פאָרזיצער און שפּעטער דעם אַמט פון פאָרזיצער, איז באַטראַכט געוואָרן אַלס פאָטער פון „אָרט״ אין ליטע. אַלס רעדאַקטאָר פון „פאָלקס־בלאַט״ האָט ד״ר סודאַרסקי ניט בלויז אָפּגעגעבן פיל פּלאַץ אין דער צייטונג פאַר „אָרט״־פּובליקאַציעס און רעפּאָרטאַזשן וועגן דער „אָרט״־טעטיקייט, נאָר ער האָט אויך אַליין, אַלס אידעאָלאָג פון „אָרט״, פאַרעפנטלעכט צענדליקער אַרטיקלען, אין וועלכע ער האָט כסדר פּראָפּאַגאַנדירט די אידייען פון אומשיכטונג און פּראָדוקטיוויזאַציע און די וויכטיקייט פון פּראָפעסיאָנעלער בילדונג. „אָרט״ איז פאַר ד״ר מ. סודאַרסקי געווען דער אַני מאַמין במשך פון 17 יאָר. ער איז במשך פון דער צייט געשטאַנען אין דער שפּיץ פון ליטווישן „אָרט״ און אים געטריי געדינט.

ער האָט אין יאָר 1937 פאַרלאָזן ליטע און אָפּגעפאָרן קיין אַמעריקע און האָט גיך אויך דאָרטן זיך ענג פאַרבונדן מיט „אָרט״ און געווידמעט פיל צייט, געזונט און ענערגיע פאַר דער אינסטיטוציע, וואָס איז אים געווען אַזוי נאָענט. ביים געזעלשאַפטלעכן קאָמיטעט פון „אָרט״ איז אויך געווען אַ ספּעציעלער דאַמען־קאָמיטעט, וואָס האָט געזאָרגט פאַר די שילער מיט דורכפירן פאַרשיידענע זאַמל־אַקציעס און אַקטיוו געהאָלפן צו פאַרשפּרייטן די „אָרט״־אידייע. די פאָרזיצערין פון דאַמען־קאָמיטעט איז געווען צוערשט די פרוי פון ד״ר שלאַפּאָבערסקי און שפּעטער פרוי אַ. סודאַרסקי. זי האָט געהאָלפן איר מאַן אין זיין טעטיקייט אין פאַרשיידענע געזעלשאַפטלעכע אינסטיטוציעס און אויך אין „אָרט״, און זייער הויז איז פאַרוואַנדלט געוואָרן אין אַ הויז פון „אָרט״.

ווען ליטע איז אָנגעשלאָסן געוואָרן צום ראַטנפאַרבאַנד, איז פאַרבאָטן געוואָרן יעדע יידישע געזעלשאַפטלעכע טעטיקייט, וואָס האָט געטראָגן אַ וועלכן ניט איז יידיש־נאַציאָנאַלן כאַראַקטער, צוזאַמען מיט אַלע אַנדערע יידישע אָרגאַניזאַציעס אין ליטע איז אויך „אָרט״ געשלאָסן געוואָרן, דער „אָרט״־קאָמיטעט איז געוואָרן אויפגעלייזט און דער רכוש פון „אָרט״ איז געוואָרן נאַציאָנאַליזירט.

# שול און בילדונג

דב ליפּעץ

# העברעאיש שול־ווען און קולטור־באַוועגונג אין ליטע

(1919—1939)

אין דער תקופה צווישן דיביידע וועלט־מלחמות האָט דאָס ליטווישע יידנטום געשאַפן אַ פאַרצווייגטע נעץ פון העברעאישע קינדער־גאָרטנס, פאָלקס־און־מיטלשולן, גימנאַזיעס און לערער־סעמינאַרן, ווי אויך אַנדערע דערציאונגס־און קולטור־מוסדות. דאָס איז געווען אַ גרויס ווערק, מיט וועלכן דאָס ליטווישע יידנטום איז געווען שטאָלץ. דאָס איז אָבער אויך געווען אַ פענאָמענאַלע קולטור־דערשיינונג אין גלות, אַ מוסטער פאַר אַנדערע יידישע קיבוצים. מיט רעכט האָט מען געזען אין ליטע דאָס „צווייטע ארץ־ישראל" אין זין פון העברעאישן רענעסאַנס.

## ליטע אַלס היסטאָרישע אַכסניה פון תורה

ס'איז ניט קיין צופאַל, וואָס דווקא אין ליטע האָט זיך געפונען דער פּאַסנדער באָדן פאַר אַזאַ עקספּערימענט פון אַ העברעאישער מאָדערנער שול אין אַ גלותדיקער סביבה. ליטע איז דאָך געווען אַ היסטאָרישע אכסניה פון תורה און חכמה אין משך פון דורות. אירע ישיבות זיינען באַקאַנט געווען איבער דער גאַנצער יידישער וועלט. איר אַרט לערנען, ווי אירע גרויסע רבנישע אויטאָריטעטן, האָבן געצויגן תלמידים קיין ליטע פון נאָענטע און ווייטע לענדער. אירע רבנים און למדנים האָבן מיט זייער חכמה, טיפקייט, שאַרפזיניקייט און בקיאות, ווי אויך מיט זייערע מידות און מעשים, געשאַפן דעם „קלימאַט" פון דער „ליטווישער" יידישקייט און דעם „קולט פון לערנען", אין וועלכן אַפילו דער טרוקענער פּלפּול האָט ניט אויסגעלאָשן דעם הייסן געפיל, אַזוי אַז ווען ביים „וואָלינער" אָדער „פּאָדאָליער" איז די „תפילה" געווען אַן אַרט פון „לערנען", איז ביים „ליטוואַק" דאָס „לערנען" געווען אַן אַרט פון „תפילה", אַ פאָרם פון „עבודת הבורא".

אמת, אויך אַנדערע יידישע קיבוצים האָבן פאַרמאָגט גרויסע יידישע אינטעלעקטן, אָבער אין ליטע זיינען די יידישע מאַסן געווען דורכגעדרונגען מיט דעם גייסט פון „אהבת תורה" און מיט כבוד פאַרן ספר. זיי, די פּשוטע בעלי־עגלות, בעלי־מלאכות און אַרבעטער, וואָס פלעגן פאַרברענגען זייערע שעהן ביי אַ בלאַט גמרא אָדער אַ פּרק משניות, זיינען געווען די טרעגער פון יידישקייט. ניט צופעליק האָט די הויפּטשטאָט פון ליטע — ווילנע זוכה געווען צו איר טיטל: ירושלים דליטא. דער יידישער קיבוץ האָט געגעבן דער יידישער וועלט גאונים און גדולים כמעט אויף אַלע געביטן פון דעם מענטשלעכן גייסט: דעם „ווילנער גאון", ר' ישראל סאַלאַנטער, ר' יצחק אלחנן, אברהם מאַפּו, יל"ג, ליליענבלום, מינקאָווסקי, אַנטאָקאָלסקי, לעוויטאַן, הערמאַן שאַפּיראָ און אַ סך אַנדערע,



וועלכע האָבן געשאַפן אַ לאַנגע גאָלדענע קייט פון גדולים אין תורה, וויסנשאַפט, פילאָזאָפיע, ליטעראַטור און קונסט, פירער און לערער פון נאַציאָנאַלע און סאָציאַלע באַוועגונגען. זיי אַלע האָבן באַרייכערט דעם יידישן גייסט און פאַרברייטערט זיינע האָריזאָנטן. אָבער דער אמתער כוח פון דער יידישער ליטע איז באַשטאַנען, ווי שוין געזאָגט, אין די טויזנטער פּשוטע יידן, וועלכע האָבן אין זייער טאָג־טעגלעכן לעבן געטראָגן דאָס ליכט פון יהדות און געבילדעט דעם גייסטיקן באָדן, אויף וועלכן ס'זיינען שפּעטער אויסגעוואַקסן „גאונים".

## די השכלה־תקופה

שפּעטער, ווען אויף דער יידישער גאַס איז אַריינגעדרונגען די „השכלה"־באַוועגונג און ס'האָט זיך אָנגעהויבן דער געראַנגל צווישן „צוויי וועלטן", האָט אויך דאַן דאָס ליטווישע יידנטום געהאַלטן די העגעמאָניע פון טראַדיציאָנעלער יידישקייט. דאָרט האָט זיך אויך דער משכיל ניט אָפּגעריסן פון די מקורות און האָט געפונען אַ וועג פאַר אַ סינטעז פון יידישקייט און השכלה.

ישיבה־בחורים פלעגן לערנען אין דער שטיל וועלטלעכע לימודים, דערגרייכן העכערע בילדונג, ניט אויפגעבנדיק אין דער זעלבער צייט זייער ליבע און טרייקייט צו זייער „גירסא דינקותא". די יוגנט, וועלכע האָט זיך דערצויגן אין פרעמדע גימנאַזיעס, האָט זיך אָבער אויך ניט דערווייטערט פון דעם „חדר" און „ישיבה", וואו פיל פון זיי האָבן באַקומען זייער יידישע דערציאונג.

## די ערשטע וועלט־מלחמה

די ערשטע וועלט־מלחמה האָט געבראַכט צום גירוש פון צענדליקער טויזנטער יידן פון ליטע (ערב שבועות 1915). לויט דעם באַפעל פון צורר ניקאָלאַי ניקאָלאַיעוויטש, האָט די רוסישע מיליטער־מאַכט פאַרטריבן אַלע יידן פון קאָוונער גובערניע (חוץ ראַסיינער און טעלזשער קרייזן) אין די ווייטע רוסישע גובערניעס אין דרום, אָדער אויף דער וואָלגא און סיביר. ליטע אַליין איז פאַרוואַנדלט געוואָרן אין אַן אַרענע פון שלאַכטן. דאָס הייפל איבערגעבליבענע יידן האָט געהאַט אויך דאַן אויסצושטיין פון די דייטשן שווערע נגישות, צוואַנגס־אַרבעט און נויט. עס זיינען רואינירט געוואָרן אַלע יידישע מוסדות און שולן. די יידישע אינטעליגענץ איז געוואָרן פאַרטריבן און פאַרשיקט. די דייטשן האָבן זיך געפילט ווי די בעלי־בתים פון לאַנד און געשטרעבט שוין דאַן אויסצוראָטן די השפעה פון דער רוסישער שפּראַך און קולטור און איינפלאַנצן זייערע.

די דייטשן האָבן געזען אין דעם הייפל ליטווישע יידן אַ ווערקצייג פאַר זייער קולטור־פּאָליטיק. די דייטשע יידן, וועלכע האָבן געדינט אין דייטשן מיליטער, האָבן געהאַלטן פאַר זייער פּאַטריאָטישן חוב צו העלפן זייער פּאַטערלאַנד אין דער אויפגאַבע. זיי האָבן געעפנט אין ליטע יידישע שולן מיט דער דייטשער אונטערריכט־שפּראַך, קורצע סעמינאַרן פאַר לערער (אַ מין בליץ־הכשרה פון אַ מאָנאַט־צוויי) צו אונטערריכטן אַלע אַלגעמיינע לימודים אין דער דייטשער שפּראַך. אין קאָוונע האָבן זיי געעפנט אַ רעאַל־גימנאַזיע פאַר יידישע קינדער (שפּעטער באַקאַנט מיט דעם נאָמען „קאַרלעבאַך־גימנאַזיע") און אַ ריי פאָלקס־שולן פאַר יידישע קינדער אין דער ליטווישער פּראָווינץ.

## אין דער באַפרייטער ליטע

מיט דער באַפרייאונג פון ליטע פון פרעמדן אָקופּאַנט און מיט דער אײַנשטעלונג פון אַ זעלבשטענדיקער ליטע האָבן זיך צוריקגעקערט פון רוסלאַנד אַ סך פון די פאַרטריבענע יידן. זיי זיינען געקומען צוריק אַהיים נאָך שווערע איבערלעבענישן פון דעם קריג און רעוואָלוציע, הונגער, נויט און עפּידעמיעס. די יידן האָבן מיט התלהבות געשטיצט דעם אויפבוי פון אַ פרייער דעמאָקראַטישער ליטע, וועלכע האָט זיי פייערלעך פאַרשפּראָכן ניט נאָר גלייכע בירגער־רעכט, נאָר אויך רעכט פאַר אַ נאַציאָנאַלער און קולטור־אויטאָנאָמיע. דאָס „מיניסטעריום פאַר יידישע ענינים" איז געווען פאַר זיי אַ לעבעדיקער און ממשותדיקער סימבאָל פון דער נייער עראַ, אין וועלכער יידן האָבן געגלייבט און אויף וועלכע זיי האָבן געלייגט פיל האָפענונגען. די ליטווישע רעגירונג האָט אָפּגעשאַפט אַלע געוועזענע צאַריסטישע אַנטי־יידישע געזעצן. זי האָט געוויזן איר גוטן ווילן צו דערפילן אירע הבטחות לגבי דער יידישער מינדערהייט. די רעגירונג האָט אָנערקענט די יידישע קהילות און זייער אָרגאַניזאַציע, האָט געגעבן אַ ברייטע שטיצע פאַר יידישע רעליגיעזע און סאָציאַלע הצטרכותן, אָנערקענט די רעכט פון נאַציאָנאַלע שפּראַכן פון די מינדערהייטן אין די ערטער, וואו זיי האָבן געבילדעט ניט ווייניקער פון 20 פּראָצענט פון דער אָרטיקער באַפעלקערונג. אָבער אַ גאַנץ באַזונדערן אינטערעס האָט זי אַרויסגעוויזן אין די ערשטע יאָרן פאַרן פּראָבלעם פון יידישן נאַציאָנאַלן שול־וועזן. זי האָט דערביי געהאַט אירע פּאָליטישע כוונות: זי האָט געשטרעבט צו פאַרטרייבן די השפּעות פון דער דייטשער און רוסישער קולטור, וועלכע האָבן באַדראָט דעם גייסטיקן אויפקום פון ליטווישן פאָלק. זי האָט געוואָוסט, אַז די ליטווישע שפּראַך און קולטור זיינען נאָך צו אָרעם, כדי צו קאָנקורירן מיט זיי, זי האָט געוואָלט אויסמיידן, אַז יידישע עלטערן זאָלן שיקן זייערע קינדער אין דייטשע אָדער רוסישע שולן. זי האָט דעריבער געהאַט אַ גרויסן אינטערעס אין אַ שול מיט אַן אייגענער אונטערריכטס־שפּראַך פאַר די קינדער פון דער יידישער מינדערהייט.



## טעג פון גרויסע האָפענונגען

ס'איז אָבער געווען נאָך אַ פאַקטאָר, וועלכער האָט באַאיינפלוסט די אַנטוויקלונג פון דער העברעאישער שול. ס'זיינען דאַן געווען די ערשטע יאָרן נאָך דער באַלפור־דעקלאַראַציע, די צייטן פון „סאַן רעמאָ" און ווערסאַל, יאָרן פון גרויסע האָפענונגען אויף דעם גיכן אויפבוי פון דעם יידישן היימלאַנד און אויף אַ גרויסער עליה. די האָפענונגען האָבן באַהערשט די הערצער און געדאַנקען פון יידישע מאַסן. די לעצטע זיינען נאָך ניט געווען איינגעוואָרצלט אין דער נייער ליטווישער מדינה און אין אירווירטשאַפטלעכן לעבן. פיל יידן האָבן געשטרעבט בויען זייער צוקונפט אין א"י, אָדער עמיגרירן אַנדערשוואו.

ס'איז געווען אַ הערלעכער פרילינג אויף דער יידישער גאַס אין ליטע. מען האָט געזען אין דער נאַציאָנאַלער אויטאָנאָמיע אַ גרויסע דערגרייכונג, אַ מיטל צו אָרגאַניזירן דאָס לעבן אויף פרייע דעמאָקראַטישע יסודות און גרייטן זיך צו דער אויפגאַבע פון בויען אַן אייגענע מדינה אין א"י. עס האָט געשיינט, אַז ס'זיינען געקומען צייטן, ווען די שענסטע אידעאַלן און האָפענונגען ווערן פאַרווירקלעכט. די מאַסן זיינען געווען ציוניסטיש געשטימט. די ציוניסטישע פירער האָבן געהערשט איבער די קהילות און מוסדות פון דער אָרטיקער אָדער צענטראַלער אויטאָנאָמיע־אָרגאַניזאַציע. די אויטאָריטעט פון די פּערזאָנען, ווי ד"ר מ. סאָלאָווייטשיק און ד"ר ש. ראָזענבוים, האָבן געשטאַרקט דעם צוטרוי צו דער אויטאָנאָמיע.

ס'איז געווען אַ צייט פון ספּאָנטאַנעם אויפבוי פון די קהילות, פאָלקסבענק, רעליגיעזע מוסדות, סאָציאַלע אַנשטאַלטן. ספּאָנטאַן איז אויך אויסגעוואַקסן אַ גרויסע נעץ פון יידישע שולן, צווישן וועלכע די העברעאישע („תרבות"־שולן) האָבן פאַרנומען דעם דאָמינירנדיקן אָרט אין משך פון 20 יאָר פון דער ליטווישער זעלבשטענדיקייט.

## „תרבות"־שולן, קינדער־גערטנער

צו דער נעץ פון די העברעאישע „תרבות"־שולן האָבן געהערט „גני ילדים" (קינדער־גערטנער), פאָלקס־שולן, מיטלשולן, גימנאַזיעס און דער העברעאישער לערער־סעמינאַר.

„גני ילדים" זיינען געווען באַשטימט פאַר קינדער אין עלטער פון 4—6 יאָר. חוץ זייער אַלגעמיינעם סאָציאַלן און דערציאונגס־באַדייט, האָבן זיי נאָך געהאַט אַ ספּעציעלע אויפגאַבע פון דערלערנען קינדער די העברעאישע שפּראַך און שאַפן אַ באַזיס פאַר אַ העברעאישער נאָרמאַלער פאָלקס־שול. דער קינדער־גאָרטן איז געווען אַ יסוד פאַרן גאַנצן העברעאישן שול־וועזן אין ליטע.

דער קיום פון „גן" איז אָבער געווען אָפּהענגיק כמעט אויסשליסלעך פון די עלטערן אָדער פון דער שטיצע פון דער „תרבות"־צענטראַלע (מרכז „תרבות"). ליידער האָבן די עלטערן ניט שטענדיק געקענט אָפּשאַצן ריכטיק דעם ווערט פון „גן" און „תרבות" האָט

ניט שטענדיק געהאַט די נייטיקע מיטלען צו שטיצן די ק״ג. אַזוי איז זייער קיום ניט געווען געזיכערט און די צאָל ק״ג איז געווען אַ וואַקלדיקע. אין שול־יאָר 1925/6 איז זייער צאָל געווען — 4, אין שול־יאָר 1926/7 — 10, אין 1930/31 — 18, אין 1938/9 — 16. די צאָל קינדער אין זיי האָט זיך געוואַקלט צווישן 140 אין שול־יאָר 1925/6 ביז 450 אין שול־יאָר 1938/9 (זע טאַבעלע 1). באַזונדער שווער איז געווען מיטן צוגרייטן העבר. דערציערינס. אין שול־יאָר 1926/7 האָט ליטע אָנגעהויבן צו באַקומען פּרעבליסטינס פון דעם העבר. פּרעבל־אינסטיטוט אין ריגע (פון דער „המוריה״־אָרגאַניזאַציע). דאָרט האָבן פיל יידישע מיידלעך פון ליטע, אַביטוריענטינס פון די העבר. גימנאַזיעס, באַקומען זייער ספּעצ. פּעדאַג. הכשרה. דער ריגער אינסטיטוט האָט געגעבן ליטע אייניקע צענדליק טיכטיקע העבר. פּרעבליסטינס, וועלכע האָבן דערמעגלעכט אויסצובויען דעם העבר. „גן״ אין ליטע.

## די פאָלקס־שולן

אין די העברעאישע פאָלקס־שולן האָט זיך דערצויגן דאָס גרעסטע טייל יידישע קינדער פון שטאָט און שטעטל. די פ״ש האָבן געדאַרפט, לויט זייער מהות, בילדן דאָס הארץ און הויפּט־אינהאַלט פון דעם גאַנצן העבר. שול־בנין. אַזוינע שולן האָבן עקזיסטירט אין 82 פּונקטן. אין אייניקע פון זיי האָבן עקזיסטירט 2—3 פ״ש (קאָוונע, פּאַנעוועזש, שאַוול א. אַ.). על פי רוב זיינען זיי געווען די איינציקע יידישע שולן אין דעם אָרט. די צאָל „תרבות״־פ״ש איז געווען אין יאָר 1926/7 — 86, מיט 241 לערער, און די צאָל שולן איז אַרונטער ביז 78 אין שול־יאָר 1938/9, אָבער די צאָל קינדער אין די שולן האָט זיך פאַרגרעסערט ביז 9969.

די ליטווישע רעגירונגס פאָלקס־שולן זיינען, לויטן געזעץ, געווען פיר־יאָריקע. זייער פּראָגראַם איז, בדרך כלל, געווען צוגעפּאַסט צו די באַדינגונגען פון ליטווישן דאָרף און האָט זיך ניט גערעכנט מיט די ספּעציעלע פאָדערונגען און באַדינגונגען פון דער שטאָטישער יידישער באַפעלקערונג און מיט דעם קולטור־ניוואָ פון די ליטווישע יידן. דאָס געזעץ האָט זיך ניט גערעכנט מיטן קולט. אונטערשייד צווישן ייד און זיין ליטווישן שכן. ער האָט זיך אויך ניט גערעכנט מיט דעם וואָס די העבר. שול האָט אַ דאָפּלטן פּראָגראַם פון אַלגעמיינע און יידישע לימודים (העבר. שפּראַך, תנ״ך, געשיכטע א. אַ. וו.). אַ פיר־יאָריקע פ״ש פאַר יידישע קינדער האָט אין זיך געטראָגן אַ סכנה פון עם־הארצות און פון גייסטיקער ירידה. זי איז געווען עלול צו ברענגען צו אַ פולשטענדיקער קאָמפּראָמיטאַציע פון דער שול אין די אויגן פון די ליטווישע יידן.

די עלעמענטאַרע פּעדאַג. פאָדערונגען האָבן געניייט צו פאַרלענגערן דעם קורס פון דער פ״ש, באַזונדער אין די ערטער, וואו ס׳האָבן ניט עקזיסטירט קיין העכערע העבר. שולן. דאָס איז געווען אַ האַרבע פּראָבלעם אין אַ סך הינזיכטן. פון 5־טן יאָר אָן זיינען די לימודים אין פ״ש געווען אומלעגאַלע. אָפיציעל האָבן זיי עקזיסטירט ווי אַ 4־יעריקע פ״ש. די רעגירונג האָט, פאַרשטייט זיך, פאַר די ניט לעגאַלע שול־יאָרן ניט באַשטימט קיין לערער און ניט געשטיצט זיי פינאַנסיעל. דערצו מוז אויך גענומען ווערן אין באַטראַכט, אַז דער שכר־לימוד אין אַ פ״ש איז געווען פאַרבאָטן. לערער, ניט רעגיסטרירטע דורך דער רעגירונג, האָבן ניט געטאָרט אַרבעטן אין אַ שול.

די פּראַקטיק האָט אָבער געמוזט בייקומען אַלע פאַרמעלע און מאַטעריעלע שוועריקייטן, כדי דערמעגלעכן די פ״ש צו דערפילן זייערע דערציערישע אויפגאַבן *.

עס מוז נאָך באַצייכנט ווערן, אַז די צאָל באַשטימטע דורך דער רעגירונג לערער פאַר די פ״ש איז געווען אָפּהענגיק פון די צאָל שול קאָמפּלעטן (32—40 קינדער אַ קאָמפּלעט). אין די ערטער וואו די צאָל קינדער איז געווען ווייניקער פון 32 האָט מען ניט געקאָנט עפענען אַ שול, אָבער אויך אַ שול מיט 60—70 תלמידים האָט געהאַט נאָר איין באַשטימטן דורך דער רעגירונג לערער. דער איינציקער לערער האָט געדאַרפט אונטעררריכטן אין אַלע קלאַסן פון דער שול אַלע לימודים. איינלאַדן אַ צוגאַב־לערער אויף דעם חשבון פון די עלטערן איז געווען אוממעגלעך. אין בעסטן פאַל איז עס געווען פאַרבונדן מיט גרויסע שוועריקייטן פון פאָרמעלן און מאַטעריעלן כאַראַקטער.

דאָס פּראָגראַם פון די פאָלקס־שולן האָט אַנטהאַלטן: תנ״ך, עברית, ליטוויש, חשבון, האַנט־אַרבעט, געזאַנג און גימנאַסטיק.

די ערשטע יאָרן פון דעם העבר. שול־וועזן איז די לערער־פראַגע (באַזונדערס אין די פ״ש) געווען אַ שווערע. „תרבות״ האָט געעפנט אַ לערער סעמינאַר, כדי צו צוגרייטן לערער פאַר די פ״ש, לויט דער פאָדערונג פון בילדונגס־מיניסטעריום. דער לערער־סעמינאַר האָט עקזיסטירט ביז דעם שול־יאָר 1932/3 און האָט אַרויסגעלאָזן 164 לערער, וועלכע האָבן געבילדעט דעם הויפּט־קאַדר פון די העבר. לערער אין די „תרבות״־פ״ש. (זיי האָבן געבילדעט איבער 60 פּראָצענט פון אַלע העבר. פ״ש־לערער). פון יאָר 1930 האָט דער לערער־סעמינאַר עקזיסטירט אַלס 2־יעריקער פּעדאַגאָגיום און האָט אָנגענומען שילער נאָר מיט גימנאַזיע־בילדונג. די אַביטוריענטן פון פּעדאַגאָגיום האָבן געהאַט דאָס רעכט צו אונטעררריכטן הן

---

* אין יאָר 1936 האָט די ליט. רעגירונג פאַרלענגערט דאָס פּראָגראַם פון די פ״ש אויף נאָך 2 יאָר, אָבער דאָס עפענען דעם 5 און 6 שול־יאָר איז געווען פאַרבונדן מיט אַזוינע שוועריקייטן, אַז די יידישע שולן האָבן ניט געקאָנט אויסנוצן די הנחה פון געזעץ. דאָס געזעץ האָט צ. אַ. געפאָדערט ניט ווייניקער פון 40 שילער אין 5־טן שול־יאָר, אַ צאָל, וואָס די העבר. שולן אין דער פּראָווינץ האָבן ניט געקאָנט אָנפילן. די שול־רעפאָרם האָט אַפילו שפּעטער געהאָלפן צו רואינירן די העבר. פ״ש, ווי עס וועט נאָך דערציילט ווערן.

אין די פּ״ש און הן אין די ערשטע 4 קלאַסן פון די מיטלשולן און גימנאַזיעס. אין די לעצטע נאָר די יידישע לימודים. דער פּעדאַגאָגיום האָט געלייגט זיין הויפּט־אויפמערקזאַמקייט אויף דער פּעדאַג. פאָרבערייטונג פון זיינע שילער, ווי אויך אויף זייער פאַרפולקאָמונג אין די לימודים פון יהדות און אין דער העברעאישער שפּראַך, אין דער אַלטער און נייער העברעאישער ליטעראַטור. דער לערער־סעמינאַר האָט זיך געפונען די ערשטע צייט אונטער דער לייטונג פון ד״ר טשארנא ז״ל, יהושע מאַרגאָלין און ד״ר אַ. סעגאַל. פון 1925/6 ביז 1931/2 האָט געלייטעט דעם סעמינאַר (און פּעדאַגאָגיום) ד״ר רפאל ראַבינאָוויטש. דעם לעצטן יאָר — ד״ר אַ. בערמאַן.

## די העברעאישע מיטלשולן

די צווייטע מדרגה האָבן געבילדעט די מיטלשולן („ווידורינעס״) וואָס זיינען געווען גלייך צו די ערשטע 4 גימנאַזיע־קלאַסן. זיי זיינען געווען „פּריוואַטע״ שולן און האָבן עקזיסטירט אין די גרעסערע שטעטלעך, וואו ס׳זיינען ניט געווען קיין גימנאַזיעס. זייער צאָל איז געווען ביז דעם שול־יאָר 1932/3 — 11 און איז שפּעטער אַרונטער ביז 3 (זע טאַבעלע 1). דער טיפּ פון אַ מיטלשול האָט געהאַט דעם פאָרצוג, וואָס האָט דערמעגלעכט דעם יידישן קינד צו באַקומען אַן 8־יאָריקע שול־אויסבילדונג. די שול איז געווען פריי פון דעם רעגירונגס־קאָנטראָל, וועלכע



לערער־פּערסאָנאַל פון קאָוונער העב. רעאַל־גימנאַזיע

האָט געשטערט די פּ״ש זיך אַנטוויקלען און האָט געקאָנט לענגער איינהאַלטן זייער נאַציאָנאַלן כאַראַקטער. די שוואַכע זייט פון דעם טיפּ שול איז געווען, וואָס די לערער זיינען געווען אָנגעוויזן אויף דער הכנסה פון שכר־לימוד. די מייסטע מ״ש האָבן ניט באַקומען קיין שטיצע אָן אַ זייט. דער מצב פון די עלטערן אין די שטעטלעך איז געווען אַ שווערער (די רייכערע פלעגן אַריבערפאָרן אין די גרעסערע שטעט, וואו די לעבנס־באַדינגונגען זיינען געווען לייכטער), די צאָל שילער איז דעריבער אין די מ״ש געווען זייער אַ באַגרענעצטע און געוואָרן קלענער פון יאָר צו יאָר. דאָס האָט געשאַפן שווערע מאַטעריעלע באַדינגונגען פאַר דעם קיום פון דער מ״ש. אין איינצלנע פונקטן זיינען די מ״ש מיט דער צייט פאַרוואַנדלט געוואָרן אין גימנאַזיעס (ווי אין טאווריג, למשל), דאַקעגן אַנדערשוואו זיינען די גימנאַזיעס פאַרוואַנדלט געוואָרן אין מ״ש (ווירבאלן).



דאָס פּראָגראַם אין די מ״ש האָט אַנטהאַלטן: תנ״ך, משניות, עברית, ליטוויש, דייטש (אָדער ענגליש), חשבון, אַלגעברע, געאָמעטריע, נאַטורוויסנשאַפט, געאָגראַפיע (ספּעצ. ליטע), געשיכטע (ספּעצ. ליטווישע), האַנטאַרבעט, מאָלן, זינגען און ספּאָרט.

## העברעאישע גימנאַזיעס

די העברעאישע גימנאַזיעס זיינען געווען דער רוקנביין פון דעם גאַנצן העבר. שול־וועזן. זיי האָבן עקזיסטירט אין 11 פּונקטן. זייער צאָל איז געווען 12. כמעט אַלע פון זיי זיינען געווען פון 8 שול־יאָרן. אייניקע פון זיי האָבן אַפילו געהאַט ביי זיך אויך די ערשטע שול־יאָרן (פאָלקס־שול־קלאַסן), אַזוי אַז דער גאַנצער קורס האָט געדויערט — 12 יאָר. אַזאַ שול־קורס, ביי אַן איינהייטלעכער פּעדאַגאָגישער אויפזיכט און קאָאָרדינירטן פּראָגראַם, האָט געגעבן דער שול גרויסע מעגלעכקייטן פון דערציאונג און סיסטעמאַטישער שול־אויסבילדונג.

די גימנאַזיעס זיינען אויך געווען „פּריוואַטע״ שולן. זייער מאַטעריעלער קיום איז געווען ס׳רוב אָפּהענגיק פון שכר־לימוד. די שטאָטישע עלטערן, ווי אויך די באַמיטלטע עלטערן אין די שטעטלעך, האָבן באַפאָרצוגט דעם טיפּ פון דער העבר. שול. די ג. האָבן געקאָנט, גלייך ווי די מ״ש מיט מער הצלחה אָפּהיטן די רעכט פון דער העבר. אונטערריכט־שפּראַך, ווי אויך זייער נאַצ. אינהאַלט און גייסט. די ג. האָבן געהאַט די מעגלעכקייט איינצולאַדן קוואַליפיצירטע לערער, ווי אויך איינשאַפן זיך אַ פּאַסנדיק אינווענטאַר און שול־מכשירים. אויך זייערע געביידעס זיינען געווען צוגעפּאַסטע צו זייערע שול־אויפגאַבן. כמעט אַלע פון זיי האָבן געהאַט אייגענע בנינים, ספּעציעל געבויטע פאַר די שולן, מיט אַלע מאָדערנע איינריכטונגען. אין די גימנאַזיעס איז די דערציאונגס־אַטמאָספער געווען אַ נאָרמאַלערע, פיל פרייער פון אַדמיניסטראַטיוון דרוק פון בילדונגס־מיניסטעריום און ווייניקער אָפּהענגיק פון דער רעגירונגס־שטיצע. דאָס אַלץ האָט פאַרשטאַרקט די צוציאונגס־קראַפט פון דער העבר. גימנאַזיע, וואָס איז מיט דער צייט געוואָרן דער מרכז פון דער העבר. שול־יצירה. די ערשטע יאָרן פון איר קיום זיינען געווען איינגעלאַדן צו אונטערריכטן אין די גימנאַזיעס פיל לערער מיט אַקאַדעמישער בילדונג פון דייטשלאַנד. אייניקע פון זיי זיינען געווען אין ליטע אין צייט פון דער דייטשער מיליטערישער

אָקופּאַציע אין די יאָרן 1915—1918. צווישן זיי דאַרפן באַזונדערס דערמאָנט ווערן: ד״ר שוואַבע, ד״ר מאיר, ד״ר קאַלוואַריע, ד״ר לעווענהערץ, ד״ר ג. מעלמאַן א. אַ. ס׳זיינען געווען צווישן די לערער אויך אַקאַדעמיקער פון רוסישע אוניווערזיטעטן, וועלכע זיינען דורך פאַרשיידענע צופאַלן געקומען קיין ליטע, אָדער זיך אָפּגעשטעלט אין ליטע אויף זייער וועג אין ווייטערדיקע לענדער. דאָס זיינען געווען אַלע פּערזאָנען מיט אַ גרויסער קולטור, פּעדאַגאָגישער דערפאַרונג, אָדער געניטע אַדמיניסטראַטאָרס, וועלכע האָבן פיל מיטגעהאָלפן אין דעם אויפבוי פון דער העברעאישער מאָדערנער דערציאונג.

שפּעטער האָבן די העבר. גימנאַזיעס וווערבירט לערער פון זייערע געוועזענע תלמידים, וועלכע האָבן שוין פאַר דער צייט אַבסאָלווירט הויכשולן אין ליטע אָדער אַנדערשוואו, אַ טייל פון זיי אין דייטשלאַנד, פראַנקרייך אָדער אַמעריקע.

פון גרויס באַדייטונג פאַר דער אַנטוויקלונג פון דער העבר. גימנאַזיע איז געווען דער פאַקט, דאָס די אַביטוריענטן פון די העבר. גימנאַזיעס האָבן געהאַט די זעלבע רעכט, ווי די אַביטוריענטן פון די ליטווישע רעגירונגס־גימנאַזיעס. אין די אַרויסלאָז־עקזאַמענס פלעגט זיך באַטייליקן אַ פאָרשטייער פון בילדונגס־מיניסטעריום און די אַטעסטאַטן פון העבר. גימנאַזיעס פלעגן באַשטעטיקט ווערן פון דעם בילדונגס־מיניסטער, אַזוי אַז זיי פלעגן אָנגענומען ווערן אין אַלע אוניווערזיטעטן אין אייראָפּע, אָדער אַמעריקע.

דאָס לערן־פּראָגראַם פון די ג. האָט אַנטהאַלטן: תנ״ך, משנה, תלמוד, אגדה, העברעאישע שפּראַך און ליטעראַטור (די אַלטע, פון מיטלאַלטער און נייע), ליטוויש, לאַטיין, דייטש (אָדער ענגליש), געשיכטע (אַלגעמיינע און יידישע), געאָגראַפיע, מאַטעמאַטיק, נאַטורוויסנשאַפט, פיזיק, כעמיע, צייכענען און ספּאָרט.

## דער געזעצלעכער מצב פון די שולן און דער פּאָליטישער גערצנגל פאַר זייער קיום

די העבר. שולן אין ליטע זיינען געווען אַ טייל (און אַ וויכטיקער טייל) פון דעם בנין פון יידישער נאַציאָנאַלער אויטאָנאָמיע. דער רעכטלעכער מצב פון דער העבר. שול האָט זיך דעריבער באַזירט אויף די רעכט, וועלכע האָבן געזיכערט די אויטאָנאָמיע , דהיינו, אויף די פּאַראַגראַפן 73, 74 פון דער ליטווישער קאָנסטיטוציע פון 1.8.22 (שפּעטער אויף די פּאַראַגראַפן 74, 75 (15.6.28).

דער פּאַראַגראַף 73 דערקלערט אַז: „בירגער פון אַ נאַציאָנאַלער מינדערהייט, וועלכע בילדעט אַן אָנגעזעענעם טייל פון דער באַפעלקערונג, האָבן דאָס רעכט, אין ראַמען פון געזעץ, אָנפירן אויטאָנאָם מיט די ענינים פון זייער נאַצ. קולטור, פאָלקס־בילדונג, וואוילטעטיקייט, קעגנזייטיקער הילף, און פאַר דער לייטונג פון די אַלע ענינים צו וויילן רעפּרעזענטאַטיווע מוסדות אין אַ באַשטימטער דורך אַ געזעץ אָרדענונג״.



פּאַראַגראַף 74 גיט די נאַצ. מינדערהייטן דאָס רעכט צו באַשטייערן זייערע מיטגלידער פאַר די צוועקן, דערמאָנטע אין פּאַראַגראַף 73, ווי אויך צו באַקומען פון דער רעגירונג און פון די זעלבסטפאַרוואַלטונגען אַסיגנירונגען פאַר די ענינים, אין פאַל ווען זייערע מיטלען וועלן ניט זיין גענוגנד.

לויט דעם וואָלטן די שולן, ווי אויך אַלע אַנדערע קולטור־אינסטיטוציעס פון דעם יידישן מיעוט, געדאַרפט געהערן צו די אָרגאַנען פון דער ייד. נאַצ. אויטאָנאָמיע. די לעצטע וואָלטן געדאַרפט זאָרגן פאַר זייער קיום (מיט דער הילף פון דער רעגירונג), באַשטימען דאָס פּראָגראַם פון די שולן, אָרדענען זייער אינערלעכן לעבן, — מיט איין וואָרט, זיין די „בעלי־בתים״ פון די מוסדות און טראָגן די פולע פאַראַנטוואָרטלעכקייט פאַר זיי.

אָבער די געזעצן וועגן די פאָלקס־שולן פון 23.11.22 און וועגן די מיטלשולן און גימנאַזיעס פון 23/4/25 שאַפן אַ גאַנץ אַנדער בילד פון דעם רעכטלעכן מצב פון

## העברעאישע („תרבות״) שולן אין ליטע

טאַבעלע 1.

שול־יאָר 1926/7

| | שולן | לערער | שילער |
|---|---|---|---|
| קינדער־גערטנער | 10 | 18 | 323 |
| פאָלקס־שולן | 86 | 241 | 6217 |
| מיטלשולן | 11 | 51 | 644 |
| גימנאַזיעס | 12 | 154 | 3182 |
| לערער־סעמינאַר | 1 | 9 | 40 |
| סך הכל . . | 120 | 473 | 10406 |

שול־יאָר 1930/1

| | שולן | לערער | שילער |
|---|---|---|---|
| קינדער־גערטנער | 18 | 29 | 476 |
| פאָלקס־שולן | 81 | * 312 | 10941 |
| מיטלשולן | 11 | 45 | 549 |
| גימנאַזיעס | 12 | 150 | 3450 |
| לערער־סעמינאַר | 1 | 7 | 30 |
| סך הכל . . | 123 | 543 | 15446 |

1938/9

| | שולן | לערער | שילער |
|---|---|---|---|
| קינדער־גערטנער | 16 | 31 | 450 |
| פאָלקס־שולן | 78 | * 346 | 9699 |
| מיטלשולן | 3 | 16 | 180 |
| גימנאַזיעס | 12 | 154 | 2620 |
| לערער־סעמינאַר | — | — | — |
| סך הכל . . | 109 | 547 | 12949 |

* מיט די רעליגיע־לערער

די יידישע שולן. דער אויבנדערמאָנטער געזעץ וועגן די פ״ש שטעלט פעסט פאָלגנדע פּרינציפּן: א) די פ״ש ווערט אויסגעבויט לויט דער צאָל קאָמפּלעטן שילער. (אַ קאָמפּלעט באַדייט 32—60 שילער). אויף יעדן קאָמפּלעט באַשטימט די רעגירונג איין לערער, וועמענס געהאַלט ווערט דירעקט אויסגעצאָלט פון דער רעגירונג. ב) שכר־לימוד אין די שולן ווערט בטל, ג) אין די פ״ש פון דער יידישער מינדערהייט קען די אונטעררינכטס־שפּראַך זיין יידיש, אָדער העברעאיש. דאָס געזעץ וועגן די מיטלשולן און גימנאַזיעס רעגולירט די אַלגעמיינע אָרדענונג פון דעם טיפּ שולן און נאָר אין פּאַראַגראַף 54 ווערט געזאָגט, אַז די אַטעסטאַטן פון די פּריוואַטע שולן ווערן געחתמעט פון דעם בילדונגס־מיניסטעריום, וועלכעס נעמט אָנטייל אין די אַרויסלאָז־עקזאַמענס, און זיי האָבן די זעלבע רעכט ווי די אַביטוריענטן פון די רעג. שולן. ווי עס איז צו זען, דערמאָנען ניט דיביידע געזעצן וועגן די פ״ש און וועגן די מ״ש און גימנ. אַפילו מיט איין וואָרט די שול־אויטאָנאָמיע פון די מינדערהייטן. זיי זעען פאַר זיך נאָר שולן, וועלכע אונטערשיידן זיך לויט דער אונטעררינכטס־שפּראַך לגבי די אַנדערע.

די פ״ש פון דער יידישער מינדערהייט זיינען אַזוי אַרום פון ערשטן טאָג אָן אַוועקגעשטעלט געוואָרן אויף אַ באַזיס פון אַ רעגירונגס־שול.

דאָס איז געווען, אין אַ געוויסן הינזיכט, אַ גרויסע דערגרייכונג, צוליב וועלכער פיל יידישע קיבוצים האָבן „מקנא״ געווען די ליטווישע יידן. די ליטווישע רעגירונג האָט איבערגענומען אַזוי אַרום די גאַנצע אחריות פאַר דעם ביודזשעט פון די פ״ש און געזיכערט זייער קיום, אין דער צייט, ווען אין פּוילן אָדער רומעניע האָבן יידן געדאַרפט פירן אַ שטענדיקן קאַמף פאַר דער מאַטעריעלער עקזיסטענץ פון זייערע שולן און פאַר אַ מינימאַלער שטיצע פאַר זיי מצד די רעגירונגס־אָרגאַנען. אָבער אין דער ווירקלעכקייט האָט די פ״ש פון ייד. מיעוט אין ליטע טייער באַצאָלט פאַר איר „געזיכערטן קיום״. דער, וואָס האָט געגעבן די „מאה״ האָט געוואָלט האָבן אויך די גאַנצע „דעה״. די שטעלונג איז געווען, אַז די יידן האָבן זיך ניט צו מישן אין דער פאַרטיילונג פון די אַסיגנירטע סכומים פאַר די שולן, אַז זי אַליין האָט צו זאָגן וועגן זייער פּראָגראַם און אַז די דעה פון די יידן איבער די אָנגעלעגנהייטן פון די שולן זיינען פאַר איר ניט מאָסגעבנד און ניט בינדנד. די ליטווישע אינספּעקטאָרן פון בילדונגס־מיניסטעריום באַזוכן די העבר. שולן (הגם זיי פאַרשטייען ניט זייער אונטעררינכטס־שפּראַך) און די יידן האָבן ניט געקאָנט פּועלן במשך פון 20 יאָר, אַז עס זאָל באַשטעטיקט ווערן אַ יידישער אינספּעקטאָר (די לעצטע יאָרן האָט די ליט. רעגירונג געשיקט אירן אַ באַאַמטן קיין ירושלים, וועלכער האָט באַזוכט איניקע יאָר דעם העבר. אוניווערזיטעט און זיך פאַרפולקאָמט אין דער העבר. שפּראַך, כדי אים שפּעטער באַשטימען אַלס משגיח אויף די העברעאישע שולן אין ליטע!). די רעגירונג איז גרייט געווען אָפט צו שטיצן העבר. קולטור־מוסדות, זי האָט אָבער קיינמאָל ניט אַרויסגעוויזן דעם רצון צו באַטייליקן יידן אין דער לייטונג און אויפזיכט איבער די יידישע שולן. די רעגירונג באַטראַכט די שולן, באַזונדערס די פ״ש, אַלס אירע שולן, וועלכע זי האַלט אויס און זי קען זיי רעפאָרמירן לויט איר וואונטש און אין גייסט פון איר שול־פּאָליטיק לגבי די נאַצ. מינדערהייטן.

דאָס מיניסטעריום פאַר יידישע ענינים און דער נאַציאָנאַל־ראַט האָבן אין זייער צייט ניט געהאַט קיין רעכט איבער די שולן פון יידישן מיעוט. אין יאָר 1920 איז איינגעלאַדן געוואָרן אַ יידישער „וויזיטאַטאָר״, וועלכער האָט געהאַט די אויפגאַבע צו באַזוכן די יידישע שולן (ה׳ משה פראַנק) און צושטעלן אַ באַריכט דעם לייטער פון די פ״ש ביים בילדונגס־מיניסטעריום. די האָפענונג, אַז דער פּאָסטן וועט מיט דער צייט פאַרוואַנדלט ווערן אין אַ יידישע „רעפערענטור״ אָדער אינספּעקטאָראַט, איז איינגיכן פאַרשוואונדן. נאָך אַ 6 מאָנאַטלעכער פּראַקטיק איז דער פּאָסטן בטל געוואָרן און פון דאַן אָן האָט קיין איינציקער יידישער באַאַמטער ניט געהאַט קיין רעכט צו איבערטרעטן דעם שוועל פון ליט. בילדונגס־מיניסטעריום.

## די ליקווידאַציע פון די אָרגאַנען פון דער נאַציאָנאַלער אויטאָנאָמיע

דאָס האָט פּאַסירט אין דער צייט, ווען אַ יידישער מיניסטער איז געווען אַ מיטגליד אין דער רעגירונג, יידן האָבן געהאַט זייערע קהילות און אַ נאַציאָנאַלן־ראַט. אָבער אין 1924 איז בטל געוואָרן דאָס מיניסטעריום פאַר יידישע ענינים. אין זעלבן יאָר האָט די רעגירונג אויך ליקווידירט דעם נאַצ.־ראַט פון די קהילות. אין 1925 זיינען בטל געוואָרן אין ליטע די קהילות און ס׳איז צעפאַלן געוואָרן די גאַנצע קהילה־אָרגאַניזאַציע פון ליט. יידן, וועלכע ס׳האָט עקזיסטירט אין משך פון פיל יאָרהונדערטער. דאַן איז געקומען דער באַקאַנטער פּרוש פון דעם ליט. וואַלגעזעץ, וועלכער האָט פאַרשמעלערט די יידישע רעפּרעזענטאַנץ אין סיים. אָן די יידישע צענטראַלע מוסדות און נאַצ. רעפּרעזענטאַנץ איז עס פיל געווען לייכטער צו באַקעמפן דעם יידישן יחיד.

## די שול אַלס לעצטער רעשט פון דער נאַציאָנאַלער אויטאָנאָמיע

דער לעצטער רעשט פון דער יידישער אויטאָנאָמיע איז געבליבן די שול אין וועלכער די גאַנצע ליטוויש־יידישע באַפעלקערונג (מיטן אויסנאַם פון איניקע הונדערט יידישע אַסימילאַטאָרן) האָט געשיקט אירע קינדער. די פיילן פון דער אַנטיסעמיטישער פּאָליטיק זיינען איצט פריי געווען געווענדעט קעגן זיי. אַ לאַנגע ריי פון נייע געזעצן און פּרושים צו די עקזיסטירנדיקע, זיינען געווען געווענדעט קעגן די שולן פון די נאַצ. מינדערהייטן און יידישער בפרט.

## די הכנה פון ליטוויניזירונג

**אין אַפריל 1925** האָבן די ליטווישע ק. ד. (קריסטלעכע דעמאָקראַטן) אַריינגעטראָגן אין סיים אַ געזעץ־פּראָיעקט, וועלכער שלאָגט פאָר, אַז ליטוויש איז די איינציקע אונטערריכטס־שפּראַך אין די שולן, וואָס די רעג. האַלט אויס אָדער אונטערשטיצט. דער פּראָיעקט איז ניט אָנגענומען געוואָרן, אָבער ער האָט אָנגעזאָגט דעם אָנהייב פון דעם געראַנגל, וועלכער האָט געדויערט 15 יאָר, פאַר און קעגן דער ליטוויניזירונג פון די שולן פון די נאַציאָנאַלע מינדערהייטן.

דאָס ליקווידירן פון די שולן דורך זייער ליטוויניזירונג איז געווען נאָר אַ טייל פון דער אַלגעמיינער אינערלעכער פּאָליטיק, וואָס האָט געשטרעבט אַרויסצושטויסן די מינדערהייטן בכלל און די יידן בפרט פון אַלע זייערע עקאָנאָמישע, סאָציאַלע און קולטורעלע פּאָזיציעס דורך אַ שטילן און לאַנגזאַמען פּאָגראָם. די ליט. מדינה האָט זיך שוין געשפּירט דעמאָלט שטאַרק און האָט געהאַלטן, אַז די מינדערהייטן האָבן שוין זייער אַרבעט אָפּגעטאָן און „קאָנען זיך אָפּטראָגן"...

די שול־פּאָליטיק לגבי די שולן פון דער יידישער מינדערהייט איז געווען אַ פּאָליטיק פון אַ שטילער, קאָנסעקווענטער און בהדרגהדיקער ליקווידאַציע פון דעם אינהאַלט פון דער נאַצ. שול. דער חשבון איז דאָך געווען אַן איינפאַכער: אָן דעם אינהאַלט וועלן שוין במילא די „כלים" זיין איבעריק און די יידן אַליין וועלן מוותר זיין אויף זיי.

אין די ראַמען פון דעם אַרטיקל איז אוממעגלעך אָפּצושטעלן זיך אויף די איינצלנע עטאַפּן פון דעם פּראָצעס. איך וועל דאָ באַצייכענען נאָר די לעצטע שטופּן פון אים, וועלכע ווייזן, צו וואָס פאַר אַ מצב זיינען דערגאַנגען די העברעאישע שולן אין ליטע אין זייער רעכטלעכן צושטאַנד. אין דער הינזיכט איז כאַראַקטעריסטיש דער געזעץ וועגן די פ"ש פון 29/7/36, וועלכער איז געקומען פאַרבייטן דעם פריער דערמאָנטן געזעץ פון 1922.

## דער נייער געזעץ וועגן די פ"ש

אין קעגנזאַץ צו דעם פּאַראַגראַף 9 פון פריערדיקן געזעץ, וואָס דערקלערט, אַז אין די פ"ש ווערט אונטערריכט אויף דער מוטער־שפּראַך, דערמאָנט דער נייער געזעץ עס בכלל ניט. נאָר אין פּאַראַגראַף 11, צווישן די אַלע לימודים, דערמאָנט ער די מוטער־שפּראַך. דאַקעגן ווערט געזאָגט אין פּאַראַגראַף 26 פון נייעם געזעץ, אַז די אונטערריכטס־שפּראַך אין די פ"ש איז ליטוויש, נאָר אויב ס'וועלן זיך געפינען אין ראַיאָן פון דער פ"ש ניט ווייניקער פון 30 קינדער ניט פון ליט. נאַציאָנאַליטעט, קאָן מען גרינדן אַ פ"ש מיט דער אונטערריכטס־שפּראַך ניט אין ליטוויש. ביי באַשטימטע באַדינגונגען קאָן מען אויך איינפירן אין פּראָגראַם פון די פ"ש דעם אונטערריכט פון דעם קינדס מוטער־שפּראַך, אָבער זי איז ניט אָבליגאַטאָריש. דער פּאַראַגראַף 14 פון נייעם געזעץ זאָגט,



אַז אויב אין פ"ש וועלן זיך געפינען ניט ווייניקער פון 20 קינדער פון אַ נאַצ. מינדערהייט, ווערט דער אונטערריכט פון זייער מוטער־שפּראַך אַ ספּעציעלער לימוד. פּאַראַגראַף 58 דערלויבט אַפילו די עלטערן פון אַ נאַצ. מינדערהייט אויסצואוויילן אַ באַזונדערן עלטערן־ראַט. די אויבנדערמאָנטע פּאַראַגראַפן שטרעבן צו שאַפן אַ סוראָגאַט פאַר דער נאַצ. שול, אַ מין פּראָוויזאָריום, אין דעם איבערגאַנגס־פּעריאָד, ביז מען וועט מבטל מאַכן אינגאַנצן די שולן פון די נאַצ. מינ. דאָס געזעץ באַגנוגנט זיך אָבער ניט מיט מבטל מאַכן די מוטער־שפּראַך אַלס אָבליגאַט. לימוד אין די פ"ש. דער פּאַראַגראַף 26 פון דעם נייעם געזעץ זאָגט, אַז אין די פ"ש, וואו די אונטער. שפּראַך איז ניט ליטוויש, ווערן אונטערריכט פון דריטן שול־יאָר אָן לאַנד־קענטעניש, געשיכטע און געאָגראַפיע אין דער ליט. שפּראַך. לויט דעם פּאַראַגראַף זאָלן:

אין 3־טן שול־יאָר אונטערריכט ווערן אין ליטוויש 28% פון אַלע לימודים, אין 4־טן שול־יאָר אונטערריכט ווערן אין ליטוויש 32% פון אַלע לימודים, אין 5־טן שול־יאָר אונטערריכט ווערן אין ליטוויש 31% פון אַלע לימודים. פּאַראַגראַף 36 פירט איין אַ 6 יאָריקן פּלאַן פאַר צוואַנגס־בילדונג. אין 5־טן שול־יאָר פאָדערט זיך אַ מינימום פון 30 קינדער. אין די ערטער, וואו די יידישע שול קאָן ניט עפענען דעם 5־טן שול־יאָר צוליב מאַנגל אין קינדער, דאַרפן אירע קינדער באַזוכן דעם 5־טן שול־יאָר אין די ליט. שולן (כדי אויסצומיידן דעם איבערגאַנג צו אַ פרעמדער אונטערריכט שפּראַך, וועלן די עלטערן לכתחילה אָפּגעבן זייערע קינדער אין די ליט. פ"ש — דאָס איז געווען דער חשבון פון די מחברים פון געזעץ). טיפּיש איז אויך דער פּאַראַגראַף 29, וועלכער פירט איין ליטוויש אין דער געשעפטספירונג פון דער שול.

## נייער געזעץ וועגן די מיטלשולן און גימנאַזיעס

אויך דער נייער געזעץ פון זעלביקן יאָר וועגן די מיטלשולן און גימנאַזיעס, וועלכע זיינען געווען „פּריוואַטע" שולן, אַנטהאַלט די זעלבע טענדענצן.

אַזוי אַנטהאַלט ניט אויך דער געזעץ (§14) די מוטער־שפּראַך אַלס לימוד צווישן אַנדערע לימודים. נאָר פּאַראַגראַף 15 דערלויבט צו אונטערריכטן די מוטער־שפּראַך אַלס צווייטע פרעמדע שפּראַך. פּאַראַגראַף 86 פירט איין דאָס ליט. אונטערריכט שפּראַך פאַר פאָלגנדע לימודים: ליטוויש, אַלג. ליטעראַטור, געשיכטע, געאָגראַפיע פון ליטע, ליט. געשיכטע, ספּאָרט און מיליט. אויסבילדונג.

אַ וויכטיקע ענדערונג האָט דער געזעץ אַריינגעבראַכט לגבי די שול־אַטעסטאַטן פון די גימנאַזיעס. לויט דעם פריערדיקן געזעץ פלעגן די אַביטור־עקזאַמענס אין די העבר. גימנאַזיעס פאָרקומען מיט דער באַטייליקונג פון אַ פאָרשטייער פון בילד. מיניסטעריום און דאָס מיניסטעריום פלעגט דאַן באַשטעטיקן די אַטעסטאַטן. דער נייער געזעץ (§52) זאָגט, אַז די אַביטוריענטן פון די ניט רעג. גימנאַזיעס באַקומען די רעכט פון די רעג. גימנאַזיעס

נאָר דאַן ווען דאָס ב״מ וועט פּרואוון זייערע ידיעות און באַשטעטיקן עס אין אַטעסטאַט, אָדער אין אַ באַזונדערן דאָקומענט.

דאָ שטעקט די כוונה צו עקזאַמענירן די אַביטוריענטן פון די העברעאישע גימנאַזיעס דורך אַ באַזונדערער קאָמיסיע, אָדער דורך אַ ליט. רעג. גימנאַזיע. זעלבסטפאַרשטענדלעך, אַז דאַן וועלן אַלע עקזאַמענס פאָרקומען אין דער ליט. שפּראַך.

אויך אין די מיטלשולן און גימנאַזיעס פירט איין דער געזעץ די ליטווישע שפּראַך אַלס שפּראַך פון זייער געשעפטספירונג (§8).

## רעגירונגס־אינסטרוקציעס פון 1938

עס קומען נאָך צו די אינסטרוקציעס פון 1938, וועלכע באַשטימען, אַז די אַביטוריענטן פון די העבר. גימנאַזיעס דאַרפן עקזאַמענירט ווערן אין 11 לימודים (קעגן 6 אין די רעג. גימנאַזיעס). אין די העבר. אָדער יידישע שולן נעמט אָנטייל אַ פאָרשטייער פון ב״מ אויך ביי די איינטריטס־עקזאַמענס. בעת די עקזאַמענס דאַרפן די איינטרעטנדע שילער אויסהאַלטן אַלע עקזאַמענס. קיין נאָכפרוּאוואונגען דאַרפן ניט געגעבן ווערן. דאָס זיינען אַלץ נגישות אויסגערעכנט אויף צו באַשווערן דעם יידישן שילער אַריינצוטרעטן אין אַ העבר. (אָדער יידישער) גימנאַזיע, אָדער איר ענדיקן, און אַזוי אַרום צונעמען דעם רצון צו לערנען אין אַן אייגענער שול.

## דערפאָלגן פון דער ליטוויניזאַציע

ווען מיר זאָלן סומירן די ליטוויניזאַטאָרישע פּאָליטיק פון ב״מ אין משך פון 15 יאָר קאָנען מיר באַצייכענען אירע פאָלגנדיקע „דערגרייכונגען״:

1) דאָס שליסן דעם העבר. לערער־סעמינאַר און פּעדאַגאָגיום, וועלכע האָבן געהאַט צו פאָרבערייטן לערער פאַר די פ״ש לויט די פאָדערונגען פון דער רעג;

2) דאָס ניט רעגיסטרירן נייע שולן;

3) די פאַרקלענערונג פון יידישע קאָמפּלעקטן אין די פ״ש און אָנשליסונג פון יידישע קאָמפּלעקטן אין ליטווישע שולן (ד. ה. איבערגעגעבן די לייטונג איבער יידישע קאָמפּלעקטן די מנהלים פון די ליט. שולן), אַזוי זיינען פון 365 יידישע קאָמפּלעקטן — 45 (12%) געווען אָנגעשלאָסן אין ליט. שולן אין שול־יאָר 1937/8. אין זיי האָבן זיך געלערנט 2106 תלמידים (13% פון אַלע ייד. תלמידים);

4) שטענדיקע רעדוצירונג פון דער שטיצע פאַר יידישע פאָלקס־שולן. אין שול־יאָר 1936/7 האָט די רעג. אויסגעגעבן אויף ייד. פ״ש 1.540.000 ליט (5.4% פון איר גאַנצן ביודזשעט פאַר פ״ש). אין שול־יאָר 1937/8 — 1.350.000 ליט. דערביי מוז באַצייכנט ווערן, אַז אויך אין שול־יאָר 1936/7 האָבן די יידן באַקומען 300.000 ליט ווייניקער, ווי זיי האָבן געדאַרפט באַקומען לויט זייער פּראָצענט פון דער באַפעלקערונג (7,1%);



די מיטלשולן און גימנאַזיעס האָבן באַקומען פון דער רעג. אין יאָר 1936/7 — 153.000 ליט קעגן 360.000 ליט אין יאָר 1925/6;

5) וואַקסנדע שטרענגע פאָדערונג לגבי דער קענטעניש פון דער ליט. שפּראַך, הן פון די לערער הן פון די שילער, ווי אויך פון ספּעצ. ליט. לימודים (געשיכטע, לאַנד־קענטעניש א. ד. גל.);

6) דער איבערגאַנג פון דער העבר. אונטעררריכטסשפּראַך צו דער ליטווישער אין אַ ריי לימודים;

7) פאַרבאָט פון יידישע שילדן, בילדער און סימבאָלן אין די העבר. פ״ש און אַ פאַראָרדענונג צו פאַרבייטן זיי מיט ליטווישע;

8) דער ליטווישער אינספּעקטאָר איז געוואָרן דער גאַנצער בעל־הבית איבער דער העבר. שול און העבר. לערער, וועלכע זיינען געווען געצוואונגען זיך צוצופּאַסן צו אים און מיטהעלפן דער ליטוויניזירונג פון דער שול.

## יידישע קינדער אין פרעמדע שולן

די אויסגערעכנטע פּאָליטיק פון ליט. ב״מ האָט געבראַכט „פּרוכט״. דער ערשטער רעזולטאַט איז געווען דער פאַקט, אַז יידישע קינדער האָבן אָנגעהויבן באַזוכן ליטווישע שולן. אויב ביז 1930 איז עס געווען אַ זעלטענע און קוריאָזע דערשיינונג, האָבן שוין אין שול־יאָר 1938/9 באַזוכט ניט ווייניקער ווי 2000 ייד. קינדער אין ליטווישע פאָלקס־שולן. צוזאַמען מיט ייד. שילער אין אַלע אַנדערע ליט. שולן איז די צאָל איבערגעשטיגן 2500, ד. ה. 20% (אומגעפער) פון אַלע יידישע קינדער אין די העבר. שולן. (!) אַ פּראָצענט, וועלכער האָט באַדראָט די צוקונפט און אַנטוויקלונג פון דער העבר. שול, עס איז אָבער געווען אַ נאַטירלעכער פועל יוצא פון אַן עקשנותדיקער פּאָליטיק פון די ליטווישע הערשער צו פאַרניכטן דעם לעצטן רעשט פון דער יידישער נאַציאָנאַלער אויטאָנאָמיע.

## פּרואוון צו מאַכן אַ געמיינזאַמען פראָנט קעגן דער ליטוויניזאַציע

אין קאַמף פאַר דער נאַצ. שול האָבן זיך פאַראייניקט אַלע יידישע ריכטונגען: „תרבות״, „יבנה״ (די „אגודה״־ריכטונג) און די יידישיסטן. צו זיי האָבן זיך שפּעטער אָנגעשלאָסן פאַרטרעטער פון אַנד. נאַצ. מינדערהייטן אין ליטע (פּאָליאַקן, דייטשן און רוסן), וועלכע האָבן געהאַט אויסצושטיין ענלעכע, אָדער נאָך ערגערע רדיפות אויף זייערע שולן. דער פאַראייניקטער פראָנט פון די נאַצ. מינדערהייטן אין קאַמף פאַר זייערע רעכט האָט אָבער ניט לאַנג עקזיסטירט צוליב דער טאַקטיק פון די דייטשע און פּוילישע פאָרשטייער, וועלכע זיינען געווען אינספּירירט און אינסטרואירט פון אויסלענדישע פּאָליטישע אָרגאַניזאַציעס. די אַלגעמיינע יידישע אינטערעסן האָבן ניט דערלויבט מיטצומאַכן מיט יענע אַ געמיינזאַמע פּאָליטיק.

אויך דער יידישער פראָנט איז ניט געווען קיין שטאַר־קער. דער אָפּאָרטוניזם פון די „אגודה"־פירער, וועלכע האָבן געפירט אין ליטע שטענדיק אַ „מה־יפית"־פּאָליטיק, האָט ניט דערמעגלעכט אַ לענגערע בשותּפותדיקע פּאָליטי־שע אַקציע. „תרבות" האָט געהאַט צו פירן דעם קאַמף אַליין. זי, אין וועמענס שולן האָבן זיך דערצויגן מער ווי 75% פון אַלע יידישע קינדער, האָט געשפּירט די גרויסע אחריות, וואָס ליגט אויף איר פאַר דעם גורל פון דעם גאַנצן העבר. שול־וועזן אין לאַנד.

## די פּאָליטישע אַקציע פון „תרבות"

„תרבות" האָט זיך געווענדעט פיל מאָל צום פּרע־זידענט סמעטאָנאַ דורך מעמאָראַנדומס און דעלעגאַציעס, אויך דורך פּראָמינענטע געסט, וועלכע האָבן אין יענער צייט באַזוכט ליטע, און פּרובירט באַאיינפלוסן די פירער פון דער מדינה. „תרבות" האָט זיך אויך געווענדעט צו יידישע אָרגאַניזאַציעס אין אַמעריקע און פּאַריז, וועלכע האָבן אינטערווענירט ביי דעם ליטוו. אַמבאַסאַדאָר אין וואַ־שינגטאָן און ביים ליטווישן פאַרשטייער ביים פעלקער־בונד. דער קאָמיטעט פון די ייד. דעלעגאַציעס אין פּאַריז האָט זיך געווענדעט דירעקט צו דער ליט. רעגירונג. פון צייט צו צייט פלעגט די לעצטע פּובליקירן מעלדונגען, אין וועלכע זי האָט געלייקנט די מאַסמיטלען קעגן די נאַצ. שולן פון די מינדערהייטן, אָדער זי האָט זיך געהאַט פאַרענטפערט דורך פאַרשיידענע טענות און תירוצים. די אַלע מאַסמיטלען און אַקציעס פון „תרבות" האָבן ניט געבראַכט צו אַן איבערברוך אין דער שול־פּאָליטיק פון דער ליטוו. רעגירונג. דאָס איינציקע נוצן, אפשר, איז געווען, וואָס איר פּאָליטישע אַקציע האָט געבראַכט צו אַ פאַר־לאַנגזאַמערונג פון דער ליטוויניזאַציע.

## די פינאַנציעלע לאַגע פון די שולן

דאָס העבר. שול־וועזן אין ליטע איז פינאַנסיעל אויס־געהאַלטן געוואָרן, צום גרעסטן טייל פון זיין ביודזשעט, דורך 3 מקורות: א) די רעגירונג, ב) שכר־לימוד, ג) „תרבות".

1) די קינדער־גאָרטנס. ווי עס איז שוין דערמאָנט געוואָרן, האָט זיך זייער פינ. קיום באַזירט אויף דעם שכר־לימוד פון די עלטערן און אויף דער שטיצע פון „תרבות". די רעגירונג האָט זיך מיט די ק"ג ניט אינטע־רעסירט און זיי ניט געשטיצט. די לעצטע יאָרן, ווען די רעגירונג האָט שוין יאָ זיך אָנגעהויבן אינטערעסירן מיט דעם פאַר־שול־בילדונג און האָט יאָ אַסיגנירט באַשטימטע סכומים פאַר זיי, זיינען אויך דאַן די העבר. ק"ג געבליבן מחוץ דער שטיצע פון דער רעגירונג. די שטיצע פון „תרבות" איז געגעבן געוואָרן על פּי רוב אויף גרינדן אַ ק"ג, אים איינאָרדענען, באַזאָרגן מיט די נייטיקע, אָדער פעלנדע מכשירים. אין איינציקע פאַלן איז די שטיצע געגעבן געוואָרן דאַן, ווען די עלטערן פלעגן זיכערן אַ באַשטימטן פּראָצענט פון ביודזשעט. דורכשניטלעך



איז געווען די שטיצע פון „תרבות" פאַר די ק"ג 500 ליט אַ חודש. ס'זיינען אָבער געווען צייטן, ווען די שטיצע האָט דערגרייכט 1200 ליט. (פּרטים זע טאַבעלע 2.)

2) פאָלקס־שולן. די סכומים, וועלכע די רעגירונג (מיט די זעלבסטפאַרוואַלטונגען) פלעגט אַסיגנירן פאַר די פ"ש פון יידישן מיעוט, זיינען געווען פאַרשיידענע אין משך פון דער תקופה. זיי זיינען געווען אָפּהענגיק פון דעם אַלגעמ. ביודזשעט, פון דער צאָל יידישע שול קאָמפּלעקטן, ווי אויך פון דער אַלגעמ. פּאָליטיק לגבי די מינדערהייטן. אין שול־יאָר 1936/7 האָט די רעג. אַסיגנירט 1.450.000 ליט אויף אויסצוהאַלטן די יידישע קאָמפּלעקטן.

פון דעם דערמאָנטן סכום האָבן די „תרבות" פ"ש באַקומען 935.000 ליט. די רעגירונג פלעגט אויסצאָלן פון דעם סכום דעם געהאַלט פון די לערער (רע־גיסטרירטע און באַשטעטיקטע דורך איר, לויט דעם קאָמ־פּלעקטן־סיסטעם). די מוניציפּאַליטעטן פלעגן דעקן די ווירטשאַפטלעכע הוצאות פון די שולן (דירה־געלט, באַ־הייצונג, באַלייכטונג און באַדינונג) און אויך צוצאָלן די לערער אַ קליינע הוספה. דאָס געהאַלט פון אַ טייל פ"ש־לערער איז געווען אָפּהענגיק פון זיין צענז, סטאַזש, ווי אויך פון זיין פאַמיליען־לאַגע. דאָס מינימום פון מאָ־נאַטלעכן געהאַלט איז געווען (אומגעפער) 150 ליט און איז דערגאַנגען ביז 450 ליט דורכשניטלעך: 300 ליט, דאָס איז אפשר געווען גענוג פאַר אַ ליטוו. לערער אין דאָרף, אָבער ווייט ניט גענוג פאַר אַ יידישן לערער אין שטאָט. כל זמן עס האָבן עקזיסטירט אין ליטע די קהילות, פלעגן די לעצטע צוצאָלן די לערער אַ געוויסע הוספה צו זייער געהאַלט. די קהילות פלעגן אויך צאָלן געהאַלט די לערערס, וועלכע זיינען ניט געווען באַשעפטיקט פון דער רעגירונג (צוליב „קאָמפּלעקט"־סיבות אָדער אַנדערע). די שטיצע פלעגט דערמעגלעכן אויסצובעסערן די לאַגע פון לערער און פון דער שול. מיטן בטול־מאַכן די קהילות איז אויך בטל געוואָרן זייער שטיצע. די עלטערן זיינען געווען פריי, לויט דעם געזעץ, פון שכר־לימוד. מאַנען שכר־לימוד פון עלטערן איז געווען פאַרבאָטן, און עלטערן, וועלכע האָבן געוואָלט אויסמיידן אַ באַשטייערונג, וואָס דער עלטערן־ראָט פון דער שול פלעגט אויף זיי אַרויפלייגן, האָבן געהאַט דערצו די פולע מעגלעכקייט. דער שכר־לימוד וועלכער האָט דאָך נאָך עקזיסטירט (ניט לע־גאַל) האָט אויפגעהערט צו זיין אַ זיכערער מקור פאַר דעם שול־ביודזשעט. דאָס האָט אָבער אויך געפירט צו אַן אָפּגעשוואַכטער השפּעה פון די עלטערן און פון דער געמיינדע אויף דער שול. דער קאָנטאַקט מיט די לערער איז אָפּגעשוואַכט געוואָרן. די לעצטע זיינען געבליבן אָפּהענגיק נאָר פון ליטווישן שול־אינספּעקטאָר, וועלכער איז געווען זייער איינציקער ברויט־געבער און פּעדאַגאָגי־שער אויפזעער.

## שטיצע פון „תרבות"־ביודזשעט

„תרבות"־צענטראַלע האָט געשטיצט אין משך פון

1932—1926 82 פ״ש מיט אַ סכום פון 3000 ליט (דורכ־שניטלעך) אַ מאָנאַט (ס'זיינען געווען צייטן, ווען די מאָ־נאַטלעכע שטיצע איז דערגאַנגען ביז 8000 ליט). הגם די שטיצע האָט באַטראָפן נאָר 3.5% פון דעם אַלגעמיינעם ביודזשעט פון די פ״ש, האָט דאָך די שטיצע פון „תרבות״ געהאַט אַ גרויסע באַדייטונג: א) דאָס איז געווען די איינציקע געזעלשאַפטלעכע שטיצע פאַר די פ״ש, ב) זי האָט דערמעגלעכט אַ געוויסן קאָנטראָל פון „תרבות״ איבער די לערער, ג) האָט געשאַפן דעם איינציקן געז. קאָנטאַקט מיט דער שול, ד) „תרבות״ האָט געשטיצט אויך שולן, וועלכע זיינען ניט געווען רעגיסטרירט און געשטיצט פון דער רעגירונג (צוליב דעם, וואָס עס האָבן געפעלט שילער צו אַ קאָמפּלעקט). „תרבות״ פלעגט אויך פאַרטיילן צווישן די שולן לערנמיטלען, פאַרשיידענע שול־מכשירים און ביבליאָטעקן.

3) מיטלשולן און גימנאַזיעס. זיי זיינען געווען אָנגעוויזן, הויפּטזעכלעך, אויף דעם שכר־לימוד. אין די מיטלשולן איז דער שכר־לימוד געווען כמעט 79% פון דער גאַנצער הכנסה; אין די גימנאַזיעס — 86%—70%.

דער שכר־לימוד אין די מ״ש איז געווען צווישן 150—250 ליט אַ יאָר, אין די גימנאַזיעס — פון 180 — 500 ליט (אין געוויסע פאַלן — ביז 800 ליט). די העבר. מיטלשולן און גימנאַזיעס זיינען געווען אין פּרט פון דער רעג. אונטערשטיצונג נאָך מער באַעוולט, ווי די פ״ש. די שטיצע, וועלכע זיי האָבן דערהאַלטן פון דער רעגירונג, אין שול־יאָר 1936/7, אין סכום פון 153.000 ליט, האָט באַטראָפן נאָר 3% פון דעם אַלג. ביודזשעט פאַר מיטל־שול און גימנאַזיעס אַנשטאָט 7%. לויט דער צאָל יידן אין לאַנד און לויט דער צאָל יידישע שילער אין די מ״ש און ג. וואָלט די שטיצע נאָך געדאַרפט זיין פיל העכער.

(ס'מוז אָבער באַצייכנט ווערן, אַז די שטיצע פאַר די העבר. מ״ש און ג. איז געווען פיל העכער ביז 1930 און איז דערגאַנגען ביז 400.000 ליט אַ יאָר).

די רעג. שטיצע האָט אויסגעמאַכט 15% פון דעם ביו־דזשעט אין די מ״ש און 12% אין די גימנאַזיעס (געווען צייטן, ווען ס'האָט אויסגעמאַכט קרוב צו 35%). די מ״ש און ג. זיינען געשטיצט געווען פון „תרבות״ אין פאָלגנדע פאַלן: 1) ווען די עקזיסטענץ פון דער שול איז געווען וויכטיק דעם אַלגעמיינעם העבר. שול נעץ אין ליטע, אָדער פון אַ געוויסן קרייז, 2) ווען די שול האָט דורכגעמאַכט אַ שווערן אינערלעכן קריזיס, 3) פאַר באַשטימטע ווירט־שאַפטלעכע צוועקן (ווי איינשאַפן זיך אַ פּאַסנדן בנין, רעמאָנט פון אַן אייגענעם בנין, אינווענטאַר). הגם די שטיצע פון „תרבות״ פאַר די שולן האָט באַטראָפן, דורכ־שניטלעך, 31.000 ליט אַ יאָר און עס האָט אויסגעמאַכט נאָר 3% פון זייער הוצאה, אָבער אין ביודזשעט פון די געשטיצטע שולן, האָט די שטיצע אויסגעמאַכט מאַנכעמאָל ביז 25% און איז געווען דעצידירנד פאַר זייער קיום.

4) דער העבר. לערער־סעמינאַר איז אויסגעהאַלטן געוואָרן הויפּטזעכלעך אויף די געלטער פון „תרבות״ (60—70%). אַ געוויסע צייט האָט דער מרכז הציוני גע־שטיצט דעם לערער־סעמינאַר מיט 1000 ליט אַ חודש. די רעגירונגס־הילף האָט אויסגעמאַכט 30—40% פון דער הוצאה.

בדרך כלל האָט די רעגירונגס־שטיצע פאַר דעם גאַנצן העבר. שול־וועזן אויסגעמאַכט צייטנווייז צווישן 5—6 פּראָצענט פון דעם גאַנצן שול־ביודזשעט. דאָס איז געווען פיל ווייניקער פון דעם סכום אויף וועלכן די יידן האָבן געהאַט רעכט צו באַקומען, לויט זייער פּראָצענט פון דער באַפעלקערונג און צאָל פון זייערע שילער.

דער פינאַנציעלער מצב פון די „תרבות״־שולן אין ליטע

טאַבעלע 2.

(דורכשניטלעכער יערלעכער ביודזשעט אין ליטן)

| הכנסה־קוואַלן | קינדער־גערטנער | פאָלקס־שולן | מיטלשולן | גימנאַזיעס | לערער־סעמינאַר | ס״ה |
|---|---|---|---|---|---|---|
| שכר־לימוד | 58.000 | 50.000 | 18.000 | 135.000 | 9.600 | 1.097.600 |
| רעגירונגס־שטיצע | — | 935.000 | 90.000 | 950.000 | — | 1.148.000 |
| „תרבות״־שטיצע | 6.000 | 36.000 | 6.000 | 25.000 | 15.000 | 88.000 |
| סך הכל | 64.000 | 1.021.000 | 114.000 | 1.110.000 | 24.600 | 2.333.600 |

## פּעדאַגאָגישע דערגרייכונגען

ווי מיר האָבן שוין געזען, זיינען די צוואַנציק יאָר, די תקופה פון קיום פון „תרבות״־שול־וועזן אין ליטע, ניט געווען אַ תקופה פון רואיקן אויפבוי און אומגע־שטערטער קאָנסטרוקטיווער שאַפונג. די מאָדערנע העבר. שול אין ליטע האָט ניט געהאַט פאַר זיך אַ מוסטער פון ענלעכן שאַפונג אין גלות. זי איז געווען אָן דערפאַרונג. איר האָבן געפעלט געניטע לערער און דערפאַרענע אַד־מיניסטראַטאָרן, אַן איינהייטלעכע פּראָגראַם, פּאַסנדע בנ־ינים, אַ געזונטער ביודזשעט, נייטיקע שול־מכשירים, א. ד. גל.

די אַלע שוועריקייטן זיינען נאָך קאָמפּליצירט גע־

וואָרן דורך דער אויבנדערמאָנטער שול־פּאָליטיק פון ליט. בילדונגס־מיניסטעריום. און דאָך איז די העבר. שול אין ליטע, אין פאַרלויף פון די 20 יאָר, געווען אַ גרויסע קולטור־דערגרייכונג און אַ גרויסער נצחון פאַר דעם געדאַנק פון העבר. דערציאונג אין גלות.

העברעאיש איז געווען די אונטעררעכטס־שפּראַך אין אַלע טיפּן שולן און פון אַלע לימודים, יידישע און אַלגעמיינע, כל זמן דער דרוק פון אויסן האָט ניט געניית אַריינפירן געוויסע שנויים אין דער ריכטונג פון דער אונטערריכט־שפּראַך. הגם העברעאיש איז ניט געווען די מוטער־שפּראַך פון די קינדער, האָט דאָס אונטעררעכטן אויף העברעאיש ניט געשטערט זייער נאָרמאַלער אַנטוויקלונג און דערציאונג. די העבר. שולן אין ליטע, באַזונדער די מיטלשולן און גימנאַזיעס, זיינען געשטאַנען אויף אַ ניט נידעריקערער שטופע פון די שולן, וואו דער אונטערריכט האָט זיך געפירט אויף דער מוטער־שפּראַך, און אַפילו אויף ניט קיין נידעריקערער שטופע פון די רעגירונגס־שולן, וועלכע זיינען געווען אויסגעהאַלטן דורך דער רעגירונג מיט אַ ברייטער האַנט. די העבר. שולן זיינען אויך ניט אָפּגעשטאַנען פון די דייטשע אָדער רוסישע שולן אין ליטע, וועלכע האָבן געהאַט אין זייער רשות אַ קאָדר פון דערפאַרענע לערער און אַ לאַנגע פּעדאַגאָגישע טראַדיציע. דאָס איז געווען די מיינונג פון אָביעקטיווע מומחים און פון באַאַמטע פון ליטוו. בילד. מיניסטעריום, וועמען מען האָט געוויס ניט געקאָנט חושד זיין אין באַזונדערע סימפּאַטיעס צו אַ יידישער שול.

אויך די רעזולטאַטן פון די אַרויסלאָז־עקזאַמענס פלעגן יעדן יאָר באַשטעטיקן די דאָזיקע מיינונג (די רעזולטאַטן פלעגן פּובליקירט ווערן אין דעם אָפיציעלן אָרגאַן פון בילד. מיניסטעריום „שוועטימא דארבאס”). אויך די מיינונג פון די לערער אין ליט. אוניווערזיטעט און פון אויסלענדישע הויכשולן איז געווען, אין גרעסטן טייל, אַ פּאָזיטיווע, בנוגע די קענטענישן פון די אַביטוריענטן פון די העבר. גימנאַזיעס.

וויכטיק איז אָבער צו באַצייכענען די פרייהייט און די שאַפונגס־פרייד, וועלכע האָבן געהערשט אין די העבר. שולן, די האַרציקע אַטמאָספער און פריינדלעכקייט אין וועלכער די קינדער פלעגן אויסוואַקסן, זיי האָבן ניט געדאַרפט זיין געדולדעט דורך פרעמדע דערציער און ניט געוואוסט פון צוזאַמענשטויסן, באַליידיקונגען און שיקאַנעס פון ניט יידישע „חברים”, ווי די יידישע קינדער, וועלכע האָבן געלערנט אין די פרעמדע שולן. אויך די ספּעציפישע פעאיקייטן פון ייד. קינד, זיין מאָראַל, זיטן, כאַראַקטעריסטישע פלייסיקייט און התמדה ווי אַלע אַנדערע זיינע אייגנשאַפטן, האָבן ניט געדאַרפט געשטערט ווערן אָדער באַקעמפט ווערן דורך פרעמדע. קיינע פיינדלעכע בליקן האָבן ניט פאַרסמט זיין נשמה. דאָס יידיש קינד האָט זיך געשפּירט אין זיין משפּחה, אין קרייז פון אייגענע, באַהעפט מיט זיין אייגענער קולטור, פאַרגאַנגענהייט און אידעאַלן פון דער צוקונפט.





דאָס מיינט אָבער ניט צו זאָגן, אַז דער פּעדאַגאָגישער מצב איז געווען אַן אידעאַלער. באַזונדערס האָט פאַרדינט גרויס קריטיק די פאָלקס־שול. די סיבות פון איר אומצופרידנשטעלנדיקן פּעדאַג. מצב זיינען שוין דערמאָנט געוואָרן נאָר אַ ראַדיקאַלע ענדערונג אין דעם רעכטלעכן מצב און איר אַוועקשטעלונג אונטער אַ יידישן געזעל. קאָנטראָל, וואָלט געקאָנט ענדערן די לאַגע און אויסמיידן איר דעגענעראַציע. אויך די איבעריקע טיפּן פון דער העבר. שול אין ליטע האָבן געהאַט פאַר זיך אַ ברייטן פעלד פון רעפאָרמירן די מעטאָדן פון אונטערריכטן די העבר. לימודים, ווי אויך די אַלגעמיינע לימודים. די שולן האָט בכלל געפעלט אַ באַשטימטע ריכטונג פון פּראַקטישער אויסבילדונג. זיי זיינען מיינסטנס געווען קלאַסישע שולן און האָבן ניט געגעבן די תלמידים אַ צוגרייטונג צום טאָג־טעגלעכן לעבן און קאַמף פאַר דער עקזיסטענץ.

## שוואַכע זייטן אין שול־וועזן

ס'האָבן געפעלט אין דעם נעץ העבר. פאַך־שולן. חוץ איין העבר. פאַך־שול אין ווילקאָווישקי, וועלכע האָט עקזיסטירט ביי דער דאָרטיקער העבר. גימנאַזיע, זיינען אין ליטע ניט געווען קיין פאַך־שולן אין דער העבר. שפּראַך. ס'האָט אויך געפעלט דער טיפּ פון אַ העברעאישער קאָמערץ־שול, וועלכע זאָל פאַרברייטן אירע שילער צו באַנק־אָדער ביוראָ־אַרבעט, האַנדל־אָדער אינדוסטרי־טעטיקייט. אויך דער אונטערריכט פון נאַטורוויסנשאַפטס־לימודים איז נאָך ניט געשטאַנען אויף דער נייטיקער הייך פון אַ מאָדערנער שול. אָבער, לעצטנס האָבן די העבר. שולן באַקומען לערער, אַבסאָלווענטן פון ליטוו. אוניווערזיטעט, אָדער אויסלענדישע אוניווערזיטעטן, וועלכע האָבן זיך פאַרפולקאָמט אין דעם אונטערריכט פון נאַטורוויסנשאַפטלעכע לימודים און זיי האָבן אויפגעהויבן דעם ניוואָ פון פאַך. אַ ריי אַביטוריענטן פון ליטוו. העבר. גימנאַזיעס האָבן אויך שטודירט אין ירושלים און זיך פאַרברייטעט פאַר אַ ווייטערדיקער פּעדאַג. טעטיקייט אין ליטע. דאָס אַלץ האָט געגעבן אַ יסוד צו האָפן, אַז אויך די פעלערן וועט מען בייקומען און אַז אויך די ווירקלעכקייט און די פּראַקטיק פון דער העבר. דערציאונג וועט העלפן אויסקריסטאַליזירן דעם פּאַסנדן טיפּ פון דער העבר. שול.

## אַלגעמיינע קולטור־דערגרייכונגען

די דערגרייכונגען פון דער העבר. באַוועגונג אין ליטע זיינען אָבער ניט נאָר געווען אויף דעם שול־געביט אַליין.

די טויזנטער יוגנטלעכע, וועלכע זיינען דערצויגן געוואָרן אין די העבר. שולן, האָבן געהאַט זייערע קולטור־הצטרכותן און גייסטיקע פאָדערונגען: אַ העבר. צייטונג, אַ העבר. בוך, העבר. קונסט און קולטור סביבה. די באַוועגונג, וועלכע האָט זיי דערצויגן אין העברעאיש, האָט

אויך געמוזט זארגן פאר זייער גייסטיקער שפייז מחוץ דער שול און נאך דער שול.

## דאס העברעאישע בוך אין ליטע

א באזונדערע אויפמערקזאמקייט איז געלייגט געווארן אויף דער פארשפרייטונג פון העבר. בוך. אין ליטע האבן עקזיסטירט 110 יידישע געז. ביבליאטעקן, מחוץ 120 וועלכע זיינען געווען ביי די שולן. כדי צו באזארגן די ביבליאטעקן און דעם איינצלנעם לייענער פון בוך מיט די נייעסטע העבר. ביכער, האט „תרבות" געגרינדעט א ביכער-קאאפעראטיוו („עזרה") וועלכער האט געדינט אלס הויפט אגענטור פון אלע העבר. בוך-פארלאגן אין א"י און פוילן. אין משך פון 1927—1932 זיינען דורך „עזרה" פארשפרייט געווארן אין ליטע ביכער אויף א סכום פון 375.000 ליט.

„עזרה" האט ארגאנזירט פאר דער צייט פון איר קיום 8 גרויסע בוך אויסשטעלונגען, וועלכע זיינען באזוכט געווארן דורך העכער 50.000 מענטשן. 10.000 ביכער זיינען דורך „עזרה" פארטיילט געווארן לויט ביליקע פרייזן און לאטערייען. „עזרה" פלעגט אויך פובליקירן אפט קאטאלאגן פון די נייעסטע העבר. ביכער, ווי אויך רעצענזיעס איבער ביכער אין דער ארטיקער פרעסע.

## די שטעלונג פון „תרבות" צו דער רעליג. פראגע

א גאנץ באזונדערן ארט אין אונדזער קורצן איבערזיכט איבער די לייסטונגען פון „תרבות"-וועזן אין ליטע, פארדינט די שטעלונג פון „תרבות" צו דער רעליגיעזער פראגע אין דער שול.

חוץ דער „תרבות"-ריכטונג זיינען געווען נאך צוויי יידישע שול-ריכטונגען: די יידישיסטישע און „יבנה".

די יידישיסטישע ריכטונג איז געווען פאר א וועלטלעכער דערציאונג מיט יידיש אלס אונטערריכטס-שפראך. אירע לערער זיינען געווען, על פי רוב, מענטשן מיט א לינקער וועלט-אנשויאונג (סאציאליסטישער אדער קאמוניסטישער) און אנטי-ציוניסטישער שטימונג. אין זייער שול-פראגראם האט די רעליגיע איבערהויפט ניט פארנומען קיין פלאץ.

„יבנה" אין ליטע איז געווען די שול-ארגאניזאציע פון דער „אגודה". די אונטערריכטס-שפראך אין אירע שולן איז געווען העברעאיש (אין קעגנטייל צו די „אגודה" שולן אין פוילן, וואו די אונטערריכטס-שפראך איז געווען יידיש, אדער פויליש). דער שווער-פונקט אין דער ריכטונג איז געווען די רעליגיעזע דערציאונג. די פירער פון „יבנה" זיינען געווען אויסגעשפראכענע אנטי-ציוניסטן און באקעמפט יעדע ציוניסטישע שטרעבונג צווישן זייערע לערער און שילער.

די „תרבות"-שולן זיינען געווען ציוניסטישע שולן, וועלכע האבן געשטרעבט צו פארשטארקן דאס היסטארישע יידנטום דורך: א) דערציאונג צו רעספעקטירן די נאצ. און רעליגיעזע טראדיציע, ב) אנטוויקלונג פון חלוציש גייסט פאר דעם אויפבוי פון א יידישער מדינה אין ארץ-ישראל און רענעסאנס פון העבר. קולטור און שפראך.

די שטעלונג פון „תרבות" צו דער רעליגיע איז ניט נאר געווען א פאזיטיווע. זי האט אויך געפאדערט אן אקטיווע באציאונג פון לערער צו דער רעליגיעזער דערציאונג און אנטוויקלונג פון רעל. גייסט פון די שילער. דאס פראגראם פון די „תרבות"-שולן האט געווידמעט א בכבודיקן פלאץ פאר דער רעליג. דערציאונג און פאר די „לימודי קודש".

די שטעלונג פון „תרבות" צו רעליגיע האט געבראכט דערצו, אז אין די ערטער, וואו די „יבנה"-לערער זיינען ניט געווען אנטי-ציוניסטיש און די „פירער" זייערע האבן ניט געשטערט (אדער ניט געקאנט שטערן) איז קיין אונטערשייד צווישן די „תרבות"-שולן און „יבנה"-שולן ניט געווען. אין אזעלכע פאלן איז אויך געקומען צו דער פאראייניקונג פון די שולן (ווי עס איז געווען אין ווילקאמיר, למשל) ביי דער צופרידנקייט פון די עלטערן און מיט דער ברכה פון „תרבות".

„מזרחי" אין ליטע האט ניט אנטייל גענומען אפיציעל אין מרכז „תרבות" (אויך ניט אין מרכז „יבנה"), אבער אויף די ערטער האט געהערשט א פולשטענדיקע הארמאניע צווישן די „תרבות"-שולן און די רעליגיעזע פירער (די רבנים פלעגן אפט באזוכן די שולן און אויפפאסן אויף זיי). ס'זיינען געווען אויך אויסנאם-פאלן, ווען די רבנים זיינען ניט געווען צופרידן מיט דער אויפפירונג פון לערער אדער מיט דעם ניווא פון רעליגיעזן אונטערריכט. אין די פאלן פלעגט קומען א באלדיקע אינטערווענץ פון „תרבות" און מאסמיטלען אויסצובעסערן דעם מצב. דער מרכז „מזרחי" אין ליטע פלעגט אבער שטענדיק אונטערשטיצן די פאליטישע, געזעל. און פינאנץ-אקציעס פון „תרבות". (באזונדערס דארף באצייכנט ווערן די הילף פון „מזרחי" פאר דער „תרבות"-אקציע אין ענגלאנד אין יאר 1931 א דאנק וועלכער די פירער פון ענגל. „מזרחי" האבן אקטיוו מיטגעהאלפן די שליחים פון „תרבות" אין ענגלאנד. אין שפיץ פון דארטיקן קאמיטעט פאר „תרבות" איז געשטאנען אזא פראמינענטע פערזענלעכקייט, ווי הויפט-ראבינער צ. י. הערץ, און אויף דעם אויפרוף פון קאמיטעט האבן זיך געצייכנט אנדערע פראמינענטע רעליגיעזע פירער, צווישן זיי אויך הרב מאיר בערלין).

## העברעאישע פרעסע

ליטע האט אויך געהאט איר העבר. פרעסע. ס'זיינען דערשינען „הצופה", ארויסגעגעבן דורך דעם העבר. וועטראן א. א. פרידמאן, „הד ליטא", ארויסגעגעבן דורך דעם ציונ. מרכז, „נתיבות" און „עולמנו" ארויסגעגעבענע דורך „תרבות" און א ריי אנדערע פעריאדישע אויסגאבן, ארויסגעגעבענע דורך יוגנט פאראיינען און פריוואטע פערזאנען. די מיינסטנס העבר. ארגאנען זיינען רעדאגירט

געוואָרן דורך די ה״ה משה כהן און נתן גרינבלאַט. אין די אַלע צייטשריפטן פלעגן נעמען אַנטייל אָרטיקע ליטעראַרישע קרעפטן ווי אויך פון אויסלאַנד. אין די אַלע צייטשריפטן האָבן חוץ סופרים פון עלטערן דור מיטגעאַרבעט אויך יונגע קרעפטן, וועלכע האָבן זיך אַנטפּלעקט במשך פון די לעצטע 10 יאָר. פון זיי דאַרפן באַזונדערס באַצייכנט ווערן די יונגע דיכטערין לאה גאָלדבערג, דניאל פּראַכאָווניק, ד. א. שאַפּיראָ, ש. גענס, אַ. היימאַן און אַ ריי אַנדערע — אַלע געוועזענע תלמידים פון די העבר. שולן אין ליטע. אָפט זיינען אין ליטע איינגעלאַדן געוואָרן העבר. ליטעראַרישע און קינסטלערישע קרעפטן פון ארץ־ישראל. עס דאַרפן באַזונדערס באַצייכנט ווערן די 2 באַזוכן פון „הבימה״ און דער באַזוך פון „אהל״ אין ליטע, ווי אויך די באַזוכן פון איינצלנע קינסטלער, ווי ורדי און יואלית, שושנה אביבית, מרים אליאס, ח. גראבער, ברוך אגדתי, ב. בערנשטיין־כהן, מ. קליאַצקין א. אַ. די באַזוכן פון „הבימה״ זיינען געווען אַ גרויסער יום־טוב פאַר דעם ליטוו. יידנטום. אַזאַ ענטוזיאַסטישן קבלת פּנים און אַזאַ דאַנקבאַרע פּובליק האָט „הבימה״ אויף איר לאַנגער טורנע איבער אַלע גלות־־לענדער געקענט געפינען נאָר אין ליטע.

די באַזוכן פון זלמן שניאור, שאול טשערניכאָווסקי און אַנדערע פּראָמינענטע העבר. שריפטשטעלער זיינען געבליבן אין זכרון פון דעם ליטוו. יידישן עולם לאַנגע יאָרן. אָבער אַ גאַנץ באַזונדערע געשעעניש איז געווען די באַזוכן פון נחום סאָקאָלאָוו און ביאַליק, דאָס זיינען געווען היסטאָרישע איבערלעבענישן פאַר יידן אין ליטע. ביאַליק האָט באַזוכט ליטע 2 מאָל: אין האַרבסט 1931 און אין ווינטער 1932. דער ערשטער באַזוך איז געקומען לויט דער איינלאַדונג פון „תרבות״. ביאַליק האָט דאַן פאַרבראַכט אין ליטע אַ וואָך צייט און איז אַרויסגעטראָטן מיט דריי עפנטלעכע פאָרטראַגן אין קאָוונע. ביאַליק איז געווען אַליין זייער איבערראַשט פון דער העבר. ליטע, אַזוי, אַז ער האָט אויסגענוצט די געלעגנהייט און געקומען דעם קומענדיקן יאָר אַ צווייטן מאָל קיין ליטע. דאָס מאָל האָט ער פאַרבראַכט אין ליטע מער ווי אַ חודש צייט (אַ קורצע צייט איז ער געווען דאָרט קראַנק) און האָט באַזוכט אויך די ליטוו. פּראָווינץ (שאַוול און פּאָנעוועזש). ביאַליקס ביידע באַזוכן זיינען געווען אַ טריאומפאַלער צוג פון גרויסן דיכטער און אַ גרויסער יום־טוב פאַר דער העבר. באַוועגונג. זיינע פאָרטראַגן האָבן געמאַכט אַן אומפאַרגעסלעכן איינדרוק אויף די יידישע מאַסן און זיינען געווען פון גרויסער ווירקונג. ביאַליקס באַזוכן האָבן אויך אַרויסגערופן אַ גרויסן אינטערעס ביי דער ליט. געזעלשאַפט און רעגירונג. די באַזוכן זיינען געווען די קולמינאַציאָנס־פּונקטן פון דער העבר. שטימונג און באַגייסטערונג אין ליטע.

## העבראַישע טעאַטער־סטודיע

אַ באַזונדערן אָרט אין העבר. לעבן פון ליטע האָבן





פאַרנומען די העבר. טעאַטער־סטודיעס, וועלכע האָבן עקזיסטירט פון 1923—1925 און פון 1927—1934. די לעצטע איז געווען אַ קאָלעקטיוו פון 16 חברים, וועלכע האָבן זיך אייפערזיכטיק אָפּגעגעבן דער עבודה פון העבר. טעאַטער־קונסט און אין משך פון די יאָרן האָבן זיי, דורך זייער אומדערמידלעכער, איבערגעגעבענער און פול מיט באַגייסטערונג אַרבעט, דערוואָרבן אַ נאָמען פון אַן „ערנסטן טעאַטער־מוסד*. די סטודיע איז געווען איינע פון די וויכטיקסטע טעאַטער. אויפטואונגען אין דער פרייער ליטע. אונטער דער לייטונג פון מ. גאַר, ר. צבי, אַ. זשירינסקי און מ. גראָמאָוו (די לעצטע צוויי פון מאָסקווער קונסט־טעאַטער) האָט די סטודיע זוכה געווען צו גרויסע טעאַטער. דערגרייכונגען, אָנערקענטע דורך די אָרטיקע און אויסלענדישע טעאַטער. קריטיקער (אַלס אָנערקענונג פאַר אירע לייסטונגען, האָט די ליטוו. רעגירונג באַשטעטיקט אַ יערלעכע שטיצע פאַר דער סטודיע).

די אַרויסטרעטונגען פון דער סטודיע אין קאָוונע און אין פּראָווינץ זיינען געווען שטענדיק אַ יום־טוב פאַר דעם יידישן עולם, ביחוד פאַר דער יוגנט, און לאַנג האָט אָפּגעהילכט זייער עכאָ צווישן די ווענט פון די שולן.

## העבראַישער „ענגעל־כאָר״

אַ צווייטער וויכטיקער קונסט־אויפטו איז געווען דער „ענגעל־כאָר״ אונטער דער לייטונג פון ש. בליאַכעראָוויטש און פרוי א. וואַרשאַווסקי. דער כאָר איז באַשטאַנען פון 40—50 חברים, מייסטנס אַרבעטער און לערן־יוגנט, וועלכע האָבן באַקומען אין כאָר אַ דויערנדע און גרינדלעכע וואָקאַלע און מוזיקאַלישע אויסבילדונג. די פּראָגראַם פון די קאָנצערטן האָבן אַנטהאַלטן אָראַטאָריעס, ווי אויך פאָלקסלידער אין העבראַיש און יידיש. דער כאָר פלעגט אַרויסטרעטן מיט באַזונדערע קאָנצערטן, ווי אויך ביי פאַרשיידענע פייערלעכע געלעגנהייטן. דער כאָר האָט געהאַט אַ געלט־שטיצע פון דער רעגירונג.

ליידער, האָט דער קריזיס אין די יאָרן 1932/34 פאַרורזאַכט די ליקווידאַציע פון דער סטודיע און פון „ענגעל־כאָר״, וועלכע האָבן פיל מיטגעהאָלפן שאַפן אַ העבר. קולטור סביבה און קונסט־אַטמאָספער אין דער אָרעמער ליטע.

## העבראַישע פאָרטראַגן און דיסקוסיעס

העבר. פאָרטראַגן, דיסקוסיעס, ליטעראַרישע אָוונטן פלעגן אָפט אָרגאַניזירט ווערן אין אַלע שטעט און שטעטלעך. זיי פלעגן פאָרקומען מיט דער באַטייליקונג פון אָרטיקע קרעפטן, אָדער מיט געסט פון אויסן. אין יאָר 1938, למשל, זיינען אין קאָוונע אַליין פאָרגעקומען 80 העבר. פאָרטראַגן.

---

* אַ טייל ח״ח געפינען זיך אין ישראל, צווישן זיי דער באַקאַנטער אַרטיסט פון „קאַמערי״ זלמן לעביוש און דער שרייבער און קולטור־טוער, דער רעד. פון 2־טן באַנד „ליטע״ — ח. לייקאָוויטש.

די העברעאיש שולן אין ליטע זיינען געווען ניט נאָר דער־ציאונגס־מוסדות פאַר די קינדער. זיי האָבן אויך געדינט אַלס קולטור־צענטערן פאַר דער אָרטיקער יידישער באַפעלקערונג. די שול־ביבליאָטעק, דער שול־זאַל, די שול־אָוונטן האָבן געדינט אויך דעם ברייטן קרייז פון דער אָרטיקער ייד. געזעלשאַפט. די העבר. שול יוגנט און אַביטוריענטן האָבן אריינגעבראַכט נייע פאַרבן אין דער יידישער געזעלשאַפטלעכקייט. די אָרגאַניזירטע יוגנט האָט געשאַפן אַ נייעם כוח און אַ שטאַרקן פאַקטאָר אין געז. און קולטורעלן לעבן.

## העברעאישע יוגנט־באַוועגונג

די העבר. יוגנט איז געווען אָרגאַניזירט אין פאַר־שידענע פּאָליטישע, חלוצישע, סטודענטישע און קולטור פאַראיינען. זיי האָבן פאַרגעזעצט די העבר. דערציאונג אויך מחוץ די ווענט פון די שולן. אין זייערע רייען האָבן זיך געפונען פיל חברים וועלכע האָבן באַקומען זייער דערציאונג אין שולן פון אַנדערע ריכטונגען, אָדער אויך אין פרעמדע שולן.

די פאָלגנדע טאַבעלע גיט אַ קורצן איבערבליק איבער דער גרויס און פאַרצווייגונג פון דער יוגנט־באַוועגונג פאַר די יאָרן 1929 און 1931. לײדער באַזיץ איך ניט קיין דאַטן פאַר דער שפּעטערדיקער תקופה (ביז 1940). דערצו מוז אויך צוגעגעבן ווערן, אַז די טאַבעלע אַנטהאַלט ניט קיין ידיעות איבער לאָקאַלע יוגנט־פאַראיינען, וועלכע זיינען ניט געווען אַנגעשלאָסן אין די לאַנד פאַראיינען.

### העברעאישע יוגנט פאַראיינען אין ליטע*

טאַבעלע 3.

| | 1929 | | 1931 | |
|---|---|---|---|---|
| | סניפים | חברים | סניפים | חברים |
| השומר הצעיר | 32 | 1400 | 93** | 4.150 |
| החלוץ | 15 | 700 | 15 | 1.000 |
| בית"ר | 19 | 730 | 38 | 1.500 |
| הנוער הציוני | — | — | 4 | 155 |
| גורדוניה | 11 | 300 | 28 | 700 |
| מכבי | 47 | 1880 | 32 | 1.120 |
| **סטודענטישע פאַראיינען** | | | | |
| ביתריה | — | — | 1 | 90 |
| הרצליה | 1 | 15 | 1 | 38 |
| ירדניה | 1 | 40 | 1 | 80 |
| על המשמר | 1 | 199 | 1 | 129 |
| סך הכל | 127 | 5264 | 214 | 8.962 |

* די טאַבעלע אַנטהאַלט ניט ידיעות וועגן דער יוגנט, אָנגע־שלאָסענע אין די פּאָליטישע פּאַרטייען.

** אין דעם זיינען שוין איינגעשלאָסן אויך די 34 סניפים פון „השומר הצעיר" צופי־חלוצי מיט אַ צאָל פון 1.350 חברים.





פון די יוגנט־פאַראיינען, וועלכע האָבן זיך אַנטוויקלט די לעצטע יאָרן, איז כדאי צו דערמאָנען דעם „אָרגון הבוגרים העברים" (אַביטוריענטן פאַרבאַנד), וועלכער האָט געציילט אין קאָוונע אין 1938 איבער 300 חברים און „הפועל" — ספּאָרט־קלוב מיט זיינע 800 חברים אין גאַנץ ליטע.

## די בוגרים פון די העברעאישע גימנאַזיעס

די העבר. גימנאַזיעס האָבן אַרויסגעלאָזן אין משך פון זייער קיום כמעט 6000 אַביטוריענטן, פון וועלכע ניט ווייניקער פון 2500 האָבן פאַרגעזעצט זייער שטודיום אין ליטווישן און אויסלענדישע אוניווערזיטעטן, אָדער העכערע טעכנישע שולן. אַ טייל זיינען אַריינגעטראָטן אין הכשרה קיבוצים בכדי עולה זיין קיין ארץ־ישראל, אַ טייל איז געווען טעטיק אויף פאַרשיידענע געביטן פון האַנדל און אַרבעט. 2500 האָבן עמיגרירט. פון זיי — 1500 קיין ארץ־ישראל. לײדער האָב איך ניט קיין גענויע ציפערן איבער דער פאַרטיילונג פון די אַביטוריענטן לויט זייערע פאַכן אין לעבן אָדער אין לערנען, וועלכע זיי האָבן אויסגעוויילט. דאַקעגן האָב איך פאַר זיך די רעזולטאַטן פון אַ סטאַטיסטישער אויספאָר־שונג, וועלכע איז געמאַכט געוואָרן אין יאָר 1932/3 צווישן די אַבסאָלווענטן פון 30 „תרבות" פאָלקס־שולן. די אויס־פאָרשונג נעמט אַרום 150 אַרויסלאָזן, וועלכע האָבן גע־ציילט 7200 שילער. פון זיי זיינען דערהאַלטן געוואָרן ידיעות נאָר וועגן 1640 (ד. ה. 22.7%). די פאַרטיילונג פון 1640 אַבסאָלווענטן ווערט אילוסטרירט דורך פאָל־גנדער טאַבעלע:

| צאָל פון די שילער | זעצן פאַר זייער שטודיום | אַרבעטן | עמיגרירט | אַרבעטסלאָז |
|---|---|---|---|---|
| 1640 (22,7%) | 448 (27%) | 946 (57,6%) | 72 (4,4%) | 188 (11%) |

| עמיגרירט קיין א"י | אַנדערשוואו | זעצן פאַר זייער שטודיום: אין העבר. מיטלשולן | זעצן פאַר זייער שטודיום: אין ליטווישע | סך הכל |
|---|---|---|---|---|
| 50(10,4%) | 22(4,3%) | 376(71,3%) | 72(14%) | 520(100%) |

| | אַ ר ב ע ט ן: | | | |
|---|---|---|---|---|
| בעלי־מלאכה | אַרבעטער | אָנגעשטעלטע | אין פרייע פּראָפ. | סך הכל |
| 368 (40%) | 44 (4%) | 404 (43%) | 130 (13%) | 946 (100%) |

## אין הכשרה פאַר עליה

די דאַטן אַנטהאַלטן ניט קיין ציפערן איבער דער צאָל יוגנט וועלכע האָבן באַקומען זייער הכשרה אין פאַרשיידענע אָרטיקע קיבוצים און זיך פאַרבערייטעט פאַר אַ פּראָדוק־טיוון לעבן אין ארץ־ישראל. ניט ווייניקער פון 90% פון אַלע בחורים און בחורות, וועלכע האָבן אין ליטע באַקומען הכשרה צו דער עליה זיינען געווען חניכים פון די העבר. שולן.

## ע מ י ג ר אַ נ ט ן

צווישן די לענדער וואוהין ס'האָט עמיגרירט די העבר. יוגנט דאַרף אויך באַצייכנט ווערן דרום־אַפריקע, צפון־אַמעריקע. אַ טייל האָט אויך אויסגעוואַנדערט קיין דרום־אַמעריקע. די יונגע עמיגראַנטן זיינען טיילווייז אריינגעטראָטן אין דאָרטיקע הויכשולן אָדער זיך איינגעאָרדנט ביי קרובים אין פאַרשיידענע בראַנזשעס.

### לערער־פאַראיין „המורה"

אין די לעצטע יאָרן פון דער העבר. באַוועגונג אין ליטע איז געווען טעטיק די העבר. לערער פראָפ. אָרגאַניזאַציע „המורה", וואָס האָט אונטער דער לייטונג פון ד"ר אַ קיסין א. אַ. חברים אַנטוויקלט אַן ענערגישע טעטיקייט.

זיי האָבן אַרויסגעגעבן אַ מאָנאַטלעכע צייטשריפט „במשעולי החינוך", געזאָרגט פאַר איינאָרדענען קורצע סעמינאַרן און קורסן פאַר די לערער, ווי אויך געווען טעטיק אויף באַשיצן די פראָפ. אינטערעסן פון די לערער. דער „המורה" האָט מיטגעאַרבעט מיט „תרבות" און האָט אַריינגעבראַכט פיל לעבן אין דער באַוועגונג אין משך פון די לעצטע 5—6 יאָר. די צאָל מיטגלידער איז געווען איבער 300.

### אָרגאַניזאַציאָנעלע דערגרייכונגען

צום סוף פון מיין איבערזיכט איבער די דערגרייכונגען פון דער העבר. באַוועגונג וויל איך נאָך דערמאָנען די אָרגאַניזאַציאָנעלע. ווי עס איז שוין דערמאָנט געוואָרן איז דאָס העבר. שאַפונג אין ליטע געווען על פי רוב אַ פּראָדוקט פון אַ ספּאָנטאַנער יצירה. יידן אויף די ערטער האָבן געגרינדעט שולן אָדער פאַרשידענע קולטור־מוסדות און זיך ניט אַלע מאָל אָפּגעגעבן אַ דו"ח ווי וועלן זיי להבא עקזיסטירן. דער פּראַקטישער ליטוו. ייד, וואָס איז אויסגערעכנט אויף יעדן טריט אין זיין פּריוואַטן לעבן, האָט ניט געזוכט קיין ווייטגייענדן תכלית און ניט געמאַכט לאַנגע חשבונות, ווען ס'האָט זיך געהאַנדלט וועגן „יידישקייט". ער האָט ניט געטראַכט, אַז ס'וועט נאָך דער ערשטער תקופה פון גרינדונג און התלהבות פון דער התחלה קומען אַ טאָג פון פּראָזאַישערווירקלעכקייט און גרויע דאגות פון ביודזשעט, מענטשן, מאַטעריאַלן א. ד. גל. די זאָרגן האָבן געבראַכט צו דער נויטווענדיקייט פון שאַפן אַ צענטראַלן מוסד, וועלכער זאָל איבערנעמען אויף זיינע שולטערן די אַחריות פאַר זייער פּאָליטישן מצב, מאַטעריעלער און גייסטיקער נויט. דאָס אָפּשאַפונג פון די אָרגאַנען פון דער נאַצ. אויטאָנאָמיע און פון די קהילות האָט נאָך מער פאַרשטאַרקט די נויטווענדיקייט אין קיום פון אַ צענטראַלן מוסד, וואָס זאָל זאָרגן פאַר די העבר. שולן. אַזוי אַרום איז אויף דעם מרכז „תרבות" אַרויפגעלייגט געוואָרן ערנסטע און שווערע זאָרגן פאַר די באַדראָטע רעכט פון די שולן, אָדער פון די לערער, פאַר צוגרייטן לערער פאַר די שולן, אויסהעלפן די מוסדות אין זייער נויט, אויסבעסערן דעם אינערלעכן מצב. רעגולירן סכסוכים, אויסברייטערן דעם שול־נעץ, שאַפן נייטיקע מוסדות און מכשירים פאַר אַ העבר. קולטור אַרבעט מחוץ דער שול, יוגנט באַוועגונג, בוך און פּרעסע, קונסט און מוזיק א. אַ. וו.



דער מרכז „תרבות" פלעגט געוויינלעך געווילט ווערן אויף די יערלעכע לאַנדעס־קאָנפערענצן וועלכע זיינען פאָרגעקומען אין קאָוונע מיט דעם אָנטייל פון דעלעגירטע פון די „תרבות" סניפים, שולן און פאַרשידענע געזעלש. אָרגאַניזאַציעס. די קאָנפערענצן פלעגן על פי רוב באַהאַנדלען דעם אינערלעכן און אויסערלעכן מצב פון דער העבר. קולטור־באַוועגונג ווי אויך דיסקוטירן איבער דעם יערלעכן מצב פון באַריכט פון מרכז. ספּעציעלע קאָנפערענצן פלעגן גערופן ווערן צו באַהאַנדלען פּעדאַג. פּראָבלעמען אָדער אויסערגעוויינלעכע פּאָליטישע אָדער אָרגאַניזאַציע פראַגן. אין משך פון 1926 ביז 1938 זיינען פאָרגעקומען 14 אַלג. פּעדאַג. קאָנפערענצן, 2 — פון פּרעבליסטינס, 1 — פאַר ביבליאָטעק־ענינים, 1 — פון די עלטערן־ראַטן, 5 לאַנדעס־קאָנפערענצן און 2 עקסטרע צוזאַמענפאָרן (איינער אין 1926 — אַלס פּראָטעסט קעגן די טענדענצן פון דער דעמאָלטיקער רעגירונג, די צווייטע צום 10 יאָריקן יובילייִ פון „תרבות" מיט דעם אָנטייל פון נ. סאָקאָלאָוו). חוץ דעם פלעגן פאָרקומען ראַיאָן־קאָנפערענצן צו באַהאַנדלען פּעדאַג. פראַגן. „תרבות" האָט אויך איינגעאָרדנט אַ גרויסע פּעדאַג. אויסשטעלונג פון די העבר. שולן אין ליטע אין יאָר 1929, וועלכע האָט אַרויסגערופן אַ גרויסן אינטערעס.

### „תרבות"־אינוועסטיציעס

גרויס זאָרג האָט פאַרשאַפט „תרבות" די דאגה איבער דעם ביודזשעט פון די מוסדות. די אייגענע מיטלען זיינען געווען זייער באַגרענעצטע. „תרבות" האָט זיך געמוזט ווענדן אָפט צו שטיצע פון אויסלאַנד. גרויס הילף האָט „תרבות" באַקומען פון אַמעריקאַנער „דזשאָינט". „תרבות" האָט אויך דורכגעפירט געלט־זאַמלונגען אין אַמעריקע, ענגלאַנד און דרום־אַפריקע. די אַלע מקורות האָבן געגעבן „תרבות" אין משך פון 6 יאָר אַ סכום קרוב צו אַ האַלבן מיליאָן ליט, וועלכע האָט איר דערמעגלעכט אַ פילזייטיקע טעטיקייט אין משך פון יענער צייט. פון דעם סכום איז 470.032 ליט אינוועסטירט געוואָרן אין דער שטיצע פאַר 50 פאָלקס־שולן, 16 קינדער־גאָרטנס, 6 מיטלשולן, 5 גימנאַזיעס, 1 לערער־סעמינאַר, טעאַטער־סטודיע, ענגלכאָר, העבר. אָרגאַן, ווי אויך פאַר שטיצע פאַר יוגנט פאַראיינען און פאַרשידענע אַנדערע העבר. קולטור אונטערנעמונגען.

### טעטיקייט פון דער אַלג. העבר. אָרגאַניזאַציע

די „תרבות" אָרגאַניזאַציע אין ליטע איז געווען טעטיק אויך אויפן פעלד פון דער אַלגעמיינער העבר. באַוועגונג. דורך איר איניציאַטיוו איז גערופן געוואָרן אין האַרבסט

1927, אין ריגע, אַ באַלטישע „תרבות"־קאָנפערענץ, וואו ס'האָט זיך געשאַפן אַ באַלטישער העבר. פאַרבאַנד (ליטע, לעטלאַנד און עסטלאַנד). שפּעטער האָט ליטע אויך מיטגעווירקט ביים שאַפן אַ פאַרבאַנד פון די „תרבות" אָרגאַניזאַציעס אין מזרח־אייראָפּע (אויף דער קאָנפערענץ אין דאַנציג, אין 1928). לסוף מוז באַצייכנט ווערן די איניציאַטיוו פון „תרבות" אין ליטע ביים בילדן דעם העבר. וועלט־פאַרבאַנד („ברית עברית עולמית") אויף דער קאָנפערענץ אין בערלין, אין יולי 1931.

איך וויל נאָך דאָ דערמאָנען איניקע טייערע נעמען פון חברים וועלכע האָבן פיל צייט, ענערגיע, ליבע און טרייקייט געווידמעט דער „תרבות" אָרגאַניזאַציע און דעם אויפבוי פון דעם העבר. שול־וועזן אין ליטע לאַנד. זייער צאָל איז פיל הונדערט. אַ סך פון זיי זיינען אומגעקומען אין גרויסן בלוטיקן מבול, וועלכער האָט אָפּגעווישט דעם יידישן קיבוץ. זייערע נעמען וועלן בלייבן הייליק ביי זייערע חברים און תלמידים, וועמען דער גורל האָט געשאָנעוועט. איך וועל דאָ נאָר דערמאָנען די צענטראַלע פּערזענלעכקייטן פון דער העבר. באַוועגונג אין ליטע: ד"ר בנימין בערגער ז"ל, זיין ברודער ד"ר יוסף בערגער ז"ל, ד"ר אַ. בערמאַן (א"י) פּ. גאָלדפאַרב (ז"ל), נ. גרינבלאַט (ז"ל), ד"ר דאָנסקי (ז"ל), י. דימענטמאַן (ז"ל), ד"ר פּ. דובראָוויטש (פאַרשיקט אין רוסלאַנד), ד"ר משולם וואָלף (ז"ל), אַ. חריט, משה כהן (ז"ל), ד"ר סעגאַל (ישראל) ד"ר נ. מעלמאַן, ד"ר יהושע פרידמאַן (ז"ל), ד"ר צ. פעלדשטיין (ז"ל), נ. פרחובניק (ז"ל), אַ. קיסין (ז"ל), י. ריזין (ז"ל), — לעצטער לייטער פון מרכז, ד"ר ר. ראַבינאָוויטש (ישראל), ד"ר י. ראַבינזאָן, (איצט אין אַמעריקע), ד"ר שוואַבע (ז"ל), ד"ר אַ. ראָזענפעלד, דאָצענט, ד"ר ח. נ. שאַפּירא (ז"ל), י. ל. שיינהויז (ז"ל), נ. שאַפּירא (ישראל), ד"ר י. ברוצקוס (ז"ל), יצחק שאַלטופּער (ז"ל), אַ. ביילים (ישראל), ז. טרויב (ישראל).

ווען מיר קומען היינט, נאָך דעם גרויזאַמען חורבן פון ליטוו. יידנטום, אָפּשאַצן דעם העבר. קולטור־ווערק, פאַרשווינדן אַלע דעפעקטן און שאָטנס, וואָס זיינען נאַטירלעך פאַר יעדער מענטשלעכער שאַפונג. מיר זעען פאַר זיך דאָס ווערק אין גאַנצן און גרויסן, אַלס אַן אימפּאָזאַנטן פאַרזוך צו פאַרווירקלעכן דעם געדאַנק פון אַ יידישער קולטור אויטאָנאָמיע אין גלות, און דעם אידעאַל פון אַ העבר. דערציאונג און אויפלעבונג פון דער העבר. שפּראַך אין אַ פרעמדער סביבה. די געבראַכטע דאָ אינפאָרמאַציע וועט אפשר קאָנען דינען אַלס מאַטעריאַל פאַר די, וועלכע דענקען, אָדער וועלן דענקען איבער דעם פּראָבלעם און וועלן אַרויספירן זייערע מסקנות אויף דעם גרונט פון טעאָרעטישע באַטראַכטונגען אָדער אַנאַליזן פון פאַקטן.

דער העברעיִשער רענעסאַנס אין ליטע און די אָפּשאַצונג פון זיינע דערגרייכונגען קאָן געוויס ניט באַטראַכט ווערן אָן דעם היסטאָרישן הינטערגרונט, ווי אויך ניט מחוץ די לאָקאַלע פאַרהעלטענישן.

מען מוז אָבער זען די העבר. שאַפונג אין ליטע אין אַ ברייטערע פּערספּעקטיוו פון דעם אַלגעמיינעם קולטורעלן און גייסטיקן צושטאַנד פון די יידן אין אייראָפּע נאָך דער ערשטער וועלט־מלחמה. פון דעם שטאַנדפּונקט דערשיינט די העבראַישע ליטע אַלס „איינציקע העברעאישע פעסטונג אין גלות" (ביאַליק), אָדער אַלס „לייכטנדער טורעם פאַר דעם גאַנצן יידישן דור" (שניאור).

אליהו שולמאַן

# די יידיש־וועלטלעכע שולן אין ליטע

## א.

דעם 16־טן פעברואַר 1918, איידער די ערשטע וועלט־מלחמה האָט זיך נאָך פאַרענדיקט האָבן די ליטווינער דערקלערט זייער אומאָפּהענגיקייט. די נייע ליטווישע רעפּובליק, וואָס איז אויפגעקומען, איז באַשטאַנען פון דער פריערדיקער קאָוונער גובערניע, פון אַ גרויסן טייל פון דער פריערדיקער סואוואַלקער גובערניע און פון קליינע טיילן פון ווילנער גובערניע און פון קורלאַנד — און שפּעטער איז צוגעקומען מעמל.

אויף דער דאָזיקער טעריטאָריע, חוץ ווילנע גופא, האָבן לויט דעם רוסלענדישן צענזוס פון 1897 געלעבט 257.000 יידן וואָס האָבן דעמאָלט אויסגעמאַכט 12.9% פון דער גאַנצער באַפעלקערונג. לויט דעם ליטווישן צענזוס פון דעם יאָר 1923 האָבן אין ליטע געלעבט 153.743 יידן, וואָס האָבן אויסגעמאַכט 7,6% פון דער גאַנצער באַפעלקערונג. לויט אָפּשאַצונגען האָבן אין ליטע אין 1939, ערב דער צווייטער וועלט־מלחמה געלעבט אַרום 158 טויזנט יידן. די מערסטע יידן האָבן געלעבט אין די שטעט און שטעטלעך פון דער נייער רעפּובליק. די גרעסטע יידישע קהילות זיינען געווען קאָוונע (25044 יידן), פּאָנעוועזש (6845) און שאַוול (5335).

דעם 5־טן אויגוסט 1919 האָט די ליטווישע דעלעגאַציע צו דער פּאַריזער שלום־קאָנפערענץ, וואָס איז אָנ־

געפירט געוואָרן פון פּראָפ. וואָלדעמאַראַס, איבערגע-
געבן אַ דערקלערונג דעם קאָמיטעט פון יידישע דעלע-
גאַציעס. אין דער דאָזיקער דערקלערונג איז גאַראַנטירט
געוואָרן פאַר די יידן פּראָפּאָרציאָנעלע פאַרטרעטערשאַפט
אין די גזעצגעבנדיקע קערפּערשאַפטן, פולע אויטאָנאָמיע
אין זייער אינערלעכן לעבן, פולע אנערקענונג פון די אָר-
גאַנען פון דער אויטאָנאָמיע, פולע אנערקענונג פון זייער
מוטער-שפּראַך און דאָס רעכט צו אָרגאַניזירן אַ יידישן
מיניסטעריום, וואָס זאָל זיין פאַרטראָטן אין דעם רעגי-
רונגס-קאַבינעט.

די קאָנסטיטוציע פון 1922 האָט אָפיציעל און לעגאַל
אנערקענט נאַציאָנאַלע אויטאָנאָמיע צו יענע נאַציאָנאַלע
מיעוטים, „וואָס האָבן מיט זיך פאַרגעשטעלט אַ באַ-
דייטנדיקע פּראָפּאָרציע פון דער באַפעלקערונג“.

די אָפיציעל-אָנערקענטע יידישע אויטאָנאָמיע איז
געווען באַזירט אויף דער קהילה, און אַלע קהילות צו-
זאַמען האָבן מיט זיך פאַרגעשטעלט אַ ועד הקהילות. די
גרינדונג און אָנערקענונג פון די קהילות איז באַגרינדעט
געוואָרן אין אַ ספּעציעלן געזעץ, וואָס איז אַרויסגעגעבן
געוואָרן דעם 4-טן מערץ 1920. לויט דעם נייעם סטאַטוט
האָבן די קהילות זיך אָפּגעגעבן ניט נאָר מיט רעליגיעזע
פונקציעס, נאָר זיי האָבן זיך אויך אָפּגעגעבן מיט דער-
ציאונג און ענלעכע סאָציאַלע פונקציעס. די קהילות האָבן
געהאַט דאָס רעכט אַרויפצולייגן און אויפמאָנען שטייערן.
דאָס זעלביקע געזעץ וואָס האָט אָנערקענט די איינצלנע
קהילות ווי די אָרגאַנען פון דער יידישער אויטאָנאָמיע,
האָט ניט דערמאָנט קיין צענטראַלע קערפּערשאַפט פון
די קהילות, אָבער דער יידישער נאַציאָנאַלער ראָט, וואָס
איז אויסגעקליבן געוואָרן אויף דעם צוזאַמענפאָר פון די
ליטווישע קהילות איז אָנערקענט געוואָרן, הגם אומאָ-
פיציעל, ווי די פאַרטרעטערשאַפט פון ליטווישן יידנטום.
אין אַלע קאַבינעטן וואָס האָבן פונקציאָנירט אין ליטע
צווישן דעצעמבער 1918 און 1924, איז געווען אַ מיניס-
טער פאַר יידישע ענינים.

אָבער ווען די קריסטלעכע דעמאָקראַטישע פּאַרטיי
האָט איבערגענומען די מאַכט אין 1924, זיינען אַריינגע-
בראַכט געוואָרן גרויסע שינויים אין דעם קהילה-לעבן.
אַ נייער געזעץ האָט פאַרוואַנדלט די קהילות אין רעלי-
גיעזע אינסטיטוציעס, האָט אָפּגעשאַפט דעם נאַציאָנאַל-
ראָט און האָט צוגענומען דאָס רעכט אַרויפצולייגן
שטייערן. אַנשטאָט דעם נאַציאָנאַל-ראָט זיינען אויפגע-
קומען צוויי צענטראַלע קערפּערשאַפטן: „עדת ישראל“ —
וואָס האָט זיך אָפּגעגעבן מיט רעליגיעזע ענינים, און
„עזרה“, וואָס האָט זיך אָפּגעגעבן מיט סאָציאַלער הילף.

פון די אַלע אויטאָנאָמע יידישע אינסטיטוציעס אין
ליטע איז די סאַמע דערפאָלגרייכסטע געווען די יידישע
שול — אויף יידיש און העברעאיש. אַזוי, למשל, האָבן
אין 1923 עקזיסטירט אין ליטע 300 יידישע דערציאונגס-
אַנשטאַלטן מיט יידיש אָדער העברעאיש, ווי די שפּראַך





פון לימוד. אין דער זעלביקער צייט האָבן עקזיסטירט 20
מיטל-שולן און גימנאַזיעס און אַ העברעאישער לערער-
סעמינאַר. אין 1924 און 1925 האָבן 97% פון יידישע קינ-
דער פון שול-עלטער זיך געלערנט אין פאַרשיידענע
יידישע און העברעאישע שולן. אין דער זעלביקער צייט
האָבן זיך 78% פון די יידישע קינדער, וואָס האָבן זיך גע-
לערנט אין גימנאַזיעס אָדער מיטל-שולן, געגאַנגען אין
אין יידישע מיטל-שולן און גימנאַזיעס. אין 1934 — 1935
איז די צאָל יידישע קינדער אין שול-עלטער אין די יידי-
שע שולן געפאַלן ביז 79.6 פּראָצענט. די איבעריקע
יידישע קינדער האָבן זיך שוין געלערנט אין רוסישע,
דייטשישע אָדער ליטווישע שולן. די פאַרשיידענע יידישע
און העברעאישע שולן זיינען אָנגעפירט געוואָרן פון צענ-
טראַלע אָרגאַניזאַציעס. די שולן זיינען טיילווייז אויסגע-
האַלטן געוואָרן פון פּריוואַטע פאָנדן, און אין געוויסע
צייטן זיינען זיי סובסידירט געוואָרן פון דער רעגירונג.

אין דער צייט פון דער ערשטער וועלט-מלחמה
זיינען אַ סך יידן אַרויסגעשיקט געוואָרן דורך דער צאַ-
רישער מאַכט פון ליטע. אָבער אַ טייל איז געבליבן. די
דייטשישע אָקופּאַציע-מאַכט האָט דעמאָלט איינגעשטעלט
דייטשישע שולן און אַ סך יידישע קינדער האָבן זיך
געלערנט אין די דאָזיקע דייטשישע שולן. נאָך דער
מלחמה, — ווען די דייטשן האָבן פאַרלאָזט ליטע און
ליטע איז געוואָרן אַ זעלבשטענדיק לאַנד, — האָבן
זיך אָנגעהויבן אַנטוויקלען נייע יידישע שולן. די אַלטע
חדרים האָבן שוין אין מלחמה-צייט דורכגעמאַכט אַ
ירידה — און עס איז געוואָרן פריי דער אָרט פאַר אַ מאָ-
דערנעם יידישן שול-וועזן.

דער באַקאַנטער יידישער שול-בויער אין ליטע, יודל
מאַרק, שילדערט אַזוי דעם אָנהייב פון דער יידישער שול
אין ליטע: „דאָס איינציקע לאַנד מיט אַ ברייט פאַר-
צווייגטן אַפּאַראַט פון יידישער אויטאָנאָמיע איז געווען
ליטע. אין יעדער שטאָט און שטעטל איז געווען אַן
אָרגאַניזירטע, אַ געקליבענע קהילה, וואָס איז געווען די
בעל הביתטע איבער לאָקאַלע אינסטיטוציעס, און פאַרן
גאַנצן לאַנד האָט פונקציאָנירט אַ נאַציאָנאַל-ראָט. אין די
ערשטע יאָרן אויך אַ מיניסטעריום פאַר יידישע ענינים...
ווען דאָס מיניסטעריום פאַר יידישע ענינים איז געווען
אין פּראָצעס פון אָרגאַניזירן זיך, זיינען שוין געווען
אויפגעקומען שולן מיט דער יידישער לימודים-שפּראַך
און אויך שולן מיט דער העברעאישער לימודים-שפּראַך,
ערגעץ וואו זיינען געבליבן רעשטן פון אַלטע חדרים און
די אָרטאָדאָקסישע אָרגאַניזאַציע „אחדות“ האָט גענומען
מאַכן די ערשטע פּרואוון צו שאַפן אַ פרומע שול-סיס-
טעם. עס האָבן זיך געהאַלטן אין אויספורעמען דריי מינים
שולן. די אָרגאַנען פון דער יידישער אויטאָנאָמיע וואָלטן
געקענט ווירקן אויף דעם, אַז עס זאָל נעמען וואַקסן
אַ שול וואָס זאָל ליגן אין די הענט פון דער גאַנצער
קהילה, אָדער דעם גאַנצן קיבוץ, אַ שול וואָס זאָל ווערן

דער זינען און דער תּוכן פֿון דער אויטאָנאָמיע, וואָס זאָל ווערן דאָס וויכטיקסטע פֿעלד פֿאַרן אויטאָנאָמען לעבן פֿון יידן אין דער אומאָפּהענגיקער ליטע, דאָס וואָלט פֿון אָנהייב געשטעלט די יידישע אויטאָנאָמיע אין ליטע פֿאַר אַ שווערן נסיון, אָבער דאָס וואָלט אויך איר צוגעגעבן אַ רוח־חיים, לעבנס־עסענץ". (יודל מאַרק: „די אידעע פֿון דער איינהייטלעכער שול אין ליטע און „נייע יידישע שול". יאָרבוך נומער 4, מעקסיקע, 1953). עס וואָלט געוויס געווען ניט מער ווי נאַטירלעך, אַז אין דער נייער ליטע, וואָס האָט געגעבן די יידן אַ פֿולע אויטאָנאָמיע — זאָל אויפֿקומען אַן איינהייטלעכע יידישע שול, מיט יידיש ווי די שפּראַך פֿון די לימודים, און אַז די שול זאָל אַרומנעמען אַלע יידישע קינדער אין שול־עלטער. די דאָזיקע שול וואָלט באמת געווען אַ נאָרמאַלע יידישע שול, ווייל אין ליטע האָבן „גאַנצע הונדערט פּראָצענט גערעדט יידיש" (יודל מאַרק: „די ווילקאָמירער יידישע רעאַל גימנאַזיע" און „נייע יידישע שול", יאָרבוך נומער 3, מעקסיקע, 1958). אָבער דאָס וואָס עס איז נאָרמאַל ביי אַנדערע פֿעלקער איז ניט נאָרמאַל ביי אונדז. אַזוי זיינען אָנשטאָט איין איינהייטלעכער יידישער שול אויפֿגעקומען דריי ריכטונגען. עס זיינען אויפֿגעקומען יידישע שולן מיט יידיש ווי די שפּראַך פֿון די לימודים, העברעאישע „תּרבות"־שולן און רעליגיעזע — די „יבנה"־שולן. די „יידישע פֿאָלקס־פּאַרטיי" איז געווען די איינציקע יידישע אָרגאַניזאַציע אין ליטע, וואָס האָט זיך דעמאָלט איינגעשטעלט פֿאַר דער איינהייטלעכער יידישער שול. די פֿאָלקס־פּאַרטיי האָט געהאַלטן, אַז די מלוכה און די יידישע אויטאָנאָמיע זאָל גרינדן און אויסהאַלטן אַן איינהייטלעכע יידישע שול. די דאָזיקע אידעע איז אויסגעדריקט געוואָרן קלאָר אין אַ בוך וואָס יודל מאַרק האָט אַרויסגעגעבן (יודל מאַרק: „איינהייטלעכע פֿאָלק־שול", פֿאַרלאַג „ליכט", קאָוונע, 1922). אין דעם בוך האָט מאַרק אַנטוויקלט דעם געדאַנק אַז „די באַגרינדונג פֿון די נאַציאָנאַלע פֿאָדערונגען פֿאַרנעמט אין דער שול־פֿראַגע דעם אויבנאָן. די מדינה איז מחויב צו זאָרגן וועגן שולן פֿאַר אַלע אירע קינדער. שולן קען מען שאַפֿן נאָר אין דער מוטער־שפּראַך, זיך פֿאַרשטענדיקן מיט דעם קינד, ווירקן אויף זיין צאַרטער נשמה, זיך פֿאַרשטיין און זיך צופּאַסן צו איר קאָן נאָר אַ מיטגליד פֿון דער זעלביקער נאַציאָנאַלער געמיינדע: די מאָדערנע שול דאַרף שאַפֿן דעם פֿרייען אַלזייטיק־אַנטוויקלטן מענטשן, וואָס קען ניט זיין אַ סתם מענטש, אַן אָפּגעריסן בלעטל, נאָר דווקא אַ טיילכל, אַ חבר פֿון דער קולטור און כאַראַקטער איינהייטלעכקייט, וואָס מען רופֿט עס נאַציע. בויען אַזאַ שול, זיין פֿאַראינטערעסירט אין דעם קאָן נאָר די נאַציע גופֿא". („איינהייטלעכע פֿאָלק־שול", ז"ז 11—12). ווייטער האַלט מאַרק, אַז די וויכטיקסטע אינסטיטוציע פֿון דער אויטאָנאָמיע איז די שול, און אַז אָן דער שול האָט די אויטאָנאָמיע ניט קיין זין.

מאַרק שרייבט ווייטער, אַז „די יידישע אויטאָנאָמיע





באַזירט זיך אויף יידיש. דאָס איז איר פֿונדאַמענט. דאָס איז די באַרעכטיקונג, די איינציקע קלאָרע און פֿאַרשטענדלעכע כּלפּי חוץ, און דאָס איז דער איינציקער וועג אויף זי צו פֿאַרווירקלעכן אין אינעווייניקסטן יידישן לעבן. די אויטאָנאָמיע האָט פֿאַר זיך אַ ציל צו פֿעסטיקן, אָפּצוהיטן, באַרייכערן די אייגנאַרטיקע קולטור פֿון פֿאָלק, און קולטור פֿון פֿאָלק איז נאָר מעגלעך אויף דער שפּראַך פֿון פֿאָלק" („איינהייטלעכע פֿאָלק־שול", ז"ז 23—24). יודל מאַרק האָט אויסגעדריקט קלאָר דעם געדאַנק, אַז כּדי די יידישע אויטאָנאָמיע זאָל קאָנען פֿונקציאָנירן אויף אַ נאָרמאַלן אופֿן — מוז די אָרגאַניזאַציע פֿון דער אויטאָנאָמיע אָנפֿירן מיט דער איינהייטלעכער יידישער שול, ווייל: „האָבן מיר ניט קיין פֿרייהייט פֿאַר די ריכטונגען, פֿאַרמעגן מיר ניט קיין אויטאָנאָמיע מער, ווייל דעמאָלט זאָגן מיר זיך אָפּ פֿון דעם מדינהשאַפֿטלעכן פּרינציפּ אין דעם וויכטיקסטן צווייג פֿון דער אויטאָנאָמיע — אין דער שול־פֿראַגע. מיר האָבן דאַן די פּריוואַטע שול־פֿאַרבאַנדן, וואָס בשעתם האָבן עס פֿאָרגעלייגט די ס. ס. אַלס אַ קעגנגעוויכט קעגן דער אידעע פֿון אויטאָנאָמיע. אויטאָנאָמיע אין אויטאָנאָמיע איז אַן אומזין, אַ סתּירה אין זיך" (דאָס זעלביקע בוך, ז' 35). אין זעלביקן בוך (זייט 37) שרייבט מאַרק: „אַלע פֿעלקער האָבן פּאַרטייען, קלאַסן, ריכטונגען און דאָך האָבן זיי איין פֿאָלק־שול, און ווילן מיר ווערן מיט לייטן גלייך, דאַרפֿן מיר זיך לערנען פֿון לייטן, אַוועקוואַרפֿן די אתּה־בחרתּנושאַפֿט... עס זיינען געזעצלעך דערלאָזבאַר און אפֿשר אומפֿאַרמיידלעך געוויסע קלענערע ניואַנסן, מינדערווערטיקע שנויים, ביי פֿאַרשיידענע טיפּן שולן. אָבער דער פֿונדאַמענט, די אונטעררריכט שפּראַך און דאָס ממשותדיקסטע אין דער שול מוז זיין איינהייטלעך. אָן דעם האָט מען ניט קיין נאַציאָנאַלע שול... ס'זיינען אין דער שול ניט דערלאָזבאַר אַזוינע קאָנטראַסטן, ווי די פֿאַרשיידנאַרטיקייט אין דער אונטעררריכט־שפּראַך אָדער דער חילוק פֿון אַמאָליקן חדר ביז אַ הייטוועלטיקער שול".

די דאָזיקע ערנסטע באַגרינדונג פֿון אַן איינהייטלעכער יידישער שול פֿאַר אַלע יידישע קינדער אין דער מוטער־שפּראַך, האָט אָבער לײדער ניט געהאַט די ווירקונג, וואָס עס האָט געדאַרפֿט האָבן. די „יידישע פֿאָלקס־פּאַרטיי" האָט אונטערשטיצט דעם דאָזיקן געדאַנק און אַזוינע וויכטיקע געזעלשאַפֿטלעכע טוער ווי יוסף טשערניכאָוו־דניאלי און ד"ר מענדל סודאַרסקי האָבן געאַרבעט פֿאַר אַזאַ שול, אָבער די אַנדערע פּאַרטייען און אָרגאַניזאַציעס האָבן ניט דערלאָזט דערצו. אי די ציוניסטן פֿון אַלע ריכטונגען, אי די יידישע אָרטאָדאָקסיע האָבן ניט געקאָנט שלום מאַכן מיטן געדאַנק פֿון אַ נאָרמאַלער וועלטלעכער שול מיט יידיש ווי די לערן־שפּראַך. אי די ציוניסטן, אי די אָרטאָדאָקסן האָבן אויפֿגעבויט זייערע אייגענע שול־סיסטעמען, וואו עס האָבן געלערנט די מערסטע יידישע קינדער.

דער שטאַנדפּונקט פֿון די ציוניסטן איז געווען, אַז

די יידישע פֿאָלק־שול אין ליטע דאַרף זיין אַ ציוניסטישע און די שפּראַך פֿון די לימודים דאַרף זיין העברעאיש. אַ געוועזענער לערער פֿון די העברעאישע תרבות־שולן אין ליטע, בערל כהן, שרייבט אַז די נאָרמאַלע וועלטלעכע יידישע שול, סיי פֿון דער „קולטור־ליגע", סיי שפּעטער פֿון דער „בילדונגס־געזעלשאַפֿט" האָט „ניט געהאַט קיין אחיזה אין דער יידישער ליטע" (ברל כהן, „החינוך העברי בליטה העצמאית" אין באַנד „החינוך והתרבות העברית באירופה בין שתי מלחמות העולם", ניו־יורק, 1957, ז"ז 143—145).

אי די ציוניסטן, אי די אָרטאָדאָקסן, וואָס האָבן געשטרעבט צו אַ פֿולער העגעמאָניע איבערן יידישן לעבן אין ליטע, האָבן געוויס אויך געשטרעבט אַריינצונעמען אין זייערע שולן אַלע יידישע קינדער, און די וועלטלעכע יידישע שול, מיט יידיש ווי די לערן־שפּראַך, איז זיי געוויס ניט געווען צום האַרצן. אָבער זיי האָבן זיך געמוזט רעכענען מיט דער ווירקלעכקייט און זיי האָבן געמוזט אָנערקענען די עקזיסטענץ פֿון אַלע דריי ריכטונגען, אַזוי, אַז סיי דאָס יידישע מיניסטעריום, סיי די יידישע קהילות האָבן אָנערקענט די עקזיסטענץ פֿון אַלע דריי ריכטונגען. און די ליטווישע רעגירונג האָט אין די ערשטע יאָרן זיך אין גאַנצן ניט געוואָלט אַריינמישן אין דעם אינערלעכן קאַמף אַרום דער יידישער שול און זי האָט אַלע דריי שול־סיסטעמען אָנערקענט און געשטיצט. דאָס לייקנט אָפּ בערל כהנס מיינונג, אַז די יידישע שול האָט ניט געהאַט קיין אַחיזה אין דער יידישער ליטע. אויב די וועלטלעכע יידישע שול האָט נאָך די אַלע קאַמפֿן און פֿאַרפֿאָלגונגען פֿאָרט געקאָנט עקזיסטירן, ווייזט אַז זי האָט שוין גאָר געהאַט אַן אַחיזה אין יידישן לעבן. די יידיש־וועלטלעכע שול, מיט יידיש ווי די שפּראַך פֿון די לימודים, איז געווען די נאַטירלעכע יידישע שול — ווייל וואָס קאָן זיין נאַטירלעכער ווי אַ פֿאָלק־שול אויף דער מוטער־שפּראַך? און וואָס קאָן זיין נאַטירלעכער ווי אַ שול, וואו מען לערנט די אייגענע ליטעראַטור אין דער אייגענער שפּראַך? און וואָס קאָן זיין נאַטירלעכער ווי, ווען דער לערער הייבט גלייך אָן ריידן מיט די קינדער אויף זייער לשון? אָבער וואָס ס'איז אומעטום נאָרמאַל — איז ביי אונדז אַנדערש — און דעריבער איז אַפֿילו אין ליטע, וואו הונדערט פּראָצענט פֿון אַלע יידן האָבן גערעדט אויף יידיש — אַפֿילו אין ליטע האָט נאָר אַ קליינער פּראָצענט פֿון די יידישע קינדער זיך געלערנט אין די יידישע שולן. אָבער דאָס האָט שוין ניט צו טאָן מיט „אחיזה" — נאָר מיט דער מאָדנער לאַגע אונדזערער.

ב

די וועלטלעכע יידישע שול אין ליטע איז אויפֿגעקומען, ווי מיר האָבן פֿריער דערמאָנט, אין דער צייט פֿון דער ערשטער וועלט־מלחמה. די דייטשישע אָקופּאַציע־מאַכט האָט אויפֿגעשטעלט דייטשישע שולן פֿאַר די





יידישע קינדער. אַ צאָל לערער האָבן מיט די קינדער גערעדט און אַפֿילו געלערנט אויף יידיש — אַזוי אַז די דאָזיקע שולן זיינען געווען האַלב־דייטש און האַלב־יידיש. ווען די דייטשן האָבן פֿאַרלאָזן ליטע, זיינען די מערהייט פֿון די דאָזיקע שולן אַריבער אויף יידיש. די דאָזיקע שולן האָבן מיט זיך פֿאָרגעשטעלט דעם אָנהייב פֿון דער וועלטלעכער יידישער שול אין ליטע. צו די דאָזיקע שולן זיינען צוגעקומען נאָך ניי־געגרינדעטע שולן אין פֿאַרשיידענע שטעט און שטעטלעך פֿון דער נייער רעפּובליק — אַזוי איז אַנטשטאַנען די מאָדערנע יידישע שול אין ליטע.

כדי צו שאַפֿן אַ געזעלשאַפֿטלעכע באַזע פֿאַר דער יידישער שול, כדי געזעלשאַפֿטלעך צו שטיצן די שולן און כדי צו העלפֿן גרינדן נייע יידישע שולן, איז אין קאָוונע אָרגאַניזירט געוואָרן אין דעם יאָר 1919 די „קולטור ליגע". די „קולטור ליגע" האָט אויך געדאַרפֿט פֿאַרבינדן די אַלטע שולן אין איין צענטראַלער אָרגאַניזאַציע. צום ערשטן זיינען די אַקטיווסטע עלעמענטן אין דער „קולטור ליגע" געווען די פֿאָלקיסטן און יידישיסטן. אָבער צוליב דער ספּעציפֿישער לאַגע דעמאָלט אין מזרח־אייראָפּע, צוליבן זיג פֿון באָלשעוויזם אין רוסלאַנד, איז די „קולטור ליגע" געוואָרן לינקער און לינקער. אין יולי 1921 איז פֿאָרגעקומען אַ קאָנפֿערענץ פֿון דער „קולטור ליגע" — און דעמאָלט איז די „קולטור ליגע" איבערגענומען געוואָרן פֿון די קאָמוניסטן. די זעלביקע קאָנפֿערענץ האָט דעמאָלט אָנגענומען אַ באַשלוס, אַז מען זאָל קיין העברעאיש אין גאַנצן ניט לערנען אין די שולן און מען האָט אַפֿילו נאַטוראַליזירט דעם אויסלייג פֿון די העברעאישע ווערטער אין יידיש. די דאָזיקע באַשלוסן האָבן גורם געווען אַן אמתע קאַטאַסטראָפֿע. יידישע עלטערן וואָס האָבן זיך ניט געוואָלט אידענטיפֿיצירן מיט די קאָמוניסטן האָבן אָפּגענומען זייערע קינדער פֿון די יידישע שולן. במשך פֿון עטלעכע יאָר 1921—1922 האָבן זיך געשלאָסן ניט נאָר אַ טייל שולן וואָס זיינען געווען אָנגעשלאָסן אָן דער „קולטור ליגע", נאָר עס האָבן זיך אויך געשלאָסן יידישע שולן וואָס האָבן צו דער „קולטור ליגע" ניט געהערט.

די פֿאָלקיסטן און יידישיסטן האָבן אָבער מיט אַלע כוחות פּרובירט אויפֿהאַלטן די פֿאַרבליבענע יידישע שולן. זיי האָבן עס אַרויסגעלאָזן דעם לאָזונג פֿאַר אַן איינהייטלעכער יידישער שול (יודל מאַרק האָט דעם רוף טעאָרעטיש באַגרינדעט אין זיין פֿריער דערמאָנטן בוך).

כדי צו ראַטעווען די יידישע שול האָבן די יידישיסטן און פֿאָלקיסטן אָנגעהויבן אַ קאַמף קעגן דער „קולטור־ליגע". אין דער יידישער פּרעסע זיינען דעמאָלט געווען געדרוקט אַ גרויסע צאָל אַרטיקלען, וואו שרייבער האָבן באַקעמפֿט דעם באַגריף „פּראָלעטאַרישע קולטור" און קעגן דעם פּאַרטייאישן און סעקטאַנטישן כאַראַקטער פֿון דער „קולטור־ליגע". די יידישיסטן האָבן פּרובירט ווירקן אַז די „קולטור־ליגע" זאָל זיך באַפֿרייען פֿון דעם

קאָמוניסטישן איינפלוס. אַזוי האָט „זשעני ד." פאַרעפנט־לעכט אַן אַרטיקל אין קאָוונער „נייס", וואו ער האָט געשריבן: „ס'מוז איבערגעביטן ווערן טאַקע צום גונסטן די „קולטור־ליגע" גופא, דער ביז איצטיקער קורס. דאָס דאַרף נעמען אין אַכט די צענטראַלע פאַרוואַלטונג פון „קולטור ליגע" און צוגרייטן אויף די נאָענטסטע חדשים אַ קולטור־ליגע־קאָנפערענץ וועלכע דאַרף אומבאַדינגט רעווידירן די פריערדיקע באַשלוסן, וואָס דריקן ווי אַ שווערע משא די גאַנצע ברייטע קולטורעלע ארבעט אירע. ס'מוז שוין די פראַגע דעבאַטירט ווערן אין די פּראָווינץ אָפּטיילונגען. ס'האַנדלט זיך אום דער גאַנצער לעבעדיקער אַקטיוויטעט און עקזיסטענץ פון „קולטור ליגע" אין ליטע. קלאָר, די חתימה פון כשרות מוז אַרונטערגעריסן ווערן, און די טירן ברייט געעפנט ווערן פאַר אַלע לעבעדיק־פעאיקע עלעמענטן אויף דער יידישער אַרבעטנדיקער גאַס" („נייס", קאָוונע, 27־טער אַפּריל 1923).

יודל מאַרק האָט אין דער זעלביקער וואָכנבלאַט געשריבן: „ניט נאָכגיין דאַרף מען, נאָר גיין מיט דעם אייגענעם וועג, ניט פאַרדעקן די פרעמדע חטאים, נאָר אַנטפּלעקן דעם אייגענעם שטאַנדפּונקט און קעמפן פאַר אים. אָדער אינגאַנצן איבערבייטן אויף 90 גראַד דעם קורס פון דער „קולטור ליגע", איבעראַנדערשן איר פּרצוף וואָס שרעקט אָפּ — אָדער אָוועקגיין פון איר, זיך באַ־ציען צו איר ווי צו קעגנער. מיט דעם וועט מען אַפילו מער אויפטאָן פאַר דער יידישער קולטור און יידישער שול" („נייס", קאָוונע, 13־טער אַפּריל 1923).

דער באַקאַנטער פּעדאַגאָג י. י. גלאַס, וואָס איז געווען פאַרבונדן מיט די יידישע שולן ווי אַ לערער פון העב־רעאיש האָט דעמאָלט פאַרעפנטלעכט עטלעכע אַרטיקלען, וואו ער האָט געשריבן „אַז אונדזער גאַנצער שול־וועזן איז קראַנק, ניט נאָר די „קולטור־ליגע" שולן, און אַז ער וועט נאָר דעמאָלט געזונט ווערן, ווען ער וועט זיך באַפרייען פון יעטוועדער פּאָליטיק, וואָסער זי זאָל ניט זיין, און פון יעטוועדער פּאַרטייאישקייט" („נייס", 24־טער מאַי 1923). דער זעלביקער י. י. גלאַס איז אויך אַרויסגעטראָטן בכלל קעגן דער טעאָרעטישער איינ־שטעלונג פון דער „קולטור־ליגע" און אירע טעאָריעס פון פּעדאַגאָגיע וואָס זיינען געווען פאַרבונדן מיטן „דיאַלעק־טישן מאַטעריאַליזם" („נייס", 10־טער אויגוסט 1923).

אָבער סיי ווי סיי זיינען צוליב דעם פּאָליטישן קורס אין לאַנד פאָרגעקומען גרויסע שינויים, די יידישע אויט־טאָנאָמיע איז פאַרשמעלערט געוואָרן, עס איז אָפּגעשאַפט געוואָרן דאָס יידישע מיניסטעריום. אי די „קולטור־ליגע", אי אירע אינסטיטוציעס זיינען אויסגעשטאַנען רדיפות מצד דער פּאָליציי און אין 1924 איז זי אין גאַנצן ליק־ווידירט געוואָרן צוזאַמען מיט אירע שולן, אָוונט־שולן און ביבליאָטעקן. עס איז געשאַפן געוואָרן אַן אַנדער גע־זעלשאַפט, „ליבהאָבער פון וויסן", וואָס האָט פּרובירט אויפהאַלטן די שולן וואָס זיינען פאַרבליבן. די דאָזיקע געזעלשאַפט וואָס האָט איבערגענומען די טעטיקייט פון



דער „קולטור־ליגע", האָט אָבער ניט געקאָנט טראַכטן וועגן בויען נייע שולן. זי האָט זיך צופרידנגעשטעלט מיט די שולן וואָס זי האָט שוין געהאַט. ערשט אין יאָר 1925 איז געשאַפן געוואָרן די יידישיסטיש־פאָלקיס־טישע „יידישע בילדונגס געזעלשאַפט". די דאָזיקע גע־זעלשאַפט האָט פאַראייניקט די דעמאָלט עקזיסטירנדיקע יידישע שולן וואָס האָבן ניט געהאַט קיין שייכות צו דער ריכטונג פון דער ליקווידירטער „קולטור־ליגע". די דאָזיקע געזעלשאַפט האָט אויפגעבויט די קאָוונער יידישע קאָמערץ גימנאַזיע און זי האָט אויך אָרגאַניזירט צוויי מיטל־שולן (פּראָגימנאַזיעס).

די ערשטע קולטור־קאָנפערענץ פון דער „יידישער בילדונגס געזעלשאַפט" איז דערעפנט געוואָרן דעם 18־טן יוני 1926. אין דער קאָוונער „נייס" (25־טער יוני 1926) לייענען מיר: „געעפנט די קאָנפערענץ האָט ד"ר מ. סודאַרסקי, ער האָט אויפגעוויזן דעם חילוק פון פאַר־אַיאָרן, ווען די „בילדונגס געזעלשאַפט" האָט זיך גע־גרינדעט און איצט, ווען מיר קאָנען שוין צונויפרופן אַ קאָנפערענץ מיט פאַרשטייער פון דער פּראָווינץ. דאַן האָט געשוועבט איבער אונדז די קאַדעקישע שול־גזירה און איצט האָבן מיר די בעסטע אויסזיכטן פאַר אונדזער אַרבעט". עס האָט באַגריסט דער סיים־דעפּוטאַט ע. פינ־קלשטיין, וואָס האָט געזאָגט, אַז: „מיר ווילן בויען יידישע שולן ניט נאָר פאַר איין קלאַס, נייערט פאַר די ברייטע יידישע שיכטן, וואָס זיינען נאָך היינט צו טאָג ניט אָר־גאַניזירט. מיר דאַרפן אויך זאָרגן דערפאַר, אַז ביים ליט־ווישן אוניווערזיטעט זאָל זיך עפענען אַ יידישע קאַטעדרע. די פּערספּעקטיוון זיינען גוטע און אַלץ הענגט אָפּ פון אונדזער ענערגיע".

די קאָנפערענץ איז באַגריסט געוואָרן פון אַ סך אינ־סטיטוציעס, ווי: „אָזע", האַנטווערקער־פאַראיין, אַל־ליטווישער פאַרבאַנד פון מלאכה און אינדוסטריע, פון פאָלקס־אוניווערזיטעט און פון „ליבהאָבער פון וויסן". די באַגריסונג פון דער געזעלשאַפט „ליבהאָבער פון וויסן" קומט אויס אַביסל אויסטערליש — ווען מען נעמט אין אַכט, אַז די אָרגאַניזאַציע איז געגרינדעט געוואָרן ווי אַ סובאינסטיטוט פון דער „קולטור־ליגע". אויף דער קאָנפערענץ איז אָבער אויסגעדריקט געוואָרן קלאָר, אַז „מיטאַרבעטן מיט דער אַמאָליקער „קולטור־ליגע" וועט זיין זייער שווער, אויב די „קולטור־ליגע" וועט ניט אָנ־נעמען אונדזערע גרונט־פּרינציפּן".

דעם הויפּט־רעפעראַט אויף דער גרינדונגס־פאַרזאַמ־לונג פון דער בילדונגס־געזעלשאַפט האָט געליפערט פרוי ד"ר אסתר עליאַשעוו. איר רעפעראַט גיט אַ טעאָרעטישע באַגרינדונג פון דער וועלטלעכער, איינהייטלעכער יידישער שול. עס איז אַ היסטאָרישער דאָקומענט און מיר גיבן אים איבער ווי ער איז פאַרעפנטלעכט אין דער קאָוונער „נייס" (25־טער יוני 1926).

ד"ר אסתר עליאַשעוו האָט אַנטוויקלט די פאָלגנדיקע טעזיסן, וואָס מיר גיבן איבער וואָרט אין וואָרט:

1) „די פאָלקס־בילדונג" שטרעבט צו דערהייבן אַלע גלידער פון פאָלק צו אַזאַ מדרגה פון קולטור, וואָס מאַכט מעגלעך גרעסערע פלאַכן פון קאָלעקטיווער צוזאַמענאַרבעט און העלפט יעדן איינצלנעם ווייטער צו אַנטוויקלען די פעאיקייטן וואָס ער באַזיצט;

2) „כדי דעם צוועק צו פאַרווירקלעכן מוז די פאָלקס־בילדונג זאָרגן א) פאַר די קינדער וואָס בלייבן צוליב סאָציאַלע סיבות מחוץ דער שול און ב) פאַר דערוואַקסענע, וואָס זיינען קיין נאָרמאַלע שול ניט דורכגעגאַנגען און באַזיצן ניט דאָס נייטיקע מינימום פון וויסן און קענען;

3) בנוגע צו קינדער מוזן די אָרגאַנען פון דער פאָלקס־בילדונג שאַפן פאָלקס־שולן אין דער מוטער־שפּראַך פאַר די אָרעמסטע שיכטן פון דער באַפעלקערונג, בנוגע צו דערוואַקסענע מוז די פאָלקס־בילדונג אַזוי ווייט געפירט ווערן, אַז אין יעדן איינצלנעם פאַל זאָל אַזאַ גראַד פון זעלבשטענדיקייט געוועקט ווערן, דאָס ער זאָל אויף דעם וועג פון זעלבסט־בילדונג זיין ביכולת זיין וויסן כסדר צו באַרייכערן און באַנייען;

4) כדי דאָס צו דערגרייכן מוז די פאָלקס־בילדונג אַרבעטן אין פינף פאַרשיידענע ריכטונגען: א) אַלס אויפקלערערישע טעטיקייט דאַרף זי דעם אינטערעס צו בילדונג און דעם ווילן עס צו דערגרייכן ערשט פּראָפּאַגאַנדיסטיש וועקן, ב) אַלס אָריענטירנדיקע אַרבעט מוז זי זוכן באַקאַנט צו מאַכן די ברייטע מאַסן מיט די וויכטיקסטע צייט־פראַגן וואָס באַשטימען דעם פּאָליטיש־סאָציאַלן און עקאָנאָמישן גורל פון פאָלק, ג) אַלס ריינע קולטור־אַרבעט איז זי באַרופן צוצופירן יעדן איינצלנעם צו די קוואַלן פון דעם אַלגעמיין־מענטשלעכן פאָרשן און וויסנשאַפט, קונסט און פילאָזאָפיע, ד) אַלס פאַרטיידיקערין פון העכערע פאָרמען פון מענטשלעכן לעבן מוז די פאָלקס־בילדונג אין יעדן פאַכמאַן וועקן דאָס שטרעבן זיך אויסבילדן צו אַ בעסערן ספּעציאַליסט, ה) און ענדלעך מוז די פאָלקס־בילדונג אַלס די אַנטדעקערין פון עכטער אָריגינאַליטעט העלפן אַלע שעפערישע נאַטורן, וואָס האָבן ביז איצט ניט פאַרשטאַנען, זיך צו אַנטדעקן און דעם וועג פון זייער ריכטיקער אַנטוויקלונג צו געפינען;

5) כדי צו פאַרווירקלעכן די אַלע צילן פון דער פאָלקס־בילדונג מוזן אָרגאַניזירט ווערן א) פאָלקס־שולן, ב) פאָרלעזונגען, שמועסן איבער איינצלנע פראַגעס, ג) סיסטעמאַטישע ציקלען לעקציעס, וואָס פירן אַריין אין געוויסע צווייגן פון וויסן, ד) אויסנוצן די קאָוונער פאָלקס־אוניווערזיטעט און שאַפן נייע און גרעסערע פונקטן אין ליטע, ה) אָרגאַניזירן אַ וואַנדער־פאָלקס־אוניווערזיטעט, וואָס זאָל באַזוכן די קלענערע ישובים.





6) די פאָלקס־בילדונג דאַרף געפירט ווערן אין דער יידישער שפּראַך;

7) די טעטיקייט פון דער פאָלקס־בילדונג טאָר זיך ניט לאָזן פאַרפירן פון די צוויי קעגנזייטיקע טענדענצן, וואָס הערשן אין דעם יידישן קולטור־לעבן — אָדער העברעאיזירן די גאַנצע יידישע גלות־ווירקלעכקייט, ווי דאָס טוען די ציוניסטן, אָדער אידענטיפיצירן די יידישע מאַסע מיט דער אַרבעטער־מאַסע און לאָזן די איבעריקע ברייטע שיכטן פון פאָלק אָן יעדער קולטור־השפעה, ווי דאָס טוען די לינקע.ביידע קעגנזעצלעכע ריכטונגען קוקן אויף פאָלקס־בילדונג ווי אויף אַ מיטל כדי צוצופירן דאָס פאָלק צו געוויסע צוקונפטס־אידעאַלן, בעת דאָס אמתע ציל פון דער פאָלקס־בילדונג איז צו באַפרייען דעם מענטשן פון אָנגענומענע מיינונגען און פאַרטיקע צילן, און מיט עפענען דעם גאַנצן רייכטום פון וויסן און קענען, כדי ער זאָל זיך מיט אייגענע כוחות אַליין קאָנען זיינע צילן און איבערצייגונגען באַשטימען;

8) שטייענדיק אויסערהאַלב פון דעם פּאָליטישן קאַמף אויף דער יידישער גאַס, מוזן די בויער פון די אָרגאַנען פון דער פאָלקס־בילדונג שטרעבן צו פאַראייניקן אַרום זייער ריין קולטורעלער פּלאַטפאָרם די גאַנצע יידישע אינטעליגענץ אויף ווי ווייט זי איז גרייט צו אַרבעטן אויף דער יידישער שפּראַך און שטרעבן נאָר ניט אויפצוצווינגען דעם פאָלק, נייערט צו וועקן די שלומערנדיקע קרעפטן אין אים;

9) די פאַראייניקונג פון דער אינטעליגענץ איז באַזונדערס וויכטיק, ווייל עס פעלן אונדז די העכערע צענטרען פון בילדונג, ווי יידישע אוניווערזיטעטן און אַקאַדעמיעס, אַן אָריגינעלע וויסנשאַפטלעכע ליטעראַטור אויף יידיש, גוטע הילפס־ביכער אאז"וו;

10) די „בילדונגס־געזעלשאַפט", וואָס שטרעבט צו האַלטן זיך גלייך ווייט פון דער ריין העברעאיסטישער טענדענץ, איז באַרופן צו שאַפן צוזאַמען מיטן יידישן פאָלקס־אוניווערזיטעט און אַלע נאָענטע קולטורעלע כוחות אין ליטע די אַנשטאַלטן פון פאָלקס־בילדונג, ווי אויך צו זוכן מיטלען, ווי אויפצובויען פאַרן יידנטום אין ליטע די אַנשטאַלטן פון פאָלקס־בילדונג, ווי אויך צו זוכן די מיטלען ווי אויפצובויען פאַרן יידנטום אין ליטע דאָס נאָרמאַלע, אַפּאָליטישע און געזונטע שול־סיסטעם".

אויף דער זעלביקער קאָנפערענץ האָט געהאַלטן אַ רעפעראַט ל. לאַמפּערט, דער דירעקטאָר פון דער ווילקאָמירער גימנאַזיע. לאַמפּערט האָט אַנטוויקלט די פאָלגנדיקע טעזיסן:

1) „די העברעאיסטישע און די יידישיסטישע שול זיינען קאַמפּס־שולן, מען דאַרף איצט בויען די יידישע שול;

2) די יידישע שול איז ניט יידישיסטיש און ניט העברעאיסטיש, נייערט יודאַאיסטיש;

3) די דאָזיקע יידישע שול מוז זיך בויען אויף פאָלגנדיקע פּרינציפּן: א) יידישע אונטערריכט שפּראַך; ב) וועלטלעכקייט; ג) נאַציאָנאַלער אינהאַלט;

4) דער לימוד פון העברעאיש און יידישע געשיכטע מוז אומבאַדינגט האָבן אַ באַדייטנדיקן אָרט שוין אין דער פאָלקס־שול;

5) די באַזע אַרום דער יידישער שול מוז ווערן פאַרברייטערט, עס דאַרף אַריינגעצויגן ווערן די קליינבירגערלעכע מאַסע, וואָס איז פאַראינטערעסירט אין דער יידישער שול;

6) קיין פּראָלעטאַרישע קולטור איז בכלל ניטאָ אַלס אַזאַ; ס׳איז דאָ אַ סאָציאַליסטישע דערציאונג, וואָס הענגט אָפּ פון מעטאָדן אין אונטערריכט און פון דער פּערזענלעכקייט פון לערער;

7) מיטאַרבעטן מיט דער אַמאָליקער „קולטור־ליגע" וועט זיין זייער שווער, אויב די „קולטור־ליגע" וועט ניט אָננעמען אונדזערע גרונט־פּרינציפּן;

8) די „בילדונג געזעלשאַפט" טאָר זיך אויך ניט אידענטיפיצירן מיט דער פאָלקס־פּאַרטיי: זי מוז ווערן די אָרגאַניזאַציע וואָס זאָל אַריינגעמען אַלע, וואָס שטייען אויפן שטאַנדפּונקט „פון דער נאַציאָנאַלער יידישער שול".

די גרינדונגס־קאָנפערענץ פון דער „בילדונגס־געזעלשאַפט" איז אָנגעפירט געוואָרן פון אַ פּרעזידיום, וואָס איז באַשטאַנען פון פּרוי ד״ר א. עליאַשעוו, ד״ר מענדל סודאַרסקי, ז. שוואַל, ווײַנשטיין און שאַדאָוויטש.

די דאָזיקע טעזיסן זיינען פאָרמולירט געוואָרן אין רעזאָלוציעס, ווי אַזוי די יידישע פאָלקס־שול דאַרף געפירט ווערן. אַזאַ סאָרט שול, פריי פון פּאַרטייאישקייט און פּאָליטיק, וועלטלעך אין כאַראַקטער, מיט דער מוטער־שפּראַך ווי די שפּראַך פון לימודים — האָט באמת אויסגעדריקט די באַדערפעניש פון די יידישע מאַסן אין ליטע, אי פון די אַרבעטער, אי פון די אַנדערע קלאַסן. אַזאַ שול האָט געהאַט די אמתע אחיזה אין יידישן לעבן, אָבער אויב זי איז ניט געוואָרן די פאָלקס־שול פאַר אַלע אָדער אַפילו פאַר די מערסטע יידישע קינדער אין שול־עלטער — איז דאָס געווען צוליב די ניט־נאָרמאַלע אומשטענדן וואָס האָבן געהערשט אויף דער יידישער גאַס אין ליטע, און אָנשטאָט אַן איינהייטלעכער פאָלקס־שול אין דער מוטער־שפּראַך — זיינען אין ליטע געגרינדעט געוואָרן דריי סאָרטן; און די יידישע פאָלקס־שול האָט דערגרייכט די קלענסטע צאָל קינדער.

אין דעם זעלביקן נומער „נייס" וואו עס זיינען פאַרעפנטלעכט דער באַריכט און די „טעזיסן" וואָס מיר האָבן דאָ געגעבן, איז פּובליקירט אַ בריוו פון אַ שרייבער וואָס



שרייבט זיך אונטער „ל. מ." דער בריוו־שרייבער זאָגט, אַז די „העכערע" יידישע שיכטן זעען ניט קיין תכלית פאַר זייערע קינדער אין יידיש — און דעריבער שיקן זיי זייערע קינדער אין העברעאישע אָדער רוסישע און דייטשישע שולן און גימנאַזיעס. „ל. מ." מיינט, אַז די „ייִדישיסטישע ניט־פּראָלעטאַרישע אינטעליגענץ זאָל זיך אָפּגעבן אַ קלאָרן חשבון־הנפש און פאַרשטיין, אַז כדי צו אַרבעטן פאַר יידיש דאַרף מען גיין צו די אַרבעטער מאַסן, ווייל נאָר זיי, און די וואָס גייען מיט זיי, זיינען די טרעגער און בויער פון דער נייער יידישער קולטור".

די יידישע שול אין ליטע, צי זי איז אָנגעפירט געוואָרן פון דער „קולטור־ליגע", אָדער שפּעטער פון דער „בילדונגס־געזעלשאַפט", אָדער אַנדערע אָרגאַניזאַציעס, איז געבליבן די שול פון די פאָלקס־מאַסן, פון די אַרבעטער, קליינבירגער און פון דער קליינער שיכט יידישיסטישער אינטעליגענץ; און, ווי געזאָגט פריער, האָט זי דערגרייכט נאָר אַ קליינעם טייל פון דער יידישער יוגנט אין שול־עלטער.

## ג

די מערסטע פּאָליטישע און געזעלשאַפטלעכע טוער אין ליטע זיינען געווען די ציוניסטן פון די פאַרשיידענע ריכטונגען. ווי ציוניסטן, זיינען זיי אַלע געווען פאַר העברעאיש און האָבן געאַרבעט פאַר דעם העברעאישן שולוועזן. און עס איז געווען ניט מער ווי נאַטירלעך פאַר זיי צו באַקעמפן די יידישע שול וואָס איז געווען וועלטלעך, האָט זיך אָריענטירט אויפן לעבן אין גלות און האָט איינגעפירט יידיש ווי די שפּראַך פון די לימודים. אָבער אין דער זעלביקער צייט האָבן די ציוניסטישע טוער ניט געקאָנט אַרויסטרעטן קעגן דעם עצם באַגריף פון אַ נאָרמאַלער פאָלקס־שול אויף דער מוטער־שפּראַך. דעריבער האָבן זיי געמוזט אָנערקענען אַלע דריי ריכטונגען: די העברעאיסטישע, די רעליגיעזע „יבנה"־שולן און די יידישע פאָלקס־שולן. די טעאָרעטיקער און פּראַקטישע טוער פון דער ציוניסטישער באַוועגונג האָבן דעריבער „אָנערקענט" די יידישע פאָלקס־שול און די קהילות האָבן די שולן געשטיצט.

אַזוי לייענען מיר אַ באַריכט פון דער קאָוונער קהילה, אַז:

„איינזעענדיק, אַז ס׳איז אוממעגלעך צו שאַפן אַן איינהייטלעכע קאָמפּראָמיס־שול פאַר אַלע ריכטונגען, באַשליסט די קאָמיסיע צו אָנערקענען די שולן פון אַלע דריי ריכטונגען. „תרבות", „קולטור־ליגע" און „אחדות", און אַרויסגעבן זיי סובסידיעס לויט דער צאָל תלמידים, וואָס געפינט זיך אין זיי. יעדע שול שטעלט צו איר פּראָגראַם, וועלכע זי איז מחויב אויסצופירן. די קאָמיסיע האָט אָנגענומען מיטלען צו פאַררעגיסטרירן אייניקע שולן, וואָס האָבן פון דער רעגירונג קיין סובסידיע ניט באַקומען. און דעריבער איז אָנגע־

נומען געוואָרן דער פּרינציפּ אַז די רעגירונגס געלטער גייען אַריין אין דער קהילה, וועלכע פאַרטיילט זיי די פאָלקס־שולן..."

וויכטיק איז דער באַשלוס וועלכער איז דורכגעפירט געוואָרן פון אַפּריל אָן: „אַזעלכע פאָלקס־שולן, וועלכע ווערן סובסידירט פון ועד הקהילות מוזן זיין אומזיסטע". (דין וחשבון פון דער טעטיקייט פון ועד הקהילות אין קאָוונע פאַר דער צייט פון זיין אַנטשטייאונג, פון יולי 1919 ביז סוף דעצעמבער 1920, קאָוונע, 1921 ז' 5).

דער יידישער נאַציאָנאַל־ראַט אין ליטע, וואָס איז געווען די צענטראַלע אָרגאַניזאַציע פון די קהילות אין ליטע, האָט געהאַט דעם זעלביקן צוגאַנג צו דעם פּראָבלעם פון פאָלקס־שול, ווי די קאָוונער קהילה. דער נאַציאָנאַל־ראַט האָט אָנערקענט אַלע דריי ריכטונגען, האָט געשטיצט אַלע שולן און האָט געזען אַז די שולן פון אַלע ריכטונגען זאָלן איינגעשלאָסן ווערן אין דער רעגירונגס־שולן סיסטעם, און אַז זיי זאָלן טאַקע סובסידירט ווערן פון דער רעגירונג.

דער יידישער נאַציאָנאַל־ראַט האָט זיך געזאָרגט אַז אַלע שולן זאָלן רעמאָנטירט ווערן, אַז די לערער זאָלן קריגן זייער געהאַלט — און בכלל צו אַנטוויקלען דעם פאַרשיידנאַרטיקן יידישן שול־וועזן אין ליטע. דער באַריכט פון נאַציאָנאַל־ראַט דערציילט, אַז אין דעם יאָר תר"פ (1920) האָבן נאָר 61.8% יידישע קינדער פון שולעלטער באַקומען וועלכע עס איז דערציאונג, די איבעריקע האָבן זיך גאָרניט געלערנט. אין 45 פון 116 קהילות זיינען גאָר קיין שולן ניט געווען. דער נאַציאָנאַל־ראַט האָט אַפילו באַשלאָסן אויפצובויען דריי רעגירונגס לערער־סעמינאַרן, כדי צוצוגרייטן לערער פאַר אַלע דריי ריכטונגען. דער נאַציאָנאַל־ראַט האָט אַפילו אָנערקענט די אַזוי גערופענע פּשרה־שולן, וואו מען האָט אַ טייל לימודים געלערנט אויף יידיש, און אַ טייל אויף העברעאיש.

לויט דעם זעלביקן באַריכט פון דעם נאַציאָנאַל־ראַט האָבן זיך אין ליטע אין די יאָרן 1920—1922 געפונען פאָלגנדיקע שולן:

„יבנה" — 30 פאָלקס־שולן, 3360 קינדער
„תרבות" — 46 פאָלקס־שולן, 4339 קינדער
„קולטור־ליגע" — 16 פאָלקס־שולן, 1754 קינדער
פּשרה־שולן — 68 פאָלקס־שולן, 4120 קינדער

אַזוי זעען מיר אַז אין די יידישע פאָלקס־שולן האָבן זיך געלערנט ווייניקער קינדער ווי אין די רעליגיעזע אָדער תרבות־שולן. אָבער מען קאָן צו דער צאָל קינדער וואָס האָט געקראָגן איר דערציאונג אויף יידיש צורעכענען די 4120 קינדער פון די פּשרה־שולן, וואו מען האָט געלערנט אויף יידיש און העברעאיש. (אַלע מאַטעריאַלן גענומען פון דעם „יידישן נאַציאָנאַל־ראַט" אין ליטע, באַריכט וועגן זיין טעטיקייט 1920—1922, קאָוונע, 1922).

די דאָזיקע פּשרה־שולן זיינען אין די ערשטע יאָרן פון דער ליטווישער רעפּובליק ניט געווען אָנגעשלאָסן אין קיינער פון די צענטראַלע אָרגאַניזאַציעס. וועגן די דאָזיקע פּשרה־שולן האָט יודל מאַרק געשריבן: „צו דער צייט פון צווייטן קהילות־צוזאַמענפאָר זיינען געווען אַן ערך 70 שולן, וואָס זייער צאָל האָט זיך מסתמא ניט פאַרקלענערט, וואָס מען רופט זיי פּשרה־שולן און וואָס שטייען ניט צו מחמת די פאַרשידנאַרטיקסטע טעמים צו קיין איינער פון די דריי אָנערקענטע (אָפיציעלע) ריכטונגען. אָט די שולן זיינען ניט פאַראייניקט צווישן אַנאַנד, זיי האָבן ניט קיין געמיינשאַפטלעכע פּראָגראַם, ניטאָ קיין השגחה איבער זיי. זיינען זיי טאַקע שטאַרק אָפּגעשטאַנען, אָפּט פאַרווילדעוועט, און די לערערס פון די פּשרה־שולן זיינען אָפּט הילפלאָז, אָן אָנווייזן, אָן מיטהילף מן הצד. די שולן לעבן זיך אָפּגעשלאָסן, איטלעכע אין די ד' אמות פון אירע ווענט. דער גרעסטער טייל פון אָט די שולן געהערט צו די קהילות, נאָר זיי ווערן ניט אָנגעפירט פון קיין שום צענטער, קיין צענטראַלע אינסטיטוציע דאגהט ניט וועגן זיי. איז דער ערשטער טריט, וואָס דער נאַציאָנאַל־ראַט דאַרף מאַכן בכדי די אויטאָנאָמיע זאָל קומען צו איר שול, באַשטייט אין דעם שאַפן אַ צענטער פאַר די אַלע שולן, וואָס געהערן ניט צו קיין ריכטונג" („נייס", קאָוונע, 6־טער אַפּריל 1923).

אין זעלביקן אַרטיקל האָט יודל מאַרק פאָרגעשלאָגן, אַז אַ ספּעציעלע קאָמיסיע וואָס באַשטייט פון עלעמענטן „וואָס האָבן קיין שום שייכות ניט צו די פּאַרטיי־ריכטונגען אין דער שול פראַגע, פון אַזוינע מענטשן וואָס זיינען פּרינציפּיעלע קעגנערס פון אַלע דריי ריכטונגען" זאָלן אַזאַ צוזאַמענפאָר צוזאַמענרופן און זאָלן די שולן צענטראַליזירן. אָבער ווי עס ווייזט אויס איז די דאָזיקע פּ ע ר ט ע ריכטונג קיינמאָל נישט אויפגעקומען. מיט דער צייט האָבן זיך די פּשרה־שולן אָנגעשלאָסן אָדער אָן די „יבנה"־שולן, אָדער אָן די „תרבות"־שולן. מען דאַרף אָבער צוגעבן, אַז הגם יידיש און די יידישע ליטעראַטור זיינען אין די „יבנה"־שולן ניט געלערנט געוואָרן, איז אָבער יידיש באַנוצט געוואָרן ווי די שפּראַך פון לימודים, פון די רעליגיעזע לימודים. אַזוי האָט מען אין די „יבנה"־שולן געלערנט תנ"ך און גמרא אויף יידיש. די אַלגעמיינע לימודים אין די „יבנה"־שולן האָט מען געלערנט אויף העברעאיש.

די יידישע פאָלקס־שולן האָבן געמוזט אָנפירן אַ שווערן קאַמף פאַר זייער עקזיסטענץ: די יידישע שולן האָבן געליטן פון דעם וואָס אַ סך יידישע עלטערן האָבן די דאָזיקע שולן אידענטיפיצירט מיטן באָלשעוויזם, — הגם די שולן זיינען שפּעטער, נאָך דעם אונטערגאַנג פון דער „קולטור־ליגע", אָנגעפירט געוואָרן פון יידישיסטן און פאָלקיסטן, און זיי זיינען געפירט געוואָרן אין גייסט פון די טעזיסן וואָס ד"ר א. עליאַשעוו האָט אַנטוויקלט. דער רעזשים פון לאַנד, וואָס האָט זיך שפּעטער געביטן, האָט געקוקט קרום אויף די יידישע שולן פון אַלע ריכטונגען — אָבער נאָך קרימער אויף די יידישע שולן. אין אַלע קאַמפן אַרום דער פראַגע פון דער מוטער־שפּראַך

האָבן אייניקע יידישע דעפּוטאַטן, ספּעציעל די פּאָל־קיסטן, אָנגעפירט אַ קאַמף לטובת יידיש און פאַר די רעכט פון יידיש אין דער יידישער שול (באַריכט פון דער יידישער סיים־פראַקציע פון צווייטן ליטווישן סיים, 1923—1926, קאָוונע, 1926). אָבער די רעגירונג האָט כלומרשט אין די אינטערעסן פון די שולן גופא, גענומען פאַראייניקן פאַרשיידענע יידישע שולן מיט די „תרבות" אָדער „יבנה"־שולן. ווען אַזאַ פאַראייניקונג איז פאָרגע־קומען פלעגט מען געוויינלעך באַשטימען ווי אַ דירעקטאָר אָדער פאַרוואַלטער אַ לערער אָדער טוער פון דער „תר־בות"־געזעלשאַפט, און די שול איז געוויינלעך פאַר־העברעאיזירט געוואָרן. אַן אַנדערש מאָל איז אַלס פאַרוואַלטער באַשטימט געוואָרן אַ טוער פון „יבנה" און אַזוי איז די יידישע שול דורך דער רעגירונג פאַרוואַנדלט געוואָרן אין אַ רעליגיעזער שול. אָבער להכעיס אַלע שטע־רונגען האָט די יידישע שול פאָרט עקזיסטירט און איז געווען אַ פאַקטאָר אין יידישן קולטור לעבן אין ליטע.

די צאָל יידישע שולן, און די צאָל קינדער אין די יידיש־וועלטלעכע שולן האָט זיך געהאַלטן אין איין בייטן. עס זיינען צווישן די יאָרן 1920 און 1935 למשל, אויפ־געקומען שולן און עס האָבן זיך פאַרמאַכט שולן. אָבער אין 1935 זיינען אין ליטע געווען 16 יידישע פאָלקס־שולן, אין 14 שטעט. די שולן האָבן געהאַט 36 קלאַסן מיט 1555 קינדער, פון זיי האָבן מיידלעך אויסגעמאַכט 75% און יינגלעך 25%. חוץ דעם האָבן אין דער זעלבי־קער צייט עקזיסטירט צוויי מיטל־שולן (פּראָגימנאַזיעס) מיט זעקס קלאַסן און 120 קינדער. עס האָט אויך עק־זיסטירט די יידישע קאָמערץ־גימנאַזיע אין קאָוונע מיט 10 קלאַסן און 300 קינדער, עס זיינען אויך אָנגעהאַלטן געוואָרן 5 קינדער־גערטנער מיט 124 קינדער (ב. ג. „דאָס יידישע שול־וועזן אין ליטע" אין שול אַלמאַנאַך, פילאַ־דעלפיע, 1935). אַז מען פאַרגלייכט די דאָזיקע ציפערן מיט די קינדער וואָס האָבן זיך געלערנט אין די העברע־אישע אָדער רעליגיעזע „יבנה"־שולן, זעט מען אַז אין די יידיש־וועלטלעכע שולן האָבן זיך געלערנט לערך 15% פון די יידישע קינדער אין שול־עלטער (צבי שאַרפ־שטיין, „תולדות החינוך בישראל בדורות האחרונים", כרך שלישי, ניו־יורק, 1949 און בערל כהן: „החינוך העברי בליטא העצמאית", געדרוקט אין „החינוך ותרבות העברית באירופה בין שתי מלחמות העולם", ניו־יורק, 1957).

די פאָלקס־שולן זיינען געווען געבויט אויף דעם זעלביקן אופן ווי די רעגירונגס אָדער העברעאישע פאָלקס־שולן. דאָס זיינען געווען עלעמענטאַרע שולן, מיט אַ פיר־יאָריקן קורס. אַז מען האָט פאַרענדיקט די פאָלק־אָדער עלעמענטאַר־שול האָט מען געקאָנט אַריינטרעטן אין אַ פּראָגימנאַזיע און שפּעטער אין אַ גימנאַזיע. די שול האָט זיך געמוזט האַלטן ביי אַן אָבליגאַטאָרישער רעגירונגס־פּראָגראַם — אַזוי אַז מען האָט געדאַרפט אָפּגעבן אַ סך צייט פאַרן לימוד פון ליטוויש. אַזוי ווי מען האָט די



יונגע קינדער ניט געקאָנט באַשווערן מיט לערנען דריי שפּראַכן, האָט מען העברעאיש ניט געלערנט אין די יידישע עלעמענטאַר־שולן, מען האָט אָבער געלערנט העב־רעאיש אין די יידישע פּראָגימנאַזיעס און גימנאַזיעס.

פאַרן לימוד פון יידיש און יידישער ליטעראַטור האָט מען זיך באַנוצט אין די יידישע שולן מיט טעקסט־ביכער וואָס מען האָט אַריינגעפירט פון פוילן. אַ קאָוונער פאַר־לאַג האָט אַרויסגעגעבן אין עטלעכע אויפלאַגעס יודל מאַרקס „שול גראַמאַטיק, אין ביישפילן און אויפגאַבעס". חוץ דעם האָט דער יידישער נאַציאָנאַל־ראַט אַרויסגעגעבן פאַר די יידישע שולן 1) אַ העברעאיש־יידיש־ליטוויש ווערטערביכל צו דער כרעסטאָמאַטיע „קעליאַס אי שוועס־טא"; 2) דער קליינער בעל חשבון, ערשטער שול־יאָר נאָך בעהמע, באַאַרבעט פון ליוושין; 3) דער קליינער בעל־חשבון, צווייטער שוליאָר, באַאַרבעט פון סילמאַן; 4) דער יונגער בעל־חשבון, 3־טער שוליאָר, באַאַרבעט פון פונער און פראַקער.

זייער באַליבט און פּאָפּולער זיינען געווען ביי די קינ־דער העלענע כאַצקעלעס ביכער „די נאַטור אַרום אונדז", „די נאַטור אַרום אונדז און מיר אַליין" און „די ערד און די וועלט". די ביכער זיינען געווען געדרוקט אין בערלין און זיינען אַריינגעפירט געוואָרן קיין ליטע.

אין די יידישע פאָלקס־שולן האָט געהערשט אַ גייסט פון אידעאַליזם און איבערגעגעבנקייט, גראַדע דערפאַר וואָס די וועלטלעכע שולן זיינען געווען אין דער מינדער־הייט, האָבן זיי זיך במילא אויסגעצייכנט מיט אַן אידע־אַליזם וואָס מען געפינט נאָר ביי איינגעשפּאַרטע מינ־דערהייטן. די לערער האָבן אַרויסגעוויזן גרויס איבער־געגעבנקייט צו די שולן — און די קינדער האָבן געהאַט אַ פּעולה.

די יידישע וועלטלעכע שולן האָבן כמעט יעדן יאָר אַראַנזשירט אויסשטעלונגען וואָס האָבן צוגעצויגן גרויס אויפמערקזאַמקייט. די אויסשטעלונגען זיינען געווען אי באַזונדערע, אי געמיינזאַמע מיט די ליטווישע שולן.

כדי צו באַזאָרגן די יידישע שולן מיט לערער, — ווי מיר האָבן פריער דערמאָנט — האָט מען גערעדט וועגן אַ געמיינזאַמען סעמינאַר פאַר אַלע דריי ריכטונגען, אָדער




יד. עספּעראַנטיסטן־גרופּע אין גאָרזד

וועגן דריי באַזונדערע סעמינאַרן. דאָס האָט זיך ניט איינ־געגעבן. קיין יידישער סעמינאַר איז ניט געגרינדעט געוואָרן — אָבער אין אַ געוויסער צייט האָבן עקזיסטירט לערער־קורסן מיט אַ צוויי יאָריקן קורס. צוזאַמען האָבן די לערער־קורסן אַרויסגעלאָזן 75 לערער. (אין דער פריער דערמאָנטער אַרבעט אין שול־אַלמאַנאַך, פילאַ־דעלפיע, 1935). עס האָט אין ליטע עקזיסטירט אַ פאָלקס־אוניווערזיטעט, אָבער וועגן דעם וועט זיין די רייד שפּעטער.

## די צוויי יידישע גימנאַזיעס

אין ליטע האָבן עקזיסטירט צוויי יידישע גימנאַזי־עס, די ווילקאָמירער יידישע רעאַל־גימנאַזיע און די קאָמערץ־גימנאַזיע אין קאָוונע.

ביי דער עטאַבלירונג פון דער ליטווישער רעפּוב־ליק, נאָך דער ערשטער וועלט־מלחמה, האָבן אין ווילקאָ־



ווילקאָמירער ייד. רעאַל־גימנאַזיע

מיר געלעבט אַרום זעקס טויזנט יידן. אַ טייל פון די ווילקאָמירער יידן האָט אין דער צייט פון דער מלחמה פאַרבראַכט אין טיף רוסלאַנד, וואו די קינדער האָבן זיך געלערנט אין די רוסישע שולן אָדער אין די וועלטלעכע יידישע שולן, וואָס זיינען געגרינדעט גע־וואָרן פאַר די קינדער פון די פּליטים. די קינדער, וואָס האָבן געוואוינט אין ווילקאָמיר אין דער מלחמה־צייט האָבן זיך געלערנט אין דייטשישע שולן. שוין אין 1918 איז אין ווילקאָמיר געגרינדעט געוואָרן אַ יידישע פאָלקס־שול.

אַרום דעם יאָר 1920 האָט מען אָנגעהויבן ריידן אין ווילקאָמיר וועגן גרינדן אַ יידישע גימנאַזיע — עס איז אָבער ניט געווען קלאָר, וואָס עס וועט זיין די לערן־שפּראַך אין דער גימנאַזיע. יודל מאַרק איז אָנגעקו־



מען קיין ווילקאָמיר אין 1920 און צוזאַמען מיט די לע־רערס ל. לאַמפּערט, מאַקס גאָלדבערג, נ. לאַבקאָווסקי און די טוער פּ. פּיק, ב. צ. גאָלדבערג און ראַכמיל, האָבן זיי געגרינדעט די גימנאַזיע און זי געמאַכט פאַר אַ יידישער גימנאַזיע. עס איז אַפילו דורכגעפירט געוואָרן אַ פּלע־ביסציט צווישן די עלטערן וואָס האָבן געשטימט, אַז די לערן־שפּראַך פון דער גימנאַזיע זאָל זיין יידיש.

די ווילקאָמירער גימנאַזיע האָט עקזיסטירט 13 יאָר, אין משך פון דער צייט האָבן 230 תלמידים געענדיקט די גימנאַזיע און האָבן באַקומען דיפּלאָמען וואָס האָבן זיי באַרעכטיקט אַריינגענומען צו ווערן אין אוניווער־זיטעט. אַ טייל האָט נאָך דעם שטודירט אין ליטווישן אוניווערזיטעט אין קאָוונע און אַ טייל אין מערב איי־ראָפּעאישע אוניווערזיטעטן.

די גימנאַזיע איז אויסגעשטאַנען רדיפות מצד דער מאַכט. דער אמת איז געווען, אַז די גימנאַזיע איז געווען זייער ווייט פון קאָמוניזם, זי איז געווען פאָלקיסטיש־יידישיסטיש אין גייסט, הגם מען האָט געלערנט העברע־איש און תנ״ך. די ווילקאָמירער גימנאַזיע האָט זיך פאַר־בונדן מיט דער „בילדונגס־געזעלשאַפט" וואָס האָט די גימנאַזיע אונטערשטיצט. ד״ר מענדל סודאַרסקי האָט, פּריוואַט, זייער אַ סך געשטיצט די גימנאַזיע. די רע־גירונג האָט אויך, פון צייט צו צייט, פינאַנסיעל גע־שטיצט די גימנאַזיע — און זי האָט אויך געקראָגן הילף פון אַמעריקאַנער „פּיפּלס רעליף קאָמיטעט".

דער אָפיציעלער דירעקטאָר פון דער גימנאַזיע איז געווען דער לערער ל. לאַמפּערט, אָבער דער פאַקטישער דירעקטאָר איז געווען יודל מאַרק.

די ערשטע צייט איז די גימנאַזיע געווען געבויט אויפן מוסטער פון די קלאַסישע רוסישע גימנאַזיעס, אָבער

אַ ביסל שפּעטער האָט מען די גימנאַזיע איבערגעפורעמט אויפן מוסטער פון די רוסישע רעאַל־גימנאַזיעס, וואו מאַטעמאַטיק און נאַטורוויסנשאַפט זיינען געווען דער עיקר. די גימנאַזיע האָט זיך אָבער געמוזט ראַנגלען מיט דער גרויסער צאָל שפּראַכן, וואָס מען האָט געדאַרפט לערנען. חוץ יידיש און העברעאיש האָט מען אין דער גימנאַזיע געלערנט ליטוויש, רוסיש און דייטש.

יידיש און יידישע ליטעראַטור זיינען גרינדלעך געלערנט געוואָרן הן לויט טעמעס, הן לויט שרייבערס. מען האָט געלערנט מענדעלעס „ווינטשפינגערל", „פישקע דער קרומער", „די קליאַטשע", „מסעות בנימין השלישי" און „שלמה ר' חיימס", אָפּאַטאָשוס „פוילישע וועלדער", בערגעלסאָנס „נאָך אַלעמען" און לייוויקס „גולם". מען האָט אויך אַ סך געלערנט פּרצן, שלום עליכמען און שלום אַשן. מען האָט גרינדלעך געלערנט גראַמאַטיק פון יידיש, שטיצנדיק זיך אויף יודל מאַרקס גראַמאַטיק. מען האָט אויך געלערנט סיסטעמאַטיש די געשיכטע פון דער יידישער ליטעראַטור.

אין דער גימנאַזיע זיינען געשאַפן געוואָרן קרייזלעך אָדער קלובן, וואָס האָבן זיך פאַרנומען מיט שטודירן געוויסע באַוועגונגען אָדער אידעען. אַזוי האָט איין קרייזל זיך פאַרנומען מיט שטודירן די געשיכטע פון דער רוסישער אינטעליגענץ און אַנדערע קלובן האָבן זיך פאַרנומען מיט שטודירן פילאָזאָפיע, פּסיכאָלאָגיע און מאַטעמאַטיק.

שווער איז געווען מיט לערנען די אַלגעמיינע לימודים, ווייל עס זיינען ניט געווען קיין טעקסט־ביכער אין ליטע אויף יידיש וועגן פיזיק, כעמיע, נאַטורוויסנשאַפט. האָבן די לערער געשאַפן „קאָנספּעקטן" — וואָס האָבן פאַרביטן די טעקסט־ביכער. די לערער פלעגן צוגרייטן די נייע מאַטעריאַלן און עס העקטאָגראַפירט — אַזוי איז געשאַפן געוואָרן אַ וויסנשאַפטלעכע ליטעראַטור אויף יידיש.

אין דער גימנאַזיע האָט עקזיסטירט אַ קרייזל פאַר דראַמע, וואָס פלעגט איין מאָל אַ יאָר אויפפירן אַ פאָרשטעלונג. אַזוי איז אין דער ווילקאָמירער גימנאַזיע אויפגעפירט געוואָרן מאָליערס „דער סוחר דער אַדעלמאַן", וואָס איז ספּעציעל איבערגעזעצט געוואָרן פאַר דער אויפפירונג.

ווי דערמאָנט פריער, האָט מען געלערנט העברעאיש אין דער גימנאַזיע זעקס שעה אַ וואָך, מען האָט דריי שעה אַ וואָך געלערנט תנ"ך און דריי שעה אַ וואָך שפּראַך און ליטעראַטור. די לערער פון העברעאיש זיינען געווען י. י. גלאַס און ע. גאַלענפּאָל.

מען האָט אין דער גימנאַזיע געלערנט יידישע געשיכטע, אי ווי אַ טייל פון וועלט־געשיכטע, אי ווי אַ ספּעציעלער קעגנשטאַנד.

די תלמידים זיינען געווען זייער צוגעבונדן צו זייער גימנאַזיע. זיי האָבן פאַרשטאַנען וואָס פאַר אַ התחייבות עס איז אויף זיי אַרויפגעלייגט געוואָרן. זיי האָבן שטענדיק



גוט אויסגעהאַלטן די עקזאַמענס, וואָס זיינען דורכגעפירט געוואָרן אונטערן אויפזיכט פון ליטווישן בילדונגס־מיניסטעריום.

די גימנאַזיע האָט זיך געשלאָסן אין 1933. סיבות זיינען געווען פאַרשיידענע, אי פּאָליטיש־געזעלשאַפטלעכע, אי עקאָנאָמישע. אָבער אין דער געשיכטע פון דער וועלטלעכער יידישער שול פאַרנעמט די ווילקאָמירער גימנאַזיע אַ וויכטיקן אָרט. (אַ פולע באַשרייבונג פון דער ווילקאָמירער גימנאַזיע האָט געגעבן יודל מאַרק אין זיין אַרבעט: „די ווילקאָמירער יידישע רעאַל־גימנאַזיע", אין „נייע יידישע שול", בוך דריי, מעקסיקע, 1952, ז"ז 13—21).

## די יידישע קאָמערץ־גימנאַזיע אין קאָוונע

די ווילקאָמירער יידישע גימנאַזיע איז געווען די פּיאָנערין און האָט צוגעגרייט דעם באָדן פאַר דער קאָוונער יידישער גימנאַזיע. אי די טוער, אי די לערער האָבן זיך געקאָנט באַנוצן מיט די פּרוואוון און דערגרייכונגען פון דער ווילקאָמירער גימנאַזיע, וואָס האָט באַוויזן, אַז מען קאָן בויען אַ גימנאַזיע אויף יידיש.

אָט ווי ד"ר מענדל סודאַרסקי הייבט אָן זיין שילדערונג וועגן דער קאָוונער קאָמערץ־גימנאַזיע:

„אונטער ניט קיין גאָר גליקלעכן שטערן איז געבוירן געוואָרן די יידיש־וועלטלעכע שול. שווער און דערנערפול איז געווען, און איז נאָך אויך איצט, איר וועג. און פיל ווילדע און משונהדיקע אַטאַקעס האָט זי געמוזט אָפּשלאָגן פון פאַרשיידענע זייטן, איידער זי איז אַרויפגעגאַנגען אויפן ברייטן שליאַך פון איר פולער, פרייער אַנטוויקלונג. די יידיש־וועלטלעכע שול, ווי די מאָדערנע יידישע קולטור־באַוועגונג בכלל, וואָס האָט זיך געשטעלט אַ גרויסן און דערהויבענעם ציל — צו דינען די קולטורעלע אינטערעסן פון דער ברייטער, פאַרוואָרלאָזטער און אָפּגעשטאַנענער יידישער פאָלקס־מאַסע — איז רייך מיט ערלעכע און שיינע מעשים, מיט רירנדע מענטשלעכע טאַטן, וועלכע ריידן אַזוי נאָענט צום האַרצן און דערציילן וועגן ליבע, אומבאַגרענעצטער מסירות־נפש און קרבנות־גרייטקייט פאַר דעם אידעאַל צו וועלכן מ'האָט געשטרעבט" (ד"ר מ. סודאַרסקי, „די יידישע קאָמערץ־גימנאַזיע — אַ וויכטיקער פאַקטאָר אין אונדזער קולטור־געזעלשאַפטלעכן לעבן", אין „10 יאָר יידישע קאָמערץ־גימנאַזיע אין קאָונאַס, 1926—1936". אַלע פאַקטן וועגן דער קאָוונער קאָמערץ־גימנאַזיע זיינען גענומען פון דאָזיקן זאַמלבוך).

איינע פון די ערשטע זאַכן וואָס די „בילדונגס־געזעלשאַפט" האָט אונטערגענומען איז געווען צו גרינדן אַ יידישע קאָמערץ־גימנאַזיע אין קאָוונע. אַ דעלעגאַציע פון דער בילדונגס־געזעלשאַפט וואָס איז באַשטאַנען פון ד"ר לאַזאַרסאָן, ל. מייעראָוויטש און ד"ר מ. סודאַרסקי, האָט באַזוכט דעם בילדונגס־מיניסטער און אים דערקלערט ווי וויכטיק עס איז אַזאַ גימנאַזיע פאַר דער יידישער יוגנט. דער בילדונגס־מיניסטער האָט אַזאַ דערלויבעניש

געגעבן. עס איז גלייך אַנאַנסירט געוואָרן אַז אַזאַ גימנאַזיע וועט דערעפנט ווערן און עס האָבן זיך געמאָלדן אי לערער, אי תלמידים. ד״ר מ. סודאַרסקי און ל. מייעראָוויטש האָבן זיך צוזאַמענגעלייגט מיט אַ סומע — און מען האָט געדונגען אַ לאָקאַל. שווער איז געווען דאָס ערשטע יאָר, אָבער מען איז איבערגעקומען אַלע שוועריקייטן און די גימנאַזיע האָט זיך אַנטוויקלט. זי איז געוואַקסן פון יאָר צו יאָר. די אַטמאָספער אין שול איז געווען אַ יידיש פאָלקסטימלעכע, די קינדער האָבן זיך געפונען אין אַ שול וואָס איז געווען פאַרבונדן מיט זייער היים, מיט זייער מוטער־שפּראַך, ווי עס שרייבט דער 2־טער דירעקטאָר פון דער שול ש. לעווין: „די גימנאַזיע האָט זיך געשטעלט פאַר אַן אויפגאַבע, אַז די שול זאָל ניט אָפּרייסן דאָס קינד פון זיין נאַטירלעכער פאָלקס־סביבה מיט איר שפּראַך פון לעבן פון די פאָלקס־מאַסן. די גימנאַזיע האָט זיך געשטעלט פאַר אַן אויפגאַבע גרייטן די קינדער צום לעבן מיט די פאָלקס־מאַסן, צו דער פאָלקס־סביבה, אין וועלכער זיי וועלן שפּעטער אַנטוויקלען זייער טעטיקייט, שוין אַלס געבילדעטע מענטשן, אַלס מענטשן, וואָס האָבן אַליין געשעפּט פון פאָלקס־קולטור קוואַל, און זיינען גרייט די קולטור־אוצרות אַריינצוטראָגן אין די פאָלקס־מאַסן, וואָס זיינען נאָענט צו זיי, לויט זייער שפּראַך, לויט דער פּסיכאָלאָגיע״. (אין דעם דערמאָנטן זאַמלבוך, זייט 7).

אין דער גימנאַזיע האָט מען זיך באַנוצט מיט די פּראָגרעסיווע מעטאָדן פון לערנען. מען האָט אויסגעאַרבעט ספּעציעלע מעטאָדעס, מען האָט אַראַנזשירט אויסשטעלונגען . די גימנאַזיע האָט געהאַט ספּעציעלע קאַבינעטן פאַר וויסנשאַפטלעכע קעגנשטאַנדן, מכשירים וואָס די קינדער האָבן אַליין אויסגעאַרבעט, מען האָט אויסגעאַרבעט פּלאַקאַטן, קאַרטעס, דיאַגראַמען, טאַבעלעס, סכעמעס. מען האָט די קינדער דערמוטיקט צו טאָן זעלבשטענדיקע אַרבעטן.

אין דער גימנאַזיע האָט מען געלערנט: יידיש, יידישע ליטעראַטור, העברעאיש און העברעאישע ליטעראַטור, ליטוויש, ענגליש, לאַטיין, דייטש, געזאַנג, מאָלן, געאָגראַפיע, כעמיע, אַריטמעטיק, בוכהאַלטעריע, מאַטעמאַטיק, געשיכטע, פּאָליטישע עקאָנאָמיע, פיזיק, יידישע און אַלגעמיינע געשיכטע און קאָמערציעלע קעגנשטאַנדן.

די שול האָט זיך זייער גוט אַנטוויקלט. דער ערשטער שול־יאָר האָט זיך אָנגעהויבן מיט 38 שילער, דעם צווייטן יאָר האָט די צאָל תלמידים דערגרייכט 91, און אַזוי איז זי בהדרגהדיק געוואַקסן אַז אין לערן־יאָר 1937—1938 האָט זי פאַרמאָגט 370 שילער. אין 1936, ווען די שול האָט געהאַט 316 שילער, האָט זי געהאַט אַ פּערסאָנאַל פון 26 לערער.



לערער־פּערסאָנאַל פון קאָוונער ייד. קאָמערץ־גימנאַזיע

די גימנאַזיע האָט געגעבן די תלמידים אַ געלעגנהייט פאַר זעלבסטטעטיקייט און דאָס האָט געפונען אַן אויסדרוק אין די פאָלגנדיקע געביטן: נאָכמיטאָג־אַרבעט, אָוונטן און פאַרווייַלונגען, סעקציעס און קרייזלעך, ספּאָרט, זומערלאַגער, קאָאָפּעראַטיוו, ביבליאָטעק, שול־צייטונג. די קינדער פלעגן יעדן יאָר אויך געבן אַ דראַמאַטישע פאָרשטעלונג. די דראַמאַטישע גרופּע האָט אויסגעפירט שלום עליכמס „ביים קעניג אחשוורוש״, „בום און דריידל״, „די פאַרכישופטע בת־מלכה״ און לכבוד דעם 100 יאָריקן געבוירנטאָג פון מענדעלען איז געגעבן געוואָרן אַ „מענדעלע פאָרשטעלונג״*. די גימנאַזיע האָט אָנגעפירט מיט זייער אינטערעסאַנטע און וויכטיקע פּסיכאָלאָגישע אויספאָרשונגען.

די גימנאַזיע איז אָנגעפירט געוואָרן פון אַ פאַרוואַלטונג וואָס איז באַשטאַנען פון פאַרטרעטער פון דריי קערפּערשאַפטן: פון דער „בילדונגס־געזעלשאַפט״, פון פּעדאַגאָגישן־ראַט און פון עלטערן־קאָמיטעט.

* רעזשיסירט האָט דער געוו. אַרטיסט פון ייד. טעאַטער־סטודיע קלמן קאַפּלאַן. ער איז געשטאָרבן מיט אייניקע יאָר צוריק אין ווילנע. — רעד.

די גימנאַזיע האָט אויך געפירט אַ גרויסע אַרבעט צווישן די עלטערן. די אַרבעט איז אָנגעפירט געוואָרן:

1) דורך אינדיווידועלע שמועסן פון לערער־דערציער מיט די עלטערן, אין עקסטרע פאַלן, ווען די עלטערן ווערן אַרויסגערופן אין שול;

2) דורך רעגולערע אינפאָרמאַציע־שעהן אין באַשטימטע טעג;

3) פאַרזאַמלונג פון עלטערן פון די קינדער פון אַ באַשטימטן קלאַס און

4) דורך אַלגעמיינע עלטערן פאַרזאַמלונגען. (דאָס דערמאָנטע זאַמלבוך, ז' 65).

אויף די עלטערן פאַרזאַמלונגען זיינען אויך געהאַלטן געוואָרן רעפעראַטן וועגן ענינים וואָס האָבן אַ שייכות צו דערציאונג, ווי למשל, „דאָס פאַרעקשנטע קינד", „אָפּגעשטאַנענע קינדער", „שול און שטוב" אאז"וו.

אזוי האָט די גימנאַזיע באַשאַפן אַן אינטימע פאַרבינדונג צווישן דער היים, שול, סביבה, עלטערן און קינדער.

די קאָוונער קאָמערץ־גימנאַזיע האָט עקזיסטירט ביז דער דייטשישער אינוואַזיע, יוני 1941.

## דער יידישער טעכניקום

צו די וועלטלעכע יידישע שולן קאָן מען אויך צורעכענען דעם טעכניקום ביי די העכערע יידישע קורסן. דער טעכניקום האָט זיך געשטעלט דעם ציל צו געבן יידישע יונגעליט אַ טעכנישע אויסבילדונג. ביי דעם טעכניקום האָבן עקזיסטירט 2 אָפּטיילונגען: 1) מאַשינען־טעכניק, 2) בוי־טעכניק. דעם ערשטן סעמעסטער, זומער 1923, האָט מען שוין אין טעכניקום געלערנט די פאָלגנדיקע קעגנשטאַנדן:

מאַשינען צייכענונג, — אינזשיניער ראָזענגאַרד;
מאַטעמאַטיק — אינזשיניער בויער, י. כאַרנאַס;
פיזיק — אינזשיניער ראַגינסקי;
פעסטיקייט טעאָריע — אינזשיניער בויער;
מעכאַניק — אינזשיניער אַבראַמסאָן;
טעכנאָלאָגיע פון מעטאַלן — אינזש. ראָזענגאַרד;
בוי־מאַטעריאַלן קענטעניש — אינזשיניער אַזשינסקי;
כעמיע — לערער ד"ר ח. יפה*;
בוי־קאָנסטרוקציע־טעאָריע, — אינזש. בלאָך.
ליטווישע שפּראַך;

אין דעם טעכניקום האָבן זיך געלערנט יונגעליט אי פון קאָוונע גופא, אי פון דער פּראָווינץ. די שפּראַך פון די לימודים איז געווען יידיש.

אַ לערן אינסטיטוציע פון אַ גרויסן פאַרנעם איז

* דער באַקאַנטער פעדאַגאָג ד"ר ח. יפה איז געווען דירעקטאָר פון טעכניקום. — רעד.



געווען דער פאָלקס־אוניווערזיטעט, וואָס האָט זיך אָפּגעגעבן מיט פאַרשפּרייטן בילדונג צווישן דערוואַקסענע. אין פאָלקס אוניווערזיטעט האָט מען געגעבן סיסטעמאַטישע קורסן וועגן יידישע און אַלגעמיינע וויסנשאַפטן.

אַזוי למשל, זיינען אין דעם יאָר 1926 געגעבן געוואָרן די פאָלגנדיקע קורסן:

1) אַריינפיר אין די מאָדערנע ווירטשאַפט־פּראָבלעמען, לערער — אינזשיניער אַבראַמסאָן;
2) יורידיש־סאָציאָלאָגישע שמועסן, לערער — פּראָפ. בעליאַצקין;
3) קונסט געשיכטע, לערער — אַרכיטעקט בלאָך;
4) די מאָדערנע יידישע און העברעאישע ליטעראַטורן, לערער — נתן גרינבלאַט;
5) ביאָלאָגיע, — פּראָפ. וואַגנער;
6) דאָס געהיימנישפולע נשמה־לעבן, — ד"ר לאַזאַרסאָן;
7) וועלט־ליטעראַטור, — ד"ר אסתר עליאַשעוו;
8) נייע געשיכטע, — ד"ר פעלדשטיין;
9) עקאָנאָמישע געאָגראַפיע, — אַגראָנאָם פרידמאַן;
10) געשיכטע פון ליטע, — ד"ר גאַטצעל;
11) פיזיק און כעמיע, — ד"ר שאַפּיראָ;
12) סאָציאַל־פילאָזאָפיע און עטיק, — ד"ר אַ. ראַזנפעלד;
13) צייכענען און מאָלן, — פרוי פרידמאַן־מאַרגאָלין;
14) יידישע געשיכטע, — ה. פּראַכאָווניק;

חוץ דעם זיינען געלערנט געוואָרן פאַרשיידענע שפּראַכן. דער פאָלקס־אוניווערזיטעט פלעגט אויך געבן איינצלנע לעקציעס און רעפעראַטן און פלעגט אַראַנזשירן וויסנשאַפטלעכע עקסקורסיעס אויף אויסשטעלונגען, קונסט־גאַלעריעס און פאַבריקן.

עס איז באמת צו באַוואונדערן וואָס די קליינע יידישע ליטע האָט געהאַט אַזאַ פיינע יידישע אינטעליגענץ, וואָס האָט געקענט אָנפירן מיט אַזאַ פאָלקס־אוניווערזיטעט. די זעלביקע גרופּע, וואָס האָט אָנגעפירט מיטן פאָלקס־אוניווערזיטעט, האָט אין 1935 אַרויסגעגעבן דעם זייער וויכטיקן פילאָזאָפישן זאַמלבוך „געדאַנק און לעבן".

דעם 1־טן סעפּטעמבער 1939 האָט דייטשלאַנד אָנגעהויבן די צווייטע וועלט־מלחמה. די דייטשישע אַרמיי האָט אָנגעהויבן די אַטאַקע אויף פּוילן — און האָט גלייך פאַרנומען גרויסע טיילן פון דער פּוילישער רעפּובליק.

דעם 17־טן סעפּטעמבער 1939 האָט די רויטע אַרמיי אָנגעהויבן איר מאַרש אויף פּוילן און זי האָט גלייך פאַרנומען די מערב־טיילן פון אוקראַינע, ווייסרוסלאַנד און ליטע וואָס האָבן געהערט צו פּוילן. רוסלאַנד האָט דעמאָלט פאַרנומען ווילנע. אָבער רוסלאַנד האָט געשלאָסן

אַן אָפּמאַך מיט ליטע און ווילנע איז איבערגעגעבן געוואָרן צו ליטע. די ווילנער יידיש־וועלטלעכע שולן זיינען דעמאָלט געוואָרן אַ טייל פון דער נעץ פון די יידיש־וועלטלעכע שולן אין ליטע. די ליטווישע מאַכט האָט זיך באַצויגן זייער פריינדלעך דעמאָלט צו די יידישע שולן, און די פערספּעקטיוון פאַר די יידישע שולן זיינען געווען זייער גוטע.

דעם 14־טן יוני 1940 האָט רוסלאַנד אָקופּירט גאַנץ ליטע און ליטע איז דערקלערט געוואָרן ווי די 16־טע סאָוויעטישע רעפּובליק. די יידיש־וועלטלעכע שולן זיינען מיט דער גאַנצער ליטווישער שול סיסטעם סאָוויעטיזירט געוואָרן. אָבער דאָ איז געשען אַ מאָדנע זאַך. בשעת אין רוסלאַנד גופא האָבן שוין ניט עקזיסטירט קיין יידישע שולן, ווייל די צענטראַלע מאָסקווער רעגירונג האָט זיי אַלע ליקווידירט אויף אַן אַדמיניסטראַטיוון אופן, נאָך אין יאָר 1938, האָט זי, די רעגירונג, דאָ דערלויבט אָנצוהאַלטן די יידישע שולן און זיי נאָך אויסברייטערן. אַזוי זיינען אין אַ קורצער צייט אַלע העברעאישע שולן אי אין ווילנע, אי אין גאַנץ ליטע, איבערגעגאַנגען פון העברעאיש אויף יידיש. עס זיינען דעמאָלט אָפּגעהאַלטן געוואָרן עלטערן פאַרזאַמלונגען, וואָס האָבן אויסגעדריקט דעם פאַרלאַנג, אַז די העברעאישע שולן זאָלן איבערגיין אויף יידיש — דער דירעקטאָר פון דער העברעאישער גימנאַזיע, ד״ר ד. פעלדשטיין, האָט גערופן אַן אסיפה פון די עלטערן און האָט פאָרגעשלאָגן אַז די גימנאַזיע זאָל איבערגיין אויף יידיש — אָבער העברעאיש איז געלערנט געוואָרן פיר שעה אַ וואָך.

ג. זימאַן, וואָס האָט אָנגעפירט מיט די מיעוטים אין אָנהייב פון דער סאָוו. מאַכט האָט דאַן דערקלערט, אַז „די קאָמוניסטישע פאַרטיי האָט ניט פיינט קיין שפּראַכן, במילא האָט זי ניט פיינט העברעאיש. אויב די יידישע מאַסן אין ליטע וואָלטן גערעדט העברעאיש וואָלטן מיר געפאָדערט שולן מיט העברעאיש ווי די שפּראַך פון די לימודים“... אָבער אַזוי ווי די יידישע מאַסן האָבן ניט





גערעדט קיין העברעאיש — האָט מען די העברעאישע שולן יידישיזירט. די לערער פון די העברעאישע שולן זיינען געבליבן אויף זייערע פּאָסטנס, נאָר אָנשטאָט אויף העברעאיש האָבן זיי געלערנט אויף יידיש. און ווי געזאָגט פריער, אין דער צייט ווען אין רוסלאַנד גופא איז שוין ניט געווען קיין סימן פון אַ יידישער שול — איז דער יידישער שול־וועזן אין ליטע אויסגעברייטערט געוואָרן און איז אַריינגענומען געוואָרן אין דער רעגירונגס־סיסטעם. די לאַגע האָט אַזוי אָנגעהאַלטן אַן ערך אַ יאָר צייט. דעם 21־טן יוני 1941 האָט דייטשלאַנד אָנגעהויבן די מלחמה קעגן רוסלאַנד — און גאַנץ ליטע איז אָקופּירט געוואָרן פון די נאַצי־אַרמייען אין די ערשטע טעג פון דער מלחמה. די נאַציס האָבן גלייך אָנגעהויבן אומצוברענגען די יידישע אינסטיטוציעס און בתוכם די יידישע שולן *.

— — — — — — — — — — — — — — — — —

די וועלטלעכע יידישע שולן האָבן עקזיסטירט אין ליטע עפּעס מער ווי צוויי צענדליק יאָר. דורך דער צייט איז דערצויגן געוואָרן אַ יידישע פאָלקס־אינטעליגענץ וואָס איז געווען פאַרבונדן מיט יידיש, מיט יידישער ליטעראַטור און מיטן יידישן פאָלקס־לעבן און וואָס האָט אָנגעהויבן פאַרנעמען וויכטיקע פּאָזיציעס אין יידישן לעבן. דער גרויזאַמער שונא האָט פאַרניכטעט די דאָזיקע יידישע פאָלקס־אינטעליגענץ צוזאַמען מיט די יידישע מאַסן. דאָ און דאָרטן באַגעגנט מען אַ תלמיד פון דער יידישער שול אין ליטע, און מען קאָן גלייך דערשפּירן דעם איינפלוס וואָס די יידיש־וועלטלעכע שול האָט געהאַט אויף דער יידישער יוגנט — און מען קאָן גלייך זען וואָס די יידישע שול האָט אויפגעטאָן אין ליטע.

* בערל כהן: החינוך העברי בליטא העצמאית, און החינוך והתרבות העברית באירופה, בעריכת צבי שארפשטיין, ניו־יאָרק, 1957.

יצחק רפאל הלוי עציון (האַלצבערג)

# „יבנה״־שולן אין ליטע

פאַר דער ערשטער וועלט־מלחמה האָט זיך די רעליגיעזע דערציאונג פון יידישע ייִנגלעך אין ליטע קאָנצענטרירט אין די חדרים, תלמוד־תורהס און אין קליינע און גרעסערע ישיבות. רעליגיעזע שולן פאַר מיידלעך האָבן דאַן בכלל ניט עקזיסטירט. אויך פאַר ייִנגלעך זיינען נאָך דאַן ניט געווען קיין רעליגיעזע דערציאונגס אַנשטאַלטן, וואו וועלטלעכע לימודים האָבן פאַרנומען אַ באַדייטנדן פּלאַץ.

די ערשטע וועלט־מלחמה, וואָס איינע פון אירע באַגלייט־דערשיינונגען איז געווען דער גירוש פון אַ גרויסן טייל ליטווישע יידן, האָט צעשטערט די חדרים. במשך פון דייטשן כיבוש, האָבן די דייטשן אין באַשטימטע טיילן פון ליטע איינגעפירט צוואַנגס בילדונג. פאַר יידישע קינדער האָבן זיי געגרינדעט באַזונדערע שולן מיט דייטשער אונטערריכט שפּראַך און וועלטלעכע לימודים. די דאָזיקע אַנשטאַלטן זיינען נאָך דער מלחמה פאַרוואַנדלט געוואָרן אין שולן מיט העברעאישער אָדער יידישער אונטערריכט שפּראַך.

אַ דאַנק דער איניציאַטיוו פון יידישע עסקנים און אָרטיקע דערציאונגס אויטאָריטעטן זיינען געגרינדעט געוואָרן אין שטעט און שטעטלעך נייע שולן אָבער אָן אַן איינהייטלעכער פּראָגראַם. בלויז שפּעטער ווען עס זיינען געשאַפן געוואָרן די יידישע קהילות אין ליטע און דאָס געזעלשאַפטלעכע לעבן האָט זיך רעאָרגאַניזירט לויטן שטייגער פון דער נאַציאָנאַלער אויטאָנאָמיע וואָס איז געגעבן געוואָרן דעם ליטווישן יידנטום, האָבן זיך אויסגעקריסטאַליזירט דריי פאַרשיידענע ריכטונגען: „תרבות״ (וועלטלעכע לימודים אין עברית); קולטור־ליגע (וועלטלעכע לימודים אין יידיש) און „יבנה״ (רעליגיעזע דערציאונג אין עברית).

„יבנה״ האָט דאַן פיגורירט אַלס נאַטירלעכער יורש פונעם רעליגיעזן דערציאונגס וועזן אין די חדרים און תלמוד־תורהס. זי האָט בלויז צוגעגעבן צו איר טעטיקייט 4 נייע געביטן: עלעמענטאַר בילדונג פאַר מיידלעך; מיטל־בילדונג פאַר ייִנגלעך; צוגרייטונגס־קורסן פאַר לערער און לערערינס און, אין אַ באַגרענעצטער מאָס, קינדער־גערטנער.

אַחוץ דעם אויסגעברייטערטן פאַרנעם פון רעליגיעזער דערציאונג האָט „יבנה״ איינגעפירט נאָך צוויי חידושים אין רעליגיעזן אונטערריכט אין ליטע: א) עברית אַלס אונטערריכט שפּראַך פאַר אַלע קעגנשטאַנדן, ב) אַ גרויסע מאָס וועלטלעכע לימודים לויטן מאַסשטאַב פון



די ליטווישע און יידישע רעגירונגס־שולן, ווי אויך דאָס לערנען די לאַנדשפּראַך אַלס קעגנשטאַנד.

אין די חדרים און תלמוד־תורהס איז די אונטערריכט שפּראַך, נאַטירלעך, געווען יידיש. אָבער אַפילו דער עקסטרעם פרומער טייל פון ליטווישן יידנטום האָט ניט אַרויסגעוויזן קיין קעגנערשאַפט צו העברעאיש אַלס אונטערריכט שפּראַך, ווי אויך ניט אַלס פאַרשטענדיקונגס־שפּראַך צווישן די תלמידים. אין אַלע „יבנה״ שולן אין ליטע איז עברית געווען אָבליגאַטאָריש פאַר די שילער אין דער אַשכנזישער אָדער ספרדישער הברה. די פרומע זיינען אויך געווען טאָלעראַנט לגבי וועלטלעכע לימודים אין די רעליגיעזע שולן, אויב אַפילו ס׳איז דורכדעם, אין אַ געוויסער מאָס, פאַרקירצט געוואָרן די באַשטימטע שעהן פאַר רעליגיעזע לימודים.

וועגן שולן פאַר מיידלעך האָט זיך פריער דאָס רעליגיעזע יידנטום אין ליטע ניט געקימערט. „יבנה״ שולן זיינען ניט געווען קיין געמישטע, אַחוץ עטלעכע אויסנאַם־פאַלן אין קליינע שטעטלעך. וואָס שייך ייִנגלעך האָט זיך „יבנה״ פאַרנומען אין די ערשטע יאָרן פון איר עקזיסטענץ — אַחוץ צוגרייטן לערער קאַדרען — דער עיקר מיט עלעמענטאַרער שול בילדונג — 4־יעריקע שולן וואו דער איינטריטס־עלטער איז געווען 6 יאָר. פון דאָרטן פלעגן די תלמידים דאָס רוב אַריבערגיין אין קליינע ישיבות. בלויז אין יאָר 1928 איז אין קאָוונע געעפנט געוואָרן אַ 10־יעריקע „יבנה״ מיטלשול פאַר ייִנגלעך — „אוניווערסאַלע שול פאַר תורה און וויסנשאַפט״ — אַ פאָרזעצונג פון דער 4־יעריקער עלעמענטאַר־שול (די געוויינלעכע מיטלשולן אין ליטע זיינען געווען 8־יעריקע). פאַר דער דאָזיקער שול זיינען געווען פאָרויסגעזען ספּעציעלע צוגאָב־שעהן פאַר רעליגיעזע לימודים, דער עיקר גמרא.

אין די 30־קער יאָרן, בעת די ליטווישע פאָלקס־שול איז פאַרלענגערט געוואָרן אויף 6 יאָר, האָט „יבנה״ געעפנט אין פאַרשיידענע שטעטלעך פון ליטע חדרים און תלמוד־תורהס, מיט וועלטלעכע לימודים. גמרא פלעגט מען דאָרטן לערנען אין די צוגאָב־שעהן, וואָס זיינען געווען אָבליגאַטאָריש פאַר „יבנה״ תלמידים. ס׳איז כדאי צו באַמערקן, אַז די ליטווישע רעגירונג האָט אַרויסגעוויזן פאַרשטענדעניש פאַרן באַזונדערן רעליגיעזן כאַראַקטער פון די „יבנה״־שולן און זיי געגעבן מער שעהן פאַר רעליגיע, ווי אין די שולן פון אַנדערע ריכטונגען.

אין ליטע האָבן נאָך עקזיסטירט, אַחוץ „יבנה״־שולן,




קעלמער תלמוד־תורה

פריוואַטע חדרים, ווי „אגודת־ישראל", „יגדיל תורה" אין קאָוונע א. א. וו.

די וועלטלעכע לימודים אין די „יבנה"־שולן אין ליטע זיינען ניט געווען אַ מין צוגאָב צו די רעליגיעזע לימודים פּונקט אַזוי ווי די רעליגיעזע זיינען ניט געווען קיין צוגאָב צו די וועלטלעכע. אַלע לימודים זיינען געווען דורכגעדרונגען מיט יידישן גייסט, מיט גאָטספאָרכטיקייט, מיט אויפריכטיקער ליבע צו תורה, צום פאָלק ישראל און צו ארץ־ישראל און האָבן געשאַפן איין האַרמאָנישע איינהייט. „יבנה" האָט געפאָדערט פון אַלע לערער פון וועלטלעכע לימודים, זיי זאָלן זיין רעליגיעז און דורך זייער אנשויאונג און מעשים אין זייער פריוואַטן לעבן זאָלן זיי קאָנען דינען אַלס ביישפּיל פאַר די שילער.

די דערציאונגס ריכטונג „יבנה" אין ליטע איז געשאַפן און אָרגאַניזירט געוואָרן דורך „צעירי־ישראל" און אַלס צייכן פון „כיבוד־אב" איז נייטיק אַז אין דער פאַרצייכעניש וועגן „יבנה" אין ליטע זאָל געווידמעט ווערן אַ באַזונדער פלאַץ פאַר דער שילדערונג פון דער דאָזיקער אָרגאַניזאַציע, וועמענס טעטיקייט אין ליטע איז געווען דער עיקר אויפן דערציאונגס געביט.

אין אָנהייב פון דער ערשטער וועלט־מלחמה, אין 1915, האָט זיך געשאַפן אין ווילנע אַ קרייז ישיבה־בחורים, תורה לערנער. די דאָזיקע יונגע לייט — אַנטלאָפענע פון פראָנט־שטעטלעך — האָבן געציילט ביי 300 מאַן. צווישן זיי זיינען געווען אַזעלכע, וועלכע זיינען געווען געניגט צום ציוניזם און אַזעלכע וועלכע זיינען געווען קעגן ציוניזם. נאָכדעם ווי צו דער גרופּע איז צוגעשטאַנען ר' יצחק שמואלאָוויץ — אַ תלמיד פון הרב ריינעס ישיבה אין לידא, איז געגרינדעט געוואָרן אַן אגודה פון ישיבה־בחורים „צעירי־מזרחי". זיי פלעגן זיך צונויפקומען אַלע שבת הערן פאָרטראַגן (אין עברית) אויף תנכישע טעמעס, וועגן דער אַנטשטייאונג פון חיבת ציון, געשיכטע פון ציוניזם און ענלעכעס. איינער פון דער דאָזיקער גרופּע ר' יצחק קאַפּילאָוויץ איז שפּעטער געוואָרן דער לייטער פון דער „יבנה" צענטראַלע אין ליטע.

ווען דער גאון הרב ר' ברוך הורביץ — אב"ד דאַלקסוט און דער שוואָגער פונעם גאון ר' משה־מרדכי עפּשטיין האָבן צוריקגעעפנט די ישיבה „כנסת ישראל" אין סלאָבאָדקע, זיינען אַ סך פון דער גרופּע אַריבער קיין סלאָבאָדקע און צווישן זיי אויך ר' יצחק שמואלאָוויץ. דאָ איז געגרינדעט געוואָרן, אין יאָר תרע"ט, אין געהיים, די גרופּע „בית־ישראל". איר ציל איז געווען צו דערציען אַ נייעם דור פון גייסטרייכע, גאָטספאָרכטיקע יידן, וועלכע זאָלן מיט ליבע און מסירת־נפש צום פאָלק און צו זיינע הייליקטימער פאַרשפּרייטן תורה און יידישקייט, זאָרגן פאַר דער אחדות פונעם יידישן פאָלק און זיין פולער אויפלעבונג אין זיין לאַנד (פון די „תקנות" פון דער דאָזיקער גרופּע).

בכדי צו דערגרייכן דעם דאָזיקן ציל האָבן די „בית־ישראל" מיטגלידער אָנגעוויזן די פאָלגנדע מיטלען:

1) ברייטער און טיפער וויסן אין תורת־ישראל אין אַלע אירע אָפּצווייגן, ווי תנ"ך, ש"ס, פּוסקים,

אגדה און חכמת ישראל (יידישע פילאָזאָפיע — קבלה, חסידות און ענלעכעס);

2) פולער וויסן אין יידישער געשיכטע און ברייטע ידיעות אין דער געשיכטע פון די אַנדערע פעלקער;

3) אַ גרויסע מאָס וויסן פון אַלגעמיינער השכלה.

עברית איז געווען פאַרפליכטנד פאַר יעדן מיטגליד פון „בית־ישראל״ אין וואָרט און אין שריפט.

ווי ס׳איז צו זען איז שוין אין פּראָגראַם פון „בית־ישראל״ און אין אירע תקנות געווען די שפּראָצן פון דער „יבנה״ דערציאונגס־שיטה אין ליטע.

די דאָזיקע גרופּע, וואָס דער שאַפנדער כוח פון איר איז געווען ר׳ יצחק שמואלאוויץ, האָט אויסגעבילדעט אַ קאַדר יונגע רעדנער, וועמענס אויפגאַבע איז געווען זיך צו איבן אין רעדעס און פאָרטראַגן.

אין אָנהייב פון תרע״ט זיינען די אַקטיווע מיטגלידער פון דער דאָזיקער גרופּע צוריקגעפאָרן קיין ווילנע און מיט דער הסכמה פונעם גאון ר׳ חיים עוזר גראָדזענסקי ז״ל האָבן זיי דאָרט גֿעגרינדעט — חשון תרע״ט — די הסתדרות „צעירי ישראל״, וואָס האָט איבערגענומען דאָס פּראָגראַם פון „בית־ישראל״.

די גרינדער פון „צעירי־ישראל״ זיינען געווען: ר׳ יצחק שמואלאוויץ, ר׳ יצחק קאַפּילאָוויץ, ר׳ ישראל קרומער ז״ל (אַ זון פון פאַרשטאָרבענעם רחובותער רב ר׳ שלמה־יהושע קרומער זצ״ל) און צו לענגערע יאָר ה׳ יהודה היילפּערן (מיטגליד פון „הפּועל מזרחי״ אין עפולה, פון וועמען איך האָב, אַגב, באַקומען אַ סך פּרטים וועגן „צעירי־ישראל״ און וועמען איך דריק אויס מיין טיפסטן דאַנק ביי דער געלעגנהייט); ה׳ יצחק־לייב בערקסאָן, (איצט חבר פון „הפּועל־המזרחי״ אין כפר־אברהם, ביי פּתח־תקוה) און דער רב ר׳ יוסף ליפּמאַן גורעוויץ (היינט רב אין מעלבורן — אויסטראַליע).

„צעירי־ישראל״ האָבן אין יאָר תרע״ט זיך באַטייליקט אין ווילנער ועד הקהילה וואַלן. צוויי פאָרשטייער זיינען אויסגעוויילט געוואָרן: ר׳ יצחק שמואלאוויץ און הרב גורעוויץ. אויף דער פייערלעכער דערעפענונגס־זיצונג פון ועד הקהילה האָט ר׳ יצחק שמואלאוויץ געהאַלטן אַ רעדע אין עברית.

אין יאַנואַר 1919, בעת ווילנע איז פאַרנומען געוואָרן דורך די באָלשעוויקעס, איז די אָרגאַניזאַציע „צעירי־ישראל״ אַריבער קיין קאָוונע. זי האָט זיך ניט בלויז באַגנוגנט מיטן צענטער אין קאָוונע און האָט געגרינדעט אַ סך אָפּטיילונגען אין פאַרשיידענע שטעטלעך אין ליטע.

צווישן די אַקטיווע מיטגלידער פון „צעירי־ישראל״ אין ליטע זיינען געווען, אַחוץ די אויבן־דערמאָנטע, הרב אברהם־אליהו קאַפּלאַן ז״ל (וועלכער איז שפּעטער געווען דאָצענט אין וואַלדעסהיימער ראַבינער סעמינאַר אין בערלין. אַ פּראָמינענטער תלמיד־חכם, אַ דענקער, אַ שרייבער און דיכטער, דער מחבר פון „צעירי־ישראל״ הימנון „לדור״, וואָס „יבנה״ האָט שפּעטער איבערגענומען אַלס איר הימנון); הרב חיים־זלמן קרון הי״ד (ער איז געווען איינער פון די גרינדער פון דער מיידלשער גימנאַזיע „יבנה״ אין טעלזש, איר לערער און פּאַקטישער דירעקטאָר פון דער העברעאישער מיידל־גימנאַזיע „יבנה״ אין קאָוונע; שפּעטער איז ער געווען רב אין פּאַקרוי, וואו ער, זיין גאַנצע משפּחה און די גאַנצע יידישע קהילה זיינען אומגעקומען בעתן דייטשן כיבוש אין ליטע), הרב ישראל סתם ז״ל אין קעלם, ד״ר שמואל־ליאו דויטשלענדער ז״ל, ר׳ יהודה סאמונאוו, דער גאון ר׳ אליהו מאיר בלאָך זצ״ל, צו לענגערע יאָר דער גאון ר׳ מרדכי קאַטץ — שליט״א (היינט צו טאָג ראש־ישיבה „טעלזש״ אין קליוולאנד) און ר׳ ש. שראָשעווסקי ז״ל — אַ געזעלשאַפטלעכער עסקן, אַ מיטגליד פון נאַציאָנאַל־ראַט אין ליטע.

אין חודש אלול תרע״ט איז אין קאָוונע פאָרגעקומען די ערשטע קאָנפערענץ פון „צעירי־ישראל״ אין ליטע. אויב אין ווילנע האָט זיך די טעטיקייט פון „צעירי־ישראל״ אויסגעדריקט אין די וואַלן צום ועד הקהילה, האָט זי זיך אין קאָוונע קאָנצענטרירט, דער עיקר, אויפן געביט פון דערציאונג, הגם אויך דאָ האָט זי ניט פאַרלאָזן אינגאַנצן איר געזעלשאַפטלעך־פּאָליטישע טעטיקייט, באשר „צעירי־ישראל״ איז געווען דער איינציקער ווירקזאַמער כוח צווישן דעם רעליגיעזן יידנטום אין ליטע, אָבער אויף איר ערשטער קאָנפערענץ האָט דאָס דערציאונגס־פּראָבלעם פאַרנומען דעם ערשטן פּלאַץ. דער דראַנג צו רעליגיעזע שולן איז דאַן געווען גרויס, נאָר דער מאַנגל אין רעליגיעזע לערער איז ניט געווען קלענער. די קאָנפערענץ האָט דעריבער אָנגענומען אַ באַשלוס צו עפענען קורסן כדי צוצוגרייטן אַזעלכע לערער. „צעירי־ישראל״ האָט דעריבער תיכף געעפנט לערער־קורסן, נאָך איידער ס׳איז געגרינדעט געוואָרן „יבנה״ — ט״ו בשבט תר״פ. די קורסן האָבן געדויערט ביז פּסח תרפ״א.

די באַזוכער פון די קורסן זיינען געווען ישיבה־בחורים, וועלכע האָבן באַשלאָסן אַז — „דאָס געבאָט פון טאָג״ — איז זיך צו מאָביליזירן אַלס לערער אין די רעליגיעזע שולן. צווישן זיי זיינען געווען עטלעכע מיט סמיכות אויף רבנות. דער לייטער פון די קורסן איז געווען ד״ר ל. דויטשלענדער. אָבער דער פּאַקטישער מנהל איז געווען ר׳ יצחק שמואלאוויץ. די לעקטאָרן פון די דאָזיקע לערער־קורסן זיינען געווען: ד״ר דויטשלענדער — פּסיכאָלאָגיע און פּעדאַגאָגיק; ד״ר יוסף קאַרלעבאַך ז״ל — געאָגראַפיע פון ארץ־ישראל; הרב אברהם־אליהו קאַפּלאַן — תלמוד און היסטאָריע; ר׳ יצחק שמואלאוויץ — תנ״ך און עברית; ד״ר האלבערשטאט ז״ל — טבע (ד״ר האלבערשטאט איז שפּעטער געווען לערער אין לערער־סעמינאַר „מזרחי״ און געשטאָרבן אין ירושלים); ד״ר נ. שלעזינגער — מאַטעמאַטיק און פיזיק. זעקס און צוואַנציק יונגע לייט האָבן געענדיקט די דאָזיקע קורסן און האָבן באַקומען לערער־אַטעסטאַטן. עטלעכע פון זיי זיינען איצט לערער אין ישראל.

לויט דער איניציאַטיוו פון „צעירי־ישראל" איז גערופן געוואָרן אין קאָוונע חול המועד פסח תר"פ די גרינדונגס־פאַרזאַמלונג פון „יבנה". די הויפּט אָנטיילנעמער פון דער דאָזיקער פאַרזאַמלונג זיינען געווען: הרב הראשי אב"ד אין קאָוונע, דער גאון אברהם דובער כהנא שפּירא זצ"ל; הרב הגאון ברוך הורביץ זצ"ל מאַלקסוט; הרב ר' ישראל־ניסן קוק זצ"ל; ד"ר נחמן ראַכמילעוויץ — וויצע מיניסטער פון מסחר ותעשיה, שפּעטער ליטווישער קאָנסול אין תל־אביב; אלחנן אַלטענבערג הי"ד (מזרחי); הרב פייוול ראַזען הי"ד (אגודת ישראל); ר' ש. שערעשעווסקי — אַגודת־ישראל; ר' שמואל־חיים לעווין הי"ד (מזרחי); ר' לייב בלום; די אַקטיווע מיטגלידער פון „צעירי־ישראל": ר' יצחק שמואלאָוויץ, ר' י. קרומער, ר' סאַמונאָוו און אַנדערע.

אויף דער פאַרזאַמלונג איז דעקלאַרירט געוואָרן די אַנטשטייאונג פון דער צענטראַלע „יבנה", וועלכע האָט איבערגענומען די לערער־קורסן פון „צעירי־ישראל" און אויך די רעליגיעזע שולן וואָס האָבן עקזיסטירט אין פאַרשיידענע שטעטלעך אין ליטע. מען איז אויך תיכף צוגעטראָטן צו שאַפן נייע „יבנה" שולן אין פאַרשיידענע ערטער.

אינעם ערשטן יאָר פון דער „יבנה"־צענטראַלע עקזיסטענץ זיינען אין ליטע געעפנט געוואָרן 40 שולן. אינעם צווייטן יאָר האָט דער צענטער באַקומען פאָדערונגען פון פאַרשיידענע ערטער צו עפענען נאָך 80 שולן. איך האָב ניט קיין גענויע סטאַטיסטישע ציפערן, אָבער ס'וועט באַשטימט ניט זיין קיין גוזמא אויב כ'וועל זאָגן, אַז מער ווי אַ דריטל פון אַלע שולן אין ליטע האָבן געהערט צו „יבנה".

די פאָדערונג פאַר אַ שול פון אַ באַשטימטער ריכטונג פלעגט זיין, בעצם, מצד די עלטערן. זיי פלעגן אָנגעבן אַ בקשה צום בילדונגס־מיניסטעריום, אַז זיי זיינען גענייגט צו דער אָדער יענער ריכטונג — דאָס מיניסטעריום פלעגט זיך רעכענען מיטן ווילן פון די עלטערן און באַשטעטיקן די געוואונטשענע ריכטונג, בתנאי אַז זיי זיינען געווען אימשטאַנד צוצושטעלן די נייטיקע לערער. בלויז אין די דרייסיקער יאָרן האָט אָנגעהויבן די ליטווישע רעגירונג צו פאַראייניקן צוויי קליינע שולן פון קעגנגעזעצטע ריכטונגען. אָבער כמעט אין אַלע פאַלן איז געלונגען דעם רעליגיעזן יידנטום צו פאַרמיידן די פאַראייניקונג פון „יבנה" שולן מיט אַ שול פון אַן אַנדער ריכטונג.

ווי מיר האָבן געזען, האָבן זיך באַטייליקט אין דער גרינדונג פון „יבנה" אין ליטע הן אגודת־ישראל, הן מזרחי. „צעירי־ישראל" האָט געשאַפן די מיטן פּאַרטיי. און די ערשטע 10—12 יאָר פון איר עקזיסטענץ איז „יבנה" געווען אַן אומפּאַרטייאישע, רעליגיעזע דערציאונגס־ריכטונג. ערשט אין די דרייסיקער יאָרן האָט זיך אין איר ווי אויך אין הסתדרות „צעירי־ישראל" פאַרשטאַרקט די השפעה פון אגודת־ישראל.

דער לייטער פון „יבנה", כמעט די גאַנצע צייט פון



עקזיסטענץ, איז געווען ר' יצחק קאַפּילאָוויץ הי"ד. ער האָט מיט גרענעצלאָזן פלייס און מסירות־נפש געאַרבעט פאַרן רעליגיעזן דערציאונגס־וועזן, וואָס איז אים זייער טייער געווען. בכלל האָט ער פאַר געזעלשאַפטלעכער טעטיקייט מקריב געווען זיין פּריוואַט לעבן. בכדי צו כאַראַקטעריזירן זיין טיפע איבערגעבנהייט דער רעליגיעזער דערציאונג, איז כדאי צו דערמאָנען פאָלגנדן פאַקט. נאָך דעם ווי די באָלשעוויקעס האָבן געשלאָסן די „יבנה"־אַנשטאַלטן איז ר' יצחק קאַפּילאָוויץ צוריק אַריבער אין זיין געבורט־שטאָט ווילנע. אין די טעג פון די שרעקלעכע נאַצישע „אַקציעס" אין קאָוונער געטאָ האָט ער איבערגעשיקט אַ בריוול קיין קאָוונע, אָנפרעגנדיק, צי איז פאַראַן אַ וועלכע ניט איז מעגלעכקייט פאַר דערציאונגס טעטיקייט, אויב יאָ, איז ער גרייט, ניט געקוקט אויף דער גרויסער לעבנס־געפאַר, אַריבערצוקומען קיין קאָוונע. (בעת דאָס בריוול איז דערגאַנגען צום געטאָ, איז שוין ליידער ר' יצחק שמואלאָוויץ, צו וועמען דאָס בריוול איז געווען אַדרעסירט, ניט מער געווען צווישן די לעבעדיקע).

„יבנה" איז געשטיצט געווען דורך אַלע רבנים אין ליטע. אין איר צענטראַלער פאַרוואַלטונג זיינען געווען באַטייליקט די גרעסטע רבנים, ווי הרב הראשי ואב"ד דקובנה: הרב אברהם דובער כהנא שפּירא; הרב ר' ברוך הורביץ מאַלקסוט — דער פאָרזיצער פון אגודת הרבנים אין ליטע; הרב שלמה הלוי פיינזילבער פון קיידאַן; הרב א. פּ. פּייוולזאָן זצ"ל פון קופּישאָק; הרב י. א. הירשאָוויץ זצ"ל הי"ד פון ווירבאַלן; הרב ברוך גינזבערג זצ"ל הי"ד פון יאַנאָווע און קיבאַרט; הרב זאַקס זצ"ל א. א. דער שרייבער פון די דאָזיקע שורות האָלט פאַר גרויס כבוד פאַר זיך, וואָס ער איז געווען אַ מיטגליד פונעם דאָזיקן צענטער צוזאַמען מיט די פּראָמינענטע דערציער און געזעלשאַפטלעכע עסקנים ווי ר' יצחק שמואלאָוויץ, הרב ח. ז. קרון, ר' מאיר גורעוויץ זצ"ל, ר' דוד לעווין הי"ד, ר' נתן בלאָך, ר' ש. שערעשעווסקי, ד"ר זאַלצבערג ז"ל און אַנדערע.

בעת „יבנה" האָט זיך אָרגאַניזירט איז באַשטאַנען איר הויפּט־פּראָבלעם אין צוגרייטן לערער און לערערינס. נאָכן פאַרמאַכן די לערער־קורסן פון „צעירי־ישראל" (פּסח תרפ"א) האָט זיך געעפנט אין קאָוונע דער לערער־סעמינאַר „יבנה". זיין ערשטער לייטער איז געווען דער באַוואוסטער געלערנטער ה' פּ. געץ, וועלכער האָט אויך אָנגעפירט מיט די קורסן פון „צעירי־ישראל". נאָך דעם ווי ד"ר דויטשלענדער האָט פאַרלאָזן ליטע. דער דאָזיקער לערער־סעמינאַר אין קאָוונע האָט עקזיסטירט ביז תרפ"ג. ער האָט אַרויסגעלאָזן איין לערער־אַרויסלאָז.

כדי צו פאַרשטאַרקן דעם רעליגיעזן דערציאונגס־גייסט אין סעמינאַר האָט „יבנה" באַשלאָסן אים דירעקט צו שטעלן אונטער דער השפעה פון דער באַוואוסטער טעלזשער ישיבה און זיין ראש ישיבה הרב הגאון ר' יוסף־לייב בלאָך זצ"ל איז מסכים געווען צו דעם.

אין תרפ"ג איז דער לערער־סעמינאַר אַריבער קיין



די רבנים פון טעלזשער ישיבה

טעלזש אונטער דער אָנפירונג פונעם שרייבער פון די דאָזיקע שורות.

איך האָב אָנגעפירט מיטן סעמינאַר (מיט אַן איבעררייס פון 8 יאָר — פון תרפ"ו ביזן יאָר תרצ"ג), ביז כ׳בין געקומען אַהער קיין א"י. אין מיין אָפּוועזנהייט און אויך שפּעטער, נאָך מיין פאַרלאָזן ליטע, האָבן געלייטעט דעם סעמינאַר ד"ר י. זאַלצבערג, ה׳ ש. שאכאט, ה׳ שניידער און ה׳ שלמה טראַכטנבערג הי"ד.

דער סעמינאַר „יבנה" איז אייגנטלעך געווען דער איינציקער אין ליטע פאַר יידישע לערער, ווייל ביי „תרבות" זיינען בלויז געווען 2־יאָריקע פּעדאַגאָגישע קורסן, און אין „קולטור־ליגע" איז בכלל ניט געווען קיין לערער־סעמינאַר.

דער „יבנה" לערער־סעמינאַר איז געווען אַ 4־יאָריקער. אין 1־טן קלאַס האָט מען אָנגענומען תלמידים וועלכע האָבן געענדיקט 4 קלאַסן גימנאַזיע אָדער אויסגעהאַלטן אַן אַנטשפּרעכנדן איינטריטס־עקזאַמען.

היות ווי די איבערוויגנדע מערהייט פון די סעמינאַר שילער זיינען געווען ישיבה־בחורים איז ביים סעמינאַר געווען אַ צוגרייטונגס קלאַס — אַ מכינה — כדי צו העלפן די תלמידים זיך צוגרייטן צום איינטריטס עקזאַמען.

3 שעה טעגלעך — פאַרמיטאָג — זיינען געווען געווידמעט תלמוד, וואָס האָבן אונטעררריכטעט באַרימטע ר"מ־ים, זיי האָבן אויך געדינט אַלס גייסטיקע פירער פונעם סעמינאַר, אינספּירירנדיק אַזוי אַרום די ישיבה־אַטמאָספער.

דער ערשטער ר"ם איז געווען הרב הגאון ר׳ יצחק־אייזיק הירשאָוויץ זצ"ל, ווער ס׳איז שפּעטער געווען רב אין ווירבאַלן. זיין פּלאַץ האָט פאַרנומען דער טעלזשער ראש ישיבה — ר׳ יוסף־ליב בלאָכס איידעם — הרב



וועסלער זצ"ל. ער און זיין גאַנצע משפּחה זיינען אומגעקומען אין יאָר 1941.

דער אַדמיניסטראַטאָר פון סעמינאַר, און שפּעטער, בעת הרב וועסלער האָט פאַרלאָזן טעלזש, אויך ר"ם — איז געווען הרב ש. ה. דייניס — ר׳ יצחק בלאָכס שוואָגער און דער זון פונעם באַקאַנטן כאַרקאָווער נדבן ר׳ בנימין־בייניש דייניס ז"ל, וועלכער איז נפטר געוואָרן אין תל־אביב.

די נאָכמיטאָג־שעהן אין סעמינאַר זיינען געווען געווידמעט תנ"ך, עברית, אַלגעמיינע לימודים (פון אַ רעאַלן מיטלשול־קורס), פּעדאַגאָגיק, פּסיכאָלאָגיע, געשיכטע פון פּעדאַגאָגיק און מעטאָדיק. אַחוץ דער לאַנדשפּראַך ליטוויש האָט מען אויך געלערנט דייטש אַלס פרעמדשפּראַך, ווי אין די איבעריקע מיטלשולן אין ליטע.

ביי אַרויסלאָז־עקזאַמענס פון „יבנה"־סעמינאַר זיינען געווען רעגירונגס־בחינות מיט דער באַטייליקונג פון אַ פאָרשטייער פון בילדונגס־מיניסטעריום. דער „יבנה" אַטעסטאַט איז געווען אָנערקענט פון דער רעגירונג און געגעבן ס׳רעכט אָנגענומען צו ווערן אין אוניווערזיטעט, צו אונטעררריכטן אין יידישע רעגירונגס פאָלקס־שולן און זיי צו לייטן. (אגב, אַלע יידישע פאָלקס־שולן זיינען געווען רעגירונגס־שולן).

דער „יבנה"־סעמינאַר האָט עקזיסטירט אין טעלזש ביזן סאָוויעטישן כיבוש און אַרויסגעגעבן 10 אַרויסלאָזן. די מערהייט פון די „יבנה" סעמינאַריסטן איז טריי געבליבן דער רעליגיעזער דערציאונג און אירע פּרינציפּן.

גלייכצייטיק מיט דער צוגרייטונג פון לערער האָט „יבנה" אויך געזאָרגט פאַר צוגרייטן לערערינס. אין תרפ"ג זיינען געעפנט געוואָרן אין טעלזש 1־יאָריקע קורסן פאַר לערערינס אונטער דער לייטונג פונעם שרייבער פון

די דאָזיקע שורות. 12 תלמידות פון די דאָזיקע קורסן האָבן אין יאָר תרפ״ד אויסגעהאַלטן די רעגירונגס־עקזאַמענס און האָבן באַקומען לערער־צייגעניש.

אין די יאָרן תרפ״ה און תר״ץ האָב איך אָנגעפירט אין טעלז מיט אַן איינאָריקן „יבנה"־פּעדאַגאָגיום פאַר אַביטוריענטינס פון העברעאישע מיטלשולן. ביי 60 לערערינס האָבן געענדיקט דעם פּעדאַגאָגיום אין פאַרלויף פון זיין 2־יאָריקער עקזיסטענץ. אַלע זיינען אָן שוועריקייטן איינגעאָרדנט געוואָרן דורך דער „יבנה" פאַרוואַלטונג אויף שטעלעס. די נאָכפראַגע אויף „יבנה"־לערערינס איז געווען אַ גרויסע.

אין אָנפאַנג פון לערן־יאָר תרצ״ח איז געעפנט געוואָרן ביים לערער־סעמינאַר אין טעלז אַ באַזונדער קלאַס פאַר לערערינס אונטער דער לייטונג פונעם רב ר׳ חיים נוסבוים (היינט לייטער פון ת״ת אין טאָראָנטאָ, קאַנאַדע). אין יאָר תרצ״ט האָבן 31 לערערינס אַבסאָלווירט דעם דאָזיקן קלאַס. אָבער זיי זיינען לײדער ניט זוכה געווען לאַנג צו אונטערריכטן אין „יבנה"־אַנשטאַלטן.

אויך צווישן די יידישע מיטלשולן אין ליטע איז געווען דער פּראָצענט פון „יבנה" באַדייטנד. צווישן 14 מיטלשולן זיינען 4 געווען „יבנה": די העברעאישע מיידל־גימנאַזיע אין טעלז, אין קאָוונע און אין פּאָנעוועזש און די העברעאישע יינגל־גימנאַזיע אָדער „די אוניווערסאַלע שול פאַר תורה און וויסנשאַפט" אין קאָוונע.

די עלטסטע און באַדייטנדסטע פון די אַלע גימנאַזיעס איז געווען די טעלזשער, געגרינדעט אין יאָר תרפ״א.

דערציילנדיק וועגן דער גימנאַזיע אין טעלז און בכלל וועגן דער דערציאונג אין טעלז, טאָר איך ניט פאַרשווייגן די גרויסע געשטאַלט פון הרב הגאון ר׳ יוסף־לייב בלאָך זצ״ל, דער רב פון טעלז און איר ראש־ישיבה, איינער פון די גרעסטע רבנים אין ליטע, איז ער געווען דער ערשטער וועלכער האָט געהאַט פאַרשטענדעניש פאַר דער באַדערפעניש פון מאָדערנער רעליגיעזער דערציאונג הן פאַר יינגלעך, הן פאַר מיידלעך. נאָך אין יאָר תרע״ה, 6 יאָר פאַר דער אנטשטייאונג פון „יבנה", בעת די דייטשן האָבן פאַרנומען צפון ליטע, אין דער ערשטער וועלט־מלחמה, און האָבן איינגעפירט צוואַנגס־בילדונג, האָט ר׳ יוסף לייב בלאָך געפאָדערט צו גרינדן אַ מאָדערנע רעליגיעזע שול, וואָס זאָל אַנטשפּרעכן די רעגירונגס תקנות, אָבער זאָל געפירט ווערן אינעם גייסט פון תורה און יראת־שמים.

לויט דער דאָזיקער פאָדערונג זיינען דאַן געגרינדעט געוואָרן אין טעלז צוויי שולן פאַר יינגלעך: איינע פאַר אָנפאַנגער און די צווייטע פאַר יינגלעך פון 9 יאָר אַלט. אין יאָר תר״פ זיינען די צוויי שולן פאַראייניקט געוואָרן און דער אַזוי גערופענער „בית־חינוך" אונטער דער אָנפירונג פון ר׳ יהושע גאלאב ז״ל. די דאָזיקע שול איז שפּעטער פאַרוואַנדלט געוואָרן אין דער רעגירונג־שול „יבנה" פאַר יינגלעך אין טעלז. מיט אַ יאָר שפּעטער איז געעפנט געוואָרן אין טעלז אַ „יבנה" רעגירונג־שול



פאַר מיידלעך. איר ערשטער מנהל איז געווען ר׳ שלמה טראַכטנבערג הי״ד.

הרב הגאון ר׳ יוסף לייב בלאָך האָט זיך ניט אָפּגעשטעלט איינצופירן וועלטלעכע לימודים אין דער מכינה פון טעלזשער ישיבה. בעת די ליטווישע רעגירונג האָט באַשלאָסן צו באַפרייען ישיבה־בחורים פון מיליטער־פליכט, בתנאי אַז זיי זאָלן באַקומען 4־קלאַסיקע מיטלשול בילדונג, האָט הרב בלאָך מסכים געווען אַז די תלמידים פון דער מכינה זאָלן לערנען וועלטלעכע לימודים אין די נאָכמיטאָג־שעהן און אין אָוונט.

אין תרפ״ד האָב איך אָנגעפירט מיט די דאָזיקע לימודים.

מוט און בטחון אינעם כוח פון דער תורה האָט ר׳ יוסף לייב בלאָך אַרויסגעוויזן דאַן, ווען ער האָט מסכים געווען אַרונטערצונעמען אונטער דער השפּעה פון טעלזשער ישיבה דעם לערער־סעמינאַר „יבנה". הגם פון אָנהייב האָט ער זיך געהאַלטן אַ ביסל אין רעזערוו און געשיקט אין סעמינאַר בלויז אַזעלכע תלמידים אויף וועמען ער האָט ניט געלייגט קיין גרויסע האָפענונג אַלס תלמידי חכמים. נאָר שפּעטער, ווען ער האָט איינגעזען אַז ס׳איז דווקא נויטיק די „יבנה" לערער זאָלן איינוואָרצלען דעם ישיבה־גייסט אין די פאָלקס־שולן פון „יבנה", האָט ער מאָביליזירט די בעסטע בחורים און זיי געשיקט לערנען אין סעמינאַר.

דורך זיין השפּעה איז אויך געגרינדעט געוואָרן אין טעלז די ערשטע „יבנה" מיידל־גימנאַזיע, די ערשטע רעליגיעזע מיטלשול אין ליטע.

אין דער שפּיץ פון דער דאָזיקער גימנאַזיע זיינען געשטאַנען די עסקנים ר׳ אבנר אוקולינסקי, ר׳ מאיר גורעוויץ, ר׳ לייב גערצאָוויץ, ר׳ אליעזר מרדכי דאַווידאָוו, ר׳ פּנחס חלפן, די ברידער י. און משה פּאַליוּוניק (דער לעצטער איז געווען אַ לאַנגע צייט דער סעקרעטאַר פון גימנאַזיע), ר׳ אליעזר ראַבינאָוויץ ז״ל, הרב ר׳ אליהו מאיר בלאָך זצ״ל און, צו לענגערע יאָר, הרב מרדכי קאַטץ שליט״א. די אַלע זיינען געשטאַנען ביים רודער די גאַנצע צייט פון דער עקזיסטענץ פון דער גימנאַזיע.

אַלס מנהלים פון דער גימנאַזיע זיינען געווען ד״ר י. לוי (איצט אין ישראל), ה׳ שמואל צוקערמאַן אבינועם (איצט אין תל־אביב), דער שרייבער פונעם דאָזיקן אַרטיקל (10 יאָר. בס״ה האָט די גימנאַזיע עקזיסטירט 18 יאָר), פרוי ד״ר לעוויטאַן־שעראשעווסקי (ר׳ שמואל שעראַשעווסקיס פרוי, איצט אין אַמעריקע), ד״ר זאַלצבערג ז״ל, ה׳ ש. שוחט ז״ל און ה׳ י. שניידער.

צווישן די לערער איז כדאי צו באַצייכענען דעם רב ח. ז. קרון הי״ד, ר׳ יצחק שמואלאוויץ, ר׳ צבי יהודה שאַפּאָזניקאָוו, דעם רב ד״ר מ. בורר (שפּעטער רב אין גאַלינגען) פרוי גוטה־ריטל ברוידע (נפטר געוואָרן אין ישראל), פרוי פּאַגירמאַנסקי ז״ל (די שוועסטער פונעם גאון ר׳ מרדכי פּאַגירמאַנסקי), פרוי הינדע ראַבינאָוויץ (די שוועסטער פון ר׳ אליהו קאַפּלאַן און די פרוי פונעם רב

ר׳ חיים פוהן, אומגעקומען אין בריך, אין סעפטעמבער 1941), און די פרוי שרה־לאה חלפן (אומגעקומען פון די רוצחישע הענט, צוזאַמען מיט די איבעריקע פרויען אין טעלז, אין אלול תרצ"א). די לעצטע צוויי זיינען געווען אַביטוריענטינס פונעם ערשטן מחזור פון דער „יבנה" מיידל־גימנאַזיע אין טעלז. אויך ד"ר עמנואל שערע־שעווסקי (איצט דאָקטאָר אין בת־ים), זיין ברודער ד"ר יעקב שערעשעווסקי — לערער אין דער רעליגיעזער שטאַטישער מיטלשול אין תל־אביב, ה׳ יהודה וואַלגע־מוט (איז שפּעטער געווען דירעקטאָר אין דער העב־רעאישער רעליגיעזער גימנאַזיע אין ריגע), ד"ר אליעזר בלאָך (איצט אין ירושלים) און די פרוי ח. אַקסעלראָד — איצט לערערין אין „בית־יעקב" (ניו־יאָרק). די דאָזיקע גימנאַזיע איז געשטאַנען אויף אַ זייער הויכן ניוואָ פון פּעדאַגאָגישן שטאַנדפּונקט — דאָס איז געווען אַ רעאַלע מיטלשול מיט פרעמדע אונטערריכט־שפּראַכן: ענגליש און



קאָוונער רעליגיעזע סטודענטן־אָרגאַניזאַציע „מוריה"

דייטש — ווי אויך פון רעליגיעזן כאַראַקטער. זי איז געווען זייער באַקאַנט אין ליטע און אויסער אירע גרענעצן. דער ערשטער אַרויסלאָז איז געווען אין 1926. בס"ה זיינען געווען 12 מחזורים.

די העברעאישע מיידל־גימנאַזיע „יבנה" (אין קאָוונע) איז געגרינדעט געוואָרן דורכן שרייבער פון די דאָזיקע שורות אין יאָר תרפ"ה און האָט אַרויסגעלאָזן 8 מחזורים. דער ערשטער אין יאָר תר"ץ. זיינע מנהלים זיינען געווען, אַחוץ מיר; הרב ד"ר דוד קאַרלעבאַך ז"ל, ווער ס׳איז שפּעטער געווען רב און לייטער פונעם לערער־סעמינאַר אין קעלן און לערער אינעם „מזרחי" סעמינאַר אין ירושלים; הרב ח. ז. קרון, ד"ר י. זאַלצבערג און ה׳ אליהו שאַץ הי"ד. צווישן אירע לערער איז צו פאַרצייכענען: ה׳ היילפּערן, פּנחס ניימאַרק, פרוי חיה חוס־לוין — אַבי־טוריענטין פון דער ערשטער מיידל־גימנאַזיע „יבנה" אין טעלז, פרוי גיטה יפה־מושקאַט, אויך אַביטוריענטין פון „יבנה" אין טעלז (איצט אין אַמעריקע) און פרוי



בתיה העלער — איצט מפקחת פון קערפּער־קולטור אין ישראל.

„יבנה" גימנאַזיע אין פּאַנעוועזש איז געגרינדעט געוואָרן דורך הרב כהנמן אין 1928. **אירע לערער: ד"ר** קובער — איצט לערער אין „בית־יעקב" — לערערינס־סעמינאַר אין ירושלים און דער אויבנדערמאָנטער ד"ר אליעזר בלאָך.

די העברעאישע יינגל גימנאַזיע „יבנה" אין קאָוונע, וואָס איז געעפנט געוואָרן אין 1928 אַלס אַ ספּעציעלע מיטלשול, אַ צען יאָריקע, האָט באַוויזן בלויז אַרויס־צולאָזן 2 מחזורים. איר פאַקטישער לייטער איז געווען ר׳ יצחק שמואלאוויץ. צווישן אירע לערער איז כדאי צו באַ־צייכענען דעם ד"ר זאַלצבערג (ער איז געווען דער אָפּי־ציעלער לייטער פונעם אַנשטאַלט), דעם ה׳ י. א. סוריצקי, ה׳ צבי גיטלזאָן, ה׳ צבי גליק, ה׳ משה לוין (דער מאַן פון דער לערערין חיה חוס), פרוי צילה הורביץ (די טאָכטער פונעם גאון ר׳ ברוך הורביץ פון אַלעקסאָט), פרוי אסתר ניילס־שיבוץ — אַ בוגרת פון דער טעלזשער „יבנה" מיידל־גימנאַזיע און סעמינאַר, פרוי שושנה יפה־האַלצבערג — אַ בוגרת פונעם ערשטן מחזור פון דער אויבנדערמאָנטער גימנאַזיע (איצט מנהלת פון אַ שול אין ירושלים).

אין די ערשטע יאָרן פון זייער עקזיסטענץ האָבן „יבנה"־מיטלשולן אין ליטע דורכגעמאַכט גרויסע שווע־ריקייטן צוליבן מאַנגל אין רעליגיעזע לערער מיט העכערער בילדונג. זיי האָבן געמוזט אָנקומען צו לערער פון דייטשלאַנד, וועלכע זיי האָבן בעיקר ווערבירט צווישן די אַקאַדעמיקער, וועלכע פלעגן קומען לערנען אין די ליטווישע ישיבות. איבערהויפּט האָט זיי געצויגן טעלז.

אין משך פון דער צייט איז אין ליטע גופא אויפ־געוואַקסן אַ דור ליטווישע אַקאַדעמיקער; פרומע יונגע לייט און פרויען, אַביטוריענטן פון „יבנה" שולן. אינעם איינציקן אוניווערזיטעט אין קאָוונע האָבן זיך גרופּירט

אַ גרויסע צאָל פרומע סטודענטן און האָבן געבילדעט אַ באַדייטנדן פאַראיין פון רעליגיעזע אַקאַדעמיקער אונטערן נאָמען „מוריה". לויט דער איניציאַטיוו פונעם דאָזיקן פאַראיין איז אין יאָר 1932 צוזאַמענגערופן געוואָרן אין ריגע אַ קאָנפערענץ פון אַקאַדעמיקער פון די באַלטישע לענדער. אַזוי איז געגרינדעט געוואָרן דער באַלטישער פאַרבאַנד פון יידיש־רעליגיעזע אַקאַדעמיקער. און אַ דאַנק דער השפעה פון „יבנה"־דערציאונג איז אין ליטע אַנטשטאַנען אַ רעליגיעזע אינטעליגענץ, וואָס האָט אָרגאַניזירט און געשאַפן דעם קערן פון אַזאַ אינטעליגענץ אין אַלע באַלטישע לענדער.

אַחוץ די „יבנה"־שולן גופא האָט נאָך די „יבנה"־צענטראַלע געגרינדעט אַ ריי אַנשטאַלטן, וועלכע האָבן מיטגעווירקט צו פאַרפעסטיקן די „יבנה" דערציאונגס־סיסטעם.

חנוכה תרפ"א איז פאָרגעקומען די ערשטע לאַנד־קאָנפערענץ פון „יבנה"־לערער אין ליטע. דאָרטן איז באַשלאָסן געוואָרן צו גרינדן דעם „יבנה" לערער־פאַראיין. דעם שטויס דערצו האָט געגעבן דער דריטער מחזור פון טעלזשער לערער סעמינאַר. די תקנות פונעם דאָזיקן פאַראיין זיינען באַשטעטיקט געוואָרן דורך דער רעגירונג אין יאָר תר"ץ. די אויפגאַבע פון פאַראיין איז ניט געווען בלויז אַ פּראָפעסיאָנעלע, נאָר אויך אַ רעליגיעז־פּעדאַגאָגישע; העלפן די „יבנה"־לערער זיך צו פאַרטיפן אין יידישקייט און זיך פאַרפולקאָמען אַלס לערער.

די „יבנה"־צענטראַלע צוזאַמען מיטן לערער־פאַראיין האָבן פון צייט צו צייט איינגעאָרדנט פאַרפולקאָמונג־לעקציעס פאַר „יבנה"־לערער. אַזוי, למשל, האָט מען אין זומער תר"ץ איינגעאָרדנט אין פּאַלאַנגען (אַ דערהוילונגס פּלאַץ אויפן ברעג פון באַלטישן ים) זומער קורסן אונטער דער לייטונג פון ד"ר יוסף קאַרלעבאַך הי"ד פון האַמבורג. די קורסן האָבן באַזוכט 52 לערער און לערערינס. ס'האָבן זיך אין זיי באַטייליקט אַלס לעקטאָרס: הרב הגאון ר' אהרן באַקשט פון שאַוול הי"ד, ד"ר דויטשלענדער ז"ל.

אויסער אין פּאַלאַנגען האָט „יבנה"־צענטראַלע איינגעאָרדנט אין קאָלאָטאָווע (אַ דאַטשע־פּלאַץ אויף די ברעגעס פון ניעמאַן, האַרט ביי קאָוונע) אַ זומער אָפּרו פאַר „יבנה"־לערער און אויך דאָרטן זיינען געפירט געוואָרן פאַרפולקאָמונגס קורסן.

כדאי צו דערמאָנען, אַז אַ דאַנק דער איניציאַטיוו פון ה' דוד איציקאָוויץ, אַן אַביטוריענט פונעם ערשטן אַרויסלאָז פון קאָוונער „יבנה" לערער־סעמינאַר, דער לייטער פון דער מיידלשער פאָלקס־שול אין קאָוונע און סעקרעטאַר פון „אגודת הרבנים" אין ליטע, איז געעפנט געוואָרן אין 1932 אין קאָלאָטאָווע דער אָפּרו־פּלאַץ „ישורון" פאַר „יבנה"־שילער, ווי אויך פאַר ישיבה־בחורים פון גרעסערע און קלענערע ישיבות. דאָרטן האָט זיך אויך געפירט אַ קורס פון פעלד־אַרבעט און שטאָטישער גערטנעריי.



כדי מכשיר צו זיין יונגע לייט און מיידלעך צו זיין חלוצים און אַריינגעבן אין זיי דעם ישראל־געדאַנק אין אַ רעליגיעז־אומפּאַרטייאישער ראַם, איז באַשלאָסן געוואָרן אויף אַ צוזאַמענקום, חול המועד פסח תרצ"ג, ביי מיר אין הויז, צו גרינדן דעם רעליגיעזן החלוץ, וועלכער האָט תיכף אויפגעשטעלט עטלעכע הכשרה־ווירטשאַפטן.

דער אַקטיווסטער טוער אינעם רעליגיעזן החלוץ איז געווען אין אָנהייב פון זיין אַנטוויקלונג. דער פּראָמינענטער תלמיד־חכם, דער ברודער פון ר' אברהם־אליהו קאַפּלאַן און דער איידעם פונעם רב הגאון אהרן באַקשט פון שאַוול, ר' אייזיק ראַבינאָוויץ הי"ד (אומגעקומען דורך די דייטשע רוצחים אין אָנהייב פונעם ליטווישן כיבוש, צוזאַמען מיט זיין שווער).

דער רעליגיעזער החלוץ, וואָס איז ביי זיין אַנטשטייאונג געווען אומפּאַרטייאיש, איז שפּעטער געוואָרן „אגודת־ישראל" געשטימט. כדאי צו באַצייכענען, אַז שוין אין יאָר 1921 איז עולה געווען קיין ארץ ישראל אַ קליינע גרופּע פון „צעירי־ישראל" חלוצים.

די „יבנה"־ריכטונג אין ליטע איז געווען זייער פּאָפּולער ניט נאָר צווישן די אויסגעשפּראָכן פרומע. ווען אין יאָר תר"ץ איז אַנטשטאַנען דער „יבנה"־הילפס־אַנשטאַלט פאַר דערציאונג אין ליטע, זיינען געשטאַנען אין שפּיץ פונעם דאָזיקן אַנשטאַלט, צוזאַמען מיטן רב ר' אברהם דובער כהנא־שפּירא זצ"ל, אויך ה' מ. וויצמאַן ז"ל (שפּעטער אינהאַבער פונעם שוועבל־פאַבריק „נור". נפטר געוואָרן אין חיפה), ר' פישל בער מראַסיין, ר' איסר בער וואלף, ה' ל. אַזשינסקי א. א.

אין יוני 1941, בעת ליטע איז פאַרנומען געוואָרן דורך די סאָוויעטן, זיינען אַלע דערציאונגס־אַנשטאַלטן פון „יבנה", ווי אויך אַלע אַנדערע העברעאישע שולן און דערציאונגס אַנשטאַלטן, געשלאָסן געוואָרן. (חנוכה 1938 איז פאָרגעקומען די לעצטע לאַנדעס־קאָנפערענץ פון „יבנה"־לערער). און בעת דער נאַצישער הערשאַפט אין ליטע זיינען אומגעקומען די גרעסטע צאָל „יבנה"־לערער.

זאָל מיר דאָ דערלויבט ווערן אויסצוקריצן אויף אָט דער מצבה פון „יבנה" אין ליטע, אַחוץ די נעמען פון לערער און לערערינס, וואָס זיינען שוין פריער דערמאָנט געוואָרן, אויך דעם טראַגישן גורל פון לערער און לערערינס אין קאָוונער געטאָ. די ידיעות וועגן זיי זיינען דערגאַנגען צו אונדז, דער עיקר, דורכן זשורנאַל „דער לעצטער חורבן", וואָס איז דערשינען נאָך דער מלחמה אין מינכען. רעדאַגירט דורך ישראל קאַפּלאַן — אַן אַביטוריענט פון די לערער־קורסן „צעירי־ישראל" אין תרפ"א, איצט לערער אין תל־אביב. איך דריק אים אויס, ביי דער געלעגנהייט, מיין טיפסטן דאַנק פאַר די פילע פּרטים וואָס ער האָט מיר דערציילט, פון וועלכע כ'האָב געמאַכט געברויך אין דער דאָזיקער רשימה, הן וועגן דער אַנטשטייאונג פון דער ריכטונג „יבנה" איידער איך בין געקומען קיין ליטע, הן וועגן איר שרעקלעכן סוף.

אין די ערשטע מלחמה טעג איז דערהרגעט געוואָרן

ה׳ אברהם הירשאָוויץ, אַ בוגר פון יורידישן פאַקולטעט, דער לייטער און לערער פון סלאָבאָדקער תלמוד־תורה.

אין 1941 זיינען אומגעקומען, בעת דער מאַסן־שחיטה פון יידן אין אָנהייב יולי, ר׳ שרגא־פייוול היילפערן, ר׳ שלמה טראַכטנבערג, ה׳ מנחם קליף — דער לייטער פון „יבנה״־שול אין יתומים־הויז — און בנימין שאַבסלבאַן. אין דער סעפּטעמבער־אַקציע פון 1941 זיינען דערהרגעט געוואָרן ר׳ יצחק שמואלאוויץ — דער גרינדער פון דער־ציאונגס־סיסטעם אין ליטע, זיין פרוי עלא־שוואַרץ שמואַ־לאוויץ — די לייטערין פון „בית־יעקב״ אין ליטע — און זייערע קינדער, (די קינדערס מוטער־שפּראַך, ווי אויך די שפּראַך פון זייערע עלטערן צווישן זיך, איז געווען עברית), שרה גיטעלעוויץ־היילפערן, די טאָכטער פון ראש ישיבה ר׳ שמחה גיטעלעוויץ הי״ד, אַ בוגרת פון „יבנה״־פּעדאַגאָגיום אין טעלזש, ר׳ שלמה סידערער, ר׳ יצחק אַניקשט — אַ תלמיד־חכם און אַ שרייבער, איינער פון די עלטסטע העברעאישע לערער אין ליטע.

ערב ראש השנה תש״ב איז נפטר געוואָרן אין קאָוו־נער געטאָ ד״ר יואל זאַלצבערג — דער לייטער פון „יבנה״־גימנאַזיעס און דער פּראָפעסאָר פון אַ מעדיצינישן בוך (אין ליטוויש) קעגן געזעץ פון שחיטה־פאַרבאָט, וואָס האָט געזאָלט אָנגענומען ווערן אין ליטע.

אין דער חשון אַקציע תש״ב זיינען דערהרגעט גע־וואָרן: ר׳ י. א. סוריצקי, ר׳ שרגא־פייוול לופּיאַנסקי, ר׳ חיים־נחום סטרעליץ — איינער פון די באַרימטסטע מלמדים אין קאָוונע — ר׳ משה נאָוויכאָוויץ — פון מזרחי עסקנים — און ר׳ דוד לוין — אַן עסקן פון „אגודת־ישראל״ (ביידע האָבן זיי זיך מטפּל געווען אין אָרגאַ־ניזירן חדרים אין קאָוונער געטאָ). ר׳ פּנחס ניימאַרק — דער לערער פון מיידל־גימנאַזיע „יבנה״ אין קאָוונע — איז אַרויסגעשיקט געוואָרן דעם 6־טן פעברואַר 1942 אין לאַגער קיין ריגע און פון דאָרטן מער נישט צוריק־געקומען.

דעם 26־טן אָקטאָבער 1943, בעת דער פאַרשיקונגס־אַקציע פון ליטווישע יידן קיין עסטלאַנד, זיינען אומגע־קומען חיה חוס־לוין מיט איר מאַן — משה לוין — און זייער טאָכטער.

אין אָנהייב יולי 1944, בעת דער ליקווידאַציע פון קאָוונער געטאָ, זיינען אומגעקומען ר׳ שרגא־פייוול ראָזען,





איינער פון די „יבנה״ גרינדער און די לערערין פייגע פיבלסון־שלאָפּאָבערסקי, די טאָכטער פונעם גאון א. מ. פיבלסון פון קופּישאָק, אַ בוגרת פון לערער־סעמינאַר „יבנה״ אין טעלזש.

אין לאַגער שטוטהאָף, וואו ס׳זיינען פאַרטריבן געוואָרן אַ טייל פון די יידישע פרויען נאָכן ליקווידירן פון קאָוונער געטאָ, זיינען אומגעקומען חנה הורביץ־סניעג, (די טאָכטער פונעם גאון ר׳ ברוך הורביץ — אַלעקסאָט און די פרוי פונעם מיליטערישן רב אין ליטע ר׳ א. סניעג — איצט הויפּט־רב אין מינכען), די לערערין אסתר גאַליס־שוואַרץ.

אין פאַרלויף פון יולי 1943 ביז מאַי 1945 זיינען אומגעקומען אין פאַרשיידענע לאַגערן: ר׳ דוד איציקאָוויץ, דער לערער חיים גליק, ה׳ אליהו טיץ — דער לייטער פון דער העברעאישער מיידל־גימנאַזיע „יבנה״ אין קאָוו־נע, אהרן פונק (בוגר פונעם ערשטן אַרויסלאָז פון „יבנה״־סעמינאַר אין קאָוונע, דער מנהל פון פאָלקס־שול „יבנה״ אין טעלזש און שפּעטער אויך אין שאַוול), די לערערין הדסה הירשאָוויץ (בוגרת פון „יבנה״ פּעדאַגאָגיום אין טעלזש. זי האָט געשריבן אַ טאָג־בוך אין צייט פון נאַציזשן כיבוש. נפטר געוואָרן אין מינכען נאָכן קאַטאַ־קליזם. זי האָט מצליח געווען צו ראַטעווען איר זון און אַריבערברענגען אים קיין ארץ־ישראל) און נאָך און נאָך...

זייער בלוט זאָל ניט פאַרשוויגן ווערן!

* * *

די דערציאונגס־ריכטונג „יבנה״ אין ליטע איז געווען איינע פון די שענסטע דערגרייכונגען פון ליטווישן יידנ־טום. זי האָט געשטרעבט און מצליח געווען צו פאַר־אייניקן די תורה מיט דאָס שענסטע און בעסטע פון דער מענטשלעכער קולטור, דערביי ניט מוותר זייענדיק אויף די ווערטן פון דער תורה, ווי אויך ניט אויף די דערהויבענע שאַפונגען פון מענטשלעכן גייסט. זי האָט אָפּגעהיט די האַרמאָניע צווישן די מצוות פון דער תורה און צווישן די נאַציאָנאַלע שטרעבונגען פונעם יידישן פאָלק.

זאָל ווירדיק דערמאָנט ווערן דער נאָמען פון „יבנה״ אין ליטע צוזאַמען מיט די טייערע פּערל פון תורה, חכמה און יראת־שמים, וואָס דאָס ליטווישע יידנטום האָט בייגעטראָגן דעם פאָלק ישראל.

א. בן־אפרים (אפרימטשיק)

# די יידישע סטודענטנשאַפט אין ליטע

## 1־טער פעריאָד

אין יאַנואַר 1919 זיינען אין קאָוונע, אויף מיצקיעוויטש־גאַס, אין אַ געבײַדע פון אַ געוו. רוסישער גימנאַזיע, דערעפנט געוואָרן די אַזוי גערופענע „ליטווישע העכערע קורסן״, פון וועלכע עס האָט זיך שפּעטער אַנטוויקלט דער ליטווישער אוניווערזיטעט. די קורסן האָבן געהאַט בלויז דריי אָפּטיילונגען: אַ טעאָלאָגיש־ פילאָזאָפישע, הומאַניטאַרע און מאַטעמאַטיש־נאַטורוויסנשאַפטלעכע. די סיבה דערפון איז געווען דער מאַנגל אין לערער־פּערסאָנאַל און לערן־מכשירים פאַר אַנדערע אָפּטיילונגען. די אונטערריכט־שפּראַך אויף די „העכערע קורסן״, וועלכע זיינען דעמאָלט געווען דער העכסטער לערן־אַנשטאַלט אין ליטע, איז געווען ליטוויש, — אַ שפּראַך, וואָס אַפילו פיל שטעטישע ליטווינער האָבן ניט באַהערשט ליטעראַריש. אייניקע לעקטאָרן, ביחוד וועלכע האָבן זיך צוריקגעקערט פון רוסלאַנד, האָבן זייערע לעקציעס געלייענט אויף רוסיש, איין לעקטאָר (אויפן הומאַניטאַרן פאַקולטעט) האָט געלייענט אויף דייטש. דעם ערשטן יאָר זיינען אָנגעקומען 180 צוהערער אויף אַלע אָפּטיילונגען, צווישן זיי בלויז 6 יידן. די צוהערער האָבן זיך קאָנטיגענטירט פון דער אַמאָליקער פּאַרפּוילישטער ליטווישער אינטעליגענץ, פון ליטווינער, צוריקגעקערטע פון רוסלאַנד, דייטשלאַנד, שווייץ. אַלס צוהערער פלעגן אָנגענומען ווערן פּערזאָנען מיט רייף־צייגענישן פון גימנאַזיעס (אָן אונטערשייד פון וועלכן לאַנד) און פון גלחים־סעמינאַרן און שולן. די קליינע צאָל יידישע צוהערער דערקלערט זיך דערמיט, וואָס:

א) די ליטווישע אונטערריכט־שפּראַך איז געווען פרעמד און שווער־צוגענגלעך פאַרן יידישן צוהערער, וועלכער האָט על־פּי־רוב געשטאַמט פון אַ רוסישער גימנאַזיע;

ב) די יידן זיינען אין דעם פּעריאָד צופיל געווען פאַרנומען מיט פאַרהיילן די מלחמה־וואונדן, דאגות־פרנסה א. א., און ביי אַ פּוסטן מאָגן זיינען קיינע תורות ניט געקראָכן אין קאָפּ;

ג) די „העכערע קורסן״ האָבן טיילווייז געמאַכט אַן איינדרוק פון אַ קאַטוילישן סעמינאַר. כמעט 75% פון די צוהערער און 10% פון די לעקטאָרן זיינען געווען גייסטלעכע. אויך האָט די באַשרענקטקייט פון די אָפּטיילונגען ניט געצויגן דעם יידישן אַביטוריענט.

אַלע יידישע צוהערער זיינען געווען פאַרשריבן אויף דער הומאַניטאַרער אָפּטיילונג, וואו מ׳האָט אונטערריכט



פילאָלאָגישע לימודים. ענדיקנדיק דעם קורס האָבן די צוהערער געקאָנט באַקומען לערער־רעכט פאַר מיטלשולן אין ליטע.

במשך פון די יאָרן 1920 און 1921 איז געוואַקסן די יידישע באַפעלקערונג און אויך די צאָל צוהערער אויף די קורסן. לויט פאַראַנענע ידיעות איז די צאָל יידישע צוהערער אויף די „העכערע קורסן״ סוף לערן־יאָרן 1920/1921 (אין יולי 1921) געווען אַרום 60 פּערזאָן, פון וועלכע ביי 3/4 אויף דער הומאַניטאַרער אָפּטיילונג און 1/4 — אויף דער מאַטעמאַטיש־נאַטורוויסנשאַפטלעכער.

אין די זעלביקע יאָרן איז געגרינדעט און פאַרשפּרייט געוואָרן איבער גאַנץ ליטע אַ נעץ פון נאַציאָנאַלע יידישע שולן און גימנאַזיעס, מיינסטנס מיט דער העברעאישער אונטערריכט־שפּראַך. די פּראָקלאַמירטע היסטאָרישע באַלפור־דעקלאַראַציע, 2־טן נאָוועמבער 1917, האָט אין דער קליינער ליטע געהאַט אַ זייער שטאַרקן אָפּקלאַנג און פיל יידישע שילער, וואָס האָבן אין אָנהייב פון דער ליטווישער אומאָפּהענגיקייט געלערנט אין דייטשישע אָדער רוסישע שולן, זיינען דורך די עלטערן אַריבערגעפירט געוואָרן אין העברעאישע אָדער יידישע שולן. די רעאַל־גימנאַזיע אין קאָוונע, וואָס איז געגרינדעט געוואָרן דורך די דייטשן אין 1917 פאַר יידישע שילער, וואו די אונטערריכט־שפּראַך איז געווען דייטש (דירעקטאָר ראַבינער ד״ר קאַרלעבאַך) האָט אין 1919 אָנגעפאַנגען אַריבערגיין אויף העברעאישער אונטערריכט־שפּראַך. דער זעלביקער פּראָצעס, אָבער לאַנגזאַמער און מיט אַ פאַרשפּעטיקונג פון 4 יאָר, איז פאָרגעקומען אין דער באַקאַנטער העברעאישער (שוואַבעס) גימנאַזיע אין קאָוונע, וואו דער אונטערריכט איז פריער פאָרגעקומען אויף רוסיש.

פון די און אַנדערע גימנאַזיעס אין ליטע, האָבן זיך שפּעטער קאָנטיגענטירט די יידישע סטודענטן פאַרן ליטווישן אוניווערזיטעט. אַטעסטאַטן פון די אַלע גימנאַזיעס איז דורכן אוניווערזיטעט אָנערקענט געוואָרן צוגלייך מיט די צייגענישן פון די ליטווישע מלוכה־גימנאַזיעס. בעת די אַרויסלאָז־עקזאַמענס אין די העברעאישע אָדער יידישע גימנאַזיעס פלעגט אויך דאַרפן בייזיין אַ פאַרטרעטער פון בילדונגס־מיניסטעריום.

אין דעם 1־טן פּעריאָד זיינען די יידישע צוהערער פון די „העכערע קורסן״ נאָך ניט געווען קיין אָרגאַניזירטע קערפּערשאַפט און ניט געווען קיין פאַקטאָר ניט אין די ווענט פון די „קורסן״ גופא, ניט אויסער זיי.

## 2־טער פּעריאָד

אין פעברואַר 1922 זיינען די „ליטווישע העכערע קורסן" דורך אַ געזעץ פון ליטווישן סיים (פּאַרלאַמענט) פאַרוואַנדלט געוואָרן אין אַן אוניווערזיטעט, מיט רעכט צו געבן אַקאַדעמישע טיטלען פאַר געענדיקטע צוהערער. דאָס ערשטע לערן־יאָר פון קאָוונער אוניווערזיטעט, וואָס האָט אָפיציעל געהייסן „ליטווישער אוניווערזיטעט" האָט זיך אָנגעהויבן דעם 15־טן סעפּטעמבער 1922. דער ערשער רעקטאָר איז געווען קאַנאָניק בוטשיס, אַ קאַטוילישער גייסטלעכער.

אין אוניווערזיטעט זיינען געשאַפן געוואָרן יורידישער, מעדיצינישער און טעכנישער פאַקולטעטן, און די געוועזענע טעאָלאָגיש־פילאָזאָפישע, הומאַניטאַרע און מאַטעמאַטיש־נאַטורוויסנשאַפטלעכע אָפּטיילונגען פון די „ליטווישע העכערע קורסן" זיינען פאַרוואַנדלט געוואָרן אין גלייכנאַמענדיקע פאַקולטעטן.

דאָס יידישע לעבן האָט זיך עטוואָס סטאַביליזירט. יידן האָבן זיך געשאַפן פעסטערע פרנסות. די יידישע נאַציאָנאַלע אויטאָנאָמיע מיטן נאַציאָנאַל־ראַט און דאָס מיניסטעריום פאַר יידישע ענינים — האָט געגעבן די יידן אַ געפיל פון זיכערקייט און פיל יידישע יונגע מענער און פרויען, אַביטוריענטן פון העברעאישע אָדער יידישע שולן אין ליטע, אָדער געקומענע פון אויסלאַנד, האָבן זיך אַ לאָז געטאָן אין אוניווערזיטעט. די צאָל יידישע סטודענטן און פרייע צוהערער (וואָס האָבן ניט געהאַט קיין גימנאַזיע־אַטעסטאַטן, האָבן געדאַרפט אַזאַ צושטעלן ביזן ענדיקן דעם אוניווערזיטעט), איז שוין אין יאָר 1925 געווען ביי 500 פון דער אַלגעמיינער צאָל 3000 סטודענטן, ד. ה. 1/6 פון דער אַלגעמיינער צאָל.

דעם הויכפּונקט, וואָס שייך דער צאָל און אַנטוויקלונג אַלס פּאָליטיש־געזעלשאַפטלעכער כוח אין אוניווערזיטעט און אין אַלגעמיינעם יידישן לעבן, האָט די יידישע סטודענטנשאַפט דערגרייכט אין לערן־יאָר 1931/1930. דאָס יאָר וועלן מיר נעמען אַלס גרונדלאַגע צו אילוסטרירן דעם וועזן און לעבן פון דער יידישער סטודענטנשאַפט אין דעם 2־טן פּעריאָד.

אין דעם 1931/1930 יאָר זיינען אין ליטע געווען:

איינוואוינער — 1.800.000, דערפון יידן 154.000 אָדער אַרום 7%

סטודענטן — 4.000, דערפון יידן 1.000 אָדער 25% (1/4).

ווי מיר זעען איז די צאָל יידישע סטודענטן געווען כמעט פיר מאָל אַזוי פיל, ווי די פּראָפּאָרץ פון דער יידישער באַפעלקערונג לגבי דער אַלגעמיינער. דער יידישער דראַנג צו הויכער בילדונג, צו וויסנשאַפט, צו פּאַרפּולקומען־זיך, וואָס איז אויסגעדריקט דורך די געבראַכטע ציפערן, האָבן ניט איין מאָל געדינט אַלס אַנטיסעמיטישע אַרגומענטן, אַז יידן ווילן פאַרכאַפּן די בעסטע פרנסות און אַרויסשטופּן די ליטווינער פון שטאַט.

די 1000 יידישע סטודענטן האָבן געהאַט די פאָלגנדיקע סאָציאַלע אָפּשטאַמונג (לויט סטאַט. ידיעות, פאַרעפנטלעכט אין זשורנאַל דער „אידישער סטודענט", איינמאָליקע אויסגאַבע פון עקאָנ. פּאַראייניקונג, קאָוונע, 1933):

32 % — פון בעל־מלאכות און אַרבעטער,
26 % — פון קליינקרעמער,
17 % — פון סוחרים און אינדוסטריעלער,
12 % — פון אָנגעשטעלטע און באַאַמטע,
9 % — פון לאַנדווירטן און ערד־פּאַכטער און
4 % — פון פרייע פּראָפעסיעס.

100 %

אַלזאָ, די איבערוויגנדע מערהייט זיינען געווען קינדער פון אַרבעטער, אָנגעשטעלטע אָדער קליינקרעמער (70%), וואָס האָבן קוים געמאַכט חיונה. די סטאַטיסטיק איז בשעתו מיט אַ מעמאָראַנדום איבערגעגעבן געוואָרן דעם סענאַט פון אוניווערזיטעט, אַלס תשובה אויף די ליטוויש־שאָוויניסטישע אַרגומענטן, אַז אַלע יידן זיינען קאַפּיטאַליסטן, און דעריבער דאַרפן די יידישע סטודענטן ניט באַפרייט ווערן פון אָפּצאָל אין אוניווערזיטעט. דער דאָזיקער אָפּצאָל איז געווען 200 ליט (דאָן 20 דאָלער) אַ יאָר, צאָלבאַר אין צוויי האַלביאָריקע ראַטעס. די דאָזיקע סומעס זיינען געווען ניט לויט די כוחות פאַר פיל יידישע סטודענטן. צום בולטסטן פלעגט זיך דאָס פילן ביים אָנהייב פון יעדן סעמעסטער, ווען אין דער הלוואה־קאָמיסיע פון דער עקאָנאָמישער פאַראייניקונג פלעגן אַריינפליסן הונדערטער בקשות פון סטודענטן זיי צו העלפן באַצאָלן דעם שכר־לימוד. דער אוניווערזיטעט־סענאַט פלעגט פון אָפּצאָל באַפרייען בלויז אַ קליינעם טייל פון זיי. ס׳פלעגן אויך זיין איינער אָדער צוויי יידישע סטיפּענדיסטן. די סטיפּענדיעס פלעגט מען אויסטיילן צווישן די פעאיקסטע סטודענטן, און אויך יידן זיינען שטענדיק געווען צווישן זיי.

פון די יידישע סטודענטן האָבן:

40% געלעבט פון אייגענער אַרבעט בעתן שטודירן,
25% געלעבט פון שטיצע פון עלטערן,
15% געלעבט פון שטיצע פון קרובים פון אַמעריקע, אַפריקע א. אַנד.
12% געלעבט פון סאָצ. מוסדות, סטיפּענדיעס וכדומה,
8% געלעבט פון ניט־רעגולערע שטיצעס, אין האַלב־הונגער.

אין 1930 האָט די עקאָנאָמישע פאַראייניקונג פון די יידישע סטודענטן געגרינדעט אין קאָוונע, מיט דעם וואָרעמען אָפּרוף פון דער יידישער געזעלשאַפט, אַ ביליקע סטודענטן־קיך, וואו אַ ווייניק באַמיטלטער סטודענט פלעגט פאַר אַ קליינעם אָפּצאָל (אומגעפער 50% ביליקער ווי דער מאַרק־פּרייז) עסן אַ זעטיקן מיטיק. פיל סטודענטן פלעגן דעם מיטיק באַקומען אומזיסט און ביי אַ טייל איז דער מיטיק געווען דער איינציקער מאָלצייט במשך פון גאַנצן טאָג.

די קיך און די הלוואות־קאַסע פון דער עקאָנ. פאַראייניקונג האָט פיל פאַרלייכטערט דאָס לעבן פון אומבאַמיטלטן יידישן סטודענט.

די יידישע סטודענטן זיינען געווען אָרגאַניזירט אין פאַרשיידענע פאַראיינען, אָרגאַניזאַציעס און קאָרפּאָראַציעס.

1. די עקאָנאָמישע פאַראייניקונג פון די יידישע סטודענטן אין ליטווישן אוניווערזיטעט איז געווען די גרעסטע סטודענטן־אָרגאַניזאַציע. זי האָט פאַראייניקט אַלע יידישע סטודענטן אָן אונטערשייד פון פּאָליטישער ריכטונג. זי איז געווען אַ מין דאַך־אָרגאַניזאַציע פאַר אַלע יידיש־סטודענטישע גרופּירונגען. זי האָט זיך געגרינדעט אין 1924 דורך ח. טאָקער, ש. יפה, א"אַ אַלס „אַקאַ־דעמישע" פאַראייניקונג. אין 1925 איז דער נאָמען און אויך איר אַרבעטס פעלד געענדערט געוואָרן. אַנשטאָט „אַקאַ־דעמישע" האָט זיך די פאַראייניקונג גערופן „עקאָנאָמישע" און האָט במשך פון איר ווייטערדיקער עקזיסטענץ באַ־רעכטיקט דעם נאָמען. אין דעם זעלביקן יאָר האָבן די פאַראייניקונג איבערגענומען די חברים אסתר בלאָך, דוד קריוואָשעיעוו און חיים בראַכמאַן, וואָס זיינען געבליבן דער „פאַראייניקונג" געטריי לאַנג נאָך דעם ווי זיי האָבן פאַרענדיקט דעם אוניווערזיטעט. פון די דריי — זיינען בלאָך און קריוואָשעיעוו געשטאָרבן אין סאָוויעט־רוסלאַנד, און חיים בראַכמאַן. איז אומגעקומען אין קאָוונע, איינער פון די מיליאָנען יידישע נאַצי־קרבנות.

די טעטיקייט פון דער עקאָנאָמישער פאַראייניקונג פלעגט אָנגעפירט ווערן פון אַ פאַרוואַלטונג, וואָס פלעגט געוויילט ווערן יעדן סעמעסטער לויט דעמאָקראַטישע, גלייכע, געהיימע, אָדער אָפענע וואַלן. עס פלעגן צווישן זיך קעמפן רעכט־געשטימטע, צוזאַמען מיט רעליגיעזע, קעגן צ. ס. (ציוניסטן־סאָציאַליסטן) און לינק־געשטימ־טע גרופּירונגען. מען פלעגט זיך אָבער שטענדיק אייניקן אויף אַ קאָאַליציע פון די טעטיקסטע חברים און בשעת־מעשה פאַרגעסן אָן זייער פּאָליטישער אַנשויאונג. די וואַלן פלעגן באַווייזן, אַז די דאָמינירנדיקע מערהייט זיינען נאַ־ציאָנאַל־געשטימט.

צווישן די טעטיקסטע חברים איז כדאי צו דערמאָנען אויסער די ח"ח בלאָך, קריוואָשעיעוו און בראַכמאַן, אויך די ח"ח ראַדין (איצט אין ישראל), רבקה מינסקי, (אומ־געקומען אין קאָוונער געטאָ), ראובן בערנשטיין (אין אַמע־ריקע) חיים בלאָשטיין (אין אַמעריקע), ש. גאָלדשמיט (אין לאָנדאָן) און ב. דזימיטראָווסקי־פּונק (אומגעקומען אין קאָשעדאַר, ביי קאָוונע, ווערנדיק פאַרברענט לעבע־דיקערהייט מיט אַלע יידן אין בית־המדרש).

די מאַטעריעלע מיטלען פון דער „פאַראייניקונג" האָבן זיך געשעפּט פון:

א. מיטגליד־אָפּצאָלן פון חברים־סטודענטן.

ב. שטיצעס פון מעצענאַטן און אונטערשטיצער און

ג. אונטערנעמונגען (פאַרוויילונגען, בעלער, וכדומה).

כמעט 85% פון אַלע יידישע סטודענטן זיינען גע־ווען מיטגלידער פון דער עקאָנ. פאַראייניקונג. גלייכ־צייטיק זיינען זיי געווען מיטגלידער אין אַנדערע אָר־גאַניזאַציעס, וואָס האָבן ניט געהאַט קיין עקאָנאָמישע צילן. דער מיטגליד־אָפּצאָל איז געווען 1 ליט, און מערער,





אַ סעמעסטער. די סטודענטן פלעגן צאָלן דירעקט אָדער דורך אַנדערע אָרגאַניזאַציעס.

כדי צו אָרגאַניזירן די מאַטעריעלע שטיצע מצד דער יידישער געזעלשאַפט, איז אין 1928 אין קאָוונע געגרינ־דעט געוואָרן די „געזעלשאַפט צו שטיצן די יידישע סטו־דענטן פון ליטווישן אוניווערזיטעט", וואו ס'האָבן זיך באַטייליקט מענטשן פון פאַרשיידענע פּאָליטישע ריכ־טונגען. אַקטיוו האָבן מיטגעאַרבעט: פּראָפ. בעליאַצקין, וועלכער איז גלייכצייטיק געווען פאָרזיצער פון דער גע־זעלשאַפט (אומגעקומען אין קאָוונער געטאָ אין מערץ 1944), ר. רובינשטיין, שעף רעד. פון „אידישער שטימע", (אין ישראל), די פאַרשטאָרבענע ד"ר מ. סודאַרסקי (רעד. פון „פאָלקס־בלאַט") און פרוי ד"ר סודאַרסקי, ד"ר ח. נ. שאַפּירא, דאָצענט פון אוניווערזיטעט און זון פון קאָוו־נער רב (אומגעקומען אין קאָוונע אין 1943), מ. בראַמסאָן, און פרוי, באַקאַנטע געז. טוער אין קאָוונע (אומגעקומען אין 1941), ד"ר ז. וואָלפערט און פרוי, באַקאַנטע אינ־דוסטריעלער, (איצט אין אַמעריקע) א. אַנד.

די גרעסטע פּאָזיציע פון די הכנסות איז אָבער גע־ווען דער פּאָפּולערער באַל פון דער עקאָנאָמישער פאַר־אייניקונג, וואָס פלעגט פאָרקומען יערלעך, דעם 31־טן דעצעמבער, אין איינעם פון די שענסטע זאַלן אין קאָוונע. דעם 31/12/1930 האָט דער באַל צ. ב. געגעבן ריינעם ריווח 7000 ליט. דער גאַנצער בודזשעט פון דער „פאַר־אייניקונג" פאַרן קומענדיקן יאָר האָט באַטראָפן אַרום 12.000 ליט.

די עקאָנאָמישע פאַראייניקונג איז ליקווידירט גע־וואָרן ענדע 1940, ווען ליטע איז געוואָרן אַ סאָוויעטישע רעפּובליק.

2. „על המשמר". קולטורעלער פאַרבאַנד מיט העבּ־רעאיש אַלס אומגאַנגס־שפּראַך. געגרינדעט אין 1924; געלייענט לעקציעס וועגן קולטורעלע פראַגן, ציוניזם, ארץ־ישראל. געציילט אַ 70 חברים.

3. „מוריה". פאַרבאַנד פון רעליגיעז־געשטימטע יידישע סטודענטן. געגרינדעט גמרא־קורסן פאַר יידישע סטודענטן. געציילט אַ 30 מיטגלידער.

4. צ. ס.־סטודענטן־פאַרבאַנד. באַשטאַנען פון ציו־ניסטן־סאָציאַליסטן; געווען אַ צווייג פון אַלגעמיינעם צ. ס.־פאַרבאַנד אין קאָוונע; געציילט אַן 80 חברים.

5. „אוראַרא" — פאַרבאַנד פון ניט־ציוניסטישע סטודענטן, איינגעשלאָסן קאָמוניסטן, צייטנווייז אויך ניט־יידן. געציילט אַ 50 מיטגלידער.

6. „ביתריה". נאַציאָנאַלע קאָרפּאָראַציע. געגרינדעט 1923 דורך אפרים בוך, פנחס שולמאַן, ליודווינאַווסקי (אַלע אומגעקומען אין ליטע). אונטערהאַלטן קאָנטאַקט מיט יידישע סטודענטן קאָרפּאָראַציעס אין ריגע („בי־תוליה") און אין דאָרפּאַט („לימוביה"). געציילט אַן 80 מיטגלידער.

7. „ירדניה" — רעוויזיאָניסטישע קאָרפּאָראַציע,

זיך אָפּגעשפּאָלטן פון „ביתריה" אין 1926, שפּעטער גע־וואָרן „גראָסמאַניסטיש". געציילט אַ 40 מיטגלידער.

8. „אל־על". עקסטרעם־רעוויז. קאָרפּאָראַציע, גע־גרינדעט אין 1926. אַרום 20 מיטגלידער.

9. „הרצליה". אַלגעמיין־ציוניסטישע קאָרפּאָראַציע; געגרינדעט 1928; אַרום 30 מיטגלידער.

10. „בר־גיורא". באַשטאַנען פון אַסימילירטע עלע־מענטן, אַרום 15 מיטגלידער.

11. „בת־עמיה". רעוויזיאָניסטישע פרויען־קאָרפּאָ־ראַציע, געגרינדעט אַלס פיליע פון „ירדניה", געהאַט אַרום 30 מיטגלידער.

12. „אוניטאס פעמינארום". אומפּאַרטייאישע פרויען־קאָרפּאָראַציע. אַרום 20 מיטגלידער.

אַ קליינע צאָל יידישע סטודענטן האָבן געהערט צו אַלגעמיינע אָרגאַניזאַציעס, ווי צ. ב. פון יוריסטן, פון מעדיקער, פון ספּאָרטלער־סטודענטן א. אַנד.

יעדע סטודענטן־אָרגאַניזאַציע אָדער קאָרפּאָראַציע האָט אין די אוניווערזיטעט־קאָרידאָרן געהאַט איר וויט־רינע, וואו מען פלעגט אויסהענגען מעלדונגען אין העב־רעאיש, יידיש און ליטוויש צו די חברים וועגן פאַרזאַמ־לונגען א. א. וו. אין 1933 איז דאָס באַנוצן יידיש אָדער העברעאיש אין אוניווערזיטעט פאַרבאָטן געוואָרן.

אין אַנדערע הינזיכטן זיינען די יידישע סטודענטן געווען גלייכבאַרעכטיקט מיט די ניט־יידישע. די יידישע קאָרפּאָראַנטן האָבן געהאַט דאָס רעכט עפנטלעך צו טראָגן זייערע נאַציאָנאַלע היטעלעך מיט מגן־דוד און אַנדערע אָפּצייכענונגען. אין ריגע איז דאָס צ. ב. דורך דער מאַכט אָפיציעל געווען פאַרבאָטן אויף אַן אינטערווענץ פון די לעטישע און דייטשע סטודענטן־קאָרפּאָראַציעס.

די יידישע סטודענטן האָבן זיך אויך באַטייליקט אין דער אַלגעמיינער סטודענטישער פאָרשטייערשאַפט („אַטסטאָוויבע") דאָס איז געווען אַ קליינער פּאַרלאַמענט, וואָס האָט גדאַרפט זיין דער אויסדרוק פון דער, אין דער גאַנצער וועלט אָנערקענטער, סטודענטישער אוי־טאָנאָמיע און פרייהייט. פאַקטיש אָבער האָט די רעאַק־ציאָנערע מערהייט (שאָוויניסטיש געשטימטע ליטווינער) שטענדיק באַנוצט די דאָזיקע עפנטלעכע טריבונע, כדי צו באַקעמפן און קריטיקירן די יידישע קאָלעגן. איבער־הויפּט האָט זיך די טעטיקייט זייערע פאַרשטאַרקט נאָך 1933, ווען היטלער האָט באַקומען די מאַכט אין שכנות־דיקן דייטשלאַנד, און אין דער קליינער ליטע האָט אָנגע־פאַנגען אַריינדרינגען די טעאָריע פון ראַסן־האַס.

אין 1930 זיינען די יידישע סטודענטן צו די וואַלן געגאַנגען, ווי כמעט שטענדיק, מיט צוויי רשימות: אַן אַלגעמיין־ יידישע רשימה, וואָס האָט איינגעשלאָסן רע־ליגיעזע, ציוניסטישע און אומפּאַרטייאישע סטודענטן, די צווייטע — אַ רשימה פון די ציוניסטן־סאָציאַליסטן. די אַלגעמיינע רשימה האָט דורכגעפירט 7 קאַנדידאַטן (אשר שמיט, ראַטשקאָווסקי, קאַצנעלבאָגן — אַלע דריי אומגע־קומען אין ליטע, — ר. בערנשטיין אין אַמעריקע, ש. גאָלדשמידט, אין ענגלאַנד, מ. עפּשטיין און א. אפרימטשיק (איצט בן־אפרים, אין ישראל). די צ. ס. האָט דורכגעפירט 2 (מ. גוטמאַן און מ. יפה — ביידע אין ליטע). נאָך 1 יידישער קאַנדידאַט איז אַריין דורך דער לינקער (קאָמוניס־טישער), ניט־יידישער רשימה (מ. גאַפּאַנאָוויטש — איצט אין ליטע). אַזוי אַרום זיינען אין פאַרשטייערשאַפט געווען 11 יידן פון דער אַלגעמיינער צאָל 32. די יידן זיינען אָבער ניט אין אַלע פראַגן געווען אייניק. די פאַרשטייער פון דער אַלג. רשימה פלעגן האָבן נאָר יידישע צילן, די אַנדערע פאַרשטייער — פּאָליטישע צילן. אין אַלגע־מיינע פראַגן פלעגן זיך אַלע יידישע פאַרשטייער אָנשליסן אָן די פּראָגרעסיווע ליטווישע פאַרשטייער און פיל מאָל צונישט מאַכן פאָרשלאָגן פון רעאַקציאָנערע פאַרשטייער („טאַוטינינקעס" אָדער „אַטייטינינקעס"), וועלכע האָבן כמעט שטענדיק געהאַט די מערהייט. אַ געוויסע צייט איז איין יידישער פאַרשטייער (אשר שמיט) אַפילו געווען אַ מיטגליד פון פּרעזידיום, וואָס איז באַשטאַנען פון 5 מאַן. ער האָט פיל אויפגעטאָן פאַר דער יידישער סטודענטנשאַפט.

נאָך 1933 האָט די סטודענטן פאַרשטייערשאַפט דורכ־געפירט פאַרשיידענע אַנטי־יידישע רעזאָלוציעס, וואָס דער אוניווערזיטעט־סענאַט, גייענדיק מיטן שטראָם, האָט זיי פאַרוואַנדלט אין באַפעלן. עס איז פאַרבאָטן געוואָרן דאָס באַנוצן אַנדערע שפּראַכן אין אוניווערזיטעט, ס'איז באַשרענקט געוואָרן ביז מינימום דאָס אָננעמען יידישע קאַנדידאַטן אויף מעדיצין, יידישע סטודענטן פלעגן קיין סטיפּענדיעס מער ניט באַקומען, און די צאָל פון באַ־פרייטע פון שכר־לימוד איז פאַרקלענערט געוואָרן אויף 90%. דער יוסטיץ־מיניסטער (דער באַקאַנטער אַנטיסע־מיט באַראָן שילינגאַס) האָט פון זיין זייט פאַרבאָטן אויפ־נעמען יידישע יוריסטן אין אַדוואָקאַטן־קאַמער. יידישע פאַרמאַצעווטן פלעגן מער ניט באַקומען קיין רעכט צו עפענען אַפּטייקן. יידישע אַגראָנאָמען און לערער פלעגן ניט באַקומען קיין מלוכה־פּאָסטנס.

צוליב די פאַרשטאַרקטע אַנטיסעמיטישע שטימונ־גען אין גאַנצן לאַנד און אין אוניווערזיטעט און צוליב דער פאַרערגערטער יידישער מאַטעריעלער לאַגע, האָט זיך די צאָל יידישע סטודענטן פון יאָר 1933 פאַר־קלענערט:

אין יאָר 1934 האָט מען געציילט אַן ערך 820 יידישע סטודענטן
אין יאָר 1935 — אַן ערך 780 יידישע סטודענטן
אין יאָר 1937 — אַן ערך 600 יידישע סטודענטן
אין יאָר 1939 — אַן ערך 500 יידישע סטודענטן.

פיל יידישע סטודענטן האָבן פאַרלאָזן די הויכשול און זיך „אומגעשאַלטעט" אויף פאַרשיידענע פּרנסות, כדי צו פאַרלייכטערן דעם מאַטעריעלן יאָך פון דער משפּחה. אַנדערע האָבן אויסגעוואַנדערט קיין א"י, אַמעריקע א. א. די יידישע סטודענטנשאַפט האָט געשפּילט אַ גרויסע

ראָל אין אַלגעמיין יידישן עפנטלעכן לעבן. אין די לייטנדיקע אָרגאַנען פון אַלע פּאַרטייען זיינען געווען סטודענטן, אין די רעדאַקציעס פון די דריי טעגלעכע יידישע צייטונגען („אידישע שטימע", „פאָלקסבלאַט" און „דאָס וואָרט") האָבן מיטגעאַרבעט סטודענטן. אין 1933 איז אין לאָנדאָן פאָרגעקומען אַן אַלוועלטלעכער קאָנגרעס פון יידישע סטודענטן, וואו די יידישע סטודענטנשאַפט פון ליטע איז אויך געווען פאַרטראָטן (דעלעגאַט אַ. אפרימטשיק). אויך אין דער אַלבאַלטישער סטודענטן־קאָנפערענץ פון פינלאַנד, עסטלאַנד, לעטלאַנד און ליטע (אין קאָוונע, 1933) זיינען די יידישע סטודענטן פאַרטראָטן דורך 2 פאָרשטייער (א. שמיט און א. אפרימטשיק). מיט די יידישע סטודענטן פון די באַלטישע לענדער איז אונטערגעהאַלטן געוואָרן אַ לעבעדיקער פערזענלעכער קאָנטאַקט (דורך קעגנזייטיקע באַזוכן א. אַ. וו.), וואָס האָט פאַרלייכטערט דעם געמיינזאַמען קאַמף פאַר גלייכבאַרעכטיקונג.

דער יידישער לערער־פּערסאָנאַל פון ליטווישן אוניווערזיטעט איז דאַן באַשטאַנען פון:

פּראָפּ. ש. בעליאַצקין, פאַר ציווילע רעכט אויפן יורידישן פאַקולטעט.

דאָצ. ה. נ. שאַפּירא, פאַר סעמיטאָלאָגיע, אויפן הומאַניטאַרן פאַקולטעט.

פּראָפּ. וו. לאַזאַרסאָן, פאַר נערוון־קראַנקייטן, אויפן מעדיצינישן פאַקולטעט.

פּראָפּ. ע. לאַנדאו, פאַר פּאַטאָלאָגישער אַנאַטאָמיע, אויפן מעדיצ. פאַקולטעט.

די ערשטע דריי זיינען אומגעבראַכט געוואָרן דורך די נאַציס אין ליטע, דער פערטער איז באַצייטנס אָפּגעפאָרן אין דער שווייץ, לויט אַן איינלאַדונג פון אוניווערזיטעט אין לאָזאַן.

די יידישע פּראָפעסאָרן פלעגן שטענדיק מיטהעלפן די יידישע סטודענטן אין אַקאַדעמישע און 'עקאָנאָמישע ענינים, געווען מיטגלידער־שטיצער פון דער עקאָנאָמ. פאַראייניקונג און געצאָלט רעגולערע אָפּצאָלונגען.

## 3־טער פּעריאָד

דעם 1־טן סעפּטעמבער 1939 האָט היטלער אָנגעפאַנגען דעם קריג קעגן פּוילן. אָפּגעריסן דעם מעמעלער געביט פון ליטע האָט היטלער נאָך פריער, אין מערץ 1939, אויף אַ „פריינטלעכן" אופן. די מעמלער יידן האָבן דורך נאַכט געמוזט פאַרלאָזן זייערע וואוין־און פּרנסה־ערטער און זיך איבערקלייבן אין אַנדערע ערטער פון ליטע. אין סעפּטעמבער, באַלד ביים אויסברוך פון דער מלחמה, האָבן אָנגעהויבן שטראָמען קיין ליטע צענדליקער טויזנטער יידישע פּליטים פון פּוילן. אַנדערע האָבן געשטרעבט דורך ליטע, איבער רוסלאַנד, זיך ראַטעווען קיין אַמעריקע, ארץ־ישראל און אַנדערע לענדער. די יידישע ליטע האָט זיך געפילט, ווי אויף אַ פּולווער־פאַס.

אָנפאַנג לערן־יאָר 1939/40 (דעם 15־טן סעפּט. 1939) זיינען אין אוניווערזיטעט געווען אימאַטריקולירט בלויז 360 יידישע סטודענטן. פיל סטודענטישע אָרגאַניזאַציעס זיינען זיך פונאַנדערגעפאַלן. די עקאָנאָמישע פאַראייניקונג האָט זיך געראַנגלט מיט די לעצטע כוחות אויפצוהאַלטן די סטודענטן־קיך. אַלע הכנסה־קוואַלן זיינען פאַרשטאָפּט געוואָרן און דער נויט צווישן די פאַרבליבענע יידישע סטודענטן איז געוואַקסן.

דעם 17־טן סעפּטעמבער 1939 האָט רוסלאַנד פאַרנומען די מזרחדיקע טיילן פון פּוילן, צווישן דעם ווילנע מיטן געביט. סוף דעם זעלביקן חודש איז ווילנע מיטן געביט איבערגעגעבן געוואָרן ליטע, וואָס האָט איבער 20 יאָר געוואַרט אָפּצוקריגן איר הויפּטשטאָט פון דער פאַרכאַפּערישער פּוילן. צוזאַמען מיט דעם געביט זיינען צו ליטע צוגעקומען ביי אַ האַלבער מיליאָן איינוואוינער, צווישן זיי אַרום 100 טויזנט יידן, פון וועלכע 75 טויזנט אין דער שטאָט ווילנע אַליין.

צוזאַמען מיט די סאָוויעטישע גאַרניזאָנען, וואָס האָבן, לויט אַ הסכם מיט ליטע אָנגעפאַנגען סטאַציאָנירן אין פאַרשיידענע טיילן פון ליטע, האָבן אָנגעפאַנגען בלאָזן נייע ווינטן. דער פּרעזידענט סמעטאָנא איז אַנטלאָפן, זיין רעגירונג האָט דעמיסיאָנירט און דער באַקאַנטער זשורנאַליסט און געז. טוער פּאַלעצקיס האָט געשאַפן אַ פאָלקסרעגירונג. די שאָוויניסטישע און אַנטי־יידישע גוזעצן און באַפעלן האָבן פאַרלאָרן דעם באָדן. די ווילנער יידישע יוגנט האָט פלייסיק אָנגעפאַנגען לערנען ליטוויש, כדי אָנצוקומען אין קאָוונער אָדער ווילנער אוניווערזיטעטן. דער געוו. פּוילישער סטעפאַן־באַטאָרי אוניווערזיטעט אין ווילנע איז געוואָרן אַ ליטווישער.

די געשעענישן אין ליטע האָבן זיך זייער גיך אַנטוויקלט. דעם 15־טן יוני האָבן סאָוויעטישע טיילן באַזעצט גאַנץ ליטע און באַלד איז ליטע אָנגענומען געוואָרן אַלס 16־טער מיטגליד אין פאַרבאַנד פון סאָציאַליסטישע ראַטן־רעפּובליקן.

ביים אָנפאַנג פון לערן־יאָר, דעם 15־טן סעפּטעמבער 1940, זיינען אין קאָוונער און ווילנער אוניווערזיטעטן געווען אימאַטריקולירט ביי 700 יידישע סטודענטן. אין ווילנער אוניווערזיטעט זיינען אויך געווען יידישע לעקטאָרן: פּראָפּ. נח פּרילוצקי, אויף סעמיטישע וויסנשאַפטן און דאָצ. ד"ר מאָושאָוויטש (דער ערשטער אומגעבראַכט דורך די דייטשן, דער צווייטער איצט אין ליטע, געראַטעוועט פון ווילנער געטאָ).

אָנשטאָט דער פריערדיקער סטודענטן־פאָרשטייערשאַפט, וועלכע איז אָפּגעשאַפט געוואָרן, איז געוואָרן טעטיק אַ סטודענטן־קאָמיטעט. אַלע יידישע סטודענטישע אָרגאַניזאַציעס, אַזוי ווי די ניט־יידישע, זיינען פונאַנדערגעפאַלן אָדער ליקווידירט געוואָרן פון דער מאַכט. דאָס אייגנטום פון די יידישע אָרגאַניזאַציעס, וועלכע זיינען ליידער געווען באַהאַנדלט גלייך מיט אַלע רעאַקציאָנערע גרופּעס, איז קאָנפיסקירט געוואָרן. עס האָט אויפגעהערט וועלכע ניט איז געזעלשאַפטלעכע טעטיקייט פון דער

יידישער סטודענטנשאַפט אַלס אַזעלכע. אין אוניווערזיטעט האָט עקזיסטירט נאָר איין קאָמוניסטישע סטוד. אָרגאַניזאַציע, וואָס איז געווען די דעה־זאָגערין ניט נאָר אויף די סטודענטן, נאָר אַפילו אויף די פּראָפעסאָרן.

אין דער זעלבער צייט איז פאָרגעקומען אַ גרויסע וואַנדערונג פון פוילישע פּליטים, וועלכע האָבן געפונען אַ צייטווייליקן אַזיל אין ליטע, פון וואַנען אַ טייל איז אָפּגעפאָרן דורך רוסלאַנד קיין אַמעריקע, א״י און אַנדערע לענדער מעבר לים. ס׳זיינען אויך אַרויסגעפאָרן פיל יוגנט, שילער, סטודענטן א. אַנד. אין די טעג פון מיטן יוני 1941, 14—16, זיינען פיל יידן פון ליטע דורך דער סאָוויעטן־מאַכט אַרויסגעשיקט געוואָרן קיין מזרח, אַלס קאַפּיטאַליסטן א. אַ. וו. די הייזער, גרויסע אונטערנעמונגען זיינען אין גאַנצן לאַנד נאַציאָנאַליזירט געוואָרן. דאָס האָט אין דער ערשטער ריי געטראָפן די יידן, וואָס האָבן אין איין טאָג פאַרלוירן זייער אייגנטום און פרנסה; קינדער פון „נאַציאָנאַליזירטע״ זיינען באַזייטיקט געוואָרן פון די היכשולן אָדער זיי אַליין האָבן פאַרלאָזן; די צאָל יידישע סטודענטן קורץ פאַרן צווייטן וועלט־קריג איז געפאַלן ביז אַרום 400.

דעם 22־טן יוני 1941 האָבן היטלערס מחנות פּלוצלונג אָנגעגריפן אויפן גאַנצן פראָנט פון מערב און אַלס ערשטער קרבן איז געווען ליטע, וועלכע ליגט האַרט ביי דער גרענעץ. במשך פון צוויי טעג איז ליטע געוואָרן באַזעצט.

גאַנץ אומדערוואַרט האָבן די ליטווינער זיך אַרויסגעוויזן פאַר גרעסערע יידן־פרעסער, ווי מיר האָבן זיי געהאַלטן. אין פיל ערטער האָבן די תושבים, אַפילו אָן אויסדריקלעכע באַפעלן פון די דייטשן, אָנגעפאַנגען פאַרניכטן די יידן, זיי פשוט אויסשיסנדיק אָדער פאַרברענענדיק. נאָך גרעסער איז די רציחה געווען אין פראָווינץ, וואו מיט אַלע יידן־אַקציעס האָט אָנגעפירט דער באַוואוסטער שונא־ישראל פלעכאַוויטש. במשך פון איין מאָנאַט איז פאַרניכטעט געוואָרן דאָס פראָווינץ־יידנטום. אין קאָוונע, ווילנע און שאַוול זיינען געבליבן יידישע געטאָס, וועלכע זיינען פאַרניכטעט געוואָרן קורץ פאַרן באַפרייען ליטע. אין די געטאָס האָבן זיך געפונען יידישע סטודענטן, וועלכע האָבן ניט באַוויזן צו פאַרלאָזן ליטע צוזאַמען מיטן אָפּטרעטנדיקן רויטן מיליטער. אין קאָוונער געטאָ זיינען, לויט אַן ערכדיקער שאַצונג, געווען 50 סטודענטן, אין ווילנער — 20. די יידישע סטודענטן האָבן זיך אַקטיוו באַטייליקט אין די פּאַרטיזאַנער־באַוועגונגען אַרום קאָוונע און ווילנע.

עס דאַרף באַצייכנט ווערן, אַז אין צייט פון געטאָלעבן האָבן אייניקע ליטווישע פּראָפעסאָרן און טוער געהאָלפן יידישע סטודענטן. אַזוי האָט די אָנגעשטעלטע פון ווילנער אוניווערזיטעט שימייטע געזאַמלט געלט צווישן ליטווישע פּראָפעסאָרן און עס געבראַכט אין ווילנער געטאָ פאַר אָרעמע יידישע סטודענטינס. די זעלביקע שימייטע האָט באַהאַלטן אַ יידיש מיידל און איז פאַר דעם



דורך דער געשטאַפּאָ פאַרשפאַרט געוואָרן אין טורמע. דורך אַ צופאַל האָט זי אויסגעמיטן דעם טויט און, אַנטלויפנדיק פון אַ קאָנצענטראַציע־לאַגער, האָט זי זיך אַריבערגעכאַפּט קיין פראַנקרייך, וואו זי געפינט זיך איצט. דער געוו. רעקטאָר פון ווילנער אוניווערזיטעט פּראָפ. מ. בירזשישקא האָט מאַטעריעל געשטיצט יידישע סטודענטן און מיט זיי אונטערגעהאַלטן אָ קאָנטאַקט. פּראָפ. יאַנאַלייטיס האָט אין קאָוונע אַ קורצע צייט אויסבאַהאַלטן ביי זיך אַ יידישן סטודענט. פּראָפ. ענגערט, וואָס האָט געהאַט אַ יידישע פרוי *, האָט געוועלט זי ראַטעווען פון ווילנער געטאָ, מען האָט אָבער די פרוי דערשאָסן און אים אַרעסטירט. ער האָט געהאָלפן פיל אַנדערע יידישע לייַדנדע. אַ מענטשלעכע באַציאונג צו זייערע געוו. יידישע תלמידים האָבן אין דעם גרויל־פּעריאָד אַרויסגעוויזן פּראָפ. זשעמייטיס אין קאָוונע און פּראָפ. רעמעריס אין ווילנע.

אין יולי 1944 האָט זיך אָנגעפאַנגען דער באַפרייאונגס־קאַמף פאַר ליטע. די דייטשן מיט זייערע ליטווישע העלפער האָבן זיך אונטערגעאיילט צו פאַרניכטן די רעשטן יידן אין געטאָס, בלאָקן און אַרבעטס־לאַגערן.

דעם 13־טן יולי 1944 איז באַפרייט געוואָרן פון די דייטשן ווילנע, דעם 28־טן יולי — קאָוונע. אָנפאַנג אויגוסט 1944 איז געווען באַפרייט גאַנץ ליטע. פון אַ פערטל מיליאָן יידן זיינען געבליבן ביים לעבן ניט מער ווי צוויי טויזנט, ד. ה. קוים 1% פון אַלע יידן, צווישן וועלכע עס זיינען געווען א 12—15 סטודענטן.

די אוניווערזיטעטן אין ווילנע און קאָוונע האָבן זיך באַלד ווידער געעפנט. פיל פון די אַלטע ליטווישע פּראָפעסאָרן און פון פריערדיקע ליטווישע סטודענטן האָבן ווידער אָנגעפילט די ווענט פון „אַלמא מאַטער״, אָבער יידן זיינען ניט געווען. קיין איין יידישן סטודענט האָט מען ניט געטראָפן אָנפאַנג לערן־יאָר, אין סעפּטעמבער 1944 — ניט אין ווילנער און ניט אין קאָוונער אוניווערזיטעט.

צו ביסלעך האָבן אָנגעפאַנגען צוריקקערן זיך פון רוסלאַנד געוועזענע יידישע סטודענטן אָדער יונגוואַרג. פיל פון זיי האָבן געהאַט בדעה אָנצופאַנגען שטודירן. דער יידישער חורבן אין ליטע, דאָס פעלן פון די עלטערן און בני־משפחה האָט אָבער אין די מערסטע פאַלן, פון אָנפאַנג, אָפּגענומען פון יוגנטלעכן די מוט און ענערגיע צו שטרעבן צו העכערער בילדונג, באַזוכן לעקציעס, האַלטן עקזאַמענס א. אַ. וו. עס האָט געפעלט ביים יידישן יוגנטלעכן דער מאָמענט פון אַמביציע, נאָכדעם ווי ער האָט זיך איבערצייגט, אַז מיט זיינע דערגרייכונגען וועט ער קיינעם קיין נחת ניט פאַרשאַפן, ווייל ער האָט קיינעם ניט.

אין פרילינג 1945 האָט זיך געמערקט אַן אויסטשוכען זיך פון דער אָנגעקומענער יידישער יוגנט. עס האָט זיך געמערקט אַ שטרעבונג גובר־זיין די איינפלוסן פון די שוידערלעכע זכרונות אָדער איבערלעבונגען צווישן די

(המשך אויף זייט 381)

* אַ געוו. שילערין פון ווילקאָמירער ייד. גימנאַזיע, לאַפּין. (רעד.)

מ. גינזבורג

# דער ווילנער יידישער לערער־אינסטיטוט

איך האָב עטלעכע יאָר שטודירט אין ווילנער יידישן לערער־אינסטיטוט, וועלכער איז דאַן געווען דער איינציקער אַנשטאַלט אויסצובילדן יידישע לערער פאַר די יידישע רעגירונגס־שולן. איך האָב נאָך באַוויזן אַריינצודרינגען אין דעם מהות פון אינסטיטוט, אין זיין ספּעציפישן „קאַזיאָנעם" כאַראַקטער, און איך פיל זיך גליקלעך צו קאָנען ביישטראָגן אַ קאַפּיטל זכרונות וועגן דעם לערער־אינסטיטוט, וועלכער איז שוין אין יענע טומלדיקע יאָרן, פאַר דעם ערשטן וועלט־קריג, געווען דער איינציקער לערער־אַנשטאַלט פאַרן גאַנצן רוסישן יידנטום.

אַ דאַנק דעם לערער־אינסטיטוט איז ווילנע געווען די צוציאונגס־קראַפט פון הונדערטער יידישע בחורים, וואָס פלעגן קומען פון אַלע עקן רוסלאַנד, צו שטודירן און ווערן „קאַזיאָנע" לערער, וואָס דאָס אַליין איז דאַן באַטראַכט געוואָרן ווי אַ באַזונדערע „שליחות" פאַר אַ יידישן אינטעליגענטן בחור. די צווייטע מעלה איז געווען, וואָס דער אינסטיטוט האָט באַפרייט פון מיליטער־דינסט די גראַדואירטע לערער, זיי פלעגן נאָכן ענדיקן דעם אינסטיטוט באַשטימט ווערן אַלס לערער אין די יידישע רעגירונגס־שולן, און נאָכן אָפּאַרבעטן אַכט יאָר, פריי זיין פון מיליטער, און האָבן געקאָנט פאָרזעצן זייער שטודיום אין אוניווערזיטעט. אין די אַכט יאָר האָט די צאַרישע רעגירונג באַוויזן צוריקצוקריגן פון די לערער די געלטער, וואָס זי האָט אויף זיי אויסגעגעבן במשך פון די 4 יאָר שטודיום אין אינסטיטוט. זייערע שכירות זיינען אין די 8 יאָר געווען גאַנץ קליינע, און אַ פאַמיליע־מענטש איז געווען שווערלעך זיך דורכצולעבן. צום גרעסטן טייל פלעגט מען שיקן די לערער אין קליינע שטעטלעך, וואו עס

(המשך פון זייט 380)

געוועזענע געטאָ־אָדער לאַגער־יוגנט. יידישע יוגנטלעכע האָבן אָנגעפאַנגען זיך אינטערעסירן מיט די הויכשולן. סוף 1945 זיינען אין קאָוונער און ווילנער אוניווערזיטעטן געווען אַרום 60 יידישע סטודענטן.

אין ווילנע זיינען אויך באַשטימט געוואָרן יידישע לעקטאָרן אין אוניווערזיטעט: ד"ר מאָוושאָוויטש — נאַטורוויסנשאַפט און זשירנאָווסקי — מאַטעמאַטיק. שפּעטער זיינען איניקע יידישע קאַנדידאַטן אויפגענומען געוואָרן אויף דאָצענט־פּאָסטנס, ווי קיבאַרטסקי, מיצעלמאַכער, לאַמפּערט א. אַנד.

די ניט־יידישע ליטע האָט אָנגעפאַנגען זיך בויען. די יידישע ליטע ליגט אין חורבות; איר אויפבויען וועט שוין קיינער ניט קענען!



זיינען געווען בלויז יידישע אָנפאַנגס־שולן, אָדער ווי זיי האָבן געהייסן אין רוסיש „יעווריסקאָיע נאַטשאַלנאָיע אוטשילישטשע".

די תלמידים פון לערער־אינסטיטוט זיינען אַלע יאָרן געווען אין דער בחינה פון „האַלב־אַרעסטירטע", ווייל זיי האָבן געלעבט אין דעם אינטערנאַט, און פלעגן פריי זיין בלויז איין שעה אין טאָג, פון 3 ביז 4 אַ זייגער נאָך די לעקציעס, אַרויסצוגיין און זיך איינקויפן עפּעס, אָדער זען זיך מיט עלטערן, פריינד און באַקאַנטע. דער גרעסטער טייל סטודענטן איז ניט געווען קיין אָפּשטאַמיקער פון ווילנע. געווען יידישע בחורים אפילו פון קאַווקאַז, סיביר, וואָלגע און נאַטירלעך פון פוילן, ליטע, די באַלטישע געגנטן, פינלאַנד א. אַ. וו.

דער רעזשים אין לערער־אינסטיטוט איז געווען כמעט אַ פּאָליציייאישער, אַ העכסט שטרענגער, ווייל יענע יאָרן, ווען איך האָב דאָרט געלערנט, זיינען שוין געווען „אָנגעשמעקט" מיט רעוואָלוציע, עס האָבן געבלאָזן פרייהייטס־ווינטן, וועלכע די צאַרישע רעגירונג האָט געזוכט צו פאַרהאַלטן מיט אַלע אָפענע און פאַרשטעלטע מיטלען... דער דירעקטאָר פון אינסטיטוט, וואַסילי פּעטראָוויטש ספּאַסקי, וועלכער האָט געהאַט דעם ראַנג פון אַ גענעראַל און מען האָט אים געמוזט טיטולירן „וואשע פּרעוואָסכאַדיטעלסטוואָ", האָט געקוקט אויף יעדן אינסטיטוטשיק מיט צען פּאָר אויגן, צי ער איז, חלילה, ניט געכאַפּט אין דער מעשה...

איך דערמאָן זיך דעם מאָמענט, ווען איך בין געשטאַנען צום עקזאַמען ביים אַריינטריט אין אינסטיטוט. דער דירעקטאָר פלעגט זיצן אויבנאָן, כמעט ניט ריידן קיין וואָרט, און לאָזן די לערער „בודק זיין" די „פּאָליטישע כשרות", אויסער נאַטירלעך, די קעגנשטאַנדן, בנוגע וועלכע מען האָט זיך באַצויגן זייער שטרענג און פיל געפאָדערט. אָן עקזאַמען האָבן געקענט אַריינגענומען ווערן נאָר אַזעלכע, וואָס האָבן געענדיקט אַ רעגירונגס־גימנאַזיע, אָדער אַ רעאַל־שולע. ווען איך בין דאַן, אין עלטער פון קנאַפּע 16 יאָר, צוגעקומען צום לאַנגן טיש מיט דער גרינער פלושענער צודעק, האָט מיך דער דירעקטאָר אַ פרעג געטאָן:

„זאָג מיר, בחור, וואָס איז דער אונטערשייד צווישן „בונד" און „בונט"?

דערמיט האָט ער געוואָלט דערשמעקן, צי איך בין עפּעס באַקאַנט מיטן „בונד", וועלכער האָט אין יענע צייטן געהאַט אַ זייער שטאַרקע אַחיזה אויף דער ווילנער גאַס... דער קלענסטער חשד, אַז איך ווייס עפּעס וועגן

„בונד“, וואָלט מיך אָפּגעקוילעט אָן אַ מעסער, און איך וואָלט שוין די ווענט פון אינסטיטוט אויף געאָרגיעווסקי פּראָספּעקט נומער 7 קיינמאָל מער ניט געזען...

בכלל, זיינען די פראַגן געווען זייער שפּיציק און שטעכעדיקע, און מען האָט געדאַרפט האָבן אַ קאָפּ אויף שרויפן, צו קאָנען גלייך ענטפערן...

איך דערמאָן זיך נאָך אַ פראַגע פון דעם רוסישן לערער: „פּיאַט לאָשאַדיעי וו אָגאָראָד“ — איך זאָל אים זאָגן, וואו איז דאָ דער פּרעדיקאַטיוו און וואו איז דער סוביעקט?

עס האָט זיך מיר גאָרניט געלייגט אויפן שכל אַזאַ אויסדרוק: ווי קאָנען עס זיין פינף פערד אין גאָרטן? וואָלט דאָך געדאַרפט זיין „וו אָגאָראַדיע“, ניט „וו אָגאָראָד“? איך האָב אָבער פאַרשטאַנען, אַז דאָ ליגט אַ „טריק“, אַ גראַמאַטישע קונץ־שטיק, און גענומען צעקייען יעדעס וואָרט, ביז איך האָב זיך געכאַפּט, אַז דאָס מיינט עפּעס אַנדערש: פּיאַט לאָשאַדיעי וו אָגאָראָד“ — שטופּ די פערד אין גאָרטן אַריין, ווי מען זאָגט, למשל, „ראַק פּיאַטיטסיאַ נאַזאַד“. מיט אַנדערע ווערטער, דער „פּיאַט“ האָט ניט געמיינט „פינף“ נאָר שטופּן, שטויסן, פון שורש „פּיאַטיט“ — שטופּן.

ענלעכע פראַגן און זייער שווערע אויפגאַבן פלעגט מען געבן אין מאַטעמאַטיק, און ניט יעדן איינעם האָט זיך איינגעגעבן מאַכן די אויפגאַבן צו דער באַשטימטער צייט. דעריבער פלעגן פון 100 קאַנדידאַטן אויסהאַלטן נאָר 10—12, וועלכע זיינען געווען פשוטע זוכה־בגורלניקעס... מהאי־טעמא פלעגט מען קוקן אויף יעדן אינסטיטוטשיק אין ווילנע, ווי אויף אַן „אויסדערוויילטן“, און יעדער תלמיד פון אינסטיטוט האָט פאַרנומען אַ באַזונדער חשובע פּאָזיציע אין שטאָט, איז געווען ממש אַ פּריווילעגירטער בחור...

שפּעטער, אין יאָר 1908—1909, ווען דער אינטערנאַט איז בטל געוואָרן, און יעדער תלמיד פלעגט קריגן פון דער רעגירונג 20 רובל אַ חודש אויף אויסקום, פלעגט מען שוין ניט דאַרפן זיין איינגעשלאָסן אין די ווענט פון דעם בנין. תיכף נאָך די לערן־שטונדן, אַרום 3—4 אַזייגער, פלעגט מען פאַרלאָזן דעם בנין און צעגיין זיך יעדער צו זיך, ווער צו עלטערן, צו קרובים, און ווער צו זיין געדונגענעם צימער...

דאָך האָט דער רעזשים אָנגעהאַלטן זיין שטרענגקייט, און יעדער איז געווען אויפן אויג... אגב, די צאָל אינסטיטוטשיקעס איז שטענדיק געווען אַ קליינע, וויל מען פלעגט אַריינגעמען אַרום 10 בחורים אין יאָר, און דעריבער האָבן דער דירעקטאָר און די לערער זייער גוט געקענט יעדן איינעם און געוואוסט פון אַלע זיינע גענג, אויפפירונג, פּאָליטישע כשרות, וכדומה...

דער זעלבער רעזשים האָט אָנגעהאַלטן ביזן אויסברוך פון דער ערשטער וועלט־מלחמה, ווען ווילנע איז אָקופּירט געוואָרן פון די דייטשן, און שפּעטער נאָכן קריג איז געבוירן געוואָרן גאָר אַן אַנדער ווילנע, וואָס האָט געקראָגן דאָס פּנים פון אַ „סיאַמער צווילינג“, ווייל ליטע און פּוילן האָבן ביידע ניט געוואָלט אָפּלאָזן ווילנע. דער פּוילישער גענעראַל זשעליגאָווסקי האָט מיט זיין איבערמאַכט פאַרכאַפּט ווילנע, און די ליטווינער האָבן בשום אופן ניט געוואָלט מוותר זיין. נאַטירלעך, האָט פּוילן מנצח געווען מיט איר מאַכט, אָבער די ליטווינער האָבן קיינמאָל ניט אויפגעגעבן אין זייער האַרצן ווילנע, און אַוודאי האָבן יידן קיינמאָל אַנדערש ניט געטראַכט ווי, אַז ווילנע מוז פאַרבלייבן ירושלים דליטא, ווי זי איז איינגעוואָרצלט געוואָרן אין דער יידישער נשמה און אין דער יידישער ליטעראַטור.

יוזעף פּילסודסקי, דער באַפרייער פון פּוילן, האָט זיך אין די צוואַנציקער יאָרן געטראָפן מיטן ליטווישן פּרעמיער וואַלדעמאַראַס און אים צוגעדריקט צו דער וואַנט מיט דער פראַגע: „פּאַניע וואַלדעמאַראַס, וואָס ווילט איר, קריג צו פרידן?“. נאַטירלעך האָט וואַלדעמאַראַס געענטפערט: „פרידן“! „אויב אַזוי איז אַלץ דערליידיקט, זאָלן אונדזערע דיפּלאָמאַטן דורכקומען צווישן זיך“...

אָבער וואַלדעמאַראַס האָט ניט געמיינט „דורכקומען“ — רעזיגנירן פון ווילנע. דעריבער איז די פּאָסט־פאַרבינדונג צווישן ווילנע און קאָוונע, די הויפּט־שטאָט פון ליטע, געווען פּאַראַליזירט, און אַז מען האָט געוואָלט פון ווילנע שיקן אַ בריוו קיין קאָוונע, האָט מען עס געמוזט טאָן דורך דער שווייץ, אָדער אַן אַנדערע פרעמדע מלוכה...

נאָכן ערשטן וועלט־קריג האָט ווילנע פאַרלאָרן איר יידישן שטעמפּל און כאַראַקטער... פּוילן האָט געעפנט אַן אוניווערזיטעט אין ווילנע, אַנטוויקלט דאָרט אַ גרויסן פּוילישן דערציאונגס־וועזן, אָבער דאָס פריערדיקע יידישע פּנים האָט ווילנע פאַרלאָרן אויף אייביק!

ניט נאָר איז דער יידישער לערער־אינסטיטוט אויסגערונען געוואָרן, צוזאַמען מיט אים איז אויך די יידישע נשמה, דאָס האַרץ פון ליטווישן יידנטום אויסגעגאַנגען!

די יידישע לערער פון דעם פריערדיקן אינסטיטוט זיינען צעזייט און צעשפּרייט געוואָרן איבער דער גאָרער וועלט. אַ סך זיינען אומגעקומען בעת און נאָך דעם קריג, אַנדערע זיינען אַריבער אין נייע פּראָפעסיעס. אַ טייל האָט זיך געראַטעוועט אין אַמעריקע, וואו זיי האָבן פאַרנומען זייער חשובע שטעלעס ווי קולטור־טוער און בויער פון דער יידישער שפּראַך און ליטעראַטור.

עס לאָזט זיך ניט אַריינגיין אין פּרטים וועגן פיל פון די געוועזענע סטודענטן פון לערער־אינסטיטוט, וועלכע האָבן דערפילט גרויסע שליחותן אין יידישן סאָציאַלן און קולטור־לעבן, און געשפּילט אין געוויסע מאָמענטן גאָר גרויסע ראָלן. אויך צווישן די עטלעכע ביז היינט פאַרבליבענע אינסטיטוטשיקעס, זיינען פאַראַן אייניקע, וואָס האָבן זיך פאַרדינט אַ חשובן פּלאַץ אין אונדזער ליטעראַטור און פּרעסע, און וועלכע זיינען געווען אַקטיוו אין יידישן קולטור־לעבן, ווי, למשל, הירש אַבראַמאָוויטש, וועלכער האָט אָנגעשריבן אייניקע וויכטיקע ביכער, חיים פּופּקאָ, וועלכער איז טעטיק אין „צוקונפט“, אַלס פאַרוואַל־

טער. אויך איך האָב באַוויזן אַרויסצוגעבן אַ צאָל אייגענע צייטשריפטן אין דעם פאַרמלחמהדיקן פּוילן, געשריבן אַ דראַמע א. נ. „אין תהום פון עלנט״, אַרויסגעגעבן אַ לידער־זאַמלונג (אין לאָדזש) צוזאַמען מיט יצחק קאַצענעלסאָן, משה בראָדערזאָן, ראַדאָשיצקי, באַרוכין א. א. (ע״ה).

ביי דער געלעגנהייט וויל איך דערמאָנען די 2 העברעאישע לערער פון אינסטיטוט, פון וועלכע איך האָב גענאָסן זייענדיק זייער תלמיד. דאָס איז דער געוועזענער זייער באַקאַנטער פּעדאַגאָג און מחבר פון אַ צאָל לערן־ביכער, מיכאיל וואָלפער, אינספּעקטאָר פון אינסטיטוט זינט דעם יאָר 1904, און ה׳ לאַזאַרעוו, וועלכער האָט געלערנט תנ״ך.

מיכאיל וואָלפער איז געווען דער „אוטשאָני יעווריי״ אין ווילנע ביים גענעראַל־גובערנאַטאָר. ער האָט איבערגענומען זיין אַמט נאָך דעם פריערדיקן גרויסן געלערנטן און לעקסיקאָגראַף יהושע שטיינבערג, מחבר פון „משפט האורים״ און אַ צאָל העברעאיש־רוסישע און רוסיש־העברעאישע, כאַלדעאישע און אַנדערע לעקסיקאָנען.

יהושע שטיינבערג איז פריער אַליין געווען אַ תלמיד פון דער ווילנער ראַבינער־שול, וועלכע ער האָט געענדיקט, און איז נאַכהער געוואָרן דער ערשטער ראַבינער אין ביאַליסטאָק, וואו ער האָט אָנגעהאַלטן דעם אַמט 6 יאָר, פון 1860—1866. יהושע שטיינבערג איז געווען אַ געבוירענער פּעדאַגאָג, און האָט כמעט זיין גאַנץ היפּשלעך לאַנג לעבן (78 יאָר) געווידמעט דער פּעדאַגאָגיק און דערציאונגס־פּראָבלעמען. ער האָט אויך אין יאָר 1863 באַאיינפלוסט די צאַרישע רעגירונג צו עפענען אַ צאָל אָנפאַנגס־שולן פאַר יידישע קינדער. שטיינבערג איז אין יאָר 1867 באַשטימט געוואָרן אַלס העברעאישער לערער און עקספּערט פון כאַלדעאיש (תרגום) אין דער ראַבינער־שול, און ווען די לעצטע איז שפּעטער פאַרוואַנדלט געוואָרן אין אַ לערער־אינסטיטוט, איז ער געוואָרן דער אינספּעקטאָר און אָנגעהאַלטן דעם אַמט ביזן יאָר 1904. ער איז גלייכצייטיק געווען אויך דער צענזאָר פון יידישע און העברעאישע ביכער און ספרים ביים ווילנער גענעראַל־גובערנאַטאָר, וואָס האָט געהאַט די מאַכט איבער 3 גובערניעס — קאָוונער, גראָדנער און ווילנער.

דער פּרק יהושע שטיינבערג איז ממש אַ לעגענדע, ער האָט אונדז איבערגעלאָזט אַ קאָלאָסאַל־רייכע ירושה אויפן געביט פון לעקסיקאָגראַפיע און אַנדערע ספרים, ווי אַ העברעאישן דיקדוק (מערכי לשון עבר), תולדות השפה בתורת הלשון, און זייער פיל אַרטיקלען אין „השילוח״, „וואָסכאָד״ און אַנדערע ליטעראַרישע שאַפונגען, ווי זיין בוך „משלי יהושע״, „אור לישרים״, זיין איבערזעצונג פון תורה אויף רוסיש א. א. וו. זיין קרוין־ווערק איז דער „משפט האורים״.

אויך מיכאיל וואָלפער האָט געשאַפן זייער פיל אויפן געביט פון לערן־ביכער פאַר יידישע אָנפאַנג־שולן, ביכער, וועלכע זיינען פון דעם בילדונגס־מיניסטער אָנערקענט



געוואָרן פאַר צוגעפּאַסט צו די יידישע אָנפאַנגס־שולן. אויך וואָלפער איז, ווי שטיינבערג, געבוירן געוואָרן אין ווילנע (1851), געלערנט אין חדר, ישיבות, און געענדיקט די ראַבינער־שול אין ווילנע אין יאָר 1872. ער איז אָבער געוואָרן אַזאַ עקספּערט אין רוסיש, אַז די צאַרישע רעגירונג האָט אים אויפגענומען אַלס לערער פון רוסיש און שפּעטער באַשטימט אַלס לערער אין דער אָנפאַנג־שול פאַר יידישע קינדער, וואָס איז געשאַפן געוואָרן ביים לערער־אינסטיטוט, ווי אַ פּלאַץ, וואו די סטודענטן פון אינסטיטוט זאָלן קענען פּראַקטיצירן און געבן זייערע ערשטע לעקציעס. ווען יהושע שטיינבערג האָט זיך אין יאָר 1904 צוריקגעצויגן פון זיין אינספּעקטאָר־אַמט, אין עלטער פון 74 יאָר, האָט מיכאיל וואָלפער פאַרנומען זיין אַמט, האָבנדיק שוין געדינט 13 יאָר אַלס „אוטשאָני יעווריי״ ביים גענעראַל־גובערנאַטאָר, ווי שטיינבערג איז דאָס געווען פיל יאָרן פאַר אים.

צווישן די ווערק, וועלכע מיכאיל וואָלפער האָט אַרויסגעגעבן, זיינען שטאַרק פּאָפּולער געוואָרן זיין „רוסקאיא רעטש״ אין 4 טיילן, לערן־ביכער פאַר די יידישע שולן. די „רוסקאיא רעטש״ איז איבערגעדרוקט געוואָרן אין צענדליקער אויפלאַגעס. וואָלפער האָט אויך פאַרפאַסט אַ רוסישע גראַמאַטיק אין טאַבליצעס, וואָס האָט באַקומען דעם אַלגעמיין באַקאַנטן נאָמען „טאַבליצי וואָלפּעראַ״. עס איז ניט געווען כמעט קיין יידיש קינד אין געוועזענעם תחום־המושב, וואָס האָט ניט געלערנט וואָלפערס „רוסקאיא רעטש״ און די „טאַבליצעס״.

מיכאיל וואָלפערס „רוסקאיא רעטש״ האָט מען אַפילו געלערנט אין דער רוסישער שול אין קאָנסטאַנטינאָפּאָל.

דער צווייטער יידישער לערער איז געווען ה׳ לאַזאַרעוו, — אַ שטילער און העכסט אינטעליגענטער ייד, אַ שטאַרק געבילדעטער. ער האָט זייער גוט געקענט די רוסישע ליטעראַטור. איך דערמאָן זיך ווי ער האָט פאַר אונדז איינמאָל געהאַלטן אַ לעקציע וועגן רעליגיע, און אָנגעשלאָגן אין אַ העכסט־סענטימענטאַלן טאָן, ווען ער האָט ציטירט לערמאָנטאָווס „מאָליטוואַ״, אונטערשטרייכנדיק די שורות: „אַי ווערִיטסיאַ, אַי פּלאַטשעטסיאַ, אַי טאַק לעכקאָ, לעכקאָ!״ — עס גלייבט זיך און עס וויינט זיך, און אויף דער נשמה ווערט אַזוי גרינג, אַזוי לייכט...

אין יענער צייט האָבן מיר געהאַט אַ באַרימטן לערער פון געשיכטע מיטן נאָמען מעדוועדיעוו. חברה האָט געוואוסט, אַז ער איז אַ געשמדטער, און אַז זיין אמתער נאָמען איז געווען בערמאַן. ער האָט זיך „אָפּגעטובלט״, כדי צו קריגן אַ העכערע שטעלע, און וואו איז אים באַשערט געווען צו קריגן אַזאַ שטעלע? ניט אין אַ רעגירונגס־גימנאַזיע, אָדער רעאַל־שול אָדער האַנדלס שול, נאָר דווקא אין יידישן לערער־אינסטיטוט. מיר, אינסטיטוטשיקעס, האָבן געוואוסט וועגן אים אַלץ, אָבער ריידן „צו הויך״ וועגן זיין שמד האָט מען ניט געטאָרט... אַ לערער איז ער געווען „פאַר עקסעלענץ״, און זיינע לעקציעס פון געשיכטע פון אַלטערטום, איבערהויפּט וועגן

דער גריכישער מיטאָלאָגיע, וועגן דעם אַמאָליקן רוים און אַנדערע עפּאָכעס, זיינען געווען אויסגעצייכנט...

אַלע לערער, איינשליסנדיק די 2 יידן, זיינען געווען רוסישע פּאַטריאָטן און האָבן געדינט דעם קיסר מיט אַלע זייערע רמ״ח איברים ושס״ה גידים, ווייל די רעגירונג האָט גוט מקפּיד געווען אויף די לערער און תּלמידים פון לערער־אינסטיטוט...

לאָמיר דאָ פאַרצייכענען אין קורצן די סיבות, וואָס האָבן אַרויסגערופן צום לעבן די גרינדונג פון דעם לערער־אינסטיטוט אין יאָר 1873. פאַקטיש האָט די רעגירונג געגרינדעט דעם סאַמע ערשטן אינסטיטוט פאַר ראַבינער און לערער אין וואַרשע; אין די יאָרן 1826 און 1844 — זיינען אין ווילנע און זשיטאָמיר געעפנט געוואָרן ראַבינער־שולן, וועלכע זיינען געווען די „פאָרגייער" פון די לערער־אינסטיטוטן ביזן יאָר 1873. אָבער דער זשיטאָמירער לערער־אינסטיטוט האָט זיך אין יאָר 1885 פאַרמאַכט, און זינט יענעם יאָר איז פאַרבליבן דער איינציקער יידישער לערער־אינסטיטוט פאַר גאַנץ רוסלאַנד אין ווילנע.

דער לערער־צוזאַמענשטעל איז לכתּחילה באַשטאַנען פון ניינציק פּראָצענט — ניט־יידן. בלויז די יידישע קעגנשטאַנדן, און אָפּטמאָל מאַטעמאַטיק, זיינען אָנפאַרטרויט געוואָרן יידישע לערער. דער יידישער אינספּעקטאָר האָט געוויינטלעך אונטערריכטעט די ביבל און העברעאיש, און געהאַט, אַזוי צו זאָגן, די „השגחה" איבער די תּלמידים, וואָס האָט דערמאָנט אין אַ געוויסער מאָס די משגיחים אין די אַלטע ישיבות... די צאָל לעקציעס פאַר די יידישע קעגנשטאַנדן פלעגט געוויינטלעך זיין אַ דריטל פון דער אַלגעמיינער צאָל אונטערריכטס־שטונדן. דאָך איז דער יידיש־העברעאישער „באַגאַזש" פון די אינסטיטוטשיקעס ניט געווען „צו־גרויס", און די ווילנער קהלה־לייט, וואָס זייער גרעסטער טייל איז געווען אַ העכסט־געבילדעטער, אַ משכּילישער, האָט ניט פיל געהאַלטן פון העברעאיש, וואָס דער אינסטיטוט גיט זיינע שילער. און לאָמיר דאָ טאַקע צוגעבן: עס איז געווען אַן אַסימילאַטאָרישער צוגאַנג צו די יידישע לימודים, און די לערער, וואָס פלעגן אַרויסקומען פון אינסטיטוט, און האָבן געקראָגן מעשענע קנעפּ אויף די מונדירן, זיינען אויך געווען היפּשלעך אַסימילירט, האָבן ניט געוואָלט ריידן קיין וואָרט יידיש, און זיך באַטראַכט, צום גרעסטן טייל, ווי אמתע „טשינאָווניקעס". דערפאַר אָבער זיינען זיי אַלע געווען גוטע „רוסאַקעס", געקענט רוסיש פיל בעסער, ווי געבוירענע רוסן.

די צאָל גראַדואירטע יעדעס יאָר איז ניט געווען גענוג, צו קאָנען פאַרפילן אַלע ליידיקע לערער־שטעלעס, וואָס זיינען געווען לרוב אין צפון־מערב פון רוסלאַנד.

דער מאַנגל אין לערער איז ענדלעך געוואָרן אַזוי גרויס, אַז די יידישע פירערשאַפט אין רוסלאַנד, הויפּטזעכלעך די „געזעלשאַפט פאַר פאַרשפּרייטן בילדונג און וויסנשאַפט צווישן יידן", האָט זיך געזען געצוואונגען צו עפענען באַזונדערע לערער־קורסן אין גראָדנע, צוצוגרייטן נייע קאַדרען לערער, הגם מיט ניט אַזאַ הויכן ניוואָ, ווי דער לערער־אינסטיטוט אין ווילנע האָט אַרויסגעגעבן. נאַטירלעך, האָבן אויך די גראָדנער לערער־קורסן אַרויסגעגעבן טאַלאַנטפולע און באַגאַבטע לערער, מענטשן מיט אַ סך וויסן, אָבער דאָס זיינען שוין געווען איינצלנע, יחידים.

ערשטנס, איז דער קורס אין גראָדנע געווען נאָר אַ 2־יאָריקער, בעת אין ווילנע — אַ פיר־יאָריקער. צווייטנס, די רעגירונג האָט די גראָדנער קורסן ניט געשענקט אַזאַ אויפמערקזאַמקייט, און זיי ניט אויסגעהאַלטן אויף איר רעכענונג, ווי דאָס איז געווען דער פאַל מיטן אינסטיטוט. די גראָדנער קורסן זיינען אייגנטלעך געגרינדעט געוואָרן לויטן סטאַטוט פון 31־טן מערץ 1900, וואָס דאָס בילדונגס־מיניסטעריום האָט דאַן בכלל באַשטימט פאַר אַזעלכע לערער. אין יאָר 1910 האָט די צאַרישע רעגירונג אַוועקגענומען אַפילו די קליינע רעכט און פּריווילעגיעס פון די גראָדנער לערער־קורסן. די גראַדואירטע פון די דאָזיקע קורסן זיינען געווען געצוואונגען צו האַלטן צוגאָב־עקזאַמענס ביי די שטאָטישע שולן, כּדי צו קריגן אַ לערער־צייגעניש...

פונדעסטוועגן איז גענוג שווער געווען אָנצוקומען אויף די גראָדנער לערער־קורסן. עס איז אינטערעסאַנט דער פאַקט, אַז אין יאָר 1910 זיינען פון 72 קאַנדידאַטן צוגענומען געוואָרן נאָר 31, ווייל די איבעריקע האָבן ניט באַוויזן אויסצוהאַלטן געהעריק דעם עקזאַמען... אין דעם זעלבן יאָר האָבן גראַדואירט פון די גראָדנער קורסן 26 לערער, און דאָס האָט געקאָסט דער „געזעלשאַפט פאַר פאַרשפּרייטן וויסנשאַפט" די סומע פון 28.000 רובל, פון וואָס אַ העלפט פון דער סומע איז געגעבן געוואָרן אַלס סטיפּענדיעס די אומפאַרמעגלעכע סטודענטן. די זעלבע געזעלשאַפט האָט אויך סובסידירט אַ צאָל סטודענטן, וואָס האָבן געלערנט אין פראַנקפורט אָ/ מיין אין דאָרטיקן לערער־סעמינאַר. דער חילוק צווישן די שילער אין אינסטיטוט און אויף די „קורסן" איז באַשטאַנען אין דעם, וואָס די לעצטע האָבן געדאַרפט האָבן אַ גרעסערע ידיעה אין יידיש און העברעאיש. געוויינטלעך פלעגט זיך די געזעלשאַפט אָפּגעבן מיט אירע אַבסאָלווענטן, געפינען פאַר זיי שטעלעס און זען זיי איינצואָרדענען אין לעבן.

אין יאָר 1910 האָט די געזעלשאַפט זיך געווענדעט צו דער רעגירונג מיט אַ בקשה צו דערלויבן עפענען נאָך אַזעלכע קורסן, אָבער זי איז אָפּגעזאָגט געוואָרן, הגם די רעגירונג האָט ניט געדאַרפט ביישטייערן אַ גראָשן פון איר קאַסע...

אין ליכט פון דער צאַרישער באַציאונג צום ענין „יידישע דערציאונג" זעט מען קלאָר, אַז די רעפאָרם פון בילדונג האָט די רעגירונג איינגעפירט נאָך אין יאָר 1840, ווען זי האָט זיך געשטעלט פאַר אַ ציל צו ענדערן דעם רעליגיעז־געזעלשאַפטלעכן סטאַטוס פון יידישן לעבן, און אין סך־הכּל — אויסוואָרצלען דעם יידישן אַלטן לעבנס־שטייגער, ריכטיקער געזאָגט — דעם יידישן פאַנאַטיזם. דאָס האָט געפירט צו דעם, אַז ראשית־כּל האָט

די רעגירונג באַשלאָסן צו שאַפן אַנטשפּרעכנדיקע לערער פאַר די רעגירונגס־שולן פאַר יידישע קינדער, און גלייכצייטיק — ראַבינער־שולן, אַרויסצוגעבן די אַזוי גערופענע „קאַזיאָנע ראַבינער", וועלכע זאָלן זיין פאַרמיטלער צווישן דער יידישער באַפעלקערונג און דער רעגירונג...

דער ענין פון ענדערן דעם דערציאונגס־וועזן, צוצוגרייטן סיי לערער, סיי רבנים, איז אָנפאַרטרויט געוואָרן דעם דעמאָלטיקן בילדונגס־מיניסטער אואוואַראָוו, וועלכער האָט זיך דערמיט קיין עצה ניט געקאָנט געבן. ער האָט באַרעכנט, אַז עס וועט קאָסטן אַ סך ביליקער איינצולאַדן פון דייטשלאַנד, אָדער בכלל פון אויסלאַנד פאַרטיקע לערער און רבנים, און איבערלאָזן די פראַגע אָפן אויף אַ געוויסער צייט. דער עיקר האָט געשראָקן דעם רוסישן מיניסטער דאָס, וואָס די רבנים־שול (ראַבינער־סעמינאַר), געעפנט אין וואַרשע אין יאָר 1826, האָט ניט דערגרייכט דעם ציל, אויך אַנדערע פּרואוון אויף דעם געביט פון לייזן די דערציאונגס־פראַגע פאַר יידן, זיינען געבליבן פּרוכטלאָז. אויב ווידער מען זאָל פאַראייניקן לערער־סעמינאַרן מיט ראַבינער־סעמינאַרן, וואָס זשע זאָל זיין דער קורס, דער קוריקולום פון אַזעלכע לערן־אַנשטאַלטן ?...

דער פינאַל איז געווען, אַז דאָס איינלאַדן לערער און ראַבינער פון אויסלאַנד האָט זיך אַרויסגעוויזן פאַר אַ מער קאָמפּליצירטערן ענין, ווי דאָס שאַפן אייגענע אַזעלכע אינסטיטוטן.

אַ גרויסע בילדונגס־קאָמיסיע, מיט פאָרשטייער פון יידישן צד, ווי ר' מענדל לובאַוויטשער און ר' יצחק וואָלאָזשינער, האָט באַשלאָסן, אַז אין אַזאַ קערפּערשאַפט, וואָס ווערט אָנפאַרטרויט אַ קריסטלעכן אינספּעקטאָר, מוז זיך געפינען כאָטש איין ייד.

דער פּלאַן איז געווען, אַז אין די סעמינאַרן זאָל די מאָראַלישע השגחה אָנפאַרטרויט ווערן דעם רעקטאָר, און אָפּהיטן די געזעצן פון דער יידישער רעליגיע זיינען פאַרפליכטעט ניט נאָר די תלמידים, נאָר אויך די לערער און מדריכים... דעם קאָמיטעט האָט ניט געשמעקט דער דאָזיקער פּלאַן, ווייל ער האָט הויפּטזעכלעך געצילט אויסצואַרבעטן דעם קוריקולום פאַר וואָרצלדיקער דערציאונג און קערנדיקער אויסבילדונג פון יידן...

מיניסטער אואוואַראָוו האָט איינגעזען, אַז מען קאָן ניט פאַרגרעסערן דעם סכום פון וועלטלעכע לימודים און קעגנשטאַנדן אין די רבנים־סעמינאַרן, וואָס זאָל ניט זיין אין סתירה מיט דער יידישער קאָמיסיע, וועלכע האָט געמאָלדן, אַז „דער אונטערריכט פון סעקולאַרע קעגנשטאַנדן אין די העכסטע רבנישע שולן איז קעגן דעם יידישן דין",— האָט ער דעריבער באַשלאָסן, אַז לויט דער פאַראָרדענונג פון יאָר 1844, זאָלן געשאַפן ווערן ראַבינער־שולן, צוצוגרייטן רבנים לויטן יידישן דין, און לערער פאַר די יידישע שולן, און אויסגלייכן זייער קוריקולום מיט דעם קורס פון גימנאַזיעס.

די סטודענטן פון דער ראַבינער־שול האָבן געניאָסן פון די זעלבע פּריווילעגיעס, ווי די פון אַנדערע מיטלשולן, און האָבן געקאָנט ווערן לערער אין די יידישע אָנפאַנגס־שולן. אין דער ראַבינער־שול האָבן יידישע לערער געהאַט צו טאָן נאָר מיט יידישע לימודים, אָנגעפירט פון דעם אינספּעקטאָר פון דער שול און אַלע אַנדערע לימודים זיינען געלערנט געוואָרן פון קריסטלעכע לערער. עס איז אויך קלאָר געווען, אַז די 4 יאָר לערנען אין ראַבינער־שול, זיינען געווען גלייך צו די לעצטע 4 יאָר אין די גימנאַזיעס.

די געענדיקטע פון דער ראַבינער־שול פלעגן באַקומען אטעסטאַטן אַלס קאַנדידאַטן אויף ראַבינער. דאָס איז געוואָרן דער יסוד פון די צוויי ראַבינער־שולן, אין זשיטאָמיר און אין ווילנע, וואָס זיינען פאַקטיש געעפנט געוואָרן, ווי פריער באַמערקט, אין יאָר 1847, מיט פאָרבערייטונגס־קלאַסן אין ביידע אַנשטאַלטן. אין דער ווילנער ראַבינער־שול זיינען אַריינגענומען געוואָרן דאָס ערשטע יאָר 44 תלמידים, און אין זשיטאָמירער — 23. פון די גראַדואירטע זיינען שפּעטער אייניקע אָנערקענט געוואָרן פאַר „געלערנטע יידן" (אוטשאָניע יעווריי).

דאָס האָט אָבער ניט געזיכערט דעם פּרעסטיזש פון די „מוסמכים", אויף וועלכע די רעגירונג האָט געקוקט ווי אויף עפּעס ניט פולשטענדיק „זיכערע", און אויך די יידישע קרייזן האָבן באַטראַכט די אַבסאָלווענטן, אַז זיי זיינען ניט ווי געהעריק צוגעגרייט פאַר קאַזיאָנע ראַבינערס, און ניט גענוג מסוגל אויסצופירן אַזאַ קאָמפּליצירטן אַמט, וואָס דאַרף דינען פאַר אַ בריק צווישן דעם יידישן קהל און דער רעגירונג... די יידן האָט זיך געדוכט, אַז די געענדיקטע קענען פיל מער „גוייש" ווי יידיש...

אין ווילנער ראַבינער־שול האָבן דאַן אונטערריכטעט הירש קאַצענעלבאָגען (תלמוד), וועלכער איז געווען איינער פון די פּיאָנערן פון יידישער אויסבילדונג אין ליטע. ער איז געבוירן געוואָרן אין ווילנע, און דאָרט געשטאָרבן אין יאָר 1868 אין עלטער פון 72 יאָר. ער איז געווען איינער פון די גרעסטע משכילים פון זיין דור. ווען אַלעקסאַנדער דער ערשטער האָט אין יאָר 1820 באַזוכט ווילנע, האָט קאַצענעלבאָגען אים צוגעטראָגן אין נאָמען פון דער ווילנער קהלה אַן אָדע א. נ. „שיר תפילה", וואָס איז אָפּגעדרוקט געוואָרן אין אַ רוסישער איבערזעצונג. ער האָט אויך געשפּילט אַ גרויסע ראָל אין דער צייט, ווען משה מאָנטעפיאָרע און ליליענטאַל האָבן אין די פערציקער יאָרן פון פאָריקן יאָרהונדערט באַזוכט ווילנע. ער איז פאַרבליבן אינספּעקטאָר פון ראַבינער־שול ביזן סוף פון זיין לעבן...

אויסער די אַנדערע יידישע לערער איז אין דער ראַבינער־שול געווען טעטיק אויך שמואל יוסף פין, וועלכער איז געווען דער קרייז־אינספּעקטאָר פון די יידישע שולן אין ווילנער גובערניע. ער האָט אויך געהאַט דעם אויפזיכט איבער די קינדער פון ניט־יידישן גלויבן אין די עלעמענטאַר־שולן.

אין יאָר 1858 האָט דער צאַר אַלעקסאַנדער דער 2־טער באַזוכט דעם ראַבינער־אַנשטאַלט, כדי צו איבער־

צייגן זיך צי עס זיינען ריכטיק די מסירות, אַז יידן פאַרשפּרייטן דעם תלמוד מיט דעם באַוואוסטזיין פון אַן „אתה בחרתנו"־פאָלק...

די יידישע מאַסן האָבן באַטראַכט די גראַדואירטע פון ראַבינער־שול פאַר אַפּיקורסים, פאַר רעגירונגס־טשינאָווניקעס, און איבערהויפּט פאַר אָפּגעפרעמדטע פון די יידישע אינטערעסן... עס איז אויך געווען אַ גרונט פאַר אַזאַ נעגאַטיווער באַציאונג: פיל פון די גראַדואירטע פלעגן ריידן מיט ביטול וועגן אַלטע יידישע טראַדיציעס און מנהגים. פלעגן, נאַטירלעך, אַזעלכע „מוסמכים" ניט אויסגעקליבן ווערן פון די פרומע קהילות אַלס קאַזיאָנע ראַבינער. אַפילו די, וואָס פלעגן קריגן אַזעלכע שטעלעס, האָבן זיך אויך זייער אָפט געפילט אומבאַקוועם, ווייל אָפיציעל האָבן זיי רעפּרעזענטירט די רוסישע רעגירונג און אירע פאַרשריפטן, בעת שכירות האָבן זיי באַקומען פון די קהילות, וואָס זיינען ניט געווען צופרידן מיט אַזעלכע קאַזיאָנע באַאַמטע...

דאָס האָט מיט דער צייט אָפּגעשוואַכט דעם „אַפּעטיט" פון קאַנדידאַטן צו שטודירן אויף קאַזיאָנע ראַבינער, ניט געקוקט אויף דער פּריווילעגיע פון פריי זיין פון מיליטער־פליכט.

די געענדיקטע, וואָס האָבן קיין ראַבינער־שטעלעס ניט באַקומען, האָבן געמוזט גיין אין מיליטער, אויב זיי האָבן קיין אַנדערע פּריווילעגיעס ווי ווייטערדיקער סטודיום אין אוניווערזיטעט, אָדער עפּעס אַנדערש... ניט געהאַט. צוליב אָט־דעם אומבאַשטימטן מצב פון די גראַדואירטע, האָבן געוויסע יידישע שתדלנים זיך געווענדט צו דער רעגירונג מיט אַ ביטע, אַז ראַבינערס זאָלן ניט דאַרפן געקליבן ווערן פון די קהילות, נאָר באַשטימט ווערן פון דער רעגירונג מיט אַ געוויסער שכירות.

אין יאָר 1862 איז אַרויס אַ געזעץ אויסצוטיילן הילף צווישן 75—100 רובל פאַר געענדיקטע ראַבינער, אָדער מיטן טיטל „לערער".

דאָס האָט פאַרבעסערט די מערכה פון די ראַבינער און זייער צאָל איז געוואַקסן, כאָטש די אויסזיכטן אויף אַ גוטער שטעלע זיינען ניט בעסער געוואָרן... אַ געזעץ צוצולאָזן גראַדואירטע פון ראַבינער־שול צו די אוניווערזיטעטן, מיט אַ צוגאָב־עקזאַמען אין לאַטיין און פראַנצויזיש, האָט שוין אייגנטלעך עקזיסטירט זינט דעם יאָר





1856. דאָס באַווייזט, אַז די צאַרישע רעגירונג האָט געגלויבט אין די פעאיקייטן פון אַזעלכע גראַדואירטע, און אַ צאָל סטודענטן איז טאַקע אַריבער אין די אוניווערזיטעטן.

בסך־הכל האָט די ווילנער ראַבינער־שול — אין די יאָרן 1863—1864 ביזן יאָר 1872—1873 — אַריינגענומען 1050 קאַנדידאַטן, דורכשניטלעך צו 105 יערלעך. די ראַבינער־שולן האָבן אָפיציעל עקזיסטירט ביזן יאָר 1873, ווען זיי זיינען פאַרוואַנדלט געוואָרן אין יידישע לערער־אינסטיטוטן.

דאָס איז די פאָרגעשיכטע פון די לערער־אינסטיטוטן אין ווילנע און זשיטאָמיר, און ווייזט, ווי די צאַרישע רעגירונגען האָבן זיך שטאַרק געראַנגלט מיט דעם פּראָבלעם, ווי צו באַזאָרגן יידישע לערער פאַר יידישע תלמידים אין די אָנפאַנגס־שולן אין גאַנצן תחום המושב... דער ווילנער לערער־אינסטיטוט איז שפּעטער־צו געוואָרן דער איינציקער אַנשטאַלט, וואָס האָט צוגעגרייט יידישע רעגירונגס־לערער, די שפּעטערדיקע וועגווייזער, מחנכים און מוסטערהאַפטע לערער פון יונגן יידישן דור...

ווילן מיר ביי דער געלעגנהייט דערמאָנען בלויז אייניקע פינקלענדיקע שטערן אויפן יידישן האָריזאָנט, וואָס זענען אַרויסגעקומען פון דעם ווילנער יידישן לערער־אינסטטוט: אב. קאַהאַן, לעוואַנדע, א. י. פּאַפּערנאָ, י. ל. קאַנטאָר, שמואל יוסף פין, קאַצענעלבאָגען, אייזיק מאיר דיק, שלמה באַסטאָמסקי און פיל אַנדערע, וועלכע האָבן מיט זייער וויסן און דענקען געשאַפן אַ מין אייגנאַרטיקן „נוסח ווילנע", וואָס איז פאַרבליבן אויף אייביקע צייטן אין דער פּסיכיק פון יידישן פאָלק, כאָטש די אַמאָליקע ווילנע עקזיסטירט ניט מער און וועט שוין קיינמאָל מער ניט אויפקומען...

אויב די ווילנע־של־מטה איז אַוועקגענומען געוואָרן פון אונדזער פאָלק, וועט אָבער די ווילנע־של־מעלה, די גייסטיקע, קיינמאָל ניט פאַרגעסן ווערן פון קיינעם, וואָס האָט נאָר געלעבט און געאָטעמט אין ווילנע אַ געוויסע צייט, ווי דער שרייבער פון די שורות, וואָס בלאָנדזשעט שוין אויף דעם ערד־קיילעך היפּשע צענדליקער יאָרן, און גלויבט באמונה שלמה, אַז ער טראָגט אין זיך אַ ניצוץ פון דער ווילנער יידישער נשמה, צי דאָס איז די אַלטע משכילישע ווילנע, צי די „יונג ווילנע", וואָס האָט זיך אין די שפּעטערע יאָרן אויסגעפּיקט, און אַריינגעבראַכט אַ נייעם טאָן אין דער יידישער ליטעראַטור און אין דעם טעאַטער.

א. גאָלאָמב

# שעפער און בויער פון שול־וועזן אין ווילנער פּראָווינץ

## (נאָטיצן פון זכרון)

דער אונטערגאַנג פון די קליינע שטעטלעך אין ווילנער געגנט האָט זיך אָנגעהויבן אַ לאַנגע צייט פריער נאָך פאַר דער ערשטער וועלט־מלחמה. די אויסגעבעסערטע וועגן האָבן נענטער געמאַכט די שטעטלעך און די דערפער צו דער גרעסערער שטאָט, דער פּריצישער הויף האָט זיך באַפרייט פון דעם יידישן פאַכטער, די קרעטשמע האָט פאַרלאָרן איר טראַדיציאָנעלע ראָל אויף די וועגן פון ליטע, די אַלטע פּאָסט מיט די פערד איז אונטערגעגאַנגען, אין די שטעטלעך האָבן זיך געעפנט גוישע קראָמען, אין די דערפער האָבן זיך איינגעאָרדנט גוישע בעלי־מלאכהס — שמידן, שניידער, שוסטער. יידישע פּרנסות זיינען איינגעשרומפּן געוואָרן, די יוגנט האָט גענומען בענקען נאָך דער גרויסער שטאָט; אַמעריקע איז געשטאַנען אָן אָפענע, קיינע וויזעס. אַזוי אַרום האָבן זיך שטעטלעך אויסגעליידיקט. וואָס קלענער דאָס שטעטל, אַלץ גיכער איז דער פּראָצעס פאָרגעקומען. דער חדר האָט נישט געקאָנט זיך צופּאַסן צו די נייע באַדינגונגען און איז גיך אונטערגעגאַנגען.

עס האָט זיך אָנגעהויבן אַ ויצעקו, בריוו און ווענדונגען צו אָרגאַניזאַציעס אין ווילנע. אַז איך פלעג קומען אויף יום־טוב אַהיים צו מיינע עלטערן, פלעגן מיך די שטעטלשע יידן באַפאַלן מיט טענות: „ביסט אַן אונדזעריקער, — און אַ לערער זיין פאָרסטו אין מרחקים, און אונדזערע קינדער וואַקסן פּויערים״... אום חול־המועד פּסח 1912 איז געקומען צו מיר אַ דעלעגאַציע פון צוויי שירווינטער יידן, איך זאָל דאָרטן אָרגאַניזירן אַ שול. אין אייניקע שטעטלעך זיינען טאַקע אָרגאַניזירט געוואָרן קליינע שולן און שולכעלעך מיט מאָדערנערע לערער. אין ווילנע, לעבן דעם שולהויף, איז געווען אין יענע צייטן אַ „לערער־בירזשע״. אַהין פלעגן זיך ווענדן ישובניקעס, קליינע ישובים נאָך אַ לערער. די לערער זיינען געווען „עקסטערנס״ (ישיבה בחורים וואָס האָבן זיך גענומען צו וועלטלעכער בילדונג און געלערנט אַליין כדי זיך צו עקזאַמינירן שפּעטער), וואָס פלעגן פאָרן אויף אַ זמן צי צוויי אויף אַ „קאָנדיציע״ אין אַ דאָרף, צי אין אַ שטעטל אָפּעסן אַ ביסל, אָנקלייבן אַ פּאָר גראָשן אויף ווייטער. צווישן די קאָנדיציע־לערער זיינען געווען אַ סך טויגעניכצן, אָבער אויך אַזוינע וואָס האָבן זיך שפּעטער דערוואָרבן אַ נאָמען ביי יידן.

ווי אַ מאַסן־דערשיינונג זיינען די שולן אויסגעוואַקסן אין די שטעטלעך פון ווילנער פּראָווינץ אין מיטן דער ערשטער וועלט־מלחמה, אין דער זעלביקער צייט אייגנטלעך ווען עס זיינען אויפגעקומען די יידישע שולן אויך אין רוסלאַנד (איבערהויפּט מיט די קינדער פון די „בעזשענצעס״ — די וואָס דער צורר ניקאָליי ניקאָלאַיעוויטש האָט אַרויסגעטריבן פון מלחמה־ראַיאָן), אַזוי אויך אין פּוילן אונטער דער דייטשישער אָקופּאַציע. עס איז אויף דעם גאַנצן געביט פון דעם געוועזענעם תחום־המושב אויפגעקומען אַ קאָכיקע באַוועגונג פון יידישער שול־בויאונג. דער אידעאַל פון יידישע לערער פון אָנהייב דעם יאָרהונדערט אָן איז מקוים געוואָרן. אויך די קליינע שטעטלעך פון ווילנער געגנט האָבן פון דער באַוועגונג גענאָסן.

איך קאָן ניט שרייבן קיין גענויע געשיכטע פון דעם אויפקום פון די שולן אין דער ווילנער פּראָווינץ, ווייל מיין אַרבעטס־פּלאַץ איז דעמאָלט געווען רוסלאַנד און אוקראַינע, און פון ווילנע זיינען מיר געווען אָפּגעריסן; די הויפּט־שעפער און אַקטיווע טוער אויף דעם געביט זיינען אַלע, דאַכט זיך, אומגעקומען מיט דעם יידישן ישוב אין דער פּראָווינץ. צי זיינען געבליבן מאַטעריאַלן ערגעץ, ווייס איך ניט. קאָן איך בלויז פאַרצייכענען דאָס, וואָס איך ווייס פון דער צייט ווען איך האָב זיך אומגעקערט צוריק קיין ווילנע, ד. ה. אין אָנהייב 1922.

איך האָב אָנגעשריבן אויבן די ווערטער „שעפער און בויער פון שול־וועזן״, און קאָן ניט גיין ווייטער, ניט צו דערמאָנען דעם הייליקן נאָמען פון אַ באַשיידענעם דונילאָוויטשער בחור, אורי קליאַנסקי ז״ל, שפּעטער אַ מיטאַרבעטער אין דער יידישער באַנק אין ווילנע, אַן אויפזעער איבער די קליינשטעטלדיקע ליי־ און שפּאָר־קאַסעס, וואָס האָט זיין לעבן אַוועקגעגעבן פאַר אָט די שולן פון דער פּראָווינץ. אַ שטילער, באַשיידענער פאָלקסמענטש, ניט קיין רעדנער און ניט קיין כיבודים־זוכער, איז ער די גאַנצע יאָרן, וואָס די ווילנער פּראָווינץ האָט געהאַט שולן, געווען די נשמה פון די שולן.

קליאַנסקי איז געווען אַלע אָונט אין ביוראָ פון דער פּראָווינצער שול־אָרגאַניזאַציע. קליאַנסקי גייט אַרום צעטראָגן, רויכערט אַ סך, איז אויפגערעגט: זיכער איז אָנגעקומען אַ שלעכטער בריוו פון אַ שטעטל; קליאַנסקי לאַכט — אוודאי אַ גוטער גרוס פון אַ שול. מען פלעגט זאָגן: גאָט! וואו וואַקסן אַזוינע קליאַנסקיס און צי וועלן מיר נאָך האָבן אַזעלכע?

דער פאָרזיצער פון דער דאָזיקער „צענטראַלער שול־אָרגאַניזאַציע פאַר דער ווילנער פּראָווינץ״ איז געווען, דאַכט זיך, די גאַנצע צייט ניט אורי קליאַנסקי, נאָר

דער ווילנער לערער ברוך לובאָצקי ז"ל, וואָס איז אויך אומגעקומען מיט זיין גאַנצער משפחה. זיינע צוויי זין — ווי פּאַרטיזאַנער.

לכתחילה האָט געהאָלפן די אָרעמע שטעטלעך אויפצוהאַלטן זייערע שולן די „יעקאפא" (אַ רוסישער ראשי־תיבות. פון די ווערטער „יידישער קאָמיטעט צו העלפן די מלחמה־געליטענע"); שפּעטער פלעגט מען פון צייט צו צייט אויסווײַנען אַ סובסידיע פון דעם דזשאָינט, און דאָס איבעריקע... פלעגט מען זיך מאַטערן. אין די גאָר קליינע שטעטלעך האָבן זיך די שולן ניט לאַנג געהאַלטן: שרעקלעכע אָרעמקייט, קנאַפּ קינדער פאַר אַ שול, מאַנגל אין לערער וואָס זאָלן וועלן זיך פאַרקלייבן אין אַ העק מיט אַ פּאָר מנינים יידן, און ועל כולם — נגישות פון דער „דעמאָקראַטישער" פּוילישער מאַכט, זאָל איר מיין וואָרט נ י ט צו גרינג זיין אין איר קבר. דערצו איז נאָך צוגעקומען די ליבהאַרציקע מחלוקת — יידיש־העברעאיש: ציש"אָ (צענטראַלע יידישע שול־אָרגאַניזאַציע) און „תרבות". אַלץ צוזאַמען האָט אונטערגעשניטן די יאָרן פון אייניקע שולן און אָנגעמאַכט גענוג צרות די אַנדערע, שטאַרקערע שולן אין גרעסערע שטעטלעך.

פאַרשיידן איז געווען דער אויסזען און דער אינהאַלט פון אָט די שולן:

ווען איך בין אַראָפּגעקומען פון קיעוו, וואו די יידישע שולן זיינען דעמאָלט געווען מלוכהשע, רייך באַזאָרגט מיט גוטע לערער, אַ סעמינאַר אאז"וו, קיין ווילנע, האָט מען מיך געבעטן צופאָרן קיין לאַנדוואַראָווע אינספּעקטירן די שול. מען מוז פאָרן מיט אַ פור — די באַן איז נאָך געווען צעשעדיקט. געקומען אַריין אין שטעטל מיט ברילן און מיט אַ טעקע, האָב איך גלייך דערהערט פון אַלע זייטן:

— אוי, מאַמעלעך, אַ דעלעגאַט! (פון אַמעריקע)...

און מען איז גלייך באַפאַלן דעם כלומרשטן דעלעגאַט, וואָס ברענגט מן־הסתם אַמעריקאַנער דאָלאַרן פאַר קרובים... אַזאַ אַנטוישונג, נעבעך! מיר איז באַלד אויסגעקומען צו הערן ווי אַ מאַמע שרייט אויפן לערער דורכן פענצטער, פאַר וואָס ער מאָנט שכר־לימוד, און מיר איז שפּעטער געווען פריקרע צו קריטיקירן דעם לערער און זיינע מעטאָדן: ער האָט שוין גענוג אָן מיר...

אַזוינע שולן זיינען גיך אונטערגעגאַנגען. אין דער גאַנצער ווילנער פּראָווינץ האָבן עקזיסטירט אַרום צוואַנציק פעסטערע שולן אין גרעסערע שטעטלעך. איך געדענק די שולן וואָס מיר איז אויסגעקומען צו באַזוכן: נייַ־ווילייקע, נייַ־סווענציאַן, שטאָט סווענציאַן (אַ שטיקל צייט האָט דאָרט אויך עקזיסטירט אַ יידישע גימנאַזיע), דוקשט, אינגאַלינע, ווידז, אָשמענע, פּאָסטאַוו, דונילאָוויטש, הייַדוצישאָק, לידע, איוויע, באַראַנאָוויטש, האָראָדיטש. עס זיינען אָבער געווען שולן נאָך אין אַנדערע שטעטלעך, וואָס איך קאָן זיך ניט דערמאָנען.

אַ טייל שולן האָבן געהאַט אייגענע געבײַדעס. עס



איז געגאַנגען אַ ווערטל: אַ שול האָט ניט פון וואָס צו צאָלן דירה־געלט, — בויט מען אַן אייגענע געבײַדע. איין עפּיזאָד פון דעם מין וועל איך קיינמאָל ניט פאַרגעסן.

איך בין געפאָרן באַזוכן די שול אין דונילאָוויטש, וואו עס איז פאָרגעקומען עפּעס אַ סיכסוך און מען האָט געדאַרפט פאַרמיטלען פון צענטער. וואו זשע נעמט מען אָבער אויף הוצאות־הדרך? — ווערט דער וואָס פאָרט שוין, פאַר איין וועגס, האַלטן שבת־צו־נאַכטס אַ רעפעראַט, און דאָס וועט דעקן די הוצאות פון באַן און פורן. קיין האָטעלן דאַרף ניט אַ ווילנער ייד צווישן יידן, און עסן — איז מען דאָך עפּעס אַ גאַסט, און מען ווערט ניט פאַרפאַלן... דערפאַר האָבן אַלע אַזוינע באַזוכן געדאַרפט אַריינגעמען אַ שבת.

פאָר איך פון ווילנע אַרויס מיט דער באַן דאָנערשטיק ביינאַכט ביז דוקשט כדי ווייטער צו פאָרן מיט אַ פור פינף מייל אין גוטע בלאָטעס ביז דונילאָוויטש. קומט די באַן אַראָפּ קיין דוקשט אין מיטן נאַכט, עס רעגנט, אָבער אויפן פּעראָן דרייען זיך אַרום מענטשן אין שעפּסענע פעלצלעך מיט הילצערנע לאַמטערנעס אין די הענט.

— איר זייט גאָלאָמב? טאָ קומט מיט אונדז.

אין דער הויפּט־גאַס איז אַ בלאָטע, אַז אָן לאַנגע שטיוול קאָן מען ניט דורכגיין, פירט מען מיך איבער גערטנער, איבער פּלויטן, און מיר קומען אַרויס פון דער צווייטער זייט שטעטל צו אַ הילצערנער געבײַדע, וואָס האַלט זיך נאָך אין בויען. אַ לעמפּל שמעלקלט אינעווייניק, און אַ הובל הערט זיך אַרבעטן... אין מיטן נאַכט.

— דאָס איז אונדזער שול.

און מען פירט מיך אַריין אין די רויע ווענט פול מיט שפּענער און סטרוזשקעס. מען צעזעצט זיך אויף בענקלעך, וואָס מען האָט משמעות אָנגעגרייט פון פריער און מען הייבט אָן דערציילן:

— אַ חלום געווען צו האָבן אַן אייגענע שול־געבײַדע, אָבער וואו נעמט מען געלט, אַז מען קאָן קיין דירה־געלט אויך ניט צאָלן? גיבן זיך יידן אַן עצה. דעם ערשטן הונדערטער האָט מען אויסגעבעטן פון אַ לאַנדסמאַן אין אַמעריקע, זאָל אים גאָט דערפאַר בענטשן, נאָך דעם האָט מען זיך גענומען צונויפפלייגן, דער — אַ פּאָר קלעצער, און דער — עטלעכע ברעטער, און יענער — גאָר אַ פּאָר גילדן, — און מען בויט. איר זעט? שוין באַלד פאַרטיק. איז אָבער געווען אַ צרה: די רעגירונג האָט אַלץ געזוכט טענות, האָט זיך עס פאַרשלעפּט. דערווייל זיינען געקומען די בלאָטעס, וואַרטן אויף אַ שליטן־וועג איז צו לאַנג, און אין די בלאָטעס קאָנען די „יידישע" פערד (פערד פון די יידישע פורמאַנעס) ניט אַרויסשלעפּן די קלעצער פון וואַלד. אַ גליק: דער וואַלד איז ניט ווייט, האָבן מיר אויף די פּלייצעס געבראַכט צו שלעפּן כמעט אַלע קלעצער...

... זיצט אַ קופּקע יידן אין האַלב טונקלקייט, אַ נאַסע קעלט יאָגט דורך די פענצטער־לעכער, און איך שטעל

זיך פאַר ווי אַט די פשוטע פעלק־יידן מיט די גרויסע שטיוול שלעפן פון וואַלד קלעצער צו בויען זייער שול... עס האָט מיר פאַרקוועטשט אין האַרצן, און מסתמא האָבן זיך מיר געשטעלט טרערן אין די אויגן, ווייל איך האָב דערהערט:

— וואָס איז דאָס, חבר גאָלאָמב? מיר פרייען זיך דאָך! זעט, שוין באַלד פאַרטיק...

און פון אַ בוזעם־קעשענע האָט זיך באַוויזן אַ פלעשל בראָנפן און אַ פּאָר „המוציאס״ ראַזאַווע ברויט צום פאַרבייסן. — אַט אַזוי האָבן דוקשטער יידן מקבל־פּנים געווען אַ גאַסט פון צענטער אין זייער ניט־פאַרענדיקטער שול, וואָס זיי האָבן געבויט... אַ כפּרה אַלע באַנקעטן, אַלע פאַראַדנע מיטאָגן און וועטשערעס מיט קאָניאַק און שאַמפּאַניער, וואָס מיר איז אויסגעקומען אויסצושטיין שפּעטער, פאַר יענעם גלעזל בראָנפן אין דער ניטפאַרענדיקטער דוקשטער שול אין מיטן פון אַ קאַלטער נאַכט. איך האָב זיי געמוזט צוזאָגן, אַז איך וועל קומען צו דער חנוכּת־הבית.

אַז עס האָט גענומען ווערן עטוואָס ליכטיקער, איז צוגעקומען אַ ייד מיט אַ בייטש:

— חבר גאָלאָמב, קומט, מיר פאָרן, עס איז פרייטיק. איך דאַרף נאָך אומקערן זיך אויף שבת אַהיים!

אַז מיר זיינען אַרויסגעפאָרן אין גרויסן וואָגן שטרוי, איינגעפּעלצט אין אַ בורקע (אַזאַ מין ברייטער מאַנטל), האָט מיר דער פורמאַן דערציילט נאָך און נאָך פון דער עפּאָפּייע ווי אַזוי אַ יידיש שטעטל בויט אַ שול. איין זאַך געדענק איך:

„אַט די „יאַזדע״ (רייזע) מיינע גייט אויך פאַר דער שול: איך האָב אויך אונטערגעשריבן אַ וועקסעלע אויף אַ פינף־און־צוואַנציקער (25 גילדן — אַן ערך 5 דאָלאַר), און מיר ביידע, איך מיט מיין פערדל, צאָלן דאָס אויס ביסלעכווייז״...

ווער פון די יידישע מיליאָנערן קאָן זיך פאַרגלייכן מיט יענעם פורמאַן און מיט זיין פינף־און־צוואַנציקער?

די שולן אין ווילנער פראָווינץ האָבן געהאַט אַן אמתן פאָלקס־כאַראַקטער, זיי זיינען געבויט געוועז פון פאָלקסמענטשן און ווייט פון פאַרטיי און פאַרטיי־אַמביציעס. אין פוילן האָבן זיך אַרום די יידישע שולן גרופּירט מער די פאַרטייען „בונד״ און לינקע „פּועלי־ציון״, זיינען די שולן גופא אויך געווען מער פאַרטייאיש. אין ווילנער פראָווינץ אָבער איז דאָס געווען כמעט אוממעגלעך. דערפאַר זיינען ניט איין מאָל אַרויסגעקומען רייבונגען אויף די פּלענום־זיצונגען פון דער ציש״אָ אין וואַרשע: די פאַרשטייער פון ווילנער פראָווינץ (על פּי רוב פלעגט עס זיין ברוך לובאָצקי) פלעגן אָפטמאָל האָבן אויסצושטיין פאַר דער ניט־אויסגעשפּראָכענער וועלטלעכקייט, כלומרשט, און פאַרקערט, פלעגן די שולן קיין מאָל ניט זיין צופרידן מיט די צו שאַרפע רעזאָלוציעס וואָס מען פלעגט אָננעמען אויף די צוזאַמענפאָרן.

אין יעדער שטעטל מיט אַזאַ שול האָט זיך געפונען





איינער אָדער עטלעכע פשוטע פאָלקס־מענטשן, וואָס פלעגן פאַר דער שול זייערע אַוועקגעבן אַלע כוחות און דעם לעצטן ביסן פון מויל.

עס זיינען אויך געווען שולן פון „תרבות״. פאַרשטייט זיך, אַז מען פלעגט זיך קריגן. צו מאָל פלעגט עס אין אַזאַ קריגעריי אַוועק צו ווייט, ווי עס טרעפט זיך ביי יידן. מען פלעגט מוזן פון ווילנע דערליידיקן אַזוינע ענינים: פאַרכאַפּן געביידעס, איבערכאַפּן קינדער פון איין שול אין דער צווייטער... זאָל בעסער ניט אויסגערעדט זיין, וואָס יידן קאָנען אין דער צייט פון אַ מחלוקת... איך דערמאָן זיך ווי אויף אַ סיום־יום־טוב אין אַ שול האָט איין קינד פון ערשטן קלאַס געשריען צו אַ צווייטן קינד:

— וואָס טוסטו דאָ? דו ביסט דאָך גאָר אַ תרבותיסטקע. גיי אין דיין שול. איך וועל אויף דיין יום־טוב ניט קומען...

דאָ אין דער ווילנער פראָווינץ האָבן די יידישע שולן אין גאַנצן געירשנט דעם חדר, וואָס איז אַראָפּ פון דער סצענע נאַטירלעך, אָן גוואַלט — ער איז פאַרעלטערט און ניט צוגעפּאַסט געווען. דער איבערגאַנג צו די נייע יידישע שולן איז אויך געווען אַ נאַטירלעכער. די שולן זיינען געווען אויף אַזוי פיל פאָלקיש און פאָלקסטימלעך ווי דער חדר בשעתו.

עס דערמאָנט זיך מיר נאָך אַן עפּיזאָד, וואָס עס ווילט זיך אים דערציילן:

אין ווילנער יידישן לערער־סעמינאַר איז געווען אַ טראַדיציע: חמשה־עשר בשבט פלעגט מען מאַכן אַ גרעסערע עקסקורסיע צו פוס, אַ ווינטער־שפּאַציר אויסערן שטאָט. איין מאָל האָבן מיר עס געמאַכט קיין ניי־ווילייקע (10 קילאָמעטער) צו גאַסט צו דער יידישער שול. געקומען, פאַרמאַטערט אַ ביסל, אָנגעפרוירן זיך, וואַרט מען אויף אַ גלעזל טיי. דער עולם דערווייל זינגט — סעמינאַריסטן און קינדער צוזאַמען. איך האָב זיך צוגעלייגט אויף אַ שולבאַנק אָפּצורוען, און לעבן מיר — אַ בינטל סעמינאַריסטן, וואָס האָבן נאָך ניט געענדיקט זייערע אַ דיסקוסיע, גאָט ווייס וועגן וואָס. עס זיינען געקומען עטלעכע שול־טוער. צווישן זיי דער בעקער רודאַשעווסקי (זאָל דאָ דערמאָנט ווערן אַ נאָמען פון אַ יידן!) מיט אַ היפּש שטיקל גמרא אין זכרון, מיט אַ גאַנצער ביבליאָטעק אין קאָפּ און מיט אַ גאָר גרויסן פּאַק מיט צרות און אָרעמקייט.

ער בעט אַ וואָרט, און ער באַגריסט אין נאָמען פון שטעטל, פון שול. ער רעדט וועגן דער קרובהשאַפט פון אינטעליגענץ און פאָלק, וועגן דער אינטעליגענץ וואָס איז מרביץ תורה אפילו ווען מען ליגט אויף אַ האַרטער באַנק פאַרמאַטערט... איך דאַרף ענטפערן, אָבער איך בין מיד, בעט איך דעם תלמיד פרענקל ער זאָל אָנשטאָט מיר ענטפערן. אָט דער שניפּישקער שטילער, פאַרחלומטער בחורל מיט טיפע פילאָזאָפישע ניגונגען (גאָט מיינער! ווי שוידערלעך, זיי זיינען דאָס אַלע פאַרשניטן געוואָרן!) — ער הייבט אָן עקספּראָמט אין זעלביקן

גייסט, און רעדט וועגן דער נאָענטקייט פון של־ראש מיטן של־יד, וועגן יוחנן וואַסערטרעגער מיט דעם אורח חיים און וועגן די „באַפּעלצטע" יידן, וואָס טראָגן אונטער די קאַלטע פעלצן זייערע וואַרעמע יידישע הערצער, און וועגן דעם אַז אָן אָט די פּעלץ־יידן מיט די יידישע הערצער זיינען אויך די אינטעליגענטן גאָרניט...

אָט אַזוי קאָן זיך צערייד אַ ווילנער בחורל גאָר ניט־געגרייט זיך... און ער איז געווען גערעכט: ווילנע און ווילנער פּראָווינץ האָט אין וועג פון קולטור־רענעסאַנס ניט געמאַכט קיינע שפּרונגען. עס איז געווען אַ נאַטירלעכער און בהדרגהדיקער איבערגאַנג, אַן אָנוואוקס אַ נאָרמאַלער און מער ניט. און ווייל אין ווילנע איז דער איבערגאַנג געווען אַזוי נאַטירלעך, דערפאַר האָט ווילנע קיין מאָל ניט אויפגעהערט צו זיין שעפּעריש.

אַ באַזונדער קאַפּיטל איז די לערערשאַפט פון די שולן. עס איז גאָר ניט געווען פון די גרינגע זאַכן צו באַזאָרגן עטלעכע און צוואַנציק שולן אין קליינע פאַרוואָרפענע שטעטלעך מיט לערער. צום אָנהייב זיינען עס געווען בלויז טיילווייז פּראָפעסיאָנעלע לערער פון די פריערדיקע יידישע לערער אין די פאַרשיידענע רוסישע שולן. די איבעריקע זיינען געווען אַ נייער עלעמענט: געוועזענע עקסטערנס, אייניקע „קאַנדיציע־לערער", מיידלעך מיט גימנאַזיע־בילדונג וכדומה. פאַרשטייט זיך, אַז דער וואָגיקסטער טייל זיינען געווען די לערער פון די פריערדיקע רוסישע שולן. דאָ איז געווען דערפאַרונג, וויסן און אויך גוטער שעפּערישער ווילן. דער עלעמענט האָט זיך דאָך געהאָדעוועט ניט אויף דעם „קאַזיאָנעם" רוסיש, נייערט אויף דער ליבעראַלער געזעלשאַפטלעכקייט פון צאַרישע צייטן, און זיי זיינען געווען אָנגעזעטיקט מיט די מוטערשפּראַך־לאָזונגען וואָס האָבן געהערשט אין רוסלאַנד.

שפּעטער זיינען געקומען די תלמידים פון דעם ווילנער יידישן לערער־סעמינאַר, און זיי האָבן פאַרנומען דעם הויפּט־אָרט אין די שולן ווי בכלל אין די יידישע שולן אין פּוילן.

אַ שווער געמאַטערט לעבן האָבן געהאַט די שולן. קיין פריער גראָשן צו צאָלן די לערער איז קיינמאָל ניט געווען, אָבער די הויפּט־צרה האָט ניט דערין געשטעקט, אַן ערגערע צרה איז געווען די פּוילישע מלוכה מיט די יעזואיטישע שפּיצלעך, וואָס זי האָט אָנגענומען כסדר מיט דער כוונה אומצוברענגען די שולן. איינער פון די יעזואיטישע מיטלען פון דער רעגירונג איז געווען צו פּסלען די לערער פּאָליטיש: דער־און־דער איז פּאָליטיש ניט כשר און קאָן ניט זיין מער קיין לערער. דאָ האָט די רעגירונג ניט געדאַרפט געבן קיינע באַווייזן, קיינע באַשלוסן פון געריכט, — עס איז געווען גענוג אַ קליין בריוועלע, און לית־דין ולית־דיין, קיינע אַפּעלאַציעס זיינען אויף דעם ניט מעגלעך געווען. דער מאַנגל אין לערער האָט געדריקט די שולן ניט ווייניקער ווי די אָרעמקייט. און די לעצטע האָט געהאַלטן אין שטייגן אויך אַ דאַנק דער פינצטערער אַנטיסעמיטישער רעגירונג, וואָס האָט אַלץ געהאַלטן אין איין טראַכטן, ניט ווי צו בויען אַ געזונט פּוילן, נאָר ווי חרוב צו מאַכן דעם יידישן ישוב אין לאַנד.

דאָס פּסלען די לערער האָט אין לעצטן סך־הכל געהאַט פאַר אונדז אויך אַ מעלה. ווי זאָגן די רוסן: ניטאָ קיין שלעכטס אָן גוטס. און דאָס גוטס אין דער גזירה איז געווען אָט וואָס:

די יידישע לערער פון פּוילן האָבן זיך ניט געאיילט צו עמיגרירן, אַפילו ווען שולן אין אַמעריקע און קאַנאַדע האָבן זיי געמאַכט אַלע נייטיקע פּאַפּירן. איך האָב פאַר דער מלחמה געבעטן זיך ביי אייניקע געוועזענע תלמידים פון סעמינאַר זיי זאָלן קומען קיין קאַנאַדע אין די יידישע שולן, און זיי פלעגן ענטפערן: „כל־זמן מען קאָן נאָך דאָ אַרבעטן, בלייבן מיר דאָ"... דער קדוש ראובן ליכטשטיין, וואָס איז געווען אַזוי פרום אין זיין גלויבן ווי זיין טאַטע, דער רב אין מאלאריטע — דער וואָס איז אומגעקומען אין ווילנע נאָך פאַר דעם געטאָ, דערפאַר וואָס ער איז געגאַנגען ניט אויף דעם פּאָרוועג, ווי יידן זיינען געווען געצוואונגען, נייערט דווקא אויף דעם טראָטואַר ווי אַלע מענטשן, און דערמיט האָט ער מקיים געווען די גמרא, אַז אין צייטן פון גזירות דאַרף זיך אַ ייד לאָזן אומברענגען (יהרג ולא יעבור) אפילו צוליב אַ שוךבענדל פאַר דעם קלענסטן מנהג — אָט דער זעלביקער האָט מיר אַ חודש פאַרן אויסברוך פון דער מלחמה אַזוי געענטפערט: „די יידישע שולן אין פּוילן זיינען וויכטיקער איידער די יידישע שולן אין אַמעריקע". די לערער האָבן ניט געוואָלט אָפּטרעטן פון פראָנט.

אָבער ווען אַ לערער האָט פאַרלאָרן די מעגלעכקייטן צו זיין אַ לערער, ווייל די רעגירונג האָט אים געפּסלט, דער האָט בלית־ברירה זיך געלאָזט עמיגרירן, — און אַ דאַנק דעם האָבן מיר אין די אַמעריקעס געקראָגן אַ צאָל געטרייע, איבערגעגעבענע און גוטע לערער.

אָבער דאָס איז שוין ניט צו דער טעמע.

זאָלן די נאָטיצן זיין אַ זכרון נאָך די שולן אין ווילנער פּראָווינץ, נאָך זייערע געטרייע און איבערגעגעבענע שול־טוער און לערער. איך האָב זיי געשריבן פון זכרון ווי איינער וואָס האָט די שולן אַ ביסל געקענט און עפּעס אפשר אויך צוגעהאָלפן מן הצד. און ווידער, איך בין פון ווילנע אָפּגעפאָרן מיט אַן אַכט יאָר פאַרן חורבן. אָבער גאָט ווייסט צי עס איז ערגעץ וואו פאַרבליבן עמעצער וואָס קען די שולן בעסער און ווייס מערער, ער זאָל געבן אַ ברייטערן און אַ ריכטיקערן בילד.

הלוואי זאָלן זיין אַזעלכע, און זאָלן זיי פאַרשעמען מיינע נאָטיצן, הלוואי!

שרייבער,

פרעסע,

ייִוואָ

מרדכי יפה

# העברעאישע דיכטער פון ליטע

ווי באַוואוסט האָט ליטע אַרויסגעגעבן גאָר אַ גרויסע צאָל פּערזענלעכקייטן אין אַלע געביטן פון דער יידישער און העברעאישער ליטעראַטור און קולטור. אין דער דאָזיקער אָפּטיילונג גיב איך אָפּהאַנדלונגען, אין וועלכע עס ווערן מער־ווייניקער כאַראַקטעריזירט אַ ריי באַדייטנדיקע העברעאישע דיכטער, וועלכע זיינען געבוירן געוואָרן און דערצויגן געוואָרן אין ליטע. טייל פון זיי האָבן דאָרט פאַרבראַכט דאָס גאַנצע לעבן, באַקומען דאָרט זייער אַנטוויקלונג, פּרצוף און באַדייט. אַנדערע האָבן דאָרט אָנגעהויבן זייער דיכטערישע טעטיקייט, אָבער אויסגעוואַקסן און אַנטוויקלט זיך ווי אייגנטימלעכע דיכטער האָבן זיי אין אַנדערע לענדער, דאָס רוב אין ישראל און אַמעריקע.

איך וועל דאָ אויסרעכענען בלויז אייניקע פון די דיכטער וועלכע שטאַמען געאָגראַפיש פונעם סאַמע האַרץ פון ליטע, פון די עטלעכע פּראָווינצן וואָס האָבן פאָרגעשטעלט מיט זיך דעם אָרגאַניזם פון דער יידיש־ליטווישער באַזונדערקייט. דהיינו: אברהם דוב לעבענזאָן, מיכה יוסף לעבענזאָן, יהודה־לייב גאָרדאָן, בנימין נחום סילקינער, אברהם שמואל שוואַרץ, הלל בבלי, י. ד. קמזון, אברהם קריב, אברהם ברוידעס, משה בסוק, גבריאל פּרייל און לאה גאָלדבערג.

יעדער דיכטער, וואָס איז דאָ אויסגערעכנט, צייכנט זיך אויס אויף זיין באַזונדערן אופן; און זייער דיכטונג שטעלט מיט זיך פאָר פאַרשיידענע שטאַפּלען אין דער העברעאישער פּאָעזיע. ביי אַלע פון זיי פיגורירט ניט צופיל, אָדער כמעט אינגאַנצן ניט דער אייגנטלעכער ליטווישער מאָטיוו. אָבער עס קענטיקן זיך פאָרט אַרויס ביי זיי געוויסע שטריכן פון ליטווישן כאַראַקטער: דער מעלאַנכאָליש־עלעגישער טאָן, די רעזאָנאַציע, דער אינטעלעקטואַליזם אין זיין גאַנצער גאַמע פון גריבלעניש, פּקחות און סקעפּטיציזם, די צניעות, די צוגעבונדנקייט צום שטאַם און צו דער משפחה, און די נשמהדיקע אידעאַליזאַציע פון אַלדאָס גייסטיק־יידישע.

## יהודה־לייב גאָרדאָן

י. ל. ג. איז געבוירן אין יאָר 1830 אין ווילנע. צו 5 יאָר אָנגעהויבן צו גיין אין חדר, צו 11 יאָר געשמט פאַר אַן עילוי, צו 16 — געקענט גאַנץ ש״ס. באַקומען אַ גרינטלעכע וועלטלעכע בילדונג. געענדיקט ווילנער ראַבינער־שול און אָנגעשטעלט געוואָרן אַלס לערער אין דער רעגירונגס־יידישער פאָלקס־שול אין פּאָנעוועזש, דערנאָך אין שאַוול און טעלז. אין 1872 געוואָרן סעקרעטאַר פון דער „חברה מפיצי השכלה״ און אויך פון דער קהילה אין פּעטערבורג. געווען געהילפס־רעדאַקטאָר אין „המליץ״. באַטייליקט זיך אין פאַרשיידענע העברעאישע, יידישע, רוסישע און דייטשישע צייט־שריפטן, וואו ער פאַרעפנטלעכט שירים, דערציילונגען, פעליעטאָנען, פּובליציסטישע און קריטישע אַרטיקלען א. ד. גל. געשטאָרבן אין פּעטערבורג אין יאָר 1892. זיינע ווערק זיינען דערשינען אין פיר בענדער א. נ. „כל כתבי יל״ג״. זיי נעמען אַריין לידער, דערציילונגען, משלים, בריוו און אַנד. אויך אין יידיש איז דערשינען זיינס אַ בוך לידער א. נ. „שיחות חולין״.

## מיכה יוסף לעבענזאָן

מ. י. ל., דער זון פון אדם הכהן לעבענזאָן, איז געבוירן אין יאָר 1822 אין ווילנע. געשטאָרבן פון שווינדזוכט אין 1852. האָט באַקומען אַ פילזייטיקע יידישע און וועלטלעכע דערציאונג. דווקא אין די לעצטע יאָרן פון זיין קראַנקייט אַרויסגעוויזן אַן אומגעהייערע שעפערישקייט אין דעם געביט פון דער העברעאישער פּאָעזיע, אין וועלכן ער רעכנט זיך אַלס דער פּיאָנער פון דער קינסטלעריש־מאָדערנער עפּיק און ליריק. זיינע לידער זיינען דערשינען אין צוויי בענדער: „שירי בת ציון״, אַ זאַמלונג פּאָעמען פון ביבליש־היסטאָרישן כאַראַקטער, און „כנור בת ציון״, לירישע לידער און איבערזעצונגען, צווישן וועלכע עס טיילט זיך באַזונדערס אויס זיין איבערזעצונג פון אַ טייל ווירגילס „ענעאידא״, א. נ. „הריסת טרויה״.

## אברהם שמואל שוואַרץ

א. ש. ש. איז געבוירן אין יאָר 1876 אין זשעזמער, אַמאָליקער ווילנער גובערניע. באַקומען אַ טראַדיציאָנעל־יידישע דערציאונג ביי זיין פאָטער הרב יצחק אייזיק ז״ל. אין פּעטראַשון, לעבן קאָוונע, וואו זיין פאָטער איז אָנגעקומען פאַר אַ רב, האָט דער דרייצן יאָריקער יינגל אָנגעהויבן שרייבן לידער אין יידיש און העברעאיש. זיינע ערשטע לידער זיינען געדרוקט געוואָרן אין „דער יוד״ און „הדור״. אין יאָר 1900 געקומען קיין אַמעריקע, וואו ער האָט געענדיקט דאָקטאָר מעדיצין. זיינע שירים האָבן זיך געדרוקט אין פאַרשיידענע ליטעראַרישע אויסגאַבעס. אין תל־אביב איז דערשינען אַ זאַמלונג פון זיינע שירים.

### בנימין נחום סילקינער

ב. נ. ס. איז געבוירן געוואָרן אין יאָר 1882 אין ווילקי, קאָוונער גובערניע. אין אָדעס אָנגעהויבן שרייבן זיינע ערשטע לידער. געקומען קיין אַמעריקע אין יאָר 1907. געענדיקט ניו־יאָרקער אוניווערזיטעט, דעם יורידישן פאַקולטעט. אָנגעפירט אין נ. י. מיט אַ העברעאישער שול. אונטערריכטעט תנ״ך אין שעכטער־סעמינאַר. זיינע ווערק: אַ פּאָעמע „מול אוהל תמורה״, אַ בוך לירישע שירים, איבערזעצונג פון שעקספּירס „מאַקבעט״ און אַנד. באַטייליקט זיך אין צונויפשטעלן אַן ענגליש־העברעאישן ווערטער־בוך, צוזאַמען מיט יהודה קויפמאַן; פאַרפאַסט העברעאישע לערן־ביכער און מיטרעדאַקטירט דעם „התורן״. געשטאָרבן אין יאָר 1933.

### הלל בבלי

ה. ב. איז געבוירן אין יאָר 1893 אין פּילווישאָק, קאָוונער גובערניע. זיין יידישע דערציאונג באַקומען אין חדר, ישיבה און ביי זיין פאָטער הרב זלמן דוב ראש־גאָלין ז״ל. אין 1908 געקומען קיין ווילנע, וואו ער האָט דריי יאָר געלערנט וועלטלעכע לימודים. אין 1911 געקומען קיין אַמעריקע. שטודירט און באַקומען זיין A.M. אין קאָלאָמביאַ־אוניווערזיטעט. פון יאָר 1918 געווען אָנגעשטעלט אַלס פּראָפעסאָר פון העברעאישער שפּראַך און ליטעראַטור אין שעכטערס לערער־סעמינאַר. פאַרעפנטלעכט לידער און קריטישע עסייען אין פאַרשיידענע צייטשריפטן פון אַמעריקע, אייראָפּע און ארץ־ישראל. זיינע ווערק: „שירים״, אין צוויי בענדער, אַ קליינע זאַמלונג פון זיינע שירים א. נ. „נגינת ארץ״, איבערזעצונג פון דיקענס „אָליווער טוויסט״ און אַנד. רעדאַקטירט די זאַמלביכער „ניסים״ און „מסד״.

### אברהם ברוידעס

א. ב. איז געבוירן אין יאָר 1907 אין ווילנע. פון 1923 געפינט ער זיך אין ארץ־ישראל, וואו ער האָט געאַרבעט אין די קבוצות און די לעצטע יאָרן איז ער דער סעקרעטאַר פון דעם העבראַישן שרייבער־פאַראיין. זיינע ווערק: די לידער־זאַמלונגען „בתלם״, „אשנב״, „מבית״, „אמונים״, „קול״, „לקט שירים לבתי הספר״, „בצר״ א. א.

### גבריאל פּרייל

ג. פּ. איז געבוירן אין יאָר 1910 אין דאָרפּאַט, עסטאָניע. דערצויגן אין ליטע. יידישע און אַלגעמיינע בילדונג באַקומען אין די העברעאישע גימנאַזיעס אין ווירבאַלן און מאַריאַמפּאָל. אין 1922 געקומען קיין אַמעריקע. געלערנט אין „האי־סקול״ און אין לערער־סעמינאַר ביי דער ישיבת רבנו יצחק אלחנן. 1935 דעביוטירט אויף יידיש אין „ניו־יאָרקער וואָכנבלאַט״, מיט אַ יאָר שפּעטער אויף העברעאיש אין „הדואר״. זיך באַטייליקט אין אַ ריי יידישע און העברעאישע אָרגאַנען. 1942 באַקומען די צווייטע לואיס לאַמעד־פּרעמיע פאַר העברעאישער ליטעראַטור, פאַרן בוך לידער „נוף שמש וכפור״.

### לאה גאָלדבערג

ל. ג. איז געבוירן אין יאָר 1910 אין קאָוונע. געענדיקט דאָרט אַ העברעאישע גימנאַזיע. זיך באַזעצט אין ארץ־ישראל אין 1934. באַטייליקט זיך אין די פאַרשיידנסטע העברעאישע אָרגאַנען מיט לידער, קריטישע אָפּהאַנדלונגען און אַנד. אירע ווערק: לידער־זאַמלונגען „טבעות עשן״, „שבולת ירוקת העין״, „מכתבים מנסיעה מדומה״, אַ ראָמאַן „והוא האור״ און איבערזעצונגען פון דער יידישער און אייראָפּעאישער ליטעראַטור. זי איז פּראָפ׳ פון ליטעראַטור אין ירושלימער אוניווערזיטעט.

דניאל טשאַרני

# קאָוונער ליטע האָט ארויסגעגעבן איבער הונדערט יידישע שרייבער

(קורצע רשימה לויט זלמן רייזענס „לעקסיקאָן״ און אַנדערע קוועלן)

פאַר אונדז, יידיש־וועלטלעכע מענטשן, איז ליטע שוין לאַנג ניט מער קיין געאָגראַפישער באַגריף, נאָר אַן עטנאָגראַפישער.

ווילנע — ניו־יאָרק, קאָוונע — יאָהאַנעסבורג, פּאָנעוועזש — תל־אביב, שאַוול — בירָאָבידזשאַן, מאַריאַמפּאָל — מעלבורן, זיינען פאַר אונדז איין מלוכה, איין יידיש לאַנד.

אונדזער „ירושלים ד׳ליטא״ וואָלט קיינמאָל ניט געקאָנט ווערן אַ „ירושלים ד׳פּולין״, ווען אַפילו די פּאָליאַקן וואָלטן ניט צוואַנציק יאָר, נאָר גאַנצע צוויי הונדערט געהאַלטן ווילנע אונטער זייער ממשלה.

וועגן ווילנע אָבער וועלן מיר ניט שמועסן. וועגן ווילנע איז שוין פאַראַן אַ גאַנץ רייכע ליטעראַטור אין אַלע שפּראַכן. די ווילנער פּנקסים שטייען שוין איצטער ווי מצבות צוקאָפּנס פון אונדזער הייליקער מוטער־שטאָט. (אגב, איז וועגן ווילנע פאַראַן אַ גרויס בוך, רעדאַגירט

פון י. ישורין, אַרויסגעגעבן פון ווילנער ברענטש אַרבעטער־רינג אין 1935).

וועלן מיר היינטיקס מאָל גיין אויף קבר־אבות צו דער אַזויגערופענער „קאָוונער ליטע", וואָס איז נאָך דער ערשטער וועלט־מלחמה געוואָרן אַ מלוכה פאַר זיך.

די אַמאָל געוועזענע קאָוונער גובערניע איז נאָך דער ערשטער וועלט־מלחמה געוואָרן אַ מלוכה פאַר זיך, אָבער כמעט אָן גרענעצן.

די צוויי שכנותדיקע לענדער, וואו ס'האָט געהאָט געלעבט דער רוב מנין און רוב בנין פון דעם יידישן פאָלק — סאָוויעט־רוסלאַנד און פּוילן זיינען פאַר דער זעלבשטענדיק־געוואָרענער ליטע געוואָרן אָפּגעשלאָסן אויף זיבן שלעסער.

צוואַנציק יאָר נאָכאַנאַנד האָט די קליינע איינגעקלאַמערטע ליטע ניט געקאָנט האָבן קיין שום האַנדלס־באַציאונגען און קיינע שום קולטור־פאַרבינדונגען מיט די נאָענטסטע צוויי שכנים, מיט וועלכע ליטע איז געווען פריער אַזוי ענג געקניפּט און געבונדן.

קאָוונע האָט געמוזט ווערן די צייטווייליקע הויפּט־



די קאָוונער ייד. שרייבער־גרופּע „מיר אַליין"

שטאָט פון ליטע (אַנשטאָט ווילנע) און די איינציקע צוויי גרענעצן, וואָס האָבן געהאַט פאַרבונדן קאָוונער ליטע מיט דער גרויסער דרויסנדיקער וועלט, זיינען געווען די אָפענע גרענעצן צו דייטשלאַנד און צו לעטלאַנד.

די יידישע ליטע האָט נאָר געקאָנט באַאיינפלוסן און באַאיינפלוסט ווערן פון דעם קליינעם יידישן קיבוץ אין לעטלאַנד, און דער „ריגער „פרימאָרגן", אונטער דער רעדאַקציע פון וו. לאַצקי־בערטאָלדי, ע"ה, און — יעקב העלמאַן ע"ה, איז געוואָרן די טעגלעכע ביילאַגע צו דער קאָוונער „אידישער שטימע" אונטער דער רעדאַקציע פון ר. רובינשטיין.

און די שפּעטער־אויפגעקומענע פאָלקיסטישע צייטונג „פאָלקסבלאַט", געגרינדעט פון ד"ר מ. סודאַרסקי ע"ה, און עוזר פינקלשטיין ע"ה, האָט געזוכט אירע שטענדיקע מיטאַרבעטער אין דער יידיש־שרייבנדיקער קאָלאָניע פון בערלין.

דאָס הייסט אָבער ניט, אַז די קאָוונער ליטע האָט ניט געהאַט פאַרמאָגט קיין אייגענע ליטעראַרישע כוחות און קיין אייגענע יידיש־העברעאישע פאָלקס־אינטעליגענץ.

אדרבא, אין משך פון די צוואַנציקער יאָרן, צווישן די ביידע וועלט־מלחמות, האָט זיך אויסגעקריסטאַליזירט אין ליטע אַ ברייט־פאַרצווייגטע יידיש־העברעאישע פרעסע און ליטעראַטור, אַ ברייט־פאַרצווייגטער יידיש־העברעאישער שול־וועזן און אַ שטאַרקע פאַרטיי־געזעלשאַפטלעכע טעטיקייט, אָבער אַלץ אין די ענגע דלת־אמות פון איין גובערניע, פון איין גרענעצלאָז־באַגרענעצטן ליטע־לאַנד.

ניט אומזיסט טאַקע האָבן די יונגע ליטעראַרישע כוחות פון ליטע־לאַנד אים אַ נאָמען געגעבן „מיר אַליינינקעס".

די ליטעראַרישע אויסגאַבעס פון די „מיר אַליינינקעס" פלעגן זעלטן — זעלטן דערגריין צו דער שכנותדיקער מוטער־שטאָט ווילנע און נאָך זעלטענער — צו דער שכנותדיקער שוועסטער־שטאָט מינסק.

די „מיר אַליינינקעס" פון קאָוונע זיינען אויפגעקומען כמעט איינצייטיק מיט דער גרופּע „יונג־ווילנע", אָבער איינע פון דער אַנדערער האָט ניט געוואוסט און במילא שוין האָבן זיי איינע פון די אַנדערע ניט געקאָנט באַאיינפלוסט ווערן.

און ווי אַנדערש ס'איז אויך געווען דער טראַגישער גורל פון אָט די צוויי ניי־אויפגעקומענע ליטעראַרישע גרופּירונגען:

פון די „יונג־ווילנאַנער" זיינען, לכל הפחות, פאַרבליבן די וויכטיקסטע רעפּרעזענטאַנטן פון דער דאָזיקער גרופּע — חיים גראַדע, א. סוצקעווער, אלחנן וואָגלער, וואָס קאָנען באַזינגען און באַוויינען דעם אויפקום און דעם אומקום פון זייער גרופּע, בעת פון די קאָוונער „מיר אַליינינקעס" איז כמעט קיינער ניט פאַרבליבן. דער דיכטער און עסייאיסט יעקב גאָטליב איז, ווי אַ פאַרגעסענער, יונגערהייט געשטאָרבן אין דער סאָוויעטישער טורקמעניע, דער בעלעטריסט אליעזר היימאַן איז פאַרברענט געוואָרן לעבעדיקערהייט אין קאָוונער געטאָ און אַזוי אויך — די אַנדערע.

פון דער גאַנצער דיכטער גרופּע „מיר אַליין" איז פאַרבליבן איינער אַליין דער דיכטער נח יצחק גאָטליב, וואָס

איז אוועק קיין קאַנאַדע, וואו ער האָט לעצטנס פאַרעפנטלעכט אַ יזכור־בוך מיט לידער געהייליקט דעם אָנדענק פון זיין אומגעקומענער משפחה: מאַמע, שוועסטער און 4 ברידער, צווישן זיי — אויך זיין דיכטער־ברודער יעקב גאָטליב.

גייען מיר איצטער אויף קבר־אָבות צו אונדזערע קברימלאָזע פריינט און קאָלעגן פון ליטע־לאַנד, וואו יעטוועדער שטיין פון ברוק איז אַ שטילע מצבה איבער דעם אומגעקומענעם יידישן קיבוץ פון ליטע.

אומזיסט האָב איך געזוכט אין זלמן רייזענס „לעקסיקאָן" די נעמען פון די „מיר אַליינקעס" אין קאָוונע און פון די „יונג־ווילנאַנער" אין ווילנע.

ווען זלמן רייזען האָט מיט אַ סך יאָרן צוריק געהאַט צונויפגעשטעלט זיין „לעקסיקאָן", זיינען נאָך די דאָזיקע נייע ליטעראַרישע גרופּירונגען ניט געווען געקומען צום וואָרט.

אָבער בלעטערנדיק זלמן רייזענס „לעקסיקאָן", וואָס גוטע פיר פינפטל פון זיינע „אומשטערבלעכע" זיינען שוין, ליידער־ליידער, אויפן עולם האמת, האָב איך זיך אָנגעשטויסן אויף איבער הונדערט יידישע שרייבער און קולטור־טרעגער, וואָס אַלע שטאַמען זיי פון דער קאָוונער ליטע. און פאַר מיר אַליין איז געווען אַ גרויסע איבערראַשונג, וואָס די אַמאָל געוועזענע קאָוונער גובערניע אַליין האָט אַרויסגעגעבן פון זיך אַזויפיל וויכטיקע פערזענלעכקייטן, וואָס האָבן גרויס געמאַכט ליטע, און ליטע האָט זיי גרויס געמאַכט.

מיר וועלן דאָ צוערשט אָנרופן די נעמען פון יענע פאַרשטאָרבענע שרייבער און קולטור־טרעגער פון קאָוונער ליטע, וועלכע האָבן זיך שוין לאַנג איינגעבירגערט אין אונדזער פאָלקס־קולטור.

**אברהם אידעלסאָן**, געבוירן אין וועקשנע, קאָוונער ליטע, אינעם יאָר 1865, געשטאָרבן אין בערלין, אינעם יאָר 1922. א. אידעלסאָן איז געווען דער רעדאַקטאָר פון די יידיש־רוסישע ציוניסטישע זשורנאַלן: „ראַזסוויעט", „יעווריסקאַיאַ זשיזן", „יעווריעסקי נאַראָד" און פונעם העבר. וואָכנבלאַט „העולם".

אין דער ציוניסטישער באַוועגונג האָט אידעלסאָן פאַרנומען איינעם פון די ערשטע אָנפירנדיקע פלעצער.

**יעקב דינעזאָן** — פּרצעס אינטימער פריינט און חבר. געבוירן אין ניי־זשאַגער, לעבן קאָוונע, אינעם יאָר 1856 און געשטאָרבן אין וואַרשע אין 1919. יעקב דינעזאָן האָט זיך קונה שם געווען אין דער יידישער ליטעראַטור מיט זיינע ראָמאַנען „אבן נגף", „הערשעלע", „יאָסעלע" און אַנדערע.

**מאָריס ווינטשעווסקי**, (פּסעוודאָנים פון בן־ציון נאָוואַכאָוויטש), געבוירן אין דעם זעלבן יאָר, וואָס דינעזאָן — 1856, אין יאַנאָווע, קאָוונער ליטע, און געשטאָרבן אין ניו־יאָרק, אינעם יאָר 1929.



**פּראָפ' געצל זעליקאָוויטש**, געבוירן 1863 אין ריטאָווע, קאָוונער ליטע און געשטאָרבן אין ניו־יאָרק אינעם יאָר 1926.

נאָך יינגלווייז האָט זעליקאָוויטש געשמט אַלס „געצלקע ריטעווער דער עלוי", וואָס האָט שוין געקענט אויף אויסווייניק 500 בלעטער גמרא. אָבער צו 16 יאָר האָט ער שוין אויסגעוואַנדערט קיין פּאַריז, וואו ער איז געוואָרן לערער פון העברעאיש ביים פילאַנטראָפּ מיכאל ערלאַנגער, שטודירט אָריענטאַלישע שפּראַכן: אַלט עגיפּטיש, עטיאָפּיש, אַראַביש, סאַנסקריט. אין 1885 זיך באַטייליקט אַלס אַראַביש־ענגלישער דאָלמעטשער מיטן טיטל ערן־לויטענאַנט פון דער ענגלישער מיליטערישער עקספּעדיציע אין מצרים, צו באַפרייען דעם גענעראַל גאָרדאָן פון כאַרטום. אָבער צוליב דער באַשולדיקונג פון לאָרד קיטשענער, אַז דער ערן־לויטענאַנט זעליקאָוויטש סימפּאַטיזירט מיט די אַפריקאַנער, האָט ער פאַרלאָזט די ענגלישע עקספּעדיציע און דורך אַביסיניע האָט ער זיך אומגעקערט קיין פּאַריז, וואו ער האָט אין דער סאָרבאָן באַקומען דעם דאָקטאָרטיטל אַלס עגיפּטאָלאָג. קיין אַמעריקע איז ער געקומען אינעם יאָר 1887, וואו ער איז באַלד געוואָרן פּראָפעסאָר פון עגיפּטאָלאָגיע אין דער פּענסילוואַניע־אוניווערזיטעט פון פילאַדעלפיע און אויך, ווי ס'איז אונדז אַלעמען באַקאַנט, איינער פון די פּיאָנערן פון דער ייד. פּרעסע אין אַמעריקע.

**שמואל יעקב יאַצקאַן**, געבוירן 1874 אין וואַבאַלנעק, קאָוונער ליטע, געשטאָרבן אין פּאַריז און געבראַכט געוואָרן צו קבורה אין וואַרשע אינעם יאָר 1936. צו 18 יאָר האָט ער שוין געהאַט סמיכה אויף רבנות. געווען אַ געוויסע צייט אַ וואַנדערנדיקער מגיד און פאַרפאַסט אַ ספרל „פּניני היהדות". אין 1906 האָט ער צוזאַמען מיט נ. פינקלשטיין געגרינדעט אין וואַרשע די ערשטע יידישע קאָפּיקענע צייטונג „אידישעס טאָגבלאַט" און אין 1908 — דעם „היינט". אין 1925 האָט יאַצקאַן אויך געגרינדעט דעם „פּאַריזער היינט".

**יהואש** (פּסעוודאָנים פון יהואש — שלמה בלומגאַרטען), געבוירן אין ווירבאַלן, קאָוונער ליטע, אינעם יאָר 1871, געשטאָרבן אין ניו־יאָרק אינעם יאָר 1927.

יהואש האָט זיך געמאַכט אומשטערבלעך דורך זיין פולער איבערזעצונג פון דעם תנ"ך.

**יוסף יפה**, געבוירן 1865 אין סאלאנט, קאָוונער ליטע. 1892 געקומען קיין אַמעריקע און אָנגעהויבן שרייבן לידער, וואָס האָבן אים געמאַכט זייער פּאָפּולער צוליב זיין פאָלקסטימלעכן נוסח. איז געשטאָרבן אין ניו־יאָרק אין 1936.

**יוסף לוריא**, געבוירן אין פּומפּיאַן, קאָוונער ליטע, אינעם יאָר 1871, געשטאָרבן...

ער איז געווען דער רעדאַקטאָר פון דעם באַרימטן וואָכנבלאַט „דער יוד", שפּעטער אויך מיטרעדאַקטאָר פון

דער ערשטער יידישער צייטונג אין רוסלאַנד „דער פריינד״ און אויך רעדאַקטאָר פון דעם וואָכנבלאַט „דאָס אידישע פאָלק״ (אין ווילנע).

משה ליב ליליענבלום, געבוירן אין קיידאַן, קאָוונער ליטע, אינעם יאָר 1849, געשטאָרבן 1910 אין אָדעס. צו 6 יאָר איז ער שוין געווען אַ בקי אין די נביאים ראשונים. צו 9 יאָר געקאָנט אָפּזאָגן אַ בלאַט גמרא, צו 14 יאָר געוואָרן אַ חתן פון אַן 11-יעריקער מיידל אין ווילקאָמיר, צו 16 יאָר זיך צוגעריסן צו די חקירה-ספרים, געווען אַ לערער פון העברעאיש, אַ ביבליאָטעקאַר, אַ מוכר-ספרניק, איז געמסרט געוואָרן פאַר זיין אַפּיקורסות און אויפן 26-טן יאָר פון זיין בונטאַריש לעבן זיך אָפּגעטראָגן קיין אָדעס, וואו ער איז געוואָרן דער פּיאָנער פון דער חיבת-ציון באַוועגונג.

פסח מאַרעק — געבוירן 1862 אין שעדוואָוע, קאָוונער ליטע, געשטאָרבן 1920 אין סאַראַטאָוו. האָט זיך באַרימט געמאַכט מיט די זאַמלונגען פון יידישע פאָלקסלידער אין רוסלאַנד, וואָס ער האָט אַרויסגעגעבן אינאיינעם מיט דעם פאַרשטאָרבענעם שאול גינזבורג.

יהושע הלוי מזח (פסעוודאָנים פון יהושע סגל), געב. 1834 אין ניי-זשאַגער, קאָוונער ליטע (וואו דינעזאַן), געשט. 1917 אין ווילנע.

מזח איז אַ ראשי תיבות פון מזגר חדש (ניי-זאַגער). ער האָט זיך באַרימט געמאַכט מיט זיינע ראָמאַנען און תחינות, וואָס זיינען פאַרשפּרייט געוואָרן בכל תפוצות ישראל אין הונדערטער טויזנטער עקזעמפּלאַרן.

דר. איזידאָר (ישראל) עליאַשעוו, באַרימט געוואָרן אונטערן פסעוודאָנים בעל-מחשבות, געבוירן 1873 אין קאָוונע, געשטאָרבן 1924, אויך אין קאָוונע. ערשטער ייד. ליטעראַטור-קריטיקער. זיין ערשטער אַרטיקל אין „יוד״ (1899) איז געווען וועגן מאָריס ראָזענפעלד.

זיין לוויה, וואָס די יידישע קהילה פון קאָוונע האָט דורכגעפירט, איז פאַרוואַנדלט געוואָרן אין אַ פאָלקס־לוויה. אַלע יידישע געשעפטן און אַנשטאַלטן זיינען געשלאָסן געוואָרן. זיין קבר געפינט זיך אין שכנות מיטן קבר פון ר׳ יצחק אלחנן.

קאַרל פאַרענבערג (פסעוודאָנים פון ישעיה ראָזענבערג), געב. 1871 אין סלאָבאָדקע — קאָוונע. געשטאָרבן... אין ניו-יאָרק.

שוין צו 17 יאָר האָט פאַרענבערג אָנגעהויבן שרייבן פובליציסטישע אַרטיקלען און טעאַטער-רעצענזיעס אין רוסיש („וואָסכאָד״, „ווילענסקי וויעסטניק״ און אין די קאָוונער רוסישע צייטונגען. 1903 געקומען קיין אַמעריקע און געוואָרן אַן אַקטיווער מיטאַרבעטער פון דער יידישער פּרעסע („פאָרווערטס״, „וואָרהייט״, „טאָג״). איז אויך געווען רעדאַקטאָר פון די זשורנאַלן „צוקונפט״, „ליטעראַטור און לעבן״ און אַנדערע. האָט געגרינדעט און געפירט אין ניו-יאָרק דעם „אידישן ליטעראַרישן פאַרלאַג״.

עוזר פינקלשטיין, געבוירן אין קאָוונע, 1863, געשטאָרבן אין קאָוונע אין 1923. באַוואוסטער אַדוואָקאַט און כלל-טוער. גרינדער פון דער ייד. פאָלקס-פּאַרטיי אין ליטע, אַרויסגעבער פון דער פאָלקיסטישער צייטונג „נייס״. שפּעטער, אינאיינעם מיטן דר. מענדל סודאַרסקי, אַרויסגעגעבן דעם „פאָלקסבלאַט״, וואָס האָט פאַרבונדן די יידישע ליטע אויך מיט דער ניט-ציוניסטישער יידישער וועלט.

אפרים קאַפּלאַן, געבוירן 1878 אין שאַט, קאָוונער געגנט, דעביוטירט מיט אַרטיקלען אין „המליץ״ און „הצפירה״, שפּעטער אָנגעהויבן שרייבן יידיש אין „יוד״. 1904 אויסגעוואַנדערט קיין אַמעריקע, וואו ער איז געוואָרן מיטאַרבעטער צוערשט אין „טאָגעבלאַט״ און שפּעטער אין „מאָרגען-זשורנאַל״. איז געווען אַ וויכטיקער טוער אין אָרטאָדאָקסיש-ציוניסטישע קרייזן פון ניו-יאָרק. איז געשטאָרבן אין ניו-יאָרק אין 1945.

מיר האָבן דאָ פון די איבער הונדערט יידיש-העברעאישע שרייבער, קולטור-טרעגער און כלל-טוער, וואָס זיינען געבוירן געוואָרן אין קאָוונער ליטע, אַרויסגענומען נאָר יענע גוט-באַקאַנטע יידישע פּערזענלעכקייטן, וואָס האָבן געלעבט און געווירקט אויך נאָך אין אונדזער צוואַנציקסטן יאָרהונדערט.

איצטער וועלן מיר פון דער זעלבער קאָוונער ליטע אַרויסנעמען נאָך אַ פּאָר צענדליק וויכטיקע יידישע שרייבער און קולטור-טרעגער, וואָס שאַפן און ווירקן פאַר מיין צייט (ביז 120 יאָר) אין אַלע עקן וועלט.

מיר וועלן זיי געבן לויט דעם זעלבן אַלף-בית סדר, ווי זיי פיגורירן אין זלמן רייזענס „לעקסיקאָן״.

בנימין יעקב ביאַלאָסטאָצקי, געב. 1892 אין פּומפּיאַן, קאָוונער ליטע. געקומען קיין אַמעריקע 1911. דעביוטירט מיט אַ ליד אין „לעבן און וויסנשאַפט״ (ווילנע). דיכטער, עסייאיסט און רעדנער. שטענדיקער מיטאַרבעטער פון „פאָרווערטס״.

הירש בלאָשטיין, געבוירן 1895 אין קיידאַן, קאָוונער ליטע. דעביוטירט מיט לידער און דערציילונגען אין 1912 — אין „לעבן און וויסנשאַפט״, טעטיק אין דער יידיש-סאָוויעטישער ליטעראַטור.

א. בערגער, געבוירן אין בירזש, קאָוונער ליטע. געקומען 1904 קיין אַמעריקע. דעביוטירט מיט אַ ליד (1910) אין „צייט גייסט״.

יוליוס ברוצקוס, געבוירן 1870 אין פּאַלאַנגען, קאָוונער ליטע. 1921 געווען מיניסטער פאַר יידישע ענינים אין ליטע. אָנפירער פון דער געזעלשאַפט „אָזע״, וויסנשאַפטלעכער מיטאַרבעטער פון „ייוואָ״ און אַנד. וויסנשאַפטלעכע אָרגאַנען.

**מ. גערץ, גרשון מאָושאָוויטש**, געבוירן 1892 אין היקעל, קאָוונער געגנט, איז געווען שטענדיקער מיטאַרבעטער פון ריגער „פרימאָרגן" און ניו־יאָרקער „מאָרגענזשורנאַל". אין דער צייט פון דער נאַצי־אָקופּאַציע אין לעטלאַנד זיך געראַטעוועט.

**נתן גרינבלאַט**, געבוירן 1886 אין ווידז, קאָוונער געגנט. ביז 16 יאָר געלערנט אין סלאָבאָדקער ישיבה. דעביוטירט 1903 מיט נאָוועלן אין רוסיש אין די קאָוונער רוסישע צייטונגען. פון 1911 אָנגעהויבן שרייבן לידער און נאָוועלן אין יידיש. איז געווען שטענדיקער מיטאַרבעטער פון קאָוונער „אידישע שטימע". ערב דער 2־טער וועלט־מלחמה עולה געווען קיין ארץ־ישראל, וואו ער איז געווען פאָרזיצער פון העבר. שרייבער־פאַראיין.

**יודיקא**, פּסעוודאָנים פון יהודית צוק, געבוירן 1898 אין גאָרזד, קאָוונער ליטע. אַרויסגעגעבן עטלעכע לידער־ביכער אין קאָוונע און אין קאַנאַדע, וואו די דיכטערין געפינט זיך.

**מרדכי יפה**, געבוירן 1894 אין דוסיאַט, קאָוונער ליטע. דעביוטירט 1917 מיט אַ ליד אין אָדעסער זאַמלבוך „אונטערוועגס". אַרויסגעגעבן צוזאַמען מיט דעם פאַרשטאָרבענעם ב. עפּעלבוים דעם ערשטן יידישן „דעקלאַמאַטאָר" פון 20 דרוקבויגן. אַ שטענדיקער מיטאַרבעטער פון דער ליטעראַרישער זייט אין ניו־יאָרקער מאָרגן־זשורנאַל.

**העלנע כאַצקעלס**, געבוירן אין ...188 אין קאָוונע. געענדיקט גימנאַזיע און בעסטוזשעוו־קורסן אין פּעטערבורג, וואו זי האָט באַזונדערס שטודירט געשיכטע, שפּעטער זיך פאַרפולקאָמט אין נאַטור־וויסנשאַפט. איז געווען טעטיק אין „בונד" און שפּעטער געוואָרן אָנפירערין פון דער קולטור־און שול־באַוועגונג אין קאָוונער ליטע. האָט אַרויסגעגעבן עטלעכע שול־ביכער וועגן נאַטור־וויסנשאַפט און געאָגראַפיע. זי לעבט אין קאָוונע.

**פּערי לאַנג**, געבוירן אין 1888 אין שקוד, קאָוונער ליטע. געלערנט אין ישיבות. אין 1904 געקומען קיין אַמעריקע און איז שפּעטער געוואָרן אַ טוער אין טרעיד־יוניאָן און סאָציאַליסטישער באַוועגונג. אַ שטענדיקער מיטאַרבעטער פון „פאָרווערטס".

**„לייבעטשקע דער סטאָליער"**, פּסעוודאָנים פון מ. בערמאַן, געבוירן 1882 אין קאָוונער ליטע. וויכטיקער טוער פון „בונד", זיך באַטייליקט אין אַלע בונדישע אויסגאַבעס. 1935 אַרויסגעגעבן אַ וויכטיקן מעמואַרן־בוך, וואָס איז אין 1945 דערשינען אין אַ צווייטער פאַרגרעסערטער אויפלאַגע אין ניו־יאָרק. זיך געראַטעוועט קיין אַמעריקע אין די יאָרן פון דער 2־טער וועלט־מלחמה.

**יודל מאַרק***, געבוירן אין 1897 אין פּאַלאַנגע, געוועז. קורלאַנד, שפּעטער קאָוונער ליטע. פילאָלאָג, פּעדאַגאָג און פּאָלקיסטישער פּובליציסט און טוער. האָט אַרויסגעגעבן די ערשטע יידישע שול־גראַמאַטיק (2 אויפלאַגעס — 1921 און 1923) און אַנדערע אַרבעטן. האָט געגרינדעט די יידישע גימנאַזיע אין ווילקאָמיר און געווען אַ שטענדיקער מיטאַרבעטער אין די קאָוונער דעמאָקראַטישע צייטונגען „נייס" און „פּאָלקסבלאַט"; שפּעטער פון דער פּאָלקיסטישער פּאַרטיי. איצט אין ניו־יאָרק, פון די אָנפירער אין „ייוואָ", רעדאַקטאָר פון זשורנאַל „די יידישע שפּראַך".

**לעאָן סאָווידזש**, פּסעוודאָנים פון ל. שאַבאַשעוויטש, געבוירן 1888 אין קאָוונע, שטודירט אין פּאַריז יוריספּרודענץ און עקאָנאָמישע וויסנשאַפט. האָט זיך אין 1915 געראַטעוועט קיין אַמעריקע, וואו ער האָט שטודירט אין קאָלומבער אוניווערזיטעט און איז געוואָרן אַן אַדוואָקאַט. שטענדיקער מיטאַרבעטער פון ניו־יאָרקער „טאָג".

**יענטע סערדאַצקי**, געבוירן 1879 אין אַלעקסאָט, פאָרשטאָט פון קאָוונע. דעביוטירט מיט אַ דערציילונג אין 1905 אין וואַרשעווער „וועג". 1907 אויסגעוואַנדערט קיין אַמעריקע, וואו זי איז שפּעטער געוואָרן שטענדיקע מיטאַרבעטערין פון „פאָרווערטס". 1913 איז דערשינען איר בוך „געקליבענע שריפטן".

**אַלטער עפּשטיין**, געבוירן 1879 אין פּאָנעמונעק, קאָוונער געגנט. 1908 אויסגעוואַנדערט קיין אַמעריקע. 1910 דעביוטירט אין „פאָרווערטס" מיט אַ דערציילונג. 1921 אַרויסגעגעבן זיין ערשטן בוך דערציילונגען. שטענדיקער מיטאַרבעטער פון „טאָג".

**ישראל עפּרויקין**, געבוירן 1884 אין וועקשנע, קאָוונער ליטע. געווען איינער פון די גרינדער פון דער „ס"ס."־באַוועגונג, שפּעטער — דער מיטגרינדער פון דער ייד. פאָלקספּאַרטיי. דעביוטירט מיטן ערשטן אַרטיקל אין „פריינד" (1904) אונטערן פּסעוודאָנים רפאל זאַן. געווען מיטרעדאַקטאָר פון דער „אידישער וועלט" (פּעטערבורג), פון „די וואָך" (ווילנע) פון „אויפן שיידוועג" (פּאַריז). אין דעם מלחמה־יאָר 1941 זיך געראַטעוועט פון פראַנקרייך קיין אורוגוויי, וואו ער האָט אַרויסגעגעבן אַ בוך עסייען „אין חלום און אויף דער וואָר".

**דוד פראָם**, געבוירן 1903 אין פּאָנעוועזש, קאָוונער ליטע, דעביוטירט מיט לידער אין דער קאָוונער „אידישע שטימע". אויסגעוואַנדערט קיין דרום־אַפריקע אין 1927. אַרויסגעגעבן לידער־ביכער.

**יעקב דוד קאַמזאָן**, געב. 1900 אין וואָרנע, קאָוונער געגנט. דעביוטירט מיט העברעאישע לידער (1920) אין דער העבר.־ייד. אָפּטיילונג פון דער בערלינער „ייד. פּרעסע", וואָס איז דערשינען אין דייטש. שפּעטער אָנגעהויבן שרייבן לידער אין יידיש. לעבט אין ארץ־ישראל, וואו ער האָט אַרויסגעגעבן זיין ערשטן לידער־ביכל מיט אַ הקדמה פון דוד האָפּשטיין.

---

* רעדאַקטאָר פון איצט דערשינענעם יידישן ווערטערבוך. רעד.

י. ק י ס י ן, פסעוו. פון יקותיאל גאַרניצקי, געב. 1886 אין קאָוונע. געקומען קיין אַמעריקע 1904. האָט זייער יונג אָנגעהויבן צו שרייבן לידער, שפּעטער אויך עסייען און רעצענזיעס. האָט איבערגעזעצט אַ סך וויכטיקע ווערק פון דער וועלט־ליטעראַטור. אַרויסגעגעבן אַן אַנטאָלאָגיע פון מלחמה־לידער. שטענדיקער מיטאַרבעטער פון „פאָרווערטס״.

י ש ר א ל י ע ק ב ש וו אַ ר ץ, געב. אין פּעטראַשון, פאָרשטאָט פון קאָוונע. 1885 דעביוטירט מיט אַן איבערזעצונג פון ח. נ. ביאַליקס פּאָעמע „אין פעלד״ אין יוסף לוריעס „דאָס אידישע פאָלק״, ווילנע, 1908. אין דעם זעלבן יאָר אויסגעוואַנדערט קיין אַמעריקע. 1925 דערשיינט זיין באַרימט־געוואָרענע פּאָעמע „קענטאָק״. 1943 דערשיינט זיין אַנטאָלאָגיע פון העברעאישער דיכטונג, וואָס געווינט דעם ליטעראַטור־פּריז פון לואיס־לאַמעד־פאָנד.

ח י י ם ב נ י מ י ן ש ו י ס, געב. 1884 אין גאַרזשד, קאָוונער געגנט. דעביוטירט מיט לידער און פּראָזע אין אַ. ליטווינס „לעבן און וויסנשאַפט״, ווילנע, 1910. אין דעם זעלביקן יאָר אויסגעוואַנדערט קיין אַמעריקע, וואו ער האָט אָנגעהויבן צו פאַרעפנטלעכן אַרטיקלען וועגן דער יידישער געשיכטע און יידישער ליטעראַטור. ער האָט אויך פאַרפאַסט אַ ייד. געשיכטע פאַר די שולן פון „אַרבעטער־רינג״. אין „ציקאָ״־פאַרלאַג דערשינען זיין בוך „מעשיות פון בראשית״.

מיט אַלע אויבנדערמאָנטע פאַרשטאָרבענע און — זיי צו לאַנגע יאָר — לעבעדיקע יידיש־העברעאישע שרייבער און קולטור־טוער ווערט נאָך ווייט ניט אויסגעשעפּט די רשימה פון די, וואָס שטאַמען פון דער קאָוונער ליטע. אין רייזענס „לעקסיקאָן״ קאָן מען זיך באַקענען מיט די ביאָגראַפיעס און מיט די אויפטואונגען פון נאָך אַ ריי שרייבער און קולטור־טוער אויף אַלע געביטן פונעם יידיש־העברעאישן קולטור־לעבן אין גאָר דער וועלט, וואָס שטאַמען פון דער קאָוונער ליטע.

אָט זיינען זיי לויטן אלף־בית: אהרן איינהאָרן, בן ציון אלפס, דוד אפּאָטהעקער, שבתי אראָנסאָן, אבא בוך, לוי בערמאַן, הערמאַן בערנשטיין, צבי בערנשטיין, הירש בריל, דוד גאָלדבלאַט, מ. גאַנצער, משה גוטמאַן (באַלטיקאַקליס), מרדכי אהרן גינזבורג, יוסף זעליק גליק, א. י. גראָדזענסקי, י. ע. דאַווידזאָן, רחל האַלטמאַן, נחמיה דוד האָפמאַן, פּראָפ. הירש פּסח ליבמאַן, שפרה ווייס, אברהם שמחה זאַקס, משה זייפערט, קלמן זינגמאַן, סענדער זעלדאָוו, אברהם יפה, יעקב שמואל יפה, מרדכי כ״ץ, ר. ל. לאַקסאָן, רחל לוריע, יעקב הלוי ליפשיץ, ז. לעווין, מ. יאַנאָסאָוויטש, לאַזאַריס מאָנפריד, יעקב צבי סאָבעל, אסתר עליאַשעוו, י. ש. פרענאַוויטש, ניסן פראַנק, הערי קאָפּעלאַנסקי, הירש ראַבינאָוויטש, יצחק ראַבינאָוויטש, עקיבא ראַבינאָוויטש, אנא ראַפּאָפּאָרט, איסר מאיר רובין, רעד. ראובן רובינשטיין, בערנאַרד ריטשאַרדס, אליעזר שולמאַן, וו. שולמאַן, אבא הלל שקאָלניק, משה שמואל שקליאַרסקי,



און נאָך פיל אַנדערע, וואָס זייערע נעמען האָבן ערשט געדאַרפט פאַרצייכנט ווערן אין דעם 5־טן הוספה־באַנד פון זלמן רייזענס „לעקסיקאָן״, וועלכער איז ערב דער 2־טער וועלט־מלחמה שוין געווען פאַרטיק צום דרוק.

---

— די קייט פון דער יידיש־העברעאישער שרייבער־משפחה, אָפּשטאַמיקע פון קאָוונער ליטע האָט זיך אָבער געצויגן ווייטער. דער גרעסטער טייל פון זיי זיינען אין דער גרויליקער קאַטאַסטראָפע אומגעקומען און פאַר דער צייט געשטאָרבן, אָבער די לעבנפאַרבליבענע זעצן פאָר ווייטער זייער ליטעראַרישע טעטיקייט.

לאָמיר זיי דערמאָנען: שרה אייזין [3], ה. אָשעראָוויטש [5], דוד אומרו [1], אבא באלאשער [1], ז. באַק [4], י. גאָטפאַרשטיין [7], אהרן גאָלדבלאַט [7], י. גאַר [4], ארי גלאַזמאַן [1], דוד גלאָבוס [8], יהודית גלאַז [1], ל. גאַרפינקל [6], לייב גליצמאַן [1], עזריאל גראָס, אפרים גרינבערג [2], לאה גרינשטיין [1], י. גרינשפּאַן, ראָזע גוטמאַן [4], עקיבא גאָלענפּאַל [2], דר. ש. רפאל כאַסמאַן [6], ז. טרויב [6], חיים יעלין [1], מ. יעלין [5], י. יאַסאַדע [5], אַ. ירושלמי [2], ש. כוכב [1], עדה כהן, בערל כהן [4], רחביה מאָגיליוקער [4], פּסח מאַרקוס [4], י. לאַצמאַן [5], ח. לייקאָוויטש [6], י. מהיפית [2], רעד. מ. סודאַרסקי [2], כאַצקל פּראַקער [9], מנוח פּראַגער, דניאל פּרוחובניק [6] פריידל צעפּעלאָוויטש־דאַרסקי [1], ישראל קאַפּלאַן [6] אוריה קאַצענעלבאָגן [4], א. קלאַוס [2], ד״ר י. ראַבינזאָן [4], ח. ראַפּאַלאָוויטש [2], לאה רודניצקי [1], א. שאבאן, ל. שבלת [1], ד. א. שפּיראָ [6], ד״ר ח. נ. שפּיראָ [1], און אַנדערע, וואָס איך געדענק שוין ניט זייערע נעמען און וואָס דער גורל זייערער איז אומבאַקאַנט.

אַרום און אַרום האָבן מיר אַ היפּשע צאָל יידיש־העברעאישע שרייבער, קולטור־טרעגער און פּען־מענטשן, וואָס אַלע שטאַמען זיי פון דער קאָוונער ליטע. וועגן אַ טייל פון זיי קאָן מען זיכער זאָגן, אַז יעדער פון זיי איז געווען אַ גאַנץ קאַפּיטל יידישע קולטור־געשיכטע און יידישע מאַרטיראָלאָגיע.

יעדער איינער פון זיי האָט „מיר־אַליין״ געלעבט און געשטרעבט צוליב אונדז אַלעמען און ניט איינער פון זיי איז „מיר אַליין״ אומגעקומען על קדוש השם, אויך צוליב אונדז אַלעמען.

זאָל זיין געהייליקט דער אָנדענק פון די, וואָס זיינען געשטאָרבן און אומגעקומען און זאָל זיין געבענטשט דאָס לעבן און שאַפן פון די וואָס זאַמלען צונויף דאָס ביסל אַש פון דער אומגעקומענער קאָוונער ליטע אין אורנעס, וואָס עס שטעלן מיט זיך פאָר די זאַמל־ביכער „ליטע״ און אַנדערע ענלעכע ווערק.

ח. ל.

---

1 — אומגעקומען; 2 — געשטאָרבן; 3 — אַפריקע; 4 — אַמעריקע; 5 — ראַטן־פאַרבאַנד; 6 — ישראל; 7 — פראַנקרייך; 8 — געווען אַרעסטירט אין סאָוו. פאַרבאַנד, זיין גורל אומבאַוואוסט. 9 — שיפנדיק זיך דערטרונקען אין 1923 יאָר.

יוסף גאַר

# די קאָוונער טאָגצייטונג „פאָלקסבלאַט"

**א**

אין דער אומאָפּהענגיקער ליטווישער רעפּובליק צווישן ביידע וועלט־מלחמות האָט עקזיסטירט אַ פאַרצווייגטע יידישע פּרעסע, וואָס האָט געשפּילט אַ וויכטיקע ראָל אינעם לעבן פון ליטוויש־יידישן קיבוץ. אין דער קליינער ליטע, וואו די יידישע באַפעלקערונג האָט בסך־הכל געציילט אַ 160 טויזנט נפשות, זיינען אין די דרייסיקער יאָרן אַרויס פינף יידישע טאָגצייטונגען און אַ קאָנטיקע צאָל יידישע און צום טייל אויך העברעאישע פּעריאָדישע און ניט־פּעריאָדישע אויסגאַבעס. כמעט אַלע פון זיי האָבן געטראָגן אַ געזעלשאַפטלעכן כאַראַקטער און האָבן געפּריידיקט דעם אידעאָלאָגישן אני־מאמין פון די גרופּירונגען, וואָס האָבן זיי אַרויסגעגעבן. מען מוז אָבער צוגעבן, אַז יעדע פון אָט די צייטשריפטן באַזונדער און זיי אַלע צוזאַמען האָבן אויך געפירט אַן עקשנותדיקן קאַמף פאַרן רעכט פון דער יידישער באַפעלקערונג זיך צו שפירן



יידישע פּרעסע אין ליטע

אין לאַנד ווי פרייע, פולבאַרעכטיקטע ליטווישע בירגער צו גלייך מיטן מערהייט־פאָלק, די ליטווינער; אַ קאַמף פאַרן רעכט פון יידן זיך אויסצולעבן אין זייער אייגענער נאַציאָנאַלער קולטור אויף העברעאיש און יידיש; אַ קאַמף קעגן די אָפענע און פאַרמאַסקירטע שונאי־ישראל, וואָס האָבן מיט כלערליי מיטלען געזוכט אַרויסצושטויסן יידן פון זייערע דורות־אַלטע ווירטשאַפטלעכע פּאָזיציעס אין לאַנד. אַזוי אַרום האָבן די דאָזיקע צייטונגען און פּעריאָדישע אויסגאַבעס געהאָלפן פאָרמירן דעם דעת־הקהל פון ליטווישן יידנטום כלפּי־פנים און אויך כלפּי־חוץ.

אין דער געשיכטע פון דער יידישער פּרעסע אין דער אומאָפּהענגיקער ליטווישער רעפּובליק פאַרנעמט אַ גאַנץ באַזונדער אָרט די קאָוונער טאָגצייטונג פאָלקסבלאַט. דאָס איז געווען אַ צייטונג, וואָס איז געוואָרן אַרויסגעגעבן פון ניט קיין צו גרויסער אָבער אַ זייער אָנגעזעענער אידעאָלאָגישער גרופּירונג אויף דער יידישער גאַס אין ליטע — די פאָלקיסטן און זייערע סימפּאַטיקערס. דאָס איז געווען אַ בלאַט, וואָס האָט אָן וואַקלענישן און אָן קאָמפּראָמיסן מיט איר געזעלשאַפטלעכן „איך" זיך געלאָזן אויפן שווערן און דערנערפולן וועג פון גיין קעגן דעם שטראָם. און אָט דער גאַנג אירער קעגן דעם שטראָם איז געווען אַ טאָפּלטער: ערשטנס, קעגן דעם שטראָם אויף דער יידישער גאַס, וואו עס האָבן צוליב כמה טעמים דאָמינירט די פאַרשיידענע ציוניסטישע גרופּירונגען און אַסימילאַציע; והשנית, קעגן דעם שטראָם אויף דער אַלגעמיינער גאַס, וואו עס האָבן — מיטן אויסנאָם פון קורצע הפסקות — תמיד געהערשט ליטווישע רעאַקציאָנערע גרופּירונגען, וואָס זיינען געווען אומפריינדלעך צו יידן.

ווי די טריבונע פון דער יידישער פאָלקס־פּאַרטיי אין ליטע האָט פאָלקסבלאַט געלייגט דעם טראָפּ אויף „דאָאיקייט", להיפּוך צו דער ציוניסטישער „דאָרטיקייט"; אויף יידיש, ווי דאָס לעבעדיקע און שעפערישע לשון פון פאָלק; אויף דער יידיש־וועלטלעכער קולטור אין אַלע אירע התגלותן, בפרט אויף דער יידישער שול וואו די לימודים־שפּראַך איז געווען יידיש.

עס האָט זיך געפאָדערט ניט ווייניק אידעאַליזם אויפצוהאַלטן אין משך פון לאַנגע יאָרן אַזאַ צייטונג. די קרייזן, וואָס האָבן אַרויסגעגעבן פאָלקסבלאַט, אירע מיטאַרבעטער און נאָענטע פריינד, האָבן טאַקע שווער און ביטער געקעמפט פאַר איר קיום. זייער אָפט איז אויסגעקומען בייצוקומען כלערליי מכשולים. געווען זיינען עס ניט בלויז פינאַנציעלע שוועריקייטן, רדיפות מצד דער מאַכט אד"גל, נאָר אויך אינעווייניקסטע קריזיסן, געזעלשאַפטלעכע קאַמפן, וואָס האָבן, ווי מיר וועלן עס זען שפּעטער, אָנגענומען שאַרפע פאָרמען און האָבן אין לעצטן סך־הכל דערפירט צו פאַטאַלע רעזולטאַטן.

**ב**

איידער מיר טרעטן צו איבערצוגעבן אַ ריי פּרטים צו דער געשיכטע פון פאָלקסבלאַט איז כדאי זיך אָפּצו־

שטעלן אויף דער צייטונג נייס, וואָס קאָן מיט רעכט באַטראַכט ווערן ווי די „מאַמע", די פאָרגייערין פון „פאָלקסבלאַט. דאָס איז נייטיק כדי בעסער צו פאַרשטיין די פאַרגעשיכטע און געשיכטע פון פאָלקסבלאַט.

געווען איז עס אָנהייב פון די צוואַנציקער יאָרן. דער יידישער ישוב אין ליטע האָט דעמאָלט אַדורכגעמאַכט איינעם פון זיינע מערקווערדיקסטע און שטורמישסטע קאַפּיטלעך — די יידישע נאַציאָנאַלע אויטאָנאָמיע. אויף דער יידישער גאַס האָט פולסירט אַן אַקטיוו און אַ ברויזנדיק געזעלשאַפטלעך לעבן. אין לאַנד האָבן עקזיסטירט רעכטלעך־אנערקענטע יידישע קהילות. אָנגעפירט מיט דער יידישער נאַציאָנאַלער אויטאָנאָמיע האָט אַ יידישער נאַציאָנאַל־ראַט און אַ ספּעציעלער מיניסטעריום פאַר יידישע ענינים. די צוגעהעריקייט צו דער קהילה איז געווען פאַר יידן אָבליגאַטאָריש. די וועדי הקהילות האָבן געהאַט רעכט אַרויפצולייגן אויף די מיטגלידער צוואַנג־שטייער און האָבן געזאָרגט וועגן די נאַציאָנאַלע, קולטורעלע און רעליגיעזע הצטרכותן פון דער יידישער באַפעלקערונג.

צוליב די גרויסע שוועריקייטן, וואָס זיינען פאַרבונדן מיטן אַרויסגעבן אַ טעגלעכע צייטונג, האָט דער יידישער ישוב אין ליטע דאַן פאַרמאָגט בלויז איין טאָגצייטונג — די אידישע שטימע. די צייטונג האָט אָנגעהויבן אַרויסצוגיין אין יולי 1919. כאָטש די אידישע שטימע איז געווען דער אָרגאַן פון די אַלגעמיינע ציוניסטן (רעדאַקטאָר — ר. רובינשטיין), האָבן אַרום איר זיך גרופּירט אויך אָנהענגערס פון די אַנדערע ציוניסטישע גרופּירונגען, אויך די ניט־ציוניסטן און אַפילו די אַנטי־ציוניסטישע עלעמענטן האָבן געמוזט לייענען די אידישע שטימע. זיי האָבן פּשוט ניט געהאַט קיין ברירה, ווייל עס איז ניט געווען קיין אַנדער טאָגצייטונג אויף יידיש. צופרידן פון דעם זיינען זיי אָבער, פאַרשטייט זיך, ניט געווען. אַזאַ מצב האָט אָנגעהאַלטן עטלעכע יאָר.

אין 1921 האָט אַ גרופּע יידישע שרייבערס פאַרלאָזן סאָוויעט־רוסלאַנד, וואו עס האָט אַחוץ הונגער און נויט אויך געבושעוועט דער קאָמוניסטישער טעראָר. זיי האָבן געוואָלט אָנקומען קיין מערב־אייראָפּע אָדער אַמעריקע, אָבער זייער ערשטער אָפּשטעל־אָרט איז געווען אין ליטע. צווישן די שרייבערס, וואָס זיינען געקומען קיין קאָוונע, זיינען געווען: בן־אדיר, (אברהם ראָזין), דוד בערגעלסאָן, יעקב לעשצינסקי, ד"ר א. מוקדוני, דער נסתר (פּנחס כהנאָוויטש), זעליג קאַלמאַנאָוויטש, נחום שטיף (בעל־דמיון) א"א.

קומענדיק קיין קאָוונע האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז זיי וועלן אַזוי גיך ניט קאָנען פאָרן ווייטער און וועלן מוזן אין ליטע פאַרבלייבן אַ לענגערע צייט. ס'רוב פון אָט די געקומענע שרייבערס האָבן ניט געהאַט קיין חשק צו דער ציוניסטישער צייטונג די אידישע שטימע. זיינען אָט די שרייבערס צוגעטראָטן אַרויסצוגעבן אין קאָוונע אַ נייע יידישע צייטונג, און דעמאָלט איז עס געבוירן געוואָרן די טאָגצייטונג נייס, אונטער דער רעדאַקציע פון





ד"ר אַ. מוקדוני. אַחוץ אים זיינען אין דער רעדאַקציע געווען: בן־אדיר, נחום שטיף, ז. קאַלמאַנאָוויטש, י. סלאָנים (א. נאָדל), דער נסתר. די געקומענע שרייבערס האָבן ווייניק זיך אָריענטירט אינעם לעבן פון לאַנד. די מלוכה־שפּראַך ליטוויש האָבן זיי ניט געקענט. זיי האָבן דעריבער זיך מער אָפּגעגעבן מיטן שרייבן אויף אַלגעמיין־יידישע טעמעס, ווי נעמען אַ שטעלונג צו די אַקטועלסטע פּראָבלעמען פון ליטוויש־יידישן ישוב. קיין מעלה פאַר דער צייטונג איז עס, פאַרשטייט זיך, ניט געווען.

ביסלעכווייז האָט אָט דער מצב זיך גענומען פאַרבעסערן. צו דער צייטונג זיינען קאָאָפּטירט געוואָרן פערזאָנען פון די פאָלקיסטישע קרייזן אין ליטע. עס האָבן אָנגעהויבן מיטצואַרבעטן אַדוו. עוזר פינקלשטיין, יודל מאַרק, אוריה קאַצענעלנבאָגן, חיים ראַפאַלאָוויטש, יוסף טשערניכאָוו א. אַ. אַדוו. פינקלשטיין האָט לכתחילה געשריבן אויף רוסיש און אין דער רעדאַקציע האָט מען זיינע אַרטיקלען איבערזעצט אין יידיש. מיט דער צייט איז ער אַליין אַריבער צו שרייבן אויף יידיש. שטענדיקע מיטאַרבעטערס זיינען אויך געוואָרן: דער זשורנאַליסט ד"ר רודאָלף וואַלסאָנאָק, דער פעליעטאָניסט ראובן צרפת, דער בעלעטריסט פּסח מאַרקוס א. אַ.

די פינאַנסיעלע מערכה פון דער צייטונג איז געווען אַ קלאָגעדיקע. די צאָל אַבאָנענטן איז געווען ניט קיין גרויסע. קיין אַנאָנסן פון האַנדל־פירמעס האָט זי ניט געהאַט. פרילינג 1922 האָט נייס זיך אָפּגעשטעלט.

אָבער אין אַ קורצער צייט אַרום, זומער 1922, האָט נייס ווידער אָנגעהויבן אַרויסצוגיין. דאָס מאָל איז די צייטונג געוואָרן רעדאַגירט פון אַדוו. יוסף טשערניכאָוו (דניאלי), וואָס האָט דאַן זיך געפונען אין ליטע, און פון יודל מאַרק. ס'רוב שרייבערס געקומענע פון סאָוועט־רוסלאַנד האָבן אין משך פון דער צייט פאַרלאָזן ליטע און די צאָל מיטאַרבעטערס איז געפאַלן. די טאָגצייטונג נייס אין איר צווייטער סטאַדיע האָט אָנגעהאַלטן בלויז עטלעכע חדשים און אין סעפּטעמבער 1922 האָט זי זיך געשלאָסן.

### ג

אין אַ זיבן חדשים אַרום, אָנהייב אַפּריל 1923, הייבט נייס ווידער אַ מאָל אָן אַרויסצוגיין, אָבער ניט ווי אַ טאָגצייטונג, נאָר ווי אַ וואָכנבלאַט. דאָס יאָר האָבן אין לאַנד געדאַרפט פאָרקומען וואַלן צו די וועדי הקהילות און אויך צו דער יידישער נאַציאָנאַלער פאַרזאַמלונג — דער „יידישער סיים" אין ליטע. די פאָלקיסטן, וואָס האָבן גענומען אַן אַקטיוון אָנטייל אין אָט די אָרגאַנען פון דער יידישער נאַציאָנאַלער אויטאָנאָמיע, האָבן אין אַזאַ קאָכיקער צייט ניט געקאָנט בלייבן אָן אַן אייגענער טריבונע אויף דער יידישער גאַס. זיי זיינען געווען שטאַרק פאַראינטערעסירט צו קומען צום וויילער מיט זייער פּראָגראַם.

דאָס וואָכנבלאַט נייס איז געוואָרן רעדאַגירט פון עוזר

פינקלשטיין, יוסף טשערניכאָוו, ר. צרפת, אַ. קאַצענעלנבאָגן, ח. ראַפּאַלאָוויטש, נ. שטיף א. אַ. די צייטשריפט איז אַרויס ביז אָקטאָבער 1923.

אין אַ דריי יאָר אַרום, פרילינג 1926, האָט ווידער אַ מאָל אָנגעהויבן אַרויסצוגיין דאָס וואָכנבלאַט נייס. אין ליטע איז דעמאָלט געווען אַ צייט, ווען אין לאַנד זיינען געקומען צו דער מאַכט די דעמאָקראַטישע עלעמענטן. די וואַלן צום 3־טן סיים — דעם לעצטן דעמאָקראַטיש־געקליבענעם סיים אין ליטע — האָבן געבראַכט אַ מפּלה פאַר די רעאַקציאָנערע „קריסטלעכע דעמאָקראַטן" און זייערע שותּפים, וואָס זיינען יאָרן לאַנג געזעסן ביים מלוכה־רודער. עס איז געשאַפן געוואָרן אַ קאָאַליציע־רעגירונג פון די „ליאַודינינקעס" (פאָלקיסטן) און סאָציאַל־דעמאָקראַטן. די נייע רעגירונג האָט אָנגעהויבן אָפּצושאַפן די אַנטידעמאָקראַטישע חומרות, וואָס די פריערדיקע רעגירונג האָט געהאַט איינגעפירט אין לאַנד. דאָס איז געווען אַ צייט פון אַ פּאָליטיש־געזעלשאַפטלעכן פרילינג אין לעבן פון דער יונגער ליטווישער רעפובליק. אויך אויף דער יידישער גאַס האָבן גענומען בלאָזן נייע ווינטן. דאָס יידישע געזעלשאַפטלעכע לעבן איז געוואָרן שטאַרק אַקטיוויזירט.

אָנגעהויבן אַרויסצוגיין האָט דאָס וואָכנבלאַט נייס אין מאַי 1926. די צייטשריפט איז געוואָרן רעדאַגירט פון עוזר פינקלשטיין און יודל מאַרק. אַ זייער אָנגעזעענעם אָרט אין נייס האָט פאַרנומען ד"ר מענדל סודאַרסקי, וואָס האָט געהאָלפן באַנייען די צייטשריפט און איז געווען איינער פון אירע הויפּט־מיטאַרבעטערס. ניט געקוקט אויף אַלע אָנשטרענגונגען האָט נייס ניט געקאָנט ביי־קומען די פינאַנציעלע שוועריקייטן און סוף אויגוסט 1926 האָט דאָס וואָכנבלאַט זיך אָפּגעשטעלט.

די עטלעכע באַמערקונגען וועגן נייס אין אירע פאַרשיידענע סטאַדיעס וועלן מיר פאַרענדיקן מיטן ברענגען צוויי אָפּרופן אויף אָט דער צייטשריפט. איין אָפּרוף איז פון איר ערשטן רעדאַקטאָר ד"ר אַ. מוקדוני, דער צווייטער — פון יודל מאַרק, איינער פון אירע שפּעטערדיקע מיטרעדאַקטאָרן.

ד"ר אַ. מוקדוני האָט אין יאָרן אַרום כאַראַקטעריזירט נייס בזה הלשון:

> ...עס איז געווען אַ שיין, ליכטיק, ערנסט און פּיקאַנט צייטונגל... איר ריכטונג — יידיש־פאָלקיסטיש... אַרום אונדזער צייטונג נייס האָבן זיך קאָנצענטרירט די ראַדיקאַלע און האַלב ראַדיקאַלע יידן און סתם יידיש־פּראָגרעסיווע יידן... קיין גאָר גוט לעבן צווישן דער ציוניסטישער צייטונג [די אידישע שטימע] און אונדזער צייטונג איז ניט געווען...

יודל מאַרק האָט אינעם ערשטן נומער פאָלקסבלאַט, ריידנדיק וועגן די אויפגאַבעס פון דער נייער צייטונג, געשריבן וועגן נייס אָט וואָס:

> ...עס איז געווען אַ נייס אין צוויי גילגולים, אַ טעגלעכע צייטונג, אין צוויי אָפּבייטן אַ וואָכנבלאַט. אָבער אין אַלע פאָרמען איז דאָס געווען פריער פון אַלץ אַן ערלעך און פיין בלאַט מיט אַ קלאָרן פּרצוף, מיט אַ שפּירעוודיקן געזעלשאַפטלעכן געוויסן, מיט אומרואיקע מאָנענישן און טענות. נייס האָט שטענדיק געהאַט נייס, אַ נייעם צוגאַנג, נייע פאַרלייגן, אַ ניי וואָרט. נייס האָט זיך ניט פאַרזינדיקט קעגן באַשיידנקייט, אויב מען זאָל בפה־מלא זאָגן, אַז נייס איז אַ שיין בלעטל אין דער געשיכטע פון דער יידישער פּרעסע און זשורנאַליסטיק ניט נאָר אין ליטע, נאָר אויך אין דער גאַנצער יידישער וועלט...
>
> נייס איז אָבער געווען צו בייז. אפשר צו פיל אויסגעהאַלטנקייט און גראַדליניקייט פאַר אונדזערע ענגע ד' אמות. און נייס האָט, אפילו אין דער צייט פון טעגלעכן דערשיינען, זיך צו פיל פאַרנומען צו זיין אַבסטראַקט, אינטעליגענטיש. נייס האָט זיך צו פיל פאַרנומען מיט טעאָריע, צו ווייניק מיט די קליינקייטן און טשיקאַווע נישטיקייטן פון טאָג־איין, טאָג־אויס. הכלל, ניט שטענדיק איז נייס געווען צוגעפּאַסט פאַר אַ ברייטן עולם לייענערס. נייס איז געווען פאָלקסטימלעך מער אין דער אידעע, ווי אין מהות און אין איר שפּראַך...

## ד

עס קומען אָן שווערע יאָרן אין לעבן פון ליטע. אין דעצעמבער 1926 קומט פאָר אין לאַנד אַ פאַשיסטישע מלוכה־איבערקערעניש. דורך אַ מיליטערישן פּוטש ווערט באַזייטיקט די דעמאָקראַטישע קאָאַליציע־רעגירונג. די עקסטרעם־נאַציאָנאַליסטישע „טאַוטינינקעס" (נאַציאָנאַליסטן) פאַרכאַפּן די מאַכט און אין ליטע ווערט איינגעפירט אַ פאַשיסטישע דיקטאַטור. עס ווערן אָפּגעשאַפט אַלע דעמאָקראַטישע פרייהייטן אין לאַנד. די נייע מאַכט הערשט ביד חזקה און זי רודפט אומברחמנותדיק אירע פּאָליטישע קעגנערס. אויף דער יידישער גאַס טוט זיך חושך. די נייע מאַכטהאָבערס פּראָטעזשירן די אגודה־קרייזן און טאָלערירן די בירגערלעכע ציוניסטישע עלעמענטן. אַלע אַנדערע יידישע געזעלשאַפטלעכע גרופּירונגען טאָרן ניט אויפהייבן דעם קאָפּ.

עס זיינען אַריבער עטלעכע יאָר. דער דיקטאַטור־רעזשים האָט געפילט, אַז ער זיצט פעסט אין זאָטל און אַז אים דראָט ניט קיין שום ערנסטע סכנה מצד דער אָפּאָזיציע אין לאַנד. מחמת דעם האָט פון צייט צו צייט אַ ביסעלע נאָכגעלאָזן דער דרוק פון דער דיקטאַטור. אין אַזאַ פרייען מאָמענט האָבן די יידישיסטיש־דעמאָקראַטישע עלעמענטן אין ליטע אַרויסבאַקומען ביי דער רעגירונג אַ דערלויבעניש אַרויסצוגעבן אַ טאָגצייטונג א"נ פאָלקסבלאַט.

די הויפּט איניציאַטאָרן פון פאָלקסבלאַט זיינען געווען: אַדוו. עוזר פינקלשטיין, ד"ר מענדל סודאַרסקי און זיין פרוי אַלטע, יודל מאַרק, ד"ר משה מאַטיס, ד"ר מתתיהו סאָלאָווייטשיק (אַ ברודער פון געוועזענעם מי־

ניסטער פאַר יידישע ענינים ד"ר מאַקס סאָלאָווייטשיק) א"א. אַ סך, גאָר אַ סך מניעות האָט מען געדאַרפט גובר זיין, כדי די נייע צייטונג זאָל דערזען די ליכטיקע שיין. געזאָלט האָט זי אָנהייבן אַרויסצוגיין דעם 1־טן יאַנואַר 1930, אָבער דאָס האָט זיך פאַרצויגן אויף אָנדערטהאַלבן חדשים, ענדלעך איז פרייטיק, דעם 14־טן פעברואַר 1930, אַרויס דער ערשטער נומער פֿאָלקסבלאַט.

דער אָפיציעלער אַרויסגעבער פון פֿאָלקסבלאַט איז געווען די „יידישע בילדונג־געזעלשאַפט אין ליטע". אין 1926, אין דער קורצער תקופה פון דער דעמאָקראַטישער קאָאַליציע־רעגירונג, האָבן די פאָלקיסטן געשאַפן די דאָזיקע אָרגאַניזאַציע מיטן ציל צו זאָרגן וועגן די יידישיסטישע קולטור־מוסדות. אַחוץ די פאָלקיסטן האָבן אַרום דער נייער צייטונג זיך אויך גרופירט לינקע פועלי־ציוניסטן (אין ליטע איז עס געווען אַן אומלעגאַלע פאַרטיי), אונפאַרטייאישע, אָבער דעמאָקראַטיש־געשטימטע עלעמענטן, אַ היפש ביסל מענטשן פון די קרייזן פון די קליינקרעמערס, בעלי־מלאכות, פראָפעסיאָנעלער אינטעליגענץ.

פֿאָלקסבלאַט איז די ערשטע צוויי יאָר געוואָרן רעדאַגירט פון אַ קאָלעגיע. טעכנישער רעדאַקטאָר איז געווען ל. שבולת, וואָס האָט פריער אַן ענלעכן פאָסטן פאַרנומען אין די אידישע שטימע. עס האָבן מיטגעאַרבעט: אַדוו. ע. פינקלשטיין, ד"ר מ. סודאַרסקי, י. מאַרק, ד"ר אסתר עליאַשעוו, ד"ר י. איפּ., נ. ביינושעוויטש, ע. גאָלענפּאָל, ד"ר י. ווייסבאַרט, ל. וועריזשבאָוויטש, ש. זאַק (אונטער די פסעוודאָנימען ד"ר סימפּלטאָן, דער פּיטשינקער), א. י. סטוטשינסקי, חיים קלאַצקין א"א. שפּעטער זיינען צוגעקומען: לייזער קאָפּעלאָוויטש, י. אַלטפעלד,


...פּאַקאַלנישקים לײנט
...ראַף פּאָרגרעסערן פון 6
...באַזונדערש שאַרף — מײנט
...וואָלט מען געדאַרפט שטראָפן
...אַגענטן, וואָס העצן מענטשן צו
...אין ליטע איז דאָ אַרבעט און ברויט

דער געזעץ־פּראָיעקט ווערט מיט אַ מערהייט שטימען אָנגענומען.

די קומענדיקע ייצונג קומט פאָר דעם 9־טן אַפּריל.

Redaktorius MENDELIS SUDARSKIS.
Leidžia: Lietuvos Žydų Švetimo Draugija

פאַקסימיליע פון דער לעצטער זייט „פֿאָלקסבלאַט" מיט די נעמען פונעם רעדאַקטאָר און אַרויסגעבער אין ליטוויש

אַגר' י. אָלייסקי, יוסף גאַר, חיים יעלין, ד. וו. מאַיראָוויטש, דוד אומרו א"א. אינעווייניקסטע רעדאַקציע־מיטאַרבעטערס זיינען לכתחילה געווען: יעקב גאָטליב, דוד גלאָבוס, זעליק באַק, שמואל מאַץ (שמואליק), ש. בינדער. שפּעטער זיינען טייל פון זיי אַוועק און עס זיינען צוגעקומען נייע מענטשן. פון אויסלאַנד האָבן מיטגעאַרבעט: אַבאַ גוטעס (פסעוודאָנים פון לייבל חיין־ראַבינאָוויטש), ארץ־ישראל; ברוך שעפּנער, פּוילן; ב. מער, שוועדן; יוסף גאָטפאַר־



רעדאַקציע און מיטאַרבעטער פון קאָוונער „פֿאָלקסבלאַט"

שטיין, פראַנקרייך; דוד לעהרער, בעלגיע; דניאל טשאַרני, בערלין; וולאַדימיר גראָסמאַן, ל. מלאך א"א. פון צייט צו צייט האָבן מיטגעאַרבעט: בן־אדיר, ש. ניגער, ד"ר ח. זשיטלאָווסקי, פּראָפ' ל. הערש, מלך ראַוויטש, און אַ סך אַנדערע אָנגעזעענע שרייבערס פון אויסלאַנד*.

אין דער אַדמיניסטראַציע פון פֿאָלקסבלאַט האָבן געאַרבעט: בלומאַן, מאַרגאָליס, קאַץ א"א; אין דער זעצעריי — גאָראָוואָי, עדלשטיין, ראָטנשטיין, ראָפּע א"אַ.; ביים ליגאָטיפּ — סעגאַל, פינקל א"אַ.; ביי דער קאָרעקטור — לכתחילה זעליק באַק, יעקב גאָטליב, שפּעטער בערל לאָנדאָן און ד. באַק.

ה

פֿאָלקסבלאַט האָט באַלד פון אָנהייב אָן זיך באַמיט איינצושטעלן אַ קאָנטאַקט מיט די יידישע פּראָווינץ־ישובים. ניט בלויז אין די גרעסערע שטעט נאָר אין אַ סך שטעטלעך איבערן לאַנד האָט די צייטונג געהאַט אירע קאָרעספּאָנדענטן, וואָס האָבן אָפט געשריבן וועגן יידישן לעבן אין זייערע קהילות. דאָס האָט דער צייטונג צוגעגעבן אַ סך לעבן און קאָלאָריט.

פֿאָלקסבלאַט האָט אויך פאַרמאָגט ספּעציעלע ביילאַגעס, וואָס זיינען געווען זייער פּאָפּולער ביי די לייענערס פון דער צייטונג. פון די ביילאַגעס איז כדאי צו דערמאָנען:

קינדערבלאַט (האָט אויך געהייסן: אונדזער קינדערבלאַט). — דאָס איז געווען דער ווינקל פון און פאַר די הונדערטער תלמידים און תלמידות פון די יידיש־וועלטלעכע שולן אין ליטע. אין קינדערבלאַט זיינען געווען געבראַכט די בעסטע מוסטערן פון דער אַלגעמיינער און יידישער קינדער־ליטעראַטור. אַחוץ דעם זיינען דאָרט געוואָרן פאַרעפנטלעכט קאָמפּאָזיציעס א"א שאַפונגען פון די תלמידים פון די יידישע שולן. צו ערשט איז דאָס קינדערבלאַט געוואָרן רעדאַגירט פונעם פעאיקן פּעדאַגאָג פון די קאָוונער יידישע שולן, משה ליווּשין. נאָך זיין פריצייטיקן טויט, סוף יוני 1931, איז קינדערבלאַט געוואָרן רעדאַגירט פון דער פּראָמינענטער לערערין און מחברטע פון נאַטורוויסנשאַפטלעכע לערנביכער אויף יידיש, העלענע כאַצקעלס. אין משך פונעם יאָרצענדליק, וואָס פֿאָלקסבלאַט איז אַרויס, זיינען געווען געדרוקט אַ דרייצן הונדערט ביילאַגעס פון קינדערבלאַט. זיי שטעלן מיט זיך פאָר אַ וויכטיקן מקור צו דער געשיכטע פון יידישער פּעדאַגאָגיק בכלל און פון דער יידיש־וועלטלעכער דערציאונג אין ליטע צווישן ביידע וועלט־מלחמות בפרט.

אין דער וועלט פון ליטעראַטור און קולטור. — באַלד פון אָנהייב אָן האָט פֿאָלקסבלאַט אָפּגעגעבן אויף אירע שפּאַלטן אַ סך אָרט פאַר ענינים פון דער יידישער ליטעראַטור און קולטור. קיין ספּעציעלע ביילאַגע פאַר דעם איז אָבער לכתחילה ניט געווען. ערשט זומער 1934 האָט דער שרייבער פון די שורות זי איינגעפירט און אַ געוויסע צייט אויך רעדאַגירט. (אונטערן פּסעוודאָנים י. גאַמאַ). אַחוץ רעצענזיעס אויף ניי־אַרויסגעגאַנגענע יידישע ביכער זיינען אין דער ביילאַגע געווען געבראַכט ידיעות פון דער גאָרער יידישער ליטעראַטור־ און קולטור־וועלט. אין דער ביילאַגע איז לכתחילה געווען אַ שטיקל חידוש: אַן אָפּטייל פאַר דער ליטווישער ליטעראַטור. עס זיינען געוואָרן רעצענזירט ליטווישע ביכער און די לייענערס האָבן זיך באַקענט מיט דער ליטווישער ליטעראַרישער שאַפונג. מען האָט אין דעם איינגעזען אַ התחלה פון אַ שטיקל דערנענטערונג צווישן די יידישע און ליטווישע קולטור־קרייזן. אַן אָפטער מיטאַרבעטער אין דער ביילאַגע איז געווען דער יונגער טאַלאַנטפולער דיכטער און עסייאיסט יעקב גאָטליב, וואָס האָט דאַן געאַרבעט אין פֿאָלקסבלאַט ווי אַ קאָרעקטאָר.

וועכנטלעכע ביילאַגע פאַרן עסטאָנישן יידנטום. — די דאָזיקע ביילאַגע איז געוואָרן איינגעפירט אָנהייב 1934. דער יידישער ישוב אין עסטלאַנד האָט געציילט ניט מער ווי פיר אַ האַלב טויזנט נפשות. די יידן אין עסטלאַנד האָבן אָבער, צו גלייך מיט די אַנדערע נאַציאָנאַלע מיעוטים אין לאַנד, גענאָסן פון דער קולטור־אויטאָנאָמיע, וואָס איז אין עסטלאַנד אין אַ סך פּרטים געווען ליבעראַלער און דעמאָקראַטישער ווי אין די אַנדערע צוויי באַלטישע רעפּובליקן: ליטע און לעטלאַנד. אַרום דער ביילאַגע האָבן זיך גרופּירט די יידישיסטישע עלעמענטן אין עסטלאַנד. עס איז כדאי צו ברענגען דעם ווייטערדיקן אויסצוג פון אַן אַרטיקל, וואָס די פאַרוואַלטונג פון דער יידישער שול־אָרגאַניזאַציע אין עסטלאַנד האָט געשריבן וועגן דער ביילאַגע (פֿאָלקסבלאַט, פעברואַר, 15, 1935):

...מיט אַ קנאַפּן יאָר צוריק האָט פֿאָלקסבלאַט אויך אונדז, עסטישע יידן, אַריינגענומען אין איר שויס אין דער פאָרעם פון אַן עסטישער ביילאַגע... ווער האָט פון אונדז געהערט און געוואוסט? איצט גיסט זיך אַריין אויך אונדזער קליין טייכל אין דעם גרויסן ים, וואָס רינגלט אַרום די גאָרע יידן־וועלט. אויך אונדזער פאַרוואָרפן ווינקל איז פאַרצייכנט אויף דער אַלגעמיינער יידישער געאָגראַפישער קאַרטע. דורך דעם שפּיל פונעם גורל האָט דער קלענסטער יידישער קיבוץ אין דער וועלט באַקומען די מעגלעכקייט צו געניסן פון דעם גרעסטן רעכט אויף וואָס יידן האָבן דורות לאַנג געוואַרט — קולטור־אויטאָנאָמיע. די עסטישע ביילאַגע ביים פֿאָלקסבלאַט שאַפט דעם פאַרבינדונגס־פאָדעם, דעם קאָנטאַקט מיט די גרעסערע יידישע קיבוצים, מיט וועלכע מיר קאָנען זיך טיילן וועגן דעם אופן ווי יידן נוצן אויס דאָס געגעבענע רעכט, מיט אַלע אונדזערע פאַרשיידענע טענות און מענות. אונדזער אייגנאַרטיקער יידישער לעבן קריגט די נייטיקע אָפּשאַצונג צו וועלכער עס הערט זיך אויפמערקזאַם צו די ברייטע יידישע וועלט...

* אָפט האָט זיך אין „פֿאָלקסבלאַט" געדרוקט ד. מאַטיס (אַמעריקע), אויך ח. לייקאָוויטש האָט דאָרט פאַרעפנטלעכט עטלעכע אַרטיקלען. — רעד.

אין דער עסטישער ביילאַגע האָבן מיטגעאַרבעט: אַ. ראָכלין, י. האַלברייך, ה. באַנד, ד״ר נתן גענש, ד״ר יוסף מאַרקאָוויטש, י. דובראָווסקי, ה. דרוק, י. פּאַיענסאָן, ש. פּערלמאַן.

שפּאַס־ווינקל עמך. — די דאָזיקע וועכנטלעכע ביילאַגע איז געוואָרן צוזאַמענגעשטעלט פון דוד גלאָבוס. ער איז געווען אַ פּעאיקער פּען־מענטש און האָט געשריבן גאַנץ שאַרפזיניקע הומאָריסטיש־סאַטירישע פּעליעטאָנען און שפּאַסרייען פונעם יידישן און אַלגעמיינעם לעבן.

אַחוץ אַזעלכע ספּעציעלע ביילאַגעס זיינען אין פאָלקסבלאַט אויך געווען ווינקלען פאַר פּאָפּולער־מעדיצינישע אויפקלערונגען פון ד״ר מ. סודאַרסקי, יורידישע הילף, אַדוו. ווערבלאָווסקי און ל. ווערזשבאָוויטש, שאָך א. א. ענינים, וואָס האָבן געקאָנט זיין פון אַ באַזונדערן אינטערעס פאַרן לייענער.

ו

פאָלקסבלאַט, ווי אַלע אַנדערע אָפּאָזיציאָנעלע צייטונגען, איז באַלד פון אירע ערשטע טעג געוואָרן גערודפט פון דער מאַכט. די פאַשיסטישע צענזור האָט איר אָנגעטאָן צרות שוין פון ערשטן טאָג אָן. נאָך דעם ווי עס זיינען אַרויס די ערשטע דרייצן נומערן פון דער צייטונג איז זי דורך דער מאַכט געוואָרן געשלאָסן.

לויטן פּרעסע־געזעץ, וואָס איז דעמאָלט געווען גילטיק אין ליטע, האָט מען ניט געדאַרפט האָבן אין פאָרויס קיין דערלויבעניש פון דער מאַכט אַרויסצוגעבן אַן איינמאָליקע אויסגאַבע. טאָמער האָט נאָכן דערשיינען פון דער אויסגאַבע דער צענזאָר איינגעפונען, אַז דער מאַטעריאַל איז דאָרט פּאָליטיש אומכשר, האָט מען דעם רעדאַקטאָר אָדער אַרויסגעבער באַשטראָפט מיט געלט. אין פאַל פון אַ שווערערן חטא לגבי די צענזור־כללים האָט געדראָט תּפיסה און מען האָט אויך קאָנפיסקירט די אויסגאַבע.

אין דער האָפענונג אַז עס וועט זיך איינגעבן אָפּצושרייען די גזירה און מען וועט ווידער באַנייען דאָס אַרויסגעבן די צייטונג, האָט פאָלקסבלאַט אָנגעהויבן יעדן טאָג אַרויסצוגיין ווי אַן איינמאָליקע אויסגאַבע אונטער פאַרשיידענע נעמען. אין די טעג פון 3־טן — 13־טן מערץ 1930 זיינען אַרויס איינמאָליקע פאָלקסבלאַט־אויסגאַבעס אונטער די ווייטערדיקע נעמען: יידישע פאָלקסבלאַט, אונדזער פאָלקסבלאַט, אַלגעמיינע פאָלקסבלאַט, אמתע פאָלקסבלאַט. נאָך דעם האָט די מאַכט ווידער דערלויבט פאָלקסבלאַט אַרויסצוגיין אונטער איר פריערדיקן נאָמען.

דעם 22־טן יולי 1934 האָט די מאַכט צוליב עפּעס אַ פּרעסע־חטא געשלאָסן אויף דריי חדשים צייט פאָלקסבלאַט. אויך דער אָרגאַן פון צ״ס דאָס וואָרט און דער רעוויזיאָניסטישער אונזער מאָמענט זיינען דעמאָלט געוואָרן געשלאָסן.

מער ווי אַ וואָך צייט איז פאָלקסבלאַט בכלל ניט אַרויס. פון 31־טן יולי ביזן 13־טן אויגוסט איז זי יעדן טאָג אַרויס ווי אַן איינמאָליקע אויסגאַבע אונטער די





ווייטערדיקע נעמען: מאָרגנבלאַט, יידיש בלאַט, אונדזער בלאַט, ערב־שבת־בלאַט, זונטיק־בלאַט, מאָנטיק־בלאַט, דינסטיק־בלאַט, דאָנערשטיק־בלאַט, פרייטיק־בלאַט, יידיש פאָלקסבלאַט, אונדזער פאָלקסבלאַט.

דאָס אַרויסגעבן די צייטונג יעדן טאָג אונטער אַן אַנדערן נאָמען איז געווען זייער אומבאַקוועם און מען האָט געזוכט אויסצופועלן ביי דער מאַכט אַ דערלויבעניש אַרויסצוגעבן אַ נייע טאָגצייטונג א״נ דאָס פאָלק. נאָך דעם ווי מען האָט אַזאַ דערלויבעניש באַקומען, איז דאָס פאָלק אַרויס פון 14־טן אויגוסט ביזן 1־טן נאָוועמבער 1934. בינתים האָט זיך געענדיקט די שטראָפצייט פאַר פאָלקסבלאַט. אָנשטאָט דאָס פאָלק האָט ווידער אָנגעהויבן אַרויסצוגיין פאָלקסבלאַט.

פאַרן עובר זיין אויף די שטרענגע כללים פון דער צענזור האָט, ווי געזאָגט, דעם רעדאַקטאָר און אָפטמאָל אויך דעם אַרויסגעבער פון דער צייטונג געדראָט ניט בלויז אַ געלטשטראָף, נאָר זייער אָפט אויך תּפיסה. מחמת דעם האָט מען אין צייטונגען געקאָנט זען, אַז אַלס אָפיציעלער רעדאַקטאָר איז אָנגעגעבן ניט די פּערזאָן, וואָס רעדאַגירט פאַקטיש די צייטונג, נאָר גאָר אַן אַנדערער מענטש, וואָס איז געווען גרייט אָפּצוקומען די עווענטועלע תּפיסה־שטראָף פאַרן רעדאַקטאָר. דאָס האָט געהייסן אַ זיצרעדאַקטאָר (ער איז דאָך געווען גרייט צו זיצן אין תּפיסה...)

אין פאָלקסבלאַט איז אַ לענגערע צייט געווען אָנגעגעבן ווי אַ זיצרעדאַקטאָר נתן יאָנעס, אַ פּשוטער פאָלקסמענטש וואָס איז בלב ובנפש געווען איבערגעגעבן פאַר דער צייטונג און האָט אָנגענומען פאַר ליב אָפּצוקומען איטלעכע שטראָף צוליב פאָלקסבלאַט. אַחוץ אים זיינען אין געוויסע פּעריאָדן אויך אַנדערע מענטשן, ווי למשל, דער זעצער פון פאָלקסבלאַט נ. ראָטנשטיין און לייזער גורוויטש, דער בעל־הבית פון דרוק, געווען אָנגעגעבן ווי דער אָפיציעלער רעדאַקטאָר פון דער צייטונג.

פון מערץ 1932 ביז דעצעמבער 1934 איז די צייטונג געוואָרן רעדאַגירט פון יודל מאַרק, וואָס איז אין דער אומאָפּהענגיקער ליטע געווען איינער פון די אָנגעזעענסטע וואָרטזאָגערס פון דער פאָלקיסטישער באַוועגונג און דער פאַקטישער דירעקטאָר פון דער ווילקאָמירער יידישער רעאַל־גימנאַזיע. ער האָט נאָך דעם פאַרלאָזן ליטע און האָט זיך באַזעצט אין די פאַראייניקטע שטאַטן.

נאָך י. מאַרקן איז בראש פון דער פאָלקסבלאַט־רעדאַקציע געשטאַנען ד״ר מענדל סודאַרסקי, וואָס איז צוזאַמען מיט זיין פרוי אַלטע געווען פון די גרינדערס פון דער צייטונג. זיי ביידע האָבן די גאַנצע צייט זייער אַ סך געטאָן פאַרן קיום פון פאָלקסבלאַט. די פּילצאָליקע לייענערס און פריינד פון פאָלקסבלאַט האָבן עס גוט געוואוסט און זיי האָבן עס שטאַרק אָפּגעשאַצט. די דאָזיקע פריינדשאַפט און דרך־ארץ צו די סודאַרסקיס איז געקומען צום אויסדרוק אין 1936, ווען די צייטונג פאָלקסבלאַט און די


This is to certify that

Mr Chief-Editor

Dr. M. Sudarski

is a collaborator of our daily newspaper «FOLKSBLAT», (in Kaunas, Lithuania)

Chief-Editor

Secretary

Par le présent nous certifions que

Monsieur Chef-Redakteur

Dr. M. Sudarski

est collaborateur de notre journal quotidien «FOLKSBLAT», paraissant à Kaunas (Lithuanie)

Rédacteur en chef

Secrétaire

לעגיטימאַציע פון ד״ר מ. סודאַרסקי אַלס הויפּט־רעדאַקטאָר פון „פאָלקסבלאַט"

יידישע געזעלשאַפטלעכקייט אין ליטע האָבן געפייערט דעם 50־יאָריקן יובל פון ד״ר מענדל סודאַרסקי.

אין יענער תקופה האָט מיט דער רעדאַגיר־אַרבעט אין פאָלקסבלאַט זיך אָפּגעגעבן אויך לייזער קאָפּעלאָוויטש, וואָס איז שוין פון פריער געווען אַן אָפּטער מיטאַרבעטער פון דער צייטונג. ער האָט זיך גוט אָריענטירט אין פּראָבּלעמען פון אינטערנאַציאָנאַלער פּאָליטיק, בפרט אין ענינים פון ווייטן מזרח.

ז

אין פעברואַר 1935 האָט פאָלקסבלאַט געפייערט דעם 5־יאָריקן יובל פון איר עקזיסטענץ. צו דער געלעגנהייט האָט ד״ר מ. סודאַרסקי צוו״אַנד געשריבן:

...אין זייער שווערע צייטן האָט פאָלקסבלאַט אָנגעהויבן איר עקזיסטענץ און ביי נאָך שווערערע באַדינגונגען האָט זי אָנגעהויבן איר אַרבעט, מוטיק און שטאָלץ אויפגענומען דעם קאַמף פאַר יידיש, פאַר יידיש־וועלטלעכער קולטור, פאַר אַרבעט און רעכט אויף אַרבעט. דער פרייער דעמאָקראַטישער געדאַנק האָט באַפליגלט די גרופּע מענטשן אַרום פאָלקסבלאַט פאַר העראָאישע טאַטן אויפן געביט פון שווערע ראַנגלענישן פאַר די רעכט פון דער יידישער נאַציאָנאַלער מינדערהייט, און אָפּווענדן די אַטאַקעס אויף יידישע עקאָנאָמישע, סאָציאַלע און קולטורעלע פּאָזיציעס, פון וועלכע מיר ווערן בהדרגהדיק אַרויסגעשטויסן.



גרויזאַם איז דער אַלגעמיינער קריזיס איצט, וואָס נאָגט אַלעמען ביים ביין, אָבער באַזונדערס ביטער שווער איז די לאַגע פון דעם יידישן אַרבעטער, אָנגעשטעלטן, האַנטווערקער, קליינהענדלער און דער עיקר די יוגנט, וואָס בלאָנקעט אַרום פּאַריאוושט, אָן אַרבעט און אָן אַן אויסקוק אויף בעסערס אין דער צוקונפט. און זייערע אַלעמענס אינטערעסן האָבן אַרויסגערופן אַ וואַרעמען אָפּקלאַנג אויף די שפּאַלטן פון פאָלקסבלאַט. און מיר האָבן זיי פאַרטיידיקט לויט די מעגלעכקייטן און כוחות. זייערע נויטן, זייער וויגעשריי, זייער געראַנגל פאַר אַ בעסערן און מענטשלעכערן לעבן האָבן צו יעדער צייט געפונען די געהעריקע אָפּשפּיגלונג אין אונדזער צייטונג, וואָס האָט אַלעמאָל געגעבן אויספירלעכע אָפּהאַנדלונגען פון די וויכטיקסטע דערשיינונגען אין זייער לעבן... און ווען מען זאָל נאָך צורעכענען די טאָג־טעגלעכע פּראָפּאַגאַנדע פאַר פּראָדוקטיוויזירונג און געזונט־שוץ פון די יידישע מאַסן, דער עיקר פון דער יידישער יוגנט, פאַר די רעכט אויף מענטשלעכער עקזיסטענץ און פרייער נאַציאָנאַלער אַנטוויקלונג אויף די ערטער, וואו מיר וואוינען, וועט זיך באַקומען אַ בולט בילד פון דעם אַלעם וואָס מיר האָבן אָפּגעטאָן אין די פינף יאָר אין געזעלשאַפטלעכן און קולטורעלן לעבן פון די יידן אין ליטע.

...און נאָר אַ דאַנק דעם אומבאַשרייבלעכן אידעאַליזם פון פאָטערלעכער זאָרג פון אַ קליינער גרופּע פריינד,

וואָס מיינט ערנסט מיטן יידישן פרייען וואָרט, מיט דער נייטיקייט און וויכטיקייט פון דער יידישער קולטור, וואָס שטרעבט געמיינזאַם מיט דער יידישער האָרעפּאַשנער פאָלקסמאַסע צו אַ שענערער און בעסערער מענטשלעכער עקזיסטענץ; אַ דאַנק דער איבערגעגעבענער אַרבעט פון גאַנצן פאָלקסבלאַט־פּערסאָנאַל ביי דעם מאָגערן געהאַלט, וואָס זיי קריגן און קריגן ניט; אַ דאַנק דער אויסעראָרדנטלעכער אָפּפערוויליקער מיטאַרבעט און מיטהילף פון אונדזערע אַלע פריינד־מיטאַרבעטער סיי דאָ אין לאַנד גופא און סיי אין אַלע לענדער פון דער גאַנצער וועלט, איז אונדז געלונגען דורכצופירן די שוואַך געשיצטע שיף דורך די ברויזנדיקע כוואַליעס פון אונדזער לעבנס־ים... אַ דאַנק זיי, צוזאַמען מיט אונדזערע געטרייע לייענער, איז פאָלקסבלאַט אין משך פון דער גאַנצער שטורמישער צייט געבליבן פעסט אויף איר פּאָסטן, געטריי און מיט דערפאָלג געדינט די קולטורעלע און סאָציאַלע אינטערעסן פון אונדזער ברייטער יידישער פאָלקסמאַסע...

## ח

ווי געזאָגט, איז די אָפיציעלע אַרויסגעבערין פון פאָלקסבלאַט געווען די „יידישע בילדונג־־געזעלשאַפט". די הכנסות פון דער צייטונג האָבן אָבער ניט געקאָנט דעקן די הוצאות און וואָס ווייטער איז דער דעפיציט געוואַקסן אַלץ מער און מער. די אַזוי גערופענע מעצענאַטן פון פאָלקסבלאַט איז שוין געוואָרן דערגעסן אַלע ווילע צו געבן געלט־בייסטייערונגען און עס האָט געהאַלטן דערביי די צייטונג זאָל זיך אָפּשטעלן.

אין יענער צייט, סוף 1934, האָבן די זעצערס, רעדאַקציע־מיטאַרבעטערס און אַדמיניסטראַציע־אָנגעשטעלטע באַשלאָסן צו שאַפן אַ קאָאָפּעראַטיוו (זיי האָבן עס גערופן: קאָלעקטיוו) אַרויסצוגעבן די צייטונג מיט די אייגענע כוחות. כדי כאָטש ווי ניט איז צו באַלאַנסירן דעם בודזשעט, האָט דער פּערסאָנאַל ניט געהאַט קיין אַנדערע ברירה ווי מסכים צו זיין אויף אַ רעדוקציע פון די שכירות. פאָרמעל האָט עס געהייסן אַז „דערווייל" נעמט מען בלויז צוויי אַ האַלב, העכסטנס דריי וואָכן פון די חודשלעכע שכירות און דעם חוב וועט מען אָפּגעבן „שפּעטער"... אָבער אַפילו אָט דעם הונגער־לוין האָט מען באַקומען ניט פּינקטלעך און מחמת דעם האָט זייער אָפּט געפּלאַצט דאָס גערולד פון די מענטשן און עס האָט ניט איין מאָל געדראָט, די צייטונג זאָל זיך שליסן. דער מאָמענט פון געזעלשאַפטלעכער אַחריות פלעגט אָבער גובר זיין און פאָלקסבלאַט איז אַרויס אָן איבעררייס.

סוף 1936 האָט דער פאָלקסבלאַט־קאָלעקטיוו זיך געווענדעט צו מיר, איך זאָל איבערנעמען דעם אַמט פון אַדמיניסטראַטאָר. כאָטש איך האָב זייער גוט געוואוסט מיט וואָס דאָס שמעקט, בין איך אויף דעם איינגעגאַנגען. נאָך דעם ווי איך האָב נעענטער זיך באַקענט מיט די





ענינים פון דער אַדמיניסטראַציע, האָב איך געפּרובירט פאַרגרעסערן דעם טיראַזש פון דער צייטונג; איינשטעלן אַ פּינקטלעכערע און גיכערע אָפּרעכענונג מצד די אַבאָנענטן אין שטאָט און דער עיקר אין דער פּראָווינץ; געזוכט צו געפינען אַ שטיקל פשרה מיט די קרעדיטאָרן, וואָס האָבן ניט אָפּגעלאָזן און געמאָנט זייערע חובות. אַחוץ דעם אַלעמען האָט מען געמוזט קומען צו אַ הסכם מיטן שטייער־אינספּעקטאָר, וואָס האָט געמאָנט פון דער צייטונג גרויסע סכומים ניט־איינגעצאָלטע שטייערן פאַר די פאַרגאַנגענע יאָרן. אַלע מאָנטיק און דאָנערשטיק פלעגט די שטייער־אינספּעקציע שיקן אַ באַאַמטן צו ליציטירן עפּעס פון דער אַדמיניסטראַציע אויפן חשבון פון חוב, וואָס מען קומט דער רעגירונג. וועגן דעם דעמאָלטיקן פינאַנציעלן מצב אין פאָלקסבלאַט זאָגט עדות דער ווייטערדיקער פאַקט: פּאַפּיר צו דרוקן די צייטונג האָט מען געמוזט קויפן יעדן טאָג באַזונדער, ווייל עס איז פשוט ניט געווען קיין געלט איינצוקויפן פּאַפּיר לכל הפחות אויף אַ וואָך צייט...

אויב דאָס איז געווען נאָך ווייניק, זיינען בשעתו אין פאָלקסבלאַט צוגעקומען נייע און גרויסע צרות. עס האָט זיך געהאַנדלט אָט וועגן וואָס: לכתחילה האָבן די יידישע קאָמוניסטן זיך באַצויגן צום פאָלקסבלאַט ווי צו אַלע אַנדערע „בורזשואַזע" צייטונגען אויף דער יידישער גאַס. זיי האָבן זי באַקעמפט און זייער אָפט אַפילו שאַרפער ווי אַן אַנדערע צייטונג. ווען עס האָט זיך אָבער אָנגעהויבן די מעשה „פאָלקספראָנט" און די קאָמוניסטן האָבן גענומען זיך אַריינרייסן אומעטום, וואו עס האָט זיך נאָר געלאָזן, האָבן די „יעווסעקן" געוואָרפן אַן אויג אויך אויף פאָלקסבלאַט. מיט אַלע זייערע יעזואיטישע מיטלען האָבן זיי געזוכט אַ וועג ווי אַזוי אַריינצושטעלן אַ פוס אין דער צייטונג.

ס'רוב מיטגלידער פון פאָלקסבלאַט־קאָלעקטיוו זיינען געווען קעגן די קאָמוניסטן. די יעווסעקן האָבן גוט געוואוסט, אַז עס איז ניטאָ פאַר זיי קיין שום האָפענונג אויפצורייסן דעם קאָלעקטיוו פון אינעווייניק. זיי האָבן דעריבער אָנגענומען אַן אַנדערע סטראַטעגיע: צו באַהערשן די פאַרוואַלטונג פון דער יידישער בילדונג־געזעלשאַפט און דורך איר — די צייטונג צוזאַמען מיטן קאָלעקטיוו.

די דאָזיקע קאָמוניסטישע אַמביציעס זיינען געוואָרן נאָך מער פאַרשטאַרקט אין שייכות מיט די בלוטיקע רייניקונג־פּראָצעסן, וואָס סטאַלין האָט דעמאָלט דורכגעפירט קעגן די אַלטע קאָמוניסטישע פירערס. ווי אַלע אַנדערע דעמאָקראַטישע צייטונגען אין דער גאָרער פרייער וועלט האָט אויך פאָלקסבלאַט געטאַדלט די סטאַלינישע בלוטבעדער. מער האָט מען ניט געדאַרפט. די יעווסעקן האָבן אָנגעהויבן אַ „היילִיקע מלחמה" צו פאַרכאַפּן פאָלקסבלאַט, וואָס געפינט זיך כלומרשט אין די הענט פון טראָצקיסטן א"א „פאַשיסטן"... עס איז דערגאַנגען צו סקאַנדאַלן און געשלעגן אויף פאַרזאַמלונגען פון דער בילדונג־

געזעלשאַפט, וואו קעמפערישע מיטגלידער פון ביידע צדדים האָבן זיך באַגעגנט פנים אל פנים.

די יעווסעקן האָבן דורך שאַנטאַזש־מיטלען געפּרואווט אַריבערציען אויף זייער צד די אומפּאַרטייאישע מענטשן. זיי האָבן אויך אויסגענוצט דעם פאַקט, וואָס דער שאָטן פון סאָוועט־רוסלאַנד האָט דעמאָלט זיך שוין געלאָזט שפּירן אויף די באַלטישע לענדער, און געגעבן אָנצוהערענישן אַז עס לוינט בעסער צו גיין מיט זיי, די קאָמוניסטן, וואָס קאָנען אפשר אין גיכן עולה לגדולה ווערן... אויף ניט ווייניק מענטשן, בפרט אויף קאַריעריסטישע עלעמענטן און מענטשן אָן אַ פעסטן געזעלשאַפטלעכן חוט־השדרה, איז עס ניט געבליבן אָן אַ השפעה. אַזוי האָט זיי זיך ביסלעכווייז איינגעגעבן צו באַקומען אַ מערהייט אין דער פאַרוואַלטונג פון דער יידישער בילדונג־געזעלשאַפט. זיי האָבן קודם־כל אַריינגעזעצט אין פאָלקסבלאַט זייערן אַ מענטש (אַדוו. ווערבלאָווסקי) ווי דעם אָפיציעלן רעדאַקטאָר. עס האָט זיך נאָך מער צעפלאַקערט דער קאַמף צווישן דעם קאָלעקטיוו, דעם פאַקטישן אַרויסגעבער פון פאָלקסבלאַט און דער בילדונג־געזעלשאַפט, דער אָפיציעלער אַרויסגעבערין פון דער צייטונג. אויפן צד פון דעם קאָלעקטיוו איז די גאַנצע צייט געשטאַנען דער פאָרזיצער פון דער בילדונג־געזעלשאַפט, ד״ר מ. סודאַרסקי, דער באַקאַנטער קולטור־טוער ד״ר משה מאַטיס א״א אָנגעזעענע פאַרוואַלטונג־מיטגלידער. מחמת דעם האָט די יעווסעקיש־באַהערשטע פאַרוואַלטונג פון דער בילדונג־געזעלשאַפט ניט געקאָנט איינברעכן דעם קאָלעקטיוו.

דאָס פאַרביסענע געראַנגל האָט אָנגעהאַלטן אַ היפּשע צייט. מיטן דעמאָקראַטישן צד זיינען אויך געגאַנגען אַ ריי אָנפירנדיקע פערזאָנען פון די קרייזן פון די קליינקרעמערס, האַנטווערקערס, פּראָפעסיאָנעלער אינטעליגענץ, ווי אַ שטייגער: מאַלניק, זוסמאַנאָוויטש, מילער, ראָזענבלום, די ברידער באָלעל, נ. פונער א״א. די פאַרוואַלטונג פון פאָנעוועזשער אָפּטייל פון דער בילדונג־געזעלשאַפט (ד״ר ברק, וו. גווינט, ש. ראַגאָוו, אַדוו. שאַץ א״א). אַדוו. ה. לאַנדאו און ס׳רוב יידישיסטישע קולטור־טוערס אין די אַנדערע פּראָווינץ־ישובים זיינען געגאַנגען מיט אונדז. בראש פון יעווסעקישן צד זיינען געשטאַנען: ה. זימאַן, אינזש. אַ. קאָלאָדני, ל. מאיראָוויטש, אינזש. פ. לאַמדאַנסקי, אַדוו. ד. ווערבלאָווסקי א״אַ.

האַרבסט 1937 פאַרלאָזן די סודאַרסקיס ליטע און פאָרן אָפּ קיין ניו־יאָרק. דער קאַמף ווערט פאָרגעזעצט אויך נאָך זייער אַוועקפאָרן.

די פּראָיעווסעקישע מיטגלידער פון דער פאַרוואַלטונג פון בילדונג־געזעלשאַפט האָבן ניט דערלאָזן, אַז אין פאָלקסבלאַט זאָל זיין געשריבן וועגן דעם אַוועקפאָרן פון די סודאַרסקיס. נאָך מער, זיי האָבן אַפילו זיך אָפּגעזאָגט אָפּצודרוקן ד״ר מ. סודאַרסקיס געזעגן־אַרטיקל, וואָס ער האָט אין אָקטאָבער 1937 געשריבן פון שיף אויפן וועג קיין אַמעריקע. ערשט נאָך דעם ווי די אידישע שטימע און דאָס וואָרט האָבן פאַרעפנטלעכט ד״ר סודאַרסקיס אַרטיקל



און זיי האָבן אויך געטאַדלט די האַנדלונג פון דער פאָלקסבלאַט־רעדאַקציע לגבי ד״ר סודאַרסקי, האָט פאָלקסבלאַט נעבעך שוין געמוזט פאַרעפנטלעכן דעם אַרטיקל.

ווען די יעווסעקן האָבן געזען אַז זיי קאָנען גאָרניט מאַכן מיטן קאָלעקטיוו, האָבן זיי אין איינער אַ נאַכט, אין אַפּריל 1938 אויפגעבראָכן די טיר פון דער דרוקעריי פון פאָלקסבלאַט און האָבן אַרויסגעגנבעט דעם לינאָטיפ... אויף מאָרגן אין דער פרי, ווען דער קאָלעקטיוו האָט זיך דערוואוסט, איז ער געשטאַנען פאַר דער ברירה: אָדער מעלדן וועגן דעם ענין צום פּראָקוראָר, אָדער עס אַראָפּשלינגען און רעזיגנירן, ווייל אָן דעם לינאָטיפ קאָן מען דאָך די צייטונג ניט אַרויסגעבן.

אונדזער צד האָט געהאַט אַ שווערן ישוב־הדעת. געווען אַזוינע וואָס האָבן געהאַלטן, אַז מען טאָר די יעווסעקן ניט פאַרשווייגן און מען מוז מיט זיי זיך באַגיין אַזוי, ווי זיי באַגייען זיך מיט אַנדערע. סוף כל סוף האָט מען אָבער באַשלאָסן ניט צו מעלדן וועגן דעם דער פּאָליציי, ווייל דאָס וועט אָן ספק דערפירן צו אַרעסטן און צו אַ גרויסן געזעלשאַפטלעכן סקאַנדאַל. די יעווסעקן האָבן געקאָנט מיט טריאומף פייערן זייער נצחון. דער שרייבער פון די שורות און דער מיטאַרבעטער דוד באַק — די „האַרטסטע ניס“ פון קאָלעקטיוו — זיינען תיכף באַזייטיקט געוואָרן פון פאָלקסבלאַט. עלף טעג האָט אָנגעהאַלטן דער שטרייק פון די איבערגעבליבענע קאָלעקטיוו־מיטגלידער קעגן די נייע באַלעבאַטים פון פאָלקסבלאַט. פאַר דער צייט איז פאָלקסבלאַט אַרויס אין אַן אַנדערער דרוקעריי מיט אַ נייעם פּערסאָנאַל.

## ט

כדי די לייענער פון פאָלקסבלאַט זאָלן כאָטש וויפל ניט איז זיך דערוויסן, וואָס עס איז געשען אין צייטונג, האָט דער קאָלעקטיוו דעם 27־טן אַפּריל 1938 פאַרעפנטלעכט אין די אַנדערע קאָוונער יידישע צייטונגען די ווייטערדיקע דערקלערונג:

> אויפפאָדערונג פון פאָלקסבלאַט־קאָלעקטיוו צו דער יידישער בילדונג־געזעלשאַפט אין ליטע.
>
> דער פאָלקסבלאַט־קאָלעקטיוו ווענדט זיך דערמיט צו דער ברייטער יידישער עפנטלעכקייט אין ליטע מיט פאָלגנדיקער אויפקלערונג:
>
> ענדע 1934־סטן יאָר, ווען דער אַרויסגעבער פון פאָלקסבלאַט, די יידישע בילדונג־געזעלשאַפט אין ליטע, איז צוליב פינאַנסיעלע שוועריקייטן ניט געווען ביכולת ווייטער אַרויסצוגעבן פאָלקסבלאַט, האָט די בילדונג־געזעלשאַפט איבערגעגעבן אַרויסצוגעבן די צייטונג דעם בשעתו געשאַפענעם פאָלקסבלאַט־קאָלעקטיוו מיטן תנאי, אַז דיווירטשאַפטלעכע זייט פון דער צייטונג געהערט דער בילדונגס־געזעלשאַפט. אויף אַזוינע תנאים האָט דער קאָלעקטיוו געפירט די צייטונג במשך פון דריי אַ האַלב יאָר.
>
> איצט האָט די נייע פאַרוואַלטונג פון דער בילדונג־גע־

זעלשאַפט אייגנוויליק פאַרכאַפּט אַלע געלט־רעסורסן פון דער צייטונג, זיך אָפּזאָגנדיק פון אויבן דערמאָנטן אָפּמאַך, גיט ניט די מעגלעכקייט ווייטער אַרויסצוגעבן די צייטונג און זאָגט זיך אָפּ אָפּצורעכענען [פינאַנסיעל] מיט די קאָלעקטיוו־מיטגלידער.
מיר זיינען דעריבער געצוואונגען זיך צו ווענדן דורך דער עפנטלעכקייט צו דער יידישער בילדונג־געזעלשאַפט אין ליטע, אויפפאָדערנדיק זי צו דערליידיקן די אַלע שטרייט־ענינים לויט אַ קעגנזייטיקער פאַרשטענדיקונג אָדער דעם ענין איבערגעבן צו אַ בוררים־געריכט.

פאָלקסבלאַט־קאָלעקטיוו

לכתחילה האָט פאָלקסבלאַט אָנגענומען אַ פול מויל מיט וואַסער און האָט פאַרשוויגן די אויפפאָדערונג פון קאָלעקטיוו. ערשט נאָך דעם ווי די אַנדערע יידישע צייטונגען האָבן גענומען רעאַגירן אויף דעם, איז פאָלקסבלאַט אַרויס מיט אַ „תשובה“ אָבער ניט אין נאָמען פון בילדונג־געזעלשאַפט אָדער רעדאַקציע, נאָר כלומרשט אין נאָמען פון די פאַרבליבענע קאָלעקטיוו־מיטגלידער. כדי צו דעמאַסקירן די שקרים פון דער „תשובה“ האָבן די געוועזענע מיטגלידער פון פאָלקסבלאַט־קאָלעקטיוו פאַרעפנטלעכט אין די יידישע צייטונגען די ווייטערדיקע אויפקלערונג:

אויפקלערונג וועגן קאָנפליקט צווישן דער יידישער בילדונג־געזעלשאַפט און פאָלקסבלאַט־קאָלעקטיוו.
בשייכות מיט דער מעלדונג אין פאָלקסבלאַט נומ' 2251, אַז דער קאָנפליקט צווישן דער יידישער בילדונג־געזעלשאַפט און פאָלקסבלאַט־קאָלעקטיוו איז ליקווידירט געוואָרן אויף אַ פרידלעכן אופן, מוזן מיר דערקלערן, אַז דער קאָנפליקט צוליב וועלכן דער קאָלעקטיוו איז געווען געצוואונגען במשך פון עלף טעג ניט אַרויסצוגעבן די צייטונג, און די בילדונג־געזעלשאַפט האָט אַרויסגעגעבן פאָלקסבלאַט אין אַן אַנדערער דרוקעריי מיט ניי־געשטעלטע מענטשן, — איז גאָרניט פרידלעך רעגולירט געוואָרן. צוויי קאָלעקטיוו־מיטגלידער, וואָס זיינען געשטאַנען בראש פון דער קאָלעקטיוו־אַרבעט, זיינען באַזייטיקט געוואָרן פון דער אַרבעט פאַר זייער געזעלשאַפטלעכער שטעלונג צו די געשעענישן אין און אַרום פאָלקסבלאַט. דאָס קען באַשטעטיקט ווערן פון דער רעזאָלוציע פון דער אַלגעמיינער קאָלעקטיוו־פאַרזאַמלונג, אַז דער קאָלעקטיוו האָט ביזן לעצטן מאָמענט געהאַט דעם פולן צוטרוי צו די באַזייטיקטע מיטגלידער, און אַז זייער אָפּזאָג איז געשען ניט לויטן פאַרלאַנג פון קאָלעקטיוו.
ווי מיר ווערן געוואויר, איז די מעלדונג אין פאָלקסבלאַט, וואו עס ווערט צווישן אַנדערן כלומרשט באַדויערט דאָס פאַרעפנטלעכן די דערקלערונגען פון קאָלעקטיוו אין דער היגער פרעסע, געגעבן געוואָרן לחלוטין אָן דעם וויסן פון די אין וועמענס נאָמען די מעלדונג איז אונטערגעשריבן... אָט דער פאַקט אַליין זאָגט שוין עדות וועגן די מעטאָדן, וואָס ווערן אָנגעווענדעט פון די היינטיקע בעלי־הדעות אין דער בילדונג־געזעלשאַפט און פאָלקסבלאַט.

געוועזענע מיטגלידער פון
פאָלקסבלאַט־קאָלעקטיוו

אויך ד"ר סודאַרסקי, וואָס איז נאָר וואָס אָנגעקומען קיין ניו־יאָרק, האָט ניט פאַרשוויגן די איבערקערעניש אין פאָלקסבלאַט. אין אַפּריל 1938 האָט ער פאַרעפנטלעכט אין די אידישע שטימע און דאָס וואָרט אַ ווענדונג, וואו עס איז צוו. אַנדערן געווען געזאָגט:

צו די לייענער פון פאָלקסבלאַט

חשובער רעדאַקטאָר!

היות פאָלקסבלאַט האָט ביז איצט דעם בריוו ניט געדרוקט, בעט איך אים צו פאַרעפנטלעכן אין אייער צייטונג.

געטרייע פריינד לייענער!

פון פאַרשיידענע זייטן און פון פאַרשיידענע פריינד אין ליטע ווערט מיר געשטעלט די פראַגע, פאַרוואָס איך שרייב ניט מער אין פאָלקסבלאַט, אין דער צייטונג, אין וועלכער איך און אויך מיין פרוי האָבן אַריינגעלייגט פון ערשטן טאָג פון איר דערשיינען אַזוי פיל מי, ליבע און איבערגעגעבנקייט. אמת, עס איז געווען אין די לעצטע טעג פון יאַנואַר פאַרעפנטלעכט [אין פאָלקסבלאַט] אַ רשימה פון מיטאַרבעטער צווישן וועלכע עס איז געווען אויך מיין נאָמען. אָבער דאָס איז געטאָן געוואָרן אָן מיין וויסן און אָן מיין הסכמה, איבער וואָס איך דריק אויס מיין פאַרוואונדערונג.

...אויב איר געדענקט נאָך, האָב איך אין מיין געזעגנבריוועלע צו אייך פאַרענדיקט בערך מיט פאָלגנדיקע ווערטער: „נאָר אויף דעם וועג, דאָס הייסט אויפן וועג פון געמיינזאַמער אמת־זוכעריי, קענען מיר זיך ווייטער געפינען, קענען מיר ווייטער בשותפותדיק שטרייטן פאַר די בלוטיקסטע אינטערעסן פון אונדזערע אונטערדריקטע מאַסן...“ און דער דאָזיקער וועג איז: „דאָס פרייע אומאָפּהענגיקע וואָרט, וואָס דאַרף קומען צום אויסדרוק אין דער פולער מאָס“... אויף דעם וועג זיינען די גרינדערס און די איבערגעגעבנסטע מיטאַרבעטער פון פאָלקסבלאַט געגאַנגען די גאַנצע צייט...ליידער איז לעצטנס פאָלקסבלאַט אָפּגעטראָטן פון דעם וועג און האָט זיך שטאַרק פאַרקערעוועט אָן אַ זייט... עס איז אַנטשוויגן געוואָרן דאָס פלאַמיקע אומאָפּהענגיקע וואָרט, די הילכיקע קעמפערישע שטים פון פאָלקסבלאַט... אַזאַ מין איינשטעל באַרויבט פון פאָלקסבלאַט איר אייגנאַרטיקן פרצוף, פאַרמינערט די צילן, וואָס עס האָבן זיך געשטעלט אירע גרינדערס...

פֿאָלקסבלאַט מוז ווייטער אַרויפֿגיין אויף איר פֿריערדיקן ערלעכן וועג פֿון ברייטער דעמאָקראַטישקייט און ניט בלייבן שטעקן אין איר איצטיקער אַטמאָספֿער פֿון שאָדן־ברענגנדיקע קליינלעכקייטן... וואָס פֿאַרסמען די לופֿט און מאַכט ענג יעדן וואָס וויל אויפֿריכטיק און ערלעך מיטאַרבעטן. נאָר אויף אַזאַ אופֿן איז דענקבאַר מיין מיטאַרבעט... ביז די לופֿט אין און אַרום פֿאָלקסבלאַט וועט זיך ניט אויסלייטערן, איז מיין מיטאַרבעט ניט דענקבאַר.

מיט גרוס צו אַלע איבערגעגעבענע פֿריינד
פֿון אויפֿריכטיקן אומאָפּהענגיקן וואָרט
ד״ר מ. סודאַרסקי

ד״ר סודאַרסקיס ווענדונג האָט געמאַכט אַ שטאַרקן רושם. די אַנדערע קאָוונער יידישע צייטונגען האָבן ווי געהעריק רעאַגירט אויף דעם.

## יא

באַלד נאָך אָט דער איבערקערעניש האָט פֿאָלקסבלאַט פֿאַקטיש אויפֿגעהערט צו זיין דאָס, וואָס זי איז געווען ביז דאַן: אַ יידישע דעמאָקראַטישע צייטונג. פֿון די שפּאַלטן פֿון פֿאָלקסבלאַט זיינען נעלם געוואָרן אַרטיקלען און ידיעות, וואָס זיינען אומגינסטיק פֿאַר סאָוועט־רוסלאַנד. עס איז אָפּגעשטעלט געוואָרן די מיטאַרבעט פֿון אַלע די, וואָס די רעדאַקציע האָט זיי באַטראַכט ווי קעגנערס פֿון קאָמוניזם בכלל און פֿון סטאַליניזם בפֿרט. למראית־עין האָבן אָבער די יעווסעקן געזוכט צו שאַפֿן דעם איינדרוק, אַז אין פֿאָלקסבלאַט זיינען כלומרשט גאָרניט פֿאָרגעקומען קיין שינויים און אַלץ איז דאָרט ווי געווען פֿריער...

אין דעם פּרט איז כאַראַקטעריסטיש דער ווייטערדיקער עפּיזאָד. סוף 1939 האָט די יעווסעקישע רעדאַקציע פֿון פֿאָלקסבלאַט געפּלאַנט אַרויסצוגעבן אָנהייב 1940 אַ יובילייַ־נומער אין שייכות מיטן צען־יאָריקן קיום פֿון דער צייטונג. כדי אָנצוהאַלטן דעם שקר, אַז פֿאָלקסבלאַט איז דאָס וואָס איז געווען, האָבן זיי נאָך דעם אַלעמען, ווי זיי זיינען זיך באַגאַנגען מיט ד״ר סודאַרסקין, זיך ניט געשעמט צו ווענדן זיך צו אים אין ניו־יאָרק, ער זאָל זיי געבן אַן אַרטיקל פֿאַרן געפּלאַנטן יובל־נומער. אַזוינע פֿאַרשטאָכענע אויגן האָבן זיי געהאַט... די רעדלפֿירערס פֿון דער פֿאָלקסבלאַט־רעדאַקציע, ה. זימאַן (היינט הויפּט־רעד. פֿון צ״ק אָפּיציאַז „טיעסאַ״) און אַ. קאַלאַדני האָבן דעם 26־טן אָקטאָבער 1939 געשריבן צו ד״ר סודאַרסקין דעם ווייטערדיקן בריוו (געפֿינט זיך אין ניו־יאָרקער ייוואָ־אַרכיוו):

חשובער ד״ר סודאַרסקי!

ווי איר ווייסט מסתמא, דערנענטערט זיך בקרוב דער צען־יאָריקער יובל פֿון פֿאָלקסבלאַט. מיר גרייטן זיך צו פֿייערונגען און מיר האָבן אויך בדעה אַרויסצולאָזן אַ פֿאַרגרעסערטן יובל־נומער. אין דעם נומער, האַלטן מיר, וואָלט זייער געווען געווונטשן, פּאַסיק און נייטיק אויך אייערער אַ וואָרט. מיר זיינען זיך פֿונאַנדערגעגאַנגען ניט בשלום און האָבן געהאַט איינער צום אַנדערן ניט ווייניק טענות און פֿאַרוואורפֿן. מיר ווייסן ניט, ווי איז איצט אייער באַציאונג צום פֿאָלקסבלאַט און צו דער בילדונג־געזעלשאַפֿט. מיר קאָנען אייך אָבער פֿאַרזיכערן, אַז אין דער בילדונג־געזעלשאַפֿט שפּירט איצט קיינער ניט צו אייך קיין שום שנאה. פֿאַרקערט, עס ווערן אָפּגעשאַצט אייערע גרויסע פֿאַרדינסטן פֿאַר פֿאָלקסבלאַט און דער בילדונג־געזעלשאַפֿט. אין דער בילדונג־געזעלשאַפֿט זיינען שוין לאַנג, לאַנג אויפֿגעגעבן געוואָרן אַלע „צדדים״ און קאָנפֿליקטן... [אוודאי! די אַנדערע צדדים האָט מען דאָך פֿאַרטריבן. — י. ג.]

עס וואָלט אפשר ניט ריכטיק געווען צו זאָגן, אַז אונדזער שטרייט איז געווען אַ ריין פּערזענלעכער און האָט איצט דעריבער זיך פֿולשטענדיק אויסגעלעבט. צו גלייך מיט אַ סך פּערזענלעכעס האָט אונדזער מחלוקת אויך געהאַט אַ געזעלשאַפֿטלעך־אידעאָלאָגישן גרונט. קאָן זיין, אַז דער מאָמענט איז אַקטועל נאָך היינט אויך. מיר מיינען אָבער ניט, אַז די דאָזיקע אָנגעלעגנהייט דאַרף זיין פֿאַר אייך אַ שטער אָנטייל צו נעמען אין די יובל־פֿייערונגען פֿון פֿאָלקסבלאַט. פֿאָלקסבלאַט איז צום מאָמענט אַן אומפּאַרטייאישע, אומאָפּהענגיקע יידישע פּראָגרעסיווע [לייען: קאָמוניסטישע. — י. ג.] צייטונג און אַרום איר אַרבעטן מענטשן מיט גאַנץ פֿאַרשיידענע פּאָליטישע איינשטעלונגען. [דאָס איז איינער פֿון די יעווסעקישע שקרים. — י. ג.] מיר בעטן אייך דעריבער צוצושיקן אונדז צום יובל־נומער אַן אַרטיקל, און אויב מעגלעך, אַ ביסל זכרונות.

עס איז אוודאי איבעריק צו זאָגן, אַז ד״ר סודאַרסקי האָט זיי קיין אַרטיקל פֿאַרן יובל־נומער ניט געשיקט.

## יב

ווען די רויטע אַרמיי האָט דעם 15־טן יוני 1940 אַריינגעמאַרשירט קיין ליטע און אין פֿינף וואָכן אַרום איז ליטע פּראָקלאַמירט געוואָרן ווי די 16־טע סאָוועטישע רעפּובליק, איז געקומען אַ סוף צום גאַנצן „בורזשואַזן״ יידיש־געזעלשאַפֿטלעכן לעבן און, פֿאַרשטייט זיך, אויך צו דער יידישער פּרעסע. די רעדאַקציע פֿון די אידישע שטימע איז געוואָרן איבערגענומען פֿון קאָמוניסטן. אַלע אַנדערע יידישע צייטונגען זיינען געוואָרן געשלאָסן אָדער זיי האָבן צוליב דעם געשאַפֿענעם מצב זיך אַליין אָפּגעשטעלט. בלויז אין דער רעדאַקציע פֿון איין און איינציקער יידישער צייטונג, אין פֿאָלקסבלאַט, זיינען בשעתו ניט פֿאָרגעקומען קיין שינויים. אין אָט דער רעדאַקציע איז אַלץ געבליבן ביים אַלטן. און עס איז אויך פֿאַרשטענדלעך פֿאַרוואָס דאָס איז אַזוי געשען: אין פֿאָלקסבלאַט איז ניט נייטיק געווען עפּעס איבערצובייטן, ווייל די לעצטע צווי יאָר האָבן דאָך דאָרט ממילא קאָמוניסטן אָנגעפֿירט מיט דער צייטונג. זיינען טאַקע אין פֿאָלקסבלאַט

געבליבן אויף אַן אָרט אַלע פריערדיקע מיטאַרבעטערס בראש מיטן אָפיציעלן רעדאַקטאָר אינזש׳ פ. לאַמדאַנסקי. נאָך מער, ער, לאַמדאַנסקי, איז אַפילו געוואָרן דער אָפיציעלער רעדאַקטאָר אויך פון דער קאָמוניסטיש־געוואָרענער די אידישע שטימע. אי פאָלקסבלאַט, וואָס האָט שוין געהאַט היִנטער זיך אַ קאָמוניסטישן סטאַזש פון איבער צוויי יאָר, אי די אידישע שטימע, וואָס איז פּלוצעם געוואָרן אַ קאָמוניסטישע צייטונג, האָבן אָנגעהאַלטן זייער קיום בלויז ביזן סוף נאָוועמבער 1940, ווען אין קאָוונע האָט אָנגעהויבן אַרויסצוגיין אַ נייע „יידישע״ טאָגצייטונג: דער עמעס, אָרגאַן פון צק קפּ (ב) פון ליטע. אין ווילנע האָט אין אויגוסט 1940 אָנגעהויבן אַרויסצוגיין דער ווילנער עמעס אונטער דער רעדאַקציע פון דוד אומרו.

*

איבער 3 צענדליק יאָר טיילן אונדז אָפּ פון דער צייט, ווען עס האָט אין דער יידישער ליטע אָנגעהויבן אַרויסצוגיין די צייטונג פאָלקסבלאַט. און מער ווי 2 צענדליק יאָר זיינען שוין אַריבער זינט דער ליטוויש־יידישער קיבוץ איז, צוזאַמען מיט די אַנדערע יידישע ישובים אין אייראָפּע, פאַרשניטן געוואָרן אין די בלוטיקע חורבן־יאָרן. טייער האַלטנדיק דעם זכר פון דער חרוב געוואָרענער יידישער ליטע, וועלן מיר אויך ניט פאַרגעסן דעם אָנדענק פון דער אַזוי פיל אויסגעשטאַנענער ליטוויש־יידישער טאָגצייטונג — פאָלקסבלאַט.

## ביבליאָגראַפיע:

1. אַ טייל עקזעמפּלאַרן פון נייס און פאָלקסבלאַט געפינען זיך אין דער ייוואָ־ביבליאָטעק און אינעם „בונד״־אַרכיוו פון דער יידישער אַרבעטער־באַוועגונג א״נ פון פראַנץ קורסקי, ניו־יאָרק.

2. מאַרק, יודל: „יידישע פעריאָדישע אויסגאַבעס אין ליטע״, זאַמלבוך לכבוד דעם 250סטן יובל פון דער יידישער פרעסע, 1686—1936, רעדאַגירט פון ד״ר יוסף שאַצקי, ניו־יאָרק, אָפּטייל פון יידישן וויסנשאַפטלעכן אינסטיטוט, 1937.

3. גאַר, יוסף: „ווידערקלאַנגען, אויטאָביאָגראַפישע פאַרצייכענונגען״, תל־אביב, פאַרלאַג י. ל. פּרץ, 1960.

ח. שולמאַן

# יידישער וויסנשאפטלעכער אינסטיטוט (ייווא) אין ליטע

גלייך פונעם ערשטן יאָר אָן — 1925 — ווען ס׳איז אין ווילנע געגרינדעט געוואָרן דער ייוואָ — האָט קאָוונער ליטע זיך גענומען ענערגיש אַרבעטן פאַר זיינע אידייען און צילן, מיטהעלפן אים סיי אין זיין וויסנשאַפטלעך־פאָרשערישער טעטיקייט, סיי אויפן געביט פון שאַפן פינאַנציעלע שטיצע. דאָס איז אָנגעקומען נישט אַזוי לייכט.

ווילנע האָט דאַן געהערט צו דער ניי־געשאַפענער (נאָך דער ערשטער וועלט־מלחמה) פוילישער רעפּובליק. די ליטווינער אָבער האָבן געהאַלטן, אַז די שטאָט פון געדימינען און וויטאָווטן, וואָס איז אַמאָל געווען די רעזידענץ פון אַ זעלבשטענדיקער ליטווישער מלוכה, מוז אויך איצט געהערן צו ליטע און זיין די הויפּטשטאָט פון דער ניי־אויפגעשטאַנענער ליטווישער רעפּובליק. אָט צוליב דעם באַנייטן היסטאָרישן סכסוך האָבן צווישן פוילן און ליטע ניט עקזיסטירט קיין נאָרמאַלע דיפּלאָמאַטישע און ווירטשאַפטלעכע גוטשכנישע באַציאונגען. די גרענעץ צווישןביידע מלוכות איז געווען הערמעטיש פאַרמאַכט; קיין שום דירעקטע באַן־קאָמוניקאַציע, קיין שום דירעקטע פּאָסט־און טעלעגראַף־פאַרבינדונג האָט ניט עקזיסטירט. פון ווילנע קיין קאָוונע (און פאַרקערט) האָט מען געמוזט פאָרן מיט אומוועגן — איבער לעטלאַנד און דייטשלאַנד,— הגם אַ דירעקטע באַן־קאָמוניקאַציע וואָלט גענומען ניט מער ווי אַ שעה צייט.

און אָט ביי אַזעלכע שווערע באַדינגונגען איז דאָך אונטערגעהאַלטן געוואָרן אַ שטענדיקער קאָנטאַקט צווישן די פריינט פון ייוואָ אין ליטע און צענטער אין ווילנע.

אינעם יאָר פון זיין גרינדונג (1925) האָט ייוואָ פאַרמאָגט זיינע צווייג־אָרגאַניזאַציעס אין 18 לענדער פון אייראָפּע און אַמעריקע; אַזאַ צווייג־אָרגאַניזאַציע — פריינט פון ייוואָ — האָט אויך אין נאָוועמבער 1925 זיך געבילדעט אין קאָוונע.

אין יאַנואַר 1926 איז אַרויס אַ ספּעציעלע אויסגאַבע געווידמעט דעם ייוואָ א. נ. „דער וועג צו יידישער וויסנשאַפט״, מיט פאָלגנדיקע אַרטיקלען: 1) ד״ר מ. סודאַרסקי — לאָמיר העלפן שאַפן; 2) ש. לעווין — יידישע מאַסן־קולטור־שאַפונג אין ייוואָ; 3) ד״ר אסתר עליאַשעוו — צום יידישן וויסנשאַפטלעכן אינסטיטוט; 4) יודל מאַרק — אויפגאַבעס פון דער פילאָלאָגישער סעקציע; 5) אוריה קאַצענעלענבאָגן — ביי אונדז און אַרום אונדז, פון קולטורעלן לעבן אין ליטע, פון פאָלק מיטן פאָלק פאַרן פאָלק.

מיטן צוועק צו פּאָפּולאַריזירן דעם ייוואָ צווישן די ברייטערע שיכטן פון דער יידישער באַפעלקערונג האָבן די פריינט פון ייוואָ איינגעאָרדנט אין לאָקאַל פון דער קאָוונער יידישער רעאַל־גימנאַזיע אַן אויסשטעלונג (אַפּריל 1928, צום 3טן יאָר פון עקסיסטענץ פון ייוואָ). באַזונדערס

איז געווען אויף דער אויסשטעלונג פאַרטראָטן דאָס יידישע צייטונגס־וועזן, די יידישע פרעסע פאַר דער צייט 1928 — 1686, אַ דאַנק די מאַטעריאַלן, וועלכע ס׳האָט צוגעשטעלט דער צענטער פון ייוואָ אין ווילנע. די אויסשטעלונג האָט צוגעצויגן אַ גרויסן עולם באַזוכער פון דער יידישער פאָלקס־אינטעליגענץ; ס׳האָט זיך מיט איר פאַראינטערעסירט אויך די ליטווישע אינטעליגענץ; זי האָט אַ סך מיטגעהאָלפן צו הייבן דעם אינטערעס צום ייוואָ און זיין אָנזען אין ליטע.

צו דער ערשטער אַלגעמיינער קאָנפערענץ פון ייוואָ (1929) איז שוין געקומען אַ דעלעגאַט פון קאָוונע — אַדוו. עוזר פינקלשטיין. דורך אומוועגן (איבער בערלין און ריגע) האָבן די פריינט פון ליטע געשיקט טעלעגראַפישע באַגריסונגען צו דער קאָנפערענץ אין ווילנע. „מיר ווינטשן הצלחה דער קאָנפערענץ, פאַרפעסטיקונג פון די יסודות פון דער שעפערישער יידישער קולטור“. אונטערגעשריבן: ייוואָ, — קאָוונע, אָזע, ד״ר מאַטיס, קאַנטאָר, ראָזאָווסקי, כאַצקעלעס, לעווין, טרומפיאַנסקי. אַ צווייטע דעפעשע: „מיר זיינען מיט אייך אויף אונדזער געמיינזאַמען יום־טוב פון דער יידישער קולטור“ — אונטערגעשריבן „געזעלשאַפט ליבהאָבער פון וויסן“, יידישע לערער, פריוו. דאָצענט לאַזאַרסאָן. „איך ווינטש אייך דעם גרעסטן דערפאָלג אין אייער העכסט וויכטיקער אַרבעט פאַר דער יידישער קולטור און יידישער וויסנשאַפט; געטריבן פון יצירה־אימפעט וועלן די בויער און טוער פון ייוואָ דערלאַנגען צו הויכע קולטור־דערגרייכונגען“ — טעלעגראַפירט ר. רובינשטיין, רעדאַקטאָר פון „יידישער שטימע“.

דער דעלעגאַט עוזר פינקלשטיין האָט געבראַכט מיט זיך אַ באַגריסונג פון פראָפ. מיכאל בירזשישקאָ, (רעקטאָר פון ליטווישן אוניווערזיטעט אין קאָוונע, שפעטער פון ווילנער אוניווערזיטעט — וו. ש.) פון אים פערזענלעך און אויך פון דער געזעלשאַפט פאַר ליטוויש־יידישער פאַרשטענדיקונג, וואָס ער איז געווען איר פאָרזיצער. אַ באַגריסונג האָט אויך צוגעשיקט דער פעדאַגאָגישער ראַט פון דער יידישער גימנאַזיע אין ווילקאָמיר.

דער רעיון פון ייוואָ איז געוואָרן אַלץ מער פאַרשפרייט אין ליטע. אויף אַ גרויסער פאַרזאַמלונג האָט דער דעלעגאַט עוזר פינקלשטיין אָפגעגעבן אַ באַריכט וועגן דער 1טער אַלגעמיינער קאָנפערענץ; מיט רעדעס זיינען אַרויסגעטראָטן: ד״ר סודאַרסקי, אסתר עליאַשעוו, ווייסבאָרד, ראובן רובינשטיין, ד״ר לאַמפערט, נ. גרינבלאַט. אַלע רעדנער האָבן אונטערגעשטראָכן זייער סימפאַטיע צו ייוואָ פאַר זיין אַרבעט. קאָוונע האָט זיך אונטערגענומען צו שאַפן 50 דאָלער אַ חודש פאַרן צענטער. אין די גרעסערע שטעט האָבן זיך געבילדעט גרופעס „פריינט פון ייוואָ“. אין פאָנעוועזש — שטרייכט אונטער דער באַריכט פון דער צענטראַל־פאַרוואַלטונג — האָט אַ באַזונדער אינטערעס אַרויסגערופן די עקאָנאָמישע סעקציע פון ייוואָ; די גרופע האָט אַסיגנירט אַן איינמאָליקע שטיצע פון 40 דאָלער און זיך פאַרפליכטעט צו שיקן חודשלעך 20 דאָלער אויף צענטראַלע הוצאות; פאָרזיצער פון דער פאָנעוועזשער גרופע איז געווען ד״ר ה. לאַנדוי. אין ווילקאָמיר האָט אויף אַ פאַרזאַמלונג פון 300 פערזאָן יודל מאַרק (מיטגליד פון פאַרוואַלטונג) געהאַלטן אַ רעפעראַט וועגן ייוואָ; דאָ האָט דער ייוואָ געשלאָגן טיפע וואָרצלען; שירווינט — די ערשטע געלט־שטיצע 10 דאָלער פאַרן ייוואָ. בעת דער אָרגאַניזיר־קאָמיטעט איז נאָך געווען אין בערלין איז צוגעשיקט געוואָרן פון די תלמידים פון ווילקאָמירער גימנאַזיע זייער אויפגעזאַמלטע געלט. דאָס קליין שטעטעלע קיבאַרט האָט פאָרגעלייגט (שפעטער איז דאָס אין דער טעטיקייט פון ייוואָ טאַקע אויסגעפירט געוואָרן) אַ גוטן פלאַן: חוץ אַקטיווע שטיצע זאָל געשאַפן ווערן אויך פאַסיווע — אַזעלכע, וואָס צאָלן יערלעך אַ באַשטימטע סומע און דערפאַר באַקומען זיי אַלע אָדער אַ טייל אויסגאַבעס פון ייוואָ פאַר אַ קלענערן פרייז. „אין יעדער פראָווינץ־שטעטל — שרייבט אַ סימפאַטיקער פון קיבאַרט — וועט זיך געפינען געוויס עמעצער, וואָס זאָל נעמען אויף זיך די עובדה צו שאַפן אַזעלכע אַבאָנענטן; דאָס איז באַזונדערס וויכטיק אין ליטע, ווייל די יידיש־ליבהאָבער זיינען דאָ ניט אָרגאַניזירט“.

פרילינג 1926 האָט זיך געבילדעט אַ היסטאָריש־עקאָנאָמישע סעקציע, וועלכע האָט געפירט אַן אַקציע פאַר זאַמלען היסטאָרישע דאָקומענטן און מאַטעריאַלן; צו דער אַקציע איז צוגעטיילט געוואָרן אַ ספעציעלער מענטש; אַ סך מאַטעריאַל וועגן דער נאַציאָנאַלער אויטאָנאָמיע איז צונויפגעזאַמלט געוואָרן און אָפגעשיקט קיין ווילנע.

ס׳זיינען אויך געזאַמלט געוואָרן פאַרשיידענע עטנאָגראַפישע, ביבליאָגראַפישע, טערמינאָלאָגישע און היסטאָרישע מאַטעריאַלן וואָס זיינען צוגעשיקט געוואָרן פאַר די געהעריקע קאָמיסיעס פון ייוואָ.

אַ ספעציעלע אַקציע פאַרן ייוואָ איז געפירט געוואָרן אין ליטע אין חודש מאַי 1931. חוץ די אָרטיקע טוער ווי ד״ר מ. און א. סודאַרסקי, ד״ר מאַטיס, ד״ר גערשטיין, אַדוו. פינקלשטיין, י. ראָזאָווסקי, האָבן נאָך מיט דער אַקציע אָנגעפירט די דעלעגאַטן פון צענטער, (ווילנע) ד״ר מ. וויינרייך און ב. קלעצקין. חוץ זיצונגען און פאַרזאַמלונגען אין צוזאַמענהאַנג מיט דער אַקציע, איז נאָך פאָרגעקומען אַ גרויסע פאָלקספאַרזאַמלונג, אויף וועלכער עס זיינען אַרויסגעטראָטן ד״ר מ. וויינרייך (צענטער) עוזר פינקלשטיין, ד״ר עליאַשעוו, העלענע כאַצקעלס, יודל מאַרק. די גאַנצע יידישע פרעסע אין ליטע האָט פיל געשריבן וועגן ייוואָ און דער אַקציע. ס׳איז געזאַמלט געוואָרן אַ גרעסערע סומע געלט. די טוער פון ייוואָ האָבן זיך באַמיט צו באַקענען אויך די נישט יידישע געזעלשאַפט אין ליטע מיט די צילן און אויפגאַבעס פון ייוואָ. די יידישע בילדונג־געזעלשאַפט האָט פאַרבעטן אַ קרייז ליטווישע פראָפעסאָרן, זשורנאַליסטן אַדוואָקאַטן און כלל־טוער; ס׳האָט רעפערירט פאַר זיי ד״ר מ. וויינרייך און אַדוו. עוזר פינקלשטיין. ביידע גרויסע ליטווישע צייטונגען: „לעטואוואָס

אײדאָס" און „לעטואוואָס זשיניאָס" האָבן געגעבן גרע־סערע אַרטיקלען און אינפֿאָרמאַציעס וועגן ייוואָ.

אַ גאַנץ געלונגענע אַקציע איז געפֿירט געוואָרן פֿאַר שאַפֿן דעם פֿאָנד אויף אויסצובויען דעם אײגענעם בנין פֿון ייוואָ אין ווילנע — דעם פּאַלאַץ פֿון ייִדישער וויסנ־שאַפֿט. די קאָוונער בילדונג־געזעלשאַפֿט האָט דעקלאַרירט צו שאַפֿן 500 דאָלער ניט געקוקט אויפֿן קריזיס, וואָס האָט דאַן געהערשט אין לאַנד. דער פּערסאָנאַל פֿון דעם ייִדישן צענטראַל־באַנק האָט זיך באַשטײערט מיט 100 דאָלער און זיך אײנגעשריבן ווי אַ גרינדער פֿון ייוואָ־הויז. „ניט קײן זאַמלונג פֿון נדבֿות", שרײַבט דער פּערסאָנאַל אין בריוו צום צענטער — „נאָר אַ באַשטײערונג פֿון סימפּאַ־טיקער, וואָס האָבן אַ וואַרעמען געפֿיל פֿאַר ייוואָ. אָפּגעריסן אינגאַנצן פֿון אײַך — שפּירן מיר נאָך מיט באַגײַסטערונג און וווּנדער יעדן אײַער טראָט און יעדע פֿאַזע פֿון אײַער אַרבעט. וועלכע איז אונדז נאָענט, טײַער און ליב".

די דעלעגאַטן פֿון צענטער ד"ר מ. ווײַנרײַך און ב. קלעצקין האָבן באַזוכט אַ רײ פּראָווינץ־שטעט, ווי שאַוול, פּאָנעוועזש, קיבאַרט און אַנד. ס'זײַנען אײַנגעאָרדנט גע־וואָרן עפֿנטלעכע אַרויסטרעטונגען, אומעטום האָבן זיך געשאַפֿן אַקטיווע גרופּעס צו שטיצן דעם ייוואָ. די אַקציעס האָבן אַרויסגעוויזן, אַז אין ליטע האָט זיך געשאַפֿן אַ גינ־ציקער באָדן פֿאַר ייִדישער קולטור־אַרבעט בכלל און פֿאַרן ייוואָ בפֿרט. הגם די פֿאַרבינדונגען מיט ווילנע זײַנען אָנגעהאַלטן געוואָרן די גאַנצע צײַט און ליטע האָט כּסדר געשטיצט דעם צענטער מיט רעגולערע באַשטײערונגען און זאַמל־אַקציעס, איז דאָך צוליב די אַלגעמײנע אומ־שטענדן —די פֿאָרמעלע לעגאַליזאַציע פֿון דער „געזעל־שאַפֿט פֿרײַנט פֿון ייוואָ אין ליטע" אַדורכגעפֿירט געוואָרן ערשט אין פֿעברואַר 1934; אויף דער ערשטער גרינדונג־פֿאַרזאַמלונג איז אויסגעווײלט געוואָרן אַ פֿאַרוואַלטונג פֿון פֿאָלגנדיקע אַקטיווע טוער פֿון ייוואָ: ד"ר מ. סו־דאַרסקי, ד"ר וו. מאַטיס, י. ראָזאָווסקי, אַדוו. ווערבלאָווסקי, העלענע כאַצקעלס, ב. קאַנטאָר, ש. לעווין, ש. זײדעלסאָן. אין צענטראַלן ראַט פֿון ייוואָ, וואָס איז באַשטאַנען פֿון פֿאָרשטײער פֿון אַלע לענדער, זײַנען אַרײַן פֿון ליטע 3 מיטגלידער: ד"ר מ. סודאַרסקי און ד"ר מ. מאַטיס (קאָוו־נע), ד"ר ה. לאַנדוי (פּאָנעוועזש). דער לעצטער איז אויך געווען מיטגליד פֿון דער צענטראַלער עקאָנאָמיש־סטאַ־טיסטישער סעקציע.

צום 10 יאָריקן יובל־צוזאַמענפֿאָר פֿון ייוואָ (אויגוסט 1935) איז געקומען פֿון ליטע אַ גרעסערע דעלעגאַציע פֿון קאָוונע: ד"ר מ. סודאַרסקי, פֿרוי אַלטע סודאַרסקי, יודל מאַרק, י. ראַדולאַנסקי, פֿון פּאָנעוועזש — ד"ר ה. לאַנדוי. אין זײַן באַגריסונג־רעדע האָט ד"ר סודאַרסקי באַטאָנט די שווערע פּאָליטישע באַדינגונגען, אונטער וועלכע די פֿרײַנט פֿון ייוואָ אין ליטע האַלטן אונטער די באַציאונגען מיטן צענטער.

דער באַריכט־אָפּגעבער אויפֿן צוזאַמענפֿאָר, דער





פֿאַרפֿײניקטער דורך די נאַצי־רוצחים אין ווילנער געטאָ ז. קאַלמאַנאָוויטש, האָט באַזונדערס אונטערגעשטראָכן, אַז „די געז. פֿרײַנט פֿון ייוואָ אין קאָוונע האָט סיסטעמאַטיש געאַרבעט, געגעבן אַ מאַקסימאַלע מאַטעריעלע הילף דעם ייוואָ סײ דורך רעגולערע חודשדיקע אָפּצאָלן, סײ דורך לפֿי ערך אָפֿטע אַקציעס".

אַלטע סודאַרסקי (אײנע פֿון די געטרײסטע ייוואָ טו־ערינס אין ליטע — ווי ס'האָט זי פֿאָרגעשטעלט דער פֿאָר־זיצער פֿון צוזאַמענפֿאָר ד"ר מ. ווײַנרײַך) האָט באַגריסט אין נאָמען פֿון דער היסטאָריש־עטנאָגראַפֿישער געזעל־שאַפֿט.

מיט גרויס דערפֿאָלג איז דורכגעפֿירט געוואָרן (1937) די אַקציע פֿאַרן ייוואָ דורך דעם שליח פֿון צענטער ה. גילישענסקי, די בעסטע ייִדישע אינטעליגענץ פֿון ליטע האָט מיטגעאַרבעט בײַ דער אַקציע; אין קאָוונע, ווילקאָ־מיר, שאַוול, פּאָנעוועזש, מאַריאַמפּאָל, ווילקאָוויש, נײַ־שטאָט, קיבאַרט, אַליטע, — אומעטום האָבן די גרופּעס פֿרײַנט פֿון ייוואָ אַרויסגעוויזן די גרעסטע אַקטיווקײט. „די פֿרײַנט פֿון דער ייִדישער קולטור אין דעם דאָזיקן אַקטיוווסטן ייִדישן ישוב (ליטע) — שרײַבן די ידיעות פֿון ייוואָ נ. נ. 6, 8, 1937 — האָבן זיך אין שטאָט און שטעטל מאָביליזירט פֿאַר דער שליחות פֿון ייוואָ און אַן איבעריקן מאָל אַרויסגעוויזן זײער גרײטשאַפֿט בלב ונפש פֿאַר דער ייִדישער קולטור און וויסנשאַפֿט". די צענטראַלפֿאַרוואַל־טונג פֿון ייוואָ האָט איבערגעשיקט אַ האַרציקן יישר־כּוח די גרופּעס „געזעלשאַפֿט פֿרײַנט פֿון ייוואָ אין ליטע" און אונטערגעשטראָכן, אַז זײער שטענדיקער וואַרעמער אָפּרוף אויף די נויטן פֿון ייוואָ איז אַ טרײסט אין אונדזערע שווערע צײַטן". אַ באַזונדערס וואַרעמען דאַנק האָט די צ. פֿ. אויס־געדריקט דער גאַנצער ייִדישער פּרעסע אין ליטע פֿאַר דער ברײטער רעגולערער שטיצע, וואָס זי האָט געגעבן דעם ייוואָ־שליח ה. גילישענסקי (ידיעות פֿון ייוואָ, 8, 12, 1937).

מיטן אויסברוך פֿון דער צווייטער וועלט־מלחמה, ווען ווילנע איז פֿאַראײניקט געוואָרן מיט ליטע, האָבן זיך אײַנ־געשטעלט גאָר ענגע באַציאונגען מיטן ווילנער צענטער. „די ערשטע חדשים נאָך דעם ווי ווילנע איז אַריבער צו ליטע" — שרײַבן די ידיעות פֿון אַן אָפּטײל, נ. 1־2 1940 „— איז דער ייוואָ, מאַטעריעל און געזעלשאַפֿטלעך, געווען אין גאַנצן אויסגעשטעלט אויף דער הילף פֿון די ליט־ווישע ייִדן. זײער אויסגעפּרוּווטע געטרײַשאַפֿט צום אינ־סטיטוט האָט דאָס מאָל אויך ניט אָפּגענאַרט". דאָס אויס־פֿיר־פּיוראָ פֿון ייוואָ האָט געפֿירט האַרבסט 1940 אונטער־האַנדלונגען מיטן רעקטאָר פֿון ווילנער אוניווערזיטעט, פּראָפֿ. מ. בירזשישקאָ וועגן אײַנשטעלן בײַם אוניווער־זיטעט אַ קאַטעדרע פֿאַר ייִדישער שפּראַך און ליטע־ראַטור. אַזאַ קאַטעדרע איז באַשטימט געוואָרן; דעם קאַנ־דידאַט אויף דאָצענט האָט געדאַרפֿט צושטעלן דער ייוואָ. פֿאַר די אָרטיקע באַדערפֿענישן, ספּעציעל פֿאַר דער וויל־

נער לערערשאַפט האָט דער ייוואָ אין ווילנע באַנייט די ציקלען וויסנשאַפטלעכע לעקציעס אויף די טעמעס: ייִדישע שפּראַך, ייִדישע ליטעראַטור, אויך עטנאָגראַפיע, ייִדישע געשיכטע, דעמאָגראַפיע און עקאָנאָמיק; לעקטאָרן זיינען געווען: נ. פּרילוצקי, ז. קאַלמאַנאָוויטש, ש. מענדעלסאָן, ח. ש. קאַזשדאַן, פּ. קאָן, ד״ר מ. אַלעקסאַנדראָוויטש, ד. וויניק, מ. העלער. די לעקציעס האָבן צוגעצויגן הונדערטער צוהערער אויך פון די פּליטים, וועלכע האָבן דעמאָלט געשטראָמט פון פּוילן קיין ליטע. אַ דאַנק די לעקציעס האָבן פיל פון דער ייִדיש־פּוילישער אינטעליגענץ, וועלכע זיינען געווען אינגאַנצן שוין אָפּגעפרעמדט פון ייִדישן לעבן, — זיך צוריק דערנענטערט צום ייִדישן פאָלק.

דער ייוואָ האָט אין ווילנע דורכגעפירט איין אימפּאָזאַנטע פּרץ־פייערונג צו זיין 25־טן יאָרצייט. ס׳איז איינגעלאַדן געוואָרן פּראָפ. ש. דובנאָוו פון ריגע, וועלכער האָט געהאַלטן דורך ראַדיאָ אַ גרויסע רעדע וועגן פּרץ. די איינלייטונג צו דער ראַדיאָ־אוידיציע וועגן פּרץ האָט געהאַלטן דער רעקטאָר פון אוניווערזיטעט פּראָפ. מ. בירזשישקאָ. די געזעלשאַפט פריינט פון ייוואָ אין ליטע האָט איינגעאָרדנט פאָרלעזונגען פון ש. מענדעלסאָן וועגן פּרץ אין קאָוונע, שאַוול און פּאָנעוועזש. די פאָרלעזונגען האָבן אומעטום צוגעצויגן אַ גרויסע צאָל צוהערער.

אַ גרויסן דערפאָלג האָט אויך געהאַט די זאַמלונג פונעם שליח פון ייוואָ מ. מאַנדעלמאַן, וועלכער האָט פיל מאָל באַזוכט די גרעסערע פּראָווינץ־שטעט פון ליטע, געשאַפן גרעסערע געלט־סומעס פאַרן ייוואָ און אַבאָנענטן פאַר זייערע אויסגאַבעס. אין יענער שווערער צייט, ווען אַלע הכנסה־קוואַלן און בכלל באַציאונגען מיט אויסלאַנד זיינען איבערגעריסן געוואָרן האָט די אַקציע פון מ. מאַנדעלמאַן פיל מיטגעהאָלפן צו פאַרפעסטיקן דעם קיום פון ייוואָ און די המשכדיקייט פון זיין טעטיקייט, ביז די היטלער־רוצחים זיינען באַפאַלן אויך ליטע און געבראַכט דעם חורבן פון דער קולטור־שעפערישער און פאַרבנרייכער ייִדישער ליטע.

# קולטורי
# אינסטיטוציעס
# און
# ארגאניזאציעס

אַלטע אַרש־סודאַרסקי

# אונדזער קולטור־געזעלשאַפטלעכע טעטיקייט

גע‏ווידמעט מיינע עלטערן ז״ל, — מיין מוטער יענטע, מיין פאָטער ירחמיאל אַרש — דעם דווינסקער כלל־טוער און למדן, און מיין זון, — רפאל מה־יפית ז״ל.

## וועגן ביידע בענד „ליטע״

דער געדאַנק צו פאַראייביקן דאָס ליטווישע יידנטום אין בוך־פאָרם איז געבוירן געוואָרן אין קאָוונע, זומער 1937, אויף אַן עקזעקוטיוו־זיצונג פון דער היסטאָריש־עטנאָגראַפישער געזעלשאַפט. די מוראדיקע דונערן און בליצן פון שכנותדיקן „קולטורעלן״ דייטשלאַנד האָבן דערציטערט אונדזערע הערצער. מיר האָבן דערפילט, אַז אַ שטראָם פון מיטלאַלטערלעכער שנאה גייט אויסרייסן די וואָרצלען פון אונדזערע גייסטיקע גערטנער. דאַן האָט מען נאָך ניט באַגריפן, אַז דאָס מיינט אויך אַן אָנהייב פון פיזישער אויסראָטונג פון גאַנצע 6 מיליאָן יידן אין דער וועלט.

ס׳האָט אונדז פאַרכאַפּט אַ פיבער פון טאָן רעטונגס־אַרבעט: זאַמלען מאַטעריאַלן, דאָקומענטן, פאַרשרייבן וואָס נאָר מען קאָן, כדי צו פאַרהיטן די גלאָררייכע געשיכטע פון ליטווישן יידנטום, זי זאָל ניט אָפּגעווישט ווערן איינגאַנצן; די גאָלדענע קייט פון המשך זאָל ניט איבערגעריסן ווערן; דער אָנגעזאַמלטער אוצר פון דורות זאָל איבערגיין צו זיינע געזעצלעכע יורשים — די ווייטערדיקע דורות פון יידישן פאָלק.

די ערד פון ליטע איז צו יענער צייט הייס געוואָרן, באַזונדערס פאַר יידישע טריט. אַ העליש פייער האָט אַרומגעכאַפּט דאָס קליינע לענדעלע פון ביידע זייטן. דער אַנטיסעמיטיזם, וואָס האָט שוין לאַנג געגעסטיקט אין ליטע און געמאַכט אַ תל פון דער יידישער אויטאָנאָמיע, האָט זיך נאָכמער צעפלאַקערט צוליב די נייע ווינטן פון פאַשיזם אין איטאַליע און נאַציאָנאַל־סאָציאַליזם אין דייטשלאַנד.

ס׳איז ניט נייטיק געווען קיין סך אויפרייס־שטאָף דער רעאַקציאָנערער ליטווישער רעגירונג מיט איר שוואַכן פרעזידענט אַנטאָנאַס סמעטאָנאַ, מיט די 2 „שטאַרקע״ ווייבער, זיין אייגענער זאָפיע סמעטאָניעניע און איר שוועסטער, דעם פרעמיערס ווייב, טובליאַליעניע און די עטלעכע שוואַרצמאַהדיקע גלחים, אויפצואוועקן דאָס „שטיל, גוטמוטיק״ ליטוויש פאָלק פון זיין דרעמל. אויפן וואונק פון אויבן און מיט דער הילף פון פאָליציי זיינען אין מיטן אַ פינצטערער נאַכט, נאָך אין יאָר 1923, אין דער הויפּטשטאָט קאָוונע און פּראָווינץ פאַרשמירט געוואָרן אַלע שילדן מיט יידישע אויפשריפטן, און גאָר אין קורצן איז דורכגעפירט געוואָרן אַ פּראָבע־פּאָגראָם אין סלאָבאָדקע, אַ פאָרשטאָט פון קאָוונע. נאָך דעם זיינען געקומען „נייע״ אויסטייטשונגען פון געזעצן, וואָס האָבן זיי געמאַכט געזעצלאָז. די מאַכט האָט געזוכט פּגימות אויף דער דעמאָקראַטישער יידישער אינטעליגענץ. כדי צו באַזייטיקן ד״ר מ. סודאַרסקי פון דער קראַנקן־קאַסע האָט מען אין אים אויסגעפונען אַ חטא, ער זאָל כלומרשט האָבן געזשאַלעוועט אַ שטיקל וואַטע פאַר אַ פּאַציענט.

אויך די יידישע קאָמוניסטישע נאָכלויפער האָט זיך פלוצלונג פאַרוואָלט באַקומען די מאַכט איבער אונדזערע יידישיסטישע אינסטיטוציעס, ווי די טעגלעכע יידישע צייטונג „פאָלקסבלאַט״, „אָרט״־געזעלשאַפט, פריינד פון „ייוואָ״־קאָמיטעט, פון ענציקלאָפּעדיע אין יידיש, יידישע קאָמערץ גימנאַזיע, יידישע פאָלקסשולן, פאָלקס־אוניווערזיטעט, ספּאָרט־אָרגאַניזאַציע „יאַק״, בילדונגס־געזעלשאַפט א. אַ.

אַלע די אינסטיטוציעס זיינען געשאַפן געוואָרן מיט גרויס מסירת־נפש דורך דער פאָלקס־פאַרטיי, דערנאָך „יידישע בילדונגס־געזעלשאַפט״, וואָס איז באַשטאַנען פון אַ קליינער צאָל אינטעליגענץ — ענטוזיאַסטן־אידעאַליסטן, ווי די סודאַרסקיס, עוזר פינקלשטיין, ד״ר משה מאַטיס, ד״ר מ. סאָלאָווייטשיק און עטלעכע מענטשן אויף דער פּראָווינץ, ווי ל. טאָדעס פון שאַוול, אַדוואָקאַט ה. לאַנדאו און סאַוויטש פון פּאָנעוועזש, די ברידער גאָלדבערג פון ווילקאָמיר, די לערער פון דער ווילקאָמירער יידישער גימנאַזיע, דירעקטאָר ל. לאַמפּערט, און נאָך עטלעכע געציילטע, — אין גרעסטן טייל אומגעקומען דורך היטלערן ימח שמו, אָדער פאַרוואָגלט אין סאָוויעט־רוסלאַנד. די אַלע האָבן דאָס לעבן אַוועקגעגעבן פאַר יידישע אינטערעסן, יידישער קולטור און דערציאונג.

ס׳זיינען טעטיק געווען אויך עטלעכע לינק־געשטימטע אין אונדזערע אינסטיטוציעס, וואָס האָבן אָפן זייערע פּנימער ניט באַוויזן. מיר האָבן זיי אָבער געטרויט, גלויבנדיק, אַז זיי האָבן ניט קיין שלעכטע כוונות. מיר האָבן געהאַלטן, אַז זיי זיינען פאַרפירטע, אָבער ניט קיין פאַרפירער.

די קאָמוניסטישע פאַרטיי אין ליטע איז געווען אַן אומלעגאַלע אָרגאַניזאַציע, אַזוי, אַז קאָמוניסטן אַליין האָבן ניט געקאָנט פיגורירן אין די פריער־אויסגערעכנטע אָרגאַניזאַציעס. זיי האָבן נייטיק געדאַרפט האָבן די דעמאָקראַטן אַלס שוץ־מאַנטל. מיך מיט מיין גאַנצן פרויען־קאָמיטעט פון „אָרט״ האָבן זיי שוין געהאַט פריער באַזייטיקט. זיי האָבן אויף אַ יערלעכער פאַרזאַמלונג פון „אָרט״

אַריינגעלאָזן ניט־מיטגלידער און געצוואונגען זיי שטימען פאַר זייערן אַ צעטל פון אַ פאַרוואַלטונג „אַן בלאָק”. מיין נאָמען האָבן זיי אויסגעשטראָכן און אַזוי אַרום זיינען זיי פּטור געוואָרן פון די פרויען, וועלכע האָבן געטאָן אַ גוואַלדיק פּאָזיטיווע אַרבעט.

ד״ר משה מאַטיס, ז״ל, איז געווען אַ גרויסער אידעאַליסט, אָבער האָט ניט געוואָלט מיט קיינעם איינרייסן. ד״ר מ. סודאַרסקי איז דאָך אויך געווען גאָר אַ גוטער, האָבן זיי געמיינט, אַז אויך אים וועט זיי לייכט זיין צו בייגן. ס׳האָט זיך אָבער אַרויסגעוויזן, אַז ד״ר סודאַרסקי, דער „ווייכער”, האָט זיך ניט געלאָזט בייגן, ווען עס איז געגאַנגען אין לעבנס־פּרינציפּן פון אונדזערע שווער אויסגעקעמפטע אינסטיטוציעס. אין יולי 1937 האָט ער גערופן אַן אַלגעמיינע פאַרזאַמלונג פון דער בילדונגס־געזעלשאַפט אין ליטע, זי זאָל אויסגלייכן די סכסוכים. פאַרשטייט זיך, אַז ביי דעמאָקראַטישע וואַלן וואָלטן זיי, די קאָמוניסטן, ניט געזיגט, זיינען זיי אַוועק אויף זייער אויסגעטראָטענעם וועג פון מסירה און פאַרלוימדונג.

שבת צוויי אַזייגער בייטאָג האָט געזאָלט פאָרקומען די פאַרזאַמלונג, און 12 אַזייגער האָט דער ווירשינינקאַס (שטאָטישער פּאָליציי־שעף) גערופן ד״ר מ. סודאַרסקין צום טעלעפאָן און אים געמאָלדן, אַז ער ציט צוריק די דערלויבעניש אויף דער אַלגעמיינער פאַרזאַמלונג דערפאַר, ווייל „אונדזערע חברים” ווילן מער ניט ד״ר סודאַרסקין פאַרן פאָרזיצער, ווייל ער איז אַ קאָמוניסט.

די רעגירונג האָט אפילו געוואוסט, אַז מיר זיינען ניט קיין קאָמוניסטן. זיי האָבן געהאַט אַפילו אַ באַווייז: ווען ס׳זיינען פאָרגעקומען די באַרימטע מאָסקווער פּראָצעסן פון די קאָמוניסטישע פירער, איז ד״ר מ. סודאַרסקי אַרויס וועגן דעם מיט אַ לייט־אַרטיקל אין „פאָלקסבלאַט”, מיט אַזאַ שאַרפקייט, ווי ס׳איז נאָך ניט געווען אין קיין שום צייטונג. אָבער פאַר דער ליטווישער רעגירונג איז עס געווען אומגעוואונטשן, ווייל זי האָט אָקאָרשט געהאַט געמאַכט אַן אָפּמאַך מיט די סאָוויעטן צו קויפן ביי זיי ווייכע קוילן פאַר אַ ביליקן פּרייז, און ווי אַ רעגירונג פון אַ שוואַך און קליין לענדל — האָט זי בכלל מורא געהאַט זיי צו פאַרטשעפּען, מען האָט געוואָלט האָבן גוטע שכנישע באַציאונגען. ווען דער אַרטיקל איז דערשינען, האָט דער ליטווישער רעגירונגס־פּרעסע־שעף אַרויסגערופן ד״ר סודאַרסקין און אים געגעבן אַ וואָרענונג, אַז אַזעלכעס זאָל מער ניט פּאַסירן, אַנדערש וועט מען פאַרמאַכן די צייטונג, און דער רעדאַקטאָר אַליין וועט זיין אומגעוואונטשן.

מיר האָבן דאַן באַשלאָסן צו פאַרלאָזן ליטע. מיר זיינען אָפּגעפאָרן קיין פּאַריז און פון דאָרט קיין אַמעריקע.

אַזוי אַרום האָבן מיר זיך אומגעריכט באַצייטנס גערעטעוועט פון היטלעריזם מיטן באָלשעוויזם צוזאַמען. ווען די נייע „פירערלעך” האָבן זיך געכאַפּט, אַז די סודאַרסקיס, ווי מען האָט אונדז דאָרטן גערופן, האָבן זיך אַרויסגע־





קבלת־פּנים פאַר מ. און א. סודאַרסקי אין פּאַריז

גליטשט פון זייערע הענט, זיינען זיי אַוועק צו טוביה שערעשעווסקי, זייער אַן אָנשטענדיקער מענטש, אָבער ניט קיין געז. אָנפירנדיקע פּערזאָן און האָבן אים געמאָלדן, אַז ער איז דער פאָרזיצנדער פון דער „בילדונגס־געזעלשאַפט”. זאָל ער קיין שטיק ניט מאַכן, „אים וועט מען ניט לאָזן אַנטלויפן”.

מיט ידידיהן האָבן זיי, מסתמא, אויך אַזוי געטאָן, אים האָבן זיי געקרוינט פאַרן פאָרזיצער פון „אָרט” אויף סודאַרסקיס פּלאַץ.

דעם 15־טן אָקטאָבער 1937 זיינען מיר מיט דער האָלענדישער שיף „אַמסטערדאַם” אָנגעקומען בשלום קיין ניו־יאָרק.

* * *

די וועלט האָט געברענט פון אַלע עקן, און יידן האָט מען געבראָטן אין גאַז־קאַמערן. ווי האָט מען געקאָנט טראַכטן וועגן זיך? מען האָט געמוזט זוכן וועגן ווי צו ראַטעווען יידן, אייגענע משפּחה און אַנדערע.

מיט דער הילף פון קאָווענער „ברענטש” אַרבעטער־רינג 83 אין ניו־יאָרק, וואָס האָט שוין דאַן געציילט 500 מיטגלידער, און זיין ענערגישן פאָרזיצער פרענק עפּשטיין ע״ה און אַ דאַנק פאַרבינדונגען מיט אַנדערע לענדער, האָט זיך איינגעגעבן צו גרינדן אַ פעדעראַציע פון אַמעריקאַנער ליטווישע יידן, וועלכע האָט פאַרבונדן די ליטווישע יידן פון אַמעריקע מיט די ליטווישע יידן פון אַפריקע, אויסטראַליע, דרום־אַמעריקע, אַפילו מיט די ליטוואַקעס, וואָס זיינען פאַרוואָגלט געוואָרן אין דער צייט פון ביידע וועלט־מלחמות אין יאַפּאַן און כינע.

דאָס איז געווען אַ גוואַלדיקער אויפטו. געוויס האָט דער „היאַס” און דער „דזשאָינט” געאַרבעט אומעטום. דאָס אומגליק איז אָבער געווען אַזוי גרויס, אַז וואָס מער הענט עס האָבן זיך אויסגעשטרעקט נאָך הילף, אַלץ מער האָט זיך געפאָדערט אַ גרעסערע אַקטיוויטעט. ניט נאָר אָרגאַניזאַציעס האָבן געטאָן אַ ריזיקע אַרבעט, נאָר אויך פּריוואַטע, איינצלנע פּערזאָנען האָבן אויפגעטאָן וואונדער מיט זייער הילף פאַר די לעבן־געבליבענע פון די לאַגערן אין פאָרם פון באַזאָרגן מיט שפּייז, קליידער און עמי־

גראַציע־מעגלעכקייטן, אין פאַלן, ווען דער „האַיאַס" און דער „דזשאָינט" זיינען געווען הילפלאָז צוליב געוויסע פונקטן אין זייערע אָפּמאַכן מיט די רעגירונגען.

יוני 1943 האָט ד"ר סודארסקי אָנגעהויבן אַרויס־צוגעבן דעם זשורנאַל „ליטווישער ייד". ער איז געווען דער רעדאַקטאָר, דער שרייבער, דער אַרויסגעבער און וואָס ניט ? פאַר אַלץ האָט ער געזאָרגט. עס זיינען אַרויס, ביז יאַנואַר 1947, 9 נומערן. מער איז פשוט ניט מעגלעך געווען. די גאַנצע פעדעראַציע איז צוזאַמענגעבראָכן געוואָרן. אין אָנהייב איז פרעזידענט פון דער יידיש־ליטווישער פעדעראַציע געווען ד"ר סודאָרסקי. שפּעטער אָבער זיינען אויך אַריינגעדרונגען די לינקע און האָבן געבונדן די הענט פון די שעפער און טוער... מ'האָט אויפגעטאָן אַ סך, אָבער ווייט ניט אַזוי פיל וויפל מען וואָלט געקאָנט. אין גיכן האָט מען געמאַכט פאַר פרעזידענט אַן אַמעריקאַנער גביר: אפשר וועט ער געבן געלט. אים האָט זיך אָבער פאַרוואָלט נאָך מער כבוד — פאַרנעמען אַ הויכע פּאָזיציע אין „ראַשען וואָר רעליף" צוליב זיין הויכן אַמט ביי די ליטווישע יידן, און אַזוי ווי די סאָוויעטן זיינען ניט געווען זייער „פאַראינטערעסירט" צו העלפן יידן, האָט זיך אָנגעהויבן דאָס סאַבאָטירן די פעדעראַציע מיט דער הילף פון אַ לאַ־יוצלחדיקן דירעקטאָר און נאָך עטלעכע קאָמוניסטישע נאָכלויפער.

די פעדעראַציע האָט אויך געזאָלט אַרויסגעבן דאָס בוך „ליטע".

נאָכן אָפּמאַטערן זיך אומזיסט עטלעכע יאָר זיינען מיר אַוועק פון דער פעדעראַציע, פאַרענדיקט מיטן זשורנאַל, געגרינדעט דעם „קאַונסיל" פון ליטווישע לאַנדסמאַנשאַפטן און זיך אָפּגעגעבן מיטן אַרויסגעבן דאָס בוך „ליטע". אויך געגרינדעט אַ 2־טע אָרגאַניזאַציע — דער יידיש־ליטווישער קולטור־פאַרבאַנד („סאָסייטי ליטע אינ־קאָרפּאָרייטעד").

אין „קאַונסיל" האָבן ווידער אַריינגעדרונגען די לינקע. מיר זיינען אויך פון זיי אַוועק. פיל אַרבעט פאַר די גראַטעוועטע האָבן מיר געפירט אויף אַ פּריוואַטן אופן און אויפגעטאָן מער ווי אונדזער גרויסע פעדעראַציע. אין אַרכיוו פון „יוואָ" געפינען זיך בריוו און דאָקומענטן פון זייער אַ וויכטיקער אַקציע, וואָס איז דורכגעפירט געוואָרן אין שאַנכיי, אין צוזאַמענהאַנג מיט דער איינוואַנדערונג פון די פּליטים קיין אויסטראַליע, ישראל און אנדערע לענ־דער. וועגן אַ סך אַנדערע זאַכן האָבן מיר ניט געפירט קיין רעגיסטראַציע און געטאָן איבערן גאַנצן ערד־קוגל, וואָס עס האָט זיך נאָר געלאָזט. די הויפּט־אַרבעט איז געווען — באַזאָרגן מיט „אַפידייוויטס" די פּליטים, זיי זאָלן קאָנען עמיגרירן. ווען זיי האָבן אַפילו קיין וויזעס ניט באַקומען, האָבן די „אַפידייוויטס" געגעבן אַ רעכט אַרויסצופאָרן פון שאַנכיי קיין ישראל אָדער אין אַנדערע לענדער.

ס'האָט זיך אָנגעהויבן די אינטענסיווע אַרבעט פאַר די צוויי בענדער „ליטע".

אַלע קולטור־אינסטיטוציעס, ווי „ייוואָ", טעאָלאָגי־שער סעמינאַר, אַלע יידישע שרייבער, היסטאָריקער האָבן ברייט געעפנט זייערע אַרכיוון, צוגעשטעלט מאַטעריאַלן, געשריבן וואָגיקע אַרטיקלען. אַ גרויסן טייל פונעם מאַ־טעריאַל האָבן מיר מיטגעבראַכט פון ליטע. אַ סך האָבן ביי דעם בייגעטראָגן נ. יאַנוסעוויטש, סעקרעטאַר פון דער קאָוונער קהילה און אבא באַלאָשער, געז. עסקן און ביבליאָטעק־אינהאַבער. צוליב דעם שוידערלעכן חורבן פון אייראָפּע איז דער מאַטעריאַל אומגעהייער גע־וואַקסן, און די אַרבעט פאַרן רעדאַקטאָר און אַרויסגעבער איז געווען אַ גרויסע. פינאַנס. הילף איז גע־געבן געוואָרן זייער ווייניק. י. קיסין, דער צווייטער רעד., איז באַלד געשטאָרבן, ער האָט אַפילו זיין צוגעזאָגטע אַרבעט ניט באַוויזן צו מאַכן. ס'איז געווען צרות מיט דער קאָרעקטור, דער בודזשעט איז געוואַקסן. מען האָט זיך ניט געקאָנט משער זיין וויפל עס וועט קאָסטן אַרויס־צוגעבן דעם 1־טן באַנד. ס'איז געווען „שיט מעל און גיס וואַסער". מען האָט געדונגען געלטזאַמלער, האָבן זיי געקאָסט מער וויפל זיי האָבן אַריינגעבראַכט. ס'איז קיין אַנדער ברירה ניט געווען ווי אַליין זיך לאָזן „קאַמפּיי־נעווען". ס'איז ווייניק געווען צו פאַרנאַכלעסיקן די פּראַק־טיק. די וואַרט־צימערן פון ד"ר סודאַרסקי זיינען פאַר־וואַנדלט געוואָרן אין מיטינג־צימערן (דאָס איז אַפילו אַלע מאָל געווען אַזוי). מען האָט געמוזט אַרומפאָרן איבער פאַר־שיידענע שטעט און לענדער. איך בין אַפילו אַוועקגע־פאָרן אויף 3 חדשים קיין דרום־אַפריקע. עס האָבן געגעבן הילף עטלעכע לאַנדס־סאָסייטיס, ווי: יאָהאַנעסבורג, מאָנ־טרעאַל, טאָראָנטאָ (קאַנאַדע), מעקסיקע, מאָנטעווידעאָ (אורוגוואַי), אויסבאָרגנדיק באַדייטנדע סומעס פאַר ביכער, וואָס זיי וועלן שפּעטער באַקומען; ס'האָבן געהאָלפן פרי־



קבלת־פּנים פאַר מ. סודאַרסקי און פרוי אין האַוואַנאַ (קובא)

וואַטע מענטשן, הויפּטזעכלעך אונדזערע קרובים, ווי: אפרים סודארסקי, וואָס האָט ניט נאָר געלט, נאָר אויך אַרבעט און זאָרג אַריינגעלייגט אין זיין ברודערס ווערק, זיין שוועסטער ברינה גרינגאַרד, זיין פּלימעניצע אינגא נתן אין תל־אביב, און נאָך אַנדערע פון דער משפחה, ווי: מענדל לאדסקי, די ברידער קאַפּלאַן, ד״ר ראָזענפעלד, וועלכע האָבן מיר געהאָלפן קאַמפּיינעווען אין מאָנטרעאַל; אויך מיינע פּלימעניקעס, די דאָקטוירים: האַרי נתן, ראובן דעניעל זעלדין, זייער שוועסטער אסתר, איר מאַן ד״ר דזשאָו אָקון, וועלכע העלפן מיר אויך איצט, — אַנדערש וואָלט איך דעם צווייטן באַנד ניט געקאָנט אַרויסגעבן.

אַזוי אַרום איז מיט אומגעהייערע שוועריקייטן געבוירן געוואָרן דער 1־טער באַנד פון איבער טויזנט זייטן — דאָס בוך „ליטע״.

ד״ר סודאַרסקי האָט אָבער צוזאַמענגעבראָכן. ער איז קראַנק געוואָרן אויף אַ ראַק. דעם 6־טן נאָוועמבער 1950 איז ער אָפּערירט געוואָרן, און דעם 30־טן דעצעמבער 1951 געשטאָרבן. נאָך אַ נס, וואָס ער האָט דעם 12־טן אָקטאָבער 1951 זוכה געווען צו זען אַ טייל פון זיין אויסגעטרוימט ווערק אין די טאָוולען, ווי אויך די ענטוזיאַסטישע אָפּרופן פון דער גאַנצער יידישער פּרעסע פון דער גאָרער וועלט, און פון כמעט אַלע יידישע שרייבער דורך פּריוואַטע בריוו. דער גרויסער ליטעראַטור־קריטיקער שמואל ניגער, ע״ה, האָט וועגן 1־טן באַנד „ליטע״ געזאָגט: „ס׳איז ניט קיין גמרא, וואָס מען לערנט אויס און מען שטעלט אַריין אין שאַפע, ס׳איז אַ ש״ס...״.

דער 1־טער באַנד „ליטע״ איז געווען מיין מאַנס לעצטע פרייד אויפן טויטן בעט. זיין הויפּט זאָרג איז געווען דער צווייטער באַנד. זיינע לעצטע ווערטער זיינען געווען: „גיב אַרויס דעם צווייטן באַנד״. דאָס טו איך איצט מיט פרייד און לייד, און מיט דער הילף פון י. ל. פּרץ־פאַרלאַג און אַנדערע פריינד קאָן איך עס פאַרווירקלעכן.

דער ערשטער באַנד „ליטע״ איז געדרוקט געווען אין 3500 עקזעמפּלאַרן און אויספאַרקויפט געוואָרן ביזן לעצטן. באַשטעלונגען קומען אָן ביזן היינטיקן טאָג. ס׳איז ניט געווען קיין זאָרג צו פאַרשפּרייטן ס׳בוך נאָך אַזאַ גוטן אָפּרוף פון דער פּרעסע. ליטווישע און ניט־ליטווישע יידן האָבן געקויפט דאָס בוך, צוגעפּרעסט צום האַרצן און געטראָגן אַהיים ווי אַ הייליקטום. ווען די לעצטע ביכער האָבן זיך פאַרקויפט אין דער צייטונג „דער טאָג״, האָט מען אין דריי טעג פאַרקויפט 720 עקזעמפּליאַרן. מען איז געשטאַנען אין ריי. ס׳איז באמת געווען אַ הערלעך בילד. אַלע חובות (אויסער דעם חוב צו מיר, פאַר וועלכן איך האָב געקראָגן נאָר 50%. דאָס איבעריקע איז מיין פּערזענלעכע קאָנטריבוציע, אויסער מיין מאַנס און מיינע צען יאָר שווערע אַרבעט) זיינען באַצאָלט געוואָרן.

מיטן צווייטן באַנד טראָג איך זיך אַרום שוין באַלד 10 יאָר און האָב שוין געהאַט אין גאַנצן די האָפענונג פאַרלוירן. איז אָבער באַשערט געווען, אַז די פריינד יעקב פּאַט און לאַזאַר עפּשטיין זאָלן מיך צונויפפירן מיטן געוו. פאַרוואַלטער פון „פּרץ״־פאַרלאַג, יוסף ראָטנבערג, ע״ה, מיט וועלכן איך האָב געשלאָסן אַן אָפּמאַך וועגן אַרויסלאָזן דעם 2־טן באַנד אין ישראל. ביי דער געלעגנהייט אַ יישר־כוח די פריינד י. פּאַט און ל. עפּשטיין און אחרון אחרון — דעם חשובן כלל־טוער פון ליטע ראובן רובינשטיין פאַר זיין פריינדלעכקייט און אַקטיווער מיטהילף ביים אַרויסגעבן דאָס 2־טע בוך „ליטע״ און ח. לייקאָוויטש — פאַר זיין איבערגעבנהייט און הויך־קוואַליפיצירטער רעדאַגירונג, אַ דאַנק אַלע אַנדערע, וואָס האָבן מיר געהאָלפן ביים ערשטן באַנד און דערמוטיקט מיך אַרויסצוגעבן דעם צווייטן.

איך ווייס — אַז די הענט פון ד״ר מענדל סודארסקי, דעם אַרכיטעקט און שעפער פון דעם דענקמאָל „ליטע״, וועלן פעלן. וואָס קאָן מען טאָן? די ווענוס פון מילאָס האָט מען אויך געפונען מיט אָפּגעבראָכענע אָרעמס, פון דעסטוועגן איז זי נאָך אַלץ אַ קונסט־ווערק.

דאָס איז אומגעפער אין קורצן די געשיכטע פון אַרויסגעבן דאָס בוך „ליטע״. זאָלן מיר און די שפּעטערדיקע דורות שרייבן אין רואיקערע און גליקלעכערע צייטן אונדזער געשיכטע פון שלום אויף דער וועלט און רענעסאַנס פון פאָלק ישראל!

## די פרויען־אָרגאַניזאַציעס און דאַמען־קאָמיטעטן

מיט אַ הייליקן ציטער אין האַרצן טרעט איך צו שרייבן די קאַרגע שורות וועגן דער געזעלשאַפטלעכער טעטיקייט פון אונדזערע יידישע פרויען אין ליטע, די שטילע, באַשיידענע שרה בת־טובימס, וועלכע האָבן געטראָגן דעם יאָך פון שווערער, קרבנותפולער הילפסאַרבעט ביי זייערע אַנשטאַלטן און אָרגאַניזאַציעס מיט ערנסטקייט, ליבע און מסירת־נפש, טאַקע לשמה, ניט וואַרטנדיק און האָפנדיק אַפילו, אַז מען זאָל ווען עס איז דערמאָנט ווערן און מיט וואָס־עס־איז באַלוינט ווערן. עס איז אַפילו ניט איינגעפאַלן, אַז מען האָט עפּעס פאַרדינט, אָדער זיך אויסגעדינט אַ כבוד, צי אַפילו אַ גוט וואָרט.

זיין אַ פאָרזיצערין אין אַ קאָמיטעט, אָדער אָרגאַניזאַציע האָט געמיינט — זיין די גרינדערין, טוערין, איניציאַטאָרין און אויספירערין, דאָס שיק־מיידל, די שווערע שוואַרץ־אַרבעטערין. ווייל אויב זי זאָל ניט געבן דעם ביישפּיל פון בוכשטעבלעכער זעלבסט־אָפּפערוויליקייט, ווי אַזוי אַנדערש וואָלט זי געקאָנט די שוואַכערע, ווייניקער באַוואוסטזיניקע, ווייניקער אידעאַליסטישע מיטרייסן און באַווירקן? זי, די פאָרזיצערין, דאַרף זיין אַ מוסטער, וועמען די אַנדערע זאָלן נאָכטאָן.

דערצו האָט מען געדאַרפט האָבן גענוג אינטעליגענץ צו באַנעמען די אידייען (באַזונדערס ווען עס האָט זיך געהאַנדלט ניט נאָר וועגן צדקה, נאָר אויך וועגן קולטור־און פּאָליטישע ענינים), ענערגיע, מוט, אידעאַליזם און פּראַקטישע פעאיקייטן, ווי אויך אויטאָריטעט. דאָס פאַרמאָגן דאָך ניט אַלע מענטשן אין אַ גלייכער מאָס.

זייענדיק זייער ערלעך אָפּצושאַצן די אייגנע אייגנשאַפטן, האָט זיך קיינער ניט געריסן צו פאַרנעמען דעם פּאָסטן, און יעדע אָרגאַניזאַציע האָט פאַר אָט דער שווערער און פאַראַנטוואָרטלעכער אַרבעט אויסגעקליבן די בעסטע פון איר קרייז. די וואַלן פלעגן זיין געהיימע, און ביים ציילן פלעגט זיך אָפט אַרויסשטעלן, אַז די איינציקע ניין־זאָגערין איז געווען די נאָמינירטע פאָרזיצערין אַליין. דערמיט דערקלערט זיך, וואָס דאָס רוב פאָרזיצערינס זיינען געווען פּערמאַנענט אַ סך יאָרן. עס איז זייער שווער געווען צו געפינען אַן אַנדערע, סיי צוליב די געפאָדערטע מעלות, סיי צוליב דעם, וואָס ניט יעדע איז גרייט געווען צו נעמען אויף זיך די שווערע לאַסט פון אַרבעט און אחריות. די פירערשאַפט איז באַטראַכט געוואָרן ווי אַ פליכט, פון וועלכער מען קאָן ניט און מען טאָר זיך ניט באַפרייען, ניט ווי אַ כבוד.

דאָס איז געווען דער צוגאַנג צו געזעלשאַפטלעכער אַרבעט. דערפאַר זיינען אויך געווען די רעזולטאַטן און אויפטוען אַזוי דערפאָלגרייך. עס האָבן ניט דעצידירט קיין פערזענלעכע אַמביציעס. עס איז געווען אַן ערלעכער פאַרמעסט אין כוחות מיט דעם ווילן וואָס מער אויפצוטאָן פאַר דער זאַך, וועלכער מען האָט געדינט ווי טרייע סאָלדאַטן. עס איז קיין זאַך ניט שווער, ניט צו פיל געווען פאַר דער פאָרזיצערין און די איבעריקע מיטגלידער פון קאָמיטעט. די מיזאַמע מוראַשקע — די פרוי — האָט אַריינגעטאָן איר גאַנצע מאַמישקייט, אינטימיטעט, געשמאַק און קונסט אין איר געזעלשאַפטלעכער שליחות.

דער כאַראַקטער פון דער פרוי איז מער עמאָציאָנעל, און ווען זי ווערט אַקטיוו אין געזעלשאַפטלעכן לעבן, ווערט זי אויך דער מאָראַלישער וועגווייזער אין דער משפחה. ניט נאָר זי קומט צו הילף איר מאַן דעם כלל־טוער מיט פּראַקטישער אַרבעט, אויף וועלכער ער האָט ניט גענוג צייט, נאָר שאַפט די גאַנצע אַטמאָספער צווישן אירע אייגענע און פריינד. זי גיט אויך אָפט אינספּיראַציע איר מאַן און ווערט זיין ראַטגעבער. זי דינט אים אַפילו אַמאָל ווי אַ פוס־בענקל, צוליב וועלכן ער ווערט העכער. אַן אַלטער כלל: מען פאַרזעט דעם פּערל־טויכער, וועלכער ריזיקירט מיט זיין לעבן, אַרונטערלאָזנדיק זיך נאָך די פּערל אין די טיפענישן פון ים, און מען שפּיגלט זיך נאָר אינעם צויבער־גלאַנץ פון די פּערל.

די אַלע שטריכן קאָן מען געפינען ביי אַ סך געזעלשאַפטלעך־טעטיקע פרויען, ספּעציעל ביי יידישע. די ליטווישע יידישע פרוי איז זיי אָבער נאָך מער אַריבערגעשטיגן אין די אַלע מעלות צוליב איר צניעותדיקייט, וואָס מאַכט איר אָנטייל אין געזעלשאַפטלעכן לעבן באַדייטנדיקער און הייליקער.

דערפאַר איז נאָך ווייטיקדיקער דער גרויסער פאַרלוסט, בפרט אַז ס'זיינען כמעט אַלע אומגעקומען דורך היטלערן אויף קידוש־השם צוזאַמען מיט זייערע אינסטיטוציעס.





זייער ווייניק זיינען נאָך די גאַז־קאַמערן און צוואַנגלאַגערן געבליבן ביים לעבן און האָבן געהאַט דאָס גליק צו עמיגרירן איןביידע אַמעריקעס, קאַנאַדע און ישראל. לאָמיר זיי אַלע דערמאָנען מיט גרויס ערפורכט, הייליק האַלטן זייערע נעמען מיט זייערע טעטיקייטן, וואָס האָבן געלאָזן טיפע שפּורן און אויסגעטראָטענע וועגן אין אונדזער היימלאַנד ישראל, וואו די אָרט־שולן און טעכניקומס און די אָזע־אַנשטאַלטן, וועלכע זיינען פּשוט אַ רעטונג פאַר די אומגליקלעכע יידן פון די אַראַבישע לענדער און פון פוילן, און גיט זיי מוט און האָפענונג אויף אַ געזונט און פּראָדוקטיוו לעבן.

ביז דער ערשטער וועלט־מלחמה, אויף ווי ווייט איך ווייס, זיינען אין ליטע געווען פיר געזעלשאַפטלעכע אינסטיטוציעס:

1. א צוויי־קלאַסיקע פאָלקס־שול מיט יידיש אַלס אונטערריכטס־שפּראַך, געגרינדעט פון ד"ר ראָזאַליא אבראמסאָן ע"ה.

2. א שניידער־שול פאַר מיידלעך, געגרינדעט און אָנגעפירט לאַנגע יאָרן פון אַננאַ סיעמיאָנאָווּנאַ מאַטיס. זי און איר מאַן, דער באַקאַנטער כלל־טוער ד"ר משה מאטיס, זיינען אומגעקומען אין קאָוונער געטאָ אין סלאָבאדקע.

3. יידישער פרויען־פאַראיין, אָנגעפירט פון רחל כוואָלעס. דער פאַראיין איז געגרינדעט געוואָרן מיט אַ 30 יאָר פאַר דער ערשטער וועלט־מלחמה. זיין טעטיקייט איז באַשטאַנען אין העלפן אָרעמע פרויען, אַלמנות, אָדער פרויען, וואָס האָבן קראַנקע מענער, צי גלאַט ניט פאַרדינער, ווי אויך חתונה מאַכן אָרעמע כלות. וואָס האָבן די פרויען ניט צוגעטראַכט אַריינצוקריגן געלטמיטלען פאַר זייער טעטיקייט. זיי פלעגן פאַרדינגען אַ חופּה פאַר רייכע כלות, כדי צו האָבן געלט פאַר די אָרעמע. דאָס איז געווען אַ גלענצנדיקער איינפאַל. עס איז געוואָרן ווי אַ געזעץ צו נעמען אַ חופּה אויף „פּראָקאַט" ביים פרויען־פאַראיין. אַנדערש האָט מען קיין חתונה ניט געקאָנט מאַכן. זיי האָבן געהאַט אָפּטיילונגען איבערן גאַנצן לאַנד, מיט אַ גרויסער צאָל מיטגלידער.

דאָס געלט, וואָס זיי פלעגן געבן די אָרעמע פרויען צו מאַכן „געשעפט", איז געווען אַ מין גמילת־חסד אָן פּראָצענט, ביסלעכווייז אָפּצוצאָלן. אַזוי ארום האָבן זיי געגעבן די מעגלעכקייט אַ יונג פּאָרפאָלק צו האַנדלען, אָדער צו קויפן אַ ניי־מאַשין צום נייען, אָדער אַ שטריק־מאַשין צום שטריקן זאָקן און סוועטערס. טויזנטער יידישע פרויען האָבן אַ דאַנק דעם באַקומען די מעגלעכקייט צו פאַרדינען אויף ברויט.

עס זיינען אויך געווען אָרגאַניזאַציעס וואָס האָבן געגעבן אָרעמע מענטשן אומזיסטע מעדיצינישע הילף.

4. אַ רעליגיעזע פרויען־אָרגאַני־



קאָוונער יידישער קינדערהיים

זאַציע „בית־יעקב". די אָרגאַניזאַציע האָט אַפילו געהאַט אַן אייגענע צייטונג. די רעדאַקטאָרין איז געווען פרוי ע. שמולעוויטש.

די דאָזיקע אינסטיטוציע האָט עקזיסטירט ביז ליטע איז געוואָרן אומאָפּהענגיק. פאַר מיין צייט (איך בין געקומען קיין ליטע אין 1921) איז נאָך די פרויען־אָרגאַניזאַציע געווען טעטיק. די צוויי שולן זיינען שוין ניט געווען. עס איז געווען די צייט ווען די יונגע מלוכה האָט זיך אָנגעהויבן בויען. דאָס אַלטע, אָרעמע ליטע איז געווען רואינירט פון דער מלחמה, דאָס נייע האָט געדאַרפט געשאַפן ווערן. דאָס יידישע לעבן האָט געדאַרפט נאָרמאַליזירט ווערן און זיך איינבירגערן אין די נייע דעמאָקראַטישע באַדינגונגען, ווי אויך אויסנוצן אונדזערע רעכט פון דער יידישער אויטאָנאָמיע.

די נויט איז געווען קאָלאָסאַל גרויס, אַ וועלט מיט פּראָבלעמען האָבן געמוזט געלייזט ווערן. די וואונדן פון גירוש און פון דער ערשטער וועלט־מלחמה האָט מען ווי עס איז געמוזט היילן. עס זיינען אַנטשטאַנען געזעלשאַפטן ווי שוואָמען נאָך אַ רעגן. מען האָט געמוזט באַזאָרגן אָרעמע, קראַנקע, אַלטע און יתומים. מען האָט געבויט נייע אַנשטאַלטן און אויסגענוצט אַלטע. אומעטום זיינען געווען דאַמען־קאָמיטעטן, וואָס זיינען געווען דער הויפּט־נערוו פון אַלע אינסטיטוציעס. פאַרשטייט זיך, אַז דער אַמעריקאַנער „דזשאָינט" איז געווען דער גרונטלייגער פון די אַלע אינסטיטוציעס. די נויט אָבער איז געווען אַזוי גרויס, אַז אַן דעם אָרטיקן געלט וואָלט בלויז די הילף פון „דזשאָינט" באַדייט זייער ווייניק.

מען האָט געדאַרפט אַ קינדערהיים פאַר יתומים, האָט זיך געפונען אַ ד"ר לעהמאַן, וואָס אַ דאַנק זיין איניציאַטיוו, דערפינדערישקייט און אומבאַגרענעצטן מסירת־נפש האָט מען אַן אַלטע איינגעפאַלענע באָד פאַרוואַנדלט אין אַ מאָדערנעם קינדער־אַנשטאַלט, וואָס טוריסטן פון דער וועלט פלעגן באַוואונדערן. דאָס איז געווען אַ מיניאַטור פון די קינדערהיימען פון די ניי־באַוטן אין ווין.



## „אָזע"־הויז

די צענטראַלע געזונט־אינסטיטוציע וואָס האָט אָנגעפירט מיט אַזוי פיל טעטיקייטן, האָט געקאָנט זיין אַ מעדיקאַל־דעפּאַרטאַמענט אין אַ גרויסער מלוכה: מעדיצינישע קאַבינעטן מיט ספּעציאַליסטן אויף אַלע קראַנקהייטן, מוטער־שוץ, קינדער־שוץ, מילך און אַלע אַנדערע זאַכן פאַר קינדער, שול־מעדיצין, סאָציאַלע און סאַניטאַרע הילף פאַר שול־קינדער, אולטראַ־וויאָלעט־שטראַלן און



רענטגען־און עלעקטרע־מעד. קאַבינעט פון ד"ר סודאַרסקי

רענטגען־אַפּאַראַט *, זומער־קאָלאָניעס פאַר פיזיש שוואַכע קינדער, באַהאַנדלונג פאַר פסיכיש צוריקגעשטאַנענע קינדער, קראַנקן־שוועסטער־קורסן, לעקציעס פון פּאָפּולערער מעדיצין און גימנאַסטיק, היגיענע און פּראָפילאַקטיק און גלאַט אַ בנין פאַר גרויסע פאַרזאַמלונגען און באַנקעטן.

עס איז געווען דער יידישער קולטור־צענטער אין ליטע.

---

* די רעפּאַטריאַנטן האָבן מיטגעבראַכט פון זייערע וואַנדערונגען אַלערליי הויט־קראַנקהייטן. אונדזער פּריוואַטער רענטגען־קאַבינעט האָט דורכגעפירט איבער 2000 קעפּ־באַשטראַלונגען, ביז „אָזע" האָט זיך אַליין איינגעשאַפט אַ רענטגען־אַפּאַראַט.

א. ס.

כמעט אַלע יידישע דאָקטוירים פון ליטע זיינען געווען אַקטיווע טוער אין „אָזע", צי פון קאָוונע, צי פון דער פּראָווינץ. זייער איבערגעבן איז געווען פאַר „אָזע" ד"ר י. איפּ.



ד"ר י. איפּ, — קאָוונער געז. טוער און לעקטאָר אין „אָזע". באַגאַנגען זעלבסטמאָרד ווען די דייטשן האָבן פאַרנומען קאָוונע (1941)

דער דאַמען־קאָמיטעט איז באַשטאַנען פון כמעט דער גאַנצער יידישער פרויען־אינטעליגענץ. אַלע פרויען דאָק־טוירים און אַלע פרויען פון די דאָקטוירים. עס איז געווען אַ גרויסע אַרמיי, וואָס האָט געטאָן אַ גוואַלדיקע אַרבעט אויף אַלע טעטיקייטס־געביטן. די לעצטע עטלעכע יאָר איז די פאָרזיצערין געווען לינא סאָלאָווייטשיק (איצט אין פּאַריז).

איך געדענק ניט, אַז עס זאָל האָבן פריער געווען אַ דאַמען־קאָמיטעט, מען האָט געאַרבעט צוזאַמען מיט די מענער. דער פאָרזיצער איז געווען ד"ר לאזאר אבראַ־מאָוויטש פינקעלשטיין, שפּעטער ד"ר בנימין בלודז און ד"ר סודאַרסקי — וויצע־פאָרזיצער.

## „אָרט"

דער דאַמען־קאָמיטעט ביים „אָרט" איז געגרינדעט געוואָרן ביי מיר אין הויז אין 1923. ד"ר לעאָנטי מאָי־סעיעוויטש בראַמסאָן איז דאַן געקומען אויף אַ באַזוך צו זיינע קרובים אין קאָוונע. זיכער האָט ער אויך געהאַט אַ מיין עפּעס צו טאָן פאַר זיין „אָרט"־אָרגאַניזאַציע. „אָרט" האָט דאַן געהאַט אַ קלאָגעדיקע פאַך־שול (מענער־שניידעריי און שלאָסעריי), אין אַ האַלב איינגעפאַלענעם דויז, וואָס עס איז פאַר דער ערשטער וועלט־מלחמה געווען אַ תלמוד־תורה. אַזוי ווי די געביידע איז אויך געווען די שול — נאַס, פינצטער און אומעטיק. אויסער דעם האָט די שטאָט־פאַרוואַלטונג געשיקט אַלע טאָג „פּאָועסטקעס", מען זאָל אַרויסנעמען די שול פון דאָרטן, ווייל דאָס הויז קאָן יעדע מינוט איינפאַלן און עס קאָן, חלילה, אומברענגען די לערער מיט די קינדער, רעקרוטירט פון דער גרעסטער אָרעמקייט און בית־יתומים־הייזער.

„אָרט" האָט געהאַט אַ שוואַכן קאָמיטעט, וואָס האָט אַ סך געזיפצט אויף די אומשטענדן. די טוער זיינען גע־ווען פאַרטאָן אין אַנדערע געזעלשאַפטלעכע, קולטורעלע און פּאָליטישע אַרבעטן און זיך ניט געקאָנט ווידמען דער שול. ד"ר ל. מ. בראמסאָן האָט מיך געבעטן, איך זאָל אויף זיך נעמען די אַרבעט און אָרגאַניזירן אַ דאַמען־קאָמיטעט. האָב איך צוזאַמענגערופן אַ זיצונג פון באַקאַנטע פרויען און אויפגעקלערט די וויכטיקייט פון אַן „אָרט"־באַוועגונג ניט נאָר פאַר אָרעמע קינדער, צו געבן זיי אַ פאַך אין האַנט צו קאָנען פאַרדינען פּרנסה, נאָר ווי אַן אידייע פון איבערקוואַליפיצירן יידן און זיי פאַרוואַנדלען אין פּראָדוקטיוו־נוציקע אַרבעטער און פאַך־קענער. עס איז גלייך געגרינדעט געוואָרן אַ קאָמיטעט פון אַ 10—12 פרויען מיט מיר אַלס פאָרזיצער. אָבער אַזוי ווי איך



אַרויסלאָז פון די קראַנקן־שוועסטער קורסן ביי „אָזע"



דער בנין פון קאָוונער „אזע“

האָב געהאַלטן ביים אַוועקפאָרן אויף אַ רייזע קיין רוסלאַנד, האָב איך מיינע פולמאַכטן איבערגעגעבן אַננאַ וואַרשאַווסקי, זייער אַן אַקטיווע נאַטור מיט אַ סך איניציאַטיוו. זי האָט זייער פיל אויפגעטאָן ביי די ערשטע שריט, און ווען איך בין צוריקגעקומען, האָבן מיר צוזאַמען האַרמאָניש געאַרבעט נאָך צוויי יאָר.

ביי דער געלעגנהייט וויל איך דערמאָנען אויך די אַנדערע מיטגלידערינס, ווייל אָן זיי וואָלטן די בעסטע פאָרזיצערינס גאָר ווייניק געקאָנט אויפטאָן. דאָס זיינען: פרוי ד״ר פיינבערג, לאה בראַמסאָן, פריילין וואָלפע, פרוי ראַסיענסקי, בלומע באָבראָוו, פרוי מאַרגאַלין, פּ׳ ווערבלאָווסקי, פרוי גאָלדבערג, רבקה גורוויטש, און ד״ר לידיאַ אַראָנאָוונאַ שלאָפּאַבערסקי.

עס זיינען ווידער פאָרגעקומען וואַלן. מען האָט מיך ווידער אויסגעוויילט אַלס אָנפירערין פון קאָמיטעט. אָבער איך בין דעמאָלט נישט דרייסט געווען ווי אַ יונגע פרוי, אָנצופירן די אַרבעט מיט אַ סך עלטערע פרויען פון מיר, האָב איך איבערגעגעבן דעם פאָרזיץ צו ד״ר ל. שלאָפּאַבערסקי און אָנגענומען דעם פּאָסטן פון וויצע־פאָרזיצערין. זי איז געווען פאָרזיצערין במשך פון 10 יאָר, ביז זי איז אַוועקגעפאָרן קיין ישראל. ליידער איז פאַר איר די אַרבעט פאַרן „אָרט“ געווען אוממעגלעך. איר מאַן איז יאָרן לאַנג געווען קראַנק, זי אַליין איז געוואָרן אַלט און קראַנק און דערצו געמוזט פּראַקטיצירן אַלס דאָקטאָר. איך האָב איר אומעטום פאַרטראָטן. מיינע קאָלעגינס זיינען געווען זייער טיכטיק און טריי זייער פליכט, און די אַרבעט איז אָנגעגאַנגען מיטן פולן טעמפּאָ. צוערשט האָבן מיר געשאַפן געלט צו פאַרריכטן די צרהדיקע געביידע און געעפנט אַ דאַמען־שניידעריי־שול און הוטן־מאַכעריי פאַר מיידלעך פון 12—13 יאָר. עס זיינען געווען גרויסע און וויכטיקע פּראָיעקטן צו פאַרברייטערן די אַרבעט, אָבער וואו? דאָס איינגעפאַלענע הויז איז ניט געווען קיין פּלאַץ פאַר דעם, אַפילו אָנצוגיין מיט דער דעמאָלטיקער אַרבעט איז אויך געווען אוממעגלעך. מען האָט געמוזט אָנהייבן בויען אַ געביידע, עס זאָל זיין אָרט פאַר אַלץ. לעבן זאָל אַמעריקע! מיט עטלעכע יאָר פריער האָט זי געגעבן 8.000 דאָלאַר אויף אַן „אָרט“־געביידע. צוליב פאַרשיידענע חלוקי־דעות אין קאָמיטעט האָט מען דאָס בויען אָפּגעלייגט פון יאָר צו יאָר. אַזוי האָט זיך עס געצויגן יאָרן, ביז מיט אַן אַנטשלאָסענעם קאַמף קעגן די נייך־זאָגער, מיטן ענערגישן אָנטייל פון דאַמען־קאָמיטעט, האָט מען טעלעגראַפיש אַרויסגערופן ד״ר אהרן סינגאַלאָווסקי ע״ה, און ער האָט געעפנט די קאַמפּאַניע פאַרן בוי.

די 80.000 ליט פון אַמעריקע איז ווייט ניט געווען גענוג פאַר די צוגעגרייטע ברייטע פּלענער. מען האָט געשאַפן נאָך 170.000 ליט און אויפגעשטעלט אַ פּאַלאַץ פאַר אַרבעט אויפן נאָמען פון דעם גרינדער און וועלט־פּרעזידענט פון „אָרט“, ד״ר לעאָנטי מאָיסעיעוויטש בראַמסאָן צו זיין 60־יאָריקן געבורטסטאָג.

מען האָט געעפנט, אַחוץ די קינדער־שולן, קורסן פאַר דערוואַקסענע פרויען און מענער: צושניידער פאַר מענער־ און דאַמען־קליידער, גאָרסעטן, שווייסער־און אויטאָמאָביל־מעכאַניקער. די קורסאַנטן האָבן פאַר זייער לערע געצאָלט, אַ סך פאַרלייכטערנדיק דערמיט דעם בודזשעט, זיך אויסגעלערנט אַ פאַך און געקאָנט פאַרדינען. נאָך שפּעטער, ווען דאָס געזעץ האָט צוגענומען ביי די אַלטע האַנטווערקער דאָס רעכט אָנצוגיין מיטן פאַך אָן אַ דיפּלאָם פון אַ פאַך־שול, זיינען אויך זיי געקומען אויף די קורסן, כדי ניט צו פאַרלירן זייער מקור־חיונה. דאָס

איז געווען פשוט ווי אַ נס צוגעגרייט פאַר זיי, זיי זאָלן קאָנען בלייבן ביי זייערע פּרנסות.

די פעאיקע קורסאַנטן פלעגן מיר נאָך זייער פאַרענדיקן די שולן שיקן קיין פאַריז זיך צו פאַרפולקאָמען אין זייערע פאַכן אין דאָרטיקן „אָרט״. צוריקקומענדיק קיין ליטע, פלעגן זיי ווערן אינסטרוקטאָרן און לערער אין אונדזערע „אָרט״־שולן.

אין די ערשטע יאָרן איז אַפילו דאָס אַריינקריגן די קינדער אין די פאַך־שולן ניט אָנגעקומען לייכט. מען כלעגט אַרומקריכן אין אַלע פינצטערע, נאַסע קעלערן און איינריידן די אָרעמע מאַמעס, אַז די קינדער נייטיקן זיך אין פאַך־בילדונג, כדי צו קאָנען בכבודיק פאַרדינען אויפן לעבן. די נויטבאַדערפטיקע פלעגט מען באַשוכן, באַקליידן, שפּייזן און געבן וואו צו וואוינען. די מאַמעס פלעגן קלאָגן, אַז „אין זייערע משפּחות זיינען נאָך קיין בעלי־מלאכות ניט געווען״... אין די שפּעטערדיקע יאָרן, ווען זיי האָבן געזען, אַז די אַרבעטער פון די „אָרט״־שולן ווערן אָנגענומען אויף די פאַבריקן מיט גוטע געהאַלטן, פלעגן זיי שוין גערן אָפּגעבן זייערע קינדער.

דאָס הויז פון אַרבעט, די שולן, די קורסן, געשאַפענע אויף דער פּראָווינץ, ווי: מעמעל, שאוול, פּאָנעוועזש (אַ שול פון סטאָלעריי) און אַנדערע איז געווען אַ צירונג און אַ שטאָלץ פאַרן גאַנצן אייראָפּעאישן יידנטום. אויף די וועלט־אויסשטעלונגען אין פאַריז אין יאָר 1937 און אין ניו־יאָרק אין יאָר 1938 האָבן די עקספּאָנאַטן פון ליטווישן „אָרט״ פאַרנומען דעם אָנגעזעענסטן פּלאַץ.

אין 1933, ווען היטלער, ימח שמו, איז געקומען צו דער מאַכט אין דייטשלאַנד, האָט אונדז די „אָרט״־צענטראַלע אין דייטשלאַנד אַריינגעשיקט 130 יונגעלייט און פרויען זיך צו לערנען נייע פאַכן, וועלכע זאָלן פּאַסן מער פאַר אימיגראַציע־לענדער. עס האָט זיך אָנגעהויבן אַ פיבערהאַפטע אַרבעט זיי איינצואָרדנען אויף די קורסן און שאַפן פאַר זיי פּריוואַטע און קאָלעקטיווע היימען.

די ערשטע היים איז געשאַפן געוואָרן אין סלאָבאָדקע ביי איסר בער וואָלף אין ביר־ברויעריי. עס האָט זיך אָנגעהויבן אַ לויפעניש איבערן שטאָט צו קריגן בעטן, מעבל, קיך־און טיש־געשיר. פאַרשטייט זיך, אַלץ אָן געלט פאַר אַזאַ גרויסער צאָל מענטשן. אונדזערע פרויען האָבן ניט געוואוסט פון קיין טאָג און נאַכט מאָנאַטן לאַנג, ביז מען האָט דאָס הויז איינגעאָרדנט מיט אַלע באַקוועמלעכקייטן און ראַציאָנעלער ווירטשאַפט.

מיר זיינען געשטאַנען אין די גרעסטע פרעסט אין דרויסן און געוואַשן און געשייערט די צוזאַמענגעקליבענע בעטן פון דער גאַנצער שטאָט — איך וועל דאָס קיינמאָל ניט פאַרגעסן.

נאָך דעם זיינען געגרינדעט געוואָרן 2 ערד־אַרבעטער־קאָלאָניעס, אָנגעפירט פון אַגראָנאָם יעקב ראַסיין, אין אונגאַרינע און קאַלינאָווע. ווידער אויפגעשטעלט ווירטשאַפטן, צוגעפּאַסט געוועזענע שטאַלן פאַר וואוינונגען. אָרגאַניזירט פרויען־קאָמיטעטן פון דערבייאיקע



שטעטלעך צו זאָרגן פאַר די ניי־געקומענע, זיי זאָלן האָבן אַ היימישע סביבה און זיך ניט פילן עלנט. עס איז גראָד געווען ערב פּסח, און די ניי־געשאַפענע דאַמען־קאָמיטעטן האָבן איינגעאָרדנט סדרים אַלגעמיינע און פּריוואַטע אין אליטע (פאָרזיצערין איז געווען ד״ר מעדאַליע) און קאָוונע. די גרעסטע טייל פון די דייטש־יידישע קורסאַנטן האָבן עמיגרירט אין אַנדערע לענדער: קיין ארץ־ישראל און דרום־אַמעריקע.

אַזוי איז די אַרבעט אָנגעגאַנגען ביז יולי 1937, ווען איך מיט ד״ר מענדל סודאַרסקי, דאַן „אָרט״־פאָרזיצער, זיינען געווען געצוואונגען צו פאַרלאָזן ליטע מיט אַלץ וואָס מיר און אַנדערע האָבן געשאַפן דאָרטן.

עס זיינען געווען: אַ בית־יתומים, אַ בית־יתומות מיט פרוי אַננאַ וואָלף אַלס פאָרזיצערין; אַ געזעלשאַפט פאַרן הונגעריקן קינד, אַ פּסיכיש־פיזישע געזעלשאַפט אָנגעפירט פון ד״ר וו. לאַזאַרסאָן; אַ מושב־זקנים, אַ יידישער שפּיטאָל און אַנדערע אינסטיטוציעס. די אָרגאַניזאַציעס „אָזע״ און „אָרט״ האָבן זיי אַ סך געהאָלפן אין זייער טעטיקייט.

די הויפּט־אַרבעט איז באַשטאַנען אין שאַפן געלט־מיטלען. מען האָט ווערבירט מיטגלידער מיט אַ יאָריקן אָפּצאָל. דערנאָך האָט מען פון זיי פאַרלאַנגט חנוכה־געלט, שלח־מנות, און מתנות אויף אַנדערע יום־טובים. מען האָט געמאַכט „קייטן״ דורך די צייטונגען, בעלער, לאָטעריעס, באַזאַרן, מאַסקאַראַד־בעלער, טעאַטער־אונטערנעמונגען, באַנקעטן. און אַז עס האָבן שוין פאַרפעלט נעמען פאַר אונטערנעמונגען, האָט מען פאַרקויפט בילעטן „אָ נ ש ט אָ ט אַ ב אַ ל״ „אָ נ ש ט אָ ט ב ל ו מ ע ן״ און „ג ע ש ע נ ק ע ן״ ביי פאַרשיידענע געלעגנהייטן. די געזעלשאַפטן האָבן אָפּגעדרוקט אַ שיינעם בריוו מיט אַ בוקעט בלומען און גוטע מענטשן האָבן געשיקט געלט צו די אינסטיטוציעס אַנשטאָט פּריוואַט־מתנות. אַזוי האָבן געטאָן אַלע. און טאָמער האָט עמעצער אויסגעטראַכט עפּעס אַ נייעם טריק, האָבן די אַנדערע נאָכגעטאָן, און קיינער האָט ניט פּרעטענדירט אויף דעם פּאַטענט.

די אַלע, אַפילו נאָר פילאַנטראָפּישע געזעלשאַפטן, האָבן געהאַט אַ גרויסן מאָראַליש־דערציערישן איינפלוס ניט נאָר אויף די קינדער, נאָר אויך אויף די עלטערן. די היגיענישע און מאָראַלישע געוואוינהייטן, וואָס זיי פלעגן ברענגען פון די זומער־קאָלאָניעס און אַנשטאַלטן, פלעגן זיך איינפלאַנצן אין זייערע אָרעמע היימען און געזינטער און ריינער מאַכן די אַטמאָספער.

די הונגעריקע קינדער פלעגט מען צוזאַמענענעמען פון גאַס און זיי געבן איין מאָל אַ טאָג אַ גוטן נאַרהאַפטיקן, וואַרעמען מאָלצייט, מיט פלייש און אַלדאָס גוטס. מיר, די דאַמען, פלעגן זיי באַדינען און אָפט מיטגעבן וואָס אָנצוטאָן, ווען דאָס איז געווען נייטיק — אַכטונג געבן זיי זאָלן עסן מיטן גאָפּל־מעסער. מיר פלעגן באַמערקן, אַז אַ טייל קינדער עסן ניט דאָס פלייש, באַהאַלטן עס אין קעשענע, גנבנען אויך ברויט. האָבן מיר זיי שטי־

לערהייט אַרויסגערופן אין אַן אַנדער צימער און געפרעגט פאַרוואָס זיי טוען דאָס. דער ענטפער איז געווען: אין דער היים זיינען דאָ קלענערע קינדער — הונגעריקע. האָבן מיר גלייך געהייסן: זאָלן די קינדער אויפעסן אַלץ, און ווער עס האָט עמעצן אין דער היים, וואָס האָט ניט צו עסן, זאָל ער נאָכן עסן קומען אין קיך און מען וועט אים מיטגעבן פאַר דער היים. די קינדער זיינען געווען גליקלעך, וואָס זיי דאַרפן ניט גנבענען.

אויסער די וואוילטעטיקע קאָמיטעטן האָבן מיר אויך געהאַט פּאָליטישע פרויען־אָרגאַניזאַציעס, ווי די ציוניסטישע „וויצאָ" — אַ צאָלרייכע געזעלשאַפט מיט אַ סך מיטגלידער. פאָרזיצערין איז געווען ווערע וואָלף.

עס זיינען געווען ביי אונדז פיל אינסטיטוציעס: די בילדונגס־געזעלשאַפט מיט אירע אָפּצווייגן; די רעליגיעזע שול־באַוועגונג „יבנה", וואָס האָט פאַרמאָגט 2 פולע גימנאַזיעס און אַ סך פאָלקס־שולן, און די אונטערריכט־שפּראַך איז געווען יידיש און העברעאיש — עס איז מיר ניט באַקאַנט צי זיי האָבן געהאַט אַ דאַמען־קאָמיטעט, אָבער פרויען מיטאַרבעטערינס האָבן זיי זיכער געהאַט. אומעטום האָבן די יידישע ליטווישע פרויען גענומען אַן אַקטיוון אָנטייל און ניט געווען הינטערשטעליק לגבי די מענער.

אויך די פּראָגראַמען פון די אונטערנעמונגען זיינען געשטאַנען אויף אַ הויכן קולטורעלן ניוואָ. ווען מיר האָבן איינגעלאַדן זינגער (יידן), ווי דעם באַריטאָן שולגין פון דער קאָוונער מלוכה־אָפּערע, פלעגט מען די אַריעס איבערזעצן אויף יידיש. די טעאַטער־פאָרשטעלונגען זיינען געווען פון די בעסטע, ניט קיין „כינקע פינקעס". די ליטווישע רעגירונג האָט געהאַט זייער אַ הויכע מיינונג וועגן אונדזערע קולטור־טעטיקייטן, געשטיצט מיט שטענדיקע סובסידיעס די „אָרט"־שולן, און אויסגעהאַלטן די יידישע, העברעאישע און רעליגיעזע פאָלקס־שולן.

פאָרשטייער פון בילדונגס־מיניסטעריום פלעגן קומען באַזוכן די שול־אויסשטעלונגען און די „אָרט"־אַרויסלאָזן, אויך באַזוכן די אויסשטעלונגען פון קאָמערץ־גימנאַזיע און אַנדערע מוסדות.

בעת דער פאַרפלייצונג אין פרילינג פון יאָר 1926 האָט די סעקרעטאַרין פון דער מלוכה־פּרעזידענטין, סאָפיאַ סמעטאָניעניע, טעלעפאָניש אַרויסגערופן 4 אַ זייגער פאַרטאָג מיך און אַנדערע יידישע כלל־טוערינס, אונדזערע קאָמיטעטן זאָלן אָרגאַניזירן הילף פאַר דער באַפעלקערונג. מיר האָבן אַלץ געטאָן. דעם צווייטן טאָג איז אין אַ האָטעל צוזאַמענגערופן געוואָרן אַ גרויסער מיטינג פון יידישע און ליטווישע פרויען מיט מאַדאַם סמעטאָניעניע און איר שוועסטער טוביאַלעניע בראש. מען האָט געהאַלטן רעדעס, אַפּעלירט צו אַלעמען מען זאָל אָרגאַניזירן גרויסע געלט־זאַמלונגען צו העלפן די געליטענע באַפעלקערונג, ווייל געליטן מער פון אַלעמען האָבן די אָרעמע געגנטן אין די נידעריקע טיילן פון לאַנד, ווי סלאָבאָדקע,



אַלעקסאָט, מאַרוויאַנקע, די אַרומיקע קליינע שטעטלעך און אויך די שטאָטישע וואָס האָבן געוואוינט אין קעלערן. צוליב די פאַרטרונקענע קעלערן האָבן שטאַרק געליטן אויך די הויכע שטאָקן, ווייל די צענטראַלע באַהייצונג, די עלעקטריציטעט, די טעלעפאָנען זיינען אויך פאַרטרונקען געוואָרן. מען האָט ניט געקאָנט אַרויסגיין פון די הייזער. מען איז געגאַנגען דורך די פענצטער, צו וועלכע מען האָט צוגעשטעלט לייטערס פון די פייערלעשער. עס איז געווען אַ חורבן און אַרבעט איבערן קאָפּ. מען האָט געמוזט העלפן ניט נאָר מיט געלט, נאָר אויך מיט אייזערנע אויוועלעך צו הייצן, קוילן, האָלץ, ליכט און שפּייז.

עס איז באַשלאָסן געוואָרן, אַז די פרויען־קאָמיטעטן זאָלן שטיין אין אַלע גאַסן־ווינקלען — די ליטווישע באַזונדער און די יידישע באַזונדער — און אַפּעלירן צו די פאַרבייגייער און זאַמלען געלט אויף הילף. אָבער דער באַשלוס איז געווען ניט קיין ריכטיקער: די באַציאונגען צווישן די יידן און דער ליטווישער רעגירונג זיינען דאַן געווען ניט קיין צו גוטע און באַזונדערע קאָמיטעטן וואָלטן אויסגעזען ווי אַ קאָנקורענץ. מען האָט דאָס באַדאַרפט אויפקלערן. אָבער קיין ליטוויש האָב איך ניט געקאָנט, און רוסיש צו ריידן איז געווען ניט פּאַטריאָטיש. דאָך האָב איך זיך אָנגענומען מיט מוט, געבעטן אַ וואָרט און גערעדט רוסיש. אַלע האָבן פאַרשטאַנען, און די הויכע דאַמען האָבן מיין רעדע זייער גוט אויפגענומען. איך האָב אָנגעהויבן מיטן פּסוק: „אין איינִיקייט ליגט דער כוח". דערציילט אַן אַלטע קינדער־מעשה וועגן אַ רייכן פאָטער, וואָס האָט געהאַט צוועלף זין, וועלכע האָבן זיך שטענדיק געקריגט. ווען ער האָט געפילט, אַז עס דערנענטערט זיך זיין סוף, האָט ער גערופן זיינע זין און צו זיי געזאָגט: „גייט, קינדער, אין וואַלד און זאָל יעדער פון אייך אָפּרייסן אַ רוט פון אַ בוים און ברענגען צו מיר". זיינען זיי געגאַנגען אין וואַלד און געבראַכט די ריטלעך. זאָגט דער פאָטער: „זאָל יעדער נעמען זיין ריטל און אויסקערן דערמיט דעם הויף, דעם שטאַל און דעם שייער". די זין האָבן געשטוינט און געטאָן וואָס דער פאָטער האָט געהייסן. אויסגעמאַטערטע און פאַרשוויצטע זיינען זיי צוריקגעקומען. פרעגט דער פאָטער: „האָט איר אַלץ געמאַכט ריין און שיין?" זאָגן זיי: „ווי האָבן מיר דאָס געקאָנט מאַכן מיט איין ריטל"? „אַזוי, זאָגט דער פאָטער, ברענגט אַ שטריקל, בינדט די ריטלעך צוזאַמען, וועט שוין זיין גוט...". די זין האָבן אַזוי געטאָן. „איצט, — זאָגט דער פאָטער, — קינדער מיינע, זעט איר, אַז יעדעס ריטל פאַר זיך קאָן גאָרניט אויפטאָן, וועט איר לעבן צוזאַמען, אַרבעטן צוזאַמען, וועט איר אַ סך דערגרייכן. וועט איר זיין צעריסן, וועט אַלץ גיין פאַרלאָרן". די מעשה האָט שטאַרק אויסגענומען. די קאָמיטעטן האָבן געאַרבעט צוזאַמען און די געלט־זאַמלונג איז אַדורכגעגאַנגען מיט דערפאָלג. די געמיינזאַמע קאָמיטעטן זיינען געווען אַ דעמאָנסטראַציע פון שלום צווישן גויים און יידן.

די מעשה איז אָבער באַלד פאַרגעסן געוואָרן. די

צעריסנקייט איז געוואָרן אַלץ גרעסער, און די גאַנצע וועלט ווייסט שוין דעם סוף פון סמעטאָנאַס ממשלה.

זאָל מיר פאַרגעבן ווערן וואָס איך שטעל זיך אָפּ אויף דעם „אָרט" מער ווי אויף אַנדערע אָרגאַניזאַציעס, ווייל דאָס איז געווען איינע פון די גרעסטע און אַממערסטן פאַרצווייגטע אָרגאַניזאַציע, און ווייל איך אַליין בין 14 יאָר אַקטיוו געווען אין איר און ווייס אַלע איינצלהייטן. וועגן די אַנדערע דאַמען־קאָמיטעטן האָב איך ניט מער קיין מאַטעריאַל. אויב עמעץ קאָן מיין אַרבעט דערגענצן, וועל איך זיין זייער צופרידן.

איך וויל פאַרענדיקן מיינע דערינערונגען מיט מיין מאַנס, ד״ר מ. סודאַרסקי ז״ל, אַ פּאָר ווערטער וועגן ליטע:

„קיין גרויסע מאָנומענטן האָט דאָס ליטווישע יידנטום ניט אויפגעשטעלט. זיין גרעסטער און וויכטיקסטער אויפטו איז געלעגן אין דעם, וואָס עס האָט אויסקריסטאַליזירט פון זיך אַן אייגנאַרטיקן טיפּ ייד — אַ ייד אַ חכם, אַ למדן, אַ לערנער און אַן אויפריכטיקן וואַרעמען מענטש".

אַלץ וואָס איז ביי יידן אין ליטע געשאַפן געוואָרן האָט געקאָנט דינען ווי אַ מוסטער פאַרן גאַנצן יידנטום, און מען האָט זיך טאַקע פון זיי געלערנט. עס איז גאָרנישט צו באַשרייבן, וואָס די יידן פון אַלע עקן וועלט, אַנטלאָפענע פון היטלערן, ימח שמו, קיין ליטע, דערציילן זיך אָן וועגן דער וואַרעמער ברידערלעכקייט און דעם מסירת־נפש, וואָס בוכשטעבלעך אַלע ליטווישע יידן האָבן אַרויסגעוויזן צו זיי, ניט טראַכטנדיק וועגן זייער אייגענעם מאָרגן, וואָס איז אויך געשטאַנען אין פייער און פלאַם.

דער דיכטער ז. סעגאַלאָוויטש ע״ה האָט געשריבן וועגן ליטע:

אויב גאָט וועט טיילן מעדאַלן,
דאָס ערשטע פאַר ליטווישע יידן.

און אויף אַ צווייט אָרט:

גערעדט האָט מען האַרציק ביז גרייטקייט
און טאַקע אין פשוטן יידיש,
איך טראַכט זיך אַריין אין דער סיבה:
צי גייט ניט די שפּראַך פון דער מאַמען
צוזאַמען מיט עלנט און ליבע?

## די אַלגעמיינע ענציקלאָפּעדיע אין יידיש

אין יאָר 1931 איז אין בערלין, וואו עס האָבן צו יענער צייט געלעבט אַ גרויסע צאָל יידישע שרייבער, קולטור־און כלל־טוער, — אַריבערגעקומענע פון סאָוויעט־רוסלאַנד אין די יאָרן 1921—1922, פאַרטראַכט געוואָרן צו גרינדן אַ „דובנאָוו־פאָנד" צום 70־טן געבורטסטאָג פון גרויסן היסטאָריקער און דענקער פּראָפעסאָר שמעון דובנאָוו. מען האָט געזאָלט אַרויסגעבן אַן אַלגעמיינע ענציקלאָפּעדיע אין יידיש אין 20 בענדער פון זיין כבוד



וועגן. ס׳האָט זיך געגרינדעט אַ קאָמיטעט מיט לעאָנטי בראַמסאָן בראש אַלס פאָרזיצער, און אברהם קין אַלס סעקרעטאָר. אויסער זיי זיינען אַריין אין דעם קאָמיטעט:

רפאל אַבראַמאָוויטש־ריין, בן־אדיר (אברהם ראָזין) אַלס רעדאַקטאָר, נ. גערגעל, ד״ר מאַרקווישניצער, אליהו טשעריקאָווער, יעקב לעשטשינסקי, אברהם מענעס, ז. קאַלמאַנאָוויטש א״א.

זיי זיינען באַלד צוגעטראָטן צו דער אַרבעט: באַשטימט אַ רעדאַקציע, צוגעצויגן וויסנשאַפטלער, יידן און קריסטן. די אַרבעט איז אַזוי אַנגעגאַנגען ביזן יאָר 1933, ווען היטלער ימח שמו איז געקומען צו דער מאַכט. אַזוי ווי זיין הערשאַפט האָט געמאַכט אוממעגלעך יעדע ווייטערדיקע טעטיקייט און בכלל באַדראָט די לעבנס־עקזיסטענץ פון יידן, זיינען די מיטאַרבעטער, די רעדאַקציע און דער קאָמיטעט אַריבערגעפאָרן קיין פּאַריז.

דאָס איינציקע פאַרמעגן וואָס דער דובנאָוו־פאָנד האָט פאַרמאָגט איז געווען די קאַרטאָטעק.

אין פּאַריז זיינען צוגעקומען נייע מיטגלידער: י. יעפּרויקין, ז. סאַלאָמאָן, ד״ר באַנטשעווסקי און נאָך קולטור־טוער. אָבער דאָס איז געווען ווייניק. מען האָט זיך געניטיקט אין געלט צו קאָנען פאָרזעצן די אַרבעט.

דער דובנאָוו־פאָנד האָט באַוויזן אָפּצודרוקן נאָר אַ פּראָספּעקט, וואָס האָט געדאַרפט אויפוויזן, וואָס ער האָט געזאָלט זיין. מען האָט ניט געוואוסט וואָס אָנצוהייבן צו טאָן. מען מוז אַרויסלאָזן כאָטש דעם ערשטן באַנד. אָבער מיט וואָס?!...

ווי אַ בליץ דורך אַ געדיכטן חושך האָט אַ שטראַל געטאָן די קליינע ליטע; כאָטש זי איז געלעגן אויפן ראַנד פון דער דייטשישער גרענעץ, איז דאַן נאָך קיינעם ניט געקומען אויפן געדאַנק, אַז זי וועט באַלד אויך ברענען. נאָך אַ ישוב־הדעת האָט מען באַשלאָסן צו שיקן אַ שליח קיין ליטע, דאָס איז געווען דניאל טשאַרני, ע״ה. ער איז דאַן געווען אין ריגע. ער איז געקומען צו אונדז מיט אַן אַלאַרם: ראַטעוועט! ראַטעוועט יידן, די ענציקלאָפּעדיע, דעם דובנאָוו־פאָנד, מיר גייען אונטער!... דער ערשטער באַנד איז פאַרטיק צום דרוק. עס איז אָבער ניטאָ קיין פּאַפּיר און מיט וואָס צו דרוקן. און ליטע — איין קליינקייט ליטע! — זי איז דאָך עפּעס אַ מעטראָפּאָליע מיט אַ הויפּן שטעט און שטעטלעך. קאָוונע אַליין פאַרמאָגט אַ 30.000 יידן.

ווי געוויינלעך ביי יעדן רוף פון אַ יידישער קולטור־אינסטיטוציע, פלעגן זיך צוזאַמענקומען אונדזערע ערשטע 5 אין דער סודאַרסקי־היים. דאָס זיינען געווען: אַדוואָקאַט עוזר פינקעלשטיין, ד״ר משה מאַטיס, ד״ר מאַטוויי אַלבערטאָוויטש סאָלאָווייטשיק און מיר, די סודאַרסקיס. מען האָט זיך באַראַטן און באַשלאָסן דורכצופירן אַ געלט־אַקציע. ניט האָבנדיק קיין אַנונג וויפל די 20 בענד דאַרפן קאָסטן, האָבן מיר באַשלאָסן צו שאַפן אַבאָנענטן אויף אַלע 20 בענד מיט איין מאָל און באַשטימט דעם פּרייז צו 500 ליט.

די ערשטע 2.000 ליט זיינען גלייך געזאַמלט געוואָרן פון אונדז אַליין. נאָך דעם איז שוין געווען גרינגער צו נעמען ביי אַנדערע. אין משך פון אַ פּאָר טעג האָבן מיר געזאַמלט 6 טויזנט ליט. געפּראַוועט דיאַלן אַ פּאַראַדנעם באַנקעט, און ער איז פון אונדז אַוועקגעפאָרן אַ גליקלעכער.



ד״ר מ. און א. סודאַרסקי אויף אַ באַזוך אין טאַלין

נאָך זיין אַוועקפאָרן האָבן מיר אַנגעשטעלט אַ פּאַרטרעטער צו שאַפן אַבאָנענטן פאַרן 1־טן באַנד און, אויב גאָט וועט העלפן, פאַר די ווייטערדיקע בענד.

דאַניאַל טשאַרני איז געפאָרן צוריק קיין ריגע, האָט אַרויסגערופן אַהין ד״ר צמח שאַבאַד און דאָרט האָט מען געשאַפן 800 לאַט, ד״ה אויף אונדזער וואַלוטע 1.600 ליט. עס איז געווען אַ פּאַרדרוס וואָס ריגע האָט געגעבן אַזוי ווייניק אין פאַרגלייך מיט קאָוונע. בין איך אַוועקגעפאָרן אַהין און געזאַמלט נאָך 2.000 לאַט, וואָס האָט געהייסן נאָך 4.000 ליט.

אין דער פּראַנצויזישער וואַלוטע איז עס געווען אַ גרויסע סומע, און מען האָט זיך אויף אַ געוויסער צייט באַגנוגנט און באַרואיקט.

אין יאָר 1934 איז מיט מזל אַרויס דער ערשטער באַנד. מען דאַרף דאָך אָבער אַרבעטן ווייטער. אויף פאַר־שפּרייטן דעם 1־טן באַנד. איז צוליב דעם צוועק געקומען צו אונדז אַברהם קין פון פּאַריז. וואו נעמט מען נאָך געלט, אַז מען האָט שוין ביים עולם גענומען צו 500 ליט פאַר דער גאַנצער ענציקלאָפּעדיע? האָט מען זיך געקליגט און צוגעטראַכט: אַזוי ווי די יידן האָבן שוין אַריינגעלייגט אין דעם געשעפט אַזוי פיל געלט, וועלן זיי דאָך עס ניט לאָזן פאַלן צוליב נאָך אַ פּאָר הונדערט ליט. האָט מען זיי טאַקע געזאָגט, אַז מען האָט זיך פאַררעכנט — די 20 בענד און צו קריגן דאָס געלט פאַרויס. און מערקווירדיק, דערלייגן, כדי צו זיין זיכער מיטן קרן.

איך מיט קינען זיינען אַרויסגעפאָרן קיין מעמעל און שאַוול. דאָרטן האָבן מיר זיך געלאָזט אַ ביסל דינגען, און מען האָט געזאַמלט נאָך 2.000 ליט. מיט דער הוספה פון די אַבאָנענטן האָט מען צוזאַמען געמאַכט 8.000 ליט. היות ווי דער פריערדיקער פּאַרטרעטער איז ניט געווען פּאַסיק, האָט מען אַנגעשטעלט יוסף גאַרן, און כדי אים



צו דערמוטיקן, בין איך מיט אים געפאָרן קיין אַליטע, וואָס איז שווער געווען איינצונעמען פאַרן יידישן וואָרט, ווייל די רייכע האָבן ניט געהאַלטן פון קיין ענציקלאָ־פּעדיע אויף יידיש, און די אָרעמע האָבן קיין געלט ניט געהאַט דערויף. אונדזער ציל איז געווען צו פאַרקויפן 4 בענד און צו קריגן דאָס געלט פאַרויס. און מערקווירדיק, אַז מיר האָבן ניט געהאַט קיין דערפאָלג ביי די רייכע יידן, זיינען מיר אַוועק צו עטלעכע ליבעראַלע גויים, וואָס האָבן געהאַט יידישע ווייבער, און זיי זיינען געוואָרן די ערשטע אַבאָנענטן אויף 4 בענד מיטאַמאָל. מיט זייערע טשעקן זיינען מיר אַוועק צו די יידישע נגידים, און זיי האָבן שוין נעבעך געמוזט נאָכטאָן דעם ביישפּיל פון די גויים.

אין דער קליינער אַליטע האָבן מיר געזאַמלט 2.200 ליט פאַרן דובנאָוו־פאָנד.

אַזוי האָט אונדזער קליינע ליטע געלייגט דעם יסוד פאַר דעם ייוואָ, פאַר דער ענציקלאָפּעדיע און אַנדערע קולטור־אונטערנעמונגען פון אוניווערסאַלן באַטייט.

אונדזער אינטעליגענץ האָט אויך געגעבן אַרטיקלען פאַר דער ענציקלאָפּעדיע, בתוכם ד״ר מענדל סודאַרסקי ע״ה.

## די יידישע פאָלקס־פּאַרטיי אין ליטע

דער אידעאָלאָג פון דער יידישער פאָלקס־פּאַרטיי איז געווען, ווי באַוואוסט, פּראָפ. שמעון דובנאָוו ז״ל.

זי איז געגרינדעט געוואָרן נאָך דער פעברואַר־רע־וואָלוציע אין רוסלאַנד אין 1917—1918. במשך פון אַ קורצער צייט נאָך איר אַנטשטיין האָט די פאָלקס־פּאַרטיי אַרויסגעגעבן 6 צייטונגען:

1. „דאָס יידישע פאָלקסבלאַט", רע־דאַגירט פון ישראל עפרויקין און נחום שטיף;
2. „ידיעות צום אַלרוסישן צוזאַ־מענפאָר", דערשינען אין פּעטערבורג אין דרוקעריי — „טאָגבלאַט";
3. „פאָלקס־ווילן", אָרגאַן פון דער נאָ־וואָסטראַילווער ייד. קהילה, רעדאַגירט פון א. ז. זשיטניק. דערשינען אין אָק־טאָבער 1917 — צוויי נומערן;
4. „דאָס פאָלק", וואַל־בלאַט צום יידישן צוזאַמענפאָר (2 נומערן אין אָקטאָבער 1917);
5. „דאָס וואָרט", אַרויסגעגעבן פון קיע־ווער געגנט פון דער פאָלקס־פּאַרטיי, אין פּאָלטאַווע, דעם 3־טן אָקטאָבער 1917;
6. (איך דערמאָן זיך נישט דעם נאָמען).

די דירעקטע פאָרגייערין פון דער יידישער פאָלקס־פאַרטיי איז געווען די „יידיש דעמאָקראַטישע פאַראייניקונג", וואָס האָט זיך געבילדעט ספּאָנטאַן נאָכן 17 פעברואַר 1917 אין יעדער שטאָט און שטעטל פון דער יידישער צעשפּרייטקייט איבערן גרויסן רוסלאַנד.

וואו עס זיינען נאָך שטעקן געבליבן עטלעכע מענטשן פון פאַרשיידענע יידישע רעוואָלוציאָנערע פאַרטייען צו יענער צייט, האָבן זיי זיך אָרגאַניזירט אונטער דעם נאָמען. אַפילו אין כאַרבין, וואו איך האָב צייטווייליק געלעבט, איז אויך אַנטשטאַנען אַזאַ גרופּע, צוזאַמענגעשטעלט פון סיימיסטן, ציוניסטן־סאָציאַליסטן, טעריטאָריאַליסטן (ס. ס.) און אָנפאַנגס אויך בונדיסטן.

אַלע „געוועזענע" זיינען צו שוואַך געווען און צו קליין אין צאָל צו פיגורירן ווי אַ באַזונדערע פאַרטיי. אַגב, זיינען מיר שוין געוואוינט געווען צו אַרבעטן צוזאַמען אויפן יידישן קולטור־פראָנט, וואו מיר האָבן געשפילט אַ באַדייטנדיקע ראָלע. פאַר די עטלעכע יאָר האָבן מיר גרויסע זאַכן אויפגעטאָן אין דער שטאָט פון אַ סך צוזאמענגעלאָפענע: געעפנט אַ יידישע ביבליאָטעק ביים יידישן קאָרטן־קלוב; אויסגעשריבן די יידישע טעאַטער־טרופּע פון פישזאָנען, וועלכע האָט דאַן געוואַנדערט אין סיביר און זאַבאַיקאַליע; איינגעפירט קולטור־אָוונטן מיט לעקציעס אין זעלביקן קלוב; זיך פאַרמאָסטן אַפילו אַרויסצוגעבן אַ צייטונג, וואָס איז שפּעטער דערשינען אונטערן נאָמען „דער וויטער מזרח", רעדאַגירט פון קירזשענער און מאיר בירמאַן. די צייטונג האָט עקזיסטירט נאָר 5־6 חדשים (1921־1922), ביז די רעדאַקטאָרן זיינען זיך צעפאָרן; איינער קיין רוסלאַנד, דער אַנדערער קיין שאַנכאַי... ווי געזאָגט, איז דאָס געווען אַ גרופּע פון אַלערליי „איסטן" אָן אַ נאָמען.

די איינציקע פאַרטיי, וועלכע האָט עקזיסטירט צו יענער צייט אין כאַרבין איז געווען פון די אַלגעמיינע ציוניסטן, וועלכע האָבן געווירקט במשך פון פיל יאָרן נאָך פאַר דער מלחמה און אָנגעפירט מיטן גאַנצן געזעלשאַפטלעכן לעבן אין דער געגנט... ווען עס איז אָנגעקומען די ידיעה וועגן דער פעברואַר־רעוואָלוציע אין רוסלאַנד, האָבן מיר דערפילט, אַז מיר מוזן אויך האָבן אַ נאָמען, און זיך אַ נאָמען געגעבן „די יידישע דעמאָקראַטישע פאַראייניקונג", ניט האָבנדיק קיין אַנונג, אַז אַנדערע אַזעלכע גרופּעס אין אַנדערע שטעט האָבן זיך אויך אַזוי אָנגערופן.

אינגיכן האָבן מיר געקראָגן אַ בריוו פון י. עפרויקין צו אונדזער דעמאָלטיקן פירער יהודה ביינער, (לעבט היינט אין ירושלים), אַז עס גרייט זיך אַן אַלרוסישער צוזאַמענפאָר פון יידן אין פעטערבורג, מיר זאָלן דורכפירן אַ ציילונג פון אַלע יידן אין כאַרבין און אויך שיקן דעלעגאַטן פון זייערע גרופּירונגען.

דורך די ציוניסטן און בונדיסטן צוזאַמען איז אַזאַ ציילונג דורכגעפירט געוואָרן, נאָר צו די וואַלן זיינען די בונדיסטן געגאַנגען באַזונדער און די „פאַראייניקטע" באַזונדער. די ציילונג האָט באַוויזן, אַז כאַרבין פאַרמאָגט





10.000 וואַל־באַרעכטיקטע יידן, און עס זיינען געשיקט געוואָרן צוויי דעלעגאַטן: ד"ר קויפמאַן פון די אַלגעמיינע ציוניסטן און איך פון די „פאַראייניקטע".

אין פעטערבורג, טרעפנדיק זיך מיט אַלע חברים פון ס. ס., האָב איך זיך שוין דערוואוסט, אַז עס גייט זיך גרינדן אַ נייע פאַרטיי מיטן נאָמען „פאָלקס־פאַרטיי".

די פירער זיינען געווען: דער באַרימטער אַדוואָקאַט ג. ב. שלאָסבערג, דער פאַרטיידיקער פון יידישע רעכט אין צאַרישן רוסלאַנד; קריינין, אַ גרויסער כלל־טוער פון די דאָסטיזשענצעס; ווילהעלם לאַצקי־בערטאָלדי און יוסף טשערניכאָוו־דאַניעלי פון דער פאַרטיי ס. ס.; נחום שטיף (בעל דמיון) און י. עפרויקין פון די סיימאָווצעס, און אַנדערע.

נאָכן צוזאַמענפאָר אין פעטערבורג זיינען אַלע פירער און די ניי־צוגעקומענע געפאָרן קיין מאָסקווע צום קהילות־צוזאַמענפאָר, וואו די פאָלקס־פאַרטיי איז אָפיציעל פראָקלאַמירט געוואָרן. די אידעע איז באַשטאַנען אין דעם: אַזוי ווי אונדזערע יידישע רעוואָלוציאָנערע פאַרטייען אַנטשפּרעכן ניט די געזעצן פון מאַרקסיזם, און די פראָלעטאַריזאַציע פון די יידישע מאַסן גייט אויך ניט לויט דעם „היסטאָרישן פראָצעס", ווי עס האָט געלערנט קאַרל מאַרקס, זיינען מיר אפשר אויך „ראוי" צו ברענגען די ישועה פון סאָציאַליזם אויף דער וועלט; אין גלייכהייט און גערעכטיקייט נייטיקן זיך ניט נאָר אַרבעטער, נאָר דער גרעסטער טייל פון דער יידישער אָרעמקייט: האַנטווערקער, קליינע קרעמער, מענטשן אָן פראָפעסיעס, און פאַרוואָס ניט דאָס גאַנצע יידישע פאָלק, וואָס ווערט געפייניקט פון ניט־יידן טויזנטער יאָרן נאָר דערפאַר, ווייל זיי האָבן ניט קיין אייגן לאַנד און זיינען איבערהויפּט אַנדערש ווי די אַנדערע „געזעצלעכע" נאַציאָנאַליטעטן?...

מערקווירדיק איז טאַקע דער „היסטאָרישער פראָצעס", וועלכער רעכנט זיך גאָרניט מיט די דאָגמעס פון דעם אָדער יענעם טעאָרעטיקער, נאָר גייט מיט זיין אייגנעם וועג...

אין יולי אָדער אין אויגוסט 1921 בין איך פון אַמעריקע געקומען קיין קאָוונע און אַריינגעפאַלן אויף אַ צוזאַמענפאָר פון דער פאָלקס־פאַרטיי. דאַן איז אויך געגרינדעט געוואָרן די פאַרטיי אין ליטע. געטראָפן דאָרט אַלע אַלטע און אַ סך נייע חברים, אויסער שלאָסבערגן און קריינינען. אַ גרויסער טייל פון זיי איז אַנטלאָפן פון סאָוויעט־רוסלאַנד און געבליבן צייטווייליק אין קאָוונע צו וואַרטן אויף וויזעס קיין אַמעריקע, אָדער אַנדערשוואו. אַנדערע האָבן זיך באַזעצט אין ריגע און אין ווילנע. דאָס זיינען געווען:

אברהם ראָזין (בן־אדיר), אַלעקסאַנדער מוקדוני, ווילהעלם לאַצקי־בערטאָלדי, נחום שטיף (בעל־דמיון), ז. קאַלמאַנאָוויטש, יוסף טשערניכאָוו, מישא ראָזענבערג און אַנדערע.

זיי האָבן בינתיים געשאַפן די פאָלקיסטישע צייטונג

„נייס״, וואָס האָט זיך אין קורצן פאַרמאַכט צוליב מאַנגל אין געלט. שפּעטער איז זי דערשינען ווי אַ וואָכנבלאַט. זיי האָבן אויך געגרינדעט די יידישע טעאַטראַלע סטודיע.

מיט אַ פּאָר חדשים שפּעטער איז ד״ר מענדל סודאַרסקי געקומען פון בערלין. האָט מען אים געוויילט אַלס פּאָרזיצער פון דער פאָלקס־פּאַרטיי אין ליטע. עס זיינען דאַן גראָד פאָרגעקומען וואַלן צום ליטווישן סיים. די פאָלקס־פּאַרטיי האָט גענומען אַן אַקטיוון אָנטייל אין זיי. מען האָט אויך געדאַרפט אויסקלייבן אַן אָנפירונג פון דער יידישער סיים־פראַקציע און עס זיינען אויסגעוויילט געוואָרן: אַדוואָקאַט עוזר אַבראַמאָוויטש פינקעלשטיין אַלס איר פאָרזיצער, אַ מיטגליד פון דער פאָלקס־פּאַרטיי, אַדוו. יעקב ראָבינזאָן, אַן אַלגעמיינער ציוניסט, און אַדוו. ל. גארפינקעל, פון צ. ס.

אַזוי ווי די האָניק־חדשים פון די ליטווישע יידן מיט דער ליטווישער רעגירונג האָט ניט לאַנג אָנגעהאַלטן, האָט אויך די פאָלקס־פּאַרטיי אַלס אַזעלכע אויפגעהערט צו פונקציאָנירן און איר גאַנצע טעטיקייט איז אַריבער צו דער ייד. „בילדונגס־געזעלשאַפט״, וואָס האָט געפירט אַ ברייט־פאַרצווייגטע טעטיקייט. פאַרמאָגט גרויסע אינסטיטוציעס, ווי ווילקאָמירער גימנאַזיע, קאַמערץ־גימנאַזיע אין קאָוונע, 33 פאָלקס־שולן איבער גאַנץ ליטע, אַ מיטל־שול אין פּאָנעוועזש, אַ ספּאָרט־אָרגאַניזאַציע „יאַק״, צוויי טעאַטער־סטודיעס; אַ דראַמאַטישע און אָפּערע־סטודיע.

אין יאָר 1930 איז אַרויס די טעגלעכע יידישע צייטונג „פאָלקסבלאַט״ אונטער דער רעדאַקציע פון ד״ר מענדל סודאַרסקי, וואָס האָט פאַר דער עקזיסטענץ פון כמעט 8 יאָר אָפּגעשפּיגלט כמעט אַלע אַספּעקטן פון דער טעטיקייט פון דער פאָלקס־פּאַרטיי, די געזעלשאַפט פריינט פון ייוואָ, יידישע ענציקלאָפּעדיע, „אָרט״ א. א.

מען האָט געהאָלפן אַרויסגעבן ביכער פון די יונגע שרייבער און דיכטער פון „מיר אַליין״, 2 ביכער פון פריידל צעפּעלאָוויטש, 2 ביכער פון דער דיכטערין יודיקאַ, אַ ביכל לידער פון בעליצקי פון ישראל.

## די היסטאָריש־עטנאָגראַפישע געזעלשאַפט אין ליטע

ווינטער, אין יאָר 1930 זיינען אַ גרופּע כלל־טוער פון קאָוונע איינגעלאַדן געוואָרן צו אַ גלעזל טיי אין דער געמיטלעכער היים פון פרוי און ד״ר ד. מ. שוואַרץ אויף לייסוועס־אַלעע מיטן ציל צו שאַפן אַ מוזיי און אַן אַרכיוו אויפן נאָמען פון פּראָפ. שמעון דובנאָוו צו זיין 70־טן געבורטסטאָג.

די איניציאַטאָרן זיינען געווען: נ. יאַנוסעוויטש, סעקרעטאַר פון „עדת־ישראל״, אַ מענטש פול מיט וויסן, ווי אַ מילגרוים מיט קערנער, אַ „גייענדיקע ענציקלאָפּעדיע״, ווי מען האָט אים גערופן, אַ הייסער ייד מיט גרויס פאַרשטענדניש פאַר יידישער געשיכטע, א מענטש וואָס צייכנט זיך אויס מיט איבערמענטשלעכער אַרבעטסזאַמקייט, אַ שטילער באַשיידענער ליטוואַק; אַזוי ווי ער, איז אויך געווען דער צווייטער איניציאַטאָר — אבא באַלאָשער, פול מיט תורה, חכמה, אַ מענטש מיט אַן אויסערגעוויינלעכן זכרון.

זיי ביידע האָבן אויפגעקלערט דעם ענין: ליטע איז אַ קליין לאַנד, רואינירט פון געוויסערן, שרפות, מגפות, דייטשע באָמבעס, אָקופּאַציע, גירוש (פון דער ערשטער וועלט־מלחמה). די יידן פון די פריערדיקע דורות האָבן ניט געהאַט קיין גרויסן חוש פאַר זייער געשיכטע, מען האָט ניט אָפּגעהיטן, ניט פאַרשריבן קיין וויכטיקע געשעענישן. אין בעסטן פאַל האָט מען עפּעס פאַרצייכנט אויף אַ ספר. מיר אַליין ווייסן ניט קיין סך פון דעם וואָס עס איז געשען מיט הונדערטער יאָרן צוריק. עס וואַקסט אַ יונגער דור, וואָס וועט שוין גאָרניט וויסן פון וואַנען מיר האָבן זיך גענומען. אין משך פון הונדערטער יאָרן האָבן זיך זיכער אָנגעזאַמלט אוצרות פון מאַטעריאַלן פון גייסטיקן ווערט. אגב דאַרף מען שוין זוכן אַ היים פאַר די זאַמלונגען פון יידישן נאַציאָנאַל־ראַט און מען מוז זאַמלען און אָפּהיטן אַלץ וואָס עס איז נאָך דאָ. עס טאָר ניט אַלץ אָפּגעווישט ווערן.

„עדת ישראל״ אַליין האָט אַ שלל מאַטעריאַלן, וואָס מיט זיי איז גענוג צו עפענען אַ מוזיי מיט אַן אַרכיוו. דערצו קאָן מען אין יעדער יידישער היים געפינען בילדער. ספרים, כתב־ידן, אַלטע חפצים אויף די ביידעמער, אין די קעלערס, אין די אַלטע בתי־מדרשים אין די שטעטלעך. אַז מען וועט זוכן, וועט מען געפינען. אַז מען וועט זיך דערצו נעמען, וועט מען צוריק אויפשטעלן דעם יידיש־ליטווישן יחוס.

הגם די אָנוועזנדע זיינען געווען פאַרנומען מיט אַ סך אַנדערע געזעלשאַפטלעכע ענינים, איז באַשלאָסן געוואָרן אָנצונעמען דעם פאָרשלאַג וועגן אַ מוזיי און צו טאָן וואָס מען וועט קאָנען. אַלע אָנוועזנדע האָבן זיך דערקלערט פאַר די גרינדער פון דער „היסטאָריש־עטנאָגראַפישער געזעלשאַפט״ אין ליטע, וואָס איז געווען אַ מין פאָרזעצונג פון דער פּעטערבורגער געזעלשאַפט אויף דעם זעלבן נאָמען, געגרינדעט פון פּראָפ. שמעון דובנאָוו אַליין, און איצט, ווי אַ מתנה צו זיין 70־יאָריקן געבורטסטאָג, אויף זיין נאָמען.

כדי דאָס זאָל ניט טראָגן קיין פּריוואַטן כאַראַקטער, איז דעם 10־טן דעצעמבער 1930 צוזאַמענגערופן געוואָרן אין דער מאַפּו־ביבליאָטעק אַ גרויסע פאַרזאַמלונג, וועלכע האָט אָנגענומען די זעלביקע רעזאָלוציע און אויסגעוויילט אַ קאָמיטעט, אין וועלכן עס זיינען אַריין די פאָלגנדע פּערזאָנען:

ד״ר ד. מ. שוואַרץ (פאָרזיצער) ד״ר אַ. לאַפּין (וויצע־פאָרזיצער), נ. יאַנוסעוויטש (סעקרעטאַר), אַדוואָקאַט ש. כאַראַנזשיצקי, ד״ר מענדל סודאַרסקי (רעד. פון „פאָלקסבלאַט״), פרוי אַלטע סודאַרסקי, ד״ר ר. רובינשטיין (רעדאַקטאָר פון דער „יידישער שטימע״), ד״ר ח. נ. שאַפּירא, נ. לידסקי (העברעאישער לערער), י. ראָזאָווסקי, מ. ראָזענבערג, הרב ראָזענסאָן א. אַ.

עס איז אויסגעקליבן געוואָרן אַ פאַרוואַלטונג פון די

גרינדער צו וועלכע עס זיינען נאָך צוגעקומען: אַרכיטעקט מ. בלאָך, נתן גרינבלאַט (לערער און העבר. שריפט־שטעלער), ל. גורוויטש, ד״ר י. דאנסקי (וויסנשאַפטלער), מ. ליוושין (לערער פון יידישער קאָמערץ־גימנאַזיע), שטרייכמאַן, ד״ר נ. שאַפּיראָ, ישראל קאַפּלאַן (היסטאָריקער), ז. טראוב, אַדוואָקאַט ד. ווערבלאָווסקי, רחביה מאָגיליוקער און י. קאָפּעלאָוויטש.

אין אַ קורצער צייט אַרום האָט די געזעלשאַפט פאַראינטערעסירט כמעט די גאַנצע יידישע אינטעליגענץ פון ליטע. מיר האָבן זיך פאַרבונדן מיט פאַרשיידענע קולטור־אינסטיטוציעס אין לאַנד, ווי די אוניווערזיטעט־ביבליאָטעק אויפן נאָמען פון וויטאוט דעם גרויסן.

אַ דאַנק פּראָפ. וו. בירזשישקאָ און ביבליאָגראַף י. קיסין* האָבן מיר באַקומען פון אוניווערזיטעט אַ דערלויבעניש זיך צו בייטן מיט מאַטעריאַלן און אויסצולייען זאַכן צום קאָפּירן. מיר האָבן אויך באַקומען פון זיי אַ ריי דובליקאַטן. די פאַרוואַלטונג אַליין האָט געשענקט כתב־ידן, ביכער, ספרים, קונסט־בילדער, חנוכה־לאָמפּן, וואָס האָבן געהאַט אַ היסטאָרישן ווערט. מען האָט אויך געקראָגן אַ סך חפצים פון פּריוואַטע מענטשן. אַזוי האָט מען באַקומען פון דער משפחה פון הרב יצחק אלחנן, ביי די ראַבינאָוויטשעס, זיין רבנות־שטול, זיין גאַרטל, די יאַרמלקע און חנוכה־לאָמפּ.

אין אַפּריל, יאָר 1935, אַ דאַנק די באַמיאונגען פון נ. יאנוסעוויטש, האָט די „עדת־ישראל״ אונדז אָפּגעגעבן פאַרן מוזיי אַ הויז אויף ראַטושעס־פּלאַץ 14, וואו מען האָט אויסגעשטעלט אַלע מאַטעריאַלן, געזאַמלטע פאַר 5 יאָר.

3 מאָל אַ וואָך: זונטיק, דינסטיק און דאָנערשטיק, איז דער מוזיי געווען אָפן פאַר באַזוכער. עס זיינען געקומען באַזוכן דעם מוזיי די גרעסטע פּערזענלעכקייטן פון קאָוונע און דער פּראָווינץ, ווי אויך שילער־גרופּעס פון גאַנצן לאַנד. עס זיינען אויך געקומען זייער חשובע

* געווען אַן אַביטוריענט פון העבר. גימנאַזיע. שפּעטער זיך געשמדט. מיט אייניקע יאָר צוריק געשטאָרבן אין ווילנע. — רעד.



געסט פון אַנדערע לענדער, פאַר וועלכע מיר האָבן געמאַכט גרויסע קבלת־פּנימס.

אין יוני 1935 איז געקומען פּראָפעסאָר ש. דובנאָוו פון ריגע (וואו ער האָט דאַן געוואוינט). דער דאָזיקער באַזוך האָט שטאַרק דערמוטיקט אין דער אַרבעט. פּראָפ. דובנאָוו האָט אונדז אויסגעדריקט גרויסע אָנערקענונג. עס זיינען געקומען ישראל מאַץ פון ניו־יאָרק, אַ מעצענאַט פון יידישער קולטור; לאָרד מאַרלי, וויצע־פּאָרזיצער פון ענגלישן לאָרדן־הויז און פּאָרזיצער פון פּאַרלאַמענטאַרישן קאָמיטעט פאַר מיעוטים־פּראַגעס, כדי זיך צו באַקענען מיט דער יידישער מינדערהייט אין ליטע, מיטן „אָרט״ און „אָזע״. ער האָט זיך געזען מיטן פּרעמיער־מיניסטער און סיים פּאָרזיצער, מיט וועלכן ער, דער גרויסער יידן־פריינד, האָט פאַרהאַנדלט וועגן דער לאַגע פון די יידן אין ליטע און וועגן מעגלעכן אַריינלאָזן יידישע פּליטים כאָטש צייטווייליק קיין ענגלאַנד. מען האָט אים אויפגענומען מיט גרויס פייערלעכקייט מיטן אָנטייל פון אַלע פאָרשטייער פון דער יידישער געזעלשאַפט.



קינסטלער מאַנע קאַץ צו גאַסט אין קאָוונער עטנאָגראַפישער געזעלשאַפט א״נ פון ש. דובנאָוו

אין אָקטאָבער 1938 איז געקומען דער גרויסער שרייבער יוסף אָפּאַטאָשו, מחבר פון די „פּוילישע וועלדער״, „טויזנט יאָר יידיש״ א. א.;

מאַנע קאַץ, מאָלער פון פּאַריז;
ד״ר פּאַול גודמאַן פון לאָנדאָן;
ניקאָלאַי עליאַשעוו (זון פון בעל־מחשבות) פון בערלין;
דיכטער י. ד. קמזון פון ירושלים;
וויצע־בירגערמייסטער פון תל־אביב, דב הוז;
אינזשעניר פרענקל, פון פּאַריזער „אָרט״;
אפרים עפּשטיין, פון ניו־יאָרקער אַרבעטער־רינג;
שרייבער הירש מעלאַמוד פון ריגע;
לערער־גרופּן, דעלעגאַטן צום צוזאַמענפאָר „המורה״;
ווילנער זשורנאַליסטן א. אַ.

מען האָט זיך פאַרבונדן מיט דער גאַנצער יידישער און ניט־יידישער פּרעסע פון אַלע פרייע לענדער.

די היסטאָריש־עטנאָגראַפישע געזעלשאַפט האָט געזאַמלט פאָלקלאָר, היסטאָרישע מאַטעריאַלן פון ליטע. מ׳האָט פאָטאָגראַפירט אַלטע הייזער, בתי־מדרשים. מען

האָט אויך געפּראַוועט יובילייען פון מיטגלידער פון דער געזעלשאַפט: דעם 70־טן געבורטסטאָג פון יוליוס בלומענטאַל, רעדאַקטאָר פון דער ערשטער טעגלעכער צייטונג אין רוסיש („קאָווענסקי וועסטניק”) אין ליטע; דעם 75־טן געבורטסטאָג פון ד״ר אבא לאַפּין; דעם 50־טן געבורטסטאָג פון מתתיהו לאַפּין, איניציאַטאָר און איינער פון די



ווילנער זשורנאַליסטן אויף אַ באַזוך אין קאָוונע

גרינדער פון דער היסטאָריש־עטנאָגראַפישער סעקציע ביים יידישן נאַציאָנאַל־ראַט. דעם 70־טן געבורטסטאָג פון ד״ר משה מאַטיס (געב. 18־טן דעצעמבער 1868), ד״ר פון נאַטורוויסנשאַפטן, געוועזענער נאַראָדאָוואָלעץ פון קרייזל בערנשטיין־דעמבאַ. זיינע אַלע יאָרן געווען אַקטיוו אין דער רוסישער רעוואָלוציאָנערער באַוועגונג. נאָך דער ערשטער וועלט־מלחמה איז אין קאָוונע ניט געווען קיין איין יידישע קולטור־אינסטיטוציע, אָדער סאָציאַלע אָרגאַניזאַציע, וואו ער איז ניט געווען באַטייליקט אין דער אַרבעט. אומגעקומען אין סלאָבאָדקער געטאָ דורך די נאַציס.

מען האָט אויך געפייערט דעם 60־טן געבורטסטאָג פון אסתר עליאַשעוו־וויסבאַרד, שוועסטער פון בעל־מחשבות, אויטאָר פון בוך „דער קאַמף מיט דעם פּסיכאָלאָגיזם”; דעם 50־טן געבורטסטאָג פון ד״ר מ. סודאַרסקי, רעדאַקטאָר פון „פאָלקסבלאַט”, פאָרזיצנדער פון פאָלקספאַרטיי, פון דער בילדונגס־געזעלשאַפט, וויצע־פאָרז. פון „אָרט” און „אָזע”, „האַיאַס” און איינער פון די גרינדער און פאַרוואַלטונגס־מיטגלידער פון דער יידישער היסטאָריש־עטנאָגראַפישער געזעלשאַפט, פאָרזיצער פון „פריינד פון ייוואָ” און דער ענציקלאָפּעדיע אין יידיש;

דעם 50־טן געבורטסטאָג פון אַלטע סודאַרסקי, פאָרזיצערין פון דאַמען־קאָמיטעט פון „אָרט” און פאַרוואַלטונגס־מיטגליד פון אַלע אויבנדערמאָנטע אינסטיטוציעס, וואו ד״ר מענדל סודאַרסקי איז געווען טעטיק.

דעם 13־טן נאָוועמבער 1937 האָט מען געפייערט דעם 60־טן געבורטסטאָג פון אַדוואָקאַט שלמה כאַראַנזשיצקי, וויכטיקער טוער — צוזאַמען מיט פּראָפ. ש. דובנאָוו, ד״ר זאַלקינד און מ. קריינין, גרינדער פון דער יידישער פאָלקספּאַרטיי, — אין די מלחמה־יאָרן געווען אַקטיוו אין „יעקאָפּאָ” אין פּעטערבורג; נאָך דער רעוואָלוציע פון 1917 זיך באַטייליקט צוזאַמען מיט דעם קאָוונער דעפּוטאַט נ. פרידמאַן און גריגאָרי וואָלף אין ליטווישן קאָמיטעט אין רוסלאַנד אַלס פאָרשטייער פון ליטווישע יידן; שפּעטער — יידישער פאָרשטייער פון ליטווישן פּליטים־קאָמיטעט.

אין 1935 האָט די היסטאָריש־עטנאָגראַפישע געזעלשאַפט אַרויסגעגעבן אַ געדרוקטן באַריכט, אין פאָרם פון אַ בראָשור פון 16 זייטן מיט פּראָפ. שמעון דובנאָווס פּאָרטרעט אויפן שער־בלאַט, וועגן איר טעטיקייט פאַר די ערשטע 5 יאָר.

אין 1939, נאָך אונדזער אָפּפאָרן פון ליטע, איז דערשינען אַ „יאָרבוך־קאַלענדאַר” „י א ָ ר ־ א י י ן י א ָ ר ־ א ו י ס”, מיט פיל וויכטיקע אינפאָרמאַציעס, ווי: היסטאָרישע דעקרעטן וועגן יידן אין רוסלאַנד און ליטע פון 14־טן יאָרהונדערט אָן; געשיכטע פון די יידן אין ליטע; כראָנאָלאָגיע; היסטאָרישע דאַטעס פון פאָלקסליד; אַנקעטע וועגן יידישע יום־טובים; יידישער פאָלקלאָר, וואָס איז געשאַפן געוואָרן אין ליטע; ייד. פאָלקלאָר אין ליטוויש; צונעמענישן פון שטעט און שטעטלעך אין ליטע; דאָס יידישע לעבן אין ליטע אין 1938;



קבלת־פּנים פאַר דער אַרטיסטין אידאַ קאַמינסקי
צו אירע גאַסטשפּילן אין קאָוונע

דאָס יידישע געזעלשאַפטלעכע לעבן; הזכרות; אויסשטעלונגען; פּרעסע; טעאַטער; קאָנצערטן; ביבליאָגראַפיע; סטאַטיסטיק; פּובליציסטיק; זכרונות; באַריכט וועגן דער טעטיקייט פון דער היסט.־עטנאָגראַפישער געזעלשאַפט פאַר די יאָרן 1936—1938 און די האָפענונגען פאַר נאָך רייכערע באַריכטן אין יאָר 1940, וואָס זיינען שוין, ליידער, ניט געקומען...

ר. שוואַרץ

# די „מאפו״־ביבליאטעק אין קאוונע

יעדע געזעלשאַפטלעכע אינסטיטוציע איז שטאַרק פאַרבונדן מיט דער געזעלשאַפט, פון וועלכער זי איז אַרויסגעוואַקסן. נאָך מער איז דאָס געווען די מאַפּו־ביבליאָטעק אין קאָוונע. די ראָל און חשיבות פון דער דאָזיקער אינסטיטוציע, וואָס האָט עקזיסטירט באַלד צוויי און דרייסיק יאָר, ווייזט זיך אַרויס נאָך בולטער, ווען מיר דערמאָנען זיך דעם צושטאַנד פון דער יידישער געזעלשאַפטלעכקייט אין קאָוונע אין דער צייט, ווען די ביבליאָטעק איז געגרינדעט געוואָרן.

דער פּלאַן צו גרינדן די ביבליאָטעק איז אויפגעקומען ביי אירע גרינדער אין דער תקופה, ווען עס האָט געקיניגט דער צאַר ניקאָלאַי דער צווייטער, אין דער פינצטערסטער צייט פון זיין רעזשים — נאָך דער רוסיש־יאַפּאַנישער מלחמה. אין רעזולטאַט פון דער מיליטערישער מפּלה איז אויסגעבראָכן די ערשטע רעוואָלוציע. די צאַרישע רעגירונג האָט אָנגעהויבן איר אַרבעט — צו פאַרטיליקן און אויסרייסן מיטן וואָרצל די „קראַמאָלע״, די רעוואָלוציאָנערע באַוועגונג אין רוסלאַנד. עס איז ניט קיין וואונדער, וואָס יעדער פּרואוו צו פאַראייניקן און אָרגאַניזירן די מאַסן האָט זיך אָנגעשטויסן אין אַ שטאַרקער קעגנערשאַפט מצד דער רעגירונג, באַזונדערס אויף דעם קולטורעלן געביט. פון די רדיפות האָבן, נאַטירלעך, מער געליטן די פּראָגרעסיווע יידן.

די יידישע געזעלשאַפטלעכקייט האָט זיך אין יענער צייט דעריבער קאָנצענטרירט אַרום די צדקה־אינסטיטוציעס, ווי: „מושב־זקנים״, „בית־חולים״, „סומך־נופלים״ און אַנדערע, צו וועלכע די רעגירונג האָט אַרויסגעוויזן אַ בעסערע באַציאונג. אירע פּרוּוון צו אָרגאַניזירן זיך, דערהויפּט פאַר קולטור־און בילדונגס־צוועקן, האָבן זיך גערעכנט פאַר אומלעגאַל. עס איז, דוכט זיך, נישט געווען קיין איינציקע קולטור־אָרגאַניזאַציע, וועלכע זאָל אַרבעטן אויף אַ לעגאַלן אופן — חוץ די תלמוד־תורהס און ישיבות. צו זיין פּינקטלעכער, דאַרף דערמאָנט ווערן, אַז עס האָט אויך עקזיסטירט אַ „מוזיקאַליש־דראַמאַטישע געזעלשאַפט״, וועלכער עס איז דערלויבט געוואָרן, פאַרשטייט זיך, אונטער אַ שטרענגער צענזור, אויפצופירן יידישע פּיעסן און זינגען יידישע פאָלקס־לידער. די יידישע פּעטערבורגער „געזעלשאַפט פאַר פאַרשפּרייטן בילדונג״ (אָפּ״ע) האָט געהאַט אין קאָוונע מיטגלידער־בייסטייערער, אָבער ניט געפירט קיין קולטורעלע טעטיקייט. ערשט אַ סך שפּעטער, אין יאָר 1912, איז געלונגען, נאָך גרויסע שוועריקייטן, צו עפענען אַן אָפּטיילונג פון דער געזעלשאַפט פאַרן יידישן געזונט (אָז״ע) — אין די פריערדיקע



יאָרן האָבן אין קאָוונע ניט עקזיסטירט קיין שום לעגאַלע קולטורעלע אָרגאַניזאַציעס.

אָבער „וואָס פינצטערער די נאַכט, אַלץ ליכטיקער די שטערן״. צוויי גרויסע אָרגאַניזאַציעס זיינען אויפגעקומען אויף דער יידישער גאַס אין איין יאָר, און ביידע האָבן אַרומגעכאַפּט די ברייטע שיכטן פון דער יידישער געזעלשאַפט, בעיקר די יוגנט. דאָס זיינען געווען: דער „בונד״ און די ציוניסטישע אָרגאַניזאַציע. דער „בונד״ האָט צוגעצויגן די אַרבעטער, און די מענטשן פון מיטלשטאַנד זיינען פאַרכאַפּט געוואָרן פון דעם ציוניזם. זייער טעטיקייט איז געפירט געוואָרן אין דער שטיל, האָבן זיך אָבער שטאַרק אויסגעברייטערט און פאַרטיפט. דער נאַציאָנאַלער געדאַנק האָט באַקומען אַ סך אָנהענגער, וועלכע האָבן געפירט די אַרבעט געהיים אין קליינע שולן און פּריוואַטע וואוינונגען, אויסשטעלנדיק דורך דעם זיך אַליין און די אייגנטימער אויף דער געפאַר פון „אָביסקעס״ און אַרעסטן. אויסערלעך האָט זיך זייער טעטיקייט אויסגעדריקט אין דער פאָרם פון ליטעראַרישע אָדער מוזיקאַלישע אָוונטן, מיט אַן עכט נאַציאָנאַלן פּראָגראַם, טיילמאָל אונטער דעם אויסרייד פון כלומרשטע חתונות און געבורטס־פייערונגען.

אָט אין יענער צייט פון באַגרענעצונגען און פאַרפאָלגונגען האָבן צוויי ציוניסטישע טוער: דער באַוואוסטער כלל־טוער און הייסער ציוניסט, דער פאַרשטאָרבענער ד״ר אבא לאַפּין און דער שרייבער פון די שורות, צוזאַמען מיט נאָך אַ פּאָר חברים באַשלאָסן צו גרינדן אין קאָוונע אַ יידישע ביבליאָטעק. דורך דעם העברעאישן און יידישן בוך און דער צייטונג האָבן מיר געוואָלט פאַרשאַפן אונדזער שטודירנדיקער יוגנט און בכלל אַלע וואָס דאַרשטן נאָך וויסן — די גייסטיקע שפּייז, וואָס איז געווען אוממעגלעך צו דערגרייכן אויף אַן אַנדער וועג. מיט דעם צוועק האָבן מיר גענומען צונויפזאַמלען פריער פאַר אַלץ אַלטע ביכער, וואָס וואַלגערן זיך אויף די בוידעמער און אין די קעלערס. מיר זיינען אַליין געקראָכן אין די דאָזיקע פּלעצער און געזוכט און גענישטערט. אויף אַזאַ אופן איז אונדז געלונגען אויפצוזאַמלען אַ היפּשע צאָל ביכער, צייטונגען און זשורנאַלן, טייל פון זיי — זייער ווערטפולע. מיר האָבן זיך אויך געווענדט צו פאַרשיידענע מענטשן און באַקומען פון זיי בייסטייערונגען אויף איינצושאַפן נייע ביכער.

אין דער זעלבער צייט האָבן מיר געמאַכט אַלע באַמיאונגען אויף צו באַקומען די דערלויבעניש אויפצועפענען די ביבליאָטעק. אייגנטלעך האָבן מיר דאָס געהאַט

שוין געטאָן מיט יאָרן צוריק, געווענדט זיך אַ פּאָר מאָל צו צוויי גובערנאַטאָרן, אָנווייזנדיק אויף דער וויכטיקייט פון אַזאַ ביבליאָטעק און איר נייטיקייט פאַר דער אויפקלערונג און אַנטוויקלונג פון די יידישע מאַסן. אָבער די ווענדינגען זיינען אין משך פון צוויי־דריי יאָר געבליבן אָן רעזולטאַט. די מאָטיוון זיינען געווען אויבנאויף: די רעגירונגס־באַאַמטע האָבן דעמאָלט געזען אַ סכנה אין לערנען און אויפקלערן דאָס פאָלק, און באַזונדער ניט געוואָלט דערלויבן גרינדן אַ ביבליאָטעק פון ביכער אין שפּראַכן, וואָס זיי קאָנען ניט קאָנטראָלירן, — זיי קאָנען נאָך, חלילה, פאַרשפּרייטן שעדלעכע און אפילו שרעקלעכע סאָציאַליסטישע אידייען...

ווען עס איז צו אונדז אָנגעקומען דער נייער גובערנאַטאָר וועריאָווקין, אַ גוטער, אויפריכטיקער און הומאַניטאָרער מענטש, האָט דער אַלטער ד״ר פיינבערג, דעם גובערנאַטאָרס הויז־דאָקטאָר, צוגעגרייט דעם באָדן, שמועסנדיק מיט אים וועגן דאָזיקן ענין. און באַלד איז צום גובערנאַטאָר אַוועקגעגאַנגען אַ דעפּוטאַציע, אין באַשטאַנד פון דעם באַקאַנטן ציוניסט ר׳ איסער בער וואָלף, ד״ר לאַפּין און דעם שרייבער פון די שורות. דער גובערנאַטאָר האָט אונדז פריינדלעך אויפגענומען, און דורכלייענענדיק אונדזער מעמאָראַנדום, דערקלערט: „איר אַלע דאָ זייט פאַר מיר אַ גענוגנדיקע גאַראַנטיע, אַז די ביבליאָטעק וועט זיך פירן אויף אַ לאָיאַלן אופן און אַז קיין שום פאַרבאָטענע זאַך וועט זיך אין איר ניט געפינען״. ער האָט אונדז אויפן אָרט געגעבן די דערלויבעניש.

דער דאָזיקער פאַקט האָט אַרויסגערופן גרויס פרייד צווישן די קאָוונער יידן. אָבער באַזונדערס האָבן זיך געפילט גליקלעך אירע ערשטע גרינדער: ר׳ איסער־בער וואָלף, ד״ר לאַפּין, יוסף מאַרגאָלין, אבא באַלאָשער, הרב ראָזנסאָן און זיין ברודער, צערנעס, שערשעניאָווסקי און דער שרייבער פון די שורות. אַלס אַנערקענונג און דאַנקבאַרקייט פאַר זייער באַמיאונג צו באַקומען די דערלויבעניש פאַר דער ערשטער יידישער ביבליאָטעק אין קאָוונע האָבן מיר באַשלאָסן אויפצוהענגען אויף די ווענט פון דער ביבליאָטעק די בילדער פון ד״ר פיינבערג און ר׳ איסער־בער וואָלף.

מיט גלאַנץ און מיט אַ געפיל פון דערהייבנקייט איז געפייערט געוואָרן די דערעפענונג פון דער ביבליאָטעק אין דער אָנוועזנהייט פון די פאָרשטייער פון קאָוונער יידישער אינטעליגענץ, בראש מיט ד״ר פיינבערג און ר׳ איסער־בער וואָלף און מיט דער באַטייליקונג פון אונדזער באַרימטן קריטיקער בעל־מחשבות און דעם באַוואוסטן ציוניסטישן מטיף י. ניסנבוים.

די ביבליאָטעק איז געוואָרן דער איינציקער גייסטיקער צענטער פאַר אַלע נאַציאָנאַלע יידן און ציוניסטן אין קאָוונע. צו אים האָבן זיך געווענדט אַלע קאָוונער יידן, וועלכע האָבן געגאַרט נאָך אַ לעבעדיק יידיש און העברעיש וואָרט, דער עיקר, די יוגנט, פאַר וועלכער עס זיינען פאַרמאַכט געווען אַלע אַנדערע קוואַלן. אויך די





בחורים פון די אָרטיקע ישיבות האָבן אין דער ביבליאָטעק פאַרפולקאָמט זייער יידיש וויסן דורך די ביכער און צייטונגען, וועלכע זיינען אָנגעקומען מכל תפוצות ישראל. אין די צימערן פון דער ביבליאָטעק פלעגן מיר דורכפירן פאַרשיידענע פאַרזאַמלונגען, צונויפקומען, רעפעראַטן און לעקציעס. דאָ פלעגן מיר אויפנעמען אויף דעם שענסטן אופן באַוואוסטע געסט פון אַנדערע לענדער און אויך אונדזערע נאַציאָנאַלע מנהיגים. דאָ פלעגן מיר זיך צוגרייטן צו די ציוניסטישע קאָנגרעסן. טאָג־טעגלעך פלעגט די ביבליאָטעק זיין געפּאַקט מיט באַזוכער, וואָס טייל פלעגן נעמען ביכער אויף צו לייענען אין דער היים און אַ סך — זיך אויפהאַלטן גאַנצע שעהן אין לייען־זאַל.

עטלעכע ציפערן וועלן אילוסטרירן דעם וועזן און וואוקס פון דער ביבליאָטעק:

ווען די ביבליאָטעק האָט זיך דערעפנט, האָבן זיך אין איר געפונען בלויז 3.500 ביכער. פון זיי: 46 פּראָצענט אין העברעאיש, 29 אין יידיש און 25 אין אַנדערע שפּראַכן;

אין פיר יאָר אַרום האָבן זיך אין איר געפונען שוין העכער 4.600 ביכער;

אין דעם צווייטן יאָר פון איר גרינדונג זיינען געלייענט געוואָרן 7672 ביכער; אין דריטן יאָר — 9495, און אין פערטן יאָר — 11783 ביכער;

די צאָל פון די באַזוכער פון לייען־זאַל האָט דעם פערטן יאָר דערגרייכט ביז 10.606

די דאָזיקע ציפערן באַווייזן קלאָר, ווי ווייט די דאָזיקע קולטור־אינסטיטוציע האָט געדינט די קאָוונער יידן.

שוין גלייך אין אָנהייב, ווי די ביבליאָטעק איז דערעפנט געוואָרן, האָט די פאַרוואַלטונג געהאַט בדעה אָנצורופן די ביבליאָטעק אויפן נאָמען פון אברהם מאַפּו, צו פאַראייביקן דעם נאָמען פון דעם ערשטן העברעאישן ראָמאַניסט, וועלכער איז געבוירן געוואָרן אין קאָוונע, האָט דאָ פאַרבראַכט אַלע זיינע יאָרן, געווען אַ לערער אין שולן און געשאַפן זיינע בעסטע ווערק. אָבער די דאָזיקע שיינע כוונה האָט זיך גלייך אָנגעשטויסן אויף נישט פאָרויסגעזעענע שוועריקייטן: דער גובערנאַטאָר, צו וועמען מיר האָבן זיך געווענדט מיט אַ בקשה וועגן דעם, האָט דעם „ענין״ איבערגעגעבן צום בילדונגס־דעפּאַרטאַמענט אין פּעטערבורג. פון דאָרטן איז געקומען אַן ענטפער, מען זאָל חוקר־ודורש זיין, ווער און וואָס איז דער שרייבער אַברהם מאַפּו. די איניציאַטאָרן, בראש מיט ד״ר לאַפּין, האָבן געמוזט געבן אַן אויספירלעכע כאַראַקטעריסטיק פון מאַפּוס אַלע ווערק. עס איז אָנגעפרעגט געוואָרן אין קאָוונער פּאָליציי־דעפּאַרטאַמענט וועגן מאַפּוס פּאָליטישן סטאַטוס. און ערשט אין אַ יאָר אַרום איז דערהאַלטן געוואָרן פון פּעטערבורג די דערלויבעניש אָנצורופן די ביבליאָטעק אויף מאַפּוס נאָמען.

די ביבליאָטעק האָט זיך אויסגעהאַלטן פון מיטגליד־אָפּצאָל און סובסידיע פון קאָוונער מוניציפּאַליטעט. די ברייטע שיכטן פון קאָוונער יידנטום האָבן זיך פאַרהאַלטן

צו איר מיט גרויס סימפּאַטיע. מען קאָן זאָגן, אַז די פאַרוואַלטונג פון דער ביבליאָטעק האָט נישט געהאַט קיין שוועריקייטן זי אויסצוהאַלטן. עס האָט זיך בלויז געפילט אַ מאַנגל אין מיטלען איינצושאַפן נייע ביכער. צו דעם צוועק האָט די פאַרוואַלטונג איטלעכס יאָר איינגעאָרדנט טראַדיציאָנעלע חנוכה־אָוונטן. איין מאָל איז איינגעאָרדנט געוואָרן אַ חנוכה־אָוונט אין שטאָטישן טעאַטער מיט דער באַטייליקונג פון דעם באַוואוסטן פּאָעט ש. פרוג, מיט אַ מוזיקאַליש־קינסטלערישן פּראָגראַם, מיט שטומע און לעבעדיקע בילדער פון ארץ־ישראלדיקן לעבן. די קאָוונער יידישע מאַסן האָבן צום ערשטן מאָל באַקומען אויף דעם דאָזיקן אָוונט אַ גרויסן נאַציאָנאַל־קינסטלערישן גענוס.

די ראָל, וואָס די ביבליאָטעק האָט געשפּילט אין דער צייט פאַר דער ערשטער וועלט־מלחמה, באַווייזן די פאָלגנדיקע שטעלן פון דעם לעצטן באַריכט וועגן איר טעטיקייט אין יאָר 1913: „מיט גרויס צופרידנקייט קאָנסטאַטירט די פאַרוואַלטונג די רירנדיקע באַציאונג, וואָס די יידישע יוגנט ווייזט אַרויס צו דער דאָזיקער אינסטיטוציע; די יוגנט, וואָס איז געקריוודעט אין אירע בעסטע געפילן און באַגרענעצט אין אירע וואַרעמסטע שטרעבונגען צו בילדונג, זוכט מיטלען, דורך וועלכע זי זאָל זיך קאָנען גייסטיק אויסלעבן, אויסגיסן איר באַגער נאָך ליכט, אויפקלערונג און וויסן, נאָך בילדונג מחוץ דער שול. דער פאַרוואַלטונג איז, בכן, באַזונדערס אָנגענעם צו באַטאָנען, אַז איין אויסוועג, צווישן אַ סך אַנדערע, פירט אונדזער יוגנט צו דעם שויס פון אַ רואיק־פליסנדיקן טייך, וואָס איז פול מיט יידישע ביכער און דורכגעזאַפּט מיטן יידיש־נאַציאָנאַלן גייסט, מיטן עכט יידישן געדאַנק”. דער זעלבער באַריכט דערציילט אין אַן אַנדער אָרט, ווי ווייט די ביבליאָטעק און לייען־זאַל זיינען שטענדיק געווען פול געפּאַקט מיט לייענער: „די גרעסטע טייל פון די באַזוכער און לייענער פון די ביכער און צייטונגען איז געווען די וואַקסנדע יוגנט, די תלמידים פון סלאָבאָדקער און קאָוונער ישיבות. די דאָזיקע דערפרייענדיקע דערשיינונג איז נאָך באַדייטנדיקער, ווען מיר נעמען אין באַטראַכט, ווי שטאַרק די ישיבה־בחורים זיינען גערודפט געוואָרן דורך די מנהלים פאַר לייענען זייטיקע ביכער; און בלי־ספק וועלן זיין באמת צופרידן יענע געזעלשאַפטלעכע טוער, וועלכע זיינען זייער פאַראינטערעסירט אין דער גייסטיקער אַנטוויקלונג פון די צוקונפטיקע פירער פון פאָלק”.

אין יאָר 1914 האָט אויסגעבראָכן די ערשטע וועלט־מלחמה, און עס האָבן אָנגעהויבן אַרבעטן אַלע צעשטערנדיקע כחות. דער ביבליאָטעק האָט געדראָט די געפאַר פון פאַרניכטונג, ווי עס האָט געטראָפן מיט אַ סך אַנדערע קולטורעלע אוצרות און קנינים. אויף אַ באַפעל פונעם מיליטער־אָנפירער פירשט ניקאָלאַי ניקאָלאַיעוויטש האָבן כמעט אַלע איינוואוינער פאַרלאָזן די פעסטונג־שטאָט קאָוונע; עס זיינען דאָרט איבערגעבליבן נאָר די מענטשן, וועלכע האָבן געהאַט אַ וועלכע־ניט־איז שייכות צום





מיליטער. דער שרייבער פון די שורות איז דעמאָלט געווען מאָביליזירט אַלס מיליטער־דאָקטאָר, און אויף מיר איז אויסגעפאַלן דער גורל אָפּצוראַטעווען די ביבליאָטעק פון פאַרניכטונג: איידער איך בין אַוועק אויף דער מלחמה, איז מיר איינגעפאַלן אַ געדאַנק אַריבערצופירן אין קעסטלעך דאָס גאַנצע פאַרמעגן פון דער ביבליאָטעק אין דער „עזרת נשים” פון דער גרויסער שול „אהל יעקב”, (כאָרשול), טאַקע אויף דער זעלבער גאַס. מיין אויסרעכענונג, אַז דער שונא וועט שאַנעווען די שולן, האָט זיך באַרעכטיקט. און צוליב דעם איז אויך אָפּגעראַטעוועט געוואָרן די ביבליאָטעק. די דייטשע מאַכט האָט אַרויסגעגעבן אַ דערלויבעניש זי ווידער אויפצועפענען; און אין משך פון דריי שווערע יאָר, וואָס די שטאָט האָט זיך געפונען אונטער די דייטשן, איז די ביבליאָטעק געווען דער איינציקער קוואַל, פון וועלכן די קאָוונער יידישע באַפעלקערונג האָט געשעפּט איר גייסטיקע שפּייז און געפונען אַ טרייסט אין דער שווערער צייט.

עטלעכע יאָר נאָך דער מלחמה האָט די ביבליאָטעק נאָך אַלץ אויסגעפילט אירע אויפגאַבן — פאַרשפּרייטן יידיש וויסן צווישן דער שטודירנדיקער יוגנט. אָבער אין די לעצטע יאָרן איז איר טעטיקייט שטאַרק איינגעשרומפּן געוואָרן. פאַרשיידענע פאַקטאָרן האָבן גורם געווען צו דעם צושטאַנד. ערשטנס, האָט יעדע שול שוין געהאַט אַן אייגענע ביבליאָטעק פאַר די תלמידים, צווייטנס, האָט זיך די יידישע יוגנט געהאַט צעטיילט אין פּאַרטייען, וועלכע האָבן פאַרשפּרייט זייערע אידייען דורכן בוך און דער בראָשור: די פּאַרטייאישקייט האָט, פאַרשטייט זיך, גורם געווען אָפּצושוואַכן די פריערדיקע סימפּאַטישע באַציאונג צו דער ביבליאָטעק, און עס האָט זיך צוליב דעם פאַרקלענערט די צאָל פון אירע לייענער און באַזוכער. אַחוץ דעם, האָבן זיך אויך געעפנט ביבליאָטעקן אין די פאָרשטעטלעך פון קאָוונע: שאַנץ, סלאָבאָדקע און אַנדערע. די אַלע פאַקטאָרן האָבן גורם געווען, אַז עס זאָלן ווייניקער ווערן די מאַטעריעלע מיטלען פאַר דער ביבליאָטעק. דערצו נאָך האָט אויך די מוניציפּאַליטעט פאַרקלענערט איר סובסידיע און ענדלעך אינגאַנצן אויפגעהערט זי צו געבן.

די מאַפּו־ביבליאָטעק האָט שוין מער ניט געקאָנט אויספירן אירע פריערדיקע אויפגאַבן, ניט געקאָנט איינשאַפן זיך נייע ביכער און אויך ניט אַבאָנירן טייל צייטונגען און זשורנאַלן. איר צושטאַנד איז געוואָרן קריטיש. די פריינט פון דער ביבליאָטעק האָבן זיך כסדר געוואָנדן צו דער יידישער געזעלשאַפט נאָך שטיצע, אַ פּאָר מאָל אויך צו דער ציוניסטישער אָרגאַניזאַציע און דער קולטור־אָרגאַניזאַציע „תרבות”. קליינע ביישטייערונגען האָבן עטוואָס געהאָלפן, אָבער דאָס האָט זי שוין מער ניט געקאָנט אוועקשטעלן אויף איר פריערדיקער הויך. אין דעם פּעריאָד פון איר אויפבלי האָט זי טאַקע געהאַט אַ סך פריינד, אָבער ווי נאָר איר מצב איז געוואָרן שלעכט, זיינען אויך ווייניקער געוואָרן אירע סימפּאַטיקער און פריינד.

אָבער אַפּילו אין די שווערסטע מאָמענטן פון איר עקזיסטענץ האָט זי אויף אַ רגע ניט פאַרלאָזן קיין איינער פון אירע גרינדער, וועלכע האָבן ניט אויפגעהערט צו זאָרגן פאַר איר און אָפּגעבן איר די בעסטע מאָראַלישע כוחות. באַזונדערס האָט זיך אויסגעצייכנט ד"ר לאַפּין ז"ל. — וואויל איז צו דיר, מיין אומפאַרגעסלעכער פריינט, וואָס דו האָסט זוכה געווען נ י ט צו זען דעם חורבן פון דיין שווערער אַרבעט, דעם חורבן פון דער וויכטיקער אינסטיטוציע! זאָל געהייליקט זיין דיין אָנדענק! —

אַ „גליקלעכער" צופאַל האָט געהאָלפן דער ביבליאָטעק, זי זאָל ווידער קומען צו זיך: מיט זיבן יאָר פריער איז אין דער ביבליאָטעק אויסגעבראָכן אַ שׂרפה, און עס איז פאַרברענט געוואָרן אַ באַדייטנדיקע צאָל אַלטע ביכער און זשורנאַלן. טאַקע ד"ר לאַפּין האָט, איידער ער איז אַוועקגעפאָרן באַזוכן ארץ־ישׂראל, געגעבן אַ באַדייטנדע סומע פון זיינע אייגענע מיטלען צו דעקן דעם שאָדן. אַ דאַנק דעם האָט מען געקאָנט איבעררעמאָנטירן די צימערן, קויפן אַ היפּשע צאָל נייע ביכער, אויסשרייבן נייע צייטונגען — און די ביבליאָטעק האָט ווידער אויפגעלעבט.

איינער פון די גרינדער, דער באַקאַנטער ביבליאָטעקאַר און ציוניסטישער טוער אבא באַלאָשער, האָט אויך דעמאָלט אַ סך כוחות אָפּגעגעבן אויפצוריכטן די ביבליאָטעק; און אַחוץ, וואָס ער האָט אַריינגעבראַכט אַן אָרדענונג אין די קאַטאַלאָגן, האָט ער אויך צונויפגעשטעלט אַ „קאַרטאָטעק" (קאַרטל־סיסטעם), וואָס איז זייער נייטיק אין יעדער גוט־איינגעאָרדנטער ביבליאָטעק.

אין אַזאַ צושטאַנד האָט זיך די ביבליאָטעק געפונען, ווען איך האָב פאַרלאָזט מיין געבורטס־שטאָט קאָוונע און זיך באַזעצט אין ארץ־ישׂראל. אין משך פון יענע פאַרגאַנגענע יאָרן האָב איך עטלעכע מאָל באַזוכט מיין געבורטס־שטאָט און מיין ערשטער באַזוך דאָרט איז, פאַרשטייט זיך, געווען אין דער מאַפּו־ביבליאָטעק. דאָס לעצטע מאָל בין איך געווען דאָרט אין יאָר 1938. זי האָט דאַן פאַרמאָגט אַ פופציק טויזנט ביכער. בראש פון דער פאַרוואַלטונג איז געשטאַנען דער באַוואוסטער העברעאישער שרייבער, דער מחבר פון „אברהם מפּו" און „די געשיכטע פון דער העברעאישער ליטעראַטור", פּריוואַטדאָצענט פון קאָוונער אוניווערזיטעט, ד"ר נחמן שאַפּירא. די ביבליאָטעק איז געשטאַנען אויף איר פריערדיקער הויך און האָט נאָך אַלץ געדינט ווי אַ וויכטיקער פאַקטאָר פאַר יידיש וויסן.

די טעטיקייט פון דער מאַפּו־ביבליאָטעק אין משך פון די צוויי און דרייסיק יאָר פון איר עקזיסטענץ קאָן מען איינטיילן אין צוויי תקופות: די ערשטע הייבט זיך אָן פון יאָר 1908 און ציט זיך ביז דער ערשטער וועלט־מלחמה, דער דייטשישער אָקופּאַציע און די ערשטע יאָרן פון ליטעס זעלבשטענדיקייט. זי פאַלט זיך צונויף מיט דער אויפבלי־תקופה פון דער יידישער נאַציאָנאַלער אויטאָנאָמיע אין ליטע. די צווייטע תקופה הייבט זיך אָן פון דער צייט, ווען די יידיש־נאַציאָנאַלע אויטאָנאָמיע איז אָפּגעשאַפט געוואָרן, ביז דער 2־טער וועלט־מלחמה.



אין דער ערשטער תקופה האָט די מאַפּו־ביבליאָטעק געהאַט צו שטאָלצירן מיט איר טעטיקייט. זי איז געווען די ערשטע דערציאונג־שול פון יידיש וויסן. האָט געשפּייזט אונדזער יוגנט מיט דער גייסטיקער שפּייז פון ערשטקוואַליקער העברעאישער און יידישער קולטור. אין יענער צייט — פאַר און בעת דער 1־טער וועלט־מלחמה — איז זי געווען די איינציקע, וואָס האָט פאַרזייט אין די הערצער און אין די מוחות פון דעם יידישן לייענער ליבשאַפט און איבערגעגעבנקייט צו זיין פאָלק, זיין געשיכטע, זיין אַלטער שפּראַך און צו זיין היסטאָריש פאָטערלאַנד. אַרום איר האָט זיך קאָנצענטרירט דער יידיש־נאַציאָנאַלער געדאַנק, וואָס האָט געדייעט אין קאָוונע, און פון איר האָבן אַרויסגעשטראָמט אַלע נאַציאָנאַלע טעטיקייטן. לויט מיין מיינונג איז גאָר ניט אָפּצושאַצן דעם נאַציאָנאַלן ווערט, וואָס עס האָט געהאַט די מאַפּו־ביבליאָטעק אין קאָוונע.

אין דער צווייטער תקופה פון איר עקזיסטענץ האָט די מאַפּו־ביבליאָטעק ביסלעכווייז פאַרלוירן איר פריערדיקע פונקציע — צו פאַרשפּרייטן דעם נאַציאָנאַלן געדאַנק אין קאָוונע. אָבער וויפל עס האָבן דערלויבט אירע מאַטעריעלע מיטלען, איז זי פאָרט פאַרבליבן די איינציקע ערנסטע ביבליאָטעק, אין וועלכער יעדער פאָרשער אָדער ערנסטער לערער האָט געקאָנט געפינען דעם פאַר אים נייטיקן מאַטעריאַל. זי איז געווען אַן איינציקאַרטיקער אוצר פון ספרים: אין איר האָבן זיך געפונען אַלטע צייטונגען און זשורנאַלן נאָך פון דער „השכלה"־תקופה און אויך ספרים יקר־המציאותן פון אונדזער אַלטער ליטעראַטור. שוין איר לייען־זאַל אַליין האָט מיט זיך פאָרגעשטעלט דערהייבנקייט פון גייסט: זיינע ווענט האָבן באַצירט די בילדער פון אונדזערע שרייבער, פּאָעטן, פילאָזאָפן, קינסטלער, שטאַטס־לייט, פילאַנטראָפּן און געזעלשאַפטלעכע טוער... צווישן זיי — אַ גרויס בילד פון אברהם מאַפּו... אָט — אין דער אינטימער סביבה זיינען געזעסן טאָג־טעגלעך אַרום פערציק־פופציק לייענער (שבת און יום־טוב איז דער זאַל געווען פולגעפּאַקט מיט מענטשן) און האָבן באַקומען גייסטיקע שפּייז און גענוס.

אין משך פון צוויי און דרייסיק יאָר האָט די מאַפּו־ביבליאָטעק טריי אויסגעפילט אירע אויפגאַבן, וואָס זי האָט אויף זיך גענומען, ווען זי איז געגרינדעט געוואָרן, האָט געטראָגן די פאָן פון דער נאַציאָנאַלער אויפלעבונג פון אונדזער פאָלק און שפּראַך, די פאָן פון איבערגעגעבנקייט צום פאָלק, צו זיינע גייסטיקע קנינים און טראַדיציעס.

און איצט... די מאַפּו־ביבליאָטעק עקזיסטירט ניט... די נאַציס האָבן זי פאַרברענט... פון דער ליכטיקער אינסטיטוציע איז ניט געבליבן קיין שום זכר.

זאָל אָט די פאַרצייכענונג זיין פאַר איר אַ מצבה, געשטעלט פון איינעם פון אירע גרינדער!

יעקב יאַזעליט

# ספּאָרט־אָרגאַניזאַציעס

## „מכבי", „יי. א. ק." און „הפועל"

פיל יידישע ספּאָרט־פֿאַראיינען איבער דער גאַנצער וועלט זיינען באַקאַנט אונטערן נאָמען „מכבי". די ערשטע מכבי־אָרגאַניזאַציע איז געשאַפן געוואָרן אין יאָר 1895 אין בערלין ביי דער מיטווירקונג פון הײנריך לעווע. שפּעטער זיינען צוגעקומען מכבי־אָפּטיילונגען סוף 19־טן און אָנפאַנג 20־טן יאָרהונדערט אין קאָנסטאַנטינאָפּאָל, בוקאַרעשט און אין פּעטערבורג (לעניגראַד).

דער אויפשטייג פון דער אמתער ספּאָרט־באַוועגונג איז געגאַנגען האַנט ביי האַנט מיטן אויפשטייג פון דער נאַציאָנאַלער באַוועגונג, אַזוי ביי די אומות העולם, אַזוי אויך ביי אונדז יידן. די פירער פון דער ציוניסטישער באַוועגונג זיינען געווען די ערשטע פּיאָנערן פון דער יידישער ספּאָרט־באַוועגונג בראש מיט ד"ר מאַקס נאָרדוי און פּראָפעסאָר עמנועל מאַנדעלשטאַם. אַ דאַנק זייער אויפקלערונגס־פּראָפּאַגאַנדע האָבן זיך טויזנטער דייטשע יידן אָנגעשלאָסן אין די מכבי־טורנשאַפט פֿאַראיינען. די גאַנצע צייט איז די צענטראַלע פון מכבי געווען אין בערלין. שפּעטער, ווען די נאַציס זיינען געקומען צו דער מאַכט, איז די צענטראַלע איבערגעפירט געוואָרן פון בערלין קיין לאָנדאָן. פֿאַרן אויסברוך פון דער צווייטער וועלט־מלחמה האָט מכבי אַנטהאַלטן 38 אָרגאַניזאַציעס, ד"ה מכבי־אָפּטיילונגען אין 38 פֿאַרשיידענע לענדער. די צאָל פון די חברים־מכביסטן איבער דער וועלט האָט דערגרייכט ביז אַן ערך 200.000. מכבי־פֿאַראיינען זיינען געווען כמעט אין יעדן לאַנד אין אייראָפּע, ארץ־ישראל, טערקיי, עגיפּטן, אויסטראַליע, אַרגענטינע, בראַזיל און דרום־אַפריקע.

דער ציל פון מכבי איז געווען צו דערציען דורך פיזישע איבונגען אַ געזונטן יונגן יידישן דור. ד"ר הײנריך לעווע, ד"ר מאַקס נאָרדוי און פּראָפעסאָר עמנואל מאַנדעלשטאַם האָבן פֿאַרשטאַנען, אַז די יוגנט בכלל און די יידישע יוגנט בפרט זיינען די בלומען פון לעבן, און אַזוי ווי די בלומען דאַרפן רעגן און זונשיין, אַזוי די יוגנט — פרישע לופט־איבונגען און זונשיין, אַז עס זאָל אויסוואַקסן אַ געזונטער דור און זאָל באַזיצן „מענס סאנא אין קאָרפּאָרע סאנאָ" (אַ געזונטע נשמה אין אַ געזונטן גוף).

די מכבי־באַוועגונג איז געווען ענג פֿאַרבונדן מיט דער אידעאָלאָגיע פון ציוניזם און דורך איר השפעה איז יעדער מכבי־טור־און ספּאָרט־פֿאַריין געווען אויך אַ שול פֿאַרן ציוניסטישן געדאַנק, פֿאַר ארץ־ישראל און אויך פֿאַר דער העברעאישער קולטור.

ד"ר זעליג בראָדעצקי ז"ל, איז געווען פּרעזידענט פון וועלט־מכבי ביז 1942 און ד"ר וו. מייזל ז"ל, — סעקרעטאַר.

ס'איז כדאי צו כאַפּן אַ בליק, ווי מיר האָבן געקוקט אויף גימנאַסטיק, ספּאָרט אין די גאָר אַלטע צייטן, אין צייט פון תלמוד. עס ווערט געבראַכט אין סנהדרין צ"ב „אמר ר' יוחנן... שבשעת שהגלה נבוכדנצר הרשע את ישראל היו בהן בחורים שהיו מגנין את החמה ביופין" (האָט ר' יוחנן געזאָגט, ווען נבוכדנצר הרשע האָט אַרויס־געטריבן די יידן פון ארץ־ישראל, זיינען דאָרטן געווען יונגע לייט, וואָס האָבן פֿאַרשעמט די זון מיט זייער שיינ־קייט). פון דעם מאמר קען מען דרינגען, אַז די כשדים זיינען אַנטציקט געווען פון שיינעם קערפּער־בוי פון די יידישע יונגע לייט; און עס ווערט געבראַכט נאָך אַ ציטאַטע אין נדרים ל"ח: „אין הקב"ה משרה שכינתו אלא על גבור" (אַז ג־ט ברוך הוא מאַכט די שכינה רוען נאָר אויף אַ גבור). מיר געפינען אויך אין קידושין כ"ט: „האָב חייב בבנו... ללמדו תורה להשיאו אשה וללמדו אומנות ויש אומרים אף להושיטו במים! (דער פאָטער איז מחויב צו לערנען זיין זון תורה, חתונה מאַכן אים, און צו לערנען אים אַ מלאכה — און אַנדערע גיבן צו — לערנען אים אויך שווימען). רש"י גיט דאָרטן צו: „אף להושיטו בנהר שמא יפרוש בספינה ותטבע ויסתכן אם אין יודע לשוט" (אויך צו לערנען זיין זון שווימען, אפשר וועט אים אויס־קומען אין זיין לעבן צו פֿאָרן אויף אַ שיף און זי וועט זיך האַלטן ביים טרינקען, דעמאָלט וועט ער זיין לעבן שטעלן אין סכנה אויב ער קען ניט שווימען).

פון די אויבנדערמאָנטע ציטאַטן זעען מיר, אַז מיר יידן האָבן געהאַט אַ פּאָזיטיוון קוק אויף ספּאָרט אין די גאָר אַלטע צייטן.

אונדזער לעבן אין גלות האָט דורכגעמאַכט פֿאַר־שיידענע מעטאַמאָרפאָזעס און פֿאַר אַ לאַנגע, לאַנגע צייט איז דער בליק אויף ספּאָרט ביי אונדז יידן געווען אַ נעגאַטיווער. מיר האָבן נאָר געשאַרפט דעם מוח און פֿאַר־נאַכלעסיקט דעם קערפּער. ס'איז טאַקע געווען „הקול קול יעקב והידים ידי עשו", אָבער מיטן מכבישן קוק אויפן יידישן לעבן אין אָנפאַנג פון 20־טן יאָרהונדערט בייט זיך די אויפפאַסונג פון יידישן בליק אויף קערפּער בוי. ס'איז טאַקע הקול קול יעקב, אָבער די ידים ווערן אויך ידי יעקב.

אין דער דעמאָקראַטישער ליטע האָבן יידן באַקומען נאַציאָנאַלע אויטאָנאָמיע, און דאָס האָט געגעבן די יידן אַ מעגלעכקייט אין ליטע צו אַנטוויקלען מכבי ספּאָרט־פֿאַראיינען איבער אַלע ליטווישע ישובים. געוויינלעך, די צענטראַלע פֿון ליטווישן מכבי איז געווען אין קאָוונע. אין אָנפֿאַנג פֿון די 20־קער יאָרן פֿון דעם יאָרהונדערט האָט זיך אָנגעפֿאַנגען צו אַנטוויקלען דער מכבי ספּאָרט־פֿאַראיין אין קאָוונע. צום ערשטן אין אַ קליינעם טורן זאַל, אָבער שפּעטער, אין די יאָרן 1924—1925, אין אַ סך אַ גרעסערן זאַל מיט אַ צוגאָב פֿון אַ מכבי סטאַדיאָן, וועלכער האָט געהאַט 1000 זיץ־פּלעצער אויף די טריבונעס, און אַרום פּלאַץ זיינען געווען 2 רייען בענק מיט 1500 זיץ־פּלעצער. דער לויף־וועג פֿאַר לייכט־אַטלעטיק איז געווען פֿון די בעסטע און עס האָט אַנטהאַלטן 400 מעטער די לענג. שפּעטער זיינען צוגעקומען מכבי־פֿאַראיינען אין פּאָנעוועזש, שאַוול, ווילקאָווישק, קיידאַן און אין פֿיל אַנדערע ליטווישע ישובים. די יידישע ליטע האָט ניט נאָר געטראַכט וועגן גייסט, זי האָט אויך געטראַכט וועגן קערפּער.

די אויפֿגאַבע פֿון די מכבי־קלובן אין ליטע איז געווען צו פֿאַרשפּרייטן קערפּער־קולטור צווישן דער יידישער יוגנט אין לאַנד און צו הייבן דעם נאַציאָנאַלן כבוד פֿון יידישן קיבוץ אין ליטע. די מכבי־פֿאַראיינען אין ליטע האָבן זיך אָפּגעגעבן מיט גימנאַסטיק, לייכט־אַטלעטיק און פֿוטבאָל שפּילן. אין 1924 האָט מכבי אין קאָוונע אויפֿגענומען אַלס איר טרענירער פֿון פֿוטבאָל מ. גאָלדן, וועלכער איז געווען איינער פֿון די בעסטע בעקן פֿון ווינער „הכח". פֿון דעמאָלט אָן ווערט די קאָוונער פֿוטבאָל־קאָמאַנדע איינע פֿון די בעסטע אין ליטע. די פּראָווינץ פֿלעגט דאָס רוב אַנגאַזשירן פֿאַר זייערע מכבי־קלובן ספּאָרטלער פֿון קאָוונער מכבי אַלס גימנאַסטיק־און פֿוטבאָל־אינסטרוקטאָרן. פּאָנעוועזש, וועלכע האָט זיך אויסגעצייכנט אַלס בעסטער טורן־פֿאַראיין פֿון ליטווישן מכבי, האָט אַראָפּגעבראַכט איר טורן־אינסטרוקטאָר פֿון פּראָג (טשעכאָסלאָוואַקיע) — הער טענדלערן — אין יאָר 1922—1923, און שפּעטער איז הער טענדלער, אין די יאָרן 1924—1925, געווען דער גימנאַסטיק־אינסטרוקטאָר אין קאָוונער מכבי־פֿאַראיין. דער ערשטער אינסטרוקטאָר אין קאָוונער מכבי איז געווען וויינשטאָק, ע"ה.

אַזוי זיינען פֿיל מכבי חברים פֿון קאָוונע צעשפּרייט געוואָרן איבער אַלע ליטווישע ישובים אַלס גימנאַסטיק און פֿוטבאָל־אינסטרוקטאָרן. אין די זומער־חדשים פֿלעגן קאָוונער מכבי קאָמאַנדעס אַרויספֿאָרן אויף פּראָווינץ ווי אין יורבאַרג, קיידאַן און אין פֿיל אַנדערע ליטווישע שטעט און שפּילן פֿוטבאָל־מאַטשן, וועלכע פֿלעגן פֿאַרברידערן די מכבי־חברים פֿון ליטע. די צאָל חברים מכביער אין ליטע האָט דערגרייכט איניקע טויזנטער.

צווישן די גרינדער פֿון ליטווישן מכבי זיינען געווען: נ. יקר, י. קאָלטונסקי, שיפֿער, ברידער העלערמאַן, פּ. און וו. ראַבינאָוויטש און אַנד.

פֿאָרזיצער פֿון ליטווישן פֿאַרבאַנד מכבי איז צ. א. געווען ד"ר א. ראָזענפֿעלד, שפּעטער — ר. רובינשטיין. פֿאָרזיצער פֿון קאָוונער מכבי זיינען געווען: קאָלטונסקי, נאָכדעם ב. פֿרידמאַן.

דער וועלט־פֿאַרבאַנד מכבי, וואָס האָט אָנגעפֿירט מיט דער גאַנצער יידישער ספּאָרט־באַוועגונג אין דער גאַנצער וועלט, איז געגרינדעט געוואָרן אין אויגוסט 1903 אויף דער איניציאַטיוו פֿון באַזעלער קאָנגרעס, און איז געווען באַוואוסט אַלס „הסתדרות העולמית מכבי" (מכבי וועלט־פֿאַרבאַנד).

די מערהייט מכבי־מיטגלידער זיינען געווען תלמידים פֿון די העברעאישע גימנאַזיעס אין ליטע. אין די מכבי קלובן האָבן זיי געפֿונען אַ דערגענצונג צו זייער אידעאָלאָגיע — די טורן־שפּראַך אויף העברעאיש, די סביבה אַ ציוניסטישע און דער אַלגעמיינער כאַראַקטער פֿון דער גאַנצער אַטמאָספֿער אַ נאַציאָנאַל־ציוניסטישער.

אָבער מען דאַרף ניט פֿאַרגעסן, אַז אין ליטע איז געווען אַ האָרעפּאַשנע יידישע יוגנט, וועלכע האָט זיך ניט געקאָנט אַריינפּאַסן אין די ראַמען פֿון מכבי־קלובן און דעמאָלט האָט דער געדאַנק, וואָס צו טאָן און ווי אַזוי אַריינצופּאַסן די האָרעפּאַשנע יוגנט אין ספּאָרט־פֿאַראיינען אָנגעפֿאַנגען צו מאָנען אַן ענטפֿער און זוכן אַ לייזונג. און אַז מען זוכט, געפֿינט מען, יגעת ומצאת. מיט דעם געדאַנק וועגן שאַפֿן אַן אומפּאַרטייאישן יידישן ספּאָרט־קלוב האָט זיך צו ערשט אָפּגעגעבן אַן איניציאַטיוו־גרופּע פֿון יונגע ספּאָרטס־מענער. מיט דער צייט האָט זיך דער גרופּע איינגעגעבן צו פֿאַראינטערעסירן איניקע יידישע געזעלשאַפֿטלעכע טוער, מיט וועמענס מיטהילף דער ספּאָרט־קלוב יי. א. ק. (יידישער אַטלעטיק־קלוב) איז געגרינדעט געוואָרן.

יי. אַ. ק. איז געווען דער ספּאָרט־פֿאַראיין, וואו עס האָט זיך גרופּירט די האָרעפּאַשנע יידישע יוגנט, וואָס האָט אַלס אַזעלכע ניט געפֿונען קיין היימישן ווינקל אין די עקזיסטירנדיקע מכבי טורן און ספּאָרט־פֿאַראיינען.

יי. א. ק. איז געגרינדעט געוואָרן אין אָנפֿאַנג 1923. אין די ערשטע יאָרן האָט זיך יי. א. ק. פֿאַר־



דער טורן־לערער ל. מירסקי מיט אַ גרופּע ספּאָרטלער פֿון יי. א. ק.

נומען נאָר מיט גימנאַסטיק אין ד׳ אמות פון אַ טורן־זאַל. אָבער שפּעטער, ווען יי. א. ק. איז געוואָרן באַקאַנט דעם ליטוויש־יידישן האָרעפּאַשנעם עולם, האָט דער יי. א. ק. פונאַנדערגענומען די ספּאָרט ידים און איז אַרויסגעגאַנגען פון ד׳ אמות פון ספּאָרט־זאַל און האָט זיך איינגעשאַפן אַ שיינעם ספּאָרט־פּלאַץ ניט ווייט פון דעם מכבי סטאַדיאָן אין קאָוונע. אויך יי. א. ק. האָט געהאַט פוטבאָל־מאַנשאַפטן, אָבער זיי זיינען געווען פון צווייטן און דריטן קלאַס — ניט ווי די ערשטע פוטבאָל־מאַנשאַפטן פון „מכבי״, „ל. פּ. ל. ס.״ „ק. ס. ק.״ און „קאָוואס״ (די לעצטע דריי פוטבאָל־מאַנשאַפטן פון ליטווישע קלובן: „ק. ס. ק.״ (אַ דייטשער קאָוונער ספּאָרט־קלוב). אַזוי האָט דער יי. א. ק. זיך אויסגעשפּרייט איבער דער לענג און איבער דער ברייט פון ליטע און אויפגעבויט אַ נעץ פון יי. א. ק.־קלובן איבערן לאַנד, ווי למשל אין ווילקאָמיר, פּאָנעוועזש, יורבאַרג, מאַריאַמפּאָל, ווירבאַלן, קיבאַרט און ווילקאָווישק (דאָרטן איז ער געווען באַקאַנט אונטערן נאָמען „יי. ס. ק.״, יידישער ספּאָרט־קלוב) און אין פיל אַנדערע ליטווישע ישובים.

די ספּאָרט־לערער פון יי. א. ק. זיינען געווען לייב מירסקי און ש. קאַפּעלושניק ע״ה. (פריער ביידע מיטגעאַרבעט אין קאָוונער מכבי). יאָ, אַזוי האָט געבליט די שיינע יידישע ליטע, ס׳איז געווען גייסטיקע און פיזישע קולטור, מכבי־אידעאָלאָגיעס, יי. אַ. ק.־אידעאָלאָגיעס, אָבער איצט?...

אין קאָוונע זיינען געווען קרוב 400 יי. א. ק.־מיטגלידער. יי. א. ק. האָט געפירט זיינע איבונגען לויט דער שוועדישער סיסטעם. די אַלגעמיינע צאָל מיטגלידער פון יי. א. ק. איבער גאַנץ ליטע האָט געציילט איניקע טויזנט.

דאָס בילד פון ספּאָרט אין ליטע וואָלט ניט געווען קאָמפּלעט, ווען מיר וואָלטן אַרויסגעלאָזן דאָ דעם „הכח״ און דעם „הפּועל״. דער עכאָ פון ווינער „הכח״ האָט אָפּגעקלונגען אויפן גאַנצן כדור הארץ. און עס איז נאַטירלעך, אַז ספּאָרט־קלובן האָבן זיך אָנגעפאַנגען צו אָרגאַניזירן מיט דעם פול קלינגענדיקן נאָמען „הכח״ אין פיל לענדער אויף דעם איראָפּעאישן קאָנטינענט און אויך אין פיל לענדער אויף אַנדערע קאָנטינענטן. אַזוי איז „געבוירן״ געוואָרן דער „הכח״ ספּאָרט־קלוב אין קאָוונע. דער „הכח״ איז אַרויסגעקומען ספּאָנטאַן פון אַ גרופּע ־ענטוזיאַסטן פוטבאָל־שפּילער, אָבער האָט ניט געהאַט אונטער זיך קיין שטאַרקע ספּאָרט־אָרגאַניזאַציע, וואָס זאָל זיין בבחינת אַ פאָטער און אַ מוטער, וואָס זאָלן זאָרגן פאַר דעם „הכח״ ספּאָרט קלוב. ביי די אומשטענדן האָט דער „הכח״ געהאַט נאָר כח צו עקזיסטירן דריי יאָר (פון יאָר 1927 ביז 1930).

אין יאָר 1930 קומט אַראָפּ אין קאָוונע חבר ישראל כרמי פון דער הסתדרות (לייטער פון שרות תעסוקה) מיטן ציל צו גרינדן ספּאָרט־קלובן אין ליטע, וואָס זאָלן זיין אידעאָלאָגיש פאַרבונדן מיטן אַרבעטנדיקן ארץ־ישראל. און אַזוי ווערט געגרינדעט אַ הפּועל ספּאָרט־קלוב אין קאָוונע און 12 ספּאָרט־צווייגן איבער ליטע: אין יאַנאָווע, קיידאַן, פּאָנעוועזש, שאַוול, יאנישאָק, זשאַגער, ווילקאָווישק, מעמעל און אין אַנדערע ליטווישע ישובים. פון דעמאָלט אָן, ד. ה. פון 1930 ווערט דער „הכח״ ספּאָרט־קלוב אין קאָוונע איינגעגלידערט אין דעם הפּועל ספּאָרט־פאַראיין. דער הפּועל אין ליטע האָט זיך אָפּגעגעבן מיט פוטבאָל, לייכט־אַטלעטיק, באַסקעט־באָל, באָקס, שווער־געוויכט. הפּועל האָט אויך געהאַט אַ פיין אויסגעבילדעטן כאָר און אַ מאַנדאָלין־אָרקעסטער.

אין יאָר 1935 איז צונויפגערופן געוואָרן אַ לאַנדעס־קאָנפערענץ פון אַלע צווייגן פון הפּועל אין קאָוונע. די דערעפענונג איז פאָרגעקומען אין מלוכה־טעאַטער און דער גימנאַסטישער יום־טוב אויף דעם „מכבי״־סטאַדיאָן.

די צאָל פון די חברים־מיטגלידער פון הפּועל האָט געציילט 650 אין קאָוונע, און איבערן גאַנצן לאַנד אַרום 2000. דער ערשטער פאָרזיצנדער פון הפּועל איז געווען פון 1930—33 אפרים גרינבערג ע״ה, דער סעקרעטאַר — אליהו וואַלדבערג ע״ה, ד״ה פון 1930—1939, 1933—1935 איז געווען פאָרז. פון הפּועל לייב סירקין. נאָכדעם ווי לייב סירקין איז עולה געווען קיין ארץ־ישראל אין 1935, האָט פאַרנומען דעם אַמט צבי בריק 1935—1939 (לעבט אין ירושלים).

די יידישע ספּאָרטלער פון ליטע האָבן געטיילט דעם זעלבן גורל, וואָס אַלע ליטווישע יידן — דער רוב זיינען אומגעקומען. צווישן זיי די באַקאַנטע מכבי־ספּאָרטלער: ליאָלאַ אראָנאָווסקי, אַ. גאָלדבערג („בערציק״), זאב און ד. העלערמאַן, נ. בלאַט און ד. שוואַרץ.

אין ווילנע וואוינען די ברידער שימענס, ב. קאַגאַן, אין דווינסק — י. ליפשיץ, אין מינכען — ב. פרידמאַן.

אין ישראל זיינען געשטאָרבן די איבערגעגעבענע מכביסטן יוסף העלערמאַן, וואָלף ראַבינאָוויטש, ח. בעקער, אלחנן ראָזנטאַל.

אין תל־אביב געפינען זיך די ברידער בורשטיין, גאָלוב (תורי), ל. העלערמאַן, ליבערמאַן, פסח ראַבינאָוויטש, פעקער א. אַנד. אין חולון גורוויטש („מאַנאַרך״).

# קונסט, טעאטער
# און מוזיק

יצחק ליכטנשטיין

# מאַרק אַנטאָקאָלסקי און זיין צייט

איצט דאַרף מען אפשר איבערחזרן אַ סך אַלטע אמתן — מען דאַרף אויך די אַלטע אמתן אויפסניי רעווידירן.

שוין ניט איינמאָל איז אונדז אויסגעקומען צו באַהויפּטן אַז יעדעס מאָל, ווען עס קומט אויס צו באַטראַכטן די פראַגע וועגן יידישער קונסט, מוז מען גאָר אויפסניי אָנהייבן פון דער שפּאָגלנייער, אַלטער פראַגע: איז פאַראַן אַ יידישע קונסט אָדער גאָר יידן קינסטלער?

דער אמת איז: עס איז פאַראַן איין קונסט אין אַלגעמיין. מען דאַרף אָבער אויך געדענקען אַז די אַלגעמיינע קונסט האָט אַריינגעזאַפּט אין זיך שאַפונגען פון פאַרשידענע פעלקער. יעדעס פאָלק האָט זיך אירע אייגנשאַפטן, וואָס באַרייכערן די אַלגעמיינע גרויסע קונסט פון דער וועלט.

אייגנשאַפטן זיינען אָבער ניט שטענדיק אַבסאָלוט כאַראַקטעריסטיש פאַרן גאַנצן פאָלק, נאָר פאַר געוויסע גרופּן. דער בעסטער ביישפּיל זיינען דאָך מיר אַליין. עס איז פאַראַן אַ גרויסער אונטערשייד צווישן אונדזערע פאַרשיידענע צאָלרייכע יידישע גרופּן. עס איז אונדז באמת אויסערגעוויינלעך שווער צו באַשטימען, וועלכע פון אונדזערע עדות זיינען מער יידיש, וועלכע ווייניקער יידיש — באמת, אַלע אינאיינעם זיינען מיר גאַנץ אויסגעשפּראָכן יידיש, צי מיר ווילן עס אָדער ווילן ניט.

אפשר האַנדלט זיך גאָר וועגן סטיל, דעם יידישן כאַראַקטער, יידישע אַנשויאונג, באַגריפן וועגן קונסט.

ווען מען רעדט וועגן נאַציאָנאַלן סטיל, שטעלט מען זיך פאָר אַ געוויסן פעסטגעשטעלטן כאַראַקטער.

ווען מען טראַכט וועגן אייגנאַרטיקייט, טראַכט מען אויך וועגן טעמפּעראַמענט, ליידנשאַפט און פאַרשידנאַרטיקע קרעאַטיווע אייגנשאַפטן. גיט מען אַ טראַכט וועגן יידישן סטיל איז עס אונדז שווערלעך פאַרצושטעלן אַ געוויסע פאָזיטיוו־פעסטגעשטעלטע פאָרם. מיר געפינען זיך אין אַזוי פיל קלימאַטן, אַרומגערינגלט מיט פאַרשידנאַרטיקע לאַנדשאַפטן, אונדזערע סביבות זיינען אַזוי פאַרשידנאַרטיק.

וועט עס אויך ניט זיין איבערגעטריבן צו באַצייכענען דאָס יידישע שאַפן, דעם יידישן סטיל, גאַנץ פשוט (און אין דער זעלבער צייט אַביסל ניט אינגאַנצן קלאָר און איינפאַך) — מיר דאַרפן זאָגן אַז אונדזער סטיל איז אַ סינטעטישער.

שוין ניט איינמאָל איז עס אויסגעקומען צו באַהויפּטן, אַז עס וועט זיך אפשר אויסאַרבעטן ביי אונדז אַזאַ מין סטיל, וואו עס וועלן זיך צונויפזאַמלען די הויפּט



כאַראַקטער־שטריכן פון לענדער אין וועלכע מיר האָבן זיך דערצויגן.

היינט איז שוין עפּעס פאַראַן אינעם יידישן שאַפן, וואָס ווייזט אָן אויף אַ גענוג ברייטן סינטעטישן כאַראַקטער.

גאַנץ אָפט איז אונדז שוין אויסגעקומען צו באַהויפּטן אַז קיין פאָלק האָט ניט געהאַט אַזעלכע גרויסע מעגלעכקייטן און אויך שוועריקייטן אין זיין אַנטוויקלונג, ווי יידן.

מיר ווייסן דאָך, מיר געדענקען עס זייער גוט, אַז אין דער צייט פון אונדזער אָפּגעשלאָסנקייט אינעם געטאָ האָבן מיר געהאַט גרויסע מעגלעכקייטן צו קריסטאַליזירן, סטיליזירן און פאַריידישן פאַרשידענע דרויסנדיקע איינפלוסן.

אָ, וועגן דעם איז אַ סך פאַראַן צו דערציילן, אונדזערע קינסטלער דערציילן עס גענוג בולט.

מאַרק אַנטאָקאָלסקי איז איינער פון די, וואָס דערציילן עס אין דער בולטסטער פאָרם פון אַ סקולפּטור.

אַנטאָקאָלסקי האָט געלעבט אין אַן אינטערעסאַנטער יידישער צייט. די צייט איז געווען אַ ברויזנדיקע, אַ גענוג שווערע, ווי אַלע יידישע צייטן. עס איז אָבער געווען אויך אַ ליכטיקער מאָמענט פון גרויסער יידישער שאַפונג.

דאָס יידישע ווילנע האָט זיך אין יענער צייט געפילט שטאַרק פאַרבונדן מיטן רוסישן דראַנג צו באַפרייען זיך פון אומוויסן און נויט, אַ דראַנג צו פרייען געדאַנק, פרייען שאַפן. דאָס איז געווען די עפּאָכע פון די „פּערעדוויזשניקעס" — אַ גוט באַקאַנטע רוסישע קינסטלערישע ריכטונג, דאָס איז געווען אַ ראָמאַנטישע עפּאָכע פון רעאַליסטן, פון ליטעראַריש־„געזאָגטע" קינסטלער — אויב מען קאָן זיך אַזוי אויסדריקן — די פאַבולע איז געווען אַ ליטעראַרישע, דער געדאַנק, אַזוי צו זאָגן, פּובליציסטיש, די פאָרם — אַ דערציילערישע. אַלץ אינאיינעם איז געווען, אויב מען וויל, הומאַניסטיש. מער פּראָפּאַגאַנדע ווי שילדערונג. אַ סך מאָראַליזירט, געפּרעדיקט, ווייניקער פאַרמירט, שוואַך געשילדערט.

מאַרק אַנטאָקאָלסקי האָט זיך, פאַרשטענדלעך, אָנגעשלאָסן אין דער הומאַניסטישער ריכטונג, ער האָט דאָך געוואָלט דערציילן דער ברייטער וועלט וועגן די שרעקלעכע ליידן פון זיין אָרעם פאָלק.

אַנטאָקאָלסקי האָט זיך דערצויגן אינעם ווילנער געטאָ און געטרוימט וועגן אַ ליכטיקער וועלט. זיין ערשטלינג איז געווען אַ ווערק וואָס האָט אַ סך שייכות מיט זיין סביבה, מיטן דראַנג צו ליכטיקייט. דאָס איז אַ באַרעליעף פון אַן אַלטן שניידער, וואָס זוכט ליכטיקייט איינצופעדעמען

זיין נאָדל. אַ גאַנץ פּשוטער געטאָ־מאָטיוו, אַ זיטן־בילד פון האָרעפּאַשנעם יידישן לעבן.

אָנגעהויבן האָט אַנטאָקאָלסקי מיט זיין היימישער סביבה, ער איז אָבער אַוועק אויף גאָר אַן אַנדערן שליאַך.

אין אָנהייב קאָן זיך דאַכטן אַז אַנטאָקאָלסקי איז אַרויס פונעם געטאָ און געלאָזט זיך אויף אַ ברייטן וועג. אַזוי קאָן עס זיך אויסדאַכטן, פּראַקטיש איז פאָרגעקומען גאָר עפּעס אַנדערש — דער קינסטלער האָט גאַנץ פּשוט פאַרבלאָנדזשעט, עס איז געשען דאָס, וואָס פלעגט אויך פריער געשען מיט אונדזערע געטאָ־טרוימער. מען פלעגט זיך אַרויסרייסן פון דער געטאָ־סביבה און לאָזן זיך מיט אַן אימפּעט איבער די ברייטע ליכטיקע וועגן. מען האָט זיך פאַרמאָסטן צו רעאַליזירן דעם וואונדערלעכן חלום. מען האָט געשטרעבט צו יענע אויסגעטרוימטע ווייטע האָריזאָנטן און געגאַנגען איז מען אַהין גאַנץ אָפט אויף פרעמדע קאָנווענציאָנעלע דרכים.

אין אַנטאָקאָלסקיס צייט האָט די קונסט־וועלט שוין געהאַט אַ סך אויפגעטאָן און געווען אַוועק אויף געוויסע רעוואָלוציאָנערע וועגן. נעאָ־קלאַסיציזם, פאַלשער רעאַליזם און אַ מין רעליגיעזער מיסטיציזם האָט אין יענער צייט שטאַרק באַאיינפלוסט און געווירקט אויף ברייטע אינטעלעקטועלע און קינסטלערישע קרייזן. קונסט און פאַרשידענע עסטעטישע פּראָבלעמען זיינען דעמאָלט געווען אַן אַוואַנגאַרד פון פאָרשריטלעכסטע פּיאָנערן.

פון איין זייט איז דעמאָלט געשטאַנען רוים, פון דער אַנדערער זייט — פּאַריז. לויט דער טראַדיציע פלעגט מען זיך אַוועקלאָזן קיין רוים שטודירן קלאַסישע אַנטיקן, אָנזאַפּן זיך מיט אַלטערטימלעכקייט. פון רוים פלעגט דעמאָלט דער וועג פירן דעם קינסטלער קיין פּאַריז. אַנטאָקאָלסקי האָט אַדורכגעמאַכט דעם טראַדיציאָנעלן וועג פון דעמאָלטיקע קינסטלער. דאָס איז געווען אַ פאַרצויבערטער וועג.

פון ווילנע קיין פּאַריז — וויאַ ראָמאַ — איז אין יענער צייט געווען אַ דערגרייכונג, אַ קונסט אַליין פאַר זיך. געווען פאַרבונדן מיט מעצענאַטן, קאָנקורסן, פּרעמיעס און אַ סך זייטיקע זאַכן, וואָס האָבן באמת קיין שום שייכות צו דער אַבסאָלוטער קרעאַטיווער קונסט — גליק און פאַרשידענע פּעאיקייטן האָבן דאָ געשפּילט אַ גרויסע ראָל.

מאַרק אַנטאָקאָלסקי איז געבוירן געוואָרן אין ווילנע 1842, געשטאָרבן אין דייטשלאַנד 1902.

אין זיין יוגנט האָט ער אויספּרובירט פאַרשידענע פאַכן, ענדלעך איז ער געוואָרן אַ גראַווירער, פאַרנומען זיך מיט האָלץ־שניצעריי, דאָס איז געווען זיין בעסטער, באַליבסטער פאַך.

אַנטאָקאָלסקיס פאָטער איז געווען אַ שענקער, אַ טאַטע פון אַ סך קינדער, מאַרק איז געווען איינער פון זיבן.

מען דערציילט זייער אַ סך וועגן דעם ווי אַזוי דער ווילנער גענעראַל־גובערנאַטאָר האָט זיך דערוואוסט וועגן דעם יידישן בחור, וואָס האָט אויסגעשניצט אַ מערקווירדיקן קריסטוס־קאָפּ. דער ווילנער גענעראַל־גובערנאַטאָר נאַזימאָוו איז געוואָרן דער מעצענאַט פון מאַרק אַנטאָקאָלסקי; מען האָט אים געשיקט קיין פּעטערבורג אין דער קונסט־אַקאַדעמיע. אַנטאָקאָלסקי איז דעמאָלט געווען אַ 22 יאָר אַלט.

אין דער פּעטערבורגער אַקאַדעמיע האָט זיך אַנטאָקאָלסקי באַפריינדעט מיט ריעפּין און קראַמסקאָי. די צוויי קינסטלער האָבן שפּעטער געהאַט אַ גרויסן איינפלוס אויף דער רוסישער קונסט. זייער מאָלעריי האָט אויך געווירקט אין געוויסער מאָס אויף אַנטאָקאָלסקיס סקולפּטור. איצט האָט די דאָזיקע קונסט גאָר אַן אַנדער פּנים ווי דעמאָלט. אין אמתן איז עס נאָך אַלץ גענוג שווער איצט אָפּצואוואַרפן די אַמאָליקע סענטימענטן, די אַמאָליקע פאָרמען פון קינסטלערישן אויסדרוק. פּונקט ווי קראַמסקאָי, ריעפּין און אַ סך אַנדערע רוסישע קינסטלער, האָט אויך אַנטאָקאָלסקי אָנגענומען די ליטעראַריש־שילדערישע אָדער דערציילערישע פאָרם.

רוסישע קינסטלער האָבן באַנוצט זייער קונסט פאַר אַזעלכע נאָבעלע צוועקן, ווי באַלייכטן די פינצטערע מאַסן, סטימולירן גערעכטיקייט, דער רוסישער קינסטלער האָט זיך דערנענטערט צו זיין פאָלק. גאָר עפּעס אַנדערש זעען מיר ביי אַנטאָקאָלסקי — אַוועק איז ער פון זיין שורש, פונעם געטאָ־מאָטיוו, פון דער יידישער טעמע, אַוועק פון דער היימישער ווילנער־טעמאַטיק, פונעם האַרציקן יידישן סענטימענט, אויסגעביטן אוממיטלבאַרקייט פון אַ ווילנער בחור אויף טעמעס פון רוסישער געשיכטע (פּאַ אילא — וואיסקאמו).

דער יידישער עמאַנציפּאַטאָר פון יענער צייט האָט אָנגעקוואָלן פון דער מערקווירדיקער קאַריערע. אַנטאָקאָלסקי איז געוואָרן אַ סימבאָל פון גרויסע מעגלעכקייטן. דער געטאָ־טרוימער האָט דערזען אין דעם אַ פאַרווירקלעכטן חלום — אַ ווילנער האָלצשניצער קאָן קומען קיין סאַנקט־פּעטערסבורג, שטודירן אין דער צאַרישער קונסט־אַקאַדעמיע, ווערן באַערט מיט מעדאַלן, ווערן אַ פּראָפעסאָר...

אמת, דער אַמאָליקער ווילנער האָלצשניצער האָט באַקומען דעם טיטל פּראָפעסאָר — אַנטאָקאָלסקי, דער יידישער קינסטלער, האָט אָבער ניט באַקומען די פּראָפעסור פון סקולפּטור אין דער צאַרישער אַקאַדעמיע.

אין די יאָרן 1863־69 האָט אַנטאָקאָלסקי געשאַפן ווערק אויף יידישע טעמעס („אינקוויזיציע“, „תלמודישער דיספּוט“). עס איז גענוג פיינלעך צו באַמערקן, אַז דער קינסטלער איז געוואָרן שטאַרק אַנטוישט פון דעם מערקווירדיקן, אין געוויסן זין, צווייפלהאַפטן דערפאָלג: באַקומען מעדאַלן, טיטולירט געוואָרן, אָבער די אַקאַדעמיע וויל אים ניט האָבן.

1870 איז דאָס יאָר פון אַנטאָקאָלסקיס איבערגאַנג פון דער יידישער טעמע צו דער רוסישער געשיכטלעכער טעמאַטיק. דעמאָלט האָט ער געשאַפן דעם מאָנומענט: „איוואַן גראָזני“ (איוואַן דער גרויזאַמער). סטאַסאָוו, דער

דעמאָלטיקער אויטאָריטעט און גרויסער פריינד פון אַנטאָקאָלסקי האָט פּראָקלאַמירט דעם אָנהייב פון דער רוסישער סקולפּטור.

אַנטאָקאָלסקי איז געוואָרן אַן אַקאַדעמיקער. דער צאַר אַלעקסאַנדער דער 2־טער האָט געקויפט די סטאַטוע און אַוועקגעשטעלט אין „ערמיטאַזש״, באַרימטן מוזיי פון רוסלאַנד.

נאָך דעם גרויסן דערפאָלג פאָרט אַנטאָקאָלסקי קיין איטאַליע, די העלדן פון דער רוסישער געשיכטע פאַרפאָלגן אים אויך דאָרט ווען ער איז ווייט אַוועק פון רוסלאַנד, איצט איז עס פעטער דער גרויסער, עס קאָן אויך זיין, דער קינסטלער האָט פאַרשטאַנען אַז די געשטאַלטן האָבן פאַקטיש גאָרניט וואָס צו טאָן מיט אים פערזענלעך.

מען זעט בולט, אַז די געשטאַלטן פון דער אָפיציעלער צאַרישער געשיכטע האָבן גאָרניט וואָס צו טאָן מיט קינסטלערישער קרעאַציע! דאָס איז דאָך אַ גענוג באַנאַלער שאַבלאָן, אַזוי ווי אַלע „מאַיעסטעטישע״ מאָנומענטן דאַרפן אין אַלגעמיין אויסזען.

אַנטאָקאָלסקי האָט זיך אויך אָפּגעגעבן צו אַן אַנדער זשאַנער; אַזעלכע געשטאַלטן ווי קריסטוס, סאָקראַטעס, שפּינאָזא, האָבן באמת פאַרכאַפּט דעם ייד פון ווילנע. דאָ האַנדלט זיך שוין ניט וועגן פאָרטרעטירן העלדישקייט, באַזינגען, שאַפן אַ מאָנומענט פון אַ מעכטיקן הערשער. דאָ רעדט דער גייסט אַליין פאַר זיך. דער קינסטלער דאַרף בלויז אַריינדרינגען אין די טיפקייטן, אין די פאַרבאָרגנקייטן פון נשמה, די אויסערלעכקייט איז דאָ שוין איבעריקע דעקאָראַציע און אַ נעבן זאַך. וויזיע, געפיל, אידעע, שפּילן דאָן די הויפּט־ראָל.

אין 1876 קומט אַנטאָקאָלסקי קיין פּאַריז. דאָס איז שוין פּאַריז פון ראָדען, דאָס איז אויך פּאַריז פון די אימפּרעסיאָניסטן. אַנטאָקאָלסקי האָט יענע פּאַריז ניט פאַרשטאַנען, ער האָט זיך אָנגעשלאָסן אין מיטלמעסיקן קאָנווענציאָנאַליזם, ער שאַפט דעם קאָפּ פון יאָהאַנעס דער טויפער, שטעלט עס אויס אויף דער פּאַריזער וועלט־אויסשטעלונג, באַקומט אַ מעדאַל, דעם „לעזשיאָן ד׳אָנער״. אַנטאָקאָלסקי איז שוין אַזוי גוט ווי קאַנאָניזירט, אָבער ווען ער באַקומט אין 1880 דעם טיטל פּראָפעסאָר, וויל אים ניט האָבן די צאַרישע קונסט־אַקאַדעמיע. דער טיטל קלינגט גאַנץ פיין, דער גערוך איז אָבער אַן אומדערטרעגלעכער.

דאָס האָט ניט געשטערט דעם קינסטלער צו שאַפן מער אויפן זעלבן געביט, צו מאָנומענטאַליזירן די רוסישע געשיכטע — געשאַפן „נעסטאָר״ און „יערמאַק״, צוויי קעגנזייטיקע כאַראַקטערן, צוויי פאַרשיידנאַרטיקע פּיטאָרעסקעגעשטאַלטן: יערמאַק, אַ קאָזאַקישער אַטאַמאַן, אַ דעראָבערער פון סיביר. נעסטאָר איז אַ כראָניקער, דערציילער וועגן די העלדן און זייערע פּאַטריאָטישע אויפטוען.

צו אַ יערמאַק האָט דאָך ניט אַזאַ קינסטלער ווי אַנטאָקאָלסקי קיין דירעקטע שייכות — גאָר אַנדערש איז עס מיט אַזאַ געשטאַלט ווי נעסטאָר.

אַנטאָקאָלסקי איז דאָך פאַקטיש געווען אַ געפילרייכער, ער האָט ניט זעלטן, אַפילו גאַנץ אָפט, אַרויסגעוויזן דאָס אין זיינע ווערק: אין דער „אינקוויזיציע״, אין „אַלטן שניידער״, אין „געבונדענעם קריסטוס״, אויך אין דער טראַגישער געשטאַלט פון איוואַן, דעם שרעקלעכן צאַר. דאָס האָט שטאַרק געווירקט אויף זיינע צאָלרייכע נאָכפאָלגער און די נאָכפאָלגערשאַפט איז געווען אַ באַדייטנדע, אַ גאַנצע פּלעיאַדע.

ניט אַלע האָבן נאָכגעפאָלגט דירעקט, ניט אַלע האָבן זיך באַנוצט מיט געשיכטע, אויך ניט אַלע האָבן אָפּערירט מיט די זעלבע קינסטלערישע מיטלען.

איינער פון די באַקאַנטסטע איז געווען איליא גינצבורג. ער האָט אַמיינסטן פאָרטרעטירט קינדער, אָפּגעגעבן זיך מיט דער איינפאַכקייט פון דער יוגנט, מיט אוממיטלבאַרקייט פון יוגנטלעכן געמיט. גינצבורג איז אַ שאַפער פון קינדער־סטאַטוען.

אַנטאָקאָלסקי האָט אויך געהאַט אַן איינפלוס אויף באָריס שאַץ, ער האָט עס אָפט אַליין אונטערגעשטראָכן מיט אַ טיפן געפיל פון פאַרערונג צו דעם מייסטער.

אַז נחום אַראָנסאָן איז געווען אַן עפּיגאָן פון אַנטאָקאָלסקי, וועט קיינער ניט אָפּלייקענען. ער האָט אָבער געוואָלט אַוועקגיין אויף אַנדערע וועגן, מער געניגט צו אַ ראָדענישער קאָנצעפּציע. פאַקטיש איז ער אַ סך נעענטער צו אַנטאָקאָלסקי ווי צו ראָדען. אַזוי איז עס אויך געווען מיט אַנדערע עפּיגאָנען וואָס האָבן געצויגן זייער יניקה קודם כל פון אַנטאָקאָלסקי.

עס האַנדלט זיך אָבער ניט וועגן דירעקטער נאָכפאָלגערשאַפט. וויכטיק איז דער איינפלוס, קינסטלערישע ווירקונג. אין זיין צייט האָט אַנטאָקאָלסקי געווירקט, באַאיינפלוסט — עס האָט זיך אָבער שנעל אויסגעוועפּט.

אַנטאָקאָלסקי איז ניט פאַרבליבן קיין ווירקנדיקע קרעאַטיווע קראַפט. דער יונגער דור איז אַוועק אויף מער שעפערישע דרכים.

י. קיסין (גאָרן)

# איסאַק לעוויטאַן

די יידישע געטאָ האָט געשאָנקען דעם צאַרישן רוסלאַנד אין נײַנצנטן און אָנהייב צוואַנציקסטן יאָרהונדערט אַ גאַנצע ריי גרויסע קינסטלער אין מאָלערײַ און סקולפּטור. פיר פון זיי, — די סקולפּטאָרן מאַרק אַנטאָקאָלסקי און איליאַ גינצבורג און די מאָלער איסאַק לעוויטאַן און לעאָניד פּאַסטערנאַק, — האָבן געהערט צו דער עלטערער טראַדיציע פון דער רוסישער קונסט. זייער גאַנץ לעבן און קאַריערע זײַנען נאָך אין זייער צײַט געווען אַ לעבעדיקער באַווײַז, ווי אומזיניק עס איז די אַנטיסעמיטישע „טעאָריע״, אַז יידן זײַנען אַן אומקינסטלעריש פאָלק און דורכאויס אומפעאיק צו קונסט. זיי זײַנען אַלע אַרויס פון אַן עכט־יידישער סביבה, און פון קינדווײַז אָן האָבן זיי אַרויסגעוויזן קינסטלערישע נייגונגען און פעאיקייטן.

דרײַ פון זיי, אַנטאָקאָלסקי, גינצבורג און לעוויטאַן, האָבן געשטאַמט פון ליטע, און דאָס אַליין ווײַזט אויס, אַז אַ צווייטע „טעאָריע״, וואָס מען הערט אַ מאָל צווישן אונדז, אַז ליטווישע יידן זײַנען ניט פעאיק צו קונסט, האָט ניט דעם מינדסטן גרונט. אַלע דרײַ זײַנען אַרויסגעקומען פון דער גרעסטער ליטוויש־יידישער אָרעמקייט, וואָס מען קאָן זיך נאָר פאָרשטעלן, און די קונסט, וואָס זיי האָבן אונדז געגעבן, איז געווען די פײַנסטע אין זייער צײַט.

אַנטאָקאָלסקי און גינצבורג זײַנען געבוירן געוואָרן אין דער גרויסער יידישער שטאָט ווילנע, אין ירושלים־דליטא; און לעוויטאן — אין קיבאַרט, קאָוונער גובערניע, לעבן ווירבאלן, בײַ דער פּרייסישער גרענעץ. זייער סביבה אין דער קינדהייט איז געווען די אומקינסטלערישסטע, וואָס קאָן נאָר געבן, און קיין שום דרויסנדיקע אָנרעגונג און דערמוטיקונג צו קונסט איז דאָרטן פאַר די צוקונפטיקע קינסטלער ניט געווען.

אַלע דרײַ האָבן פאַרבראַכט זייער קינדהייט אין שרעקלעכער יידישער אָרעמקייט און עלנט, און צוויי פון זיי, גראָד די „גרויסשטאָטישע״: אַנטאָקאָלסקי און גינצבורג, האָבן אין זייערע קינדערשע נייגונגען צו קונסט באַגעגנט אַ שטאַרקן ווידערשטאַנד פון די עלטערן. אָבער דאָס קינסטלערישע אין זיי איז געווען אַזוי שטאַרק, אַז עס האָט אַלצדינג בײַגעקומען און האָט זיך דורכגעשלאָגן אַ וועג צו זייער לעבנס־באַרוף. נאָר לעוויטאַן איז פון זײַן פאָטער דערמוטיקט געוואָרן צו אַ לעבנס־וועג פון אַ קינסטלער.

אַלע פיר גרויסע קינסטלער האָבן שפּעטער באַקומען די בעסטע אָנערקענונג בײַ די רוסן, זײַנען געוואָרן אַקאַ־



דעמיקער, און זייערע ווערק זײַנען אַרײַנגענומען געוואָרן אין די גרויסע רוסישע מוזייען. אַלע פיר זײַנען געווען אי טיף־רוסיש, אי טיף־יידיש. בײַם סקולפּטאָר אַנטאָקאָלסקי, וועלכער האָט געשטאַמט פון ווילנע, און נאָך מער בײַם מאָלער פּאַסטערנאַק, וועלכער איז געבוירן געוואָרן אין דרום־רוסלאַנד, האָט דאָס יידישע אין זיי באַקומען אַן אויסדרוק אין אַ ריי קונסטווערק פון יידישן לעבן. אַנטאָקאָלסקין האָט די בענקשאַפט נאָך יידישן שורש געבראַכט צו אַ טראַגישן אינערלעכן קאָנפליקט. פּאַסטערנאַק איז געוואָרן אַ יידישער נאַציאָנאַליסט און ער האָט זיך טיף אינטערעסירט מיט ארץ־ישראל און מיט יידישע קונסט. בײַ איינעם נאָר פון די פיר איז דאָס יידישע געבליבן אַ טיפער טראַגישער אונטערשטראָם, וועלכער האָט זיך אויסערלעך אינגאַנצן צונויפגעגאָסן מיטן רוסישן. דאָס איז איסאַק לעוויטאַן.

די רוסן האַלטן לעוויטאַנען פאַר איינעם פון די נאַציאָנאַלסטע קינסטלער, וואָס זיי האָבן געהאַט. אונדז, יידן, איז לײַכט צו דערקענען דעם יידן ניט נאָר אין לעוויטאַנס עכט־יידישן אויסזען, נאָר אין זײַנע עכט־רוסישע נאַטור־בילדער.

*

איסאַק איליטש לעוויטאַן איז געבוירן געוואָרן דעם 18־טן אויגוסט 1860. זײַן זיידע איז געווען אַ רב. זײַן פאָטער איז געווען אַ יידישער לערער, אַ וועלטלעך־געבילדעטער מענטש, האָט געענדיקט אַ ראַבינער־שול און האָט גוט געקענט פראַנצויזיש און דײַטש.

לעוויטאַן האָט קיינמאָל ניט ליב געהאַט צו ריידן וועגן זײַן קינדהייט און וועגן דער סביבה, אין וועלכער ער איז אויסגעוואַקסן. זייער ווינציק איז באַקאַנט וועגן זײַן קינדהייט און יוגנט; עס איז אָבער זיכער, אַז דאָס איז געווען אַ זייער טרויעריקע קינדהייט און פרייד־לאָזע יוגנט, פול מיט שווערע אײַנדרוקן, אומגליק און נויט, נויט אָן אַ סוף. די נויט האָט אים ניט אָפּגעלאָזן אַ לאַנגע צײַט נאָכדעם אַפילו, ווען ער איז שוין געווען אַ באַוואוסטער קינסטלער.

אין דער משפחה זײַנען געווען פיר קינדער, צוויי זין און צוויי טעכטער. דער פאָטער האָט געגעבן לעקציעס אין פאַרמעגלעכע יידישע הײַזער, אָבער ער האָט קוים געהאַט גענוג דורכצוקומען. די פאַמיליע האָט געלעבט אין דחקות. לעוויטאַנס פאָטער האָט געלערנט מיט זײַנע אייגענע קינדער אין דער היים, ווײַל שיקן זיי אין אַ גימנאַזיע האָט ער, בײַ זײַן אָרעמקייט, ניט געקענט.

לעוויטאַן האָט זייער פרי דערפילט אין זיך דעם קינסטלער. אין ווערמעלס ביאָגראַפיע פון לעוויטאַנען ווערט דערציילט, אַז יינגלווייז פלעגט ער קאָנען גאַנצע שעהן אָפּשטיין ביים פענצטער, קוקנדיק אויף אַ זון־אונטערגאַנג. ער האָט אויך ליב געהאַט גיין אַליין איבער פעלדער און וועלדער און באַאָבאַכטן און אַריינגעמען אין זיך די וואונדער פון דער נאַטור, וועלכע לעוויטאַן האָט אַלעמאָל ליידנשאַפטלעך ליב געהאַט.

זיין פאָטער האָט איינגעזען, אַז דער זון האָט אַ טיפע נייגונג און גרויסע פעאיקייטן צו קונסט. ער איז דעריבער מיט דער משפחה אַריבערגעפאָרן קיין מאָסקווע, וואו ער האָט זיך ווייטער באַשעפטיקט מיט פּריוואַט־לערעריי. די פאַמיליע האָט דאָ אויך געלעבט זייער אָרעם, אָבער דער קליינער איסאַק האָט באַקומען אַ מעגלעכקייט צו לערנען זיך זיין אַ קינסטלער. צו צוועלף יאָר איז ער אָנגעקומען אין דער מאָסקווער שול פון מאָלעריי, סקולפּטור און אַרכיטעקטור, וועלכע ער האָט געענדיקט אין 1884.

ווען לעוויטאַן איז אָפּגעווען אַ פּאָר יאָר אין דער קונסט־שול, איז געשטאָרבן זיין מוטער, און אין נאָך צוויי יאָר אַרום דער פאָטער. די לאַגע פון דעם 16 יאָריקן קונסט־שילער איז געוואָרן אַ פאַרצווייפלטע. ער האָט איצט אַליין געמוזט זאָרגן וועגן זיך. ער האָט ניט געהאַט מיט וואָס איבערצוקומען אַ טאָג, האָט כראָניש געהונגערט, אָבער ער האָט געאַרבעט אין דער שול פלייסיק און אָן אויפהער. זיין לערער איז געווען דער מאָלער סאַווראַסאָוו.

נעסטעראָוו דערציילט אין זיינע זכרונות אָט וואָס וועגן דעם אַמאָליקן לעוויטאַנען: „אַ שיין יידיש יינגל, ענלעכער צו די איטאַליענישע יינגלעך, וואָס מען טרעפט אַזוי אָפט אויף די סקווערס אין נעאַפּאָל און ווענעציע. ער האָט געצויגן אַלעמענס אויפמערקזאַמקייט אויך מיט דעם, וואָס מען האָט אים אין דער שול געהאַלטן פאַר אַ טאַלאַנט. אָנגעטאָן איז ער געווען גאָר־גאָר באַשיידן — איך געדענק אים ווי איצט אין אַ קעסטלדיקן רעקל. ער פלעגט געדולדיק אָפּוואַרטן די מיטאָג־שעה, ביז זיינע גליקלעכע חברים פלעגן זיך אָנעסן זאַט ביי „מאָיסעאיטשן“ און פלעגן זיך פאַנאַדערגיין אין זייערע קלאַסן. דעמאָלט פלעגט לעוויטאַן שעמעוודיק צוגיין צו מאָיסעאיטשן און אים בעטן וואַרטן נאָך אַביסל מיט זיין חוב פון 39 קאָפּיקעס און באַקומען נאָך עפּעס אויף באָרג, אויף אַ סומע ביז 5 קאָפּיקעס. דאָס איז דעמאָלט פאַר לעוויטאַנען געווען זיין פרישטיק, מיטאָג און וועטשערע“.

אויסער אָט דער כראָנישער נויט און הונגער, איז דער יונגער לעוויטאַן נאָך געווען אין הוילע ציטערניש, טאָמער נעמט די מאָסקווער פּאָליציי און שיקט אים אַרויס, וואָרום ווי אַ ייד האָט ער אין דער הייליקער רוסישער שטאָט ניט געטאָרט וואוינען. מען האָט אים טאַקע עטלעכע מאָל געוואָלט אַרויסשיקן, — איין מאָל, ווען ער איז שוין געווען אַ גאָר באַרימטער קינסטלער.





נעסטעראָוו דערציילט ווייטער, אַז לעוויטאַן האָט דעמאָלט זייער אָפט ניט געהאַט וואו צו נעכטיקן. ער פלעגט נאָך דער אַרבעט אין שול זיך באַהאַלטן דאָרטן ערגעץ אין אַ טונקעלן ווינקל און אַליין אין דער פינצטער אָפּזיצן דעם לאַנגן ווינטער־אָוונט און נאַכט ביז אין דער פרי. אָבער ער האָט געאַרבעט, געאַרבעט פאַרעקשנט, אָן אויפהער.

נאָך זייענדיק אין דער שול, האָט ער שוין אויסגעשטעלט בילדער ביי די באַרימטע רוסישע „וואַנדער־אויסשטעלונגען“. איין גרויסע אַרבעט זיינע געהערט צו יענער צייט, 1880, ווען ער איז געווען 19 יאָר אַלט. דאָס בילד, „אַ האַרבסט־טאָג אין סאָקאָלניקי“, האָט אָפּגעקויפט טרעטיאַקאָוו פאַר זיין באַרימטער קונסט־גאַלעריי אין מאָסקווע.

לעוויטאַן האָט שוין איצט געקאָנט פאַרקויפן אַלערליי קלייניקייטן און באַקומען אַרבעט אין אילוסטרירטע אויסגאַבעס. דערנאָך האָט די שול אים אויך אָנגעהויבן העלפן. דאָס האָט אים דערמוטיקט ביז גאָר און פאַרשטאַרקט זיין ענערגיע אין דער קונסט־אַרבעט. ער האָט ניט אויפגעהערט צו שטודירן די נאַטור. געוואוינט האָט ער דעמאָלט אין אַ מאָסקווער פאָרשטאָט, צוזאַמען מיט אַ קראַנקער שוועסטער.

די שרעקלעכע נויט האָט לעוויטאַנען נאָך לאַנג ניט אָפּגעלאָזן, אַפילו יאָרנלאַנג נאָכדעם ווי ער האָט אין 1884 געענדיקט דעם קורס אין דער שול און האָט אין 1886 געצויגן אַלעמענס אויפמערקזאַמקייט מיט אַ בילד „פרילינג“, ביי אַן אויסשטעלונג פון די „פּערעדוויזשניקי“. עס פלעגן זיין טעג, ווען ער האָט ניט געגעסן קיין מיטאָג. ער האָט ניט אויפגעהערט צו אַרבעטן, אָבער שרעקלעכע צווייפלען פלעגן אים באַפאַלן, און אָפט פלעגט ער אַריינפאַלן אין אַ טיפן יאוש. ווי זיין ביאָגראַף ווערמעל דערציילט, פלעגט ער אָפּטמאָל וויינען ווי אַ קינד, ווען עס פלעגט זיך אים אויסוויזן, אַז זיינס אַ בילד איז אַרויסגעקומען ניט געראָטן.

פון אָנפאַנג אָן האָט לעוויטאַן זיך אַוועקגעשטעלט די שטרענגסטע פאָדערונג אין קונסט, די פאָדערונג פון ערלעכקייט און אויפריכטיקייט, פון קיין פּשרות מיטן קינסטלערישן געוויסן. אַ בילד האָט געמוזט זיין פּערפעקט. לעוויטאַן פלעגט אויף זיינע באַליבטע טעמעס אַרבעטן אין עטלעכע וואַריאַנטן, ביז ער פלעגט באַקומען עפּעס אַזוינס, מיט וואָס ער איז געווען צופרידן.

לעוויטאַן האָט קיינמאָל ניט געטאָן עפּעס, כדי געפעלן צו ווערן דעם עולם. ער האָט אויסגעמיטן יעדן עפעקט, יעדע סענסאַציע, יעדע ביליקייט. וואָס ווייטער, אַלץ ווינציקער האָט ער אין די בילדער געגעבן מעשה, אידייע, טעמע. ער האָט געוואָלט האָבן נאָר בילד, דאָס פולקאָמע בילד. ווי שווער עס האָט אים ניט געדריקט די נויט, האָט ער קיינמאָל ניט געוואָלט האָבן קיין ביליקן דערפאָלג. ער וואָלט לייכט געקאָנט ווערן זייער דערפאָלגרייך, ווען ער וואָלט זיך נאָר אַ ביסל צוגעפּאַסט צו די

געשמאַקן און געוואוינהייטן פון עולם; אָבער ער האָט דאָס קיינמאָל ניט געוואָלט טאָן.

אין 1884 האָט לעוויטאַן זיך באַקאַנט און זיך באַ־פריינדעט מיט דער משפחה פון גרויסן שריפטשטעלער אַנטאָן טשעכאָוו. לעוויטאַן און טשעכאָוו זיינען געוואָרן זייער נאָענטע פריינט, און די פריינדשאַפט האָט אָנגע־האַלטן ביז לעוויטאַנס טויט. עטלעכע זומערס האָט לע־וויטאַן פאַרבראַכט מיט די טשעכאָווס אין זייער זומער־היים אויפן לאַנד.

דעם שריפטשטעלערס שוועסטער מאַריאַ פּאַוולאָוונאַ דערציילט, אַז דעמאָלט איז ביי לעוויטאַנען געווען די גליקלעכסטע צייט פון זיין לעבן. צייטנווייז פלעגט ער זיין פול מיט לעבנספרייד. ער פלעגט ווערן גאָר אַן אַנדערער לעוויטאַן, אַזאַ יונגער און לעבנסלוסטיקער. אָבער דער־נאָך פלעגט אים באַפאַלן אַ טיפער אומעט און אומצו־פרידנקייט מיט זיך. איין מאָל האָט ער אַפילו געפּרוּווט באַגיין זעלבסטמאָרד. טשעכאָווס שוועסטער דערציילט וועגן לעוויטאַנען:

„איסאַק איליטש פלעגט האַרציק שפּאַסן און שטיפן מיט אַלעמען, זיך נאַריש מאַכן, ווי אַ קינד. אָט פלעגט מען אויפן טיר פון זיין אַטעליע, — אַ געוועזענער שטאַל, — אויפהענגען אַ שילד: „די ליי־קאַסע פון דעם סוחר איסאַק לעוויטאַן", און מען פלעגט אָנהייבן באַ־שולדיקן אים אין אַלערליי ניט־געשטויגענע פאַרברעכנס. לעוויטאַן פלעגט זיך פאַרטיידיקן מיט אַזוי פיל שאַרפזין, אַזוי וויציק, אַז אַלע פלעגן זיך קייקלען פאַר געלעכטער. און אָט פלעגט לעוויטאַן גאָר אַרויספאָרן רייטנדיק אויף אַ קליינעם אייזל און אָנגעטאָן אין ווייסע ליילעכער, ווי אַ בעדואין. ער פלעגט אַוועקרייטן אויף אַ לאַנקע אַריבערן טייך, צו אַ מאַכמעדאַנישער אַוונט־גאָטעס־דינסט. אַנטאָן פּאַוולאָוויטש, דער שריפטשטעלער, פלעגט זיך באַהאַלטן הינטער קוסטעס און פון דאָרטן שיסן אויף לעוויטאַנען פון אַ ליידיקן רעוואָלווער".

נאָך אַזעלכע צייטן פלעגן ביי לעוויטאַנען אָנקומען טעג פון געדריקטער שטימונג, פינצטערן יאוש און פאַר־ניכטנדיקע אומצופרידנקייט מיט זיך. דעמאָלט פלעגט ער אַוועקגיין פון מענטשן. מיט אַ ביקס אין האַנט פלעגט ער אויף גאַנצע טעג אַוועקגיין אין פעלדער און וועלדער. נאָך די אָנפאַלן פון פינצטערער שטימונג פלעגט ער זיך ווידער אַריינוואַרפן אין דער אַרבעט.

אַ געשעעניש, וואָס האָט געהאַט אַ גרויסע ווירקונג אויף זיין ווייטערדיקער קינסטלערישער אַנטוויקלונג, איז געווען אַ רייזע אין 1889 צו דער וועלט־אויסשטעלונג אין פּאַריז. אין 1892 האָט זיינס אַ בילד „אַוונט־דעמער" באַקומען אַ פּרעמיע אויף דער אויסשטעלונג פון דער געזעלשאַפט פון „ליבהאָבער פון קונסט". פון דעמאָלט אָן שטייגט זיין באַרימטקייט אַלץ מער און מער. מען קויפט גערן זיינע בילדער און ער געווינט אַ סך פריינט. דאָס איז געווען די בעסטע צייט אין זיין פּערזענלעכן און קונסט־לערישן לעבן. ער האָט זיך באַזעצט ביי די מאַראָזאָווס אין מאָסקווע, וואו מען האָט אים איינגעאָרדנט אַן אויס־געצייכנטע סטודיע. ער איז געוואָרן אַ לערער אין דער שול, וואו ער האָט זיך פריער אַליין געלערנט.

אינמיטן פון די נייַנציקער יאָרן האָט לעוויטאַן זיך דערווייטערט פון דער גרופּע „פּערעדוויזשניקי", אַ קינס־טלער־גרופּע, וואָס פלעגט מאַכן וואַנדערנדיקע אויס־שטעלונגען. ער האָט זיך פאַרבונדן מיט אַ גרופּע יונגע קינסטלער אַרום דעם זשורנאַל „מיר איסקוסטוואַ" („די קונסט־וועלט"). דער הויפּט־פּרינציפּ פון דער נייער גרופּע איז געווען: פולע פרייהייט פאַר דער אַנטוויקלונג פון יעדן באַזונדערן טאַלאַנט, אָן די פּענטעס פון שול און טראַדיציעס. לעוויטאַן האָט גענומען אַ שטאַרקן אָנטייל אין די אויסשטעלונגען פון „מיר איסקוסטוואַ".

אין 1897 האָט די מינכענער קינסטלער־געזעל־שאַפט „סעצעסיאָן" אויסגעקליבן לעוויטאַנען פאַר אַ מיטגליד. אין דעם זעלביקן יאָר האָט מען אים געמאַכט פאַר אַ מיטגליד פון דער רוסישער אַקאַדעמיע פון קונסט. אין דעם זעלביקן יאָר האָט ער אָבער באַקומען אַ האַרץ־קראַנקהייט, פון וועלכער ער איז געשטאָרבן אין דריי יאָר אַרום, דעם 22־טן יוני 1900.

*

די רוסן האַלטן לעוויטאַנען פאַר דעם „פאָטער פון רוסישן נאַציאָנאַלן פּייזאַזש". אַזוי האָבן דערקלערט פאַר־שיידענע באַרימטע רוסישע קינסטלער און קונסט־קרי־טיקער אַמאָל. אַזוי ווערט אויך געזאָגט אין אַ לעוויטאַן־אַלבאָם, וואָס איז אַרויסגעגעבן געוואָרן פון דער מלוכה־שער טרעטיאַקאָוו־גאַלעריע אין סאָוועט־רוסלאַנד. דאָרטן לייענען מיר אין דעם אַריינפיר: „מיט פולן רעכט קאָן מען לעוויטאַנען אָנרופן דער גרעסטער מייסטער פון דעם רוסישן נאַציאָנאַלן פּייזאַזש. אָט דאָס באַשטימט זיין אָרט אין דער געשיכטע פון דער רוסישער קונסט".

אין די 39 יאָר פון זיין לעבן און 21 יאָר פון רייפער קינסטלערישער אַרבעט, ביי באַדינגונגען פון גרויסער נויט און דערדריקטקייט, האָט לעוויטאַן באַוויזן אַ וואונדערלעכן אויפטו. ער האָט איבערגעלאָזן איבער טויזנט בילדער און פאַרענדיקטע עטיודן. און זיי שטעלן אַלע מיט זיך פאָר דאָס דינסטע, צאַרטסטע און מייסטער־האַפטע, וואָס די קונסט פון יענער צייט האָט געקאַנט געבן.

זיי זיינען אַלע לאַנדשאַפטן פון צענטראַל־רוסלאַנד. לעוויטאַן איז געווען אין פינלאַנד, אין קרים, אין מערב אייראָפּע, אָבער אין ערגעץ האָט אים די נאַטור ניט אָנגערעגט אַזוי ווי אין צענטראַל־רוסלאַנד, אין דער מאָסקווער געגנט, צי ביי דער וואָלגע.

ער איז געווען דער פּאָעט אין מאָלעריי, אַזוי ווי טשעכאָוו אין דער דערציילונג. וואָס ווייטער, אַלץ ווינצי־קער „טעמע" האָט ער גענומען פאַר זיינע בילדער. ער האָט זיך געצויגן צום ריינעם בילד, אָן ביליקע סענסאַצ־

יעס און עפעקטן, אָן זייטיקע עלעמענטן פון „אינהאַלט" און אָן „אידייען".

ער איז אַריבערגעוואַקסן דעם נאַטוראַליזם פון די רוסישע מאָלער פאַר אים. האָט ניט איבערגעגעבן אין אַ בילד אַ ווינקל פון דער נאַטור גענוי מיט אַלע פּיטשעווקעס. ער האָט געזוכט איבערצוגעבן דאָס כאַראַקטעריסטישע, וויכטיקע אין דער נאַטור, איר לעבן, איר נשמה. אין זיינע בילדער פילט איר, ווי אַ ווינטל בלאָזט, ווי אַ בלעטל ציט זיך צו אַ שטראַל ליכט. אין קינסטלערישן מעטאָד איז לעוויטאַן געווען צווישן רעאַליזם און אימפּרעסיאָניזם, ווי טשעכאָוו אין ליטעראַטור.

ניטאָ ביי לעוויטאַנען קיין סוזשעטן אין די בילדער און פאַראַן ווינציק מענטשן. ניטאָ אויך ביי אים קיין צו ראַשיקע פֿרייד. פֿאַראַן ביי אים אָן אַ שיעור לעבן. ער האָט געוואוסט די סודות פון דער נאַטור און האָט געקאָנט אין שטריכן און פאַרבן זיי איבערגעבן. ער האָט געקאָנט געבן אין בילד רו און נאָך מער טרויער און אומעט. טרויער איז זיין גרונד־טאָן.

ענג איז געווען דעם גרויסן קינסטלער ביי די „פּעַרעדוויזשניקי", מיט זייערע אַלטע רוסישע אידייען און טעאָריעס. זיין לעבן איז געווען ריינע קונסט.

און ווען עס האָט זיך געגרינדעט דער „מיר איסקוסטווא", אונטער דער אָנפֿירונג פֿון מאַמאָנטאָוו און דיאַנילעוו, איז לעוויטאַן באַלד צוגעשטאַנען צו אָט דער מאָדערניסטישער קינסטלער־גרופּע.

אין דעם זשורנאַל „מיר איסקוסטווא", וואָס האָט געשפּילט אַ גרויסע ראָל אין דער אַנטוויקלונג פון רוסישער קונסט, האָבן זיך באַטייליקט די מערסטע באַדייטנדיקע רוסישע פּאָעטן־סימבאָליסטן, — די מערעזשקאָווסקיס, מינסקי, וואַלערי ברױסאָוו, באַלמאָנט, פיאָדאָר סאָלאָגוב, אַנדרעי ביעלי, — און די פּאָרגעשריטענע רוסישע קינסטלער.

לעוויטאַן האָט זיך זייער טיכטיק באַטייליקט אין די אויסשטעלונגען פון „מיר איסקוסטווא", אָבער ניט לאַנג, סך הכל איין יאָר. די רוסישע קונסט האָט געקאָנט דערוואַרטן נאָך זייער אַ סך פון לעוויטאַנען, ווי די רוסישע ליטעראַטור פון טשעכאָוון. דער טויט האָט פאַרשניטן לעוויטאַנען צו 39 יאָר. אָבער דאָס וואָס ער האָט איבערגעלאָזן, איז געווען אַ רייכע ירושה פאַר שפּעטערדיקע דורות

און אָט די רייכע ירושה האָט דער רוסישער קונסט געגעבן אַ ליטווישער ייד.

פּרעמיערע פון ווילנער ייד. טעאַטער-קאָלעקטיוו „גאָלדגרעבער" — שלום עליכם
אין ליט. מלוכה-טעאַטער, 1947



1טער אַקט — אויפן מאַרק

אויפפירונג און רעזשי — ח. לייקאָוויטש

ליעוו שובין

# וויקטאָר ד. ברענער

(געבוירן אין שאַוול דעם 12־טן יוני 1871, געשטאָרבן אין ניו־יאָרק דעם 5־טן אַפּריל 1924).

צום סוף פון 19־טן יאָרהונדערט איז אין דעם ליטווישן שטעטל שאַוול געבוירן געוואָרן וויקטאָר דוד ברענער. ער איז שפּעטער באַרימט געוואָרן אַלס אַמעריקאַנער יידישער סקולפּטאָר, גראַווירער און מעדאַליסט, וואָס האָט געשאַפן די „לינקאָלן פּעני". ברענער האָט באַקומען אַ טראַדיציאָנעלע יידישע דערציאונג און איז ביז בר־מצווה געגאַנגען אין חדר. פון קינדווייז אָן האָט שוין דודלען געצויגן צו זיין פאַטערס וואַרשטאַט, וואו ער האָט זיך גוט אויסגעלערנט די מלאכה פון אַ שטעמפּל־מאַכער און גראַווירער.

צו 16 יאָר האָט ער אָנגעהויבן אַרומפאָרן איבער די שכנותדיקע שטעטלעך מאַכן שטעמפּלען. כדי פאַרפולקאָמען זיך אין דער אַרבעט, איז ער אַוועקגעפאָרן קיין ריגע אַרבעטן אַלס יואַוועליר, און שפּעטער קיין מיטאַווע, וואו ער האָט באַקומען אַ שטעלע אין אַ פאַבריק פון גומי־שטעמפּלען. דאָרט האָט ער זיך ספּעציאַליזירט אין גראַווירן אילוסטראַציעס און קונסט־אַנאָנסן. אויף אַ קורצע צייט האָט ער זיך באַזעצט אין קאָוונע און איז דאָרט באַרימט געוואָרן אַלס גראַווירער.

ברענער האָט געטרוימט צו ווערן אַ קינסטלער, ער האָט דאָס געשטעלט אַלס זיין לעבנס־ציל און, כדי דאָס צו דערגרייכן, האָט ער מיט אַ ברענענדיקן אימפּעט און פול מיט האָפענונגען פאַרלאָזט זיין היימלאַנד ליטע און אין 1890 געקומען קיין אַמעריקע. ער האָט ניט געהאַט ניט קיין געלט און ניט קיין פריינד. אָבער דאָס האָט אים ניט אַנטמוטיקט, ער האָט גענומען דעם גורל אין זיינע אייגענע הענט. קודם־כל האָט ער געזוכט צו פאַרדינען אויף חיונה. זיין ערשטע אַרבעט אַלס פעדלער מיט שוועבעלעך האָט אים ניט געגעבן גענוג אויף צום לעבן. ער האָט דעריבער געליטן דחקות און נויט. ענדלעך, נאָך לאַנגע מאַטערנישן, האָט ער געקראָגן אַ שטעלע אין זיין פאַך אַלס גראַווירער. אָבער אויך דאָ האָט ער קיין גליקן ניט געמאַכט.

ניט קוקנדיק אויף די לאַנגע און אויסמאַטערנדיקע שטונדן פון דער אַרבעט, האָט ברענערן געשטויסן אַן אינערלעכע קראַפט פאַרזוצעצן זיין בילדונג אין די קונסט־שולן פון „קופּער יוניאָן", אין דער נײשאַנעל אַקאַדעמי אָף דעזיין" און אין דער „אַרט סטודענטס ליג" אין ניו־יאָרק. פון אָנהייב איז אים געווען זייער שווער צו באַנעמען די לימודים אין דעם נייעם לשון. אַ דאַנק אָבער זיינע לינגוויסטישע פעאיקייטן, האָט ברענער שנעל באַהערשט די ענגלישע שפּראַך אין אַזאַ מאָס, אַז אין אַ קורצער צייט האָט ער שוין פליסיק געלייענט אַלץ, וואָס איז געדרוקט געוואָרן וועגן קונסט.

אין 1893 האָט ברענער באַשלאָסן צו ווערן אַ בעל־הבית פאַר זיך און האָט געעפנט אַ ליטאָגראַפיע און גראַוויר־געשעפט אויף עסעקס גאַס. ער ווערט גוט באַקאַנט אַלס אַ פיינער מייסטער פון זיין פאַך, הייבט אָן צו פאַרדינען און קריגט אַ מעגלעכקייט אַראָפּצוברענגען קיין אַמעריקע זיין גאַנצע משפחה.

אויסער דער אַרבעט אין דער ליטאָגראַפיע, האָט ברענער געווידמעט די גאַנצע פרייע צייט זיין באַליבטער קונסט. צווישן אַנדערע, האָט ער געשאַפן אַ קליין מיניאַטור־קעפל פון דעם באַרימטן קאָמפּאָזיטאָר — בעטהאָווען, וואָס האָט געזאָלט דינען ווי אַן עמבלעם פון אַ געזאַנג־פאַראיין. די אַרבעט האָט צופעליק צוגעצויגן די אויפמערקזאַמקייט פון דעם גוט־באַוואוסטן נומיזמאַטיקער פּראָפעסאָר עטינגער, וועלכער האָט דעם עמבלעם באַמערקט אין אַ שויפענצטער, שפּאַצירנדיק אויף דער איסט־סייד. ער האָט זיך זייער שטאַרק פאַראינטערעסירט מיט דעם קליינעם מעדאַליאָן און זיין שעפער. דער יונגער אימיגראַנט פון ליטע, זיינע שאַפונגען און זיין באַציאונג צו קונסט האָבן אויף דעם פּראָפעסאָר עטינגער געמאַכט אַ טיפן איינדרוק. און דורך דער באַקאַנטשאַפט איז ברענער פאַרגעשטעלט געוואָרן צו דער „אַמעריקאַנער נומיזמאַטישער געזעלשאַפט" (אַ געזעלשאַפט וואָס אינטערעסירט זיך מיט מעדאַליאָנען און מטבעות).

אַ גאַנץ נייע וועלט האָט זיך אַנטפּלעקט פאַר דעם יונגן קינסטלער ברענער, ווען ער האָט זיך נאָענט באַקאַנט מיט די גרויסע קאָלעקציעס פון מטבעות און מעדאַלן, וואָס די געזעלשאַפט האָט אים געוויזן. און טאַקע אַ דאַנק זייער רעקאָמענדאַציע האָט ברענער באַקומען באַשטעלונגען און האָט געשאַפן אַ סך קונסט־ווערק, ווי למשל, דעם מעדאַל פון „אַמעריקען געאָגראַפיק סאָסייטי", וואָס מען האָט געשאַנקען די באַרימטע פאָרשער פון די נאָרד־געגנטן — נאַנסען און פּערי. זיין נאָמען איז שנעל געוואָרן באַוואוסט און באַרימט אין די ברייטסטע קרייזן אין אַמעריקע, און ווען נאָר עס האָט זיך געפאָדערט קינסטלערישע שאַפונג, האָט מען זיך קודם־כל געווענדעט צו וויקטאָר ברענער.

ברענער איז אָבער ניט געווען באַפרידיקט בלויז מיט זיין מאַטעריעלן דערפאָלג אין זיין ליטאָגראַפיע. דער דורשט נאָך קונסט־אויסבילדונג האָט אים געשטויסן צו פאַרלאָזן אַמעריקע און פאָרן קיין פאַריז, וואו עס איז

דעמאָלט געווען דער צענטער פון מאָדערנער סקולפּטור און מאָלעריי. אין 1898 איז ער אָנגעקומען קיין פּאַריז. ער האָט דאָרט פיל געאַרבעט און אַנטוויקלט זיינע פּעאַי־קייטן אונטער דער אויפזיכט פון דעם באַרימטן אייראָפּעאישן מעדאַליסט אָסקאַר ראָט און דעם ראַדיקאַלן סקולפּטאָר אַלעקסאַנדער שאַרפּענטיער — פון דער ראָדען גרופּע.

אין 1900 און 1904 האָט זיך ברענער זייער שטאַרק אויסגעצייכנט מיט זיינע אויסשטעלונגען אין „פּאַריז עקספּאָזיציאָן" און „פּאַריז סאַלאָן" און נאָך אַ ריי דער־פאָלגן איז ער אַרויסגעהויבן געוואָרן אויפן ערשטן אָרט צווישן די באַדייטנסטע אַמעריקאַנער פּלאַסטיק־קינסטלער.

נאָכן אַרומרייזן איבער איטאַליע און דייטשלאַנד, באַוואָפנט מיט אַ מערקווירדיקער און פאַרפולקאָמטער טעכניק, איז ברענער אין 1906 צוריקגעקומען קיין אַמע־ריקע. ער האָט זיך גלייך אַריינגעוואָרפן מיט זיין גאַנץ וועזן אין קאַמף, וואָס די אַמעריקאַנער נומיזמאַטישע געזעלשאַפט האָט דאַן געפירט צו רעפאָרמירן און פאַר־בעסערן דעם פּנים פון דער אַמעריקאַנער מטבע.

ווען ברענער האָט מאָדעלירט דעם פּרעזידענט טעאָדאָר רוזוועלט פאַר דעם פּאַנאַמאַ־קאַנאַל־מעדאַל, האָט ער באַ־וויזן דעם דעמאָלטיקן פּרעזידענט אַ צייכענונג פון דעם עמאַנציפּאַטאָר אייבראַהאַם לינקאָלן. דער פּרעזידענט איז אַזוי אַנטציקט געוואָרן פון דעם קונסט־ווערק, אַז ער האָט גלייך רעקאָמענדירט דעם יידישן מעדאַליסט צו זיין סעק־רעטאַר מיט דעם פאָרשלאַג, אַז די צייכענונג זאָל געניצט ווערן פאַר דער נייער „לינקאָלן פּעני". צום 100 יאָריקן געבורטסטאָג פון אייבראַהאַם לינקאָלן, אין 1909, איז די „לינקאָלן־פּעני" דערשינען מיט די איניציאַלן וו. ד. ב. (וויקטאָר דוד ברענער) און האָט אַרויסגערופן גרויס באַגייסטערונג און באַוואונדע־רונג ביי די מבינים און קינסטלער. טויזנטער מענטשן פלעגן יעדן טאָג שטיין אין דער ריי און שטורעמען די געביידע פון טרעזשורי־דעפּאַרטאַמענט צו באַקומען די „לינקאָלן פּעני". מען האָט שוין אַפילו אָנגעהויבן צו ספּעקולירן מיט דער מטבע. ברענערס טריאומף איז געווען אַ פולשטענדיקער, ער איז אָנערקענט געוואָרן אַלס זשעני אין זיין פאַך. אַזוי אַרום זיינען מקוים געוואָרן די ווערטער פון גרויסן סקולפּטאָר ראָדען וועגן ברענערס טאַלאַנט. ניט קוקנדיק אויף דעם, וואָס די צירקולאַציע פון דער „לינקאָלן פּעני" איז געווען העכער פון 22 מיל־יאָן, איז די שמחה עטוואָס צעשטערט געוואָרן דורך דעם פאַקט, וואָס אונטער דעם דרוק פון אַ טייל פון דער געזעלשאַפטלעכער מיינונג האָט מען געמוזט באַזייטיקן פון דער „לינקאָלן פּעני" די אותיות וו. ד. ב. די איני־ציאַלן פון אַ פּריוואַטן מענטשן, האָט מען געטענהט, טאָרן ניט פיגורירן אויף אַ רעגירונגס־מטבע.

די קריטיקער פון סקולפּטור און מעדאַליאָן־קונסט האָבן אָבער געוואוסט, אַז די „לינקאָלן פּעני" איז בלויז אַ קליינע טייל פון ברענערס צאָלרייכע שאַפונגען. דער גאָטגעבענטשטער קינסטלער האָט מאָדעלירט און גע־קלעפּט, צווישן אַנדערע, די מערקווירדיקע סטאַטועןאון באַרעליעפן פון זשאָן העי, דעם באַרימטן דיפּלאָמאַט, וואַלדא עמערסאָן, דעם באַוואוסטן שרייבער־פילאָזאָף, וויליאַמס עוואַרטס, דעם יוריסט, און די אַמעריקאַנער פּרעזידענטן לינקאָלן און טעאָדאָר רוזוועלט.

צווישן זיינע גרעסטע שאַפונגען דאַרפן דערמאָנט ווערן דער באַרעליעף פון דזשאָרזש וואַשינגטאָן אויף דער געביידע פון פעדעראַל־קאָרט אין פּיטסבורג, און דער באַרעליעף פון אייבראַהאַם לינקאָלן אויף דער וואַשינגטאָן אירווינג היי־סקול אין ניו־יאָרק. נאָבעלקייט און פּער־פעקציע זיינען פאַרקערפּערט אין אָט דער נאַציאָנאַל־באַוואוסטער קאָלעקציע פון די באַרימטע אַמעריקאַנער פּערזענלעכקייטן. און דורך זיי האָט ברענער אויסגעדריקט ריכטיק און טריי דעם אמתן דעמאָקראַטישן גייסט פון אַמעריקע.

אין 1910 האָט ברענער אַרויסגעגעבן אַ בוך אילוס־טראַציעס „די קונסט פון מעדאַל", וואָס האָט געמאַכט אַן אויסערגעוויינלעכן איינדרוק אין דער וועלט פון מע־דאַליאָן־קונסט.

אין די לעצטע יאָרן פון זיין לעבן האָט ברענער אַ סך געקרענקט. נאָר זיין ליבע און הייראַט מיט ען ריד אין 1913 איז פול געווען מיט צופרידנהייט און גליק. אַ קוואַל פון גרויסער באַפרידיקונג איז געווען פאַר אים זיין פאַר־בינדונג און מיטגלידערשאַפט פון דער „אַמעריקען נומי־זמאַטיק סאָסייטי", „אַרכיטעקטואַל ליג" און „ניישאַנאַל סקולפּטור סאָסייטי" אין ניו־יאָרק, וואו ער איז געווען טיף געאַכטעט און געשעצט, און וואו זיין קינסטלערישע רעפּוטאַציע איז געשטאַנען אויף גאָר אַ הויכע שטופע.

ברענער איז רעפּרעזענטירט מיט זיינע שאַפונגען אין די גרעסטע מוזעאומס פון פּאַריז, באָסטאָן און ניו־יאָרק. ער איז אויך געווען אַן אָפטער אָנטיילנעמער אין די אויסשטעלונגען אין „פּאַריז סאַלאָן" און אין דער לאָנדאָנער „ראָיאַל אַקאַדעמי". ברענערס בעס־טע שאַפונגען זיינען רעפּראָדוצירט אין דעם קאַטאַלאָג פון דער „אַמעריקאַנער נומיזמאַטישער געזעלשאַפט", ניו־יאָרק, 1920.

ווי אַ מאָדערנער קינסטלער פון אַ ברייטן אינטע־לעקטועלן פאַרנעם, האָט ברענער איינגעזאַפּט אין זיך פון אַלע מעגלעכע קונסט־קוועלן. דאָס האָט אים אָבער ניט געשטערט צו אַנטוויקלען זיין מערקווירדיקן טאַלאַנט און געפינען דעם פּערזענלעכן אויסדרוק אין זיינע שאַ־פונגען, וועלכע פאַרמאָגן אַן אָריגינעלן כאַראַקטער און אייגנאַרטיקן סטיל.

לויט דער צאָל פון זיינע שאַפונגען און לויט זייער קינסטלערישן ווערט פאַרנעמט וויקטאָר דוד ברענער איינעם פון די באַדייטנסטע ערטער צווישן די סקולפּטאָרן און מעדאַליסטן אין אַמעריקע.

## גרינדונגס-זיצונג פון דער קאָוונער העברעאישער טעאַטער-סטודיע




פון רעכטס: ד. ליפעץ (לייטער פון ליטוו. מרכז „תרבות״), נ. שאַפּירא, נ. גרין, ח. לייקאָוויטש, ד״ר י. פרידמאַן, א. נ. פראכאָווניק (פרחיהו), ל. וואלאָוויצקי

## קאָוונער העב. טעאַטער-קאָלעקטיוו ביי „טיש-אַרבעט״



1טע ריי: ח. פּז, צ. ראַיעק, נ. שאַפּירא, ח. לייקאָוויטש (ח. ל. אלבימון), ל. וואלאָוויצקי (א. אנקוריון), ס. ראיעק
2טע ריי: נ. גוטמאַן, ד. בונק, וו. לייבאָשיץ (גוריוני), ע. יודעלעוויטש, גילדע און בלאָך

יעקב קאַזלאָווסקי

# יידישע קינסטלער פון ליטע

ווער האָט דען אין אַמעריקע אַ השגה, וואָס דאָס איז אַזוינס אַ קליין שטעטל אין מזרח־אייראָפּע? אַ קליין שטעטל אין ליטע, מיט זיינע בלאָטעס אין פרילינג, אין וועלכע מען פאַרלירט ניט נאָר די קאַלאָשן, נאָר אָפטמאָל אויך די שטיוול; וואו די קינדער מוזן געטראָגן ווערן פון זייערע מאַמעס אָדער טאַטעס אויף די פּלייצעס אין חדר אַריין; אַ שטעטל מיט קרומע הייזלעך, מיט פאַרלאַטעטע דעכער, באַוואַקסענע מיט מאָך; הייזלעך אָנגעוואָרפענע איינס אויף דעם צווייטן, אָנגעשפאַרטע איינס אויף דעם אַנדערן ווי מחנות קאַליקעס; מיט הינקעדיקע באַראַקן, מיט צעקרומטע פענצטערלעך; מיט שילדן, אויף וועלכע ס'איז מיט קרומע שורות פון אַ צעבראָכענער שריפט אויסגערעכנט די סחורות, וואָס דער יידישער קרעמער פאַרקויפט אין זיין קרעמל.

אָט אין אַזאַ שטעטל איז דער יידישער גאון געבוירן און אויסגעוואַקסן:

סוטין, לעוויטאַן, אַנטאָקאָלסקי, גינצבורג.

מערקווירדיק, וואָס די קליינע ליטע האָט געגעבן פּראָפּאָרציאָנעל אַזאַ גרויסע צאָל וועלט־באַרימטע קינסטלער. איך וועל זיך דאָ אָפּשטעלן אויף די קינסטלער פון מיין עפּאָכע, די קינסטלער, וועלכע איך האָב פּערזענלעך גוט געקענט, געזען די בעסטע פון זייערע שאַפונגען.

וועגן לעוויטאַן, אַנטאָקאָלסקי און גינצבורג איז פיל געשריבן געוואָרן אין דער רוסישער און יידישער פּרעסע. די רעפּראָדוקציעס פון זייערע שאַפונגען זיינען געדרוקט אין רוסישע און יידישע כרעסטאָמאָטיעס. זיי פאַרנעמען אַ גרויסן אָרט אין דער רוסישער נאַציאָנאַלער קונסט.

לעוויטאַן האָט געטראָגן דעם נאָמען: קינסטלער פון דעם רוסישן נאַציאָנאַלן פּייזאַזש. אַנטאָקאָלסקי האָט געקראָגן אַ פּרעמיע פאַרן ביוסט: „איוואַן דער גרויזאַמער“, קיינעם פון די רוסישע סלאַווישע סקולפּטאָרן איז ניט געלונגען אַזוי איבערצוגעבן דעם כאַראַקטער פון אַזאַ קאָמפּליצירטן גייסט ווי דער רוסישער אַבסאָליוטער הערשער, צאַר איוואַן דער פערטער, מיטן צונאָמען „איוואַן דער גרויזאַמער“.

## חיים סוטין

איך וויל דערציילן וועגן אַ קינסטלער, וואָס אים איז באַשערט געווען צו פאַרנעמען אַ פּלאַץ צווישן די וועלט־באַרימטע קינסטלער פון אייראָפּע, און וועלכער איז פּריצייטיק אומגעקומען אין דער צייט פון צווייטן וועלט־קריג אין פאַריז.



זיין נאָמען איז חיים סוטין. דער פאָטער זיינער, אַן אָרעמער פאַנאַטישער סמילאָוויטשער שניידער, געבויגן אונטער דער משא פון זיין ביטערן גורל, האָט געוואָלט מאַכן פון זיין זון אַ שוסטער.

עס איז אינטערעסאַנט, אַז סמילאָוויטש האָט געלאָזן אויף חיים סוטינען אַן אייביקן שטעמפּל. דאָס ערשטע מאָל האָב איך זיך מיט אים באַקאַנט אין אַ פּאַריזער קאַפע. אַ פּאַריזער יידישער קינסטלער האָט מיר, אויף מיין ביטע, צוגעזאָגט צו באַקענען מיר מיט אים. איינמאָל האָט מיר דער קינסטלער צוגערופן צו זיין טישל און געזאָגט:

— זייט באַקאַנט. דאָס איז חיים סוטין.

איך האָב געמיינט, אַז ער טרייבט שפּאַס. פויל, כמעט איבער גוואַלט, האָב איך אויסגעשטרעקט די האַנט.

איך בין געווען אַנטוישט. ניט אַזאַ האָב איך זיך פאָרגעשטעלט דעם גרעסטן יידישן מאָלער. און זיין יידיש! ער האָט געזאָגט „ס“ אָנשטאָט „ש“ און „ש“ אָנשטאָט „ז“.

ווען איך האָב באַגלייט אַהיים דעם קינסטלער, וואָס האָט מיר באַקאַנט מיט סוטינען, האָט ער מיר אין וועג דערציילט סוטינס גאַנצע ביאָגראַפיע. ער האָט נאָך סוטינען געקענט, ווען סוטין האָט נאָך ניט געקענט פאַרקויפן זיינס אַ בילד אַפילו פאַר אַן איינציקן מיטאָג. סוטין פלעגט אָפט קומען אין דעם זעלבן קאַפע מיט צעריסענע הויזן, דורך וועלכע עס האָט זיך אַרויסגעזען זיין נאַקעטער לייב. צו פאַרטרייבן דעם הונגער פלעגט ער אָפט טרינקען זעלצער וואַסער פון אַ סיפאָן. דאָס האָט ניט געקאָסט קיין געלט, און איז תמיד געשטאַנען אויף די טישלעך.

סוטינס ביאָגראַפיע קלינגט פאַנטאַסטיש.

די תשוקה צו אַ קאָלירטן בליישטיפטל האָט געשפּילט אַן אַנטשיידנדיקע ראָל אין סוטינס קינדהייט. דאָס איז דער פּתרון צו זיין לעגענדע.

זיין אַ מאָלער, — וואָס הייסט דאָס? דער דאָזיקער באַרוף, וואָס אַ פראַנצויז אָדער איטאַליענער וואָלטן געפונען פאַר גאַנץ נאַטירלעך, געפינט זיך אָבער מחוץ דעם פּסיכישן לעבן פון אַ ייד. זיין אַ מאָלער ביי יידן הייסט — איבערטרעטן די נאָרמעס פון אַ לעבנסשטייגער, וואָס איז פאַרהייליקט דורך אַ דורות־לאַנגער טראַדיציע. אַ פאַרביסענע אומגלייכע מלחמה הייבט זיך אָן צווישן קינד, אין וועלכן עס לעבט דער דעמאָן פון מאָלעריי, און דעם פאָטער, וועלכער פאַרקערפּערט די יידישע אָרטאָדאָקסישע פרומקייט אין איר פּרימיטיווסטער באַגרענעצטער פאָרם.

דאָס גערודפטע קינד חיימל גנבעט בסוד אַ חפץ פון

דער היים, פאַרקויפט אים בחצי־חינם און קויפט זיך דעם אַזוי לאַנג באַגערטן קאָלירטן בליישטיפט. ער ווערט דערפאַר שפּעטער אַרויסגעטריבן פון חדר און געשלאָגן פון אַלעמען, דערצו באַקומט ער נאָך אַ באַזונדערן פּסק פאַרן באַדעקן מיט משונהדיקע צייכענונגען די צאַמען און ווענט אין שטעטל.

אַ פּשוטער ייד פון שטעטל דערלויבט צו מאָלן זיין פּאָרטרעט. ער באַקומט מוט און גייט מאָלן אַ חשובן זקן מיט אַ שיינער גראָער באָרד. דער זקן הייסט אים קומען צו זיך אין הויז. אָבער קוים באַוויזן איבערצוטרעטן די שוועל, ווערט ער באַפאַלן פון די זין, וועלכע קאָנען אים ניט מוחל זיין די העזה צו וועלן מאָלן דאָס בילד פון זייער פאָטער, נאָכדעם ווי ער האָט אויך געצייכנט יענעם פּשוטן יידן, דעם שטעטלשן נאַר.

מער טויט ווי לעבעדיק קומט ער אַרויס פון די דאָזיקע קלעפּ. ער מוז גיין אין שפּיטאָל. פאַר אָט דעם דאָזיקן פּרייז קומט ער צו זיין אויסלייזונג. אויס מורא פאַר אַ מסירה צו דער פּאָליציי, פאַרן האַלטן ס׳מויל האָט סוטין געקראָגן 25 רובל. אָט מיט דער סומע לאָזט ער זיך אַוועק איבער דער ווייטער וועלט. און דאָ ערשט הייבן זיך אָן די שבעה מדורי גיהנום.

ער גייט אָפּגעבן אַן עקזאַמען אין ווילנער קונסט־שול. די טיר פון דער שול עפנט זיך ניין אַזייגער. סוטין קומט פיר אַזייגער ביינאַכט און מאַרשירט ווי אַ וועכטער אַהין און צוריק ביז עס עפנט זיך די טיר.

ער פאַלט אָבער דורך. ער בעט זיך שפּעטער רחמים, מען זאָל אים לאָזן האַלטן דעם עקזאַמען נאָך אַ מאָל. מיט דער הילף פון די פּראָפעסאָרן גופא געלינגט אים צו מאַכן מער־ווייניקער אַן אַקאַדעמישע צייכענונג.

די 25 רובל ענדיקן זיך. ער גייט ווידער אַרום אַ הונגעריקער. ביז ענדלעך דערבאַרעמט זיך אויף אים אַ ווילנער דאָקטאָר און גיט אים שטיצע. דער זעלבער דאָקטאָר שיקט אים אויך קיין פּאַריז, וואו ער קומט אין יאָר 1911, אין עלטער פון 17 יאָר. דאָ קומט ער אָן אין דער קונסט־אַקאַדעמיע.

איך קען זייער גוט די קונסט־אַקאַדעמיע. איך האָב אין איר פאַרבראַכט אַ פינף־זעקס יאָר. און דאָס פאַרוואונדערט מיר אַמערסטנס. פון די אַקאַדעמישע צייכענונגען און מאָלערייען ביז זיינע לעצטע בילדער איז אַ שפּרונג צו דער לבנה אויף אַ באַפליגלט פערד... פון אַ קלאַסישער, אַקאַדעמיש באַאַרבעטער צייכענונג ביז — אַ קאָמפּלעטע צעשטערונג פון טראַדיציאָנעלער פאָרם און ליניע; ביז צעשטערונג פון יעטוועדער שפּור פון אָנגענומענע כללים פון קאָמפּאָזיציע; ביז צעשטערונג פון יעטוועדער שפּור פון מענטשלעכער אַנאַטאָמיע. איין ברויזנדע כוואַליע פון פאַרבן. און ריכטיק האָט באַמערקט איינער פון זיינע קריטיקער: „סוטינס אַ בילד קוקט אויס ווי ער וואָלט אויסגעשפּיגן אויפן לייוונט זיין נשמה צוזאַמען מיט זיין בלוט״.

עס איז שווער צו דעפינירן די טיפּישע שטריכן פון יידישן זשעני. פיל מערב קינסטלער האָבן איבערגעטרעטן די פּרינציפּן פון מאָלעריי, נאָר אויף אַזוי פיל האָט עס נאָך ניט געטאָן קיינער. דאָס איז די פּערזענלעכע טראַגעדיע פון סוטינס לעבן און זיין גאַנץ פאָלק, וואָס האָט ניט קיין רענעסאַנס, האָט ניט זיין פּרימיטיוו, ניט זיין אַרכיטעק־

## אַ גרופּע באַקאַנטע קאָוונער יידישע קינסטלער



פון רעכטס אויף לינקס: יאַפע, בעקער, צעסלער, מאַרקוס, קאַלאַוועסקי, שטרייכמאַן און ליפשיץ

טור ; אַ פאָלק וואָס איז געווען אָן אַ פאָטערלאַנד, אָן אייביקער וואַנדערער, דערווײלט פון גאָט און געהאַסט פון אַלע זיינע באַשעפענישן.
אָט דאָס איז דער ענטפער וועגן סוטינס מאָלעריי.

## מ ע ס ע נ ב ל י ו ם

פון סוטינען גיי איך אַריבער צו מעסענבליומען. אויך ער איז פריצייטיק פון אונדז אַוועק, אין מיטן פון זיין שעפערישן וואוקס. ער איז אַ לאַנגע צייט געווען אַ לערער אין אַ העברעאישער גימנאַזיע אין קאָוונע. האָט דערצויגן אַ יונגן דור קינסטלער, האָט אויך דאָ אין אַמעריקע אַ היפּשע צאָל שילער, וואָס פאַרנעמען אַן אָרט אויף אַלערליי געביטן.

מעסענבליום האָט אויך אין אָנהייב שטודירט אין ווילנער קונסט־אַקאַדעמיע. קיין קאָוונע איז ער געקומען שוין מער־ווייניקער אַ רייפער קינסטלער. ניט געהאַט די מעגלעכקייט אויסצונוצן דעם מאָמענט. נאָר דאָס איז ניט געווען אין זיין כאַראַקטער. אַפילו די פליכטן פון אַ לערער פון צייכענען איז געלעגן אויף זיינע פּלייצעס ווי אַ יאָך. און אייניקע יאָר נאָכן ערשטן וועלט־קריג, ווען עס האָט זיך נאָר אַ ביסל איינגעשטעלט און מען האָט זיך געקענט אַ ריר טאָן פון אָרט, האָט מעסענבליומס ברייטע נשמה געזוכט פרייהייט, שפּייז פאַר זיינע שאַפונגען. ער האָט זיך געלאָזט פאָרן אין דער ברייטער וועלט אַריין, אין די גרויסע קונסט־צענטערס, וואָס האָבן גראָד טאַקע אין יענער צייט, נאָך לאַנגן מלחמה־שלאָף, געברויזט מיטן גאַנצן אימפּעט. און מעסעבליום מיט זיין הייסן טעמפּעראַמענט האָט ניט געקענט אויסקלייבן קיין בעסערן פלאַץ ווי פּאַריז.

אין יאָר 1924 האָט מען שוין געקענט טרעפן מעסענבליומען אַרומשפּרייזן מיט זיינע ברייטע טריט איבער די פּאַריזער בולוואַרן, קלייבנדיק שטאָף פאַר נייע קאָמפּאָזיציעס.

זיין ברויזנדיקע נאַטור האָט ניט גערוט קיין מינוט. ער האָט געאַרבעט איך די מוזייען, אין אַטעליעס און אויף דער גאַס. אויך ביינאַכט האָט מען אים געקאָנט טרעפן אין די קינסטלער־קאַפעען מיט אַ בלאָקנאָט אין דער האַנט. דאָרט האָט ער זיך באַקענט מיט סוטינען, מיט שאַגאַלן און פיל אַנדערע באַרימטע קינסטלער פון אונדזער עפּאָכע.

אין יאָר 1926 האָט מען שוין געקאָנט זען זיינע בילדער אויף די ווענט פון די גרעסערע סאַלאָנען, צוגלייך מיט די בילדער פון פראַנצויזישע באַקאַנטע קינסטלער.

ווער עס האָט פון פריער געקענט מעסענבליומען מיט זיינע צייכענונגען אויף ספּעציפיש יידישע טעמעס, דער וועט אפשר באַדויערן דעם קינסטלער פאַר זיין „אַסימילאַציע״. ניטאָ כמעט מער די יידישע פּנימער מיט די געדרייטע פאות ; ניטאָ אויך דער בית־עולם פון דער ליטווישער פּראָווינץ ; ניטאָ די דרייפאַכיקע ספּעציפיש־יידישע קרומע בית־מדרשים. אָנשטאָט זיי באַווייזן זיך טיפן פון דער פּאַריזער אונטערוועלט אין זייערע ספּעציפישע לאָקאַלן.

דאָס פּאַסירט מיט קינסטלער פון פאַרשיידענע נאַציאָנאַליטעטן. ווי איך האָב שוין געזאָגט, זיי האָבן זייער פרימיטיוו, זייער רענעסאַנס. וואָס קאָן דער ייד פאַרלירן ? ער צעמישט זיך אין דעם בבל פון אונדזער צייט און וויל זיך אַפילו ניט אומקערן צוריק.

מעסענבליום איז געשטאָרבן זייער יונג. איך צווייפל ניט, אַז ווען ער וואָלט דערלעבט ביזן היינטיקן טאָג, וואָלטן מיר געהאַט אין אים אַ גרויסן יידישן קינסטלער. ליטע וואָלט געקאָנט שטאָלצירן מיט אים. זיינע פיל אַרבעטן זיינען געבליבן ביי זיין פרוי, די אַרטיסטין קאַרנאָווסקאַיאַ, וועלכע איז שפּעטער אומגעקומען אין דער נאַצישער קאַטאַסטראָפע און זיינע שאַפונגען זיינען צערויבט געוואָרן.

## מ אַ ק ס ב אַ נ ד

מאַקס באַנד איז געבוירן געוואָרן אין ניישטאָט. ווי מעסענבליום, איז ער געווען אַ לערער פון צייכענען אין די העברעאישע גימנאַזיעס.

ער האָט געקראָגן אַ סטיפּענדיע צו פאָרן שטודירן אין בערלין. און ווי פעאיק ער איז ניט געווען, פאַלט ער אַרונטער אונטער דעם איינפלוס פון די מאָדערנע דייטשישע קינסטלער.

ער פאַרלאָזט בערלין און פאָרט, ווי אַלע שטרעבנדיקע קינסטלער, קיין פּאַריז. פּאַריז איז אין לעצטן יאָרהונדערט די בעסטע שול, דער בבל, וואו עס זאַמלען זיך צונויף קינסטלער פון אַלע פעלקער און לשונות פון דער גאַנצער וועלט. פּאַריז איז פאַרן לעצטן יאָרהונדערט דאָס זעלבע ווי פלאָרענץ און ווענעציע אין דער רענעסאַנס־צייט. יעטוועדער, וואָס איז געקומען אין יענער צייט קיין איטאַליע, האָט געמוזט באַצויבערט ווערן פון דעם ריזיקן איטאַליענישן גייסט, און היינט, ווער עס קומט קיין פּאַריז און טרעפט זיך צונויף מיט דער פראַנצויזישער קולטור בכלל און מיט דער קונסט בפרט, פאַרשטייט, אַז ניט די פראַנצויזישע סאָלדאַטן, ניט אירע גיטער האָבן זי געמאַכט אַזוי גרויס, נאָר אירע גרויסע אידייען. און פאַרשטיין און אָפּשאַצן אָט דעם באַהאַלטענעם אוצר, קאָן נאָר דער אויסלענדער, וועלכער קומט קיין פּאַריז מיט זיינע זוכונגען. דאָס געפיל פון אונדזערע גרויסע מענטשן אין פּאַריז דערמאָנט אין דעם וואָס אַלבערט דירער האָט געשריבן אין זיין ווערק וועגן ווענעציע — דעם פּאַריז פון יענער צייט : „אָ, ווי איך וועל פרייען זיך אונטער דער זון ! דאָ בין איך אַ האַר, אין דער היים בין איך אַ פּאַראַזיט״.

איז ניט קיין וואונדער, וואָס מאַקס באַנד האָט באַקענענדיק זיך מיט דער קונסט און די באַרימטע קינסטלער פערזענלעך, אַ לאָז געטאָן זיך פליען ווי אַ בין פון איין שיינעם בלומען גאָרטן צום צווייטן, קלייבנדיק דעם האָניק

פאַר זיין בינשטאָק. זיינע ערשטע אויסשטעלונגען זיינען אונטער אַ שטאַרקן פרעמדן איינפלוס, אָבער צוגלייך באַפרייט ער זיך שנעל און באַקומט אַן אייגן פּנים. ער מאָלט אָפּט, און זייער געלונגען, פּאָרטרעטן פון זיין פרוי און קינד. להפך סוטינען, האָט באַנד ליב אַ שיינע ליניע, אַ שטרענגע פאָרם. ער מאָלט ווייך מיט אַ זייער שיינער גאַמע פון קאָלירן.

ער מאָלט אָפּט בילדער פון יידישן לעבן. אַ יידישע חתונה מיט די קלעזמאָרים. ער האָט אייניקע מאָל געמאָלט דעם ליטווישן יידישן יתום. דאָס לעצטע בילד וואָס מיר איז אויסגעקומען זען אין פּאַריז אין סאַלאָן דע אָטאָמן איז אַ גרויסע קאָמפּאָזיציע, אַ פּראָטעסט קעגן דעם נאַצי־טעראָר: די נאַצי־כוליגאַנעס שלעפּן געוויבטע לייכטער פון אַ שול; פון אַ צווייטער טיר זעט מען אַ יידן, ראַטעווענדיק אַ ספר־תורה פון דער שוין אונטערגעצונדענער שול. — זייער אַ געלונגענע קאָמפּאָזיציע אין טונקעלע, פּיין האַרמאָנירטע קאָלירן.

פיל פון מאַקס באַנדס בילדער געפינען זיך אין מוזייען און פּריוואַט־קאָלעקציעס. ער האָט זייער גוטע קריטיק אין דער פראַנצויזישער און אַמעריקאַנער פּרעסע.

## אַ ר ב י ט ב ל אַ ט

אַרביטבלאַט איז געבוירן געוואָרן אין קאָוונע. האָט שטודירט אין פּאַריז ביים באַרימטן פראַנצויזישן קינסטלער לאָט (אַ קוביסט), אונטער וועלכנס איינפלוס ער האָט געמאָלט זיינע ערשטע בילדער.

אַרביטבלאַט הייבט זיך אָן אויסצושטעלן זייער יונג. זיין יעטוועדע נייע אויסשטעלונג טראָגט אויף זיך דעם חותם פון אַ נייער ווירקונג פון איינעם פון די באַרימטע פראַנצויזישע מאָדערנע קינסטלער.

מען דאַרף זיין אַן אָקעאַן, זאָגט ניטשע, אַז מען זאָל אַריינגעמען אַלע טייכן און בלייבן ריין. אָבער אַרביטבלאַט האָט צייט. איז גענוג יונג. ווען מיר זאָלן זיך מאַכן פאַרגעסן אין די איינפלוסן, זיינען אַרביטבלאַטס געמעלן אַזוי פיין געצייכנט, אין אַזאַ רייכער פאַרבן־שפּיל, אַז מען קען זיי שטעלן אין איין ריי מיט די בילדער פון די גרעסטע אַמעריקאַנער קינסטלער. ס'איז קיין ספק ניט, אַז אין דעם טאָג, ווען ער וועט זיך אויסקריסטאַליזירן, שאַפן זיין אייגענע פּאַליטרע, זיין אייגענע וועלט, וועט ער פאַרנעמען אַ גרויס אָרט צווישן די קינסטלער.

אַרביטבלאַט איז באַשאָנקען, וואָס עס איז זייער וויכטיק, מיט אַן אייזערנעם ווילן, מיט אומגעהערטער ענערגיע און איז גרייט אַלץ צו אָפּפערן פאַר דער קונסט. זיינע בילדער געפינען זיך אין פיל פּריוואַטע קאָלעקציעס.

## מ אַ ר ק ו ס

מאַרקוס, אַ געבוירענער אין קאָוונע, וועלכער געפינט זיך היינט אין פראַנקרייך, איז אַרביטבלאַטס אַ חבר. געשטודירט ביי דעם זעלבן באַקאַנטן פראַנצויזישן קוביסט לאָט. אונטער זיין איינפלוס האָט ער אַ לאַנגע צייט געמאָלט. ער איז געווען עקסטרעם מאָדערן. האָט ניט אָנערקענט — ניט אַנאַטאָמיע, ניט פאָרם. האָט געמאָלט מערסטנס קאָמפּאָזיציעס, ניט נוצנדיק קיין מאָדעל, אין זייער טונקעלע טאָנען, שטאַרק אונטערשטרייכנדיק דעם קוביסטישן סטיל.

ער האָט גענוצט זיין זעלבסט פּרעפּאַרירטן גראָבן לייוונט מיט אַ ספּעציפיש גלאַנצנדיקן אייל־פאַרב. מיט איין וואָרט, ניט געקוקט אויף דעם גרויסן איינפלוס אויף אים מצד זיין פּראָפעסאָר, האָט ער שוין דאַן געהאַט עטוואָס אייגנס אין דער טעכניק פון מאָלעריי. און דאָס איז זייער וויכטיק.

שטודירנדיק און וואוינענדיק אין איין צימער צוזאַמען מיט אַרביטבלאַטן, איז ער אָבער אין זין פון „קינסטלער־קאַריערע" דער הפך פון אים. עס איז אים קיינמאָל ניט אָנגעגאַנגען די קונסט אויף טויט און לעבן.

## לעווינסאָן און שטרייכמאַן

די נעמען לעווינסאָן און שטרייכמאַן זיינען זייער באַקאַנט. ביידע — קאָוונער. ביידע — שילער פון פלאָרענצער קונסט־אַקאַדעמיע. איינער, שטרייכמאַן, איז גוט באַקאַנט אין ישראל, וואו ער געפינט זיך אויך היינט; דער צווייטער, לעווינסאָן, איז קענטיק אומגעקומען אין קאָוונע.

עפּעס האָט פּאַסירט אין לעווינסאָנס פּריוואַטן לעבן. זאָל עס זיין דער איינפלוס פון זיין פרוי, אָדער זיינע עלטערן, נאָר ער האָט זיך אָפּגעשטעלט גלייך אין אָנפאַנג פון זיין קאַריערע. ער האָט באַוויזן אָנטיילצונעמען עטלעכע מאָל אין אַן אויסשטעלונג פון אַ גרופּע יונגע קינסטלער און דאָס איז געווען דער סוף.

איך וועל ניט איבערטרייבן, ווען איך וועל זאָגן, אַז ער איז געווען צו זיינע 25 יאָר איינער פון די טאַלאַנטפולסטע קינסטלער אין ליטע. אַ ווירטואָז אין צייכענען. אַ גלענצנדיקער קאָמפּאָניסט. עס האָבן אים באַוואונדערט אַלע זיינע מיטשילער און זיין באַרימטער מאַעסטראָ.

שטרייכמאַן האָט געענדיקט די פלאָרענצער קונסט־אַקאַדעמיע און זיך באַזעצט אויף אַ קורצער צייט אין פּאַריז. איז אָבער זייער שנעל אַרונטערגעפאַלן אונטער דעם איינפלוס פון די פראַנצויזישע מאָדערנע קינסטלער, ניט באַמיענדיק זיך אַפילו צו זוכן זיין אייגענעם וועג. מעגלעך, אַז היינט האָט ער שוין אַן אויסגעאַרבעטן אייגענעם סטיל. ער האָט זייער א גוטן פונדאַמענט, און איך בין איבערצייגט, אַז ער וועט זיך, פריער אָדער שפּעטער, באַפרייען פון זיין אומזיכערקייט.

## אַ קינסטלער־גרופּע

אַ גרופּע פון צוויי מאָלער און אַ סקולפּטאָר, וועלכע זיינען געווען גוט באַקאַנט דעם קאָוונער פּובליקום, זיינען: בעקער, ליפשיץ און יאָפּע.

זיי האָבן אין איין צייט געשטודירט אין דער ליט־

ווישער קונסט־שול. געלעבט אינאײנעם און געשאַפן צוזאַמען. זיי זיינען אַלע דריי אומגעקומען — מעגלעך אויך צוזאַמען. איך שטעל זיך אָפּ אויף זיי, ניט ווייל זיי האָבן שוין עפּעס אַ גרויסן באַדייט אין דער קונסט־מאָלעריי, הגם בעקער האָט אַרויסגעוויזן גרויס טאַלאַנט און זייער שנעל זיך באַפרייט פון דער ווירקונג פון דער ליטווישער שול.

מיט וואָסער עקשנות זיי האָבן געשטרעבט צו דערגרייכן דעם ציל. איך וועל קיינמאָל ניט פאַרגעסן מיין ערשטן וויזיט ביי זיי אין זייער „סטודיאָ“. איך בין דעמאָלט אָקאָרשט געווען אָנגעקומען, נאָך מיין פאַרענדיקן די פּאַריזער קונסט־אַקאַדעמיע. מיר איז אויסגעקומען צו זען אויסערגעוויינלעכע נויט און פּיין ביי די יונגע קינסטלער. איך האָב עס געקענט געפינען אין מיינע אייגענע גרענעצן. נאָר זייער לאַגע האָט אַפילו מיך פאַרוואונדערט.

זיי האָבן געוואוינט אויפן בוידעם פון דער רעדאַקציע „אידישע שטימע“. עס איז געווען פינצטער. בלויז דאָס פייער פון אַ ספּירט־מאַשינקע, אויף וועלכער עס האָט זיך געפּרעגלט אַ פּיינקוכן, האָט געוואָרפן אַ בינטל העלע שטראַלן אויף זייערע פּנימער.

קיין שפּור פון מעבל. בלויז אַ פּאָר הינקעדיקע שטולן און אַ טיש, געמאַכט פון אַ קאַסטן.

*

איידער איך פאַרענדיק, וויל איך דערמאָנען נאָך אייניקע נעמען פון ליטווישע יידישע קינסטלער און סקולפּטאָרן, דאָס זיינען: שרה גאָרשיין, משה צעסלער, שערמאַן, פּיינשטיין, כהן, גינזבורג און ליפשיץ, קענסקי־שאַלטופּער און יאָסימאַס *.

---

* שרה גאָרשיין און קענסקי־שאַלטופּער לעבן אין ישראל; סקולפּטאָר משה צעסלער געשטאָרבן איינזאַם דעם 2־טן יולי 1963 אין תל־אביב; די איבעריקע אומגעקומען.

פּראָפ. שמעון דובנאָוו אין קאָוונע (1936)



אַ צוזאַמענטרעף מיט קאָוונער פאָלקס־מענטשן.

לייב קאַדיסאָן (שוסטער)

# קאָוונער דראַמאַטיש־מוזיקאַלישע געזעלשאַפט און די „ווילנער טרופּע"

(אַ ביסל זכרונות)

קאָוונע האָט פון שטענדיק געהאַט אַ נאָמען פון אַ מוזיקאַלישער שטאָט. די גרעסטע זינגער פון די קייזערלעכע טעאַטערס און די בעסטע סימפאָנישע אָרקעסטערס פון די צאַרישע צייטן פלעגן געבן קאָנצערטן אין קאָוונע. איטאַליענישע און רוסישע אָפּערע־טרופּעס פלעגן קומען קיין קאָוונע יעדעס יאָר און שפּילן פאַר געפּאַקטע הייזער. די גרעסטע צאָל באַזוכער האָבן צוגעשטעלט יידן — פאַרשטייט זיך, נאָר פאַרמעגלעכע.

די אָרעמערע באַפעלקערונג האָט אָבער אויך ליב געהאַט מוזיק און טעאַטער, פלעגט זי טאַקע אָנפילן דעם „נאַראָדני דאָם", ווו יידישע טרופּעס פלעגן שטענדיק שפּילן; איבערהויפּט האָבן אויסגענומען גאָלדפאַדענס האַרציקע אָפּערעטעס מיט די זיסע יידישע ניגונים.

די טעאַטער־לידער פלעגן נאָכדעם געזונגען ווערן אין די וואַרשטאַטן ביי דער אַרבעט, און שבת נאָכמיטאָג, ווען בחורים מיט מיידלעך פלעגן זיך צונויפקומען פאַרברענגען אין וואַלד אויף פּעטראָווקער באַרג, אָדער אין „וואָסעלואווקע", אין אַלעקסאָט. אויך די עלטערע און פרומערע יידן האָבן ליב געהאַט געזאַנג. דעריבער האָט קאָוונע פאַרמאָגט גוטע חזנים, אפילו די קליינע „שניידערשע" שול האָט געהאַט דעם „גראָדנער" חזן־מגיד וועלכער איז געווען אַ געשמאַקער „זאָגער". זיינע תפילות און ניגונים פלעגן אַריינדרינגען טיף אין האַרצן.

דער גראָדנער חזן האָט געהאַט דריי זין, אַלע מיט פיינע שטימען, זיינען זיי טאַקע אין צייט געווען זיינע משוררים. זיי זיינען איצט די פאַמיליע גאָרין אין ניו־יאָרק. איינער פון זיי איז געווען דער פאַרשטאָרבענער „פאָרווערטס"־מיטאַרבעטער י. קיסין (גאָרן).

איך האָב געוואוינט אויף דעם זעלביקן הויף, וואו דער גראָדנער חזן. פאַר ימים נוראים פלעגט דער הויף קלינגען מיט די האַרציקע געשמאַקע געזאַנגען.

איך בין געוואָרן מיט דעם חזנס זון גאָר נאָענטע חברים, און אַ דאַנק אָט דער חברשאַפט איז שפּעטער אַרויסגעקומען די דראַמאַטישע מוזיקאַלישע געזעלשאַפט.

ווען דעם גראָדנער חזנס עלטערער זון, ניסן גאָרניצקי, האָט חתונה געהאַט, איז זיין הויז געוואָרן דער זאַמלפּונקט פאַר אַ גרופּע בחורים און מיידלעך מיט אַ נייגונג צו מוזיק. יעדן שבת פלעגט זיך די גרופּע דאָרט פאַרזאַמלען, זינגען לידער, שמועסן וועגן מוזיק, אימפּראָוויזירן אַ כאָר און איבערזינגען שטיקער פון באַוואוסטע אָפּערעס, אָפּערעטעס, קלאַסישע לידער.

יידישע לידער האָט די גרופּע אין מויל ניט גענומען, דאָס איז אַן עסק פאַר באַלמעלאָכעס, ניט פאַר אינטעליגענטע מענטשן. ערשט ווען פּעטערבורגער אָפּערע־זינגער פון דער „הזמיר"־אָרגאַניזאַציע האָבן געגעבן אין קאָוונע אַ קאָנצערט פון יידישע פאָלקס־לידער, האָט די גרופּע זיך גענומען אינטערעסירן מיט יידישע פאָלקס־מוזיק. מען פלעגט שוין אין די שבתים צוזאַמען זינגען גאָלדפאַדענס לידער. און אַזוי איז אויפגעקומען דער געדאַנק, אַז די גרופּע זאָל אויספירן אַ יידישע אָפּערעטע, טאַקע גאָלדפאַדענס „שולמית", און אויב דער פּרואוו וועט זיך איינגעבן, וועט די גרופּע זען צו ווערן אַ שטענדיקע מוזיקאַלישע געזעלשאַפט.

דער פּלאַן איז אַלעמען געפעלן געוואָרן, אָבער צו פאַרווירקלעכן אים איז ניט געווען אַזוי לייכט. עס האָט זיך געוואָלט געבן אַ פאָרשטעלונג מיט אַ פאַרנעם, מיט אַ גרויסן כאָר, אָרקעסטער, גוטע סאָליסטן פאַר די הויפּט־ראָלן, מיט קינסטלערישע דעקאָראַציעס, קאָסטיומען און טעכנישער אויסשטאַטונג. כדי דאָס אַלץ דורכצופירן האָט מען געדאַרפט האָבן אַ פּאָר מענטשן מיט פעאיקייטן, מוט און ענערגיע.

צום גליק האָבן זיך די פּאָר מענטשן באַלד געפונען. נתן גאָרניצקי, אַן איבערגעגעבענער מיט לייב און לעבן צו יידישער מוזיק, דערצו אַ פעאיקער, פאַרמעגלעכער געשעפטס־מאַן, האָט איבערגענומען די אָנפירונג פון דער זאַך. די מוזיקאַלישע זייט האָט איבערגענומען דער כאָר־מייסטער פון קאָוונער כאָר־שול, יעלאַווצין, די רעזשיסערישע אַרבעט, ווי איינצולערנען מיט די שפּילער די דראַמאַטישע מאָמענטן און די גאַנצע דעקאָראַטיווע זייט האָב איך איבערגענומען, ווייל זייענדיק פאַרבונדן אַ לענגערע צייט מיטן רוסישן טעאַטער ווי אַ דעקאָראַציע־מאָלער, איז מיר ניט פרעמד געווען די קונסט פון רעזשירן און אויפפירן אַ פּיעסע.

פאַר די מענער־ראָלן האָבן מיר שנעל געפונען די פּאַסיקע פּערזאָנען: מאָטל מאַנדעלברויט, מיט זיין שיינער דראַמאַטישער טענאָר־שטימע — אַלס אַבשלום; דער פּאָטאָגראַף אַראָן מיט זיין באַס־באַריטאָן — אַלס מנוח; דער פריילעכער ח. צעסלער — אַלס צינגיטאַנג, א. אַ. וו. די צוויי פרויען פאַר שולמית און אביגיל איז שוין שווערער געווען צו קריגן. מען האָט געמוזט זוכן איבער דער שטאָט, ביז מ'האָט געפונען צוויי גימנאַזיסטקעס, בערקמאַן און סלאָבאָדסקאַיאַ. טאַקע ניט קיין קאָוונער, אָבער ביידע — שיינע, יונגע און מיט גוטע שטימען. אַ כאָר האָבן מיר געוואָלט האָבן פון 30—40 פּערזאָן, ווי עס פירט זיך אין די אָפּערעס, אָבער וואו קריגט מען אַזוי פיל זינגער? איז גאָרניצקין איינגעפאַלן צו גיין אין

די שניידער־וואַרשטאַטן און זוכן שטימען... איז ער טאַקע געגאַנגען פון וואַרשטאַט צו וואַרשטאַט און האָט אויסגעקליבן בחורים און מיידלעך מיט גוטע שטימען. אַזוי איז געשאַפן געוואָרן אַ גרויסער און גוטער כאָר.

די פאָרשטעלונג איז געווען אַ גרויסער יום־טוב פאַר גאַנץ קאָוונע. דער שטאָטישער טעאַטער איז געווען איבערפולט, די יידישע אַריסטאָקראַטיע איז געווען פאַרטראָטן מיט פּראַכט און גלאַנץ. די מאַסן האָבן אָנגעפילט די גאַלעריע. אויך פיל קריסטלעכע געסט זיינען געקומען. אַפילו דער יידן־פריינדלעכער גובערנאַטאָר וועריאָווקין מיט זיין סוויטע האָט ניט געפעלט אין זיין לאָזשע.

דער דערפאָלג איז געווען גאָר אַ גרויסער, ווייל די פאָרשטעלונג איז געווען אַן אמת קינסטלערישע. צום ערשטן מאָל האָט מען געזען אַ יידישע אָפּערעטע מיט אַזאַ רייכן פאַרנעם, אַזאַ גרויסן כאָר און אָרקעסטער, אַזעלכע ספּעציעל־געבויטע דעקאָראַציעס און נייע קאָסטיומען, אויסגעהאַלטן אין סטיל און פאָרם.

די רוסישע צייטונג „קאָווענסקי טעלעגראַף" איז אַרויס מיט אַ באַגייסטערטער קריטיק, געלויבט די שפּילערס און די גאַנצע אויפפירונג און פאָרגעלייגט, אַז די צופעליקע גרופּע זאָל ווערן אַ שטענדיקע טעאַטער־געזעלשאַפט.

עס האָבן זיך באַלד פאַראינטערעסירט מיט דער גרופּע די געזעלשאַפטלעכע טוער ד"ר פיינבערג, פּראָוויזאָר עליאַשעוויטש, אַדוואָקאַט ווידוצקי, א. א. עס האָט ניט לאנג גענומען, און די צופעליקע גרופּע האָט געקראָגן ד'עם נאָמען: „קאָוונער יידישע דראַמאַטיש־מוזיקאַלישע געזעלשאַפט", מיט אַ דערלויבעניש פון פּעטערבורג און געדרוקטע סטאַטוטן.

די נייע געזעלשאַפט האָט געקראָגן פיל מיטגלידער און איז באַלד צוגעטראָטן צו פּראָבעס פון אַ צווייטער פּיעסע, אויך גאָלדפאַדענס אַן אָפּערעטע, „דאָקטאָר אַלמאָסאַדאָ". אָט די פאָרשטעלונג האָט געהאַט נאָך מער דערפאָלג ווי די ערשטע, ווייל אויסער וואָס די שפּילער און זינגער האָבן שוין געהאַט מער געניטקייט און דערפאַרונג, האָט די פּיעסע אַליין זייער אויסגענומען מיט איר נאַציאָנאַלן דראַמאַטישן אינהאַלט.

ווייל דער גרעסטער טייל מיטגלידער זיינען געווען מוזיקאַלישע מענטשן, איז צום דריטן מאָל באַשטימט געוואָרן צו שפּילן גאָלדפאַדענס היסטאָרישע אָפּערעטע „בר־כוכבא". די הויפּט־ראָל איז געשפּילט געוואָרן פון דעם געשולטן באַריטאָן מילנער. די אויפפירונג האָט איבערגעשטיגן די ערשטע צוויי מיט דעם פאַרנעם, סיי מיטן גוטן שפּילן און זינגען פון דעם גאַנצן פּערסאָנאַל און סיי מיט דער פּרעכטיקער קינסטלערישער אויסשטאַטונג.

די ריינע פּראָפיטן פון די פאָרשטעלונגען פלעגט מען אָפּגעבן פאַר די געליטענע פון די פּאָגראָמען אין ביאַ־



ליסטאָק און קישעניעוו און פאַר די קאָוונער הילפס־אינסטיטוציעס.

דערווייל איז די געזעלשאַפט געוואַקסן, האָט שוין געהאַט אַ פאָר הונדערט מיטגלידער, שפּילער און זינגער און געסט. צוויי וויכטיקע פּערזאָנען זיינען צוגעקומען אין דער פאַרוואַלטונג: אַדוואָקאַט גידאָני און דענטיסט ראַבינאָוויטש. לויט זייער איניציאַטיוו האָט מען געדונגען קלוב־צימערן, וואו עס פלעגן פאָרקומען שבת־צו־נאַכט קאָנצערטן פאַר די מיטגלידער און געסט. מען האָט אויך געשאַפן אַ סטרונע־אָרקעסטער, וועלכער האָט זיך באַטייליקט אין די קאָנצערטן.

אין יענער צייט איז געקומען אין זיין היים־שטאָט קאָוונע דער באַוואוסטער קריטיקער און עסייאיסט בעל־מחשבות (ד"ר עליאשעוו), וועלכער האָט זיך באַלד פאַראינטערעסירט מיט אונדזער געזעלשאַפט. עס האָט ניט לאַנג גענומען, און ער איז געוואָרן איר פאָרזיצער און גייסטיקער פירער.

מיט זיין אַריינקומען האָט די געזעלשאַפט געקראָגן אַ מער ליטעראַרישן כאַראַקטער.

ער האָט געהאַלטן פאַר אונדז לעקציעס וועגן ליטעראַטור און דראַמאַטישער קונסט. אַדאַנק בעל־מחשבותס איינפלוס האָבן מיר זיך גענומען אויפצופירן ערנסטע דראַמעס.

די ערשטע איז געווען דוד פּינסקיס „פאַמיליע צבי", די צווייטע — גאָרדינס „דער מטורף", די דריטע — פּינסקיס „די מוטער".

עס זיינען צוגעקומען נייע דראַמאַטישע טאַלאַנטן, ווי די שוועסטער פּיקעלטשיק, די מענער שטיינבאַך און וועבער, וועלכע זיינען שפּעטער געוואָרן פּראָפעסיאָנעלע שוישפּילער אין רוסלאַנד.

איך האָב די פּיעסן רעזשיסירט, און מיט דער הילף פון בעל־מחשבותס ליטעראַרישע אָנווייזונגען האָבן זיך באַקומען קינסטלערישע פאָרשטעלונגען אין צוזאַמענשפּיל און אין איבערגעבן רעאַליסטיש די באַזונדערע ראָלן.

די קריטיק האָט פאַרגליכן די פאָרשטעלונגען מיט די בעסטע רוסישע ספּעקטאַקלען.

די געזעלשאַפט איז זייער פּאָפּולער געוואָרן ניט נאָר אין קאָוונע, גאָר איבער דער גאַנצער גובערניע און האָט אַפילו דערגרייכט ביז ווילנע. פון אומעטום האָט מען אונדז איינגעלאַדן, מיר זאָלן קומען שפּילן. אָבער מיר זיינען אין ערגעץ ניט געפאָרן, ווייל אַלע מיטגלידער זיינען געווען פאַרנומענע מענטשן מיט פּריוואַטע געשעפטן אָדער מלאכות.

די געזעלשאַפט איז געוואָרן די הויפּט־קולטור־אינסטיטוציע אין קאָוונע. די מיטגלידערשאַפט איז געוואַקסן ביז איבער 500. די פאָר קלוב־צימערן אויפן „נייעם פּלאַן" זיינען געוואָרן צו קליין, האָט מען געדונגען ריטס גרויסן חתונה־זאַל, אויסגעבויט דאָרט אַ בינע, אַריינגעשטעלט 500 שטולן און קאָוונע האָט צום ערשטן מאָל געהאַט אַן אייגענעם יידישן טעאַטער, מיט אַ לייען־זאַל,

מיט שאַפעס יידישע ביכער, מיט בילדער פון יידישע שרייבער און קינסטלער אויף די ווענט, ווי עס פאַסט פאַר אַ יידישן קולטור־צענטער.

צו דער עפענונג האָט מען אַראָפּגעבראַכט שלום־אַשן, וועלכער האָט מיט באַגייסטערונג באַגריסט קאַוונער יידן מיט זייער אייגענער יידישער היים.

אויף דער קליינער בינע פלעגן אויפגעפירט ווערן קינסטלערישע פּראָגראַמען: ליטעראַרישע איינאַקטערס, סצענעס, מאָנאָלאָגן, פאָלקס־לידער און יידישע מוזיק.

באַזונדער האָבן זיך אויסגעצייכנט די פּראָגראַמען אין די יידישע ימים־טובים: פּסח, סוכות, חנוכה און פּורים, וואָס מיר פלעגן געבן פאַר קינדער און דערוואַקסענע.

דער וואַרשעווער „הזמיר" פלעגט יעדעס יאָר דורכפירן אַ פּורים־מאַסקאַראַד מיט יידישע מאַסקעס. די פּורים־בעלער פלעגן באַשריבן ווערן אין פּעטערבורגער יידישער צייטונג „דער פריינד" און אין דעם זשורנאַל „דער ייד".

האָט די קאַוונער געזעלשאַפט אויך באַשלאָסן דורכצופירן אַזאַ פּורים־מאַסקע־באַל. צו דעם צוועק בין איך געפאָרן קיין וואַרשע צו זען דעם „הזמיר"־מאַסקאַראַד. צום באַדויערן, איז ניט געווען וואָס צו זען... עטלעכע ייִנגלעך מיט מיידלעך האָבן זיך אַרומגעדרייט אין אַ קליינעם זאַל מיט אָרעמע, געשמאַקלאָזע מאַסקעס.

עס האָט אָבער זיך געלוינט צו פאָרן און זען זיך מיט דעם גרויסן י. ל. פּרץ.

ער האָט מיך אויפגענומען מיט פיל פריינדשאַפט און וואַרעמקייט, געגעבן מיר זיינע איינאַקטערס אויפצופירן ביי אונדז און פיל נוצלעכע אָנווייזונגען פאַר דער געזעלשאַפט.

דעם נאָענטסטן פּורים האָבן מיר דורכגעפירט אַ פּורים־מאַסקע־באַל אין טילמאַנס גרויסן טעאַטער, מיט דריי פּריזן פאַר די בעסטע יידישע מאַסקעס.

אַלע אין שטאָט, אָרעם און רייך, האָבן זיך געגרייט צום מאַסקאַראַד. די נאַכט פון פּורים זיינען די גאַסן פאַרפלייצט געוואָרן מיט אַלערליי מאַסקעס. ווייל די דראָזשקעס זיינען געווען פאַרנומען האָבן די מאַסקעס געמוזט גיין צו פוס דורך דעם „נייעם פּלאַן" צו דער פאָרשטאָט קאַרמעליטע. די קריסטלעכע באַפעלקערונג האָט באַוואונדערט דעם מאָדנעם יידישן קאַרנאַוואַל.

דער פּורים־באַל איז געווען די לעצטע גרויסע אונטערנעמונג, וואָס די געזעלשאַפט האָט געהאַט.

אין עטלעכע חדשים אַרום, סוף יולי 1914, האָט אויסגעבראָכן די ערשטע וועלט־מלחמה, און באַלד איז אַרויסגעגעבן געוואָרן דער באַרימטער באַפעל פון דעם צורר ניקאָלאַי ניקאָלאַיעוויטש, אַז אַלע קאַוונער יידן מוזן פאַרלאָזן די שטאָט אין 24 שעה.

מיר זיינען געלאָפן פון קאַוונע, איבערלאָזנדיק האָב־און־גוטס. מען האָט אַלע יידן פאַרפּאַקט אין פראַכט־וואַגאָנען און פאַרשיקט אין טיף־רוסלאַנד, אַנדערע אַפילו ביז סיביר.

איך מיט מיין פאַמיליע בין געווען פון די גליקלעכע, וועמען עס האָט זיך איינגעגעבן אַראָפּצוכאַפּן זיך קיין ווילנע. און דאָ קום איך צו דעם, ווי אַזוי די „ווילנער טרופּע" איז באַשאַפן געוואָרן.

אין ווילנע פלעגט שטענדיק שפּילן אַ יידיש טעאַטער. ווען די מלחמה האָט אויסגעבראָכן, האָט די מיליטערישע מאַכט פאַרבאָטן יידיש טעאַטער, ווייל די שפּראַך איז ענלעך צו דייטש... דער דירעקטאָר פון יידישן טעאַטער ליפּאָווסקי מיט דער גאַנצער טרופּע זיינען אַוועקגעפאָרן קיין שאַנכיי, צו שפּילן דאָרטן טעאַטער פאַר די אַנגעלאָפענע פּליטים.

אין ווילנע איז אויך געווען אַן אַמאַטאָרן־גרופּע, וועלכע פלעגט דורכפירן דראַמאַטישע פאָרשטעלונגען.

אַ פּאָר מיטגלידער פון דער גרופּע, אַלעקסאַנדער עזרא און חיים שניאור, האָבן זיך דערוואוסט וועגן מיין קומען קיין ווילנע (דער דערפאָלג פון די קאַוונער קינסטלערישע פאָרשטעלונגען האָט שוין פון לאַנג געהאַט אַ שם אין ווילנע), זיינען זיי באַלד געקומען צו מיר מיט אַ פאָרשלאַג, איך זאָל אויפפירן מיט זייער גרופּע עטלעכע פּיעסן.

אויף מיין פראַגע, ווי אַזוי וועלן זיי קאָנען שפּילן, ווען יידיש טעאַטער איז פאַרווערט פון דער רוסישער רעגירונג, האָבן זיי מיר דערקלערט: ביז מיר וועלן פאַרטיק ווערן מיט די רעפּעטיציעס, וועלן שוין אין ווילנע זיין די דייטשן, און מען וועט דאַן קאָנען עפענען אַ שטענדיקן קונסט־טעאַטער, צו וועלכן זיי שטרעבן שוין פון לאַנג, נאָר דער אַלטער אָפּערעטן־טעאַטער האָט זיי געשטערט. איצט וועט ניט זיין ווער ס'זאָל שטערן...

איך האָב ניט פיל געהאַלטן פון זייערע פּלענער, ווייל איך בין געווען זיכער, אַז היינט־מאָרגן וועלן די רוסן צעשמעטערן די דייטשן, ס'וועט ווערן שלום, און איך וועל זיך קאָנען אומקערן צוריק אין מיין געבורטסשטאָט קאַוונע, זיך פאַרנעמען מיט מאַלעריי ווי מיין פּראָפעסיע, און מיין פרייע צייט ווידער אָפּגעבן דער דראַמאַטישער געזעלשאַפט, וועלכע איז מיר געווען אַזוי ליב און טייער.

דאָך האָב איך מסכים געווען צו רעפּעטירן מיט זיי אַ פּיעסע, ווי לאַנג איך בין געצוואונגען צו זיין אין ווילנע.

מען האָט מיך באַקענט מיט דער גאַנצער גרופּע, וועלכע איז באַשטאַנען פון אַ פופצן יונגע אינטעליגענטע בחורים און מיידלעך. צווישן זיי: סאָניאַ עלמית, פאָלי וואַלטער, נח נאַכבוש, שלום טאַנין א. אַ.

מיר זיינען צוגעטראָטן צו רעפּעטירן צוויי פּיעסן מיטאַמאָל: „דער לאַנדסמאַן" פון שלום אַש און „אַ פאַרוואָרפענער ווינקל" פון פּרץ הירשביין.

פאַרשיידענע פּרואוון צו שאַפן אַ בעסער יידיש טעאַטער האָט געמאַכט י. ל. פּרץ, אַ. ווייטער און אַנדערע שרייבער. דער דערפאָלגרייכסטער פון זיי איז געווען פּרץ הירשביין. אים האָט זיך איינגעגעבן צו שאַפן אַ קינסטלערישן דראַמאַטישן טעאַטער, וועלכער האָט צוליב געוויסע סיבות עקזיסטירט נאָר אַ קורצע צייט.

אָבער, דאָס וואָס ס׳האָט זיך אַרויסגעוויזן פאַר כמעט אוממעגלעך אין דער שלום־צייט, איז באַשאַפן געוואָרן אונטערן דונער פון האַרמאַטן, צווישן די חורבות פון פאַרברענטע און צעשמעטערטע מויערן פון ירושלים דליטא, ווילנע.

די דייטשן האָבן גאָר גיך פאַרנומען קאָוונע און זייערע אַרמייען האָבן גענומען זיך דערנענטערן צו ווילנע. מיר האָבן אָנגעהויבן ענערגישער אָנגיין מיט די רעפעטיציעס, זייענדיק זיכער, אַז באַלד קומען די דייטשן, און מיר וועלן קאָנען עפענען דעם נייעם יידישן טעאַטער.

גלייכצייטיק האָבן מיר געזען צו פאַראינטערעסירן די געזעלשאַפטלעכע טוער פון ווילנע מיט אונדזערע פּלענער. צו דעם צוועק איז גערופן געוואָרן אַ גרינדונגס־פאַרזאַמלונג, אויף וועלכער עס זיינען געווען איינגעלאַדן די כלל־טוער: ד״ר וויגאָדסקי, ד״ר שאַבאַד, די ליטעראַטן ד״ר אָלשוואַנגער, זלמן רייזען, דן קאַפּלאַנאָוויטש, י. שאַליט, פּלודערמאַכער, א. א.

דאָס איז געווען דער ערשטער אָוונט, וואו צוקונפטיקע יידישע אַקטיאָרן און ליטעראַטן האָבן זיך צונויפגעטראָפן אָן קנאה־שנאה, מיט ליבע און איבערגעבנקייט צו איין זאַך, פאַר איין צוועק.

די לאַגע אין ווילנע איז געוואָרן ערגער פון טאָג צו טאָג, די דייטשע עראָפּלאַנען האָבן געוואָרפן באָמבעס, עס זיינען שוין געווען געהרגעטע און פאַרוואונדעטע, די שרעק איז געוואָרן גרויס, די באַפעלקערונג האָט זיך באַהאַלטן אין די קעלערס, און די גאַסן זיינען געוואָרן טויט און פּוסט.

די רוסן האָבן דערפילט, אַז באַלד וועלן זיי מוזן פאַרלאָזן די שטאָט, האָבן זיי דעם כעס אויסגעלאָזן צו די יידן... געשלאָגן, גערויבט און אונטערגעצונדן הייזער. יום־כיפּור ביינאַכט זיינען זיי אַוועק, אויפרייסנדיק אַלע אַמוניציע־סקלאַדן און בריקן.

באַלד האָבן אַריינמאַרשירט די דייטשן מיט גרויס פּאַראַד און זיך צעלייגט אויף די ווילנער שמאָלע גאַסן מיט די האַרמאַטן, מאַשין־ביקסן און קיכן. די שטאָט איז פאַרוואַנדלט געוואָרן אין אַ מיליטערישן לאַגער.

עס איז באַשטימט געוואָרן אַ דייטשער בירגערמייסטער, וועלכער האָט באַפוילן, עס זאָלן זיך פאָרשטעלן פאַר אים די פאָרשטייער פון אַלע געזעלשאַפטן און אָרגאַניזאַציעס.

איך, עזרא און שניאור האָבן זיך אויסגעפּוצט אין די יום־טובדיקע קליידער און געגאַנגען צו אים זיך פאָרשטעלן ווי די אָנפירער פון דעם נייעם יידישן טעאַטער אין ווילנע.

מיר האָבן דאָרט געטראָפן וואַרטנדיק אַלערליי דעפּוטאַציעס פון די פּני פון ווילנע, — יידן, פּאָליאַקן, ליטווינער און רוסן, אלע חשובע מענטשן, באַוואוסטע כלל־טוער. און צווישן אָט די אַלע סאָלידע דעפּוטאַציעס זיינען געשטאַנען דריי יונגע־לייט, — אַ שניידער, אַ מאַלער און אזוי אַ בחור, — וועלכע זיינען געקומען קריגן אַ דערלויבעניש צו עפענען אַ דראַמאַטישן יידישן טעאַטער.



אונדזער ריי איז געקומען. דער בירגערמייסטער, — אַ דיקער דייטש מיט אַ צעשניטן פּנים, האָט אונדז אויסגעפרעגט וועגן דעם נייעם יידישן טעאַטער, וואָס מיר ווילן עפענען, אונדז צוגעפירט צום פענצטער, געוויזן ווי די סאָלדאַטן ליגן אויסגעלייגט אויפן גאַס, און געזאָגט: „זעהען זי״, מיינע סאָלדאַטן ליגן נאָך אויף דער גאַס, האָבן ניט קיין קוואַרטיר, דער ציווילער באַפעלקערונג פעלט ברויט צום עסן, און אייך פעלט נאָר אַ יידיש טעאַטער ?

נאָר ווען מיר האָבן אים אויפגעקלערט, אַז יידיש טעאַטער איז געווען פאַרווערט פון די רוסן, ווייל די שפּראַך איז ענלעך צו דער דייטשער, איז ער ווייכער געוואָרן: „אָך, זאָ־אָ״, — האָט ער געזאָגט, באַלד עפּעס פאַרנאָטירט און געהייסן אונדז קומען אין אַ פּאָר וואָכן אַרום, ווען די שטאָט וועט אַריין אין איר נאָרמאַלן לעבן.

דאָס נאָרמאַלע לעבן איז אַזוי גיך ניט געקומען. אמת, די דייטשן האָבן גענומען מאַכן אָרדענונג אין שטאָט אויף זייער שטייגער. רעקוויזירט אַלץ וואָס ס׳האָט זיך נאָר געלאָזן: בהמות, פערד, הינט, קופּער, מעש, אייזן, מעבל, אַפילו... די גאַסן־פּרויען. זיי צונויפגענומען פון די „הייזלעך״ און פון די גאַסן, איינגעטיילט אין דריי קלאַסן און אויפגעהאָנגען גרויסע שילדן אויף די „באָרדעלאַנשטאַלטן״ מיט די אויפשריפטן: „נור פיר אָפיצירן״, „נור פיר סאָלדאַטן״ און „נור פיר ציווילע״...

דער דיקער בירגערמייסטער האָט זיך ניט געאײַלט: און נאָר אַדאַנק דער באַמיאונג פון ד״ר וויגאָדסקי און ד״ר שאַבאַד, וועלכע זיינען באַשטימט געוואָרן פאַר ראַטמענער, האָבן מיר ענדלעך באַקומען די דערלויבעניש צו עפענען אַ יידישן טעאַטער אין ווילנע.

איצט איז אויפגעקומען די וויכטיקע פראַגע: וואו נעמט מען אַ טעאַטער־געביידע ? די פּאָר ווילנער טעאַטערן זיינען גלייך פאַרנומען געוואָרן פון די דייטשן, וועלכע האָבן דאָרטן געשפּילט ביליקע אָפּערעטן און פאַרסן.

אין די גוטע צייטן האָט ווילנע ניט געהאַט קיין אָנשטענדיקע געביידע פאַר דעם יידישן טעאַטער. די יידישע טרופּעס האָבן געמוזט געפינען פאַר זיך אַ מקום־עבודה אין דעם זאַל פון דער „יידישער ביליקער קיך״, אויף „נאָוויגאָראָד״, כמעט הינטער דער שטאָט, וואוהין קיין אָנשטענדיקער מענטש פלעגט ניט וועלן קומען.

שפּעטער האָט דער טעאַטער־דירעקטאָר ליפּאָווסקי זיך באַזעצט אין דער הילצערנער צירק־געביידע אויף לוקישקי־פּלאַץ.

ווען די מלחמה האָט אויסגעבראָכן, האָבן די רוסן אַריינגעשטעלט מיליטערישע פערד אין דעם צירק, און דער יידישער קונסט־טעמפּל איז פאַרוואַנדלט געוואָרן אין אַ פערד־שטאַל. אויך די דייטשן האָבן אַהין אַריינגעשטעלט פערד, ווען זיי האָבן פאַרנומען ווילנע. און אַזוי ווי זיי זיינען איידעלער פון די רוסן — פאַרטראָגן ניט קיין קעלט — האָבן זיי אַריינגעשטעלט אייזערנע אייוונס און געהייצט מיט די שטולן, מעבל, דעקאָראַציעס און אַלץ וואָס ס׳האָט זיך נאָר געלאָזן ברענען...

דער באַלעבאָס פון צירק — הורוויטש — דער־וויסנדיק זיך, אַז מיר האָבן געקראָגן אַ דערלויבעניש צו עפענען אַ יידישן טעאַטער, איז געקומען צו אונדז מיט אַ פאָרשלאַג: ער גיט אונדז אָפּ דעם צירק אומזיסט, און וועט נאָך מאַכן דעם נייטיקן רעמאָנט, מיר זאָלן נאָר פועלן ביי די דייטשן, זיי זאָלן אַרויסנעמען די פערד.

אונדז איז דער צירק געווען גאָר ניט צום האַרצן: אַ שרעקלעכע בינע און אַ שלעכטע אַקוסטיק, קאַלט און ניט געמיטלעך. אָבער אַ ברירה האָבן מיר געהאַט! מיר זיינען געווען אפשר זייער רייך אין גייסט, אָבער זייער אָרעם אין קעשענע. אַפילו אויפן טעגלעכן ברויט האָט אונדז געפעלט, און ניט איינמאָל איז אונדז אויסגעקומען, אָנשטאָט אַ גוטן מיטאָג, זיך צו זעטיקן מיט אַ גוטער רעפּעטיציע. און קיין אַנדערע געביידע האָט מען בכלל ניט געפונען.

פועלן ביי די דייטשן אַרויסצונעמען די פערד פון צירק האָט געקאָסט מער מי, ווי צו באַקומען די דערלויבעניש צו שפּילן. זיינען אונדז ווידער געקומען צו הילף די האַרציקע כלל־טוער: ד״ר שאַבאַד און ד״ר וויגאָדסקי. אַדאַנק זייער מי, האָט זיך איינגעגעבן צו פועלן, מען זאָל אָפּרייניקן דעם צירק און לאָזן מאַכן פון פערד־שטאַל אַ יידישן קונסט־טעמפּל.

מיר האָבן גענומען זיך גרייטן צו דער עפענונג, די אַרבעט האָט אָנגעהויבן ברענען. אַ גאַנצן טאָג מאַכט מען פּראָבעס אין קאַלטן צירק, די הענט זיינען געשוואָלן פון קעלט. ביינאַכט פלעגן מיר אַליין צוגרייטן די דעקאָראַציעס, באַזאָרגן מעבל, רעקוויזיטן און קאָסטיומען.

די טרופּע האָבן מיר אַ נאָמען געגעבן: „פאַראיין פון יידישע דראַמאַטישע אַרטיסטן אין ווילנע", אָדער פאַרקירצט: „פאַדאַ". (דעם נאָמען „ווילנער טרופּע" האָט אונדז געגעבן שפּעטער ה. ד. נאָמבערג, ווען מיר זיינען געקומען קיין וואַרשע).

נעמען האָבן מיר אויך אונדזערע אייגענע פאַרביטן אויף אויסגעטראַכטע טעאַטער־נעמען. ווייל טאָמער קומען די רוסן צוריק און וועלן אונדז באַשטראָפן דערפאַר, וואָס מיר האָבן געבראָכן זייער פאַרבאָט צו שפּילן יידיש טעאַטער.

ענדלעך, דעם 16־טן פעברואַר 1916, איז פאָרגעקומען די פייערלעכע עפענונג, מיט שלום אַשס „דער לאַנדסמאַן"; און אויף מאָרגן, דעם 17־טן פעברואַר מיט פּרץ הירשביינס „אַ פאַרוואָרפענער ווינקל".

די גרויסע, קאַלטע הילצערנע צירק־געביידע איז געווען אָנגעפילט מיט אַ פאַרשיידנפאַרביקן עולם: יידישע „אַריסטאָקראַטן", וועלכע פלעגן באַזוכן נאָר דעם רוסישן טעאַטער, און אויף „זשאַרגאָנישן טעאַטער" געקרימט מיט דער נאָז; די האַרציקע יידישע אינטעליגענץ, כלל־טוער, שרייבער, קינסטלער; און עמך: באַלמעלאָכעס, אַרבעטער, קרעמער און הענדלער.

דעם אויבן־אָן האָבן פאַרנומען אַ גרופּע דייטש־יידישע אָפיצירן, צווישן וועלכע עס האָבן זיך געפונען אַזעלכע וויכטיקע פּערזענלעכקייטן, ווי די שריפטשטעלער אַרנאָלד און סטעפאַן צווייג, גראָנעמאַן, דער קינסטלער הערמאַן שטרוק, א. א.

דער דערפאָלג איז געווען אַ געוואַלטיקער, צו די

„הבימה" אין קאָוונע — 1937



אַ באַגעגעניש פון „הבימה"־אַנסאַמבל מיט קאָוונער שרייבער, זשורנאַליסטן, קינסטלער און ליטוו. מלוכה־טעאַטער קאָלעקטיוו אויף אַ באַנקעט לכבוד די געסט
פון קאָוונער ייד. קולטור־און פען־מענטשן: ד״ר ח. נ. שאַפּירא, ר. רובינשטיין, ח. לייקאָוויטש, א. גלאַזמאַן, נ. י. גאָטליב, א. ד. שאַפּירא, קאָמאַראָוו (רעפּעס), י. קאַפּלאַנאַס, מ. גלוך, ש. בינדער א. א.

אָוואַציעס האָט גאָר קיין סוף ניט גענומען. מיר זיינען געשטאַנען אויף דער בינע צעשראָקענע און פאַרלאָרענע, ניט געגלייבט אונדזערע אויגן און אויערן.

די פּרעסע (דייטשע און יידישע) איז אַרויס מיט באַגייסטערטע אַרטיקלען. נאַטירלעך, האָבן זיי גענומען אין אַכט, אַז מיר זיינען נאָך אנפאַנגער, און ס׳פעלט אונדז די נייטיקע טעכניק. אָבער אַלע האָבן אָנערקענט, אַז די פּאָרשטעלונגען זיינען אויפגעפירט געוואָרן מיט קינסטלערישן געשמאַק; דער צוזאַמענשפּיל, די דעקאָראַציעס, קאָסטיומען, — אַלץ שמעקט מיט טעאַטער־קולטור און אינטעליגענץ, וואָס מען פלעגט אַזוי זעלטן געפינען אין אַלטן יידישן טעאַטער, כאָטש טאַלאַנטן־שוישפּילער האָבן דאָרטן קיינמאָל ניט געפעלט.

די גרופּע יידיש־דייטשע אָפיצירן זיינען באַלד געוואָרן אונדזערע פריינד און וועג־ווייזער. זיי האָבן געזען אין אונדזער טעאַטער אַ גוט מיטל אָפּצושוואַכן דעם אַנטיסעמיטיזם, וועלכער האָט זיך פאַרשפּרייט אין דער דייטשער פּרעסע, מיט בלבולים אויף די „אָסט־יודען“, אַז זיי זיינען פאַרדאָרבענע מענטשן — שווינדלער, שמוגלער און גנבים.

און אַזוי ווי וועגן אונדזערע פאָרשטעלונגען האָבן די דייטשע צייטונגען געשריבן, אַז מיר ווייזן אַרויס פיל קולטור און אינטעליגענץ, האָבן אונדזערע דייטשע פריינד געבראַכט צו אונדז אין טעאַטער קאָרעספּאָנדענטן פון די גרעסטע דייטשע צייטונגען און זשורנאַלן. די קאָרעספּאָנדענטן האָבן געשיקט באַגייסטערטע אַרטיקלען אין זייערע רעדאַקציעס, ווי אַ גרופּע אָסט־יידן האָבן געשאַפן אַ קינסטלערישן טעאַטער, וועלכער קאָן פאַרגליכן ווערן מיט די בעסטע דייטשישע טעאַטערס.

די „פּאָסישע צייטונג“ האָט אַרויסגעגעבן אַ ספּעציעלע קונסט־ביילאַגע מיט אונדזערע בילדער. באַלד זיינען מיר געוואָרן באַוואוסט איבער גאַנץ דייטשלאַנד, אונדזער נאָמען איז פאַרשפּרייט געוואָרן ווייט איבער די גרענעצן פון ליטע און פּוילן.

אין ווילנע האָבן מיר געשפּילט איבער ווינטער, שאַפנדיק אַ רעפּערטואַר פון 25 פּיעסן פון די בעסטע יידישע און פרעמד־שפּראַכיקע דראַמאַטורגן.

די דייטש־יידישע פריינד אונדזערע פלעגן ברענגען צו די פאָרשטעלונגען אָפיצירן כדי זיי איבערצייגן, אַז די בלבולים אויף די אָסט־יידן, אַז זיי זיינען שווינדלער און שמוגלער, זיינען פאַלשע. אָט האָבן די אָסט־יידן געשאַפן אין צייט פון הונגער און נויט אַזאַ קונסט־טעאַטער.

און ווען עס האָבן זיך אַ שאָט געטאָן איינלאַדונגען, און ספּעציעלע שליחים זיינען געקומען צו אונדז בעטן מיר זאָלן קומען אויף גאַסטשפּילן קיין קאָוונע, גראָדנע, ביאַליסטאָק, סואוואַלק, און אַפילו אַזש קיין וואַרשע, האָבן אונדזערע דייטשע פריינד צוגערעדט, מיר זאָלן פאָרן אומעטום געבן די קינסטלערישע פאָרשטעלונגען און ווירקן ווי אַ קעגן־גיפט צו דעם אַנטיסעמיטיזם, וואָס האָט זיך פאַרשפּרייט צווישן די דייטשע סאָלדאַטן און אָפיצירן.

אין מאַי 1917 האָבן מיר גענומען דעם וואַנדערשטעקן אין האַנט און זיך אַרויסגעלאָזן איבער דער וועלט, און דער נאָמען „ווילנער טרופּע“ איז גאָר אינגיכן געוואָרן אַ וועלט־נאָמען.

קבלת־פּנים פאַרן דיכטער און רעזשיסער יעקב שטערנבערג און שוישפּילערין סידי טאַל אין קאָוונער ייד. טעאַטער־געז.



1טע ריי: ד. אומרו ר. צרפת, ל. רודניצקי, ח. יעלין, י. שטערנבערג, סידי טאַל, א. היימאַן, ת. לייקאָוויטש
שטייען צ. א.: ק. קאַפּלאַן, מאַקס האַלם, יאָסאַדע, מ. יעלין, ד. גלאָבוס, נ. י. גאָטליב, קאָמאַראָוו (רעפּעס), א. ד. מאיראָוויטש, י. גלעזער, ח. מ. פיינשטיין

לייב נאַדל

# די יידישע אָפּערע־סטודיע

אַ זאַך, וואָס האָט ניט עקזיסטירט אין קיין איינער פון די באַלטישע לענדער, וואָס האָט ביי פיל אויסגעקוקט ווי אַ שיינער חלום, איז דורך דער גרויסער איבערגעבנקייט און געוואַגטקייט פון די יידישע קולטור־טוער אין ליטע געוואָרן אַ פאַקט און באַקומען אַ רוח חיים! און עס האָט געשראָקן זיי, וויפל געלט און אַרבעט עס דאַרף ביי אַזאַ באמת קאָלאָסאַלער קולטור־אונטערנעמונג פאַרווענדעט ווערן. אין איין טאָג פון אַ ווינטערדיקן פרימאָרגן האָבן די קאָוונער יידישע ציַיטונגען אַנאָנסירט, אַז עס איז געגרינדעט געוואָרן ביי דער יידישער בילדונגס־געזעלשאַפט אַ יידישע אָפּערע־סטודיע. באַזונדערס האָבן אויף דעם טרוים צו פאַרווירקלעכן זייער ענערגיש געאַרבעט די דעמאָלטיקע אַקטיווע טוער פון דער קאָוונער „בילדונגס־געזעלשאַפט״ — ד״ר מענדל סודאַרסקי און זיין אשת־חיל, אַלטע.

דורך זיי און נאָך אַנדערע איבערגעגעבענע קולטור־טוער איז געשאַפן געוואָרן די יידישע אָפּערע־סטודיע, וואָס איז געווען אַוועקגעשטעלט אויף דער נויטיקער מדרגה. אַלס דירעקטאָר איז געוואָרן איינגעלאַדן דער פּראָפעסאָר פון קאָוונער רעגירונגס קאָנסערוואַטאָריע, דער מוזיקער זיידמאַן, אַלס לעקטאָר איבער טעאַטער־קונסט — דער רעזשיסער פון קאָוונער רעגירונגס־אָפּערע אַלעקאַ, אַלס שטימבילדונגס־לערער — דער באַקאַנטער איטאַליענישער פּראָפעסאָר מאַריני. שוין אין די ערשטע טעג האָבן זיך אָפּגערופן די בעסטע יידישע זינגער פון שטאָט, צווישן זיי איייניקע, וועלכע האָבן געענדיקט קאָנסערוואַטאָריעס אין אייראָפּע. מען האָט זיך מיט פיל ענטוזיאַזם און איבערגעגעבנקייט גענומען צו דער אַרבעט. עס ווערט אויך ביי דער אָפּערע־סטודיע געשאַפן אַ סימפאָנישער אָרקעסטער פון די יידישע שילער פון דער קאָוונער קאָנסערוואַטאָריע. אין גיכן הייבט אָן קלינגען די גאַס, וואו ס׳אַרבעט די סטודיע, מיט שיינער מוזיק און געזאַנג. אָפּאַרבעטנדיק דריי מאָנאַטן, טרעט די סטודיע אַרויס מיט איר ערשטן אויפטריט פאַר דער עפנטלעכקייט אין קאָוונער פאָלקס־הויז. שוין אַ פּאָר טעג פאַר דער אויפטרעטונג זיינען אַלע בילעטן אויספאַרקויפט. מען האָט געמוזט צושטעלן שטולן אין די דורכגענג פון טעאַטער, ווייל דער עולם איז פשוט ניט אָפּגעטרעטן, זיי ווילן אויך בייזיין ביי דער גרויסער געשעעניש פון דער דערעפענונג פון אַ יידישער אָפּערע. מען איז פשוט איינע אויף די אַנדערע געשטאַנען. דער ערשטער טייל פון פּראָגראַם איז געווען דער פּראָלאָג פון דער אָפּערע „פאַוסט״, אויסגעפירט דורכן גראַדואירטן פון קאָוונער מלוכה־קאָנסערוואַטאָריע גלעזער, וועלכער האָט געהאַט אַ זעלטן שיינעם באַספּראָפונדאַ. יעקב זאַקס, אויך אַ גראַדואירטער פון קאָוונער מלוכה קאָנסערוואַטאָריע, וועלכער האָט פאַרמאָגט אַ זעלטן שיינעם לירישן טענאָר, ווען די פּראָפעסאָרן האָבן צוגעזאָגט גאָר אַ גרויסע צוקונפט. אינעם צווייטן טייל פירט אויס דער כאָר ביי דער סטודיע די ראַפּסאָדיע פון הענדל און לידער פון דער אָפּערע „קאַרמען״ און „טאָסקאַ״. אין דריטן טייל ווערט אויסגעפירט דער צווייטער אַקט פון דער אָפּערע „יעווגעני אָניעגין״, דורך די באַקאַנטע פרויען זינגערינס: שיינזאָן און זיידמאַן.

דער דערפאָלג איז אויסערגעוויינלעך, דער עולם האַלט אין איין אַפּלאָדירן און דער כאָר מוז נאָך אַ מאָל אויספירן איייניקע נומערן. דערמוטיקט פון גרויסן דערפאָלג, נעמען זיך די לערער מיט די סטודיאַנטן נאָך ענערגישער צו דער אַרבעט. עס ווערט גרינדלעך געלערנט סאָלפעדזשיאַ, שטים־בילדונג, מוזיק־היסטאָריע, מימיק און ריטם פון באַוועגונג. ס׳ווערט אויך אָנגעהויבן צו רעפּעטירן די פולע אָפּערע „פאַוסט״. אין דער צייט קומען פאָר איייניקע קאָנצערטן מיט גרויס דערפאָלג, אָבער די סטודיע האָט קאָלאָסאַלע אויסגאַבן און די מאַטעריעלע לאַגע איז אַ שווערע. ניט איין מאָל, אין שווערע מאָמענטן, איז געלאָפן די פאַרוואַלטונג צום טאַטן פון סטודיע, צום חשובן ד״ר סודאַרסקי נאָך געלט צו באַצאָלן פּראָפ. מאַריני, ווייל דער לעצטער האָט זיך מיט קיין זאַך ניט גערעכנט, אויב מען האָט אים ניט באַצאָלט פאָראויס, פלעגט ער זיך ניט זעצן צו דער פּיאַנאָ און ניט אָנהייבן די אַרבעט. דאָך האָט מען געזען ווי עס איז צו איבערווינדן. מען האָט זיך געגרייט צו גרויסע אונטערנעמונגען, ליידער איז צוליב פערזענלעכע פאַמיליע־אָנגעלעגנהייטן פון דירעקטאָר פּראָפ. זיידמאַן די סטודיע געווען געצוואונגען זיך צו שליסן, ווייל קיין אַנדערן אַזאַ איבערגעגעבענעם ענערגישן מענטשן און גרויסן מוזיקער האָט מען ניט געקראָגן. זייער פיל האָט מען דערוואַרט פון דער סטודיע.

שפּעטער האָט מען געמאַכט נאָך אַ מאָל אַ פּרואוו פון שאַפן אַ יידישע אָפּערע און אויפגעפירט אַריעס פון איייניקע אָפּערעס.

דער איניציאַטאָר איז געווען דער היינט באַרימטער זינגער מיכאיל אַלעקסאַנדראָוויטש.

## דער „ענגעל־כאָר״ אין קאָוונע

איינע פון די טעטיקסטע אָרגאַניזאַציעס, וואָס האָבן געהאָלפן פאַרשפּרייטן געזאַנג־קולטור אין ליטע, איז גע־

ווען דער כאָר אויפֿן נאָמען פֿון יואל ענגעל אין קאָוונע. וויייניק אָרגאַניזאַציעס זיינען אַזוי באַליבט געווען ביי דעם ליטווישן יידנטום, ווי דער כאָר. ווי איצט, געדענק איך: עס איז געווען אָנהייב ווינטער, ווען די באַקאַנטע און באַליבטע זינגערין פֿון יידישן פֿאָלקס־ליד פֿרוי אַנאַ וואַרשאַווסקי האָט מיר אָנגעקלונגען און געבעטן קומען צו איר אין הויז אַכט אַזייגער אין אָוונט. ווען איך בין צו דער באַשטימטער צייט געקומען, האָב איך דאָרטן געטראָפֿן זיצן אַ בלייכן יונגן מאַן מיט אַ פֿאַרחלומטן בליק, וועלכן זי האָט פֿאָרגעשטעלט אַלס דיריגענט בלעכאַראָוויטש — איינער פֿון די פּעאיקע, יונגע דיריגענטן פֿון פּוילן, וועלכער איז מגולגל געוואָרן אַלס פּליט אין ליטע. שפּעטער זיינען צוגעקומען נאָך אייניקע: ווי אַלפעראָוויטש (דאַן אַסיסטענט פֿון באַקאַנטן דאָקטאָר בנימין בערגער), יצחק ראַטנער, (נאָכן 2־טן וועלט־קריג געאַרבעט אַלס לייטער פֿון קרן־קימת אין די לאַגערן פֿון די יידישע פּליטים אין דייטשלאַנד), פּראָפֿעסאָר בעליאַצקין (באַוואוסטער רעכטקענער, אומגעקומען אין קאָוונער געטאָ), דאָקטאָר לעוויטאַן (אַ באַקאַנטער גינעקאָלאָג) און דער מאַן פֿון אַנאַ וואַרשאַווסקי — לעאָן. (געווען דירעקטאָר פֿון לאָמבאַרד און יידישער פֿאָרשטייער אין שטאָט־ראַט).

די שטענדיק פֿריילעכע אַנאַ וואַרשאַווסקי לאַדט אונדז איין צום טיש און צובייסנדיק, רופֿט זי זיך אָן: — „מיינע געערטע הערן, וואָס מיינט איר האָב איך אייך איינגעלאַדן, איר זאָלט מיר העלפֿן עסן די קוכנס? ניין, מיינע טייערע, דאָס קאָן איך אַליין. אויב עס וואָלט מיר עס שווער געווען, האָב איך אַ מאַן מיט קינדער, זאָלן געזונט זיין, און זיי וועלן מיר העלפֿן. איך האָב פֿאַר אייך זייער אַ וויכטיקע נייס, מיר האָבן ביי אונדז זייער אַ באַקאַנטן דיריגענט. איז ביי מיר געשאַפֿן געוואָרן אַ פּלאַן, מיר זאָלן אָרגאַניזירן אַ כאָר „און זאָל זיין פֿריילעך אין שטאָט". ניט וואַרטנדיק אויף קיינעמס ענטפֿער, נעמט זי גלייך דערקלערן ווי אַזוי דאָס קאָן דורכגעפֿירט ווערן. אַ לאָקאַל וועט פֿאַרזאָרגן דאָקטאָר לעוויטאַן, ער וועט דורכפֿירן מען זאָל דערלויבן מאַכן די פּראָבעס אין לאָקאַל פֿון דער ציוניסטישער אָרגאַניזאַציע אויף לוקשיא, וועלכער איז אין די אָוונטן פֿריי; פּראָפֿעסאָר בעליאַצקין וועט זען צו שאַפֿן פּאַסיווע מיטגלידער צווישן דער אינטעליגענץ און צווישן די פֿאַראינטערעסירטע אין דעם יידישן פֿאָלקס־ליד און וועט אַ ביסל אַ טרייסל טאָן זיינע רייכע קליענטן. אַלפעראָוויטש און ראַטנער וועלן אַלס אָנפֿירער פֿון זייערע סטודענטישע קאָרפּאָראַציעס ברענגען זייערע חברים, וועלכע האָבן שטימען. און אויף מיר איז געווען די אויפֿגאַבע אויפֿצוזאַמלען די זינגער, וועלכע האָבן געזונגען אין דער יידישער אָפּערע־סטודיע, וועלכע האָט זיך צוליב געוויסע סיבות געשלאָסן. „קיינער פֿון אייך, מיינע הערן, — זעצט פֿאָר פֿרוי וואַרשאַווסקי — טאָר ניט און קאָן זיך ניט אַנטזאָגן פֿון די אויפֿגאַבן, ווייל מיר גייען שאַפֿן אַ זאַך פֿון גרויסער קולטורעלער באַדייטונג, און מיין מאַן, זאָל לעבן, וועט זיין אַזוי גוט





און מיר דערלויבן אויסהאַלטן דעם דיריגענט ביז דער כאָר וועט האָבן אייגענע מיטלען. און איצט, „לחיים", און מיר זאָלן דערלעבן נחת פֿון אונדזער ניי געבוירן קינד!"

דער כאָר האָט אָנגעהויבן זיינע פּראָבעס אין דער געביידע פֿון דער ציוניסטישער אָרגאַניזאַציע, אַדאַנק דאָקטאָר לעוויטאַנס פֿאַרמיטלונג. דער לאָקאַל האָט זיך געפֿונען אויף לוקשיא גאַס, אויפֿן צווייטן שטאָק. אויפֿן ערשטן שטאָק האָט זיך געפֿונען דער 2־טער פּאָליציי־באַצירק. די ערשטע צייט, ווי לאַנג מען האָט געלערנט יעדע שטימע באַזונדער איז די אַרבעט געגאַנגען נאָרמאַל, אָבער אין פֿאַרלויף פֿון אַ פּאָר מאָנאַטן, ווען דער כאָר האָט גענומען מאַכן די פּראָבעס צוזאַמען, אויסזינגענדיק שוין גאַנצע לידער, האָט זיך אָנגעהויבן צרות מצד דער פּאָליציי. די אַרעסטירטע שיכורים, וועלכע האָבן זיך געפֿונען פֿאַרשפּאַרט אין דער פּאָליציי־תפֿיסה, פֿלעגן נאָר דערהערן ווי דער כאָר נעמט זינגען, פֿלעגט זיך אין זיי צעפֿלאַקערן דער אַפּעטיט צו געזאַנג (איבערהויפּט האָבן שיכורע אַ טבע צו זינגען), פֿלעגן זיי נעמען שרייען אויף די העכסטע טענער, ברעכן טירן, טישן און בענק, און מען פֿלעגט זיי מיט קיינע מיטלען ניט קאָנען איינשטילן. ניט איין מאָל האָט געטראָפֿן אַז די פּאָליציי איז אַרויף צו אונדז אינמיטן אַ פּראָבע און אונדז געהייסן אויפֿהערן זינגען, ווייל מען קאָן ניט באַרואיקן די שיכורים. אָפּאַרבעטנדיק אין דער געביידע מער ווי אַ יאָר, ווערן מיר געצוואונגען פֿון דאָרט זיך אַרויסצוקלייבן און גייען אַריבער אין דער אינטעליגענטן גאַר־קיך אויף מאַפּו גאַס. דאָ גייט אַוועק די אַרבעט באמת אינטענסיוו. שוין ביים ערשטן אויפֿטריט פֿון כאָר אין קאָוונער ראַט־הויז באַקומט ער אָנערקענונג פֿון קאָוונער עולם. פֿיל לידער מוזן ביסירט ווערן אייניקע מאָל, איבערהויפּט האָט דער כאָר געזען וואָס מערער צו קולטיווירן און פֿאַרשפּרייטן דאָס יידישע פֿאָלקס־ליד.

ניט איין מאָל האָט געטראָפֿן, פֿאַרבייגייענדיק אַ יידישן ווערקשטאַט האָט איר געהערט די האַרציקע יידישע און העברעאישע פֿאָלקס־לידער, וואָס דער כאָר פֿלעגט זינגען אויף זיינע קאָנצערטן און אַרויסטרעטונגען אויף פֿאַרשיידענע קולטור־אונטערנעמונגען. בכלל איז אין כאָר געווען אַ שטימונג פֿון אומפּאַרטייאישקייט. אין פֿאַרוואַלטונג פֿון כאָר זיינען געווען גפּן, אַ פֿאַרברענטער רעוויזיאָניסט און קוניגאַס*, — אַן אָנפֿירער ביי אַ לינקער יוגנט־גרופּע — „די וואַנדער פֿייגל". צווישן אַנדערן וויל איך באַמערקן: דער כאָר איז אויפֿגעטראָטן אויף קאָנצערטן ווען אין ליטע זיינען געווען געקומען די באַוואוסטע פּאָעטן ביסטריצקי, לייב יפֿה ז"ל און חיים נחמן ביאַליק ז"ל. עס איז כדאי דאָ איבערצוגעבן אַן עפּיזאָד. לכבוד ח. נ. ביאַליקס קומען האָט דער כאָר איינגעלערנט זיינס באַוואוסטע ליד „שם בארץ הצבי". ווען דער כאָר האָט דאָס

* דער ערשטער געשטאָרבן אין ווילנע, דער צווייטער אין קרים.

ליד אויסגעזונגען, האָט דאַן ביאַליק אויסגערופן: ליבע און טייערע קינדער, איך דאַנק אייך פאַרן געבן אַ תיקון מיין ליד. ערשט איצט האָב איך דערשפּירט די געשמאַקקייט וואָס עס ליגט אין אַ האַרציק געזונגען ליד, הלוואי זאָלן מיר זוכה זיין אין גיכן אייך צו הערן זינגען אין אונדזער אייגענער מדינה. איין טייל פון זיין וואונטש איז מקוים געוואָרן. נאָר לײדער, איז דער גרויסער ביאַליק ווי אויך כמעט אַלע מיטגלידער פון כאָר ניטאָ מער צווישן די לעבעדיקע. די ליטווישע באַנדיטן צוזאַמען מיט די דייטשן האָבן זיי אומגעבראַכט.

אויפן געזאַנג יום־טוב, וואָס עס איז איינגעאָרדנט געוואָרן בשעתו דורך דער ליטווישער רעגירונג, אויף וועלכן עס האָבן זיך באַטייליקט הונדערטער כאָרן פון גאַנץ ליטע, איז דער ענגעל־כאָר אויך איינגעלאַדן געוואָרן אַלס אָפיציעלער פאַרטרעטער פון יידישן געזאַנג. אַלע כאָריסטן האָבן דאַן באַקומען מעדאַלן מיט דיפּלאָמען פון ליטווישן געזאַנג־קאָמיטעט. אויך פלעגט דער כאָר אויפטרעטן מיט קאָנצערטן אין מלוכהשן ראַדיאָפאָן. הונדערטער דאַנק־בריוו פלעגן אָנקומען פון די פאַרוואָרפנסטע יידישע שטעטלעך אין ליטע פאַרן גרויסן נחת־רוח וואָס דער כאָר האָט זיי פאַרשאַפט. כדאי צו באַמערקן אַזאַ פאַל: איין מאָל איז דער כאָר געווען אַרויסגערופן אויף אַ קאָנצערט אין שאַוול, וואו מען האָט צוליב דעם געדונגען דעם גרויסן „קאַפּיטאָל"־טעאַטער און געדאַרפט באַצאָלן פאַרן זאַל טויזנט ליט, אַחוץ די הוצאות פאַרן פאָרן און פּיאַניסט. ס'איז געווען דאַן זייער אַ גרויסע סומע. אַדאַנק דעם וואָס דער כאָר איז געווען באַליבט און באַוואוסט ביי אַלעמען האָט די שאַוולער ייִד. בילדונגס־געזעלשאַפט דאָס אָרגאַניזירט, און ווען מיר זיינען דאָרט געקומען אין זעלבן אָוונט, זיינען אויך געקומען געבן אַ קאָנצערט אַרטיסטן פון דער ליטווישער מלוכה־אָפּערע. נאַטירלעך, מען האָט פריער פון דעם ניט געוואוסט, ווייל מען וואָלט געוויס דעם אָוונט אָפּגעלייגט. אָבער אַז מיר זיינען שוין געקומען, זיינען די אָרגאַניזאַטאָרן געווען ביי זיך זייער דערשלאָגן, אַ קלייניקייט, גיין קאָנקורירן מיט דער מלוכה־אָפּערע. אָבער ווי דערשטוינט זיינען אַלע געוואָרן: ווען מען האָט נאָר געעפנט די טירן פון טעאַטער און גענומען פאַרקויפן בילעטן, האָבן זיך באַלד גענומען שאַפן רייען מיט מענטשן, וועלכע האָבן זיך געשטופּט צו דער קאַסע כדי וואָס שנעלער צו קויפן אַ בילעט. צו דער באַשטימטער צייט איז דער טעאַטער געווען איבערפולט מיט מענטשן. ווען איך האָב איינעם געפרעגט, וואָס איז די סיבה, וואָס דער עולם גייט בעסער דאָ ווי אין אָפּערע, האָט מען מיר געענטפערט, אַז האָבנדיק אַ געלעגנהייט צו הערן אַזאַ גוטן כאָר און ניט אויסנוצן, ווי קאָן מען עס? די גויים וועט מען באַווייזן צו הערן אַן אַנדערן מאָל.

עס איז באמת שווער צו איבערגעבן מיט וואָס פאַר אַ פריינדשאַפט און האַרציקייט מען פלעגט אונדז אויפנעמען ביים באַזוכן די ליטווישע פּראָווינץ־שטעט. איך געדענק, איין מאָל, נאָך אַ קאָנצערט אין קליינעם שטעטעלע זשעזמער איז צוגעקומען צו אונדז דער רב פון שטעטל און אונדז האַרציק געדאַנקט פאַרן שיינעם זינגען און גלייך נאָך אים אַ דעלעגאַציע פון דער אַרבעטערשאַפט, וואָס האָט אונדז איינגעלאַדן אויף אַ באַנקעט. קומענדיק דאָרט האָבן מיר דאָס גאַנצע שטעטל יידן געפונען, אָנהייבנדיק פון זאַנוול דעם בונדיסט, ביז די פרומסטע כלי־קודש. אַלע זיינען געזעסן צוזאַמען ביי די טישן און מען האָט זיך האַרציק פאַרבראַכט. עס איז פאַרגעסן געוואָרן די שטענדיקע שנאה וואָס עס האָט געהערשט צווישן זיי. ס'איז ניט געווען קיין גרעסערע שטאָט אָדער שטעטל אין ליטע, וואו דער כאָר איז ניט געפאָרן. אין שאַוול, ווילקאָמיר, טאַווריק, איז ער געווען עטלעכע מאָל, שוין ניט רײדנדיק וועגן קאָוונע, וואו דער כאָר פלעגט אויפטרעטן כמעט יעדע וואָך אין ראַדיאָ, אָדער אויף אַנדערע קולטור־אונטערנעמונגען. עס איז ניט געווען קיין גאַסטראָליער, וועלכער זאָל קומען קיין ליטע, און זאָל ניט קומען באַזוכן דעם כאָר, און ניט אויפטרעטן צוזאַמען. אַזוי זיינען אויפגעטראָטן אויף אַ מוזיק־פעסטיוואַל צום אָנדענק פון גאָלדפאַדען די באַוואוסטע אַמעריקאַנער אַרטיסטן היימי דזשייקאָבסאָן און מרים קרעסין. אויך דער באַרימטער חזן משה קוסעוויצקי, ביי זיין באַזוכן ליטע, איז געווען אַ גאַסט אין כאָר. דער כאָר איז אויפגעטראָטן אויף אַ קאָנצערט אין דער ליטווישער מלוכה־אָפּערע צוזאַמען מיטן באַוואוסטן זינגער שלום בלעכאַראָוויץ (אַ ברודער פון דיריגענט) אין אַריעס און לידער פון די אָפּערעס „קאַרמען" און „די יידין".

דער דיריגענט פון כאָר פון דער ליטווישער מלוכה־אָפּערע, שטאַרקאַס, און דער באַוואוסטער זינגער קיפּראַס פּעטראַוסקאַס האָבן נאָכן ענדיקן דעם קאָנצערט הערצלעך געדריקט דעם דיריגענט בלעכאַראָוויטשן די האַנט און גראַטולירט אים מיטן גרויסן דערפאָלג, וואָס דער כאָר האָט געהאַט, זאָגנדיק אים, אַז די יידן מעגן באמת שטאָלץ זיין, ווען זיי האָבן געקאָנט שאַפן אַזאַ שיינעם גוט מוזיקאַלישן כאָר. ביז דער לעצטער צייט, פאַרן אָנהייב פון דער 2־טער וועלט־מלחמה, כל־זמן ס'האָט נאָך פּולסירט אַ פריי קולטורעל לעבן אין ליטע, האָט דער כאָר עקזיסטירט און געהאָלפן אַריינפלעכטן אַ רינג נאָך אַ רינג אין דער גרויסער קייט פון דער קולטורעלער אַרבעט, מיט וואָס ליטע איז אַזוי רייך און געבענטשט געווען.

## ערשטער „איקוף"־קאָנגרעס אין פּאַריז — 1937




פאָרשטייער פון ליטע: ד״ר מ. און א. סודאַרסקי, ש. לעווין, ח. לייקאָוויטש, ח. יעלין, ש. ראָזענטאַל און ל. מעעראָוויטש

## רעדאַקציע פון „די אידישע שטימע"



זיצן (פון רעכטס אויף לינקס): ז. טראוב, ר. רובינשטיין (שעף־רעדאַקטאָר), נ. גרינבלאַט (גורן), ר. כאַסמאַן
שטייען: מ. ראַבינאָוויטש, א. פאָרטנאָוו, ח. לייקאָוויטש, י. זאַקס, י. זשאָפער, און פרעסע־פאָטאָגראַף — ש. באַיער

ד. פ.

# יאשא חפץ

אַ גרויסע צאָל פון די באַרימטע פיאַניסטן פון דער לעצטער צייט און די גרעסטע צאָל פידל־ווירטואָזן זיינען יידן. אין די פאַרשיידענע ענציקלאָפּעדיעס און ביכער וועגן מוזיק זיינען די יידישע קינסטלער פאַרצייכנט לויט דעם לאַנד, אין וועלכן זיי זיינען געבוירן געוואָרן. אויב אַ יידישער מוזיקער איז געבוירן געוואָרן אין אַ שטאָט, ווי ווילנע, וואָס האָט אין דער לעצטער צייט געהערט צו פאַרשיידענע מלוכות, געפינען מיר אין די לעקסיקאָנען, אַז דער יידישער קינסטלער ווערט צוגערעכנט צו איין „נאַציאָנאַליטעט" אין איין ענציקלאָפּעדיע, און צו אַן אַנדערער אין אַ צווייטן ווערטערבוך. דאָ פעלן אויך ניט קיין קוריאָזן. אַזוי, צום ביישפּיל, ווערט דער פיאַניסט לעאָפּאָלד גאָדאָווסקי, אַ געבוירענער אין ווילנע, אָנגערופן פּוילישער פיאַנאָ־ווירטואָז, און יאשא חפץ, וועלכער איז געבוירן געוואָרן אין דער זעלביקער ווילנע, איז פאַרצייכנט אַלס רוסישער פידל־שפּילער און אין אַ צווייט ווערטערבוך — ליטווישער. נאָר וועגן דעם גרויסן נאַציאָנאַל־יידישן קאָמפּאָזיטאָר ערנסט בלאָך, וועלכער איז געבוירן געוואָרן אין דער שווייץ, ווערט אָנגעגעבן, אַז ער איז אַ יידישער קאָמפּאָזיטאָר.

אַ היפּשע צאָל באַרימטע פידל־קינסטלער אין נײַנצנטן יאָרהונדערט זיינען געקומען פון אונגאַרן, און די מערסטע פון זיי זיינען יידן — פון דעם גרויסן יאָזעף יאָאַכים און די איצט כמעט אינגאַנצן פאַרגעסענע וואונדערלעכע ווירטואָזן מיסקא פאַוזער, עדוארד רעמעני, טיוואַדאָר נאשעז און ביז באַנדאָר באַרסאש, יאָזעף סיגעט, און אַנדערע. פון אונגאַרן האָט געשטאַמט אויך דער פידל־ווירטואָז און באַרימטער פעדאַגאָג לעאָפּאָלד אַוער, אויך אַ ייד, וועלכער האָט זיין קאַריערע דורכגעמאַכט אין דער פעטערבורגער קאָנסערוואַטאָריע און האָט פאַרבראַכט זיינע לעצטע יאָרן אין אַמעריקע, וואו ער איז געשטאָרבן.

אין דער גאָר לעצטער צייט האָט רוסלאַנד פאַרנומען דעם ערשטן אָרט מיט דער צאָל גרויסע פידל־קינסטלער, אַלע יידן און כמעט אַלע תלמידים פון דעם זעלביקן לעאָפּאָלד אַוער אין דער פעטערבורגער קאָנסערוואַטאָריע. אַוער איז געוואָרן פידל־פּראָפעסאָר אין דער קאָנסערוואַטאָריע פון דער פריערדיקער רוסישער הויפּטשטאָט אין 1868, ווען ער האָט דאָרטן פאַרנומען דעם אָרט פון דעם גרויסן יידישן פידל־קינסטלער אורי וויעניאַווסקי. אַוער איז געבליבן אין דער פעטערבורגער קאָנסערוואַטאָריע גאַנצע פופציק יאָר, ביז דער רעוואָלוציע פון 1918, ווען ער האָט פאַרלאָזן רוסלאַנד. אין 1920 האָט ער זיך באַזעצט אין ניו־יאָרק.

אַוערס תלמידים זיינען געווען יאשא חפץ, מישאַ עלמאַן, אפרים צימבאַליסט, סאשאַ זיידל, די ברידער פיאַסטראָ, יוסף אחרון, פּאול סטאַשעוויטש, מאַקס ראָזען און אַנדערע יידישע פידל־ווירטואָזן, און ענלעכע ניט־יידישע, ווי קעטלין פאַרלאָו און פרענסיס מעקמילין. דער באַרימטסטער פון זיי איז יאשא חפץ, דער גרעסטער פידל־ווירטואָז פון אונדזער צייט.

יאשא חפץ איז געבוירן געוואָרן אין ווילנע דעם 2־טן פעברואַר 1901. זיין פאָטער איז געווען אַ פידל־שפּילער אין טעאַטער, און ער איז געווען זיין זונס ערשטער לערער. צו דריי יאָר האָט ער באַקומען פון פאָטער אַ קליין פידעלע און האָט אָנגעהויבן לערנען מוזיק. ווען ער איז נאָך ניט אַלט געווען קיין זעקס יאָר, איז ער אַריינגענומען געוואָרן אין דער קייזערלעכער מוזיק־שול פון ווילנע, וואו ער האָט געלערנט מיט איליא מאַלקין. און ער איז נאָך ניט געווען קיין פולע זיבן יאָר, ווען ער האָט געמאַכט זיין ערשטן אויפטריט פאַר אַן עולם אין קאָוונע, וואו ער האָט געשפּילט מענדעלסאָנס קאָנצערטאָ פאַר פידל. ער האָט אומעטום באַגייסטערט דעם עולם, ווי איינער פון די גרעסטע וואונדערקינדער.

פאַר אַ יונגן געניאַלן פידל־קינסטלער אין רוסלאַנד אין יענער צייט איז געווען אוממעגלעך אויסצומיידן דעם באַרימטסטן דעמאָלטיקן פידל־פעדאַגאָג לעאָפּאָלד אַוער. אָבער צו אַוערן איז ניט געווען זייער לייכט צוצוקומען. ניט קוקנדיק אויף דעם, וואָס דורך אַוערס קלאַסן אין פעטערבורגער קאָנסערוואַטאָריע זיינען דורכגעגאַנגען אַזוי פיל גרויסע קינסטלער פון פידל, האָט אַוער אַליין געהאַט אַ שטאַרקן און פולשטענדיק באַרעכטיקטן פאָראורטייל קעגן וואונדערקינד. און אַז עס האָט זיך געמאַכט, אַז אַוער איז מיט דער פיאַניסטקע אַסיפּאָוואַ אָנגעקומען אויף אַ קאָנצערט אין ווילנע, און מאַלקין, יאשא חפצס לערער און געוועזענער תלמיד פון אַוערן, איז געקומען בעטן דעם מייסטער אויסהערן דעם קליינעם יאשאן, האָט אַוער צוערשט ניט געוואָלט הערן פון אים. מאַלקין האָט זיך קוים איינגעבעטן ביי אַוערן, און יאשא חפץ האָט געשפּילט פאַרן באַרימטן פּראָפעסאָר און האָט אים באַלד טיף פאַראינטערעסירט.

יאשא האָט געשפּילט פאַר אַוערן אַ קאַפּריטשיאָ פון פאַגאַנינין און מענדעלסאָנס קאָנטשערטאָ. אַוער איז נשתומם געוואָרן פון דעם ייִנגלס שפּילן, און ער האָט גלייך דערקלערט, אַז ער נעמט יאשאן אַריין אין זיין קלאַס אין דער פעטערבורגער קאָנסערוואַטאָריע. דאָס איז געווען דאָס גרעסטע גליק, וואָס אַ יונגער טאַלאַנטפולער

פידל־שפּילער האָט זיך אין יענער צייט געקאָנט ווינטשן. יאשאַס פאָטער האָט באַלד אויספאַרקויפט אַלצדינג, וואָס ער האָט פאַרמאָגט, האָט אויפגעגעבן זיין שטעלע אין טעאַטער און איז מיטן זון אַוועקגעפאָרן קיין פעטערבורג.

מיט דער הילף פון אַוערן און פון דעמאָלטיקן דירעקטאָר פון דער קאָנסערוואַטאָריע, א. ק. גלאַזונאָוו, האָט זיך די גאַנצע חפץ משפּחה באַזעצט אין פעטערבורג. אין זיינע זכרונות, „מיין לאַנג לעבן אין מוזיק", דערציילט וועגן דעם לעאָפּאָלד אַוער אָט וואָס:

„יאשא חפץ איז דעמאָלט אַלט געווען אַרום צען יאָר. אים האָט מען באַלד אָנגענומען אין קאָנסערוואַטאָריע צוליב זיין טאַלאַנט, און אַ יידישן תלמיד פון דער קאָנסערוואַטאָריע האָבן די דעמאָלטיקע צאַרישע געזעצן דערלויבט צו וואוינען אין פעטערבורג. וואָס אָבער טוט מען מיט יאשאַס פאַמיליע? עמיצן איז איינגעפאַלן דער גליקלעכער געדאַנק, אַז איך זאָל אין מיין קלאַס אַריינגעמען יאשאַס פאָטער, אַ פידל־שפּילער פון אַ יאָר פערציק. איך האָב אַזוי געטאָן, און יאשאַס גאַנצע משפּחה האָט געקאָנט בלייבן אין דער הויפּטשטאָט. אָבער אַלע תלמידים האָבן געמוזט באַזוכן די קלאַסן אין סאָלפעדזשיאָ, פּיאַנאָ און קאָמפּאָזיציע, און אַזוי ווי יאשאַס פאָטער האָט דאָס ניט געטאָן און האָט אויך ניט געשפּילט ביי די עקזאַמענס, האָב איך געהאַט צרות און געמוזט שטענדיק פירן צוליב אים אַ קאַמף מיט דער אַדמיניסטראַציע. ערשט ווען גלאַזונאָוו איז געוואָרן דירעקטאָר, האָבן זיך די צרות געענדיקט, און יאשא האָט געקאָנט רואיק בלייבן מיט זיינע עלטערן ביז זומער 1917, ווען די פאַמיליע האָט אויסגעוואַנדערט קיין אַמעריקע".

די עלטערן איז קיינמאָל ניט איינגעפאַלן צו עקספּלואַטירן זייער טאַלאַנטפולן זון, ווי דאָס טוען אָפטמאָל עלטערן פון וואונדערקינדער. זיי האָבן נאָר געטראַכט וועגן זייער זונס צוקונפט און האָבן זיך געמיט אים צו געבן אַ וואָס בעסערע אַלזייטיקע בילדונג.

נאָך פאַרן אָנקומען צו אַוערן האָט יאשא חפץ געגעהאַט אַ סך קאָנצערטן און איז אומעטום אויפגענומען געוואָרן, ווי דער צוקונפטיקער גרויסער מייסטער פון דער פידל.

דערנאָך האָט יאשא חפץ געהאַט אַ סך קאָנצערט־רייזעס איבער אייראָפּע, מערסטנס צוזאַמען מיט זיין רבין לעאָפּאָלד אַוער. אין 1914 האָט חפץ געהאַט זיין ערשטן אויפטריט אין בערלין מיט דעם דאָרטיקן פילהאַרמאָנישן אָרקעסטער אונטער דער אָנפירונג פון אַרטור ניקיש. דער גרויסער דיריגענט האָט דערקלערט, אַז ער האָט נאָך אַזאַ שפּילן פידל קיינמאָל ניט געהערט.

די וועלט־מלחמה האָט אָפּגעשטעלט יאשא חפצעס קאָנצערט־רייזעס און ער האָט זיך אומגעקערט צו שטודירן אין דער קאָנסערוואַטאָריע. נאָר אין 1916 איז ער מיט אַוערן געקומען שפּילן אין כריסטיאַניע, נאָרוועגיע.





אין 1917 איז חפצעס פאַמיליע געקומען קיין אַמעריקע. זיין ערשטער אויפטריט אין ניו־יאָרקער האָל, דעם 27־טן אָקטאָבער פון יענעם יאָר איז געווען אַ גרויסע סענסאַציע. זעקס קאָנצערטן האָט ער יענעם ווינטער־סעזאָן געגעבן אין ניו־יאָרק, און צו יעדן קאָנצערט האָט ער צוגעגרייט אַן אַנדער פּראָגראַם. אַלע ניו־יאָרקער מוזיק־קריטיקער האָבן אין איין קול דערקלערט, אַז ער איז אַ גרויסער מוזיקער, אַזוי גוט ווי דער וואונדערלעכסטער פידל־ווירטואָז פון זיין דור.

חפץ איז דער וואונדער פון דער קאָנצערט־בינע פון אונדזער צייט. ווען מען וויל זיך פאָרשטעלן אַ שפּילן אויף אַן אינסטרומענט, וואָס איז פולקאָם, קומט אויפן זינען באַלד דער נאָמען יאשא חפץ. ער שפּילט אָן פעלערן, און דאָס קומט אָפטמאָל פאָר כמעט ניט־מענטשלעך. עס זיינען פאַראַן מוזיק־ליבהאָבער, וואָס וועלן זיך באַקלאָגן, אַז חפץ איז צו קאַלט, ווייזט גאָר כמעט ניט אַרויס קיין ליידנשאַפט ביים שפּילן. דאָס איז, פאַרשטייט זיך, ניט אַזוי.

חפץ איז איינער פון יענע אמת גרויסע וואונדער צווישן געוועזענע „וואונדערקינדער", וואָס האָבן אין משך פון זייער גאַנצער קאַריערע געהאַלטן אין איין רייכער ווערן און וואַקסן. די גרעסטע טעכנישע פולקאָמקייט, וואָס מען קען זיך פאָרשטעלן גייט ביי אים אַלעמאָל אינאיינעם מיט טיפער מוזיקאַלישער פאַרשטענדעניש און גרויסער ערודיציע.

אַ ניו־יאָרקער מוזיק־קריטיקער שרייבט וועגן אים: „טעכניש האָט יאשא חפץ זיך קיין סך ניט פאַרבעסערט פון דער צייט פון זיין דעביוט אין ניו־יאָרק, אין 1917, צוליב דער פּשוטער סיבה, ווייל שוין דעמאָלט איז ניט געווען קיין זאַך, וואָס ער האָט ניט געקאָנט דורכפירן אויף דער פידל. מוזיקאַליש אָבער האָט ער זיך געענדערט אומגעהויער. זיין שפּילן, למשל, פון בעטהאָווענס קאָנטשערטאָ אין 1919 איז געווען אינגאַנצן אַנדערש פון דעם שפּילן די זעלביקע קאָנטשערטאָ אין פּאַריז אין 1926 און ווידער גאָר אַנדערש אין ניו־יאָרק אין 1940. אַלע דריי מאָל האָט ער געשפּילט וואונדערלעך שיין. אין 1918 איז ער דאָ געווען דער גוט־געשולטער מייסטער פון דער פידל, וואָס איז, קענטיק, שוין געווען אָנגעכאַפּט מיט טראַדיציע. אין 1926 איז ער געווען דער קינסטלער, וואָס האָט געפונען אין דער אַלטער, אָפּט־געשפּילטער קאָמפּאָזיציע דעם אויסדרוק פון טיפער טראַדיציע. אין 1940 האָט זיך אין זיין שפּילן אַרויסגעוויזן אַ לויטערער און דורכאויס אַריסטאָקראַטישער טעמפּעראַמענט (הערי אַ. סאַימאָן אין „יוניווערסעל דזשואיש ענסיקלאָפּעדיע").

חפץ האָט געמאַכט אַ ריי פיינע אַראַנזשירונגען פון ווערק פון דעביוסי, אַלבעניז, קאַסטעלנואָוואָ־טערעסקאָ, גאָדאָווסקי און דזשאָרדזש גורשווין, וואָס אַנדערע פידל־קינסטלער שפּילן אָפּט.

# יוסף אחרון

יוסף אחרונס נאָמען וועט אַלעמאָל זיין פאַרבונדן מיט דער באַוועגונג צו אַנטוויקלען און פאַרשפּרייטן מוזיק אין יידישן גייסט. זיין פּאָפּולערסטע קאָמפּאָזיציע פאַר פידל איז די פיינע „יידישע מעלאָדיע". ער האָט אויך געשריבן יידישע ליטורגישע מוזיק, וואָס איז דורכאויס אין גייסט פון דער יידישער מוזיק־טראַדיציע, ווי מיר האָבן זי איצט צווישן יידן אין דער מערב־וועלט.

די פראַגע וועגן יידישער מוזיק איז אַ קאָמפּליצירטע. אָבער ווען מען וויל געבן ביישפּילן פון מוזיק, וואָס איז אייראָפּעאיש און מאָדערן, אָבער אין גייסט יידיש, קאָנען אָנגערופן ווערן אַ ריי נעמען פון פיינע מאָדערנע מוזיקער, וואָס זיינען באַוואוסטזיניק יידיש, און צווישן אָט די נעמען וועט דער נאָמען פון יוסף אחרון קיינמאָל ניט פעלן. ער איז צווישן די אַלע באַוואוסטזיניק־יידישע מוזיקער געווען אפשר דער באַוואוסטזיניקסטער, און די יידישקייט פון זיינע קאָמפּאָזיציעס אויף יידישע טעמעס וועט קיינער ניט אָפּפרעגן.

יוסף אחרון איז געבוירן געוואָרן דעם 1־טן מאַי 1886, אין שטעטל לאזדיי, קאָוונער גובערניע. זיין פאָטער איז אין שטעטל געווען אַ סוחר, אָבער אַ גרויסער מנגן, וואָס האָט פאַרמאָגט באַדייטנדיקע מוזיקאַלישע פעאיקייטן. דער שריפטשטעלער פסח מאַרקוס, אַליין אַ לאַזדייער, דערציילט אין זיינע זכרונות, אַז יוסף אחרונס פאָטער איז געווען „דער מתיקותדיקסטער הפטורה־זאָגער און נעילה־דאַוונער אין לאזדיי. אין די שבת־צונאַכטן, ווען ער פלעגט זיך צעשפּילן אויף זיין פידעלע, האָט גאַנץ לאָזדיי אַריינגעצויגן דעם אָטעם טיף אין זיך און געפרייט זיך, ווען דאָס פידל האָט זיך צעהוליעט, ווען דאָס פידעלע האָט געוויינט".

דער מוזיק־קריטיקער ישראל ראַבינאָוויטש באַמערקט וועגן דעם אין אַן אַרטיקל וועגן אַחרונען: „דאָס גיט אונדז, גלייב איך, אַ גאָר נאָענטע באַקאַנטשאַפט מיט דעם שורש, פון וועלכן יוסף אחרון איז אַרויסגעקומען. דאָס וואָס דער פאָטער זיינער איז געווען אַ „מתיקותדיקער הפטורה־זאָגער און נעילה־דאַוונער", מאַכט אונדז קלאָר אַ טיף־איינגעוואָרצלטן כאַראַקטער־שטריך אין אחרונס יידישע קאָמפּאָזיציעס, וועלכע זיינען פול מיט אָפּקלאַנגען און ווידערקלאַנגען פון די אַלטע ביבלישע טראָפּ־נגינות און אַנדערע סינאַגאָגאַלע נוסחאות".

„מען דאַרף אָבער פאַרשטיין", — שרייבט ווייטער ראַבינאָוויטש, — „אַז דאָ רעדט זיך טאַקע בלויז וועגן אָפּקלאַנגען און ווידערקלאַנגען און ניט וועגן וועלכע עס איז קאָפּירטע טראַדיציאָנעלקייטן. אָט, למשל, זיין וואונדערלעכע קינדער־סויאיטע, וואָס איז, לויט אחרונס אייגענער פאַרזיכערונג, באַזירט אויפן טראָפּ; זאָל אָבער קיינעם ניט איינפאַלן, אַז מיר האָבן דאָ צו טאָן מיט אַ סטערעאָטיפּישער רעפּראָדוקציע פון מעביר סדרה זיין



אָדער פון הפטורה־לייענען, אָדער פון וועלכער עס איז אַנדערער טראָפּ־נגינה. די פאָרם — ניט בלויז די האַרמאָנישע, נאָר אויך די מעלאָדישע — איז דורכאויס אַחרונס יחידישע שאַפונג. אָבער דאָס, וואָס האָט געזונגען ביי אים אין האַרצן, בעת ער האָט די דאָזיקע זייער אָריגינעלע קאָמפּאָזיציע געשריבן, איז געווען דער אוראַלטער טראַדיציאָנעלער געזאַנג, וואָס ער האָט אין זיך אַריינגעזויגן, ווי אַ שוואָם, פון פריערדיקע דורות".

דער יידישער שורש איז אין יוסף אחרונען געבליבן קרעפטיק דורך זיין גאַנצן לעבן. ער האָט פאַרמאָגט דאָס, וואָס דער גרויסער נאַציאָנאַל־יידישער קאָמפּאָזיטאָר ערנסט בלאָך האָט ניט געהאַט: די נאָענטקייט און אינטימע באַקאַנטשאַפט מיטן יידישן טראַדיציאָנעלן פאָלקסלעבן. און יוסף אחרון איז געווען איינער פון יענע גליקלעכע יידישע קאָמפּאָזיטאָרן, ביי וועלכע דאָס יידישע און דאָס אייראָפּעאישע האָבן זיך צונויפגעשמאָלצן האַרמאָניש און דערצו אַזוי, אַז דאָס יידישע ווערט באַלד דערקענט.

שוין צו צוויי יאָר האָט יוסף אחרון אַרויסגעוויזן אומגעוויינלעכע פעאיקייטן צו מוזיק. זיין פאָטער האָט אים אַליין געמאַכט אַ פידעלע און אים געלערנט דעם אַלף־בית פון מוזיק. צו פינף יאָר האָט זיך די פאַמיליע אַריבערגעצויגן קיין וואַרשע, און יוסף האָט שוין ערנסט געלערנט פידל־שפּילן, צוערשט ביים פאָטער און דערנאָך ביי דעם באַוואוסטן סלאַוואָנישן מוזיקער עדמונד מיכאַלאָוויטש, דעם תלמיד פון האופּטמאַן און פאַן בילאָוו. צו זיבן יאָר האָט שוין אחרון אָנגעשריבן אַ פידל־קאָמפּאָזיציע. אין אַ יאָר אַרום איז ער אויפגעטראָטן ביי אַ קאָנצערט, וואָס די גראַפן ראַדזיווילאָוו און טישקעוויטש האָבן איינגעאָרדנט פאַר אַ וואוילטעטיקן צוועק.

דערנאָך האָט אחרון שטודירט אין דער פּעטערבורגער קאָנסערוואַטאָריע, פידל האָט ער דאָרט שטודירט ביי דעם באַרימטן אונגאַריש־יידישן פידל־ווירטואָז און פּעדאַגאָג לעאָפּאָלד אַוער און האָט גראַדואירט מיט אַ גאָלדענעם מעדאַל. אין האַרמאָניע איז דאָ זיין לערער געווען ליאַדאָוו, און אין אָרקעסטרירונג — מאַקסימיליאַן שטיינבערג.

צו עלף יאָר האָט ער געהאַט אַ ריי קאָנצערטן אין פאַרשיידענע שטעט פון רוסלאַנד. אין די יאָרן 1913—1916 איז ער געווען הויפּט־פּראָפעסאָר פון פידל און קאַמער־מוזיק אין דער קייזערלעכער קאָנסערוואַטאָריע פון כאַרקאָוו. דערנאָך האָט ער אָנדערהאַלבן יאָר געדינט אין דער צאַרישער אַרמיי בעת דער ערשטער וועלט־מלחמה. אין 1918 האָט ער אַרויסגעבראַכט אַ סאָנאַטע פאַר פידל און פּיאַנאָ, וואָס איז געוואָרן באַרימט. שפּעטער איז ער אַרומגעפאָרן מיט קאָנצערטן איבער אייראָפּע, האָט באַזוכט ארץ־ישראל, וואו דער באַרימטער רוסיש־יידישער מוזיקער יואל (יוליוס) ענגעל און אַנדערע האָבן

זיך אין יענער צייט באַזעצט. אין 1925 איז אחרון געקומען קיין אַמעריקע און האָט זיך באַזעצט אין ניו־יאָרק, און די לעצטע יאָרן האָט ער געוואוינט אין האָליוואוד, וואו ער איז אין 1943 געשטאָרבן אין עלטער פון 57 יאָר.

יוסף אחרונס פאַרבינדונג מיט דער באַוועגונג צו פאַרשפּרייטן יידישע מוזיק האָט זיך אָנגעהויבן אין 1911. מיט דריי יאָר פריער איז אין פעטערבורג געגרינדעט געוואָרן אַ געזעלשאַפט צו פאַרשפּרייטן יידישע פאָלקס־מוזיק. די געזעלשאַפט האָט געהאַט צווישן זיך אַ גאַנצע ריי גוטע, טאַלאַנטפולע מוזיקער, וואָס זיינען דערצויגן געוואָרן אין דער פעטערבורגער אָדער לייפּציגער קאָנסערוואַטאָריע, און זי האָט אַנטוויקלט אַ היפּשע זייער פרוכטבאַרע און פיל־צוזאָגנדיקע טעטיקייט, וועלכע די ערשטע וועלט־מלחמה האָט אָבער איבערגעריסן.

צווישן די מיטגלידער פון דער פעטערבורגער געזעלשאַפט זיינען געווען אַזעלכע יידישע מוזיקער, ווי יואל ענגעל, גנעסין, קריין, מילנער, לאַזאַר מאַמינסקי, דער שפּעטערדיקער פאָרשער פון יידישער מוזיק, פּראָפעסאָר שלמה ראָזאָווסקי, וועלכער האָט זיך באַזעצט אין ארץ־ישראל, זשיטאָמירסקי, ציטלין, לוואָוו, שאַלט, קיסעלגאָף, שולמאַן, קאַפּלאַן, קאָפּיט, גורעוויטש, שקלאַר און אַנדערע.

**אין** 1922 האָבן מיטגלידער פון דער געזעלשאַפט באַנייט די אַרבעט און געגרינדעט דעם „יובל“־פאַרלאַג אין בערלין. דער פאַרלאַג האָט עקזיסטירט עטלעכע יאָר און האָט אַרויסגעגעבן אַ ריי אַראַנזשירטע יידישע פאָלקס־לידער און זאַמלונגען. אין 1918 האָט זיך אין פעטערבורג געגרינדעט אַ קאַמער־מוזיק אַנסאַמבל „זמרה“. די מיטגלידער פון דעם אַנסאַמבל זיינען געווען: מעסטעטשקין — ערשטע פידל; בעזראָדני — צווייטע פידל; מאָלדאַוואַן — וויאָלא; יוסף טשערניאַווסקי — וויאָלאָנטשעל; סימעלין בעליסאָן — קלאַרנעט, און בערדיטשעווסקי — פּיאַנאָ. דער אַנסאַמבל האָט געמאַכט לאַנגע קאָנצערט־רייזעס דורך סיביר, כינע, יאַפּאַן און אַמעריקע ביז ארץ־ישראל.

יוסף אחרון איז מיטן גאַנצן האַרצן געווען מיט אָט דער באַוועגונג צו באַלעבן און קולטיווירן יידישע מוזיק. אין דער ענדלאָזער דיסקוסיע וועגן דעם, וואָס מען דאַרף אָנערקענען פאַר יידישע מוזיק, צי זי דאַרף זיין באַזירט דורכאויס אויפן אַלט־טראַדיציאָנעלן טראָפּ, אָדער אויפן יידישן פאָלקס־ליד און חסידישן ניגון, אָדער אויףביידע עלעמענטן צוזאַמען, איז אחרון געווען מיט די, וואָס האָבן געהאַלטן פון אַלע דריי עלעמענטן. אין קונסט איז דער פאַקט אַליין, וואָס מען האָט פאַר זיך אַ דער־פאָלגרייך ווערק, מנצח אַלע טעאָרעטישע איינווענדונגען און חקירות. און יוסף אחרונס ווערק אויף ריין־יידישע טעמעס זיינען דער בעסטער באַווייז, אַז יידישע מוזיק קאָן זיין וואונדערלעך־יידיש, האָבנדיק אין זיך וועלכן עס איז פון אָט די מוזיק־עלעמענטן, וואָס לעבן אין יידישן פאָלק.

יוסף אחרון האָט איבערגעלאָזן אַ היפּשע צאָל אַלגעמיינע קאָמפּאָזיציעס פאַר אָרקעסטער, כאָרן, קוואַרטעטן, סאָנאַטעס, סיוויטעס, און קלענערע קאָמפּאָזיציעס פאַר פידל און פּיאַנאָ, וויאָלאָנטשעל און לידער. אין גדאל זאַלעסקיס בוך וועגן יידישע מוזיקער ווערן געבראַכט באַגייסטערטע אָפּרופן וועגן די קאָמפּאָזיציעס פון יוסף אחרון פון די באַרימטע רוסישע מוזיק־קריטיקער איגאָר גליעבאָוו, קאַראַטיגין, סאַבאַניעיעוו און בראודאָ.

קאַראַטיגין האָט געשריבן: „ווי אַ פידל־שפּילער און קאָמפּאָזיטאָר פון מוסטער קאַמער־מוזיק, איז לודוויג שפּאָר געווען אַ גרויסער אויסנאַם (אויסשליסנדיק, נאַטירלעך, די אַלטע מייסטערס קאָרעלי און מאַרטיני). אַ צווייטער אויסנאַם איז איצט יוסף אחרון. אחרון דער פידל־קינסטלער איז אַ ווירדיקער קאָנקורענט פון אחרון דעם קאָמפּאָזיטאָר“.

דער מוזיק־היסטאָריקער יעווגעני בראודאָ האָט געזאָגט וועגן אחרונען: „ווי אַ שאַפער און אַן אויסטייטשער פון מוזיק, פאַרנעמט אחרון אַ גאָר באַזונדערן אָרט אין אונדזער מוזיק־לעבן. זיין קונסט איז טיף און קאָנצענטרירט“.

גליעבאָוו זאָגט וועגן אחרונען, אַז ער איז צווישן לירישע קאָמפּאָזיטאָרן אַ זעלטנקייט מיט דעם, וואָס ער איז עמאָציאָנעל דראַמאַטיש. וועגן אחרונס צווייטער פידל־סאָנאַטע זאָגט גליעבאָוו, אַז ער האָט זעלטן באַגעגנט אַזאַ גרויסע מייסטערשאַפט, ווי אין אָט דער קאָמפּאָזיציע.

און ל. סאַבאַניעיעוו רעזומירט אַזוי יוסף אחרונס קאָמפּאָזיטאָרישע אַרבעט: „איך זע אין אחרונען אַ רייפן און באַדייטנדיקן מוזיקער אין זיין קינסטלערישער מייסטערשאַפט. ער גייט איינצייטיק אויף צוויי וועגן: ער אַרבעט אויפן יידישן פאָלקלאָר, באַרייכערנדיק דעם יידישן מוזיק־רעפּערטואַר מיט גלענצנדיקע און אינדיווידואַליסטישע קאָמפּאָזיציעס, און ער שרייבט אויך באַדייטנדיקע מוזיק, וואָס האָט גאָרניט צו טאָן מיט יידישער טאָנאַליטעט. די צוויי וועגן באַגעגענען זיך אין דעם לעצטן פּעריאָד פון זיין טעטיקייט“.

שילער־קאַרטע פון יידישן טעכניקום ביי די יידישע העכערע קורסן אין קאָוונע




אונטערשריפטן: ז. קאַלמאַנאָוויטש — סעקרעטאַר; (פּראָפ.) י. גראָסמאַן — פאָרזיצער פון לעקטאָרן־ראַט

# לעאָפּאָלד גאָדאָווסקי

צווישן די גרויסע פּיאַניסטן פון נײַנצנטן און צוואַנציקסטן יאָרהונדערט פאַרנעמט לעאָפּאָלד גאָדאָווסקי אַ גאַר באַזונדערן אָרט מיט זײַן אייגנאַרטיקער קאַריערע. ער טיילט זיך אויך אויס פון אַנדערע גרויסע מוזיקער פון זײַן צײַט מיט דעם אָריגינעלן קוק, וואָס ער האָט געהאַט אויף דער קונסט פון פּיאַנאָ־שפּילן און מוזיק־קאָמפּאָזיציע, אין וועלכער ער האָט זיך אַזוי שטאַרק אויסגעצייכנט.

גאָדאָווסקי איז געבוירן געוואָרן אין ווילנע דעם 3־טן פעברואַר 1870. ווען ער איז אַלט געוואָרן דריי יאָר, האָט ער שוין אַרויסגעוויזן אויסערגעוויינלעכע פעאיקייט אין מוזיק. צו ניין יאָר איז ער צום ערשטן מאָל אויפגעטראָטן פאַר אַן עולם אין אַ קאָנצערט.

צו דרייצן יאָר איז ער אָנגעקומען אין דער בערלינער הויכשול לערנען מוזיק. ווי יונג ער איז אָבער ניט געווען, האָט ער באַלד איינגעזען, אַז ער האָט דאָ ניט וואָס צו טאָן, אַז ער וועט פון די פּעדאַנטישע קאָנסערוואַטיווע פּראָפעסאָרן קיין שום נײַ וואָרט ניט דערהערן און וועט זיך פון זיי גאָרניט אויסלערנען. ער האָט פאַרבראַכט אין דער הויכשול עטלעכע מאָנאַטן און האָט זי פאַרלאָזן.

ווען ער איז אַלט געווען פערצן יאָר, האָט ער געמאַכט אַ קאָנצערט־רייזע איבער אַמעריקע, ווי אַ „וואונדערקינד"־פּיאַניסט, צוזאַמען מיט די באַוואוסטע אַמעריקאַנער סאָפּראַנאָס קלאַרא לואיז קעלאָג און עמאַ סעסיליאַ טורבער און מיט דעם בעלגישן פידל־ווירטואָז אָוויד מיזען. ער איז אויך אויפגעטראָטן עטלעכע מאָל בײַ זונטיק־קאָנצערטן פון אַן אָרקעסטער אין ניו־יאָרקער קאַסינאָ.

גאָדאָווסקי האָט דעמאָלט שטאַרק געוואָלט זײַן אַ תּלמיד בײַם גרויסן פּיאַנאָ־ווירטואָז פראַנץ ליסט, וועלכער האָט אין יענער צײַט געוואוינט אין ווײַמאַר, דײַטשלאַנד. מיט אָט דער האָפענונג האָט ער זיך אומגעקערט קיין אייראָפּע. אָבער ווי גרויס איז געווען זײַן אַנטוישונג, ווען ער האָט זיך דערוואוסט, אַז דער גרויסער ליסט איז נאָר וואָס געשטאָרבן.

שפּעטער איז געקומען אַ צווייטע ביטערע אַנטוישונג, ווען ער האָט געהאָפט צו לערנען בײַם באַרימטן קאָמפּאָזיטאָר קאַמיל סען־סאַנס. מען האָט אים פאָרגעשטעלט פאַר סען־סאַנסן, וועלכער האָט שוין געהערט, ווי גאָדאָסקי האָט געשפּילט זײַנע קאָמפּאָזיציעס. סען־סאַנס איז געוואָרן באַגייסטערט פון דעם יונגן פּיאַניסט און האָט זיך שטאַרק פאַראינטערעסירט מיט זײַן מוזיקאַלישער בילדונג. סען־סאַנס איז אָבער געווען אַ זייער אומרויִקער און ער פלעגט נאָכאַנאַנד אַרומפאָרן אין אויסלאַנד. גאָדאָווסקי האָט דרײַ יאָר פאַרבראַכט אין פּאַריז, און אין די דרײַ יאָר האָט ער געהאַט זייער ווייניק געלעגנהייטן צו לערנען בײַ סען־סאַנסן.



מיט דעם האָט זיך געענדיקט גאָדאָווסקיס לערע. ווײַטער איז ער שוין געווען אָנגעוויזן אויף זיך אַליין. ער האָט זיך געלערנט אַליין, און ער האָט דאָס קיינמאָל ניט אויפגעהערט.

אין 1890 איז לעאָפּאָלד גאָדאָווסקי צום צווייטן מאָל געקומען אין די פאַראייניקטע שטאַטן אויף אַ קאָנצערט־רייזע. אין אַ יאָר אַרום האָט ער חתונה געהאַט מיט פרעדעריקאַ סאַקס פון ניו־יאָרק. ער איז מיט זײַן פרוי אָפּגעפאָרן קיין אייראָפּע און האָט זיך אומגעקערט אין עטלעכע חדשים אַרום. עטלעכע אויפטריטן, וואָס ער האָט געמאַכט דערנאָך בײַ די אָרקעסטער־קאָנצערטן אין ניו־יאָרקער לענאָקס לאַיסיאום, וואָס זײַנען געווען דיריזשירט פון טעאָדאָר טאָמאַס, זײַנען געווען אַ גאַר אומגעוויינלעכער דערפאָלג, און פאַרשיידענע אָנבאָטן זײַנען געמאַכט געוואָרן גאָדאָווסקין פון אַלע זײַטן.

אַרום יענער צײַט איז ער געוואָרן פּיאַנאָ־לערער אין דער בראָד סטריט קאָנסערוואַטאָריע אין פילאַדעלפיע. דאָס איז געווען דער אָנהייב פון אַ לאַנגער און גלענצנדיקער קאַריערע. די אַרבעט פון אַ לערער איז בײַ לעאָפּאָלד גאָדאָווסקין אַלע מאָל געגאַנגען צוזאַמען מיט קאָנצערט־רייזעס. אין יאָר 1894 איז ער געוואָרן דער לייטער פון דער פּיאַנאָ־אָפּטיילונג אין דער קאָנסערוואַטאָריע פון שיקאַגאָ, פאַרנעמענדיק דעם אָרט פון דעם באַרימטן אַמעריקאַנער פּיאַניסט וויליאַם ה. שעוואוד. גאָדאָווסקי איז דעמאָלט אַלט געווען 24 יאָר און זײַן רעפּוטאַציע אין אַמעריקע איז שוין געווען זייער גרויס. די שטעלע אין דער קאָנסערוואַטאָריע פון שיקאַגאָ האָט ער אָנגעהאַלטן ביזן יאָר 1900.

אין 1900 האָט לעאָפּאָלד גאָדאָווסקי באַשלאָסן זיך אומצוקערן קיין אייראָפּע און אײַננעמען דעם מוזיק־עולם פון דער אַלטער וועלט. ער האָט זי טאַקע אײַנגענומען מיט שטורעם.

דעם 6־טן דעצעמבער 1900 האָט גאָדאָווסקי געגעבן זײַן ערשטן קאָנצערט אין בערלין, און איבערנאַכט איז ער געוואָרן איינער פון די באַרימטע פיגורן אין דעם אייראָפּעאישן מוזיק־לעבן. ער האָט פאַרבראַכט אין בערלין ביז 1909, און ער איז אין די יאָרן אַ סך אַרומגעפאָרן איבער דער וועלט מיט פּיאַנאָ־קאָנצערטן. אומעטום, וואו נאָר גאָדאָווסקי האָט געשפּילט, האָט ער געוואונען די העכסטע אָנערקענונג און באַוואונדערונג.

אין 1909 ווערט ער ווידער דער פּעדאַגאָג, באַזעצנדיק זיך דאָס מאָל אין ווין. ער איז דאָרטן באַשטימט געוואָרן אַלס דירעקטאָר פון דער מייסטער־שול פאַר פּיאַנאָ־שפּילן בײַ דער קייזערלעכער קאָנסערוואַטאָריע. די הויכע שטעלע האָבן ביז אים פאַרנומען די גרויסע פּיאַניסטן עמיל זאַוער, אַ ייִד און פערוטשיאָ בוזאָני, אַ האַלבער ייִד, ביידע געבוירענע אין דײַטשלאַנד. דער ווילנער ייִד

לעאָפּאָלד גאָדאָווסקי האָט דאָ זײַנע פאַרגייער ניט פאַרשעמט.

גאָדאָווסקי האָט די שטעלע אָנגעהאַלטן ביזן יאָר 1912. ער האָט אָנגעפירט מיט די העכערע קלאַסן אין פּיאַנאָ־שפּילן, וואו יונגע טאַלאַנטפולע פּיאַנאָ־קינסטלער האָבן זיך פאַרפּולקאָמט אין זייער קונסט. גאָדאָווסקי האָט געהאַט זיין אייגענעם אָריגינעלן קוק אויף דער אַרבעט און קונסט פון לערנען אַנדערע, און ער האָט געהאַט די פולע מעגלעכקייט אָנצואווענדן זיין טעאָריע.

שפּעטער איז לעאָפּאָלד גאָדאָווסקי קיינמאָל ניט געווען פולשטענדיק צופרידן מיט דער פּעדאַגאָגישער אַרבעט. ניט ווייל ער האָט פון דעם ניט געהאַלטן, פאַרקערט, ער האָט די אַרבעט פון דעם מוזיק־לערער געשטעלט זייער הויך, אָבער ער האָט אויך געשטעלט דעם לערער זייער שטרענגע פאָדערונגען. גאָדאָווסקי איז געווען אַ קינסטלער־אַ־דענקער. ווי דערפאָלגרייך מען האָט אים ניט געהאַלטן, ווי אַ לערער פון יונגע טאַלאַנטפולע מוזיקער, האָט ער אַליין געפונען אין זיין אַרבעט גרויסע אַנטוישונגען.

אין זיין בוך וועגן יידישע מוזיקער גיט איבער דער וויאָלאָנטשעליסט גדאל זאַלעסקי אַזעלכע שפּעטערדיקע רייד פון דעם גרויסן פּיאַנאָ־קינסטלער: „איך האַלט, אַז די יאָרן, וואָס איך האָב אין דער ערשטער צייט פון מיין קאַריערע געווידמעט אויף לערנען אַנדערע זיינען געווען אַ פאַרלוסט פון צייט. לערנען אַנדערע איז, פאַרשטייט זיך, אַ נאָבעלע פּראָפעסיע, אָבער פון מיין אייגענער דערפאַרונג ווייס איך, אַז די רעזולטאַטן זיינען נישטיק, אין פאַרגלייך מיט דער צייט און דער ענערגיע, וואָס ווערן פאַרווענדט. עס איז דורכאויס אַן אַרויסגעוואָרפענע אַרבעט צו לערנען עמיצן, וואָס פאַרמאָגט ניט דאָס ריינע גאָלד, — דאָס איז ווי פריידיקן אין מדבר. גרויסע זשעניען זיינען, נאַטירלעך, זייער זעלטן, איך האָב נאָך ניט געפונען קיין זייער גרויסע טאַלאַנטן. עס אַנטמוטיקט באמת זייער שטאַרק, ווען מען זעט איין, אַז היינט צו טאָג האָבן מיר ניט קיין איינציקן שאָפּען אָדער ליסט, וואָס זאָל באַשאַפן אַ נייע קונסט אין פּיאַנאָ־שפּילן".

אַזוי ווי די מערסטע תלמידים פון מוזיק־שולן פון קאָנסערוואַטאָריעס זיינען מיטלמעסיקייטן, האָט גאָדאָווסקי געהאַלטן, אַז די בעסטע זאַך איז לערנען זיי צוזאַמען אין קלאַסן. דאָס איז אי אַ סך בעסער פאַר זיי, אי דאָס שפּאָרט איין אַ סך צייט פון דעם לערער. אין אַ גרופּע וועט דער תלמיד האָבן פאַר זיך קאָנקורענץ פון אַנדערע תלמידים און זייער גוטן ביישפּיל, וועט ער מאַכן גרעסערע אָנשטרענגונגען צו באַנעמען דעם ענין, וואָס ער לערנט. דעריבער, ווען גאָדאָווסקי איז געווען דירעקטאָר פון דער מייסטער־שול ביי דער קייזערלעכער קאָנסערוואַטאָריע אין ווין, האָט ער אַלעמאָל געלערנט מיט תלמידים אין קלאַסן. גאָדאָווסקי האָט פון זיינע תלמידים געוואָלט מאַכן ניט נאָר גוטע פּיאַניסטן, נאָר אויך גוטע מוזיקער און קינסטלער.

עס איז דעריבער גאָר קיין חידוש ניט, וואָס אָט דער גרויסער מוזיקער און קינסטלער און לערער פון אַנדערע האָט געהאַט אַ טיפן איינפלוס אויף אַ גאַנצן דור ייִנגערע פּיאַנאָ־ווירטואָזן, וועמען ער האָט איבערגעגעבן אי זיין פעאיקייט אַריינצודרינגען טיף אין אַ מוזיקווערק, וואָס ווערט געשפּילט, אי די גרויסע ווירטואָזיטעט פון זיינע הענט און פינגער.

פון 1912 אָן האָט לעאָפּאָלד גאָדאָווסקי געוואוינט מערסטנס אין אַמעריקע, אָבער ער איז נאָכאַנאַנד אַרומגעפאָרן מיט קאָנצערטן אין די פאַראייניקטע שטאַטן און אין אויסלאַנד.

פון דעמאָלט אָן און ביז זיין טויט (1938) איז גאָדאָווסקי געווען פּראָמינענט אין דער מוזיק־וועלט ווי אַ לערער, ווי אַ קאָנצערט־פּיאַניסט און ווי אַ קאָמפּאָזיטאָר.

ווי אַ פּיאַנאָ־ווירטואָז, האָט גאָדאָווסקי געהאַט ווייניק אמתע קאָנקורענטן אויף דער קאָנצערט־בינע. מען דערציילט, אַז ווען מען האָט געפרעגט דעם באַרימטן יידישן פּיאַניסט וולאַדימיר דע פּאַכמאַן, וועמען ער האַלט פאַרן גרעסטן פּיאַנאָ־ווירטואָז פון אונדזער צייט, האָט יענער געענטפערט: „נאָך מיר איז דער גרעסטער פּיאַניסט פון אונדזער צייט לעאָפּאָלד גאָדאָווסקי".

אין די לעצטע יאָרן האָט אָבער גאָדאָווסקי ניט געקאָנט אויפטרעטן אויף דער קאָנצערט־בינע צוליב אַ לייכטן פּאַראַליז פון דער לינקער האַנט.

גאָדאָווסקי איז אויך געווען אַ גלענצנדער קאָמפּאָזיטאָר, באַזונדערס פאַר דער פּיאַנאָ. מען האָט וועגן גאָדאָווסקין געזאָגט, אַז זינט פראַנץ ליסט האָט קיינער אַזוי פיל ניט פאַרגרעסערט די מעגלעכקייטן פון פּיאַנאָ־קאָמפּאָזיציע, ווי ער האָט דאָס געטאָן. ער האָט איבערגעלאָזן אַ סך זייער אָריגינעלע קאָמפּאָזיציעס, וואָס זיינען אין רעפּערטואַר פון ווירטואָזן. ער האָט געמאַכט זייער אַ סך גלענצנדיקע אַראַנזשירונגען און פּאַראַפראַזן פון די ווערק פון פּיאַנאָ־קלאַסיקער: באַך, שאָפּען, וועבער, שובערט, שומאַן, יאָהאַן שטראוס, ריכאַרד שטראוס, קאַרל באָם, אַלבעניז און אַנדערע. באַזונדערס באַרימט זיינען זיינע שאָפּען עטיודן, אַ פּיאַנאָ סאָנאַטע, אַ טאָקאַטא, אַ קאַפּריטשיאָ, „טריאקאָטאמעראָן" — דרייסיק שטימונגען פון סצענעס פאַר פּיאַנאָ, אַ „יאַווא סיואיטע", „רענעסאַנס" — אַ פרייע טראַנסקריפּציע פון אַלטער מוזיק פאַר פּיאַנאָ, אַ גאַנצע ריי „אַדאָפּטאַציעס", „פאָנאָגראַמעס", „טאָן־רייזעס", „מיניאַטורן", טענץ און אַ סך אַנדערע. אין אַלע זיינע פּיאַנאָ־קאָמפּאָזיציעס ווייזט ער זיך אַרויס ווי איינער פון די גרעסטע מייסטערס פון פּיאַנאָ, און גאָר גרויסע ווירטואָזן נעמען זיך אונטער זיי צו שפּילן.

נתן סטאָלניץ

# וועגן חזנים און חזנות-ליטא

(זכרונות)

ווען איך האָב אָנגעהויבן שרייבן מיינע זכרונות וועגן חזנים און חזנות, האָט אין מיין דמיון אויפגעטויכט דאָס אויסגעלאָשן בילד פון דער נאָענטער פאַרגאַנגענהייט; אין געדאַנק שיינען אויף די אומפאַרגלייכלעכע חזנות־צענטערן פון מזרח־ און מערב־אייראָפּע, וואָס זיינען ליידער צוזאַמען מיט די דאָרטיקע קהילות חרוב וגחרב געוואָרן, אָבער זייער גייסטיקע השפעה און רייכע קולטור־ירושה וועט פאַרבלייבן לדורות.

ווען דיק דער עיקר קאָנצענטרירן זיך אויפן חזנות־געביט אין ליטע, וועלן מיר מוזן פאַרביילאָזן די באַדייטנסטע חזנות־צענטערן פון דרום־רוסלאַנד און אוקראַינע, ווי אָדעס מיט אירע באַרימטע חזנים פון אַ ניסן בלומענטאַל, פּנחס מינקאָווסקי, יעקב ספּיוואַק (יאַנקל סאָראָקער), אפרים זלמן ראַזומני, בצלאל אָדעסער, יעקב באַכמאַן, פּיצע אַבראַס און אַנדערע גרויסע עמוד־קינסטלער; ווי אויך די מייסטערהאַפטע סינאַגאָגאַלע דיריגענטן־קאָמפּאָניסטן: נאָוואַקאָווסקי, דונאַיעווסקי, יאַקאָווקין; קישענאָוו מיט אירע גדולי התפילה: קאַלאַכניק און קילעמניק; בערדיטשעוו מיט איר זעלטענעם חוט־המשולש: ניסן בעלזער, ירוחם הקטן און זיידל ראָוונער; אָדער לעמבערג, די איינפלוסרייכע חזנות־פּאָזיציע אין גאַליציע, פון וואַנען ס׳האָט אַמשטאַרקסטן משפיע געווען די פּערזענלעכקייט פון חזנישן נעסטאָר ברוך שאָר; וואַרשע, די קעניגרייך פון חזנות אין פּוילן; ווין, בודאַפּעשט און בוקאַרעשט, די צענטרען פון חזנות אין עסטרייך־אונגאַרן און רומעניע, וועלכע האָבן אַריינגעשריבן קאַלירפולע קאַפּיטלעך אין דער געשיכטע פון אונדזער ליטורגיע.

מיר וועלן זיך האַלטן דורכאויס ביי דער געשטעלטער אויפגאַבע און באַמיִען זיך אַרויסברענגען, כאָטש אין אַ קאָנדענסירטער פאָרם, אַ טייל פון די פיל איינדרוקן, וואָס זיינען מיר אַמנאָענטסטן און אַמשטאַרקסטן פאַרבליבן אין זכרון וועגן חזנים אין ליטע, וואו איך האָב מיין יוגנט פאַרבראַכט.

א.

בדרך כלל זאָל דאָ לשבח באַמערקט ווערן: הגם דאָס עניוותדיקע ליטווישע יידנטום האָט לגמרי זיך ניט געריסן פאַר גייסטיקער העגעמאָניע, האָט דאָך איר השפעה דערגרייכט צו די ווייטסטע ווינקלען פון דער ערד; אויב די גייסטיקע יידישע ליטע האָט אין אַ גרויסער מאָס געדינט ווי אַ מוסטער אין פיל הינזיכטן פאַר דעם רוב יידישע קיבוצים, איז עס אויך אינעם פּרט פון יידיש־מוזיקאַלישן וועזן. כאָטש די יידישע ליטע איז צאָלמעסיק קליין געווען, איז זי אָבער, כידוע, גאַר



גרויס געווען אין איכות, גייסטיק שטאַרק כמעט אויף אַלע געביטן פון קולטור און קונסט, איינשליסנדיק אויך חזנות. ליטורגיע שעפער פון ליטע האָבן דעם גרעסטן חלק בייגעטראָגן צו אונדזער אַלגעמיינעם יידישן נגינה־אוצר.

דאָס ליטווישע חזנות, אין תוך גענומען, האָט מיט זיך פאָרגעשטעלט אַן אייגנאַרטיקע טראַדיציאָנעלע פאָרם, לחלוטין אָן איבעריקע „דריידלעך און פליטערלעך". אָבער אין לויף פון דער צייט, אַ דאַנק דער ווירקונג פון די עמוד־קינסטלער פון אַנדערע געגנטן, — צום מיינסטנס פון אוקראַינע, וואָלין, בעסאַראַביע, רומעניע און אַנדערע מקומות — איז דאָס חזנות־ליטע שפּעטער געוואָרן אַ שפּרודלדיקער קוואַל פאַר פאַרשיידנאַרטיקע מוסטערהאַפטע חזנישע פאָרמען. זי איז מער ניט פאַרבליבן איינגעשלאָסן און באַגרענעצט ביי איר אלטער שטרענגער ליטוויש־חזנישער שיטה. חזנות־ליטע איז פאַקטיש געוואָרן אַ וויכטיקער רעזערוואואַר פאַר אַ סך אַנדערע יידישע קיבוצים אין פאַרשיידענע וועלטטיילן. דאָס איז אַגב אַן און פאַר זיך אַ גאַנץ רייך קאַפּיטל חזנות־געשיכטע.

וועלנדיק באַלייכטן דעם דאָזיקן קאַפּיטל וועט אונדז אויסקומען הויפּטזעכלעך זיך אָפּשטעלן אויף דער ליטווישער מעטראָפּאָליע, ווילנע — „ירושלים־דליטא", וואָס איז ווירקלעך אין פיל פּרטים געווען די מוסטערשטאָט פון חזנות פאַר מערסטע קהילות.

וועגן דער באַדייטנדיקער חזנות־ראָל פון ווילנע האָט חזן גרשון סיראָטע ז״ל, אין זיינע פאַרעפנטלעכטע מעמוארן, געהאַט זיך אויסגעדריקט, אַז דער ווילנער עמוד איז פאַר אים געווען די בעסטע קאָנסערוואַטאָריע. עס בלייבט אַן אומבאַשטרייטבאַרער פאַקט, אַז ראוי צו טראָגן דעם נאָמען „ווילנער חזן" האָט ווירקלעך געמיינט דער בעסטער אַנערקענטער דיפּלאָם צו דערגרייכן שפּעטער די חשובסטע חזנות־שטעלעס אין די גרעסטע צענטערן. אַ דאַנק אירע גרויסע עמוד־קינסטלער, האָט ווילנער חזנות באַקומען אַ שם אין דער גאָרער וועלט. דערמאָנענדיק וועגן ווילנער חזנות, וואָס האָט דורותלאַנג פאַרנומען אַזאַ וויכטיקע פּאָזיציע אינעם אָרטיקן גייסטרייכן יידישן לעבן, דאַרפן דער עיקר באַצייכנט ווערן אירע צוויי דאָמינירנדיקע נגינה־צענטערן: די ווילנער כאָר־שול — „טהרת הקודש" (געבויט אין צווייטן העלפט פון פאָריקן יאָרהונדערט) און די ווילנער שטאָטשול (געבויט אין 1572־73). ביידע דערמאָנטע שולן האָבן אַגב אויף אַן אומדירעקטן אופן, אין פאַרשיידענע צייטן, אַרויסגעגעבן באַרימטע חזנים פאַרן אַלוועלטלעכן יידנ־

טום. אָט די ביידע נגינה־צענטערן האָבן מיט זייער השפעה אַרויסגעשיינט ווייט אַריבער די גרענעצן פון ליטע. פון זייערע קאַדרען באַגאַבטע צאָלרייכע משוררים זיינען שפּעטער אויסגעוואַקסן חזנים גדולים, ערשטראַנ־גיקע קאָנצערט־זינגער, אָפּערע־אַרטיסטן, קעניגלעכע קאַמער־זינגער און דיריגענטן־קאָמפּאָזיטאָרן מיט גרויסע וועלט־נעמען.

די כאָר־שול „טהרת הקודש", וואו עס האָבן געדאַוונט די פּני־העיר פון ווילנע, די אָרטיקע רייכע אַריס־טאָקראַטיע, ווי די משכילים פון שטאָט, איינשליסנדיק די רייך־פאַרצווייגטע ליטעראַרישע משפּחה, וואָס האָט געשמט ברייט און ווייט אין דער יידישער וועלט, האָט מיט זיך פאָרגעשטעלט אַן אמתער היכל הנגינה. אויס־געפילט האָט מען די מערסטע תפילות מיט שיינער מאָדערנער קלאַסישער חזנות, אַדאַפּטירט אַמיינסטנס פון מערב־אייראָפּע, וואו צוזאַמען מיטן אויפשטייגנדיקן קולטור־רענעסאַנס האָט אויך חזנות באַקומען אַ נייע געשטאַלטונג.

דער פּאָפּולערסטער און לאַנגיאָריקסטער פון די חזנים, וועלכע האָבן פאַרטראָטן דעם חשובן עמוד פון „טהרת הקודש", איז געווען דער וועלט־באַרימטער חזן־קאָמפּאָזיטאָר און משכיל, אברהם משה בערנשטיין ע"ה. געוויסע יאָרן בין איך געווען ביי חזן בערנשטיין אַ בן־בית און גייסטיק אַ סך גענאָסן פון זיין נאָענטער פריינטשאַפט. מיר איז אויך אויסגעקומען אָנטיילנעמען מיט אים אויף אָוונטן געווידמעט דעם יידישן ניגון, אַראַנזשירט דורך דער היסטאָריש־עטנאָגראַפישער גע־זעלשאַפט א. נ. פון ש. אנסקי. זיינע באַלערנדע מוזיקאַ־לישע לעקציעס האָבן אַרויסגערופן גרויס אינטערעס אין דער יידישער ווילנע און צוגעצויגן אויך אַ סך פון דער שטודירנדיקער יוגנט. פיל צייט און מי האָט חזן בערנשטיין אָפּגעגעבן אויך פאַר דער געהעריקער מוזיקאַלישער אויסבילדונג אין אָרטיקע יידישע לערן־אַנשטאַלטן, וואו ער האָט איינשטודירט זיינע אייגענע קאָמפּאָנירונגען אויף טעקסטן פון א ריי קלאַסישע העברעאיש־יידישע דיכטער. אין לערער־סעמינאַר האָט ער אויפגעשטעלט אַ גרויסן מענער־כאָר, וואָס איז געוואָרן אַ שם־דבר אין גאַנצן אומגעגנט, און די דער־פאָלגרייכע קאָנצערט־אויפטריטן פלעגן אַרויסרופן די וואַרעמסטע לויב־קריטיק. צו דער זעלבער צייט האָט בערנשטיין געשאַפן אַ רייכע צאָל פּאָפּולער געוואָרענע סינאַגאָגאַלע קאָמפּאָזיציעס, וועלכע ווערן נאָך עד היום אומעטום געזונגען. אַ טייל פון זיינע שאַפונגען זיינען פאַראייביקט געוואָרן אויף פּליטן פון די גרעסטע חזנים און קאָנצערט־זינגער.

חזן בערנשטיין איז אויך געווען אַן אידעאַלער קאָמ־פּילאַטאָר פון חסידישע זמירות, וואָס זיינען דורות געזונ־גען געוואָרן פון טויזנטער יידן און שפּעטער אָנגעהויבן פאַרגעסן ווערן. אַ לענגערע צייט האָט ער זיי געזאַמלט און באַאַרבעט. לסוף איז אין 1927 פאַרעפנטלעכט געוואָרן דורך דער אויבנדערמאָנטער היסטאָריש־עטנאָגראַפישער





געזעלשאַפט דער „מוזיקאַלישער פּנקס" פון **א. מ. בערנ־שטיין**, וואָס אַנטהאַלט אַ רייכן ניגונים־קוואַל פון יידישן פאָלקס־אוצר. (לעצטנס איז דער זעלבער פּנקס איבער־געדרוקט געוואָרן דורך דער „קאַנטאָרס אַסעמבלי אָוו אַמעריקא).

אָבער חוץ קאָמפּאָזיטאָר און מוזיקאָלאָג איז חזן בערנשטיין אויך געווען אַן אומדערמידלעכער פאָרשער פון העברעאישער ליטעראַטור. כמעט טאָג־איין טאָג־אויס האָט מען אים געקאָנט טרעפן אין „סטראַשון ביב־ליאָטעק" אויפן ווילנער שול־הויף פאַרטיפט אין אַלטע ספרים, מאַכנדיק נייטיקע נאָטיצן. מען האָט אין פאַר־שיידענע צייטשריפטן, העברעאישע און יידישע געקענט באַגעגענען זיינע באַלערנדע אַרטיקלען און אָפּהאַנדלונ־גען איבער יידישער מוזיק און אויך מעמואַרן וועגן באַרימטע חזנים און יידישע מוזיקער. מען האָט אים באַצייכנט ניט נאָר אַלס אַ לעבעדיקע ענציקלאָפּעדיע, נאָר אויך אַלס פאַרדינסטפולן פאָרשער פון דער ליי־טורגיע. ער האָט אויסגעבעסערט, וואָס די פאָרגענגער האָבן פאַרגרייזט.

אין 1921, ווען בערנשטיין האָט נאָך 30 יאָר עבודת הקודש אויפגעגעבן זיין חזנות־אמט אין „טהרת הקודש", איז זאַלודקאָווסקי אויפגענומען געוואָרן אַלס זיין ממלא מקום. גאָר גיך האָט זאַלודקאָווסקי געוואונען אנערקענונג און גרויס אַכטונג מצד דער גאַנצער געמיינדע, אַ דאַנק זיין פילזייטיקער קענטעניש און באַגאַבטקייט ניט נאָר אויפן נגינה־געביט. ער איז באַוואָפנט געווען מיט טיפן יידישן וויסן און וועלטלעכער בילדונג. ווי זיין פאָרגענגער בערנשטיין האָט אויך זאלודקאָווסקי זיך ניט באַגרענעצט בלויז מיט זיין עבודת הקודש ביים עמוד. זיין ראָל אַלס אַלגעמיינער מוזיקאַליש־ליטעראַרישער כוח און אויך אַלס אַקטיווער קולטור־ עסקן האָט געלייגט אַ חותם אויפן יידיש־געזעלשאַפטלעכן לעבן אין די גרויסע קהילות, וואו ער האָט זיינע חזנות־אַמטן אָנגעהאַלטן אויף ביידע זייטן ים. ער האָט אַלעמאָל געוועקט און גערופן מונדלעך און שריפטלעך זיינע חזנים־קאָלעגן צו לערנען און זיך פאַרטיפן ניט נאָר אין מוזיקאַלישער אויסבילדונג, נאָר אויך באַקרעפטיקן זיך גייסטיק וואָס מער מיט די נייטיקסטע יידישע לימו־דים, וואָס אַ שליח־ציבור דאַרף און מוז וויסן. אויף חזנישע לאַנד־קאָנפערענצן איז ער, אַפריער אין אייראָ־פּע, דערנאָך אין אַמעריקע, פאַקטיש געווען צווישן די טאָן־געבער אריינצוברענגען אַ רוח־חיים אין חזנים־לאַגער.

נאָך זאַלודקאָווסקיס פאַרלאָזן ווילנע האָבן אַ קורצע צייט פאַרטראָטן דעם עמוד פון „טהרת הקודש" די חזנים טייכטעל און קאַמענעצקי.

אין משך פון 8 יאָר האָט דערנאָך אָנגעהאַלטן דעם חזנות־אמט אין דער זעלביקער כאָרשול יעקב גאָלדשטיין, וועלכער איז נאָכדעם אַוועקגענומען געוואָרן אַלס שליח ציבור פון דער גרויסער „סטעמפאָרד־היל"־סינאַגאָגע אין לאָנדאָן, און מיט 17 יאָר שפּעטער איינגעגלידערט

געװאָרן אין דער ניו־יאָרקער חזנים־משפּחה, װאו ער איז ממשיך זיין מלאכת הקודש.

און איצט אַ בליק אויף דער גרויסער חזנות־ראָל פון װילנער שטאָט־שול, װאָס איז געשטאַנען ברומו של עולם. דאָ האָט שוין דאָס חזנות און אויך דאָס כאָר־געזאַנג פאַרגעשטעלט מיט זיך אַ גאַנץ אַנדער נוסח: ניט דאָס קלאַסישע חזנות, נייערט „געפּיל חזנות", פריי פון װעלכע עס איז געצאַמטע פאָרמען, דורכאויס דורכ־געדרונגען מיט רגש און התעוררות. דער עולם מתפּללים, מייסטנס „עמך" און סתם געװיינלעכע בעלי בתים, װאָס פלעגט אָנפילן די גיגאַנטישע שול מפּה אל פּה יעדן שבת מברכים (דער שטאָט־חזן האָט ניט געדאַװנט יעדן שבת אַזוי װי אין כאָרשול), האָט יעדעס מאָל מיט גרויס נייגער און דורשט דערװאַרט פון חזן חידושים און זיך געקװיקט פון זיינע אימפּראָװיזירונגען. מ'איז געשטאַנען ממש פאַרציטערט און געשלונגען יעדעס װאָרט און יעדן טאָן פונעם חזן.

צו האָבן אַ באַגריף װעגן דעם גרויסן באַדייט פונעם עמוד אין װילנער שטאָט־שול, איז גענוג אָנצואװייזן אויף דעם רייסטער פון די גדולי התפילה, װאָס האָבן דאָרט פאַרטראָטן און מיט װעלט־רום געקרוינט געװאָרן. פון פאַרשיידענע שטעט האָט מען אין פאַרשיידענע צייטן זיך געריסן אַרויסצוקריגן פון װילנע אירע שטאָט־חזנים, ניט אָפּשטעלנדיק זיך פאַר קיין פּרייז. אפילו די ניט יידיש־מוזיקאַלישע װעלט האָט אָפּט געהאַלטן אַ װאַכזאַם אויג אויף די אויסגעצייכנטע װילנער שטאָט־חזנים, זוכנדיק תרופות װי אַזוי צו קאָנען אַריבערגע־װינען זיי פאַר דער אָפּערע־בינע. איז דאָך באַװאוסט דער פאַל מיט דעם לעגענדאַרן „װילנער בעל הביתל", חזן יואל דוד סטראַשונסקי (1816—1850), װעלכער איז דורך דער באַװירקונג פון באַרימטן פּוילישן קאָמפּאָזיטאָר מאָניושקאָ, װאָס האָט בשעתו געלעבט אין װילנע, אַריינ־געצויגן געװאָרן אין דער פּוילישער אָפּערע אין װאַרשע. ליידער האָט דער דאָזיקער עקסטרעמער איבערגאַנגס־פּראָצעס געבראַכט פאַטאַלע פאָלגן — י. א. סטראַשונסקי האָט זיך גייסטיק צוזאַמענגעבראָכן און איז פּריצייטיק, אין עלטער פון 34 יאָר, אַװעק פון דער װעלט.

אויך זיין שפּעטערדיקער נאָכפאָלגער, חזן חיים װאַסערצוג (באַקאַנט מער אונטערן נאָמען ר' חיימל לאָמזשער) האָט מען פּרובירט שטאַרק באַװירקן, ער זאָל איבערגיין צו דער אָפּערע־בינע. די איטאַליענישע אָפּערע־קאָמפּאַניע אין פּעטערבורג האָט אים געהאַט פאַרגעלייגט אַ גאָר הויכן האָנאָראַר. אָבער ביי אים האָט שוין געהאַט גובר געװען די טיף איינגעװאָרצלטע רעליגיעזיטעט צו דערדריקן אין זיך דעם באַגער צו דער רייכער אָפּערע־בינע און האָט אָפּגעװאָרפן די פאַרגעשלאָגענע פרעמד קינסטלערישע גלאָריע.

דערפאָלג און װעלט־רום דערגרייכן אויך די גאַנצע נאָכפאָלגנדיקע פּלעיאַדע װילנער שטאָט־חזנים: יהושע פיינזינגער, ישראל קופּער, יוסף צבי כהנא, גרשון סיראָטע, דוד משה שטיינבערג, דוד רויטמאַן, מרדכי הערשמאַן,



און ויבדלו לחיים, די געװעזענע שטאָט־חזנים פון װילנע — משה קוסעװיצקי און יוסף איידעלסאָן, װעלכע האָבן זיך פון היטלער־חורבן על פּי נס געראַטעװעט און, מיט פרייד צו זאָגן, באַשיינען איצט דאָס חזנות אין אַמעריקע.

אַ פּאָר מערקװירדיקע װילנער עפּיזאָדן װעט דאָ כדאי זיין אַרויסברענגען װעגן די חזנים רויטמאַן און הערשמאַן.

דוד רויטמאַנס אָנקומען פון באַכמוט פאַרן װילנער שטאָט־חזן, געדענקט זיך מיר עד היום. עולם האָט אַרויס־געװיזן אַ גװאַלדיקן ענטוזיאַזם בעת זיין ערשטן שבת דאַװנען. די גאַנצע יידישע און אויך די שכנותדיקע דייטשישע גאַס זיינען געדיכט געװאָרן מיט יידן, װאָס האָבן פון אַלע זייטן זיך געריסן מיטבאַגלייטן חזן רויטמאַנען פון שול. אָנקומענדיקע רייטער־פּאָליציי האָבן געמוזט איינהאַלטן דעם שטאַרקן געדראַנג אין װעלכן מענטשן זיינען שיער ניט צעדריקט געװאָרן אַזוי שטאַרק איז מען גערירט און מיטגעריסן געװאָרן פון זיין דע־מאָלטיקן מתיקותדיקן דאַװנען. זיין שעפערישער כוח ביים עמוד און מוזיקאַלישער טאַלענט איז באמת געװען אין לשער. די מתפּללים האָבן אים ממש פאַרגעטערט. אָבער ניט לאַנג איז די װילנער יידן באַשערט געװען צו געניסן פון רויטמאַנס װאונדערבאַרער נגינה. די רייכערע קהילה אין פּעטערבורג האָט אים שפּעטער אויסגעכאַפּט פאַר איר גרויסער כאָרשול, װאו ער איז געבליבן ביז נאָכן אויסברוך פון דער באָלשעװיסטישער רעװאָלוציע.

מרדכי הערשמאַן, װעלכער איז אָנגעקומען אַלס שטאָט־חזן אין װילנע אין 1913, איז מיט אַ יאָר שפּעט־טער, ביים אויסברוך פון דער ערשטער װעלט־מלחמה, װי אַ „זאַפּאַסנער" סאָלדאַט מאָביליזירט געװאָרן אין דער אַרמיי און געזאָלט אָפּגעשיקט װערן צום פראָנט. דאָס האָט שטאַרק אויפגערודערט די שול־גבאים און זיינע דערװאַרבענע פיל פאַרערער. צום גליק איז דאַן פאַרגעקומען אין װילנער שטאָט־שול אַ ספּעציעלע גאָ־טעסדינסט פאַרן נצחון פון רוסלאַנד, װאו עס זיינען ביי־געװען די אָרטיקע העכסטע מיליטער־לייט. חזן הערש־מאַן האָט מיט זיין פענאָמענאַלער שטימע און געטלעך גע־זאַנג אַזוי שטאַרק נושא חן געװען ביים אָנװעזנדיקן קריגס־קאָמאַנדיר רענענקאַמף, אַז ער האָט אים גלייך באַפרייט פון מיליטער. זיין אויסערגעװיינלעכע באַגייסטערונג האָט דער קריגסמאַן עפנטלעך אויסגעדריקט אין געריכטע װערטער, אַז אַזאַ גאָט־געבענטשטער זינגער טאָר ניט אויסגעשטעלט װערן צו דער סכנה פון קריגס־פראָנט און זאָל ער װייטער אָנגיין מיט זיין הייליקער שליחות.

פאַרשטייט זיך, אַז די װילנער יידן האָבן זיך געפילט גליקלעך פון דאָזיקן נאָבלען זשעסט און געהאַט דעם זכות צו האָבן הערשמאַנען פאַר זייער שטאָט־חזן ביז ענדע קריג.

אַ פּאָר יאָר שפּעטער איז חזן הערשמאַן אַװעק קיין אַמעריקע.

בײדע דערמאָנטע ווילנער שטאָט־חזנים זײַנען פריצײַטיק געשטאָרבן אין ניו־יאָרק: מרדכי הערשמאַן — אין 1940 און דוד רויטמאַן — אין 1944.

זײערע צאָלרײַכע פּליטן וועלן יאָרן־לאַנג באַגײַסטערן און באַוואונדערן נגינה־ליבהאָבער בכל התפוצות.

## ב.

פיל בײַגעטראָגן צו חזנות־ליטא האָט אויך דער באַרימטער גײַסטרײַכער יידישער צענטער — קאָוונע און אײניקע קהילות פון קאָוונער קרײַז. זײ האָבן פאַרמאָגט וואונדערבאַרע עמוד־קינסטלער, וועמענס נעמען זײַנען נאָך עד היום אײַנגעקריצט אין זכרון פון עלטערע חזנים און מעלאָמאַנען.

מיר וועלן דאָ פאַרצײכענען אײניקע פון זײ, וועלכע פאַרדינען לכל הדעות פאַראײביקט צו ווערן אינעם רײסטער פון אונדזערע ליטורגישע זײלן.

דעם חזנישן אויבנאָן אין קאָוונע האָט פאַרנומען די כאָרשול, וואו עס האָבן פאַרטראָטן דעם עמוד די באַוואוסטע חזנים: רפאל יהודה ראַבינאָוויטש, יהודה פערלמוטער, לאַכמאַן, אָסטראָווסקי, דאָרפמאַן און, צו לעצט, מיכאל אַלעקסאַנדראָוויטש.

אָבער קודם כל וועלן מיר זיך אָפּשטעלן בײ אַ פּאָר פון די פריערדיקע אויסגעצײכנטע חזנים אין בית המדרש הגדול, וועלכע זײַנען שטאַרק מפורסם געווען אויך ווײַט אַריבער דעם גבול פון ליטע: ברוך קאַרלינער און יצחק לײב „קודרע" (אַ צונאָמען).

חזן קאַרלינער, וועלכער איז געווען פון די באַרימטסטע חזנים אין 19־טן יאָרהונדערט, האָט, אַגב, אַרויסגעגעבן אַ באַדײַטנדע צאָל תלמידים, וואָס האָבן פאַרנומען וויכטיקע חזנות־פּאָזיציעס אין גרויסע קהילות פון פאַרשײדענע מדינות. פון צײַט צו צײַט פלעגט ער אַרומפאָרן אין אַן אײגענער בויד מעיר לעיר מיט אַ קאַפּעליע משוררים, באַגײַסטערנדיק אומעטום מיט זײַן אײגנאַרטיקן וואונדערבאַרן דאַווענען.

ברוך קאַרלינער איז נפטר געוואָרן אין בריסק אין 1871.

די אײנציקע פאַרצײכנטע אינפאָרמאַציע, וואָס געפינט זיך וועגן קאָוונער חזן „קודרע", וועלכער האָט אין זײַן צײַט זײער פיל בײַגעטראָגן צום וואוקס פון ליטווישער חזנות, איז אַ קורצע אויטאָביאָגראַפיע פון חזן אליהו ווײזמאַן, פאַרעפנטלעכט אין „די געשיכטע פון חזנות*". אליהו ווײזמאַן, וועלכער האָט אין דער יוגנט געזונגען אין קאָוונע בײם חזן „קודרע" און שפּעטער עמיגרירט קיין אַמעריקע, דערמאָנט מיט גרויס פּיעטעט זײַן ערשטן חזנישן רבין.

חזן „קודרע" איז בכלל געווען אַ שם דבר אין זײַן צײַט בײ די קאָוונער יידן, בײ וועלכע ער האָט זיך שטאַרק באַליבט געמאַכט אַלס זעלטענער אימפּראָוויזאַטאָר און אויך מיטגעהאָלפן אויסבילדן אַ רײ זײַנע אויסגעצײכנטע משוררים צו זײער שפּעטערדיקן דרך החזנות.

רפאל יהודה ראַבינאָוויטש, אײנער פון די דרײ ברידער, וואָס זענען מפורסם געווען אין דער חזנים־וועלט ווי געבענטשטע עמוד־קינסטלער, שטרענגע מאָדערניסטן און ערנסטע אידעאַלע נאָכפאָלגער פון זײער גרויסן מורה־דרך ווײַנטרויב, איז געווען 15 יאָר חזן אין קאָוינער כאָרשול און איבער 20 יאָר שטאָט־חזן אין דווינסק. דאָרט איז 4 יאָר געווען בײ אים כאָרדיריגענט יוסף רומשינסקי און צוזאַמען האָבן זײ אויך אויפגעפירט העברעאישע אָראַטאָריעס מיט גרויס דערפאָלג.

בײם אויסברוך פון דער ערשטער וועלט־מלחמה איז חזן ראַבינאָוויטש אַנטלאָפן קיין באַקו צו זײַן זון, אַן אינזשעניער, און איז דאָרט געשטאָרבן.

חזן ראַבינאָוויטש האָט אויך דערצויגן אַ צאָל תלמידים, וואָס האָבן שפּעטער געשמט אין דער יידיש־מוזיקאַלישער וועלט.

אײנער פון זײ, דוד מרדכי כאַינאָווסקי, וועלכער האָט זײַן ערשטע נגינה־יניקה באַקומען אין קאָוונער כאָרשול בײ ראַבינאָוויטשן, איז שפּעטער געוואָרן חזן אין מאָסקווע, האָט געשמט פאַר אײנעם פון די פּראָמינענטסטע חזנים אין דער צווייטער העלפט פון פאָריקן יאָרהונדערט. זײַן פענאָמענאַלע טענאָר־שטימע און אויסגעצײכנטער פאָרטראַג האָט אַרויסגערופן באַוואונדערונג בײ די גרעסטע אָפּערע־זינגער. מ'האָט געפּרוווט אים באַווירקן איבערגײן צו דער אָפּערע־בינע, אָבער צוליב זײַן טיפער ליבע צו חזנות האָט ער אפילו ניט געוואָלט הערן וועגן דעם. אין 1891 האָט חזן כאַינאָווסקי געמוזט פאַרלאָזן מאָסקווע צוליב דער גירוש־גזירה און איז אַנטלאָפן קיין אָדעס. מיט 4 יאָר שפּעטער ווערט ער אויפגענומען פאַרן שטאָט־חזן אין מעליטאָפּאָל, וואו ער איז באַליבט געוואָרן ניט נאָר בײ דער יידישער געמײנדע, נאָר אויך בײ דער גאַנצער באַפעלקערונג. ווען די מעליטאָפּאָלער קהילה האָט אין 1920 געפײַערט דעם 25 יאָריקן יובילײ פון זײַן חזנות־אַמט, איז דער אַקט פאַרוואַנדלט געוואָרן אין אַ גרויסן מוזיקאַלישן יום־טוב פאַר דער גאַנצער שטאָט. אַ קורצע צײַט שפּעטער איז ער פּלוצלונג קראַנק געוואָרן און געשטאָרבן אין עלטער פון 61 יאָר.

חזן כאַינאָווסקי האָט שטײענדיק אין זײַן חזנישער דינסט אויך טרײַ אויפגעהאַלטן די איבערגענומענע טראַדיציע פון זײַן ערשטן חזנישן רבין אין קאָוונע און מדריך געווען אַ גרויסע צאָל חזנים און דיריגענטן, וואָס האָבן באַשײַנט און באַרײַכערט מיטן נגינה־קולט דאָס יידישע לעבן אין פאַרשײדענע קהילות.

יהודה פערלמוטער, וועלכער האָט אַ צײַט פאַרטראָטן דעם עמוד פון קאָוונער כאָרשול, איז אויך באַרימט געווען פאַר אַ זײער מוזיקאַלישן חזן. שפּעטער אָנגעקומען קיין לאָנדאָן, דערנאָך קיין פּאַריז.

חזן פּערלמוטער פאַרדינט זיכער צו באַצײכנט ווערן

---

* דערשינען אין ניו־יאָרק, 1924, צום 30 יאָריקן יובילײ פון „אגודת החזנים באַמריקה וקנדה".

אַלס איינער פון די באַווירקנדיקע ליטורגישע קולטור־טרעגער, וואָס האָבן אויף אַ ממשותדיקן אופן פאַרשפרייט חזנות־ליטא אויך אין מערב־אייראָפּע.

בייגעשטייערט צום חזנות־געביט אין רוסלאַנד האָט אויך דער קאָוונער חזן אָסטראָווסקי, וועלכער איז אינעם גירוש קאָוונע (אין 1915) פאַרוואָגלט געוואָרן צוזאַמען מיט די מערסטע יידישע פליטים פון ליטע אין דער געגנט אַרום דעם טייך וואָלגאַ, וואו ער איז גלייך מפורסם געוואָרן צווישן דאָרטיקע יידישע קיבוצים. נאָכן ערשטן וועלט־קריג איז ער אָנגעקומען אין סאַראַטאָווער כאָרשול און מיט יאָרן שפּעטער זיך באַזעצט אין ארץ־ישראל.

דער לעצטער פון די חזנים אין קאָוונער כאָרשול איז געווען מיכאל אַלעקסאַנדראָוויטש, וועלכער האָט אַ ריי יאָרן שטאַרק באַגייסטערט די דאָרטיקע יידן מיט זיין שיינער געשולטער שטימע און וואונדערבאַרן מוזיקאַלישן אַרט דאַווענען. ביים אויסברוך פון דער צווייטער וועלט־מלחמה האָט ער זיך געראַטעוועט קיין רוסלאַנד, וואו ער האָט געדאַווענט אַ געוויסע צייט אין מאָסקווער כאָרשול. לעצטנס קאָנצערטירט ער מיט דערפאָלג איבערן גאַנצן לאַנד און איז „פאַרדינסטפולער אַרטיסט". באַזונדער פּאָפּולער איז ער געוואָרן דורך זיינע געזאַנג־פּליטן און ראַדיאָ־אוידיציעס.

עס געדענקט זיך מיר נאָך וואויל ווי ער איז באַוואוסט געוואָרן אַלס שטאַרק רעקלאַמירטער 9 יאָריקער וואונדערקינד, מאַכנדיק אַ טריאומפאַלן קאָנצערט־טורנע איבער די באַלטישע לענדער און פּוילן. זיינער אַ קאָנצערט אין ווילנער גרויסן שטאָט־זאַל אין 1925 האָט בשעתו אַרויסגערופן גאָר וואַרעמע לויב־קריטיק פון אָרטיקע מוזיקער. יענער קאָנצערט־אויפטריט פון 9 יאָריקן אַלעקסאַנדראָוויטש האָט אגב אינספּירירט מיין דעמאָלט 9 יאָריקן זונעלע שמואל (צו יענער צייט געזונגען אין כאָר פון ווילנער „טהרת הקודש" אונטער דער לייטונג פון חזן גלעזער הי"ד *), וועלכער האָט מיט גרויס פלייס און ענטוזיאַזם זיך גענומען איינשטודירן אַ קאָנצערט־פּראָגראַם און שפּעטער אין באַגלייטונג פון גלעזערן אויפגעטראָטן אין פיל שטעט פון ליטע און פּוילן.

כ'וועל קיינמאָל ניט פאַרגעסן דעם רושם פון מיין זונס ערשטן מעריב־קאָנצערט אין איינער פון די ווילנער שולן אין איינעם מיטן יונגיטשקן פּיאַנאָ־קינסטלער, זאב דורמאַשקין, וועלכער האָט אים באַגלייט אויף אַ פּיסהאַרמאָניע. דערנאָך האָבן ביידע יונגע חברים צוזאַמען זיך באַטייליקט אין אַ ריי קאָנצערטן ביז מיין זונס אָפּפאָרן קיין קאַנאַדע (1927). איצט איז מיין זון חזן אין טאָראָנטער טעמפּל.

פון יידישע וואָקאַליסטן אין קאָוונע, וועלכע זיינען באַקאַנט געווען אויפן געביט פון אַלגעמיינעם געזאַנג, פאַרדינען צו דערמאָנט ווערן די באַגאַבטע זינגער:

* חיים גלעזער איז אומגעקומען אין ווילנער געטאָ. — רעד.



ה. שולגין, יעקב זאַקס און יעקב גלעזער. שולגין ** האָט געזונגען ביזן 2־טן וועלט־קריג אין דער ליטווישער מלוכה־אָפּערע.

פיינע יידישע מוזיקער אין קאָוונע זיינען געווען דער קאַפּעלע־מייסטער יעלאָווצין (שפּעטער געוואָרן שול־דיריגענט אין ביאַליסטאָק) און גערבער הי"ד.

אַ געוויסן פלאַץ פאַרדינט זיכער אָפּצוגעבן די באַוואוסטע חזנים אין אייניקע קהילות פון קאָוונער קרייז.

אַ גאָר פּראָמינענטע פיגור אין חזנים־לאַגער אין ערשטן העלפט פון פאַריקן יאָרהונדערט איז געווען ישראל שקודער, געבוירן אין 1804. שוין אין זיין פריסטער יוגנט האָט מען אים באַוואונדערט ווי אַ ניי־אויפגייענדיקן מוזיקאַלישן שטערן, וועלכער האָט ליידער ניט לאַנג געלויכטן. חזן שקודער איז איינגעלאַדן געוואָרן צו דאַווענען אין ווי'לנער שטאָט־שול אויף אַ שבת, בעת משה מאָנטעפיאָרע איז געווען אויף אַ באַזוך. בעתן דאַווענען איז דער חזן אַרויס לצרכיו, און ווען ער האָט געוואָלט צוריק אַריין אין שול איז דער דחק ביי דער טיר געווען אַזוי גרויס, אַז די אַרויסגערופענע פּאָליציי איז נישט אומשטאַנד געווען איינצוהאַלטן אָרדענונג. אין גרויסן געדראַנג האָט ער באַקומען אַ קלאַפּ אין האַרצן און איז אין דריי טעג אַרום געשטאָרבן אין עלטער פון 36 יאָר.

ישראל שקודער איז שטאַרק מפורסם געווען אויך דורך זיין איינפלוסרייכער באַטייליקונג אינעם באַוואוסטן חזנים־ויכוח צווישן סענדער מינסקער און אייניקע באַרימטע ווילנער חזנים בנוגע דעם יסוד און מקור פונעם נוסח התפילה. די ליטורגישע אויטאָריטעטן פון יענער צייט האָבן געוואָלט געפינען אַ געהעריקן דרך צו אַן איינהייטלעכער פאָרם אינעם חזנות־שטייגער, וואָס זאָל דינען פאַר אַ מוסטער פאַר די יינגערע חזנים. צוליב דער גרויסער מיינונגספאַרשיידנהייט און מחלוקת איז דער ענין געבליבן ניט געלייזט.

אויך ערסלער פון שקוד, געבוירן אין 1884, איז געווען איינער פון די געבילדעטסטע חזנים פון דער עלטער גענעראַציע. חזן ערסלער האָט פאַרפאַסט ליטורגישע ווערק אונטערן נאָמען „מנגינות לתפילות ר"ה ויה"כ" און „תהלה וזמרה" אין 2 טיילן, מאָדערנע כאָר־קאָמפּאָזיציעס און רעטשיטאַטיוון. חוץ דעם זיינען פאַרבליבן פיל סינאַגאָגאַלע שאַפונגען זיינע אין מאַנוסקריפּט.

חזן ערסלער איז נפטר געוואָרן אין 1923 אין וואַרשע אין עלטער פון 69 יאָר.

אַ גרויסן שם האָט אויך געהאַט דער פּאַנעוועזשער חזן שמואל פרידמאַן, וועלכער האָט זיין ערשטע נגינה־יניקה באַקומען פון חזן גדול ר' ישראל מינסקער. שפּעטער עמיגרירט קיין אַמעריקע, וואו ער איז לכתחילה אויפגענומען געוואָרן אין סט. לואיס און דערנאָך אין קליוולאַנד. חזן פרידמאַן איז געשטאָרבן אין איין טאָג מיט

** שולגין לעבט אין ווילנע, איז אַ פּענסיאָנער און באַשעפטיקט זיך מיט זייגערמאַכעריי. זאַקס און גלעזער זיינען אומגעבראַכט געוואָרן. — רעד.

זיין פרוי פון אַן עפּידעמיע. צווישן זיינע פאַרבליבענע שאַפונגען געפינט זיך אויך אַ פאַרפאַסטע האַרמאָניע־טעאָריע אין יידיש, וועלכע איז דערשינען אין דרוק אין טאָג פון זיין לויה.

אין פּאַנעוועזש איז אויך געווען חזן משה ראַגאָוו, וועלכער איז שפּעטער, אָנקומענדיק קיין אַמעריקע, אויפגענומען געוואָרן אין דעטראָיט אין דער באַוואוסטער שול „שערי צדק״ און צו לעצט אין קליוולאַנד. ער איז באַקאַנט געווען אַלס גרויסער משכיל און טיכטיקער פאַכמאַן.

איינער פון די אויסגעצייכנטע חזנים אין ליטע איז געווען דער קיידאַנער חזן אברהם אליהו אייסישקין, אַ גרויסער מוזיקער, למדן און בעל מידות טובות.

זיין געוועזענער תלמיד, חזן ש. א. מאַנשעסטער, מיט וועמען איך שרייב זיך איבער פון צייט צו צייט, איז פול מיט לויב וועגן זיין מדריך אין חזנות. חזן מאַנשעסטער, וועלכער געפינט זיך שוין יאָרן אין אַמעריקע, האָט אַרויסגעגעבן אַ חזניש ווערק „קול רנה ותפלה״ און איז באַקאַנט אַלס אַקטיווער ציוני.

שטאַרק באַרימט געווען איז דער ליטווישער חזן משה יונה ברוידא, אַ געבוירענער אין גאָרזד, קאָוונער גובערניע, אַ דאַנק זיינע צאָלרייכע פאַרפאַסטע לידער. אַ טייל פון זיי פאַרעפנטלעכט אין מאַגעלניצקיס קובץ „שירי ציון״. אין דער יוגנט געזונגען אין כאָר פון ווילנער „טהרת הקודש״, לערנענדיק צו דער זעלבער צייט אין פּאַפּלאַווער קלויז. שפּעטער פאָרט ער שטודירן אין קעניגסבערגער קאָנסערוואַטאָריע און זינגט איינצייטיק ביים באַוואוסטן קאַנטאָר עדואַרד בירנבוים. דערנאָך עמיגרירט קיין אַמעריקע, וואו ער איז 5 יאָר חזן אין באַלטימאָר און שפּעטער אַרויסגערופן אַלס חזן ומטיף קיין סיראַקוז אויף אַ לעבנסלענגלעכער שטעלע.

פיל פרסום האָט זיך אויך דערוואָרבן חזן יעקב סימאַנאָף, אַ געבוירענער אין ראַסיין (קאָוונער גובערניע), דורך זיין ווערק „שירי הלל״ פאַר חזן און כאָר און אַ ריי אַנדערע ליטורגישע קאָמפּאָזיציעס.

סימאַנאָף איז 9 יאָר געווען חזן אין ליטע, דערנאָך אויסגעוואַנדערט קיין אַמעריקע, וואו ער האָט ממשיך געווען זיין מלאכת הקודש.

זייער פּאָפּולער איז געווען דער טעלזער חזן מאיר בער סקאָבעליאָוו, וועלכער איז אַ סך יאָרן אַרומגעפאָרן אויף קאָנצערט־נסיעות. געשטאָרבן אין אַמעריקע אין 1904. זיין פאַמיליע־נאָמען איז אַבעליאָוו, אָבער ווייל ער איז שטאַרק ענלעך געווען מיט זיין גרויסער באָרד צום רוסישן גענעראַל סקאָבעליאָוו, האָט מען אים אין די חזנישע קרייזן גערופן סקאָבעליאָוו. ער איז געווען אַ ברודער פון דעם זייער באַרימטן טראָקער חזן מאיר בער, וועלכער האָט געשאַפן אַ גרויסע צאָל קאָמפּאָזיציעס און אויך פאַרפאַסט אַ העברעאישע האַרמאָניע־טעאָריע.

שנעלע אנערקענונג האָט אויך אין אַמעריקע באַקומען דער קאַלוואַריער חזן, יעקב גאָלדסמיט, וועלכער איז געקומען קיין ניו־יאָרק אין 1908. מיט אַ יאָר שפּעטער געווען איינער פון די סאָליסטן ביים גראַנדיעזן חזנים־קאָנצערט אין „קאַרנעגי האָל״. ער האָט דאַן אַלעמען באַגייסטערט מיט זיין זינגען די עבודה און די חזנים האָבן אים פאַר זיין זעלטענעם פאָרטראַג באַטיטלט מיטן נאָמען דער „כהן גדול״.

נאָך אַ קאַלוואַריער חזן, וואָס האָט זיך שטאַרק באַרימט געמאַכט אין אַמעריקע, איז געווען שלום צבי צמחזאָן, געבוירן אין זשעזמער, וואו זיין פאָטער איז געווען חזן. נאָך זיין מוזיקאַלישן שטודיום אין ווילנע און אין וואַרשע איז צמחזאָן איניקע יאָרן געווען חזן אין האָמעל, דערנאָך 12 יאָר שטאָט־חזן אין קאַלוואַריע. פון דאָרט עמיגרירט קיין אַמעריקע, וואו ער איז אויפגענומען געוואָרן פון דער קאַלוואַריער שול אין שיקאַגאָ און שפּעטער — אין טאָלידאָ. געשטאָרבן אין ניו־יאָרק אין 1928. ער האָט פאַרעפנטלעכט אַ ריי שאַפונגען, פאַר וועלכע אַ סך חזנים האָבן אים צו פאַרדאַנקען דעם דערפאָלג אין זייערע קאַריערעס.

איינער פון די געבוירענע אין ליטע חזנים, וועלכער איז עולה לגדולה געוואָרן און פאַרטראָטן דעם עמוד פון דער גרויסער סינאַגאָגע „די דע לא וויקטאָר״ אין פאַריז, איז געווען אברהם (אַדאָלף) בעהר. געבוירן אין 1840, אין אַ דאָרף פון קאָוונער געגנט. אין דער יוגנט געזונגען ביי חזן וואַסערצוג אין ווילנע, וואו ער האָט אויך בהתמדה געלערנט ש״ס און פוסקים. פאָרט דערנאָך קיין וואַרשע צום באַרימטן חזן און מוזיקער ד״ר וויס, שטודירט גלייכצייטיק גרינדלעך אלגעמיינעם מוזיקאַלישן וויסן. דערוויסנדיק זיך פון דער פריי־געוואָרענער חזנישער וואַקאַנסיע אין פאַריזער „די דע לא וויקטאָר סינאַגאָגע״, פאָרט ער אַהין פּראָבע האַלטן און ווערט איינשטימיק אויפגענומען אַלס אויבערקאַנטאָר, אָנהאַלטנדיק מיט גרויס כבוד דעם אַמט ביזן לעצטן טאָג פון זיין לעבן. ער איז נפטר געוואָרן אין 1913, איבערלאָזנדיק אַ שם־טוב אין גאָר דער חזנישער וועלט.

אין פראַנקרייך האָט זיך אויך קונה שם געווען דער ליטווישער חזן ישראל מיכאַילאָווסקי, מער באַקאַנט אונטערן נאָמען „ישראלקע פאַריזער״, וועלכער איז אַ געוויסע צייט געווען דער שליח־ציבור פון דער פויליש־ליטווישער שול אין פאַריז. געשטאָרבן איז חזן מיכאַילאָווסקי אין 1914 אין ניו־יאָרק, וואו ער האָט זיינע לעצטע יאָרן פאַרטראָטן דעם עמוד אין איינער פון דאָרטיקע גרויסע שולן.

פון די באַרימט־געוואָרענע ליטווישע חזנים אין אַנדערע מערב־אייראָפּעאישע מדינות זאָלן דאָ באַזונדער פאַרצייכנט ווערן די גרויסע עמוד־קינסטלער: אהרן פרידמאַן, נתן יעקב זיסקינד, איזידאָר בלומענטאַל, יצחק היימאַן, נחום ווילקאָמירסקי, דוד שטאַבינסקי און פייוול אגוז.

אהרן פרידמאַן, אַ געבוירענער אין שאַקי (אין 1855), איז אין 1882 אויפגענומען געוואָרן אַלס אויבערקאַנטאָר פון דער יידישער געמיינדע אין בערלין, וואו

ער באַקומט אין 1907 דעם טיטל „קעניגלעכער מוזיק־דירעקטאָר". ס'זיינען פאַרעפנטלעכט געוואָרן זיינע אַ באַדייטנדע צאָל מוזיקאַלישע ווערק ובתוכם אויך אַ חזנישער סידור, וואָס האָט באַקומען גרויס אָנערקענונג אין דער חזנים־וועלט. ער איז אויך געווען ליטעראַריש־שעפעריש אַלס לעקסיקאָגראַף און פאַרעפנטלעכט אַ גרעסער ווערק אין דייטשישער שפּראַך וועגן לעבן און שאַפן פון באַרימטע חזנים.

נתן יעקב זיסקינד, אַ געבוירענער אין וואָלאָזשין (אין 1831), האָט זיין ערשטע נגינה־יניקה באַקומען ביים ווילנער שטאָט־חזן יהושע פיינזינגער. זיין דורשט נאָך אַ העכערן מוזיקאַלישן שטודיום ברענגט אים קיין דייטשלאַנד. ער קומט אָן אין האַמבורגער קאָנסערוואַטאָריע, וואו ער רופט אַרויס שטוינונג מיט זיין אַנטוויקלטער שטימע און אַלגעמיינעם מוזיקאַלישן וויסן. מיט אייניקע יאָרן שפּעטער ווערט ער אויפגענומען אַלס אויבערקאַנטאָר פון דער הויפּט־סינאַגאָגע פון האַמבורג און זיינע דערפאָלגן שטייגן מיט אַ שנעלן טעמפּאָ. עס קומען אים הערן דאַווענען די גרעסטע מוזיקער פון שטאָט און קענען זיך גאָר ניט אָפּלויבן פון זיין פּראַכטפולער שטימע און זעלטענער וואָקאַלער קונסט.

48 יאָר איז חזן זיסקינד מיט גרויס כבוד געווען אין האַמבורג, וואו ער איז געשטאָרבן אין 1914 אין עלטער פון 83 יאָר.

איזידאָר בלומענטאַל, וועלכער האָט די ערשטע שטעלע אַלס חזן פאַרנומען אין ביאַליסטאָקער כאָרשול, איז שפּעטער געוואָרן אויבערקאַנטאָר אין קעלן (דייטשלאַנד), וואו ער האָט אַנטוויקלט אַ ברייטע מוזיקאַלישע טעטיקייט אויפן ליטורגישן און אַלגעמיינעם געביט. ער האָט אויך אָנגעפירט מיטן באַרימטן „קעלנער געזאַנגס־פאַראיין" און איז בכלל שטאַרק באַליבט געוואָרן ביי דער גאַנצער באַפעלקערונג אַ דאַנק זיינע פאַרדינסט־פולע לייסטונגען.

אויך בלומענטאַל האָט ווירדיק גאַנצע 48 יאָר געדינט מיט זיין ערשטראַנגיקער חזנות דער יידישער געמיינדע אין קעלן. ער איז דאָרט געשטאָרבן אין 1924 ביי זיין 80 יאָריקן עלטער.

נאָך אַ חזן, וואָס האָט זיך שטאַרק באַרימט געמאַכט אין דייטשלאַנד, איז געווען נחום ווילקאָמירסקי, ביי וועמען כ'האָב, אַגב, יינגלווייז, אַ קורצע צייט געזונגען אין ביאַליסטאָקער כאָר־שול אונטער דער לייטונג פון גרויסן מוזיקער יעקב בערמאַן (1860—1932). נ. ווילקאָמירסקי, אַ געבוירענער אין דוואָרעץ, גראָדנער גובערניע (אין 1884), איז שוין אין דער יוגנט געווען אַ שם־דבר אין דער חזנים־וועלט. בעת סיראָטע איז אַרויסגערופן געוואָר'ן קיין ווילנע צו פאַרנעמען דעם פּאָסטן אַלס שטאָט־חזן, האָט מען אין אָדעס גלייך אויפגענומען ווילקאָמירסקין אויף סיראָטעס אָרט. מיט אַ קורצער צייט שפּעטער האָט זיך ביאַליסטאָק פאַר אים שטאַרק געריסן. אין 1903 ווערט ער אויפגענומען אַלס חזן־ראשי פון ביאַליסטאָקער כאָר־שול, וואו ס'איז בשעתו געווען דער ראַבינער דר. יוסף מאהילעווער (אַן אייניקל פון ר' שמואל מאָהילעווער).

ווילקאָמירסקיס נאָמען ווערט שנעל מפורסם אויך אַריבער די גרענעצן פון ליטע און פוילן און מיט 14 יאָר שפּעטער ווערט ער איינגעלאַדן קיין פּרייסן צו פאַרנעמען די שטעלע אַלס הויפּטקאַנטאָר פון דער גרויסער סינאַגאָגע אין פּויזן און דערנאָך קומט ער אָן אין דער הויפּט־סינאַגאָגע אין לייפּציג, שאַפנדיק זיך אַ שם־טוב אַלס איינער פון די סאַמע פּאָפּולערסטע חזנים אין דייטשלאַנד. פון צייט צו צייט ווערט ער אויך איינגעלאַדן פון חזנים־סעמינאַר אין וואַרשע צו קומען האַלטן לעקציעס. זיינע באַלערנדע רעפעראַטן רופן אַרויס גרויס לויב אויף די שפּאַלטן פון חזנים־זשורנאַל, וואָס איז דערשינען אין וואַרשע ביז דער 2־טער וועלט־מלחמה. אין 1939, ביים אויסברוך פון שרעקלעכן בלוט־מבול, האָט זיך חזן ווילקאָמירסקי על פי נס געראַטעוועט קיין לאָנדאָן, וואו ער האָט גלייך באַקומען אַ חזנות־שטעלע. מיט 6 יאָר שפּעטער ווערט ער אַרויסגעפאָדערט קיין אַמעריקע צו פאַרנעמען דעם עמוד פון „בני ישורון"־טעמפּל אין פילאַדעלפיע.

חזן ווילקאָמירסקי איז געשטאָרבן צו 70 יאָר אין קאַליפאָרניע אין 1954.

זיינע ליטורגישע שאַפונגען, וואָס האָבן שטאַרק אויסגענומען ביי חזנים און שול־דיריגענטן, זיינען טייל־ווייז פאַרשריבן געוואָרן אויף פּליטן. באַזונדער באַרימט געוואָרן איז זיין „תכנת שבת", וואָס חזן הערשמאַן האָט אַריינגעזונגען אויף אַ פּליטע.

אַ סך געירשנט פון זיין נגינה האָט זיין יינגסטער זון אברהם, דער גוט באַקאַנטער חזן און זינגער אין מדינת ישראל.

אַ שטאַרקע השפעה אויף חזנות אין האָלאַנד האָט געהאַט יצחק היימאַן (1834—1906), אַ זון פון ביאַליסטאָקער שטאָט־חזן פנחס היימאַן, ביי וועמען ער האָט באַקומען זיין ערשטע מוזיקאַלישע און אַלגעמיינע קולטורעלע דערציאונג. שוין צו דער בר־מצוה זיינער שטעלט ער די ערשטע חזנישע טריט, אַרויסרופנדיק גרויס באַוואונדערונג מיט זיין דאַווענען פאַרן עמוד אין דאָרטיקער שטאָט־שול. ער באַרייזט פיל שטעט אין מערב־אייראָפּע מיט גרויס דערפאָלג. זיין גרויסער פרסום צעוואַקסט זיך ערשט אין 1906. ווען דער באַרימטער האָלענדישער חזן שלום פרידע פון אַמסטערדאַם שטאַרבט, באַקומט חזן היימאַן אַן איינלאַדונג פון דער אַמסטערדאַמער קהלה צו קומען האַלטן פּראָבע אויף אַ שבת און פאַרבלייבט דאָרט אויבערקאַנטאָר כל ימיו.

זיין נאָמען ווערט גיך באַרימט איבער גאַנץ מערב־אייראָפּע און זיינע געשאַפענע קאָמפּאָזיציעס ווערן מיט דערפאָלג געזונגען אין אַלע סינאַגאָגעס אין האָלאַנד. זיין ווערק „שיר ותודה לאל" געווידמעט דער האָלענדישער קייזערין ווילהעלמינע, האָט געוואונען אָנערקענונג אַלס

זעלטענע מוזיקאַלישע שאַפונג. עס זיינען אויך באַרימט זיינע פסאַלמען און פיל אַנדערע ליטורגישע שאַפונגען.

דעם 24־טן מאי 1906 האָט די אמסטערדאַמער יידישע געמיינדע געפייערט מיט גרויס פּאַראַד זיין 50־יאָריקן אַמט־יובילײ, און אין זעלביקן יאָר, דעם 16־טן אויגוסט, איז ער געשטאָרבן אין עלטער פון 72 יאָר.

אויך יאָרן שפּעטער, נאָך זיין טויט, זיינען אין האָלאַנד ביי פאַרשיידענע רעליגיעזע צערעמאָניאַלן געזונגען געוואָרן היימאַנס באַליבטע מעלאָדיעס, וועלכע זיינען באַטראַכט געוואָרן ווי אַ סקאַרבאָווע נאַציאָנאַלע אייגנטום.

דוד שטאַבינסקי, אַ געבוירענער אין גראָדנער גובערניע (אין 1858), איז אין דער יוגנט געווען אַ משורר ביי באַרימטע חזנים, דערנאָך, שטודירנדיק אין אויסלאַנד, ווערט ער אַ דערפאָלגרייכער אָפּערע־אַרטיסט. אָבער די איינגעוואָרצלטע תשוקה פון קינדוויז אָן צו חזנות לאָזט אים ניט רוען און ער ווערט שפּעטער חזן אין דער „אהבת שלום‟־שול אין בערלין. אין 1898 ווערט ער אויפגענומען אַלס אויבערקאַנטאָר אין דער גרויסער סינאַגאָגע אויף ריקע שטראַסע, וואו ער האָט מיט גרויס כבוד אָנגעהאַלטן זיין אַמט 21 יאָר. געשטאָרבן אין בערלין אין 1919 אין עלטער פון 61 יאָר.

באשיינט און באַרייכערט דאָס חזנות אין דייטשלאַנד האָט אויך דער ליטוויש־געבוירענער חזן פּייוול אָגוז, וועלכער איז אין 1883 אָנגעקומען אין פראַנקפורט, וואו ער האָט גלייכצייטיק מיט זיין חזנישן אַמט אויף פּאָרגעזעצט שטודירן העכערע מוזיק־קענטעניש. זיינע 2 פאַרעפנטלעכטע חזנישע ווערק האָבן זיך זייער קונה שם געווען און דער מחבר ווערט באַקאַנט אונטערן נאָמען „דער פראַנקפורטער פאָרבעטער‟.

געשטאָרבן אין 1922 אין עלטער פון 77 יאָר.

אויפן חזנות־געביט אין פוילן האָט גאָר אַ סך משפּיע געווען דער ליטווישער באַרימטער חזן ר׳ נח לידער (זאלודקאָווסקי), אַ גרויסער תלמיד חכם און מנגן בחסד עליון, וועלכער איז געווען קאַלישער שטאָט־חזן במשך פון איבער 40 יאָר. זיין נאָמען נח לידער איז פאַרבליבן כל ימיו, זינט ער איז אין דער יוגנט געווען שטאָט־חזן אין לידע, וואו ער איז זייער שטאַרק באַליבט געווען ביי דער גאַנצער קהלה. אַ געוויסע צייט געווען שטאָט־חזן אין בריסק־דליטא. זייענדיק אין קאַליש האָבן צו ר׳ נחן געשטראָמט פון נאָענט און ווייט יונגע־לייט מיט שטימען און נייגונג צו נגינה, צו לערנען פון אים די יסודות פון חזנות. ער איז פאַקטיש געווען דער רבי פון אַלע יונגע חזנים אין די אַרומיקע שטעט און שטעטלעך. פיל פון זיינע תלמידים מובהקים האָבן שפּעטער דערגרייכט צו גרויס כבוד, ווי: דער וועלט באַרימטער חזן אריה לייב רוטמאַן (געשטאָרבן אין ניו־יאָרק), אברהם יוסף לעווינסקי, אויבערקאַנטאָר פון דער גרויסער סינאַגאָגע אין האַאַג (געשטאָרבן אין קאַנאַדע אין 1934); די חזנים־קאָמפּאָזיטאָרן יעקב וואַסילקאָווסקי און אהרן קאַטשקאָ (ביידע געשטאָרבן אין ניו־יאָרק — וואַסילקאָווסקי אין 1944, צו 58 יאָר און קאַטשקאָ אין 1958); מנחם מענדעלעוויטש, איינער פון די פּאָפּולערסטע חזנים אין פוילן; דיריגענט־קאָמפּאָזיטאָרן דוד אייזענשטאַט און אברהם צבי דאווידאָוויטש (ביידע אומגעקומען אין וואַרשעווער געטאָ הי״ד); לייב סאָקאָלאָווסקי, לאַנגיאָריקער כאָר־דיריגענט אין לאָדזש און נאָך אַנדערע באַרימט־געוואָרענע חזנים און דיריגענטן.

ר׳ נח לידער איז נפטר געוואָרן אין קאַליש אין 1936, אין עלטער פון 77 יאָר. ער האָט געלאָזן זייער אַ סך קאָמפּאָזיציעס און רעטשיטאַטיוון וואָס ווערן געזונגען אין פיל שולן כמעט איבער גאָר דער וועלט. אויך זיינע צאָלרייכע העברעאישע לידער־קאָמפּאָזיציעס, זיינען שטאַרק פּאָפּולער געוואָרן. למשל, דאָס ליד „שאו ציונה נס ודגל‟, וואָס די גאַנצע יידישע וועלט זינגט יאָרן לאַנג און זייער ווייניק ווייסן, אַז דאָס איז ר׳ נחס. אויך די לידער, „היהודי הנע ונד נצח‟ און „מה לך נפשי כי נרדמת‟ און נאָך אַנדערע זיינען שטענדיקע געזאַנגנומערן ביי נאַציאָנאַלע צוזאַמענקומען.

אַ ברודער זיינער, שאול ברוך זאלודקאָווסקי, וועלכער האָט פון קינדוויז אָן געזונגען ביי אים אין כאָר, האָט שפּעטער חזנות־ליטא אריינגעבראַכט קיין בעלגיע, וואו ער איז יאָרן לאַנג געווען חזן אין בריסל.

צוויי פון ר׳ נחס זין, יעקב און יוסף, זיינען חזנים אין ענגלאַנד. אַ דריטער זון, דר. שאול זאלודקאָווסקי, וועלכער איז דער אייגנטימער פון אַ קינדער־קליניק אין רמת־גן, איז אויך אָנגעזאַפּט מיט חזנישן גייסט און באַלאָדן מיט אלגעמיינעם מוזיקאַלישן וויסן.

אויסצורעכענען די גאַנצע פּלעיאַדע ליטווישע חזנים, וואָס האָבן אַזאַ קאָלאָסאַלן בייטראַג געבראַכט אונדזער ליטורגישער קולטור, וואָלט אונדז דאַרפן צו ווייט פאַרפירן. עס וואָלט אָבער פאַרבליבן אַ גרויסער בלויז ניט צו דערמאָנען כאָטש נאָך אייניקע, געציילטע נעמען פון באַווירקנדיקע עמוד־קינסטלער, וועלכע וועלן לאַנג לעבן אינעם זכרון פון אוהבי נגינה: יאָשע סלאָנימער (אַלטשולער), אַ יליד ווילנע, געווען ניט נאָר אַ מנגן גדול, נאָר אויך אַ בקי אין ש״ס און פוסקים. 18 יאָר געווען חזן אין סלאָנים און 20 יאָר אין גראָדנע, וואו ער איז געשטאָרבן אין 1908 אין עלטער פון 69 יאָר. ברוך לייב ראָזאָווסקי (1841—1919), געשטאַמט פון ווילנער געגענט. נאָענט פון אַ האַלבן יאָרהונדערט געווען הויפּט־חזן אין ריגע, וואו ער האָט מיט זיין הויך־אקאַדעמישן מוזיקאַלישן וויסן (אַ גראַדואירטער פון פּעטערבורגער קאָנסערוואַטאָריע) דערצויגן וואונדערבאַרע תלמידים, וועלכע זיינען שפּעטער געוואָרן וועלט־באַרימט, אַ טייל אַלס חזנים אָדער דיריגענטן און אייניקע אלס אויסגעצייכנטע אָפּערע־קינסטלער, ווי יאָזעף שוואַרץ, הערמאַן יאדלאָווקער א.א. אַרנאָלד מאַרקסאָן (1839—1900), אין דער יוגנט געזונגען ביי די באַוואוסטע חזנים ישראלקע יפה אין סואוואַלק און ביי חיים וואַסערצוג אין ווילנע. 38 יאָר געווען חזן אין בערלין און באַרימט געווען אַלס איינער פון די מוזיקאַלישסטע חזנים אין דייטשלאַנד. משה לעווינסאָן (1872—1955), אין דער יוגנט געזונגען

אין ביאַליסטאָקער כאָרשול, שפּעטער, גראַדואירנדיק פּעטערבורגער קאָנסערוואַטאָריע, ווערט ער חזן אין אַדעס אויף ראַזומניס פּלאַץ. מ׳רופט אים אַרויס קיין וואַרשע און ער איז דאָרט 4 יאָר חזן אין נאָזשיקס שול, ביז ער ווערט איינגעלאַדן פון דער כאָרשול אין מינסק, וואו ער איז אויך אייניקע יאָר גועזאַנג־פּראָפעסאָר אין דער דאָר־טיקער רעגירונגס־קאָנסערוואַטאָריע. נאָך דער רעוואָלוציע אין רוסלאַנד געלונגט אים קומען קיין אַמעריקע. ער ווערט אויפגענומען פון אַ פּראָמינענטער שול אין ניו־יאָרק. דאָ גיט ער זיך אָפּ מיט מוזיקאַלישן אונטערריכט, שאַפנדיק אַן אייגענע סטודיע פאַר מוזיק און געזאַנג; ער שרייבט באַלערנדע אַרטיקלען וועגן יידישער און אַלגעמיינער מוזיק און שאַפט ליטורגישע קאָמפּאָזיציעס.

די לעצטע יאָרן האָט חזן לעווינסאָן זיך אויסגעלעבט אין כבוד ביזן טיפן עלטער אין מדינת ישראל, וואו ער איז געווען דער יושב־ראש פון אגודת החזנים און פּראָפע־סאָר אין מוזיק־קאָנסערוואַטאָריע.

אַברהם באַרקין (1882—1939), אַ שוואָגער פון חזן לעווינסאָן, אַ יליד פון בריסק־דליטאַ. גראַדואירט קאָנ־סערוואַטאָריע אין וואַרשע, וואו ער איז געוואָרן צוערשט חזן שני אין נאָזשיקס שול און דערנאָך חזן ראשי אויפן אָרט פון לעווינסאָן. שפּעטער איז ער אַנגאַזשירט געוואָרן קיין אומאַן (רוסלאַנד), וואו ער איז געשטאַנען אויף זיין חזנישן פּאָסטן 17 יאָר. אין 1924 געקומען קיין קאַנאַדע, געווען חזן אין דער טאָראָנטער „גואל צדק״ שול. גע־שטאָרבן פון אַ בלוט־שטורץ אין עלטער פון 57 יאָר.

גערירשנט אין חזנות האָט אים איינער פון זיינע 4 זין, יעקב באַרקין, איצט חזן אין פּיטסבורג.

יואל זעליג סטראַד, אין דער יוגנט געזונגען אין ווילנער שטאָט־שול. יאָרן לאַנג געווען שטאָט־חזן אין פּינסק, וואו ער איז געשטאָרבן אין עלטער פון 75 יאָר. באַוואוסט געוואָרן אין דער וועלט אונטערן נאָמען יואל זעליג פּינסקער. געווען זייער שעפעריש אויף דעם ליטור־גיש־מוזיקאַלישן געביט. א סך חזנים האָבן זיך באַנוצט מיט זיינע קאָמפּאָזיציעס און רעטשיטאַטיוון.

עס דאַרפן דאָ אויך פאַרצייכנט ווערן די באַוואוסטע ליטווישע חזנים משה באַס (ראַבינאָוויטש), יהודה לייב בייבטשיק, משה לייב טוביאַנסקי, לייב חסיד, מנחם לייב זיפּאָוויטש, שמחה פּאַנעוויעזשער, זימל סמאַרגאָנער, זיסל ראַזשינאַיער (פּאָטער פון באַרימטן מוזיקער רוסאָטאָ).

ג.

פון ליטע וועלן מיר איבערגיין צום חזנים־לאַגער אין אַמעריקע, אָנווייזנדיק אויף דער ווירקונג פון חזנות־ליטאַ. ס׳דאַרף באַטאָנט ווערן, אַז אינעם אויספורעמען און באַלעבן דאָס חזנות־געביט אין אַמעריקע האָבן אַ גאַר גרויסן חלק גענהאַט אריבערגעקומענע באַרימטע חזנים און ליטורגיש־שעפערישע כאָר־דיריגענטן פון ליטע. זיי האָבן באַרייכערט דעם סינאַגאָגאַלן רעפּערטואַר ובכלל אַנגערעגט מער וואַרעמע באַציאונג און יראת הכבוד צו





אונדזער נגינה־וועזן אויף דעם היגן מאַטעריאַליזירטן באָדן. אייניקע פון זיי האָבן פיל בייגעשטייערט צו דער אַנטוויקלונג פון דער אַלגעמיינער יידישער פאָלקס־מוזיק.

אַ דאַנק זייער מוזיקאַלישער פּיאָנערן־אַרבעט איז קולטיווירט און פּאָפּולאַריזירט געוואָרן צווישן די מאַסן יידיש כאָר־געזאַנג, וואָס האָט צוגעגעבן קאָלאָריט און גייסטיקן אינהאַלט אינעם לעבן פונעם וואַקסנדיקן יידישן קיבוץ אין נייעם וועלט־טייל. ס׳וועט גענוג זיין אָנווייזן בלויז אויפן מוזיקאַליש־שעפערישן דריילינג, די ווילנער דיריגענטן און פּאַרדינסטפולע קאָמפּאָניסטן לעאָ ליאָוו, מאיר מאַכטענבערג און יוסף רומשינסקי, וועלכע האָבן געשפּילט לאַנגע יאָרן אַן ערשט ראַנגיקע ראָל אין דער קולטיווירונג פון אונדזער נגינה אויפן אַמעריקאַנער באָדן און פאַרנומען דעם סאַמע אויבנאַן אין די יידיש־מוזיקאַלישע רייען.

אין משך פון די איבער דריי צענדליק יאָר וואָס כ׳געפין זיך אויפן אַמעריקאַנער קאָנטינענט, זייענדיק אַקטיוו אויפן חזנות־געביט און באַטייליקט כמעט אויף אַלע לאַנד־צוזאַמענפאָרן, האָב איך געהאַט די געלעגנהייט זיך צו באַקענען מיט די פאַרשיידענע זיג־זאַגן, עליות און ירידות אין דער היגער חזנות.

ביי מיין אָנקומען אַהער, אין 1926, איז חזנות געווען אין סאַמע בלי־פּריאָד. דער פאַרשטאַרקטער אימיגראַ־ציע־שטראָם אינעם ערשטן פערטל פון דעם יאָרהונדערט פון די איינגעוואָרצלטע יידישע קיבוצים אין אייראָפּע האָט אויך אַריבערגעבראַכט די דאָרטיקע גרעסטע עמוד־קינסטלער, וואָס האָבן משפּיע געווען צו דערהייבן דאָס חזנות אין נייעם וועלט־טייל צו אַ הויכן ניוואָ. אַמעריקע איז פּאַקטיש געוואָרן דער גרעסטער חזנישער צענטער, וואָס האָט געלאָקט און געצויגן חזנים פון פאַרשיידענע וועלט־ווינקלען. עס האָבן בשעתו באַרייכערט דעם אַמע־ריקאַנער חזנים־לאַגער די גרעסטע חזנים פונעם דור, ווי: יאָסעלע ראָזענבלאַט, זבולון קוואַרטין, אלתר קאַרניאָל, מרדכי הערשמאַן, דוד רויטמאַן, אליהו קרעטשמאַר, אריה לייב רוטמאַן, אפרים שלעפּאַק, דוד משה שטיינבערג, ישעיהו מייזעלס, יוסף מאַרגענשטערן, בערעלע חגי, משה יהושע זאַיעץ, פּינטשוק, גלאַנץ, וויגאָדא און אַנדערע חזנים גדולים.

ליידער אָבער, מיט די שפּעטערדיקע עקאָנאָמישע קריזיסן אין לאַנד, האָט דער רום פון חזנות אָנגעהויבן פאַרשווינדן. במילא האָט דאָס גורם געווען צו אַ ירידה, וואָס האָט אריינגעבראַכט באַאומרואיקונג און דיסהאַר־מאָניע אין די חזנישע רייען, דערפירנדיק שפּעטער אפילו צו אַ כאַאָטישן צושטאַנד.

עס דערמאָנט זיך וואויל די שטורמישע חזנים־קאָנפערענץ אין אַטלאַנטיק־סיטי אין 1938, בעת דער מצב החזנות איז דערגאַנגען צו אַזאַ פאַרצווייפלטער מדרגה, אַז מ׳האָט געפּרואווט זיך ווענדן נאָך שוץ צו דער „אַמעריקאַנער פעדעריישאָן אָוו לייבאָר״ (אַמעריקאַנער אַרבעטער־פעדעראַציע), צו וועלכער די אגודת החזנים האָט

זיך דעמאָלט אָנגעשלאָסן. אין 1944 איז מיר ווידער אויסגעקומען בייזיין ביי אַ חזנים־צוזאַמענפאָר אין אַטלאַנטיק־סיטי. דאַסמאָל איז דער באַשטאַנד פון די דעלעגאַטן שוין געווען אַ צונויפמיש פון אַלע דריי ריכטונגען: אָרטאָדאָקסיע, קאָנסערוואַטיזם און רעפאָרם. דאַסמאָל איז בולט געקומען צום אויסדרוק טיילווייזע ענדערונגען צום בעסערן אינעם מצב החזנות. אין דער צייט וואָס דער צוזאַמענקום אין 1938 האָט זיך כמעט אויסשליסלעך באַשעפטיקט מיט אָנגעווייטיקטע מאַטעריעלע פּראָבלעמען, איז די קאָנפערענץ פון 1944 געווען באַהערשט שוין פון אַ גאַנץ אַנדער גייסט. עס זיינען ערנסט און זאַכלעך באַהאַנדלט געוואָרן אַ ריי וויכטיקע פּראָבלעמען לטובת הרמת קרן החזנות, וואָס האָבן געדאַרפט און געקאָנט האָבן ווייטגייענדיקע פאָלגן. צוליב ניט פאָראויסגעזעענע סיבות האָט אָבער די דרייאיקע אייניקונג לאַנג ניט געקאָנט הויזן. ס'איז צוריק לויז געוואָרן די האַרמאָנישע גאַנצקייט און קאָלעגיאַלע סאָלידאַריטעט אין די חזנישע רייען, וואָס האָט, ליידער, ניט ווייניק שפיכת דמים און שנאת חינם פאַרשאַפט ביי חזנישע פּראָבעס בעת אָננעמען אַ וועלכן עס איז פּאָסטן.

אַ ראַדיקאַלע ענדערונג האָט געבראַכט די גרינדונג מיט יאָרן צוריק פון דער קאָנסערוואַטיווער חזנישער אינסטאַנץ — „קאַנטאָרס אַסעמבלי אָוו אַמעריקאַ". די אַסעמבליי האָט אונטער איר פּייאיקער לייטונג בהדרגה געצוימען אַריינברענגען סדר און דיסציפּלין אין דער חזנישער פּראָפעסיע. פריערדיקע עקשנותדיקע קעגנער, וואָס האָבן זיך ניט געוואָלט לכתחילה רעכענען מיט די ניי־אַרויסגערופענע שטימונגען פון דער צייט, איז די „אַסעמבלי" געוואָרן דער פּאַקטיש אָנפירנדיקער כוח און דער צענטראַלער חזנישער אַדרעס, צו וועלכן עס זיינען איצט געווענדעט די בליקן פון דעם רוב חזנים אויפן גאַנצן קאָנטינענט. היינט צו טאָג זיינען ביי אונדז קאָנצענטרירט די בעסטע שעפערישע כוחות פון דער יידישער ליטורגיע און די גרעסטע עמוד־קינסטלער פון אונדזער צייט, איינשליסלעך אַ באַדייטנדע צאָל מוזיקאַליש־באַגאַבטע חזנים, אָפּגעראַטעוועטע פון נאַצישן יאָמער־טאָל ובתוכם אייניקע געבענטשטע יונגע טאַלאַנטן פון דער חרוב געוואָרענער ליטע.

עס בלייבט נאָר צו האָפן און האַרציק ווינטשן, אַז די אַלע ערנסטע אָנשטרענגונגען צו דערפירן דאָס חזנות צו דער נייטיקער הויך, זאָל געקרוינט ווערן מיט דערפאָלג.

צו פיל פּלאַץ וואָלט דאַרפן פאַרנעמען מאריך צו זיין מיט נאָך מערערע דעראינערונגען, וואָס כ'האָב געהאַט בדעה דאָ אַרויסברענגען. אָבער צום סוף ווילט זיך טיילן מיט נאָך איין דערמאָנונג פון מיין ערשטן באַזוך אין ניו־יאָרק אין 1934, ווען כ'בין איינגעשטאַנען ביי אליהו זאַלודקאָווסקי. ער איז דעמאָלט געווען חזן אין דער פּראָמינענטער „שערי צדק" שול. ביי אים אין הויז, וואו ס'איז שטענדיק געווען אַ חזנישער זאַמלפּונקט, האָב איך געהאַט די געלעגנהייט זיך צו טרעפן מיט אַ ריי ניו־יאָרקער חזנים. צו יענער צייט האָב איך זיך נאָענט





באַפריינדעט מיט זיינע חזנים־קאָלעגן, יהושע ווייסער, יעקב וואַסילקאָווסקי און פנחס יאַסינאָווסקי, אַלע דריי פאַרדינסטפולע ליטורגישע קולטור־טרעגער; זייער וואָגיקער בייטראַג צום רעליגיעז־מוזיקאַלישן שאַפונגס־וועזן אין אַמעריקע וועט זיכער תמיד אָפּגעשאַצט ווערן מיט גרויס אָנערקענונג.

עס דאַרף באַטאָנט ווערן די באַזונדערס וויכטיקע ראָל פון יהושע ווייסער, אויסער זיין פּראָדוקטיווע שעפערישקייט אַלס קאָמפּאָזיטאָר און טיכטיקער זאַמלער פון חסידישע נגינה, ביים אויסבילדן קאַדרען יונגע חזנים אין אַמעריקע, וואָס וואָלטן אפשר געווען פאַרלוירן געגאַנגען מיט זייער טאַלאַנט. מיר דאַרפן געדענקען, אַז דער חלום פון אַ חזנים־סעמינאַר אין אַמעריקע איז רעאַליזירט געוואָרן ערשט די לעצטע יאָרן. צווישן ווייסערס אויסגעצייכנטע תלמידים אין חזנות וועט ווינטשנסווערט זיין אָנצואווייזן אויף דעם איצטיקן גרויסן אָפּערע־אַרטיסט און חזן ריטשאַרד (ראובן) טאַקער, אַ שוואָגער פון פּראָמינענטסטן יידישן אָפּערע־זינגער יאַן פּירס (פנחס פערלמוטער); אַן אָפּשטאַמיקער פון ליטע, וועלכער דערמאָנט מיט טיפן יראת הכבוד ביי פאַרשיידענע געלעגנהייטן זיין חזנישן רבין.

נאָך אַ פאַל ווילט זיך מיר דערמאָנען, וואָס איז שוין היסטאָריע. דער חזנישער אָנטייל אין דער ציון־דעמאָנסטראַציע אין וואַשינגטאָן אין 1945 קעגן דער ענגלישער מאַנדאַטן־מאַכט, וואָס האָט פאַרבאָטן יידן, אָפּגעראַטעוועטע פון די נאַצישע טויט־לאַגערן אַריינצולאָזן קיין ארץ ישראל. דער פּראָטעסט־מאַרש פון די חשובסטע רבנים און חסידישע רביים, וואָס האָט בשעתו אויפגעשטורעמט די עפנטלעכע מיינונג פון גאַנץ אַמעריקע, איז באַגלייט געוואָרן מיט האַרץ־רירנדע רעליגיעזע כאָר־געזאַנגען פון די גרעסטע חזנים, דיריגירט פון יהושע ווייסער, וואָס האָבן הילכיק פאַרקלונגען דעם גאַנצן אַרום פון „ווייסן הויז" און פון דער בריטישער אַמבאַסאַדע...

### ד.

עטוואָס זאָל דאָ אויך פאַרצייכנט ווערן וועגן חזנות־געביט אינעם גרעסטן און שפּרודלדיקסטן יידישן ישוב פון די לאַטיין אַמעריקאַנער לענדער, אַרגענטינע, וואו די ערשטע חזנישע שפּראָצונג איז געקומען אַ דאַנק דעם פּיאָנערן־גייסט פונעם ליטווישן משכיל ומנגן און פאַרדינסטפולער ליטורגישער חקרן יהודה לייב חדקל — מחבר פונעם ווערק „נגינות און תפילות ביי יידן" אין 4 בענדער.

קומענדיק באַלאַדן מיט אַ פיינעם מוזיקאַלישן און למדנישן באַגאַזש אין אַרגענטינע אין 1908, אַ צוואַנציק יאָריקער יונגערמאַן, פול מיט ענערגיע און גרויסע אַמביציעס, האָט ער זיך מיט ברען אַריינגעוואָרפן אין יידישן געזעלשאַפטלעכן לעבן. אין משך פון איבער אַ האַלבן יאָרהונדערט האָט חדקל מיט זיין פלייסיקער טעטיקייט באַוויזן ממשותדיקע דערגרייכונגען הן אויפן מוזיקאַלישן, הן אויפן יידיש־קולטורעלן געביט.

באַזונדערס דאַרף דאָ אַרויסגעהויבן ווערן דער פאַקט פון גרינדן דורך אים אין בוענאָס איירעס אין 1913 די ערשטע מוזיק־קאָנסערוואַטאָריע. אַ גרויסער פלוס צו זיינע אויפטועך זיינען די אַרויסגעגעבענע מוזיקאַלישע אַלבאָמען „שירי ציון" מיט אַ טיראַזש פון 55 טויזנט עקזעמפּלאַרן. חדקל איז אויך געווען דער גרינדער פון דער בית־הכנסת „יבנה" ביים ציוניסטישן פאָלקס־פאַר־באַנד, וואו ער איז געווען פּרעזידענט און גלייכצייטיק דער חזן (שלא על מנת לקבל פרס). בכלל איז חדקלס פרוכטבאַרע טעטיקייט אינעם געזעלשאַפטלעכן לעבן פון די יידן אין אַרגענטינע אַ גאָר וואָגיקע. דער דאָרטיקער ישוב ווייסט עס ווי געהעריק אָפּצושאַצן.

אין 1955, ביי זיינעם אַ באַזוך אין מדינת ישראל, איז אויף אַ פייערלעכן אופן דורכגעפירט געוואָרן די צערעמאָניע פון „יער חדקל"־פלאַנצונג ביי דער אָנוועזנהייט פון זיין משפחה און פּראָמינענטע פּערזענלעכקייטן פון ישוב.

אַן אָנגעזעענעם אָרט אין דער אַרגענטינער חזנים־משפחה פאַרנעמט איצט נאָך אַ יליד־ליטע, אברהם בלעכאַ־ראָוויטש, געבוירן אין אָראַן, (ווילנער געגנט), געוועזענער פּרעזידענט פון אגודת החזנים אין בוענאָס איירעס. חזן בלעכאַראָוויטש * האָט זיך אויך אויסגעצייכנט מיט זיינע קאָנצערט־נסיעות אין דרום־אַפריקע, אין גאַנץ צפון־אַמעריקע און אויך אין מעקסיקע און קובאַ.

פיל מיטגעווירקט אין פאַרשפּרייטונג פון אונדזער נגינה אין דרום־אַמעריקע האָט אויך מ. זאַלקינד, אַ געוועזענער משורר פון ווילנער שטאָט־שול, אַ דאַנק זיינע צאָלרייכע יידישע פּליטן, וואָס האָבן באַקומען אַ גרויסן אָפּגאַנג און אריינגעבראַכט יידיש געזאַנג אין די היימען פון די פאַרוואָרפנסטע ווינקלען פון דאָרטיקע לענדער.

* זיין ברודער יעקב בלעכאַראָוויטש איז אַ באַקאַנטער דירי־גענט אין ליטע. ער, אין איינעם מיט זיין טאָכטער, אַ גראַדואירטע דיריגענטין פירן אָן מיטן כאָר אין ווילנע. זיין זון איז אַ פּיאַניסט. רעד.

### ה.

צולעצט זאָל דאָ אויך אַ וואָרט געזאָגט ווערן וועגן די חזנות־פּערספּעקטיוון און די ליכטיקע האָפענונגען בשייכות מיט דער איצטיקער גאולה־תקופה, וואָס קאָן עלול זיין צו אַ געהעריקן תיקון און דערהייבן אונדזער רעליגיעזן געזאַנג צו דער העכסטער מדרגה. אונדזער מדינת ישראל, וואָס האָט אויפגעברויזט און אויפגערודערט דאָס גאַנצע יידישע לעבן, וועט זיכער ממשותדיק באַווירקן אויך אויפן ליטורגיש־מוזיקאַלישן געביט, וואָס איז פון קדמונים אָן געווען צווישן די דאָמינירנדיקע גייסטיקע פאַקטאָרן ביים פאָלק. אַן ערנסטע התחלה אין דאָזיקן פּרט איז שוין געמאַכט געוואָרן מצד דעם ניי־געגרינדעטן מוזיק־אינסטיטוט אין ירושלים ביים רעליגיע־ און ביל־דונגס־מיניסטעריום. דער מוזיק־אינסטיטוט האָט בדעה אָפּצוהאַלטן ספּעציעלע קאָנפערענצן פון חזנים, קאָמפּאָ־זיטאָרן און נגינה־חקרנים פון ישראל און די תפוצות מיטן ציל צו שאַפן נאַציאָנאַלע ישראל־מוזיק און אַן איינהייט־לעכן נוסח אין דער חזנות, וואָס זאָל צוריק דערהייבן אונדזער עבודת הקודש כתיקונה.

הלוואי זאָל דעם קיבוץ גלויות אין ישראל פון פאַר־שיידענע קולטורן געלונגען בהדרגהדיק פאַראייניקן און אויספורעמען איין נגינה־נוסח, וואָס זאָל באמת זיין: לתהלה, לכבוד ולתפארת.

דראַמאַטישער אַנסאַמבל ביי דער ליטוו. דיוויזיע נאָך אַ פאָרשטעלונג



אונטיילנעמער (זיצן פון רעכטס צו לינקס): ק. קאַפּלאַן (געשט. אין ווילנע), י. קרעמער (אַקטיאָר פון געוו. ייד. קאָוונער מלוכה־טעאַטער, לעבט אין ווילנע)

שטייען: די ערשטע 3 — ליטווינער, ד. מילנער (קמחי; אַקטיאָר פון געוו. קאָוונ. ייד. מלוכה־טעאַטער, אומגעקומען ביי אומבאַוווסטע אומשטענדן)

ח. לייקאָוויטש (אָרגאַניזאַטאָר און רעזשיסער פון געוו. קאָוונ. ייד. מלוכה־טעאַטער)

# חורבן ליטע

יזכור

# זעקס מיליאָן

געדענק די טויטלאגערן

געדענק די קרעמאטאריעס

געדענק דעם 7טן און 9טן פאָרטן

געדענק פאָנאַר

געדענק די מאסן־קברים
פון די אומגעבראכטע ליטווישע יידן

## קיינמאל ניט פארגעסן

## און ניט מוחל זיין

דעם נאצישן עמלק און זיינע מיטהעלפער!

ישראל קאַפּלאַן

# פּעדער־מענטשן אין די נאַצי־נעגל

## „ציגיינער וויזן"

לאה גרינשטיין פלעגט פון צייט צו צייט זיך באַווייזן מיט אַ ליד אין דער פּרעסע אָדער אין ליטעראַרישע זאַמלביכער. ניט פיל געדרוקט. אָבער יעדעס ליד אירס איז געווען געשריבן שטימונג־פול, מיט שפּילעוודיקן טאָן, צאַרט. יעדע שורה פון אירע שאַפונגען האָט געאָטעמט מיט פיינפילעוודיקייט, באַהויכט פון שיינגייסט. אַ באַזונדערן האַרציקן חן האָבן געהאַט אירע קינדער־לידער, אַלץ ווי אַ מאַמע דערציט און צערטלט אירע קינדערלעך. אַליין אַ מאַמע, זיינען דאָס געווען די איבערלעבטע געפילן צו די צוויי אייגענע קינדערלעך אירע.

אין דער ערשטער צייט פון דער סאָוויעטישער אָרדענונג אין דער ליטע, אָנהייב 1941, איז איר אויסגעקומען צו אָנשטויסן זיך אויף אַ ניט געוויינלעך בילד. ווי אַ קראַנקן־שוועסטער פון פאַך, האָט זי איין טאָג, אַריינקומענדיק אין געבורט־פּאַלאַטע פון געוועזענעם יידישן שפּיטאָל, באַמערקט ווי אַ ציגיינערין ליגט דאָרט אין קימפּעט. ציגיינער!... בויד, פעלד, ווינט, נאַכט, רעגן, ענגשאַפט, אָפּגעלאָזנקייט, שמוץ, פאַרשטויסנקייט, הונגער. און דאָ — מאָדערנער שפּיטאָל, בלאַנקענדיקע פּאַלאַטע, שניי־ווייס בעט; וואַרעם, ליכטיק, זויבער; פּויל־בירגערשאַפט, רחבות, זאַט... אָט אויף דער טעמע האָט לאה גרינשטיין אָנגעשריבן אַ ליד „אַ ציגיינערין אין קימפּעט" און עס פאַרעפנטלעכט אין דער סאָוויעטיש־יידישער פּרעסע צום יום־טוב פון דער אַרבעטנדיקער פרוי. דאָס ליד איז געווען שיין געבויט, דורכגעדרונגען מיט דערהייבענע מענטשלעכע געפילן, מוטערלעכער פרייד און ליבע צו יעדן ניי געבוירן קינד. אַז מען האָט אין די שרייבער קרייזן גענומען ריידן וועגן אויסטיילן פּרעמיעס פאַר די בעסטע ליטעראַרישע שאַפונגען פאַר דעם יאָר איז באַלד אויפגעשוואומען דאָס ליד פון לאה גרינשטיין.

דער דייטש איז אָבער גאָר גיך אַריין קיין קאָוונע. איינע פון די ערשטע נאַצישע פאַראָרדענונגען איז געווען דאָס פאַרבאָטן יידן צו גיין אויף די טראָטואַרן. ניט אַזוי די אינערלעכע שטאָלץ פון אַ פרייען בירגער, ווי די אַלטע געוואוינהייט האָט זיך דאָ דעם יידן געפּלאָנטערט ביי די פיס און זיי פון מאָל צו מאָל פאַרשלעפּט דווקא אויפן טראָטואַר, וואָס איז דער טראַקט פון דורות ביים שטאָטישן איינוואוינער. דאָ זיינען שוין אָבער געשטאַנען אויף דער וואַך די אָרטיקע גוים. דאָס „אַרישע" יחסנות, וואָס די דייטשן האָבן אין זיי אַריינגעבלאָזן, פלעגט ניט לאָזן רוען זייער אויג, צונג און עלנבויגן, ביים דערזען



אַ יידן פאַרבלאָנדזשענדיק אויפן טראָטואַר. פלעגן שוין יידן זיצן נאָך מער איינגעשפּאַרט אין די הייזער.

אין די טעג איז געקומען לאה פון גאַס מיט אַן אָנשפּילעוודיקן שמייכל, צעשפּרונגען איבער איר ענערגיע־געלאָדענעם פּנים.

— איך האָב טאַקע געקראָגן די פּרעמיע פאַר מיין ציגיינער־ליד!

— מיינסט געוויס, אַז אַזאַ פּרעמיע איז דיר געגעבן געוואָרן איידער די דייטשן זיינען אַריין?

— ניין, טאַקע היינט, אַ ווײַלע פריער, ווען איך בין אַרויס פון הויף, צום ערשטן מאָל נאָך דער פאַראָרדענונג, האָט מיך גלייך אַ קללה און זידלעריי אַרונטערגעיאָגט פון טראָטואַר — אַ ציגיינערין מיט אַ פּיצל קינד אין פּאַטשיילע.

## ת שׁ ל י ך

אליעזר היימאַן, איינער פון די שענסטע שרייבערס אין דער געוועזענער יידישער ליטע. אור־קרעפּטיק אין שילדערן, באַגאַבט מיט די אַלע זיבן חנען פון אויפכאַפּן דעם פּרימיטיוו אין נאַטור און מענטשן. דער גרעסטער טייל זיינע דערציילונגען זיינען געווען דורכגעוועבט מיט וואַלד און פעלד, דאָרף און פּויער. דער ליטווישער פּויער, — היימאַן האָט אין זיינע שאַפונגען זיך ניט אויפגעהערט צו שפּיגלען און זיך צאַצקענען מיט אים. אין איינער פון זיינע דערציילונגען (דאַכט זיך, „שלאַנגען") וואַרפט זיך דורך אַ בילדל, ווי דער פּויער הערט זיך צו פון ווייטן צום קלויסטער־גלאָק און איז פול מיט פּחד, ווייל דאָס רעדט דאָך דאָס צינגל פון גאָט.

דעם ערשטן טאָג ראש השנה תש"ב, אין צווייטן חודש פון קאָוונער געטאָ, שלייכן מיר זיך ביידע — היימאַן און איך — דורך די געטאָ־געסלעך, ווי פאַרבעטענע יום־טוב־געסט צום אַלטן ר' אבא באַלאשער. ר' אבא איז אַ למדן און גרויסער משכיל, עסקן פון מאָדערנעם שניט, מיט פיינער שרייבערישער באַגאַבונג, באַזונדער אויף דעם געביט פון קאָוונער יידישער היסטאָריאָגראַפיע. — באַלאשער האָט זיך זיין באַזונדערן צוגאַנג צו די פאַרשיידענע יידישע מנהגים. ראש השנה וויל ער ניט גורס זיין ווי די טעג פון געוויין און דורכאויס תפילות און תהילים זאָגן. אויך דאָס גיין צום תשליך קומט לויט זיין קוק אויס ניט גאָר גלייך. ראש השנה, האַלט ער, איז יידיש ניי־יאָר, וואָס דאַרף מיט אַ פריידיקן אינהאַלט שטעלן אין שאָטן אפילו דעם גוישן סילוועסטער.

ר' אבא באַלאשער ווינט ערגעץ אויף פּאָדזשיו גאַס,

הינטער דעם קאַטוילישן בית־עלמין, וואָס שניידט זיך אריין אין געטאָ. דינגלען מיר דעם שטעכיק אַרומגעצוימטן הייליקן מקום, וואו אַזויפיל קריסטן צינדן ליכטלעך און זיינען ווי פאַרטאָן ביים פוצן די אַלטע קברים, און ליט־ווישע זעלנערס דרייען זיך ארום מיט זייערע ביקסן אויף דער וואַך, די יידן פון געטאָ זאָלן אקאָרשט דורכן צוים ניט כאַפּן אַ האַנדל טאָן מיט די גלויביקע.

פלוצלונג, שוין קעגן באלאשערס שטוב — יידן לויפן, אַלץ אין געאייל און אָפשרעק פונעם בית־עלמין זייט. מיטן אויגפינטל איז שוין קיינער, אויסער אונדזביידן, אויף דער גאַס ניטאָ, און אַ ליטווישער סאָלדאַט מיט צילעוודיקן ביקס ריטשעט: שטיין, די הענט אין דער הויך!

טריט געציילטע, שטייט ער דערביי און צילעוועט זיך שוין אין אונדז ביידן. אז ניט מיר זיינען עס געווען ביים פאַרקאַן און ניט מיר זיינען עס געלאָפן — איז גאָר אומזיסט און ווייט צו שפּעט צו דערקלערן דעם צעיושעטן שגץ.

— גאָטלאָזער, וואָס דו ביסט! — שרייט היימאַן מיטאַמאָל אויס אויף פּראָסט פויערשן לשון — זיבן מאָל אַ שעה וועלן דאָך די גיהנום־רוחות פּיקן פון דיר דאָס האַרץ און אויגן!

— גאָטלאָזער, וואָס ווילסטו פון אומשולדיקע מענטשן?! — איז באַלד פון בית־עלמין אהינטערן יוון אָפּגעשפּרונגען אַ הייזע־יקע גאָטס־פּאָרכטיקע שטים פון אַן אַלטיטשקער, וואָס האָט זיך מיט כוונה געפּאָרעט וואו ביי אַ קבר.

די ביקס איז לויז געוואָרן אין זעלנערס האַנט, און היימאַן מיט מיר זיינען גלייך אָן אָטעם אריינגעשפּרונגען צו אבא באלאשערן אין שטוב. ווי מיין אייגן פּנים האָט אין די ערשטע מינוטן אויסגעזען ווייס איך ניט. נאָר קוקנדיק אויף היימאַנען האָט זיך פון מיר אַרויסגעריסן:

— תשליך, ר׳ אבא, האָבן מיר היינט דאָך מקיים געווען; די שרעק האָט פון אונדז אַרויסגעטרייסלט די זינד מיט די נשמות צוזאַמען...

— דעם פּויער, וואָס איז נאָר פאַרהעצט געוואָרן, קען מען נאָך אָבער נעמען מיט אַ האַרב וואָרט, לויט זיין פּרימיטיוון דענקען — טרייסט זיך היימאַן.

— נאָר שטעל אים יעדן מאָל צו הינטערן רוקן אַ בית־עלמין מיט אַ גאָטספאָרכטיקן בת־קול... — באַשטרייט באלאשער היימאַנס פויערים־אַפּאָלאָגיע, נאָך דעם ווי ער הערט אויס ברייטער דעם פאַרלויף פון דער גאַנצער זאַך.

דאָ קומט אַרויס די פרוי באלאשער מיט דער „פּשוטער געוויינטלעכער" פראַגע אין יענע טעג:

— וועלן מיר נאָך אַרויסקריכן אָט פון דעם גאַנצן אומגליק?..

— געוויס!.. — נעמט זיך אָן באלאשער מיט מוט קעגן אונדז און זיך אַליין — געוויס, און טאַקע גאָר אין גיכן!.. און די ביידע היינטיקע געסט צוזאַמען מיט זייערע פרויען זיינען געלאַדן צו מיר איבעראַיאָר ראש השנה, ראש השנה תש״ג, אין מיין שטאָטישער דירה, אין דער פרייער





קאָוונע. און אָט העט: איבער 3 יאָר ראש השנה, ראש השנה תש״ה, גייען מיר די זעלבע אַלע צו תשליך אין תל־אביב, צום טייך ירקון, מעג אויך דאָרטן צווישן גאיו־סע משכילים ניט גילטן דער מנהג... אָפּגעמאַכט?

— הלוואי, און אָפּגעמאַכט! — זיינען מיר אַלע מסכים.

---

אַ מין באַגעגעניש אין 3 יאָר אַרום איז יאָ פאָרגעקומען. ניט אָבער ביים ירקון אין תל־אביב, נאָר אַרום לאַנדסבערג, ביים טייך לעך, אין דרום בייערן. — אויף מאָרגן נאָך יום־כיפור תש״ה איז מיר געלונגען פון „מיין" לאַגער 2 אריינקומען אויף שעהן געציילטע אין דערבייאיקן לאַגער 1, וואוהין ר׳ אבא באלאשער איז דאַן מגולגל געוואָרן, און נאָך אַ הפסקה פון איבער צוויי אַ האַלב יאָר טרעפן זיך דאָ מיט אים. שוין האַרבסט, איז ער צוזאַמען מיט נאָך צענדליקער געבראָכענע און קראַנקע, כמעט אַלע פונעם לעצטן רעשטל פון דער שיינער אַלט־יידישער קאָוונע — געלעגן האַלב נאַקעט, צונויפגעפּרעסט אויף שלעכט צוזאַמענגעקלאַפּטע געשטעלן מיט שיטערע ברעטלעך, אין אַ ברעזענטענעם שווינונג־צעלט.

ביי זיין איבער 70 יאָריקן עלטער איז באלאשער דאָ געווען מיט זיין געזונט שוין כמעט אין גאַנצן חרוב. ביים מוט איז ער אָבער געווען. ער האָט גערעדט פון זיינע היסטאָרישע אַרבעטן אין קאָוונער געטאָ און וועגן פּלענער אויף להבא, דאָ אין לאַגער גופא, עס זאָל זיך נאָר לאָזן, און דער עיקר, נאָך דער באפרייאונג, וואָס זעט זיך שוין אָט־אָט. פלוצעם האָט ער אַ וואַרף געטאָן אין ווייטאָגדיקן דערמאָנען זיך:

— פון אונדזער אָפּגעמאַכטן תשליך־צוזאַמענטרעף דעם ראש השנה האָט זיך גאָר ביטער אויסגעלאָזט...

און דער גאַנצער שמועס האָט זיך אַ דריי געטאָן אין אַ בלוטיקן חשבון. זיין ווייב, פרוי באַלאשער, איז שוין געווען לענגער אַרויסגעפירט ביי אַן אַקציע אויף „קינדער און אלטע". זיין טאָכטער איז פאַרוואָגלט געוואָרן וואו אין אַ קאַצעט אין פּרייסן. דער גורל פון אליעזר היימאַן מיט זיין פרוי איז שוין דאַן געווען כמעט באַוואוסט; זיי ביידע, צוזאַמען מיט נאָך פיל יידן זיינען געוואָרן לעבעדיק פאַרברענט מיט עטלעכע חדשים צוריק, ארום מיטן יולי 1944, ביים ליקווידירן קאָוונער געטאָ. אין די זעלבע טעג איז אויך דאָרט אומגעקומען מיין פרוי, לאה גרינשטיין.

— און מיר ביידע זיינען היינט, דורך פאַרשיידענע וועגן, פאַרוואָרפן געוואָרן ביים טייך לעך, ערגעץ אין בייערן. — פּרוואוו איך פאַרקערעווען דעם שמועס. — ביי דעם אָ וואַסער און אין אַ מחנה ווי פאַר מצורעים האָט אונדז די ציוויליזירטע וועלט אָפּגעוואָרפן פון זיך, אַרויסגעטרייסלט. פאַרפלאָנטערט זיך ניט דערביי אייער געדאַנק עפּעס אויך מיט אַ מין תשליך?...

— יאָ, אויך אַ! היימאַן איז דאָ היינט מיט אונדז!.. — גיט זיך אַ כאַפּ באַלאשער און ער ווייזט מיר אויף אַ צונויפגעקאָרטשעטער טרייסלדיקער פיגור עטלעכע טריט

פון זיין געלעגער. ר׳ יצחק היימאַן, דער פּאָטער פון אליעזרן, איז דאָרט געלעגן מיט העכערער טעמפּעראַטור. ער האָט מיך באַ״ד דערקאָנט און איז אַרויס מיט אַ געוויין: טאָ וואו איז מיין לייזער? אירביידע פלעגט זיך דאָך פון שטענדיק חברן... — —

אויף איבערמאָרגן איז שוין דער אַלטער היימאַן אויך געווען טויט, און אין נאָך אַ טאָג אַרום, ערב סוכות תש״ה, האָט מען באַלאַשערן אַרויסגעפירט מיט אַ פּאַרטיע „אַר־בעטס־אומפּעאיקע״ קיין אוישוויץ.

## זשורנאַליסטיש בלוט

פון דער יינגערער גענעראַציע זשורנאַליסטן אין ליטע זיינען פון די סאַמע אָנגעזעענע געווען ארי גלאזמאַן און מאַקס וואולפאָוויץ, די מיטאַרבעטער פון קאָוונער „יידישע שטימע״, ביידע ביי די דרייסיקער יאָרן, פון פרעכטיקן וואוקס; ביידע טעמפּעראַמענטפולע, מיט שוואונג און מיט בעלעטריסטישער באַגאבונג. זיי האָבן אויך שטודירט אין אוניווערזיטעטן, און יעדער פון זיי האָט פאַרמאָגט אַ שיינעם באַגאַזש וויסן.

העכסט אָנשטענדיק און שטענדיק אויפגעלייגט איז געווען וואולפאָוויץ. וועלכע טעמע ער האָט ניט באַרירט אין זיין שרייבן, האָט געמעגט זיין אויך אַ טאָג־רעפּאָר־טאַזש, איז עס געווען ליריש באַהויכט, מיט אייגנאַרט, טיפערער דענקלעכקייט; ליכטיק און שמייכלדיק. עטלעכע יאָר האָט ער פאַרבראַכט אין נאָרוועגיע; סאַראַ שיינע באַ־שרייבונגען ער האָט געגעבן דעם יידישן לייענער וועגן אָט דעם לאַנד!

מיט זיין טונקל ברונעטן געזיכט, גרויסע שוואַרץ פלאַקערדיקע אויגן און פעך־שוואַרץ געקרייזלטע האָר, האָט דער גאַנצער גלאזמאַן אויסגעקוקט ווי איין פעסטער גוס פון אַנטשלאָסנקייט, טעמפּעראַמענטפולער עקשנות און אַמביציעס. טאַלאַנט איז אים אויף זיין גענומענעם וועג בייגעשטאַנען. ער האָט געשריבן דערציילונגען פון פסיכאָ־אַנאַליטישן זשאַנער. גלאזמאַנס בוך נאָוועלן „אַ פענצטער צו דער וועלט״ האָט אין ליטעראַרישע קרייזן אַרויסגערופן אינטערעס. גלאזמאַן האָט אויך געהאַט געלערנט אין אַ טעאַטער־סטודיע, און אַ געוויסע צייט איז ער אויפגע־טראָטן מיט דערפאָלג אויף דער העברעאישער בינע. בעיקר האָט ער זיך מיט געשפּאַנטן פאַרמעסט אריינגעוואָרפן אין דער טאָג־טעגלעכער פרעסע, און מיטן פאַנאַנדער־וואוקס פון זיין ספּעציעלער רובריק „טאָג־בלעטלעך״ אין דער „יידישער שטימע״ איז פון טאָג געוואַקסן אויך די צאָל פון די לייענערס זיינע. פּאָליטיק, געזעלשאַפטלעכע ענינים, קולטור, ליטעראַטור, טעאַטער — אין די אַלע פּראָבלעמען איז גלאזמאַן געוואָרן אַ בן־בית, איז דאָ גע־שוואומען מיטן ברייטסטן פאַרנעם.

די ביידע יונגע טאַלאַנטפולע זשורנאַליסטן האָבן פיין געדייעט און געשוואומען מיט פאַרמעסט, צוזאַמען מיטן גאַנצן מעכטיקן שטראָם פון דעם יידיש־געזעלשאַפטלעכן לעבן אין ליטע. און מיט דעם גאַנצן כלל צוזאַמען דער־שוואומען צו די סאַמע נעגל פון די נאַציס.



אין „קאָמיטעט צו אַריבערפירן די קאָוונער יידן אין געטאָ״ זיינען מיר זיך אין צווייטער העלפט יולי 1941 צוזאַמענגעקומען, גלאזמאַן, וואולפאָוויץ און איך. אין אַ ווינקל צימער פון דער געוועזענער יידישער פאָלקסשול אויף דאוקשאַס 24, וואו דער קאָמיטעט איז געווען, איז געשטאַנען פאַר אונדז שולמית ראַבינאָוויץ, איינע פון די קולטורעלסטע פרויען אין דער יידישער קאָוונע, און האָט מיט פאַרשטיקטן צאַפּל גערעדט וועגן אָרגאַניזירן אין שטילסטן געזויים אַ היסטאָרישע קאָמיסיע. אונדזערע שאַנסן אויף אַרויסגיין לעבעדיקע פון די דייטשן זיינען כמעט נול; טאָ זאָל זיך נאָך אונדז אָפּשטעלן, האָט זי געטענהט, כאָטש אַ „יוון מצולה״, וואָס־ענלעכס צו יענעם באַרימטן ספר פון די היידאַמאַקישע שחיטות אין די יאָרן ת״ח און ת״ט!

געוויס האָבן מיר מסכים געווען. זאַלבעדריט האָבן מיר זיך באַלד גענומען צו אָנוואַרפן אַ פּלאַן פון דער אַרבעט. עס איז אָבער געווען אונדזער ערשטע באַגעגעניש זינט דעם אריינמאַרש פון די דייטשן: יעדער פון אונדז איז אָקערשט אַרויסגעקראָכן פון זיין ווינקל. האָט מען זיך דאָ אָנגעהויבן צו איבערגעבן די איבערלעבענישן פאַר דעם חודש צייט. — וויפל „לעבעדיקע״ איינדרוקן, איבער־בליקן, לויפנדיקע רעפּאָרטאַזשן זיינען פון אָט די ביידע ניט־אויסגעלעבטע צייטונגס־מענטשן געוואָרן פאַר דער פאָר שעה אָנגעוואָרפן! און כאָטש דער שמועס האָט גע־דאַרפט זיין לשם ולשמה וועגן פאַרצייכענען טעגלעכע כראָניק איז צום ענדע אומדערוואַרט געקומען גלאזמאַנס פאָרלייג: אַ יידישע צייטונג אין געטאָ מוז זיין! און ער פאַרנעמט זיך אונדז צו דערקלערן, אַז אין אַזאַ צייט טאָרן מיר זיך ניט באַגנוגענען נאָר מיטן פאַרצייכענען געשיכ־טע; מיט אַ צייטונג אין געטאָ וועלן מיר אויך שאַפן געשיכטע. ער אַליין האָט שוין פאַרטיק פאַרטראַכט דעם ערשטן לייט־אַרטיקל.

ווי דאָס געטאָ וועט אויסזען, די וואָך אַרום און די לויערנדיקע אריינבליקן פון די שונאים, האָט מען זיך שוין דאַן געקענט ניט ווייניק פאָרשטעלן, און דאָ — ניט אַנדערש, אַ יידישע צייטונג! וואולפאָוויץ האָט זיך אָבער באַלד דער ערשטער אָנגעכאַפּט אָן דעם געדאַנק, און מיט דער מינוט זיינען די ביידע געוואָרן פאַרוועבט מיט דעם נייעם געהיימען און מוטיקן פּלאַן.

צו דער זעלבער צייט האָבן אָבער אויך די נאַציסטישע גזירות און ווילדע רדיפות גענומען שטראָמען נאָך העפּ־טיקער אויף די יידישע קעפּ. ווידער פלעגן מיר זיך פאַר־לירן אויף טעג. יעדעס מאָל אָבער, ביי נאָר אַ באַגעגעניש, האָט זיך דייטלעך געלאָזט מערקן פון די פיבערדיקע בליקן זייערע אַ ניט אויסגעלאָשענע אַנטשלאָסנקייט. און גלאזמאַן פלעגט נאָך צופליסטערן פון אַדורך זיינע דין־פאַרפּעסטע ליפּן: אַ צייטונג אין געטאָ וועט זיין, וועט דאָך זיין!

אויסגעלאָשן האָט זיך אָבער דאָך דער געדאַנק פון אַ צייטונג אין קאָוונער געטאָ און גאָר גיך — צוזאַמען מיט די יונגע לעבנס פון זיינע ביידע אייפערדיקע טרע־גערס, גלאזמאַן און וואולפאָוויץ. אויפן פערטן טאָג פון

אַפּשליסן די געטאָ, דעם 18־טן אויגוסט 1941, זיינען זיי ביידע אַוועק מיט דער „אינטעליגענטן־אַקציע", און שוין אין אָוונט פון זעלבן טאָג זיינען די שטורמיש־בליענדיקע דעמבן געוואָרן אונטערגעהאַקט, צוזאַמען מיט די לעבנס פון די אַלע 534 יידישע אינטעלעקטואַלן, אויפן פערטן פאָרט ביי קאָוונע.

## איך שעם זיך

מיט זיין שרייבן פונעם לייכטן זשאַנער, מיט זיינע לעבעדיקע גראַמען, שיין קלינגענדיקע פערזן און אויך אַקטועלע פעליעטאָנען איז אין דער באַלטיש־יידישער פּרעסע געווען אָנגעזען ראובן צאָרפאַס. מאַסן פסיידאָני־מען האָט ער געהאַט. ברייט באַקאַנט איז ער געווען אונ־טערן נאָמען רופאני, „רופאני־פעליעטאָן" איז געווען אַ גאָר אָנציעודיק קעפל אין די שפּאַס־ווינקלען פון ניט איין צייטונג און זשורנאַל; און באַדייט האָט עס — אַ פּיקחותדיק צוגעשפּיצט שאַרזש אין פּליסיקן עמך־סטיל אויף אַ צאַפּלדיקער טעמע. ראובן צאָרפאַס האָט אויך געשריבן טעאַטער־קריטיק. אַ מייסטער איז ער געווען אין דער יידישער שפּראַך; זיינע איבערזעצונגען פון לידער, קופּלעטן, זיינען געווען אַ שם־דבר.

אין האַרבסט 1944 טרעף איך אים אין לאַגער 1 ביי לאַנדסבערג. זיין ניט הויכע און שטענדיק דאַרע פיגור איז איינגעשרומפּן ביז קינדערישן אָנבליק, וואָס פאַלט אַזוי ניט צוזאַמען מיט זיין צעאַקערטן און קרוב 50 יאָריקן פּנים. מיט שמחה און טרערן וואַרפט ער זיך אויף מיר:

— אהא, אויף אייך וואַרט איך!...

אין קאַצעטלער־מלבושים און מיט אַ רידל אין האַנט איז ער געשטאַנען מיט נאָך יידן און געאַרבעט ביי אַ גראָבן. ער ווייזט אָן אויך די אַנדערע אַרבעטער אויף מיר, אַז איך, הייסט עס, קאָן דאָ העלפן, טאַקע פיל, פיל...

— אָט דער מענטש, רבותי, דאָס איז אַ קוואַליפי־צירטער קאַצעטלער. „אוניפאָרמירט און נומערירט" שוין פון יאָרן... צייט מען האָט אים פאַרשלעפּט פון אונדזער קאָוונער געטאָ איז ער שוין אַדורכגעגאַנגען אַ וועלט מיט קאַצעטן... מיר, אָקערשט פון אונדזער „אידילישער" געטאָ, אַריינגעפאַלענע אין אַזאַ האַרבן לאַגער, — מיר זיינען דאָך קיין לערניינגלעך אויך ניט קעגן אַזאַ קלאַסישן קאַצעטלער מיט זיין סטאַזש!...

דער מייסטער, אַן עלטערער צעקראָכענער דייטש, האָט זיך ערגעצוואו אַוועקגעדרייט, און די יידן אַרום זיינען געבליבן שטיין אויף די רידלען. צאָרפאַס איז אַלץ מער אַריין אין זיין אַלטער פאָרעם און זיך געלאָזט אין פעליע־טאָנעווען אויף זיין שטייגער.

— קאַפּלאַן, יום־כיפור איז שוין טאַקע פאַרביי, אָבער מיר שטייען נאָך פאַר הושענא־רבא, — שפּאַלט אַקאָרשט אייער מויל און וואַרפט זיך אַרויס מיטן גוטן קוויטל; גיט אונדז דעם רעצעפּט, די עצה טובה, ווי אַזוי צו אַדורכשלעפּן דאָס שטיקל חזירשע לעבן דורכן מאַיעסטע־טישן קאַצעט... און בפרט ווען די גאַנצע חד־גדיא איז דאָך אַ געשיכטע נאָר פון מאָנאַטן געציילטע, און אפשר גאָר וואָכן... לכן, טאָ זאָלן מיר דאָ גלייך אין אויגנפּינטל הערן דעם ריכטיקן פּינטלדיקן וואָרט, אין פּינטל אַריין, פון אַ געפּינטלטן און נומערירטן יידן, וואָס איז אויך אַ מזיק אין די „פּינטעלעך"!...

דאָס איינציקע, וואָס איך האָב דאָ אין די פּאָר מינוטן געקענט זאָגן איז געווען נאָר די פראַגע צו צאָרפאַסן, הלמאי ער אַרבעט אין לאַגער גופא, וואו עס בלייבן נאָר די שוואַכערע, און גייט ניט מיט מיט אַן אויסנקאָמאַנדע.

— דאָס האָט מיר אַ באַקאַנטער דאָקטאָר די טובה געטאָן — זאָגט צאָרפאַס. — אויף מאָרגן האָט ער מיר צוגעזאָגט געבן שוינונג, אינגאַנצן אָפּלאָזן פון דער אַרבעט אויף עטלעכע טעג.

— אָט דאָס טויג ניט! — האָב איך אויסגערופן — פונעם אַרויסגיין פון „סטרוי" אין אַ קאַצעט ביזן אַוועק־גיין מיט אַ סעלעקציע איז נאָר איין טראָט...

— אָפּגערעדט, הערט איר פון מיר אַ וואָרט! — שטרעקט מיר אויס צאָרפאַס זיין דאַר הענטל. — אויס חלוש פון היינט, אויס „סלאַבאָסילנע" קאָמאַנדעס, מוחל די שוינונג; איך בין דאָך טאַקע נאָך אין די כוחות — און וועל זיך האַלטן!...

אין אַ חודש אַרום בין איך מיט אַן אַרבעטס־קאָמאַנ־דע, און ווידער נאָר אויף אַ ווײַלע, אַריינגעפאַלן אין לאַגער 1. ביי אונדזער פאַרלאָדן באַראַקן־טיילן באַמערק איך פון ווייטן, ווי צאָרפאַס דרייט זיך אַרום לאַגער־קיך מיט אַ הילצערנער עס־שיסל און מיט הונגער־ברענענדיקע בליקן, ער האָט אויסגעזען שוין אינגאַנצן צוזאַמענגעבראָכן. אין מינוטן אַרום האָט ער אויך מיר באַמערקט און גענומען זיך דערנענטערן שלאַבערדיק און ווי מיט אומגערן.

— איך שעם זיך פאַר אייך, איך האַלט ניט קיין וואָרט — לאָזט ער די אויגן אַרונטער. — שוין אַ וואָך ווי איך בין אויף שוינונג.

מיר האָבן זיך פאַררוקט אין אַ זייט. מיט איינצלנע אָפּגעריסענע ווערטער האָט ער געפּרואווט אויסגיסן פאַר מיר זיין בלוטיק האַרץ. דאָס געזונט, דאָס געזונט! ער גיט אָבער באַלד צו, אַז אויף זיין וואָרט — באַשטייט ער. וואָרעם אַ קרעכץ אַהער, אַ מיחוש אַהין — ער איז נאָך ביי די כוחות. היינט — מאָרגן, און ער נעמט זיך אין די הענט אַריין. און די באַפרייאונג אַליין איז דאָך איצט אַ פראַגע טאַקע נאָר פון טעג. — מירן דערלעבן!... — נעמט ער מיך פעסטער אַרום. אַלס „קאָמפּענסאַציע" פאַר זיין היינטיקער ניט אויסגעהאַלטנקייט זינגט ער מיר אויף זיינס אַ לידל „מיין פידעלע", וואָס ער האָט אויפגעשריבן אין קאָוונער געטאָ און איז דאָרט פון פיל געזונגען געוואָרן.

טיפער אין ווינטער, שוין זייענדיק אין לאַגער 11, פאַלט מיר אַריין אַ פאַרלעגן צעטעלע פון צאָרפאַסן, אַדרע־סירט צו מיר און געשריבן מיט צעוואָרפענע אותיות אויף צעקנייטשטן צעמענט־פּאַפּיר:

„איך שעם זיך — איך שטאַרב".

קעגן מיר האָט שוין דאַן צאָרפאַס ניט געהאַט זיך פיל צו שעמען. נאָך אַן אָפּעראַציע אוי פאַ פוס, וואָס איך

סוף אויף שפּ' 603

ל. חיין

# ז. קאַלמאַנאָוויטש דער ל״וואָווניק פון דער ייד. קולטור

.1

געציילטע שורות אין דער פּרעסע האָבן אונדז בשעתו דערמאָנט, אַז זעליק קאַלמאַנאָוויטש איז אומגעקומען ערגעץ אין אַ קאָנצענטראַציע־לאַגער אין עסטאָניע, נאָכדעם ווי מען האָט אים דאָרטן פאַרשלעפּט פון ווילנער געטאָ.

קיינער איז נאָך ניט פאַרציטערט געוואָרן פון אָט דער אבידה פאַר דער יידישער קולטור, פאַר דער יידישער שפּראַך־וויסנשאַפט און פאַרן יידישן פאָלק, ווייל באַגרענעצטע קרייזן אינעם יידישן לעבן האָבן געוואוסט, ווער זעליק קאַלמאַנאָוויטש איז געווען, און ניט קיין סך ווייסן פון זיין וויסנשאַפטלעכן אויפטו פאַר אונדזער קולטור.

וועגן זעליק קאַלמאַנאָוויטש האָט מען ווייניק געשריבן, ווייל ער איז געווען אַ ל״וואָווניק. א רואה ואינו נראה, אַ סימבאָל פון דער העכסטער באַשיידנקייט אין אונדזער קולטור־וועלט.

קאַלמאַנאָוויטש איז זייער שטאַרק באַקאַנט געווען אין ליטע, וואו ער האָט געווירקט די לעצטע 20 יאָר פון זיין לעבן; דערפאַר איז קאַלמאַנאָוויטש דערהויבן געוואָרן — אָן שום מליצה — צו דער מדרגה פון „נביא און טרייסטער פון ווילנער געטאָ״, וואו זיין לויטערע פּערזענלעכקייט האָט געשטראַלט מיטן הייליקן שיין פון אַ קדוש און מאַרטירער. דאָס איז געווען ז י י ן ווילנע, ז י י ן „ירושלים דליטא״, די שטאָט פון ז י י ן ייוו״אָ, וואו ער האָט אינוועסטירט זיינע אַלע לעבנס־זאַפטן מיט דער גאַנצער קראַפט פון זיין אינטעלעקט, און דאָרטן, אויף די חורבות פון יידישן לעבן, האָט ער געטראָגן און געבראַכט טרייסט, מוט און האָפענונג פאַר די אויסגעליפערטע ברידער זיינע אויפן מזבח פון דער וועלט. און געגליכן איז ער צו אַ זכריה הנביא, וואָס איז אויך געפייניקט געוואָרן דורך זיינע „אייגענע״, ווי דורך די קרעציקע תליינים, וואָס הייסן דייטשן.

דערציילט דער געראַטעוועטער ד״ר דוואָרזשעצקי:

„זאָל איך דערציילן, אַז די יידישע משגיחים פונעם קאָנצענטראַציע־לאַגער אין עסטאָניע האָבן קיין פּאַסיקערע אַרבעט ניט געפונען פאַר דעם קאָפּ פון ייוו״אָ — ווי קלאָזעטן? און ער, זעליק קאַלמאַנאָוויטש, האָט עס אָנגענומען באהבה, און האָט די דאָזיקע אַרבעט געטאָן מיט התלהבות און אויסגערופן צו די אַרומיקע: — „איך קוש די יידישע צואָה, די צואָה פון הייליקן פאָלק!״.

ווערן אונדזערע הערצער ניט פאַרלאָפן מיט בלוט פון אָט־דעם לעצטן גרוס פונעם ל״וואָווניק און גרויסן מאַרטירער אונדזערן?

.2

און אַז ווייניק אין דער ברייטער יידישער וועלט האָבן געוואוסט פון קאַלמאַנאָוויטשן — טאָ לאָמיר ווידמען אַ פּאָר ווערטער זיין ביאָגראַפיע פאַר אונדזערע ברידער אין ארץ־ישראל*.

זעליק־הירש קאַלמאַנאָוויטש איז געבוירן געוואָרן דעם 30.10.81 אין גאָלדינגען, קורלאַנד, אין אַן אָרעמער יידישער משפּחה. ביזן 15־טן לעבנס־יאָר האָט ער פאַרבראַכט אין חדר און ישיבה. דורך זעלבסטבילדונג, ווי אַן עקסטערן, האָט ער דורכגעמאַכט אַ פולן גימנאַזיע־קורס און באַקומען מאַטורע אין ליבאַווע אין 1901. פון 1901 ביז 1905 שטודירט ער אין בערלינער אוניווערזיטעט, און דערנאָך, ביז 1910, אין קעניגסבערג. ער האָט שטודירט סעמיטישע פילאָלאָגיע, פּאָליטישע עקאָנאָמיע, פּסיכאָלאָגיע און געשיכטע פון אַלטערטום. צווישן 1906 — 1909 מיטגעאַרבעט אין דער יידישער אַרבעטער־באַוועגונג. זיין ליטעראַרישע טעטיקייט אָנגעהויבן 1906, אַלס איבערזעצער פון בראָשורן פאַר די סיימיסטן (י. ס. פּ.) און אַלס שרייבער אין דער סיימיסטישער „פאָלקס־

* אַ קורצע ביאָגראַפיע פון קאַלמאַנאָוויטשן קענט איר געפינען אין זלמן רייזענס „לעקסיקאָן״ און אין זאַמלבוך „אידיש״, כאַרקאָוו, געשריבן פון אַ. זאַרעצקי.

סוף פון שפּ׳ 602

האָב זיך שווער פאַרוואונדעט ביי דער אַרבעט, בין איך שוין וואָכן לאַנג געלעגן אין קראַנקענבאו; דערצו געווען אינגאַנצן געשוואָלן פון הונגער. אויך איך בין שוין אַ רעכט ביסל געווען אַרויס פון „ריי״. — שפּעטער, ערשט מיט עטלעכע חדשים ווייטער, ווען די באפרייאונג איז באמת געקומען, און איך האָב זיך געניויער דערוואוסט פון צאָרפאס געמאַטערטן טויט (1.12.44), און גלייך באַלד האָט בכלל א פלייץ געטאָן מיט ידיעות פון דעם אומקום פון פיל און מאַסן נאָענטע, טייערע און באַגאַבטע, מיט וועלכע איך האָב צוזאַמען דורכגעמאַכט קאָפּ ביי קאָפּ און אַקסל ביי אַקסל אין די פאַרשיידענע קאַצעטן, — און איך אַליין, ניט צו פאַרשטיין פאַר וועלכן זכות און מעשים טובים, בין דאָך אַרויסגעקראָכן מיט די ביינער, — דאַן ערשט האָט זיך צעשפּילט אין מיר אַלץ שאַרפער און טיפער אַ פרעסיק געפיל, וואָס צופּט שטיקער האַרץ און סמט דעם געמיט. —

איך שעם זיך — איך לעב!

שטימע״. אין 1919 אָפּגעגעבן מלוכה־עקזאַמען אין פּעטערבורג. איבערזעצט העברעאישע ביכער פאַר מאַרגאָלינס פאַרלאַג, מיטגעאַרבעט אין מאַרגאָלינס „יידישע צייטונג״ און אין ליטווינס חודש־זשורנאַל „לעבן און וויסנשאַפט״. שפּעטער געוואָרן מיטאַרבעטער און מיט־רעדאַקטאָר אין קלעצקינס ביכער־פאַרלאַג, — פריער אין ווילנע, דערנאָך אין פּעטערבורג.

1921 לעקטאָר פון יידיש אויף די לערער־קורסן אין מינסק, וואו ער האָט זיך אַנטפּלעקט אַלס איינער פון די גרויסע קענער פון דער יידישער שפּראַך־וויסנשאַפט און ליטעראַטור. זיינע לעקציעס זיינען פאַרצייכנט געוואָרן אין קאָנספּעקטן, און אין 1922 זיינען אַזעלכע קאָנספּעקטן „וועגן דער יידישער גראַמאַטיק״ דערשינען אין בוך־פאָרם.

אָנהייב 1922 קומט ער קיין ליטע, וואו די יידן האָבן געפּראַוועט דעם „האָניק־חודש״ פון דער נאַציאָנאַלער אויטאָנאָמיע. ליטע איז דעמאָלט געווען אַ קולטור־צענטער. אין קאָוונע האָט זיך יענע יאָרן געפונען שמעון דובנאָוו, ד״ר פרומקין, ד״ר יאָפּע, ד״ר מוקדוני, מאַרק שאַגאַל, דער מוזיקער זיידמאַן, דער סקולפּטאָר קאַגאַנאָוויטש, צבי הירשקאַן, בן־אַדיר, דער „בעל דמיון״, בעל מחשבות, טשערניכאָוו (דניאלי), יודל מאַרק, ד״ר יוליוס ברוצקוס און די אייגענע קאָוונער.

דאָ האָט קאַלמאַנאָוויטש געפונען זיין גייסטיקע היים, וואו ער האָט געאַרבעט אין יידישן לערער־סעמינאַר פון קולטור־ליגע („לערער־קורסן״), געלייענט זיינע באַוואוסטע לעקציעס איבער יידישער גראַמאַטיק אין די „העכערע קורסן״, געלייענט לעקציעס אין דער „געזעלשאַפט צו פאַרשפּרייטן העכערע בילדונג״, געלייענט לעקציעס אין דער „יידישער טעאַטער־געזעלשאַפט״, סטיליסטיש רעדאַגירט די טאָג־צייטונג „נייס״ און ווי אַ טרייער געלערנטער געיעטעט און גערייניקט די יידישע זשורנאַליסטישע און צייטונגס־שפּראַך.

פון ליטע איז ער ווידער אַוועק אין בערלין, וואו ער האָט געאַרבעט פאַרן „כלל״־פאַרלאַג. פון בערלין געקומען קיין ריגע אַלס לערער אין די יידישע שולן און רעדאַקטאָר פון די „לעצטע נייס״. שפּעטער צוריק קיין ליטע, אין פּאָנעוועזש, אַלס לערער פון העברעאיש, אין דער דאָרטיקער העברעאישער גימנאַזיע. ער ווערט איינגעלאַדן פון „אינווייסקולט״ קיין מינסק, ווי איינער פון די וויכטיקסטע פאָרשטייער פון דער נייער יידישער פילאָלאָגיע, אָבער ער קאָן זיך ניט אַוועקרייסן פון זיין ליטע.

דעמאָלט אַרבעט ער מיט אין די „ליטעראַרישע מאָנאַטשריפטן״ און פאַרעפנטלעכט אַ טייל פון זיינע פילאָלאָגישע אַרבעטן, וועלכע ס'איז כדאי צו פאַרצייכענען: „ניי־יידיש״, געדרוקט אין אַ ריי נומערן „ליטעראַרישע בלעטער״, און דער „יידישער דיאַלעקט אין קורלאַנד״, געדרוקט אין „לאַנדוי־בוך״.

ווי אַ גרויסער קענער פון יידיש האָט ער גלייכצייטיק





אָפּגעגעבן יעדע פרייע שעה אויף אַ פונדאַמענטאַל ווערק: — אַ יידיש ווערטער־בוך.

ז. קאַלמאַנאָוויטש איז אויך געווען אַ מייסטער־איבערזעצער אין יידיש פון דער העכסטער מדרגה. ער האָט איבערזעצט: ש. דובנאָווס יידישע געשיכטע, עמיל שירערס „די געשיכטע פון יידישן פאָלק אין דער צייט פון בית שני״. ער האָט איבערזעצט בשלמות אין יידיש „די יידישע מלחמות״ פון יוסיפוס פלאַוויוס. באַזונדערע קאַפּיטלען פון אָט דעם ווערק זיינען דערשינען אין קלעצקין־פאַרלאַג אין יאָר 1914: „די לעצטע טעג פון ירושלים״ און „די לעצטע קנאים״.

ז. קאַלמאַנאָוויטש האָט אויך איבערזעצט אין יידיש פּראָפעסאָר וויפּערס „לערן־בוך פון דער אַלטער געשיכטע״, עמערסאָנס עסיי „וואָס איז קונסט״, וו. וואַגנערס מעשיות וועגן „פייער און ליכטיקייט״, ד״ר האַוזערס „אורמענטש און וועלדער״, דוד קאָיגענס „אין שטורעם פון געשיכטע״, און ראָמאַנען פון מאַקס בראָד און דזשעק לאָנדאָן. איר האָט אויך זיינע אַרטיקלען אויף היסטאָרישע און פילאָלאָגישע טעמעס, צעשפּרייט אין דער יידישער וויסנשאַפטלעכער ליטעראַטור, ווי אין די „שריפטן״, אין די „ייוו״אָ־בלעטער״, אין דער „יידישער וועלט״ אא״וו.

ער האָט אויך איבערזעצט פּאָליאַקאָוו־ליטאָווצעס „שבתי צבי״, מיטגעאַרבעט אין דער ריגער „וואָך״.

זיין רעפעראַט וועגן אַן „איינהייטלעכער יידישער שול״ אויפן צווייטן קהלות־צוזאַמענפאָר אין ליטע (1922) איז אויך דערשינען אין אַ ספּעציעלן ביכל (פאַרלאַג „ליכט״ אין קאָוונע), ווי אַ צושטייער דעם יידישן שול־פּראָבלעם.

אַ באַזונדער קאַפּיטל איז זיין לעבן און אַרבעט די לעצטע 10 יאָר אין ייוו״אָ, אַלס איינער פון די וויכטיקסטע זיילן און שעפער פון אונדזער וויסנשאַפטלעכער ליטעראַטור און זיין אָרט און אַרבעט אין דער „יידישער ענציקלאָפּעדיע״, וואו ס'זיינען פאַרעפנטלעכט געוואָרן זיינע אַרבעטן, באַזונדערס אין „יידן״ באַנד ב׳, וועגן העברעאיש און אַראַמעאיש, אָדער זיין אַרבעט איבער פּערלס כתבים און די איבערזעצונג פון „מגלה טמירין״. אָבער מיין פּעדער איז צו אָרעם צו פאַרצייכענען אָט די דאָזיקע לעבנס־ווערק פון קאַלמאַנאָוויטשן, פּונקט ווי איך בין ניט אימשטאַנד צו באַשרייבן זיינע לעצטע יאָרן אונטער דער האַקנקרייציקער טומאה; דאָס מוזן טאָן מומחים, ווייל אַזאַ אַרבעט וועט באַשיינען אונדזער קולטור און באַרייכערן די געשיכטע פון דער יידישער וויסנשאַפט, צוזאַמען מיט דער העראָיק פון אונדזער פאָלק.

### .3

אין קאָוונע האָב איך זיך באַקענט מיט ז. קאַלמאַנאָוויטשן באַלד, ווי ער איז געקומען אין ליטע. מיר זיינען געווען שכנים און האָבן געוואוינט אין איין געסל, ניט ווייט פון אַלטן שלאָס, אין דער געגנט, וואו די ווילִיע גיסט זיך אַריין אין ניעמאַן. דער ווינטער 1922 איז געווען אַ

בייזער און קאַלטער. אָבער אונדז, ליטווישע יידן, איז געווען וואַרעם און לייכט אויף די הערצער: פון ווייטן האָט אונדז געלאָקט דאָס ווידערגעבורט פון ארץ־ישראל, און אין דער היים — די נאַציאָנאַלע אויטאָנאָמיע. איך דערמאָן זיך דעם פייערלעכן צווייטן קהילות־צוזאַמענפאָר (פעברואַר 1922), דעם פרעכטיקן זאַל, די יום־טובדיקע געהויבענע שטימונג, די מאַיעסטעטישע פיגור פון דעם יידישן מיניסטער ד״ר סאָלאָווייטשיק אין אַ שטאָן־ראָק, הויכע מלוכה־באַאַמטע, חשובע געסט, בתוכם ד״ר לעאָ מאָצקין. אויפן קהילות־צוזאַמענפאָר האָט זיך אָפּגעשפילט דער זעלבער פאַליטישער קאַמף, ווי אין אַלגעמיינעם יידישן לעבן, און פון די אַרבעטער־פראַקציעס האָבן זיך אויסגעצייכנט צוויי פיגורן: משה ערעם, פון לינקע פועלי־ציון, און אינזש. אַבראַמסאָן, פון דער „יידישער סעקציע״ — צווישן די אַרבעטער און ציוניסטן, אין מיטן האָב איך געפונען די „פאָלקיסטן״ און ז. קאַלמאַנאָוויטש בתוכם. אין נאָמען פון די „פאָלקיסטן״ האָט אויף דעם צוזאַמענפאָר רעפערירט ז. קאַלמאַנאָוויטש וועגן דער שול־פראַגע. איך זע אים פאַר מיינע אויגן אויף דער העלבאַלויכטענער טריבונע צווישן פייערלעך געקליידעטן עולם, אין זיין פשוטן אַנצוג. אַ ביסל צעטומלט, הייבט ער אָן זיין רעפעראַט. קיין רעדנער איז ער ניט געווען; גיכער אַ כבד־פה. אָבער גאָר גיך שמידט ער צו צו זיך די אויפמערקזאַמקייט פון דער גאַנצער אוידיטאָריע. ער פאַרגעסט אין אָנהייב זיין טעמע און שווימט אַוועק ערגעץ ווייט אין דער יידישער געשיכטע, רעדט מיט היסטאָרישע פאַראַלעלן און קעמפט ווי אַ לייב פאַר אַן איינהייטלעכער יידישער שול. מיט יידיש אַלס די אָנערקענטע נאַציאָנאַלע שפראַך, און העברעאיש ווי אַ שוועסטער, „כדי צו פאַרשפרייטן די יהדות אין דער יידישער קולטור און דערנענטערן די יוגנט צו די וואָרצלען פון נאַציאָנאַלער יידישקייט״...

ער וואָרנט דעם צוזאַמענפאָר, ניט אַרויסצוטרייבן יידיש פון דער שול, „ווייל אויב העברעאיש אַלס אונטערריכטס־שפראַך, — וועלן מאָרגן קומען די ליטווינער און טענהן: „יידיש איז אייער מוטער־שפראַך, און אויב ניט יידיש — איז גלייכער ליטוויש״...

נאָך האַלבער נאַכט, אין דער טרוקענער פראָסטיקער לופט, ווען מיר זיינען געגאַנגען אַהיים בחברותא און פאָרגעזעצט דעם וויכוח אין גאַס, האָט קאַלמאַנאָוויטש, ווי זיין שטייגער, אונדז יונגוואַרג אַוועקגעלייגט אַ לעקציע... וועגן יבנה, פומבדיתא און... „ועד ארבע האַרצות״...

איך געדענק זיינע לעקציעס אין די „העכערע קורסן״, אין „טעאַטער־געזעלשאַפט״, לעקציעס מיט אַזאַ פאַרנעם און וויסנשאַפטלעכער ערודיציע, וואָס מיר האָבן קיינמאָל ניט געהערט אין ליטע.

כ׳האָב געהאַט דעם זכות צו זיין זיין תלמיד צוויי יאָר צייט אויף די לערער־קורסן אין קאָוונע, וואו ער האָט אונטערריכט יידישע ליטעראַטור. די דאָזיקע צוויי יאָר צייט וועלן בלייבן איינגעקריצט אין מיין לעבן ביזן לעצטן אָטעם־צוג.

מיטן אויפקום פון יידישן שול־וועזן אין ליטע האָט מען זיך אַרומגעזען, אַז ס׳זיינען ניטאָ קיין קוואַליפיצירטע פאָלקס־שול־לערער. אמת, קאָוונער יידישע שולן האָבן געמעגט שטאָלצירן מיט זייערע לערער, באַרימטע אין דער יידישער פעדאַגאָגיק; אָבער מען האָט געפילט, אַז די מענטשן וועלן לאַנג אין ליטע ניט בלייבן. ס׳רוב ניט קיין ליטווישע בירגער. די רעגירונג וועט זיי אַרויסשיקן. דעריבער איז באַשלאָסן געוואָרן אויפצומאַכן דעם לערער־סעמינאַר (וואָס איז לעגאַליזירט געוואָרן ווי „לערער־קורסן״ מיט מלוכה־רעכט). אָפּגעקליבן האָט מען קנאַפע דרייסיק בחורים און מיידלעך פון גאַנץ ליטע. אַלע — לינקע עלעמענטן, לינקע פועלי־ציון און קאָמוניסטן, אָדער סימפאַטיקער פון ביידע צדדים. אָנגענומען האָט מען מיט ניט ווייניקער ווי מיט 6 קלאַסן מיטל־שול־בילדונג, און ס׳איז געווען באַשלאָסן: פאַראַלעל מיט די סעמינאַר־לימודים צו דערגאַנצן די עלעמענטאַרע ידיעות ביז „מאַטורע״, גלייכצייטיק מיטן לערער־דיפלאָם.

אַ שטראָם וואָרעמקייט נעמט אַדורך, ווען מ׳דערמאָנט זיך יענע צוויי שיינע יאָרן פון „תורה ועבודה״ פון אַ צוזאַמענגעזונגענעם קאָלעקטיוו סעמינאַריסטן און לעקטאָרן, מענטשן מיט גאָר הויכער בילדונג, סטודענטן, ישיבה בחורים און פייערדיקע רעוואָלוציאָנערן.

אַרום דעם פראָגראַם פון די לימודים האָט זיך צעפלאַקערט אַ גרויסער וויכוח: צי אין לערער־סעמינאַר זאָל אַריינגענומען ווערן העברעאיש אַלס אַ דריטע לערן־שפראַך, צי ניט. און דאָ איז דער צענטער פון אַלעמענס אויפמערקזאַמקייט געוואָרן ז. קאַלמאַנאָוויטש, ווייט אויסער די ווענט פון אַנשטאַלט.

אַלע האָבן געוואַרט, וואָס וועט ער זאָגן, דער פייערדיקער אָנהענגער פון דער „איינהייטלעכער יידישער שול״.

קאַלמאַנאָוויטש, דער שטילער, געמיטלעכער, צניעותדיקער געלערנטער, דער בנעימותדיקער לעקטאָר איז אינעם אינערלעכן וויכוח, ווי איבערגעוואַנדלט געוואָרן אין אַן אַנדערן מענטש, ביז ניט צו דערקענען: ביי אים איז די פראַגע פאַרוואַנדלט געוואָרן אין אַ לעבנס־פראָבלעם פון קאַמף קעגן... עם־הארצות! „ס׳איז דאָך דערשיטערט צו ווערן אַפילו הערנדיק אַזאַ מחשבה, אַז יידישע לערער זאָלן ניט קענען קיין העברעאיש! העברעאיש מיט אַלע אירע אוצרות זאָל אַוועקגענומען ווערן פונעם יידישן קינד, און ווי קען אַ לערער לערנען יידישע ליטעראַטור, ניט קענענדיק העברעאיש? און ווי קען מען בכלל פאַרשטיין מענדעלען, פרצן און שלום־עליכם?״ א. אַ. וו.

איך דערמאָן זיך קאַלמאַנאָוויטשעס לעקציעס — מיט וואָס פאַר אַ שפאַנונג מיר פלעגן זיי אויסהערן. איך דערמאָן זיך, ווי די לעקטאָרן פלעגן — פריער כלומרשט צופעליק, און דערנאָך בכוונה — קומען בייזיין זיינע שעהן. וויפל מאָל פלעגט ער פאַרלירן די טעמע און ווי אין אַ ווייטן טיפן ים זיך לאָזן שווימען אין דער יידישער

אַלטער ליטעראַטור און געשיכטע, אַרויסברענגען בעל־פּה אוצרות מאַטעריאַלן, קוועלן, ציטאַטן און אַלץ מיט אַזויפיל בקיאות און גרינטלעכקייט, מיט זיין אייגנאַרטיקן, פיינעם איידעלן הומאָר. אַ מאָל פלעגן מיר שעהן לאַנג ווידמען איין איינציק וואָרט. למשל, פון וואַנען קומט צו פּרצן דער „יאַמשעווער שטעקן״; וואָס איז אַזוינס „יאַמשעווע״? וואָס איז עס פאַר אַ ווערטעלע? איין מאָל איז אַ סעמינאַ־ריסט אַרויס מיט אַ פראַגע: ווי זאָל מען אויף יידיש „אוכאַזשעווען״? ס'האָבן זיך געשאָטן צענדליקער תשובות פון צענדליקער קוועלן. קאַלמאַנאָוויטש איז געזעסן אַ פאַרטראַכטער במשך פון דעם גאַנצן וויכוח, ביז ער האָט זיך אויפגעכאַפּט און מיט זיין מילדן שמייכל געפּסקנט: „הערט, חברה. ביי יידן איז בכלל געצומען ניטאָ קיין „אוכאַזשעווען״; ביי יידן האָט מען חתונה און פּטור״...

.4

„דער נביא פון געטאָ״, „דער „טרייסטער״ — האָט מען קאַלמאַנאָוויטשן גערופן אין ווילנע, אין דער פינצ־טערער האַקנקרייציקער תקופה. איך געדענק, אַז די אייגנשאַפט האָט ער שוין געהאַט מיט אַ סך יאָרן פריער, ווען די ליטווישע „זשוואַלגיבע״ האָט מקדים געווען די היטלעריסטן און געשניטן שטיקער לייב פון דער יידישער אַרבעטער־באַוועגונג, געמאָרדעט, אינקוויזירט און מיט תליות געפּוצט דעם גרינעם באַרג, וואו מיצקיעוויטש פלעגט זינגען, און מאַפּו — שפּאַצירן.

ווען מען האָט מיך אַרעסטירט אויף דער באַרימ־טער מאַי־דעמאָנסטראַציע אין יאָר 1924, אין סאַמע ברען פון מיין עקזאַמען, בין איך אַ געשלאָגענער און נידערגע־שלאָגענער, אַ צעבלוטיקטער געלעגן אין דער „געלער טורמע״. ווי זיינעם אַ תלמיד און פריינד האָט ער מיך באַ־זוכט און אונטער דער צענזור פון אַ זשאַנדאַרם געזאָגט (רוסיש): „מיין ווייב מאַכט פון רעטעך איינגעמאַכטס, מען דאַרף עס נאָר קאָנען פאַרזיסן״... און ס'איז מיר ליכ־טיק געוואָרן אויף דער נשמה. ערשט אין 1938, ביי מיין באַזוך אין ווילנע, האָט מיך קאַלמאַנאָוויטש מיטגענומען צו זיך אויף מיטאָג, און זיין פרוי האָט מיך באמת מכבד געווען מיט אַזאַ רעטעך־איינגעמאַכטס. מיר האָבן זיך ביידע אָנגעקוקט און צעלאַכט...

.5

פּסח 1938 האָב איך געהאַט די זכיה צו פאַרברענגען אַ פּאָר מעת־לעת אין זיין מחיצה אין ייוו״אָ, אין ווילנער גאַסן און אין זיין היים, אין דער געזעלשאַפט פון זיין פרוי און זיין איינציקן זון שלום (לעבט אין מרחביה).

ז. קאַלמאַנאָוויטש האָט מיך אַרומגעפירט פון שטאָק צו שטאָק, פון צימער צו צימער אין הויז פון ייוו״אָ און מיך פאָרגעשטעלט פאַר די מיטאַרבעטער. ס'איז אים ניט שווער געווען צו דערציילן וועגן פאַרשיידענע אַנטיק־ספרים, וועגן מאַפּעס, וועגן כתב־ידן, און ווען ער האָט מיט ציטערדיקע הענט געטאַשט די באַרימטע פּערל־באַשרי־בענע קאַרטלעך פונעם געלערנטן ד״ר לאַנדוי, האָט ער געשטראַלט: „ייוו״אָ האָט דערוואָרבן אַזאַ אוצר״ — מען האָט געפילט, אַז די דאָזיקע קאַרטלעך זיינען אים געווען שטאַרק צום האַרצן, אים, דעם מענטשן, וואָס האָט יאָרנ־לאַנג געאַרבעט איבערן יידישן ווערטערבוך. דערנאָך: שלום עליכם אין יאַפּאַניש, הערצלס טאָגביכער, דאָס פּרץ־ווינקל, די גרויסע פּרעסע־פּאָליאַנטן, אַלץ האָט ווי אויפגעלעבט אין זיינע שילדערונגען, און פאַרוואָס האָב איך זיך געשעמט כאָטש אַ שמינית־שבשמינית צו פאַרציי־כענען פון זיינע רייד פון יענע פּאָר מעת־לעתן אין ווילנע? ווי קאָן מען עס זיך מוחל זיין?

.6

ז. קאַלמאַנאָוויטש האָט פון שטענדיק ליב געהאַט ארץ־ישראל, כאָטש ער איז געווען אַ „פאָלקיסט״. ביי מיין לעצטן באַזוך אין ווילנע (1938) האָב איך געמוזט שעהן לאַנג אים דערציילן פון ארץ־ישראל און פאַרענטפערן אָנצאָליקע פראַגן וועגן היגן לעבן, וועגן דער הסתדרות, וועגן דער פּרעסע. באַזונדערס האָט אים אינטערעסירט דער „חכמת־ישראל״־פאַקולטעט פון ירושלימער אוני־ווערזיטעט און די נאַציאָנאַלע ביבליאָטעק.

ערב דער מלחמה, יולי 1939, גלויב איך ניט מיינע אייגענע אויגן: קאַלמאַנאָוויטש שפּאַצירט אַרום אין חיפה — ער איז געקומען באַזוכן ניט בלויז זיין איינציקן זון שלום מיט דער משפּחה — יוכבד און זלמן טראוב, (זיין שווע־גערין און שוואָגער), נאָר אויך ארץ־ישראל. און ווי באַ־גייסטערט ער איז געווען פאַרן לאַנד, באַזונדערס פאַר עמק יזרעאל, וואָס האָט פאַר אים געלעבט ווי איין ניט איבער־געריסענע איינהייט פון פאַר צוויי טויזנט יאָר ביז היינט. פון זיינע רייד האָט מען געפילט, ווי ער איז געווען דער אחד־העם אין פולן זין פון וואָרט, א קינד פון יידישן פאָלק און צוזאַמען מיטן בלוט האָט אין זיינע אָדערן געשטראָמט אהבת־ישראל אָן אַ מאָס. ווי ליב ער האָט געהאַט דאָס לאַנד, מיט אַלע פיבערן פון זיין נשמה, און דאָ האָט ער צום סוף געזאָלט אַנקערן, נאָך אַזאַ וואַנדער־לעבן. די דאָזיקע ארץ־ישראל־ליבע שפּיגלט זיך גאָר בולט אָפּ אין זיינע בריוו, וואָס זיין שוואָגער האָט פאַר־שטאַנען אויפצוזאַמלען און אָפּצוהיטן — היינט אַ גאַנצער אוצר!

ער האָט זיך אָבער צו יענער צייט ניט געקאָנט אַוועקרייסן פון ווילנע. צו שווער איז געווען די אחריות פאַר די אוצרות פון ייוו״אָ, וואָס ער האָט אָפּגעהיט, און גרענעצלאָז איז געווען זיין ליבע פאַר די יידישע מאַסן, וואָס האָבן געשמאַכט אין דלות און נויט אין ווילנע, קאָוונע און וואַרשע. צו שווער איז געראָד אין יענע טעג געווען זיך אָפּצורייסן פון זיי, בעת די שווערד איז גע־לעגן אויפן האַלדז, און דעם נאָענטן חורבן פון דער מלחמה האָט ער געפילט און די אימה געטראָגן אין זיך...

זיין טיפע גרענעצלאָזע אהבת ישראל האָט אים אויך אַזוי אָפט אָפּגעריסן פון זיין וויסנשאַפטלעכער שאַפונג

א. י.

# מרדכי רודניק ז״ל

געבוירן ביי אַ טאַטן אַ בן־תורה און משכיל. אין פרען, סואוואַלקער גובערניע, האָט מרדכי רודניק באַקומען אין זיין היים אַן אַלזייטיקע יידישע און אַלגעמיינע דערציאונג. געלערנט אין חדר און ישיבה און גלייכצייטיק זיך געבילדעט אין דער רוסישער און העברעאישער שפּראַך.

נאָך עקזאַמענס און פּראַקטיק איז ער געוואָרן אַ געהילפס־פּראָוויזאָר. אין ערשטן וועלט־קריג איז ער מאָביליזירט געוואָרן און איז אָפּגעלעגן דריי יאָר אין די אָקאָפּעס אויף דער ערשטער פראָנט־ליניע.

נאָך דער קערענסקי רעוואָלוציע האָט ער זיך באַפרייט פון מיליטער דינסט און איז אַריבערגעפאָרן קיין פּעטערבורג (שפּעטער לענינגראַד), וואו ער האָט זיך פאַרנומען מיט זיין פאַך.

גלייכצייטיק האָט ער זיך אַריינגעוואָרפן אין דער געזעלשאַפטלעכער אַרבעט און איז געוואָרן סעקרעטאַר פון דער פּעטערבורגער קהילה.

נאָך דער צווייטער איבערקערעניש, ווען די קהילה איז געשלאָסן געוואָרן, האָט ער זיך אינגאַנצן איבערגעגעבן דער ערשט אַנטשטאַנענער החלוץ־באַוועגונג. צוזאַמען מיט יוסף טרומפּעלדאָר האָט מ. ר. דורכגעמאַכט די גאַנצע ראָמאַנטיק פון דער ערשטער תקופה פון החלוץ.

זיי האָבן איך אַן עקשטאָט אין פּעטערבורג באַאַרבעט אַ פאַרם און געלייגט דעם יסוד פאַר דער באַוועגונג, וואָס האָט שפּעטער אויסגעטראָגן די גאַנצע ציוניסטישע באַוועגונג אויף אירע פּלייצעס. פון יענער צייט איז דאָ אַ בילד אין בוך „חולמים ולוחמים״ אויף וועלכן טרומפּעלדאָר מיט זיינע חברים פון פּעטערבורג זיינען פאָטאָגראַפירט. אויף אים איז דאָ אויך מרדכי רודניק.

קומענדיק אין ליטע האָט מ. ר. פאַרוואָרפן זיין פאַך. עס איז דאַן געווען אַ שטורמישע צייט פון קולטורעלן אויפשוואונג און שאַפונג: די ליטווישע רעגירונג האָט געגעבן די יידן אַ מעגלעכקייט צו עפענען יידישע און העברעאישע מלוכה־שולן.

עס איז געווען אַ שעת הכושר, וואָס מ׳האָט ניט געטאָרט פאַרפּאַסן. יידישע קהילות האָבן אויסגענוצט דעם מאָמענט און אויסגעבויט אַ געדיכטן נעץ פון נאַציאָנאַלע העברעאישע און יידישע שולן. עס האָבן זיך געפאָדערט אינטעליגענטע לערערס. אַזעלכע זיינען געווען ווייניק. דעריבער האָט יעדער יידישער אינטעליגענט, לערער, סטודענט און סתם געבילדעטער מענטש, געפונען פאַר זיין חוב צו אָפּגעבן זיך דער שול. מ. ר. האָט דערפילט זיין שליחות און האָט צוזאַמען מיט זיין חבר אהרן זייגאַרניק געגרינדעט די העברעאישע מלוכה־פאָלקס־שול אין פרען.

דאָ האָבן זיי זיך אָנגעטראָפן אויף אַ פאַרצווייפלטן ווידערשטאַנד פון די פרומאַקעס און אַלערליי קלעריקאַלן. די האָבן געוואָלט באַנייען דעם אַלטן „חדר״ און זיי האָבן געשטורעמט די אפּיקורסים וואָס פירן אַראָפּ דעם יונגן דור פון וועג מיט „שקאָלעס״. דער רב האָט זיי געלייגט אין חרם, האָט געשאָטן אויף זיי פּעך און שוועבל און גערופן אַלע שלומי אמוני ישראל צו דערווייטערן זיך פון זיי.

עס האָבן זיך געפונען נאָך פאַנאַטיקער וואָס האָבן געמסרט די לערער פאַרן אינספּעקטאָר פון די מלוכה־שולן, אַז זיי זיינען גאָטלאָזע מענטשן. דאָס האָט זיך גערעכנט פאַר אַ גוואַלדיקן חסרון אין דער קאַטוילישער ליטע.

די מוטיקע לערער האָבן זיך אָבער געמאַכט ניט ווויסנדיק פון דעם ליאַרם און האָבן געטאָן ווייטער זייער אַרבעט. אין משך פון אַ יאָר צייט האָבן זיי אויסגעבויט איינע פון די בעסטע שולן אין ליטע.

אַרום דער שול האָבן זיי קאָנצענטרירט די גאַנצע

---

סוף פון זייט 611

און פאַרטראָגן אויף די כוואַליעס פון דער פּרעסע און זשורנאַליסטיק. פון דעם דאָזיקן שטאַנדפּונקט אויס, האָט ער טיף באַגערט צו דערלאַנגען ז י י ן פ אָ ל ק דאָס בעסטע פון דער ליטעראַטור און קולטור־וויסנשאַפט. און דעריבער האָט ער געאַרבעט און אַזויפיל טייערע צייט אָפּגעגעבן אויף כלערליי פאַרשיידנפאַרביקע איבערזעצונגען און צייטונגס־אַרטיקלען, וואָס זיינען צעשפּרייט איבער דער וועלט, אַזוי ווי דאָס יידישע לעבן איז צעשפּרייט — און ניט ווייניק פון זיינע אַרבעטן זיינען אומגעקומען צוזאַמען מיט די יידן, פאַר וועלכע ער האָט אַזוי פיל געשאַפן.

*

אייביק וועט בלייבן לייכטן דער נאָמען פון זעליק־הירש קאַלמאַנאָוויטש אינעם פאַנטעאָן פון דער יידישער געשיכטע, וויסנשאַפט און מאַרטיראָלאָגיע. ער, דער ל״וואָווניק, דער קדוש, דער „נביא און טרייסטער פון געטאָ״, וואָס האָט געשאַפן און געלעבט בצניעות, ווי אַ נסתר און איז נתגלה געוואָרן מיט אַזוי פיל האַרץ און דערהייבונג אין די טעג פון אונדזער אומגליק אויפן גולגותא־וועג פונעם געטאָ.

יוגנט, געגרינדעט אַ ביבליאָטעק, אַ קלוב, אַ צעירי ציון אָרגאַניזאַציע, אַ החלוץ און פאַרוואַנדלט אַ פאַרגרעבט שטעטל אין אַן אָרט פון נאַציאָנאַלער קולטור, וואָס האָט שפּעטער געגעבן דער ציוניסטישער באַוועגונג פיל איבערגעגעבענע בויער פון ארץ־ישראל.

שפּעטער איז מ. ר. אַריבער קיין קאָוונע צו אַרבעטן אין נאַציאָנאַל־ראַט אַלס סעקרעטאַר. אין דער צייט האָט זיך געעפנט דער קאָוונער אוניווערזיטעט און מ. ר. איז אַריינגעטרעטן אין פאַרמאַקאָלאָגישן פאַקולטעט צו דערגענצן זיין פאַכקענטעניש אַקאַדעמיש.

עס האָט אים אָבער געצויגן צו פּעדאַגאָגישער טעטיקייט. נאָך אַלס סטודענט נעמט ער אָן די שטעלע פון אַ לערער פון געאָגראַפיע און נאַטורוויסנשאַפט אין ווירבאַליסער העברעאישער גימנאַזיע.

מ. ר. האָט געדאַרפט האָרעווען, ווייל חוץ זיין שטודיום האָט ער געאַרבעט אין גימנאַזיע אַ פולן אַרבעטס־טאָג און אין די נעכט זיך געגרייט צו די לעקציעס. און דאָך פלעגט ער אויך געפינען צייט פאַר געזעלשאַפטלעכער אַרבעט. צוזאַמען מיטן שרייבער פון די שורות האָט מ. ר. געגרינדעט אָוונט־קורסן פאַר דערוואַקסענע, אַ פאָלקס־אוניווערזיטעט אויף וועלכן ער האָט געלייענט זייער אינטערעסאַנטע לעקציעס איבער דער פראַנצויזישער רעוואָלוציע.

ענדיקנדיק זיין שטודיום אויף דעם פאַרמאַקאָלאָגישן פאַקולטעט, האָט ער ביי זיין פאַך ניט געוואָלט בלייבן. צו פיל רירעוודיק און געזעלשאַפטלעך איז ער געווען, כדי ער זאָל זיך קאָנען איינשפּאַנען אין אַ געשעפט אַ גאַנצן מעת לעת. ער בלייבט ביי זיין פריערדיקן פאַך אַלס לערער פון נאַטורוויסנשאַפט און געאָגראַפיע אין דער שאַוולער העברעאישער גימנאַזיע. גלייכצייטיק שטודירט ער אין אוניווערזיטעט יוריספּרודענץ, עס איז געווען מער תורה לשמה ווי אַ מיטל צו קאַריערע.

דאָ האָט ער פונאַנדערגעוויקלט אַן אַלזייטיקע טעטיקייט ווי נאָך קיינמאָל. ערשטנס, האָט ער זיך מיט לייב און לעבן אָפּגעגעבן זיין פּעדאַגאָגישער טעטיקייט. ער פלעגט נעכט זיצן גרייטנדיק זיינע לעקציעס. צוגרייטן פאַר זיי וואַנטקאַרטעס, בילדער, בלומען, שטיינער, כדי וואָס אָנשוילעכער צו מאַכן זיינע דערקלערונגען. אויסער די לעקציעס פלעגט ער איינאָרדענען פאַר זיינע שילער סעאַנסן פון נאַטורוויסנשאַפט אין ליכט־בילדער, שפּאַצירגענג, זאַמלונגען פון נאַטורוויסנשאַפטלעכן עקספּאָנאַט, דערנאָך פלעגט ער מיט זיי צוגרייטן דיאַגראַמעס און קאַרטעס, באַשרייבונגען און סכעמעס. ער פלעגט אַ מאָל איבערטרייבן אין זיין פלייס און לערער פלעגן פּראָטעסטירן וואָס ער עקספּלאָאַטירט די שילער צופיל פאַר זיינע לימודים.

אויסער די לימודים איז געגאַנגען דערציאונגס־אַרבעט. ער פלעגט מיט זיין קלאַס איינאָרדענען די פאַרשיידענע פאַראַנשטאַלטונגען: אָוונטן, שמועסן, משפטים, עקסקורסיעס. אויף דעם איז ער געווען אַ בריה. זיינע





שילער פלעגן ווערן מיטגעריסן און ווי ער, מיט זייער גאַנצן מהות, אַריינוואַרפן זיך אין קלאַסן־לעבן.

זיין קרוין־אַרבעט אין גימנאַזיע איז געווען די קרן הקימת לייטונג. ער איז די גאַנצע צייט פון זיין אַרבעט אין שאַוולער גימנאַזיע געווען דער מורשה פון קרן קימת און, ווי אין אַלץ, האָט ער אין דער טעטיקייט אַריינגעטאָן אַ שלל מיט ענערגיע. ער האָט די קרן קימת זאַמלונג דערפירט צו אַזאַרט. ער פלעגט איינשפּאַנען דעם ווילן פון די שילער צו געבן פאַרן קימת מתנות דורך פייערונגען, דיאַגראַמעס. ער האָט דערפירט די דיאַגראַמעס ביז צו קונסט־דיאַגראַמעס מיט פאַרשיידנסטע המצאות. די אַרבעט פאַרן קרן קימת איז געוואָרן אַ ספּאָרט און פאַרוויילונג פאַר פיל שילער. זי איז דערגאַנגען אַזוי ווייט, אַז שאַוולער גימנאַזיע האָט אַריינגעבראַכט פאַרן קרן קימת מער ווי אַלע אַנדערע שולן אין דער גאַנצער וועלט. אַלע יאָר פלעגט די גימנאַזיע פאַרן געזאַמלטן געלט איינשרייבן איינע פון די באַרימטע פערזענלעכקייטן אין ספר הזהב.

ער האָט אין גימנאַזיע זיך ניט באַגרענעצט מיט געוויסע געביטן, אָדער קלאַסן, ער איז געווען דער רוח החיים אין דעם גאַנצן אַנשטאַלט. ביים פאַרטיידיקן די אינטערעסן פון די לערער קעגן די עלטערן, ביים בויען אַ בנין פאַר דער גימנאַזיע — איז ער געווען דער ראש המדברים און אויספירער.

אַז דער פריערדיקער דירעקטאָר ד״ר יוסף בערגער האָט פאַרלאָזן די גימנאַזיע און איז אַריבערגעפאָרן קיין ארץ־ישראל, האָבן אַלע עלטערן און לערער איינשטימיק אויסגעקליבן מרדכי רודניק אַלס דירעקטאָר. אויף דעם פאָסטן איז ער פאַרבליבן ביז די גימנאַזיע איז סאָוויעטיזירט געוואָרן.

די גימנאַזיע איז נאָר געווען איין טייל פון זיין פילפאַרצווייגטער טעטיקייט. חוץ דער גימנאַזיע איז נאָך דאָ געווען אַ סירקין געזעלשאַפט (אַ מאַסקירטער נאָמען פאַר דער צ. ס. פּאַרטיי — וואָס איז געווען אין דער פאַשיסטישער ליטע האַלב לעגאַל), אַ החלוץ, אַ קהילה, אַ שטאָטראַט, אַן „אָרט״־געזעלשאַפט, געלט אַקציעס — אין וועלכע רודניק איז געווען פון די הויפּט־טוער.

ער איז געווען איינער פון די גרינדער פון דער סירקין־געזעלשאַפט אין שאַוול. די דאָזיקע געזעלשאַפט האָט קאָנצענטרירט אַרום זיך די אַלע באַוועגונגען פונעם אַרבעטנדיקן ארץ־ישראל. זי האָט די גאַנצע צייט פון איר עקזיסטענץ געפירט אַן אָוונט־שול פאַר דערוואַקסענע, וואָס האָט געהאַט אַפילו אַרויסלאָזן מיט עקזאַמענס, מיט דער באַטייליקונג פון מיניסטעריום פאָרשטייער, אַ מין פאָלקס־אוניווערזיטעט און פּאַרטייאישע פאַרזאַמלונגען.

אַרום סירקין־געזעלשאַפט האָט זיך געשאַפן דער החלוץ — די שטאָטישע סעקציע און אַ קיבוץ פון אויסערשטאָטישע חברים, וואָס האָט געציילט הונדערטער מיטגלידער. אַרום איר האָבן זיך געטוליעט די יוגנט באַוועגונגען פאַרן אַרבעטנדיקן ארץ־ישראל, וואָס האָט

אַרומגעגומען כמעט די מערהייט פון דער אונטערוואַקסנדיקער יוגנט.

חוץ דעם פלעגן כמעט אַלע וואָך איינגעאָרדנט ווערן פּאַרטייאישע פאַראַנשטאַלטונגען, פּאַרלעזונגען, ליטעראַרישע שמועסן, געזעלשאַפטלעכע משפטים א. אַ. וו. אויף דעם האָט זיך געפאָדערט אַ גאַנצער רעגימענט פון פּאַרטיי־טוער און דערציער. מ. רודניק איז אין דעם אַלעם געווען דער הויפּטאָרגאַניזאַטאָר און איינפאַכער אַרבעטער צוגלייך.

ער איז אַרויסגעטראָטן אויף פּאַרלעזונגען און געזעלשאַפטלעכע משפטים, האָט אָרגאַניזירט די אַרבעט, דעם לאָקאַל, די אַדמיניסטראַציע. געשאַפן די געלטער און געאַרבעט אַליין די שווערע, פּשוטע אַרבעט. ער איז שטענדיק געגאַנגען מיטן גוטן ביישפּיל פאָרויס.

יאָרנלאַנג האָט די פּראָגרעסיווע געזעלשאַפט געפירט אַ קאַמף קעגן דער אגודה און סתם באַלעבאַטישע עלעמענטן וואָס האָבן פאַרכאַפּט די מאַכט אין דער יידישער קהילה און געבאַלעבאַטעוועט אין איר אָן קאָנטראָל. רודניק איז געשטאַנען בראש פון די פּראָגרעסיווע און האָט געבראַכט צו אָרדענונג אין דער קהילה.

ער איז געווען אַ קעמפער ניט נאָר כלפּי חוץ, נאָר אַפילו צווישן זיינע אייגענע חברים. ער האָט געפאָדערט פון אַנדערע, דאָס וואָס ער אַליין האָט געטאָן — איבערגעגעבנקייט, אויפריכטיקייט און אחריותפולקייט. ער פלעגט ניט שאַנעווען אַפילו קיין אייגענע חברים אויב ער האָט זיי געפונען פאַר אומגערעכט. ניט איינער האָט פון אים אויסגעהערט ביטערע באַמערקונגען. אָבער קיינער האָט אים ניט באַשולדיקט, אַז ער איז אומגערעכט. אַלע האָבן געוואוסט זיין איבערגעגעבנקייט פאַר דער געזעלשאַפט און זיינע חברים.

אַ האַרטער אין קאַמף און אין אמת, איז ער אָבער געווען אַ האַרציקער חבר און אַן איבערגעגעבענער פריינט יעדן מיט וועלכן ער האָט מיטגעאַרבעט.

אָפט פלעגט ער פאַרוואַרפן אַלע זיינע אַרבעטן און אַוועקזעצן זיך אויף אַ נאַכט ביי אַ קראַנקן חבר, אָדער אַוועקלאָזן זיך וואָס אונטערנעמען פאַר אַ נייטיקער חברס משפחה. ער האָט עס געטאָן מיט חלוצישער פּשטות, ווי דאָס וואָלט געווען זעלבסטפאַרשטענדלעך.

ער איז געווען אַ חלוץ אין בעסטן זין פון וואָרט.

עס איז געווען זעלבסטפאַרשטענדלעך אַז מ. ר. זאָל פאָרן קיין ארץ־ישראל. ער האָט עס טאַקע געטאָן. ער איז געווען אין ארץ־ישראל און האָט באַשלאָסן דאָרט צו בלייבן. פאַמיליע שטערונגען, קראַנקייטן אין זיין משפחה און אַ קינד אַן אינוואַליד האָבן זיין ציל אָפּגעלייגט.

ער האָט אָבער ניט באַוויזן צו דערגרייכן זיין לעבנסציל. די באַרבאַריש־פאַשיסטישע הערשאַפט פון די דייטשן און ליטווינער האָט אַרויפגעלייגט איר האַנט אויף אים. ער איז געווען פון די ערשטע אַרעסטירטע אין סוף יוני, און ער איז שוין פון תפיסה ניט אַרויס. צוזאַמען מיט נאָך הונדערטער מענער פון שאַוול איז ער דערשאָסן געוואָרן אין קוזשינער וועלדער.

און אַוועקגעריסן איז געוואָרן פון ליטווישן יידנטום איינער פון די איבערגעגעבנסטע, אידעאַלסטע, ענערגישסטע און פעאיקסטע זין אירע.

**א. ירושלמי**

# רוצחים פון ווילקאמירער יידן

(איבערזעצט פון אַן אָפּשניט פון אַ ליטווישער צייטונג, וועמעס נאָמען * און דאַטע איך האָב ניט געקאָנט פעסטשטעלן. עס איז דאָ דאָס קאַפּל און דאַטע פונעם געריכט־באַשלוס).

אַ קללה באַגלייט די רוצחים

פונעם געריכטזאַל.

30־טן יולי 1959.

אין נאָמען פון דער סאָציאַליסטישער סאָוויעטישער רעפּובליק... האָט דער קרימינאַל־אָפּטייל פונעם העכסטן געריכט אין דער רעפּובליק באַשלאָסן:

ז א מ א ו ס ק אַ ס פּ אַ ו ו י ל א ס, דער זון פון יואַזאַס, איז שולדיק און ווערט פאַרמשפּט צו דער העכסטער שטראָף — צום שיסן, זיין אייגנטום ווערט קאָנפיסקירט. מ ע ד י ש אַ ו ס ק אַ ס פּ אַ ו ו י ל א ס, דער זון פון פּראַנאַס, איז שולדיק, ווערט פאַרמשפּט צו דער העכסטער שטראָף, צום שיסן, זיין אייגנטום ווערט קאָנפיסקירט... דער פּסק־דין איז ענדגילטיק און וועט ניט קאַסירט ווערן — אַזוי האָט געמעלדעט דער פאָרזיצער פונעם העכסטן געריכט אין ווילנע ל ע אָ נ אַ ס מ י ע ז ש י נ אַ ס.

די פאַרמשפּטע האָבן פאַרביסן זייערע ליפּן. זאַמאוסקאַסעס הענט האָבן זיך געטרייסלט, מעדישאוסקאַס האָט געציטערט ווי אַ ווערבע־בלאַט...

## די 117...

דאָס איז געווען אינעם חודש יולי 1941... די זון האָט געוואַרעמט, אָבער אירע שטראַלן האָבן די אַרעסטאַנטן פון דער ווילקאַמירער תפיסה מיט געפילט. דאָ

* וואַרשיינלעך — „טיעסא" — רעד.

האָט געהערשט טרויער און אומעט — דאָ האָבן די ליטווישע פאַשיסטן געפּייניקט רואיקע סאָוויעטישע בירגער...

אין איין פרימאָרגן האָט מען אַנגעקלאַפּט אין טיר און אין תּפיסה זיינען אַריין וואצלאוואס דעווייקיס, מעטשיס פאַסקעוויטשיוס און פאָווילאַס זאַמאַוסקאַס.

— אין דער נאַכט וועט זיין אַרבעט — האָט זיך געווענדעט דער אוניפאָרמירטער געשטאַפּאָ־אָפיציר צום קאָמענדאַנט פון תּפיסה פּראַנאַס קוזמיצקאַס. דער שעף פון קרייז־זיכערהייטס־דינסט בראַזיוקייטיס באַפעלט דיר איבערגעבן מיר 100 אַרעסטאַנטן. אָבער צו דער וואַכדינסט זאָלסטו מיר אויסקלייבן באַגלויביקע מענער און ניט קיין ווייכהאַרציקע. עס איז דאָ אַ שווערע און פאַראַנטוואָרטלעכע אַרבעט. כ׳האָב פאַר זיי צוגעטראַכט אַ שפּאָגל נייעם טויט, אַ טאָפּלטן. מיר וועלן זיי אויסלאָדן אויף דער גאַס אַנטאַקאַלניס 2. מיר וועלן מאַכן אַן אומוועג, עס זאָלן זיין ווייניקער עדות... מיטן אייגנטום וועלן מיר זיך צעטיילן... פאַרשטאַנען?

מ׳דאַרף אויסוויילן די וואַך גלייך אויפן אָרט — האָט דער שעף פון דער פּאָליציי פאַשקעוויטשיוס באַשלאָסן מיט אַ טאָן פון אַ באַפעלגעבער...

„צען וועלן מיר געבן“ — האָט צוגעגעבן דער שעף פון ווילקאָמירער זיכערהייטס־דינסט זאַמאַוסקאַס, רייבנדיק נערוועז זיינע ביינערדיקע הענט — „און די איבעריקע צען וועט איר געבן“...

קוזמיצקאַס האָט אָנגעהויבן רופן זיינע מענטשן.

ווען איך בין אַריין אין צימער פון קאָמענדאַנט זיינען דאָרט געווען פאַשקעוויטשיוס, זאמאוסקאַס, דעווייקיס, באַטווילא און שופּאַס — אַזוי האָט דערציילט דער תּפיסה־אויפזעער פאַווילאַס מעדישאוסקאַס. דעווייקיס איז צוגעגאַנגען צו מיר, האָט מיר איבערגעגעבן אַן אויסגעפילטן בויגן פּאַפּיר און מיר באַפוילן: שרייב זיך אונטער! כ׳האָב זיך אונטערגעשריבן. אין דעם האָב איך זיך פאַרפליכטעט צו האַלטן בסוד אַלץ וואָס איך וועל זען אויף אנטאַקאלניס 2.

נאָכמיטיק איז אַרויס דורכן טויער פון דער ווילקאָמירער תּפיסה אַ קאָלאָנע פון מענטשן: מענער, פרויען, יינגלעך... צווישן זיי איז געווען אַ פרוי מיט אַ קינד אויף די הענט. די מענטשן זיינען געגאַנגען שטיל מיט אַראָפּגעלאָזטע קעפּ. ביי די זייטן האָבן זיי באַגלייט אויף יעדע דריי טריט די וואַכלייט, באַוואָפנטע ביז די ציין.

וואוהין פירט איר אונדז? — האָט איינער געוואַגט צו פרעגן. — אויף אַרבעט אין אַ ווירטשאַפט, רייסן גראָז — האָט עמעצער פון די פאַשיסטישע באַגלייטער געענטפערט איראָניש. און ווירקלעך האָט אויסגעזען די תשובה ווי וואַרשיינלעך — די מענטשן זיינען געפירט געוואָרן דורכן תּפיסה־געסל אין דער ריכטונג פון דער עלעקטרע־גאַס, זיינען דורך דעם בריק אויף דער שווענטא, דורכגעקרייצט דעם ספּאָרטפּלאַץ און דערגרייכט דעם דאָרף אנטאקאלניס 1. פון דאָרט זיינען זיי אַריין אין אַ ווירטשאַפט, וואָס האָט זיך געפונען אויף אנטאַקאלניס 2.





די קאָלאָנע איז דערגאַנגען ביז אַ שייער, געבויט פון ציגל. דאָ האָט זיי אָפּגעוואַרט פאַשקעוויטשיוס. האַלט! — האָט באַפוילן דעווייקיס.

דאָ האָט קוזמיצקאַס איבערגעציילט נאָך אַ מאָל די מענטשן. זייער צאָל איז געווען 117, אין שייער אַריין — האָט אָנגעוויזן פאַשקעוויטשיוס.

אַלע אַרעסטירטע זיינען אַריינגעשפּאַרט געוואָרן אין ענגן שייער, וועלכן די וואַך האָט אַרומגערינגלט מיט אַ באַוואָפנטן קאָרדאָן.

עס האָט זיך גערוקט דער אָוונט. קוזמיצקאַס האָט צונויפגעזאַמלט זיינע מענטשן און זיי באַפוילן אויסצופילן אַלע באַפעלן פון דעווייקיסן.

די אַרעסטירטע האָבן גאָרניט געקריגן צו עסן. אָבער די פּאָליציאַנטן און די געשטאַפּאָ־מיליטערלייט האָט דעווייקיס געטיילט צו ליטער שנאַפּס, כדי צו „שטאַרקן“ זייערע הערצער צו די פאָרשטייענדיקע „גבורה“־מעשים.

אַז די זון איז אונטערגעגאַנגען, האָט דעווייקיס פאַרטיילט די וואַך, יעדערן אָנגעוויזן זיין אָרט און אָנגעזאָגט וואָס ער האָט צו טאָן. מעדישאַוסקאַס איז געשטאַנען וואַך.

קוזמיצקאַס און פאַשקעוויטשיוס זיינען אַריין אין שייער. דער קאָמענדאַנט פון תּפיסה האָט אַרויסגענומען די ליסטע און אַרויסגעלייענט די נעמען.

די ערשטע זיינען געווען: פרייד, פריילין אורווין, קאַגאַן, גאָלדבערג. קוזמיצקאַס האָט באַפוילן: פאָרויס, מאַרש!

דאָ, אויפן אָרט, האָבן די תּליינים זיי צוגעבונדן די אויגן און אַרויסגעפירט פון שייער.

דער מרחק פון שייער ביז צום עקזעקוציע־פּלאַץ איז געווען בלויז 180 מעטער, אָבער די אויסגעפּייניקטע און אויסגעהונגערטע מענטשן זיינען קוים דערגאַנגען, שלעפּנדיק די פיס. — שנעל, שנעל — האָבן זיי געשטופּט די וואַכלייט — אויב איר קאָנט ניט גיין אַליין, האַלט זיך איינער דעם אַנדערן ביי די אָרעמס, אַזוי שרייענדיק, האָבן די וואַכלייט אַריינגעפירט פריילין אורווין מיט אירע מיטאַרעסטירטע אין אַ קליין שטעלכל. דאָ האָט אַ קליין נאַפּטלעמפּל באַלויכטן 4 תּליות, וואָס זיינען אַראָפּגעהאָנגען פון באַלקן. ביי יעדער תּליה איז געשטאַנען אַ בענקל. ביי די זייטן פון די תּליות זיינען געשטאַנען די תּליינים.

ווען די ערשטע גרופּע איז אַריינגעפירט געוואָרן, האָבן דעווייקיסעס אויגן אויפגעבליצט ווי ביי אַ רויבחיה.

— אָ, וועמען זע איך דאָ? אַלטע פריינד און באַקאַנטע! דאָקטאָר פרייד! לערערין אורווין! סאָוויעטישער אַקטיוויסט גאָלדבערג און שניידערמייסטער קאַגאַן! וואָס פאַר אַן אָנגענעמע געזעלשאַפט!... ביי אַזאַ זעלטענער געלעגנהייט וועל איך פרייוויליק אָנהייבן דער ערשטער וויזן פאַר אַנדערע אַ ביישפּיל...

און דער חיה־מענטש האָט פאַרוואָרפן די שטריק אויפן האַלדז פון גאָלדבערגן, אַרויסגעצויגן דאָס בענקל...

דער אויפגעהאָנגענער איז געבליבן הענגען אין דער לופט...

— אַלעמען וועלן מיר האַלטן צען מינוט. פאַר די וועט זיין גענוג 5 מינוט... — האָט דעווייקיס באַפוילן.

דער פעלדשער גיעדרייטיס האָט געקוקט אויפן זייגער, האָט נאָכדעם אַראָפּגענומען דעם קרבן פון שטריק און אים אַראָפּגעוואָרפן אויף דער ערד. דער מענטש האָט אָבער נאָך האַלב געלעבט.

— זאַמאַוסקאַס, שטעך אים דורך דאָס האַרץ! דו ווייסט דאָך ווי מ׳מאַכט עס — האָט זיך געווענדעט צו אים פּאַשקעוויטשיוס, וואָס האָט שוין געהאָנגען און געשטאָכן. זאַמאוסקאַס האָט אַריינגעשטאָכן זיין קינזשאַל אינעם האַרץ פון געהאָנגענעם גאָלדבערגן, וועלכער האָט נאָך געלעבט און דאָס נאָך וואַרעמע בלוט פון קרבן האָט אַ פּלייץ געטאָן פון האַרצן... דערנאָך האָט דער רוצח אַריינגעשטאָכן אינעם האַרץ פון דער לערערין אורווין...

סוף־כל־סוף איז דער רוצח זאַמאוסקאַס מיד געוואָרן, זיינע אויגן האָבן געפינקלט ווי ביי אַ טיגער. האָט אַרויסגעשטעקט זיין האַלבפּליכיקן קאָפּ פון שטאַל, אַרומגעקוקט זיך און באַמערקנדיק דעם וואַכמאַן פּראַנאַס וואַרנאַס, אַ זאָג געטאָן: כ׳האָב שווער געאַרבעט. כ׳בין מיד. כ׳וויל מיך אָפּרוען. איך וועל איצט דאָ שטיין וואַך און דו גיי אַריין אין שטעלכל „אַרבעטן”... וואַרנאַס האָט זיך אָבער אָנטזאַגט.

טיפע קנייטשן האָבן זיך איינגעקריצט אויפן מאָגערן בלוטדורשטיקן פּרצוף פון רוצח. זאַמאוסקאַס האָט זיך צוריקגעקערט אין שטעלכל.

אויך מעדישאוסקאַס איז שוין מער ניט געשטאַנען וואַך, ער האָט ליבער אויסגעפילט די אַרבעט פון אַ תלין: אַראָפּגעוואָרפן די נאָך האַלבלעבעדיקע געהאָנגענע פון דער תליה, רואיק אַראָפּגענומען פון זיי די זאַכן און זיי באַגראָבן אין דער צוגעגרייטער גרוב...

פונעם שייער האָט מען אַלץ געפירט נייע קרבנות... איצטער שיקט שוין צום טויט פּאַשקעוויטשיוס. ער שטעקט אַריין די האַנט אין זיין קעשענע, וועלנדיק אַרויסנעמען די ליסטע פון די קרבנות, אָבער באַמערקט ניט ווי עס פאַלן אַרויס פון דאָרט דריי אָפּגעהאַקטע פינגער מיט די גאָלד־פינגערלעך, וואָס זיינען אויף זיי, און שלאָגן זיך אָן אָן שטיינערנעם באָדן. מיט זיי פאַלן נאָך אַרויס גאָלדענע ציין, אַרויסגעצויגענע פון די מיילער פון די קרבנות. אין דער מינוט האָט איינער פון די תליינים געגרייט פאַרוואַרפן די שטריק אויפן האַלדז פון אַדוואָקאַט גאַלאָמב און געוואָלט אים פאַרבינדן די אויגן. — „פאַרבינדט מיר ניט די אויגן, כ׳האָב אַלץ געהערט און געזען, הגם איר האַלט אונדז אין פינצטערניש” — האָט ער אויסגערופן. — „ניין, כ׳וויל ניט, איר זאָלט מיר פאַרבינדן די אויגן. כ׳וויל אַרויף אויף דער תליה מיט אָפענע אויגן. איר רוצחים, דאַרפט פאַרבינדן אייערע אויגן כדי איר זאָלט ניט אָנקוקן די פיינטלעכע בליקן פון פאָלק און ניט זען די נקמה, וואָס דערוואַרט אייך!” און ווענדנדיק זיך צו זיינע גורל־מענטשן האָט ער צוגעגעבן: „שרעקט אייך ניט. זאָלן זיי זיך שרעקן און ציטערן. לאָמיר באַגעגענען דעם טויט רואיק. עס וועלן זיך געפינען מענטשן, וועלכע וועלן נקמה נעמען פאַר אונדזער בלוט!”...

ער האָט ניט באַוויזן צו ענדיקן זיינע ווערטער און פּאַשקעוויטשיוס האָט אים דערלאַנגט מיט דער קאָלבע פון זיין ביקס...

אין געריכט האָט זאַמאוסקאַס דערציילט וועגן פּאַשקעוויטשיוסעס „גבורה”־מעשים: פּאַשקעוויטשיוס איז געווען צעפלאַמט. די אַרבל פון זיין העמד זיינען געווען פאַרקאַטשעט. זיין פּרצוף און קליידער זיינען געווען איינגעריכט אין בלוט. די הענט אויך... ער האָט זיך ניט באַגנוגנט מיט דעם, וואָס ער האָט אָנגעפירט מיט דער שחיטה, ער האָט אַליין מיט די אייגענע הענט געשטאָכן מיט זיין קינזשאַל אין די צאַפּלדיקע גופים פון די געהאָנגענע. ער האָט אין דעם מאָמענט געפילט דעם גרעסטן תענוג. דאָס האָט מען געקאָנט אָנזען פון זיין בלוט־תאווהדיקן פּרצוף... מיטן מאָרגנאויפשיין האָט מיך עמעצער גערופן אין זייט פון שטעלעכל — האָט דערציילט פּראַנאַס וואַרנאַס ווייטער — ווען איך בין צוגעגאַנגען, האָב איך געזען אַ פולע גרוב מיט קערפּערס. אויף וויפל איך געדענק, האָבן אַלע געבלוטיקט, צווישן די צאַפּלדיקע גופים זיינען נאָך פיל געווען לעבעדיק. לעבן דער גרוב איז געלעגן אַ באַרג מיט בגדים. דערביי זיינען געשטאַנען: זאַמאַוסקאַס, פּאַשקעוויטשיוס, דעווייקיס, פּאָליציאַנטן און געשטאַפּאָ־לייט. דער פּאָליציי־שעף פּאַשקעוויטשיוס האָט מיר באַפוילן צו פאַרשיטן די גרוב. ביים אָנבליק פון די פאַרבלוטיקטע קערפּערס און פון די נאָך לעבעדיקע מענטשן איז מיר ניט גוט געוואָרן. דאַן האָט מיר פּאַשקעוויטשיוס באַפוילן צו גיין אין שטעלעכל. אָבער ווען איך בין אַריין אינעווייניק, האָב איך דערזען אַ שרעקלעכערן בילד: אויף די תליות האָבן קאָנוואולסיוו געצאַפּלט די געהאָנגענע און אונטער זיי קאַלוזשעס בלוט... כ׳האָב ניט באַוויזן אַלץ אָנצוקוקן, ווייל עס איז מיר געוואָרן ניט גוט. כ׳האָב מיך דערווייטערט. כ׳האָב נאָר דערהערט הינטער מיין רוקן דעם שפּאָט פון גבירישן זונדל וואַצלאַוואַס דעווייקיס: „אַ פּאָליציאַנט און איז ווי אַ באַבע”...

אָבער אַ זומערדיקע יולי־נאַכט איז קורץ. דעווייקיס האָט אויסגערעכנט אַז ביזן פרי־מאָרגן וועט ער ענדיקן די שחיטה. אָבער עס איז נאָך דאָ אַ טייל לעבעדיקע פון די הונדערט און זיבעצן. דאַן האָט ער באַפוילן צו האַלטן די געהאָנגענע אויף די תליות בלויז פינף מינוט.

אָבער דאָס האָט אויך ניט געהאָלפן. מיר האָבן ניט געקאָנט באַוויזן. דער מאָרגנשטערן איז שוין אויפגעגאַנגען, די שטערן האָבן זיך אויסגעלאָשן איינער נאָכן אַנדערן. עס האָט אָנגעהויבן צו טאָגן.

— וויפל זיינען נאָך פאַרבליבן? — האָט דעווייקיס געפרעגט קוזמיצקאַסן, ווען ער איז אַריין אין שייער.

— אָט באַלד צייל איך זיי אויס... 34, דאָס רוב פרויען.

— זאָל זיי נעמען דער טייוול — האָט דעווייקיס גע־

שאָלטן מיט די ערגסטע זידלווערטער. אויסשטעלן זיי און פירן זיי קיין פּיוואָניע...*

די אַרעסטירטע זיינען איינגעטיילט געוואָרן אין דריי גרופּעס. עס האָבן זיי געפירט דעווייקיס, פּאַשקעוויטשיוס, קוזמיצקאַס, שאַפּיס, וואַליקאַ, מעדישאַוסקאַס און אַנדערע. זיי האָבן צוגעפירט די פאַרמשפּטע צו די גריבער. צוויי האָבן געפּרוּווט אַנטלויפן, אָבער דעווייקיס האָט זיי נאָכגעיאָגט און זיי דערשאָסן אויפן אָרט.

מעדישאַוסקאַס האָט זיך געפּלייסט פאַר זיינע חברים און עלטסטע, אויפן פעטן פּרצוף פונעם קצב האָבן זיך אַרויסגעשלאָגן בלוטיקע אָדערן, זיינע רשעותדיקע אייגלעך האָבן געפינקלט פון בלוטדורשטיקייט און תאווה. ער האָט געשאָסן אָן אויפהער אויף די פרויען.

אויף אַזאַ אופן האָבן זיי צוגעפירט די לעצטע פון דער דריטער גרופּע. דאָ איז געווען די פרוי מיטן קינד אויף די הענט. דאָס קינד האָט אַרומגענומען דער מוטערס האַלדז און האָט זיך איינגעגעסן אין אים. עס האָט אַ קנאַל געגעבן אַ שאָס, און די מוטער איז געפאַלן מיטן שרייענדיקן קינד צוזאַמען אויף דער ערד... דאָס קינד וויינט, הייסט עס, עס לעבט, דאָס האָט דער תלין שאַפּיס ניט פאַרטראָגן און האָט אַריינגעשאָסן אין קינד אַ סעריע קוילן...

ווען עס האָט זיך געענדיקט דאָס הענגען און שיסן — האָט געשריבן אין זיין עדות־זאָגן דער קאָמענדאַנט פון תפיסה פּראַנאַס קוזמיצקאַס — האָט מיר דעווייקיס אַרויסגעגעבן אַ קוויט מיט די נעמען פון די הונדערט און זיבעצן אַרעסטירטע.

אַזוי האָט זיך געענדיקט די טראַגעדיע פון 117 אויף אַנטאַקאָלניס 2.

אויף מאָרגן האָבן די תליינים איינגעאָרדנט אַ הוליאַנקע. זיי האָבן אָנגעטראָגן אין ביוראָ פון תפיסה גוטע זאַכן מיט אַ פּעסעלע פון 30—40 ליטער ספּירט. עס זיינען אויך געווען זאַמאַוסקאַס און מעדישאַוסקאַס. נאָך די רעדעס פון די שיכורע דעווייקיס און מעדישאַוסקאַס האָבן די מערדער זיך אָנגעהויבן טיילן מיטן רויב.

— נאַ דיר, מעדישאַוסקאַס, אַ מאה — האָט געזאָגט דעווייקיס, דו האָסט כשר פאַרדינט, פריינד! מעדישאַוסקאַס האָט צוגענומען דאָס געלט און האָט אַ שאָקל געטאָן מיטן קאָפּ דאַנקבאַרדיק. אַזוי האָט ער פאַרקויפט זיין געוויסן.

ווער זיינען די רוצחים? וועגן דעם דערציילן די מערדער אַליין. פּאַוווילאַס זאַמאַוסקאַס: געבוירן אין יאָר 1905 אין פּעטערבורג. געענדיקט 6 קלאַסן גימנאַזיע. צוריקגעקערט קיין ליטע, אין דאָרף פּאַבערזשינע לעבן אוטיאַן. געדינט אין ליטווישן מיליטער, דערדינט זיך צום ראַנג פעלדפעבל. באַפרייענדיק זיך פון מיליטער איז ער אָנגעקומען אין פּאָליציי. געווען שעף פון גרענעץ־פּאָליציי ביזן 1940. אין דער צייט פון דער סאָוויעטישער

* אַ דאַטשע אָרט אויפן ברעג פון טייך שווענטאַ, וואָס פאַלט אַריין אין ניעמאַן. — רעד.





הערשאַפט, אָפּגעזאָגט געוואָרן פון זיין שטעלע, אַריינגעטרעטן אין דער אונטערערדישער פאַשיסטישער אָרגאַניזאַציע. בעת דער נאַצי־הערשאַפט געדינט אין דער זיכערהייטס־דינסט, אין דער קרימינאַלאָפּטיילונג פון ווילקאָמיר, געווען שעף פון דער ווילקאָמירער שטאטספּאָליציי... אין זיין אויטאָביאָגראַפיע, וואָס ער האָט געשריבן נאָך דער באַפרייאונג, האָט ער זיך אָנגעגעבן ווי אַ מוזיק־לערער. ביז מ׳האָט אים דערטאַפּט.

פּאַווילאַס מעדישאַוסקאַס: פון יאָר 1922 ביז דער סאָוויעטן־הערשאַפט געדינט אין דער ווילקאָמירער תפיסה פאַר קאַטאָרזשניקעס. פלעגט דאַן שלאָגן די אַרעסטירטע מיט די שווערע שליסלען פון תפיסה, מיטן שטעקן און מיט וואָס עס איז אים אַריינגעפאַלן אין האַנט. אין דער צייט פון דער נאַצי־הערשאַפט האָט ער אַכזריותדיק געשלאָגן און געטויט די סאָוויעטישע געפאַנגענע.

די עדות אַנאַסטאַסיע קירילאָווא האָט דערציילט, אַז איין מאָל האָט ער זיך אַריינגעריסן אין תפיסה־באָד, ווען עס האָבן זיך געוואַשן די אַרעסטירטע פרויען און האָט געשמיסן מיט זיין גורט ביז בלוט. נאָך דער באַפרייאונג האָט ער זיך באַהאַלטן אין אַ קאָלכאָז ביז מ׳האָט אים געכאַפּט.

אָבער די הויפּטאָרגאַניזירער פון דער אויבנבאַשריבענער שחיטה ווי וואַצלאַוואַס דעווייקיס און מעטשיס פּאַשקעוויטשיוס, (פּאָליציי־שעף פון ווילקאָמיר און קרייז און אַנדערע) באַהאַלטן זיך אויס אין מערב־לענדער. מעטשיס פּאַשקעוויטשיוס האָט אין אַמעריקע געענדערט זיין נאָמען אויף מיקאַס פּאַווילאַניס. דעווייקיס באַהאַלט זיך אויס אין אַמעריקע.

דעווייקיס איז דער זון פון אינהאַבער פון דער גרויסער עלעקטרישער מיל און פיל הייזער אין ווילקאָמיר, וועלכער איז געווען שטאַרק באַפריינדעט מיטן פּרעזידענט סמעטאָנאַ. זיין זון, דער דערמאָנטער וואַצלאַוואַס דעווייקיס פלעגט זיך באַרימען אַז זיין „אַלטער“ וואַרפט אָפּ אַריין אַ קוילישל קאָניאַק מיטן „פירער“. ער פלעגט זיך אויך באַרימען מיט זיין שוועסטער, וועלכע האָט חתונה געהאַט מיטן גובערנאַטאָר פון קלייפּעדע ד״ר נאוואקאס. פאַר דער צייט פון סמעטאַנא איז וואַצלאַוואַס דעווייקיס געווען אַן אָפיציר אין דער ליטווישער אַרמיי. אין יאָר 1940 איז ער מיט זיין טאַטן אַנטלאָפן קיין דייטשלאַנד. מיט די נאַציס איז ער ווידער צוריקגעקומען און געדינט אויף אַ הויכן פּאָסטן אין געשטאַפּאָ. ער האָט אָנגעפירט מיט דער שחיטה פון 12 טויזנט יידן פון ווילקאָמיר און אומגעגנט. די שחיטה איז פאָרגעקומען אין פּיוואָניע.

## ווער זיינען די הויפּט־רוצחים פון שאַוול און אַרומיקע שטעטלעך

איבערזעצט פון דער ווילנער צייטונג „רויטע פאָן“
פון 18־טן אָקטאָבער 1960 און פון די פאַרזעצונגען

אין שאַוולער יינגל־גימנאַזיע האָבן געלערנט די שילער יאָנאַס שאַבלינסקיס און וויטאַוטאַס איוואַנאַוסקאַס.

זיי האָבן געהערט צו דער פאַשיסטישער יוגנט־אָרגאַניזאַציע „יונגליטע“. יאָנאַס שאַבלינסקי פלעגט אָפט געשיקט ווערן פון זיין אָרגאַניזאַציע קיין איטאַליע, וואו ער פלעגט צוזאַמען מיט דער היטלעריוגנט לערנען די פאַשיסטישע תורה פון מוסאָליניס מענטשן.

וויטאוטאַס איוואַנאַוסקאַס איז נאָך אין גימנאַזיע געפעלן געוואָרן דעם אָנפירער פון די ליטווישע פאַשיסטן ווירביצקאַס, וועלכער האָט אים באַשטימט פאַרן געהילפס־פירער פון די שאַוליסטן אין גימנאַזיע. שפעטער איז ער באַשטימט געוואָרן אַלס פירער פון די „ווייסבענדלדיקע“ קאָלאַבאָראַנטן אין שאַוול. זיין געהילף איז געווען דער אויבן דערמאָנטער יאָנאַס שאַבלינסקי. צו אָט דעם קעמערל האָבן געהערט:

די ברידער לעאָנאַס און וויטאוטאַס טאַמאַשאַוסקאַס פון טילזיטער גאַס 160, די ברידער אַלעקסאַס און וויטאוטאַס גאַבעץ פון ווענצלאוסקאַס גאַס 92, וויטאוטאַס פומפוטיס פון שליופאַס גאַס 5, אַלעקסאַס שאַבלינסקיס פון אונטערבאַרג־גאַס 11, בוליוס וואַלאַדקאַ פון גלייכער גאַס 32, אַלעקסאַס דובאוסקאַס, יאָנאַס סמילגעוויטשיוס, אַנטאָנאַס כלעבינסקאַס פון טילזיטער גאַס 184, די ברידער יאָנאַס און וויטאוטאַס סטאַקסאַס און ווילטראַקיס (אָן פאָרנאָמען).

דאָס איז געווען דאָס קעמערל פון דער פאַשיסטישער אונטערערדישער גרופע אין דער צייט פון סאָוויעטישער הערשאַפט.

אין אָט דער צייט האָט זיך אין שאַוול אָרגאַניזירט אַ פינפטע קאָלאָנע פון פאַשיסטן און ליטווישע נאַציאָנאַליסטן מיטן נאָמען „אַבווערשטעללע אָסטלאַנד“.

איר טרעף־אָרט איז געווען אין שאַוול אויף ווילנער גאַס 249 און אויף סטאַנציע גאַס 20. בראָש פון אָט דער געהיימער פינפטער קאָלאָנע איז געשטאַנען אַלגירדאַס בוטשעקאַס, זיינע געהילפן: קימעריס אַנטאָנאַס (ביי די נאַציס געווען געהילף־שעף פון דער ליטווישער פאָליציי, שפעטער דערמאָרדעט געוואָרן פון אַ געהיימער האַנט), יואזאַס פאַקוליס, וועלכער איז שפעטער געוואָרן שעף פון דער ליטווישער פאָליטישער פאָליציי, סטאַסיס טרינקאַ פון פאָפעליאַן.

אַלגירדאַס בוטשעקאַס האָט געהאַט אַ גוט אַרום פאָפעליאַן. פאַר סמעטאָנאַס צייטן געהערט צו די פאַשיסטישע אָרגאַניזאַציעס. פלעגט אָפט פאָרן אין שליחות פון די פאַשיסטן קיין דייטשלאַנד. אין די צייטן פון דער סאָוויעטן־הערשאַפט זיך אַרומגערינגלט מיט פינצטערע טיפן, מיט וועלכע ער פלעגט כלומרשט גיין אויף יאַגד, אין דער אמתן מאַכן שפיאָנאַזש־אויסשפירונגען. זיי האָבן גענוי אויסגעלערנט די געגנט און אָרגאַניזירט פאַשיסטיש־פאַרטיזאַנישע דיווערסיע־גרופן, וואָס זיינען שפעטער, ווען די נאַציס זיינען באַפאַלן ראַטנפאַרבאַנד, אָנגעפאַלן אויף דער רויטער אַרמיי אין רוקן. זייערע מענטשן זיינען געווען דער אָפפאַל פון דער געזעלשאַפט: מעסערשטעכער, קרימינעלע פאַרברעכער און פראָפעסיאָנעלע מערדער. בראָש פון אָט די מענטשן איז געשטאַנען אַנטאָנאַס דובאוסקאַס (זיין געהיימער נאָמען איז געווען „רעגן“). ער איז רייך געוואָרן פונעם אָנגערויבטן יידישן גוטס און האָט געעפנט אַ בירברויעריי; ער איז דאָ געווען דער הויפטצושטעלער פון בראָנפן און ביר אויף די הוליאַנקעס פון די מערדערס. זיין געהילף איז געווען קאַזיס ווייטיעקונאַס. אים האָט מען געכאַפט און זאָט וואָס ער האָט אין געריכט דערציילט: פאַר סמעטאָנאַן איז ער געווען אַ שאַוליסט. ווען די דייטשן זיינען אַריין קיין ליטע, האָט ער זיך אָנגעשלאָסן אין די „ווייסבענדלדיקע“. עדות האָבן דערציילט, אַז פינף מאָל איז ער געפאָרן קיין זשאַגער צו שיסן יידן. די געשעענישן אין זשאַגער זיינען באַשריבן אין „פנקס שבלי“ און 1־טן בוך „ליטע“.

אין אויגוסט 1941 זיינען אין זשאַגער קאָנצענטרירט געוואָרן די רעשטן יידן פון 20 שטעטלעך, צווישן זיי: באַזיליאַן, שוקיאַן, פאָפעליאַן, טרישקי, טירשקלי, קורשאַן, ראַדווילישאַק, פאָסוואַל און נאָך אַנדערע פון שאַוולער קרייז — און אַ טאָג אָדער צוויי נאָך יום־כיפור תש״ב, אַרום 2—3־טן אָקטאָבער 1941 זיינען זיי אַלע אויסגעשאָסן געוואָרן אויפן מאַרק און הינטער דעם גראַפס פאַרק באַגראָבן געוואָרן. ער אַליין האָט מודה געווען אַז ער האָט געשאָסן יידן, וואָס זיינען אַנטלאָפן אויפן מאַרק. ער האָט צוגעגעבן: „כ׳האָב געזען ווי די לאַסט־אויטאָס, וואָס זיינען געקומען פון זשאַגער, זיינען פאַרבלוטיקט און אָנגעלאָדן מיט די קליידער פון די אויסגעמאָרדעטע יידן“. ער האָט אויך דערציילט אַז מיט אים צוזאַמען האָבן געשאָסן דובאוסקאַס, ווייִדיליאַוסקאַס, פאַליקאַרפאַס וואַצלאַוואַס און סאַפקאַ יואזאַס. „איך האָב גענומען פאַר זיך די פאָלגנדיקע זאַכן: פרויען שיך, אַן אויבערהעמד, אַ מאָרגנראָק, הויזן, אונטערוועש, דריי פאַר זאָקן, די ווערטפולע זאַכן האָבן גענומען אַנדערע“. דער מערדער ווייטעקונאַס האָט באַקומען זיין שטראָף.

זיין חבר, אַ מיטפאַרברעכער, בעניוס גאַרליאַוסקאַס האָט בעסער געטאָן — ער איז אַוועק צוזאַמען מיט אַ גרופע ליטווישע רוצחים אין דער רוסישער שטאָט פסקאָוו, דאָרטן האָבן זיי געמאָרדעוועט פאַר דער צייט פון די דייטשן. איצט געפינט ער זיך אין די פאַראייניקטע שטאַטן, האָט צוגעגעבן נאָך אַ נאָמען און הייסט איצט — מאַטשעניוס גאַרליאַוסקאַס.

## אויסגעמאָרדעט דעם יידישן קינדערהיים

אין שאַוול האָט עקזיסטירט אַ בית־יתומים. ער האָט געהאַט זיין הויז אויף ווישינסקי גאַס. אין דער צייט פון די נאַציס האָבן אין אים געלעבט 47 קינדער און דער פערסאָנאַל.

שבת, דעם 7־טן סעפטעמבער, 7 אַזייגער אָוונט איז צוגעפאָרן צום קינדערהיים אַן אויטאָ און פון אים זיינען אַרויסגעשפרונגען קולואַקשאַ מיט זיין באַנדע „ווייסבענדלדיקע“ און האָבן זיך אַריינגעריסן אין הויז. פון דאָרט האָבן זיך געטראָגן הילפרופן פון קינדער. די רוצחים האָבן געטריבן די קינדער אין אויטאָ אַריין. די קינדער, וואָס האָבן ניט באַוויזן אַרויפצוגיין אויף דער מאַשין,

האָבן זיי געוואָרפן ווי פּילקעס. די מיידלעך אָבער האָבן זיי אַרויפגענומען איינציקווייז און זיי... געשענדעט. די מאַשין, פול מיט קינדער, מיט דעם לייטער כץ, דער ווירטשאַפטסלייטערין און נאָך אַ פרוי, איז אָפּגעפאָרן אין וואַלד פון גובערניאַ, אומגעפער 3—2 ק״מ פון שטאָט. דאָרט זיינען אַלע אויסגעשאָסן און באַגראָבן געוואָרן אין די ברידער־קברים.

נאָך יעדער שחיטה פלעגן די מערדער איינאָרדענען הוליאַנקעס. דער שרייבער פון די שורות האָט גערעדט מיט איינער אַ גאַסנפרוי, וועלכע פלעגט אָנטיילנעמען אין די דאָזיקע „שמחות״. די דאָזיקע פרוי יעלענאַ ק. האָט געלעבט מיט די רוצחים. זי און אירע חברטעס פון איר גלייכן זיינען געווען שטענדיקע אָנטיילנעמערינס פון אָט די הוליאַנקעס. זיי פלעגן פאָרקומען אין דער געביידע פון דער געוועזענער קראַנקנקאַסע. קולואַקשאַס „פריינדין״ ק. דערציילט:

„איך און אַלדאָנאַ און נאָך מיידלעך פלעגן זיך פאַרזאַמלען פרי אָוונט אין געביידע פון דער זיכערהייטסדינסט (פריערדיקע געביידע פון קראַנקענקאַסע). אין זאַל זיינען שוין די טישן געווען געגרייט מיט וויין, בראָנפן און אַנדערע גוטע זאַכן. דאָס אַלץ פלעגט מען קויפן פאַר דעם געלט, וואָס מ׳האָט אָפּגעלייזט פאַר די זאַכן פון די דערמאָרדעטע. מיינע חברטעס פלעגן העלפן ביים פאַרקויפן די זאַכן, וואָס איוואַנאַוסקאַס, דובאַוסקאַס און שטאַבלינסקיס פלעגן זיי געבן. דאָס זיינען געווען קליידער, שיך און זאָקן פון פרויען... אָפט פלעגט דובאַוסקאַס זידלען איוואַנאַוסקאַסן און זאָגן: „וואָס טרינקסטו ניט, דו זשאַלעוועסט דען קאָמוניסטיש און יידיש אייגנטום?״ די רוצחים פלעגן רופן איינער דעם אַנדערן מיט אַ פאַרקירצטן ליבעסנאָמען: איוואַ, שאבלי, דער סאַמע באַליבסטער געזאַנג איז ביי זיי געווען: „מיר וועלן איינגעמען די גאַנצע וועלט״. נאָך די הוליאַנקעס פלעגן די פּאָרלעך אַוועקגיין אין באַזונדערע צימערן.

איוואַנאַוסקאַס און זיינע חברים פלעגן שענקען זייערע געליבטע די קליידער פון די דערמאָרדעטע פרויען: מאַנטלען, קליידער, גאָלדענע רינגלעך, זייגערלעך און אַנדערע ווערט־זאַכן.

אין דער צייט פון די רציחות האָט די פאַשיסטישע פּאָגראָם־צייטונג „טעווישקע״ („היימלאַנד״) געשריבן: „אונדזערע פאָלקסמענטשן האָבן דערשפירט אַז די ערד איז דורשטיק נאָך בלוט און אַז אינגיכן וועט זיין אַ בלוטבאָד. די פּראַכטפולע פעלדער פון היימלאַנד האָבן זיך אויסגעפּוצט לכבוד די אורחים. ווען אין דער לופט האָבן געזשומעט די עראָפּלאַנען, דאַן זיינען אַרויס אונדזערע פּאַרטיזאַנער״. — אַרויס צו מאָרדן פרויען און קינדער...

איוואַנאַוסקאַס, שאבלינסקיס און די גאַנצע בלוטיקע קאָמפּאַניע איז אַנטלאָפן קיין דייטשלאַנד, פון דאָרט זיינען זיי אַוועק אין די פאַראייניקטע שטאַטן פון אַמעריקע. דאָרט, אין די צענטערן פון טשיקאַגאָ און באָסטאָן, זיינען דאָ גרויסע ליטווישע קאָלאָניעס. צווישן זיי לעבן די רוצחים...

וועגן דער „טעטיקייט״ פון אָט די אַלע מערדער דערציילט דער באַריכט פון „דער קאָמיסיע אויסצופאָרשן די גרויל־מעשים פון די דייטשן און זייערע העלפער״ פונעם 16־טן אָקטאָבער 1944, אָט וואָס:

„אין וואַלד פון גובערניאַ, אויפן אָפּשניט פון אייגוואַ, אַ האַלבן קילאָמעטער פון גרוזדער וועג, אויפן פעלד פון וואַלד־וועכטער פראַנאַס באַגדאַנאַס זיינען אַנטדעקט געוואָרן 4 גריבער פול מיט גופים פון די אויסגעמאָרדעטע. קבר 1: די גרויס פון דער גרוב איז: 22×3 מעטער, קבר 2 איז: 19,5×3, קבר 3: 22×3, קבר 4: 21×3. דער אָרט איז אַ פלאַכער, ווייט פון די וואוינהייזער, אַרום וואַקסן קוסטעס און לינדביימער, טענענביימער, ווייטער ציען זיך בלאָטעס.

לויטן עדות־זאָגן פונעם וואַלד־וועכטער פראַנאַס באַגדאַנאַס זיינען אין די טעג צווישן 7־טן און 15־טן סעפּטעמבער 1941 (אין אָט די טעג זיינען פאָרגעקומען די „אַקציעס״ און עס זיינען אַרויסגעפירט געוואָרן — אַלע, וואָס זיינען געווען איינגעשפּאַרט אין מושב־זקנים, אין לאַנדקרעמערשער שול אויף ווילנער גאַס, ווי אויך וואָס זיינען געזעסן אין שטאָט; צווישן די טעג 11—13 זיינען אַרויסגעפירט געוואָרן: פון טראַקער געטאָ ביי 500 אַלטע און פאַמיליעס מיט קליינע קינדער און פון קאַווקאַזער געטאָ — איניקע צענדליק אַלטע, ווי אויך פון דער גרויסער תפיסה אויף טראַקער גאַס — דער איבערזעצער) דאָ געבראַכט געוואָרן שאַוולער יידן: מענער, פרויען און קינדער, בסך הכל 25 גרויסע לאַסטאויטאָס, וואָס האָבן אַנטהאַלטן ביי 40 מאַן יעדערער. בס״ה ביי אַ 2.000 קרבנות. פיל האָט געפירט דער העלגעלער לאַסטאויטאָ נומ׳ 6. איין נאַכט איז ער איינגעזונקען אין זאַמד און האָט זיך געשלעפּט אַ גאַנצע נאַכט ביזן מאָרגן. די שיסונגען פלעגן פאָרקומען טעגלעך נאָכמיטיק צווישן 16—17 אַזייגער. די שיסער זיינען געווען שכורע פאַשיסטישע פּאַרטיזאַנער, זיי האָבן געשאָסן פון אויטאָמאַטן. די מערדער פלעגן קומען פריער און פאַרשטעקן זיך אין די קוסטעס און לויערן אויף זייערע קרבנות. זיי פלעגן רופן איינער דעם אַנדערן מיטן נאָמען פון שטאָט — „איידו, ראַסיינער, מאַזשייקער!... אָנגעפירט מיט די פּאַרטיעס האָבן די דייטשן. זייערע עלטסטע פלעגן קומען אויף מאָטאָציקלען. די געבראַכטע קרבנות פלעגן די פּאַרטיזאַנער אַרומרינגלען און אַריינשטויסן זיי אין די גריבער. די דייטשן פלעגן בלויז אַכטונג געבן. ווען די מערדער פלעגן אַוועקגיין, פלעגן אָרטיקע איינוואוינער קומען און געפינען קאַלוזשעס מיט בלוט און אַנדערע סימנים... עס זיינען עד היום דאָ שפורן פון דער שלאַכט. עס ווייזט אויס אַז די קרבנות פלעגן אַוועקגעשטעלט ווערן פאַרן גרוב און דאָ דערשאָסן ווערן, נאָכדעם פלעגן זייערע קערפּערס אַריינגעוואָרפן ווערן אין די גריבער...

אין די גריבער ביי 60 סענטימעטער טיף ליגן די גופים צוזאַמענגעדריקט אויף אַ משונהדיקן אופן: איינע ליגן לענג־אויס, אַנדערע אין דער ברייט פון דער גרוב, אַנדערע זיצן און אַנדערע זיינען אַריינגעוואָרפן געוואָרן מיטן קאָפּ אַראָפּ; מענער, פרויען און קינדער, אַלע קער־

פּערס זיינען בלויז אין אונטערוועש, וויי־ניקע האָבן אויף זיך שיך. אַלע האָבן געקריגן זייער קויל אין קאָפּ. די קויל איז געקומען פון גאַנץ נאָענט.

אין דער גרוב נומ׳ 2, אין דער טיף פון 60 סענטימעטער זיינען די קערפּערס צוזאַמענגעוואָרפן.

דער גרעסטער טייל האָט געקראָגן די קויל אין קאָפּ. צווישן זיי זיינען דאָ פיל קינדער. 2 קינדער פון אַרום 10 חדשים ליגן מיט צעשמעטערטע קעפּלעך, ביי איינעם איז דאָס קעפּל גאַנץ — ווייזט אויס דאָס קינד האָט געקראָגן זיין טויט פון אַ האַרטן כלי. ביי אַ דריי־יעריקן קינד זיינען ניטאָ קיינע סימנים פון קלעפּ — ווייזט אויס דאָס קינד איז לעבעדיק באַגראָבן געוואָרן״...

דאָ ליגן נאָך אַ טייל פון די קרבנות. עס זיינען נאָך דאָ גריבער אין קוזשי אויפן וועג צו ריגע און אין בובי, אויפן וועג צו קעלם. נאָר גענוג, די דאָזיקע באַשרייבונג גיט אונדז אַ באַגריף וועגן גרויס פון אומגליק.

## דער אומקום פון די יידן אין מאַזשייקער קרייז

אונטערן קעפּל „מיר וועלן ניט פאַרגעסן״ פאַרעפנטלעכט פריילין ערסלאווא די דאָקומענטן פון דער טעטיקייט פון די פאַשיסטן און קאָלאַבאָראַנטן אין מאַזשייקער קרייז. די טעטיקייט נעמט אַרום די קרייז־שטאָט מאַזשייק און די צו איר אָנגעהעריקע שטעטלעך: יעלאַק, וועקשני, טירשקלי, זשידיקי, לייזשוואווא, אקמיאן און אַנדערע. די אויסגאַבע איז פון דער ליטווישער אַקאַדעמיע פאַר וויסנשאַפט אין ווילנע.

אין איר פאָרוואָרט שרייבט די אויטאָרין וועגן די רעזולטאַטן פון די מאַסן־מאָרדן פון די דייטשן און זייערע קרבנות וואָס זיינען אויסגעמאָרדעט, פאַרפּייניקט אָדער לעבעדיק באַגראָבן געוואָרן אין די אונטערערדישע פעסטונגען פון קאָוונע, אין די געפאַנג־לאַגערן פון אַליטע און שאוול, פּאָנאַר און אין די געטאָס פון ליטע (אויב מיר זאָלן אַראָפּרעכענען ביי אַ הונדערט טויזנט סאָוויעטישע געפאַנגענע, וואָס זיינען אומגעקומען אין ליטע און איניקע טויזנט קאָמוניסטן, פאַלט די גרעסטע צאָל קרבנות — איבער אַ האַלבן מיליאָן — אויפן יידישן פאָלק. פון ליטע אַליין זיינען געווען ניט מער ווי וועלכע 240 טויזנט קרבנות. פון דעם איז צו דרינגען אַז ביי איבער אַ פערטל מיליאָן יידן זיינען געבראַכט געוואָרן פון אַנדערע לענדער — דייטשלאַנד, טלאָוואַקיע, ווין און אַנדערע ערטער — דער איבערזעצער).

„די קאָמיסיע אויף אויסצופאָרשן די גרוילטאַטן פון די דייטשן און זייערע העלפער״ האָט אַנטדעקט אויפן יידישן בית־הקברות אין מאַזשייק איבער פיר טויזנט גופים פון קדושים. דאָס איז בלויז אַ טייל פון די קרבנות. עס איז אָבער שווער פעסטצושטעלן די פולע צאָל פון די קרבנות פון מאַזשייק, סיאד, אקמיאן און וועקשני.

די אויספירער פון אַלע מאַסן־רציחות זיינען געווען אָרטיקע ליטווינער. מייסטנס געוועזענע פונקציאָנאַרן און מיליטערלייט פונעם סמעטאָנישן רעזשים, וועלכע האָבן געהערט צו די פאַשיסטישע פאָרמאַציעס: די „פעלקישע״ (טאַוטינינקעס), שאוליסטן (שיסער) „אייזערנער וואָלף״ א. אַנד.

וועגן דער אָרגאַניזירונג פון די געוועזענע ליטווישע פאַשיסטן אין דער צייט פון דער 2־טער וועלט מלחמה דערציילט בראָניוס ווילימאַס, אַ רייכער פויער, געוועזענער שאוליסט און בעת דער דייטשער הערשאַפט — דאָרפעלטסטער פון פינף דערפער. ער איז נאָך דער באַפרייאונג געפאַקט און געשטעלט געוואָרן פאַרן געריכט און איז פאַרמשפט געוואָרן צום טויט. ער האָט דערציילט אויפן פאַרהער פונעם 13־טן דעצעמבער 1944 פאָלגנדיקע פאַקטן:

קורץ פאַרן אָנהייב מלחמה האָט מיר בויווידאַס דערציילט, אַז עס אָרגאַניזירט זיך אַ נאַציאָנאַליסטישע אונטערגרונט־טעטיקייט, וועמענס ציל איז צו קעמפן קעגן ראַטנפאַרבאַנד און אַז דייטשלאַנד וועט אונדז העלפן. באַלד וועט אויסברעכן אַ מלחמה צווישן דייטשלאַנד און רוסלאַנד און צום סוף וועט אַנטשטיין אַ זעלבשטענדיקע ליטע. עס זיינען פאָרגעקומען איניקע פאַרזאַמלונגען. די מיטגלידער פון דער אונטערגרונט־באַוועגונג האָבן זיך אָנגערופן „אַקטיוויסטן״.

מיטן אויסברוך פון דייטש־סאָוויעטישן קריג האָבן זיך די „אַקטיוויסטן״ אָרגאַניזירט און אויסגעפירט דיווערסיע־אַרבעטן קעגן דער רויטער אַרמיי. דערמיט האָבן זיי פאַרלייכטערט די דייטשן צו אָקופּירן ליטע.

דעם 24־טן אָדער 25־טן יוני 1941 איז פאָרגעקומען די ערשטע זיצונג פון דעם קאָמיטעט פון די „אַקטיוויסטן״. אַלס קאָמענדאַנט פונעם גאַנצן קרייז איז באַשטימט געוואָרן פריער פּאָלקאָווניק פעטשוליס און נאָכדעם דער פּאָלקאָווניק יאַטאָליס, ער איז אויך געווען דער פירער פון די „אַקטיוויסטן״. אַלס זיין געהילף איז באַשטימט געוואָרן יואזאס סאמאוסקאַס, וועלכער איז געוואָרן זיין רעכטע האַנט. אַלס פירער פון די „אַקטיוויסטן״ אין דער אומגעגנט פון דער אייזנבאַן איז באַשטימט געוואָרן אדאַמאַס ווילקאַוואַס, דער עדות ווילימאַס איז באַשטימט געוואָרן אַלס עלטסטער איבער פינף דערפער.

די ערשטע אַרבעט פון דער עקזעקוטיווע איז געווען צו אַרעסטירן יידן און קאָמוניסטן; ראַקאוסקאס דאמאס האָט זיך געלאָזט באַשטימען פאַרן פירער פון דער פאַרטיי א. א. וו.

גלייך אויף מאָרגן, נאָך דער זיצונג פון 24־טן אָדער 25־טן יוני, איז פאָרגעקומען אַ צווייטע זיצונג, אויף איר איז באַשטימט געוואָרן צו אַרעסטירן אַלע קאָמוניסטן און יידן. אינטערעסאַנט, אַז אויף דער דאָזיקער זיצונג האָט אנטיילגענומען אויך דער גלח באַלטשיונאַס. אויף דער דאָזיקער זיצונג איז אויסגעקליבן געוואָרן אַלס געהילף פון פירער פון די „אַקטיוויסטן״ דער געוועזענער לייטענאַנט יואזאס סאמאוסקאס.

אויך איז באַשטימט געוואָרן אַ געריכט איבער די קאָמוניסטן.

וועגן דער טעטיקייט פון די דאָזיקע לייט דערציילט

איינער פון זיי, יאָנאַס קאַשעטאַ, אויפן פאַרהער פון 12־טן נאָוועמבער 1946 :

„איך בין געווען דער פּאָליציי־שעף פון געגנט (וואַלשציוס). כ׳האָב אויסגעפאָרשט ביי 100 פאַרדעכטיקע אין קאָמוניזם. די פאַרדעכטיקע האָב איך איבערגעגעבן אין די הענט פון מיינע פּאָליציאַנטן מיקולסקיס און פּראַנאַס זשעלוויס און זיי האָבן די אַרעסטירטע געפאָרשט און מיר איבערגעגעבן דעם באַריכט ; לויט דעם האָב איך אַ העלפט פון די אַרעסטירטע באַפרייט. בס״ה זיינען אַרעסטירט געוואָרן ביי הונדערט. געבליבן זיינען אויף אַזאַ אופן בלויז 50, וועלכע איך האָב איבערגעשיקט קיין מאַזשייק.

גלייך אין די ערשטע טעג פון דער מלחמה האָט יאטאַליס, דער פירער פון די „אַקטיוויסטן" פון אַקמיאַן, אַרעסטירט די סאָוויעטישע בירגער... (דאָס איז דער נאָמען פון די יידן אין די אָפיציעלע דאָקומענטן — איבערזעצער).

דעם פינפטן און זעקסטן יולי האָבן זיך באַוויזן דייטשע סאָלדאַטן. איינער פון זיי האָט פאַרלאַנגט צו פירן אים צו די אַרעסטירטע. מיט אים זיינען מיטגעגאַנגען 15 פון דעם קאָמיטעט פון די אַקטיוויסטן. ...דער אָפיציר האָט לאַנג ניט געזאמט ביי די אַרעסטירטע. ער האָט געהייסן גלייך אַרויספירן דריי אַרעסטירטע יידן. געשאָסן האָבן די דייטשן. די דערשאָסענע זיינען געווען : יעקב און פייוואוש יאָסעלעוויטש און איינער שמיט, וואָס האָט געהאַט אַ שניט־קראָם.

אַ צווייטער עדות, אויך איינער פון די מערדער, פוצעוויטשיוס פּאַווילאַס, דערציילט אויפן פאַרהער פון 12־טן און 13־טן דעצעמבער 1946 פאָלגנדיקע פאַקטן :

אין דער צווייטער העלפט פון חודש יולי 1941 האָב איך געהאַלטן וואַך אין תפיסה פון אקמיאַן. אינעם זעלביקן טאָג האָט מען געפירט די סאָוויעטישע בירגער קיין מאַזשייק צום שיסן. איך האָב זיי געהיט אין תפיסה. אויף מאָרגן האָט מען מיר געמאָלדן אַז איך בין באַשטימט צו פירן די אַרעסטירטע יידן פון אקמיאַן קיין מאַזשייק. צוזאַמען מיט מיר זיינען באַשטימט געוואָרן מייזשיס פון אקמיאַן, באַלטשיונאַס פון דאָרף אייוואוטשיאי. איוואַשקאַ איז געווען דער שעף פון דער וואַך. מיר האָבן געפירט 10 אַרעסטירטע. אין פּאָליציי האָט מיך אויפגענומען דער וואַכמייסטער פון דער אקמיאַנער פּאָליציי מיקולסקיס. ער האָט מיר באַפוילן אַריינגיין אין שייער, וואָס איז געשטאַנען ניט ווייט פון טייך שווענטאַ און היטן די יידן. נאָכדעם ווי איך האָב איבערגענעכטיקט אין מאַזשייק, בין איך אַוועק אין שייער. מיקולסקיס האָט מיר באַפוילן צו פירן די יידן גרופּנווייז צו די גריבער, וואָס זיינען געווען צוגעגרייט פון פריער, לעבן וועלכע זיי זיינען דערשאָסן געוואָרן. כ׳האָב די מלאכה געטאָן איין טאָג. כ׳האָב געפירט צום שיס־פּלאַץ פיר גרופּעס. אין יעדער גרופּע זיינען געווען 60—100 מענטשן. מיר האָבן די מענטשן צוגעפירט צו די גריבער און איבערגעגעבן צו די שיסער און צוריקגעגאַנגען אין שייער כדי צו פירן נייע גרופּעס.





אין אָוונט האָט מען אונדז און נאָך „אַקטיוויסטן" געשיקט באַגראָבן די טויטע. ווען מיר האָבן אָפּגעטאָן אונדזער אַרבעט, האָבן מיר מיט די „אַקטיוויסטן" זיך צוריקגעקערט אין אקמיאַן אַהיים. כ׳האָב דאָרט געזען פּראַנאַס מייגאַס, וועלכער האָט געשאָסן, דאַמאַס ראַקאַוסקאַס האָב איך אויך באַמערקט דאָרט און אין שייער...

צעכאַנאָוויטשיוס סטאַסיס, איינער פון די הויפּטמערדער, דערציילט אויפן פאַרהער פון 25־טן אויגוסט 1958...

דאָס איז געווען נאָך דער פאַרניכטונג פון די יידן. כ׳האָב פערזענלעך אָנטיילגענומען אין אַרעסט פון אַ קצב (אַ יידישן — דער איבערזעצער) און די קרעמער טאַמאַרין, ברק און נחמן מיט זייערע פאַמיליעס, וועלכע זיינען אָפּגעפירט געוואָרן אין בית־המדרש. די יידן (ביי צוויי הונדערט נפשות פון אקמיאַן און אַרומיקע דערפער) זיינען געהאַלטן געוואָרן אין בית־המדרש ביי 2—3 וואָכן. אין אַן אויגוסט פרימאָרגן האָט אונדז דער „אַקטיוויסטן" פּאָליציי־שעף קאַשעטאַ געהייסן פירן אַלע יידן אין לאַגער. די פרויען און די אַלטע האָבן מיר אַוועקגעזעצט אויף וועגענער און די שטאַרקערע האָבן מיר אויסגעשטעלט אין רייען און מיר האָבן אָפּגעמאַרשירט קיין מאַזשייק. איך בין געווען אין דער וואַך פון דער מאַרשירנדיקער „קאָלאָנע". אין דער וואַך האָט אָנטיילגענומען אונדזער גאַנצע אָפּטיילונג. עס זיינען געווען נאָך „אַקטיוויסטן" פון אַנדערע אָפּטיילונגען. די גאַנצע „קאָלאָנעס" האָבן זיך געקערט לינקס אויף טירשקלי. לעבן טייך שווענטאַ אין אַ גוט האָט מען אונדז געהייסן אָפּשטעלן זיך. דאָ זיינען געווען קאָנצענטרירט נאָך באַוואָפנטע „אַקטיוויסטן" (מיר אומבאַקאַנטע). מיר האָבן באַקומען דעם באַפעל צו האַלטן וואַך. אין דעם שייער זיינען געווען נאָך יידן, וואָס מ׳האָט געבראַכט פון אַנדערע ערטער.

אויף מאָרגן זיינען געקומען פון מאַזשייק פּאָליציי־שעפן און דייטשע אָפיצירן און מ׳האָט אונדז געמעלדעט, אַז מ׳וועט שיסן יידן. די שיסער האָט מען פאַרשפּראָכן אַ פיינעם „האָנאָראַר". מ׳האָט אונדז איינגעשטעלט אין גרופּעס, איינע האָבן געדאַרפט האַלטן וואַך אויפן שיס־פּלאַץ ; די אַנדערע האָבן געדאַרפט פירן די יידן צום עקזעקוציע־פּלאַץ און אַנדערע האָבן געדאַרפט שיסן.

איך בין אַריינגעפאַלן צווישן די שיסער. די גרופּע איז אָנגעפירט געוואָרן פון די דייטשן. זיי האָבן אונדז צוגעפירט ביי 800 מעטער פון וועג לעבן אַ קליין וועלדל און דעם יידישן בית־עולם. כ׳האָב געזען 3 גרויסע גריבער. מיר האָבן זיך אויסגעשטעלט אין צוויי רייען, 10 מעטער פון די גריבער ; אין דער ערשטער ריי האָבן מיר זיך געקניט, אין דער צווייטער — זיינען מיר געשטאַנען. אַ קורצע צייט נאָכדעם איז צוגעפירט געוואָרן די ערשטע גרופּע יידן. קוילן האָבן מיר באַקומען פון קאַסטנס, וואָס זיינען געשטאַנען לעבן אונדז. מיט מיר צוזאַמען זיינען געשטאַנען אין ריי פּראַנאַס מייגאַ, עטוואָס ווייטער גורינאַס פון דאָרף עלקישקיס. צווישן די קניענדיקע שיסער

זיינען געווען דאויאטאס שוואזשאַס, צווישן די „אַקטיוויסטן פון דאָרף קיווליאַי זיינען געווען יאנאס אדאמייטיס, די ברידער פראנאס און אנטאנאס מייזשיס. כ׳האָב ביים פירן די יידן געזען אויך די אקמיאנער בירגער סטאסיס ווארנאס, אנטאנאס בוטקאס, קאַזיס איוואשקא, יואָזאַס שוואַזשאַס און מילקינטאַס. מיט איין מאָל זיינען דערשאָסן געוואָרן 20—30 מענטשן. די וואָס זיינען ניט געטויט געוואָרן מיטן ערשטן זאַלפּ, האָט מען אַריינגעשאָסן פון דער נאָענט. פראנאס מייזשיס האָט געשאָסן פון דער נאָענט. איך האָב געשאָסן פינף גרופּעס יידן. אָבער פון דעם בלוט און פון די געשרייען איז מיר ניט גוט געוואָרן און איך בין צוריקגעטרעטן. מ׳האָט מיר און נאָך „אַקטיוויסטן״ באַפוילן צו פירן די יידן פון שייער צו די גריבער. איך האָב זיי געפירט ביזן סוף פון דער עקזעקוציע.

די יידנשיסעריי האָט געדויערט פינף שעה. די „אַקטיוויסטן״ האָבן גערעדט, אַז בסך הכל האָט מען אויסגעשאָסן צוויי טויזנט מענטשן. זייערע זאַכן זיינען צוזאַמענגענומען געוואָרן אין איין קופּע. ווען די שיסעריי האָט זיך געענדיקט, האָט מען אונדז דערלויבט נעמען וואָס מיר ווילן. די שטאַרקערע פון אונדז האָבן געכאַפּט די גוטע קליידער. איך האָב געכאַפּט צוויי פּאָר שיך, אַ מענער־אַנצוג. מיר האָבן זיך שפּעטער צעטיילט מיט די ווערטפולע זאַכן, ווי: זייגערלעך, רינגלעך, בראַסלעטן. איך האָב באַקומען אַ זייגערל פון דער פירמע „אָמעגאַ״, דריי גאָלדרינגלעך. נאָכדעם האָבן מיר אין רעסטאָראַן אין מאַזשייק געמאַכט אַ גוטן מיטיק. מיר האָבן געגעסן און געטרונקען און אויף מאָרגן האָט מען אונדז אָפּגעפירט אין אקמיאן אַהיים. קומענדיק אַהיים האָב איך נאָך באַקומען פון דעם ווירטשאַפטסלייטער אַלדיפאַן נאַרייקיס אַ פעלץ, אַ מענער־אַנצוג און נאָך קליינע זאַכן...

## איינער פון די הויפּט־רוצחים פון די יידן אין פאַניעמוניעלים ווערט אַ קאַטוילישער גלח

אַזוי שרייבט וויטאאוטאס לעוואַנדאָוויטשיוס פון פאַניעמוניעלים, ראקישער קרייז.

(אַרויסגענומען פון אַ ליטווישער צייטונג־אויסשניט, אין וועלכן עס פעלט דער נאָמען פון דער צייטונג און די דאַטע)

וו. לעוואַנדאָוויטשיוס איז אַליין פון פאַניעמוניעלים, האָט געלערנט מיטן רוצח אין גימנאַזיע, קאָוונער אוניווערזיטעט און מיט אים געדינט אין דער ליטווישער פּאָליציי אונטער דער הערשאַפט פון די דייטשן. ער דערציילט:

כ׳האָב ניט לאַנג געלייענט אין דער צייטונג „טיעסאַ״* (אמת) וועגן דעם פירער פון דער „שטראָפבאַנדע״ פון פאַניעמוניעלים ה. דודא, די באַשרייבונג האָט מיר דערמאָנט אַ צווייטן „העלד״ פון אָט דער באַנדע... כ׳האָב אין פאַניעמוניעלים געטראָפן מיין שכן און שול־חבר וויטאוטאַס ביטינאַס. דאָס שטעטל האָט געהאַט איבערגעלעבט די שרעקלעכסטע טעג — עס האָבן דאַן געבושעוועט אין שטעטל און אומגעגנט ה. דודאס רוצחים. זיי האָבן שוין געהאַט פאַרגאָסן פיל בלוט. איינמאָל איז אין אונדזער הויף דערשינען וויטאוטאס ביטינאַס און מיר פאָרגעלייגט אָנצושליסן זיך אין דודאס באַנדע. כ׳האָב מורא געהאַט אָפּצוזאָגן זיך און דער חבר האָט מיך ניט אָפּגעלאָזן. האָב קיין מורא ניט — האָט ער מיר געטרייסט — מער וועט מען ניט דאַרפן שיסן. דו וועסט נאָר דאַרפן היטן די מעלקעריי... ער האָט מיך איבערצייגט אַז איך באַגיי ניט קיין פאַרברעכן, אויב איך וועל אַפילו באַקומען פון די דייטשן אַ ביקס... אין עטלעכע טעג אַרום האָב איך פאַרשטאַנען אין וואָס פאַר אַ זומפּ ער האָט מיך אַריינגעפירט: אין דעם אָרט זיינען צוזאַמענגעטריבן געוואָרן 80 אַלטע, פרויען און קינדער (דאָס מיינט ער יידן — דער איבערזעצער). איך און מיינע חברים האָבן געדאַרפט היטן זיי, פירן זיי אויף אַרבעט אין די טאָרפגריבער און צוריק.

...מ׳האָט יעדן טאָג אויף אַן אַנדער אופן געפייניקט די אויסגעצערטע, האַלב־לעבעדיקע מענטשן. באַזונדער אַכזריותדיק איז געווען ה. דודא, ר. סאַמוליס און דער ניט אָפיציעלער דודאס פאַרטרעטער, וו. ביטינאַס, וועלכער איז פאַקטיש געווען דער פירער פון די פאַשיסטן אין פאַניעמוניעלים.

אָנהייב אויגוסט 1941 האָט וו. ביטינאַס מיך איינגעלאַדן — נעם דיין וועלאָסיפּעד — האָט ער מיר באַפוילן: מיר וועלן פירן די אַרעסטירטע קיין ראקישאַק.

איבערן וועג האָט זיך געצויגן אַ לאַנגע גרויע מענטשנקייט. די „ווייסבענדלדיקע״ האָבן זיך אויף פאַרשיידענע אופנים איזדיעקעוועט איבער די אויסגעצערטע, אויסגעפייניקטע מענטשן, זיי געשלאָגן מיט שטעקנס און די פריקלאַדן פון די ביקסן, און איך, וואָס בין געפאָרן פאָראויס, האָב געהערט די ווײ־געשרייען פון די מענטשן.

אין ראקישאַק, אויף דער איצטיקער אָקטיאַבר־אַלייע, האָבן אונדז באַגעגנט די ראקישקער „ווייסבענדלדיקע״, וועלכע האָבן איבערגענומען די אָנגעקומענע אַרעסטירטע. כ׳האָב געזען ווי אייניקע „ווייסבענדלדיקע״ האָבן „געטונקט״ אַן אַלטן ווייסגרויען מענטשן (יידן — איבערזעצער) אין שמוציקן וואַסער פון דער סאַזשעלקע. דער קרבן האָט געצאַפּלט, געבראָכן און די באַנדיטן האָבן אים אַלץ „געטונקט״ אין וואַסער. ניט ווייט זיינען געשטאַנען דודאַ, סאַמוליס און וו. ביטינאס און געקוואָלן...

כ׳האָב געדינט אין דודאס באַנדע בלויז עטלעכע טעג, אָבער אין די טעג האָב איך זיך גענוג אָנגעזען ווי מ׳האָט מענטשן געמאָרדעט, געכאַפּט שכנים (לייען: יידן — איבערזעצער), זיך רייך געמאַכט אויפן חשבון פון די קרבנות...

וו. ביטינאס איז אַנטלאָפן, האָט זיך פאַרקליבן קיין איטאַליע און זיך געווידמעט דער הייליקער אַרבעט פון אַ גלח... זאָלן זיי אָנקוקן דעם ריכטיקן פּרצוף פון דעם פאַטערל, גלח אנטאָנאַס וויטאוטאַס ביטינאַס. ער וועט זיך מיט זיין גלח־מאַנטל ניט פאַרדעקן.

* אָרגאַן פון צ. ק. פון דער ליט. ק. פּ. — רעד.

## די רוצחים פון פלונגיאנער יידן

אַן עדות, וואָס האָט מיט זיינע אויגן געזען. דערציילט, פון וויטאוטאס מיניאטאס:

אַלפאָנסאס סענקוס האָט באַקומען פון זיין פּאָליציישעף זשוויניס אַ צעטעלע: „קום גלייך אין פּאָליציי". דער „ווייסבענדלדיקער" איז גלייך געקומען.

סענקוס האָט שוין אין פּאָליציי געפונען זיין קוזין אַדאָלף סענקוס, דעם שכן פעליקס קנייטאס, קאזיס קאַניעוו, אנטאַנאס לייווסי, בראַניוס וואלאנטשיוס. די איבעריקע האָט ער ניט געקענט. קענטיק, געקומען פון דער ווייט. צווישן די „ווייסבענדלדיקע" האָט זיך אַרומגעדרייט אַ הויכע גראָבע נקבה, אַ דייטשקע, די פרוי פון גרישמאַנאוסקאס־לוקאוסקאס בענעדיקטאַס (בעניס).

זשוויניס האָט אַ קוק געטאָן אויפן זייגערל, וואָס ער האָט צוגעריבט פון זיינעם אַ קרבן און אַ זאָג געטאָן — דער בעניס זאמט צופיל. — אָבער בעניס איז אין דער צייט געווען אין הויז פון פראנאס אורבאנאס און קאזיס נאַרווילאס. ער האָט געהייסן דעם ערשטן — נעם דיין רידל, מ׳דאַרף גראָבן אַ גרוב.

— ווּעסט ניט גיין, ווּעל איך דיך אַוועקלייגן ווי אַ הונט! — האָט אַ ריטשע געטאָן דער גזלן, צושטעלנדיק אים זיין פּאַראַבעלום.

נאַרווילאס פרוי האָט געפּרואווט זיך אַריינמישן, אָבער זי האָט אויך דערשמעקט דעם ריח פון ביקס.

גרישמאנאוסקאס־לוקאוסקאס האָט זיך איראָניש אָפּגערופן: „אויב עס איז דיר אָנגענעמער, וועל איך אייך געבן אַ פּאָר באַוואָפנטע מענער. סאַוויצקי, בודריס — האָט ער אַ רוף געטאָן צו זיינע באַגלייטער — באַגלייט די דאָזיקע קברים־גרעבער!" אויפן הויף פון פּאָליציי האָט בעניס אַ ווינק געטאָן דעם פורמאַן סטעפּאַנאַס מילווידאס — „שפּאַן די פערד!" פון דער פּאָליציי האָבן זיך אַרויסגעריסן שיכורע קולות.

— „זיך אָנגעשניאַטשקעט, חזירים! און מיר גאָרניט געלאָזן" — האָט זיך געבייזערט בעניס. אָבער די האָבן אויף אים געוואַרט... זשוויניס האָט דערקלערט צוליב וואָס פאַר אַ צוועק זיי זיינען זיך צוזאַמענגעקומען. — מ׳דאַרף קורירן די איבעריקע „זשידעס". פאַרשטאַנען? — האָט זיך געוויצלט דער פּאָליציי־שעף. די „ווייסבענדלדיקע" באַנדיטן האָבן פאַרשטאַנען. מיט אַ פּאָר טעג צוריק האָבן זיי דאָס זעלבע געטאָן — אין עק פון שטעטעלע פלאָטל האָט מען געשאָסן יידישע מענער. זיינען געבליבן די פרויען און קינדער. הייסט עס, עס איז געקומען אויך זייער סוף.

זשוויניס האָט אָנגעפילט די גלעזער מיט בראָנפן. — צום דערפאָלג!

די באַנדיטן האָבן גענומען די ביקסן און זיינען אַוועק אין סינאַגאָגע. גרישמאנאוסקאס־לוקאוסקאַס האָט געהייסן די אַרעסטירטע אַרויסגיין, האָט געשמייכלט טייוולאָניש און אַ זאָג געטאָן; גרייט זיך צו גיין אין פלונגיאַן. מיר פאָרן צום דאָקטאָר!

די פרויען און קינדער האָבן זיך פאַנאַנדערגעוויינט. די אַלטע האָבן געהויבן די הענט צום הימל, האָבן געקלאָגט...

בעניס און די איבעריקע באַנדיטן האָבן געריסן פון די מוטערס הענט זייערע קליינע קינדער און געוואָרפן זיי אין וואָגן.

דער ערשטער האָט געריטן אויפן פערד דער פּאָליציישעף זשוויניס. אַראָפּלאָזנדיק די אויגן, מורא האָבנדיק אָפּקערן דעם קאָפּ, איז געזעסן אויף די קאָזלעס מיליווידאס. קוים שלעפּנדיק די פיס האָבן זיך באַוועגט די פרויען. איבערשרייענדיק די וויינענדיקע פרויען, האָבן געשריען די רוצחים, זיי האָט נאָכגעקלונגען דער געלעכטער פון דער גראָבער דייטשקע בערטאַ — איך וועל זיך באַגיין אָן אַ ביקס, און ווען איך וועל זען, אַז איר טרעפט ניט, וועל איך אייך העלפן...

ווען די פרויען און קינדער האָבן דערזען די לויערנדיקע גרוב, זיינען זיי פאַרשטיינערט געוואָרן, פאַרלוירן דעם לשון, זיי האָבן זיך צוזאַמענגעדריקט אין איין גרופּע.

זשוויניס האָט איבערגעציילט — פיר און זיבעציק — און אַ שריי געטאָן: אַלע זיך אויסטאָן ביז די אונטערוועש. צוגרייטן די ביקסן! — האָט ער באַפוילן זיינע באַנדיטן...

אין אַ שעה איז נעבן גרוב ניט געבליבן קיין לעבעדיקער נפש. די קערפּערס זיינען געלעגן אָנגעהויפט און געווען אַרומגענומען מיטן פולווער־רויך. צווישן זיי האָבן נאָך געצאַפּלט פאַרוואונדעטע, וואָס זיינען נאָך ניט געווען טויט. די תלינים האָבן זיך וועגן זיי ניט געקימערט. זיי זיינען געווען פאַרנומען...

ל. לעדין

# יידישע זין פון ליטע קעגן די נאַציס

טויט און פאַרניכטונג האָבן די נאַצישע האָרדעס געבראַכט דער יונגער ליטווישער סאָוויעטן רעפּובליק. הונדערטער טויזנטער ליטוו. בירגער ווערן אויסגעראָטן אָדער פאַרטריבן פון זייער היימלאַנד. כדי צו שאַפן „לעבנס־רוים" פאַר די רויבערישע נאַצישע קאָלאָניזאַטאָרן, איז ליטע פאַרוואַנדלט געוואָרן אין אַ רעכטלאָזן באַצירק פון דער היטלעריסטישער קאָלאָניע „אָסטלאַנד".

געטאָס און מאַסן־שחיטות האָבן די ברוינע בעסטיעס געבראַכט די ליטווישע יידן. ביי 200 טויזנט ליטווישע יידן — מענער, פרויען און קינדער — זיינען אויסגעקוילעט געוואָרן דורך די נאַצישע קאַניבאַלן.

פיל ליטווישע יידן, וואָס האָבן באַוויזן אין די ערשטע טעג פון נאַצישן רויבער־איבערפאַל זיך עוואַקוּאירן אין וויטן סאָוויעטישן הינטערלאַנד, האָבן זיך געשטעלט אין די רייען פון דער רויטער אַרמיי, כדי צו נעמען נקמה פאַר זייער געפּייניקט היימלאַנד, פאַר דעם אומשולדיקן בלוט פון זייערע דערמאָרדעטע ברידער און שוועסטער.

אין די ליטווישע נאַציאָנאַלע טיילן פון דער רויטער אַרמיי שלאָגן זיך הונדערטער יידישע רויטאַרמייער און אָפיצירן, וועלכע האָבן אויף די שלאַכטפעלדער פון דער פאָטערלענדישער מלחמה באַוויזן ביישפּילן פון העראָאיזם און מסירת־נפש. זיי האָבן זיך באַטייליקט אין די גרויסע אָנגריף־שלאַכטן פון פאַרגאַנגענעם ווינטער. זיי האָבן דעם זומער מאַרשירט פאָראויס אין די רייען פון די אָנגרייפנדיקע דיוויזיעס פון דער רויטער אַרמיי. זיי דערנענטערן זיך איצט קיין ליטע דורך די פעלדער און וועלדער פון סאָוויטישן ווייס־רוסלאַנד.

אין אַלע טיילן פון דער ליטווישער פאַראייניקונג אין דער רויטער אַרמיי איז באַקאַנט דער נאָמען פונעם העלדישן יידישן רויטאַרמייער זלמן יאָפּע. אין איינער פון די גרויסע יולי־שלאַכטן זומער 1943 איז פון אַ פיינטלעכער קויל געפאַלן דער קאָמאַנדיר פון דער אָפּטיילונג, אין וועלכער ס'האָט זיך געפונען דער קאָמוניסט יאָפּע. דער יונגער יידישער רויטאַרמייער האָט גלייך איבערגענומען די קאָמאַנדשאַפט. אין שלאַכט האָבן יאָפּען אַרומגערינגלט 6 היטלעריסטן. אַלע ביז איינעם זיינען אומגעקומען פון זיינע קוילן און באַגנעט. אין דער דאָזיקער שלאַכט איז יאָפּע פאַרוואונדעט געוואָרן, ער האָט זיך אָבער אָפּגעזאָגט צו פאַרלאָזן דאָס שלאַכטפעלד און האָט אין משך פון 4 שעה ווייטער אָנגעפירט מיט זיין אָפּטיילונג.

אין די פאַרטיידיקונגס־קאַמפן פון יולי 1943 האָט אַ מוסטער פון מסירת־נפש אַרויסגעוויזן דער סערזשאַנט בער פּערסקי. זיין אָפּטיילונג איז לכתחילה אַריינגעפאַלן אין אַ האַלבער אַרומרינגלונג. האַלטן זיך ביז לעצט! — איז געווען דער באַפעל. סערזשאַנט פּערסקי איז כסדר געווען אויף די געפערלעכסטע ערטער, דערמוטיקנדיק מיט זיין ביישפּיל זיינע חברים. שווער פאַרוואונדעט מיט אַ שפּליטער פון אַ מינע, האָט ער ניט אויפגעהערט אָנצופירן מיט דער אָפּטיילונג און דערפאָלגרייך אָפּגעשלאָגן דעם שונאס אַלע אָנגריפן, ביז עס איז אָנגעקומען פאַרשטאַרקונג.

אַרויסגעשלאָגן פון אונדזערע טראַנשייען, אין וועלכע זיי איז געלונגען זיך אַריינצורייסן אין די ערשטע שעהן פון זייער אָנגריף, האָבן די דייטשן זיך פאַרפעסטיקט אויפן שיפּוע פון אַ בערגל. לייטענאַנט פּינקעל האָט באַקומען אַ באַפעל דורך אַן אַרומרינגלונגס־מאַנעווער אַרויסצושלאָגן דעם שונא פון זיינע פּאָזיציעס. לייטענאַנט פּינקעל בראש פון אַ גרופּע שלאַכטלייט האָט זיך געלאָזט פאָראויס, קונציק זיך מאַסקירנדיק, קריכנדיק פאָראויס איבער אַ פעלד, אויף וועלכן ס'האָט זיך געשאָטן אַ האָגל פונעם שונאס קוילן, זיינען אונדזערע שלאַכטלייט אַריינגעדרונגען דעם שונא אין הינטערלאַנד. די היטלעריסטן זיינען אין פּאַניק אָפּגעטראָטן.

אין איינער אַן אָנגריף־אָפּעראַציע האָט דער רויטאַרמייער — אַווטאָמאַטלער משה שער דער ערשטער זיך אַריינגעריסן אין דעם שונאס טראַנשייען, מיטרייסנדיק מיט זיך די איבעריקע שלאַכטלייט. אין באַגנעטן־קאַמף האָט שער דערהרגעט 5 דייטשישע סאָלדאַטן. פאַר זיין העלדישקייט איז משה שער באַלוינט געוואָרן מיט אַן אָרדען פון רויטן שטערן. אין דער זעלביקער אָפּעראַציע האָט זיך אויסגעצייכנט אַ צווייטער אַווטאָמאַטלער — שמואל שניידער. אין באַגנעטן־קאַמף אין דעם שונאס טראַנשייען איז אים געלונגען צו אַנטוואָפענען און נעמען אין געפאַנגנשאַפט אַ דייטשישן אָבער־געפרייטער. אויך שניידער איז באַלוינט געוואָרן מיט אַן אָרדען פון רויטן שטערן.

אין די ליטווישע ספּאָרט־קרייזן איז ברייט באַקאַנט דער נאָמען פון ליטווישן פּינג־פּאָנג־מייסטער דושקין*. אויפן פראָנט האָט דושקין זיך אַרויסגעוויזן אַלס דרייסטער קעמפער. אין איינער אַ שלאַכט האָט דושקין באַמערקט אַ גרופּע דייטשישע אַווטאָמאַטלער אין פלאַנג פון זיין אָפּטיילונג. דושקין האָט אומבאַמערקט זיך דערנענטערט צו די היטלעריסטן און אומדערוואַרט געעפנט אויף זיי אַ פייער פון זיין אַווטאָמאַט. צוויי דייטשן זיינען געפאַלן

* געוו. קאָוונער מכביסט" — רעד.

אויפן אָרט. דעם דריטן — אַן אָבערגעפרייטער — האָט דושקין גענומען געפאַנגען.

אין די רייען פון די ליטווישע טיילן פון דער רויטער אַרמיי געפינען זיך פיל ליטווישע יידישע אינטעליגענטן.

אין די קאַמפן פון ווינטער 1942 זיינען העלדיש געפאַלן אויפן שלאַכט־פעלד דער טאַלאַנטפולער יידישער זשורנאַליסט, סעקרעטאַר פון קאָוונער „עמעס", משה גלוך, דער יונגער ליטעראַט יאָכעליס. א. אַ. אויפן פראָנט געפינען זיך מערערע יידישע דאָקטוירים פון ליטע. מסירת־נפשדיק אַרבעטן ביים געבן מעדיצינישע הילף די פאַרוואונדעטע קעמפער דער מאַיאָר פון מעדיצינישער דינסט סאָבאָל און די קאַפּיטאַנען פון מעדיצינישער דינסט פטאַשעק און ראַבינאָוויטש. אין איינער פון די הייסע שלאַכטן זיינען פטאַשעק און ראַבינאָוויטש אין משך פון 20 שעה ניט אָפּגעטראָטן פונעם אָפּעראַציע־טיש.

אין די ליטווישע נאַציאָנאַלע טיילן געפינען זיך מערערע יידישע מיידלעך — מעדיצין־שוועסטער, פאַרבינדלערינס, סנייפּערינס. מיט זייער מסירת־נפשדיקער אַרבעט צייכענען זיך אויס די מעדיצינישע שוועסטער לוריע און קליבאַנסקי.

צווישן די רויטאַרמייער און אָפיצירן פון דעם ליטווישן טייל אין דער רויטער אַרמיי, וואָס זיינען באַלוינט געוואָרן מיט אָרדענס און מעדאַלן פון סאָוויעטן־פאַרבאַנד, געפינט זיך אַ היפּשע צאָל יידן. אָרדענס פון אַלעקסאַנדער ניעווסקי האָבן באַקומען די לייטענאַנטן ווילענסקי ** און העכט. מיט אָרדענס פון רויטן שטערן זיינען באַלוינט געוואָרן דער רויטאַרמייער פרענקעל, לייטענאַנט שוואַרצבערג, סערזשאַנט לעווינסאָן, רויטאַרמייער סווירסקי, רויטאַרמייער בערמאַן, סערזשאַנט כ. שער, רויטאַרמייער מ. שער און אַ ריי אַנדערע רויטאַרמייער און אָפיצירן. מיט אָרדען פון פאָטערלענדישער מלחמה צווייטן ראַנג זיינען באַלוינט געוואָרן דער עלטערער לייטענאַנט לובעצקי, רויטאַרמייער קאָוואַרסקי, סערזשאַנט שמוקלער, יינגערער סערזשאַנט גורעוויטש. **צענדליקער יידישע שלאַכט־לייט האָבן באַקומען מעדאַלן „פאַר געוואַגטקייט" און „פאַר שלאַכט־פאַרדינסטן".**

(אויסצוג פון אַן אַרטיקל אין מאָסקווער „איניקייט" פון 1943).

** העלד פון ראַטנפאַרבאַנד. היינט איז ווילענסקי פּולקאָווניק. רעד.

שמואל זלמן גריליכעס*

# יידישע דענטיסטן און צאָנטעכניקער אין ליטע

די ערשטע דענטיסטן, אָדער ווי מען האָט זיי ביי אונדז גערופן — צאָנאַרצטן, האָבן זיך באַוויזן אין די שטעט און שטעטלעך פון ליטע נאָך אין מיטן פון 19־טן יאָרהונדערט. אַממייסטנס זיינען דאָס געווען פעלדשערס, וועלכע האָבן זיך באַשעפטיקט אויך מיט ציען ציינער. דער גרעסטער טייל פון זיי זיינען געווען קריסטן. נאָר סוף פון פאָריקן יאָרהונדערט האָבן זיך אין קאָוונע, שאַוול, פּאָנעוועזש און אין אַנדערע גרעסערע פונקטן באַוויזן דענטיסטן, וועלכע האָבן שוין געהיילט, פּלאָמבירט און אַריינגעשטעלט ציינער. די פּראָפעסיע איז געוואָרן אַלץ מער און מער אַ יידישע.

צו דער צייט האָבן זיך אין ליטע באַוויזן די ערשטע צאָנטעכניקער, וועלכע זיינען געוואָרן אויסגעבילדעט דורך די מער פאַכמענישע דענטיסטן, צו זיין זייערע געהילפן אין זייערע לאַבאָראַטאָריעס. צאָנטעכניקעריי איז געווען ביז צו דער ערשטער וועלט־מלחמה אויסשליסלעך אַ יידישע פּרנסה אין די גרענעצן פון דער עטנאָגראַפישער ליטע. צווישן די 180 דענטיסטן פון יענער צייט האָבן יידן אויסגעמאַכט 75%.

נאָך דער אַנטשטייאונג פון דער זעלבסטשטענדיקער ליטווישער רעפּובליק זיינען אין אירע גרענעצן געווען אַרום 200 דענטיסטן, די מערהייט פון זיי פרויען. די יידן האָבן אויסגעמאַכט ביז 80% פון דער אַלגעמיינער צאָל.

אין די 20־קער יאָרן האָט זיך געגרינדעט אין קאָוונע דער ליטווישער אוניווערזיטעט, וועלכער האָט אויך געהאַט אַ מעדיצינישן פאַקולטעט מיט אַ דענטיסטישער אָפּטיילונג, אָדער ווי מען האָט עס גערופן: אָדאָנטאָלאָגישע אָפּטיילונג.

יעדן יאָר, אָנהייבנדיק פון 1925 האָט די אָדאָנטאָלאָגישע אָפּטיילונג אַרויסגעלאָזן אומגעפער 30 נייע דענטיסטן.

ווי באַוואוסט איז דעמאָלט צווישן די ליטווינער אָנגעגאַנגען זייער אַ שטאַרקע פּראָפּאַגאַנדע פאַר פאַרליטווישן דעם מסחר, מלאכה, ווי אויך אַלע אַזויגערופענע פרייע פּראָפעסיעס, ווי דאָקטוירים, דענטיסטן, אַדוואָקאַטן, מוזיקער, א. אַ. וו.

די ערשטע אַרויסלאָזן פון דענטיסטישן פאַקולטעט זיינען נאָר געווען אויף 75% יידישע. וואָס ווייטער האָט

* געוועזענער פאָרזיצער פון ליטווישן צאָנדאָקטוירים פאַרבאַנד און פון קאָוונער אָפּטייל; פאַרוואַלטונגס־מיטגליד פון אינטערנאַציאָנאַלן וועלט־פאַרבאַנד פון צאָנדאָקטוירים.

שוין די אוניווערזיטעט־לייטונג געזאָרגט אַז די צאָל יידן זאָל ניט זיין צו גרויס, בכדי דאָס דורכצופירן און מען זאָל זיי ניט קאָנען באַשולדיקן אין דיסקרימינאַציע קעגן נאַציאָנאַלע מינדערהייטן, האָט מען איינגעפירט פאַר די קאַנדידאַטן אָנצוקומען אויף מעדיצין און דענטיסטיק אַ ספּעציעלן געזונטהייטס־עקזאַמען: די געזונטהייטס־קאָמיסיע האָט שוין געוואוסט וועמען און וואו אויסצובראַקירן.

פון די בשלום אויסגעהאַלטענע געזונטהייטס־עקזאַמענס האָט מען צוערשט אָנגענומען די קאַנדידאַטן וועלכע האָבן געענדיקט אַ מלוכה־גימנאַזיע און שפּעטער די, וועלכע האָבן געענדיקט די פּריוואַטע מינדערהייטס־גימנאַזיעס. זיי האָבן נאָך געמוזט האַלטן אַ ספּעציעלן צוגאָב־עקזאַמען אויף ליטוויש. די אָפּשאַצונג פון די עקזאַמען־אַרבעט איז שפּעטער געמאַכט געוואָרן לויט דעם איינזען און שטימונג פון די עקזאַמינירער. די צאָל וואַקאַנסיעס אָנגענומען צו ווערן איז געוואָרן אַ שטרענג באַגרענעצטע: 20 פון 100 פאַר מעדיצין און 30 פאַר דענטיסטיק. דערביי מוז מען נעמען אין אַכט אַז די יידישע אַביטוריענטן פלעגן אויף 90% קומען פון פּריוואַטע גימנאַזיעס, העברעאישע, יידישע, רוסישע און ביז היטלערן, דייטשע. אָט די אַלע דורכזיפּונגען און „אָביעקטיווע" מאָסנאַמען האָבן געבראַכט דערצו אַז מיט דער צייט איז די צאָל יידישע סטודענטן, סיי אויף מעדיצין, סיי אויף דענטיסטיק, געוואָרן אַלץ קלענער און אין די לעצטע יאָרן (1938—1940) זיינען די אַרויסלאָזן געווען כמעט יידן־ריין. כאַראַקטעריסטיש, אַז צווישן די שטודירנדיקע אויף דענטיסטיק סיי יידן סיי ניט־יידן איז די צאָל מענער געווען זייער אַ קליינע. צום מאָמענט פון דער דייטשער אינוואַזיע זיינען אין דער, אַזוי גערופענער, קאָוונער ליטע געווען אַרום 650 דענטיסטן, פון זיי קרוב 600 פרויען, די אַלגעמיינע צאָל יידישע דענטיסטן, סיי מענער סיי פרויען, איז געווען אַרום 450.

ווי באַוואוסט זיינען אין ליטע דורך די דייטשן געשאַפן געוואָרן 3 געטאָס — אין קאָוונע, שאַוול און ווילנע. אין אַלע איבעריקע שטעט און שטעטלעך זיינען אַלע יידן געוואָרן גלייך אויסגעמאָרדעט און צוזאַמען מיט זיי אויך אַלע יידישע דענטיסטן און צאָנטעכניקער. געראַטעוועט האָבן זיך נאָר איינצלנע, אויסבאַהאַלטנדיק זיך ביי קריסטן, אָדער וועמען עס האָט זיך באַצייטנס איינגעגעבן צו אַנטלויפן פון די שטעטלעך אין איינע פון די דריי איבערגעבליבענע געטאָס. אָבער דאָס איז אויך נאָר געווען אַ צייטווייליקע רעטונג, ווייל דער טרויעריקער גורל פון די געטאָ־איינוואוינער איז גוט באַקאַנט.

איידער די דייטשן האָבן אָקופּירט ליטע זיינען אין קאָוונע געווען 180 דענטיסטן, צווישן זיי 140 יידישע, 14 מענער די איבעריקע פרויען, שוין ביי די ערשטע כאַפּונגען און הריגות זיינען 27 אומגעקומען איידער מען איז נאָך אַריין אין געטאָ. אייניקע האָט זיך איינגעגעבן צו אַנטלויפן אין סאָוויעטן־פאַרבאַנד און אייניקע האָבן די סאָוויעטן אַרויסגעפירט מיט אַ וואָך פריער איידער די דייטש־רוסישע מלחמה האָט זיך אָנגעהויבן. ביים אָנהייב פון קאָוונער געטאָ זיינען דאָרטן געווען צווישן די 33000 יידן אויך 98 דענטיסטן (11 מענער און 87 פרויען).

ביי דער „אינטעליגענטן־אַקציע" פון איבער 500 מאַן זיינען קיין דענטיסטן ניט געווען, נאָר 3—4 יוגנטלעכע טעכניקער זיינען צווישן זיי אומגעקומען.

אָבער גלייך מיט דער ערשטער געטאָ־אַקציע אויף לינקעווער גאַס דעם 26־טן סעפּטעמבער 1941, ערב שבת תשובה, זיינען אַוועק 4 דענטיסטן; די אַקציע אין קליין־געטאָ דעם 4־טן אָקטאָבער 1941 האָט מיטגענומען 2 דענטיסטן, די „גרויסע אַקציע" דעם 28־טן אָקטאָבער 1941 האָט גענומען פון די דענטיסטן 22 קרבנות (2 מענער און 20 פרויען), צווישן די טויזנטער אומגעבראַכטע פון יענעם טאָג. אַזוי אַרום זיינען צום סוף פון 1941 פאַרבליבן אין געטאָ 70 דענטיסטן, 9 מענער און 61 פרויען, שפּעטער איז געקומען די ריגער אַקציע (דעם 6־טן פעברואַר 1942).

אין די אַקציעס, צום שאַפן אַרבעטס־לאַגערן אין קיידאַן, קאָשעדאַר, פּאָנעוועזש, קאָזלאָווע־רודע, רויטער־הויף א. אַ. וו., אין יעדער פון זיי האָבן די דענטיסטן געגעבן זייער חלק. די שרעקלעכע „עסטאָנער" אַקציע דעם 26־טן אָקטאָבער 1943 האָט געקאָסט די דענטיסטן נייע קרבנות. אייניקע זיינען אַפילו געווען אָנגעגעבן אין די אויסזידלונגס־ליסטעס וואָס דער עלטסטן־ראַט האָט צוגעשטעלט די דייטשן. מערערע אָבער האָבן די דייטשן גופא געכאַפּט, ווען זיי האָט שוין דערעסן, אַרום 2 בייטאָג צונויפצוקלייבן די נייטיקע צאָל (3.500) לויט דער רשימה פון עלטסטן ראַט.

אַפילו די אַקציע אויף קינדער און אַלטע אין קאָוונער געטאָ, דעם 27־טן מערץ 1944, האָט ניט געלאָזן אומבאַרירט דאָס הייפעלע געבליבענע דענטיסטן. יענעם טאָג איז צוגענומען געוואָרן דער אַלטער קאָוונער דענטיסט, איינער פון די באַליבסטע אין די ליטווישע שטעטלעך — ד"ר יעקב טווריע, אויך די באַקאַנטע כלל־טוערין, דענטיסטין ד"ר שרה אויערבאַך האָט פרייוויליק נאָכגעפאָלגט איר מאַן, דעם מעדיקער ד"ר אויערבאַך, וועלכער איז צוזאַמען מיט נאָך אַ באַקאַנטן קאָוונער אַרצט, ד"ר קאַבאַקער, אַרויסגענומען געוואָרן דירעקט פון געטאָ־שפּיטאָל.

אייניקע דענטיסטן איז געלונגען באַצייטנס אַוועקצוגיין פון געטאָ און געפינען אַ מקום־מקלט אויף דער אַרישער זייט. 5 — 6 זיינען פאַרברענט געוואָרן אין די „מעלינעס" (באַהעלטענישן), ווען די דייטשן האָבן ליקווידירט דעם קאָוונער געטאָ.

אין געטאָ האָבן די דייטשן דערלויבט צו אַרבעטן ביי זייער פאַך אין די געגרינדעטע צאָנאַמבולאַטאָריעס נאָר 2 — 5 דענטיסטן און קיינמאָל ניט מער ווי 8. די איבעריקע האָבן געמוזט גיין אַרבעטן אין פאַרשידענע בריגאַדעס, קאָמאַנדאָס אַלס געוויינלעכע שוואַרץ־אַרבעטער.

נאָך דער ליקווידאַציע פון קאָוונער און שאַוולער געטאָס זיינען דעפּאָרטירט געוואָרן אין די דייטשע קאַצעטן

אַרום 20 דענטיסטן (צווישן זיי 6 מענער) פון קאָוונער געטאָ און 5 — 6 פון שאַוולער געטאָ. צווישן זיי, איין מאַן, דער לעבנגעבליבענער ד״ר שמואל ווערבאַלינסקי. די מענער זיינען אַלע פאַרשלעפּט געוואָרן אין בייערן, אין דאַכאַו. די פרויען זיינען אַלע געבראַכט געוואָרן אין די אַרבעטס־לאַגערן פון שטוטהאָף (אין מערב־פּרייסן), וואו די גרעסטע טייל זיינען אומגעקומען. פון די קאָוונער מענער זיינען אין דאַכאַו אומגעקומען דער גוט־באַוואוס־טער אין קאָוונע ד״ר ראובן גליקמאַן, די אַנדערע 5 האָבן דורכגעלעבט, ווייל אַממיינסטן האָט מען זיי באַ־שטימט צו אַרבעטן ביי זייער פאַך.

מען דאַרף רעכענען, אַז פון אַלע 450 יידישע דענ־טיסטן פון דער פריערדיקער ליטע, האָבן איבערגעלעבט, שוין אַריינרעכנענדיק די איצט פּראַקטיצירנדיקע אין סאָוויעטן־ליטע (צוריקגעקומענע פון סאָוויעטן־פאַרבאַנד און אויסבאַהאַלטענע אויף דער אַרישער זייט), אַרום 25 — 27 מאַן, צווישן זיי 7 — 8 מענער, אָדער 5 — 6%. דער גרעסטער טייל פון די לעבנגעבליבענע געפינען זיך אין ישראל אָדער אין די פאַראייניקטע שטאַטן.

די צאָנטעכניקער האָבן דורכגעמאַכט דעם זעלבן ליידנס־וועג. מערערע פון זיי איז געווען דערלויבט אין דאַכאַו צו אַרבעטן ביי זייער פאַך. פון די אַרום 100 יידישע צאָנטעכניקער אין ליטע האָבן אין קאָוונע געלעבט 75. די פּראָווינציעלע זיינען אַלע אומגעקומען, אויסער איניקע שאַוולער. די קאָוונער צאָנטעכניקער האָבן בייגע־טראָגן זייער חלק צו יעדער פאַזע פון פאַרניכטונג פון קאָוונער יידן.

צווישן די ערשטע „אַרעסטירטע״ איז געווען דער באַקאַנטער עלטסטער קאָוונער צאָנטעכניקער דוד רובינ־שטיין וועלכער איז אכזריותדיק דערמאָרדעט געוואָרן. געראַטעוועט האָבן זיך אַרום 20 מאַן אַריינרעכנענדיק אַלעמען, סיי די, וועלכע לעבן איצט אין ליטע אָדער אַמע־ריקע און ישראל.

ח. לייקאָוויטש

# וועגן אומקום פון קאָוונער יידן*

מיין מוטער, ברידער, שוועגערינס, פּלימעניצעס — קדושים פון געטאָ־קאָוונע — געהייליקט צום אָנדענק

אַ היפּשע צאָל ביכער זיינען אַרויס אין פאַרשיידענע שפּראַכן וועגן דער מאַרטירלאָגיע, ווידערשטאַנד און אומקום פון די יידן אין די אייראָפּעאישע לענדער און זייער צאָל וואַקסט פון יעדן טאָג אַלץ מער און מער.

אויך וועגן חורבן ליטע[1] האָבן מיר אַ ריי אויס־גאַבעס אין יידיש און העברעאיש, וואָס זיינען דערשינען אין משך פון די יאָרן אין ישראל, אַמעריקע, ראַטנפאַר־באַנד, אַפריקע און מערב־דייטשלאַנד.

דאָס איז קודם־כל דאָס וואָגיקע זאַמל־בוך „ליטע״[2], רעדאַקטירט פון דר. מ. סודאַרסקי, אוריה קאַצענעלבויגן און י. קיסין; אַ ריי פּובליקאַציעס אין די „ידיעות בית לוחמי הגיטאות״; אין „כנסת״; אין ספר השומר הצעיר; אין ספר הפּרטיזנים היהודים; אין די אויסגאַבעס פון יד ושם; פון לעצטן חורבן (רעד. ישראל קאַפּלאַן); ייוואָ־בלעטער און אַנדערע פּעריאָדיקעס, ווי אויך טעגלעכער פּרעסע.

אין בוכפאָרעם זיינען אַרויס: „דעם גורל אַנטקעגן״ פון דר. א. פּרץ (פּערציקאָוויטש); „אומקום פון דער יידישער קאָוונע״ — י. גאַר; „אַ ייד אין וואַלד״ — ב. כהן; „פאַרטיזאַנער פון קאָונאַסער געטאָ״ — מ. יעלין[3] און ד. געלפּערן; „חורבן ליטא״ — הרב א. אשרי; שאַוולער פּנקס — א. ירושלמי; „אַזוי זיינען מיר גע־שטאָרבן״ — לוי שאַליט; „דאָס געטאָ אין פלאַמען״ — ש. גאַלבורט; יזכור־בוך וועגן ראַקישאָק; קהילת שקוד; די פּאָעמע פון ש. קדש: „זו קפּישיק שהיתה״...״ די דער־ציילונג פון שרה נשמית — „קינדער פון מאַפּו־גאַס״, ווי אויך אַנדערע פּאָעזיע און פּראָזע־ביכער.

ס׳איז אויך צו דערמאָנען דעם בילדער־אַלבאָם[4] „קאָוונער געטאָ״ פון דער ישראל קינסטלערין אסתר לוריע, וועלכע האָט עס געצייכנט אַלס העפטלינג פון

* פון אַן אַרבעט וועגן ליטע, געשריבן פאַרן יידישן היס־טאָרישן אינסטיטוט אין וואַרשע, ווען מען וויסנש. מיטאַרבעטער דער מחבר איז געווען ביז זיין עולה זיין קיין ישראל.

1. געמיינט: „קאָוונער ליטע״.
2. דאָס ערשטע בוך.

3. ער איז אויך מ. יעגלין, מחבר פונעם ביכל: „אין די פאָרטן פון טויט״. לעצטנס דערשינען אין ר״פ ביכער אין רוסיש און ליטוויש וועגן פאַרטיזאַנער און 2־טער וועלט־מלחמה, וואָס האָבן אויך יידישע מאָמענטן פון דער קאַטאַסטראָפע־צייט.
4. איצט דערשינען אַ 3־טע אויפלאַגע אין העברעאיש, יידיש און ענגליש א. נ. „פרויען אין קאָנצלאַגערן״. די יידישע איבער־זעצונג פון עברית — ח. ל.

קאָוונער געטאָ און דייטשע קאָנצלאַגערן; דער פאָטאָ־אַלבאָם פון יידישע אַלטערטימלעכקייטן און שולן אין ליטע, געזאַמלט פון דיכטער י. ד. קאַמזאָן.

צום סוף וועלן מיר אָנווייזן אויף אַ סאָליד ווערק אין העברעאיש אין דריי בענדער אונטערן נאָמען: „יהדות ליטא" (געשיכטע פון ליטווישן יידנטום במשך פון איבער 700 יאָר), וואָס גרייט זיך צום דרוק[5] אין תל־אביב אונטער דער רעדאַקציע פון באַקאַנטן פובליציסט און עסקן, ראובן רובינשטיין. ס׳גרייט „יד ושם" אַ בוך אין העברעאיש פון צבי א. בראון און דב לעווין וועגן יידישע ווידערשטענדלער און פאַרטיזאַנער אין ליטע[5א].

ווי ס׳איז צו זען פון דער קורצער ביבליאָגראַפישער רשימה האָט מען פאַרהעלטנישמעסיק ניט ווייניק אַרבעטן שוין פובליקירט וועגן דער יידישער קאַטאַסטראָפע אין ליטע. דערביי דאַרף מען אָפּמערקן, אַז די פאַרעפנטלעכטע מאַטעריאַלן און געדרוקטע ביכער זיינען דאָס רוב געשריבן פון מחברים, וועלכע האָבן אַליין דורכגעמאַכט דעם נאַצי־גיהנום.

בלי שום ספק געפינען מיר אין די שילדערונגען, באַאָבאַכטונגען און באַשרייבונגען פון זייערע איבערלעבונגען, פיל ווערטפולע געשיכטלעכע ידיעות און פאַקטן. אין פלוג אָבער מאַכן דאָס מערסטע דערשינענע אויסגאַבעס דעם איינדרוק פון פערזענלעכע זכרונות און פון פראַגמענטישקייט. אַפילו ווען זיי באַרירן דורכאויס כלל־אינטערעסן און פרואוון אָפּשפּיגלען באַזונדערע אַספּעקטן פון געטאָ־לעבן, ליידן זיי פון איינזייטיק־טענדענציעזער טראַקטירונג, וואָס גיט ניט דעם לייענער קיין אַלגעמיין אָביעקטיוו בילד פון דער טראַגעדיע פונעם ליטווישן יידנטום.

לעצטנס איז אין העברעאיש דערשינען אַ וויכטיקע פּאָזיציע אין דער „חורבן־ליטעראַטור" — דאָס בוך פון ל. גאַרפונקל[6]: „די יידישע קאָוונע אין איר אומקום". דאָס איז אַ היסטאָרישע כראָניק פון אַ ברייטן לייוונט, וואָס פרואווט געוויסערמאָסן אויפשטעלן אַ פול בילד פונעם יסורים־וועג פון קאָוונער יידן און פאַרדאָקומענטירט דעם גרויל־טעראָר פון געמיינזאַמען אָנגריף מצד די דייטשע נאַציסטן און ליטווישע פאַשיסטן קעגן די ליטווישע יידן.

דאָס אויבנדערמאָנטע בוך האָט נאָך אַ ספּעציעלן באַטייט פאַר דער פאָרש־אַרבעט פון „חורבן־ליטע", צוליבן אויטאָרס פערזענלעכקייט.

לעאָן גארפונקל איז אַ דירעקטער עדות און היסטאָרישע פיגור פון קאָוונער געטאָ־יאָמער. ער איז געווען שטעלפאַרטרעטער פונעם פאָרזיצער פון קאָוונער „עלטסטנראַט". דערביי איז צו באַמערקן, אַז גאַרפונקל, ווי צו

---

5. I־טער באַנד שוין דערשינען אין פאַרלאַג „עם הספר" — תל־אביב.

5א שוין דערשינען א. נ.: תולדותיה של מחתרת; הארגון הלוחם של יהודי קובנא במלחמת העולם השניה.

6. ל. גרפונקל: קובנה היהודית בחורבנה. ירושלים, יד ושם, תשי״ט.



אים נאָך עמעצער, איז כמעט פון די איינציקע מיטגלידער אין „יודענראַטן", וועלכער איז צום טרויעריקן אַמט פון זיינע מיטברידער געוויילט געוואָרן. „אין דער טראַגישער שעה — שרייבט דער מחבר אין דער הקדמה — איז מיר אויסגעפאַלן די אַחריותדיקע אויפגאַבע צו פירן די ענינים פון קאָוונער עדה אין געטאָ"... שפּעטער מאַכט ער מיט דעם שוידערלעכן וועג פון קאָוונער יידן אין געטאָ און דערנאָך אין קאָנצלאַגערן אין דייטשלאַנד. לסוף ראַטעוועט ער זיך מיט אַ הייפל אַנדערע קאָוונער יידן פון עמק הבכא. בזכות זה, האַלט ער פאַר זיין הייליקן חוב, פאַרצייכענען אַלץ וואָס איז אַדורך מיט זיינע ברידער און שוועסטער, וועלכע האָבן ניט זוכה געווען צו בלייבן לעבן „כאודים מוצלים מאש" — ווי האָלעוועשקעס געראַטעוועטע פון פייער...

ל. גאַרפונקל איז געבאָרן אין קאָוונע און דאָרט געלעבט אַלע זיינע יאָרן. פון באַרוף — אַ יוריסט. 20 יאָר איז ער געשטאַנען אין דער אָנפירערשאַפט פון ייד. געזעלשאַפטלעכן און פאָליטישן לעבן אין דער בורזשואַזער ליטע.

ס׳איז אפשר כלל ניט קיין וואונדער, וואָס שילדערנדיק גרויזאַם ווי קאָוונע איז פאַרוואַנדלט געוואָרן אין אַ גיהנום אויף דער ערד, אינטערפּרעטירט דער מחבר די טרויעריקע געשעענישן פון אַן אייגענעם קוק־ווינקל, וואָס גרענעצט זיך אָפטמאָל מיט אַ פאַטאַליסטישן וועלט־באַנעם.

די דאָזיקע איינשטעלונג לייגט אַ בולטן שטעמפּל אויף זיין גאַנצן חבור.

דער בעל־פנקס ל. גאַרפונקל האָט זיין געטאָ־טעמאַטיק געשריבן אויפן סמך פון פערזענלעכע איבערלעבונגען און זכרונות און עס באַקרעפטיקט מיט קענטענישן פון דער „חורבן־ליטעראַטור". ביי דעם אַלעם האָט ער זיך אויך באַנוצט מיטן טייל אַרכיוו פון קאָוונער „עלטסטנראַט", וואָס געפינט זיך אין רשות פון „יד ושם".

דאָס בוך, וואָס ציילט 468 זייטן האָט 4 טיילן (14 קאַפּיטלעך) מיט אַ צוגאָב: קאָוונער געטאָ פזמונות, פאָטאָבילדער, צייכענונגען און אַ געטאָ מאַפּע.

ביי דער געלעגנהייט פון אָפּשאַצן ס׳בוך, ווילן מיר אין קורצע שטריכן באַקענען דעם לייענער מיט די סאַמע כאַראַקטעריסטישע און אומבאַקאַנטע מאָמענטן פון קאָוונער געטאָ, וועגן וועלכע מ׳האָט אין פוילן, בדרך כלל, ווייניק געשריבן.

## 1

דער ערשטער טייל אונטערן נאָמען „מאַסן־רציחות" נעמט אַרום די קאַפּיטלען: קאָוונער יידן און ליטווינער, דער אָנהויב פון בלוט־באָד, קאָוונער געטאָ און די „אַקציעס".

דער מחבר הייבט אָן מיט געבן אַ קורצע גענעאַלאָגיע פון דער יידישער שטאָט קאָוונע. דערנאָך גייט ער איבער צום זעניט פון אַנטוויקלונג פון ליטווישן יידנטום אין די ערשטע יאָרן פון דער ליטווישער אומאָפּהענגיקייט, ווען יידן האָבן גענאָסן פון נאַציאָנאַלער אויטאָנאָמיע און געהאַט אַן אייגענעם מיניסטער פאַר

יידישע ענינים מיט געזעלשאַפטלעכע און קולטור־מוסדות איןביידע שפּראַכן — יידיש און העברעאיש. ער ווייזט אָן, אַז אויך אין עקאָנאָמישן לעבן האָבן יידן פאַרנומען אַ וויכטיקן אָרט. יידן האָבן באַטראָפן 25 פּראָצענט (30.000) פון דער אַלגעמיינער קאָוונער באַפעלקערונג [7].

ווייטער שטעלט זיך דער אויטאָר אָפּ אויף דער גענעזע פון די באַציאונגען צווישן יידן און ליטווינער. ער איז ביי דער מיינונג, אַז ס'קאָן ניט זיין קיין גאַנצעס בילד פון די געטאָ־פּלאָגן, אויב מען וועט ניט שילדערן דעם פּאָליטישן מצב פון די יידן אין לאַנד און ניט אַרויסהייבן די סבות, צוליב וואָס ס'האָבן זיך פאַרשאַרפט די באַציאונגען צווישן יידן און ליטווינער, ערב דער 2־טער וועלט־מלחמה פון נאַצי־דייטשלאַנד און סאָוויעטן־רוסלאַנד.

דער אויטאָר קלערט אויף, אַז די באַציאונגען צווישן דער מינדערהייט — יידן און דער מערהייט — ליטווינער זיינען אַלע מאָל געווען פריינדלעכע. די יידן האָבן שטענדיק געשטיצט די נאַציאָנאַלע אַספּיראַציעס פון די ליטווינער אַראָפּצוואַרפן דעם צאַרישן יאָך. נאָך דער פעברואַר־רעוואָלוציע, ווען ליטע איז געוואָרן זעלבשטענדיק, האָבן ליטווישע יידן און ליטוואַקעס־עמיגראַנטן אין אַמעריקע און אַנדערע לענדער אויסגעשטרעקט די הענט צו פעסטיקן די יונגע מדינה, וואָס איז דאַן געשטאַנען אין אַ שווערער לאַגע. די אָנפירער פון ליטווישן פאָלק האָבן גוט געוואוסט, אַז אָן דער אַקטיווער אונטערשטיצונג מצד די יידן, זיינען ניטאָ קיינע פּערספּעקטיוון אויסצוקעמפן זייער היסטאָרישע רעזידענץ — ווילנע. זיי האָבן אויך געוואוסט, אַז די ליטווישע יידן זיינען אַ וויכטיקער עקאָנאָמישער פאַקטאָר אין גאַנצן לאַנד. אין דער פּאָליטישער אַטמאָספער פון יענער תקופה האָט זיך ניט געשפּירט קיין פיינטלעכע באַציאונג, אויסער די איינציקע דערשיינונגען — ווי דער מחבר שטעלט פעסט — וואָס די טירן פון רעגירונגס־אַפּאַראַט זיינען פאַקטיש געווען געשלאָסן פאַר יידן און דאָס, וואָס פון דער אַגראַר־רעפאָרם האָט קיין ייד ניט געקאָנט געניסן.

אָבער די „אידיליע" האָט ניט לאַנג געדויערט.

אַנטיסעמיטישע איינפלוסן דרינגען אַריין פון אירע נאָענטע שכנישע לענדער און זיי הייבן אָן פאַרסמען די לופט אין ליטע. די קלעריקאַלע מערהייט אין סיים האָט שטופנווייז אָנגעהויבן צו ליקווידירן אַלע מוסדות פון דער ייד. „נאַציאָנאַלער אויטאָנאָמיע". דעם 17־טן דעצעמבער 1926 קומט פאָר אַן איבערקערעניש פון הויכע מיליטערלייט און ביים מלוכה־רודער שטעלט זיך די „טאַוטינינקאַי" (נאַציאָנאַליסטן)־פּאַרטיי בראש מיטן ליטווישן דיקטאַטאָר אויגוסטינאַס וואָלדעמאַראַס און אַנטאָנאַס סמעטאָנאַ — ערשטער און לעצטער פּרעזידענט פון ליטע. מיט דעם פאַרענדיקט זיך די אַזוי גערופענע דעמאָקראַטישע תקופה

7. אָנהייב 2־טן וועלט־קריג האָבן זיך אין קאָוונע געפונען ביי 40 טויזנט יידן. צווישן זיי ביי 5 טויזנט יידישע פּליטים פון פּוילן, וועלכע מ'האָט, אַגב, גוט זיי דאָרט אויפגענומען. זע ז. סעגאַלאָוויטשעס בוך : „ס'ערד ברענט".





און ליטע טרעט אַריין אין אַ פאַזע פון אויטאָריטאַר־פאַשיסטישער דיקטאַטור, וואָס עקזיסטירט ביז 1940 יאָר.

די רעגירונג הייבט אָן אַ פּאָליטיק פון דיסקרימינאַציע לגבי די יידן סיי אויפן וועג פון יוריסדיקציע, סיי אויפן אַדמיניסטראַטיוון. ס'הייבט זיך אָן אַן אָרגאַניזירטער אָנגריף אויף אַלע עקאָנאָמישע פּאָזיציעס פון יידן — אויף האַנדל, אינדוסטריע און פרייע באַרופן. אין לעצטן „סיים" ווערט שוין ניט דערלאָזט אויסגעוויילט צו ווערן קיין איין יידישער דעפּוטאַט. אין 1938 ווערט פאַרעפנטלעכט אַ נייע ליטווישע קאָנסטיטוציע, וואו ס'פעלן שוין די 2 פּאַראַגראַפן וועגן רעכט פון נאַציאָנאַלע מינדערהייטן, וואָס זיינען געווען פאַראַנקערט אין דער פריערדיקער דורכן גרינדונג־סיים. די ליטווישע יידן ווערן פאַרשווענקט מיט אַ שטראָם פון אַנטיסעמיטישער העצע און ווילדן האַס, וואו ס'ערשטע פידל שפּילט דער שאָוויניסטישער פאַרבאַנד „ווערסלאַס" (באַרוף).

די דאָזיקע אָפּשאַצונג איז אין אַלגעמיין אַ ריכטיקע. דער מחבר דערמאָנט אָבער ניט מיט קיין איין טעזע וועגן די דעמאָקראַטישע און פּראָגרעסיווע טיילן פון דער ליטווישער געזעלשאַפטלעכקייט, וואָס האָבן באַקעמפט די אַנטי־יידישע ווי פאַשיסטישע אַרויסטרעטונגען מצד די רעאַקציאָנערע ליטווישע קערפּערשאַפטן.

דער אויטאָר, וואָס ווייזט אַרויס גוטע באַהאָוונטקייט אין היסטאָרישע פאַקטן, איז אָבער אָפט אין קלעם פון זיין סכאָלאַסטישן געדאַנקען־גאַנג. דאָס פילט זיך שטאַרק בעתן אַנאַליזירן פּאָליטישע סיטואַציעס, וואָס פירט אַלס פועל־יוצא נאָר צו סאָפיסטיק און צו מאַכן בויד־סברות.

אויפווייזנדיק אויף אינטערנאַציאָנאַלע און אינערלעכע גורמים, צוליב וואָס ס'האָט זיך אַלץ מער פאַרשאַרפט די שנאה צו יידן ביי די ליטווינער, שטרייכט דער מחבר אונטער, אַז די גרונט־סיבות זיינען, וואָס ליטע האָט אין די יאָרן 39—1938 באַקומען 3 קלעפּ, דהיינו : 1. ווען ליטע איז געווען געצוואונגען [8], אָנצוקניפּן פאַרבינדונגען מיט סאַנאַציע־פּוילן און געמוזט צוליב דעם פאַרבאָטן יעדע פּראָפּאַגאַנדע קעגן איר, וואָס איז ביז דאַן געווען דער עיקר־ענין פון דער ליטווישער נאַציאָנאַליסטישער באַוועגונג, און אַפילו, בעל־כורחה, ליקווידירן מיט די אייגענע הענט דעם פּאַטריאָטישן פאַרבאַנד „פאַר דער באַפרייאונג פון ווילנע". 2. ווען נאַצי־דייטשלאַנד האָט געצוואונגען ליטע אָפּגעבן איר דעם קלייפּעדער געביט מיט דער שטאָט מעמעל — איר אינדוסטריע־צענטער, איינציקע האַפן־שטאָט און אַרויסגאַנג צום באַלטישן ים ; און 3. ווען ליטע האָט געמוזט איינגיין, אַז אַ פרעמדע מלוכה זאָל איינאָרדענען אויף איר אייגענער טעריטאָריע מיליטערישע באַזעס...

דאָס אַלץ האָט, לויט דעם מחברס ווערטער, אַקומולירט ביי די ליטווינער אַ גרויסע פאַרביטערטקייט, וואָס האָט געזוכט אַן אויסלאָז. אַזוי ווי אָפּצורעכענען זיך מיט די אמתע שולדיקע איז געווען אוממעגלעך, בכן, זיינען

8. נאָכן באַוואוסטן „מאַרש אויף קאָוונע".

זיי געווען געצוואונגען צו געפינען אויסגעדאַכטע שעירלעזאזלס, וואָס די איינציקע פּאַסיקע זיינען, פאַרשטייט זיך, יידן. דאָס באַליידיקונגס־געפיל פון דער נאַציאָנאַליסטישער ליטע, הייסט עס, האָט געפונען אַ פּסיכאָלאָגישע פאַרגיטיקונג אין אָנגרייפן די אומבאַשיצטע יידן.

און דער מחבר קומט ווייטער צו דער מסקנא, וואָס איז גלאַט אַ נאָנסענס: „וואָס מער דער נאַציאָנאַלער געפיל פון ליטע איז געוואָרן באַליידיקט דורך די 3 שטאַרקע שכנים — אַלץ מער איז געוואַקסן דער האַס צו די יידן״. פון לאָגישן שטאַנדפונקט, באַגרייפט דער מחבר אַליין, איז ניט געווען קיין שום יסוד, אַז די געשעענישן זאָלן האָבן אַ ווירקונג אויפן פּאָליטישן מצב פון די יידן, בפרט, אַז די יידן אין לאַנד זיינען געווען די סאַמע לאָיאַלסטע און האָבן ניט געהאַט קיין שום אירעדענטישע שטרעבונגען. „אָבער ס׳זיינען דאָ לאַגעס — פאַלט אַריין דער מחבר אין מיסטיק — ווען עס איבערוועגן איראַציאָנעלע פאַקטאָרן און זיי באַשטימען אַלץ״...

דערביי האָט דער מחבר ווי אויסגעמיטן צו דערמאָנען וועגן די אָביעקטיווע און היסטאָרישע אַנטוויקלונגס־פּראָצעסן פון ליטווישן פאָלק, וועלכער איז געווען דאָס רוב אונטער דער השפעה פון דער קלעריקאַלער דערציאונג און אָנגעזאַפּט מיט דער אַנטיסעמיטישער ליטעראַטור־שאַפונג פון אַ טייל ערשטע ליטווישע שרייבער.

שפּעטער גייט דער מחבר אַריבער צו דעם, ווי די ליטווישע יידן האָבן באַלד דערשפּירט די רעזולטאַטן פון דער פּאָליטישער מעטאַמאָרפאָזע.

שוין אויף מאָרגן, נאָכדעם ווי נאַצי־דייטשלאַנד איז טרייבערכעריש אָנגעפאַלן אויפן ראַטנפאַרבאַנד, האָבן מיטגלידער פון דער נייער געשאַפענער ליטווישער „נאַציאָנאַלער רעגירונג״ [9], פאָרגעלייענט דורך קאָוונער ראַדיאָ אַ מין דעקלאַראַציע און געשיקט אַ ברכה דער היטלער־דייטשלאַנד. די שטאָט איז געווען דעקאָרירט מיט ליטווישע נאַציאָנאַלע פענער. אין זעלביקן טאָג, מאָנטיק, דעם 23־טן יוני, איז שוין טעטיק געווען דער ליטווישער „פאַרטיזאַנער״ [10]־שטאַב און זיין שעף פאָלקאָוניק באַביאַליס איז אויפגעטראָטן אין אַ ראַדיאָ־אוידיציע מיט אַ מעלדונג, אַז יידן שיסן אין אָנקומענדיקן דייטשן חייל. דערביי האָט ער געוואָרנט, אַז פאַר יעדן פאַרוואונדעטן אָדער געהרגעטן דייטש וועט מען אומברענגען 100 יידן.

ס׳האָט זיך גלייך געשפּירט דער ריח פון יידיש בלוט....

די דייטשן, באַטאָנט דער מחבר, זיינען געווען ניט די איינציקע, וואָס האָבן געהויבן די האַק איבער יידישע

9. די ליטווישע „נאַציאָנאַלע רעגירונג״ איז דורך היטלער־דייטשלאַנד ניט אָנערקענט געוואָרן. די דייטשע אָקופּאַנטן האָבן בלויז אַפּראָבירט די מיליטערישע פאָרמאַציעס פון די ליטווישע „פאַרטיזאַנער״ און ליטווישן מאַגיסטראַט. דאָס האָט אַביסל אַנטוישט אַ טייל קאָלאַבאָראַנטן. שפּעטער האָבן די דייטשן געשאַפן די ליאַלקע רעגירונג בראש מיט די ליטווישע פאַשיסטישע תליינים: קובּיליוניס, פּלעטשקייטיס און אַנדערע אויסוואורפן.

10. געמיינט: ליטווישע „נאַציאָנאַליסטן״, „שאַוליסטן״ — (שיסער) — פאַשיסטן.



קעפּ. פיל ליטווינער, אויב ניט די מערהייט, האָבן אָנטייל גענומען אין דער פאַרניכטונג פון יידן. די געמיינזאַמע טעטיקייט פון סוואַסטיק און וויטיס קעגן יידן, איבערהויפּט אין דער ערשטער צייט, גייט דורך ווי אַ רויטער פאָדעם אין אַלע עטאַפּן פונעם יידן־אויסראָט.

דער מחבר שילדערט די שוידערלעכע פּרשה פון אינדיווידועלע עקזעקוציעס און מאַסן־שחיטות דורך די ליטווישע פאַשיסטן מיט דער צושטימונג פון די דייטשן ביז דער צייט, ווען ס׳איז געשאַפן געוואָרן דאָס געטאָ אין קאָוונע — 15־טן אויגוסט 1941 יאָר. דער גרויזאַמער בלוט־שטורעם אין סלאָבאָדקע, דאָס פאַרפּייניקן יידן אויפן הויף פון אויטאָבוסן־גאַראַזש פון דער ליטווישער געז. „ליעטוקיס״, אין יידישן קראַנקנהויז „בקור חולים״, אויפן 7־טן פאָרט און אין אַנדערע ערטער פון שטאָט.

מיר וועלן דאָ פאַרצייכענען נאָר איין עפּיזאָד פון אַ גרוילמוסטער: די ליטווישע אויסוואַל־מאַנשאַפט פון באַסקעטבאָל האָט אויפן 7־טן פאָרט צעשאָסן יידן אַלס „פּרעמיע״, וואָס זי האָט באַקומען פון די דייטשן פאַר איר גוטן שפּילן אין אַ פאַרמעסטונג מיט זיי. דעם גרויליקן „ספּאָרט״ האָבן די ליטווינער ווידערהאָלט עטלעכע מאָל...

אין אַ מצב פון אומאויפהערלעכע פּאָגראָמען האָט דער ייד ניט געהאַט צו וועמען זיך ווענדן. אַלע יידישע מוסדות אין ליטע זיינען געווען פון פריער ליקווידירט... דאָך האָבן יידישע געזעלשאַפטלעכע טוער, דערציילט דער מחבר, געמאַכט באַמיאונגען צו אָרגאַניזירן אַוועלכע ס׳איז רעטונג־אַקציע. זיי האָבן זיך געווענדט צו ווירקנדיקע ליטווישע עסקנים אָבער אַלע האָבן, אין בעסטן פאַל, אַרויסגעוויזן גלייכגילט. דער מחבר ברענגט דעם כאַראַקטעריסטישן געשפּרעך צווישן אַדוו. י. גאָלדבערג [11] מיט זיינעם אַ געוועזענעם קאָלעגע פון דער אָפּיצירן־שול, פינאַנצמיניסטער פון דער נייער ליטוו. „נאַציאָנאַלער רעגירונג״ — מאַטוליאָניס. דער לעצטער האָט גאָלדבערגן איבערגעגעבן, אַז ס׳איז געווען אַ „קאַבינעט״־זיצונג, וואו מ׳האָט באַהאַנדלט די יידן־פראַגע. ס׳האָבן זיך דאָרט אויסגעקריסטאַליזירט 3 מיינונגען: עקסטרעמע האָבן געפאָדערט קליפּ און קלאָר — אַלע יידן גלייך אומברענגען. אייניקע מיטגלידער האָבן אָנגענומען אַ וואַקלדיקע שטעלונג, אָבער מסכים געווען, אַז יידן דאַרפן באַצאָלן מיט זייער שוויס און בלוט. די „מעסיקסטע״ זיינען געווען פון דער קאַטוילישער פּאַרטיי, וואָס דער זעלבער מאַטוליאָניס האָט געהערט צו זיי. וואָס האָט די „פרומע קאַץ״ גערעדט? — „ס׳איז פאַרבאָטן אָפּצונעמען ס׳לעבן פון וועמען ס׳איז, אַפילו פון אַ יידן... אָבער ס׳איז ניטאָ קיין כוח אין דער וועלט, וואָס זאָל צווינגען אונדז, ליטווינער, צו זיצן מיט אייך, יידן, אינאיינעם״... לכן דאַרפן יידן גיין אין געטאָ.

דעם 8־טן יולי נאָכמיטיק, אויף מאָרגן נאָך דער

11. פאָרזיצנדער פון פאַרבאַנד פון יידישע פראָנט־קעמפער — (קאָמבאַטאַנטן) אין ליטע. שפּעטער מיטגליד פון „עלטסטנראַט״. זיין אויטענטישן געשפּרעך זע: פון לעצטן חורבן, נומ׳ 7.

גרויליקער מאַסן־הריגה פון אַרום 8 טויזנט יידן אויפן 7־טן פאָרט, האָט מען געבראַכט אין געסטאַפּאָ 3 יידן אַלס „באַפולמעכטיקטע". דאָס איז געווען דער ערשטער אָפיציעלער קאָנטאַקט צווישן קאָוונער יידישן קיבוץ און נאַצישער מאַכט, וואָס האָט געלייגט איר טראַגישן חותם אויפן גורל פון די געבליבענע קאָוונער יידן.

די געשיכטע, ווי ס'דערציילט דער כראָניקער ל. גאַרפונקל, איז געשען אַזוי. אין זעלביקן טאָג איז פאַרפאָרן צום קאָוונער ראב"ד הרב אברהם דוב שאַפּיראָ אַ געסטאַפּאָ־פונקציאָנער און באַפוילן מיט אים מיטפאָרן אין געשטאַפּאָ־אַמט. אַזוי ווי דער רב איז געווען אַן עלטערער מאַן און אַלס חולה־מסוכן ניט געווען אימשטאַנד מיטצופאָרן, האָט דער געסטאַפּאָוויעץ געפאָדערט פון רב, ער זאָל אים אָנרופן אַנדערע נעמען פון פּראָמינענטע יידן, וואָס זיינען ראוי איבערצונעמען אַ וויכטיקע און דרינגנדע מעלדונג בנוגע קאָוונער יידן. דער רב, דערציילט ווייטער דער מחבר, האָט אָנגערופן די נעמען פון דר. ראַבינאָוויטש, אַדוו. גאָלדבערג און אַדוו. גאַרפונקל. דער געסטאַפּאָ־באַאַמטער האָט זיי באַלד געבראַכט אין קאָרידאָר פון געשטאַפּאָ־געביידע און אַליין איז ער אַריין צום שעף. קאָנטיק, אַז דער צוזאַמענשטעל האָט ניט גאָר באַפרידיקט. דער געשטאַפּאָוויעץ האָט זיך צוריקגעקערט צו די 3 יידן און געהייסן זיי אָנרופן נעמען פון רבנים. ניט באַקומענדיק קיין קלאָרע תשובה האָט ער באַפוילן זיי צו וואַרטן און אַליין איז ער אַוועק. אין אַ האַלבע שעה אַרום האָט ער געבראַכט דעם אַרמיי־ראַבינער סניעג און דעם רב שמוקלער פון שאַנץ[12].

די 5 יידן זיינען שפּעטער אויפגענומען געוואָרן דורך אַ ס"ס־גענעראַל און דעם געסטאַפּאָ־שעף פון ליטווישן געביט — יעגער.

„זעצט זיך, האָט געזאָגט דער גענעראַל צו די יידן, אויב ס'איז דאָ פּלאַץ צו זיצן". אַזוי ווי ס'זיינען געווען נאָר 2 שטולן, זיינען אַלע 5 געבליבן שטיין די גאַנצע צייט[13].

דער ס"ס־גענעראַל האָט באַפעלעריש געמאָלדן, אַז די ליטווינער ווילן ניט וואוינען אינאיינעם מיט יידן, דערפאַר וואָס זיי זיינען קאָמוניסטן און די סאָוויעטישע מאַכט האָט אונטערדריקט ליטע. שפּעטער האָט ער צוגעגעבן, אַז אַזאַ מצב [געמיינט די פּאָגראָמען] קאָן ווייטער ניט אָנהאַלטן. לכן ווערט געשאַפן אַ וואוין־פערטל [אַ געטאָ] פאַר יידן אויף אַ טייל שטח פון סלאָבאָדקע[14]. אַלע יידן זיינען מחויב אַריבערגיין דאָרט וואוינען ביזן 15־טן אויגוסט. אַלע זאַכן קאָן מען מיטנעמען... דערביי האָט ער פאַרזיכערט אָפּצושטעלן די „כאַפּונגען" דורך די

12. אַן אַרבעטער־פאָרשטאָט פון קאָוונע.

13. לויטן נוסח פון אַדוו. גאָלדבערג, זאָל עס האָבן געזאָגט יעגער: „זעצן זיך, ביטע, ווי ווייט שטילע פאָרהאַנדן זינד". און אַ פּאָר האָבן זיך יאָ געזעצט.

14. אין ליטוויש: ווילִיאַמפּאָלע. די עלטסטע קאָוונער פאָרשטאָט אויף דער 2־טער זייט פון טייך ווילִיע. געשמט מיט אירע באַרימטע ישיבות.





ליטווישע „פּאַרטיזאַנער", באַפרייען די פרויען און קינדער פון 7־טן פאָרט. יעדער ייד מוז אָנשפּילענען אויף די בגדים אַ מגן־דוד און די 5 אָנוועזנדיקע יידן טראָגן די אחריות פאַרן אויספירן דעם באַפעל. „ס'איז פאַר אייער טובה וועגן", האָט ער פאַרענדיקט מיט אַן ערנסטן טאָן. „אין געטאָ וועט איר לעבן אין רו און זיכערקייט און קאָנען פירן אַלע אייערע ענינים"... צולעצט האָט ער געהייסן מאָרגן 10 פרי געבן אַ תשובה.

שפּעטער האָבן יידישע פאָרשטייער געהאַט אַ געשפּרעך מכוח דעם מיטן ליטווישן קאמענדאַנט, דעם רענעגאַט און פאַשיסט באַביאַליס. ער האָט כלומרשט אָפּגעלייקנט, אַז ליטווינער פאָדערן אַ געטאָ און געעצהט מיט אַ כיוון אָפּציען דעם ענין פון איבערזידלונג... וועגן דער מאַסן־פאַרניכטונג פון יידן אויפן 7־טן פאָרט האָט ער אויסגעמיטן צו ריידן, הגם ער האָט געהאַט ניט קיין קליינעם חלק אין דער בלוט־באָד.

זיי האָבן אויך באַלד געהאַט אַן אוידיענץ מיטן ממלא־מקום פון אַרכיבישאָף, פּאַקטישן אָנפירער פון דער קאַטוילישער קירך אין ליטע — בריזגיס. ער האָט די יידישע פאָרשטייער אויפגענומען פריינדלעך און אויסגעדריקט צער צוליב די ייד. בלוט־פאַרגיסונגען. מכוח דעם אַז ליטווינער פאָדערן אַ געטאָ פאַר יידן, האָט בישאָף בריזגיס[15] געענטפערט: „דאָס איז ניט אמת, קיין ליטווישער עסקן מיט אחריות און וואָס האָט רעכט אויסצודריקן די מיינונג פון דער ליטווישער געזעלשאַפטלעכקייט, האָט ניט געקאָנט קומען צום געסטאַפּאָ מיט אַזאַ פאָדערונג, די נאַציסטן נוצן תמיד אויס צו זייערע צוועקן פאַלשקייט און העצע. כ'זע וואָס זיי מאַכן מיט אייך און כ'זע פאָראויס, וואָס זיי וועלן מאַכן אין דער צוקונפט מיטן ליטווישן פאָלק און מיט קאַטאָליקן בפרט"...

אויף מאָרגן 10 פרי, דערציילט אונדז דער מחבר, זיינען די 5 יידן געווען ביים געסטאַפּאָ־שעף — יעגער. די יידישע דעלעגאַציע — שרייבט ל. גאַרפונקל — האָט געמאַכט אַ מעלדונג, אַז זי האָט ניט קיין אַנדער ברירה, ווי זיך אונטערוואַרפן דעם באַפעל. די יידן האָבן געבעטן זיי צו דערלויבן זיך טרעפן מיט ליטווישע פאָרשטייער, בכדי אָנצוגעבן אַ בשותפותדיקן מעמאָראַנדום וועגן ענין געטאָ. „איר האָט ניט וואָס צו באַראַטן זיך און שותפעש פירן אַרבעט מיט ליטווינער" — איז געווען יעגערס קאַטעגאָרישער ענטפער. ער האָט באַפוילן אויסקלייבן אַ „קאָמיטעט צו איבערזידלונג" און די 5 יידן געמאַכט פאַראַנטוואָרטלעך פאַרן אויספירן פון זיין באַפעל. אַלס אויפזעער איבערן „קאָמיטעט" האָט ער באַשטימט דעם ליטווישן קאָמענדאַנט באַביאַליס און דעם פאָרזיצער פון

15. ווען קאָוונער נאַצי־קאָמענדאַנט האָט אויפמערקזאַם געמאַכט די פירנדיקע ליטווינער אויף זייער צו גרויסער בלוט־באָד איבער יידן, האָבן דאַן ביסקופּ בריזגיס און זיינע קאָלעגן אַרויסגעלאָזט אַ „קול־קורא" צום ליטווישן פאָלק מיט די ווערטער: לאָמיר האָבן צוטרוי צו די דייטשן, וועלכע גייען אויסלייזן אייראָפּע..." זע א. ווירשוליס — „דער וועג פון העלדן".

ליטווישן שטאָטראַט ווילטשינסקיס — אַ ליטווינער, דערצויגן אין נאַצישן גייסט אין דייטשלאַנד. אין זעלביקן אָוונט איז אין הויז פון הרב שאַפּיראָ אויסגעקליבן געוואָרן אַזאַ „קאָמיטעט" אין באַשטאַנד פון דר. האַנס וואָלף, הרב סניעג, הרב שמוקלער, אַדוו. גאַרפונקל, אַדוו. גאָלדבערג, ב. געמעליצקי, דר. ראַבינאָוויטש און מ. קאָפּעלמאַן. נאַכהער האָט מען צוקאָאָפּטירט נאָך אייניקע פּערזאָן.

דעם 10־טן יוני זיינען די יידישע פאָרשטייער פונעם „קאָמיטעט" גערופן געוואָרן אין שטאָטפאַרוואַלטונג צו אַ געמיינזאַמער זיצונג מיטן ליטווישן קאָמענדאַנט און בירגערמייסטער. דער לעצטער האָט איבערגעלייענט דעם אינהאַלט פון דער דייטשער פאַראָרדענונג וועגן אַ באַזונדערן רעזשים פאַר יידן, וואָס האָט פאַקטיש זיי געשטעלט אויסערן געזעץ און זיי פאַרפליכטעט ביזן 15־טן אויגוסט אַריבער אין געטאָ. פאַר עובר זיין — שווערע שטראָף...

אויף מאָרגן איז די שענדלעכע מעלדונג מיט די חתימות פון ליטווישן קאָמענדאַנט און בירגערמייסטער געווען צעקלעפּט אויף אַלע גאַסן.

אָנהייב אויגוסט, נאָכדעם ווי ס׳איז טעטיק געוואָרן די „ציווילפאַרוואַלטונג" בראש מיטן „בריגאַדעפירער" קרעמער אַלס שטאָטקאָמיסאַר און דעם „האַופּטשטורמפירער" יאָרדאַן, אַלס ממונה איבערן געטאָ, איז געקומען זייער פאַרבינדלער קאַמינסקי[16] צום „קאָמיטעט" און געמאָלדן, אַז בראש פון געטאָ וועט שטיין אַ געקליבענער „עלטסטנראַט" און גלייך פאַראָרדנט אין נאָמען פון „שטאָטקאָמיסאַר" צוטרעטן אויסוויילן אַן „אָבעריודע".

דעם 5־טן אויגוסט, ווי ס׳דערציילט ל. גאַרפונקל, איז פאָרגעקומען אַ פאַרברייטערטע פאַרזאַמלונג פון 30 געז. טוער, אַגב די לעצטע באַראַטונג פון יידן אין שטאָט. ס׳איז ניט געווען לייכט צו געפינען אַ פּאַסיקן קאַנדידאַט צו אַזאַ ניט־געוויינטלעכער אויפגאַבע. די שטימונג איז געווען אַ געדריקטע. קיין איינער פון די פאָרגעלייגטע נעמען האָט ניט באַקומען קיין מערהייט. חוץ דעם האָבן זיך אַלע געהאַט אָפּגעזאָגט פון דעם. לסוף האָט דער פאָרזיצנדער דר. וואָלף פאָרגעשלאָגן די קאַנדידאַטור פון דר. אלחנן עלקעס — אַ נאַציאָנאַלער ייד און באַקאַנטער מעדיצינער. דער פאָרשלאַג איז געוואָרן אָנגענומען מיט ענטוזיאַזם, אָבער אויך דר. עלקעס האָט אָפּגעזאָגט די באַשטימונג. דאַן נעמט ס׳וואָרט הרב שמוקלער: „ווי טרויעריק איז אונדזער מצב, אַז מיר דאַרפן פאָרלייגן אין נאָמען פון די נאַצישע מערדער דעם דערנידעריקסטן אַמט פון „אָבעריודע"... אין אונדזערע אויגן וועסטו זיין ראש הקהל, וואָס איז געקליבן אין דער טראַגישער שעה, ווען מ׳צאַפּט יידיש בלוט און דער חלף הענגט איבער אונדזערע קעפּ... ס׳איז אויסגעפאַלן אויף דיר אַ חוב, וואָס איז ניטאָ קיין שווערערער פון אים. אָבער ס׳איז אַ זכות און אַ גרויסע מצווה, און דו האָסט ניט קיין רעכט פון דעם זיך צו אַנטזאָגן. שטעל זיך בראש פון אונדז, באַשיץ אונדז... ביז מירן זוכה זיין צום גרויסן טאָג פון דערלייזונג" — האָט ער פאַרענדיקט מיט אַ געוויין און אַלע מיט אים. דר. עלקעס איז געשטאַנען בלייך און ניט געקאָנט ריידן. אויף דער זעלבער זיצונג — גיט צו דער מחבר — האָט מען אויך געקליבן די איבעריקע מיטגלידער פון „עלטסטנראַט". אַלס שעף פון דער יידישער פּאָליציי האָט מען באַשטימט מישאַ קאָפּלמאַן[17]. אָפיציעל איז דער „עלטסטנראַט" באַשטעטיקט געוואָרן אין באַשטאַנד פון דר. עלקעס, אַדוו. גאַרפונקל, אַדוו. גאָלדבערג און אַלס סעקרעטאַר, א. גאָלוב (תורי), דעם 7־טן אויגוסט 1942.

דעם 15־טן אויגוסט האָבן זיך די געטאָ־טויערן אין סלאָבאָדקע געשלאָסן און יידן איז געווען פאַרבאָטן זיך צו ווייזן אין שטאָט. בערך 30 טויזנט[18] יידן האָט מען

16. ביז 1940 הויפּט־אינספּעקטאָר פון קאָוונער מאַגיסטראַט, אַ פאַשיסט און אַ כאַבאַרניק. כספּי־סערעבראָוויטש זאָל אים האָבן אָפּגעמסרטביים געסטאַפּאָ. מ׳האָט אים לכתחילה אַרעסטירט און דערנאָך באַזייטיקט פון זיין אַמט...

17. געשטאָרבן אין פאַרשיקונג אין ר״פ.

18. ביזן אַריינגיין אין געטאָ זיינען אַן ערך 10 טויזנט יידן אומגעבראַכט געוואָרן אין קאָוונע דורך טעראָר און פּאָגראָמען פון די ליטווישע „נאַציאָנאַליסטן"־באַנדיטן.



ליטווישע שוץ־פּאָליציי שטעלט אַ צוים אַרום סלאָבאָדקער געטאָ אין קאָוונע

איינגעשפּאַרט אויף אַ שטח, וואו ס׳האָבן פריער געלעבט 7 טויזנט. אויף אַלעמענס פּנימער — טויט־שרעק און סמנים פון דערשיטערנדיקע איבערלעבונגען...

2 יידישע פאַמיליעס [19] זיינען געווען פּריווילעגירט פון געשטאַפּאָ און געבליבן וואוינען אין שטאָט: כספּי־סערעבראוויטשיוס [20], וואָס האָט אָפן און אָפיציעל געדינט אין געשטאַפּאָ און דער 2־טער — אַ ווינער פּליט, דר. האוער, וועלכער האָט אַלס אַרצט־מומחה געהאַט פּראַקטיק אין די אַרישע „הויכע פענצטער". אָבער אין אַ יאָר אַרום האָט ער אויך געמוזט אַריבער אין געטאָ.

דאָס גיין אין געטאָ — פאַראַלגעמיינערט דאָ דער מחבר — האָט מען אָנגענומען ווי דאָס צוריקקער צום מיטלאַלטער. מ׳האָט זיך געטרייסט: אפשר וועט מען זיך ראַטעווען צוליב דער געטאָ־גזירה פון די שטענדיקע רוצחישע „אָבלאַוועס"... ס׳איז ניט אַרויף אויפן זינען ביי די אומגליקלעכע, וואָס פאַר אַ גיהנום ס׳גרייט דער האַקנ־קרייץ מיטן פאַרשפּאַרן די יידן אין אַן אָפּגעשלאָסענעם קוואַרטאַל. מ׳האָט זיי געפירט מיט זיסע צוזאָגענישן: אירט לעבן אין רו און זיכערקייט, האָבן אייגענע מאַכט, אַפילו יידישע פּאָליציי... דאָס אַלץ — דעמאַסקירט דער אויטאָר שוין „נאָך אַלעמען" — איז געווען נאָר מערדערישע אָפּנאַרעריי. מ׳האָט די יידן גענאַרט מיט אַ בייזער כוונה, כדי עס זאָל ניט זיין קיין קעגנערשאַפט.

דער מחבר האָט אַ טבע אָפּט אויסדריקן אַ סובייעקטיווע מיינונג אָדער די מיינונג פון „עלטסטנראַט" דורך אידענטיפיצירן עס ווי אַ מיינונג פון די געטאָ־יידן, וואָס איז כלל ניט איינס און דאָס זעלבע. פאַרקערט — דיאַמעטראַל קעגנזועצלעך. לויט דעם מחברס רייד קומט אויס, אַז קאָוונער יידן זיינען גערן געלאָפן אין געטאָ, בעת אין דערווירקלעכקייט, ווי ס׳דערציילן אַנדערע עדי־ראיה, איז דער טעמפּאָ פון איבערזידלונג אָנגעגאַנגען זייער לאַנגזאַם. דאָס ווייזט אויך, וואָס די לעצטע וואָך, ערב דער שליסונג פון קאָוונער געטאָ, האָבן די דייטשן איינגעאָרדנט גרויסע „כאַפּונגען" אויף יידן אין גאַס און שטוב [ווען מ׳האָט שוין צוריק ניט געזען...], בכדי אָנצושרעקן די יידן זיי זאָלן גיין אין געטאָ. דאָס כאַפּעניש פון „שוואַרצן דאָנערשטיק" איז פאַרבליבן אין געדעכעניש איינגעשניטן ביי די שרידי־ליטע.

דאָס איז אָבער געווען די פּרעלודיע צום קומענדיקן בלוט־ספּעקטאַקל.

מיטן אַריינגיין אין געטאָ האָט זיך געעפנט אַ טיפער אָפּגרונט פון אומקום פון די יידן אין קאָוונע. שוין אין די ערשטע טעג קומט פאָר די „אינטעליגענטן־אַקציע" [21], האַרט נאָכדעם די „ו־טע אַקציע" פון טויזנט מענטשן און

19. לויט אַנדערע מקורות איז געווען נאָך אַ 3־טע משפחה — דר. זיוו.

20. די דייטשן האָבן אים שפּעטער אַריבערגעשיקט קיין ווילנע און דאָרט אים מיט זיין משפחה דערשאָסן.

21. אומגעבראַכט 654 יידן מיט הויך־בילדונג און פרייע פּראָפעסיעס אויפן 4־טן פאָרט אין פאַנעמון (אַ פאַרשטאָט פון קאָוונע, הינטער שאַנץ), צווישן זיי אויך פּליטים פון פּוילן.





די „פאַרמעגונג־אַקציע" [22]. באַלד די בהלה מיט די „ווייסע שיינען", קאָזלאָווסקי־פּראָוואָקאַציע, 4־טן אָקטאָבער: ליקווידאַציע פון „קליינעם געטאָ" און שפּעטער די „גרויסע אַקציע"...

אין די לעצטע טעג פון אָקטאָבער — דערציילט ל. גאַרפונקל — איז געקומען דער „האויפּטשאַרפירער" ראוקע [23] צום „עלטסטנראַט" און געמאָלדן וועגן זיין באַשטימונג אַלס ממונה איבער קאָוונער געטאָ. אַזוי ווי ער וויל זיך באַקענען מיט די געטאָ־איינוואוינער, האָט ער באַפוילן דעם „עלטסטנראַט" גלייך אַרויסהענגען אַ מודעה, אַז דאָס געטאָ דאַרף זיך צונויפזאַמלען לויט אַ געוויסן סדר דעם 28־טן אָקטאָבער פרי אויפן דעמאָקראַטן־פּלאַץ. שפּעטער איז געלונגען דעם „עלטסטנראַט" דורך דער פאַרמיטלונג... פון כספּי־סערעבראָוויטש צו האָבן אַ טרעפונג מיט ראוקען. דאַן האָט ראוקע דערקלערט, אַז דעם געטאָ שטייט פאָר צו לייסטן שווערע אַרבעט פאַרן ווערמאַכט. דעריבער מוז מען אַריבערהייבן די ניט־אַרבעטספעאיקע וואוינען אין „קליינעם געטאָ" און די אַרבעטסלייסטנדע וועלן בלייבן אין „גרויסן געטאָ", וואו זיי וועלן ווערן בעסער באַשפּייזט. ער האָט פערפיד באַרואיקט, אַז דאָס ווערט געטאָן נאָר צוליב אַדמיניסטראַטיווער צוועקמעסיקייט.

מען האָט געפילט — שרייבט דער מחבר — אַז די ברוינע חיה איז ווידער דורשטיק נאָך יידיש בלוט. מ׳האָט אָפּגעהאַלטן לאַנגע זיצונגען און נאָך אַ פאַרצויגענער נאַכט־זיצונג מיטן קאָוונער מרא־דאתרא הרב שאַפּיראָ [24] איז געבליבן, אַז דער לעצטער וועט נאָך אַ מאָל מעיין זיין אין די הייליקע ספרים און וועט פסקנען, ווי מ׳דאַרף זיך נוהג זיין לויט דער יידישער מסורה אין אַזאַ טראַגישער רגע. ערשט אין די שפּעטע פרימאָרגן־שעהן פון 27־טן האָט דער הויפּט־רב מודיע געווען, אַז אויב דער „עלטסטנראַט" האָפט, אַז מיטן דורכפירן ראוקעס באַפעל וועט דאָך געלינגען צו ראַטעווען אַפילו אַ טייל פון דער עדה, דאַרף דער „עלטסטנראַט" זיך שטאַרקן און נעמען די אחריות אויף זיך... ערשט דאַן האָט דער „עלטסטנראַט" אויסגעהאָנגען אין דייטש און יידיש די מודעה וועגן ראוקעס אַפעל...

דער קאָוונער רב הראשי א. ב. שאַפּיראָ האָט געשמט ווי אַ מופלג אין גפ״ת און בקי אין רמב״ם. לויט אַן עדות (הרב גוטמאַנס עלטסטע שנור), וואָס האָט באַשריבן דאָס רעליגעזע לעבן אין קאָוונער געטאָ, האָט דער קאָוונער רב ניט דערלאָזט צו מאַכן ליסטעס בעת די „אַקציעס" (וואָס האָבן אַ פּנים געדאַרפט באַשטימען ווער זאָל גיין דער ערשטער אויפן פייער...), שטיצנדיק זיך אויף אַ מימרא פון רמב״ם פון „הלכות מלכים". דעריבער איז

22. קאָנפיסקאַט פון יידיש האָב־ און־גוטס ביי די קאָוונער געטאָ־יידן אין אַ סכום פון צירקאָ 50 מיליאָן גאָלד־מאַרק.

23. קאָמאַנדירט מיט דער „אינטעליגענטן־אַקציע".

24. געשטאָרבן פאַר דער ליקווידאַציע פון געטאָ. זיין קבר געפינט זיך אויפן געטאָ־בית־עלמין אין סלאָבאָדקע.

פשוט קשהדיק, וואָס דאָס מאָל האָט דער רב געפּסקנט אין קעגנזאַץ צו דער באַקאַנטער שטעלונג פון גרויסן יידישן אויטאָריטעט, דעם רמב״ם[25]. אַגב, דערציילט אונדז ניט דער מחבר, אויף וואָס פאַר אַ סמכתא קאָוונער רב האָט זיך דאַן סומך געווען.

דעם 28־טן אָקטאָבער האָט זיך אָנגעהויבן די סעלעקציע — ווער צום לעבן און ווער צום טויט. אַרום פלאַץ זיינען געווען אויסגעשטעלט קוילנוואַרפער און אויפן פלאַץ — דייטשע זעלנער, ליטווישע „פּאַרטיזאַנער" און אַ באַנדע געשטאַפּאָ־לייט בראש מיט ראוקען און יאָרדאַן[26]. פון דער ווייטן אויף די בערג האָבן זיך געזען גרויסע מאַסן־צושויער — ליטווינער... די ערשטע ווערן אָפּגעשיקט צו דער גוטער־זייט... דער „עלטסטנראַט", זיינע מיטאַרבעטער און די יידישע פּאָליציי. נאָכדעם באַפעלט ראַוקע פאַרביידעפילירן די איבעריקע. ער האָט ניט געקוקט, שילדערט דער מחבר, אויף זייערע אויסגעשטרעקטע „אַרבעט־שיינען" און געשיקט לויט זיין ווילן, רעכטס אָדער לינקס. ער האָט עס געמאַכט מיט אַ טייוולשן שמייכל, לאַנגזאַם און רואיק, ניט אַרויסנעמענדיק דאָס ציגאַרל פון מויל. ווען מ'האָט אים אָנגעוויזן אַז ער שיקט צום אומקום אַ באַוואוסטן טשעליסט פון דער דרעזדענער אָפּערע, האָט ער ציניש געענטפערט, אַז אויך אויפן נייעם אָרט האָט מען נייטיק באַרימטע מוזיקער. די גאַנצע 10 שעה האָבן זיך געטראָגן האַרצרייסנדיקע קולות פון די אומגליקלעכע. „אָך און וויי צו די — רופט אויס דער עד־ראיה ל. גאַרפונקל — וואָס האָבן עס צוגעזען"... די שרעקלעכע טויט־פּראָצעסיע פון 9 טויזנט יידן — מענער, פרויען און קינדער האָט זיך געצויגן אויף מאָרגן, דעם 29־טן אָקטאָבער, פון דעם שוין פריער פאַריתומטן „קליינעם געטאָ" מיטן יסורים־וועג צום 9־טן פאָרט. דאָרטן האָט מען זיי גרופּנווייז צעשאָסן און שפּעטער פאַרברענט.

און אַ פּאָר טראַגישע מאָמענטן אין עפּילאָג.

ד״ר עלקעס האָט באַקומען אַ דערלויבעניש אַרויסצונעמען 100 מאַן[27] פון „אומשלאַג־פּלאַץ". ווען ער איז אַריין זיי באַפרייען איז אויסגעבראָכן אַ ווילדע מהומה צווישן די פאַרמשפּטע... דערווייל האָט אַ ליטווישער „פּאַרטיזאַן" אָנגעהויבן שלאָגן מיט דער קאָלבע איבערן קאָפּ ד״ר עלקעסן און ער איז אומגעפאַלן. אָן באַוואוסטזיין האָט מען אים קוים אַרויסגעטראָגן און צוליב דעם פּאָרפאַל זיינען אויך די 100 מענטשן אַוועק צום טויט.

---

25. רמב״ם, „הלכות יסודי התורה" (פרק ה׳, פסוק ה׳) לויטעט: „וכן אם אמרו להם עכו״ם: תנו לנו אחד מכם ונהרגהו ואם לא — נהרוג את כולכם — והרגו כולכם ואל ימסרו להם נפש אחת מישראל". (מ'טאָר ניט אַרויסגעבן די געצנדינער קיין איין ייד, ווען אַפילו עס דראָט דעם כלל אומצוקומען).

26. די „סטראַשידלע פון שטאָט־קאָמיסאַר", וואָס האָט דורכגעפירט אַלע גזירות און אַקציעס אין קאָוונער (אויך אין אַנדערע) געטאָ. אָנהייב 1942 האָט אים אַ געטראָפענער קויל אויפן סאָוויעטישן פראָנט פרישמיעלעט.

27. דער מחבר וויזט ניט אָן וועגן וועמען מ'האָט זיך משתדל געווען.



טשעקאַווע זעט אויס פאָלגנדער פאַל.

די דייטשן האָבן געהאַט אַ חשד, אַז יידן האָבן זיך אויסבאַהאַלטן אין „קליינעם געטאָ" בעת דער „גרויסער אַקציע", אין „מעלינעס" — באַהעלטענישן. זיי האָבן באַפוילן דער יידישער פּאָליציי צו קומען אין פולן באַשטאַנד און מאַכן דאָרט זוכונגען. דער חשבון פון די דייטשן, ווי ס'דערקלערט דער מחבר, איז געווען, אַז די באַהאַלטענע וועלן הערן יידיש ריידן, וועלן זיי געוויס אַרויס פון זייערע פאַרשטעקונגען. די יידישע פּאָליציי האָט פאַרשטאַנען דעם דייטשן שפּיצל און דעריבער מיטגענומען מיט זיך פּאָליציי־היטלען און אָרעמבענדער. ווען זיי האָבן עמעצן געפונען האָבן זיי אים אַרויסגעפירט אַלס יידישן „פּאָליציאַנט" און אויף אַזאַ אופן — האַלט דער מחבר — געראַטעוועט איניקע צענדלינג יידן פון טויט, ווייל אַ ניט, דערקלערט דער מחבר, וואָלטן זיי דאָרטן אומגעקומען פון הונגער...

ל. גאַרפונקל, וואָס האָט בשעתו אָפּגענומען די פייערלעכע שבועה פון דער ייד. פּאָליציי צו דינען טריי דעם יידישן פאָלק, האָט אַ טענדענץ צו ווייזן ווי די אונטעראָרדנטע פון „עלטסטנראַט" האָבן זיך מוסר נפש געווען פאַרן כלל. אויב ס'איז דאָס מאָל געווען אַזוי, איז מעגלעך, אַז ס'איז געווען גיכער „אַ בערישע טובה". ס'קאָן דאָך גריילעך זיין, אַז די אויסבאַהאַלטענע האָבן גוט געוואוסט צוליב וואָס זיי באַהאַלטן זיך אויס, ווייל פון דאַנען איז זיי געווען גרינגער אַרויס אויף דער „אַרישער זייט"...

3 טעג נאָך דער „גרויסער אַקציע" איז יאָרדאַן געקומען אין „עלטסטנראַט" און אַ שליידער געטאָן 100 טויזנט רובל (10 טויזנט רייכסמאַרק). „דאָס איז ס'ערשטע לוין פאַר די אַרבעטער פון פלוג־פּלאַץ, לויטן חשבון פון אַ האַלבן מאַרק פאַר אַ טאָג אַרבעט". דערביי האָט ער מודיע געווען, אַז אויב מ'וועט דערפילן פּינקטלעך און רעגלמעסיק די צוואַנג־אַרבעט, וועט אין געטאָ קיין זאַך ניט געשען און ס'וועט זיין רואיק. באַלד האָט דער „עלטסטנראַט" עפנטלעך אַרויסגעהאָנגען אַן אויפרוף, וואָס איז געווען אָנגעזאַפּט מיט טרויער און ווייטיק אָבער אינאיינעם מיט דעם פאָרמולירט צו באַהערשן די געפילן: ס'איז אַדורך איבער אונדז אַ שרעקלעכע דערשיטערונג, אונדזער חוב כלפּי זיך און כלפּי אונדזער פאָלק פאָדערט פון אונדז אָפּהיטן די דיסציפּלין אויך אין דער טראַגישער מינוט...

אין חודש נאָוועמבער האָט דער „עלטסטנראַט" דורכגעפירט אַ ציילונג. ס'האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז ס'זיינען פאַרבליבן אין קאָוונער געטאָ 17.412 יידן (אָפיציעל איז געווען אָנגעגעבן 16.000). אין דעם איינוואוינער־צוזאַמענשטעל איז אַריינגעטראָטן לויטן מין און עלטער אַ וויכטיקער שינוי. אין די „אַקציעס" האָבן די דייטשן אומגעבראַכט פאַרהעלטנישמעסיק מער פרויען ווי מענער און מער — פון אונטער 16 יאָר און העכער פון 60, ווי מענטשן פון אַרבעטס־עלטער. געטאָס זיינען געווען געבליבן אין קאָוונע און שאַוול. (חוץ ווילנע). די קליינע יידישע שטעטלעך, בערך 150 אַלטע יידישע קהילות, האָבן

די דייטשע נאַציסטן ביד אחת מיט די ליטווישע פאַשיסטן אָפּגעמעקט פון דער ערד נאָך אין האַרבסט 1941 [28].

אין יענער צייט האָט באַזוכט אַ יידישע דעלעגאַציע פון יאַנעווע [29] אין באַשטאַנד פון רב און 2 געז. טוער, וואָס האָט געמאַכט אַ דערשיטערנדיקן איינדרוק אויפן קאָוונער געטאָ. זיי זיינען געקומען אין באַגלייטונג פון אַ באַוואָפנטן „שאַוליסט". זיי זיינען געווען אינגאַנצן דעפּרימירט און זייער אויסזען אַ שרעקלעכער — אין צעריסענע קליידער און די באָרד ביים רב אויסגעפליקט. זיי האָבן דערציילט, אַז דאָס רוב שטעטלדיקע יידן האָט מען אויסגעמאָרדעט און די פאַרבליבענע פאַרשפּאַרט אין אַ קאַזאַמעט. זיי האָבן געבראַכט אַ כאַראַקטעריסטישן דאָקומענט, אַ פאָדערונג אין ליטוויש, וואָס האָט געשיקט דער „ראש פון דער אָרטיקער מאַכט" צום „עלטסטן יידישן בעל הבית" אין קאָוונע, אַז יאַנעווער יידן דאַרפן במשך פונעם טאָג אַריינטראָגן אין זיין קאַסע אַ סכום פון 100 טויזנט מאַרק. אויב ניט — וועט מען זיי שיסן. דער קאָוונער „עלטסטנראַט" —שרייבט ל. גאַרפינקל — איז געווען געצוואונגען זיי צו קערן מיט ליידיקן, הן צוליב פּרינציפּיעלע טעמים והן צוליב דעם, וואָס אין קאַסע פון קאָוונער „עלטסטנראַט" איז אַ העלפט פון דעם ניט געווען.

אַ 2־טער כראָניקער, אַליין אַ יאַנעווער — זילבערמאַן [דער אָרגאַניזירער פון פּאָסט־איבערשיקונג פון קאָוונער געטאָ קיין ווילנע] דערציילט, אַז דער יאַנעווער רב האָט דאַן יאָ באַקומען אַ סכום געלט ביים קאָוונער הויפּט־רב שאַפּיראָ.

מיט דער „גרויסער אַקציע" — האַלט דער מחבר — האָט זיך פאַרענדיקט די 1־טע תקופה אין קאָוונער געטאָ, וואָס האָט זיך געצויגן בסך הכל 2 מיט אַ האַלב מאָנאַט, ד. ה. פון 16־טן אויגוסט ביזן 1־טן נאָוועמבער 1941. פאַר דער קורצער צייט האָט מען ווידער אומגעבראַכט איבער 12 טויזנט יידן.

2

אין 2־טן טייל, די „תקופה פון רו", וואָס ציט זיך פון 1־טן נאָוועמבער 1941 ביז האַרבסט 1943, גייען אַריין די קאַפּיטלען: צוואַנג־אַרבעט, לעבנס־באַדינגונגען, גזירות און פּורעניותן.

אין משך פון דער צייט, שטעלט פעסט דער מחבר, זיינען ניט געווען אין פאַרגלייך מיטן נאָענטן עבר אַזעלכע מאַסן־„אַקציעס". אָבער אויך אין דעם פּעריאָד, דאַרף מען אָפּמערקן, איז דאָס לעבן פון די געטאָ־יידן געווען זאַט מיט יסורים, פּייניקונגען און שרעק אָן אַ ברעג.

28. לויטן דין־וחשבון פון ס"ס־גענעראַל סטאַלאָקער צו הייד־ריכן, זיינען ביזן סוף 1941 אומגעבראַכט געוואָרן דורך זיין „איינזאַץ־גרופּע" אין ליטע (חוץ ווילנע) 136,421 יידן. זע: ג. רייטלינגער — „די ענדגילטיקע לייזונג".

29. אַ היפּש שטעטל נעבן קאָוונע. געווען באַוואוסט אַמאָל מיט אירע „קאָנזשאַרטניקעס" — פליטניקעס; שפּעטער געהאַט די בעסטע מעבל־פאַכמענער. דאָס געבוירן־אָרט פון דיכטער מאָריס ווינטשעווסקי (בנציון נאָוויכאָוויטש).





קיין איין רואיקע מינוט איז ניט אַדורך, עס זאָל ניט שוועבן איבער יידישע קעפּ די אימה פון טויט. דער הונגער מאַכט אַ תל פון קינדער און זויג־עופהלעך, די „אַקציע פון פעלצן", דאָס פאַרבאָטן שמוגלען שפּייז דורכן געטאָ־טויער, די גזירה פון שוואַנגערשאַפט־פאַרבאָט און אַנדערע פּלאָגן. ס'קומען פאָר 2 מאָל איבערזידלונגען קיין ריגער געטאָ און 670 [30] קאָוונער יידן טיילן דעם טראַגישן גורל פון זייערע ברידער אין לעטלאַנד. פאַר פּרוּוון שיסן אַ דייטשן געטאָ־וואַך ווערט דער יונגער זייגערמאַכער מעק עפנטלעך געהאָנגען [31] אין געטאָ, דאַן קומט די „סטאַלינגראַדער אַקציע" פון 44 יידן, צווישן זיי 17 קינדער, און די „אויסלענדישע אַקציע" פון 30 טויזנט יידן פון ווין, בערלין, פראַנקפורט אַם־מיין, פּראָג, ברעסלאַו... וואָס זיי ווערן אַלע דערמאָרדעט אויפן 9־טן פאָרט.

א ביטערע אָנשיקעניש איז געווען די קאַטאָרזשנע צוואַנג־אַרבעט, איבערהויפּט אויפן לופט־פּלאַץ (אַעראָדראָם), וואָס האָט געלייגט אַ טראַגישן שטעמפּל אויפן גאַנצן לעבן און שטייגער פון געטאָ. די דייטשן האָבן ביי יעדער געלעגנהייט אונטערגעשטראָכן, שרייבט דער אויטאָר, אַז דאָס דערפילן פון אַרבעט־פליכט איז דער הויפּט־באַדינג פאַרן עקזיסטענץ פון גאַנצן געטאָ און פון יעדן יחיד. אַזוי ווי אַלע האָפענונגען זיינען געווען אָפּהענגיק פון געווינען צייט האָט דער „עלטסטנראַט" איינגעפּירט אַ שטרענגן רעזשים צו צווינגען די אומגליקלעכע, — כלומרשט פאַר זייער טובה־וועגן, ווי ס'מיינט דער מחבר, — צו אַרבעטן אַלע עבודות פרך, כדי דאָס געטאָ זאָל ביי די דייטשן אין די אויגן זיין אַ פּראָדוקטיווער פאַקטאָר. דער לאָזונג איז געווען, זאָגט דער מחבר, יעדע אַכזריות פון געטאָ־ציבור כלפּי דעם יחיד איז אַ רחמנות כלפּי דעם כלל און פאַרקערט: יעדע רחמנות און ווייכהאַרציקייט כלפּי דעם יחיד — אַכזריות לגבי דעם כלל.

ל. גאַרפונקל איז דאַקעגן זיך מודה, אַז ס'איז ניט געלונגען צו פאַרטיילן דעם יאָך גלייכאַרטיק און גערעכטיק. פיל אָנקלאַגעס זיינען אַריינגעפלאָסן קעגן ברוטאַליטעט, פּראָטעקציע, שאַנטאַזש און שלעכטער אויפפירונג מצד די באַאַמטע פון דער יידישער געטאָ־אַדמיניסטראַציע, בעיקר קעגן יידישן אַרבעט־אַמט און יידישער פּאָליציי.

אין דער געשילדערטער תקופה, דערציילט אונדז דער מחבר, איז געלונגען דעם „עלטסטנראַט" מבטל צו מאַכן דורך שתדלנות און דער עיקר דורך שוחד פיל סכנות און צרות, וואָס האָבן געשוועבט אויף איינצלנע און גרופּעס יידן אין געטאָ.

אין יולי 1942 האָט דער „עלטסטנראַט" באַקומען בסוד אַ נאַכריכט, אַז אַ פּוילישע פרוי איז געקומען פון וואַרשע קיין קאָוונע און וויל אַריין אין געטאָ איבערגעבן וויכטיקע ידיעות. מיט פאָרזיכטיקייט האָט מען זאָנדירט

30. לויטן געטאָ־כראָניקער דר. גרינהויז — 770 מענטשן.

31. דער פאַל מעק פאָדערט נאָך גרינטלעכן אויספאָרש; זיין קבר געפינט זיך אויפן געטאָ־בית־עלמין אין סלאָבאָדקע.

דעם באַדן איר צו ברענגען אין קאָוונער געטאָ. אַ פאַרטרויטער בריגאַדע־פירער האָט באַקומען די אָנווייזונג איר אַריינצופירן אַלס יידישע אַרבעטערין. דאָס איז געווען אירענע אַדאַמאָוויטש, אַ לערערין פון וואַרשע. אַ פּאַטריאָטין פון איר לאַנד און איבערגעגעבענער פריינד פון יידן, איז זי אַרומגעפאָרן איבער די געטאָס און געזאַמלט ידיעות וועגן לעבן פון די יידן. אַ גאַנצן טאָג האָט זי פאַר אַן ענגן קרייז דערציילט וועגן די גרויזאַמעליידן פון יידן אין א ריי פּוילישע שטעט. אין אַ פּאָר וואָכן אַרום איז זי אַ 2־ט מאָל געקומען און איבערגעגעבן אירע איינדרוקן פון שאַוולער געטאָ. זי האָט איבערגעלאָזט, דערציילט דער מחבר, אַ שטאַרקן רושם מיט איר האַרציקייט און פילפאַרביקייט פון אירע שמועסן. האַרבסט 1942 האָט באַזוכט קאָוונער געטאָ אירע אַ חברטע יאַדוויגאַ דודזיק פון ווילנע — אַן אָנפירערין פון פּוילישע „האַרצעזשניקעס“ (סקויטן). זי האָט אַלס פּאַרוואַלטערין פון אַ וואַרשטאַט פיל יידן געהאָלפן. אַדאַמאָוויטש האָט אויף דער איינלאַדונג פון קיבוץ־ארצי באַזוכט אין 1958 ישראל. דודזיק איז ענדע מלחמה אומגעקומען פון אַן אויפרייס. נאָך זייער באַזוך האָט זיך געשטאַרקט אין געטאָ דער דורשט צו וויסן, וואָס טוט זיך אויף דער וועלט. ווייל די נייס פון די אַריינגעשמוגלטע דייטשע צייטונגען זיינען געווען איינזייטיקע. בסוד האָט מען אינסטאַלירט אַ ראַדיאָאויפנעמער, וועמעס טיילן מ׳האָט צו ביסלעך אַריינגעטראָגן אין געטאָ. דער ראַדיאָ איז געשטאַנען פאַרשטעקט אין


Verlängert bis 30/9/41.
Bahnhofs-Offizier 151
AUSWEIS Nr. 1728
gültig bis
Der Jude
wohnhaft in Wilna
ist am Bahnhofsgelände, Wilna beschäftigt und darf zu keiner anderen Arbeit verwendet werden.
Bahnhofs-Offizier 151
KONTROLL-VERMERKE

אויסווייז־שיין פון ווילנער געטאָ אויפן נאָמען פון א. סמיגליס



געטאָ־אַפּטייק און דער אופנעמער איז געווען דער צ״סניק און מיטגליד פון אַנטי־פאַשיסטישן אונטערערד, פּראָוויזאָר סרעבניצקי [32]. מיט דער צייט האָט זיך אויך דאַן איינגעשטעלט אַ בעסערער קאָנטאַקט מיט ווילנער, שאַוולער און ריגער געטאָס.

סוף מאַי 1943, שרייבט דער מחבר, איז אָנגעקומען אין קאָוונער געטאָ די טרויעריקע ידיעה וועגן דער טאָטאַלער פאַרניכטונג פון וואַרשעווער יידן און וועגן אויפשטאַנד פון זיינע לעצטע פאַרטיידיקער. כאָטש די ידיעה איז געווען נעפּלדיק און ניט פּינקטלעך האָט זי אַלעמען דערשיטערט און גלייכצייטיק אַרויסגערופן דערמונטערונג און שטאָלץ.

3

האַרבסט 1943 איז געוואָרן קלאָר, אַז דאָס געטאָ וועט ניט מאריך ימים זיין. די מיליטערישע מפּלה פון „3־טן רייך“ איז געוואָרן מער און מער דייטלעך. יעדער טאָג האָט זיך דער פראָנט דערנענטערט אַלץ מער צו דער ליטווישער טעריטאָריע און די טעטיקייט פון די פּאַרטיזאַנער — שטאַרקער. אַלס רעזולטאַט זיינען געקומען 4 ראַדיקאַלע שנויים: קאָוונער געטאָ איז אַריבער פון ס״א צו ס״ס; קאָנצלאַגער, כסדרדיקע ליקווידאַציע פון „עלטסטנראַט“ און דאָס צעברעקלען דאָס געטאָ דורך „קאַזענירונג“ [לעבן אין קאַזעמאַטן]; אַ קיבוץ פון אַרום 16 טויזנט יידן האָט מען צעשפּרייט אין פאַרשיידענע לאַגערן, אָפּגעריסן איינער פון אַנדערן פון דער אייגענער משפּחה.

אין סעפּטעמבער 1943 איז אויפן פינצטערן האָריזאָנט דערשינען דער „קאַט אין ווייסע הענטשקעס“ געקע. ער האָט גלייך געשאַפן אַן אַפּאַראַט פון ס״ס־לייט און אַריבערגענומען צו זיך די גרעסטע צאָל מיטאַרבעטער פון דעם „עלטסטנראַט“ אונטער זיין אויפזיכט. אין זיין צייט זיינען אַדורך גרויזאַמע געשעענישן. געקע איז געווען אַ געביפטער נאַצי. שטענדיק גערעדט אידל און געוואוסט ווי זיך צו מאַסקירן. ער האָט מיט זיינע אייגענע הענט דערמאָרדעט איניקע יידן.

געקע האָט דורכגעפירט מיט דער הילף פון די אוקראַינער־„וולאַסאָווצעס“ און ס״ס באַנדיטן די „עסטאָנישע אַקציע“. 3500 קאָוונער יידן זיינען געוואָרן איבערגעזידלט אין די אספּיד־שאַכטעס ביי נאַרווע און קלאגע, וואו זיי זיינען אומגעקומען. געקע האָט געהערשט ביז דער ליקווידאַציע פון קאָוונער געטאָ, ווען מ׳האָט די לעצטע יידן דעפּאָרטירט אין יולי 1944 קיין דייטשלאַנד אין די קאָנצלאַגערן. דאָס געטאָ האָבן זיי אויפגעריסן. ביי 2000 מענטשן האָבן געפונען זייער שרעקלעכן טויט אין די פאַרבאַהאַלטענע בונקערס. עטלעכע צענדליק האָבן זיך קוים געראַטעוועט פון אונטער די חורבות. דעם גרעסטן

32. נאָכן ליקווידירן קאָוונער געטאָ זיך געפּרואווט אויסבאַהאַלטן אין שטאָט. אַ באַקאַנטער ליטווינער זאָל אים האָבן אַרויסגעגעבן דער געסטאַפּאָ.

טייל אַרויסגעפירטע פרויען מיט קינדער האָט מען פאַרברענט אין שטוטהאָף און אוישוויץ. אַ טייל איז אומגעקומען פון הונגער און עפּידעמיעס, דאָס רעשטל האָט זיך געראַטעוועט אין שלעזוויג־האָלשטיין. די מענער האָט מען אָפּגעטראַנספּאָרטירט קיין דאַכאַו ביי קאַמפּרינג. די געבליבענע האָבן דורכגעמאַכט דעם גרויסן טויטמאַרש קיין טיראָל און דאָרט געוואָרן טיילווייז באַפרייט.

דער מחבר גיט איבער וועגן אַ דראַמאַטישן געשפּרעך צווישן ד״ר עלקעסן און געקע אין די לעצטע טעג. דר. עלקעס האָט אָנגעוויזן, אַז דעפּאָרטירן די יידן קיין דייטשלאַנד איז פולקאָמער אומקום, „מיר ווייסן גוט, האָט ד״ר עלקעס געזאָגט, מיט אַן אויפגערעגטער שטים, וואָס איז געווען דער גורל פון די יידן, וועלכע זיינען געוואָרן איבערגעזידלט פון דייטשלאַנד, טשעכאָסלאָוואַקיע, פראַנקרייך און אַנדערע מדינות צו אומבאַקאַנטע ערטער, פונקט ווי מיר ווייסן, וואָס ס'האָט געטראָפן די יידן פון וואַרשע, ווילנע און אַנדערע געטאָס, ווי אונדזערע ברידער — אויפן 9־טן פאָרט״.

— פונוואַנען ווייסט איר עס? צי שפּיאָנירט איר נאָך? — האָט געקע געפרעגט אין אַ יונקער־טאָן, פול כעס.

— אין דער געשיכטע ווערט קיין סוד ניט אויסגעהיט. און באַזונדער וועגן מאַסן־רציחות. די דייטשן אַליין דערציילן אַפילו וועגן דעם. ידיעות וועגן מאַסן־הריגות דערגייען דורכן עפיר צו אַלע וועלט־טיילן, האָט דר. עלקעס געענטפערט אויף אַ הויכן קול. אין געקען האָט אויפגעקאָכט די נאַצישע יוכע, דאָך האָט ער זיך באַהערשט און אַ פרעג געטאָן דר. עלקעסן מיט רוגזה, וואָס וויל ער פון אים?

— אַלס קאָוונער געטאָ־קאָמענדאַנט האָט איר עטלעכע מאָל אַרויסגעוויזן „פאַרשטענדעניש״ צו אונדזערע הצטרכותן און צו אונדזערע ליידן. מיטן דעפּאָרטירן די איבערגעבליבענע קאָוונער יידן קיין דייטשלאַנד וועט איר ניט ראַטעווען אייער לאַנד. אונדז קאָנט איר אָפּראַטעווען מיט דעם, וואָס איר וועט ניט אויספירן דעם באַפעל פון עוואַקויִרן דאָס געטאָ. ווי עס צו מאַכן, צי מיט אָפּציען עס אָדער אויף אַן אַנדערן אופן, ווייסט איר אַליין. מיר יידן וועלן וויסן ווי אָפּצוצאָלן פאַר אַזאַ זאַך. איך לייג אייך פאָר צו בלייבן מיט אונדז און נעם אויף זיך די אחריות, אַז אייך וועט קיין שלעכטס ניט געשען. געקע איז אויפגעשפּרונגען מיט צאָרן: „איך בין אַ ס״ס־אָפיציר און איך מאַך ניט אַזעלכע זאַכן״. דאָך האָט געקע דר. עלקעסן פאַר אַזאַ „העזה״ גאָרניט געטאָן. — — —

33. לויט דער מלוכהשער אויסעראָרדנטלעכער קאָמיסיע פון ר״פ אויסצופאָרשן היטלערס פאַרברעכן אין ליטע זיינען אויפן 9טן פאָרט אומגעבראַכט 80 טויזנט מענטשן. [דער רוב יידן].

34. דער עקזעקוציע־פּלאַץ („פאַרניכטונגס־שטעלע״) — 6 ק״מ פון סלאָבאָדקע. קאָוונע איז געווען ביז 1914 אַ פעסטונג־שטאָט. נאָכן 1־טן וועלט־קריג האָט מען עס צענומען. אייניקע פאָרטן האָט מען אויסגענוצט אַלס געווער־אַרסענאַלן און טורמעס פון 1926 איז דער 9־טער פאָרט געווען אַ געפענקעניש פאַר פּאָליטישע אַרעסטאַנטן. פון 1959 — אַ מוזיי פון אומקום און גבורה.



אין האַרבסט 1943 זיינע די דייטשן צוגעטראָטן פאַרברענען קרוב 45 טויזנט[33] יידישע קערפּערס, וואָס זיינען דערמאָרדעט געוואָרן אויפן 9־טן פאָרט[34]. די דייטשן האָבן געוואָלט אויף אַזאַ אופן פאַרווישן די שפּורן פון זייערע חטאים, עס זאָל ניט בלייבן קיין „קאָרפּוס דעליקטי״ אין טאָג פון זייער יום־הדין.

די שוידערלעכע אַרבעט איז אַרויפגעלייגט געוואָרן אויף אַ גרופּע יידישע אַרעסטאַנטן[35] פון 9־טן פאָרט — דאָס מערסטע געכאַפּטע פאַרטיזאַנער און קריגס־געפאַנגענע פון דער רויטער אַרמיי. צווישן די פאַרברענער האָבן זיך אויך געפונען 3 אָרטיקע רוסן (די ברידער קורגאַנאָוו, איינער לעבט), און 4 פרויען (איינע אַ פּוילישע). שפּעטער האָט מען צוגעטיילט דעם סאָוויעטישן קאַפּיטאַן וואַסילענקאָ. וו. ל. וואַסילענקאָ מיט נאָך אייניקע האָבן אָרגאַניזירט אַ געוואַגטן פּרואוו צו אַנטלויפן פון 9־טן פאָרט. זייער פאַנטאַסטישן פּלאַן האָבן זיי דורכגעפירט דיסקרעט אין נאַכט פונעם חגא, ערב ניי־יאָר. 64 אַרעסטאַנטן, וואָס האָבן געוואַרט אויף זייער טויט, האָבן זיך העלדיש באַפרייט און זיך צעטיילט אין 4 גרופּן.

אין פאַרטיי פון 14 מאַן בראש מיט פייטעלזאָן איז אַריין אין קאָוונער געטאָ. איינער איז דאָרטן פון אַן אָפּעראַציע געשטאָרבן. די איבעריקע האָט מען אויסבאַהאַלטן און דעם 6־טן יאַנואַר האָט מען זיי מיט אַ בריגאַדע אַרבעטער אַרויסגעפירט פון געטאָ־טויער און זיי איבערגעשיקט צו די פאַרטיזאַנער אין וואַלד[36].

שוין אין די „רואיקע טעג״ האָט די געטאָ־מענטשן ניט געלאָזן רוען די פראַגע, וויאַזוי ראַטעוועט מען זיך פון די רוצחישע לאַפּעס. שוין אַ שטיק צייט פאַרן האַרבסט 1943 האָט זיך אָנגעהויבן א יוירונג און אויפברויז צווישן די געטאָ־איינוואוינער.

דאָס געטאָ האָט צו דעם צוועק זיך באַנוצט מיט 3 וועגן: בונקערס, אַנטלויפן ערגעץ און ביי עמעצן זיך אויסבאַהאַלטן און דאָס גיין צו דער „פאַרטיזאַנקע״.

נאָך דער „בריחה״ [דאָס אַנטלויפן] פון 9־טן פאָרט האָבן די דייטשן באַפוילן די יידישע פּאָליציי צו אַנטדעקן די „מעלינעס״ — באַהעלטענישן. די יידישע פּאָליציי, ווי עס גיט איבער דער מחבר, האָט כלומרשט געמאַכט זוכונגען און געמאָלדן וועגן אייניקע ליידיקע בונקערס... בעת ליקווידירן דאָס געטאָ האָבן די דייטשן כמעט אַלע בונקערס אויפגעריסן.

דאָס אַנטלויפן פון געטאָ איז געווען פאַרבונדן מיט גרויסע סכנות נפשות. דאָך האָבן פיל איינגעשטעלט

35. צווישן זיי יידישע פּליטים פון פּוילן: אַדוו. וו. בלום פון וואַרשע, מיכאל געלבטרונק (מיטגעאַרבעט אין קאָוונער ייד. מלוכה־טעאַטער, איצט אין ישראל); הרב שוסטערמאַן (געשטאָרבן אין קאָוונער געטאָ) און ה. רובינפעלד — לייטענאַנט פון געוו. פּוילישער אַרמיי.

36. פון די 64 זיינען געבליבןביים לעבן 14. וו. ל. וואַסילענקאָ (יידישער נאָמען: וועסעלניצקי), דייטש, פרידמאַן, פייטעלזאָן, קראַקינאָווסקי, ווילענטשוק און מייסטער לעבן אין קאָוונע.

דאָס לעבן און זיך אַרויסגעשלייכט דורך די דראָט־צוימען. גרופּעס יידן האָבן זיך אויסבאַהאַלטן אין די געדיכטע וועלדער פון ראַסײנער קרייז און מאַנכע אין שטאָט און דאָרף ביי ליטווינער. ווען די רויטע אַרמיי האָט זיך דערנענטערט צו די ליטווישע גרענעצן האָבן ליטווינער, וועלנדיק אויסקויפן זיך פאַר זייער קאָלאַבאָרירן מיט די דייטשן און איינשאַפן אַ פאַרזיכערונג אויף „אַן אַנדער צייט", אָנגעהויבן אויסבאַהאַלטן יידן, דאָס רוב פאַר געלט, אָבער פיל האָבן עס אויך געטאָן צוליב ריינער הומאַנישקייט. באַזונדערש האָבן עס געטאָן געוועזענע דינסטן ביי יידן, אַרבעטער און, דער עיקר, דאָרפס־לייט.

דאָס גיין צו די פאַרטיזאַנער איז געווען די וויכטיקסטע דערשיינונג אין געטאָ־לעבן. די ערשטע ידיעה וועגן קעמפנדע פאַרטיזאַנער איז געקומען סוף זומער 1943. די באַוועגונג האָט אַרומגענומען אַלע ריכטונגען פון דער יוגנט און געווען אונטערשטיצט פון אַלע געטאָ־איינוואוינער. די באַוועגונג האָט געגעבן די געטאָ־אַרעסטאַנטן גרויסע מאָראַלישע סאַטיספאַקציע און אין דעם איז געווען איר שטאַרקער כוח און צויבער. באַזונדערש האָט עס באַגייסטערט די יוגנט, וואָס האָט געגאַרט נאָך נקמה פאַר דאָס פאַרגאָסענע יידישע בלוט. אַ סך אָבער האָבן זיך געמוזט אָפּהאַלטן, בכדי ניט איבערצולאָזן זייערע משפחות אויף הפקר. אויך דער עצם וועג איז געווען אַ שווערער. מ'האָט געדאַרפט האָבן פאַרבינדונגען מיט דער אונטערערד־אָרגאַניזאַציע, פּאַסיקע בגדים, שפּייז און דער עיקר — אַ פּיסטאָלעט מיט קוילן. אָפטמאָל פלעגן קומען די פאַרטיזאַנער אויף באַזוך אין געטאָ און ברענגען פיל נייעס. אַ מאָל פלעגט זיך שפּירן אין זייערע רייד אַ טרויעריקער טאָן, אַז זיי פילן זיך ווי פאַרפאָלגטע...

דאָס אַנטלויפן — שרייבט דער מחבר — האָט אויך דערוועקט שווערע פּראָבלעמען. פון איין זייט, האָט דער „עלטסטנראַט" געזען אין דעם אַ רעטונג פאַר הונדערטער יונגעלייט און ניט געהאַט בדעה בשום אופן שטערן דער יוגנט צו קעמפן קעגן בלוטיקן שונא. פון דער 2־טער זייט, האָט דער „עלטסטנראַט" געוואוסט, אַז עס שטעקט אין דעם אַ גרויסע סכנה פאַרן גאַנצן געטאָ. וואָרעם ווי מ'זאָל ניט זיין פאָרזיכטיק און קאָנספּיראַטיוו, קאָן עס סוף־סוף דערגיין צום געסטאַפּאָ. די אַלע נאָכטראַכטענישן — זאָגט דער מחבר — האָבן ניט געהאַט קיין השפעה צו פאַרמינערן די גרויסע הילף, וואָס די געטאָ־מוסדות האָבן געלייסטעט פאַר די אַנטלויפנדיקע אין די וועלדער. אָן דער מיטהילף פון זיי וואָלט קיין איינער ניט געקאָנט אַוועק. געוועזענע יידישע אָפיצירן האָבן פּרייוויליק אינסטרוקטירט און געלערנט אין געהיים די קאַנדידאָטן צום וואַלד, ווי צו באַגיין זיך מיט געווער. נאָכמער — די יידישע פּאָליציי, בראש מיטן קאָמאַנדיר, און זייערע געהילפן האָבן פיל מיטגעהאָלפן זיי ביים אַרויסגיין דורכן טויער פון געטאָ. די יידישע פּאָליציי האָט לסוף פאַר דעם באַצאָלט מיט זייער לעבן.

נאָכדעם ווי שטיץ איז דערהרגעט געוואָרן אין ווילנע איז אויף זיין אָרט געקומען דער סאַדיסט און



הענקער, — דער פילמאַרטיסט מיט די וואָנציקעס — קיטל. דער זעלבער האָט אין ביזדאַנע (נעבן ווילנע) אונטערגעצונדן אַ באַראַק מיט יידן. ער האָט אָנגעהויבן ווערבירן מוסרים. 2—3 זיינען אַריינגעפאַלן אין זיין נעץ. די דייטשן האָבן פאַרשטאַנען, אַז אין געטאָ איז טעטיק אַן אונטערערדישע אָרגאַניזאַציע און אַז די יידישע פּאָליציי האָט אין דעם אַ האַנט. די רעזולטאַטן זיינען באַלד געקומען. כאָטש געקע האָט פאַר דעם באַרואיקט דר. על־קעסן, אַז דעם געטאָ דערוואַרט ניט קיין „לייכט ווינטל".

די יידישע פּאָליציי האָט באַקומען פון געקען אַ באַפעל זיך צו שטעלן אין פולן באַשטאַנד, ראַזירט און אין בלאַנקנדיקע שטיוול, דעם 27־טן מערץ פרי ביים בנין פון געטאָ־קאָמענדאַנטור. דערביי האָט זיין געהילף באַרואיקט, אַז ס'וועלן פאָרקומען איבונגען ווי זיך צו באַשיצן פון אַ לופט־אָנפאַל און אַז אין די מאַנעווערעס וועלן אויך אָנטייל נעמען דייטשן. שטענדיק פאַר אַן „אַקציע" — איז דער מחבר דאָ מגלה־סוד — פלעגט דער „עלטסטנראַט" באַקומען געהיימע ידיעות, וואָס פלעגן מתרה זיין וועגן אַ צרה. דאָסמאָל איז געלונגען די דייטשן גוט צו מאַסקירן און איינשלעפערן די וואַכזאַמקייט.

דעם 27־טן פרי האָט געהערשט פולקאָמע שטילקייט. אַלע אַרבעט־בריגאַדעס זיינען אַוועק צו זייערע טאָגטעגלעכע אַרבעטן. די פּאָליציי האָט זיך אויסגעשטעלט נעבן קאָמענדאַנטור־בנין מיטן געטאָ־אָרקעסטער אין דער שפּיץ. באַלד זיינען אַריינגעפאָרן 3 לאַסט־אויטאָס מיט באַוואָפנטע זעלנער בראש מיט געקען. דעם אָרקעסטער האָט געקע באַפוילן אַריינגיין אין קאָמענדאַנטורגעביידע און זיי האָבן אַ דאַנק דעם אויסגעמיטן דעם טויט. די סאָלדאַטן האָבן באַלד אַרומגערינגלט די יידישע פּאָליציאַנטן און אויפן באַפעל פון געקען זיי אָפּגעפירט אויפן 9־טן פאָרט.

מ'האָט זיי דאָרט געשטעלט דריי פאָדערונגען: וואו געפינט זיך דער קערפּער פון געקעס אַגענט — פיין[37], וואו האָט מען פאַרבאַהאַלטן די ווערט־זאַכן און אויפּווייזן, וואו ס'געפינען זיך בונקערס. ווער ס'וועט ניט אויסזאָגן — טויט. מ'האָט זיי געפּייניקט, אָבער ס'רוב האָט זיך ניט דערשראָקן פאַר די דראָאונגען. נאָר צום גרויסן בזיון האָבן 7 פון 140 ייד. פּאָליציאַנטן ניט אויסגעהאַלטן די טאָרטורן און מסכים געווען צו ווערן וועגווייזער פון די דייטשן. בעתן פּייניקן האָט דער לעצטער ייד. פּאָליציי־קאָמאַנדיר משה לעווין מיט זיינע לעצטע כוחות געשריען: „חברים, שווייגן... מיר זיינען אַלע פאַרפאַלן"... 90 האָט מען באַפרייט. משה לעווין מיט זיינע געהילפן — יודל זופּאָוויטש און איקא גרינבערג[38] און די איבעריקע האָט מען דערשאָסן.

37. דער אונטערערד האָט אים ליקווידירט. לויט ד"ר גרינהויז האָט מען אָפּגעראַמט 9 יידישע מוסרים.

38. אַלע 3 געווען מיטגלידער פון ווידערשטאַנד־באַוועגונג. דער 1־טער — אָנפירער פון מעמלער רעוויזיאָניסטן; דער 2טער — אלג. ציוניסט; דער 3טער — ארגון ברית־ציון.

די יידישע פּאָליציי האָבן זיי גלייך אָפּגעשאַפט און אויף זייער אָרט האָבן די דייטשן אויפגעשטעלט די „אָרדנונגס־דינסט” בראש מיט בענע ליפּצערן און זיינע געהילפן, די כוליגאַנישע שלעגערס אָרנשטאַם און מאַרגאָליס[39]. זיי זיינען שוין געווען, ווי דער מחבר דערציילט, אַ דירעקטער ווערקצייג אין די הענט פון דער דייטשער געטאָ־קאָמענדאַנטור. די לאַגע האָט זיך צוליב דעם אינגאַנצן געביטן, מ'האָט שוין ניט געהאַט קיין מעגלעכקייט צו שיקן מענטשן אין וואַלד. ס'איז שוין אויך דאַן ניט געווען ווער ס'זאָל עס אָרגאַניזירן און ניט קיין מוסדות וואָס זאָלן ביי דעם מיטהעלפן.

אין זעלביקן פרימאָרגן, דעם 27־טן מערץ 8 פרי און אויף מאָרגן איז פאָרגעקומען די שרעקלעכע „אַקציע” איבער קינדער און זקנים, דורכגעפירט מיט דער מיטהילף פון די „וולאַסאָווצעס” און ליטווישער פּאָליציי. 1300 קינדער און אַלטע לייט האָט מען אַרויסגעפירט קיין אוישוויץ און צום 9־טן פאָרט. אין דער טייוולאָנישער אַרבעט האָבן אויך אָנטייל גענומען די פאַרעטערישע עטלעכע מנוולים פון דער יידישער פּאָליציי.

נאָך דער יידישער פּאָליציי איז געקומען די ריי פון „עלטסטנראַט”. אַ וואָך נאָך דער „קינדער אַקציע” זיינען אַ פּאָר מאָל געקומען צום „עלטסטנראַט” קיטל און געקעס געהילף — פילגראַם און געפּאָדערט אַרויסגעבן אינזש. ש. ראַטנער און צ. לעווין[40]. די תשובה איז געווען, אַז מ'ווייסט ניט וואו זיי זיינען. ס'איז גלייך אויפפאַלנד געוואָרן, אַז ס'גרייט זיך אַ ניי אומגליק. דר. עלקעס האָט געעצהט גאַרפונקלען און גאָלדבערגן נעלם צו ווערן. אַליין האָט ער באַשלאָסן בלייבן און נעמען אויף זיך די אחריות. זיי האָבן ניט מסכים געווען אים אַליין איבערלאָזן. דאַן האָט דר. עלקעס אַרויסגענומען פון אַ פּאַפּירל ציאַנקאַלי און צעטיילט אויף 3 חלקים...

דעם 4־טן אַפּריל האָט מען דעם „עלטסטנראַט” מיט נאָך אייניקע זיינע מיטאַרבעטער — 11 מאַן — אַרעסטירט און אָפּגעפירט אויפן 9־טן פאָרט. קיטל און דער טורמעשעף האָבן זיי געדראָט מיט טויט, אויב זיי וועלן ניט אויסזאָגן וועגן דער טעטיקייט פון געטאָ־אונטערערד. 9 מענטשן, בתוכם דר. עלקעסן, האָט מען אויף מאָרגן באַפרייט. ווי ס'דערציילט דער מחבר, איז מען ביי זיי גאָרניט דערגאַנגען. אין אַ טאָג אַרום האָט מען אויך אָפּגעלאָזן אַדוו. גאָלדבערגן.

דר. עלקעס האָט זיך געמיט מיט אַלע כוחות גאַרפונקלען צו באַפרייען. ער האָט צולעצט מתרה געווען דעם געשטאַפּאָ־שעף, אַז אויב ס'וועט וואָס פּאַסירן מיט זיין קאָלעגע, וועט ער אויך באַגיין זעלבסטמאָרד.

ווי ס'זאָל ניט אויסקומען מאָדנע — שרייבט דער מחבר — האָט דער מאָטיוו, אינאיינעם מיט נאָך „ממשותדיקע” מאָטיוון, געווירקט. „ער דאַרף אָבער פאַרבלייבן אויף אייניקע טעג, ווייל אין זיין איצטיקן אויסזען איז ניט אָנגענעם אים צו ברענגען אין געטאָ” — האָט קיטל געזאָגט צו דר. עלקעסן. נאָך 9 טעג פייניקן האָט מען גאַרפונקלען באַפרייט און אים פאַראָרדנט צייטווייליק בלייבן אין דר. עלקעסעס וואוינונג, ביז ער וועט קומען צו די כוחות.

דעם 5־טן אַפּריל האָט מען פאָרמעל ליקווידירט דעם „עלטסטנראַט” און דר. עלקעסן באַשטימט אַלס „אָבער־יודע” פון קאָוונער קאָנצלאַגער. פאַקטיש האָט ער שוין ניט געהאַט קיין שום קאָמפּעטענץ. בדיעבד איז דער „עלטסטנראַט” שוין געווען איינגעשרומפּן מיט אַ רעכטער צייט פריער. אויפן אויבערפלאַך האָבן זיך אַלץ שטאַרקער געהאַט אַרויסגערוקט קאָנקורענטן, לכתחילה דער געסטאַפּאָ־אַגענט כספּי־סערעבראָוויטש און שפּעטער דער קאָלאָנען־פירער פון דער „געסטאַפּאָ־בריגאַדע” — בענאָ ליפּצער[41], וועלכע זיינען געוואָרן די כל־ולד'ס און אָנגעהויבן זיך מישן אין די ענינים פון „עלטסטנראַט” און געטאָ־לעבן.

דער מחבר ווייזט אָן, אַז ביז האַרבסט 1943 זיינען אַלע אינערלעכע ענינים, לכל הפּחות אָפיציעל, געלעגן אין די הענט פון דער ייד. געטאָ־„פאָרשטייערשאַפט”. די „ציווילפאַרוואַלטונג” און „געשטאַפּאָ” האָבן געגעבן — ווי דער מחבר באַשטעטיקט — אָנווייזונגען און באַפעלן און דער „עלטסטנראַט” האָט עס געדאַרפט אויספירן. ניט קוקנדיק אויף די שווערע באַגרענצונגען אין זיין זעלבשטענדיקייט, וואָס ער איז ניט געווען ביכולת צו ענדערן די גזירות אויף אַ קוצו של יוד און ניט נעמענדיק אין באַטראַכט די בלויזן, וואָס זיינען געווען אין דער טעטיקייט פון זיין אַפּאַראַט, — האָט דאָך דער עצם קיום פון „עלטסטנראַט” — מיינט ל. גאַרפונקל — געהאַט גרויס אָנזען... ווי דער מחבר שרייבט, האָט דער „עלטסטנראַט” כסדר זיך משתדל געווען אָפּצושוואַכן אין אַ מעגלעכער מאָס די דייטשע גזירות און אָפט איז אים עס געלונגען.

די אַרבעט פון „עלט.” איז ניט געווען ענלעך בכלל צו פאַרוואַלטן אַ יידישע קהילה אין נאָרמאַלע צייטן. דער „עלטסטנראַט” — שרייבט דער מחבר — האָט קיין זאַך ניט געהאַט צו געבן די געטאָ־מענטשן. זיין הויפּט־אויפגאַבע איז געווען צו צעטיילן צווישן די געטאָ־איינוואוינער די שווערע גזירות און באַפעלן, וואָס האָבן גוזר געווען די דייטשן פון „אַקציע” צו „אַקציע”. ער איז געווען געצוואונגען כמעט די גאַנצע צייט צו קומען צו די געטאָ־איינוואוינער ווי אַ מאָנער, פעדאַנטישער פאָדערער און אַפילו אַלס אַכזר. ער האָט נאָר געקאָנט ברענגען פאַרלייכטערונגען און הנחות אין אַ זייער באַגרענצטער מאָס.

אין אַזעלכע באַדינגונגען, פאַרשטייט זיך, — ווי־

39. לעבט אין ר"פ.

40. מיטאַרבעטער אין אַפּאַראַט פון „עלטסטנראַט” און פאַרבינדלער פון פאַרטיזאַנער־באַוועגונג. דער לעצטער לעבט מיט זיין משפחה אין ר"פ.

41. קיטל האָט אָפּגעפונען זיין בונקער און אים אויף אַ בעסטיאַלישן אופן דערמאָרדערט.

דערשפּרעכט זיך דאָ דער מחבר — האָט ניט געקאָנט זיין באַליבט ביים געטאָ ניט דער „עלטסטנראַט" און ניט די אויספירער פון זיינע פאַראָרדענונגען און החלטות. דער „עלטסטנראַט" האָט געמוזט די גאַנצע צייט גיין אויף אַ דינעם אָנגעצויגענעם שנירל און זיך היטן ניט צו פאַרלירן דאָס גלייכגעוויכט און ניט מאַכן קיין גורלדיקע פעלערן. די שייד־ליניע, וואָס איז געלעגן צווישן אויספירן די דייטשע באַפעלן מאונס און דעם אָנטייל מיט זיי אין טעטיקייט, איז געווען זייער מטושטש און דין. אַן עטוואָס אומפאָרזיכטיקער און ניט באַרעכנטער שריט, אַפילו מיט אַ גוטער כוונה צו ברענגען נוצן דעם געטאָ, האָט געקאָנט עלול זיין צו פאַרפלאָנטערן דעם „עלטסטנראַט" קעגן זיין ווילן און אים אַריינשלעפּן אין אַ תהום. ניט נאָר מאָראַליש דערנידעריקן זיין „גוטן נאָמען", נייערט געקאָנט ברענגען אויף אים און אויף דעם גאַנצן געטאָ גרעסערע יסורים, ווי זיי האָבן געהאַט. די גאַנצע צייט האָט געשוועבט איבער די קעפּ פון די מיטגלידער פון „עלטסטנראַט" סכנות נפשות. זיי זיינען געווען ערובניקעס און פאַראַנטוואָרטלעך פאַרן לעבן און סדר פון געטאָ. די כלל־אָנגעלעגנהייטן פון געטאָ האָבן געפאָדערט דרינגנדע שטרענגקייט קעגן יחיד. אַ געוויסע צאָל מיטאַרבעטער פון דער יידישער געטאָ־אַדמיניסטראַציע האָבן געטאָן ניט ווייניק שלעכטע מעשים — געדרן און אומגערן, און ועל כולם זיינען די מיטגלידער פון „עלטסטנראַט" געווען אויך ניט מער ווי פּשוטע בשר ודם...

4

דער לעצטער טייל איז געווידמעט דער געשטאַלטונג פון געטאָ־לעבן. אין קאַפּיטל „דייטשע און ליטווישע הערשער" גיט דער מחבר אַ ריי קורצע סילועטקעס פון ליטווישע און דייטשע מושלים, וואָס האָבן געהאַט די דעה איבערן יידישן נפש אין קאָוונער געטאָ און וויזט אָן זייער פאַרדאָרבנקייט און נידערטרעכטיקייט. דערביי דערמאָנט ל. גאַרפונקל צום גוטן דעם איינציקן „בעסערן" דייטש הערמאַן[42], לייטער פון קאָוונער דייטשן אַמט פאַר צוואַנג אַרבעט, וועלכער פלעגט בשעתו איבערגעבן וויכטיקע ידיעות צום „עלטסטנראַט". דער מחבר רעדט מיט דאַנקבאַרקייט וועגן די ליטווינער — געז. טוער, וואָס האָבן געהאָלפן יידן אין אַן עת צרה, צוו. אַ.: ד"ר קאַטערגיענע, די שרייבערין טשורליאָניעניע און איר טאָכטער, די אַלמנה פון שרייבער בינקיס, דער אָפּערע־זינגער ק. פּעטראוסקאַס און נאָך אַנדערע. וואַרעמע שורות ווידמעט דער מחבר דעם יידישן געלערנטן און היסטאָריקער פון דער נייער העברעאישער ליטעראַטור, ד"ר ח. נ. שאַפּיראָ[43], דעם קאָוונער היסטאָריאָ־

42. הערמאַן האָט אין 1946 אָפּגעגעבן אויפקלערונגען פאַר דער יידישער היסטאָרישער קאָמיסיע פון דער אַמעריקאַנער זאָנע.

43. עלטסטער זון פון קאָוונער הויפּט־רב. געווען לייטער פון דער העברעאישער קאַטעדרע אין ליטווישן אוניווערזיטעט. אויטאָר פון איייניקע ווערק אין העברעאיש און ליטוויש וועגן העב. ליטעראַטור. ער, זיין פרוי, זון און מוטער האָבן די דייטשן דורך אַן





גראַף און געז. טוער אבא באלאשער[44] און דעם יידישן שרייבער פון פוילן מיכאל בורשטין[45]. מיט גרויס פּיעטעט שרייבט דער אויטאָר וועגן ד"ר עלקעס[46], וועלכער האָט זיך מקריב געווען די גאַנצע צייט פאַרן כלל פון די געטאָ־אַסורים. צו דעם טייל געהערן אויך די קאַפּיטלען: עקאָנאָמיק און פרנסות, דאָס געטאָ און זיינע מוסדות, דער גייסט און „פּאָליטיק" פון געטאָ.

אין דער זעלבער אָפּהאַנדלונג באַגרינדעט ל. גאַרפונקל די מכלומרשטע פּאָליטיק פון געטאָ (לייען פון „עלטסטנראַט") מיט אַ מין טעאָריע, וואָס ער רופט עס „געטאָסאָפיע".

די יידן אין קאָוונער געטאָ האָבן כסדר דורכגעמאַכט פּסיכישע דערשיטערונגען, וואָס האָבן ניט קיין פּרעצעדענס אין דער געשיכטע. די שרעקלעכע קלעפּ אָן אויפהער אויף די געטאָ־אַרעסטאַנטן האָבן געווירקט — שרייבט דער מחבר — אַז במשך פון דער צייט זיינען די געפילן אין אַ געוויסער מאָס געוואָרן אַטראָפירט. ס'האָט ווי עקזיסטירט אַן עמאָציאָנעלער געזעץ איבערצוטראָגן די יסורים, אַן אומפאַרשטענדלעכער כוח האָט זיך אַנטוויקלט פון צופּאַסן זיך צו אַלע אויפטרייסלונגען.

בדרך כלל — זאָגט דער מחבר — האָט געהערשט אין געטאָ אַ שטימונג פון אָפּטימיזם. ביי אַלעמען איז געווען אַ שטאַרקער ווילן, מאַנכעמאָל אין אַן אומנאַטירלעכער פאָרם — לעבן און געניסן פון לעבן...

דאָס געטאָ איז געווען אין אַ מצב פון אַ שיף, וואָס זינקט אין מיטן ים און אירע פאַרצווייפלטע ס. אָ. ס.־רופן דערגייען ניט צו אַנדערע שיפן און קיינער איילט ניט צו געבן הילף. אויף דער שיף געפינט זיך אַ קליינע צאָל רעטונגס־גאַרטלען, וואָס סטייעט פאַר אַ קליינע צאָל פּאַסאַזשירן, און יעדער וויל מיט די לעצטע כוחות זיך אָנכאַפּן אָן אַ רעטונגס־גאַרטל.

פאַרשטייט זיך, אַז אַזאַ רעטונג איז אויפן חשבון פון אַ 2־טן, דעם ווייניק „גליקלעכן". אין אַזאַ צושטאַנד פאַרלירן די מענטשן דעם צלם אלוקים. אַלע געפילן און מענטשלעכע אייגנשאַפטן, אַלע געבאָטן פון מאָראַל ווערן בטל בששים אין אַזאַ שעה. אָנשטאָט דעם קומט דער נאַקעטער לעבנס־אינסטינקט, וואָס אַכטעט ניט דאָס רעכט פון אַן אַנדערנס לעבן.

אַזעלכע רעטונגס־גאַרטלען, אין אַ קליינער צאָל, זיינען געווען אין געטאָ תמיד און פאַרשיידענע: איינמאָל זיינען דאָס געווען די „יאָרדאַן־שיינען", אַ צוגאָב צום שפּייז־

אינדיווידועלער אַקציע דערשאָסן אין 1943 אויפן 9־טן פאָרט און זייערע בר־מינגס אַריינגעוואָרפן אין די שייטערס פון די ברענענדיקע קערפּערס.

44. געשטאָרבן אין דאַכאַו.

45. אויטאָר פון „ביי די טייכן פון מאַזאָוויע" און אַנדערע ביכער. געשטאָרבן אין דאַכאַו, 28־טן מערץ 1945. זיין זון — אין ישראל.

46. געשטאָרבן אין דאַכאַו 17־טן אָקטאָבער 1944. טשעקאַווע, וואָס אין „פעלקישן בעאָבאַכטער" איז בשעתו געווען אַ מודעה, אַז אין זעלביקן טאָג איז דערהרגעט געוואָרן אויפן איטאַליענישן פראָנט דער נאַצי־מערדער געקע.

ראַציאָן, באַקומען אַ בינטל האָלץ, אַ מעגלעכקייט צו פאַרבינדן זיך מיט אַ ליטווינער (צוליב בייטן בגדים אויף שפּייז אָדער קאָנען אָפּגעבן אויסבאַהאַלטן אַ קינד); אַן אַנדערש מאָל — אַ גוטע „אַרבעט־בריגאַדע“, אַן אָרט אין די „גרויסע געווערקשאַפטן“, אַ פּאָסטן אין דער אַדמיניסטראַציע פון „עלטסטנראַט“ אָדער אַ מקום אין אַ „מעלינע“. די רעטונגס־גאַרטלען האָבן געווירקט צו אַ פאַרצווייפלטן קאַמף צווישן שוואַכע און שטאַרקע, צווישן שטאַרקע און שטאַרקע — אַ ביטער געראַנגל מיט אַלע זיינע טראַגישע רעזולטאַטן.

די געטאָ־איינוואוינער זיינען געווען די גאַנצע צייט אין אַ סיטואַציע פון פאַרמשפטע צום טויט, וואָס זייער פּסק־דין איז אָפּגעלייגט אויף אַן אומבאַשטימטן טאָג, אָבער וואָס וועט בלי ספק קומען, אויב ס׳וועט ניט געשען קיין נס. „מיר זיינען אַלע מענטשן, וואָס זיינען פאַרמשפט צום טויט, נאָר מיר האָבן באַקומען אַ פּראָלאָנגאַציע פון תליון“. אַזעלכע מענטשן זעען דאָס לעבן און מאָראַלישע ווערטן אַנדערש ווי מענטשן, וואָס לעבן אין נאָרמאַלע באַדינגונגען. מען דאַרף דעריבער זיך ניט וואונדערן — מיינט דער מחבר — אויף אַ געוויסער ירידה פון עטיק און אויף אַ מאַנגל פון מענטשלעכע באַציאונגען בין אָדם לחברו. ניט ווייניק פאַלן זיינען געווען פון עגאָאיסטישער ברוטאַליטעט, ווילקירלעכקייט, מיסברויכן, שווינדלעריי, גניבה און אַפילו גזילה. ס׳האָט געטראָפן אַ געשיכטע, ווען יידן האָבן דערמאָרדעט אַ גאַנצע משפּחה לשם באַרויבונג. באַזונדערש שרעקלעך איז געווען די צעלייגונג פון משפּחה־לעבן אין די „אויבערשטע שיכטן“ פון געטאָ. ס׳זיינען אויך געווען פאַר דעם גענוג אָביעקטיווע סיבות, ווי למשל, מער פרויען ווי מענער; עגונות, וואָס האָבן געדאַרפט קעמפן פאַרן טעגלעכן קיום און זיך גענייטיקט אין האָבן אַ באַשיצער; די גרויסע ענגשאַפט א. ד. גל.

מ׳וועט מאַכן אַ טעות, אויב מ׳וועט וועלן מאַכן דעם אויספיר — שרייבט ל. גאַרפונקל — אַז ס׳רוב געטאָאַרעסטאַנטן האָבן געזונקען אין מ״ט שערי טומאה פון זנות, שאַנטאַזש און הפקרות. ריכטיק איז דאָס פאַרקערטע. ס׳זיינען געווען אָפטע דערשיינונגען פון ריינעם אַלטרואיזם, אמתע געטריישאַפט, קעגנזייטיקע הילף און איבערגעגעבנקייט. ס׳זיינען געווען ניט קיין קליינע סאָציאַלע אַנטאַגאָניזמען אין לעבנס־שטייגער און אונטערשיידן אין אָנשויאונגען. אָבער דער שותפותדיקער גורל האָט אַלעמען געקניפּט און געבונדן אין איין סאָלידאַרע גאַנצקייט. כאַראַקטעריסטיש, וואָס עס זיינען ניט געווען קיין מוסרים. די מעשה פון אייניקע, וואָס האָבן זיך פאַרקויפט דעם נאַצישן טייוול, בייט ניט די אַלגעמיינע דערשיינונג פון לאָיאַליטעט און קאָנסעקווענטע טרייהייט פון כמעט אַלע איינוואוינער צו זייערע ברידער אין געטאָ. כמעט קיין איין סוד, סיי פון יחיד און סיי פון כלל, איז ניט דערגאַנגען צו די דייטשן...

אין אַזעלכע באַדינגונגען האָט ניט געקאָנט זיין אין געטאָ קיין געזעלשאַפטלעכע טעטיקייט און דאָך האָבן זיך





געמערקט דערשיינונגען פון אַ געזעלשאַפטלעכן לעבן און פאַרטייאישער אַרבעט, פאַרשטייט זיך — אַלץ קאָנספּיראַטיוו. די חלוצישע יוגנט, דער אַזוי גערופענער „קאָלעקטיוו“ האָט צונויפגעשטעלט גרופּעס פאַרטיזאַנער און אַוועק אין די וועלדער. אין געטאָ האָט עקזיסטירט אַ קאָמוניסטישע אָרגאַניזאַציע, וואָס האָט געהאַט אַ נאָענטע פאַרבינדונג מיטן „עלטסטנראַט“, בפרט מיט אייניקע זיינע מיטאַרבעטער.

דאָס געטאָ, וואָס איז אָפּגעגאַנגען מיט בלוט, האָט געפירט אַ „פּאָליטיק“ פון הבלגה[47]. דער גורם צו דעם — האַלט דער מחבר — איז געווען די טייוולאָנישע טאַקטיק פון די דייטשן, וואָס האָבן אַרויפגעלייגט אויפן כלל קאָלעקטיווע אַחריות פאַר יעדן טאַט פון איר יחיד. ס׳זיינען געווען נאָר 2 וועגן: איינער — הבלגה דורך ציין־קריצעניש... בכדי צו געווינען צייט און זוכה זיין צו דער גאולה, און דער צווייטער — אָפענער בונט קעגן די פייניקער, אַ מין „תמות נפשי עם פלשתים“. קיין דריטער אויסוועג איז ניט געווען...

דער 2־טער וועג, — דערקלערט ל. גאַרפונקל — איז דאָך פאַקטיש קאָלעקטיווער זעלבסטמאָרד פון אַ גאַנצן ציבור אָן דעם צו ברענגען אַ וועלכן ס׳איז שינוי לטובה אין דער שטעלונג פון די נאַציס לגבי די יידן. אַ פּשיטאָ שוין האָט עס ניט געקאָנט ברענגען צום טויט פון די „פלשתים“. וואָלטן מיר געגאַנגען מיטן וועג פון אַ בונט, דורך פולקאָמען יאוש, וואָלטן מיר געוויס געטאָן אַ וואונדערלעכע גבורה, וואָס וואָלט ניט איינמאָל גענוצט פאַרן נאַציאָנאַלן עפּאָס.

אָבער צי קאָן מען קומען מיט טענות צו אַ קיבוץ — פרעגט ל. גאַרפונקל — פאַרוואָס ער איז ניט באַגאַנגען זעלבסטמאָרד, אָדער האָט ניט געשטעלט קיין אָפענעם ווידערשטאַנד צוליב זיין אייגענעם כבוד־וועגן און כבוד פון גאַנצן פאָלק? צי קאָן מען די געטאָ־פאַרפייניקטע דערפאַר צושרייבן לגנאי, וואָס זיי זיינען געווען „פאַנטאַזיאָרן“ און האָבן זיך ניט געלאָזט פאַנגען פון יאוש?

איז דען דער כבוד פון אַ מענטשן געלעסטערט, אויב אַ ווילדע און דורשטיקע נאָך בלוט חיה פאַלט אָן אויף אים, קרעלט אים מיט זיינע שאַרפע נעגל און טרעט אים מיט די פיס פאַר אַלעמען אין די אויגן און קיינער איילט אים ניט צו ראַטעווען?

דער הייליקער העלדישער טאַט פון די שרידי־וואַרשע וועט אייביק דערמאָנט ווערן אין דער געשיכטע צום לויב אויף אַלע דורות. אָבער דאָס הייסט ניט, אַז ס׳איז דאָ אַוועלכע ס׳איז גערעכטיקייט צו פאַראַכטן די איבעריקע געטאָס און בתוכם די קאָוונער, צוליב דעם, וואָס זיי זיינען ניט אַרויס אין אָפענעם קאַמף קעגן די נאַציס און זייערע אָרטיקע מיטהעלפער. אויך זיי זיינען ראוי צום טראַגישן כבוד פון טראָגן דעם טיטול: „געטאָ־ווידערשטענדלער“. אויב זיי זיינען ניט אַרויסגעטראָטן אָפן קעגן זייערע פייניקער, האָבן זיי דאָך יעדע שעה און

47. באַהערשונג, געדולדיק איבערוואַרטן.

רגע געקעמפט און זיך קעגנגעשטעלט קעגן זיי דורך זייער וואונדערלעכן לעבנס־כוח און העכערער זעלבסטאָפּפערונג. זיי האָבן אָרגאַניזירט אונטערערד־טעטיקייט, סאַבאָטאַזש און ביי יעדער געלעגנהייט אומאויפהערלעך פּאַרירט די נאַצישע גזירות, ניט דערלאָזנדיק, אַז דער קיבוץ זאָל דערגיין צו פולקאָמער דעמאָראַליזאַציע.

וויפל גבורה און ענערגיע פאָדערן זיך ביי אַט אַזעלכע „קליינקייטן", און בפרט ביי אַזאַ געהויבענער טאַט, ווי אַרויספירן מענטשן פון געטאָ צו די פּאַרטיזאַנער אין וואַלד, בכדי געבן אַ מעגלעכקייט דער יוגנט זיך באַטייליקן אין הייליקן קריג קעגן די נאַצי־מערדער. — — —

*

עס איז שווער אָפּצושטעלן זיך בפרטרוט אויפן פולן אינהאַלט פונעם בוך. חורבן ליטעראַטור לאָזט זיך איבערהויפּט ניט איבערדערציילן. מ'דאַרף עס אַליין לייענען און לאָזן דעם מחבר ריידן מיט זיין אייגענעם לשון.

דער גורל פון קאָוונער געטאָ, וואָס האָט, ווי באַקאַנט, עקזיסטירט אַמלענגסטן, איז בדרך כלל ענלעך מיט געוויסע ניואַנסן צום גורל פון אַלע איבעריקע געטאָס. פון אַלע ליטווישע יידן, וואָס זיינען אַריינגעפאַלן אין די נעגל פון דער ברוטאַלער בעסטיע, זיינען געבליבן, ווי עס גיט אָן דער מחבר, קוים 2—3 פּראָצ. ביים לעבן. דער רוב פון יידישע פאָלקס־שיכטן, — די אמתע כולו זכאי־יידן — די האָרעפּאַשניקעס און אינטעליגענטן זיינען פאַרשניטן געוואָרן דורך ליטווינער מערדער און דייטשן קאַניבאַלן.

דער מחבר שילדערט די געשעענישן פון קאָוונער געטאָ כמעט אין אַלע גלגולים, בפרט די געשעענישן, וואָס זיינען פאַרבונדן מיט דער טעטיקייט פון „עלטסטנראַט". ס'וואָרט „עלטסטנראַט" אָדער „יודנראַט" רופט אַרויס טרויעריקע רעמינעסצענצן, ווייל דאָס דערמאָנט אָן אַ געוויסער קאַטעגאָריע יידן, וואָס האָבן ווי דערגאַנצט דעם דייטשן טעראָר און געלעבט אויפן חשבון פון יענעמס ליידן, דורך קאָלאַבאָראַציע און פאַראַט. טרעפלעך האָט פאָרמולירט וועגן אָט דער יידישער פאַרזעניש, — דעם „יידנראַט", וואָס איז געווען געשאַפן אַלס ווערקצייג אין די הענט פון דער נאַצישער חיה — דער אומגעקומענער היסטאָריקער און בעל־פּנקס פון וואַרשעווער געטאָ ד"ר ע. רינגעלבלום[48]. אָבער, פאַראורטיילנדיק זייער אָריענטאַציע, דאַרף מען דאָך אויסטיילן די יעניקע „עלטסטנראַט"־מיטגלידער און מיטאַרבעטער, וועלכע האָבן אַרויסגעוויזן פּאָזיטיווע באַציאונגען צו דער אונטערערד און ווידערשטאַנד־באַוועגונג און זיי אַלזייטיק אונטערשטיצט. צו דעם סוג געהערט אויך דער טייל פון קאָוונער „עלטסטנראַט" בראש מיטן אומגעקומענעם דר. אלחנן עלקעס, וואָס האָבן זייער לעבן געשטעלט אין קאָן לטובת דער אַלגעמיינער זאַך. בפרט, אַז זייערע

48. זע : בלעטער פאַר געשיכטע, פון ייוואָ.



נעמען דערמאָנען די שארית־־ליטא פון פאַרשיידענע ריכטונגען צום גוטן.

דאָס בוך „קובנה היהודית בחורבנה" איז געשריבן מיט אַ סך איבערגעגעבנהייט, קאָנטראָלירטער איינגעהאַלטנקייט און אינטעלעקטועלער סאָלידקייט, ניט קוקנדיק אויפן מחברס אָפּגעפרעגטער קאָנצעפּציע פון אָנגענומענע געוויסע פּאָראורטיילן. דער גוט־געבויטער טעקסט און אַ ריי זאַכלעכע אינטערפּרעטאַציעס ווייזן אויף פיינער פובליציסטישער גענייטונג. ל. גאַרפונקל אַנאַליזירט די געשעענישן מיט כאַראַקטעריסטיש פאַר אים פּסיכאָאַנאַליטישן חשבון־הנפש. טיילמאָל טראָגן זיינע אַרויסגעזאָגטע מיינונגען טונקעלע אַבסטראַקציעס און טענדענץ פון אַפּאָלאָגעטישע אייגנשאַפטן. מאַנכעמאָל ביים אָפּשאַצן סאָציאַל־פּאָליטישע פּראָבלעמען מאַכט ער לאַפּסוסן, אין אַ ריי דאַטעס און אָנגאַבן געפינט איר אומפּינקטלעכקייטן און פיל מאָל איז דער מחבר זיך אַליין סותר. פאָרזיכטיק און קאַרג איז ל. גאַרפונקל ביים אַרויסברענגען פאַקטן, וואָס קאָנען דעמאַסקירן די דעזאָריענטאַציע פון קאָוונער „עלטסטנראַט". לגמרי מיידט ער אויס צו באַרירן די פּערזאָנען פון דער ייד. געטאָ־אַדמיניסטראַציע, וואָס האָבן אויסגעאיבט זייער נעגאַטיווער אויסווירקונג אויפן לעבן פון די געטאָ־אַסורים[49]. אויב איר שטויסט זיך אָן ערגעץ מיט אַ רמז פון רעלאַטיווער באַטייט, איז עס, ווי מען דריקט זיך אויס אין העברעאיש : „מגלה טפח ומכסה טפחיים". בלאָס זיינען די ידיעות וועגן דער פּאַרטיזאַנער־באַוועגונג, איבערהויפּט וועגן די יידישע „ווילדע" גרופּן־ווידערשטענדלער, וואָס האָבן געגעסטעט אין די ליטווישע וועלדער. צו לעצט לוינט אָנצואווייזן אויף דעם, אַז די געבראַכטע נעמען אין דער העברעאישער טראַנסקריפּציע וואָלט מען געדאַרפט בעסער געבן מיט נקודות. ווייל אַ ניט ליטוואַק, וועלכער איז ניט באַקאַנט מיט דער גאַנצער אָרטיקער מיליע, קאָן לייענען די ליטווישע נעמען קאַפּידרעך.

פּאָליגראַפיש איז דאָס בוך אנשטענדיק אַרויסגעגעבן, אַגב, מיט אייניקע פאַרדריסלעכע גרייזן און אַן אַרויסגעפאַלענער שורה טעקסט.

גרויס חשיבות גיט צו, וואָס דאָס בוך איז פאַרזען מיט בילדער און איינדרוקפולע גראַפישע צייכענונגען פון קאָוונער געטאָ, אין דער אויספירונג פון אומגעקומענעם טאַלאַנטפולן קאָוונער מאָלער יעקב ליפשיץ און ישראל־קינסטלערין אסתר לוריע. דאָס בוך האָט אַ קורצן אַריינפיר־וואָרט פון באַקאַנטן קענער פון אינטערנאַציאָנאַלן רעכט דר. יעקב ראָבינזאָן.

פאַר יעדן לייענער, און בתוכם פאַרן שרייבער פון די שורות, וועמעס נאָענטסטע זיינען געוואָרן אומגעבראַכט, איז דאָס בוך אַ פּערזענלעכער דאָקומענט פון זיין אייגענער פיינפולער איבערלעבונג און דורכלעבונג.

סוף אויף זייט 673

49. ביים מחבר פון די שורות געפינען זיך בריוו פון שרידי־הפליטה, וואו זיי קלאָגן זיך, אַז אַזעלכע קרעאַטורן פאַרנעמען ווייטער פּאָזיציעס אין דער יידישער געזעלשאַפטלעכקייט.

יצחק קאָוואַלסקי

# אַ נייע פּויליש־דייטשע צייטונג

דעם 4־טן יאַנואַר 1942 איז אָרגאַניזירט געוואָרן די פאַראייניקטע פּאַרטיזאַנער אָרגאַניזאַציע, וועלכע איז געווען פּאָפּולער אונטערן נאָמען פ. פּ. אָ. דאָס איז געווען אַ פאַראייניקונג פון אַלע וויכטיקסטע יידישע פּאַרטייען אין ווילנער געטאָ, וועלכע האָבן עקזיסטירט אין דער פאַרמלחמהדיקן פּעריאָד.

אויף איינעם פון די צוזאַמענקונפטן פון שטאַב פון פ. פּ. אָ. האָב איך געבראַכט מיין פּראָיעקט צו אָרגאַניזירן אַ געהיימע דרוקעריי, וואו עס זאָל צוגעגרייט ווערן אַ צייטונג פאַר דער ניט־יידישער באַפעלקערונג.

יעדער מיטגליד פון שטאַב האָט זיך אָפּגעגעבן אַ קלאָרן חשבון, אַז אַזאַ זאַך איז פאַרבונדן מיט גרויסע סכנות ניט נאָר פאַר די יחידים, וואָס וועלן זיך מיט דעם פאַרנעמען, נאָר אויך פאַרן קיום פון גאַנצן געטאָ. אָבער צוליב דער אויסערגעוויינלעכער וויכטיקייט פון דער זאַך האָט דער שטאַב, נאָכן באַהאַנדלען דעם ענין אויף אַ פּאָר זיצונגען, דאָך באַשלאָסן צו אָרגאַניזירן אַ געהיימע דרוקעריי. איך בין באַפולמעכטיקט געוואָרן די זאַך דורכצופירן.

כדי צו פאַרקלענערן די ריזיקע געפאַר פאַרן געטאָ, האָט דער שטאַב באַשלאָסן, אַז די דרוקעריי זאָל זיך געפינען אויסערן געטאָ. מ׳האָט עס דעריבער איינגעאָרדנט ביי אַ קריסט, וועלכער איז געווען אַן אויפריכטיקער פּוילישער פּאַטריאָט.

די זאַך איז געווען אַזוי קאָנספּיראַטיוו, אַז אויסער אַ פּאָר מענטשן פון שטאַב האָט קיינער ניט געוואוסט, וואו דער אָרט פון דער דרוקעריי דאַרף זיין און ווער ס׳זיינען די מענטשן, וועלכע וועלן מיט מיר קומען אין קאָנטאַקט וועגן דאָזיקן ענין.

יוסף גלאַזמאַן האָט מיר געמאָלדן, אַז איך וועל דאַרפן שטיין אין קאָנטאַקט מיט דער אומגעהויער דרייסטער און איבערגעגעבענער חברטע סאָניע מאַדייסקער. זי האָט מיר צום ערשטן מאָל צוזאַמענגעבראַכט אין שטאָט מיטן אויבנדערמאָנטן קריסט, וואָס זיין נאָמען איז געווען יאַן פּשעוואַלסקי.

פון דעם טאָג, וואָס כ׳האָב זיך מיט אים באַקענט, האָב איך געהאַט מיט אים כמעט טאָג־טעגלעך צו טאָן אין משך פון איבער אַ יאָר. ער האָט אַרויסגעוויזן אויסערגעוויינלעכע איבערגעגעבנקייט און גרויסן מוט ביים אָרגאַניזירן די זאַך פון דער געהיימער דרוקעריי.

די הויפּט־פראַגע איז געווען: וואו נעמט מען זאַץ, דרוק־מכשירים א. אַ. וו.? איין וועג איז געווען: אַריינבאַקומען זיך אין אַ דייטשישער דרוקעריי, כדי פון דאָרטן אַרויסצוטראָגן אַלץ, וואָס מען דאַרף אויף צו קאָמפּלעטירן און אָרגאַניזירן אַ קאָנספּיראַטיווע דרוקעריי.

ווי פירט מען דורך אַזאַ פּלאַן? איך האָב קודם כל באַשלאָסן זיך צו ווענדן צו מיינעם אַ באַקאַנטן ליטווישן דירעקטאָר, וועלכער האָט אָנגעפירט מיט דער דייטשער מלוכהשער דרוקעריי „אַושראַ“, אַז ער זאָל מיר דערמעגלעכן אַרבעטן אין דער דאָזיקער אונטערנעמונג.

איין אָוונט בין איך אַרויס פון געטאָ אָן די געלע לאַטעס און בין אַוועק אין דער פּריוואַטער וואוינונג פון דאָזיקן דירעקטאָר. בשלום דורכגעגאַנגען אַ שטיק שטאָט. כ׳געפין זיך שוין ביים הויף פון מיין ציל. כ׳קלינג אָן. די טיר עפנט מיר פונקט דער דירעקטאָר אַליין. ער איז צעמישט און איבערראַשט פון מיין „וויזיט“. ער ווייזט מיר אָן מיטן פינגער אויפן מויל, אַז כ׳זאָל שווייגן, ווייל מען איז גראָד ביי אים אין שטוב דאָ און דווקא אַזעלכע אורחים, וועלכע טאָרן קיין יידיש פּנים ניט זען, ווייל ס׳קאָן זיין אַ געפאַר. ער פאַרשטעקט מיך אין אַ דערבייאיקן קליין צימערל און גייט אַריין צו די געסט. דעם „שפּייער“ האַלט איך פעסט און גרייט, אויב ס׳וועט זיך אַרויסווייזן, אַז ער האָט מיך פאַרנאַרט אין דעם דאָזיקן פינצטערן צימערל. אַזוי איז מיר אויסגעקומען צו שטיין איבער אַ שעה. פאַרשיידענע געדאַנקען זיינען מיר דאַן דורכגעגאַנגען דורכן מוח. איז ער ניט דורך דער הינטער־טיר אַרויס רופן פּאָליציי, — ווי דאָס פּלעגט

סוף פון זייט 672

די פאַרבליבענע דעפיניטיווע דאָקומענטאַלע מאַטעריאַלן פון דער קאַטאַסטראָפע ליגן, צום באַדויערן, פאַרשלאָסן ערגעץ אין די סייפן פון געוויסע רעגירונגס־אַרכיוון. דעריבער שטעלן מיט זיך פאָר די דערשינענע ביכער און פאַרעפנטלעכטע זכרונות פון די עדיות־ראיה פון קאַטאַקליזם אַ וויכטיקע און ווערטפולע מאַטעריאַלזאַמלונג, וועלכע וועט דעם קינפטיקן היסטאָריקער דינען ווי אַ יסוד און מקור פאַר זיינע פאָרשונגען און וויסנשאַפטלעכע סינטעזן, בכדי צו באַלייכטן די פּראָבלעמען אויף וועלכע מיר האָבן נאָך ניט קיין פולשטענדיקן קלאָרן ענטפער.

דער היסטאָריקער וועט ניט קאָנען אויסמיידן דאָס בוך פון ל. גאַרפונקל ווי אַנדערע ענלעכע חיבורים ביים שטודירן די געשיכטע פון אומקום פון קאָוונער יידן. אַזאַ בוך איז אַ פּאָזיטיווער צושטייער פאַר דער פאָרשאַרבעט פון חורבן־ליטא.

זייער אָפּט טרעפן, ווען אַ ייד פלעגט אַריינגיין צו אַ קריסט — און מיך אין זייערע הענט איבערגעבן?

צו מיין דענערווירן נעמט אָבער אַ סוף, ווען כ׳הער, אַז די געסט האַלטן שוין די קליאַמקעס אין די הענט, כדי צו פאַרלאָזן זיין וואוינונג. ס׳דערטראָגן זיך צו מיר די ווערטער: „לאבא נאקטיס" (ליטוויש — אַ גוטע נאַכט).

די טיר פון מיין חדרל עפנט זיך און דער דירעקטאָר רופט מיך אַריינצוגיין אין גאַסט־צימער. ער פאַרריגלט די טיר אויף אַלע קייטלען און פירט מיך אַריין אין זיין הויפּט־צימער.

כ׳טרעט צו צום שמועס. „כ׳בין געקומען צו אייך — הויב איך אָן — מיט פאָלגנדיקער ביטע: היות כ׳אַרבעט פאַרשיידענע שווערע אַרבעט ביי די דייטשן (באמת, האָב איך געאַרבעט ווי אַ צוואַנגס־אַרבעטער אין בנין פון ייוו״אָ, וואו ס׳האָבן געבאַלעבאַטעוועט גדולים פון ראָזענבערגס נאַצי־שטאַב און האָב גראָד געהאַט אַ לייכטע און אינטערעסאַנטע אַרבעטביים סאָרטירן דעם אַרכיוו פון ייוו״אָ), וואָלט איך זייער ווֹעלן, אַז איך זאָל זיך קענען



דער ייוואָ־בנין אין ווילנע

איינאָרדענען מיט אַרבעט ביי אייך אין דרוקעריי. איר ווייסט דאָך, אַז איך בין אַ גוטער פאַכמאַן און בין זייער פאַראינטערעסירט צו אַרבעטן ביים פאַך. דער דירעקטאָר שטעלט אויס אַ פּאָר אויגן: — יאָ, אָבער עס איז דאָך ניט מעגלעך, אַז אַ ייד זאָל ביי היינטיקע באַדינגונגען אַרבעטן אין אַ דייטשער דרוקעריי. ביי אונדז אין ליטע איז נאָך ניט געווען אַזאַ פאַל.

— נו, איז וואָס, וועט דאָס זיין דער ערשטער פאַל — זאָג איך רויק — איר האָט דאָך די געהעריקע פאַרבינדונגען אין דייטשישן אַרבעטס־אַמט און איר קענט פועלן אויף וואָסער ניט איז אופן, אַז כ׳זאָל ביי אייך קענען ווערן באַשעפטיקט.

קנייטשנדיק מיטן שטערן, זאָגט ער צו מיר — גוט, מיר וועלן זען. כ׳וועל פּרואוון טאָן, אַז איר זאָלט ביי מיר קאָנען אַרבעטן. קומט אַריין צו מיר מאָרגן, צווישן 8 און 8,15 אין אָוונט און כ׳וועל אייך זאָגן די תשובה פון דייטשן אַרבעטס־אַמט.

באַדאַנקענדיק אים העפלעך, פאַרלאָז איך אַ צופרידענער זיין דירה.

אויף צומאָרגנס פּינקטלעך אין דער באַשטימטער צייט קום איך צו דעם דירעקטאָר. דאָס מאָל עפנט מיר די טיר זיין פרוי און גיט צו, אַז דער מאַן וואַרט שוין אויף מיר. דער ערשטער ברוך־הבא איז מיר גאַנץ גוט געווען געפעלן... באַגריסנדיק זיך מיט דעם דירעקטאָר, קוועטשט ער צו מיין האַנט און זאָגט: ס׳האָט זיך מיר איינגעגעבן. כ׳האָב צוגעטראַכט אַ ווירקזאַמען מיטל, זאָגט דער דירעקטאָר, אַזוי, אַז ס׳האָט זיי געמוזט נעמען. כ׳האָב נאָכן דורכריידן זיך מיט דעם טעכנישן לייטער פון דער דרוקעריי אים געזאָגט, אַז צו דער שנעל־פּרעס־מאַשין וואָלט מען געדאַרפט האָבן אַ ספּעציאַליסט, וועלכער געפינט זיך אין געטאָ. ער איז מיינס אַ געוועזענער מיטאַרבעטער. איך וואָלט אים וועלן העלפן ביי קריגן לייכטערע אַרבעט. דאַן האָב איך דיקטירט אַ בריוו צום דייטשן אַרבעט־אַמט, אַז אַזוי ווי די און די מאַשין האָט ניט די געהעריקע פאַכמענישע באַדינונג, דראָט אַ סכנה, אַז די טעגלעכע פּויליש־דייטשע צייטונג, וועלכע איז אין רשות פון פּראָפּאַגאַנדע־מיניסטעריום פון דייטשן רייך, זאָל אויפהערן פּינקטלעך צו דערשיינען און אַז מען קען דאָס פאַרהיטן, אויב דער דייטשער אַרבעטס־אַמט זאָל דערלויבן נעמען אויף אַרבעט אַ „יודע", וועלכער געפינט זיך אין געטאָ.

באַקומענדיק אַזאַ בריוו, פון דירעקטאָר שקעמאַס, האָט מען תיכף געמאַכט אַן אויסנאַם און אים דערלויבט צו נעמען אויף אַרבעט דעם „יודע". מען האָט אָנגעגעבן דעם נאָמען און וואוין־אָרט. דער דייטשער אַרבעטס־אַמט האָט גלייך באַפוילן דעם געטאָ אַרבעטס־אַמט צו דערלויבן מיך צו גיין צו דער אַרבעט אין דער דרוקעריי „אַושרא".

אַלץ קומט פאָר גיך. די געהעריקע דערלויבעניש האָב איך שוין אויף מאָרגן אין דער האַנט מיט אַ פּאַסירשיין, וואָס גיט מיר דאָס רעכט אַליין צו גיין צו דער אַרבעט און צוריק אין געטאָ (נאַטירלעך, אויפן ברוק און ניט אויף דער לאַווע...).

נאָכן אָפּאַרבעטן אַ פּאָר טעג און שוין באַוויזנדיק זיך צו באַקענען מיט פיל קריסטלעכע אַרבעטער (אַ טייל האָב איך געקענט פון פריער), טרעט איך צו צו טאָן מיין אמתע אַרבעט, צוליב וועלכער איך בין אַהער געקומען. די ערשטע פאַזע פון דער אַרבעט איז גנבענען שריפט און עס געבן דאָרט, וואו מען דאַרף. פאַרן דאָזיקן צוועק איז אָפּגערעדט געוואָרן, אַז מיטאָג־צייט, ווען ס׳ווערט געעפנט די אַרויסגאַנג־טיר פון דער דרוקעריי, זאָל אויף דער אַנטקעגנדיקער זייט פון דעם דרוקעריי־בנין זיך געפינען אַ מענטש, וועמען כ׳זאָל קענען איבערגעבן די אָנגעגנבעטע שריפט.

פּינקטלעך 12 אַזייגער, ווי נאָר מען עפנט די טיר, טראָג איך אַרויס אומבאַמערקט אין אַלע קעשענעס און אין מאַנאַשקע, וועלכע כ׳טראָג כלומרשט צו נעמען עסן, און גיב עס איבער דעם שוין אויף מיר וואַרטנדיקן קריסט יאַן פּשעוואַלסקי. כ׳קריג גלייך פון זיין פּאָרטפעל

צוריק פינקטלעך אַזאַ מאַנאַשקע, אומקערנדיק זיך געשווינד צוריק אין דער דרוקעריי, וואו איך כאַפּ נאָך פון די לעצטע אַ מיטאָג.

אַזוי האָט עס אָנגעהאַלטן אַ לענגערע צייט. טאָגטעגלעך זיינען אַרויסגעטראָגן געוואָרן פאַרשיידענע שריפטן, פון וועלכע מען האָט קאָמפּלעטירט די געהיימע דרוקעריי. כדי צו פאַרשנעלערן דאָס אַרויסגנבענען פון שריפט איז שפּעטער באַשטימט געוואָרן, אַז פינף נאָכמיטאָג זאָל געמאַכט ווערן אַ צווייטע „עקספּעדיציע" פון די דרוק־מאַטעריאַלן. נאָכן אָפּאַרבעטן אַזוי איבער 3 מאָנאַטן האָט זיך אָנגעקליבן גענוג שריפט, אַז מען האָט שוין געקענט צוטרעטן אַרויסצוגעבן אַ צייטונג אין דער פּוילישער שפּראַך אין קליינעם פאָרמאַט.

אָבער שריפט אַליין איז נאָך ניט געווען גענוג, אַז מען זאָל קאָנען אַרויסגעבן אַ צייטונג. מען האָט דאָך געדאַרפט האָבן אויף דעם כאָטש אַ שטיקל מאַשין.

קודם־כל: ווי קומט מען צו צו דעם מאַשין־אָפּטייל פון דער דרוקעריי? — מיין אַרבעט איז געווען אין דער זעצעריי און אַ פּרוּוו פון מיין זייט זיך אַריינצוכאַפּן אין אָפּטייל פון די דרוק־מאַשינען וואָלט לייכט געקאָנט אַרויסרופן אַ חשד אויף מיר און האָט געקאָנט באַגראָבן מיך און מיין גאַנצן פּלאַן. אָבער קיין אַנדערער אויסוועג איז ניט געווען. מען האָט געמוזט ווייטער ריזיקירן.

מיט פאַרשיידענע דרייערייען, ווי אַליין זיך פאַרשלאָגן צו גיין פאַרריכטן קאָרעקטורן אויף דער מאַשין, פאַרטרעטן אַ קראַנק־געוואָרענעם מאַשיניסט וכדומה האָט זיך מיר איינגעגעבן אַריינצובאַקומען אין מאַשין־אָפּטייל. דאָרטן איז גראָד געווען אַ קליינע פאַרזשאַווערטע האַנטמאַשין, וואָס מען האָט ניט גענוצט. אין משך פון עטלעכע טעג האָב איך זי טיילווייז אַרויסגעטראָגן און איבערגעגעבן יאַנען.

באַזאָרגט מיט אַלץ, וואָס אַן אונטערערדישע דרוקעריי האָט געדאַרפט: מיט שריפט, מאַשין, פאַרב, פּאַפּיר, העקלעך א. אַ. וו. זיינען מיר צוגעטראָטן אַרויסצוגעבן דעם ערשטן נומער פון דער פּוילישער צייטונג „שטאַנדאַר וואָלנאָשטשי" (פרייהייטס־פאָן).

קומענדיק נאָך אַ טאָג אַרבעט פון דער דייטשער דרוקעריי, פלעג איך אַוועקגיין אויף גאַנצע נעכט מיטן קריסט יאַן פּשעוואַלסקי און מיט אים געמיינזאַם אַרויסגעבן די דאָזיקע צייטונג, וואָס האָט זיך געפונען ביי אים אין דירה אויף שלאָס גאַס 15. פונקען פון די אויגן פלעגן אַזש פליען, זייענדיק אַ פולשטענדיק מידער צו אַרבעטן די טעג פאַרן דייטש און די נעכט קעגן דייטש... איך וואָלט לאַנג אַזאַ אָנשטרענגונג ניט געקענט אויסהאַלטן. האָב איך דעריבער אָנגעהויבן יאַנען צו לערנען די אַרבעט. דער יאַן איז געווען אַ שטאַרק פעאיקער קריסט און ער האָט זיך שנעל אויסגעלערנט די מלאכה, וועלכע ער האָט שוין פון פריער אַ ביסל געקענט. ער האָט זיך גיך פאַרפולקאָמט אַזוי, אַז כ'האָב זיך געקענט באַפרייען פון דער אַרבעט און זיך פולשטענדיק פאַרלאָזן אויף אים.





אויך זיין פרוי האָב איך צוגעלערנט די מלאכה און זי האָט אים גוט געקענט העלפן. די אַרבעט איז אַוועק אין פולן גאַנג. ביי ווייטערדיקע נומערן האָב איך נאָר געדאַרפט צוזאַמענשטעלן די צייטונג און דאָס אויך ניט אַלע מאָל. דאָס רעשט האָבן מאַן און פרוי אַליין געמאַכט.

דער רושם, וואָס עס האָט געמאַכט די דערשיינונג פון דעם ערשטן נומער פון דער אויבנדערמאָנטער צייטונג, איז געווען אַ קאָלאָסאַלער. אין האַרץ פון געסטאַפּאָ אַן אומלעגאַלע צייטונג אין דער פוילישער שפּראַך, וועלכע שיט פעך און שוועבל אויף געסטאַפּאָ און זייער פירער היטלער, אויף זייער גאַנצן פיר, דערציילט די מאַסן וועגן זאַכן, וועלכע די דייטשע צייטונגען דערציילן נאַטירלעך ניט!

געסטאַפּאָ האָט זיך געלייגט אין דער לענג און אין דער ברייט צו געפינען די דאָזיקע דרוקעריי, אָבער אָן דערפאָלג.

ביז גאָר אינטערעסאַנט איז די רעאַקציע פון דער אומלעגאַלער נאַציאָנאַליסטישער פוילישער א. ק.־צייטונג „ניעפּאָדלעגלאָשטש" (אומאָפּהענגיקייט) אויפן דערשיינען פון אונדזער אויסגאַבע. אָנשטאָט צו באַגריסן אַ נייע אונטערערדישע צייטונג, פּרוּווט זי גאָר זי אַראָפּרייסן. זי זאָגט אַרויס פאַרשיידענע השערות, אַז אונדזער צייטונג ווערט אַרויסגעגעבן פאַר געלטער פון מאָסקווע און אַז דאָס האָט מען ערגעץ־וואו אַראָפּגעלאָזן פון אַן עראָפּלאַן אַ דרוקעריי, ווייל דאָ־הי וואָלט מען ניט געקאָנט דערגרייכן אַזאַ זאַך, והראיה, אַז אַפילו זיי, וואָס האָבן הינטער זיך דאָס גאַנצע פוילישע פאָלק, איז עס אָנגעקומען זייער שווער...

לכבוד דעם דערשיינען פון ערשטן נומער באַשליסט דער שטאַב פון פ. פּ. אָ. צו מאַכן אַ שמחהלע, אויף וועלכער ס'זיינען בייגעווען: יצחק וויטענבערג, יוסף גלאַזמאַן, אַבא קאָוונער, סאָניע מאַדייסקער, כיענע באָראָווסקי, בערל און ראָזע שעראָשעניעווסקי און איך.

דאָ און דאָרט רעדט מען ביי אונדז שוין, אויף צומאָרגנס נאָכן דערשיינען פון ערשטן נומער פון דער צייטונג, אַז אין הונדערטער קריסטלעכע הייזער זיינען געפונען געוואָרן עקזעמפּלאַרן, וועלכע זיינען פאַנאַדערגעשיקט געוואָרן דורך דער פּאָסט אָדער פאַנאַדערגעטראָגן געוואָרן דורך שליחים. אויך אין אונדזער דרוקעריי הער איך שעפּטשענדיק וועגן דער געשעעניש.

ס'ווערט ווייטער סיסטעמאַטיש פאָרגעזעצט די אַרבעט, אַזוי, אַז גאָר אין גיכן האָט שוין די דרוקעריי אויך אַלע אותיות, וועלכע זיינען נייטיק, אַז מ'זאָל קענען עפּעס דרוקן אויך אין ליטוויש און אין דייטש. עס באַווייזן זיך פאַרשיידן־שפּראַכיקע פּראָקלאַמאַציעס, איינע נאָך דער אַנדערער. געסטאַפּאָ זוכט און נישטערט צו געפינען די דאָזיקע דרוקעריי, אָבער קאָן ניט קומען אויף די שפּורן. אַלץ עקשנותדיקער, וואָס די געסטאַפּאָ זוכט די דרוקעריי, אַלץ מער עקשנותדיקער גיבן מיר אַרויס איינע נאָך די אַנדערע פאַרשיידענע אויפרופן, וואו מיר דעמאַסקירן

די מעשים תעתועים פון די נאַצישע אָקופּאַנטן לגבי אַלע טיילן פון דער באַפעלקערונג. מיר באַטאָנען ניט בעיקר די מערדערלעכע יידן־פאַרפאָלגונגען, ווייל דאָס וואָלט געהאַט נאָר אַ פאַרקערטע ווירקונג, ווי דאָס, צו וואָס מיר האָבן געצילט. מיר זיינען אַרויסגעטראָטן ווי פּוילישע פּאַטריאָטן און דערציילט, וואָס די דייטשן טוען מיט דער פּוילישער באַפעלקערונג, אַריינפלעכטנדיק אויך וועגן די יידן־אויסראָטונגען. מיר האָבן אַגיטירט, אַז עס איז דער פּוילישער פּאַטריאָטישער חוב צו העלפן ראַטעווען יידן און געבן זיי דעם מאַקסימום שוץ און אַז יעדער איינער, וואָס גיט אַרויס אַ יידן צו דער געסטאַפּאָ, באַגייט אַ נאַציאָנאַלן פאַרראַט. די פּוילישע אומלעגאַלע א. ק.־צייטונג האָט אַזוי ניט געשריבן, פאַרקערט, זי האָט זיך געפרייט, וואָס זי ווערט אויף דעם אופן פּטור פון דער „יידן־פראַגע", וועלכע האָט אַזוי שטאַרק געמאַטערט זייערע מוחות פאַרן קריג. אונטער אונדזערע אויפרופן איז געווען אונטערגעשריבן „פאַרבאַנד פון פּוילישע פּאַטריאָטן".

אונדזער צייטונג האָט געהאַט אַ קענטיקע השפּעה אויף די פּאָליאַקן, וועלכע האָבן אָנגענומען, אַז אַזאַ באַציאונג צו די יידן איז די אָפיציעלע ליניע פון פּוילישן אונטערגרונד. זיי האָבן נאַטירלעך ניט געחלומט, אַז די צייטונג האָט געזען די ליכטיקע שיין דורך דער איניציאַטיוו פון אַ יידן און אַז ס'ווערט אויך אַרויסגעגעבן כמעט דורך יידן. אויסער די שטאַב־מיטגלידער האָבן אין דער דאָזיקער צייטונג אויך מיטגעאַרבעט ד"ר גאָרדאָן און סאָניע מאַדייסקער.

די פּויליש־נאַציאָנאַליסטישע געהיימע אויסגאַבעס האָבן ווי געהעריק געוואָרנט, אַז אונדזער צייטונג איז אַ פעלשונג און אַז מען זאָל זיך צו איר ווערטער ניט צוהערן. אָבער ניט אומעטום איז דאָך דערגאַנגען זייער רוף. ס'איז גאַנץ מעגלעך, אַז דאָס ביסל יידן, וואָס האָבן זיך געראַטעוועט דורך אויסבאַהאַלטן, וואָלטן געדאַרפט טיילן דעם גורל מיט דעם ווייט גרעסטן טייל פון זייערע ברידער און שוועסטער, ווען ניט אונדזער קעגן־פּראָפּאַגאַנדע, פון וועלכער עס האָט זיך עפּעס צוגעקלעפּט צו די פּאָליאַקן.

ווען די דרוקעריי האָט געאַרבעט אין שטאָט מיט פולער פאַרע, סיי בייטאָג און סיי ביינאַכט, האָב איך באַשלאָסן, נאַטירלעך מיט דער הסכמה פון שטאַב פון פ. פ. אָ., צוצוגרייטן אַ צווייטע דרוקעריי, וואָס זאָל געהאַלטן ווערן אין רעזערוו. דאָס איז נייטיק געווען צוליב צוויי טעמים: 1) אין פאַל, ווען ס'זאָל געשען וואָסער־ניט־איז דורכפאַל, וואָס האָט געקאָנט יעדן מאָמענט פּאַסירן. 2) מען מוז אויסנוצן דאָס, וואָס כ'אַרבעט אין דער דרוקעריי, ווייל מ'קאָן דאָך ניט וויסן, ווען כ'וועל צוליב אומפאָראויסגעזעענע סיבות מוזן אויפהערן דאָרטן אַרבעטן.

די צווייטע דרוקעריי, וואָס איז גיך צוגעגרייט געוואָרן, האָט זיך געפונען אין געטאָ גופא, אין אַ גוט־פאַרמאַסקירטן אָרט. מיר האָבן זיך שוין געקאָנט דערלויבן אַזאַ דרייסטן אַקט, ווייל אינצווישן זיינען די יידישע פּאַרטיזאַנער אין ווילנער געטאָ שוין געווען גוט אָרגאַניזירט און געווען בכוח דורכצופירן די העכסט־קאָנספּיראַטיווע אַרבעטן.

(פון בוך „די געהיימע דרוקעריי").

לייב קאָניוכאָווסקי

# דייטשע אפיצירן און יידישע פּעלצן

אַ שפּאַנענדע פּאַסירונג מיט אַ גראָדנער יידישן סוחר, וואָס האָט אין פאַרלויף פון איבער זעקס וואָכן צייט דורך לעגענדאַרע איינפאַלן געקעמפט פאַר זיין לעבן. ס'איז אָבער צום באַדויערן ניט קיין לעגענדע, נאָר אַ טראַגישער עפּיזאָד פון דער צייט פון דער דייטשער אָקופּאַציע אין גראָדנע און קאָוונע — אַ נאָכגעקאָנטראָלירטער גבית־עדות פון מיין אַרכיוו־זאַמלונג וועגן דער פאַרניכטונג פון די יידן אין דער ליטווישער פּראָווינץ.

*

אויף איינע פון די באַלעבטסטע גראָדנער גאַסן האָט געלעבט אַ פּוילישער מאַיאָר ראָזנאַטאָווסקי, וואָס האָט געצויגן זיין יחוס פון אַ פּאָפּולערער שלאַכטע־פאַמיליע. ער איז געווען אַ הויכער, שלאַנקער מיט עכט פּוילישע לאַנגע, געדרייטע וואָנצעס אויף זיין אויסגעגלייכטן פּנים, פון וועלכן עס האָבן שטרענג אַרויסגעקוקט הימל־בלויע אויגן. זיינע האָר אויפן קאָפּ זיינען, פּונקט ווי די וואָנצעס, געווען ווייס ווי שניי, כאָטש ער איז נאָך ניט אַלט געווען קיין פולע פופציק יאָר.

איך בין אַ פּאָליאַק! אַ פּאָליאַק און מאַיאָר אין דער פּוילישער אַרמיי! איך שטאַם פון דער... — פלעגט דער מאַיאָר ביי יעדער געלעגנהייט, אין אַ געשפּרעך מיט זיינע באַקאַנטע, דערמאָנען זיין יחוס.

דער מאַיאָר פלעגט שטענדיק ווירדיק און שטאָלץ זיך באַנעמען מיט מענטשן. ווי אַן אָנגעצויגענע סטרונע, פלעגט ער שטאָלץ שפּאַצירן אויף די גראָדנער גאַסן. מיט

אַ שמייכל פלעגט ער האַסטיק צולייגן זיין האַנט צום היטל, ביים באַגריסן זיך מיט באַקאַנטע, אָדער מיליטער־לייט.

מיט דעם פוילישן האָנאָר איז אויך געווען באַשאַנקען זיין מיטלגעוויקסיקע, בלאָנדע פרוי פון אַ יאָר פערציק, מיט אַ פּאָר גרויסע אויגן. די מאַיאָרשע האָט געשטאַמט פון אַ דייטשער אַדל־פאַמילע אין בערלין. זי האָט זיך אָבער ניט אָנגעגעבן קיינמאָל פאַר אַ דייטשקע און האָט זיך געהאַלטן פאַר אַ פּוילישער פּאַטריאָטקע.

איר איינציקער זון איז געווען געראָטן אין פאָטער, דעם מאַיאָר, ניט נאָר מיט זיין אויסערלעכן אויסזען, נאָר אויך מיט זיין כאַראַקטער, מאַניערן און פּוילישער מענטאַליטעט. דער זון, פונקט ווי זיינע עלטערן, איז געווען אַ היציקער פּוילישער פּאַטריאָט און אַ סטודענט אין אַ פּוילישן אוניווערזיטעט.

בעת אין פּוילן האָט די לעצטע יאָרן פאַרן קריג געבושעוועט דער ווילדער אַנטיסעמיטיזם, האָט דער מאַיאָר מיט זיין פאַמיליע זיך געהאַלטן פון דער ווייטן און פלעגט מיט פאַרדרוס פאַראורטיילן די אַנטיסעמיטן. זיי באַשמוצן און באַליידיקן דעם כבוד פון מיין פאָלק! — פלעגט דער מאַיאָר מיט פאַרדרוס זיך באַקלאָגן פאַר זיינע באַקאַנטע פּאָליאַקן און יידן. יאָרן האָט דער מאַיאָר געדינט אין דער פּוילישער אַרמיי — זיין זון האָט שטודירט, און די מאַיאָרשע האָט געפירט איר רייכע ווירטשאַפט און זיך געגרויסט מיט איר מאַן און זון.

בשכנות מיט דעם מאַיאָר האָט געלעבט אַ יידישער סוחר, יצחק קאָבראָווסקי, מיט זיין פרוי און טאָכטער. יצחק איז געווען אַ שטענדיקער אַריינגייער צום מאַיאָרס פאַמיליע און פלעגט זיך פשוט מיט זיי פריינטלען. קאָבראָווסקי האָט ניט ווייניק נוצן געהאַט פון מאַיאָרס פאַמיליע און, פאַרקערט, דעם מאַיאָרס פאַמיליע האָט געהאַט אַ סך טובות פון קאָבראָווסקין.

יצחק קאָבראָווסקי פלעגט ליב האָבן צו דערציילן זיינע באַקאַנטע יידן וועגן זיין פריינדשאַפט מיטן מאַיאָרס פאַמיליע און פלעגט זיך דערביי גרויס האַלטן, פונקט ווי ער אַליין וואָלט זיין יחוס געצויגן ניט פון אברהם אבינו... נאָר טאַקע פון קעניג יאַן סאָביעסקי, כאָטש געווען איז ער דווקא אַ היימישער ייד.

יצחק קאָבראָווסקי איז געווען אַ הויכער ברייטבייניקער און רייך־באַפליישטער ייד, פון אַ יאָר 45. אַ קלוגן אויסדרוק האָבן געהאַט זיינע שוואַרצע אויגן און דער גאַנצער כמעט רונדער רויטלעכער פנים. קאָבראָווסקי פלעגט שטענדיק שמייכלען. עס האָט אויסגעזען, ווי זיינע דיקלעכע ליפּן וואָלטן שטענדיק אויסגעלאַכט די גאַנצע נאַרישע וועלט. ווי אַ שווערער טאַנק איז יצחק געווען ביים גיין. עקשנותדיק לאַנגזאַם פלעגט ער אַלץ באַטראַכטן און באַקלערן; די אָ אייגנשאַפטן האָבן אין זיין לעבן פיל נוצן געבראַכט. קיינער פון זיינע באַקאַנטע האָבן ניט געוואוסט פון וואַנעט ער ווייס צו דערציילן אָן אַ סוף מעשיות, וויצן, פאַרשיידענע אַנעקדאָטן. אין זיין געזעלשאַפט האָבן אַלע געלאַכט. אויך דעם מאַיאָרס



פאַמיליע פלעגט גערן אויסהערן קאָבראָווסקיס מעשיות, וואָס זיינען געווען אינטערעסאַנט און פול מיט הומאָר.

די גאַנצע פאַמיליע האָט אויך צוליב דעם גערן געהאַט קאָבראָווסקין. מער פון אַלעמען האָט אים גערן געהאַט די מאַיאָרשע. ניט חלילה, ווייל זי האָט געהאַט צו אים וועלכע ניט איז געפילן, נאָר טאַקע דערפאַר, וואָס קאָבראָווסקי פלעגט איר העלפן פאַרזאָרגן אַלץ וואָס זי האָט געהאַט נייטיק צו פירן איר ריינע ווירטשאַפט.

„פּראָשע פּאַן" און „פּראָשע פּאַן קאָבראָווסקי!" — פלעגט די מאַיאָרשע העפלעך אונטערשטרייכן איר גרויס אַכטונג פאַר יידן.

יצחק האָט שוין גוט געקענט אַלע שלאַכטישע מאַניערן, האָט איינגעזאַפּט אין זיין בלוט זייער מענטאַליטעט, אַרט־דענקען און ריידן. קיינער פון די גראָדנער יידן וואָלט זיך ניט געפילט אַזוי גוט, ווי אַ גלייכער מיט אַ גלייכן, אין דער געזעלשאַפט פון פּוילישן אַדל — ווי קאָבראָווסקי.

ביים מאַכן מיטן מאַיאָר אַ שנאַפּס, כמעט יעדן זונטיק, פלעגט דער מאַיאָר קאָבראָווסקין קריגן נאָך מער גערן און פלעגט אים מיט אַכטונג באַצייכענען פאַרן „בעסטן יידן פון גראָדנע". אָט אַזוי איז זיך די פריינדשאַפט צווישן מאַיאָרס פאַמיליע און קאָבראָווסקין געפלאָסן יאָרן, פונקט ווי די וואַסערן פון ניעמאַן דורך גראָדנע.

דער צוזאַמענברוך פון פּוילן אין האַרבסט 1939 האָט ווי אַ שטורעם, אַ נאַטור קאַטאַסטראָפע, צעשטערט די אידיליע און אַ מרה־שחורה איז אַרויפגעפאַלן אויףביידע פאַמיליעס.

פּוילן איז צעטיילט געוואָרן צווישן היטלער־דייטשלאַנד און סאָוויעטן־פאַרבאַנד.

אין די גראָדנער גאַסן האָבן זיך מער ניט געזען די האָפערדיקע פנימער פון די האָנאָראָווע פּאָליאַקן. גראָדנע איז באַהערשט געוואָרן פון די סאָוויעטן.

דער מאַיאָר פלעגט זיך באַמיען ניט אַרונטערצוגיין אין גאַס. אין האַרצן האָט אים געברענט אַ פייער פון שנאה צו די נייע בעלי־הבתים פון גראָדנע. ער פלעגט זיך אויך ווייטער אויספּוצן מיט זיין אוניפאָרם און גלאַנציקע פּוילישע שטיוול.

אַ פאַרטראַכטער, אַ פאַרטרוימטער פלעגט ער אַרומשפּאַצירן אין די גערוימע צימערן פון זיין וווינונג. אין האַרצן איז ער אויך ווייטער געבליבן דער האָנאָראָווער פּוילישער מאַיאָר. אַ מאַיאָר אָן אַן אַרמיי.

קאָבראָווסקי האָט נאָך אָפטער אָנגעהויבן אַריינגיין באַזוכן זיינע פּוילישע פריינט. דער מאַיאָר פלעגט אויסגיסן זיין ביטער האַרץ. קאָבראָווסקי פלעגט פאַרן מאַיאָר געפינען גענוג טרייסטווערטער, וואָס פלעגן דעם מאַיאָר מאַכן צוריק האָפערדיק און אויך געבן קראַפט צו האָפן און וואַרטן אויף בעסערע צייטן. אין אַזוינע האָפענונגספולע מאָמענטן פלעגט דער מאַיאָר אָנהייבן זינגען דעם „יעשטשע פּאָלסקאָ ניע זגינעלאָ"... און אַ גליקלעכער שמייכל פלעגט שוועבן אויף זיין פנים.

אַ קורצע צייט פאַרן קריג־אויסברוך צווישן היט־

לער־דייטשלאַנד און סאָוויעטן־פּאַרבאַנד, זיינען אין אַ שיינעם פרימאָרגן אין די געריימע זאַלן פון מאַיאָר אַריין עטלעכע באַוואָפנטע רויט־אַרמייער און מיט אַן איינ־פּאַכע סאָלדאַטסקע שפּראַך האָבן זיי זיך „דורכגערעדט" מיטן מאַיאָר. מיט אַ שמייכל און אין אַ „פּראָסט־פּשוטער" שפּראַך האָבן זיי חרוב געמאַכט און צעבראַזגעט אויף אַש דעם גאַנצן האָנאָר פון פּוילישן מאַיאָר און האָבן אים באַפוילן ווי אַ פּראָסטן בשר ודם מיטצוגיין מיט זיי. דער פּוילישער מאַיאָר האָט זיך אַ בלאַסער צעקושט מיט זיין פרוי און איז אַרויס פון שטוב. מער איז ער צוריק ניט געקומען.

אין אַ צייט אַרום האָט זיך זיין פרוי דערוואוסט, אַז דער מאַיאָר איז אַרויסגעפירט געוואָרן גאָר, גאָר ווייט... אין סיביר צו די ווייסע בערן, צוזאַמען מיט הונדערטער זיינס גלייכן. קאָבראָווסקי האָט דער מאַיאָרשע נאָך מער געהאָלפן אָרדנען איר ווירטשאַפט און ניט איין מאָל האָט ער פאַרן מאַיאָר צוגעשיקט פעקלעך עסן און זאַכן. די מאַיאָרשע האָט פּשוט ניט געוואוסט מיט וואָס קאָב־ראָווסקין אָפּצודאַנקען פאַר זיינע טובות, וואָס ער האָט פאַר איר מיטן זון געטאָן.

די לאַגע האָט אָבער ניט לאַנג אָנגעהאַלטן. שרעק־לעך טראַגישע צייטן האָבן זיך ווי שטורעמס אָנגעיאָגט אויף קאָבראָווסקיס פאַמיליע און אויף אַלע גראָדנער יידן.

אויף מאָרגן, מאָנטיק דעם 23־טן יוני 1941, נאָכן אויסברוך פון קריג צווישן היטלער־דייטשלאַנד און סאָוו. פאַרבאַנד, האָט די דייטשע אַוויאַציע שטאַרק באָמ־באַרדירט גראָדנע. די פאָרשטאָט סלאָבאָדקע איז פול־שטענדיק חרוב געוואָרן. דעם זעלבן טאָג זיינען די דייטשע אַרמיי־טיילן אַריין אין גראָדנע.

אין עטלעכע טעג אַרום איז געקומען געשטאַפּאָ. עס האָבן זיך אָנגעהויבן די טרויעריק באַרימטע גזרות אויף יידן. אַלע יידן האָבן געמוזט אָנטאָן ווייסע בענדער און אַ מגן־דוד אויפן אַרבל. אין אַ צייט אַרום האָבן זיי געמוזט אָנטאָן 2 געלע מגן־דודס: אויפן ברוסט און פּלייצע.

יידן האָבן געמעגט גיין נאָר אין די רינשטאָקן, איינער הינטערן אַנדערן, אין אַ ריי — ווי גענדז. די פּוילישע באַ־פעלקערונג איז געווען גליקלעך און צופרידן, זעענדיק דעם ביטערן גורל פון די יידן.

יעדן טאָג פלעגן געשטאַפּאָ־לייט כאַפּן פון די גאַסן און הייזער יידישע מענער, מערסטן טייל פון דער אינטעליגענץ, און פלעגן זיי אַרויספירן אין אַן אומבאַקאַנ־טער ריכטונג. מער האָט זיי קיינער ניט געזען. וועגן דעם אַז מען שיסט די מענער האָט נאָך דאַן קיינער ניט געגלויבט.

ניט ווייניק יידישע מענער האָבן שוין דאַן געאַרבעט ביים ווערמאַכט. די געשטאַפּאָ פלעגט זיי אָפּהיטן ביים גיין פון דער אַרבעט און פלעגט זיי אַרעסטירן. אַרויס־גיין פון די הייזער זיך איינשאַפן עסן, איז געווען לעבנס געפערלעך. די פּאַניק ביי די גראָדנער איז געווען גרויס.

קאָבראָווסקי האָט שוין מער ניט באַזוכט די מאַיאָרשע. מיט זיין פרוי און טעכטערל איז ער געזעסן אין שטוב, ווי אַלע יידן, און געהונגערט.

אין יענער טראַגישער צייט האָט די מאַיאָרשע ניט פאַרגעסן איר יידישן פריינד קאָבראָווסקין, און פלעגט פאַר אים איינקויפן עסן. פאַרשטייט זיך, ניט אומזיסט. איין מאָל איז די מאַיאָרשע צו קאָבראָווסקין געקומען אַ שטראַלנדיקע און דערציילט, אַז דער קאָמענדאַנט פון גראָדנע האָט זיך באַזעצט ביי איר אין וואוינונג.

פּראָשע פּאַן קאָבראָווסקי! פּראָשע! וואָס זאָגסטו אויף דעם? האַ! ער איז אַ הויכער, אַ שיינער, און דערצו נאָך אַ גרויסער אינטעליגענט און שטאַמט פון נעבן האַמבורג. זיין פאַמיליע איז רידעל — האָט זי פאַר־זיכערט.

איך קאָן ביי אים אַלץ פועלן! — האָט זי קאָקעטיש צוגעשמייכלט און געבעטן קאָבראָווסקין אומבאַדינגט אַריינצוקומען צו איר אין שטוב אויף אַ באַזוך.

איך וועל דיך, פּאַן קאָבראָווסקי, פאָרשטעלן פאַרן קאָ־מענדאַנט רידעל! — האָט זי זיך געבעטן ביי יצחקן.

קאָבראָווסקי האָט זיך שטאַרק דערשראָקן, עס האָט זיך אים אויסגעדוכט, אַז זיין לאַנג־יאָריקער פריינד זוכט אים אַריינצופירן צום לייב אין שטייג אַריין. די מאַיאָרשע האָט אים באַרואיקט. האָב ניט קיין מורא, פּאַן קאָבראָוו־סקי! דו קומסט דאָך צו מיר אין שטוב און דער קאָ־מענדאַנט דאַרף אַלץ האָבן!... און איך וועל טאַקע ביי אים אַלץ פועלן... פּראָשע פּאַן!

פּראָשע! האָט זי זיך געבעטן ביי קאָבראָווסקין, וואָס האָט איר ניט זיכער צוגעזאָגט צו קומען.

די כאַפּענישן פון יידישע מענער האָבן ניט אויפ־געהערט. קיינער איז ניט געווען זיכער מיטן לעבן. קאָב־ראָווסקי איז אַוועק צו דער מאַיאָרשע אין שטוב.

ראָזנאַטאָווסקאַ האָט קאָבראָווסקין פריינדלעך אויפ־גענומען, מיט אַ ברייטן „גוט מאָרגן".

דו ביסט ביי מיר אין שטוב, פּאַן קאָבראָווסקי. דו ביסט מיין גאַסט און פריינד פון אונדזער פאַמיליע, נעם אַראָפּ די שאַנד־לאַטעס, — האָט זי באַפוילן.

יצחק האָט איר געפאָלגט.

ראָזנאַטאָווסקאַ האָט אָנגעקלאַפּט אין טיר פון קאָ־מענדאַנטס צימער, און ניט וואַרטנדיק אויף אַ דערלוי־בעניש האָט זי געעפנט די טיר און געמאָלדן, אַז ה' קאָב־ראָווסקי איז געקומען.

דער קאָמענדאַנט רידעל האָט קאָבראָווסקין אַריינגע־לאָזן צו זיך אין צימער.

דאָס איז דער ה' קאָבראָווסקי, ער איז אַ ייד — אָבער טייערער פון טויזנט פּאָליאַקן — האָט זי קאָקעטיש צוגע־שמייכלט דעם קאָמענדאַנט און פאַרלאָזן דעם צימער.

דער קאָמענדאַנט, אַן עלטערער, הויכער דייטש אין אַ שטייפן מיליטערישן מונדיר האָט מיט זיינע גלאַנציקע סקריפּעדיקע שטיוול אַ געוויסע צייט אַרומשפּאַצירט הין און צוריק אין צימער און האָט פאַרשלאָסן די פראָנט טיר.

ער האָט זיך אַריינגעזעצט אין אַ טיפן שטול ביים

טיש און מיטן האַנט געוויזן יצחקן אַ צווייטן שטול קעגן אים.

אַ קורצע צייט האָבן ביידע געשוויגן און מיט די בליקן זיך געפאָרשט איינער דעם צווייטן. דעם קאָמענדאַנטס בליקן האָבן געשטאָכן ווי מיט מעסערס און קאַבראָווסקי האָט אַראָפּגעלאָזן זיינע אויגן אונטערן טיש.

— ווי גייט עס אייך? האָט דער קאָמענדאַנט אָנגעהויבן.

— מיר פּערזענלעך, פאָרלויפיק, ניט שלעכט, ה׳ קאָמענדאַנט. איך בין אָבער קיין איין מינוט ניט זיכער מיטן לעבן — האָט קאַבראָווסקי אַ צעשראָקענער זיך באַקלאָגט.

פאַרוואָס ניט זיכער?

קאַבראָווסקי איז געוואָרן דרייסטער און האָט דעם קאָמענדאַנט דערציילט וועגן כאַפּעניש פון מענער, וואָס מען פירט אַוועק און מען שיסט. דאָס איז אוממעגלעך! — האָט דער קאָמענדאַנט ווי באַליידיקט געענטפערט.

יצחק האָט געבעטן אים איינצואָרדענען ביי אַ וועלכער ניט איז אַרבעט און געבן אַ ספּעציעלע באַשייניקונג, וואָס זאָל אים שיצן.

ביים קאָמענדאַנט האָבן שוין פריער געאַרבעט יידן, וועמען ער האָט אַרויסגעגעבן באַשייניקונגען, אַז מען טאָר זיי צו קיין אַרבעט ניט נעמען. פאַר קאַבראָווסקין איז שוין קיין אַרבעט ניט געווען. דער קאָמענדאַנט האָט צוגעזאָגט צו מאַכן אַ באַשייניקונג און האָט קאַבראָווסקין געגעבן צו פאַרשטיין, אַז ער האָט נייטיק פאַרשיידענע פעלכלעך אויף „פּעלצע“. קאַבראָווסקי האָט אים צוגעזאָגט שאַפן אַ גוטן פוטער־מאַנטל.

דער קאָמענדאַנט האָט אָנגעהויבן אַרומשפּאַצירן אַ צופרידענער און כסדר העפלעך גערדאַנקט. אפשר וואָלט איר מיר קאָנען שאַפן קאַראַקולנע פעלכלעך? איך וואָלט אייך זייער גוט דערפאַר באַצאָלט! — האָט דער קאָמענדאַנט צוגעשמייכלט.

יצחק האָט צוגעזאָגט די קאַראַקולנע פעלכלעך צו שאַפן אין פאַרלויף פון פיר טעג. דער קאָמענדאַנט האָט זיך מיט אים פריינדלעך אָפּגעזעגנט. אויף מאָרגן האָט די פּוילישע מאַיאָרשע ראָזנאַטאָווסקאַ געבראַכט קאַבראָווסקין אַ באַשייניקונג, אַז ער אַרבעט ביים שטאָטישן קאָמענדאַנט און קיינער האָט ניט קיין רעכט צו נעמען אים אויף אַנדערע אַרבעט.

יצחק האָט קיין פעלכלעך ניט געהאַט און האָט קיינמאָל מיט זיי ניט געהאַנדלט, אין יענער צייט איז עס אין גראָדנע געווען שווער צו קריגן. יצחק האָט וועגן דעם זיך געווענדט צום יידן־ראַט, וואָס האָט לכתחילה באַשלאָסן דעם קאָמענדאַנט אויסצונוצן לטובת אַלע יידן און האָט צוגעזאָגט צו שאַפן פאַרן קאָמענדאַנט די פעלכלעך. עס זיינען אויך די פיר טעג אַריבער און די פעלכלעך האָט דער יידן־ראַט ניט געשאַפן.

קאַבראָווסקי האָט דורך דער מאַיאָרשע אויסגעפּועלט ביים קאָמענדאַנט צוצופאָרן קיין ווילנע אָדער קאָוונע,



וואו ער האָט אַ סך באַקאַנטע און האָפט דאָרטן צו שאַפן ניט ווייניק פעלכלעך...

זעקס אַזייגער אין דער פרי, מיט אַ טאָג שפּעטער, האָט קאַבראָווסקי באַזוכט דעם קאָמענדאַנט אין זיין וואוינונג און האָט געקראָגן אַ ספּעציעלע שריפט צו פאָרן קיין קאָוונע. דעם 6־טן יולי 1941 אין דער פרי האָט קאַבראָווסקי זיך אַריינגעזעצט אין אַ לייכטן אויטאָ און לעבן אים אַ דייטשער אָפיצער. אונטערוועגס האָבן זיי זיך ביידע אונטערהאַלטן. דער לייטענאַנט איז געווען פון פאַך אַן אַרטיסט. ער האָט יצחקן געגעבן עסן און זיך כסדר צו אים געחנפהט, פאַרשטייט זיך, אַז דער אָפיציר האָט געהאָפט צו קריגן אַ טייל פעלכלעך אויף אַ פּעלץ פאַר זיין פרוי. ער האָט אָבער וועגן דעם ניט גערעדט. מיט אַ זייער גיכן טעמפּאָ האָט זיך דער אויטאָ געיאָגט איבערן שאָסיי קיין קאָוונע.

## א י ן ק אָ ו ו נ ע

שרעקלעך, וואָס אין קאָוונע איז אין דער צייט פאָרגעקומען. גלייך נאָכן אָפּמאַרש פון דער רויטער אַרמיי האָבן באַוואָפנטע ליטווינער, וואָס האָבן זיך אָנגערופן „פּאַרטיזאַנער“, זיך גענומען צו די אומגליקלעכע, אומשולדיקע יידן. אין סלאָבאָדקע האָבן זיי דורכגעפירט אַ שרעקלעכן פּאָגראָם. טויטע קערפּערס פון מענער, פרויען און קינדער האָבן זיך געוואַלגערט אין די הויפן און אויף די גאַסן.

פון די הייזער, פון די הויפן, פון די רייען נאָך אַ שטיקל ברויט האָבן זיי אַרויסגענומען יוגנטלעכע, אין אַנדערע פאַלן, נאָך קינדער, האָבן זיי אויסגעשטעלט אין רייען מיט די הענט פאַרלייגט אויף הינטן און געטריבן אויפן גרינעם באַרג צום זיבעטן פאָרט.

אויף אַלע וועגן, וואָס פירן קיין קאָוונע, האָבן גרופּעס „פּאַרטיזאַנער“ פאַרהאַלטן יידן, וואָס האָבן ניט באַוויזן צו אַנטלויפן קיין סאָוו. פאַרבאַנד. זייער האָב און גוטס פלעגן זיי צונעמען און די מענטשן אַוועקטרייבן אויפן זיבעטן פאָרט.

טאָג איין, טאָג אויס האָט מען דאַן געקאָנט זען אויף די גאַסן לאַנגע רייען יוגנטלעכע בחורים און מיידלעך, מיט די הענט אויף הינטן, מיט אויפגעהויבענע קעפּ, שטאָלצע, וואָס זיינען געטריבן געוואָרן זייער לעצטן וועג אין לעבן, צום זיבעטן פאָרט. כלות, וואָס האָבן געזוכט אין „פּאַרטיזאַנער“־שטאַבן זייערע חתנים אָדער פרויען, זייערע זין און מענער — זיינען פאַרהאַלטן געוואָרן און אָפּגעפירט געוואָרן צום זיבעטן פאָרט. די ציווילע באַפעלקערונג, אויסגעפּוצט יום־טובדיק, מיט לאַכנדיקע פּנימער, פלעגן מיט האַס און ביטול באַגלייטן די געטריבענע יידן צום זיבעטן פאָרט. זיי פלעגן שפּייען אויף די געטריבענע און זיי בריקענען. עס פלעגן דערביי לאַכן די „פּאַרטיזאַנער“ און די ציווילע אויפן טראָטואַר.

אין איינעם אַזאַ טראַגישן טאָג איז קיין קאָוונע אַריינגעפאָרן אַ לייכטער אויטאָ און האָט זיך אָפּגעשטעלט אויף לייסוועס־אַלייע. פון אויטאָ איז אַרויס דער גראָדנער

ייד יצחק קאָבראָווסקי, ער איז צוגעגאַנגען צו אַ באַקאַנטן זיך דערוויסן וועגן אַ מעגלעכקייט צו שאַפן קאַראַקולנע פעלכלעך. גלייך ווי יצחק איז אַוועק פון אויטאָ און זיך פאַרקירעוועט צום ראָג, איז ער פאַרהאַלטן געוואָרן פון אַ „פּאַרטיזאַן".

זשידאָס?! — האָט ער מערדעריש אויסגעשריגען צו יצחקן, וואָס איז אָן לאַטעס געגאַנגען אויפן טראָטואַר אַ פאַרטראַכטער.

יצחק האָט ניט באַוויזן עפּעס צו ענטפערן און דערקלערן, עטלעכע קלעפּ מיט דער קאָלבע איבערן קאָפּ, און בריקענדיק האָט דער פּאַרטיזאַן קאָבראָווסקין אַריינגעשטעלט אין אַ ריי יידן, וואָס מען האָט אונטער אַ שטאַרקער שמירה אַוועקגעטריבן אין קאָוונער געלע טורמע.

דער אָפיציר האָט דאָס ניט באַמערקט און איז געבליבן אין אויטאָ וואַרטן אויף יצחקן.

## אויפן זיבעטן פאָרט ביי קאָוונע

אויפן הויף פון קאָוונער געלער טורמע האָט מען פון די יידן אַלץ צוגענומען און מיט לאַסט אויטאָס האָט מען זיי אַוועקגעפירט אויפן זיבעטן פאָרט, נעבן קאָוונע.

אויפן זיבעטן פאָרט האָט יצחק געפונען אָנגעטריבן טויזנטער מענער, פרויען און קינדער. די פרויען מיט די קינדער האָבן די „פּאַרטיזאַנער" אַריינגעיאָגט אין די ענגע פינצטערע און נאַסע קאַזאַמעטן אונטער דער ערד. אויף אַ לאָנקע, אין אַ טאָל, זיינען געלעגן טויזנטער יידישע מענער באַוואַכט דורך פּאַרטיזאַנער מיט אויטאָמאַטן. די יידן אין טאָל האָבן געמוזט זיצן מיט אַראָפּגעלאָזטע קעפּ, צונויפגעדרייטע, צוזאַמענגעדריקטע, איינער צום צווייטן, אָדער פלעגן מוזן ליגן אויפן פלייצע מיטן פּנים צו דער ברענענדיקער זון. פאַרן באַוועגן זיך אָן אַ דערלויבעניש פלעגן די „פּאַרטיזאַנער" אין דעם אָרט אַריינפייערן פון זייערע אויטאָמאַטן און פלעגן איבערלאָזן טויטע און פאַרוואונדעטע. עסן האָט מען גאָרניט געגעבן, טרינקן אויך ניט. די הייסע זון האָט געברענט און געפלאַקערט די קערפּערס פון די הונגעריקע יידן אין טאָל. ניט ווייט אויף אַ בערגל האָבן אַרומגעשפּאַצירט אויסגעפּוצטע ליטווישע בחורים מיט מיידלעך און פלעגן מיט גרויס הנאה צושמייכלען צו די „פּאַרטיזאַנער", וואָס האָבן געהיט די יידן אין „זאָאָלאָגישן גאָרטן" — אַזוי האָבן זיי גערופן דעם זיבעטן פאָרט. דעם טאָל, וואו די יידן האָבן זיך געפיניקט, האָבן זיי גערופן „ק אַ ט י ל אָ ס" (קעסל).

יעדע נאַכט פלעגט מען פון „קעסל" אַרויספירן גרופּעס מענער און אין אַ קורצער צייט אַרום פלעגן זיך דערהערן שאָסן פון ניט ווייט. יצחק קאָבראָווסקי, ווי אַלע יידן אין „קעסל", האָט יעדע מינוט געוואַרט אויפן טויט.

איין מאָל אַן אינדערפרי זיינען אויפן פאָרט געקומען אָפיצירן פון געשטאַפּאָ און געפאָדערט פאַך־לייט צו פאַרשיידענע אַרבעטן. יצחק האָט ניט קיין פאַך, ער האָט זיך אָבער אָנגעגעבן פאַר אַ ספּעץ צו קאָנסערווירן שפּייזן און האָט דערביי אָנגערופן אַ נאָמען פון אַ באַרימטער פאַבריק אין דאַנציג, וואו ער זאָל כלומרשט האָבן געאַרבעט. מיט נאָך 24 מענער האָט מען זיי אָפּגעפירט אין געלע טורמע און זיי פאַרשפּאַרט אין איין קאַמער, נר' 40.

## אין קאָוונער געלער טורמע

אין קאַמער איז געווען אַ שרעקלעכע לופט. די היץ איז געווען גיהנומדיק. אויף די אייגענע באַדערפענישן פלעגט מען אַרויסלאָזן נאָר איין מאָל אַ טאָג. קיין וואַסער גענוג פלעגט מען אויך ניט האָבן און אַרומוואַשן זיך איז געווען ניט מעגלעך. קיין וועש האָט מען ניט געגעבן. אַלע זיינען געוואָרן געפייניקט פון לייז און פליי.

און דער הונגער! הונדערט פופציק גראַם ברויט פלעגן די יידן קריגן אַ טאָג, אין דער פרי קאַווע אָן צוקער, בייטאָג אַ שיטערן זופּ און אין אָוונט — פאַרקאָכטע מעל. צו קיין אַרבעט פלעגט מען די יידן ניט טרייבן. עס זיינען געווען ווייניק פאַלן, ווען מען האָט די יידן אַרויסגעטריבן אויפן טורמע־הויף ביי אָרטיקע אַרבעט. ביי די באַדינגונגען האָבן די יידן געוואַרט אויפן טויט.

אָפּגעזעסן 5 וואָכן צייט, האָט מען די יידן אָנגעהויבן מיט לאַסט־אויטאָס פירן צו דער אַרבעט אין אוניווערזיטעט־קליניק, וואָס איז שוין געווען פאַרוואַנדלט אין אַ מיליטערישן קראַנקנהויז.

דאָ האָט יצחק אָנגעהויבן צו קומען צו זיך. ער האָט געהאַט אַ מעגלעכקייט צו געפינען אָפּפאַל פון ברויט, די יידן האָבן דאָ באַקומען אָפּצועסן און אַ מעגלעכקייט זיך אַרומצוואַשן. יצחק האָט געאַרבעט ביי קאָנסערווירן פלייש און גרינסן. די אַרבעט איז פאַר אים געווען פולשטענדיק פרעמד. אויף זיין גאַנצן לעבן האָט ער ביי אַזאַ פאַך ניט געאַרבעט.

דעם אויפזיכט אויף אים האָט געהאַט אַ קראַנקןשוועסטער, אַ פּאָליאַטשקע, וואָס האָט קאָבראָווסקין געוויזן ווי צו אַרבעטן. זי האָט זיך זייער גוט צו אים באַצויגן און ניט געשטערט צו גנבענען. ניט איין מאָל האָט זי יצחקן פאַרהיט פון קלעפּ, וואָס די ליטווישע „פּאַרטיזאַנער" האָבן זיך פאַרמאָסטן אים אַריינצוטיילן.

זיצנדיק אין טורמע האָט קאָבראָווסקי געזוכט אַלע מעגלעכקייטן צו געבן צו וויסן זיין פרוי, וואו ער געפינט זיך. ער האָט געהאָפט, אַז זיין פרוי וועט מיט דער הילף פון דער מאַיאָרשע אַרויסראַטעווען אים פון טויט.

קאָבראָווסקי האָט ניט פאַרלוירן די האָפענונג אַוועקצושיקן אַ בריוו צו זיין פרוי.

צווישן אַ גרופּע מוליאַרעס האָט אין מיליטער־לאַזאַרעט געאַרבעט אויך אַ פּוילישער אַרבעטער. יצחק האָט אים אָפּגענאַרט, אַז ער האָט אַ פּוילישע פרוי אין גראָדנע. ער האָט ביי אים געפּועלט פאַר אַ גרויסער סומע געלט אַוועקצופירן צו איר אַ בריוו. אין בריוו האָט יצחק אויף פּויליש אויפגעשריבן מ'זאָל פאַרן ברענגען דעם בריוו באַצאָלן 2500 רובל. דער פּאָליאַק האָט דאָס בריוול מיטגענומען. מער איז ער אָבער צו דער אַרבעט ניט געקומען.

אין עטלעכע טעג אַרום, פאַרנאַכט, האָט אַ דייטש אַרויסגערופן יצחקן פון קאַמער. אין קאָרידאָר פון טורמע האָט קאָבראָווסקי דערזען דעם קאָמענדאַנט רידעל פון גראָדנע. זיין האַרץ האָט אים האַסטיק אָנגעהויבן קלאַפּן פון איבערראַשונג. ער האָט זיך קוים באַהערשט און געוואָלט אָנהייבן דערציילן און בעטן אים ראַטעווען. נעבן קאָמענדאַנט זיינען אָבער געשטאַנען באַגלייטער פון געשטאַפּאָ. דער קאָמענדאַנט רידעל האָט זיך ניט געשטערט פאַר זיינע באַגלייטער און געפאָדערט פון יצחקן אַן אויפקלערונג, וואו עס זיינען די "פעלצע". יצחק האָט פאַרזיכערט, אַז די „פעלצע" האָט ער שוין געהאַט, נאָר ליטווינער האָבן אים פאַרהאַלטן און אַרעסטירט. דער קאָמענדאַנט האָט מיט שאַרפע בליקן באַקוקט יצחקן, האָט אַ מרוקע געטאָן און איז אַוועק. קאָבראָווסקין האָט מען אַריינגעפירט צוריק אין צעלע. קאָבראָווסקי האָט פאַרשטאַנען, אַז זיין בריוו דורכן פוילישן אַרבעטער האָט זיין פרוי געקראָגן און מיט דער הילף פון דער מאַיאָרשע האָט זי געפועלט ביים קאָמענדאַנט, ער זאָל צופאָרן אין קאָוונע אים ראַטעווען.

דעם קאָמענדאַנטס באַזוך אין טורמע האָט קאָבראָווסקין געשטעלט נעענטער צום טויט. די געשטאַפּאָ פלעגט גלייך שיסן יעדן יידן, פאַר וועמען עמעצער פלעגט זיך באַמיען צו באַפרייען. קאָבראָווסקי האָט מורא געהאַט, אַז די טעג פון זיין לעבן זיינען שוין געציילטע, און ער האָט אָנגעהויבן פלאַנעווען צו אַנטלויפן פון דער אַרבעט. דאָס וואָלט אים אָנגעקומען ניט שווער. ביי דער אַרבעט האָט ער אַזאַ געלעגנהייט געהאַט. זיינע חברים, פאַר וועמען ער האָט אָנפאַרטרויט זיין פלאַן, האָבן אים געשטערט. אַלץ וואָס זיי האָבן געקאָנט האָבן זיי געטאָן, כדי קאָבראָווסקין צו שטערן אויסצופירן זיין פלאַן. אַלע האָבן מורא געהאַט נאָך קאָבראָווסקיס אַנטלויפן דערשאָסן צו ווערן.

זייער מורא איז געווען באַגרינדעט. פאַלן פון דערשיסן גרופּעס יידן פאַרן אַנטלויפן פון איינעם, זיינען געווען ניט ווייניק. יצחק האָט דאָס אַליין אויך פאַרשטאַנען. ער האָט ניט געקאָנט צוזען די טויט־שרעק פון זיינע חברים און האָט זיי הייליק פאַרשפּראָכן ניט צו אַנטלויפן.

ווי אַן אָדלער אין אַ שטייג, אַזוי האָט זיך קאָבראָווסקי געשפּירט אין יענע שרעקלעכע באַדינגונגען אין טורמע און ביי דער אַרבעט. די אויסזיכטן צו בלייבן לעבן זיינען געווען שוואַכע. אין צעלע האָט ער רוען ניט געקאָנט און פלעגט מיט פאַרלייגטע הענט אַרומשפּאַצירן הין און צוריק, פון פענצטער צו דער טיר.

און דורכן פענצטער האָט זיך אַרויסגעוויזן אַ בלויער לויטערער הימל, פון וואַנעט עס האָט אַראָפּגעפייערט אַ ברענענדיקע זון.

קאָבראָווסקי האָט פאַרנאַכט געזען אַרומשפּאַצירן רואיקע פריילעכע מענטשן אויף די טראָטואַרן. אין דער צעלע האָט ער געזען זיינע אומגליקלעכע חברים, אַלע פאַרמשפּטע צום טויט פאַר גאָרניט. ער פלעגט זיך טיף און שווער אָפּזיפּצן. זיינע חברים פלעגן אים מיט אַ זיפץ אָפּענטפערן. אַ שרעקלעכע שפּראַך איז עס געווען. אַ שפּראַך, אַ פאַרשטענדלעכע פאַר די יידן אין צעלע און אַ ניט צוטריטלעכע, ניט פאַרשטענדלעכע, פאַר די וואָס האָבן עס ניט איבערלעבט.

קאָבראָווסקי האָט דעם פאַרנאַכט פאַרטראַכט אַ נייעם פלאַן זיך צו ראַטעווען. די נאַכט האָט ער שוין ווייניק און שווער געשלאָפן.

זיצנדיק אַ לאַנגע צייט אין איין צעלע, האָט יעדער ייד געהאַט גענוג צייט אויסצודערציילן זיין ביאָגראַפיע און די וויכטיקסטע פאַסירונגען פון זיין לעבן. צווישן די יידן אין צעלע איז אויך געווען אַ ספּעץ, אַ קירזשנער. פון אים האָט יצחק זיך דערוואוסט וועגן פאַרשיידענע מינים רויכוואַרג.

דער פאַל, וואָס דער קאָמענדאַנט רידעל האָט זיך אַזוי דערנידעריקט און געקומען פון גראָדנע אין קאָוונער טורמע צו אַ יידן זוכן רויכוואַרג, האָט יצחקן איבערצייגט, אַז ביי די דייטשן מוז עס זיין זייער אַ ווערטפולע זאַך. ער איז אויך געווען איבערצייגט, אַז אויב דער קאָמענדאַנט יאָגט זיך אַזוי נאָך „פעלצע", טוען באַשטימט אויך אַנדערע אָפיצירן און אויך געסטאַפּאָ דאָס זעלבע.

אויף מאָרגן אין דער פרי האָט ער שוין קוים דערלעבט זען זיין אויפזעערקע, די פוילישע קראַנקנשוועסטער.

— גוט מאָרגן דיר ליב־האַרציקע שוועסטער! — האָט איר קאָבראָווסקי באַגעגנט ביים קומען צו איר אין קעלער צו דער אַרבעט.

— גוט מאָרגן דיר! וואָס מאַכסטו?

— טייערע שוועסטער, איך האָב באַשלאָסן פאַר דיין גוטער באַציאונג צו מיר דיר צו געבן אַ מתנה אַ שיינעם, נייעם קאַראַקול־מאַנטל! — האָט יצחק מיט זיכערער פריינדלעכער שטימע פאָרגעלייגט.

די קראַנקנשוועסטער איז געוואָרן פאַרוואונדערט און האָט אים זייער העפלעך באַדאַנקט.

דעם זעלבן טאָג האָט קאָבראָווסקי אַ צווייטן מאָל איבערראַשט דער קראַנקנשוועסטער. ער האָט איר געבעטן זי זאָל דערציילן דעם הויפּט־דאָקטאָר פון קראַנקנהויז, אַז ער האָט אין גראָדנע באַהאַלטן אַ מאַגאַזין פון רויכוואַרג. די קראַנקנשוועסטער האָט קאָבראָווסקין געוואָרנט, אַז מען קאָן אים דערפאַר דערשיסן. ער איז אָבער באַשטאַנען אויף דאָס זייניקע. די קראַנקנשוועסטער האָט טאַקע דעם זעלבן טאָג וועגן דעם דערציילט דעם הויפּט־דאָקטאָר פון קריגס־לאַזאַרעט.

אין אַ פּאָר טעג אַרום זיינען צו קאָבראָווסקין געקומען צוויי העכערע דייטשע אָפיצירן.

דער הויפּט־דאָקטאָר — אַ מיטל וואוקסיקער, אַ בייכיקער מיט אַ דיקן רויטן קאַרק, גלאַט ראַזירטן רויטלעכן פּנים מיט גאָלדענע ברילן. זיינע בלאָנדע האָר צוגעריכטעט אַלאַ היטלער.

זיין אַדיוטאַנט — אַ הויכער בלאָנדער דייטש מיט אַ פולער ברוסט אויסצייכענונגען.ביידע זיינען זיי געקומען צו קאָבראָווסקין אויפן אַרבעטס־פּלאַץ.

— גוטן טאָג! — האָבן ביידע הויכע אָפיצירן מיט

אַ שמייכל באַגריסט דעם יידן, וואָס האָט אַרונטערגעכאַפּט זיין היטל פון קאָפּ און זיך טיף פאַרנויגט.

— ביסטו פון גראָדנע? — האָט דער הויפּט־דאָקטאָר העפלעך צוגעשמייכלט קאָבראָווסקין.

— פון גראָדנע, ה' שעף־אַרצט! — האָט קאָבראָווסקי, ווי אַ סאָלדאַט, קורץ געענטפערט און זיך אַוועקגעשטעלט שטראַם. ביידע אָפיצירן האָבן זיך איבערגעקוקט מיט אַ שמייכל.

— איז דאָס אמת, אַז דו האָסט אַ מאַגאַזין פון „פעלצע"? — האָט דער שעף־אַרצט מיט חניפה כסדר צוגעשמייכלט דעם יידן.

קאָבראָווסקי האָט זיך אין האַרצן דערפרייט. ער האָט דערשפּירט, אַז דער קאָמפּליצירטער פּלאַן זיך צו ראַטעווען האָט זיך אָנגעהויבן. ער האָט אָבער זיין צופרידנהייט ניט געטאָרט ווייזן פאַר די הויכע דייטשע אָפיצירן, כדי עס זאָל ביי זיי ניט אַרויסרופן קיין חשד.

— קיינע „פעלצע", ה' שעף! כ'האָב ניט! — האָט יצחק אַראָפּגעלאָזן זיינע אויגן, און כלומרשט זיך געמאַכט ניט ווויסנדיק.

— דו לייגסט! פאַרפלוכטער יודע! — האָט דער אַדיוטאַנט זיך אָנגעצונדן ווי אַ שוועבעלע. קאָבראָווסקי האָט אויף אים געקוקט אומשולדיק און ניט געענטפערט.

— דו דרעק־זאַק איינער! מיר ווייסן דאָך אַלץ! — האָט דער אַדיוטאַנט אַ פּראַסק געטאָן יצחקן אין פּנים.

דער שעף־אַרצט האָט מיט זיינע דיקע הענט אָפּגערוקט אָן אַ זייט זיין אַדיוטאַנט.

— האָב ניט קיין מורא! מיר זיינען ניט קיין באַרבאַרן! דו וועסט ביי אונדז אַרבעטן און האָבן גוט. עטלעכע פעלכלעך וויל איך נאָר האָבן — האָט דער דאָקטאָר זיך געבעטן ביים יידן.

איך האָב אַ פרוי מיט אַ קינד אין גראָדנע, ה' שעף! איך קאָן דאָך ניט אַוועקגעבן מיינע „פעלצע" און רויכוואַרג אָן געלט! איר זעט דאָך אַליין אויך, אַז איך פאַרדין גאָרניט פון דער אַרבעט, ווער וועט אויסהאַלטן מיין פרוי און טאָכטער?

דער ד"ר האָט געבעטן ביים יידן אים פאַרקויפן צוויי קאַראַקולנע מאַנטלען און צוויי זילבערנע פוקסן. ער האָט זייער העפלעך געפרעגט, וואָס דאָס דאַרף קאָסטן.

— 270 מאַרק! האָט זיך יצחק אויסגעצויגן ווי אַ סאָלדאַט.

70 פאַר זיך און 200 פאַר מיין פרוי און טאָכטער — האָט ער צוגעגעבן.

דער אַדיוטאַנט האָט זיך איבערגעקוקט מיט זיין שעף. אויף ביידנס פּנימער האָט זיך באַוויזן אַ שמייכל פון העכסטן גליק און צופרידנקייט. נאַ! איז גוט! איך וועל באַצאָלן דעם פּרייז! — האָט דער שעף אַ צופרידענער אַ קלאַפּ געטאָן דעם יידן אין פּלייצע.

איך וועל דיר אויך פאַרלייכטערן דיין אַרבעט! — האָט ער פאַרזיכערט. אָבער געדענק וואָס איך זאָג דיר אָן! — האָט ער אַרויפגעלייגט זיין פינגער צו די ליפּן.

— קיינער דאַרף וועגן דעם ניט וויסן! — האָט באַפעלעריש געוואָרנט דער אַדיוטאַנט.

— זיכער! זיכער דאַרף קיינער וועגן דעם ניט וויסן! האָט קאָבראָווסקי באַהאַלטן אַ שמייכל און צוגעשאָקלט מיטן קאָפּ.

יצחק האָט אַלץ מורא געהאַט פאַר געשטאַפּאָ, וואָס קאָן אים ליקווידירן צוליבן באַזוך פון קאָמענדאַנט רידעל אין טורמע.

— ס'קאָן פּאַסירן, אַז מען זאָל מיר מער צו אַרבעטן ניט ברענגען, ה' שעף! — האָט יצחק אויפמערקזאַם געמאַכט ביידע אָפיצירן.

— אַך אַזוי?! טאָ קום מיט! — האָט דער שעף גערופן יצחקן.

אַלע דריי זיינען אַוועק אין ביוראָ פון קריגס־לאַזאַרעט.

אַ בלאָנד־האָריקע דייטשע מיידל האָט פאַר קאָבראָווסקין אויפגעשריבן אַ ספּעציעלן שריפט, אין וועלכן ס'איז העכסט העפלעך געבעטן געוואָרן דעם שעף פון טורמע, ער זאָל יעדן טאָג שיקן קאָבראָווסקין צו דער אַרבעט אין קריגס־לאַזאַרעט.

אין שריפט איז אונטערגעשטראָכן געוואָרן, אַז קאָבראָווסקי איז אַ גוטער אַרבעטער און אַ ספּעציאַליסט, וועמען קיינער קאָן ניט פאַרבייטן. קאָבראָווסקי האָט מיט גרויס פרייד באַקוקט דעם שריפט און איז אַרויס. דער שעף האָט אים אַרויסבאַגלייט אין לאַנגן זויבערן קאָרידאָר. ער האָט קאָבראָווסקין אין דער שטיל פאַרזיכערט, אַז אין עטלעכע טעג אַרום וועט אים אויסקומען צו פאָרן קיין גראָדנע נאָך די „פעלצע".

אַז יצחק איז געקומען צוריק צום אַרבעטס־פּלאַץ האָט ער זיך גוט אויסגעלאַכט פון מאָדנעם משונהדיקן איינפאַל זיינעם און פון די „קלוגע", „קולטורעלע" און „העפלעכע" דייטשע אָפיצירן.

פאַרנאַכט, אַז יצחק מיט זיינע חברים זיינען שוין געווען אין צעלע פון טורמע, האָט ער זיך געשטעלט נעבן פענצטער און מיט טרויער אַרויסגעקוקט צו דער פאַרגייענדיקער בלוט־רויטער זון, ווייט הינטער די בערג פון קאָוונער פאָרשטאָט אַלעקסאָט. מיט די הענט האָט ער זיך אָנגעהאַלטן אָן די דיקע אייזערנע קראַטעס און האָט זיך שטאַרק פאַרטראַכט.

די חברים אין צעלע האָבן באַמערקט יצחקס צערודערונג און האָבן זיך איבערגעוואונקען, ווייזנדיק מיט זייערע בליקן אויפן צערודערטן קאָבראָווסקין.

צווישן דער גרופּע יידן אין דער געלער טורמע איז אויך געווען דער פּאָפּולערער יידישער קאָוונער אינזש. בלומענטאַל. דער אינזש. האָט געאַרבעט אין דער צייט פון דער ליטווישער אומאָפּהענגיקייט אין די אַוויאַציעוואַרשטאַטן און פאַר זיינע דערפינדונגען איז ער געווען באַשאָנקען מיט הויכע אויסצייכענונגען.

דאָס האָט אָבער ניט געשטערט די ליטווישע כאַמעס אים צו אַרעסטירן און אַריינזעצן אין טורמע. די באַשולדיקונג איז געווען — ער איז אַ ייד.

וואָס טרויערסטו היינט אַזוי פיל? — האָט בלומענ־

טאַל מיט זיין צערטלעכקייט, שמייכלענדיק אויפגעוועקט יצחקן פון זיין טרויער. כ'האָב וואָס צו טראַכטן! — האָט יצחק מיט אַ טרויעריקן שמייכל געענטפערט און האָט אָנגעהויבן דערציילן זיין פאַרטראַכטן רעטונגס־פלאַן. אַלע חברים האָבן מיט גרויס אינטערעס אויסגעהערט קאָבראָווסקיס מאָדנעם רעטונגס־פלאַן. אַנדערע האָבן אַ מאַך געטאָן מיט דער האַנט און זיך פאַנאַדערגעלאַכט מיט אַ רעזיגנאַציע קול. אַנדערע האָבן געפונען פאַר נייטיק צו באַצייכענען דעם פלאַן פאַר אַ דאָן־קיכאָטישן. אַנדערע האָבן אָנגעהויבן דערציילן איינצלנע עפּיזאָדן פון שלום עליכמס העלד מנחם מענדלען.

יצחק האָט אַלעמען אויסגעהערט. ווי אַ פאַרשעמטער יינגל, האָט ער אַראָפּגעלאָזן זיינע אויגן צום בעטאָנענעם דיל און געבליבן שטיין מיט פאַרבראָכענע הענט.

דער איינציקער וואָס האָט יצחקן געטרייסט, איז געווען אינזש. בלומענטאַל.

— יצחק! איך האַלט פון דיר און פון דיינע פלענער! שפּיל די טראַגיקאָמעדיע ביז צום סוף, טייערער ברודער! ס'איז ניטאָ וואָס צו פאַרלירן! — האָט דער הויך געוואוקסיקער אינזש. געקלאַפּט יצחקן אין אַקסל און האָט אויך טרויעריק צוגעשמייכלט.

נאָכן אָוונטברויט, וואָס איז באַשטאַנען פון אָפּגעקאָכטן מעל, האָבן אַלע 25 זיך אויסגעלייגט אויף די האַרטע נאַרעס און זיך צוגעדעקט מיט זייערע פאַרשיידענע שמאַטעס. קיינער האָט אָבער ניט געקאָנט איינשלאָפן. אין אַ ווינקל פון צעלע האָבן זיך געוואַלגערט פאַרבלאָנדזשעטע בינטלעך רויטע־שטראַלן פון דער אונטערגייענדיקער זון. די לופט איז געווען הייס, דושנע און געדיכט ווי בליי. הונדערטער שטיקלעך שטויב האָבן אַרומגעשוועבט אין די לאַנגע פאַראַלעלע רויטע זונענשטראַלן און האָבן זיך געקייקלט איינער אויפן צווייטן. אין דרויסן האָט עס געברויזט מיט יוגנט און לעבן, מיט געלעכטער און געזאַנג פון פאַרבייגייענדיקע ליטווינער.

קיינער האָט ניט געקאָנט איינשלאָפן. יצחקס רעטונגס־פלאַן האָט אַלעמען אַ שטויס געטאָן צו קלערן וועגן די נאָענטע פאַמיליע־מיטגלידער, וועגן פרוי און קינד, וועגן געליבטע כלות און טייערע טאַטע־מאַמע. אַלע זיינען מיט פאַרגלעזערטע אויגן געלעגן און געטראַכט, געטראַכט און געבענקט. יעדער האָט פאַרשטאַנען, אַז קיינמאָל אין לעבן וועט ער שוין זיינע נאָענטע און טייערע ניט זען. אַלע זיינען געווען זיכער, אַז נאָר דער טויט וועט זיי באַפרייען פון די שרעקלעכע ליידן. קיינער האָט אָבער ניט געוואוסט וויפל ס'איז אים נאָך געבליבן צו לעבן.

מער פון אַלעמען האָט אָבער געטראַכט יצחק קאָבראָווסקי. ער האָט בשום אופן ניט געקאָנט פאַרשטיין מיט וואָס זיין רעטונגס־פלאַן וועט זיך ענדיקן. דריי טעג זיינען פאַרביי און דער שעף פון קריגס־לאַזאַרעט האָט יצחקן צו זיך ניט גערופן, קיינער האָט מער ניט גערעדט





וועגן פאָרן קיין גראָדנע נאָך „פעלצע”. זיינע האָפענונגען זיך צו ראַטעווען האָבן אָנגעהויבן צו ווערן צווייפלהאַפט.

זיינע חברים אין צעלע האָבן אָנגעהויבן אָפּלאַכן פון יצחקס פלענער. אַנדערע פלעגן אויף זיין חשבון דערציילן פאַרשיידענע וויצן.

דאָך האָט קאָבראָווסקי ניט אויפגעגעבן זיין פלאַן. ער האָט אָבער מורא געהאַט ניט צו פאַרשפּעטיקן. די שרעק פאַר געשטאַפּאָ, מ'זאָל אים ניט שיסן צוליבן באַזוך פון גראָדנער קאָמענדאַנט אין טורמע — האָט אים שרעקלעך געפייניקט און אויף אַ מינוט רוען ניט געלאָזן.

יצחק האָט זיין רעטונגס־פלאַן פאַרוויקלט אין אַ נייעם בלאָף, וואָס די „קלוגע” און „קולטורעלע” דייטשן האָבן ניט פאַרשטאַנען.

איינמאָל האָט יצחק ביי דער אַרבעט אָפּגעהיט דעם שעף־אַרצט פון קריגס־לאַזאַרעט און האָט אים געמאָלדן, אַז אין ביוראָ פון טורמע האָט מען אים געענדיקט פאָרשן און ס'איז באַשלאָסן געוואָרן אים אַוועקצופירן ענדיקן פאָרשן אין זיין געבורט־שטאָט גראָדנע.

דער שעף־אַרצט האָט זיך פאַרטראַכט. אויף זיין פּנים האָבן זיך באַוויזן שאָטנס פון פאַרדרוס, ער האָט דערשפּירט, אַז זיין גליק צו באַקומען די „פעלצע” שטייט אין געפאַר.

מען וועט דיר אין גראָדנע ניט פירן! האָט ער בייזלעך, אַנטשלאָסן פאַרזיכערט קאָבראָווסקין.

פאַרנאַכט האָט דער שעף־אַרצט איבערגעגעבן דעם ליטווישן פאָסטן אַ ספּעציעלן שריפט אָפּצוגעבן דעם שעף פון טורמע.

קאָבראָווסקין האָט ער באַפוילן צו בלייבן נעכטיקן אין קריגס־לאַזאַרעט אויף „ביינאַכטיקע אַרבעט”.

נאָך דער אַרבעט האָט אַ דייטשער פאָסטן אַריינגעפירט יצחקן אין אַ צימער פון קריגס־לאַזאַרעט, האָט אים געגעבן גוט עסן און האָט פאַר אים צוגעגרייט אַ ווייכן, זויבערן געלעגער צו שלאָפן.

וואַך ביי דעם צימערל האָט אַ גאַנצע נאַכט געהאַלטן דער דייטשער פאָסטן. די נאַכט האָט אָבער קאָבראָווסקי שלאָפן ניט געקאָנט. ער האָט אָנגעשטרענגט אַלע זיינע קרעפטן, זיין גאַנצן פאַרשטאַנד, און האָט געזוכט זיך אַליין קלאָר צו מאַכן די גאַנצע פאַרוויקלטע סיטואַציע, זיין טראַגישע לאַגע און האָט ניט געקאָנט זיך דערטראַכטן ביזן סוף, מיט וואָס דאָס וועט זיך פאַרענדיקן.

יצחק האָט אָבער געוואָלט דערגרייכן גראָדנע. דאָרט האָט ער געהאָפט אויף הילף פון דער פוילישער מאַיאָרשע ראָזנאַטאָווסקאַ, וואָס וועט מיט דער הילף פון קאָמענדאַנט רידעל אים אפשר באַפרייען. אין ערגסטן פאַל, האָט ער כאָטש געוואָלט שטאַרבן אין גראָדנע, כדי זיינע נאָענטע זאָלן וויסן וואָס מיט אים האָט פּאַסירט און אים ברענגען צו קבר ישראל.

הייסע טראָפּנס טרערן האָבן זיך ביי די געדאַנקען אַראָפּגעקייקלט איבער יצחקס פּנים.

## צוריק אין גראָדנע

אַ יונגע, אויסגערוטע, אויסגעשלאָפענע זומער־פרימאָרגנדיקע זון האָט מיט ענערגיע באַגאָסן דעם גאַנצן אַרום מיט וואַרעמע שטראַלן. דורכן גרויסן פענצטער זיינען זיי פריי אַריינגעגאָסן געוואָרן אין זויבערן צימער. יצחק איז אין בעט געלעגן וואַך מיט שעהן פריער און געקנייטשט מיטן שטערן. מיט אומרו און שרעק האָבן זיינע בליקן אַרויסגעקוקט דורכן פענצטער צום זומערדיקן פרימאָרגן. אַ שמערצלעכע נאָגעניש האָט ער געשפירט אין זיין ברוסט. קעגן זיינע אויגן האָט געבליצט אַ שוואַרצער גרויסער פראַגע־צייכן: „וואָס ברענגט מיט זיך דער קומענדיקער טאָג?“ זעקס אַזייגער אין דער פרי האָט דעם שעפס אַדיוטאַנט געעפנט די טיר פון צימער.

— גוט מאָרגן הער! — האָט ער פריילעך באַגריסט יצחקן מיט אַ שמייכל.

— גוט מאָרגן, ה׳ לייטענאַנט! — האָט יצחק אָפגעענטפערט און זיך אַ זעץ געטאָן אין בעט.

זיין שוואַרצע צעריסענע העמד האָט ווי אַן אַלטע אָפגענוצטע שמאַטע, ווי אַ גרויער פלעק זיך אָפגעשפיגלט אויפן פאָן פון די אַלבאַסטער ווייסע בעטגעוואַנט.

אַלץ איז שוין פאַרטיק! — ביטע זיך גרייט מאַכן צו פאָרן קיין גראָדנע! — האָט דער לייטענאַנט, אַ צופרידענער, העפלעך באַפוילן יצחקן, און איז אַרויס.

יצחק האָט זיך האַסטיק אָנגעטאָן. מיט אַ שמייכל האָט ער באַקוקט דעם זויבערן געלעגער...

אַ פעלדפעבל האָט געבראַכט אַ קעסעלע זופ. נאָכן אָפעסן האָט יצחק געבעטן עטוואָס שפייז פאַר זיין פרוי און טאָכטער אין גראָדנע. אין אַ קורצער צייט אַרום האָט דער פעלדפעבל געבראַכט אַ קעסטל עפל מיט פיר לעבלעך האַלב־ווייסע, פרישע ברויט.

אויפן הויף פון קריגס־לאַזאַרעט איז שוין געשטאַנען גרייט אַ גרויסער אויטאָבוס מיט אַלע באַקוועמלעכקייטן צו זיצן.

אין אויטאָבוס האָבן זיך אַריינגעזעצט דריי פאַסאַזשירן: דער ייד יצחק קאַבראָווסקי, דער לייטענאַנט און אַ פעלדפעבל. ביים רול איז געזעסן אַ ליטווישער שאָפער. אין אַ ווינקל פון אויטאָ זיינען אָרדנונגסמעסיק געווען אויפגעלייגט זעק און עטלעכע ליידיקע קעסטלעך.

דער לייטענאַנט האָט נאָך אַ מאָל קאָנטראָלירט זיין פאַר־שיין.

אַלץ קלאַפט גוט! — האָט ער אַ צופרידענער באַשטעטיקט.

אָפפאָרן! — האָט ער מיטן האַנט באַפוילן דעם ליטווישן שאָפער.

דער אויטאָבוס האָט זיך גערירט.

דורכפאָרנדיק קאָוונער גאַסן, האָט יצחק געזוכט מיט זיינע אויגן אויף די טראָטואַרן. קיין יידן האָט ער ניט געזען, ניט באַמערקט, אַפילו קיין איין ייד ניט.

אַרויסגעפאָרן פון שטאָט אויפן שאָסיי, האָבן די רעדער זיך אָנגעהויבן האַסטיק דרייען. ווי אַ פליענדיקע קויל, אַזוי האָט זיך דער אויטאָבוס געקייקלט איבערן שאָסיי, צווישן גרינע פעלדער און וועלדער באַגאָסן מיט זונענשטראַלן און באַפוצט מיט פאַרשיידן־פאַרביקע בלומען. די וואונדערבאַרע נאַטור־בילדער האָבן אָבער ניט אויפגעמונטערט און ניט דערפרייט קאָבראָווסקין.

ווי די רעדער פון אויטאָבוס, אַזוי האָבן זיך אויך געדרייט פאַרשיידענע געדאַנקען אין יצחקס מוח. ער האָט זיך ניט געקאָנט פאָרשטעלן מיט וואָס דער קאָמפליצירטער בלאָף וועט זיך אין גראָדנע פאַרענדיקן. איינס האָט ער אָבער יאָ געוואוסט, אַז זיין לעבן איז געשטעלט אין קאָן. דער שטאַרקער ווילן צו זען זיין פרוי און טאָכטער, זיינע ברידער, נאָענטע פריינד און בכלל די גראָדנער יידן — האָט אים דערמונטערט און באַוואויגן ווייטער צו טראַכטן און קאָמבינירן.

אַ נעפלהאַפטער פלאַן, וואָס צו טאָן אין גראָדנע, איז ביי יצחקן ווי געווען געבוירן. אָבער די פאַרווירקלעכונג האָט אים געשיינט צו זיין ניט לאָגיש און ניט מעגלעך.

דורכפאָרנדיק דאָס שטעטעלע אַליטע און דערנאָך מערעטש, האָט יצחק קיין יידן ניט געזען אויף די גאַסן. ניט ווייט פון גראָדנע האָט ער דערזען אויפן שאָסיי פאָרן יידישע פורמאַנעס, וואָס זיינען אָן אַ שמירה געפאָרן מיט האָלץ פון וואַלד. זיי זיינען געווען מיט צוויי געלע מגן־דודס אויפן ברוסט און פלייצע. יצחק האָט דערזעענדיק גראָדנער יידן — פרייער אָפגעאָטעמט. פינף קילאָמעטער פון גראָדנע האָט יצחק געזען יידישע אַרבעטער אויפן שאָסיי אונטער אַ שוואַכער שמירה פון ציווילע פוילישע אַרבעטער. יצחק האָט אויפמערקזאַם געמאַכט דעם לייטענאַנט אויף דעם גרויסן אונטערשייד אין דער באַציאונג צו די יידן דאָ אין קאָוונע.

דאָרט איז ליטאַוען, היר איז דער רייך! — האָט דער לייטענאַנט דערקלערט קאָבראָווסקין.

יצחק האָט זיך אָנגעהויבן אָריענטירן אין דער לאַגע פון די גראָדנער יידן. זיינע האָפענונגען זיך אַרויסצורייסן פון טויט זיינען געוואָרן שטאַרקער.

די גאַנצע צייט האָט דער לייטענאַנט מיטן וואַכמייסטער שטאַרק אַכטונג געגעבן יצחק זאָל ניט פרוּוון אַרויסשפרינגען פון אויטאָבוס.

זיי האָבן מיט אים ווייניק גערעדט און זיך געהיט פאַרן ליטווישן שאָפער. אַז עס האָבן זיך דערזען די ברעגעס פון גראָדנע, האָט דער לייטענאַנט אַרויסגענומען אַ בלאָקנאָט מיט אַ בלייער.

— ווי הייסטו דען? — האָט ער געפרעגט יצחק קאָבראָווסקין.

אַ מינוט האָט זיך יצחק פאַרטראַכט.

— עדוואַרד קאָטלינסקי! — האָט יצחק אים זיכער געענטפערט.

— עדוואַרד קאָטלינסקי! — האָט דער לייטענאַנט איבערגעחזרט און פאַרשריבן אין זיין בלאָקנאָטל.

יצחק האָט זיין ריכטיקן נאָמען און פאַמיליע ניט געזאָגט, ווייל ער איז געווען אַנטשלאָסן, אין ערגסטן פאַל, צו פרוּוון אַנטלויפן און האָט ניט געוואָלט אַז צוליב

אים זאָלן דערנאָך לײדן זיין פרוי און טאָכטער. דער לייטענאַנט האָט אין גראָדנע מורא געהאַט אַריינצופּאָרן, כאָטש ער האָט געהאַט אַ פאָרשיין. ביים ברעג שטאָט האָט ער זיך אָפּגעשטעלט.

ביידע דייטשן מיט יצחקן זיינען צופוס אַוועק אין שטאָט.

ביים ברעג שטאָט האָט געלעבט אַ פּוילישע קרעמערקע נאָוואַצקאַ. די קרעמערקע האָט מיט יצחקן פאַרן קריג געהאַנדלט. ביי דער קרעמערקע פלעגט קויפן אויך די מאַיאָרשע ראָזנאָטאָווסקאַ און זיי זיינען אויך געווען באַפריינדעט. לויט קאָבראָווסקיס פאָרשלאַג זיינען ביידע דייטשן מיט אים אַריין אין דעם קרעמל זיך דערוויסן צי דאָס הויז, וואו ס׳געפינען זיך די „פּעלצע״ איז ניט פאַרנומען פון מיליטער...

אין קרעמל האָט יצחק דערזען אַ ליטווישן אָפיציר. יצחק האָט זיך דערמאָנט אָן די נגישות, וואָס די ליטווינער האָבן אָנגעטאָן די יידן אויפן זיבעטן פאָרט אין קאָוונע און האָט זיך מער ניט געקאָנט באַהערשן.

— דו, אַנשטענדיקע פּוילישע פרוי, רעדסט נאָך מיט אַ ליטווין?! — האָט יצחק מיט אַ קוויטש פון אויפרעגונג אויסגעשריען.

דער דייטשער אָפיציר האָט פאַרשטאַנען, אַז יצחק שטערט זיך דורכצורײדן מיט דער קרעמערקע און האָט דעם ליטווישן אָפיציר אַרויסגעשטופּט פון קראָם. דער ליטווישער אָפיציר איז מיט אַן אָפּטיילונג „פּאַרטיזאַנער״ איינגעשטאַנען אין גראָדנע און האָט פיל שאָדן געבראַכט די גראָדנער יידן.

יצחק האָט דער באַקאַנטער קרעמערקע געבעטן איבערגעבן דער מאַיאָרשע ראָזנאָטאָווסקאַ, אַז ער איז פון קאָוונע געקומען אָפּצונעמען זיינע „פּעלצע״. די קרעמערקע האָט גוט געוואוסט, אַז יצחק האָט קיינמאָל ניט געהאַנדלט מיט קיין רויכוואַרג. זי האָט אָבער פאַרשטאַנען וועגן וואָס עס האַנדלט זיך...

די קרעמערקע איז אַרויסגעלאָפן צו דער מאַיאָרשע. יצחק איז לאַנגזאַם, מיט ביידע דייטשן, געגאַנגען דורך געדרייטע געסלעך, כדי צו געווינען מער צייט פאַר דער מאַיאָרשע זיך צו באַטראַכטן ווי אים צו ראַטעווען. געקומען צו דער מאַיאָרשע אין שטוב, איז זי אויפגעשפּרונגען פון פאַרוואונדערונג, דערזעענדיק קאָבראָווסקין אין באַגלייטונג פון דייטשן. זי האָט זיי זייער העפלעך אויפגענומען און מיט אַ בערלינער דייטשן אַקצענט געבעטן זיך זעצן און אָפּרוען.

ראָזנאָטאָווסקאַ האָט אַלץ גוט פאַרשטאַנען, וואָס יצחק פאַרלאַנגט פון איר, און האָט אים צוגעזאָגט צו טאָן אַלץ. זי האָט אים אויף פּויליש פאַרזיכערט אין דערפאָלג... ביים צושטעלן די „פּעלצע״...

יצחק האָט דערקלערט ביידע דייטשן, אַז די פרוי בעט צוואַנציק מינוט צייט צו ברענגען אַהער די „פּעלצע״.

— אין 20 מינוטן שפּעטער! — האָט די מאַיאָרשע העפלעך, מיט אַ שמייכל, אין אַ פּערפעקטן דייטש פאַרזיכערט דעם לייטענאַנט.





— וועט זיין אַלץ פאַרטיק? — האָט דער לייטענאַנט געוואָלט זיין זיכער.

— אַלץ וועט זיין צוגעגרייט אַזוי גוט, אַז איר וועט זיך אַליין וואונדערן! — האָט האָפערדיק די מאַיאָרשע פאַרזיכערט און קאָקעטיש צוגעשמייכלט צו קאָבראָווסקין.

דער לייטענאַנט האָט עס באַמערקט און באַקוקט יצחקן און דער שיינער מיטליעריקער פרוי.

אַז אַלע דריי זיינען אַרויס פון איר שטוב האָט דער לייטענאַנט אייפערזיכטיק באַקוקט קאָבראָווסקין פון קאָפּ ביז די פיס.

— איז דאָס דיין געליבטע? — האָט ער אַ פרעג געטאָן יצחקן.

— ניט קיין געליבטע — נאָר אַ גוט באַקאַנטע — האָט יצחק פאַרזיכערט.

אַלע דריי האָבן זיך דערווייטערט פון דער מאַיאָרשעס וואוינונג.

יצחק האָט באַשלאָסן ניט אינגאַנצן זיך צו פאַרלאָזן אויף דער הילף פון זיין באַקאַנטער מאַיאָרשע און האָט באַטראַכט אַליין אויך עפּעס צו טאָן.

ער האָט פאַרבעטן ביידע דייטשן צו זיך אין שטוב, און האָט זיי פאַרזיכערט, אַז ער האָט דאָרטן איין קאַראַקולנעם דאַמען־מאַנטל.

אַלע דריי זיינען אַוועק צו יצחקס פרוי, וואָס איז שוין דורך דער קרעמערקע געווען אינפאָרמירט וועגן וואָס עס האַנדלט זיך.

דער לייטענאַנט איז געבליבן וואַרטן אין דרויסן. קאָבראָווסקי מיטן וואַכמייסטער זיינען אַריין אין שטוב. די פרוי מיט דער קליינער טאָכטער זיינען אויף אים אַרויפגעפאַלן קושן מיט אַ געוויין.

יצחק האָט ביידן אַרומגעאַרעמט. פון זיינע אויגן האָבן זיך געקייקלט טרערן.

גיכער! — מאַכט דאָס גיכער! — האָט דער וואַכמייסטער צוגעאיילט.

אין שטוב איז אויך געווען יצחקס ברודער משה, וואָס איז געזעסן ביים טיש אַן אויפגערעגטער. אונטערן טיש האָבן זיך זיינע פויסטן געביילט. יצחק האָט געוואָלט, אַז זיין פרוי זאָל ביי דעם מאָמענט ניט זיין אין שטוב. ער האָט באַשלאָסן אָנצוואווענדן גוואַלט און פּטור ווערן פון וואַכמייסטער.

גיי ברענג דיין קאַראַקולנעם פּעלץ!... האָט יצחק באַפוילן זיין פרוי. וואָס פאַראַ קאַראַקולנעם פּעלץ זאָל איך ברענגען? — האָט זיין פרוי זיך געוואונדערט און זיך ניט אָנגעשטויסן וואָס איר מאַן פּלאַנט צו אונטערנעמען.

גיי ברענג דעם פּעלץ זאָג איך דיר!... — איז שוין יצחק געוואָרן אויפגערעגט און האָט איר אַרויסגעשטופּט דורכן טיר.

דער וואַכמייסטער האָט קענטיק באַמערקט משהן אַן אויפגערעגטן, האָט אַרויסגעכאַפּט זיין רעוואָלווער און גרייט געמאַכט צו שיסן.

דער וואַכמייסטער האָט יצחקן אַרויסגעפירט אין

דרויסן. יצחק האָט זיך פֿאַרן לייטענאַנט כלומרשט באַקלאָגט, אַז זיין פרוי קאָן זיך פון איר קאַראַקולענעם פעלץ ניט שיידן און וויל עס ניט געבן. דער לייטענאַנט האָט געבעטן יצחקן זיך באַרואיקן און ניט מאַכן קיין רייד וועגן „אַזאַ קלייניקייט".

דער לייטענאַנט האָט זיך שטאַרק נערווירט און כסדר געקוקט אויף זיין האַנטזייגער. אין אַ פופצן מינוט אַרום זיינען זיי אַלע דריי אַוועק צוריק אין שטאָט צו דער מאַיאָרשע ראָזנאַטאָווסקאַ.

די מאַיאָרשע האָט זיי זייער העפלעך אויפגענומען און אויף דייטש געמאָלדן, אַז דער שטאָט קאָמענדאַנט בעט זיי אַריין צו זיך אין וואוינונג.

— ביטע מיינע הערן! — צום הער קאָמענדאַנט! — האָט זי מיט אַ זיגערישן טאָן געוויזן מיטן האַנט אויפן קאָמענדאַנטס צימער. דער לייטענאַנט מיט זיין וואַכמייסטער זיינען געוואָרן בלאַס, מיט אַ ווילדער רציחה האָבן זיי געקוקט אויף דער חוצפהדיקער פרוי און אָנגעגעהויבן זיך רוקן צום טיר. אין דעם מאָמענט איז פון זיין וואוינונג אַרויס דער קאָמענדאַנט רידעל. דער לייטענאַנט מיט זיין וואַכמייסטער האָבן זיך האַסטיק אַ שטעל געטאָן שטראָם און צוגעלייגט זייערע הענט צום היטל.

דער קאָמענדאַנט איז געווען רואיק און פאַרשפּילענדיק דעם קאָלנער פון זיין מונדיר האָט ער באַקוקט דעם לייטענאַנט, דעם וואַכמייסטער און צום סוף קאָבראָווסקין. אויף יצחקן האָט זיך זיין בליק אָפּגעשטעלט: „דאָנער וועטער, וואָ האָבן זי דעם מאַן פאַרשטעקט?! איך זוך אים שוין 6 וואָכן! צום טייוול! — האָט דער קאָמענדאַנט מיטן פויסט אַ זעץ געטאָן אין טיש.

דער לייטענאַנט מיט זיין וואַכמייסטער האָבן זיך אַזש געטרייסלט פון שרעק. יצחק האָט אַרונטערגעלאָזן זיינע אויגן און האָט באַהאַלטן אַ לייכטן שמייכל. די מאַיאָרשע האָט אַרויסגעקוקט מיט אַ שמייכל דורכן פענצטער.

אַ קורצע צייט האָט זיך דער קאָמענדאַנט געמאַטערט מיטן פאַרשפּילן דעם קאָלנער פון זיין מונדיר. עטלעכע מאָל האָט ער דורכשפּאַצירט מיט זיינע סקריפּענדיקע שטיוול און האָט זיך מיט די הענט אין די קעשענעס אָפּגעשטעלט נעבן ביידע דייטשן.

— אייערע דאָקומענטן ביטע! — האָט דער קאָמענדאַנט געפאָדערט.

דער לייטענאַנט האָט אים געוויזן די דאָקומענטן און דערקלערט, אַז „דער יודע" אַרבעט ביי זיי אין קאָוונער קריגס־לאַזאַרעט זייער פלייסיק און זיי האָבן אים געבראַכט אין שטוב נאָך וועש און ווינטערדיקע קליידער. דער קאָמענדאַנט האָט מיט אַ שמייכל אויסגעהערט און האָט זיי אָפּגעגעבן צוריק די פּערזענלעכע דאָקומענטן. דעם פאָרשיין האָט ער צוריק ניט אָפּגעגעבן און זיי שטרענג באַפוילן אין אַ האַלבע שעה אַרום קומען צו אים אין קאָמענדאַטור „צוזאַמען מיטן יודע".

— פאָרלויפיק! — האָט דער קאָמענדאַנט זיי געוויזן מיטן האַנט די טיר.

אַרויס צום ברעג שטאָט, האָט דער לייטענאַנט פאַרזיכערט, אַז די פרוי האָט זיי אָפּגעמסרט, כדי ביי איר זאָלן בלייבן אַלע „פּעלצע". זיי האָבן באַשלאָסן וואָס גיכער פון גראָדנע צו אַנטלויפן צוריק קיין קאָוונע.

יצחק האָט דערשפּירט, אַז אין לעצטן מאָמענט האָט ער געמאַכט אַ גרויסן פעלער, וואָס ער איז מיט זיי אַרויס פון שטאָט און ניט געפּרואווט אַנטלויפן.

אָבער אויך אין דעם מאָמענט האָט יצחק ניט פאַרלוירן זיין אָריענטאַציע. דער מאָטאָר פון אויטאָבוס האָט שוין געהאַט געאַרבעט.

יצחק האָט געשפּירט ווי זיין האַרץ שפּרינגט אים פון ברוסט, פון פאַרדרוס און אויפרעגונג. אַזוי נאָענט צום ציל, און אַזוי פאַטאַל האָט זיך געזאָלט פאַרענדיקן יצחקס רעטונגס־פּלאַן. אין דעם מאָמענט האָט קאָבראָווסקין אַ בליץ געטאָן אַ געדאַנק.

— ה' לייטענאַנט! איר האָט אַ טעות! די אַנשטענדיקע פרוי האָט ניט פאַרראַטן! זי האָט דעם הערן קאָמענדאַנט גאָרניט געזאָגט!

— דו יודע! זאָג וואָס האָסטו געפרעסן?! — האָט דער לייטענאַנט בייז געשאַרפט זיינע ציין.

— ה' לייטענאַנט! איך וויל ניט, אַז איר, גוטע מענטשן, און דער ליבער שעף־אַרצט זאָלן צוליב מירליידן. איך זאָג אייך דעם אמת. איך בין פאַר די סאָוו. געווען פירער פון דער קאָמפּאַרטיי אין גראָדנע, דער ה' קאָמענדאַנט האָט מיר געוואָלט פאַרהאַלטן, צוליב דעם בין איך פון גראָדנע קיין קאָוונע אַנטלאָפן.

דערהערט אַזאַ דערקלערונג האָבן ביידע דייטשן אַרויסגעכאַפּט זייערע רעוואָלווערן און עס געצילעוועט אין קאָבראָווסקין. דעם שאָפער האָבן זיי באַפוילן זאָפאָרט פאָרן צום שטאָט־קאָמענדאַנט, יצחק איז אָבער דווקא געוואָרן רואיקער. ער האָט דערשפּירט, אַז אין דער לעצטער מינוט איז אים געלונגען צו ראַטעווען זיין לעבן.

דער אויטאָבוס האָט זיך אָפּגעשטעלט קעגן קאָמענדאַנטור. ביידע דייטשן, מיט אויסגעשטרעקטע רעוואָלווערן, האָבן קאָבראָווסקין געפירט אין ביוראָ.

קעגן זיי איז שוין געגאַנגען דער קאָמענדאַנט רידעל, וואָס האָט באַפוילן זיין וואַך אָפּצופירן יצחקן אין טורמע. דעם לייטענאַנט און זיין פעלדפעבל האָט ער איינגעלאַדן צו זיך.

אין קאָמענדאַנטור האָט זיך אָנגעהויבן אויפצוקלערן ווער דער פאַרהאַלטענער ייד איז. דער לייטענאַנט האָט אַרויסגענומען זיין בלאָקנאָטל און אויסגעלייענט: עדואַרד קאָטלינסקי.

דער קאָמענדאַנט האָט מיט אַ שמייכל פאַרזיכערט, אַז דאָס איז דער גראָדנער ייד יצחק קאָבראָווסקי, וועמען ער זוכט אַרום שוין אַ סך וואָכן.

ס'איז באַשלאָסן געוואָרן אַרויסצופירן פון טורמע „דעם יודע".

די טורמע האָט זיך געפונען ניט ווייט פון קאָמענדאַנטור. אַן אונטעראָפיציר פון דער זשאַנדאַרמעריע האָט יצחקן געבראַכט פון טורמע צום קאָמענדאַנט אין צימער.

דער קאָמענדאַנט: /צו יצחקן/ **— דיין פאַרנאָמע און פאַמיליע?!**

יצחק: **איך הייס יצחק קאָבראָווסקי!**

דער לייטענאַנט: /(לייענט פון ביכעלע, אויפגערעגט/ **דו הייסט דאָך עדואַרד קאָטלינסקי?!**

יצחק: — ניין! איך הייס יצחק קאָבראָווסקי.

דער קאָמענדאנט האָט מער קיינעם ניט געלאָזן ריידן און באַפוילן יצחקן אָפּצופירן צוריק אין טורמע.ביידע דייטשן פון קאָוונע האָט ער באַפוילן אין פאַרלויף פון אַ האַלבע שעה צו פאַרלאָזן גראָדנע.

אין אַ פּאָר שעה אַרום האָט אַן אונטעראָפיציר יצחקן געבראַכט פון טורמע אין קאָמענדאַנטור. דער קאָמענדאַנט האָט אַ ווײַלע געקוקט אויף יצחקן און מיט אַ שמייכל אים געמאָלדן, אַז ער איז פריי און קאָן גיין צו זיך אין שטוב. פאַרן אַרויסגיין האָט ער געבעטן קאָבראָווסקין מאָרגן פרי צו באַזוכן זיין פריוואַטע וואוינונג. קאָבראָווסקי האָט אים אָפּגעדאַנקט און איז אַוועק אַ צופרידענער.

יצחק האָט פון אַלע איבערלעבענישן זיך דערשפּירט זייער שלעכט. אַ שרעקלעכער שוידער און אַ קעלט האָט אים באַהערשט. אַ ד״ר האָט פעסטגעשטעלט ביי אים 40 גראַד טעמפּעראַטור און באַפוילן בלייבן אין בעט מינימום פיר מעת־לעת. דורך זיין פרוי האָט קאָבראָווסקי געמאָלדן דעם קאָמענדאַנט, אַז ער איז שטאַרק קראַנק געוואָרן און צוגעזאָגט אין אַ פינף טעג אַרום אים צו באַזוכן.

אַלע פריינד און באַקאַנטע יידן זיינען געקומען מבקר חולה זיין יצחקן. ער האָט פאַר אַלעמען אויסדערציילט זיינע שרעקלעכע איבערלעבענישן. יצחק האָט זיך אויך דערוואוסט, אַז דער קאָמענדאַנט איז אין קאָוונער טורמע געקומען אים באַפרייען. ביי דער מאַיאָרשע איז אַ באַלוינונג פאַר דעם געווען צוגעגרייט: אַ פוטער מיט 5000 רובל. געקומען צוריק פון קאָוונע האָט ער גאָרניט גענומען און געהייסן די מאַיאָרשע, אָפּגעבן קאָבראָווסקיס פריינד אַלץ צוריק.

— איך האָב קאָבראָווסקין פון קאָוונער טורמע ניט געקאָנט אַרויסנעמען — האָט ער מיט פאַרדרוס דאַן דערציילט דער מאַיאָרשע.

יצחקס אַ ברודער האָט געשאַפן פעלכלעך פאַר אַ קאַראַקולנעם מאַנטל, אַ גוטע שטיקל שטאָף אויף אַ קאָסטיום און אַ גאָלדענעם זייגער. מיט דער שיינער מתנה איז יצחק נאָכן געזונט ווערן אַוועק צום קאָמענדאַנט אין זיין פריוואַטער וואוינונג.

דער קאָמענדאַנט רידעל האָט יצחקן אויפגענומען מיט אַ פריינטלעכן שמייכל, האָט פאַרשלאָסן די טיר פון זיין וואוינונג. קאָבראָווסקי האָט אָפּגעגעבן די מתנה, פון וואָס דער קאָמענדאַנט איז געווען זייער צופרידן און געבעטן זיך זעצן. ער האָט אַוועקגעשטעלט אַ פלאַש קאָניאַק אויפן טיש און האָט אַ גליקלעכער געמאַכט מיט קאָבראָווסקין אַ שנאַפּס. בין כוסה לכוסה האָט יצחק אַלץ אויסגעדערציילט דעם קאָמענדאַנט, וואָס האָט מיט גרויס שפּאַנונג אַלץ אויסגעהערט. אויך דער קאָמענדאַנט האָט מיט אַלע איינצלהייטן דערציילט קאָבראָווסקין וועגן זיין פרואוו אים צו ראַטעווען פון קאָוונער געלער טורמע און וועגן געשפּרעך מיטן לייטענאַנט אין קאָמענדאַנטור.

ביידע האָבן זיך שטאַרק אָנגעלאַכט און זיך געחכמהט.

דער קאָמענדאַנט רידעל האָט זיך מאַיעסטעטיש אויפגעהויבן פון טיש, איז צו צו יצחקן און אים אַ קוש געטאָן אין שטערן. ער האָט מיט גרויס התפעלות באַוואונדערט יצחקס איינפאַלן, וואָס האָבן אים דערמעגלעכט צו ראַטעווען זיין לעבן, און האָט דערצו נאָך געהאַלטן וואָרט און געשאַפן די אים צוגעזאָגטע פעלכלעך אויף „פעלצע“.

דער קאָמענדאַנט האָט יצחקן פאַרזיכערט, אַז כל זמן ער וועט זיין אין גראָדנע וועט ער אים שיצן. ער האָט אָבער באַדויערט, וואָס אים וועט אינגיכן אויסקומען אַוועקצופאָרן פון גראָדנע טיפער אין רוסלאַנד. פאַרן אַוועקגיין האָט דער קאָמענדאַנט רידעל קאָבראָווסקין געוואָרנט:

— דו האָסט מיט דיינע אויגן געזען, וואָס מען מאַכט מיט די יידן. נאָך מיין אַוועקפאָרן זאָלסטו, ווי ביז איצט, האָבן דעם קאָפּ אויף די פלייצעס און וויסן וואָס דו האָסט צו טאָן. דאָס וואָס דו האָסט געזען אין קאָוונע וועט זיין אויך אין גראָדנע און אומעטום, וואו עס לעבן יידן אין אייראָפּע.

נאָך דעם פאַל איז דער קאָמענדאַנט נאָך געווען אַ חודש צייט אין גראָדנע. יצחק איז געוואָרן אַ שטענדיקער אַריינגייער ביי אים אין שטוב. דער קאָמענדאַנט האָט יצחקן באַשיצט פון אַלע געפאַרן. פאַרשטייט זיך, אַז פאַר אַלץ האָט ער געקראָגן „מתנות“ און „פעלצע“.

צוויי מאָל האָט יצחק אויסגעפועלט ביים קאָמענדאַנט צו שיקן אַ לאַסט־אויטאָ קיין ווילנע, פון וואַנעט יצחקס ברודער האָט געבראַכט אַ זיבעציק יידן, וואָס האָבן זיך פון ווילנע צייטווייליק געראַטעוועט פון אַ זיכערן טויט. דעם לאַסט־אויטאָ מיט די יידן האָט אונטערוועגס באַוואַכט אַ גרופּע זשאַנדאַרמען פון גראָדנער קאָמענדאַנטור.

נאָכן אַוועקפאָרן פון דעם קאָמענדאַנט רידעל, איז אין גראָדנע געשאַפן געוואָרן דאָס געטאָ.

פאַרן ליקווידירן דעם געטאָ איז יצחק מיט זיין פאַמיליע אַנטלאָפן אין די וועלדער אַרום שטעטעלע מאַרצינקאַנץ, וואו ער האָט זיך געטראָפן מיט אַ שוועסטער און פיר ברידער.

אין דער צייט האָבן אין „רוסקאַיאַ פושטשאַ“ אַרומגעבלאָנקעט געראַטעוועטע יידן פון אַרומיקע שטעטלעך. יצחק האָט זיך מיט די יידן געטראָפן און ס׳איז געשאַפן געוואָרן אַ פאַרטיזאַנער גרופּע. געווער האָבן זיי ביסלעכווייז איינגעשאַפט פאַר געלט. אין דער גרופּע זיינען געווען אַ פופציק פרויען מיט קינדער און אַזאַ צאָל מענער.

אין דעם וואַלד האָט אָפּערירט אַ ספּעציעלער דעסאַנטן־אָטריאַד אונטער דער אָנפירונג פון יידישן מאַיאָר דאַווידאָוו. דער ספּעציעלער אָטריאַד האָט געהאָלפן דעם יידישן משפּחה־אָטריאַד, האָט זיי שפּעטער באַוואָפנט

און אַריינגעצויגן אין אַקטיוון קאַמף קעגן די דייטשן און זייערע נאָכלויפער, די ליטווינער.

דער משפּחה־אָטריאַד האָט אונטער דער אָנפירונג פון יצחק קאָבראָווסקי אַראָפּגעלאָזן פון די אייזנבאַן־ליניעס פופצן מיליטערישע עשעלאָנען. יצחק איז דערפאַר באַשאָנקען געוואָרן מיט הויכע סאָוו. אויסצייכענונגען: „פּאָטערלענדישער קריג" פון ערשטן ראַנג און „פּאַרטיזאַנען־מעדאַל" פון ערשטן ראַנג. כמעט אַלע יידן פון יצחקס משפּחה־אָטריאַד זיינען געבליבן לעבן. זיי זיינען באַפרייט געוואָרן דעם 30־טן יולי 1944 דורך דער רויטער אַרמיי.

דער יידישער משפּחה־אָטריאַד אונטער קאָבראָווסקיס אָנפירונג האָט ביי יעדער געלעגנהייט נקמה גענומען פון אַלעמען, וואָס האָבן מיט וואָס ניט איז זיך פאַרשולדיקט קעגן די יידן, און אין דער ערשטער ריי, מיט די וואָס האָבן זיך אַקטיוו באַטייליקט אין דער יידן־פאַרניכטונג.

ניט איין דאָרף אין ליטע, ניט איין פויערים פאַמיליע וועט נאָך אַ סך יאָרן געדענקען די אויסגעפירטע נקמה־אַקטן פון יידישן אָטריאַד. ווי אַ סימבאָל פון טויט און שרעק וועט אַ סך יאָרן נאָך פאַרבלייבן פאַר זיי יצחק קאָבראָווסקי מיט זיינע העלדישע ברידער.

# פערזענלעכקייטן

ז. ווערבא

# שאול־פנחס ראבינאוויטש (שפ״ר)

א

דאָס וועלט־יידנטום בכלל און דאָס ליטווישע יידנטום בפרט האָט פאַרנאַכלעסיקט אַ זייער וויכטיקן יובילײ פון איינעם פון די גרעסטע יידישע פּערזענלעכקייטן אין פאַרגאַנגענעם יאָרהונדערט; אַ פּערזענלעכקייט אויף וועמענס גייסטיקע שאַפונגען עס זיינען דערצויגן געוואָרן 2 דורות פון יידישער יוגנט; פון וועמעס גייסטיקע קוואַלן עס האָבן געשעפּט די משכילים פון פאַרגאַנגענעם דור; אַ פּערזענלעכקייט וואָס האָט אַרויפגעדריקט איר שטעמפּל אויף אַ גאַנצן דור, דער דור פון חבת־ציון, — פון דעם באַרימטן חכם און היסטאָריקער, דעם איבערזעצער פון גרעץ־געשיכטע, ר׳ שאול פנחס ראַבינאָוויטש, וועלכער איז באַקאַנט אין דער העברעאישער ליטעראַטור אונטער דעם פּסעוודאָנים: שפ״ר.

שפ״ר האָט געשטאַמט פון אַ משפחה פון גאונים און רבנים, פון וועלכע אירע ערשטע וואָרצלען דערגרייכן אַזש ביז צום גאון ר׳ משה רבקש, דער בעל־„באר הגולה". פון פאָטערס צד שטאַמט ער פון דער באַרימטער פאַמיליע ראשקעס, וועלכע האָט געוואוינט אין ירושלים דליטא (ווילנע) נאָך אינעם 17־טן יאָרהונדערט. איינער פון די לעצטע שפּראָצן פון דער דאָזיקער פאַמיליע איז געוועזן ר׳ שמואל מרדכי ראַשקעס, וועלכער האָט פאַרנומען דעם פּלאַץ פון אַ מגיד און מו״ץ אין שניפּישאָק נעבן ווילנע. ער האָט געהאַט צוויי זין. דער בכור, ר׳ אריה לייב, האָט נאָך דער פּטירה פון זיין פאָטער געירשנט זיין פּלאַץ אין שניפּישאָק אַלס ראב״ד. דער יינגסטער איז געוועזן שאול פנחס ראַבינאָוויטש (דער פאַמיליען נאָמען ראַבינאָוויטש איז אים פאַרבליבן פון זיין פּריזיוו: זייערער אַ קרוב, ר׳ יצחק אייזיק ראַבינאָוויטש פון טעלזש האָט אים אַדאָפּטירט, ווי דער שטייגער איז געווען אין דעמאָלטיקע צייטן, כדי אים צו ראַטעווען פון מיליטער).

שאול פנחס ראַבינאָוויטש איז געבוירן געוואָרן ר״ח ניסן תר״ה אין טאַוראַגע. שוין אין זיין יינגסטער קינדהייט האָט שפ״ר אַרויסגעוויזן גאונישע פעאיקייטן: צו עלף יאָר איז ער געווען בקי אין די דריי בבות מיט רש״י, תוספות און אלפס. אַלס אַ בחור פון 14 יאָר האָט ער זיך אָנגעהויבן צו באַשעפטיקן מיט ספרי־השכלה: האָט געלייענט די ווערק פונעם רמב״ם, שד״ל, שו״ר, רנ״ק און פון די משכילי־ווילנע. צו אַכצן יאָר האָט ער חתונה געהאַט מיט אַן אייניקל פונעם אָשמיאַנער רב, ר׳ אברהם הכהן. זיין יונגע פרוי צירל איז געווען, לויט די באַגריפן פון דער דעמאָלטיקער צייט אַן אשה־משכלת, האָט געלייענט רוסישע ביכער, און איז בכלל געווען אַן אינטעליגענטע פרוי.

שפ״ר איז געווען אין מאַטעריעלן זין אַן אומגליקלעכער מענטש. אומגליק האָט אים פאַרפאָלגט זיין גאַנץ לעבן אויף שריט און טריט: באַלד נאָך דער חתונה איז געשטאָרבן זיין שווער, אַ ייד אַן עושר, א באַזיצער פון אַ ביר־ברויערײ, אויף וועלכן שפ״ר האָט געלייגט גרויסע האָפענונגען, אַז ער וועט אים געבן די מעגלעכקייט צו זיצן און לערנען כדי זיך פאָרצובערייטן צו רבנות. אָבער צו זיין אומגליק איז ער באַלד געשטעלט געוואָרן פנים אל פנים מיט דער נאַקעטער ווירקלעכקייט פונעם לעבן. אָבער דאָ איז אים צו הילף געקומען זיין יונגע אינטעליגענטע פרוי: בשותפות מיט אַ חברטע האָט זי געעפנט אַ געשעפט, כדי צו געבן איר מאַן די מעגלעכקייט זיך צו ווידמען זיין שטודיום.

אין יענער צייט איז שפ״ר נאָך געשטאַנען מיטביידע פיס אויפן באָדן פון תורה און יראת־שמים, און האָט באַשלאָסן זיך צו ווידמען רבנות. ער איז אַוועק קיין קאָוונע אין בית־המדרש פונעם באַרימטן גאון דעם בעל־מוסר ר׳ ישראל סאַלאַנטער. אָבער די נייע שטרעמונגען, וואָס האָבן אָנגעפילט אין יענער צייט די לופט פון דער יידישער גאַס, — האָבן אויך אים אַוועקגעפירט אויף נייע וועגן. אין קאָוונע האָט ער זיך באַקענט מיט די גרעסטע משכילים פון יענער צייט: הערמאַן שאַפּירא, דער שפּעטערדיקער פּראָפעסאָר פון מאַטעמאַטיק אין היידלבערג, ליפּמאַן ליפקין, ר׳ ישראל סאַלאַנטערס זון, אברהם מאַפּו און אַנדערע. אַחוץ דער חברה משכילים האָט שפ״ר געפונען אַ נייעם קוואַל פאַר זיין וויסנסדורשט: ער האָט זיך באַקענט מיט אַ פּראָטעסטאַנטישן דייטשן גלח, וועלכער האָט געוואָלט לערנען ביי אים די העברעאישע שפּראַך, און דערפאַר האָט ער אים, שפ״רן, געלערנט דייטש און אויך אַריינגעפירט אין דער דייטשער ליטעראַטור, פילאָזאָפיע און וועלט־געשיכטע. די קאָוונער תקופה האָט אים אויך אַריינגעבראַכט די סמיכות אויף רבנות, וועלכע ער האָט באַקומען פון ר׳ ישראל סאַלאַנטער און אַנדערע.

אין יאָר תרל״ה האָט זיך שפ״ר באַזעצט אין וואַרשע, וואו ער האָט געמאַכט זיינע ערשטע שריט אַלס העברעאישער שרייבער: ער איז אַנגאַזשירט געוואָרן פון ח. ז. סלאָנימסקי, רעדאַקטאָר פון „הצפירה", צו שרייבן פאַר דער צייטונג דעם וועכנטלעכן פּאָליטישן איבערבליק. שוין זיינע ערשטע אַרטיקלען האָבן אויף זיך געצויגן די אויפמערקזאַמקייט פון דער גאַנצער יידישער וועלט. הויפּט־

זעכלעך האָבן זיינע אַרטיקלען אויסגענומען מיט זייער מליצהדיקער שפּראַך, וועלכע איז דעמאָלט געווען זייער באַליבט. שפּעטער איז ער אויך געוואָרן דער פּאָליטישער באַריכטגעבער פונעם „המליץ”. אַחוץ דעם האָט ער אויך געשריבן פאַרשיידענע אַרטיקלען, הויפּטזעכלעך וויסנשאַפטלעכע, פון וועלכע דער עולם האָט געלעקט די פינגער. זיינע ליטעראַרישע אַרבעטן, וואָס האָט זיך דעמאָלט זייער שלעכט באַצאָלט, האָבן אים אָבער ניט געקאָנט מפרנס זיין; ער האָט נאָך געמוזט אַ ביסל צוקנעלן. זעלבסטפאַרשטענדלעך, אז אַזאַ לעבן האָט אים ניט געקאָנט באַפרידיקן, ווייל ער איז ניט געווען קיין יושב־אוהל. ער איז פיל מער געווען אַ געזעלשאַפטלעכע נאַטור, וואָס האָט געשטרעבט צו געזעלשאַפטלעכער טעטיקייט אויף אַ גרויסן מאַסשטאַב.

זיין זון, שמואל ראַבינאָוויטש, דער באַוואוסטער סאָציאַל־רעוואָלוציאָנער, וועלכער איז דורך דער צאַרישער רעגירונג פאַרשיקט געוואָרן קיין סיביר, האָט אין זיינע שריפטן (ייוואָ־בלעטער 3, זייט 316) געפּרואווט צו באַצייכענען זיין פאָטער אַלס רוסישן רעוואָלוציאָנער. לויט זיין מיינונג, האָט זיין פאָטער אין די 80־קער יאָרן פון פאָריקן יאָרהונדערט געהערט צו דער קליינער גרופּע, וואָס האָט געהיים אינפאָרמירט דער אויסלענדישער וועלט וועגן די רדיפות אויף יידן אין רוסלאַנד און געהאָלפן דער באַקאַנטער פּראָטעסטבאַוועגונג קעגן דער רוסישער רעגירונג. שמואל ראַבינאָוויטש ברענגט פיל באַווייזן צו באַשטעטיקן זיין מיינונג. אָבער די אַלע באַווייזן זיינען ניט אויטענטיש. אין דער גאַנצער העברעאישער און יידישער ליטעראַטור געפינט זיך ניט קיין שפּור פון וועלכער עס איז טעטיקייט פון שפּ״ר אין דער רוסישער רעוואָלוציע.

זיין איידעם, יוסף מייזעל, באַשעפטיקט זיך אין זיין בוך „האיש ובעלו” (תל־אביב 1943) מיט דער דאָזיקער פראַגע און באַווייזט דעם היפוך פון ש. ראַבינאָוויטש.

ווי די מעשה זאָל ניט זיין, באַווייזט דער דאָזיקער וויכוח, אַז שפּ״ר איז געווען אַ זייער דינאַמישע פּערזאָן, וואָס האָט געשטרעבט צו מעשים אין אַ גרויסן פאַרנעם. זיין שריפטשטעלערישע טעטיקייט האָט אים ניט געקאָנט באַפרידיקן. אָבער באַלד זיינען געקומען געשעענישן פון אַ גרויסן פאַרנעם, וועלכע האָבן געפירט צו אַ קריזיס אין דער גייסטיקער וועלט־אָנשויאונג פונעם רוסישן יידנטום און אַרויסגעפירט נייע פּערזענלעכקייטן אויף דער אַרענע פון דער יידישער פירערשאַפט, צווישן וועלכע עס האָט פאַרנומען דעם ערשטן פּלאַץ שאול פּנחס ראַבינאָוויטש (שפּ״ר).

## ב

אַז מיר ווילן מאַכן אַן איבערבליק איבער דער גאַנצער טעטיקייט פון שפּ״ר אין די דרייסיק פרוכטבאַרסטע יאָרן פון זיין לעבן, ווילן מיר קומען צום באַשלוס, אַז מען קאָן די דאָזיקע טעטיקייט איינטיילן אין צוויי פּעריאָדן:

א. דער פּעריאָד פון זיין געזעלשאַפטלעכער טעטיקייט און

ב. דער שריפטשטעלערישער פּעריאָד:

די פּאָגראָמען אין דרום־רוסלאַנד, וואָס זיינען אַראָפּגעפאַלן ווי אַ דונער אין מיטן העלן טאָג אויפן רוסישן יידנטום אין יאָר 1881, האָבן מיט איין קלאַפּ צעשלאָגן די האָפענונגען פון די משכילים צו לייזן די יידן־פראַגע דורך אַלגעמיינער בילדונג פון די יידישע מאַסן. ווידער איז אַ גרויסער טייל פונעם אייראָפּעאישן יידנטום געשטאַנען אין טיפן יאוש מיטן וואַנדערשטאָק אין האַנט און מיט דער טאָרבע אויף די פּלייצעס. די יידן־פראַגע אין אייראָפּע איז ווידער אַמאָל אויפגעמישט געוואָרן אין איר גאַנצער ביטערקייט און האָט אַוועקגעשטעלט די יידישע וועלט הן אין רוסלאַנד גופא הן אין מערב־אייראָפּע פאַר זייער שווערע פּראָבלעמען.

צוויי הויפּט פּראָבלעמען זיינען געשטאַנען פאַר די יידישע גדולים:

1. די פראַגע, וואָס איז נאָך עד־היום ניט געלייזט געוואָרן, ווי אַזוי אויפצוּוועקן דאָס וועלט־געוויסן לגבי דעם שרעקלעכן בראָך פונעם יידישן פאָלק; און

2. דאָס רעגולירן די גרויסע עמיגראַציע־כוואַליע, וואָס האָט געשטראָמט פון רוסלאַנד אין פאַרשיידענע זייטן אָן אַ ציל און אָן אַ טאָלק.

דאָ האָט זיך שפּ״ר אַריינגעוואָרפן מיט זיין גאַנצער פירערישער און שריפטשטעלערישער קראַפט, און אין אַ קורצער צייט איז ער געשטאַנען אין דער שפּיץ פון דער גאַנצער חיבת־ציון־באַוועגונג. אין דער גרופּע שריפטשטעלער, וואָס האָבן זיך דעמאָלט פאַראייניקט צו אַ געמיינזאַמער אַקציע, ווי: משה לייב ליליענבלום, יהלל (יהודה לייב לעווין), יעקב ליפשיץ, א. ש. פריידבערג, רש״י פין, און אנדערע — איז שפּ״ר געווען די טרייבנדיקע קראַפט. ער האָט כמעט אַליין געפירט די קאָלאָסאַלע קאָרעספּאָנדענץ מיט די אויסלענדישע יידישע עסקנים אין בערלין און אין לאָנדאָן, כדי דורך זיי צו ווירקן אויף די רעגירונגען פון זייערע לענדער, זיי זאָלן פועלן ביי די רוסישע סאַטראַפּן אָפּצושטעלן די פּאָגראָמכוואַליע און שיצן די יידן פון די רוצחים. און ניט נאָר דאָס אַליין: ער האָט אויך געפּרואווט שריפטשטעלעריש באַקעמפן די פּאָגראָמען: נאָכן וואַרשעווער פּאָגראָם (25 דעצעמבער 1881) האָט שפּ״ר אין אַ ריי אַרטיקלען אין „רוסקי יעווריי”, אין „ראַזסוויעט” און אין „המליץ” קריטיקירט די רוסישע רעגירונג, אויף וויפל דאָס איז דעמאָלט מעגלעך געווען — פאַר אירע שענדלעכע מעשים. נאָר אַ דאַנק שפּר״ן האָט זיך די גאַנצע יידישע אינטעליגענץ אין אויסלאַנד פאַראינטערעסירט מיט דער לאַגע פונעם רוסישן יידנטום און גענומען אין דער גאַנצער זאַך אַן אַקטיוון אָנטייל.

און אין דער רעגולירונג פון עמיגראַציע האָט שפּ״ר גענומען דעם גרעסטן אָנטייל: אין דער ערשטער צייט איז ער געווען פאַר עמיגראַציע קיין אַמעריקע און קעגן

ארץ־ישראל. זיין קעגנערשאַפט צו א״י איז געווען מער אַ פּראַקטישע ווי אַ פּרינציפּיעלע. ער איז תמיד געווען און פאַרבליבן דער גרויסער חובב־ציון. נאָר אַזוי ווי דאָס רוסישע יידנטום האָט זיך גענייטיקט אין אַ באַלדיקער אַקציע, האָט ער געקוקט אויף דער גאַנצער זאַך פון אַ פּראַקטישן שטאַנדפּונקט. אין דער צייט, וואָס אויף א״י זיינען די אויסזיכטן געווען שוואַכער, זיינען זיי אויף אַמעריקע געווען זייער גוטע. און דערפאַר האָט ער געשטיצט די עמיגראַציע קיין אַמעריקע. שפּעטער האָט ער זיין מיינונג געענדערט.

גרויס און פילזייטיק זיינען געווען די מעשים פון שפ״ר פאַר דער אַנטוויקלונג פון דער חיבת־ציון־באַוועגונג אין די קומענדיקע יאָרן. ניט דאָ איז דער פּלאַץ צו דערציילן די׳ פּרטים פון זיין גרויסן און רייכן שאַפן. איך וויל נאָר אָנווייזן אויף אַ צוויי־דריי פאַקטן פון זיין טעטיקייט: די ערשטע „אגודות חובבי־ציון" אין וואַרשע און אין דער סביבה זיינען געשאַפן געוואָרן דורך שפ״ר מיט דער אונטערשטיצונג פונעם גאון ר׳ שמואל מאָהילעווער און אייניקע פון דער וואַרשעווער יוגנט, צווישן וועלכע עס איז געווען דער שעפער פון עספּעראַנטאָ, ד״ר לעאָן זאַמענהאָף (תרמ״ב). פיל לעבן, אַרבעט און געלט האָט שפ״ר אַריינגעבראַכט אין דער חיבת־ציון־באַוועגונג, דורך זיין גלענצנדיקן איינפאַל אויסצונוצן דעם 100־יאָריקן יובילוי פון משה מאָנטיפיאָרי לטובת דער חבת־ציון־באַוועגונג. די דאָזיקע אַקציע איז געווען אַ התחלה צו אַ צווייטער אַקציע, וועלכע איז באַקאַנט אונטערן נאָמען: „מזכרת משה"; זי איז באַשטאַנען אין פאַרקויפן דאָס בילד פון משה מאָנטיפיאָרי, אונטער וועלכן עס איז געווען אַ פאַקסימילע פון זיין אונטערשריפט אין לאַטיין און עברית און אַ שיר פון יהודה לייב גאָרדאָן. דאָס בילד האָט אַריינגעבראַכט אַ סומע פון אַן ערך 20.000 רובל, וואָס איז דעמאָלט געווען אַ זייער גרויסער בייטראָג פאַר קויפן באָדן אין ארץ־ישראל. און נאָך אַ דריטע טאַט איז ווערט דערמאָנט צו ווערן: דער קאָנגרעס אין קאַטאָוויץ (ועידת קאַטוביץ), אין וועלכער עס האָבן זיך באַטייליקט די חובבי־ציון פון ביידע לאַגערן: די אָרטאָדאָקסן און די פרייע (אין יאָר תרמ״ה), — איז געווען אויסשליסלעך זיין, שפ״רס, ווערק. ער האָט אויך געהאַט אַ גרויסן איינפלוס אויף דעם גאַנצן גאַנג פון דעם קאָנגרעס און אויף אירע באַשלוסן. אויף זיין פאַרלאַנג איז געגרינדעט געוואָרן אַחוץ דעם צענטער אין אָדעס, אונטער דער לייטונג פון מל״ל, אַ צווייטער צענטער אין וואַרשע אונטער זיין, שפ״רס, לייטונג.

מיט דער ועידת־קאַטאָוויץ דערגרייכט שפ״ר דעם העכסטן פּונקט אין זיין געזעלשאַפטלעכער טעטיקייט. נאָך דער וועידה הייבן זיך אָן פאַר אים ביטערע צייטן: עס קומט אַ שטאַרקע קריטיק קעגן דער וואַרשעווער עקזעקוטיוו און ספּעציעל קעגן שפ״רן. די סיבה פון דער דאָזיקער קריטיק איז צו זוכן אין די 100 רובל אַ





חודש געהאַלט, וואָס די וועידת־קאַטאָוויץ האָט באַשטימט פאַר שפ״רן. אַ קליייניקייט! אַזאַ ריזיק געהאַלט אין יענע צייטן. די קנאה, וואָס דער דאָזיקער פאַקט האָט אַרויסגערופן, איז געווען אין־לשער. די קריטיקער און די שונאים זיינען געוואַקסן פון טאָג צו טאָג. נאָך צוויי יאָר פון שווערן קאַמף קעגן די רכילות, זלזולים, פאַמפלעטן און פּאַסקווילן אין דער העברעאישער און יידישער פּרעסע — האָט שפ״ר אין יאָר תרמ״ז, נאָך זעקס יאָר אומדערמידלעכער אַרבעט, פון ליידן גייסטיק און מאַטעריעל, דעמיסיאָנירט פון זיין אַמט אַלס סעקרעטאַר פונעם וואַרשעווער מרכז פון די חובבי־ציון.

אַזוי טרויעריק האָט זיך געענדיקט דער ערשטער פּעריאָד פון זיין שווערער אַרבעט.

ג

מיט דעם יאָר תרמ״ז הייבט זיך אָן פאַר שפ״רן אַ נייע עפּאָכע, אַן עפּאָכע פון שריפטשטעלערישער אַרבעט, וועלכע האָט אין פאַרלויף פון עטלעכע יאָר באַרייכערט די העברעאישע ליטעראַטור מיט אייניקע זאַמלביכער, וואָס אַנטהאַלטן ווערטפולן מאַטעריאַל אין געשיכטלעכן און וויסנשאַפטלעכן זין. שפ״רס אַרבעט איז ניט געווען סתם־ליטעראַטור. זי האָט פיל מער געהאַט דעם צוועק צו שאַפן אַ נאַציאָנאַלע ליטעראַטור, וואָס זאָל זיך באַשעפטיקן ספּעציעל מיט יידישע פראַגן און זאָל זוכן וועגן ווי צו באַנייען דאָס יידישע לעבן אויף נייע יסודות. מיט אַנדערע ווערטער: ער האָט באַשלאָסן פאַרצוזעצן די אַרבעט פאַר חבת־ציון מיט זיינע שריפטשטעלערישע כוחות. אַלס פּראַקטישער מענטש האָט ער פאַרשטאַנען, אַז דאָס זאַמלבוך וועט ניט האָבן קיין קיום, אויב ער וועט זיין איינזייטיק. ער האָט דעריבער געבעטן זיינע מיטאַרבעטער זיך ניט צו קאָנצענטרירן בלויז אויף פּראָבלעמען פון יישוב ארץ־ישראל; נאָר אויך באַהאַנדלען אַנדערע געביטן, ווי: ליטעראַטור, דערציאונג וכדומה, באַלויכטן פון דעם נאַציאָנאַלן שטאַנדפּונקט.

דאָס דערשיינען פון דעם ערשטן יאָרבוך „כנסת ישראל" איז געוואָרן אַ ליטעראַריש געשעעניש. אמת, אַז נאָך פאַר „כנסת ישראל" זיינען דערשינען אַנדערע יאָרביכער ווי: „אוצר הספרות" פון גרבר; „האסיף" פון סאָקאָלאָוו. אָבער דער „כנסת ישראל" האָט זיך ספּעציעל אויסגעצייכנט מיט זיין רייכן אינהאַלט אין חכמת ישראל, וואָס איז דעמאָלט געווען זייער מאָדערן. און דער עיקר: מיט זיין פּובליציסטישן טייל, אין וועלכן עס האָבן זיך באַטייליקט די בעסטע העברעאישע שרייבער פון דער צייט, און שפ״ר אַליין בתוכם. די „כנסת ישראל", וואָס איז דערשינען דריי מאָל, איז אויפגענומען געוואָרן פון אַלע יידישע געלערנטע אין אַלע אייראָפּעאישע לענדער מיט גרויס באַגייסטערונג, הויפּטזעכלעך אין מערב־אייראָפּע. דאָס יאָרבוך האָט געמאַכט אַזאַ גלענצנדיקן איינדרוק מיט זיין פילזייטיקן מאַטעריאַל, אַז מען האָט אַפילו פאַרקוקט דעם נאַציאָנאַלן טאָן, וועלכער האָט גאַר־

ניט געשמעקט די רוסישע משכּילים, ווי דעם דעמאָלטיקן דובנאָוו, אַ שטייגער.

אָבער נאָך פיל וויכטיקער ווי די יאָרביכער „כּנסת ישראל", איז געווען שפּ״רס אַרבעט אויפן געביט פון געשיכטע. שפּ״ר איז ניט געווען קיין אָריגינעלער היסטאָריקער. אין איינער פון זיינע שריפטן גיט ער אַליין צו, אַז ער האָט „ניט די גייסטיקע קראַפט צו שאַפן אַ יידישע געשיכטע" („לא איש כמוני להתהדר בעטרת כותב דברי הימים לבני ישראל"; „המליץ", 1895, גל. 58). אָבער זיין גרויסע בקיאות אין דער אַלטער העברעאישער ליטעראַטור האָט אים געגעבן די מעגלעכקייט צו אַנאַליזירן און קריטיקירן יידישע געשיכטע. און דערפאַר איז געווען דער גרעסטער פאַרדינסט פון שפּ״רן — זיין העברעאישע איבערזעצונג פון גרעצס געשיכטע און איר פאַרעפנטלעכונג אין 8 בענדער מיט באַמערקונגען און צוגאָבן פון שפּ״רן אַליין און פון א. א. הרכבי.

די באַמערקונגען פון שפּ״רן זיינען צעשפּרייט איבערן גאַנצן ריזיקן היסטאָרישן ווערק. און אין די בענדער, וועלכע באַהאַנדלען די געשיכטע פון די יידן אין פּוילן, פאַרוואַנדלט זיך שפּ״ר פון אַן איבערזעצער אין אַ זעלבשטענדיקן היסטאָרישן פאָרשער. די 8 בענדער פון שפּ״רס איבערזעצונג אַנטהאַלטן די ערשטע 10 בענדער פון גרעצס געשיכטע. דעם 11־טן באַנד, וועלכער באַהאַנדלט די עפּאָכע פון 1750 — 1848, האָט שפּ״ר ניט געוואָלט איבערזעצן. ער איז געווען אין דער מיינונג, אַז דער דאָזיקער באַנד אַנטשפּרעכט ניט דער ווירקלעכקייט. גרעץ האָט געזען אינעם דייטשן יידנטום פון זיין צייט דעם שמן און די סולת פונעם וועלט־יידנטום. ער האָט אַבסאָלוט ניט פאַרשטאַנען און ניט געזען די גרויסע עקאָנאָמישע און גייסטיקע כּוחות פונעם מזרח־יידנטום — אין פּוילן און אין רוסלאַנד. שפּ״ר האָט דערפאַר באַשלאָסן אַליין צו שרייבן אַ 3 בענדיקע געשיכטע פונעם רוסיש־פּוילישן יידנטום פאַר די לעצטע דורות. גלייכצייטיק האָט ער אויך בדעה געהאַט צו שרייבן די געשיכטע פונעם רוסישן יידנטום פונעם אָנפאַנג פון דער ראָמאַנאָוו־דינאַסטיע ביז דער לעצטער צייט. אָבער, ווי עס ווייזט אויס, זיינען ביידע שאַפונגען געבליבן אין כּתב־יד ניט פאַרענדיקט.

די יידישע געשיכטע פון גרעץ־שפּ״ר אין העברעאיש איז געבליבן עד־היום, ניט געקוקט אויף אַלע אירע פעלערן, איינע פון די וויכטיקסטע שאַפונגען אין דער ניי־העברעאישער ליטעראַטור, וועלכע האָט געהאַט אַן אומגעהויערע השפּעה אויף צוויי דורות יידישע יוגנט. טויזנטער און צענער־טויזנטער יידישע לייענער האָבן געשעפּט פון גרעצס־שפּ״רס געשיכטע וויסן און ליבע צום יידישן פאָלק.

**הערמאַן פראַנק**

# הערמאַן מינקאָווסקי

## דער וועלט־באַרימטער מאַטעמאַטיקער און מיטשאַפער פון דער רעאַליוויטעט־לערע

די גרעסטע וויסנשאַפטלעכע אַנטדעקונג פון דער ערשטער העלפט פון 20־טן יאָרהונדערט איז די רעלאַטיוויטעטס־טעאָריע, און איינער פון די דריי מאַטעמאַטיש־פיזיקאַלישע גאונים, וואָס האָבן זי דער וועלט געגעבן, איז דער ליטווישער ייד הערמאַן מינקאָווסקי. די אַנדערע צוויי זיינען דער דייטשער ייד אַלבערט איינשטיין, און דער האָלענדער הענדריק לאָרענץ.

געבוירן אין אַלעקסאָט, ביי קאָוונע, דעם 22־טן יוני 1864, אַלס אַ ייִנגערער ברודער פון באַרימטן מעדיצינער פּראָפעסאָר אָסקאַר מינקאָווסקי, איז דער שפּעטערדיקער מאַטעמאַטישער גאון נאָך אַלס קליין קינד אַוועקגעפירט געוואָרן קיין דייטשלאַנד, בעת זיינע עלטערן האָבן זיך באַזעצט אין קעניגסבערג. אין יאָר 1872, צו 8 און אַ פערטל יאָר איז ער אַנגעקומען אין דעם „סעפּטימאַ" קלאַס פון „אַלטשטעטישן גימנאַזיום" אין קעניגסבערג. גאַנץ פרי האָט ער אַרויסגעוויזן אַן אומגעהויערע אויפפאַסונגס־קראַפט און אַ זעלטענעם זכרון און האָט דורכגעמאַכט דעם גימנאַזיע־קורס פיל שנעלער ווי די געוויינלעכע תּלמידים. צו 15 יאָר, אין 1880, האָט ער שוין באַקומען זיין „רייפקייט־צייגעניש", דיפּלאָם. אין זעלביקן יאָר, פּסח־צייט, איז ער אַנגעקומען אין קעניגסבערגער אוניווערזיטעט און דאָרט שטודירט, 5 סעמעסטער צייט, דערהויפּט ביי די באַרימטע מאַטעמאַטיקער וועבער און פאַיגט, און שפּעטער — 3 סעמעסטער אין בערלינער אוניווערזיטעט ביי די וועלט־באַרימטע מאַטעמאַטיקער און נאַטור־פאָרשער קומער, קראָנעקער, ווייערשטראַסער, העלמהאָלטץ און קירכהאָף.

זיינע אומגעוויינלעכע מאַטעמאַטישע פעאיקייטן האָבן זיך שוין גאַנץ פרי אַרויסגעוויזן. גלייך אויפן ערשטן סעמעסטער האָט ער באַקומען אַ געלט־פּרעמיע פאַר דער לייזונג פון אַ זייער שווערער פּראָבלעם; און ס'איז ביז גאָר כאַראַקטעריסטיש דער עפּיזאָד, וואָס ווייזט זיין גוט האַרץ, אַז ער האָט דאָס געלט, וואָס אים האָט געקומט, ניט געוואָלט נעמען און האָט געהייסן אַוועקגעבן אַן

אָרעמען שול־חבר זיינעם, און דעריבער האָבן די בני־בית זיינע לחלוטין גאָרניט געוואוסט פון דער אויסצייכענונג, וואָס צו אים איז אַריינגעפאַלן, פון אָט דעם ערשטן וויסנשאַפטלעכן דערפאָלג זיינעם. און אַלע וואָס האָבן אים אין די שפּעטערדיקע יאָרן געקענט זיינען געווען פול מיט לויב מכוח זיין גוטסקייט, באַשיידנקייט און פריינדלעכקייט צו אַלע וואָס זיינען געקומען אין באַרירונג מיט אים.

באַלד האָבן זיך גענומען באַווייזן סימנים פון זיין טיפער פאַראינטערעסירונג מיט די שווערסטע מאַטעמאַטישע ענינים. פרילינג 1881 האָט די פּאַריזער אַקאַדעמיע אַרויסגעשטעלט פאַר אַ מאַטעמאַטישן וועלט־קאָנקורס די פראַגע מכוח דער צעלייגונג פון גאַנצע צאָלן אין אַ סומע פון פינף קוואַדראַטן. דער 16־יעריקער קעניגסבערגער סטודענט, ה. מינקאָווסקי, האָט זיך מיטן גרעסטן ערנסט גענומען צו דעם פּראָבלעם און האָט עס געלייזט אויף אַ גלענצנדיקן אופן. אונטער דער מאָטאָ „קיין זאַך איז ניט שיין, וואָס איז ניט אמת, בלויז דאָס אמתע איז ליבלעך“, האָט דער 18־יעריקער מינקאָווסקי אַריינגעשיקט זיין אַרבעט דעם 30־טן מאַי 1882 אין דער פּאַריזער אַקאַדעמיע. און הגם די אַרבעט איז ניט געווען פאַרפאַסט אין פראַנצויזיש, נאָר אויף דייטש, בעת די קאָנקורס־תקנות האָבן גראָד פאַרלאַנגט, אַז אַלע צוגעשיקטע אַרבעטן מוזן זיין אין פראַנצויזיש, האָט מען פאַר אים געמאַכט אַן אויסנאַם, און די קאָמיסיע איבער די פּרעמיעס האָט בפירוש דערקלערט, אַז דאָס ווערט געטאָן מחמת אָט־די פּרעמירטע אַרבעט האָט אַזאַ געוואַלדיקע באַדייטונג, אַז ס'איז כדאי אָפּצוטרעטן צוליב איר פון די אַלגעמיינע תקנות. אין אַפּריל 1883, צו 19 יאָר, האָט הערמאַן מינקאָווסקי באַקומען דעם „גראַנד פּרי דע־סיאַנס מאַטעמאַטיק“ — דעם „גרויסן פּריז פון מאַטעמאַטישע וויסנשאַפטן“ פון דער פּאַריזער אַקאַדעמיע. גלייך האָבן די אַנטיסעמיטישע און שאָוויניסטישע קרייזן פאַרפירט אַ העצע קעגן אַזאַ אויסצייכענונג פון אַן אויסלענדער, און דערצו אַ דייטש און נאָך אַ יידישער דייטש. אָבער ס'האָבן זיך אָנגענומען פאַר מינקאָווסקין צוויי פּאַריזער אַקאַדעמיקער — ס. זשאָרדאַן און י. בערטראַן. דערביי האָט זיך פאַרקניפּט אַן אינטערעסאַנטע וויסנשאַפטלעכע קאָרעספּאָנדענץ צווישן דעם יונגן מינקאָווסקי און דעם באַרימטן פראַנצויזישן מאַטעמאַטיקער מ. זשאָרדאַן, אין וועלכער דער באַרימטער געלערנטער האָט געשריבן מינקאָווסקין: „אַרבעט כסדר, כ'בעט אייך, אַז איר זאָלט ווערן אַ גרויסער געאָמעטער“. אָט דעם פאַרלאַנג האָט מינקאָווסקי פאַרווירקלעכט און האָט מיט אַ יאָר 20 שפּעטער איבעראַשט די גאַנצע געלערנטע וועלט מיט געאָמעטרישע אידייען, וואָס האָבן געשאַפן אַ נייע עפּאָכע אין דער וויסנשאַפט.

דעם 30־טן יולי 1885 האָט ער באַקומען דעם דאָקטאָר־טיטול פון דעם פילאָזאָפישן פאַקולטעט פון קעניגסבערגער אוניווערזיטעט פאַר אַ דיסערטאַציע אויף דער טעמע „אונטערזוכונגען איבער קוואַדראַטישע פאָרמען“. אין אַפּריל 1887 איז ער געוואָרן דאָצענט (געהילף־פּראָפעסאָר) אויפן אוניווערזיטעט אין באָן און דאָ האָט ער זיך גענומען שאַפן אַ נייעם צווייג פון דער מאַטעמאַטישער וויסנשאַפט, פאַר וועלכן ער האָט אַליין געשאַפן דעם כאַראַקטעריסטישן נאָמען „געאָמעטריע פון צאָלן“, אַ געביט איבער וועלכן ער האָט שפּעטער אַרויסגעלאָזן אַ מאָנומענטאַלן ווערק אונטער דעם זעלביקן נאָמען — „געאָמעטריע דער צאַהלען“. דאָס איז אַ גראַנדיעזער וויסנשאַפטלעכער פאַרזוך צו שאַפן אַ סינטעז, אַוועקלייגן אַ בריק, צווישן אַריטמעטישע זאַצן און רוימלעכע, געאָמעטרישע באַגריפן, און אָט די אידעע האָט ער צענדליקער יאָר כסדר אַנטוויקלט און פאַרטיפט, דערפירנדיק זי צום סוף צו אַ מדרגה פון אַ גאַנץ נייער וועלט־קאָנצעפּציע, וואָס האָט געמאַכט אַ רושם און איבערקערעניש אין דעם נאַטור־באַנעם און אין דער טעאָרעטישער פיזיק פון 20־טן יאָרהונדערט.

זיין ביאָגראַף, דוד הילבערט, אַליין אַ באַרימטער מאַטעמאַטיקער, דערציילט, אַז די וואַקאַציעס בעת זיינע באָנער יאָרן פלעגט ה. מ. געווײנלעך פאַרברענגען אין קעניגסבערג אין קרייז פון זיין משפחה. און דעמאָלט פלעגט ער שפּאַצירן טעגלעך אין דער אומגעגנט פון שטאָט אין דער געזעלשאַפט פון אַנדערע צוויי עלטערע פון אים, און אויך יידן־מאַטעמאַטיקער, הורוויץ און דוד הילבערט, און פירן טיף־מאַטעמאַטישע שמועסן. איין מאָל, סוף 1890, האָט ער זיינע פריינט געשריבן פון באָן, אַז ער וועט ניט קומען אויף ווינטער־וואַקאַציע קיין קעניגסבערג, מחמת ער איז ראשו ורובו אַריינגעטאָן אין טעאָרעטישער און פּראַקטישער פיזיק, אַרבעט כסדר אין די לאַבאָראַטאָריעס און איניקע טעג אין וואָך טוט ער אָפּילו אָן אַ בלויען קיטל און גייט אַוועק אַרבעטן אין אַן אינסטיטוט פאַר דער אויסאַרבעטונג פון פיזיקאַלישע אינסטרומענטן. דאָס האָט אויף אים געהאַט אין יענער צייט אָט אַזאַ טיף־גייענדיקע השפּעה דער באַרימטער פיזיקער היינריך הערץ (1857—1894), דער דערפינדער פון די „עלעקטרישע כוואַליעס“, וואָס האָט אַזוי אַרום געלייגט דעם יסוד פאַרן דראָטלאָזן טעלעגראַף און טעלעפאָן, און וואָס איז געווען אויך פון יידישן אָפּשטאַם און אַ פּראָפעסאָר אין באָנער אוניווערזיטעט. מינקאָווסקי האָט זיך שפּעטער מודה געווען פאַר זיינע פריינט, אַז די מאָדערנע פיזיק האָט געהאַט אַזאַ טיפן צויבער פאַר אים, אַז ווען היינריך הערץ וואָלט אַזוי טראַגיש־יונג ניט געשטאָרבן (צו 37 יאָר), וואָלט ער, מינקאָווסקי, מסתם זיך אינגאַנצן אָפּגעגעבן דער מאַטעמאַטישער פיזיק, דאָס מיינט דעם געביט, אויף וועלכן ס'האָט שפּעטער דערגרייכט אַ וועלט־באַרימטקייט זיין, מינקאָווסקיס, ייִנגערער בן־דור, אַלבערט איינשטיין.

אין אויגוסט 1892 איז מ. געוואָרן אַן „אויסעראָרדנט־

לעכער פּראָפעסאָר אויף דעם פילאָזאָפישן פאַקולטעט" אין באָן. אין 1894 האָט מען אים געגעבן די הויפּט־קאַטעדרע (אָרדינאַריאַט) פון מאַטעמאַטיק אין קעניגסבערגער אוניווערזיטעט, וואו ער איז מיט אַ יאָר שפּעטער געוואָרן דער נאָכפאָלגער פון זיין, עלטערן פון אים, פריינד און פאַרערער, דעם באַרימטן מאַטעמאַטיקער פּראָפעסאָר דוד הילבערט, וועלכער איז אַריבער קיין געטינגען, אַ קליינע שטאָט, באַרימט מיט איר גרויסן אוניווערזיטעט.

אָבער שוין אין אַ יאָר שפּעטער האָט אים איינגעלאָדן צו זיך דער באַרימטער „איידגענעסישער (פעדעראַלער) פּאָליטעכניקום" אין ציריך. דאָרט, אין ציריך, האָט ה. מ. חתונה געהאַט מיט אויגוסטא אַדלער פון שטראַסבורג, אין עלזאַס, און איז פאַרבליבן אין דער שווייץ ביזן האַרבסט פון יאָר 1902. דעמאָלט האָט מען ספּעציעל פאַר ה. מ., צו 38 יאָר, געשאַפן אַ נייע „אָרדענטלעכע" מאַטעמאַטישע פּראָפעסור אין געטינגען, אַ שטאָט, וואָס האָט שטענדיק געהאַט אַ שם אין דער גאַנצער וויסנשאַפטלעכער וועלט אַלס דער גרעסטער צענטער אין אייראָפּע פון דער טעאָרעטישער מאַטעמאַטיק און פיזיקאַלישער נאַטור־וויסנשאַפט. נאָך אין יאָר 1901 האָט „קעניגלעכע געזעלשאַפט דער וויסנשאַפטן" אין געטינגען אויסגעקליבן ה. מ. פאַר אַ קאָרעספּאָנדענט מיטגליד פון דער „מאַטעמאַטיש־פיזיקאַלישער קלאַסע".

אַרום 7 יאָר צייט, ביז זיין פריצייטיקן טויט אין 1909, האָט ה. מינקאָווסקי געלעבט און געווירקט אין דעם געהויבענעם טעאָרעטיש־וויסנשאַפטלעכן וועלט־צענטער, געטינגען, און האָט דאָ אַנטוויקלט זיינע לערעס, געשאַפן זיינע אומשטערבלעכע טעאָריעס. אין יאָר 1907 האָט ער פאַר דער „וויסנשאַפטלעכער געזעלשאַפט" אין געטינגען, וואו ער איז געווען איינער פון די ליכטיקסטע שטערנס, געהאַלטן אַ פאָרטראַג וועגן אַ גאַנץ נייעם קוק אויף געאָמעטריע, אַ קוק וואָס איז געווען פון אַ רעוואָלוציאָנירנדיקער וויכטיקייט פאַר אַלע פילאָזאָפיש־וויסנשאַפטלעכע אָנזיכטן פון אונדזער צייט.

אָנשטאָט דער אַלטער געאָמעטריע, וואָס שטאַמט נאָך פון גריכישן מאַטעמאַטיקער עוקלידוס, און באַהאַנדלט בלויז דריי — דימענזיאָנעלע רוימען און קערפּערס (וואָס האָבן, הייסט עס, אַ לענג, ברייט און טיף), האָט הערמאַן מינקאָווסקי פאָרגעבראַכט אַ נייע מאַטעמאַטישע דיסציפּלין — אַ לערע וועגן „פילפעלטיקייטן רוים", דאָס מיינט אַ רוים פון אַ סך דימענזיעס. אָט די נייע לערע נעמט אַריבער פון דער אַלטער געאָמעטריע בלויז דעם באַגריף פון אַ ניט־איבעררייסבאַרער גרויס, וואָס קען חל זיין ניט בלויז אויף דער לענג, שטח, היקף, (וואָלום), נאָר אויף אַלערליי גרויסן, וועלכע ווערן שטודירט אין פאַרשיידענע געביטן פון דער נאַטור־וויסנשאַפט — אין מעכאַניק, פיזיק און פסיכאָ־פיזיאָלאָגיע. „אָט די פיל־דעמענזיאָנעלע, אַבסטראַקטע גרויסן ווערן שטודירט, זאָגט אין יענער לעקציע מינקאָווסקי, דורך די אַרבעטער־אידעאַליסטן („אידעאַלע גזעלן") — די מאַטעמאַטיקער, אָן יעדער כוונה מכוח פּראַקטישער אָנווענדונג, דאָס הייסט — אַלס ריינע, אַבסטראַקטע טעאָריע, תורה לשמה, אָבער אין איין שיינעם טאָג האָט זיך אַרויסגעשטעלט, אַז אויפן יסוד פון אָט דער לערע קען אויסגעבויט ווערן דער רעאַלער בנין פון דער נייער פיזיק".

אָט די רעדע אין 1907 האָט בלויז אָנגעדייט אויפן תוך פון זיין וועלט־דערקלערנדיקער לערע, וועלכע ער האָט פול אַרויסגעבראַכט אין קומענדיקן יאָר, אין קעלן, אין 1908, אין אַן עפנטלעכן פאָרטראַג אויף דער טעמע „רוים און צייט", פאַר אַ צאָלרייכער נאַטור־וויסנשאַפטלעכער פאַרזאַמלונג פון מאַטעמאַטיקער, פיזיקער און פילאָזאָפן, וועלכע האָבן אַלע מיט דער גרעסטער אויפמערקזאַמקייט זיך צוגעהערט צו זיינע רייד. ס'איז געווען דער 22־טער סעפּטעמבער 1908, אַ טאָג פון אַ מין פייערלעכער געלעגנהייט — די 80־סטע „יערלעכע פאַרזאַמלונג פון דייטשע נאַטורפאָרשער אונד ערצטע", און די געדאַנקען וואָס ה. מינקאָווסקי האָט אַנטוויקלט האָבן פאַרכאַפּט דעם עולם מיטן פאַרנעם און טיפקייט, ווי יעדע נייע געניאַלע דערגרייכונג פון פאָרשנדיקן און דעם אמת־זוכנדיקן מענטשלעכן וויסנשאַפטלעכן גייסט.

אין זיין באמת היסטאָרישן, עפּאָכע־מאַכנדיקן אַרויסטריט האָט פּראָפ. ה. מינקאָווסקי קודם־כל באַטאָנט, אַז ביז איצט האָט די וויסנשאַפט צו ווייניק באַאַכטונג געשענקט דעם צוזאַמענהאַנג, דעם אינערלעכן שייכות, צווישן די פונדאַמענטאַלע פאַר יעדן וועלט־באַנעם באַגריפן פון רוים און פון צייט. „דער קעגנשטאַנד פון אונדזערע באַנעמונגען פון דעם אַרום זיינען תמיד, זאָגט מינקאָווסקי, פלעצער און צייטן, פאַרבונדן צווישן זיך ממש ניט איבערצורייסן. קיינער האָט נאָך ניט באַמערקט אַן אָרט, סיידן אין אַ באַשטימטער צייט, און קיינער האָט נאָך ניט באַנומען די צייט, סיידן אין אַ געוויסן אָרט. ניט בלויז די מעטאַפיזישע באַטראַכטונגען האָבן שוין אין יענער צייט (אַרום 1908) צעשאָקלט דעם געדאַנק, אַז צווישן רוים און צייט איז קיין שום אינערלעכער שייכות ניטאָ, נאָר אויך עקספּערימענטאַל־פיזיקאַלישע דערפאַרונגען (ספּעציעל פון דעם מין, וואָס האָט געפירט צו וויכטיקע מאַטעמאַטיש־פיזיקאַלישע טעאָריעס פון פּראָפ. איינשטיין) האָבן, אין מינקאָווסקיס אויגן, קלאָר באַשטעטיקט דעם אמת, אַז רוים און צייט זיינען באַגריפן, וואָס מ'קען בשום אופן ניט אָפּרייסן איינעם פון דעם צווייטן. דער דאָגמאָט, אַז צייט און רוים זיינען אומאָפּהענגיק, ניט פאַרקניפּט צווישן זיך, איז אויף אייביק צעשטערט, האָט אויסגעפירט אין יענעם דענקווירדיקן פאָרטראַג ה. מינקאָווסקי. „פון איצט אָן מוזן מיר זיך צוגעוואוינען צו אַ ראַדיקאַלער איבערקערעניש אין אונדזערע אָנשויאונגען אויפן שייכות צווישן רוים און

צייט. פון היינט און ווייטער ווערן רוים און צייט, אויב מ'קוקט אויף זיי באַזונדער און אומאָפּהענגיק, פּאַרוואַנדלט אין שאָטנס, און בלויז זייער צוזאַמענבונד גופא באַקומט און בלייבט ביי אַ ממשות און זעלבסטשטענדיקייט".

און כדי צו באַטאָנען גענויער אָט די פאַרבינדונג, פירט מינקאָווסקי איין, אַנשטאָט די באַזונדערע אידייען פון רוים און צייט, דעם אַלגעמיינעם, זיי ביידע אַריינ־שליסנדיקן, באַגריף פון וועלט, אַ פיר־דימענזיאָנעלע וועלט פון לענג, ברייט, טיף און צייט. די ריכטונגס־ליניעס (קאָאָרדינאַטן) פון אָט די פיר מינים באַשטימען יעדע געשעעניש אין דעם אָדער יענעם רוים־פונקט, וואָס מוז פון איצט אָן אָנגעוויזן ווערן דורך פיר צאָלן: דריי פון זיי וואָס באַשטימען דעם רוים, און די פערטע — מכוח דער צייט. די „פילפאַלטיקייט" פון אָט די פיר דימענזיעס, ווי מינקאָווסקי האָט עס אויסגעפירט, איז די וועלט, אָדער רוים־צייט. אין גאַנג פון דעם צייט־רוים „באַשרייבט", לאָזט איבער נאָך זיך יעדע געשעעניש, יעדער וועלט־פונקט אַ שפור — אַ געוויסע „וועלט־ליניע". יעדער נאַטור־פענאָמען איז אַן אינטערסעקציע (קרייצונג) פון צוויי וועלט־ליניעס, און יעדע באַאָבאַכטונג אונדזערע, צי פון אַ קינד, וואָס באַטראַכט אַ שטערן, צי פון אַ געלערנטן וואָס קוקט דורך אַ טעלעסקאָפּ, איז נאָר דאָס באַגעגענען פון אַן אינטערסעקציע פון צוויי וועלט־ליניעס. אַלץ איינס, צי מיר האָבן אַ קלאַנג־כוואַליע, וואָס קומט אַרויס פון פּראָפעסאָרס מויל און קלאַפּט אין דער „פייקל־הייטל" פון סטודענטס אויער; אָדער אַ ליכט־כוואַליע, וואָס קומט פון אַ בליץ און פאַלט אויף דער רעטינע אין דעם אויג פון צוקוקער — יעדע פון אָט די געשעענישן קען באַטראַכט ווערן אַלס אַן אינטער־סעקציע פון צוויי וועלט־ליניעס — די וועלט־ליניע, וואָס די כוואַליע באַשרייבט (מאַכט דורך), און וועלט־ליניע, וואָס ווערט באַשריבן (דורכגעמאַכט) אין דעם רוים־צייט „קאָנטיניום" (וועלט) דורך דעם אָדער יענעם אבר פון אונדזער קערפּער. אָט דאָס אַלץ איז חל אויף אַלע עקספּערימענטן פון דעם אַסטראָנאָם און פון דעם פיזיקער. אָט אַזאַ טיפזיניקע און נייע וועלט־געאָמעטריע האָט געשאַפן ה. מינקאָווסקי.

די עפּאָכע־מאַכנדיקע פילאָזאָפיש־וויסנשאַפטלעכע אַנטדעקונג פון מינקאָווסקי האָט געפירט צו דעם, אַז די גאַנצע נאַטור־וויסנשאַפט איז געוואָרן אַ לערע מכוח דער אינטערסעקציע פון „וועלט־ליניעס". אויפן סמך פון דעם וועלט־באַגריף, וועלכן מינקאָווסקי האָט דער ערשטער איינגעפירט, האָט מען גלייך אָנגעהויבן צו אָפּערירן אין דער עקזאַקטער וויסנשאַפט (אַסטראָנאָמיע, פיזיק און מאַטעמאַטיק) מיט דעם געדאַנק פון אַ 4־דימענזיאָנעלער וועלט, אַ זאַך, וועלכע מיר קאָנען זיך זייער גוט פאָר־שטעלן במחשבה, אָבער וועלכע מ'קען בשום אופן ניט משיג זיין מיט אונדזערע חושים, וואָס זיינען בטבע מסוגל תופס צו זיין ניט מער ווי נאָר דריי דימענזיעס בלויז



(לענג, ברייט, טיף). אָבער פון יאָר 1908 אָן, ווען מינ־קאָווסקי האָט פאַר דער וועלט באַקאַנט געמאַכט זיין שיטה, איז דער באַגריף „וועלט" גלייכבאַדייטנדיק גע־וואָרן מיט אַ מער פּרעציזן, גענויער אַבסטראַקטן באַגריף, דהיינו — אַ „פילפאַלטיקייט מיט פיר דימענזיעס", וואָס יעדער עלעמענט, באַשטאַנד־טייל אירער, — אַן עלע־מענטאַרע געשעעניש אָדער פונקט־געשעעניש, ווערט באַשטימט דווקא דורך פיר צאָלן — דריי פאַרן שטח־אַספּעקט און איינע — פאַר דער צייט. דערמיט איז גע־לייגט געוואָרן די מאַטעמאַטישע באַזע, דער באמת טעאָ־רעטישער פונדאַמענט פאַר דער רעלאַטיוויטעטס־טעאָ־ריע, וואָס האָט דורך די געניאַלע פאָרשונגען און אַנט־דעקונגען פון אַלבערט איינשטיין, איבערגעקערט די אַלטע באַגריפן פון דער פיזיק און האָט געשאַפן דעם נייעם, מאָדערנעם בנין פון אָט דער גרונט־וויסנשאַפט פון אונדזער טעאָרעטיש־מאַטעמאַטישן וועלט־באַנעם.

דער פאָרדינטער שם מינקאָווסקיס אין דער וויסנ־שאַפטלעכער וועלט איז געווען אומגעהייער גרויס. אין 1908 איז ער געוואָרן מיטרעדאַקטאָר פון דער וויכטיקס־טער מאַטעמאַטישער צייטשריפט אין אייראָפּע „מאַטעמאַ־טישע אַנאַלען", וואו ער איז שוין פריער געווען אַן אָפּטער מיטאַרבעטער. זיין איבערגעבנקייט צו דער ריינער וויסנשאַפט, זיין הילף און פריינדשאַפט צו יינגערע גע־לערנטע האָבן אים געמאַכט באַרימט און געאַכט אין אַלע קרייזן, וואו מ'האָט פון אים געוואוסט און אים געקענט. ער האָט פאַרמאָגט זעלטענע כאַראַקטער־מעלות, שיינע מידות און תמיד א יוגנטפרישע באַגייסטערונג פאַר דאָס שיינע און גוטע. זיין ביאָגראַף, דוד הילבערט, דערציילט, אַז מינקאָווסקי האָט אַלס אָפּרו פון זיינע אומדערמידלעכע וויסנשאַפטלעכע אַרבעטן ליב געהאַט פאַרצוטראָגן פאַר זיינע יונגע קינדער געדיכטן פון שילער און געטע אויף אויסנווייניק מיט דער באַגייסטערונג, וואָס איז ביי אים געבליבן פריש פון זיינע אייגענע יוגנט־יאָרן. אַלע זיינע קאָלעגן און תלמידים האָבן אים טיף געליבט און פלעגן האַלטן, אַז צו פאַרברענגען אין זיין געזעלשאַפט איז פאַר זיי איינע פון די גרעסטע גייסטיקע תענוגים אין לעבן. אין רעכטן מיטן פון זיין שאַפנדיקן לעבן, צוגרייטנדיק צום דרוק זיין וועלט־באַרימטע קעלנער רעדע פון יאָר 1908, איז ה. מינקאָווסקי נאָך אַ זייער קורצער פאַטאַלער קראַנקהייט (אַפּענדיציט) געשטאָרבן צו 45 יאָר — דעם 12־טן יאַנואַר 1909. זיין טויט איז טיף באַדויערט געוואָרן אין אַלע קרייזן פון דער וויסנשאַפטלעכער וועלט.

די גרויסע וועלט האַלט ה. מינקאָווסקין פאַר אַ דייטשן געלערנטן. אַנדערע פאַררעכענען אים גאָר פאַר אַ רוסישן געלערנטן, אָבער גאָר ווייניק ווייסן, אַז אָט דער וויסנ־שאַפטלעכער גאון איז געווען א ליטווישער ייד. אין אַ בוך וואָס איז דערשינען אין ענגלאַנד בעת דער ערשטער וועלט־מלחמה און רופט זיך „רוסלאַנדס מתנה צו דער

סוף אויף זייט 723

ה. טשערנאָוויטש (רב־צעיר)

# שמואל ראָזענפעלד

א.

עס איז אַוועק פון דער וועלט איינער פון די עלטסטע שרייבער, אין וועלכן עס האָבן זיך אָפּגעשפּיגלט צוויי דורות — דער השכלה־דור און דער דור פון חיבת־ציון. אַ סך האָבן אים געקענט, איבערהויפּט אין אַמעריקע אין דעם לעצטן פּעריאָד, ווי אַן אַלטן, אויסגעפּרואוווטן ציוניסטישן קעמפער, זייער ווייניק אָבער האָבן געקענט ראָזענפעלדן דעם משכיל און קעמפער קעגן רעליגיע, הגם עס פלעגט זיך אָפט, צוליב עפּעס אַ געשעעניש, אויפכאַפּן אין אים ווי פון אַ שווערן שלאָף, דער משכיל, און פּלוצלונג פלעגט זיך פון אים ווידער אַרויסרייסן, ווי אַמאָל, דער קעמפער קעגן רעליגיע צו אַטאַקירן עפּעס אַן אָבערגלויבן, עפּעס אַ דין אין שולחן־ערוך, וואָס מען דאַרף אים מבטל זיין. אָבער אַזאַ אויסברוך איז געווען ניט מער ווי אַ מין ווידער־קול פון „חטאת נעורים", וואָס האָט זיך נאָכאַמאָל אויפגעוועקט, — און „כבולעו כך פולטו", — ווי פּלוצעם געקומען, אַזוי פּלוצעם פאַרשוואונדן.

---

סוף פון זייט 722

וועלט", ווערט געזאָגט: „מינקאָווסקי, צוגלייך מיט לאָבאַטשעווסקין, איז געווען דער גרעסטער רוסישער מאַטעמאַטיקער".

אַ באַוואוסטער רוסישער געלערנטער און ליבעראַל, פּראָפעסאָר א. וו. וואַסיליעוו, האָט אָט די עוולה טאַקע ניט געקענט פאַרטראָגן, און אין זיין בוך „פּראָסטראַנסטוואָ, ווערעמיאַ, דוויזשעניע", וואָס איז דערשינען אין בערלין, אין 1922, שרייבט ער: „די מחברים פון יענעם בוך (וואָס איז דערשינען אין ענגלאַנד אין 1915 אָדער 1916, כדי צו געווינען סימפּאַטיעס פאַרן רוסישן מלחמה־שותף) האָבן בפירוש געמאַכט אַ טעות. מינקאָווסקי שטאַמט פון קאָוונער גובערניע, און איז נאָך אין זיינע קינדער־יאָרן אַוועקגעפירט געוואָרן קיין דייטשלאַנד, מחמת מ'האָט מורא געהאַט אין יענער צייט פאַר פּאָגראָמען אויף יידן אין רוסלאַנד".

אַזוי איז דער געניאַלער אַלעקסאַטער ייד זוכה געווען צו דערגרייכן די העכסטע שטופע פון וויסנשאַפטלעכן כבוד און באַקומען אומשטערבלעכקייט, אַלס איינער פון די דריי מיטשאַפער פון דער נייער טיפזיניקער און פילזייטיקער פיזיקאַלישער לערע פון רעלאַטיוויטעט.

ביבליאָגראַפיע: „מאַטעמאַטישע אַנאַלען", 1909; ה. מינקאָווסקיס 2 בענד, „געזאַמלטע אָפּהאַנדלונגען" מיט אַ פאָררעדע פון דוד הילבערט.



איך האָב געקענט דעם אמתן ראָזענפעלדן, פון זיין ערשטער שטופע. ווען איך בין אָנגעקומען קיין קאָוונע, איז נאָך ראָזענפעלדס אַרויסטריט געלעגן ביי אַלעמען אויף דער צונג: אַ פּרוש פונעם „קאָוונער כולל" האָט ער פאַרלאָזן די ישיבה, זיך איבערגעגעבן דער השכלה, „אַריינגעקוקט און געשטרויכלט געוואָרן", און געוואָרן אַ שרייבער אין „המליץ". צו יענער צייט האָט זיך אין קאָוונע צעפלאַקערט דאָס מחלוקת־פייער צוליב די מוסרניקעס. די רבנים, וועלכע האָבן אָנגעפירט מיטן כולל, האָבן דערקלערט קריג די מוסרניקעס, ווייל זיי האָבן חושד געווען, אַז זיי שאַפן אַ נייע סעקטע ביי יידן, ווי חסידות אַמאָל.

ר' יצחק אלחנן ז"ל זעלבסט איז פון אָנהייב ניט אַרויסגעטראָטן עפנטלעך קעגן זיי, ווייל אייגנטלעך האָט מען זיי ביי קיין זינד ניט געכאַפּט, חוץ דעם וואָס זיי זיינען מבטל תלמוד־תורה, לערנען מוסר־ספרים אָנשטאָט גמרא. סוף־סוף זיינען זיי פרומע, גאָטפאָרכטיקע יידן און האָבן ניט באַשאַפן קיין נייעם גאַנג אָדער נייע רעליגיעזע שיטה אין יידישקייט, מער ניט — זיי זיינען אַ ביסל „צו פרום". אָבער „בסתר" האָט מען געוואוסט, אַז דער „אַלטער" איז גאָר ניט צופרידן מיט אָט־דער נייער באַוועגונג. אין „הויף" האָט זיך געטאָן מעשים און מען האָט די מוסרניקעס פאַרמשפט צו גיהנום. ר' יאַנקעלע ליפּשיץ, דער „הויף־מיניסטער", וועלכער האָט זיך געלייגט אין דער לענג און אין דער ברייט וועגן דער זאַך, האָט אַלעמען פאַרזיכערט, אַז אַלץ וואָס ער טוט קעגן די מוסרניקעס ווערט געטאָן מיטן רבס צושטימונג. דער „כולל פרושים", וואָס איז נאָך ר' איצעלע בלאַזערס ירידה איבערגעגאַנגען אונטער דעם רבס הערשאַפט, האָט זיך שטאַרק קעגנגעשטעלט דער מוסר־באַוועגונג. און אויב עמעצער פון די פרושים איז געכאַפּט געוואָרן אין דער מעשה (פון מוסריזם), פלעגט ער פאַרבאָרגענערהייט גיין אין די חדרי־חדרים פון „מוסר־שטיבל" צו ר' יויזל מיט די „לעכער"*, ווי מען האָט גערופן דעם פירער פון די מוסרניקעס, און דאָרטן זיך מתודה זיין אויף זינד, וואָס ער האָט ניט געזינדיקט. ראָזענפעלד האָט געלערנט אין אָט דעם כולל פון די פרושים אין די סאַמע טעג פון דער מלחמה, ווען דאָס פייער פון דער מחלוקת האָט געפלאַקערט מיט דער גאַנצער קראַפט, ווען מען איז געווען

---

* ר' יויזל איז עטלעכע יאָר געווען אָפּגעשלאָסן פון דער וועלט, געוואוינט אַליין אין אַ שטיבל, וואוהין מען פלעגט אים דורך צוויי לעכער אין טיר — איינע פאַר פליישיקע מאכלים און איינע פאַר מילכיקע — אַריינדערלאַנגען עסן.

ממש אויף מעסערשטעך. מען פלעגט זיך בלוטיק שלאָגן אין די גאַסן, ווייל די מוסרניקעס פלעגן באַוואַרפן זייערע קעגנער מיט שטיינער, מקיים צו זיין די מצווה פון „סקילה"...

ווען איך בין אָנגעקומען קיין קאָוונע לערנען אין כולל, איז שוין די מלחמה שוואַכער געוואָרן, האָט געהאַלטן אין אויסלעשן זיך. ר' יצחק בלאַזער איז אַראָפּגעזעצט געוואָרן פון זיין אַמט, און דער כולל איז אַרויס פון זיינע הענט, פון די הענט פון די מוסרניקעס, אַריבערגייענדיק אָפיציעל אין רשות פון ר' יצחק אלחנן זעלבסט. און פאַקטיש איז דער כולל געפירט געוואָרן פון צוויי פירער: אַ גייסטיקער — ר' משה פון סלאָבאָדקע, און אַן אַדמיניסטראַטיווער — ה' סאָלאָצאַווסקי, ר' יצחק אלחננס איידעם, וועלכער איז גאָר ווייט געווען פון די מוסרניקעס.

ראָזענפעלד האָט אָנגעהויבן זיין ווידערשפעניקייט, זיין רעוואָלוציע קעגן די מוסרניקעס מיט דעם, וואָס ער איז עפנטלעך אַרויסגעטראָטן קעגן זיי און זייער פירער ר' יצחק בלאַזער. ראָזענפעלד אַליין האָט גאָר ניט געהאַט פאַרצוואַרפן דער אמתער מוסר־שיטה, יענע שיטה וואָס פאַררופט זיך אויף דער שטים פון אייגענעם געוויסן. ער איז געווען נאָר קעגן יענע „פאָרמעלע" מוסרניקעס, וועלכע די סלאָבאָדקער ישיבה־לייט האָבן פון זיך אַרויסגעשטעלט, אָט יענע לייט פון „חיזוק", וועלכע פלעגן אַריינקנעלן מיט זייערע תלמידים און באַשאַפן מוסר־„אידייעס", אָדער ווי זיי פלעגן דאָס אָנרופן „רעיונות". אין קורצן, ראָזענפעלד איז אַרויסגעטראָטן קעגן די יעניקע פון די מוסרניקעס, אויף וועמען מען פלעגט דערציילן מעשים־נוראים, און האָט אָנגעהויבן אויסזאָגן „סודות" פון חדר.

ראָזענפעלד אַליין האָט קיינמאָל ניט געהערט צו יענע מוסרניקעס, ווי עס ווילן האָבן אַ סך פון זיינע מספידים אין די צייטונגען, און אויך יענע וואָס האָבן אים מספיד געווען לעבעדיקערהייט... ניט מער, זייענדיק אַ מאָראַלישער מענטש אין פולן זין פון דעם וואָרט, אַ מאַן פון יושר און צדק, וואָס האָט פיינט הינטער־געגנגעלעך, האָט ער אויך ניט געקענט פאַרליידן דעם אַנדערן צד, יענע וועלכע האָבן אַרויסגערופן די מלחמה קעגן די מוסרניקעס, זיי אַרומגעוועבט מיט אַ געוועב פון רכילות און לשון־הרע, און געגאָסן שמוץ, און געשאָטן בלאָטע אויך אויף ערלעכע, פרומע, אמת מאָראַלישע מענטשן. ראָזענפעלד, כאָטש ער האָט ניט געשאַנעוועט די מוסרניקעס און אפגעדעקט זייער שאַנד פאַר דער עפנטלעכקייט, האָט צו דער זעלבער צייט אויך ניט געשאַנעוועט דעם כבוד פון די „פינסטערלינגע", די לייט פון דער „לשכה השחורה", וועלכע האָבן געלאַרעמט: „מוסרניקעס עליך ישראל!" — היט זיך פאַר די מוסרניקעס! — און זיך געמיט צו כאַפן פיש אין מוטנע וואַסער, כדי אַריינצוכאַפן די הערשאַפט און צונעמען דאָס „פעטע טעפל" פון די הענט פון זייערע קעגנער.



אַזוי אַרום, ווייל ער האָט געפירט קריג אויף צוויי פראָנטן, איז ראָזענפעלד געווען צעריסן מיט ביידע צדדים. אָט די מלחמה האָט ראָזענפעלד גלענצנדיק און אָביעקטיוו באַשריבן אין זיין מאָנאָגראַפיע איבער ר' ישראל סאלאנטער.

ראָזענפעלד האָט רעזיגנירט פון דעם „כולל פרושים", וואו ער האָט זיך צוגעגרייט אויף רבנות, ניט ווייל ער איז געוואָרן אַן אַפּיקורס, און ניט ווייל ער האָט רעוואָלטירט קעגן דער פירערשאַפט פון דער ישיבה, נאָר פשוט צוליב דעם וואָס ער איז געוואָרן אַ „שרייבער" אין דעם „המליץ". אין קאָוונע, אַ שטאָט פון משכילים און געלערנטע האָט מען די השכלה ניט אַזוי גערודפט. אַ סך פון די פרושים זיינען געווען משכילים, הגם באַהאַלטענערהייט, אין דער בחינה פון דברים־שבצנעה. ראָזענפעלדס פאַרלאָזן דעם בית־המדרש האָט ניט געמאַכט אַזאַ רושם ווי עס האָט געמאַכט ליליענבלומס אין זיין צייט, ווייל ראָזענפעלד האָט ניט געוואָלט איבערקערן די שיסל מיטן דעק אַרויף, ווי ליליענבלום האָט עס געטאָן, ער האָט אויך ניט געוואָלט אַריינברענגען רעפאָרמען אין דער רעליגיע. ער האָט זיך בכלל ניט געקימערט וועגן דעם כלל, ער האָט זיך אַליין איבערגעמאַכט און איז אַרויס פון כולל. גענוג געווען פאַר אים, אַז ער האָט זיך אַליין באַפרייט. און אַזוי איז ער געוואָרן פון פרוש אַ משכיל און אַ שרייבער.

ווען איך בין אָנגעקומען קיין קאָוונע לערנען אין „כולל פרושים", איז ראָזענפעלד געווען דאָרטן אַ לעבעדיקגייענדיקע לעגענדע, אַנדערע האָבן אים געטאַדלט, און אַנדערע מקנא געווען. וואָס ער איז געוואָרן אַ באַרימטער שרייבער, דער רום פון אַלע משכילים. ביי די קאָוונער משכילים איז ער געווען דער העלד פון טאָג, וועלכער האָלט מלחמה מיט די „מורדי־אור" — די פינסטערלינגע, און זיין נאָמען איז זייער געאַכטעט געוואָרן. אַפילו די פרומע, זיינע אַמאָליקע בעלי־בתים, האָבן פאַר אים גרויס אַכטונג געהאַט, אַ ביסל צוליב מורא, טאָמער וועט ער זיי באַשרייבן און גריבלען זיך אין זייערע מעשים, און אַ ביסל צוליב דרך־ארץ — פאָרט אַ „שרייבער", אַ פּראָפעסיע וואָס איז געשעצט געווען אויך ביי די זייער פאַרפרומטע.

ווען ר' יצחק אלחנן, ז"ל, איז נפטר געוואָרן, און איך האָב אים מספיד געווען אין נאָמען פון די פרושים, האָט עס ראָזענפעלד גלייך פּובליקירט אין „המליץ", און אַזוי האָב איך זיך מיט אים באַקענט, פריער באַהאַלטענערהייט און שפּעטער גאַנץ עפנטלעך.

איך דערמאָן זיך, ווי איך האָב זיך אָנגענומען מיט מוט און געקומען אים באַזוכן ביי אים אין שטוב. איך בין שטאַרק איבערראַשט געוואָרן פון דער ערשטער באַגעגעניש. פאָרגעשטעלט האָב איך זיך צו טרעפן אַן ערנסטן מענטשן, אַ יונגערמאַן וואָס זיצט אין אַ צימער פול מיט ספרים ביי אַ שרייב־טיש און האַלט אין מיטן שרייבן, אָבער געטראָפן האָב איך אַ מאַן זיצנדיק ביי אַ

צעבראָכן טישל אין אַן ענג צימער, וואו עס זיינען געווען אָנגעוואָרפן פאַרשיידענע שמאַטעס און ניי־געצייג.

ראָזענפעלדס ווייב איז געווען אַ שניידערקע, און זי איז עס געווען די פאַרדינערין וואָס האָט אַריינגעבראַכט אין שטוב די אָרעמע פרנסה. צו יענער צייט האָט אַ שרייבער נאָך ניט געקאָנט מאַכן קיין לעבן פון זיין שרייבן, אַפילו ניט קיין אָרעם לעבן, און כמעט אַלע שרייבער פלעגן דינען דער ליטעראַטור שלא על מנת לקבל פרס, — ניט צו באַקומען געצאָלט; פאַרקערט, אַנדערע פלעגן נאָך צוצאָלן דעם אַרויסגעבער ער זאָל דרוקן זייערע מאמרים.

געטראַכט האָב איך, אַז איך וועל זיך טרעפן מיט אַ צווייטן ליליענבלום און זיך צוגעגרייט פאַרפירן מיט אים אַ וויכוח. צום סוף גאָר בין איך נתפעל געוואָרן צו געפינען אין אים אַ מענטש לויט מיינע געפילן דעמאָלט, און ניט אַ מענטש, וואָס שטייט אויסער מיין וועלט, מער ניט וואָס ער איז געזעסן אָן אַ היטל, וואָס אין יענע יאָרן איז דאָס געווען אַ צייכן פון גויאישקייט.

צו יענער צייט איז ער אין גאַנצן געשטאַנען, ראשו ורובו, אין דער וועלט פון רבנות און האָט זיך באַצויגן צו איר ניט ווי אַ דרויסנדיקער, נאָר ווי אַן אייגענער מענטש. און פונדעסטוועגן האָט אונדזער ערשטער געשפרעך געמאַכט אויף מיר דעם איינדרוק, ווי ער וואָלט זיך געגרייט צו מלחמה, „ווען די צייט וועט קומען". דערווייל, אָבער, האָט ער געהאַלטן, אַז ער איז ניט גרייט פאַר דעם. ער האָט דעמאָלט געחלומט וועגן פאָרן קיין אויסלאַנד ענדיקן זיין שטודיום, כדי „אָנצוהייבן" — „אָנצוהייבן" וואָס ? — איז מיר ניט קלאָר געווען פון יענעם געשפרעך. איז אים ליליענבלומס בילד געשטאַנען פאַר די אויגן, צי אחד העמס, וועמען ער האָט זייער פאַרגעטערט ? (שוין אין אונדזער ערשטן געשפרעך האָט ער מיך געפרעגט, אויב עס איז אמת, וואָס מען זאָגט, אַז איך שרייב זיך איבער מיט אחד העמען.) — יעדנפאַלס, ער האָט זיך געריכט אויף עפּעס גרויסעס. אָבער דער אומגליק האָט אויף אים געלויערט אין זיין אייגענער היים, און זיין שיף איז צעשמעטערט געוואָרן אין מיטן ים; זיין פרוי — אַ מרשעת און אַ פאַרגרעבטע, איז געווען קעגן זיין „אַנטלויפן" קיין אויסלאַנד, איז אים אומעטום נאָכגעלאָפן, געמאַכט אים סקאַנדאַלן אין די אוניווערזיטעטן, וואו ער האָט געלערנט, און אַזוי לאַנג געשטאַנען אים ווי אַ שטן אויף זיין וועג, ביז ער האָט געמוזט אויפגעבן זיין שטודירן און זיצן איינזאַם אין זיין צימער.

ווען איך בין געווען רב אין אָדעס, האָט ער זיך צו מיר געווענדט, איך זאָל אים ראַטעווען פון זיין אומגליק און באַפרייען פון זיין ווייב. מיט דער הילף פון נאָך רבנים, וועלכע האָבן זיך אַריינגעלייגט אין דער זאַך, איז אונדז געלונגען, אַז זי זאָל איינשטימען צו נעמען אַ גט. אָבער זיין קאַריערע איז שוין געווען אויף אייביק צעבראָכן.

אָט־דאָס געשעעניש האָט פאַרביטערט ראָזענפעלדן ז'אָס לעבן. אַ לאַנגע צייט האָט ער זיך געפונען אונטערן איינדרוק פון דעם גט, ווייל ער איז געווען זייער אַ סענסיטיווער מענטש און געהאַט זייער אַ צאַרטע נשמה. אַ צייט לאַנג האָט ער זיך ניט געקאָנט באַפרייען פון אָט דעם קריזיס, ביז ער האָט ווידער חתונה געהאַט מיט אַ פרוי, מיט וועלכער ער האָט געהאַט אַ פיין צוזאַמענלעבן. איך דערצייל דאָ איצט אַזעלכע אינטימע זאַכן נאָך זיין טויט — ווייל ביי אַנדערע מענטשן וואָלט אַזאַ איבערלעבעניש ניט אַזוי טיף און ווייטיקלעך זיך איינגעקריצט אין דער נשמה, עס וואָלט פאַררעכנט געוואָרן פאַר אַ לייכטער עפּיזאָד, אָבער ניט אַזוי ביי ראָזענפעלדן. ביי אים האָט דער קריזיס געהאַט אַ דערדריקנדיקע ווירקונג אויף זיין געדאַנקען־גאַנג, ווי אויך אויף זיין גאַנצער ליטעראַרישער אַרבעט.

ראָזענפעלד האָט געמאַכט פּלענער זיך צו פאַרפּולקאָמען אין יידישע וויסנשאַפטן און געחלומט וועגן גרויסע ליטעראַרישע אַרבעטן אויפן געביט פון יידישער געשיכטע און פילאָזאָפיע, כדי צו שאַפן שפּעטער אַ גרויס ליטעראַריש ווערק, און צו דער זעלבער צייט ווערן אויך איינער פון די פירער פון דער ציוניסטישער באַוועגונג, וועלכע האָט זיך דעמאָלט אָנגעהויבן צו אַנטוויקלען. מיט זיינע גרויסע פעאיקייטן, פלייס, גראָדן שכל און געזונטער לאָגיק, וואָלט ער געוויס פיל בייגעטראָגן צום געביט פון חכמת־ישראל, אָבער צוליב זיינע שווערע איבערלעבענישן איז ער אַריינגעפאַלן אין פאַרצווייפלונג און אַ לאַנגע צייט געווען פאַראיינזאַמט און פאַרשטומט...

זיין מוט איז געשטאַרקט געוואָרן, ווען ער האָט אָנגעהויבן פאַרוואַלטן מיט דעם „פריינד" און זיך אָפּגעבן מיט זשורנאַליסטיק. דעם פאַרלוסט, וואָס די יידישע וויסנשאַפט האָט געליטן, איז אַזוי אַרום קאָמפּענסירט געוואָרן דורך דער פובליציסטיק, אין וועלכער ראָזענפעלד האָט געפונען זיין תיקון. אויף דעם געביט איז ער געוואָרן אַ לערער און וועג־ווייזער פאַר פיל אַנדערע, ווייל ער איז געווען פון די סאַמע ערשטע, וואָס האָבן אַוועקגעשטעלט די יידישע פּרעסע, וואָס איז דעמאָלט פאַררעכנט געווען פאַר אַ נישטיקע זאַך, פּאַסיק נאָר פאַר ווייבער און עמי־הארצים, אויף דער געהעריקער הייך פון מאָדערנער בילדונג. אַזוי אַז אַפילו די עכט־געבילדעטע אַריסטאָקראַטיע האָט זיך ניט געשעמט צו געפינען צווישן אירע לייענער און שרייבער. עס קומט ראָזענפעלדן אַ דאַנק, וואָס ער האָט פון די ערשטע — און אפשר טאַקע דער סאַמע ערשטער — געמאַכט פון זשורנאַליסטיק אַ וויסנשאַפט. ער איז געקומען צו אָט דער פּראָפעסיע אָנגעלאָדן מיט אַ סך פּאָזיטיוון וויסן, וואָס האָט אים פיל געהאָלפן צו פאַרברייטערן און פאַרטיפערן זיין קענטניש. ער איז בכוח געווען צו רעאַגירן אויף אַלע לעבנס־געשעענישן ניט ווי אַן אָנפאַנגער, ווי אויך ניט מיט אַ טאָן פון איינעם וואָס שרייבט: „איך זאָג אייך", סתם אַזוי, נאָר ווי אַ פאַראַנטוואָרטלעכער פאַך־מאַן, וואָס ווייסט, וואָס ער זאָגט, און זאָגט וואָס ער ווייסט.

## ב

אין אַמעריקע איז ראָזענפעלד געוואָרן אַ „יורד“, ער האָט שוין ניט געהאַט אָט יענע ווירקונג וואָס אין רוסלאַנד, אין די משכּילישע קרייזן. דאָרטן, אין רוסלאַנד, איז ראָזענפעלד געווען אַ „מאַן־דאָמר“, אַ מענטש, וואָס צו זיין וואָרט הערט מען זיך צו. דאָרט פלעגן אַלע וואַרטן צו הערן וואָס ע ר וועט זאָגן, כאָטש אַ סך האָבן אין אים געזען אַ מין „יוצא־דופן“, איינער וואָס איז אַ־לעמאָל אַ טאָמער־פאַרקערט־זאָגער, אַן איפּכא מסתבראניק, וואָס קריטיקירט שטענדיק צו פיל און פאָדערט צו פיל. אויך די געשוואָרענע פירער זיינען אין זיינע אויגן ניט תמיד ריין געווען, און ער פלעגט זיי וואַרפן דעם אמת אין פּנים אַריין. אָבער אַלע האָבן געוואוסט, אַז ראָזענפעלד איז אַ גרויסער מענטש, תנא הוא ופלוג — ער איז אַ תנא, האָט דאָס רעכט צו זאָגן אַנדערש און ווער וועט אים זאָגן: וואָס טוסטו? און ווער קאָן געפינען אַ זכות אין זיינע אויגן? אָבער, אין אַמעריקע, איז ער געווען א „געוועזענער“, און צו זיין קול האָט מען זיך ניט צוגעהערט.

ראָזענפעלד האָט בכלל געהערט צו יענעם טיפּ אימיגראַנטן אין אַמעריקע, וועלכע האָבן ניט געקאָנט זיך אַקלימאַטיזירן. אַלץ איז אים פרעמד געווען, גלייך ווי זיין טריבונע וואָלט אונטער אים צעבראָכן געוואָרן, און עס האָט אויסגעזען ווי ער וואָלט ריידן אין אַ פּוסטער שול, וואו עס איז קיין מנין ניטאָ... ער איז געוואָרן בטל ברוב און ניט מער ווי אַ צייטונגסמאַן. אַמעריקע האָט שוין אַ כּוח אַזאַ אַרונטערצושלעפּן אונטן, ותחתונים למעלה, די וואָס דאַרפן זיין אויבן זיינען אונטן, און אַממייסטן גילט דאָ דער כּלל: עליונים למטה און פאַרקערט... קיין מיוחסים האָט זי ניט האָלט! די יחידי־סגולה, די אויסדערוויילטע ווערן דאָ אויסגעמישט ווי אַ שאָף אין אַ סטאַדע, — דאָס איז דעמאָקראַטיע! אַ מענטש ווערט געמשפּט לויט זיין פּראָפעסיע. יעדער איינער איז אונטערגעוואָרפן דעם זעלבן גורל.

ראָזענפעלד איז דאָ געוואָרן אַ שרייבער ווי אַלע שרייבער. אַזוי ווי פון דער נאַטור איז ער געווען אַן עניו און זיך קיינמאָל ניט געשטופּט פאָראויס, ניט געריסן זיך צום עמוד — און דאָ אין אַמעריקע ווער עס איז אַ „נחבא־אל־הכלים“, נוצן אים די כּלים אויך ניט — האָבן נאָר איינצלנע געוואוסט געהעריק אים אָפּצושאַצן און זיך רעכענען מיט זיינע אַרטיקלען און נאָך מער מיט זיין פּערזענלעכקייט.

דאָס שרייבן איז ביי אים געווען ניט אַ מלאכה, נאָר אַן עבודה, אַ הייליקע דינסט. ער האָט געשריבן ניט ווייל דאָס איז געווען זיין פּראָפעסיע, נאָר ווייל ער האָט געהאַט איבער זיך אַ מין „מגיד“, אַ מלאך אַזאַ, וואָס פלעגט אים שטויסן און הייסן שרייבן. זיין באַטייליקן זיך אין געשעענישן איז געווען ווי פון אַ מענטש וואָס שטייט אינעווייניק, וואָס נעמט אַ חלק אין די „מעשי־מרכבה און מעשי־בראשית“, אין די אַלע ערשטע שאַפונגען און מיסטעריעס פון די טעגלעכע געשעענישן, און ניט ווי איינער וואָס קוקט רעטראָספּעקטיוו אויף זאַכן שוין געזעענע נאָך זייער געשעעניש, און זאָגט אַרויס זיין מיינונג, צום גוטן אָדער צום בייזן.

אָט אַזאַ פּובליציסט איז ראָזענפעלד געווען. ער האָט זיך באַטייליקט אין יעדער ציוניסטישער פאַרזאַמלונג, ווי אויך אין אַלע אַנדערע צוזאַמענקומען, ניט ווי אַ זשורנאַליסט, וועלכער מוז באַריכטן זיין צייטונג, נאָר ווי ער וואָלט געווען דער לעבנס־גייסט פון דער פאַרזאַמלונג. ער פלעגט תמיד זיין ווי אַ רואה־ואינו־נראה, האָט אַלץ געזען און אַלץ געהערט, האָט אויך פאַרנומען און פאַרשטאַנען, געפילט און געוואוסט וואָס עס קומט פאָר אַפילו הינטער די קוליסן. מיט זיין סענסיטיוויטעט האָט ער דערפילט ווער איז מיט אונדז און ווער קעגן אונדז, ווער עס רעדט מיט מויל־און־האַרץ, און ווער נאָר מיט די ליפּן אַליין; ווער עס זוכט דאָס שרייענדיקע „פּובליסיטי“, דעם טאַראַראַם, און ווער טאַקע דעם עצם ענין, דעם תכלית, דעם רעזולטאַט.

האָט עמעצער אויף אַ מיטינג געוואָלט וויסן וואו עס האַלט אין דער וועלט, איז אים גענוג געווען אַ פרעג צו טאָן ביי ראָזענפעלדן. זיין ענטפער פלעגט קומען מיט אַ גרימאַס, אַ קרים מיט די ליפּן, אַ שאָקל מיטן קאָפּ. זיין איין שאַרף, אַרויסגעזאָגט בייסנדיק וואָרט, איז גענוג געווען — עס איז שוין אַלץ קלאָר. ראָזענפעלד איז ניט געווען קיין רעדנער, ער האָט געהאַלטן, אַז אַ וואָרט איז אַ רענדל און שווייגן — צוויי. אָבער זיינס אַ וואָרט, א י י ן וואָרט, האָט געהאַט מער ווערט און וואָג פון אַן אַנדערנס גאַנצע דרשות.

ראָזענפעלד איז געווען קלוג, שאַרפזיניק. זיינע ווערטער פלעגן אַריינגיין, טרעפן ביז אין דער זיבעטער ריפּ. טיילמאָל פלעגט זיך דוכטן, אַז ער פאַרמאָגט אַ פ י נ פ ט ן ח ו ש צו פילן וואָס עס וועט זיין אין דער ווייטער צוקונפט. ספּעציעל האָט ער געקענט די שוואַכקייט און די חכמה, און דאָס האַרץ פון די אַלע, וועלכע טרעטן אויף די קעפּ פון פאָלק, וועלכע זוכן פאַר זיך כּבוד אין נאָמען פון פאָלק. אָט די דאָזיקע „טוער“ האָט ער פיינט געהאַט תכלית שנאה. ווייל ער אַליין האָט גערעדט דעם ריינעם אמת פון האַרצן, האָט ער דעם, וואָס רעדט ליגנס, ניט געקאָנט אָנזען פאַר זיינע אויגן. דעריבער איז זיין שטאָך געווען ווי דער שטאָך פון אַן עקדיש און זיין ביס, ווי דער ביס פון אַ פוקס פאַר אַלע אונדזערע „בעלי טובות“. קיינער האָט זיי ניט אַזוי גוט פאַרשטאַנען און געקענט זייער כאַראַקטער, ווי מענדעלע מוכר־ספרים, וואָס אין דעם זין האָט ער זיך געהאַלטן פאַר זיינעם אַ געטרייען תלמיד, וועלכער זעצט פאָר צו ציען די קייט פון דער טראַדיציע צו פלעטן אונדזערע בעלי־טובות איבער די קעפּ.

ער איז אויך געווען אַ טיכטיקער קריטיקער, סיי פאַר די שרייבער און סיי פאַר זייערע ביכער. ווען ער

פּלעגט קריטיקירן אַ בוך, פּלעגט ער עס אַנאַליזירן ווי אַ גאַנצעס, ניט נאָר ווי איינער וואָס גיט שמיץ, כדי יוצא צו זיין די פליכט פון אַרויסזאָגן אַ מיינונג; ראָזענפעלד פּלעגט זיך אַריינגריבלען און אַריינדרינגען אין די טיפע־נישן פון דעם ווערק און זיינע באַהאַלטנסטע ערטער. אַנאַליזירנדיק דעם סטיל, די אַרויסגעבראַכטע מיינונגען, דעם נוסח פון דעם שרייבער. און אַז ער פּלעגט פאַר־משפּטן עמעצנס אַ ווערק צום טויט, פּלעגט ער עס טייטן מיט אַרבע־מיתות בית־דין. ניט שייך געווען ביי אים קיין רחמנות.

ראָזענפעלד האָט ניט געשאַפן קיין ספּעציעלע ריכ־טונגען אין יידנטום, נאָר געשטעקט אינגאַנצן אין דעם טראַדיציאָנעלן יידנטום, ווייל אין אים האָט ער געפונען די אמתע און נאַטירלעכע יידישקייט, און צוליב אָט דעם האָט ער געקעמפט קעגן אַלע סאָרטן נייע יידנטומס, אין וועלכע ער האָט געזען זייער פאַלשע מטבע. אַזוי איז אויך געווען זיין קוק אויפן ציוניזם. ער איז נאָך אַלץ גע־שטאַנען אין דעם תחום פון חיבת־ציון, אָט יענע אידייע, וואָס ער האָט אין זיך איינגעזאַפּט אין זיין פריסטער יוגנט. אין אַלגעמיין האָט ער האָלט געהאַט יעדן מין ציוניזם אָן קיין שום אונטערשייד פון רעכטס צי לינקס, אַבי זיי מיינען גוט.

אין זיין פּריוואַטן לעבן, ווי אויך אין עפנטלעכן, האָט ער זיך געהאַלטן ביי דעם כלל: „האָב ניט קיין מורא ניט פאַר די פּרושים און ניט פאַר די צדוקים, נאָר פאַר די היפּאָקריטן וואָס „טוען די מעשים פון זמרי און פאַר־לאַנגען געצאָלט ווי פּנחס״.

ווען מיר קוקן זיך צו, ווי אונדזער מזרח־וואַנט ווערט אויסגעליידיקט, באַטראַכטן מיר ניט ווילנדיק די יורשים, וועלכע פאַרנעמען דעם פּלאַץ פון די עלטערע, און עס דוכט זיך אונדז, אַז די געשטאַלטן פון די אַלטע, אין וועלכן ווינקל מיר זאָלן זיך ניט קערן, זיינען די אמתע און די מקורותדיקע, און די פון די יונגע יורשים — בלויז אַן איבערזעצונג.

און אפשר איז אונדזער גאַנצער דור ניט מער ווי אַן איבערזעצונג פון די אַלטע דורות?

אַוועק פון אונדזער וועלט איינער פון די ס אַ מ ע ע ר ש ט ע אויפן געביט פון יידישער פּובליציסטיק, וואָס האָט ניט געלאָזן נאָך איינעם ווי ער...

יידיש מ. ג. ג.

**מ. ש. שאַפּיראַ**

# דער גאון ר׳ הירש ראַבינאָוויטש ז״ל

ר׳ הירש ראַבינאָוויטש ז״ל איז געווען איינער פון די פיינסטע טיפּן, וואָס די רבנישע וועלט אין רוסלאַנד האָט פאַרמאָגט צו ענדע פון נייַנצנטן יאָרהונדערט.

ער האָט מיט זיך פאָרגעשטעלט אַ וואונדערבאַרע סינטעזע פון גרויס־למדות און לעבנס־חכמה. דערצו האָט ער געהאַט זייער שיינע זיטן און אַ הדרת־פּנים, וואָס פלעגן אַרויסרופן אַכטונג און פאַרערונג ביי יעדן וואָס איז גע־קומען מיט אים אין באַרירונג.

ר׳ הירש איז געבוירן געוואָרן אין יאָר תר״ח, ווען זיין פאָטער, דער וועלט־גאון, ר׳ יצחק אלחנן ז״ל איז געווען רב אין ניעסוויזש. נאָך אין זיינע קינדער־יאָרן האָט זיך ר׳ הירש אויסגעצייכנט מיט זיינע וואונדערבאַרע פעאיקייטן און איז באַקאַנט געוואָרן אין דער גאַנצער געגנט אַלס עילוי. ווי עס ווייזט אויס האָט ער ניט געלערנט אין די ישיבות פון זיין צייט. ער האָט אַממערסטן געלערנט ביי זיין פאָטער, דעם גאון ז״ל, וועלכער האָט אים אָנגעצייכנט זיין דרך אין תלמוד. זייענדיק נאָך אַ בחור, האָט ער שוין באַזיצט אַ סך וויסן אין תלמוד און פּוסקים און איז באַקאַנט געוואָרן אַלס גדול אין תורה.

זיין פאָטער האָט אים דאַן חתונה געמאַכט מיט דער טאָכטער פון דעם באַרימטן גביר ר׳ מאיר סאָלץ פון שטעטל סלוצקניק, ניט ווייט פון ווילנע. אַרום פינף יאָר איז ער געזעסן על התורה ועל העבודה אין זיין שווערס הויז. אין יאָר תרל״ג האָט ער זיך אַריבערגעקליבן קיין קאָוונע, אין דער נאָענטקייט פון זיין פאָטער ז״ל, און דאָרט געעפנט אַ לעדער־פאַבריק, ווייל ניט געקוקט אויף דער רבנישער דערציאונג וואָס ער האָט געקראָגן אין זיין פאָטערס הויז, האָט ער ניט ליב געהאַט רבנות. זייענדיק לויט זיין נאַטור אַ גייסטיקער אַריסטאָקראַט און האָבנדיק זעלבסט־אַכטונג, האָט ער ניט געקאָנט פאַרטראָגן די פּרנסה פון רבנות, וועלכע איז, אין בעסטן פאַל, „מקברת את בעלה״ — קאָן אומברענגען דעם מענטשן. ער האָט דערפאַר געמאַכט זיין ערשטן טריט צו זעלבשטענדיקייט אויפן געביט פון מסחר. ר׳ אלחנן איש־קובנה האָט מיר, אין יאָר תרס״ה, איבערגעגעבן זיינעם אַ געשפּרעך מיט ר׳ הירשן, וועלכעס גיט אַ גענוגנדיקע כאַראַקטעריסטיק פון יענעמס קעגנערשאַפט צו רבנות, און וועלכע ער האָט אָנגעהאַלטן אויך אין זיינע עלטערע יאָרן.

ר׳ הירש האָט איין מאָל געשפּאַצירט מיט אים ביים ברעג פון טייך ניעמאַן, איז צופעליק זיי אַנטקעגנגעקומען אַ וואַסער טרעגער מיט די עמערס אויף די אַקסלען. האָט זיך ר׳ הירש געווענדט צו אים און געזאָגט: „איר וועט

מיר גלייבן, אַז איך בין מקנא דעם דאָזיקן מענטשן און זיין אַרבעט. ווייל ער איז אַ בן־חורין, אַ פרייער און אומאָפּהענגיקער מענטש”. די דאָזיקע ווערטער האָט ער געזאָגט אין דער צייט, ווען ער איז געווען קאָוונער רב, און זיין נאָמען איז געווען מפורסם ביי יידן.

ער האָט אָבער ניט מצליח געווען אַלס סוחר. נאָכדעם, ווי ער האָט אָנגעפירט מיט זיין מסחר אייניקע יאָרן, האָט ער זיך געמוזט צוריקציען פון זיינע געשעפטן און זיך נעמען צו רבנות. און עס איז ניט קיין וואונדער. אַזוינע מענטשן ווי ער זיינען כלל ניט מסוגל צו מסחר, ווייל זיי קאָנען זיך ניט צופּאַסן צו די אַלע כיטרעקייטן וואָס מסחר פאָדערט.

מען דערציילט, אַז ווען ר׳ יצחק אלהנן האָט זיך דערוואוסט, אַז זיין זון איז אַרויס פון מסחר, איז ער געווען זייער צופרידן דערפון און האָט זיך אויסגעדריקט: „איצט בין איך זיכער, אַז מיין זון וועט ווערן אַ רב ביי יידן און דערפילן די אויפגאַבע וואָס די השגחה האָט פאַר אים באַשטימט”.

צופעליק איז דאַן פריי געוואָרן די שטעלע פון רבנות אין מיטאַווע, קורליאַנדער געגנט, און ר׳ הירש האָט זי באַקומען אָן באַזונדערע שוועריקייטן, ווייל ער איז געווען דער פּאַסיקסטער פאַר דער דאָזיקער שטעלע. מיטאַווע איז דאַן געווען אין אַ גרויסער מאָס באַאיינפלוסט, אויסערלעך, פון דער דייטשישער קולטור, און ר׳ הירש, זייענדיק אַ וועלטלעכער מענטש, האָט דאָרט געהאַט אויך אַ צוטריט צו דער מאַכט און דאַדורך באַוויזן פיל צו פאַרבעסערן די לאַגע פון די יידן אין יענער גובערניע. אָבער זיין ערשטע באַשעפטיקונג אין מיטאַווע איז געווען תורה. די דאָרטיקע געמיינדע איז געווען אַ רואיקע און פלעגט ניט באַלעסטיקן יידישע רבנים, ווי דער מנהג איז געווען אין פוילן און ליטע. האָט ער דערפאַר געהאַט צייט צו באַרייכערן און פאַרטיפן זיינע ידיעות אין תלמוד. אין משך פון זיין וואוינען אין מיטאַווע האָט ער זיך כסדר דורכגעשריבן מיט זיין פאָטער אין חידושי־תורה, אין די דאָזיקע יאָרן האָט דאָס דורכשרייבן זיך אים פיל געהאָלפן צו אַנטוויקלען זיינע כשרונות און ווערן דערנאָך איינער פון די גרויסע „משיבים” — וואָס פלעגן ענטפערן אויף האַרבע שאלות, פון זיין צייט.

אין יאָר תרמ״ח, בערך, ווען עס איז געוואָרן אַ באַוועגונג אין דער ניו־יאָרקער יידישער געמיינדע פאַר אַראָפּברענגען פאַר איר אַ גרויסן רב פון אייראָפּע, האָבן זיך אירע פירער געווענדעט צו ר׳ הירש מיטן פאָרשלאַג, ער האָט אָבער זיך אַנטזאָגט און עם ניט אָנגענומען. פאַר זיינע מקורבים האָט ער דערקלערט זיין אָפּזאָג דערמיט, וואָס ער איז מסוגל צו זיין אַ רב נאָר אין אַן אָרגאַניזירטער געמיינדע, וועלכע איז געבויט אויף אַלטע יסודות, אָבער ניט אין קיין נייער קהילה, וואָס פאַרמאָגט ניט קיין רעליגיעזע טראַדיציע און נאַציאָנאַלע געשטאַלט.

דאָס וואָס האָט געטראָפן דערנאָך מיט ר׳ יעקב יוסףן האָט באַוויזן, ווי שאַרף ר׳ הירשס בליק איז געווען, און



ווי טיף ער האָט פון וויטן דורכגענומען דעם ענין. אָבער ווען ר׳ יעקב יוסף איז אָנגענומען געוואָרן אַלס רב־הכולל אין ניו־יאָרק און די שטעלע פון ווילנער שטאָט־מגיד איז פריי געוואָרן, האָט דער גורל באַשטימט, אַז ר׳ הירש זאָל פאַרנעמען די מגידות־שטול אין ווילנע. די מגידות אין ווילנע איז פון אַלעמאָל געווען זייער אַ וויכטיקע שטעלע און האָט געפאָדערט אַ גדול אין תורה, אַ זעלטענעם דרשן און חכם אין וועלטלעכע ענינים. דער ווילנער שטאָט־מגיד האָט געמוזט זיין אַ פאָלקס־דרשן, ווייל די גרויסע שול אין ווילנע, וואו ער פלעגט דרשנען, איז געווען די שול פאַר די ברייטע שיכטן פון פאָלק.

ר׳ יעקב יוסף, אין זיין צייט, איז געווען באַרימט אַלס גרויסער דרשן, וואָס באַצויבערט מיט זיינע דרשות דעם עולם און צייכנט זיך אויך אויס מיט זיין כוח אַרויסצוברענגען טרערן ביי זיינע צוהערער. דערהויפּט פלעגט ער באַוויזן וואונדער אין די עשרת־ימי־תשובה, דורך פאַרשיידענע מיטלען ווי, צום ביישפּיל, אַריינפאַלן פלוצים מיט קולי־קולות אין ארון־קודש, און נאָך אַנדערע מיטלען. זייענדיק אַ בחור, האָט ער זיך דערצויגן אויף דער מעטאָדע פון מוסר, איז אים די דאָזיקע מלאכה ניט שווער געווען, ווייל דאָס איז געווען איינע פון די מוסר־וועגן צו רירן דעם עולם ביז טרערן. אָבער ר׳ הירש איז ניט געווען מסוגל אויף אָנצוגיין מיט דעם וועג , ווייל ער איז געווען אַ גייסטיקער אַריסטאָקראַט לויט זיין נאַטור, און אַזוינע וועגן און מיטלען זיינען אים געווען דערווידער. דערצו נאָך האָט ער געהאַט אימתא דציבורא — שרעק פון אויפטרעטן פאַר אַן עולם אין אַ גרויסער מאָס. ווי ער האָט אַליין דערציילט אויף זיינע עלטערע יאָרן, איז די דאָזיקע שוואַכקייט זיינע דערגאַנגען צו אַזאַ מדרגה, אַז ער פלעגט זיך שרעקן, ווען ער האָט עולה־תורה געווען. די דאָזיקע שוואַכקייט פלעגט אים זייער שטערן אין די ערשטע טעג צו אויספילן געהעריק זיין אויפגאַבע אַלס מגיד. אָבער דאָס איז שוין דער כוח פון אַן אמתן טאַלאַנט, וואָס ער קאָן בייקומען אַלע שוועריקייטן און שטערונגען און טרעט אויס זיין וועג אין לעבן. ר׳ הירש איז געווען בטבע אַ גרויסער רעדנער, ווייל אַחוץ זיין בריליאַנטענעם אַרט ריידן, האָט ער געוואוסט אויסצוקלייבן דעם פּאַסיקסטן מאַטעריאַל פאַר זיינע דרשות. און נאָכדעם ווי ער האָט זיך צוגעוווינט צום ווילנער עולם און זיך אַרומגעזען, אַז דער שד איז גאָר ניט אַזוי שרעקלעך, האָט זיך זיין כח אין דרוש אַנטפּלעקט מיט זיין גאַנצער קראַפט און פּראַכט.

ער איז גיך באַרימט געוואָרן פאַר אַזאַ גרויסן דרשן, אַז ווען אין וואָלאָזשין איז אין יאָר תרנ״א אויסגעבראָכן די גרויסע מחלוקת אין דער דאָרטיקער ישיבה, וואָס האָט גורם געווען איר שליסונג, האָט זיך דער נצי״ב געווענדעם צו אים און געבעטן קומען איינשטילן דאָס מחלוקת. ער האָט דעם נצי״בס בקשה דערפילט און זיך געווענדעט צו די תלמידים מיט שטאַרקע רייד און זיי געבעטן מאַכן שלום. און אויב עס האָט זיך אים ניט איינגעגעבן איינצו־

שטעלן דעם שלום, איז עס ניט געווען זיין שולד. דער ריס צווישן די תלמידים און דער פאַרוואַלטונג פון דער ישיבה איז געווען אַזוי גרויס, אַז עס איז שווער געווען זיי צונויפברענגען צוריק. און דער גורל פון דער ישיבה געשלאָסן צו ווערן איז שוין געווען באַשטימט.

איך האָב געהאַט די געלעגנהייט צו הערן איינמאָל אים דרשנען שבועות. די דרשה איז געווען אַן אויסגעצייכנטע אין אינהאַלט און אין פאָרם. ער האָט געמוסרט די צוהערער מיט אַזוינע שאַרפע רייד, אַז איך האָב זיך געוואונדערט ווי קומען זיי צו אַזאַ רואיקן מענטשן. געוויס וואָלט אַ רב אין אַ קליין שטעטל ניט געוואַגט צו מוסרן אַזוי שטאַרק זיין געמיינדע, אָבער ער, אַלס איינער פון די גדולי־הדור, האָט זיך געקאָנט דערלויבן צו זאָגן זיינע צוהערער אַלץ, וואָס ער האָט געהאַט אויף זיין האַרצן, ניט אַרויסרופנדיק קעגן זיך פאַרביטערונג און רוגז. דער עולם האָט געוואוסט, אַז אַלץ, וואָס ער זאָגט זיי, שטאַמט פון אַ ריינעם האַרצן, וואָס שטרעבט צום פאַרבעסערן און פאַרפיינערן זייערע זיטן.

נאָך דער פטירה פון זיין פאָטער, ז״ל, איז ר׳ הירש אָנגענומען געוואָרן אַלס רב אין קאָוונע. געווען אַפילו אַזוינע, וואָס האָבן געזאָגט, אַז ווען ניט זיין זכות אבות וואָלט ער ניט געווען אָנגענומען געוואָרן. קאָן זיין אַז עס איז געווען אַ סך אמת אין די דאָזיקע רייד, אָבער עס איז קיין צווייפל ניט, אַז ער איז געווען ראוי צו זיין רב און פירער אין קאָוונע און אין אַ נאָך גרעסערער געמיינדע אַפילו אָן די זכות־אבות, ווייל ער איז געווען איינער פון די גדולי־הדור, שטאַרק באַהאַוונט אין אַלע ווינקעלעך פון דער תורה און, פאַרמאָגנדיק אַ ריינעם און קלאָרן שכל, פלעגט ער אַריינדרינגען אין דער טיף פון יעדן ענין און אים אַנאַליזירן. אמת, ער האָט ניט איבערגעלאָזן נאָך זיך קיין חיבורים, אָבער זיין פאָטער דער גאון ז״ל דערמאָנט אים אין זיינע ווערק אייניקע מאָל. אין זיין ספר „עין יצחק״, חלק א׳, סימן ע״ח איז דאָ פון ר׳ הירשן אַ לאַנגע תשובה, וואָס רופט אַרויס התפעלות דורך איר גרויסן פאַרנעם און די געהויבענע חדושים. ווען ר׳ הירש וואָלט אונדז איבערגעלאָזן בלויז די דאָזיקע תשובה אַליין, וואָלט זי געווען אַ גענוגנדיקער עדות, אַז איר מחבר איז אַ גדול אין תורה. אַ חוץ דעם אַלעמען איז ער, נאָך זיין פאָטערס פטירה, געוואָרן איינער פון די גרויסע „משיבים״ — וואָס פלעגן ענטפערן אויף האַרבע שאלות, מיט וועלכע מען פלעגט זיך צו אים ווענדן פון גאַנץ רוסלאַנד וועגן פאַרשיידענע ענינים. ער פלעגט יעדן ענטפערן אויף זיין בעסטן אופן. און ניט נאָר פלעגט מען זיך צו אים ווענדן מיט שאלות פון רוסלאַנד, נאָר אויך פון אַנדערע אייראָפּעאישע לענדער.

ר׳ דוד האָפמאַן ז״ל, דער למדן און וויסנשאַפטלער, שרייבט אין דריטן חלק פון זיין ספר „מלמד להועיל״, סימן ט״ז, איבער זייער אַ האַרבער שאלה אין הלכות עגונה, אַז ער האָט באַקומען פון דעם קאָוונער גאון ר׳ הירש ראַבינאָוויטש אַ לאַנגע תשובה איבער דעם ענין, וועלכער אַנטהאַלט צוואַנציק גרויסע בלעטער, און ער איז זיך דאָרטן מפלפל אין ר׳ הירשס רייד. די שאלה דאָרט איז איינע פון די האַרבע אויפן געביט פון עגונות, און עס פאָדערט זיך גרויסע גאונות אויסצושטעלן וועגן דעם ענין אַ תשובה פון צוואַנציק בלעטער.

די יונגעלייט פון קאָוונער כולל האָבן דאָרט געהאַט די געלעגנהייט צו זען זיין גרויסקייט אין תורה. אין די מערסטע שבתים פונעם יאָר, נאָך שלוש־סעודות, פלעגן זיי זיך צו אים צונויפקומען, און ער פלעגט פאַר זיי פאַרברענגען זיינע חידושים אין תורה און תשובות וואָס ער האָט געענטפערט אויף שאלות. איז עס געווען אַ גרויס פאַרגעניגן צו הערן זיינע קלאָרע און געלייטערטע תורה־ווערטער.

עס איז געווען אַ צייט, ווען די ישיבה „כנסת בית יצחק״ האָט ניט געהאַט קיין שטענדיקן ראש־ישיבה, און די גרויסע רבנים פון דער געגנט פלעגן פרייוויליק פאַרלייענען זייערע שעורים פאַר די תלמידים. איז צווישן זיי געווען אויך ר׳ הירש. און ווי מען פלעגט איבערגעבן, זיינען זיינע שעורים געווען פון די בעסטע. אמת, ער האָט כלל ניט געהאַלטן פון די דינע סברות, וועלכע זיינען אויפגעקומען אין די ישיבות אין דער לעצטער צייט, אָבער זיין דרך אין לערנען איז געווען זייער אַ קלאָרער — דער וועג אין וועלכן עס האָט אים דערצויגן זיין פאָטער, דער גאון ז״ל.

פון דעם אַלעמען איז גאַנץ קלאָר ווי גרויס זיין כח איז געווען אין תורה. און אויב עס האָבן זיך דאָך געפונען מענטשן, וואָס האָבן אים אין דעם פרט ניט געהעריק אָפּגעשאַצט, איז דאָס שוין דער גורל פון מענטשן וואָס האָבן עלטערן גרעסערע ווי זיי זיינען. ר׳ יצחק אלחנן איז געווען אַן אייגנאַרטיקער טיפּ אין זיין גרופּע. דאַכט זיך אַן אַלטמאָדישער רב, אַ גאון אָן שום וועלטלעכער בילדונג, און דאָך איז אין אים געווען עפּעס אַ פאַרבאַהאַלטענער כח, וואָס האָט אים געמאַכט פאַר אַ פירער פון זיין דור און הויפּט פון דעם פאָלק. דורך אים איז קאָוונע געוואָרן דער צענטער פון רוסישן יידנטום.

די פאַמיליע פון באַראָן גינצבורג אין פעטערבורג פלעגט שטענדיק פרעגן זיין עצה און זיך צוהערן צו זיינע רייד. און איבער יעדער זאַך, וואָס האָט זיך געטראָפן מיט יידן, פלעגט מען זיך ווענדן נאָך זיין עצה און וואַרטן אויף זיין וואָרט. דאָס אַלץ קאָן מען ניט דערקלערן דערמיט וואָס ער איז געווען אַ גדול בתורה. אמת, ער איז עס געווען, און איז געווען זייער באַרימט מיט זיינע תשובות, אָבער דאָס אַלץ וואָלט ניט גענוג געווען צו מאַכן אים פאַר אַ צענטראַלע פיגור. דאָס איז איינס פון די נשמה־סודות, וואָס מיט טרוקענער לאָגיק אַליין קאָנט איר ניט דערקלערן און מאַכן דעם צווייטן צו פאַרשטיין.

איז עס ניט קיין וואונדער וואָס אין פאַרגלייך מיט אַזאַ גרויסן פאָטער האָט געמוזט די געשטאַלט פון ר׳ הירשן אַ ביסל פאַרנעפּלט ווערן. ר׳ הירש איז געווען

פאַררעכנט צווישן די גרויסע „מסמיכים״ — דערלויבן וועמען צו ווערן אַ רב — פון זיין צייט, און די יונגעלייט פון קאָוונער כולל פלעגן נאָכן פאַרענדיקן זייער שטודיום באַקומען סמיכה פון ר׳ הירשן. אָבער יעדער יונגערמאַן, וואָס האָט געוואָלט מוסמך ווערן פון אים, האָט געמוזט פריער באַקומען סמיכה פון הרב הגאון ר׳ משה דאַנישעווסקי, דער רב פון סלאָבאָדקע. די צוויי גאונים זיינען געווען פאַרשידן אין באַצוג צום פאַרהערן די, וואָס האָבן געוואָלט באַקומען פון זיי סמיכה. ר׳ משה פלעגט זיי שטעלן האַרבע און פאַרצוויגטע פראַגן, גענומען, מערסטן, פון „פרי מגדים״ און „חוות דעת״, אויף וועלכע די מערסטע יונגעלייט האָבן ניט געהאַט קיין ענטפערס. ר׳ הירש אָבער האָט אויסגעקליבן אַן אַנדערע שיטה. ער פלעגט האַלטן אין האַנט אַ קליינעם שולחן ערוך און שטעלן די יונגעלייט פשוטע פראַגן פון „מחבר״, רמ״א, דעם ש״כ און ט״ז. און די דאָזיקע שיטה איז באמת געווען די ריכטיקסטע אויף צו מעסטן די ידיעות. האָט יענער געוואוסט צו ענטפערן אויף די דאָזיקע פראַגן, מעג ער זיין אַ רב און פסקנען שאלות. האָט ער ווייטער ניט געוואוסט צו ענטפערן אויף זיי איז ער ניט ראוי צו ווערן אַ רב. זיין ניט וויסן קאָן ער דאַן ניט פאַרענטפערן אויף קיין פאַל, ווייל די אַלע ענינים זיינען קלאָר אַרויסגעבראַכט אין שלחן ערוך. עס ווייזט נאָר אַז ער האָט זיי פשוט ניט געלערנט. ר׳ משה, ווידער, פלעגט געבן אַ מעגלעכקייט דעם תלמיד צו פאַרענטפערן זיין ניט־וויסן, זאָגנדיק: „ווער קאָן דאָס וויסן דעם גאַנצן „פרי מגדים״, און ווער איז עס מחויב אים דורכלערנען אינגאַנצן״.

ר׳ הירש איז, אַחוץ זיין גרויסקייט אין לערנען, געווען די פאַרקערפּערונג פון די גוטע מדות, מיט וועלכע דער אמתער תלמיד־חכם דאַרף זיך אויסצייכענען. ער איז געווען דער מענטש פון אמת. ער האָט פיינט געהאַט געלט אין אַ מאָס, וואָס איז שווער צו געפינען זיין גלייכן. פלעגט אַנטלויפן פון מתנות. און ווען ער איז איינמאָל ניט געזונט געווען, און די דאָקטוירים האָבן אים פאַרזאָגט צו פאָרן קיין דייטשלאַנד זיך קורירן, האָט ער קיינעם ניט דערציילט, אַפילו מיט אַ וואונק, אַז ער קאָן עס ניט באַהויפּטן, ווייל זיין מאַטעריעלע לאַגע איז שלעכט. טאָן גוטס האָט אים פשוט פאַרשאַפט פרייד און מען קאָן גאָר ניט פאַרשטעלן זיין גרויסע שמחה, ווען עס פלעגט זיך אים איינגעבן טאָן אַ טובה וועמען עס איז.

איך האָב בייגעוואוינט אַזאַ פאַל: עס איז צו אים איינמאָל געקומען אַ משולח פון דעם גאון ר׳ זלמן־סנדר. עס זיינען דאַן געווען די שאַרפסטע ווינטער־טעג. דער משולח האָט זיך אינגאַנצן געטרייסלט פון קעלט און געוואָלט איינהאַנדלען וואַרעמע שיך־וואָליקעס. ער האָט אָבער ניט געוואוסט, וואו צו קריגן זיי. האָט ר׳ הירש מיך געבעטן, אַז איך זאָל ווייזן דעם משולח דאָס אָרט, וואו ער קאָן זיי קויפן. אַז מיר זיינען צוריקגעקומען, זאָגט מיר ר׳ הירש: „איר קאָנט זיך גאָרניט פאָרשטעלן, וואָס פאַר אַ גרויסע מצוה איר האָט געטאָן. דאָס איז ממש „מחיה נפשות״ געווען״.

ניט געקוקט אָבער אויף דעם, וואָס ער איז געווען אַ גוטער און האָט ליב געהאַט שלום, איז ער אַרויס מיט אַן אָפענעם קאַמף קעגן דער מוסר־באַוועגונג. **ער האָט** עס געטאָן ניט אויס קעגנערשאַפט צו מוסר אין אַלגעמיין. אדרבה, ער איז געווען דער מענטש פון מוסר און פון גייסטיקייט אין דעם געהויבנסטן זין פון די דאָזיקע ווערטער. אָבער, אַלס גייסטיקער אַריסטאָקראַט, האָט ער ניט געקאָנט פאַרטראָגן די משונהדיקע אויפפירונג פון אייניקע מוסרניקעס, וואָס פלעגט צייטנווייז אַרויסרופן געלעכטער. אָט צו דער דאָזיקער משונהדיקער אויפפירונג איז געווענדט זיין קעגנערשאַפט. ער האָט פון דער דאָזיקער קעגנערשאַפט זיינער שטאַרק געליטן, ווייל אייניקע פון די מוסר־תלמידים **האָבן אים** באַליידיקט אויף אַ זייער פּראָסטן אופן. אָבער ער האָט ניט אָפגעשטעלט זיין קאַמף. צו ענדע, ווען די דאָזיקע מחלוקת איז שטילער געוואָרן, און די געמיטער האָבן זיך באַרואיקט, האָבן די צוויי צדדים אָנגעהויבן בעסער צו פאַרשטיין איינער דעם צווייטן. די פאַרביטערטקייט פון די מוסרניקעס קעגן ר׳ הירשן איז פאַרשוואונדן, און ביסלעכווייז האָבן זיי אָנגעהויבן צו זען אין אים אַ גרויסן מענטש, וואָס זיינע מעשים שטאַמען אַרויס פון אַן אויפריכטיקער איבערצייגונג, אָן שום זייטיקע פניות. און ווען ר׳ הירש האָט מספיד געווען דעם פראַנקפורטער ראָטשילד, זיינען געקומען אים הערן אַלע תלמידים פון דער מוסר־ישיבה „כנסת־ישראל״ מיטן „אַלטן״ בראש און האָבן זייער געלויבט ר׳ הירשן און זיין הספד.

ר׳ הירש איז געווען אויך אַ וויכטיקער געזעלשאַפטלעכער טוער. אין יאָר תרנ״ג האָט ער פיל געהאָלפן ד״ר דעמבאָן אין זיין באַקאַנטן קאַמף קעגן פאַרווערן שחיטה מצד דער רוסישער רעגירונג. אין יאָר תרנ״ד איז ער דורך דורנאָוון באַשטימט געוואָרן אַלס פאָרזיצער פון דער אספת־הרבנים, וואָס איז פאָרגעקומען אין פעטערבורג, ניט געקוקט אויף דעם, וואָס ר׳ הירש איז נאָך געווען אַ יונגער מאַן.

ר׳ הירש ז״ל איז נפטר געוואָרן אין יאָר תר״ע. זיין רו־פּלאַץ איז אין קאָוונע.

שמואל פּליסקין

# ווען דער „חפץ חיים" איז געווען אַ קרעמער...

פינף יאָר נאָך זיין חתונה האָט דער „חפץ חיים" באַקומען אַ ירושה פון 150 רובל פון זיין מומע (פאָטערס שוועסטער) באַדאנע, וואָס האָט קיין קינדער ניט געהאַט און האָט געהאַלטן פאַר אַ גרויסן זכות, אַז איר געלט זאָל ירשהנען איר פּלימעניק, דער וואויל־לערנער ישראל מאיר.

ווען דער „חפץ חיים" האָט געבראַכט דאָס געלט קיין ראַדין, האָט ער געמאַכט אַ קראָם (ביזנעס), בשותפות מיט זיין פרויס שוועסטער, חיה שרה, וואָס האָט שוין געהאַט אַ שטיקל קרעמל. פאַר דעם געלט האָט מען געקויפט שניט־סחורה (מאַנופאַקטור).

אַדאַנק דער קראָם האָט זיך די מאַטעריעלע לאַגע פון רבי ישראל מאיר און זיין משפחה שטאַרק פאַרבעסערט. די הכנסות פון דער קראָם האָבן אויך דערמעגלעכט צו פאַרזייען די פעלדער, וואָס זיי האָבן פאַרמאָגט.

דער „חפץ חיים" אַליין פלעגט זיך אין קראָם ניט מישן. יעדן מוצאי־שבת פלעגט ער אַריינשרייבן אין אַ ספּעציעלן בוך אַלע חובות, וואָס האָבן זיך אָנגעקליבן דורך דער וואָך, פון די פּאַפּירלעך, וואָס זיין פרוי פריידע און איר שוועסטער פלעגן פאַרשרייבן. אַזוי אַרום האָט ער געאַרבעט נאָר אַלס בוכהאַלטער פאַר דעם געשעפטל. דעם גאַנצן טאָג, יעדן טאָג פון וואָך, פלעגט ער זיצן און לערנען, און שרייבן זיינע חיבורים.

הגם ער פלעגט זיך ניט מישן אין די געשעפטן פון קראָם, פלעגט ער אָבער גאַנץ שטאַרק זיך „מישן" און אַכטונג געבן, אַז אַלץ וואָס ווערט געטאָן זאָל זיין על־פּי דין־תורה. ער פלעגט טאַקע גאַנץ אָפט אַריינקומען און נאָכפאָרשן, צי די פּרייזן זיינען ניט צו הויך, צי ווערט ניט צוגערעכנט אַ צו־גרויסער פּראָפיט, און צי די „מדות ומשקלות" (מאָסן און וואָג) איז אַקוראַט.

ווען דער „חפץ חיים" פלעגט נאָר אַריינקומען אין קראָם, האָט שוין זיין פרוי, אָדער שוועגערין, געוואוסט, אַז דאָ וועט דורכגעפירט ווערן אַ גרינטלעכע „קאָנטראָל און רעוויזיע"...

ראשית־כל פלעגט ער קאָנטראָלירן די מאָסן, וואָס מען מעסט דעם בוימל, נאַפט, דזשעגאַכץ, וכדומה, זאָלן ניט זיין צעבויגן, אָדער עס זאָל אין זיי ניט זיין קיין פאַרטריקנטע שטאָפן; דאָס אַלץ קאָן דאָך, חס־וחלילה, גורם זיין צו אַ פאַלשער מאָס! ווען ער האָט איינמאָל באַמערקט, אַז די ווענטלעך פון אַ מאָס זיינען אָנגעקלעפּט מיט דעם שטאָף וואָס מען האָט געמאָסטן, האָט ער גלייך געהייסן, מען זאָל די מאָס גוט אויסשייערן און אַרומוואַשן, און שטרענג אָנגעזאָגט, אַז אויף להבא זאָל מען זיין זייער נזהר, זיי זאָלן זיין ריין...

דערנאָך פלעגט ער גוט בודק זיין צי דער אַרשין איז גלייך, ניט איינגעבויגן: דאָס קאָן דאָך אָפּנאַרן אין מאָס פון די מאַנופאַקטור אָדער לעדער.

אויך פלעגט ער גוט איבערקוקן די שאָלן, צי זיי זיינען ריין, און צי דאָס שפּינדל (אין צענטער פון דער שאָל־וואָג) אַרבעט גוט. דערנאָך פלעגט זיך אָנהייבן אַ סדרה מיט איבערוועגן די מעטאַלענע געוויכטער, צי זיינען זיי, חלילה, ניט אָפּגעריבן און האָבן די ריכטיקע וואָג. היות ווי מען פלעגט דאַן אויך נוצן קופּערנע אָדער זילבערנע מטבעות אַלס געוויכט, פלעגט ער אויסליידיקן דאָס גאַנצע טיש־קעסטל מיטן געלט און פאָרזיכטיק איבערקלייבן אַלע מטבעות. די אָפּגעריבענע פלעגט ער צונעמען און טאַקע פאַרניכטן — כדי קיינער זאָל קיינמאָל ניט נכשל ווערן דורך ניצן זיי אַלס געוויכט...

אגב, פונקט ווי ער האָט געזאָרגט, אַז די דינים פון „מדות ומשקלות" זאָלן אָפּגעהיט ווערן ביי אים אין קראָם, אַזוי האָט ער אויך געזאָרגט, אַז דאָס זעלבע זאָל אָפּגעהיט ווערן ביי אַלע קרעמער פון שטעטל ראַדין, ווי בכלל ביי אַלע יידן אין ליטע און רוסלאַנד. און אויב ער פלעגט ניט גיין אין די אַנדערע קראָמען נאָכצופאָרשן צי די דינים ווערן אָפּגעהיט פּינקטלעך, ווי ער האָט דאָס געטאָן ביי זיך אין קראָם, האָט ער מחבר געווען אַ מאמר (אַנאָנים), אין וועלכן ער קלערט אויף בקיצור די האַרבקייט פון פאַלשע מאָסן און וואָג, און האָט אויך אָנגעוויזן אויף די אַלע פּונקטן אין וועלכע מען דאַרף זיין פאָרזיכטיק. דעם אַנאָנימען מאמר, וואָס האָט אויך אַנטהאַלטן דינים וועגן פּרייזן, האָט ער פאַנאַנדערגעשיקט צו אַלע רבנים פון לאַנד, מיט דער בקשה, אַז זיי, די רבנים, זאָלן עס אויפהענגען אין אַלע בתי־מדרשים, ווי אויך אין די באַזונדערע קראָמען פון זייערע שטעט. אני הצעיר, דער שרייבער פון די שורות, האָב נאָך אַליין געזען, אין מיין קינדהייט, אַן אויפרוף וועגן „משא ומתן באמונה", מיט ספּעציעלע דינים וועגן „מדות ומשקלות", הענגען אין די קראָמען פון מיין שטעטעלע לינגמיאַן, אָנגעקלעפּט אויף אַ טעקטור. שפּעטער, בעת איך האָב געלערנט אין ראַדין, האָב איך געזען דעם זעלבן „קול קורא" צווישן כתבים און „שמות" אויף דעם בוידעם פון „חפץ חיימס" ישיבה. דערביי איז אינטערעסאַנט צו באַמערקן, אַז דער ערשטער אַרויסטריט פון „חפץ חיים" אַלס מחבר איז געווען דער קול־קורא וועגן משא ומתן באמונה. דער „חפץ חיים" אַליין פלעגט דערציילן, אַז אויך זיין ערשטע דרשה פאַר אַ ציבור (אין דער עפנטלעכקייט) איז געווען געווידמעט דעם ענין פון „מדות ומשקלות", און „נשאת ונתת באמונה".

אַלזאָ, צוריק צום „חפץ חיימס" רעוויזיעס אין זיין קראָם...

ווען ער פלעגט שוין פאַרטיק ווערן מיט דער קאָנטראָל איבער די מאָסן און געוויכטן, פלעגט ער ערשט אָנהייבן גוט בודק זיין צי די סחורות זיינען אין בעסטער אָרדענונג, צי זיינען זיי פריש, ניט קאַליע געוואָרן.

איינמאָל האָט ער באַמערקט, אַז אַ פעסל הערינג איז אַ ביסל צעפוילט געוואָרן. האָט ער אָנגעזאָגט: עס איז ניט גענוג, וואָס מען לייזט די הערינג ביליקער, נאָר מען דאַרף יעדן קונה באַזונדער אָנזאָגן, אַז די הערינג זיינען אַ ביסל קאַליע.

שפּעטער אַ ווייל, איז ער ווידער אַריינגעקומען אין קראָם, כלומרשט — סתם אַזוי; די רעוויזיע איז דאָך שוין געווען אַריבער. ער האָט אָבער געוואָלט זען, ווי אַזוי מען פאַרקויפט די הערינג? ווען ער האָט באַמערקט, אַז מען פאַרגעסט זיך אָנצוזאָגן אַלע קונדן, אַז דער הערינג איז ניט גענוג גוט, האָט ער, אָן טענות־ומענות, געדונגען אַ פור, געהייסן דעם בעל־עגלה נעמען דאָס פעסל הערינג, האָט עס אַוועקגעפירט צו דעם דערבייאיקן טייכל, און עס אַריינגעגאָסן אין טייך אַריין!...

ער פלעגט אויך שטיין בעת מען פאַרקויפט, און אַכטונג געבן צי מען גיט די געהעריקע הכרעה (איבערגעוויכט), צי גיט מען ניט אַ צו קאַרגע וואָג. איינמאָל, נאָכדעם ווי אַ קריסטין האָט געקויפט זאַלץ, האָט ער באַמערקט, אַז אין מעסטל, מיט וועלכן מען האָט געמאָסטן, איז געווען אַ ביסל זאַלץ אָנגעקלעפּט אויפן דעק. היות ווי מען האָט געוווסט נאָר פון וועלכן דאָרף די קריסטין איז, אָבער ניט איר נאָמען, האָט דער „חפץ חיים" געהייסן, מען זאָל שיקן אַ גאַנץ זעקל זאַלץ אין יענעם דאָרף אַריין, און עס צעטיילן צווישן אַלע פּויערים — וועט שוין ממילא אויך יענע קויפערין באַקומען איר חלק...

אגב, דער „חפץ חיים" האָט ספּעציעל אָנגעפרעגט רבי ישראל סאַלאַנטער, צי ביי נישט־יידן איז אויך שייך דער דין פון „מה שקנתה אשה קנה בעלה" (דאָס אייגנטום פון דער פרוי געהערט צו איר מאַן)? ווייל, אויב דער דין איז אַזוי אויך ביי ניט־יידן, דאַן מוז מען זיין פאָרזיכטיק ניט צו קויפן קיין זאַך ביי אַ ניט־יידישער פרוי; מעגלעך, אַז זי טוט עס אָן דער ידיעה פון איר מאַן.

ער פלעגט אויך אויסרעכענען דעם ריוח, וואָס מען מעג מאַכן אויף יעדן פּראָדוקט באַזונדער און שטאַרק וואָרענען, אַז מען טאָר ניט פאַרדינען מערער ווי דעם פּרייז וואָס ער האָט פעסטגעשטעלט. (לויטן דין איז דאָ אַ פעסטגעשטעלטער, מאַקסימאַלער פּראָצענט פאַר דעם ריוח פון יעדן פּראָדוקט באַזונדער. אויף שפּייזאַרטיקלען, פּראָדוקטן פון ערשטן געברויך, איז דער פאַרדינסט־פּראָצענט אַ קלענערער).

דאַן, ווען ער האָט שוין דורכגעפירט די שטרענגע קאָנטראָל און רעוויזיע איבער די מאָסן, וואָג, געוויכט, פּראָדוקטן און פּרייזן, און ווען מען האָט שוין אַלץ





געמעגט פאַרקויפן על־פּי דין — פלעגט ער ערשט אַוועקגיין לערנען...

ווען מען האָט זיך אין שטעטל דערוואוסט פון די שטרענגע „גזירות", וואָס רבי ישראל מאיר האָט איינגעפירט ביי זיך אין קראָם, זיינען דווקא אַלע געקומען קויפן אין זיין געשעפט. ווען דער „חפץ חיים" האָט באַמערקט, אַז צו אים אין קראָם ציען זיך אַריבער קונים פון אַנדערע קרעמער, האָט ער דערפון געהאַט גרויס עגמת־נפש. ער פלעגט קומען אין קראָם און זאָגן צו די קונים: „גייט בעסער קויפן ביי... יענער קרעמערקע, זי איז דאָך, נעבעך, אַן אלמנה..." אָבער, ווער פלעגט עס אים הערן? ווען דער פדיון האָט זיך גענומען אַלץ שטאַרקן און שטאַרקן, האָט דער „חפץ חיים" געהייסן, מען זאָל פאַרשליסן די קראָם מיט עטלעכע שעה פריער ווי ביי אַלעמען, האָט מען נאָר שוין געלייזט גענוג אויף חיונה פאַר דעם טאָג, האָט ער שטרענג געפאָדערט די קראָם צו פאַרמאַכן. אָבער אויך דאָס האָט ניט געהאָלפן. אַלע פלעגן דווקא קומען צו אים קויפן אין די ווייניקע שעהן און אין קראָם פלעגט זיין אַן ענגשאַפט. ווען דער „חפץ חיים" האָט דערזען, אַז ער איז גורם צוצונעמען ביי יידן זייער פרנסה, האָט ער באַשלאָסן: ווי נאָר דער רבונו־של־עולם וועט אים העלפן מיט אַן אַנדער פרנסה, וועט ער אויפגעבן די גאַנצע קראָם.

און טאַקע גאָר בקרוב, ווען זיין ערשטער ספר „חפץ חיים" איז אַרויס פון דרוק, און ער האָט פון זיין ספרים־מסחר געקאָנט מפרנס זיין די משפחה, האָט ער די קראָם ליקווידירט. כאַראַקטעריסטיש איז אויך דער פאַקט: אַלע אָרעמע בעלי־חובות, וואָס זיינען אים שולדיק געבליבן, האָט ער מוחל געווען די חובות. ער האָט דערביי געזאָגט:

— איך ווייס דאָך, אַז די חובות זיינען במילא פאַרפאַלן, זיי האָבן דאָך, נעבעך, ניט מיט וואָס צו באַצאָלן, הייַנט פאַרוואָס זאָל איך נאָך גורם זיין, אַז יידן זאָלן צוליב מיר ליידן לעתיד־לבוא?...

בעת ער איז נאָך געווען אַ „קרעמער", פלעגט ער אויסמיידן פאַרבייצוגיין יענע הייזער, אין וועלכע עס האָבן געוואוינט זיינע בעלי־חובות, עס זאָל ניט אויסקומען אַז ער גייט מיט דער כוונה צו דערמאָנען זייער חוב; ער זאָל ניט זיין „כנושה" (ווי אַ מאָנער), און עובר זיין אויף „לא יהיה לו כנושה"; „ולא ינוש".

צו דער „ליקווידאַציע" פון זיין קראָם האָט אויך „מיטגעהאָלפן" אַ רוסישער סאָלדאַט, וועלכער האָט אים באַגנבעט. דער „חפץ חיים" פלעגט שטענדיק דערציילן, מיט וועלכע תחנונים דער „סאָלדאַטשיק, נעבעך", האָט זיך געבעטן. ער האָט געזאָגט: ער איז גרייט אָנצונעמען די גרעסטע שטראָף, אַבי מען זאָל ניט „דאָלאָזשענען" צו „נאַטשאַלסטוואָ" (ניט מעלדן זיין העכערער מאַכט). ס'איז איבעריק צו דערציילן, אַז דער „חפץ חיים" האָט ניט דערלאָזט, אַז דער גנב זאָל געבראַכט ווערן צו „נאַטשאַלסטוואָ"... און ניט גענוג וואָס ער האָט אים ניט

אנגעקלאגט, און ניט געווען קיין „מוסר עבד אל אדוניו״, האט ער אים איינגאנצן מוחל געווען פאר זיין גניבה. דער „חפץ חיים״ האט דערביי געזאגט: — נו, וואס וועט זיין, אז איך וועל אים ניט מוחל זיין? וועט מען קומען, לעתיד־לבוא, צו א דין־תורה. וועט זיך טאקע ארויסווייזן, אז איך בין גערעכט. אבער דערווייל גיי און משפט זיך מיט א גנב״...

ס׳ווערט אויך דערציילט: בעת דער „חפץ חיים״ האט נאך אנגעהאלטן די קראם, האט ער איינמאל באמערקט ווי א גנב אנטלויפט פון איר: דער „חפץ חיים״ האט אפילו ניט געוואוסט ווער דער גנב איז — האט ער אים נאכגעיאגט און געשריגן:

— איך בין דיר מוחל, איך בין דיר מוחל!...

הגם דער „חפץ חיים״ איז געווען אזוי שטארק נזהר אין דער צייט ווען ער איז געווען א קרעמער, האט ער פונדעסטוועגן דאס גאנצע לעבן ניט אויפגעהערט צו זארגן — אפשר האט ער וועמען באגזלט, באוולט.

דער שרייבער דערמאנט זיך די געזעגענונגס־דרשה, וואס דער „חפץ חיים״ האט געהאלטן אין ראדינער בית־מדרש, אין יאר תרפ״ה, בעת דער „אלטער״ האט גע־האלטן ביים פארן קיין ארץ־ישראל. ער האט געלאזט אויסרופן, אז ער גייט שבת האלטן א געזעגענונגס־דרשה. אין בית־המדרש האבן זיך פארזאמלט קינד־און־קייט. מיט טרערן אין די אויגן האט ער געבעטן מחילה ביי אלע יורשים פון די וואס האבן אמאל געקויפט ביי אים אין קראם. „מען איז דאך אמאל געווען עפעס א שטיקל קרעמער״, האט ער געזאגט, „איז דאך גאנץ מעגלעך, אז מען איז נכשל געווארן אין מדות ומשקלות, אדער אין משא ומתן״... און ער האט מודיע געווען: אזוי ווי דער דין איז: אז מען גזלט ביי א רבים, און מען ווייס ניט ביי וועמען מען האט געגזלט, דארף מען מאכן א „צרכי רבים״ (כדי אלע זאלן קענען ניצן, און במילא אויך די, ביי וועמען מען האט געגזלט, וועלן קאנען אויפמאנען זייעריקע). ובכן, האט ער מודיע געווען, אז ער לאזט איבער זיין ברונעם פאר דער שטאט... און ער האט אויך געגעבן הונדערט דאלאר לטובת דעם שטעטלדיקן „גמילות חסד״.

(פון בוך: „דער חפץ חיים — זיין לעבן און שאפן״)

**א. ר. מלאכי**

# ר׳ הלל מילייקאווסקי

ער איז געווען א גדול בתורה, א שתדלן און עוסק בצרכי צבור. פון זיין יוגנט ביז זיין טויט — רב אין פארשיידענע קהילות ווי קרעווע, סאלאנט, פאנעוועזש, שקלאוו, האסאלאוויץ און מסטיסלאוו. בארימט איז ער אבער געווען מיט דער סאלאנטער רבנות, און די ברייטע וועלט האט אים געקענט ווי „ר׳ הלל סאלאנטער״.

ער האט געלערנט ביי ר׳ ישראל סאלאנטער, נאך זייענדיק א יונג באלעבעסל. דאס איז געווען אין זארעטשע, א פארשטעטל פון ווילנע, וואו ר׳ הלל איז אין 1820 געבוירן געווארן. זיין פאטער ר׳ הירש שוחט, א ייד א למדן, וואס האט געוואלט, אז זיינע קינדער זאלן זיין לומדים און פרומע יידן. ר׳ הלל איז געווען זיין מוזיניק, זייער א געראטענער. אלס קינד האט ער מיט זיין התמדה און שארפקייט געצויגן אלעמענס אויפמערקזאמקייט און מען האט אים גענומען רופן „הילקע חריף״.

אנהייב פערציקער יארן פון 19־טן יארהונדערט קומט ר׳ ישראל סאלאנטער קיין ווילנע, באזעצט זיך אין זא־רעטשע און גרינדעט דארט א ישיבה. אין דעם זעלביקן בית־המדרש, וואו ר׳ ישראל פלעגט זאגן זיינע שיעורים פאר לומדישע יונגע־לייט, פלעגט זיצן פאררוקט אין א ווינקל ר׳ הלל, פארטיפט שטענדיק און לערנען. ר׳ ישראל האט זיך פאראינטערעסירט מיט אים, און נאך א קורצן געשפרעך האט ער אויסגעפונען, אז ער איז א גדול בתורה. ר׳ ישראל האט אים ניט אפגעלאזן, און ר׳ הלל איז געווארן זיין תלמיד און חבר, ווייל ר׳ ישראל פלעגט פון דעמאלט אן זיך מיישב זיין וועגן יעדן שווערן ענין מיט ר׳ הללן. דאס האט אין דער ישיבה געהויבן זיין פרעס־טיזש, אבער ר׳ הלל איז געבליבן דער זעלביקער באַ־שיידענער יונגערמאן ווי פריער. נאכמער: צוקוקנדיק זיך צו ר׳ ישראלס מידות, איז ער געווארן א גרעסערער עניו און שטענדיק באטאנט, אז ער איז ר׳ ישראלס א תלמיד.

ר׳ ישראל האט אויף ר׳ הללן געהאט א גרויסע השפעה. ווי זיין רבי, האט ער אויך ניט געוואלט נהנה זיין פון דער תורה און זיך מפרנס זיין פון רבנות. אבער אין יענער צייט האט ר׳ איצעלע וואלאזשינער באזוכט ווילנע, און דערוויסנדיק זיך פון ר׳ הללס גרויסקייט, האט ער אים צוגערעדט, ער זאל אננעמען דאס רבנות פון קרעווע. דאס שטעטל איז נאענט צו וואלאזשין. ר׳ איצעלע האט געוואלט האבן ר׳ הללן נעבן זיך, כדי ער זאל קאנען אין א וויכטיקן ענין האבן א ישוב־הדעת מיט אים. ר׳ הלל האט שטארק געקווענקלט אנצונעמען דאס רבנות

און געזוכט זיך אַרויסצודרייען, אָבער ר׳ איצעלע האָט אים ניט אָפּגעלאָזן. אויך ר׳ ישראל האָט אים צוגערעדט און ר׳ הלל האָט איינגעשטימט.

פינף און צוואַנציק יאָר איז ר׳ הלל אַלט געווען, ווען ער איז געוואָרן קרעווער רב. אַ קורצע צייט שפּעטער איז ער אויפגענומען געוואָרן פאַר אַ רב אין סאַלאַנט, אויף דעם אָרט פון דעם באַרימטן גאון ר׳ צבי הירש ברוידע. ער איז אָנגעקומען אין סאַלאַנט אויף דער רע־קאָמענדאַציע פון ר׳ ישראל, און פון דעמאָלט אָן איז די פאַרבינדונג צווישן רבין און תלמיד פעסטער און שטאַרקער געוואָרן. ר׳ הלל האָט ישראלן אין אַלץ אַרויסגעהאָלפן. בעת ר׳ ישראל האָט אין אָנהייב פון די אַכציקער יאָרן באַזוכט פּאַריז, כדי צו פאַרפעסטיקן יידיש־קייט ביי די דאָרטיקע רוסיש־פּוילישע יידן, האָט ער געוואָלט, אַז ר׳ הלל זאָל ווערן רב פון דער רוסיש־פּוילישער קהילה אין פּאַריז. לכתחילה האָט ר׳ הלל איינגעשטימט, און ר׳ ישראל האָט באַזאָרגט, מען זאָל אים שיקן די רייזע־הוצאות, אָבער שפּעטער האָט ר׳ הלל חרטה געהאַט און פאַרבליבן אין רוסלאַנד.

ער האָט זיך געהאַלטן זייער באַשיידן און פּאָלקס־טימלעך צווישן עולם, אָבער האָט אין דער זעלביקער צייט אַרויסגעוויזן אַ שטאַרקן כאַראַקטער, ווען עס האָט זיך געהאַנדלט וועגן אמת. ער האָט קיינעם ניט נושא־פּנים געווען, האָט זיך ניט אָפּגעשראָקן פאַר די תקיפים אין די שטעט וואו ער איז געווען רב. ער האָט אויך אַרויסגעוויזן איינזעעניש און פאַרשטענדעניש לגבי זיינע קעגנער. ער איז געווען העכסט טאָלעראַנט און זיך באַ־צויגן מיט יראת־הכבוד אַפילו צו „פרייע״, אויב זיי זיינען נאָר געווען אויפריכטיק. ער האָט תכלית־שנאה פיינט געהאַט צבועקעס און „גאַטס סטראַפּטשעס״.

ער איז אויך געווען אַ וועלטלעכער מענטש, זיך אינ־טערעסירט מיט אַלע יידישע אָנגעלעגנהייטן און באַזעסן אַ געזעלשאַפטלעכן חוש. ביי יעדער גזירה אויף יידן אין רוסלאַנד האָט מען אים געזען צווישן די רבנים און כלל־טוער, וואָס האָבן זיך משתדל געווען איר מבטל זיין. אין די זיבעציקער יאָרן האָט ער צוזאַמען מיט זיין רבין ר׳ ישראל, זיין חבר אליהו קרעטינגער, ר׳ יעקב בארעט און ר׳ יצחק אלחנן, אָפּגעשריען די גזירה, אַז די מלמדים מוזן האַלטן עקזאַמען און באַקומען „מלוכה־דערלויבע־נישן״ אויף צו עפענען חדרים. אין 1894 האָט ער צוזאַמען מיט זיין מחותן ר׳ שמואל מאָהילעווער * און ר׳ צבי הירש ראַבינאָוויטש (ר׳ יצחק אלחנס זון) אין פּעטערבורג אָנ־טייל גענומען אין דעם רבנים־קאָמיטעט, וואָס די רוסישע רעגירונג האָט געגרינדעט צו באַהאַנדלען יידיש־רע־ליגיעזע פּראָבלעמען. 75 יאָר איז ער דעמאָלט אַלט געווען און שוואַך אין געזונט, אָבער דאָס האָט אים ניט אָפּגע־האַלטן פון דער נסיעה. קיין שום זאַך איז פאַר אים ניט געווען קיין שטער צו טאָן פאַרן פּאָלק.

אין יולי 1899, אַ יאָר נאָך ר׳ שמואל מאָהילעווערס טויט, איז ר׳ הלל געשטאָרבן אין מסטיסלאַוו, אין עלטער פון אַכציק יאָר.

* ד״ר יוסף מאָהילעווער איז ר׳ הללס אַן איניקל געווען.

# אברהם משה לונץ

## א

עס איז דאָ אַ געביט אין דער העברעאישער ליטע־ראַטור, וואָס האָט ערשט אין די לעצטע פינף און צוואַנציק יאָר זיך גענומען אַנטוויקלען און ברייט אויס־וואַקסן. דאָס איז די פאָרשונג פון דער אַרכעאָלאָגיע און געשיכטע פון ארץ־ישראל. מיט עטלעכע דורות צוריק איז דער דאָזיקער געביט כמעט פרעמד געווען ביי אונדז און איז געלעגן אין די הענט פון קריסטלעכע געלערנטע. אין ענגלאַנד, דייטשלאַנד, פראַנקרייך און אַמעריקע האָבן עקזיסטירט רייכע חברות מיטן צוועק צו פאָרשן די אַל־טערטימלעכקייטן פון אונדזער לאַנד. עס זיינען אָרגאַני־זירט געוואָרן וויסנשאַפטלעכע עקספּעדיציעס און אַרכעאָלאָ־גישע אויסגראָבונגען; געלערנטע האָבן מיט פלייס גע־פאָרשט יעדעס ווינקל פון לאַנד און באַלויכטן איר געשיכ־טע, געשריבן ביכער און אַרויסגעגעבן זשורנאַלן, וואָס האָבן באַרייכערט די „פּאַלעסטינע פאָרשונג״. יידן אָבער, האָבן דעמאָלט ווייניק אויפמערקזאַמקייט געשענקט דער פאָרשונג פון ארץ־ישראל.

אמת, מיט אַ הונדערט יאָר צוריק איז אין ירושלים דערשינען אַ וויכטיק בוך מיטן נאָמען „תבואות הארץ״, וועגן דער געאָגראַפיע, זאָאָלאָגיע און געשיכטע פון ארץ־ישראל — אַ פּיאָנערן־אַרבעט, וואָס אויך היינט איז איר ווערט ניט געמינערט געוואָרן. דער מחבר, רב יוסף שוואַרץ, איז יונגערהייט געקומען פון דייטשלאַנד אין ארץ־ישראל. זיך באַזעצט אין ירושלים, האָט ער זיך פאַרנומען פאָרשן דאָס לאַנד און איז געוואָרן פון די גרעסטע אין דעם פאַך. צען יאָר נאָך זיין טויט האָט זיך באַוויזן אַ צווייטער פּיאָנער, אַ קאָוונער יונגערמאַן מיטן נאָמען אברהם משה לונץ, וואָס האָט זיך גענומען צו דער פאָרשונג פון ארץ־ישראל. ער איז שפּעטער גע־

וואָרן פון די געציילטע פּאַכמענער אויף דעם געביט און פון די גרעסטע קענער פון לאַנד.

נאָענט צו פופציק יאָר איז לונץ געווען אַ תושב אין ירושלים. האָט זיך אין איר אַזוי איינגעלעבט, אַז זי איז געוואָרן אַ טייל פון זיין איך. האָט זיך פאַרטיפט אין איר פאַרגאַנגענהייט און געזאָרגט פאַר איר בויאונג און אויפלעבונג, איז געווען פון די קולטור־טוער און בויער פון נייעם ישוב. האָט אויך דעם נאָמען פון זיין זשורנאַל פאַרבונדן מיט דער הייליקער שטאָט, און אויפן ערשטן באַנד זיך געחתמעט: „אברהם משה לונץ איש ירושלים".

לונץ האָט ביז זיין פערצנטן יאָר פאַרבראַכט אין קאָוונע, וואו ער איז כ״ה כסלו תרט״ו 1855 געבוירן. זיין פאָטער, ר׳ צבי, האָט געשטאַמט פון דער שאַוולער פאַמיליע לונץ. ער איז געווען אַ גרויסער למדן, אַ מקורב צו ר׳ ישראל סאַלאַנטער און אַ מגיד אין דעם בית המדרש פון דער אַרבעטער־חברה „חשוקי כסף". זיין מוטער, כיענע, איז געווען אַן אשת־חיל, באַקאַנט אַלס גאָטספּאָרכטיקע און גוטהאַרציקע פרוי, האָט אַרויסגעהאָלפן אָרעמע לייט און געשטיצט געפאַלענע בעלי־בתים, כאָטש זי און איר פאַמיליע האָבן געלעבט אין דחקות. כדי איר מאַן זאָל קאָנען רואיק לערנען, האָט זי גענומען אויף זיך דעם יאָך פון פרנסה, געאַרבעט שווער און ביטער, אַבי איר מאַן און איינציק קינד זאָלן עסן צו זאַט.

אברהם משה איז ביי זיי געווען דאָס ערשטע און איינציק קינד. זיי זיינען שוין עלטערע מענטשן געווען, ווען ער איז געבוירן. ער האָט זיך פרי אַרויסגעוויזן פאַר אַ זייער גערעטענעם. צו זעקס יאָר שוין געלערנט גמרא און אין עלטער פון צוועלף יאָר געשמט אַלס עלוי. נאָך זיין בר־מצווה האָבן די עלטערן באַשלאָסן צו פאַרלאָזן קאָוונע און פאָרן זיך באַזעצן אין ירושלים.

ווי יעקב גאָלדמאַן, אברהם משה לונצס ערשטער ביאָגראַף דערציילט, זיינען זיינע עלטערן געפאָרן קיין ארץ־ישראל, ווייל דער פאָטער האָט מורא געהאַט, אַז זיין געראָטן קינד זאָל ניט מיטגעריסן ווערן מיט דעם השכלה־שטראָם, וואָס האָט זיך דעמאָלט באַוויזן אין ליטע. ר׳ צבי איז געווען אַ פאַנאַטיקער, האָט פיינט געהאַט השכלה תכלית שנאה, און אין זיינע דרשות פאַרן המון פלעגט ער מוסרן און סטראַשען די יעניקע וואָס לייענען השכלה־ספרים, אַז מיט דער צייט וועלן זיי אַוועק פון יידישקייט; ער זאָל האָבן פאַרלאָזט ליטע, ווייל ער האָט געהאָפט, אַז אין דער הייליקער שטאָט ירושלים וועט די השכלה ניט האָבן קיין שליטה אויף זיין גערעטענעם זון.

אין דער ביאָגראַפיע, וואָס זיין טאָכטער, חנה לונץ־באַלאָטין, האָט פאַרעפנטלעכט נאָך זיין טויט (אין עלפטן באַנד „ירושלים"), געפינט זיך אַן אַנדער ווערסיע וועגן זייער אַוועקפאָרן פון קאָוונע. נאָך אירע רייד איז לונצס פאָטער ניט געווען פאַנאַטיש. אדרבה, ער האָט זיין זון געלאָזט לערנען רוסיש און דייטש. עס איז גאָר געווען דער וואונטש פון דער מוטער צו פאָרן קיין ארץ־ישראל. ווען זי האָט געהאַט דאָס קינד, האָט זי אַ נדר געטאָן





אים אַוועקפירן קיין ירושלים, ער זאָל דאָרט דערצויגן ווערן און זיך אָפּגעבן נאָר מיט תורה. דער פאָטער איז געווען קעגן שלעפּן זיך מיט אַ קינד אויף אַ לאַנגער נסיעה. אָבער נאָך זיין בר־מצוה האָט זי גענומען פאָדערן פון איר מאַן, ער זאָל איר לאָזן מקיים זיין איר נדר. ער האָט איר ווידער אָפּגעשלאָגן פון דעם. זי האָט קעגן איר מאַנס ווילן זיך גענומען גרייטן צו דער רייזע, און אין אַ שרעקלעך־קאַלטן ווינטערדיקן טאָג מיט מסירת־נפש זיך געלאָזט אין וועג אַריין. ניט ווייט פון קאָוונע איז די פור אַריינגעקראָכן אין אַ טיפער בלאָטע, און די פערד האָבן זיך ניט געקאָנט רירן פון אָרט. האָט זי דעמאָלט גענומען דאָס קינד און מיט אים געגאַנגען צו פוס. דאָס קינד איז אַריינגעקראָכן אין אַ זומפּ און ניט געקאָנט אַרויסקריכן. די מוטער האָט גענומען שרייען נאָך הילף, ביז מענטשן זיינען אונטערגעקומען און אַרויסגעשלעפּט דאָס האַלב פאַרפראָרענע ייִנגל. פון שרעק האָט זי ניט געוואָלט פאָרן ווייטער און האָט זיך אומגעקערט אין קאָוונע. ערשט נאָך פסח האָט זי געפּועלט ביים מאַן ער זאָל אויך פאָרן קיין ארץ־ישראל.

מאָריס ווינטשעווסקי האָט מיר דערציילט, אַז אין זיינע קינדערשע יאָרן האָט ער זיך געחברט מיט לונצן. ער איז מיט אים אין איין עלטער געווען און האָט געוואוינט ניט ווייט פון אים, אַזוי, אַז זיי פלעגן זיך טרעפן כמעט יעדן טאָג. כאָטש יונגע ייִנגלעך, זיינען זיי שוין געווען „געכאַפּט" פון דער „השכלה" און פאַרבאַהאַלטענערהייט געלייענט מאַפּוס „אהבת ציון" און אַנדערע השכלה־ביכלעך. לונצס מוטער פלעגט מאַכן עסיק און פון דעם האָבן זיי זייער חיונה געצויגן. פון ווינטשעווסקיס שילדערונג איז צו זען, אַז זייער פאָרן קיין ארץ־ישראל האָט געהאַט צו טאָן מיט דעם, וואָס דער פאָטער האָט זיך געשראָקן, אַז לונץ זאָל ניט ווערן „איבערגעפירט".

קיין ירושלים זיינען זיי אָנגעקומען ערב ראש־חודש סיון תרכ״ט (1869). די שטאָט איז דעמאָלט קליין געווען, און דער גאַנצער יידישער ישוב קאָנצענטרירט אין עטלעכע גאַסן פון דער אַלטער שטאָט, וואָס איז אַרומגערינגלט געווען מיט אַ דיקן מויער. אויסער דער שטאָט איז געווען וויסט. וואו־ניט־וואו האָט זיך געזען אַ הויז און אַ געאַקערט פעלד.

די מערסטע אָנגעקומענע יידן זיינען געווען זקנים, וואָס האָבן שוין אַלע זייערע חשבונות מיט דער וועלט געהאַט געענדיקט. זיי פלעגן קומען אויסלעבן זייערע לעצטע יאָרן אין דער הייליקער שטאָט און צו געפינען זייער לעצטע רו אויפן הר־הזיתים. דאָס ביסל יונגע מענטשן, וואָס מען פלעגט דאָרט טרעפן, זיינען געווען בלאַס, אָפּגעצערט, די אויגן אויסגעלאָשן, און האָבן זיך אַזוי אַרומגעדרייט אָן לעבן און אָן תכלית.

אויף דער וויסטעניש האָבן זיך דאָך באַוויזן עטלעכע שפּראָצונגען פון אויפלעבונג... קאַרל נעטער איז אין יענעם יאָר געקומען פון פּאַריז און גענומען צוגרייטן די דערעפענונג פון „מקוה ישראל", די אַקער־בוי־שול,

וואָס די „אַליאַנס איזראַעליט״ האָט אויף זיין פּאָרשלאָג געגרינדעט נעבן יפו. צווישן די ווילד־פּאַרוואַקסענע פעלדזן, אויפן וועג צו יפו האָט מען גענומען בויען די ערשטע הייזער פון „נחלת שבעה״, די ערשטע יידישע שכונה אויסערן מויער. עס האָבן זיך באַוויזן אויך אַנדערע סימנים, וואָס האָבן אָנגעזאָגט אַ נײַ לעבן און וועגן דעם אָנקומען פון אַ נײַעם דור.

ירושלים, ווי זי האָט דעמאָלט אויסגעזען, האָט ניט געקאָנט פאַרכאַפּן דאָס האַרץ פון אברהם משה לונץ. „הזאת היא ירושלים, העיר כלילת יופי משוש כל הארץ? — צי דאָס איז די שיינע פּראַכטפולע שטאָט ווי ער האָט זיך אין זיין פאַנטאַזיע פאַרגעשטעלט לערנענדיק דעם תנ״ך און לייענענדיק דעם „אהבת ציון״? — האָט ער זיך געפרעגט. עלנטקייט און אומעט האָבן גענאָגט זיין יונג האַרץ, און ער האָט זיך אַריבערגעטראָגן אין דער פאַר־גאַנגענהייט... פאַר זיינע אויגן האָט זיך אַנטפּלעקט די אור־אַלטע ירושלים מיט איר גאַנצער שיינקייט און פּראַכט, און אַזוי איז ביי אים פאַרזייט געוואָרן דאָס ערשטע קערנדל פון דעם שפּעטערדיקן פאָרשער.

פאַרנאַכט פלעגט ער שפּאַצירן איבער די חורבות פון ציון און די געסלעך פון ירושלים. ער האָט אָנגעשפּיצט זיין אויער אויפצוכאַפּן יעדן קלאַנג, געשלונגען איטלעך וואָרט, וואָס זקנים פלעגן דערציילן פון „פאַרצייטיקע יאָרן״ און וועגן די צרות וואָס די ערשטע עולים זיינען אויסגעשטאַנען בשעת זיי האָבן געגרינדעט דעם אשכ־נזישן ישוב אין ירושלים. בין מנחה למעריב פלעגט ער פאַרברענגען אויף דער חורבה פון רבי יהודה החסיד, וואו דאָס געזעלשאַפטלעכע לעבן פון ירושלים איז דעמאָלט געווען קאָנצענטרירט. דאָ פלעגט ער הערן שטאָט־נייעס, פון בטלנים וואָס פלעגן זיך עוסקן אין וועלט־פּאָליטיק. איינמאָל שטייענדיק אַזוי נעבן אַ רעדל מענטשן, האָט אים איינער פון די בטלנים־שמועסער אַ פרעג געטאָן:

— אַ נײַ־אָנגעקומענער? פון וואַנען קומסטו בחורל?

— פון קאָוונע, — האָט לונץ געענטפערט.

— וקבנו לי משם, — האָט דער ייד אַ בורטשע געטאָן און איז גליך אַוועק.

עס איז אָבער אַ וואָרט־שפּיל, און דער ייד האָט, אפשר, קיין שלעכטס ניט געמיינט. אויף דעם צאַרט־פילנדיקן לונצן האָט אָבער דאָס ווערטל געמאַכט אַ שווערן איינדרוק. עס האָט אָנגערירט זיין נשמה און שטאַרק אויפגערודערט. אים האָט זיך אויסגעדוכט, אַז דער ייד האָט מיט דעם אויסגעדריקט זיין אומצופרידנקייט, וואָס נײַע מענטשן קומען קיין ירושלים, נײַע „חלוקה״־נעמער וואָס וועלן מינערן זיין חלק „חלוקה״. דאָס פערצן־יאָריקע יינגל האָט באַשלאָסן אַז וואָס עס זאָל מיט אים ניט זיין, וועט ער ניט נהנה זיין פון דער „חלוקה״. ער וועט זען צו קומען צו עפּעס אַ תכלית און ווערן אַ זעלבשטענדיקער מענטש.

דער איינציקער תכלית, צו וואָס אַ באַגאַבט יינגל האָט דעמאָלט געקאָנט זיך צושלאָגן, איז געווען לערנען. תורה איז ניט נאָר די בעסטע, נאָר אויך די איינציקע



סחורה געווען אין ירושלים, וואו עס האָט ניט עקזיסטירט קיין אינדוסטריע און האַנדל. פאַרן זיצן און לערנען פלעגט מען עפּעס באַקומען באַצאָלט, און לונץ איז אָנגע־קומען לערנען אין דער ישיבת „עץ חיים״, די איינציקע ישיבה אין ירושלים.

דער ראש־הישיבה איז דעמאָלט געווען ר׳ משה נחמיה כהנאָוו, באַקאַנט ווי דער „חאַסלאַוויצער רב״. אַ גאון און מחבר פון פיל לומדישע און דרוש־ספרים. אַ גרויסער בעל־מידות מיט אַ פילנדיק האַרץ, האָט ער אויך געהאַט אַ „שוואַכקייט״ צו „השכלה״, אין געהיים געלייענט השכלה־ספרים און געקוויקט זיך מיט מאַפּוס און שולמאַנס מליצות. אַ הייסער ליבהאָבער פון ארץ־ישראל האָט ער פאַרגעשלאָגן פּראַקטישע פּלענער ווי אויפצולעבן דאָס לאַנד. ער איז אויך געווען פון די ערשטע צו פאַרשטיין די חשיבות פון ריידן העברעאיש. פלעגט יאָרן־לאַנג, נאָך פאַר בן־יהודה, אין טאָג־טעגלעכע געשפּרעכן, ריידן מיט זיינע תלמידים און נאָענטע העב־רעאיש, און די פעאיקע תלמידים זיינע דערמוטיקן צו השכלה, לערנען דיקדוק און פרעמדע שפּראַכן. אָט דער רב, וואָס איז דעמאָלט געווען אַן אויסנאָם אין ירושלים, האָט אויף דעם יונגן לונץ אַ שטאַרקן איינפלוס געהאַט, און ער האָט אין געהיים גענומען לייענען השכלה־ספרים און בילדן זיך.

צוויי יאָר נאָך דעם ווי די לונץ־משפחה איז געקומען קיין ירושלים איז דער פאָטער געשטאָרבן, און די מוטער האָט אין יאָר 1873 חתונה געמאַכט דעם זון מיט אַ קאָוונער מיידל מיטן נאָמען דבורה, די טאָכטער פון ר׳ יעקב עקיבא ריטעווסקי, אַ מורה־הוראה אין אַ קאָוונער פאָרשטעטל.

אַכצן יאָר איז ער אַלט געווען צו דער חתונה און די כלה — פופצן. דאָס יונגע מיידל האָט אָבער פאַר־שטאַנען ווי אים אָפּצושאַצן. זי האָט אים דערמוטיקט צו לערנען און נעמען זיך צו ליטעראַרישער אַרבעט, און ביז איר טויט, אין יאָר 1909, אים געהאָלפן טראָגן דעם שווערן יאָך פון זייער חיונה.

דאָס יאָר פון זיין חתונה האָט געבראַכט אַ נײַע ווענ־דונג אויך אין זיין גייסטיק לעבן. ער האָט עפנטלעך זיך אַרויסגעוויזן פאַר אַ משכיל און איז געוואָרן אַן אַריינ־גייער אין הויז פון ישראל דוב פרומקין, דעם רעדאַק־טאָר פון „חבצלת״, וואָס עס איז געווען אַ צענטער פאַר השכלה און קולטור אין ירושלים. דאָס האָט געבראַכט צו רדיפות אויף אים פון די פרומע און קנאים, אָבער ער האָט געהאַט מוט אַפילו זיך אָנצושליסן אין דער חברה „תפארת ירושלים״, וואָס פרומקין און די איבעריקע ירושלימער משכילים האָבן דעמאָלט געגרינדעט, כדי אַריינצוברענגען וואָס מער אָרדענונג אין געזעלשאַפטלעכן לעבן. אין יענעם יאָר האָט ער אויך פאַרעפנטלעכט זיין ערשטן אַרטיקל אין „המגיד״. אַלץ צוזאַמען האָט גע־בראַכט מען זאָל אים שטאַרק רודפן און קוקן אויף אים ווי אויף אַן אַפּיקורוס. לונצס פריינד האָבן מורא געהאַט, מען זאָל אים ניט באַפאַלן מיט קלעפּ, איז ער אויף

פרומקינס עצה אַוועקגעפאָרן אויף עטלעכע וואָכן קיין טבריה. די חברה „תפארת ירושלים" האָט אים געגעבן אויף רייזע־הוצאות.

עס איז געווען דאָס ערשטע מאָל, אַז לונץ זאָל אַרויס פון די טויערן פון ירושלים. די רייזע איז זייער אַ לאַנגע געווען. פון ירושלים ביזן גליל איז מען דעמאָלט געפאָרן אויף פרדות (מויל־אייזלען); די לאַנגע נסיעה האָט אים אָבער געגעבן אַ געלעגנהייט זיך צו באַקענען מיט דעם לאַנד. בעתן רייטן אויף דער פרדה איז פאַר אים אַנטפלעקט געוואָרן די שיינקייט פון די וויסטע געגנטן. ער האָט באַטראַכט די רואינען פון אַמאָליקע שטעט און היסטאָרישע פלעצער און פון זיינע מיטרייזנדיקע זיך אָנגעהערט וועגן די מנהגים פון די אַראַבישע שבטים. זיינע רייזע־איינדרוקן האָט ער באַשריבן אין אַ סעריע אַרטיקלען „מסע בארץ פלשת" און מיט אַ יאָר שפּעטער זיי פאַרעפנטלעכט אין דעם וואָכנבלאַט „עברי אנכי", וואָס איז דערשינען אין בראָד. ער האָט זיך אין זיי אַרויסגעוויזן פאַר אַ פיינעם באַאָבאַכטער און קענער פון לאַנד.

אַ צווייטן אַרטיקל וועגן זיין רייזע האָט ער געדרוקט אין „חבצלת", גלייך ווי ער איז צוריקגעקומען קיין ירושלים. אין אים האָט ער געשילדערט די הדלקות אויף דעם קבר פון ר' מאיר בעל הנס אין טבריה און פון ר' שמעון בן יוחאי אין מירון. אין דעם אַרטיקל האָט ער קריטיקירט פאַרשיידענע מנהגים בשעת די הדלקות און אויפמערקזאַם געמאַכט, אַז די ממונים זאָלן פאַרעפנטלעכן אַ דין־וחשבון פון די הכנסות און הוצאות פון די הדלקות ווי פון די "חלוקה"־הכנסות בכלל. דערמיט האָט ער אַרויסגערופן אַ גאָר גרויסן צאָרן פון די קנאים, און מען האָט אים איצט נאָך שטאַרקער גענומען רודפן, אויפגעהערט אים צאָלן „ישיבה־געלט". ער איז געבליבן אָן פרנסה און געמוזט עפענען אַ „חדר".

די רדיפות האָבן אָבער זיין גייסט ניט געבראָכן. ער האָט גענומען רעגלמעסיק שיקן אַרטיקלען און קאָרעספּאָנדענציעס אין „עברי אנכי", „השחר", „דזשואיש קראָניקל", „הצפירה", אין וועלכע ער האָט געשילדערט די לאַגע פון די יידן אין ירושלים און אַרויסגעבראַכט פּלענער אויסצובעסערן דעם מצב פון די אָרעמע מאַסן. ער איז אויך געווען איינער פון די גרינדער פון דער ערשטער ביבליאָטעק אין ירושלים, וואָס איז אויפגעעפנט געוואָרן סוף יאָר 1874.

אין יענער צייט האָט ער בדעה געהאַט צו פאָרן שטודירן קיין אייראָפּע. האָט געוואָלט אָנקומען אין דעם „דזשואיש קאָלעדזש" אין לאָנדאָן און לערנען דאָרט צו ווערן אַ ראַביי, אָבער פרומקין האָט אים אָפּגערעדט פון דעם און געראָטן זיך אָפּגעבן מיט ליטעראַרישער אַרבעט. אויך פון לאָנדאָן האָט מען אים דערמוטיקט צו קומען. ער האָט מיט גרויס התמדה גענומען שרייבן אַ בוך א. נ. „נתיבות ציון וירושלים", וואָס איז דערשינען אין יאָר 1876. ער איז דורך דעם ווערק באַרימט געוואָרן. עס איז אַ קליין ביכל פון 119 זייטלעך און אויף זיין שערבלאַט איז אָנגעגעבן אַז ער „טרעט אויס אַ שטעג צו



אַלע אונדזערע ברידער, וואָס זיינען צעשפּרייט אין אַלע פיר ווינקלען פון דער וועלט [צו גיין] אין די וועגן פון ציון און ירושלים; און וויזט יעדן איינעם די געשטאַלט און דאָס אויסזען פון דער הייליקער שטאָט ירושלים, — לויט די גרעניצן פון דער טאָפּאָגראַפיע און אויך דעם מצב פון אירע איינוואוינער, דעם מאַטעריעלן און מאָראַלישן". אַזאַ סאָרט בוך איז אַ נייס געווען אין דער העברעאישער ליטעראַטור. די מערסטע קריטיקער האָבן זיך וואַרעם אָפּגערופן און דערמוטיקט דעם מחבר צו ווייטערדיקער ליטעראַרישער אַרבעט.

צוואַנציק יאָר איז לונץ אַלט געווען, ווען ער האָט דאָס בוך געשריבן. די שאַנד, וואָס ער האָט געפילט, פאַרוואָס יידן גיבן זיך ניט אָפּ מיט דער פאָרשונג פון ארץ ישראל, בשעת קריסטלעכע פאָרשער זיינען אין דעם געביט שטאַרק פאַרטראָטן, האָט אים געשטויסן זיך צו ווידמען דער פאָרשונג פון לאַנד. אין דער הקדמה דערציילט ער: „שוין זיבן יאָר, אַז איך בין געקומען וואוינען אין ירושלים. דורך די זיבן יאָר האָב איך געהאַלטן אין איין פאָרשן די געשיכטע, נאַטור און געאָגראַפיע פון לאַנד... איך האָב געפאָרשט און שטודירט די ביכער פון אַנדערע געלערנטע, און ווי ווייט מיין האַנט האָט דערגרייכט, האָב איך ניט אויסגעלאָזן דאָס וואָס גויאישע פאָרשער האָבן געשריבן אין פאַרשיידענע שפּראַכן — — — איך האָב זיך גענומען שעמען, זעענדיק ווי די שרייבער פון אומות העולם פאַרווענדן גרויסע סומען צו דרוקן יעדעס יאָר פיל נייע ביכער וועגן דעם לאַנד, כאָטש עס געפינען זיך שוין הונדערטער ביכער אויף דעם געביט. נאָר מיר יידן פאַרנאַכלעסיקן דעם געביט אינגאַנצן, כאָטש מיר וואָלטן באַדאַרפט זיין די ערשטע טייער צו האַלטן ירושלים און ארץ־ישראל. ביז איצט האָט נאָך קיינער ניט גענומען זיך די מי צו שרייבן אַ בוך וועגן אונדזער הייליקער שטאָט, כאָטש אויף גאָר מינדערוויכטיקע ענינים געפינען זיך מחברים צו שרייבן ביכער... איך האָב דעריבער זיך גענומען צו דער דאָזיקער אַרבעט".

די שפּראַך פון ביכל איז מליצהדיק, און געדרוקט איז עס אויף זייער שלעכט פּאַפּיר. די הויפּט מעלה פון דעם ווערק איז די פּאָלקסטימלעכקייט, ווייל דער מחבר האָט געבראַכט לעגענדעס פון ירושלים און געשילדערט מנהגים וואָס זיינען ווערטפול ווי אַ פאָלקלאָריסטיש מאַטעריאַל. דאָס ביכל איז אויך דורכגעדרונגען מיט גרויס ליבשאַפט צום לאַנד, און דער מחבר זוכט איינצופלאַנצן זיין ליבע אין די הערצער פון די לייענער. ער דערציילט, למשל, אין אַ זייטיקער באַמערקונג וועגן אַ יידן, וואָס איז אויף דער עלטער געקומען צוזאַמען מיט זיין הויזגעזינד זיך באַזעצן אין ירושלים, איז אָנקומענדיק דאָרט האָט ער זיך אויסגעדריקט: „איך בין איצט זעקס־און־זיבעציק יאָר אַלט, אָבער איך לעב נאָר צוויי טעג, ווייל די יאָרן וואָס איך האָב אָפּגעלעבט אין גלות קאָן איך ניט נעמען אין חשבון. און נאָר ווען איך האָב מיט מיינע פיס באַטראָטן דעם באָדן פון הייליקן

לאַנד, האָב איך גענומען פילן אַז איך לעב". דער „נתיבות ציון וירושלים" האָט אויך געהאַט אַ פּראַקטישן ווערט, ווייל ער האָט געקאָנט דינען ווי אַ וועג־ווייזער פאַר די וואָס זיינען דעמאָלט געפאָרן זיך באַזעצן אין ארץ־ישראל. אין דעם זעלביקן יאָר, וואָס זיין בוך איז דערשינען, האָט ער אין „חבצלת" פאַרעפנטלעכט קרעמיעס ביאָגראַפיע, וואָס איז אין 1877 דערשינען אין בוכפאָרם מיטן נאָמען „ואלה תולדות יצחק". אויך דאָס דאָזיקע ביכל איז פון אייניקע געלערנטע גערימט געוואָרן, און קרעמיע האָט אים געשיקט אַ דאַנק־בריוו.

אין דער זעלביקער צייט, וואָס זיינע ביכער זיינען דערשינען, האָט ער זיך געפונען אין אַ זייער געדריקטער לאַגע. פון זיין מלמדות האָט ער ניט געהאַט גענוג פּרנסה. דערצו האָט אַ פאָטער פון זיינעם אַ תלמיד געפונען אים לייענען מאַפּוס „אשמת שומרון". צופעליק איז דער ייד געווען אַ קאָוונער, און מאַפּו'ס ביכער זיינען אין זיינע אויגן פאַררעכנט געווען ווי „טריף־פסול". דער ייד האָט זיין ייִנגל גלייך אַרויסגענומען פון חדר, כאָטש עס איז געווען אין מיטן „זמן" און געמאַכט אַ גוואַלד, אַז לונץ פירט אַראָפּ יידישע קינדער פון גלייכן וועג. האָבן אויך די אַנדערע בעלי־בתים זייערע קינדער ניט געלאָזן מער גיין לערנען ביי אים. זיין „חדר" איז בטל געוואָרן, ער איז געוואָרן אויס מלמד און געבליבן אָן פּרנסה. נאָר אָ דאַנק דער הילף פון עטלעכע פריינד, אַ קליינע שטיצע פון דער „אַליאַנס איזראַעליט" און אַ ביסל וואָס איז אים אַריינגעפאַלן פון דעם פאַרקויף פון זיינע ספרים, האָט ער געקאָנט ווי עס איז אויסקומען. ניט געקוקט אויף דעם אַלץ, האָט ער אין יענער צייט פיל געאַרבעט. אַ חוץ זיין שטענדיקער באַטייליקונג אין „הצפירה" און „דזשואיש קראָניקל", האָט ער גענומען שרייבן דעם צווייטן טייל פון „נתיבות ציון וירושלים", געזאַמלט מאַטעריאַל פאַר אַ בוך „קורות ארץ פלשת" און אַ גרעסערע אַרבעט וועגן אַלע רייזע־ביכער, וואָס זיינען געשריבן געוואָרן וועגן ארץ־ישראל. אויסער דעם האָט ער רעדאַגירט אַ וואָכנבלאַט „שערי ציון", אין וועלכן ער האָט אָפּגעדרוקט אַ מאָנאָגראַפיע „קורות ציון וירושלים", אַ געשיכטע פון דעם יידישן ישוב אין ירושלים זינט איר גרינדונג.

די מאָנאָגראַפיע איז די בעסטע אַרבעט זיינע אויף דעם געביט פון פאָרשונג פון לאַנד, וואָס ער האָט אין זיינע יונגע יאָרן געשריבן. ער האָט אָבער נאָר איין קאַפּיטל פאַרעפנטלעכט, וואו צום סוף פאַרזיכערט ער, אַז ער וועט „מיט גאָטס הילף אַלץ דערקלערן אין צווייטן קאַפּיטל". ער האָט אָבער ניט באַוויזן צו פאָרזעצן די אַרבעט, ווייל פלוצלונג איז אויף אים געקומען אַ גרויס אומגליק — ער איז בלינד געוואָרן אויף ביידע אויגן.

די רדיפות, וואָס ער איז אויסגעשטאַנען, זיין אָרעמקייט און דחקות, זיין גרויס התמדה אין לערנען, פאָרשן און שרייבן ביי דער שוואַכער שיין פון אַ קליין בוימל־לעמפּל זיינען געווען דער גורם פון זיין בלינדקייט.

אַ יאָר צייט האָט ער געליטן פון מאַלאַריע. ווען אים איז בעסער געוואָרן, האָט ער גענומען פילן, אַז די ראיה ווערט אים שוואַכער, די אויגן טונקעלער. יום־כפור (1878) האָט ער דערשפּירט, אַז ער זעט גאָרניט אין מחזור. ער האָט זיך באַקלאָגט פאַר אַ קרוב זיינעם, אָבער יענער האָט אים געענטפערט: „טו תשובה, און גאָט וועט דיך אויפהערן שטראָפן. אויב דו וועסט ווייטער לייענען אַפּיקורסישע ספרים, וועסטו אינגאַנצן בלינד ווערן".

קיין אויגן־דאָקטוירים האָבן זיך דעמאָלט ניט געפונען אין ירושלים. איינער אַ דאָקטאָר האָט אים געהייסן זיצן דרייסיק טעג אין אַ פינצטערן צימער, וואָס דאָס האָט זיין ראיה אינגאַנצן קאַליע געמאַכט, אַזוי, אַז ער האָט קוים די שיין פון דער זון געזען. האָט לונץ דעמאָלט באַשלאָסן צו פאָרן קיין ווין, צו קורירן דאָרט די אויגן. מיט אַ שווער געמיט האָט ער פאַרלאָזט ירושלים. דער וועג איז פאַר אים פאַרנעפּלט געווען, די בערג פון יהודה איינגעהילט אין פינצטערניש, אָבער אין זיין האַרצן האָט געטליעט אַ שוואַכע האָפענונג, אַז ער וועט זיי נאָך זען...

חדשים לאַנג האָט ער זיך געוואַלגערט אין ווינער שפּיטאָלן. קיין רפואה האָט ער ניט געפונען. בעת ער איז אַרויס פון שפּיטאָל האָט מען אים שוין געמוזט פירן. ער איז געווען שטאָק־בלינד.

זיין לאַגע האָט ער דעמאָלט געשילדערט אין אַ בריוו צו זיין פריינט פרומקין: „מיט אַ דריי חדשים צוריק, ווען איך האָב געהערט דאָס וואָרט „בלינדער" פון מיין מויל אָדער פון אַנדערע, איז ווי מען וואָלט מיר מיט אַ שווערד געשטאָכן. איצט אָבער רייד איך דאָס וואָרט אַרויס גלייכגילטיק, ווי עס וואָלט זיך ניט געהאַנדלט וועגן מיר. ווער וואָלט געזאָגט, אַז אברהם משה לונצן וועלן אין עלטער פון 25 יאָר טונקל ווערן די אויגן און ער וועט ניט זען די שיין פון דער זון? מיינע שונאים, אָדער די שונאים פון אמת וועלן געוויס זאָגן, אַז גאָט האָט מיך געשטראָפט, ווייל איך בין געווען איינער פון די גרינדער פון דער ביבליאָטעק אין אונדזער הייליקער שטאָט, אָדער ווייל איך האָב דערמוטיקט די יוגנט צו לערנען און בילדונג, צו טאָן פּראָדוקטיווע אַרבעט און ניט לעבן פון דער חלוקה, אָדער ווייל איך האָב געהאַט מוט צו שרייבן אין „חבצלת", אַז די ממונים זאָלן פאַרעפנטלעכן אַ חשבון פון די חלוקה־הכנסות, — שרעקלעכע זינד! איך וועל חלילה ניט זאָגן, אַז גאָט האָט אַן אומגערעכטן משפט געטאָן צו מיר. צוזאַמען מיט דעם „מנעים זמירות ישראל" וועל איך אויך זאָגן: „דו, גאָט, ביסט דער צדיק און דיין משפט איז גערעכט". ווער ווייס פאַר וואָסערע זינד ער שטראָפט מיך? אפשר ווייל איך בין אַמאָל געשטאַנען פון ווייטן און ניט געלאָזט הערן מיין קול ווי אַ שופר, זעענדיק ווי מענטשן ווערן פאַר אומזיסט גערודפט און געפייניקט?... און אפשר בין איך גאָר באַליבט ביי גאָט? אָבער וואָס עס זאָל ניט זיין — איך בין איצט בלינד".

ער גיט זיך ניט אונטער, ער שרייבט: „מיינע פי־

זישע אויגן זעען ניט, אָבער איך וועל מיין אַרבעט אויף די בערג פון ישראל פאַרזעצן". ער האָט אין ווינער אינסטיטוט זיך גענומען לערנען דעם בראַיל־שריפט און באַשלאָסן אַרויסצוגעבן אַ יערלעכן אַלמאַנאַך אין העברעאיש און דייטש, וואָס זאָל זיין געווידמעט דער פאָרשונג פון לאַנד. ווען ער איז געלעגן אין שפּיטאָל, איז דער געדאַנק פון זשורנאַל ביי אים געבוירן געוואָרן. יידישע שרייבער און געלערנטע אין ווין, ווי פּרץ סמאָלענסקין, ד"ר מילער און ד"ר העלער האָבן אים דערמוטיקט און צוגעזאָגט מאַטעריעלע און מאָראַלישע שטיצע.

ער האָט גלייך אָנגעהויבן זאַמלען מאַטעריאַל און געפינען געלט־מיטלען. בלינדערהייט האָט ער גענומען וואַנדערן איבער דייטשלאַנד, ענגלאַנד און פראַנקרייך, זיך געווענדט צו די „נדיבי ישראל" צו שטיצן זיין אונטערנעמונג, ביז ער האָט צונויפגעשלאָגן אַ טייל דרוקקאָסטן, און איבערגעגעבן צום דרוק דעם ערשטן באַנד פון יאָרבוך „ירושלים" (דעם נאָמען „מוריה" האָט ער, ווי עס ווייזט אויס, אויפגעגעבן), וואָס איז סוף 1881 דערשינען אין דריי טיילן, אין די שפּראַכן: העברעאיש, דייטש און ענגליש.

ב

מיט דער דערשיינונג פון „ירושלים" הייבט זיך אָן אַ נייע עפּאָכע אין לונצעס לעבן און שאַפן. דאָס בוך, וואָס איז אַרויס פון דרוק אַ קורצע צייט נאָך דעם אויסברוך פון די פּאָגראָמען אין רוסלאַנד, האָט געשטאַרקט די צוגעבונדנקייט צו ארץ־ישראל. די דערשיינונג פון אַזאַ בוך איז געווען די „פּרוכט פון דער צייט". דער נאָמען „ירושלים" האָט שוין סימבאַליזירט די שטימונגען פון דער יידישער אינטעליגענץ, וואָס האָט זיך אויסגעדריקט אין דער ביל"ו־באַוועגונג. אין דער קורצער הקדמה צום בוך, געשריבן פון סמאָלענסקין (אין זיין דרוק האָט דאָס בוך זיך געדרוקט, און ער האָט אין לונצעס נאָמען און גייסט אָנגעשריבן די קורצע הקדמה), ווערט אונטערגעשטראָכן: אין דער איצטיקער צייט, ווען די אויגן פון אַ סך קוקן אויס זיך אומצוקערן און אַרבעטן אין דעם לאַנד וואָס איז אַ לעבנס־גייסט פאַר די טרוקענע ביינער, ליגט אויף אונדז אַ חוב צו באַלייכטן די לאַגע און ניט דערלאָזן, אַז דאָס פאָלק ישראל זאָל זיך צוהערן צו די אַלע נאַרישקייטן, וואָס מרגלים פאַרשפּרייטן צו פאַרלוימדן דאָס לאַנד, כדי אַריינצוואַרפן אַ שרעק אין די הערצער פון דעם געדריקטן פאָלק. פון היינט און ווייטער וועלן מיר שטיין אויף דער וואַך צו געבן ריכטיקע אינפאָרמאַציע, ניט איבערטרייבנדיק קיין זאַך, ווי די לייענער זעען פון דעם טייל, אַז מיר האָבן אַלע אונדזערע ווערטער געוואויגן און געמאָסטן, און אַזוי וועלן מיר אויך טאָן אין די קומענדיקע טעג"!

זיין ציל איז געווען צו מאַכן דעם „ירושלים" פאַר אַן אינפאָרמאַטיוון זשורנאַל. און דאָס האָט ער באַוויזן אין די דייטשישע און ענגלישע טיילן. מיר געפינען אין זיי כראָנאָלאָגישע און סטאַטיסטישע טאַבעלן, איבערבליקן איבער דעם יידישן לעבן אין לאַנד דורך די יאָרן 1879—1881. דער מאַטעריאַל פון העברעאישן טייל איז אָבער אַ וויסנשאַפטלעכער. ער איז אויסגעפילט מיט דעם רעדאַקטאָרס אַרטיקלען און אָפּהאַנדלונגען וועגן די מנהגים פון די יידן אין ארץ־ישראל, אַ רשימה פון קברים אין ארץ־ישראל און פּראָיעקטן אויסצובעסערן די לאַגע פון די יידן אין ארץ־ישראל. דער לעצטער אַרטיקל איז פון גרויס וויכטיקייט געווען פאַר די חובבי־ציון, ווייל ער האָט אין אים אַרויסגעבראַכט אַ ריי פאָרשלאָגן אויף צו פאַרשפּרייטן האַנדל און אינדוסטריע אין ארץ־ישראל. אין דעם באַנד האָט זיך אויך באַטייליקט דוד קאַסטעל און משה שטיינשניידער. דער ערשטער האָט פאַרעפנטלעכט דעם זייער אינטערעסאַנטן רייזע־בריוו קיין ארץ־ישראל פון ר' משולם פון וואָלטרה (פון יאָר 1581), וואָס איז פון גרויס היסטאָרישן ווערט און דער צווייטער — אַ רשימה פון קברים אין ארץ־ישראל פון אַן אומבאַקאַנטן רייזנדער פון יאָר 1573. אַזוי האָט לונץ פאַראייניקט אין זיין זשורנאַל די פאַרגאַנגענהייט, קעגנוואַרט און צוקונפט פון לאַנד.

דער „ירושלים" האָט אַ גרויסן רושם געמאַכט. יידישע און אַלגעמיינע צייטונגען האָבן אים שטאַרק גערימט. יהודה לייב גאָרדאָן האָט אים געווידמעט אַ באַבאַגייסטערטן אַרטיקל אין „המליץ". פּרץ סמאָלענסקין האָט וועגן אים געשריבן: „אויב מיר וואָלטן זיך נאָך גענייטיקט אין עדות, אַז עס איז שוין געקומען די צייט פון אויפלעבונג פון אונדזער פאָלק, איז דאָס דאָזיקע בוך אַן אמתער עדות, וואָס פאַרטרעט הונדערט עדות צוזאַמען".

לונץ האָט דאָך קיין גרויסן מאַטעריעלן דערפאָלג ניט געהאַט פון „ירושלים", און עס האָט געדויערט פינף יאָר ביז דער דערשיינונג פון צווייטן באַנד. דורך דער צייט האָט ער זיך איינגעאָרדנט אַ קליינע דרוקעריי און פון איר געצויגן זיין חיונה. דער צווייטער באַנד האָט אַ העברעאישן און דייטשישן אָפּטייל (דעם ענגלישן האָט ער מער ניט אַרויסגעגעבן), און איז וויסנשאַפטלעך נאָך רייכער פון ערשטן. פון דעם פינפטן באַנד אָן האָט ער גענומען דערשיינען ווי אַ פערטל־יאָרשריפט און בלויז אין העברעאיש.

דער „ירושלים" איז געוואָרן דורכאויס אַ וויסנשאַפטלעכער זשורנאַל, וואָס האָט פאַראינטערעסירט נאָר פאָרשער און פאַכלייט; דאָס האָט לונצן ניט אינגאַנצן באַפרידיקט. ער האָט מיט זיין אַרבעט געוואָלט דערגרייכן צו די ברייטע מאַסן, כדי צו באַקענען זיי מיט דעם לאַנד און דורך דעם אויך דערוועקן ביי זיי אינטערעס און ליבע צו דעם. צוליב דעם צוועק האָט ער אין 1895 גענומען אַרויסגעבן דעם „לוח ארץ־ישראל", וואָס אין אים פלעגט ער דרוקן פּאָפּולערע אַרטיקלען וועגן לאַנד, לידער און דערציילונגען פון יידישן און אַראַבישן לעבן אין ארץ־ישראל, עטנאָגראַפישע אָפּהאַנדלונגען, איבערבליקן, סטאַטיסטיק און אַ ביבליאָגראַפיע פון ביכער, וואָס זיינען געדרוקט אין ארץ־ישראל, און כתבי־יד, וואָס געפינען זיך דאָרט. דער לוח איז דערשינען ביז 1916 און זייער פּאָפּולער געווען אין די גלות־לענדער.

אַחוץ דעם „ירושלים" און „לוח ארץ־ישראל", האָט ער אין 1882 אַרויסגעגעבן אַ קליינע וואָכנשריפט אין דייטש מיטן נאָמען „ירושלים", אַ זשורנאַל „האכר" (אין העברעאיש און יידיש), געווידמעט די אינטערעסן פון די קאָלאָניסטן, דערשינען צוויי יאָר, 1893—1895. ער האָט אויך אַרויסגעגעבן צוויי בענדער „המעמר", אַרכעאָלאָגישע פאָרשונגען און רייזע־בילדער פון ארץ־ישראל, וואָס זיינען געווען צעוואָרפן אין צייטונגען און זשורנאַלן, צוגע־בנדיק איינלייטונגען און באַמערקונגען. אין 1891, אין דעם יאָר וואָס איז פאָרגעקומען אַ מאַסן־אימיגראַציע קיין ארץ־ישראל, האָט לונץ אַרויסגעגעבן אַ בוך „מורה דרך בארץ־ישראל וסוריא", און מיט דעם בוך איז לונץ ווירקלעך געווען אַ וואונדער־דערשיינונג: אַ בלינדער פירט און ווייזט דעם וועג אין ארץ־ישראל צו זעענדיקע. צוליב דעם וואָס די טערקישע רעגירונג האָט פאַרווערט די יידישע אימיגראַציע, איז דאָס בוך ניט פאַרשפּרייט געוואָרן. דאָס האָט אים אָבער ניט אָפּגעהאַלטן אַרויס־צוגעבן אין 1895 אַ יידישע באַאַרבעטונג פון בוך מיטן נאָמען „דורך פּאַלעסטינאַ", וואָס האָט אַנטהאַלטן אַן „אויספירלעכע געאָגראַפישע און היסטאָרישע באַשריי־בונג אַלער אָרטשאַפטן פּאַלעסטינאַס".

מען דערציילט נאָך היינט ווי ער פלעגט בלינדער־הייט ארומגיין מיט זיין שטעקן און אָנווייזן אויף יעדן היסטאָרישן פלאַץ פון לאַנד — חורבות, קברים און מערות.

ער האָט אויך אַרויסגעגעבן אַ ביכל „כנור ציון", אַ זאַמלונג פון נאַציאָנאַלע און ציוניסטישע לידער, אַלבאָ־מען מיט בילדער פון היסטאָרישע פלעצער און פון ארץ־ישראל בלומען.

זיין וויכטיקסטער אויפטו נאָכן „ירושלים" און „לוח ארץ־ישראל", איז דער „אוצר ספרות ארץ ישראל" — וועגן ארץ־ישראל אין אַלע צייטן און שפּראַכן, מיט איינלייטונגען און באַמערקונגען. ניט האָבנדיק קיין מיטלען, האָט ער באַוויזן אַרויסצוגעבן נאָר עטלעכע ביכער: שוואַרצס „תבואות הארץ"; דעם „כפתור ופרח" פון ר' אישתורי הפרחי; צוויי בענדער פון דעם אויבנדערמאָנטן „המעמר"; דעם „פאת השולחן" פון דעם ווילנער גאונס תלמיד ר' ישראל שקלאָווער; אַן אַרבעט פון גרויסן פאַרנעם איז די וויסנשאַפטלעכע אויסגאַבע פון תלמוד ירושלמי. העכער פופצן יאָר האָט ער אויף דער אויס־גאַבע פון תלמוד ירושלמי געאַרבעט. ער האָט צוליב דעם צוועק באַזוכט די גרעסטע ביבליאָטעקן אין איי־ראָפּע. אָבער בלויז עטלעכע העפטן איז אים געלונגען אָפּצודרוקן.

ג

לונץ איז ניט געווען קיין טרוקענער פאָרשער, וואָס איז קאָנצענטרירט נאָר ארום זיין אַרבעט. ער האָט פיל בייגעשטייערט צו דער אַנטוויקלונג פון ישוב. ער איז געווען פון די גרינדער פון דער נאַציאָנאַלער ביבליאָטעק „מדרש אַברבנאל", פון דער חברה „שפה ברורה" און „ועד הלשון". ער איז געווען פון די ערשטע, וואָס האָבן באַגריפן די וויכטיקייט פון דער אויפלעבונג פון דער העברעאישער שפּראַך און האָט געהאָלפן שאַפן נייע ווער־טער, איז אָבער אין דעם געווען זייער קאָנסערוואַטיוו.

זייענדיק בלינד, האָט ער געפילט די לאַגע פון די בלינדע, געזאָרגט פאַר זיי און זיי געהאָלפן מאָראַליש און מאַטעריעל.

אין 1903 האָט ער געגרינדעט דעם „בית חנוך עורים", וואָס איז היינט איינע פון די שענסטע אינסטי־טוציעס אין ירושלים. צוליב באַשיידנקייט און ניט וועלנדיק פאַרנעמען דעם אויבן־אָן, איז ער אין דעם טומל פון דעם קהלישן לעבן אין ירושלים ניט אָנגעזען געווען ווי געהעריק. ער איז אָבער געווען אַ שמח בחלקו, און האָט זיך קיינמאָל ניט באַקלאָגט אויף זיין גורל. ער האָט געאַרבעט מיט מסירת־נפש און אידעאַליזם אונטער די שווערסטע באַדינגונגען. ער פלעגט נאָר האָבן פאַרדראָס, וואָס יידן זיינען גלייכגילטיק צו דער פאָרשונג פון לאַנד און שטענדיק באַטאָנען דעם אונטערשיד צווישן זיי און אונדז.

אַן הילף און שטיצע פון חברות אָדער יחידים האָט ער די גאַנצע לאַסט גענומען אויף זיך און אַרויסגעגעבן עלף בענדער „ירושלים" און 20 „לוחות", וואָס פאַרמאָגן אוצרות מאַטעריאַל פאַר קענטעניש פון ארץ־ישראל.

אין יאָר 1912 איז געוואָרן דרייסיק יאָר זינט דער דער־שיינונג פון „ירושלים". ביי דעם יובילייִ האָט די ירושלימער אינטעליגענץ געגרינדעט אַ קאָמיטעט צו פאַרזיכערן די אויסגאַבע פון זיין תלמוד ירושלמי. די וועלט־מלחמה, וואָס איז אויסגעבראָכן אין 1914, האָט געשטערט די אַרבעט פון קאָמיטעט. אין די מלחמה־יאָרן האָט לונץ באַוויזן אַרויסצוגעבן אַ לוח און אַ טאָפּלטן באַנד „ירושלים". נאָך דער באַפרייאונג פון ירושלים האָט ער זיך גענומען צו דער אַרבעט נאָך מיט מער התמדה, צוגעגרייט דעם דריטן באַנד „המעמר" און דעם 13־טן באַנד „ירושלים". אָבער ב' אייר תרע"ח (1918) איז ער פלוצעם געשטאָרבן. זיין יינגסטע טאָכטער, חנה, וואָס איז אַליין באַגאַבט מיט אַ ליטעראַרישן טאַלאַנט און האָט יאָרן־לאַנג אים געדינט פאַר אויגן אין זיין פאָרשונגס־אַרבעט, האָט אַרויסגע־געבן ביידע ביכער אַ יאָר נאָך זיין טויט.

ש. ראָזענפעלד

# משה לייב ליליענבלום

אין קליינעם שטעטל קיידאַן, וואָס אין זומפּיקן און וואַלדיקן זאַמוט, איז ליליענבלום, אין 1844, געבאָרן געוואָרן. אין יענער צייט איז קיידאַן, מיט אירע קנאַפּע דריי טויזנט יידישע נפשות, געווען אַ שטאָט מיט לומדים. פיל אָרעמעלייט האָט קיידאַן פאַרמאָגט, אָבער ניט קיין עמי־הארצים. די קיידאַנער ווייבער זיינען געווען געשייט און געזאָרגט פאַר פרנסה, און די מאַנצבילן, די תלמידי־חכמים, זיינען געזעסן און געלערנט און גאָט געדינט. דאָס יידישקייט איז געווען אין קיידאַן, ווי אין פיל אַנדערע שטעט און שטעטלעך פון ליטע, איינגעפונדעוועט, אַרכיטעקטאָניש פעסט־געבויט און פעסט־געשמידט מיט אַלע פרטים פון לעבן. יידן זיינען מיט צופרידנקייט געווען צוגעשמידט צום יידנטום. רואיק האָט דער ייד געטראָגן זיין עול, וואָס איז אים ניט שווער געווען — ווייל דעם אמתדיקסטן גלויבן האָט דאָך גאָט אים באַשערט, כדי אים זיין לעבן זיס צו מאַכן. אָבער דאָס זיסע לעבן וועט זיך ערשט אָנהייבן אויף יענער וועלט, דערפאַר איז „יענע וועלט״ דאָס איינציקע, פאַר וואָס עס איז כדאי זיך מקריב צו זיין אויף דער וועלט. און ניטאָ גרינגערס, ווי אָנצוגרייטן פאַר זיך אַ שיינעם עולם־הבא — מען דאַרף נאָר אָפּהיטן וואָס עס שטייט געשריבן אין דער הייליקער תורה, אין דער הייליקער גמרא, אין די הייליקע פוסקים, אין אַלע פיר שולחן־ערוכס און וואָס אונדזערע הייליקע חכמים און גאונים און רבנים און צדיקים און מקובלים, ראשונים און אחרונים, האָבן אין זייערע הייליקע ספרים געהייסן אונדז צו גוטן טאָן... און קהל איז געווען תקיף און גאָטספאָרכטיק און האָט מיט אָפענע אויגן השגחה געגעבן, אַז עס זאָל חלילה אַ האָר ניט געמינערט און ניט געענדערט ווערן אין דת, דערפון וואָס יידן האָבן בקבלה פון זייערע הייליקע אבות־אבותיהם.

אַזאַ איז געווען זיין היים, אַזאַ איז געווען די סביבה, וואו ליליענבלום איז געוואַקסן פון קינדווייז אָן. חמשה עשר בשבט, אין יאָר 1848, דאָס הייסט אַז ליליענבלום איז אַלט געוואָרן פיר יאָר מיט דריי חדשים, האָט ער אָנגעהויבן גיין אין חדר אַריין. דאָס זעלביקע יאָר לערנט ער שוין חומש. צו זעקס יאָר איז ער אַ בקי אין נביאים ראשונים. צו זיבן לערנט ער גמרא. צו ניין לערנט ער שוין אַליין אַ בלאַט גמרא. צו דער בר־מצוה זאָגט מען אויף אים, אַז ער וואַקסט אַ גדול בישראל. צו פערצן יאָר ווערט ער אַ חתן פאַר אַ קצבס אַ טאָכטער, אַ מיידל פון עלף יאָר, פון דער שטאָט ווילקאָמיר. און אַז ער איז אַלט געוואָרן פופצן יאָר מיט צען חדשים און די כלה דרייצן יאָר מיט פיר חדשים, האָט מען זיי חתונה געמאַכט.



האָט ער אָבער אָנגעטראָפן אויף אַ שוויגער — איינע פון יענע „אשת חילס״, וואָס טעראָריזירן די גאַנצע פאַמיליע, וואָס אַלץ אין שטוב מוז געשען לויט איר „נאַרישן שכל״. פון פרי ביז נאַכט האָט זיך איר דאָס מויל ניט צוגעמאַכט — כסדר האָט זי געהאַלטן אין שרייען און שילטן און זידלען דעם מאַן, די קינדער. און אַן איידעם, וואָס זיצט אויף קעסט, איז דאָך אויך אַ קינד... האָט זי אים אויך פאַרפינצטערט דאָס לעבן. פילט ער זיך נידערגעשלאָגן, געבונדן, האָט מורא דעם קאָפּ אויפצוהייבן. זעט ער זיך נאָר צו קליגן, ווי אויסצומיידן דער שוויגערס בליק, ניט צו זאָגן אָדער טאָן עפּעס אַזוינס, וואָס קאָן דער שוויגער ניט געפעלן. און אָט די שטענדיקע געבונדנקייט, נידערגעשלאָגנקייט און מורא פאַר פרעמדן ווילן לאָזן איבער אַן איינדרוק אויף זיין געמיט אויפן גאַנצן לעבן. אין דער קעגנוואַרט פון פרעמדע מענטשן קאָן ער קיין אויג ניט אויפהייבן, קיין וואָרט פון מויל ניט אַרויסברענגען. צווישן מענטשן פילט ער תמיד ווי אַן אימה פאַר זיי, פילט זיך בטל פאַר זיי.

צו זעכצן יאָר ווערט ער זעלבשטענדיק. דאָס הייסט: ער הערט אויף צו לערנען מיט אַ רבין און לערנט פאַר־זיך. ער לערנט יורה־דעה, לערנט דעם רמב״מס פירוש אויף משניות. און דאָ טרעפט ער זיך מיט דער באַוואוסטער סתירה צווישן די צוויי אָנגענומענע פרינציפּן, וואָס הייסן: „ידיעה״ און „בחירה״. דאָס הייסט: א) גאָט ווייסט אַלץ אין פאָרויס, און ב) אַז דער מענטש האָט אַ פרייען אויסוואַל. די סתירה באַשטייט אין פאָלגנדיקן: אויב עס איז ריכטיק אַז גאָט ווייסט שוין פאָרויס, וואָס דער מענטש וועט טאָן אויף דער וועלט און וואָס ער וועט ניט טאָן, איז עס דאָך קלאָר, אַז דער מענטש קאָן ניט טאָן אַנדערש ווי גאָטס ווילן איז. נאָך מער — ער איז געצוואונגען צו האַנדלען אַזוי ווי ער האַנדלט און ניט אַנדערש. אָבער דאַן קומט אים ניט קיין שטראָף, אויב ער טוט שלעכט, און ניט קיין לוין, אויב ער טוט גוטס. וואָרעם ער האָט ניט קיין פרייען ווילן און ניט קיין אַנדער ברירה.

דאָס איז די ערשטע מוק, וואָס הייבט אים אָן צו פּיקן אין מוח. אין גיכן קומען אים אין האַנט אַריין ספרים פון גאונים און קדושים, וואו ער ווערט געוואָר, אַז קיין שדים זיינען אויף דער וועלט ניטאָ — הגם די גמרא דערציילט וועגן זיי. אַ וואָרט נאָך אַ וואָרט, אַ געדאַנק נאָך אַ געדאַנק, און אומבאַמערקט פאַר זיך הייבט ער אָן צו לייקענען אין נסים, אין איבערנאַטירלעכן — אפילו אין די נסים וואָס שטייען אין דער תורה.

ער גרייפט נאָך העכער. ער הייבט אָן זוכן זיכערקייט וועגן אַלע פּרינציפּן פון דער אמונה, אַפילו וועגן גאָט אַליין. און אַז ער געפינט ניט אַזוינע זיכערקייטן, דערשרעקט ער זיך פאַר זיינע אייגענע געדאַנקען, פּרוּווט ער זיך פאַרטויבן, טוט ער זיך אַריין אין די טיפסטע פּלפּולים, אָבער דאָס קאָן ניט לאַנג אָנהאַלטן. ליליענבלום, ווי פיל אַנדערע דעמאָלט, פאַלט אַרונטער אונטער דער ווירקונג פון זיין צייט.

און די צייט איז געווען זייער אַ באַדייטנדיקע. דאָס יאָר 1848 האָט געענדערט די פּאָליטיש־בירגערלעכע באַגריפן פון דער פריערדיקער צייט אין מערב־אייראָפּע. פרייהייטלעכע אידייען דרינגען אַריין אויך אין מזרח־אייראָפּע. די קרימער מלחמה ברענגט אין רוסלאַנד צו אַ ליבעראַלן רעזשים פון אַלעקסאַנדער דעם צווייטן, צו נייע סאָציאַל־עקאָנאָמישע אומשטענדן. נייע פּערספּעקטיוון אַנטפּלעקן זיך פאַר די רוסישע בירגער. פרייהייטלעכע באַוועגונגען פאַרשפּרייטן זיך. דאָס דרינגט אויך אַריין צו די יידן אין רוסלאַנד. דאָס וועקט אין זיי דעם פאַרלאַנג זיך מקריב צו זיין צו בילדונג, צו וועלטלעכקייט. דאָס אַרומגעצאַמטע, אָפּגעגרענעצטע לעבן דערפילט מען איז ענג. עס ווילט זיך געפינען עפּעס אַן אויסגאַנג צו פרייהייט — צו פּאָליטישער אויסערער, ווי צו רעליגיעזער אינעווייניקסטער. קאָוונער גובערניע, צו וועלכער עס געהערן ביידע שטעטלעך: קיידאַן און ווילקאָמיר, איז אַ היפּשער צענטער פון השכלה. קיין ווילקאָמיר גרייכן אַפילו יידישע וואָכנבלעטער: „המגיד“, „הכרמל“, „המליץ“, צייטונגען — קולטור־טרעגער. און די נייע אידייען גייען ליליענבלומען ניט פאַרביי.

אַ יאָר נאָך אַ יאָר און פיל הייליקע זאַכן ווערן אים וואָכעדיק. די תורה ווערט פאַר אים אַ ליטעראַרישע גרויסע שאַפונג. און אויפן תלמוד קוקט ער ווי אויף אַ ספר, וואָס גרויסע חכמים האָבן אים פאַרפאַסט, אָבער אין הסכם מיט דער קולטור־שפע און מיט די לעבנס־פאָדערונגען פון זייער צייט. ניט בקבלה האָבן זיי געהאַט דאָס וואָס איז פאַרשריבן, און ניט פון באַרג סיני אַראָפּ האָט דאָס אַלץ גאָט געלאָזט הערן. דערגייענדיק צו די געדאַנקען, אי פון ספרים אי פון זיך אַליין, קומט ער צום ווילן צו שאַפן אַ ביבליאָטעק אין ווילקאָמיר, כדי אויך אַנדערע זאָלן אויפגעקלערט ווערן, ד. ה. אין די נאַרישקייטן זאָלן אָט די אַנדערע אויפהערן צו גלייבן, און די וויכטיקע פּרינציפּן פון דער רעליגיע זאָלן געשטאַרקט און געאַכפּערט ווערן.

אָבער אָט די „כשרע ביבליאָטעק“ רופט אַרויס גרויסע רדיפות אויף ליליענבלומען. דער רב קאָנפיסקירט אַלע ספרים. די בעלי־בתים נעמען אָפּ ביי אים זייערע קינדער, מיט וועלכע ער האָט געקנעלט, כדי זיך מפרנס צו זיין. אין דעם ווינטער 1866—67 ברעכט אויס אַן עפּידעמיע אין ווילקאָמיר. כדי צו קעמפן קעגן דער מגפה, הייסט דער רב פאַסטן תעניתים און לייענען אין די בתי־מדרשים די פּרשה קטורת — ווייל לויטן זוהר איז די



דאָזיקע פּרשה דאָס בעסטע מיטל קעגן מגפות. ליליענבלום דערציילט אין „המליץ“ די דאָזיקע מעשה און מאַכט פון איר חוזק. דאָס „בלאַט“ קומט־אָן קיין ווילקאָמיר און — הימל עפן זיך! קהל מאַכט אסיפות, זוכט מיטלען ווי זיך אָפּצורעכענען מיטן אפיקורוס. עס דערגייט ביז מסירה. אָבער קיין פּראַקטישע פאָלגן האָט נאָך דערווייל דער קהלישער גרימצאָרן ניט געהאַט. גוטע פריינט עצהן אים: „הערט אויף צו שרייבן אין די צייטונגען, וועט זיין אַזוי וואויל צו אייך“. אָבער ער באַגרייפט ניט די עצה. וואָס הייסט, זאָגט ער זיך, עס וועט זיין אַזוי וואויל צו אים? ווי קאָן דען אַן ערלעכער מענטש צוזען, ווי דאָס יידנטום ברענט „פון ביידע זייטן“ — אי מצד דעם אָבערגלויבן, אי מצד דער אַבסאָלוטער כפירה, און בלייבן רואיק? גייט עס נאָך ווייטער אַזוי, וועט דאָס יידנטום אונטערגיין, און אינאיינעם מיטן יידנטום וועלן די יידן אויך אונטערגיין. וואָרעם אָן אַ לאַנד און אָן אַ שפּראַך — וואָס קאָן דען זיכערן זייער עקזיסטענץ?

מיט וואָס קאָן מען אָבער אָפּהאַלטן דאָס יידנטום און דאָס יידישע פאָלק פון אונטערגאַנג? נאָך לאַנגן טראַכטן און קעמפן מיט זיך קומט ער צו דער איבערצייגונג, אַז דאָס איינציקע מיטל דערצו איז: „צו פאַראייניקן דעם דת מיטן לעבן“, דאָס הייסט: אַראָפּוואַרפן, מתיר מאַכן אַלע חומרות און גזרות און פאַרבאָטן, וואָס פילן זיך ווי אַ שווערע לאַסט אויפן מענטשן, וועלכער לעבט מיט דער וועלט און קאָן ניט אָדער וויל ניט זיין אָפּגעשיידט פון איר. דורכדעם וועט עס ניט שווער זיין אָפּצוהיטן דעם דת. און יידן וועלן אים אויך היטן. און די נאַרישע מנהגים, וואָס זיינען געבויט בלויז אויף אָבערגלויבן, דאַרף מען דאָך אַוודאי און אוודאי אויסראָטן.

ווינטער 1866—67 דערשיינט אין „המליץ“ זיין ערשטער אַרטיקל: „ארחות התלמוד“ (דער שטייגער פון תלמוד), וואָס מאַכט לכתחילה קיין שום רושם ניט אין דער יידישער וועלט. דאָס ערגערט אים זייער. שרייבט ער אינגיכן — אין אַ צייט פון גרויסן דלות און קראַנקהייט — אַ צווייטן אַרטיקל: „נוספות לארחות התלמוד“, וואו ער באַהאַנדלט די זעלביקע טעמע ווי אין ערשטן: רעפאָרמירן דעם שולחן־ערוך. דער אַרטיקל שטורעמט אויף די וועלט. ער איז שאַרפער ווי דער ערשטער, קאָנצענטרירטער ווי דער ערשטער. ליליענבלום ווענדט זיך דאָ דירעקט צו די רבנים, און ער רעכנט דאָ אויס אַ סך דינים, וואָס מען דאַרף זיי, לויט זיין מיינונג, מבטל מאַכן, און צווישן זיי אַזוינע, וואָס זיינען ביי יידן שטאַרק אָנגענומען.

דאָ רעדט ער בפירוש, אַז אַ סך דינים אין שולחן־ערוך שטיצן זיך ניט בלויז אויף אגדות, קבלה, — דאָס הייסט אויף יסודות וואָס שטייען אין ווידערשפּרוך מיטן מענטשלעכן שכל־הישר, נאָר שטיצן זיך אָפּט אפילו אויף חלומות, וואָס האָבן זיך געחלומט דעם איינעם אָדער דעם אַנדערן פּוסק, אָדער אויף אַ פּלפּול, וואָס האָט אויך קיין

שום שייכות ניט צום געזונטן מענטשן־פאַרשטאַנד. די דינים און די חומרות מערן זיך און זייער צאָל וואַקסט אָן אַ שום יסוד און אָן אַ שום שיטה. דער שולחן־ערוך איז פול מיט דינים וואָס האָבן ניט קיין צובונד צו קיין שום צייט. אָבער וואָס מער דער צוים פון די פאַרבאָטן וואַקסט, אַלץ גרעסער איז די געפאַר אַז דער צוים זאָל אינגאַנצן איינפאַלן.

ער ברענגט דאָרט אַ גאַנצע ריי ראיות דערצו, ווי ווייט די פוסקים און די רבנים האָבן איבערגעטריבן אין זייערע פאַרבאָטן, אסרן און טריף־מאַכן. ער רעכנט אויס אַ גאַנצן צעטל איבערטריבענע חומרות בנוגע שבת, פסח, יום־כיפור, נידה א. ד. גל. ער רעדט וועגן דעם פאַרבאָט צו גיין אָן אַ היטל, וועגן מאַכן פייער אום שבת, וועגן די דינים פון ספירה־טעג, פון די דריי וואָכן און נאָך און נאָך. שאַרף רעדט ער מיט די רבנים וועגן דעם אַלץ. ער גלייבט, אַז נאָר זיי זיינען אימשטאַנד צו ראַטעווען דאָס יידנטום פון אונטערגאַנג. און ניט נאָר דאָס אַליין. ער גלויבט, אַז די רבנים זיינען אימשטאַנד צו ענדערן די דערציאונג אויך, כדי עס זאָלן ניט זיין ביי אונדז אַזויפיל בטלנים, הענדלער, און שווינדלער זאָלן ניט קאָנען פאַרדעקן זייערע מעשים, ווערנדיק צבועקעס און גאָטס־סטראַפּטשעס. אַ נייעם שולחן־ערוך פאָדערט ער, וואָס זאָל פאַרפאַסט זיין אין גייסט פון תלמוד און זאָל אונדז אסרן נאָר דאָס, וואָס איז אויף אַן אמת אסור.

רבנים האָבן זיך אָפּגערופן אי אין דער פרעסע, אי אין באַזונדערע בראָשורן. נאָך די רבנים זיינען געקומען די מגידים, און נאָך די מגידים זיינען געקומען די מלמדים, און נאָך די מלמדים — סתם שיינע יידן, כלי־קודש און ניט כלי־קודש. אָבער אויך „דר. לעווינזאָן פון שטאָקהאָלם" איז אַרויסגעטראָטן קעגן ליליענבלומען, און דער אָרטאָדאָקסישער משכיל יחיאל מיכל פינעס איז אויך אַרויסגעטראָטן קעגן אים.

די פּאָלעמיק איז געפירט געוואָרן — ווי דער שטייגער איז — ניט אַרום דער עצם פראַגע: רעפאָרמירן צי ניט רעפאָרמירן דעם שולחן־ערוך, נאָר אַרום ווערטער. קיינער האָט ניט געפּרואווט צו באַווייזן, אַז דער שולחן־ערוך איז יאָ צוגעפּאַסט צו דעם לעבן און דערמיט בטל מאַכן ליליענבלומס טענות און פאָדערונגען. מען האָט זיך נאָר באַמיט צו באַווייזן, אַז ער האָט פאַרזען די אָדער יענע גמרא, אַז ער האָט „שלעכט פאַרשטאַנען" די ווערטער פון דעם אָדער יענעם פּוסק א. ד. גל., אַז די קבלה געהערט אויך צו די זאַכן וואָס משה האָט מיטגעבראַכט פון באַרג סיני, אַז חלומות זיינען אַ וויכטיקער ענין און מען קאָן זיך אויף זיי פאַרלאָזן א. אז. וו. און דערצו — זידלעריי, צונעמענישן, קללות, פּוילע וויצן, ביל־בולים, סטראַשונקעס.

דאָס אַלץ איז פאָרגעקומען אין דער פרעסע — די אייגנטלעכע ליטעראַטור פון יענער צייט. אין לעבן זיינען פאָרגעקומען גאָר שוידערלעכע זאַכן. גאַנץ ליטע איז געשטאַנען „אין פלאַמען". אין די אַרומיקע שטעטלעך האָט עס געשטורעמט מיט אסיפות: וואָס זאָל מען טאָן מיט דעם פושע־ישראל? עס האָט זיך געהאַנדלט וועגן אָפּגעבן אים פאַר אַ סאָלדאַט, וועגן אַריינלייגן אים אין חרם, מסרן אים אַז ער איז אַ רעוואָלוציאָנער א. ד. גל. אַנדערע, וויכערע, האָבן געוואָלט אים געבן עטלעכע רובל, אַז ער זאָל פאַרלאָזן די שטאָט. וואו אַ טיר, איז זי געווען באַקלעפּט מיט פּאַסקווילן קעגן ליליענבלומען, מיט זלזולים און באַליידיקונגען און בילבולים.

זיין שווער, דעם קצב, האָט מען באָיקאָטירט. זיין פאָטער אין קיידאַן האָט מען גערודפט; זיינע קינדער האָט מען ניט געלאָזט לערנען אין חדר; קיין אָנשטענדיקער בעל־הבית האָט אים ניט געוואָלט פאַרדינגען קיין דירה. קיין מענטש האָט אים קיין האַנט ניט געגעבן, קיין וואָרט מיט אים ניט אויסגערעדט. און סוף־כל־סוף האָט מען טאַקע געשריבן אַ מסירה אויף אים צום ווילנער גענעראַל־גובערנאַטאָר, אַז ליליענבלום איז אַ כופר בעיקר, פירט אַראָפּ יונגע־לייט פון וועג און מען מוז אים אָפּרוימען. אויף דער מסירה האָבן זיך געחתמעט איין־און־צוואַנציק מאַן. מען וואָלט זיך מיט אים טאַקע אָפּגערעכנט, ווען פון קאָוונע אויס, פון דער גובערניע הייסט עס, וואָלט מען זיך ניט אַריינגעמישט דערין. רבי יצחק אלחנן, קאָוונער רב, קאָוונער משכילים, און קאָוונער סוחרים האָבן אָנגעשטרענגט אַלע קרעפטן, אַז מען זאָל ניט פראַווען אין ווילקאָמיר קיין מיטל־אַלטערלעכע אינקוויזיטאָרישע סדרים. דערצו האָט זיך אויך די גובערנסקע מאַכט אַריינגעמישט, און די געמיטער האָבן זיך באַרואיקט. אָבער בלויז אויסערלעך. אין דער שטיל איז די שנאה צו ליליענבלומען נאָך שטאַרקער געוואָרן. די נגישות — נאָך שאַרפער. דער באָיקאָט — נאָך פילבאַרער. אַזוי, אַז ווייטער לעבן אין ווילקאָמיר איז פאַר ליליענבלומען שוין געווען לחלוטין אוממעגלעך. זיינע קאָוונער פריינט ראַטן אים אַוועקצופאָרן קיין אָדעס — אַ שטאָט פון אינטעליגענטן און אייראָפּעאישן זין. דאָרט זאָל ער זיך פאָרבאַרייטן אָנצוקומען אין אַן אויסלענדישן אוניווערזיטעט. דעם 3־טן אָקטאָבער 1869 קומט ער אָן קיין אָדעס — איבערלאָזנדיק אין דער היים אַ פרוי מיט דריי קינדער, וועלכע די קאָוונער משכילים האָבן צוגעזאָגט צו באַזאָרגן מיט אַכט רובל אַ חודש.

געקומען איז ער קיין אָדעס מיט אַ גאַנצן פּאַק מליצה־בריוו פון די קאָוונער משכילים, מיט אַ סך ווילן צום לערנען, צו בילדן זיך, אָבער אָן אַן איין־איינציקן טראָפּן פון יענער חוצפה, וואָס דער קריכער פאַרמאָגט, וואָס העלפט אים צו דערגרייכן זיין ציל. און אַז די מליצה־בריוו האָבן ניט געהאָלפן, אַז ער דערפילט זיך איינזאַם און פאַרגעסן, הייבט ער אָן זיך מיאש זיין פון אַלע זיינע האָפענונגען. ער הייבט אָן צו בענקען נאָך ווילקאָמיר און נאָך דער ראָל וואָס ער האָט דאָרט געשפילט. דער ערשטער אין דאָרף זעט אים דאַן אויס חשובער ווי דער לעצטער אין שטאָט. אמת, „די היים איז געווען אַ טויטע" — שרייבט ער אין זיין טאָגבוך אין צען וואָכן אַרום

נאָך זיין קומען קיין אָדעס — „אָבער די אַטמאָספער, וואָס האָט מיך אין ווילקאָמיר אַרומגערינגלט, איז געווען אַ לעבעדיקע — פול מיט געפיל, טעטיקייט, ענדערונגען. און דאָ! — אָדעס לעבט, אָבער די אַטמאָספער, אין וועלכער איך געפין זיך, איז טויט".

און אין אמתן, דאָרט איז ער געווען אַ שרייבער, אַ יש און אַ ציל, אין וועלכן צענדליקער מענטשן — מעג זיין בטלנים! — האָבן זייערע פיילן געוואָרפן. און ער זאָל ווערן אַ שילער פון אַלף־בית?! ער טוט דאָס. ער פילט זיך אָבער דערפון נידערגעשלאָגן. און מיט באַזונדער התפעלות שרייבט ער איצט ווייטער זיינע אַרטיקלען און פירט ווייטער זיין פּאָלעמיק מיט זיינע קעגנער וועגן פּאַראייניקן דעם דת מיטן לעבן.

ער פּרוּווט לערנען אַ ביסל. אָבער פאַרשיידענע שטערונגען שטייען אים אין וועג. ער רעאַגירט ניט אויף זיי — ווייל דער קאָפּ איז פאַרנומען מיט דעם יידישן „וועלט־שמערץ". אַ מאָל מאַכט עס דעם איינדרוק, אַז גאַנץ טיף אין האַרצן איז ער, אפשר אומבאַוואוסט, צופרידן מיט די שטערונגען, וואָס לאָזן אים ניט אַרויסרייסן זיך פון דער וועלט פון „מאמרים", וואו ער פילט זיך פיל פרייער און שעפערישער ווי ביי דער פרעמדער רוסישער גראַמאַטיק...

ער שרייבט ווידער און פּאָלעמיזירט ווידער אין דער פּרעסע. שרייבט לאַנגע בריוו און חקירה וועגן דת, ווי אים צו פּאַראייניקן מיטן לעבן.

אַ חודש נאָך אַ חודש, אַ זמן נאָך אַ זמן, און ליליענבלום שטייט נאָך אַלץ אויף זיין ווילקאָמירער שטאַנדפּונקט: רעפאָרמירן דעם שולחן־ערוך, כדי צו פּאַראייניקן דעם דת מיטן לעבן — דאַכט זיך, די לאָגישסטע און זיכערסטע פּאָזיציע.

אָבער פלוצלונג ווערט ער אַרויסגעשליידערט פון זיין פּאָזיציע. ער באַקענט זיך מיטן געדאַנק פון די ביבל־קריטיקער, אַז די תורה, ווי זי ליגט פאַר אונדז, איז געשריבן געוואָרן אין ירמיהוס צייטן; אַז געשריבן האָבן זי די כהנים פון יענער צייט — דערפאַר פאַרנעמען דאָרט די קרבנות אַזאַ גרויסן פּלאַץ. און דערצו ראיות, וואָס באַשטעטיקן די דאָזיקע מיינונג.

האָט דאָס אים אַזוי אויפלויכטנדיק פאַרענטפערט אַזוי פיל קשיות, אָבער... אויב דאָס איז ריכטיק — אויב די תורה גופא איז אויך נאָר אַ פּראָדוקט פון אַ באַשטימטער צייט און אַ באַשטימטער קולטור־מדרגה, דאַן זיינען דאָך קיין גרענעצן ניטאָ, דאַן איז קיין קריטעריע ניטאָ, פאַרוואָס דעם שולחן־ערוך — אַ פּראָדוקט פון זיין צייט — יאָ רעפאָרמירן, און די תורה ניט?

אַכט חדשים קעמפט ער פאַר זיין „גייסטיקער עקזיסטענץ", אַזוי צו זאָגן, און סוף־כל־סוף זעט ער זיך געצוואונגען די דאָזיקע מיינונג אָנצונעמען, אָבער ווי נאָר ער האָט זי אָנגענומען, דערפילט ער באַלד דאָס גרויסע אומגליק, וואָס אים האָט געטראָפן.

„דער גאַנצער אוצר — שרייבט ער — וואָס איך האָב אָנגעזאַמלט אין מיין קאָפּ אין משך פון מיין גאַנצן לעבן איז צו־נישט געוואָרן, אין דער מינוט, ווען איך האָב אָנגענומען די מיינונג פון די ביבל־קריטיקער. מיין גאַנצע טעאָלאָגיע איז פאַרשוואונדן. די גאַנצע ליטעראַטור, וואָס איז דאָך אויך בלויז טעאָלאָגיע אָן פּראַקטישן ווערט, איז פון מיר גערויבט געוואָרן. די גאַנצע פראַגע וועגן פאַראייניקן דעם דת מיטן לעבן, פאַר וועלכער איך האָב אַזוי פיל געליטן, האָט מער קיין שום זינען ניט. דער גאָט, וואָס האָט מיך אויפגעהאַלטן פון קינדווייז אָן, איז מיר אַזוי גוט ווי געשטאָרבן... עלנט און איינזאַם פיל איך זיך אויף דער וועלט. דעם לעצטן טעאָרעטישן שריט האָב איך געמאַכט, און מיין מוח איז ליידיק געוואָרן און מיין האַרץ דערשראָקן".

און ניט בלויז דער מוח. די גאַנצע וועלט זעט אים איצט אויס ליידיק, וויסט און ווערטלאָז. ניט קיין ליכט, ניט קיין האָפענונג. ער איז פלוצלונג ווי אויסגעניכטערט געוואָרן פון דער שיכרות, מיט וועלכער ער האָט זיינע רעליגיעזע קאַמפן געפירט. אים עקלט דערפון, וואָס ער האָט געטאָן אין שיכורן צושטאַנד.

אָבער אינגיכן ווערט דער ליידיקער פּלאַץ ווידער פאַרנומען. אין יאַנואַר 1871 באַקומט ער צו לייענען טשערנישעווסקיס באַוואוסטן ראָמאַן „טשטאָ דיעלאַט?" (וואָס טוט מען?), און אַ נייע וועלט עפנט זיך פאַר אים, אַ וועלט — דער וואַרשטאַט פון לעבן — פונעם לעבן פון אַרבעט, פונעם גליק פון אַרבעט. אַ בוך נאָך אַ בוך, און עס קומען אויף נייע פּאָזיטיווע געדאַנקען אין זיין מוח. אַ חודש נאָך אַ חודש, און ער ווערט אַריינגעצויגן אין געדאַנקען־קרייז פון די זעכציקער יאָרן אין רוסלאַנד.

און שוין הערט מען ליליענבלומען ריידן אין גייסט פון די דאָזיקע אידייען. אויב פריער האָט ער געוויינט דערויף, וואָס דער שולחן־ערוך שטימט ניט מיטן לעבן, וויינט ער איצט דערויף, וואָס די ליטעראַטור איז אָפּגעריסן פונעם לעבן. נאָר פריער איז ער געווען אויסגעהאַלטענער. פריער האָט ער געגלייבט, אַז אָן אַ שפּראַך און אָן אַ לאַנד קאָן די אומה געפינען שטיצע נאָר אין דער רעליגיע, וויל ער, אַז די רעליגיע זאָל פאַרגרינגערט ווערן, כדי זי זאָל קאָנען עקזיסטירן. איצט אָבער הערט איר פון איין זייט טענהן, אַז דער באַגריף „כלל" עקזיסטירט בלויז אין ריידן, אָדער שרייבן, אָבער במציאות זיינען פאַראַן בלויז פּרטים. איך — איין פּרט, דו — אַ צווייטער פּרט, יענער — אַ דריטער פּרט. און עס האָט קיין זין ניט, אַז איין פּרט זאָל מקריב זיין זיין גליק פאַרן גליק פון אַ צווייטן פּרט; איצט דריקט ער אויס זיין איבערצייגונג, אַז ווי טרויעריק עס איז ניט, מוז מען דאָך צוגעבן, אַז פונקט ווי דער לעבעדיקער מענטש מוז שטאַרבן, אַזוי מוז אויך אַ פאָלק שטאַרבן. און יידן גיכער ווי אַנדערע — ווייל מיר האָבן ניט קיין לאַנד, וואָס זאָל מגין זיין אויפן קיום פון פאָלק. און דאָך הערט ער אויך איצט ניט אויף צו זאָרגן פאַרן אייביקן לעבן פון יידישן פאָלק; און דאָך גלייבט ער ניט אין דער מעג־

לעכקייט פון פולשטענדיקער אַסימילאַציע. און דערביי שיט ער פעך און שוועבל אויף די, וואָס זאָרגן פאַרן כלל און פאַרלאָזן דעם פרט. ער טאַדלט יענע, וואָס באַמיען זיך צו פאַרשפרייטן דעם כאַאָס פון השכלה, וויינען אויף דער געפאַלנקייט פון דער אמונה און זאָרגן ניט פאַר אַ ציל אין לעבן, זאָרגן ניט צו געבן די יידן אַ מאַטעריאַליסטישן קוק אויפן לעבן. אָבער דער איינציקער ציל פון לעבן איז דאָס לעבן גופא. און ניטאָ קיין כוח, אָן אַרבעט, און ניטאָ קיין פולקאָמערע אַרבעט אָן וויסנשאַפט. און וויסנשאַפט איז בלויז נאַטור־וויסנשאַפט — ווייל נאָר די וויסנשאַפט איז נוצלעך אין לעבן און שטיצט זיך אויף אייביקע געזעצן. און לעבן הייסט — מיין לעבן. וואָרעם ניטאָ קיין ווערטפולע זאַך פאַרן מענטשן, ווי זיין „איך". און נאָר דאָס, וואָס איז פאַר מיין „איך" נוצלעך, דאָס האָט אַ ווערט, וואָס אויסער די דאָזיקע גרענעצן איז הבל־הבלים. עסטעטיק איז בלאָטע. מעטאַפיזיק — אוודאי. פאָעזיע — אַן אויסגעבלאָזן איי. „יידישע וויסנשאַפט", „אויספאָרשן די פאַרגאַנגענהייט" — פאַנטאַסטערייען. דאָס וואָס מיר רופן „השכלה", „אויפקלערונג", איז ניט מער ווי כאַאָס. אמתע השכלה, דאָס זיינען יענע לימודים, וואָס מען לערנט אין גימנאַזיום, וואָס קאָנען מיר נוצן אין לעבן. די געזעלשאַפט איז נאָר אַ טשערעדע בהמות, וואו איינע גייט נאָך דער אַנדערער, און דער מענטש דאַרף ניט זי, נאָר זיך אין זינען האָבן. און רעכט אויף הנאה צו האָבן פון לעבן האָט נאָר דער מענטש, וואָס לעבט פון אייגענער אַרבעט, אָבער ניט פון פרעמדער אַרבעט. אָבער ווער עס האָט ניט קיין מאַטעריאַליסטישע וועלט־אַנשויאונג, נאָר אַ טעאָלאָגישע, אָדער פאַנטאַסטישע, ברענגט דאָס אים צו בטלה (ליידיק אַרומגיין), ברענגט צו אָרעמקייט — צו אַלע צרות — ווי פיסאַרעוו זאָגט, און די וויכטיקסטע פון אַלע פראַגן איז די פון „קאַפיטאַל און אַרבעט" — ווייל דער קאַפיטאַל גיט מאַכט צו די רייכע, און די אָרעמע זיינען געצוואונגען צו אַלערליי אומאָנשטענדיקייטן, כדי זיך ביים לעבן צו דערהאַלטן א. אַז. וו.

און נאָך דער גאַנצער פילאָזאָפיע, ניט־ניט, און פאָרט רעדט ער מיט האַרצווייטיק וועגן דעם, וואָס די רעליגיע פאַלט און דאָס פאָלק ווערט צעברעקלט; ניט־ניט, און דאָך הערט ער ניט אויף צו זאָרגן פאַרן כלל, פאַרן קיום פון כלל. זיינע לעצטע פרייע שעהן גיט ער אַוועק דעם שרייבן — ניט קוקנדיק דערויף, וואָס ער איז איבערצייגט, אַז די העברעאישע ליטעראַטור האָט ניט קיין שום ווירקונג אויפן לעבן, און אַזוי שרייבט ער אין אַ משך פון צען יאָר, אין דער צייט איז די איינציקע גרונטלאַגע פון אַלע זיינע אַרויסטרעטונגען — די פרייהייטן: פון פרט, פון קינד, פון דער פרוי, פון אַרבעט. ער פאָדערט פיזישע אַרבעט, אַ ניכטערן, מאַטעריאַליסטישן קוק אויפן לעבן; נוצלעכקייט און אייגנליבע. דערציאונג צו מלאכה אָדער צו נאַטור־וויסנשאַפט, א. דגל.

אין 1872 שרייבט ער צוויי גרויסע קריטישע אַרטיקלען וועגן פאַרשיידענע ווערק — גאַנץ אין גייסט פון פיסאַרעוו, כמעט אפילו מיט יענעמס אויסדרוקן. אין 1873 ענדיקט ער שרייבן זיין באַרימטע אויטאָביאָגראַפיע: „חטאת נעורים", וואָס האָט שפעטער געמאַכט אַ גרויסן רושם אין דער יידישער משכילים־וועלט. אָבער שוין איצט קומט דער צווייפל און שניידט אים אונטער די פליגל. פון יאָר 1873, ווען ער האָט זיך געפונען אונטערן איינפלוס פון די רוסישע ראַדיקאַל־דעמאָקראַטן, וואָס זיינען געווען אַ ביסל סאָציאַליסטיש געפאַרבט, שרייבט ליליענבלום זייער ווייניק — ווייל... גאָר גיך זעט ער איין, אַז טשערנישעווסקי איז אין זיין ראָמאַן „טשטאָ דיעלאַט?" בלויז אַ פאַנטאַזיאָר, ווייל דער דור איז לחלוטין ניט אימשטאַנד זיך צו פירן, אין פראַקטישן לעבן, לויט זיינע אידייען. און דערצו: דאָס גאַנצע בינטל געדאַנקען, וואָס איז דעמאָלט געווען מאָדערן און האָט פאַרכאַפט די גאַנצע דעמאָלטיקע יידישע אינטעליגענטע יוגנט, האָט אין זיינע לעצטע אויספירונגען געפירט צו אַסימילאַציע. דאָס האָט געהייסן: זיך אָפזאָגן פונעם אייגענעם פאָלק, פון דער אייגענער קולטור. אָבער קעגן דעם שטעלט זיך די גאַנצע פאַרגאַנגענהייט ליליענבלומס. ליליענבלומס מוח און ליליענבלומס האַרץ — ביידע זיינען ניט קיין גינסטיקער באָדן פאַר די נייע קערנער, וואָס זיינען דאָרט געזייט געוואָרן. די פרוכט, וואָס קומט ביי ליליענבלומען אַרויס פון זיי, איז מאָגער און שוואַך און ווייניק אין צאָל. אַרויסגייענדיק פון די זעלבע פרינציפן, וואָס אַנדערע, קומט ער דאָך צו גאַנץ אַנדערע אויספירונגען. קאָסמאָפאָליטיזם, מיינט ער, וואָלט אפשר טאַקע אַ גליק געווען פאַר דער מענטשהייט, אָבער ווען? ווען פעלקער, ווי ענגלאַנד, פראַנקרייך, דייטשלאַנד, זאָגן זיך אָפ פון זייערע נאַציאָנאַליזמען, נאַציאָנאַלן אייגנאַרט, און ווערן בלויז מענטשן; אָבער אויב די גרויסע פעלקער טוען דאָס ניט, און נאָר מיר, יידן, אַנשטאָט זיך צו רופן מיט אונדזער נאָמען, וועלן מיר הייסן: רוסן, דייטשן, פראַנצויזן, א. ד. גל., — וואָס וועט די מענטשהייט דערפון געווינען? אין דעם „דענקענדיקן רעאַליסט" האָט ער אין אָדעס געזען אָט די כלומרשט „באַפרייטע פערזענלעכקייט", וואָס האָט זיך פריי געמאַכט פון טראַדיציע, פון פאַראַנטוואָרטלעכקייט און געזוכט בלויז נוצן, בלויז גענוס. די גרויסע רעפאָרם־פלענער פון דער רעגירונג האָבן, אגב, קנאַפ נוגע געווען דער יידישער באַפעלקערונג. יידן האָבן אויך איצט ניט געהאַט יענע גרויסע מעגלעכקייטן צו פאַרווענדן זייער אַרבעט, וואָס די רוסישע באַפעלקערונג האָט געהאַט. און גיין אַהין אַרבעטן (ווי אַנדערע יידן האָבן געטאָן), זאָגן דעם פויער: „מיין ברודער ביסטו", און דעם אַרבעטער: „איך בין דיין פאַרזאָרגער" — דאָס קאָן ניט ליליענבלום. זיין געזונטער שכל ווייזט אים, אין וואָס פאַר אַ פאַלשן ליכט עס שטעלן זיך די יידן, וואָס טוען עס יאָ. צוליב אָט די אַלע מאָטיוון פאַרלאָזט ער דאָס שרייבן. אויף די אַמאָליקע טעמעס קאָן ער ניט שרייבן, ווייל ער האַלט מער ניט פון זיי, אויף די נייע שרייבט ער ניט — ווייל

ער גלייבט אינגאַנצן ניט אין זיי. שווייגט ער. אין יאָר 1878 שרייבט ער אַ מין אַלעגאָריע אויף דער טעמע פֿון קאַפּיטאַל און ארבעט (אלישע בן אבויה). איז עס אַ קאַפּשטיק, וואָס דער הויפּט־ווערט זיינער איז אין דער געקינסטלטער פֿאָרם, אָבער ניט אין אינהאַלט.

די אידייען פֿון די 60־קער יאָרן אינגאַנצן, מיט אַלע זייערע קאָנסעקווענצן, קאָן ליליענבלום ניט אָננעמען; אָבער די אייניקע פּרינציפּן פֿון יענער צייט, וואָס ער האָט יאָ אָנגענומען, די ברענגט ער אַריין אין דער יידישער פּרעסע און מאַכט זיי אויך פּרוכטבאַר ביים באַהאַנדלען פֿאַרשיידענע יידישע פּראַגן.

ער ברענגט די איבערצייגונג, אַז אַ פֿאָלק קאָן זיין געזונט דורך אַ געזונטן חוש צום רעאַלן לעבן; ער האָט געלערנט צו שעצן און ריכטיק צו שאַצן דעם מאַטעריעלן, אָדער עקאָנאָמישן יסוד פֿונעם לעבן, און אויך די שאַרפֿע אָפּנייגונג פֿונעם מיסטישן האָט ער דערוואָרבן.

און אַז ער שרייבט אין יאָר 1877 וועגן אַ רבנישער אסיפֿה, וואָס זאָל דאַן צונויפֿגערופֿן ווערן, פֿאַרשטייט ער שוין, אַז דאָס יידישע לעבן איז ניט אָפּהענגיק פֿון תלמוד און פֿון שלחן־ערוך, נאָר אַז דער תלמוד און דער שולחן־ערוך זיינען אָפּהענגיק פֿון לעבן, דאָס יידישע לעבן זעט אויס, אַזוי ווי עס זעט אויס — ווייל מיר זיינען אַ פֿאָלק פֿון אָרעמעלייט, און אָרעמעלייט זיינען מיר, ווייל מיר זיינען צונויפֿגעפּרעסט אויף אַן ענגן שטח פֿון לאַנד, און דאָס גאַנצע לאַנד איז פֿאַר אונדז פֿאַרשלאָסן. לאָמיר נאָר האָבן גלייכע רעכט מיט אַלע, און מיר וועלן אויך ווערן לייטן־גלייך. עס איז אָבער לעכערלעך צו פֿאָדערן אייראָפּעאישע קולטור פֿון מענטשן, וואָס ליגן אין צוואַנגען געקרעמפּט. בכלל ווערט ער ניט קיין גרויסער אָנהענגער פֿון דער אייראָפּעאישער ציוויליזאַציע און ניט קיין גרויסער מאמין אין דעם גליק, וואָס זי ברענגט. און וואָס ווייטער אַלץ שטאַרקער ווערט ביי אים די מיינונג, אַז ניט קולטור און אייראָפּעאישע ציוויליזאַציע פֿעלט אונדז, נאָר אַ פֿעסטער באָדן אונטער אונדזערע פֿיס. אַ באָדן, וואו יידן זאָלן קאָנען אַ האַנט צולייגן, אַרבעטן און פֿאַר זיך אַרבעטן. און אַז ער געפֿינט (אין יאָר 1876) אַ ידיעה אין „המגיד", אַז חיים גדליה פֿון לאָנדאָן וויל אָפּקויפֿן פּאַלעסטינע ביים סולטאַן און באַזעצן דאָרט יידן, קומט ער אַריין אין גרויס התפּעלות. „אויב יידן, שרייבט ער, וועלן זיך באַזעצן אין זייער פֿאָטערלאַנד, ווערט דאָך אין איין אויגנבליק פֿאַרענטפֿערט די גאַנצע יידן־פֿראַגע, אין אַלע פּרטים. דערפֿון איז אָבער גאָרניט אַרויסגעקומען. אין 1879 קומט אַ ידיעה, אַז די חברה „כל ישראל חברים" קויפֿט אין רוסלאַנד צוויי הונדערט טויזנט דעסיאַטין ערד, כדי צו באַזעצן אויף איר צען טויזנט יידישע פֿאַמיליעס. ליליענבלום ווערט ווידער מלא־שמחה. וואָרעם „ניט בלויז די קאָלאָניסטן, נאָך די קאָלאָניסטן וועלן אַהין קומען בעלי־מלאכות און טויזנטער יידן וועלן דערלייזט ווערן פֿון הונגער, פֿון דרוק, פֿון קעלט, פֿון קראַנקהייט, פֿון פֿאַרצווייפֿלונג", א. ד. גל.

די דאָזיקע ידיעה לאָזט זיך אויס מיט גאָרניט, אָבער ליליענבלום פֿאַלט ביי זיך ניט אַראָפּ. „רוסישע יידן קאָנען אַליין שאַפֿן די מיטלען, וואָס זיינען נייטיק פֿאַר אַזאַ קאָלאָניזאַציע". ער שרייבט וועגן דעם אין „המליץ", אין „ראַזסוויעט". עס ווערט אַ שטיקל באַוועגונג. אין 1880 גרינדעט פּאָליאַקאָוו דעם „פֿאָנד צו שטיצן יידישע ערד־אַרבעט און מלאכה אין רוסלאַנד". אָבער אויך דאָס איז געבליבן אַ טויט באַשעפֿעניש. ליליענבלום איז זיך מיאש פֿון דער מעגלעכקייט צו קאָלאָניזירן יידן אין רוסלאַנד. ער בלייבט אָבער פֿעסט ביי זיין איבערצייגונג, אַז נאָר אויפֿן יסוד פֿון ערד־אַרבעט קאָנען יידן ראַטעווען זייער לעבן. און ראַטעווען וועלן זיי זיך נאָר דאַן, ווען זיי אַליין, ניט וואַרטנדיק אויף זייערע גבירים, וועלן אָנהייבן פֿאַרווירקלעכן זייער אידעאַל.

עס קומט דאָס יאָר 1881 מיט די פּאָגראָמען אין דרום־רוסלאַנד און די שריפֿות אין צפֿון־רוסלאַנד. עס ווערט חרוב איין יידישער ישוב נאָכן אַנדערן. אַ פּאַניק כאַפּט אַרום די יידישע באַפֿעלקערונג אין רוסלאַנד. מען זעט איין, אַז די רעגירונג אָרגאַניזירט די פּאָגראָמען, אַז יידיש בלוט און פֿאַרמעגן איז הפֿקר. עס הייבט זיך אָן אַן עמיגראַציע. מען רעדט פֿון אַמעריקע, פֿון שפּאַניע. אינטעליגענטן ריידן אויך פֿון ארץ־ישראל, פֿון אָפּקויפֿן ארץ־ישראל. ליליענבלום טראַכט און שרייבט אין דער צייט זייער פֿיל וועגן אַנטיסעמיטיזם, וועגן די „אייגענע" און די „פֿרעמדע" אין פֿאַרשיידענע לענדער. „אין מיטלאַלטער", שרייבט ער, זיינען מיר זיי פֿרעמד געווען — ווייל אונדזער גלויבן איז אַן אַנדערער, און איצט, בעת דער נאַציאָנאַלער פּרינציפּ הערשט, זיינען מיר זיי פֿרעמד — ווייל אונדזער אָפּשטאַמונג איז אַן אַנדערער. די פֿאָלגן זיינען אין ביידע פֿאַלן די זעלביקע".

„און וואָס וואַרט אויף אונדז אין דער צוקונפֿט, אויב מיר האָבן ניט קיין אייגענעם באָדן? אָבער וואו אויף דער וועלט נעמט מען אייגענעם באָדן?"

„און ארץ־ישראל?"... פֿאַרוואָס זאָלן מיר דווקא זיין פֿרעמדע אין פֿרעמדע לענדער? פֿאַרנעמט דאָך אונדזער פֿאָטערלאַנד איר אַמאָליקן פּלאַץ אויף דער ערד און איז אויך איצט נאָך פּונקט אַזוי וויסט ווי געווען. דאָס לאַנד, אינאיינעם מיט די דערבייאיקע לענדער, קאָן אַריינעמען דאָס גאַנצע יידישע פֿאָלק. ווי גרויס איז דער רעיון! „פֿאַראַן אַזאַ מעגלעכקייט, יידן זאָלן געהאָלפֿן ווערן. און דאָס פֿאָלק אַליין, אויב עס וועט נאָר וועלן, קאָן זיך העלפֿן! און אַ פֿאָלק וואָס איז אימשטאַנד זיך צו העלפֿן, איז שוין ניט מער אומגליקלעך, נאָר גליקלעך — אויב עס וויל"...

„דער שווערער שטיין", שרייבט ליליענבלום, „וואָס האָט געדריקט אויף מיר די לעצטע צייט, איז אין איין מינוט פֿאַרשוואונדן. ליכטיק איז מיר געוואָרן. מיין גייסט האָט זיך דערהויבן, און גאָר אַן אַנדערער מענטש בין איך געוואָרן. אַ ווידעראויפֿלעבונגס־טוי האָט זיך אויף

מיר אַראָפּגעלאָזט, און דער שרעקלעכער איז, וואָס האָט אַזוי פיל יאָרן געפּרעסט מיין האַרץ, איז צעשמאָלצן".

איצט וואַרפט ער אַלצדינג אַוועק און גיט זיך אינגאַנצן אָפּ צו ישוב ארץ־ישראל. ער איז פּאַרטאָן אי טעאָרעטיש, אי פּראַקטיש. ער איז, פּאַקטיש, דער סעקרעטאַר פון דער חברה „חובבי ציון", וואָס גרינדעט זיך אין יענער צייט, און ער פּאַרטיידיקט דעם געדאַנק פון חיבת־ציון קעגן זיינע קעגנער פון אַלע פאַרשיידענע זייטן. חיבת־ציון — דאָס איז אים פון איצט־אָן דער לייכט־טורעם אין האַפן פון שטורעמדיקן ים, אויף וועלכן די יידישע שיף ווערט געשליידערט ביז צעבראָכן צו ווערן, ביז צום אונטערגיין. זיין גאַנצע אויפמערקזאַמקייט איז פון איצט־אָן געווענדט צו דעם דאָזיקן לייכט־טורעם; זיין גאַנצע ענערגיע איז אָנגעשטרענגט דערויף — די שיף אין האַפן צו ברענגען.

קוים 38 יאָר אַלט — און ליליענבלום פירט אונטער א שטריך און מאַכט דעם סך־הכל פון זיין אָפּגעלעבטן לעבן. מיט דער פאַרגאַנגענהייט מאַכט ער שלום. די באַליידיקונגען פאַרגעסט ער. די באַליידיקער — אַמנעסטירט ער. די גאַנצע קעגנוואַרט מיט אַלע אירע פראַגן און פּראָבלעמען און פאָדערונגען קאָנצענטרירט ער אין איין פונקט, וואָס שיינט צו אים אַרויס פון דער ווייטער צוקונפט... אין דעם פונקט ווייסט ער מער ניט קיין צווייפל און הערט ניט מער פון זיין שטענדיקן „טאָמער פאַרקערט", וואָס האָט פריער אַזוי אָפט חרוב געמאַכט זיינע „פעסטע איבערצייגונגען".

צו 38 יאָר דערהייבט זיך ליליענבלום צו זיין אידעאַל, פון וואַנען־אויס ער זעט דאָס לאַנד, וואו עס ליגט די צוקונפט פון זיין פאָלק. אין דעם מאָמענט — דאָס איז פון דאַן אָן זיין טיפסטער גלויבן — האָט ער געזען דעם אמת „פּנים אל פּנים", נאָך מער: ער האָט דעם אמת דורכגעלעבט, און ער איז פאַר אים געוואָרן אַ פאַקט, וואָס שטייט איבער און אויסער יעדן צווייפל.

פעסט און זיכער און איבערצייגט באַשטייט ער פון דעם טאָג אָן אויף זיין אמת, פון איצט־אָן ווידמעט ער זיין לעבן, זיינע פעאיקייטן, זיין וויסן און זיין ענערגיע פאַר אַ גליקלעכער צוקונפט פון זיין פאָלק. פון איצט־אָן האָט ער נאָר איין דאגה — ווי זיין אידעאַל צו פאַרווירקלעכן. פון איצט־אָן הערט ער אויף צו לעבן אַלס פּרט און ווערט אינגאַנצן פאַרשלונגען אין כלל. אַלץ, וואָס עס ווערט פון דעם טאָג אָן געטאָן אין חיבת־ציון, איז ליליענבלום. אַלץ, וואָס ליליענבלום האָט פון דעם טאָג אָן געטאָן, איז חיבת־ציון...

און אַזוי ביזן צווייטן אדר, תר"ע (1910), דעם לעצטן טאָג פון זיין לעבן.

לייב יפה

# א. ווייטערס לעצטע שעהן

אויסערלעך איז ער געווען רואיק און געלאַסן. זעלטן נאָר פלעגט מען קאָנען באַמערקן פון אַ צוק אויף זיין פּנים, אַז ער איז טיף אויפגערודערט, אַז ער באַוועלטיקט זיין אינערלעכע אומרו.

אַרום האָבן אָן אַן אויפהער געקראַכט די שאָסן, געקלאַפּט די קוילנוואַרפערס, אין די פענצטער זיינען שוין אַריינגעפאַלן קוילן.

אין אָוונט איז שטילער געוואָרן.

מיר האָבן זיך אויפגעקליבן צוזאַמען, כדי ניט צו בלייבן איינזאַם די נאַכט אין דעם אויפגעברויזטן ים פון מענטשלעכער שנאה, וועלכע האָט געלויערט אַרום פון אַלע ווינקעלעך. מיר האָבן געזוכט אַ שוץ פאַר די קינדער, פאַרשטעלט די פענצטער, כדי אַ קויל זאָל ניט אַריינפליען. ווייטער האָט זיך מיט דעם מתעסק געווען. ער האָט אונדז נאָכגעגעבן ווי קליינע קינדער, דערפילט אַלע באַפעלן פון די מוטערס וואָס איינער פלעגט גלייך מוותר זיין דעם אַנדערן.

דעם אָוונט האָט ער געלייענט אין אַ העברעאישער כרעסטאָמאַטיע „די עבודה" — די באַשרייבונג, ווי די כהנים פלעגן אין בית־המקדש אָפּריכטן יום־כיפור די עבודה, ער האָט באַוואונדערט די גרויסאַרטיקע קינסטלערישע קראַפט און סצענישע באַוועגלעכקייט פון דער באַשרייבונג, די רייכקייט פון די בילדער.

מיר האָבן דעם אָוונט באַרירט פאַרשיידענע פראַגן, ווייטער האָט געזאָגט, אַז איצט מוז מען שאַפן אַ יידישע פרעסע, אָן וועלכער די יידישע באַפעלקערונג איז אַזוי לאַנג געווען.

מער ווי אַלץ האָט מען גערעדט וועגן באָלשעוויזם, מען האָט זיך באַמיט פאַרשטיין אים היסטאָריש און פּסיכאָלאָגיש, אַלס די שטראָף, וואָס די מענטשהייט לעבט איבער פאַר אירע זינד, פאַר דער מלחמה, וועלכע האָט געמוזט ברענגען צו אַ חורבן פון דער אַלטער וועלט. וואָס וועט איצט זיין?

איינער פון אונדז האָט פּרובירט זאָגן נביאות, אַז די פּאָליאַקן וועלן מן הסתם זיך בעסער פאַרהאַלטן צו די יידן, ווי אין אַנדערע ערטער, ס'איז אין זייער אינטערעס

צוציען צו זיך די יידן אין ליטע, האָבן זיי פּאַר גוטע פריינד.

ווייטער האָט באַמערקט: לײַדער זיינען אָבער די פּאָליאַקן שלעכטע פּאָליטיקער.

נאָכדעם, אַלס פּועל־יוצא פון אונדזער געשפּרעך האָט ווייטער געזאָגט: „וואָס ס׳זאָל איצט ניט קומען, נאָר איך פיל, אַז פון האַרצן איז ביי מיר אַראָפּגעפאַלן די שווערע לאַסט״.

ווייטערס אײדעלע אַריסטאָקראַטישע נאַטור האָט ניט געקאָנט פאַרטראָגן דעם גאַסן־געפּילדער, וועלכער האָט פאַרטויבט אַלע אַנדערע טענער, די שרייענדיקע עם־הארצות, וועלכע דער סאָציאַליסטישער געדאַנק האָט אָנ־גענומען.

אין אַ וויץ האָט ער געזאָגט: איך וועל מיט אייך פאָרן קיין ארץ־ישראל, נאָר איר מוזט מיר געבן אַ גאַ־ראַנטיע, אַז מאַרקס וועט ניט זיין איבערגעזעצט אין העברעאיש.

ס׳איז דורכגעגאַנגען די נאַכט. אויף דער גאַס האָט זיך ווידער אָנגעהויבן די מלחמה, גאַנץ פרי האָבן מיר זיך צעשיידט. 10 אַ זייגער אין דער פרי בין איך אַראָפּגע־גאַנגען צו די שכנים. ווייטער איז געשטאַנען אין קעמערל מיט די קינדער פון זיינע גוטע פריינד און האָט אַלץ געהאַלטן דעם העברעאישן ספר און געלייענט די „עבודה״.

אין אַ האַלבער שעה אַרום האָט מען אונדז געטריבן אויפן גאַס אונטער די קוילן, וואָס זיינען געפאַלן אַרום אונדז, ווי אַ האָגל, אונטער די ביקסן, וואָס זיינען געווען אָנגעשטעלט אויף אונדז. דורכלויפנדיק האָבן מיר דערזען ווייטערן ליגן אַ טויטן אויפן גאַס מיטן פּנים צום הימל, מיט אָפענע אויגן. מיר האָבן ניט געקאָנט פאַרבייגיין פאַרביי דעם קערפּער פון אונדזער פריינד, זיך געזעגענען מיט אים.

מען האָט אונדז געיאָגט און מיר האָבן געוואָרט אויפן טויט...

וואָס מער עס דערווייטערט זיך פון אונדז דער בלוטי־







מצבה אויפן קבר פון א. ווייטער אין ווילנע

קער קאָשמאַר, וועלכן מיר האָבן איבערגעלעבט, אַלץ שטאַרקער וועקט זיך אויף אין האַרצן דער טרויער אויף דעם פריצייטיקן טויט פון דעם אײדעלן, שטאַרקן מענטש, וואָס האָט געטראָגן אַ גרויסע טיפע וועלט אין זיין נשמה, וואָס האָט ניט דערזונגען זיין ליד, ניט געענדיקט זיין קאַמף און געפאַלן אין מיטן פון דער „עבודה״.

(„יידישע צייטונג״, ווילנע, 1919, נומ׳ 11).

מ. סודאַרסקי

# ד״ר יעקב קלאַצקין און זיין רבנים־משפחה אין ליטע

ס׳איז געוועזן אין דער אַמאָליקער ליטע אַ ווייט־באַקאַנטע און ברייט־פאַרצווייגטע משפחה רבנים־גאונים און מופלגים, וואָס האָבן פאַרנומען גאָר אַ געהויבענעם אָרט אין דער ליטווישער רבנות און האָבן בשעתם געהאַט אַ גרויסן איינפלוס אויף דעם גייסטיקן לעבן פון ליטווישן יידנטום.

דאָס זיינען געוועזן די קלאַצקינס. איינער פון אָט דער אָנגעזעענער משפחה, אַ זון פון באַרימטן גאון ר׳ אליהו, איז ד״ר יעקב קלאַצקין, וואָס איז צוליב זיין גרויסער באַהאַוונטקייט אין תורה און אין השכלה און צוליב זיין שאַפערישן גייסט אויפן געביט פון אַלגעמיינעם וויסן און פילאָזאָפישן דענקען אַ וויכטיק קאַפּיטל פאַר זיך אַליין.

אַ דאַנק אים זיינען מיר באַרייכערט געוואָרן מיט אַ שלל ידיעות, וואָס וואַרפן אַ קלאָרן ליכט אויף זיין באַרימטער פאַמיליע און וואָס זיינען גלייכצייטיק אַ פיינער ביישטייער... 

א.

די קלאַצקינס אַליין שטאַמען פון אַ משפחה פון גאונים און רבנים, צדיקים און קדושים, וועמענס שרשים עס ציען זיך אַזש פון באַוואוסטן ריישער גאון ר׳ יעקב, רב אין פּראָג און מעץ, דעם מחבר פון די ספרים „חוק יעקב, „שבות יעקב״ און אַנד. אין דער ווייטערדיקער קייט רבנים גלאַנצן אַרויס די גאונים: ר׳ מרדכי מלצר־קלאַצקין, רב אין סואוואַלק און לידע; ר׳ מרדכי גימפּל און יפה, רב אין רוזינוי און אין פתח־תקוה און ר׳ הלל פאַריטשער.

ר׳ אליהו קלאַצקין איז אַ זון פון ר׳ נפתלי הערץ פון בירזש (קאָוונער גוב.) וואָס איז שפּעטער געוואָרן רב אין שימבורג (קורלאַנד — לעטלאַנד), אַוואו ער איז פאַרבליבן 37 יאָר.

ר׳ נפתלי הערץ האָט געהאַט זיבן זין. זיי אַלע האָבן געשמט אַלס גרויסע לומדים און באַוואוסטע רבנים. זיי האָבן זיך אויסגעצייכנט מיט זייער אויסערגעוויינלעכער חריפות און מידות טובות.

ר׳ ישראל־איסר־יעקב, רב אין ליוועגהאָף; ר׳ שניאור־זלמן, רב אין ראָגאַטשאָוו; ר׳ אברהם, רב אין ליאזנע; ר׳ משה רומאַנאָוו; ר׳ דוד — אַ גדול בתורה, וואָס האָט ניט געוואָלט נעמען אויף זיך דעם עול פון רבנות. ער איז אַוועק קיין אַמעריקע (אין ניו־יאָרק האָט ער געענדערט זיין נאָמען אויף פרידמאַן); ר׳ ראובן — אַ למדן — אַ סוחר אין נעוול און אַחרון אַחרון גדול ר׳ אליהו קלאַצקין, דער פאָטער פון ד״ר יעקב קלאַצקין.



אינעם ספר „עמודי שש״ זיינען פאַרעפנטלעכט חידושי תורה פון אַלע זין פון ר׳ נפתלי הערץ און פון זיינע צוויי אייניקלעך, די זין פון ר׳ ישראל־איסר: ר׳ יהושע מרדכי קלאַצקין (רב אין קאַרטוז־בערעזאַ, ראַסיין און ליבוי) און ר׳ חיים דוד קלאַצקין, אַ גאון עולם, אַ מין יוצא מן הכלל, אַפילו פון די גדולי הגאונים. ר׳ אליהו קלאַצקין פלעגט אויף אים זאָגן, אַז ער איז אַ „חד מקמאי״ (פון די אַמאָליקע גאונים). אַחוץ זיין גרויסער בקיאות אין די אַלטע יידישע גייסטיקע אוצרות, איז ער אויך געוועזן אַ בעל השכלה פון העכסטן גראַד, האָט געקענט אויף אויסווייניק גאַנץ מאַרקס, איז געוועזן שטאַרק באַהאַוונט אין דער אייראָפּעאישער ליטעראַטור. שוין גאָר פרי האָט ער זיך אָפּגעקערט פון תלמוד, האָט אָנגעהויבן זיך צו באַשעפטיקן מיט מסחר. זייענדיק שפּעטער אין קאָוונע, האָט ער זיך פאַרנומען מיט כלל־טועריי און איז געוועזן אין גייסט נאָענט צו די בונדיסטן, שפּעטער־צו צו די פאָלקיסטן. ער איז געוועזן אַ שטענדיקער מיטאַרבעטער פון דער יידישער צייטונג „פאָלקסבלאַט״.

כל ימיו האָט ער זיך באַמיט צו „פאַרגעסן״ זיין וויסן אין תלמוד, אָבער דאָס האָט זיך אים נישט איינגעגעבן. אַפילו שוין אויף די אַלטע יאָרן פלעגן די גדולי התורה אין קאָוונע באַוואונדערן זיין גאונישע בקיאות און חריפות אין ים התלמוד.

און ווען זיין ברודער, ר׳ יהושע מרדכי פון ראַסיין איז איינגעלאַדן געוואָרן אַלס רב קיין ליבוי, האָט ער געבעטן חיים דודן — דעם סוחר ומעורב בין הבריות, אַז ער זאָל אַפריער אַריבערפאָרן קיין ליבוי, כדי זיך דורכצושמועסן מיט די בעלי־בתים און פאַרבערייטן דעם כסא הרבנות. ער האָט אָנגענומען די שליחות, און ווען די שטאָט־לומדים זיינען געקומען אים מקבל־פּנים זיין און זיך צערעדט מיט אים אין חידושי תורה, זיינען זיי נבהל ונשתומם געוואָרן פון זיין גרויסער בקיאות און חריפות און כמעט באַשטאַנען, אַז ער זאָל אָננעמען דעם כסא הרבנות.

אַ גאַנץ קעגנגעזעצטער טיפּ איז געוועזן ר׳ אברהם. ער האָט זיך קונה שם געוועזן אַלס איינער פון די גרעסטע צדיקים אין זיין צייט. ער איז באַרימט געוואָרן ניט מיט זיין חריפות און בקיאות אין תורה, נאָר מיט זיינע וואונדערבאַרע מידות טובות און אומבאַגרענעצטן כוח פון אמונה אין השי״ת; אַ שפּרודלדיקע לעבנס־פרייד; ריינקייט און הייליקייט אין אַלע זיינע געדאַנקען און מעשים; מענטשן־ליבע אָן אַ גרענעץ. ער האָט שטענדיק געוואַרט און געהאָפט אויף משיחן. ער האָט אויפן איינפאַכסטן אופן

מקיים געווען דעם עיקר פונעם רמב״ם: ואף על פי שית־מהמה, חכה לו! (אַפילו ער וועט זיך פאַרשפּעטיקן — משיח — האָף און וואַרט אויף אים).

אָבער די ליכטיקסטע געשטאַלט פון דער גאַנצער קלאַצקין־דינאַסטיע איז געווען ד״ר יעקב קלאַצקינס פאָטער, דער גאון ר׳ אליהו קלאַצקין. שוין אַלס צוועלף־יאָריקער ייִנגל איז ער באַרימט געוואָרן אין גאַנץ ליטע, ווי אַ גרויסער עילוי, אַ בקי אין ש״ס און פּוסקים. ער האָט אָבער אויך שפּעטער אַלע זיינע יאָרן מקיים געווען בוכשטעבלעך דעם מאמר חז״ל: „לא פסק פומיה מגירסא״; ער האָט נישט אויפגעהערט צו לערנען סיי ביי טאָג און סיי ביי נאַכט.

ד״ר י. קלאַצקין האָט מיר דערציילט, אַז נאָך דעם, ווי ער, ד״ר קלאַצקין, האָט פאַרעפנטלעכט זיין מאמר אין „הדואר״ (אין די נומערן: י״ח, י״ט, כ, כ״א תש״ה): „אבי ר׳ אליהו קלצקין״, האָט אים אָפּגערופן זיין פריינד, דער גאון ר׳ חיים העליר און האָט אים געזאָגט: „ווען איר וואָלט מיר דערציילט, אַז איר גייט שרייבן אַ מאמר איבער אייער פאָטער ז״ל, וואָלט איך אייך עפּעס איבערגעגעבן פון מיינע זכרונות. בעת אייער פאָטער ר׳ אליהו איז נאָך געווען אַ יונגער מאַן פון אַ יאָר צוואַנציק, האָט ער געלעבט אין פּעטערבורג אין דער געזעלשאַפט פון די ייִדישע געלערנטע. האָט אויף אים אַ מאָל געזאָגט דער גרויסער ייִדישער וויסנשאַפטלער פון יענער צייט החכם ר׳ צבי הירש ראַבינאָוויטש, דער בעל „המנוחה והתנומה״, צו זיינע חברים: העכערע מאַטעמאַטיק קאָנען מיר נאָך לערנען אָט פון דעם דאָזיקן יונגן מאַן אליהו קלאַצקין!״

## ב

אָבער ניט נאָר איז ער געווען דער גרויסער געלערנטער און חריף; ער איז אויך געווען אַ גרויסער בעל־מידות. זיין ענִיוות איז געווען אין לשער. ער האָט ניט געקענט דעם טעם פון תאוות הכבוד. ער איז געווען ממש ווי אַ קינד אין דער היגזיכט. ער האָט נישט געהאַט די מינדסטע אַנונג, אַז ער איז אַן אָדם גדול. ער האָט דערפאַר ניט געקאָנט פאַרטראָגן די שבחים און חניפה־רייד, וואָס זיינע מקורבים פלעגן זאָגן אין זיין קעגנוואַרט. אָפט מאָל פלעגט ער אין כעס ווערן און פאַרלאָזן דעם צימער.

ניט קוקנדיק דערויף, וואָס ער איז ניט געווען באַשאָנקען מיט אַ שרייבער־טאַלאַנט — אין דער הינזיכט האָט זיך די מוטער פון ד״ר ק. שטאַרק אויסגעצייכנט, איר העברעאיש איז געווען פאַרבנרייך און דער סטיל לייכט און פליסנד — איז ער פון דעסטוועגן זיין גאַנץ לעבן געווען באַהערשט פון אַ שטאַרקן דראַנג צום שרייבן, וואָס האָט אָנגעהאַלטן ביי אים ביז צו זיין לעצטן טאָג. און דאָס זעלבע איז געווען בנוגע דעם ריידן. ער האָט ניט געהאַט קיין רעדנער־טאַלאַנט. פון דעסטוועגן פלעגט ער דרשענען זייער אָפט; אַ מאָל אין הלכה, אַ מאָל אין אגדה. ער האָט, ווי עס שיינט, געליטן פון דעם זעלבן צער של שפע, וועלכן ד״ר ק. האָט אַנטדעקט ביי ביאַליקן.

ער האָט געהאַט אַן אינערלעכן דראַנג אַרויסצוגעבן פון זיך די חידושים, וועלכע פלעגן קוועלן אין אים ווי אַ קוואַל און האָבן געזוכט אַ וועג קומען צום פאָרשיין. און אַזוי ווי ביאַליק, האָט אויך ער ניט מבחין געווען צו וועמען ער רעדט און וואָס פאַר אַן עולם ער האָט פאַר זיך. און זייער אָפט פלעגט ער פאַרשווענדן זיינע שאַרפע חידושים פאַר איינפאַכע פאָלקסמענטשן.



די ברידער קלאַצקין

שוין אַלס קינד איז קלאַצקין באַרימט געוואָרן אַלס אַן עילוי. צו זעקס יאָר האָט ער אָנגעשריבן אַ קונטרס אויפן „יד החזקה״ פונעם רמב״ם. צו זיין בר־מצוה האָט ער געשמט אין דער גאַנצער געגנט אַלס „דער שימבורגער עילוי״, און אַ שקלאָווער גביר, נחמן יעקובסון, האָט זיך איינגעקויפט דעם גרויסן עילוי פאַר אַ חתן פאַר זיין טאָכטער. ווען ער האָט אַראָפּגעבראַכט דעם עילוי קיין שקלאָוו, איז די גאַנצע שטאָט געלאָפן אָנקוקן דעם גרויסן וואונדער: אַ דרייצן יאָריקער ייִנגל, וואָס קען גאַנץ ש״ס אויף אויסווייניק. אָבער דער גביר, אַ גרויסער בעל־גאווה, האָט ניט פאַרגונען די ייִדן אַ קוק צו טאָן אויף דעם ליכטיקן פּנים פון זיין עילוי. ער האָט אַוועקגעשטעלט אַ שומר ביי זיין טיר און האָט קיינעם ניט אַריינגעלאָזן. די זייער נייגיריקע האָבן געקאָנט כאַפּן אַ קוק דורכן שליסל־לאָך (לויט דעם עדות־זאָגן פון ד״ר טשלענאָווס שוועסטער, וואָס איז אויך געווען פון די קוקערקעס). נאָר די גדולי־הדור פון שקלאָוו, ווי

דער גאון ר׳ יהושע לייב דיסקין, האָבן באַקומען רשות צו פאַרברענגען מיט דעם עילוי אַ געוויסע צייט אין טאָג.

די רייכע פאַמיליע יעקובסון האָט זיך שפּעטער אַריבערגעצויגן קיין פּעטערבורג. און דאָ הייבט זיך אָן פאַרן יונגן עילוי אַ נייער פּעריאָד: זיין גרויסער דורשט נאָך וויסן האָט געפונען דאָ, אינעם גרעסטן רוסישן צענטער פון השכלה, דעם אמתן קוואַל פון חכמה און וויסנשאַפט. ער הייבט אָן צו שטודירן פרעמדע שפּראַכן, כדי עס זאָלן זיך פאַר אים עפענען די טויערן פון דער וויסנשאַפט. באַזונדערס האָט אים אינטערעסירט מעדיצין. ער האָט דורכגעאַרבעט די גאַנצע מעדיציניש ענציקלאָפּעדיעס. ער איז געווען אַבאָנענט אויף פיל מעדיציניש צייטשריפטן, וועלכע פלעגן דערשיינען אין דייטשלאַנד און אין ענגלאַנד. אַפילו שפּעטער, אַז ער איז שוין געווען רב אין לובלין, האָט ער ניט אויפגעהערט לייענען מעדיציניש צייטשריפטן; די דאָקטוירים פלעגן אים אַ מאָל צוציען צו די קאָנסולטאַציעס. זיין מוח איז געווען אַ מין פאָטאָגראַפישער אַפּאַראַט, וואָס האָט אַלץ אָפּפאָטאָגראַפירט, און אַזוי איז ער דאָרט געבליבן אויף שטענדיק מיט אַלע פּרטים.

אויך מעכאַניק האָט אים זייער אינטערעסירט. ווען עס האָבן זיך באַוויזן צום ערשטן מאָל די קינאָס, איז דער גאון ר׳ אליהו געווען פון די ערשטע אין מאַריאַמפּאָל זיך איינצושאַפן אַ פּראָיעקציאָנס־אַפּאַראַט.

## ג

פּעטערבורג האָט אים אָבער געבראַכט אַחוץ דעם פאַרגעניגן פון וויסנשאַפט, אויך אַ גרויסן צער: דאָס לעבן אין דער רוסישער הויפּט־שטאָט האָט זייער שלעכט געווירקט אויף דעם הויז פון דער פאַמיליע נחמן יעקובסון, דעם שווער פון ר׳ אליהו. זיי זיינען ביסלעכווייז אַריינגעצויגן געוואָרן אין אַסימילאַציע; און עס האָט זיך געשאַפן אַן אַטמאָספער, אין וועלכער עס איז מער ניט געווען קיין פּלאַץ פאַר דעם „שימבורגער עילוי״. ער האָט געגעבן זיין ווייב אַ גט און איז אַוועק קיין איישישאָק צו די פּרושים. דאָרט האָט ער זיך נאָך שטאַרקער פאַרטיפט אין תורה און חכמה, כדי צו דערטרינקען זיין צער, וואָס זיין ערשטע פרוי האָט אים פאַרשאַפט. — (זיין ערשטע פרוי האָט אים געבוירן איין זון און צוויי טעכטער. דער זון און די עלטערע טאָכטער זיינען געווען זייער באַגאַבטע מענטשן: ער — אַן אַגראָנאָם און זי אַ דאָקטאָר־מעדיצין, האָט חתונה געהאַט מיטן דאָקטאָר תגר אין פּעטערבורג).

צוויי יאָר שפּעטער האָט ער חתונה געהאַט צום צווייטן מאָל מיט דער טאָכטער פונעם באַרימטן גאון ר׳ מרדכי ליבשיטץ (רב אין סעמיאַטיץ, וואָלקאָוויסק, נאָוואָהרודאָק און סעדליץ, מחבר פון די ספרים: „ברית יעקב״ און „בית מרדכי״. פון דער משפחה פון מהר״מ מלובלין; ר׳ שמחה ראַפּאָפּאָרט, אב״ד אין הורודנא, לובלין און לבוב; ר׳ צבי הירש, מחבר פון: „חמדת צבי״, רב ארן לוקאש, וואהלין; ר׳ מרדכי יפה, בעל „הלבושים״). זיין צווייטע פרוי, ליבע־יענטע, די מוטער פון ד״ר יעקב קלאַצקין, איז געווען אַן אויסערגעוויינלעך קלוגע פרוי; זי האָט אויך פאַראייניקט אין זיך תורה און יראת־שמים מיט השכלה און חכמה. זי האָט געלערנט משניות, מדרשים און ספר מוסר און פרעמדע שפּראַכן, ווי דייטש און פראַנצויזיש. זי האָט געהאַט גרויסע בקיאות אין תנ״ך מיט מפרשים ווי: אבן עזרא, רש״י, רד״ק און אַנדערע. אויך איז זי געווען אַ בקיאה אין ספרי דקדוק פון העברעאיש און האָט זיך אויסגעצייכנט מיט איר העברעאישן סגנון, וואָס האָט געצויגן זיין יניקה פון די ערשטע מקורות און איז געווען געפעפערט מיט אַ בייסנדן הומאָר, פון וועלכן די בעסטע שרייבער פון יענער צייט, ווי אבן־אביגדור און אַנדערע, האָבן געלעקט די פינגער.

ד״ר קלאַצקין האָט מיר דערציילט, אַז זיין פאָטער, דער גאון ר׳ אליהו האָט זיך נוהג געווען עפּטערס פאַרצוטראָגן פאַר איר זיינע דרשות איידער ער פלעגט זיי האַלטן פאַרן עולם. גאַנץ אָפט האָט זי געהאַט עפּעס איינצואווענדן אָדער עפּעס צוצוגעבן.

פון זיין צווייטער פרוי זיינען אים געבוירן געוואָרן צוויי זין און צוויי טעכטער. אַחוץ ד״ר י. קלאַצקין, האָט ער געהאַט אַ זון משה, וועלכער איז געווען אַ גדול בתורה און סטודענט פון דער מעדיצין. ער איז געשטאָרבן זייער יונג (23 יאָר).

אינעם יאָר תרמ״א איז ר׳ אליהו געוואָרן רב אין קאַרטוז בערעזאַ; (דאַן גראָדנער גובערניע); תרנ״ד — אין מאַריאַמפּאָל (דאַן סואוואַלקער גובערניע). תר״ע — אין לובלין. אינעם יאָר תרפ״ח האָט ער פאַרלאָזן לובלין, ניט קוקנדיק אויף די בקשות פון די לובלינער יידן, ער זאָל זיי ניט פאַרלאָזן. דאָס רבנות איז אים זיין גאַנץ לעבן געווען לעול ולמשא. אויף דער עלטער האָט ער באַשלאָסן זיך צו ווידמען אין גאַנצן דעם לימוד התורה, און ר״ח אלול תרפ״ח איז ער אַוועקגעפאָרן קיין ארץ־ישראל, וואו ער איז פאַרבליבן אויף אייביק. דעם רעשט פון זיין לעבן האָט ער נאָר עוסק געווען אין תורה און האָט דערגרייכט גבורות. ער איז נפטר געוואָרן אַ בן־שמונים (אין חודש אייר תרצ״ב).

ר׳ אליהו קלאַצקין האָט אָנגעשריבן אַ גאַנצע ריי פון ספרים אין לומדות און דרוש, וועלכע זיינען גלייכצייטיק אָנגעפּיקעוועט מיט אָפּהאַנדלונגען איבער מעדיצין און מאַטעמאַטיק, אויף וויפל זיי האָבן אַ שייכות מיט אויסטייטשונג פון פאַרשיידענע הלכה־פּראָבלעמען. זיינע ספרים זיינען: „אבן הראשה״; „אמרי שפר״; „דבר אליהו״; „דבר הלכה״; „מלואים; מילואי אבן״; „דברים אחדים״; „חיבת הקודש״; „אבן פינה״ (אין דעם דאָזיקן ספר געפינען זיך אויך תשובות אויף די פּלפּולים און איינווענדונגען פון זיין זון יעקב קלאַצקין אין זיין רבנישן ספר: „פרחי אביב״, וואָס ער האָט פאַרפאַסט ווען ער איז געווען אַ ייִנגל פון 13 יאָר). אין רוסיש: אַ בראָשורע מיטן

נאָמען: „סטאַטיאי אי רעטשי“. אין זיין ספר: „אבן הראשה“ באַשעפטיקט ער זיך אויך מיט מאַטעמאַטיק; און אין „אמרי שפר“ ווייזט ער אַרויס אַ טיפן און ברייטן וויסן אין פילאָזאָפיע און אין דער מעדיצינישער ליטעראַטור, וואו ער רעדט אַרום די פראַגע וועגן וויוויסעקציע, וועגן מאַכן עקספּערימענטן אויף לעבעדיקע חיות און איר פּלאַץ אין דער תלמודישער ליטעראַטור. אין דעם זעלבן ספר פּאָלעמיזירט ער אויך מיט די קריסטלעכע צער־בעלי־חיימניקעס, וואָס פירן אַ מלחמה קעגן דער יידישער שחיטה. וועגן פּראָבלעם פון שחיטה איז ער זיינערצייט געשטאַנען אין פאַרבינדונג מיטן ד״ר דעמבאָ, וועלכער האָט דעמאָלט פאַרטיידיקט די שחיטה אַקעגן די רוסישע אַנטיסעמיטן און האָט ביי אים, ביי ר׳ אליהו, געפרעגט געוויסע זאַכן, וואָס האָבן אַ שייכות צום דין און צו מעדיצין.

נאָך אין זיין יוגנט (ער איז דעמאָלט געווען אַלט 23 יאָר) האָט דער מלבי״ם אויף אים געשריבן, אַז אין אונדזער דור איז ניטאָ נאָך איינער גלייך צו אים אין בקיאות און חריפות. מיט דער צייט האָט דער יונגער עילוי און דער גרויסער איש־ההלכה דערגרייכט די מדרגה פון דעם גאון בהלכה למעשה (אויך אין דער פּראַקסיס) און איז פאַררעכנט געוואָרן אַלס דער גרעסטער פּוסק אין זיין צייט. פון ארבע פינות עולם פלעגט מען שיקן צו אים שאלות און כל מיני הלכות.

## ד

## ד״ר יעקב קלאַצקין

אָט אין אַזאַ אַטמאָספער פון תורה און חכמה במקום אחד איז דערצויגן געוואָרן דער יונגער קלאַצקין. ער איז געבוירן געוואָרן אינעם יאָר תרמ״ב אין קאַרטוז־בערעזאַ, וואו דער גאון ר׳ אליהו איז דעמאָלט געווען רב, און ביז אַ יאָר צוועלף האָט ער געלערנט אין חדר. צו זיין בר־מצווה איז ער שוין געווען אַ גרויסער למדן און אַ בקי אין תלמוד מיט מפרשים, פּוסקים און שאלות ותשובות. צו זיבעצן יאָר האָט ער געשריבן תשובות אויף די שאלות וועלכע רבנים פלעגן שיקן צו זיין פאָטער. איין תשובה האָט ער געשריבן צום קעניגסבערגער רב — רבי עזרא מונק, וועלכער איז שפּעטער געוואָרן דער הויפּט־ראַבינער פון דער „עדת ישראל“־געמיינדע אין בערלין.

אין יענער צייט האָט זיך דערוועקט אין זיין נשמה דער גרויסער דראַנג צו השכלה. ס׳איז אַ זעלבסטפאַרשטענדלעכקייט, אַז אין אַזאַ הויז, וואו דער פאָטער, דער תלמיד־גאון האָט געשריבן אָפּהאַנדלונגען איבער מאַטעמאַטיק און מעדיצין, האָט אויך דער זון געמוזט גיין אויף דעם זעלבן וועג און ער איז טאַקע געגאַנגען.

ווען מען דערמאָנט זיך אָן די אינערלעכע און אויסערלעכע מלחמה פאַר השכלה פון אַ סמאָלענסקין, אָדער פון אַ פייערבערג, מוז מען צוגעבן, אַז אין דעם פּרט איז ד״ר י. ק. אַ גליקלעכער מענטש. ער האָט ניט



געהאַט קיינע מלחמות; ער האָט ניט דורכגעמאַכט קיינע אינערלעכע טראַגעדיעס, ווי בערדיטשעווסקי, למשל, פון „צעשטערטע הייליקטימער אין מענטשנס האַרץ“. אין זיין האַרץ איז ניטאָ קיינע „חורבות“, נאָר „בנינים“. ענלעך צו זיין פאָטער, האָט ער אויך פּאַראייניקט אין זיין האַרץ תורה מיט השכלה, פּלפּול מיט פילאָזאָפיע, וועלכע האָבן געלעבט בשלום איינס מיט דעם אַנדערן.

מיט ברען וואַרפט ער זיך אַריין אין דער ציוניסטישער אַרבעט. זיינע ציוניסטישע שריפטן זיינען קלאַסיש און פיל טרינקען עד היום פון זיין קוואַל. און גאָר אין גיכן וואַקסט אויס פאַר אונדז דער שרייבער און פילאָזאָף, ד״ר יעקב קלאַצקין.

זיין ערשטער וועג האָט אים געפירט קיין דייטשלאַנד — דער מרכז פון חכמה און השכלה אין יענער צייט. ער האָט ניט באַגעגנט אויף זיין וועג קיין שום



הרב א. קלאַצקין

שטערונג מצד זיינע עלטערן. דער גאון ר׳ אליהו מיט זיין גרויסער תמימות האָט בשום אופן ניט געקאָנט פאַרשטיין, פאַרוואָס מע פאַרשרייט אַזוי השכלה, אַז זי קאָן אַראָפּפירן פון דרך הישר. „אדרבא“ — האָט ער געטענהט — וואָס מער וויסנשאַפט מען דעראָבערט, אַלץ טיפער קאָן מען אַריינדרינגען אין די סודות פון דער וועלט און זען בעסער די נפלאות הבורא. די מוטער האָט אַפילו יאָ אַ ביסל מורא געהאַט אַז איר זון זאָל, חלילה, ניט אַראָפּ פון גלייכן וועג; אָבער אַז זיי, די מענער, זאָגן, אַז ס׳איז ניט קיין סכנה, וואָס זאָל זי זיך שטעלן אַנטקעגן?

✶

קלאַצקין איז אַוועק קיין מאַרבורג צו הערן תורה אין דער חכמת הפילאָזאָפיע פון דעם גרויסן און דעמאָלט וועלט־באַרימטן פּראָפעסאָר הערמאַן קאָהען.

שטאַרק איז געווען דער איינפלוס וואָס דער מאַרבורגער פילאָזאָף האָט אויסגעאיבט אויף דעם יונגן קלאַצקין. שפּעטער, אַז ער איז שוין אַליין געווען אַ פילאָזאָף, אין וועמעס מוח עס האָט זיך אויסקריסטאַליזירט אַן אייגענע פילאָזאָפישע שיטה, — האָט ער פאַרפאַסט אַ בוך איבער דער שיטה פון זיין גרויסן רבין אונטער דעם קאָפּ: „הערמאַן קאָהען".

נאָך אַנדערטהאַלבן יאָר אין מאַרבורג איז ד"ר קלאַצקין אַוועק קיין בערן אין דער שווייץ פאָרצוזעצן דאָרט זיין שטודיום אין בערנער אוניווערזיטעט. דאָ, ווייט פון זיין רבין, הערמאַן קאָהען, האָט ער דורכגעטראַכט און בעסער אויפגעפאַסט זיין לערע און ער איז געבליבן זיין פאַרערער די גאַנצע צייט.

די דעמאָלטיקע תקופה, אין אָנפאַנג פונעם היינטיקן יאָרהונדערט, ווען ד"ר ק. האָט געענדיקט דעם בערנער אוניווערזיטעט, — איז געווען רייך אין גרויסע יידישע געשעענישן. ס'איז געווען, פון איין זייט, די פרילינגס־תקופה פונעם פּאָליטישן ציוניזם, און פון דער אַנדערער זייט — די רעוואָלוציאָנערע באַוועגונג. אַ גרויסע כוואַליע פון אויסוואַנדערער האָט זיך אַ גאָס געטאָן פון בלוטיקן צאַרישן רוסלאַנד; אַ כוואַליע וואָס האָט ניט געהאַט קיין באַשטימטע ריכטונג. מען איז געלאָפן, וואו די אויגן האָבן געטראָגן. און דאָ האָט זיך ק. מיט זיין גאַנצן יוגנטלעכן פייער גענומען צו דער אַרבעט: עס האָט זיך פאַר אים אָנגעהויבן אַ פעריאָד פון געזעלשאַפטלעכער אַרבעט, וועלכע האָט אים צוזאַמענגעבראַכט מיט די גרעסטע פערזענלעכקייטן פונעם דעמאָלטיקן געזעלשאַפטלעכן לעבן.

גאָר אין גיכן זעען מיר אים אין דער שפּיץ פון יידישע אינסטיטוציעס. פאַר רעגולירן די יידישע אויסוואַנדערונג; ער באַרייזט גאַנץ אייראָפּע — אין דער לענג און אין דער ברייט; מיר זעען אים בראש פון רעדאַקציעס; גיט אַליין אַרויס צייטונגען, אָרגאַניזירט פּראָטעסט־מיטינגען, — בקיצור — ער ווערט איינער פון די מעכטיקסטע פערזענלעכקייטן, וואָס האָבן אָנגעפירט מיט דעם גורל פונעם יידישן פאָלק אין דעם ערשטן פערטל פונעם היינטיקן יאָרהונדערט.

שוין אַלס אָנגעזעענער שרייבער, רעדנער און אָרגאַניזאַטאָר ווערט ער אין אָנהייב היינטיקן יאָרהונדערט איינגעלאַדן פונעם „הילפספאַראיין פון די דייטשע יידן", בראש פון וועלכן עס איז געשטאַנען דער באַרימטער יידיש־דייטשער מנהיג — פּאַול נאַטהאַן, — צו קומען קיין בערלין כדי איבערצונעמען די פירונג פונעם עמיגראַציאָנס־ביוראָ אין ברעמען, וועלכעס האָט זיך באַשעפטיקט מיט די יידישע דורכוואַנדערער פון מזרח־אייראָפּע און אין וועלכן עס האָט דאַן געהערשט אַ שלעכטע ווירטשאַפט. אָבער אַחוץ דער דאָזיקער אויפגאַבע האָט אים פּאַול נאַטהאַן אָנפאַרטרויט אַ צווייטע, אַ זייער וויכטיקע מיסיע, וואָס האָט געשמעקט מיט גרויס ריזיקע און מסירות נפש: פּאַול נאַטהאַן, וועלכער האָט דעמאָלט אַנטוויקלט אַ זייער גרויסע יידישע געזעלשאַפטלעכע טעטיקייט, האָט געזאַמלט גרויסע סומעס כדי צו אָרגאַניזירן די „סאַמאָאָבראָנע" (זעלבסט־פאַרטיידיקונג) צווישן די רוסישע יידן אין די יאָרן 1906—1905, אין דער עפּאָכע נאָכן קישיניאָווער פּאָגראָם. אָט די דאָזיקע וויכטיקע געהיימניש־פולע אַרבעט האָט פּאַול נאַטהאַן אָנפאַרטרויט דעם יונגן קלאַצקין.

מיט אַ ברוינינג אין דער קעשענע, אַ גוט אויסגעאַרבעטן פּלאַן פון דער „סאַמאָאָבראָנע" און אַ פרעמדן פּאַספּאָרט (אויפן נאָמען פונעם באַקאַנטן העברעאישן שריפטשטעלער ש. פערעלמאַן, נאָכפאָלגער פון דירעקטאָר ד"ר ניסן טוראָוו ביים העברעאישן לערער־סעמינאַר אין באָסטאָן) — האָט דער יונגער קלאַצקין באַרייזט גאַנץ רוסלאַנד; און איבעראַל האָט ער געזאַמלט די יידישע יוגנט, זיי אויפגעקלערט און אָרגאַניזירט פאַר דער הייליקער אַרבעט פון זעלבסטשוץ פון די יידישע מאַסן אַנטקעגן די רוסישע פּאָגראָמשטשיקעס. — אין פאַרבינדונג מיט דער אַרבעט פונעם „הילפספאַראיין" האָט י. ק. דאַן אויך באַזוכט אַמעריקע, וואו ער האָט פאַרהאַנדלט מיט די יידישע פירער צו רעגולירן דעם עמיגראַציע־שטראָם פון מזרח־אייראָפּע קיין אַמעריקע.

צוריקקומענדיק פון אַמעריקע, האָט זיך דער יונגער ק. אַריינגעוואָרפן אין דער ציוניסטישער אַרבעט. ער איז (אינעם יאָר 1908) איינגעלאַדן געוואָרן פונעם דעמאָלטיקן פּרעזידענט פון דער ציוניסטישער אָרגאַניזאַציע, דוד וואָלפסאָן, זיך צו שטעלן בראש פונעם באַרימטן ציוניסטישן אָרגאַן, געגרינדעט דורך ד"ר הערצל, — „די וועלט".

ק. האָט אַריינגעבראַכט לעבן און שוואונג אין דער צייטונג. ער האָט זי באַלעבט אויסערלעך און אינערלעך. ער האָט אויך אַרויסגעגעבן דעם ערשטן אילוסטרירטן הערצל־נומער פון „די וועלט". שפּעטער איז ער געוואָרן דער לייטער פונעם הויפּט־ביוראָ פון נאַציאָנאַלפאָנד.

אין דער צייט פון ערשטן וועלט־קריג געפינען מיר אים אין דער נייטראַלער שווייץ, דאָרט רעדאַגירט ער אַ פראַנצויזישע צייטשריפט. ער אַנטוויקלט אויך אַ גוואַלדיקע פּראָטעסט־באַוועגונג קעגן די באַרבאַרייען פון די צאַריסטישע אַרמיי־פירער בראש מיטן טרויעריקבאַרימטן פעטער פונעם צאַר, ניקאָלאַי ניקאָלאַיעוויטש, וועלכער האָט דאַן אַזוי אַכזריותדיק אַרויסגעריסן פון זייערע היימען און פאַרטריבן אין די סיבירישע וויסטענישן הונדערטער טויזנטער יידישע פאַמיליעס פון קאָוונער גובערניע און פון די שכנישע גרענעץ־געגנטן.

אָבער דאָס אַלץ האָט קלאַצקינען ניט באַפרידיקט: פאַר זיינע אויגן האָט שטענדיק געשוועבט דער געדאַנק צו שאַפן אַ מאָנומענטאַל גייסטיק ווערק פאַרן יידישן פאָלק: די ענציקלאָפּעדיאַ יודאַאיקאַ. עס איז אים געלונגען צו פאַראינטערעסירן מיט דער אידעע דעם גרויסן יידיש־דייטשן מעצענאַט יאַקאָב גאָלדשמידט און אין אַ קורצער צייט האָט ד"ר י. ק. געגרינדעט צוזאַמען מיט

נחום גאָלדמאַן דעם פאַרלאַג „אשכול", וועגן וועלכן עס לוינט זיך אָפּצושטעלן אַ ביסל באַריכות.

ד"ר יעקב קלאַצקין איז געווען ווי באַרופן פאַר אַזאַ מין אונטערנעמונג. חוץ זיין גרויסן ענציקלאָפּעדישן וויסן, חוץ זיין אויסעראָרדנטלעך שיינעם און געטאָקטן סטיל, וואָס איז גלייכצייטיק אַזוי פּרעציז און קלאָר, פאַרמאָגט ער נאָך די שיינע מדה פון פּשטות — ער מאַכט ניט קיין וועזן פון זיך, האָט ליב מענטשן און איז צוגעלאָזן צו מענטשן. אויך אין זיין שיחת־חולין איז ער אינטערעסאַנט און אָנציִענד — הייבט ער אָן צו ריידן, שיטן זיך ממש פּערל פון זיין מויל. ער בליצט מיט אַפאָריזמען, געדאַנקען און גלייכווערטלעך. און אַוואו ער קומט, שאַפט ער גלייך אַרום זיך אַ סביבה, אין וועלכער ער ווערט די צענטראַלע פיגור.

אַזאַ מין צענטער האָט זיך אַרום אים געבילדעט אין בערלין, וואו איך האָב באַגעגנט ד"ר י. קלאַצקין צום ערשטן מאָל אין מיין לעבן.

בעת מיין זיין אין בערלין האָב איך געהאַט אַ שטאַרקע נטיה צום הויז נומ' 102 ביסמאַרקשטראַסע, וואו עס האָט זיך געפונען דער „אשכול"־פאַרלאַג, וואָס האָט מיט זיך פאָרגעשטעלט, ווי ביאַליק האָט זיך אויסגעדריקט, דעם „בית היוצר לנשמת האומה" (דער שאַפונגספלאַץ פאַר דער פאָלקס־נשמה) אין פולן זין פון דאָזיקן אויסדרוק.

אַחוץ דער דאָפּלטער „ענציקלאָפּעדיע יודאַאיקאַ" (אין העברעאיש און דייטש), וואָס פלעגט דאָרט דערשיינען, פלעגט דער „אשכול"־פאַרלאַג נאָך אַרויסגעבן פאַרשיידענע אַלגעמיינע ביכער. קודם כל זיינען פון דעם פאַרלאַג אַרויסגעגעבן געוואָרן אַ ריי פילאָזאָפישע ווערק פון י. קלאַצקינען אַליין, ווי: „שקיעת החיים", „זוטות", „משנת ראשונים"; „אַנטאָלאָגיע פון דער מיטלאַלטערלעכער — העברעאישער און אַראַבישער — פילאָזאָפיע", „אוצר המונחים הפילוסופיים" אין 4 בענדער. אַחוץ דעם: „ספר הדמעות" אין 3 בענד פון ד"ר ש. בערנפעלד; „מחברות עמנואל הרומי" (דורך פּראָפ. בראָדי); תורת הקבלה של ר' משה קורדובירו פון ד"ר ש. א. הורודצקי א. אַ. וו.

אָבער דער גרעסטער צויבער, מיט וועלכן דאָס הויז האָט געכישופט, איז געווען דער קרייז פון די חכמים און סופרים, וואָס האָבן זיך דאָרט קאָנצענטרירט אַרום דער פּערזאָן פון יעקב קלאַצקין. פון די שטענדיקע מיטאַרבעטער זיינען דאָרט געווען: ד"ר מ. סאָלאָווייטשיק (פון קאָוונע) — אַ גליקלעכע צונויפשמעלצונג פון אַ ציוניסטישן כלל־טוער און אַ ביבל־פאָרשער; ברוך קרופּניק — געשיקטער זשורנאַליסט, — שפּעטער מיטרעדאַקטאָר פון „הארץ" און איבערזעצער פון דובנאָוו; ש. א. האָראָדעצקי — באַקאַנטער חסידות־און קבלה־פאָרשער, אַליין אַ חסיד און אַ מקובל, אַן אייניקל פון דער גרויסער טשערנאָבאַלער דינאַסטיע; י. נ. שמחוני, ז"ל — אַ ליטעראַטור־גאון, וועמען ח. נ. ביאַליק האָט שטאַרק געאַכטעט ווי אַ פענאָמענאַלן געלערנטן — אין העברעאיקאַ און יודאַאיקאַ פון אַלע צייטן. ער האָט געוואוסט בעל־פּה הונדערטער ביכער פון דער שירת ימי הבינים. בנוגע צו אים האָט קלאַצקין זיך אויסגעדריקט: ניט דער, וואָס האָט געשאַפן דעם פאָנד פאַרן פאַרלאַג — יעקב גאָלדשמידט פון דאַרמשטאַטער באַנק, איז געווען דער עיקר ביים אַרויסגעבן די ענציקלאָפּעדיע, נאָר דער פאָנד פון וויסן, וואָס הייסט „שמחוני".

לײדער, איז ער פרי אַוועק פון עולם החי.

חוץ דעם זיינען ביים פאַרלאַג געווען שטאַרק טעטיק: מ. אַ. זשאַק — אַ שרייבער, אַן עניו, מיט אַ פיינעם קינסטלערישן סטיל; י. ד. באָרנשטיין, דער אויסטייטשער פון ביאַליקן — פאַר זיך אַליין אַ לעבעדיקע ענציקלאָפּעדיע פון אונדזער אַלטער און נייער ליטעראַטור. אויך האָט איר דאָרט געקאָנט טרעפן אַלע גדולים פון בערלין — פּאָליטיקער, שרייבער, קינסטלער. איר האָט זיך דאָרט באַגעגנט מיט דעם העברעאישן סאָציאָלאָג ד"ר יחזקאל קויפמאַן, דער מחבר פון „גולה ונכר"; ד"ר צבי ווייסלאַוווסקי, מיטרעדאַקטאָר פון „מאזנים"; פּראָפ' קויגען און נחום גאָלדמאַן, פּראָפ' עלבאָגן, ד"ר מ. ווישניצער, ד"ר ברוצקוס, י. גוטמאַן און ד"ר משה צאַבעל — אַלע מיטרעדאַקטאָרן פון דער ענציקלאָפּעדיע. אינעם צענטער פון דער גאַנצער חברה איז געווען, פאַרשטייט זיך, ד"ר י. קלאַצקין, ווי דער הויפּט־רעדאַקטאָר פון די ענציקלאָפּעדיעס.

לײדער זיינען נאָר דערשינען פון דער דייטשער אויסגאַבע צען בענד און פון דער העברעאישער נאָר צוויי בענד. די ווילדע היטלער־„קולטור" האָט געמאַכט אַ סוף צו ד"ר קלאַצקינס אַספּיראַציעס.

## שלילת־הגלות

עס איז שווער צו ריידן וועגן ד"ר יעקב קלאַצקינס פילאָזאָפישער און לעבנס־שיטה, ווי וועגן עפּעס גאַנצס, אָפּגעשלאָסנס. עס ליגן אַ סך פון זיינע ווערק אין מאַנוסקריפּטן, ניט געדרוקטע נאָך; באַמערקנסווערט און ווערטפול אין דעם פּרט זיינען זיינע אינטערוויוען, וואָס ער האָט געגעבן אין „מאָרגנזשורנאַל". דאָ ווייזט ער זיך אַרויס, ווי אַ רעוואָלוציאָנער, ווי אַן אָנקלאָגער קעגן די געזעלשאַפטלעכע רעדל־פירער אונדזערע, קעגן זייערע פאַלשע דרכים און אויסטייטשונגען. דאָ איז ער מער פּראַקטיקער, ווי פילאָזאָף, אָבער שטענדיק באַגלייט פון זיין קריטיש־פילאָזאָפישן צוגאַנג צו פּראָבלעמען, דורכגעדרונגען מיט דער שטענדיק־איינציקער אידייע פון אמת־ און יושר אויף דער וועלט.

זיין שיטה שטיצט זיך אויף ביאָלאָגישע יסודות, ד. ה. זי איז אַ ביאָ־פילאָזאָפישער סיסטעם, וואָס פאַרנעמט זיך מיט לאָגיק, עטיק און עסטעטיק.

פאַרשטייט זיך, כדי צו באַגרייפן, אין וואָס באַשטייט ד"ר קלאַצקינס פילאָזאָפישע שיטה מוזן מיר אָפּשיקן דעם לייענער צו די ביכער, וואָס ד"ר קלאַצקין האָט

אַרויסגעגעבן. און אַזעלכע ביכער זיינען דערשינען שוין אַכצן, ס׳רוב געשריבן אין העברעאיש, דייטש און איין בוך אין יידיש.

ד״ר קלאַצקין איז געווען זייער פּראָדוקטיוו אין זיין שאַפן. שוין צו 15 יאָר האָט ער אָנגעשריבן אַ ספר מיטן נאָמען „פרחי האביב״ (פּרילינג־בלומען), וואָס איז דער־שינען ערשט אין 5 יאָר שפּעטער (אין 1902). דאָס בוך אַנטהאַלט תשובות און חידושי תורה. די ווייטערדיקע ביכער פון ד״ר קלאַצקין זיינען: „אנטולוגיה של הפילו־סופיה העברית״ (1926), פון 34 יידישע און 13 אַראַבישע פילאָזאָפן, מיט באַמערקונגען פון מחבר; „אוצר המונחים הפילוסופיים״ (תרפ״ח — תרצ״ד, אין 4 בענדער); „משנת ראשונים״ — ס׳רוב איבערזעצונגען פון אַלט־גריכישע פילאָזאָפן; „קרעים״, „תחומים״, „שקיעת החיים״; דאָס ווערק „דער דערקענטעניס־טריב אַלס לעבן און טאָ־דעס־פּרינציפּ״; „ברוך שפינאזה, חייו, ספריו, שיטתו״, „תורת המדות״, (העברעאישע איבערזעצונג פון שפּינאָזאָס „עטיק״), „זוטות״ (קליינינקייטן) — זאַמלונג פון אַפאָ־ריזמען אויף פאַרשיידענע געביטן פון לעבן; „הרמן כהן, שיטתו ותורתו״, „דויטשטום און יידנטום״ — אַן ענטפער צו הערמאַן קאָהען און אַנד.

מ׳דאַרף האָפן, אַז ס׳וועלן זיינע נאָך ניט־געדרוקטע מאַנוסקריפּטן דערשיינען אויף דער ליכטיקער וועלט, וואָס וועלן געבן נאָך אַ בעסערן איינבליק אין דער לעבנס־פילאָזאָפיע און וועלט־אַנשויאונג פון ד״ר יעקב קלאַצקין.

אין „שקיעת החיים״ (אויך אַ טייל אין זיין גרויסער אָפּהאַנדלונג „הסגר שיטה ומעבר לה״) געפינען זיך אַ סך פון די הויפּט־געדאַנקען פון דער ביאָ־פילאָזאָפישער שיטה, וואָס איז אויספירלעך באַהאַנדלט אין זיין דייטשן בוך „דערקענטניס־טריב״.

אין „פּראָבלעמען פון מאָדערנעם יידנטום״, וואָס איז אויך איבערזעצט אין יידיש, באַהאַנדלט קלאַצקין דאָס פּראָבלעם פון שלילת־הגלות פון אַן אייגנאַרטיקן שטאַנד־פּונקט.

ער פאַרניינט דעם גלות אַלס צוקונפט פון יידישן פאָלק, אָבער אין דער גלייכער צייט פאַרלאַנגט ער, אַז עס זאָל אַלץ געטאָן ווערן כדי צו דערהאַלטן דאָס יידנ־טום אין גלות. ער באַהויפּטעט, אַז די ציוניסטישע אידעע באַפרייט אונדז ניט פון יידישע אויפגאַבן אין די גלות־לענדער, נאָר להיפוך, זי פאַרפליכטעט אונדז צו ראַטעווען אַלץ וואָס איז יידיש און לייגט אַרויף אויף אונדז נאָך פאַרשיידענע חומרות אין גלות (ער רופט עס „מצוות התלויות בגלות״).

גריגאָרי אַראָנסאָן

# לעאנטי בראמסאן און די פעטערבורגער פאליטיק

לעאָנטי בראַמסאָן איז געשטאָרבן אין מערץ 1941 אין „ווישי״ — פראַנקרייך, אין דער צייט פון דער דיי־טשער אָקופּאַציע. ער איז געווען אַן אומדערמידלעכער רייזנדער, אַ „פליענדער האָלענדער״. אין פראַנקרייך, ווי אין דייטשלאַנד, ענגלאַנד, אין דרום־אַמעריקע און אין די פאַראייניקטע שטאַטן האָט מען אים געקענט אויס־שליסלעך ווי אַ יידישן געזעלשאַפטלעכן טוער, ווי דעם אָנפירער פון „אָרט״. אין משך פון צוויי צענדליקער יאָרן איז לעאָנטי בראַמסאָן טאַקע געווען די לעבעדיקע פאָן פון „אָרט״, אונטער וועלכער ער האָט געזאַמלט מענטשן, פאַרבינדונגען, פּרעסטיזש און געלט. ווען מיט עטלעכע יאָר צוריק האָט דער פאַרבאַנד פון די רוסישע יידן פאַר־עפנטלעכט אין זיין זאַמלבוך „יעווריעיסקי מיר״ (אין רוסיש) אַ ריי אַרטיקלען וועגן בראַמסאָנען, זיינען זיי געווען געווידמעט הויפּטזעכלעך זיין טעטיקייט אַלס פירער פון „אָרט״, אַלס דער יידישער געזעלשאַפטלעכער טוער. דאָס איז אויך געווען פאַרשטענדלעך אין אַמעריקע, וואו דער נאָמען בראַמסאָן איז געווען באַקאַנט נאָר אין פאַר־בינדונג מיט זיין „אָרט״־אַרבעט. אָבער דאָס איז דער־גרייכט געוואָרן על חשבון פון זיין אַלגעמיינער פּאָליטי־שער און געזעלשאַפטלעכער טעטיקייט, וואָס איז דורכ־געגאַנגען און האָט זיך געשטאַלטעט אין דעם פאַררעוואָלו־ציאָנערן פּעטערבורג. אין משך פון אַ גאַנץ לאַנגן אָפּ־שניט פון זיין לעבן איז לעאָנטי בראַמסאָן געווען אין בוכשטעבלעכן זין פון וואָרט אַ פּראָפעסיאָנעלער רוסישער פּאָליטיקער, און וועגן דעם קאַפּיטל פון זיין ביאָגראַפיע לוינט צו דערמאָנען, ווייל דאָס איז געווען אַ קאָלירפולער און אַן אינטערעסאַנטער קאַפּיטל.

*

אין אָנהייב פון די 90־ער יאָרן פון פאָריקן יאָר־הונדערט האָט בראַמסאָן געענדיקט דעם מאָסקווער אוני־ווערזיטעט, אַריבערגעפאָרן קיין פּעטערבורג, אַריינגע־טראָטן אין באַשטאַנד פון דער פּעטערבורגער אַדוואָקאַטור און אָפּגעגעבן זיך אינגאַנצן מיט דער געזעלשאַפטלעכער אַרבעט. לכתחילה האָט ער געפירט זיין טעטיקייט אין דער „פרייער עקאָנאָמישער געזעלשאַפט״ (וואו ס׳זיינען פאָרגעקומען דעמאָלט די ערשטע קאַמפן צווישן די

מאַרקסיסטן און נאַראָדניקעס) און אין דעם אַ. ג. גע־ציזענעם „קאָמיטעט גראַמאָטנאָסטי", ווייל בראַמסאָן האָט דעמאָלט זיך זייער אינטערעסירט מיט די פראַגן פון פאָלקסבילדונג. אָבער באַלד האָט זיך פאַרברייטערט דער קרייז פון זיינע אינטערעסן: עס איז ממש ניט געווען אין משך פון עטלעכע צענדליק יאָר קיין געזעלשאַפטלעכער ענין אין פעטערבורג, צו וועלכן בראַמסאָן האָט ניט געהאַט קיין שייכות, אין דערצו נאָך אַ סאַמע אַקטיוויסטן.

אין די ראַדיקאַלע קרייזן פון דער רוסישער אינטע־ליגענץ איז ער באַלד געוואָרן אַ בן־בית, אַ שטענדיקער מיטאַרבעטער פון די אַלע „גראָבע" זשורנאַלן פון דער פאָלקישער ריכטונג. אַ לאַנגע צייט האָט ער זיך כמעט אינגאַנצן אָפּגעגעבן אַלס אַן אַדוואָקאַט פאַר פאַבריק־אַרבעטער און, זעלבסטפאַרשטענדלעך, געווען פאַרטראָטן אין באַשטאַנד פון דער „פאַרטיידיקונגס־ביוראָ", וואָס האָט געפירט אַ קאַמף פאַר דער יידישער גלייכבאַרעכטיקונג אין רוסלאַנד, די פאַרטיידיקונג־ביוראָ האָבן געשאַפן די באַרימטע יידישע אַדוואָקאַטן פון יענער צייט (ווינאַ־ווער, סליאָזבערג א. אַ.) דער פאָליצײ־דעפּאַרטאַמענט האָט שטענדיק געהאַט אויף אים אַן אויג; ביי בראַמסאָנען זיינען שטענדיק געווען דורכגעפירט הויזזוכונגען. צו דער צייט פון דער ערשטער רוסישער רעוואָלוציע 1905 איז בראַמסאָן אַריינגעטראָטן אין דעם „באַפרייאונגס־פאַר־באַנד" (סאָיוז אָסוואָבאָזשדיעניאַ"), וואו ער איז צוגע־שטאַנען צו דעם לינקן פליגל. ווען אין 1905 יאָר האָט זיך געשאַפן דער „פאַרבאַנד פון די פאַרבאַנדן" („סאָיוז סאָ־יוזאָוו) — אַן אייגנאַרטיקע פאָרם פון דער צווישנפּאַר־טייאישער קאַאַליציע צווישן פאַרשיידענע גרופּעס פון דער דעמאָקראַטישער אינטעליגענץ, — איז לעאָנטי בראַמסאָן געוואָרן די נשמה פון דער דאָזיקער פאַראייניקונג. דער פאָליצײ־דעפּאַרטאַמענט האָט ניט לאַנג געוואַרט נאָך דער ליקווידאַציע פון מאָסקווער אויפשטאַנד (דעצעמבער 1905) און אַרעסטירט בראַמסאָנען און אים פאַרשפאַרט אויף עטלעכע חדשים אין דער באַרימטער פעטערבורגער תפיסה — אין „קרעסטי".

*

מען דאַרף זאָגן, אַז ניט דעמאָלט און ניט שפעטער האָט בראַמסאָן ניט אַרויסגעוויזן קיין חשק אָנטיילצונעמען אין דער אַלגעמיינער, אונטערערדישער באַוועגונג. אין 1901 יאָר, ווען ס'איז געשאַפן געוואָרן די פּאַרטיי „סאָצ־יאַליסטן־רעוואָלוציאָנערן", האָבן זיינע פריינד פון די רעוואָלוציאָנערע קרייזן ניט איינמאָל אים פאָרגעלייגט אַריינצוטרעטן אין די רייען פון דער דאָזיקער פּאַרטיי. בראַמסאָן האָט טאַקע אין געהיים און אַפילו עפנטלעך סימפּאַטיזירט מיט די עסערן. אָבער איך געדענק, אַז שוין שפעטער אין אויסלאַנד האָט מיר בראַמסאָן געזאָגט, אַז אים האָט זיך ניט געוואָלט צוליב פרינציפּיעלע טעמים אַריינציען זיך אין דער „אונטערערד". לויט זיינע ווערטער, האָט אים אָפּגעשטויסן די טעטיקייט אין געהיים, איז גע־

וועזן קעגן זיין האַרצן. עס האָט אים געצויגן נאָר דאָס ברייטע פעלד פון דער עפנטלעכער טעטיקייט. ווייל נאָר אין באַדינגונגען, וואו ס'עקזיסטירט אין פולער מאָס דער געזעלשאַפטלעכער קאָנטראָל, איז פאַראַן דער לעבעדיקער געפיל פון אַחריות, האָט ער געזאָגט. אַ צווייטן מאָל, געדענק איך, ביי אונדזערן אַ געשפרעך אויף אַזעלכע טעמעס, האָט בראַמסאָן מיר דערקלערט, פאַרוואָס ער האָט זיך אַנטזאָגט, צוליב ענלעכע טעמים, אַריינצוטרעטן אין איינע פון די מאַסאָנען־לאָזשעס, וואָס זיינען אויפגעקומען אין צייט פון דער ערשטער וועלט־מלחמה אין פעטערבורג און אויך אין דער רוסישער פראָווינץ און וואָס האָבן



לעאָנטי בראמסאָן

געשפּילט אַ גאַנץ באַדייטנדע ראָל אין דער צוגרייטונג און אין גאַנג פון דער רעוואָלוציע 1917, — אַ ראָל, וואָס איז נאָך ביז היינט ניט גענוג באַלויכטן פון די היסטאָ־ריקער און מעמואַריסטן. אָט טאַקע דער צודעק פון גע־היימעניש, וואָס די מאַסאָנען האָבן אָנגעוואָרפן אויף זייער טעטיקייט, האָט געשטערט לעאנטי בראַמסאָנען אָנצושליסן זיך צו זיי, ווי פריער צו די עסערן.

*

אין אַפּריל 1906 האָט ל. בראַמסאָן, ווי ס'איז באַ־קאַנט, באַקומען אַן אַלרוסישן נאָמען: ער איז געווען אויס־געקליבן פון דער קאָוונער גובערניע דורכן יידיש־ליטווישן בלאָק (אַ בלאָק פון יידן — שטאָט־איינוואוינער מיט די ליטווישע פויערים) אין דער ערשטער דומע, אין דעם ערשטן רוסישן פּאַרלאַמענט. אין הסכם מיט זיינע פּאָל־קיסטישע סימפּאַטיעס, איז בראַמסאָן — איינער פון אַלע יידישע דעפּוטאַטן, — אַריינגעטראָטן אין דער פויערים־גרופּע, אין „טרודאָוואיא גרופּאַ", וואו ער איז צוזאַמען

מיט אַלאַדיאַין, אַניקין, זשילקין געוואָרן איינער פון די פירער פון דער פויערישער פראַקציע אין דומע און שפּעטער אין משך פון דעם צענדליק יאָר צווישן ביידע רעוואָלוציעס, געבליבן אין באַשטאַנד פון דעם „קעפּל“ פון די טרודאָוויקעס, אין דומע און אויסער דער דומע. נאָך דעם, ווי די ערשטע דומע איז געווען פאַנאַנדערגעטריבן, איז בראַמסאָן צוזאַמען מיט דער מערהייט פון די דעפּוטאַטן אַרויסגעפאָרן אויף דער באַראַטונג אין פינלאַנד, אונטערגעחתמעט דעם באַרימטן „וויבאָרגער אויפרוף“, געווען געשטעלט צום געריכט, אָפּגעזעסן אַ צייט אין תפיסה און אויף שטענדיק פאַרלוירן דאָס רעכט צו זיין אויסגעוויילט אין פאַרלאַמענט. ער איז געווען געצוואונגען צו באַגרענעצן זיך מיט אַן אומאָפיציעלן אָנטייל אין דער אַרבעט פון די טרודאָוויקעס אין דער 2, 3 און 4 דומעס, — אָבער זיין אָנטייל האָט ער שטענדיק דורכגעפירט מיט דער ענערגיע און עקשנות, וואָס זיינען געווען אַזוי כאַראַקטעריסטיש פאַר בראַמסאָנען.

אין משך פון די צוויי לעצטע דומעס, 1900—14, און באַזונדערס אין דער צייט פון דער ערשטער וועלט־מלחמה האָט זיך אַנטוויקלט אַ שאַרפער קאַמף אין די ברייטע קרייזן פון דער פּעטערבורגער אינטעליגענץ, אַ קאַמף פון צוויי טאַקטיקעס: איינע פון די טאַקטיקעס איז געווען אויסגערעכנט אויף דעם פּראָצעס פון צעפאַלונג פון דער צאַרישער ביוראָקראַטיע, וואָס וועט סוף־כל־סוף מוזן איינגיין אויף געוויסע פּאָליטישע רעפאָרמעס (די דאָזיקע טאַקטיק האָט באַקומען איר בולטן אויסדרוק אין דער אידעע פון „פּראָגרעסיוון בלאָק“, וואָס ס'האָט געשאַפן פּ. מיליוקאָוו), — און די צווייטע טאַקטיק, וואָס איז געווען אָריענטירט אויף אַ נייעם אויפשטייג פון דער רעוואָלוציאָנערער באַוועגונג אין לאַנד; די קאַדעטן האָבן לידירט די ערשטע ריכטונג, די טרודאָוויקעס און סאָציאַל־דעמאָקראַטן האָבן פאַרבונדן זייערע האָפענונגען מיט דער צווייטער ריכטונג. לעאָנטי בראַמסאָן, אויף פאַרשיידענע באַראַטונגען און פאַרזאַמלונגען, וואָס זיינען אין יענע יאָרן פאָרגעקומען אין פּעטערבורג, איז אַרויסגעטראָטן. אַלס אַן אומדערמידלעכער פּראָפּאַגאַנדיסט פון דער לינקער טאַקטיק, וואָס האָט אָפּגעוואָרפן אַלע פּלענער פון „עוואָלוציע“ פון דער אַלטער אָרדענונג און געפירט אומפאַרמיידלעך צו דער פּערספּעקטיוו פון רעוואָלוציע. אין דער דאָזיקער טעטיקייט זיינער האָט זיך בראַמסאָן זייער ענג באַפריינדעט מיט די פירער פון דער דעמאָקראַטישער און סאָציאַליסטישער אָפּאָזיציע אין לאַנד, און באַזונדערס מיט אַלעקסאַנדער קערענסקי. ל. בראַמסאָן האָט אונדז געלאָזן אַ בראָשור „צו דער געשיכטע פון דער „טרודאָוואיא גרופּאַ“, וואָס איז אַרויס אין צוויי אויפלאַגעס, — אַלס אַ זכר פון זיין פאַרבינדונג מיט די טרודאָוויקעס, מיט די פאָרשטייער פון דער פאָרגעשריטענער פּויערים־באַוועגונג אין רוסלאַנד.

אַגב אורחא! ווען איך רייד שוין וועגן דעם „וויבאָרגישן אויפרוף“, דערמאָן איך זיך, אַז אין בערלין אין אונדזערן ס. ד. היסטאָרישן אַרכיוו האָב איך זיך צופעליק אָנגעשטויסן אויף אַ קאָלעקטיווע פאָטאָגראַפיע פון די וויבער פון די „וויבאָרזשצעס“ (פון די דעפּוטאַטן פון דעם ערשטן רוסישן פאַרלאַמענט), — וואָס איז אויפגענומען געוואָרן אויף אַן אָוונט, וואָס האָט לכבוד זיי אָרגאַניזירט דער פירשט בעבוטאָוו, — און צווישן די פרויען האָב איך דערקענט ווערא בראַמסאָן, די פרוי פון לעאָנטי בראַמסאָן. אַ מאָדנער, אַ געהיימנישפולער מענטש איז געווען דער דערמאָנטער פירשט בעבוטאָוו. אין פּעטערבורג האָט ער דעמאָלט אָרגאַניזירט אַ קלוב פאַר דער קאַדעטישער, ליבעראַלער פּאַרטיי. אין בערלין האָט ער געשאַפן אַ גרויסע רוסישע ביבליאָטעק און אַן אַרכיוו, וואָס ער האָט איבערגעגעבן אין רשות צו דער פאַרוואַלטונג פון דער דייטשער ס. ד. פּאַרטיי מיט אַ פאָדערונג, אַז די אַלע ביכער און קאָלעקציעס זאָלן איבערגעגעבן ווערן אַלס געשענק צו דער רוסישער ס. ד. פּאַרטיי (ר. ס. ד. א. פּ.), אָבער נאָר דאַן, ווען ס'וועט קומען די שעה פון פאַראייניקונג פון די באָלשעוויקעס און די מענשעוויקעס... און ס'האָט זיך סוף כל סוף אַרויסגעוויזן, אַז דער פירשט בעבוטאָוו איז געווען, הפנים, אַן אַגענט פון רוסישן פּאָליציי־דעפּאַרטאַמענט.

*

צופעליק איז אין מיינע הענט אַריינגעפאַלן אַ ביכל פון אַ מאָסקווער זשורנאַל: „קאַטאָרגאַ און ססילקאַ“ (נומ. 1 פאַרן 1931 יאָר), מיט אַן אַרטיקל פון אַ געוועזענעם עסער נ. סוויאַטיצקי, וועלכער דערציילט זייער טשיקאַווע זאַכן וועגן ל. בראַמסאָנען. סוויאַטיצקי האָט אין די יאָרן פון בירגערקריג געהערט צו אַ לינקער עסערישער גרופּירונג „נאַראָד“, וואָס איז שפּעטער געוואָרן איינגעשלונגען פונעם קאָמוניזם. זיין דערציילונג באַציט זיך צו די יאָרן פון דער ערשטער וועלט־מלחמה קורץ פאַר דער רעוואָלוציע 1917 אין פּעטערבורג. אומדערוואַרט איז אין דער דאָזיקער דערציילונג, וואָס לויט איר קומט אויס, אַז בראַמסאָן האָט אין דער דאָזיקער צייט אָנגעהאַלטן לעבהאַפטע באַציאונגען מיט די רעשטלעך פון דער עסערישער „אונטערערד“ און האָט אַפילו זיי געהאָלפן איינאָרדענען אַן אומלעגאַלע דרוקעריי. נעמענדיק אין אַכט די אויבנבאַשריבענע באַציאונג פון בראַמסאָנען צו דער אומלעגאַלער באַוועגונג מוז מען סוויאַטיצקיס דערציילונג אינגאַנצן איבערלאָזן אויף זיין פּערזענלעכער אַחריות. ניט קוקנדיק אויף דעם, איז דאָרט דער גאַנצער „קלימאַט“ פון רוסישן „ערב־פעווראַל“ און באַזונדערס די געשטאַלט פון לעאָנטי בראַמסאָן אויסגעמאָלט אַזוי אינטערעסאַנט און רעליעף אויפן פאָן פון יענע טעג, אַז ס'לוינט איבערצוגעבן מיט אַלע פּרטים דאָס, וואָס גיט איבער סוויאַטיצקי.

אין אַ מערץ־פרימאָרגן פון 1916 — דערציילט נ. סוויאַטיצקי, — אין די קולוארן פון דעם ראַיאָן־געריכט לויפט צו אים צו אַ באַקאַנטער קאָלעגע, אַן אַדוואָקאַט: — ענדלעך, האָב איך אייך געפונען, איר זייט נויטיק די

טרודאָוויקעס. — צו וואָס? — זיי זיינען ערנסט באַשעפּטיקט מיט דער צוגרייטונג פון דער וואַל־קאַמפּאַניע צו דער 5־טער דומע. קומט, מיר וועלן צוזאַמען גיין אין „סמירנאָווקא״, — דאָרטן געפינט זיך איצט לעאָנטי מאָאיסעיעוויטש. „סמירנאָווקא״ איז אַ רעסטאָראַן, וועלכן ס׳האָבן באַזוכט די אַדוואָקאַטן, אין די הינטערגעסלעך פון ראַיאָן־געריכט. מיין פריינד — שרייבט סוויאַטיצקי — האָט מיך פאָרגעשטעלט אַ סימפּאַטישן אַדוואָקאַט אין די מיטעלע יאָרן, מיט ווייכע באַוועגונגען, מיט גוטע אויגן און מיט גרויקייט אין די האָר. סוויאַטיצקי איז ביז דאַן ניט געווען פּערזענלעך באַקאַנט מיט בראַמסאָנען, אָבער ער האָט גענוי געוואוסט, ווער ער איז. „דאָס איז געווען, — שרייבט ער, — אַן אינטעליגענט־אידעאַליסט, אַ גאַנץ לינק־געשטימטער. מיט פּאָליטיק האָט ער זיך פאַרנומען מער, ווי מיט דער אַדוואָקאַטור. ער איז געווען, קאָן מען זאָגן, דער פאַרזאָרגער און אַפּוטרופּוס פון דער טרודאָוויקעס־אָרגאַניזאַציע. קיינער האָט לטובת איר ניט אַזוי געאַרבעט, ווי בראַמסאָן, ניט געזאָרגט פאַר איר, ניט געקרענקט מיט אירע דאגות און געפרייט זיך מיט אירע דערפאָלגן״.

אין דעם זעלבן טאָג אין אָוונט, אין בראַמסאָנס וואוינונג אויף דער 3־טער ראָזשדעסטווענסקאַיאַ גאַס, איז געווען אויסגעאַרבעט די וואַל־געאָגראַפיע, אָנגעמערקט די פּלעצער און די קאַנדידאַטן. סוויאַטיצקי האָט זיך געפילט אַ ביסל צעטראָגן, אָבער בראַמסאָן האָט אים באַרואיקט: „ביי אונדז — האָט ער געזאָגט — איז באַשלאָסן געוואָרן דורכצופירן אין די וואַלן ניט נאָר אונדזערע טרודאָוויקעס, נאָר אויך נ. ס. און אַפילו ס. ר. די דערפאַרונג מיט קערענסקין איז געווען אַ געלונגענע״ (נ. ס. איז אַ ראשי־תבות פון די „נאַראָדנע סאָציאַליסטן״). צום זומער פון 1916 איז טאַקע געווען צוזאַמענגעשטעלט אונטערן פאָרזיץ פון קערענסקי אַן אַלרוסישער פאָלקישער (נאַראָדניטשעסקער) וואַל־קאָמיטעט, וואוהין ס׳זיינען אַריין פון די טרודאָוויקעס: בראַמסאָן, בערעזין, טשייקאָווסקי; פון נ. ס.: מואַקאָטין, זנאַמענסקי, טשאַרנאָלוסקי; פון די ס. ר.: זעזינאָוו, עריסטאָוו, סוויאַטיצקי. ס׳איז אינטערעסאַנט צו פאַרפיקסירן אַ באַמערקונג, וואָס האָט געמאַכט סוויאַטיצקי אין צוזאַמענהאַנג מיט דער קאַנדידאַטור פון י. נ. שטיינבערג, וועלכער איז געווען אָנגעמערקט צו די וואַלן אין דער 5־טער דומע: „וואָס פאַר וואונדערלעכע פּאָליטישע קאָמבינאַציעס האָבן זיך געקענט שאַפן אין עטלעכע חדשים פאַרן 1917 יאָר. דער צוקונפטיקער לינקער עסער שטיינבערג, דער אָנטיילנעמער אין דער פאַרטרייבונג פון דער גרינדונג־פאַרזאַמלונג, וועלכער גייט אין איין פּאָליטישן בלאָק צוזאַמען מיט קערענסקי און וועלכן ס׳פירט דורך אין דער דומע דער טרודאָוויק בראַמסאָן״.

*

די באַציאונגען פון בראַמסאָן מיט דעם עסערישן „אונטערגרונד״ האָבן זיך מיט דעם דאָזיקן עפּיזאָד ניט איבערגעריסן. סוויאַטיצקי דערציילט, אַז אין זיין גרופּע, אונטער דער ווירקונג פון אַלעקסאַנדראָוויטש, איז געבוירן געוואָרן אַ געדאַנק וועגן שאַפן אַן אומלעגאַלע דרוקעריי, כדי אַרויסצולאָזן אַ צייטונג. (אַלעקסאַנדראָוויטש האָט געהאַט אַ טראַגישן סוף, ער איז געוואָרן אַ לינקער עסער, אַ מיטגליד פון פּרעזידיום פון ווטשעקאַ, און דערשאָסן פון די באָלשעוויקעס נאָכן אויפשטאַנד פון די לינקע עסערן און אָטענטאַט אויפן דייטשישן אַמבאַסאַדאָר אין מאָסקווע, גראַף מירבאַך). דאָס איז אַלץ געווען אין אָנהייב 1917, ווען די עסערן האָבן זיך געווענדעט צו בראַמסאָנען נאָך הילף. זיי זיינען ניט געווען זיכער, אַז בראַמסאָן וועט אַרויסווייזן אַ פּאָזיטיווע באַציאונג, אָבער זיי האָבן געוואוסט, אַז בראַמסאָנס פריינד, קערענסקי, פילט מיט דעם ענין. ווי גרויס אָבער איז געווען זייער פאַרוואונדערונג, ווען זיי האָבן גאָרניט געדאַרפט „איינריידן״ בראַמסאָנען, ווייל ער האָט גלייך צוגעזאָגט זיי צו העלפן און אַפילו קריגן געלט. און טאַקע אין צוויי וואָכן אַרום האָט בראַמסאָן איבערגעגעבן די נויטיקע סומע געלט סוויאַטיצקין, פאַר דער דרוקעריי. „איך שטעל אָבער אַ באַדינגונג, — האָט ער דערביי באַמערקט, — אַז אין נייטיקע פאַלן זאָלן מיר אויך קענען אויסנוצן די דרוקעריי״... איך מוז דאָ איבערחזרן, אַז פאַר דעם טייל פון סוויאַטיצקיס דערציילונג טראָגט ער אַ באַזונדערע אחריות. ס׳איז מעגלעך אָבער, אַז דער גאַנצער עפּיזאָד איז אַן איבעריקער באַווייז, אַז מיר האָבן דעמאָלט מיט די שנעלסטע שריט זיך דערנענטערט צו די רעוואָלוציאָנערע געשעענישן. רוסלאַנד איז שוין געשטאַנען אויפן שוועל פון דער רעוואָלוציע.

*

ס׳זיינען פאַרביי ווייניקער פון צוויי חדשים, און ס׳האָט זיך געעפנט אַ ניי בלעטל אין דער געשיכטע פון רוסלאַנד און פון בראַמסאָנען אויך. אין דער היסטאָרישער דראַמע, וואָס האָט זיך נאָך ניט געהאַט פאַרענדיקט, האָבן זי״ך די דעקאָראַציעס שטורמיש געענדערט, ניטאָ מער קיין באַראַטונג פון די יידישע דעפּוטאַטן, וועלכער בראַמסאָן האָט אָפּגעגעבן אַזויפיל צייט און מי, באַזונדערס אין דער צייט פון דער ערשטער וועלט־מלחמה. די פאַראַנטוואָרטלעכע פּראַקטישע אַרבעט לגבי די פּליטים, „אָרט״ אָדער „יעקאַפּאָ״ האָט שוין פון דער רעוואָלוציע פאַרלוירן איר פריערדיקע באַדייטונג. בראַמסאָן איז דאַן אַרויסגעטראָטן צייטווייליק פון דער „אָרט״־פאַרוואַלטונג. און ווער וועט אין אַזאַ צייט טראַכטן וועגן דער „טרודאַוואַיאַ גרופּאַ״ אין דער 4־טער דומע, ווען פאַר דער נייער באַפרייטער רוסלאַנד האָט זיך געעפנט די פּערספּעקטיוו פון אַ גרינדונגס־פאַרזאַמלונג? אין די ערשטע טעג פון דער פעברואַר־רעוואָלוציע האָט ל. בראַמסאָן, ווי אַ טרייער סאָלדאַט, וואָס האָט דערהערט דעם רוף פון טראָמפּייט, אָפּגעטרייסלט פון זיך אַלע טאָג־טעגלעכע זאַכן און געעפנט זיין הויפּט־קוואַרטיר, זיין שטאַב אין דעם טאַוו־

רישן פּאַלאַץ, — „אין ראַט פון די אַרבעטער דעפּוטאַטן", אין וועמעס עקזעקוטיוו ס'האָבן אים דעלעגירט די טרודאָוויקעס. דער באַקאַנטער שרייבער מאַרק אַלדאַנאָוו, דערציילנדיק וועגן דער דאָזיקער צייט, האָט אַמאָל באַמערקט, אַז בראַמסאָן, וועלכער האָט געהערט צום לינקן פליגל אין צענטראַל־קאָמיטעט פון די טרודאָוויקעס, איז געווען דער סאַמע רעכטער אין אויספיר־קאָמיטעט פון „ראַט פון די אַרבעטער־דעפּוטאַטן". ניטאָ וואָס צו וואונדערן זיך! דעמאָלט, אין דער ערשטער צייט, האָבן אין אַרבעטער־ראַט געהערשט סטעקלאָוו, סוכאַנאָוו, סאָקאָלאָוו. אָבער ווען די לאַגע האָט זיך ביסלעכוויַיז סטאַביליזירט און די פירונג פון אַרבעטער־ראַט איז אַריבער אין די הענט פון צערעטעלי און זיינע אָנהענגער, וועלכע האָבן אָנגעהויבן שאַפן אָרדענונג אין ראַט און באַהערשן דעם כאַאָס, — דאַן הערט אויף ל. בראַמסאָן אַרויסצוטרעטן מיט אָפּאָזיציאָנערע רעדעס, פאַרקאַשערט די אַרבל און נעמט זיך פאַר פּראַקטישער אַרבעט. יעדערער, וואָס איז אין די דאָזיקע חדשים געווען אין טאַווּרישן פּאַלאַץ, האָט טאַקע געזען און געפילט די אָרגאַניזירטע ווירקונג פון בראַמסאָנען. איינער פון די באַקאַנטע מעמואַריסטן פון יענער צייט, — ב. סטאַנקעוויטש, וואָס האָט אין זייער שוואַרצע פאַרבן אויסגעמאָלט דעם פּעטערבורגער אַרבעטער־ראַט, האָט נאָר וועגן בראַמסאָנען געפונען פּאָזיטיווע ווערטער, שרייבט: „נאָר ל. מ. בראַמסאָן, דער אָרגאַניזאַטאָר און אָנפירער מיט דער פינאַנסקאָמיסיע און שפּעטער פון דער קאָמיסיע פאַר צוגרייטונג פון דער גרינדונגס־פאַרזאַמלונג, האָט געשאַפן אַ זייער באַדייטנדיקן סליאַד אין דער אויספיר־קאָמיסיע". אויך ר. אַבראַמאָוויטש האָט דערציילט אַמאָל, אַז זיי, די נעכטיקע פּאָליטישע עמיגראַנטן, מיטגלידער פון אויספיר־קאָמיטעט, וואָלטן פשוט אויסגעשטאָרבן פון הונגער מיט זייערע משפחות, ווען ניט בראַמסאָן, וועלכער האָט וועגן אַלץ געטראַכט, געפונען קרעדיטן, באַשטימט די פירער פון אַרבעטער־ראַט אַ געהאַלט און מיט דעם אַריינגעבראַכט אָרדענונג סיי אין זייער אַרבעט, סיי אין זייער עקזיסטענץ גופא...

איינער פון די נאָענטסטע פּאָליטישע פריינד פון קערענסקי, האָט ל. בראַמסאָן עקשנותדיק אַנטזאַגט זיך צו פאַרנעמען אַ מיניסטער־פּאָסטן אין דער צייטווייליקער רעגירונג. אָבער צו אייניקע פאַקטן פון דער פעברואַר־רעוואָלוציע האָט ער געהאַט אַן אוממיטלבאַרע באַציאונג — למשל, צו דעם דאָקומענט, וואָס האָט דעקלאַרירט די גלייכבאַרעכטיקונג פון די יידן אין רוסלאַנד. די מערסטע אויפמערקזאַמקייט האָט ער אין דער צייט פון דער דעמאָקראַטישער רעוואָלוציע אָפּגעגעבן דער אַרבעט פון דער קאָמיסיע פאַר צוגרייטונג פון דער גרינדונגס־פאַרזאַמלונג: אין דער דאָזיקער אַרבעט האָט ער אַריינגעלייגט, בוכשטעבלעך, — זיין גאַנצע נשמה. נאָך דער אָקטאָבער־רעוואָלוציע האָט זיך בראַמסאָן דערנענטערט פּאָליטיש צום קרייז אויסגעשפּראָכענע קעגנער פון די באָלשעוויקעס, בראש מיט מאַקסים גאָרקי און דעם רעכטן סאָציאַל־דעמאָקראַט פּאָטרעסאָוו. בראַמסאָן איז געשטאַנען אין דער שאַרפסטער אָפּאָזיציע צו דעם רעזשים פון דיקטאַטור און בירגערקריג. די באָלשעוויקעס האָבן אים אַרעסטירט, אַריינגעזעצט אין פּעטראָפּאַוולער פעסטונג. פון דאָרטן האָט ער צוגעשיקט אַן אויפרוף־פּראָטעסט, וואָס איז געווען אונטער זיין חתימה פאַרעפנטלעכט אין דער מענשעוויסטישער צייטונג „נאָווי לוטש„ (נומ. 16, דעצעמבער 1917). נאָכדעם איז ער געווען געשטעלט פאַרן געריכט פון אַ רעוואָלוציאָנערן טריבונאַל, וואָס האָט אַרויסגעטראָגן אים אַ באַשולדיקונגס־אורטייל אין פאָרם פון אַ „געזעלשאַפטלעכן אויסרייד". דאָס זיינען נאָך געווען גאָלדענע און נאַאיווע צייטן. אָבער דאָס איז געווען גענוג, עס זאָל זיך פאַרענדיקן דער פּעטערבורגער פּעריאָד פון דעם אומרואיקן, קעמפנדיקן בראַמסאָן. די פּעטערבורגער ערד האָט געברענט אונטער זיינע פיס. ער איז געלאָפן קיין דרום, אין קיעוו.

# סאוויעטישער פילאזאף א. דעבארין (אברהם יאפע)

אברהם יאָפּע איז געבוירן אין קאָוונע אין 1881 יאָר. די ערשטע ידיעות וועגן אים, וואָס מיר פאַרמאָגן, באַציען זיך צום 1897 יאָר, ווען אין עלטער פון 16 יאָר האָט ער פאַרענדיקט די „קאַזיאָננאָיע יעווריעיסקאָיע אוטשילישטשע" אין קאָוונע. אויסגעלערנט זיך דעם שלאָסער־פאַך און אָנגעהויבן אַרבעטן אין אַ ווערקשטאַט. אָבער באַלד איז אַ. יאָפּע געוואָרן פאַרכאַפּט מיטן שטראָם פון דער רעוואָלוציאָנערער באַוועגונג. אין 1899 וואוינט ער אין כערסאָן, וואו מען האָט אים צום ערשטן מאָל אַרעסטירט, אָבער באַלד באַפרייט, כדי אויף אַן אַדמיניסטראַטיוון אופן אַרויסצושיקן קיין קאָוונע, וואו יאָפּע טרעט אַריין אין די רייען פון „בונד", נעמט אַ טיכטיקן אָנטייל אין דער פּאָליטישער אַרבעט פון דער קאָוונער „בונד"־אָרגאַניזאַציע און ווערט אַרעסטירט אין 1902 יאָר. זיין אַרעסט האָט ווידער ניט לאַנג געדויערט. יאָפּען האָט אָפּגעגליקט: נאָך אַ קורצער צייט פון „פּאָליצייאישן נאַדזאָר" גופא אין קאָוונע האָט מען אים דערלויבט אַרויסצופאָרן קיין אויסלאַנד, וואו ער האָט פאַרבראַכט גאַנצע 5 יאָר: פון 1903 ביז 1908. פּאָליטיש האָט יאָפּע אין משך פון דער גאַנצער צייט גענומען אַ לעבהאַפטן אָנטייל אין „בונד", סימפּאַטיזירט שטענדיק מיט די רוסישע מענשעוויקעס. צו דער דאָזיקער צייט האָט ער זיך דערנענטערט

מיט דעם טעאָרעטיקער און פילאָזאָף פון די רוסישע מאַרקסיסטן, געאָרגי פּלעכאַנאָוו, וואָס האָט געהאַט אויף יאָפען אַ גרויסן איינפלוס, — באַזונדערס אין דער צייט, ווען אברהם יאָפע האָט אויסגענוצט זיין לעבן אין אויסלאַנד, כדי גרינדלעך שטודירן פילאָזאָפיע.

נאָכן אומקערן זיך קיין רוסלאַנד האָט אברהם יאָפע באַזעצט זיך אין פעטערבורג, וואו ער איז זייער נאָענט געשטאַנען צו די סאָציאַליסטישע קרייזן. ער האָט באַלד באַקומען אַ שטעלע אין דער יידישער טעגלעכער צייטונג „פריינד“ אונטער דער רעדאַקציע פון שאול גינזבורג, וואו דעמאָלט זיינען אַלס שטענדיקע מיטאַרבעטער געוואָרן אויך אַ. ווייטער, אַ. ליטוואַק א. אַ. דעמאָקראַטישע און סאָציאַליסטישע שרייבער און פובליציסטן. צוזאַמען מיטן „פריינד“ איז אַ. יאָפע אַריבערגעפאָרן קיין וואַרשע, וואו ער האָט זיך ענג באַפריינדעט מיט פיל פאָרשטייער פון דער יידיש־פוילישער אינטעליגענץ.

אין דער צייט פון דער ערשטער וועלט־מלחמה האָט אַ. יאָפע פאַרלאָזן פוילן („דער פריינד“ איז שוין געווען צוגעמאַכט) און באַזעצט זיך אין אוקראַינע. ער האָט ברייט אויסגענוצט די יאָרן פון דער וועלט־מלחמה, כדי פאַרטיפן זיך ווידער אין די פילאָזאָפישע פּראָבלעמען. אין רעזולטאַט איז אַרויס פון אונטער זיין פען זיין ערשט פילאָזאָפיש ווערק א. נ. „אַריינפיר אין דער פילאָזאָפיע פון דיאַלעקטישן מאַטעריאַליזם“ (פעטראָגראַד, 1916), וואָס איז באַגלייט מיט אַ הקדמה פון ג. פּלעכאַנאָוו און געחתמעט מיט זיין פען־נאָמען: אַ. דעבאָרין. ס׳לוינט זיך דאָ צו באַמערקן, אַז לענין איז אַרויסגעטראָטן קעגן דעבאָרינס ווערק, אַלס אַן אַרבעט, וואָס האָט אַלע חסרונות פון אַ „מענשעוויק“, אַ „פּלעכאַנאָוויעץ“, „אַן אָפּאָרטוניסט“ א. אַ. וו. — פון דעם געוויינטלעכן פאַר לענינען זידל־לעקסיקאָן.

אין דער צייט פון דער ערשטער וועלט־מלחמה האָט אַ. יאָפע פאַרעפנטלעכט עטלעכע אַרטיקלען אויך אין ניו־יאָרקער „צוקונפט“, — דאָס זיינען כמעט די איינצלנע אַרבעטן זיינע אין יידיש.

בעת דער פעברואַר־רעוואָלוציע 1917 איז אַ. יאָפע־דעבארין געווען אין פּאָלטאַווע, אַריינגעטראָטן דאָרט, אַלס אַ פאָרשטייער פון „בונד“ אין „אַרבעטער־און סאָלדאַטן־ראַט“. אָבער באַלד האָט ער פאַרלאָזן פּאָלטאַווע און אַוועקגעפאָרן קיין פעטראָגראַד, וואו ער האָט ווידער אָנגעהאַלטן זייער נאָענטע באַציאונגען מיט די פירער פון „בונד“ און די מענשעוויקעס. אין דער זעלבער צייט האָט ער גענומען אַן אַקטיוון אָנטייל אין די צענטראַלע יידישע פילאַנטראָפישע געזעלשאַפטן. באַלד נאָך דער אָקטאָבער־איבערקערעניש, צו וועלכער יאָפע־דעבאָרין איז געשטאַנען אין דער שטאַרקסטער קעגנערשאַפט, — איז ער אַריבערגעפאָרן קיין מאָסקווע, און דאָרטן אויף אַ קאָנפערענץ פון די יידישע געזעלשאַפטלעכע טוער איז אַ. יאָפע געווען אויסגעקליבן אַלס אַ פאָרזיצער פון „צענטראַלער יידישער



הילפס־אָרגאַניזאַציע“. אויסנוצנדיק זיינע אַלטע פאַרבינדונגען מיט סאָציאַליסטן און זיינע באַקאַנטשאַפטן אין די הויכע פענצטער פון די באָלשעוויסטישע מאַכטהאָבער, האָט יאָפע־דעבאָרין אין נאָמען פון די יידישע געזעלשאַפטן ניט איינמאָל אינטערווענירט אין קרעמל. עס איז דאַן אָנגעגאַנגען דער בירגער־קריג, עס האָבן זיך אָנגעפאַנגען פאָגראָמען אויף יידן ניט נאָר אין דער שוין איזאָלירטער אוקראַינע, נאָר אויך אין די טיילן פון ווייסרוסלאַנד, וואָס האָבן זיך נאָך געפונען אין די גרענעצן פון דער דעמאָלט־געקירצטער טעריטאָריע. עס זיינען נאָך געווען ניט ווייניק „היימישע“ יידישע פראַגעס, וואָס פאַר זייער „רעגולירונג“ האָט מען געדאַרפט זיך שטענדיק ווענדן צו דער באָלשעוויסטישער מאַכט. פאַר אברהם יאָפע זיינען געשטאַנען זייער פיל אויפגאַבעס...

נאָכן בירגערקריג איז, ווי באַוואוסט, געקומען דער „נעפּ“, — די נייע עקאָנאָמישע פּאָליטיק, וואָס איז געווען געווענדעט מיטן פּנים צום דאָרף, צו דעם קליינעם פויער. פאַר דער אינטעליגענץ, באַזונדערס פאַר דער יידישער, האָבן זיך געעפנט ברייטערע מעגלעכקייטן, סיי פאַר אַלגעמיינער, וויסנשאַפטלעכער אַרבעט, סיי פאַר דער געזעלשאַפטלעכער א. ג. „יידישער אַרבעט“ (קאָלאָניזאַציע אין קרים און אוקראַינע, קאַמף מיט דעקלאַסירונג פון דער קליינשטעטלדיקער באַפעלקערונג א. אַ. וו.) אַ. דעבאָרין איז דעמאָלט געווען אַריינגעצויגן אין וויסנשאַפטלעכער אַרבעט, ספּעציעל אויפן געביט פון פילאָזאָפיע. אַלס אַן אויסגעהאַלטענער מאַרקסיסט, אַלס אַ דיאַלעקטישער מאַטעריאַליסט, האָט ער געפונען פאַר זיך גאַנץ לייכט אַן אָרט אין די באָלשעוויסטישע וויסנשאַפטלעכע אינסטיטוציעס. מיט ריינער פּאָליטיק האָט זיך דעבאָרין שוין יאָרנלאַנג ניט פאַרנומען, — פאַר אַקטיווער טעטיקייט אין די רייען פון מענשעוויקעס האָט מען, ניט קוקנדיק אויפן ליבעראַלן „נעפּ“, געדאַרפט שטרענג באַצאָלן מיט תפיסה און פאַרשיקונג, — צו דעם אַלעם האָט דעבאָרין שוין ניט געהאַט קיין חשק און ניט געהאַט קיין מוט.

ער האָט געהאַט גוטע פאַרבינדונגען אין קרעמל און פּאָליטביוראָ. באַזונדערס פון זיינע פילאָזאָפישע פּעאַיקייטן האָט געהאַלטן בוכאַרין, איינער פון די נאָענטסטע תלמידים פון לענין, און פון וועלכן ס׳האָט יאָרנלאַנג געהאַלטן סטאַלין. ווען סטאַלין איז געוואָרן דער אַליינמעכטיקער פירער אין 1922—1923 האָט זיך אָנגעהויבן דאָס נייע בלעטל פון דער לעבנסגעשיכטע פון דעבאָרין. ער האָט איבערגעריסן מיט די מענשעוויקעס און פאַרנומען זיך מיט פּעדאַגאָגישער אַרבעט אין דריי וויכטיקסטע לער־אַנשטאַלטן: אין דעם אינסטיטוט פון דער רויטער פּראָפעסור, אין דער קאָמוניסטישער אַקאַדעמיע און אין דעם אינסטיטוט א. נ. פון מאַרקס און ענגעלס. ער האָט אויך אָנגעהויבן צו שרייבן און רעדאַגירן דעם זשורנאַל „אונטער דער פאָן פון מאַרקסיזם“. אין די שפּעטער־

דיקע יאָרן האָט דעבאָרין אַרויסגעלאָזן אַ גאַנצע ריי תלמידים, וואָס האָבן פאַרנומען קאַטעדרעס פון פילאָזאָפיע און מאַרקסיזם אין פאַרשיידענע סאָוויעטישע אוניווערזיטעטן, עס איז שפּעטער אויסגעוואַקסן אַפילו אַ גאַנצע „שול" פון תלמידים און אָנהענגער פון פּראָפעסאָר און אַקאַדעמיקער דעבאָרין. ער איז געוואָרן איינער פון די אַנערקענטע טעאָרעטיקער און אידעאָלאָגן פון מאַרקסיזם אין סאָוועט־רוסלאַנד. לויט זיינע השקפות, איז ער געווען אַ שטרענגער, קאָנסעקווענטער מאַטעריאַליסט, וואָס האָט געקעמפט קעגן יעטוועדן שפּור פון אידעאַליזם, פון מעטאַפיזיק, פון „קאַנטיאַנטסטוואָ" א. אַ. וו., „דעמאַסקירט" יעטוועדן „אָפּנויג" אויפן פילאָזאָפישן פראָנט, געפּרעדיקט אַטעאיזם א. אַ. וו. ווי ס׳פירט זיך אין רוסלאַנד, האָט די „באָלשעוויזירונג פון וויסנשאַפט" אַרומגעכאַפּט אויך אַזעלכע געביטן, ווי פילאָזאָפיע, — און דעבאָרין האָט אַרויסגעוויזן די פאַסנדע מעלות, וואָס זיינען נויטיק, כדי „האַלטן אַן אויג" און באַקעמפן פאַרשיידענע געפערלעכע אָפּנויגן.

עס איז געווען פאַר דעבאָרינען ניט לייכט אַריינצוטרעטן אין באַשטאַנד פון דער קאָמוניסטישער פאַרטיי: זיין בונדישער און מענשעוויסטישער עבר און אָפּשטאַם האָט אים געשטערט. אָבער אין 1928־טן יאָר האָט מען אַריינגענומען דעבאָרינען אין פאַרטיי. דאַן פאַרנעמט דעבאָרין די שטעלע פון דירעקטאָר פון פילאָזאָפיע־אינסטיטוט, ווערט אַ מיטגליד פון פּרעזידיום פון דער קאָמוניסטישער אַקאַדעמיע, פאַרטרעטער פון דירעקטאָר פון אינסטיטוט א. נ. פון מאַרקס און ענגעלס. אין אַ יאָר אַרום (1929) איז דעבאָרין געווען אויסגעקליבן אַלס אַ מיטגליד פון דער אַלרוסישער וויסנשאַפט־אַקאַדעמיע.

די גאַנצע צייט, פון 1922 אָן, אַנטוויקלט דעבאָרין אַ פאַרצווייגטע ליטעראַריש־וויסנשאַפטלעכע טעטיקייט. ער האָט פאַרעפנטלעכט אַ גרויסע צאָל אַרטיקלען, קעמפערישע, מיליטאַנטישע, וואָס זיינען געריכטעט קעגן פרוידן, שפּענגלערן, קעגן עטישן אידעאַליזם, קעגן נייקאַנטיאַניזם, קעגן רעליגיעזן סאָציאַליזם א. אַ. וו. ער האָט אַרויסגעלאָזן אַ ריי אַרבעטן: „מאַרקס און העגל", „ענגעלס און דיאַלעקטיק אין ביאָלאָגיע", וועגן פייערבאַכן, פיכטע א. אַ. אונטער דער רעדאַקציע פון דעבאָרינען איז אַרויס אַ סעריע א. נ.: „די ביבליאָטעק פון אַטעאיזם" און איבערזעצונגען פון די אַרבעטן פון די באַרימטע פראַנצויזישע מאַטעריאַליסטן פון סוף 18־טן יאָרהונדערט: גאָלבאַך, העלוועצי. ווי ס׳פירט זיך אין רוסלאַנד, האָט ער אויך געווידמעט זיין אויפמערקזאַמקייט דעם שטודיום פון לעניניזם: ער האָט פאַרעפנטלעכט אַרבעטן: „לענין אַלס אַ דענקער", „לענין און דער קריזיס פון מאָדערנער פיזיק" א. אַ. וו. אָבער אַפילו דאָס האָט ניט געהאָלפן דעבאָרינען אַליין, מען האָט אויך אים געכאַפּט אין אַן „אָפּנויג". אין 1929 האָט ער נאָך ווי ס׳איז דורכגעפירט בשלום די קאָנפערענץ פון די וויסנשאַפטלעכע אינסטיטוטן. אָבער אין 1930 יאָר האָט זיך אָנגעהויבן אַן אַטאַקע קעגן אים. דער מאָמענט איז געווען אַ קאָמפּליצירטער: דער „נעפּ" איז געווען אָפּגעשאַפט, די סטאַלינישע גענעראַל־ליניע איז געווען שוין אין גאַנג, עס האָט זיך אָנגעהויבן דער ערשטער שטאַפּל פון דער קאָלעקטיוויזאַציע אין דאָרף. פאַר דער סאָוועטישער אינטעליגענץ איז געוואָרן אַלץ שווערער צו פירן אַן אומאָפּהענגיקע, וויסנשאַפטלעכע אַרבעט. דער אינעווייניק־פּאַרטייאישער קאַמף פון סטאַלינען קעגן דער רעכטער און דער לינקער אָפּאָזיציע האָט זיך פאַרשאַרפט. ס׳איז געווען דעמאָלט (אין 1930) דורכגעפירט אַ דיסקוסיע פון די באָלשעוויסטישע פילאָזאָפן, און וועגן דעבאָרינען, נאָך דער דיסקוסיע, האָט מען געשריבן: דעבאָרין האָט געמאַכט „ניט קיין ניטוויכטיקע פעלערן", — זיינע אַרבעטן זיינען ניט געווען גענוג פאַרבונדן מיטן קאַמף קעגן רעכטן און לינקן אָפּאָרטוניזם...

פון דער דאָזיקער דאַטע הייבט זיך אָן די ירידה פון דעבאָרינען אין סאָוועט־רוסלאַנד. ער איז נאָך געבליבן אויף אַרבעט אין די אויבנדערמאָנטע וויסנשאַפטלעכע און פילאָזאָפישע אינסטיטוציעס. ער האָט פאַרנומען נאָך אין משך פון יאָרן אַ וויכטיקן פּאָסטן אין דער וויסנשאַפט־אַקאַדעמיע. אין 1936 האָט די אַקאַדעמיע אַרויסגעלאָזן אַ זאַמלבוך „קעגן דעם פאַשיסטישן אָבסקוראַנטיזם און דעמאַגאָגיע", — אַלס איינער פון די רעדאַקטאָרן איז געווען אָנגעוויזן דעבאָרין. נאָכדעם זיינען פאַרשפּרייט געוואָרן קלאַנגען, אַז דעבאָרין איז „גייסטיק קראַנק געוואָרן". מען האָט דאָס אויסגעטייטשט, אַז אין צייט פון די מאָסקווער פּראָצעסן (1936—38) האָט מען דעבאָרין, צווישן טויזנטער אַנדערע, אָדער אַראָפּגענומען פון פּאָסטן אָדער ליקווידירט. צום גליק, האָט זיך דאָס ניט באַשטעטיקט. נאָך אין 1943 צו דעם 300־קן יובל פון גאַלילייִ (געשטאָרבן 1642) האָט די וויסנשאַפטס־אַקאַדעמיע אַרויסגעלאָזן אונטער דער רעדאַקציע פון אַ. דעבאָרין אַ ביכל: „גאַלילעאָ".

אָבער זיין שטערן איז פאַרגאַנגען, זיין פילאָזאָפישע „שול" איז אַראָפּ פון דער סצענע, זיין נאָמען דערמאָנט מען שוין ניט. ווען אין 1947 יאָר איז אין מאָסקווע געווען דורכגעפירט אַ ברייטע פילאָזאָפישע דיסקוסיע מיט אַ פאָרטראַג פון זשדאַנאָוון און מיטן אָנטייל פון 80 סאָוועטישע פילאָזאָפן, — איז דעבאָרין ניט געווען צווישן זיי...

# ס. קלעוואנסקי - דער לעגענדארער „מאקסים“

וועגן ס. קלעוואַנסקי, — וועלכער איז באַרימט געוואָרן אין ריגע, בשעת דער ערשטער רוסישער רעוואָלוציע, אין די אָקטאָבער־דעצעמבער חדשים פון 1905 יאָר, איז באַוואוסט נאָר דער פאַקט, אַז ער איז געבוירן אין קאָוונע. אַלס אַ סטודענט אין פעטערבורג איז ער אַריינגעטראָטן אין דער רעוואָלוציאָנערער באַוועגונג און געוואָרן איינער פון די „פּראָפעסיאָנאַלן“ אין „בונד“.

אין ריגע איז ס. קלעוואַנסקי, אונטערן פּאַרטיי־נאָמען „מאַקסים“, אַריין אַלס פאָרשטייער פון ריגער קאָמיטעט פון בונד אין באַשטאַנד פון דעם א. ג. „פעדעראַטיוון קאָמיטעט“, וואָס האָט פאַקטיש געהאַט אין זיינע הענט די פולע מאַכט אין שטאָט און געגנט. „מאַקסים“ איז געווען די נשמה פון פעדעראַטיוון קאָמיטעט, דער ליבלינג פון די מאַסן, סיי צווישן יידישע, סיי צווישן לעטישע און רוסישע אַרבעטער. אין אָקטאָבער, ווען ס׳האָט אויסגעבראָכן דער אַלגעמיינער פּאָליטישער שטרייק, — איז „מאַקסים“ געוואָרן דער פאַקטישער בעל־הבית פון ריגע, דער רעוואָלוציאָנערער דיקטאַטאָר. די פרעסע פון יענער צייט איז פול מיט וואונדערלעכע דערציילונגען וועגן דער העלדנשאַפט, מוטיקייט, אָראַטאָרישן טאַלאַנט און דערפאָלגן פון קלעוואַנסקין. אַפילו צו דער אַנטיסעמיטישער פעטערבורגער „נאָוואַיאַ ווּרעמיאַ“ איז דערגאַנגען זיין נאָמען. באַזונדערס איז באַקאַנט געוואָרן, אַז נאָך דער נידערלאַגע פון דער רעוואָלוציע האָט די גאַנצע רעגירונגמאַשין מאָביליזירט אַלע כוחות, כדי צו כאַפּן מאַקסימען. עס איז געווען אַרויסגעשיקט אַ ספּעציעלע שטראָף־עקספּעדיציע אין באַלטישן געגנט, וואָס האָט מיט אַלע כוחות געשטרעבט צו אַרעסטירן דעם לעגענדאַרן מאַקסים.

דאָס האָט זיך ניט איינגעגעבן. מאַקסים איז פאַרשוואונדן פון ריגע און אַ צייט באַהאַלטן זיך אין די קאָנספּיראַטיווע וואוינונגען פון צענטראַלן קאָמיטעט פון בונד. די דאָזיקע צייט האָט ער אויסגענוצט כדי אָנצושרייבן אַ ביכל, וואָס איז געווידמעט אַ קריטיק פון בונדישן שטאַנדפּונקט איבער פאַרשיידענע ציוניסטיש־סאָציאַליסטישע ריכטונגען. אין 1906 יאָר איז דאָס ביכל אַרויס אין ווילנע, אין פאַרלאַג „די וועלט“ א. ט. „די סאָציאַליסטישע פראַקציעס אין ציוניזם“ (אין יידיש און רוסיש). נאָכדעם איז מאַקסים אַוועקגעפאָרן אומלעגאַל אין אויסלאַנד, דורכגעפאָרן מיט רעפעראַטן די דייטשישע און שווייצאַרישע קאָלאָניעס פון דער רעוואָלוציאָנערער יוגנט. אין 1907 האָט ער געמאַכט אַ רייזע איבער אַמעריקע אין די אינטערעסן פון צ. ק. פון בונד...

אין דער צווייטער רעוואָלוציע, 1917, האָט זיך ס. קלעוואַנסקי באַוויזן אין פעטערבורג. ער האָט מיטגעאַרבעט אין דער טעגלעכער דעמאָקראַטיש־סאָציאַליסטישער צייטונג „דיען“, צוזאַמען מיט פּאָטרעסאָוו, ד. זאַסלאַווסקי, סטעפאַן איוואַנאָוויטש, ה. ערליך א. אַ. פון בונד און פון דער אָפיציעלער מענשעוויסטישער פּאַרטיי איז ער געשטאַנען גאַנץ ווייט, כאָטש ער איז געווען געשטימט אויסגעשפּראָכן „רעכט־סאָציאַליסטיש“. נאָך דער אָקטאָבער־רעוואָלוציע האָט ס. קלעוואַנסקי געאַרבעט ריין ווויסנשאַפטלעך אויפן געביט פון דער געשיכטע פון דער רוסישער באַפרייאונגס־באַוועגונג, פאַרעפנטלעכט אין היסטאָרישע זשורנאַלן אַרטיקלען, עטלעכע בראָשורן א. אַ. וו.

# הירש לעקערט*

צום ערשטן מאָל איז דער נאָמען פון הירש לעקערט באַוואוסט געוואָרן צווישן די ברייטע יידישע אַרבעטערמאַסן אין 1899. אין זעלביקן יאָר, דעם 23 מאַי, האָט אין ווילנער פאָרשטאָט „נאָווגאָראָד“ זיך סטיכיש אויסגעבילדעט אַ רעוואָלוציאָנערע דעמאָנסטראַציע. דריי רעוואָלוציאָנערן האָבן פאַנאַנדערגעקלעפּט אויף די ווענט פון די הייזער פּראָקלאַמאַציעס. די פּאָליציי האָט זיי געכאַפּט און אַרעסטירט. דעמאָלט האָט זיך אויסגעבילדעט אַ דעמאָנסטראַציע, וואָס איז באַשטאַנען פון אַרום טויזנט אַרבעטער, וואָס האָט אָפּגעשלאָגן ביי דער פּאָליציי די אַרעסטירטע און זיי באַפרייט. דאַן האָט זיך אַרויסגערוקט דער שוסטער הירש לעקערט, אַלס איינער פון די פירער פון דער דאָזיקער דעמאָנסטראַציע. דער באַוואוסטער פּאָליציי־אַגענט כאַטאַיעוו האָט וועגן דעם דערלאַנגט אַן אויספירלעכן באַריכט דעם שעף פון דער אָכראַנע, זובאַטאָוון (זע : אַרכיוו פונעם פּאָליציי־דעפּאַרטאַמענט, דאָקומענט נומער 1140, דאַטירט 1 יוני 1900). אָבער אין דריי יאָר שפּעטער האָט דער נאָמען פון הירש

* געבוירן אין שטעטל יאַנישקיס, קאָוונער גובערניע.

לעקערט מיטאַמאָל דערגרייכט אַן אַלרוסישע באַרימטקייט. לעקערט, דער זון פון דער יידישער מאַסע, דער פאָרשטייער פון די נידעריקסטע אַרבעטער־שיכטן, איז געוואָרן דער העלד, וואָס האָט מיט זיין טעראָריסטישן אַקט זיך נוקם געווען פאַר דער מיאוסער און אַכזריותדיקער באַציאונג פון דער צאַרישער רעגירונג צו דער קעמפנדער, רעוואָלוציאָנערער אַרבעטער־יוגנט. הירש לעקערט איז אַרויף אויף דער תליה, וואָס האָבן פאַר אים אויסגעבויט די דעמאָלטיקע הערשער פון רוסלאַנד, אָבער זיין נאָמען איז פון יענער צייט געוואָרן הייליק פאַר דער יידישער מאַסע. מען דאַרף אויספירלעכער דערמאָנען, ווי אַזוי האָט זיך אויסגעשפּילט די דאָזיקע געשיכטע, וואָס האָט באַקומען דעם פאַרדינטן נאָמען: די לעגענדע וועגן הירש לעקערט...

דאָס איז געווען אין ווילנע, אין 1902, ווען דער בונדישער קאָמיטעט, וואָס האָט פאָרגעשטעלט מיט זיך די וויכטיקסטע יידישע רעוואָלוציאָנערע אָרגאַניזאַציע אין שטאָט, האָט באַהאַנדלט די פראַגע וועגן צוגרייטן אַ מאַסן־דעמאָנסטראַציע לכבוד דעם ערשטן מאַי. די דערפאַרונג פון די פאָריקע יאָרן, ווען די אַרבעטער־דעמאָנסטראַציעס זיינען געווען באַגלייט מיטן שרעקלעכן ווילקיר פון דער פּאָליציי, האָט אַרויסגערופן אַ פּעסימיסטישע שטימונג. ניט געקוקט דערויף, האָט מען פאָרט אָרגאַניזירט אַ דעמאָנסטראַציע, וואָס איז געווען באַשטימט און דורכגעפירט דעם 19 אַפּריל 1902 אויף דער דייטשער גאַס. די דעמאָנסטראַנטן זיינען געוואָרן שרעקלעך צעשלאָגן פון די קאָזאַקן, וואָס די מיליטער־מאַכט און דער גובערנאַטאָר פאָן־וואַל האָבן אַרויסגעשיקט. אָבער מיט דעם האָט זיך ניט אויסגעשעפּט די „נאָבעלע" טעטיקייט פון דער מאַכט. ווי מיר לייענען אין דעם אַרכיוו פון פּאָליציי־דעפּאַרטאַמענט, האָט דער ווילנער גובערנאַטאָר פאָן־וואַל צוגעשטעלט אין עטלעכע טעג אַרום זיין באַריכט דעם אינערןמיניסטער, דעם בלוטיקן פּלעווע, אין וועלכן ער דערציילט, אַז נאָך דער דעמאָנסטראַציע האָט מען דורכגעפירט אַרעסטן (מען האָט אַרעסטירט 50 מענטשן), און דערביי איז זיך מודה דער גובערנאַטאָר: „איך האָב באַפוילן נעמען 26 מענטשן פון די אַרעסטירטע אויף דער דייטשער גאַס און אָפּשמייסן זיי, וואָס איז געווען דורכגעפירט אין מיין אָנוועזנהייט. אַלע אָפּגעשמיסענע זיינען בעלי־מלאכות פון די היגע ווערקשטאַטן: 18 יידן — מיעשטשאַנעס, 3 קריסטן — מיעשטשאַנעס און 5 פּויערים; זיי אַלע — איז פעסטגעשטעלט געוואָרן, — האָבן אָנטיילגענומען אין די אומרוען, אָבער ניט אַלס די הויפּט־שולדיקע; אַלע אַנדערע אַרבעטער, וואָס זיינען אַרעסטירט געוואָרן אויף דער דייטשער גאַס, וואָס האָבן דעם אַקטיוווסטן אָנטייל גענומען אין די אומרוען, און די פאָנטרעגער, — אַלע מענטשן באַקאַנטע דער פּאָליציי, ווי אויך די אַרעסטירטע אין טעאַטער [דאָרט איז געווען דורכגעפירט דעם 19 אַפּריל אַ דעמאָנסטראַציע...] זיינען אַלע, אין הסכם מיטן פּראָקוראָר פון דער געריכט־פּאַלאַטע, איבערגעגעבן פון מיר צום שעף פון דער ווילנער גובערניאַלער זשאַנדאַרמעריע..."

מען קאָן זיך פאָרשטעלן, וואָס פאַר אַ שטימונג איז געוואָרן אין ווילנע, און באַזונדערס אין די רעוואָלוציאָנערע קרייזן, ווען מען האָט זיך דערוואוסט, אַז דער גובערנאַטאָר פאָן־וואַל האָט באַפעלט צו שמייסן מיט ריטער אין תפיסה די אַרעסטירטע דעמאָנסטראַנטן. שמייסן איז געווען, אייגנטלעך, פאַרבאָטן אין צאַרישן רוסלאַנד. די איינצלנע אַנאַלאָגישע פאַלן, ווען מען האָט פּאָליטישע אַרעסטירטע געשמיסן, זיינען באַקאַנט אין דער געשיכטע פון קאַמף, און האָבן שטענדיק אַרויסגערופן נקמה־אַקטן מצד די רעוואָלוציאָנערן. דאָס איז געווען באמת אַ שפּיל מיט פייער מצד די אַגענטן פון דער רעגירונג. אין די רעוואָלוציאָנערע קרייזן האָט זיך אויפגעהויבן אַן אויסגעשפּראָכענע טעראָריסטישע כוואַליע. אין קאָמיטעט פון ווילנער „בונד" האָט מען זיך אַרומגעטראָגן מיט פאַרשיידענע פּלענער: מאַכן אַן אָנפאַל אויף דעם פּאָליצייאישן צירקל און באַפרייען פון דאָרט די אַרעסטירטע, מאַכן אַ טעראָריסטישן אַקט קעגן דעם גובערנאַטאָר פאָן־וואַל א. אַ. וו. אָבער דער קאָמיטעט פון בונד האָט אָפּגעוואָרפן אַלע פּלענער, סיי צוליב זיין נעגאַטיווער באַציאונג צום רעוואָלוציאָנערן טעראָר, סיי צוליבן פילן זיך אויף דער ניט־גענוגנדער הייך, כדי צו דורכפירן אַן עפעקטיווע, אַנטשפּרעכנדיקע אַקציע.

אַן אַנדערער פּראָצעס איז אָבער דעמאָלט פאָרגעקומען ביי ווייניקער אָרגאַניזירטע ווילנער אַרבעטער. דאָרט האָט זיך סטיכיש אויסגעבילדעט אַ קרייזל, אַ גרופּע, וואָס האָט זיך געטראָגן מיטן געדאַנק וועגן דורכפירן אַ טעראָריסטישן אַקט. דער געדאַנק איז, אייגנטלעך, געהאָנגען דאַן אין דער לופטן. אַלץ איז געווען אָנגעשטרענגט, און אַלע האָבן געוואַרט, אַז עפּעס דאַרף פאָרקומען. הירש לעקערט, דער ווילנער שוסטער, אַן אַנאַלפאַבעט, אַ ניט־דערפאַרענער אין פּאָליטישע פראַגן, אַ קינד פון פאָלק אין בוכשטעבלעכן זין פון וואָרט, — האָט אויסגעדריקט די אַלגעמיינע שטימונג, ווען ער האָט גענומען אויף זיך די מיסיע צו געבן אַן ענטפער דער צאַרישער רעגירונג, וואָס האָט געוואַגט צו שמייסן פּאָליטישע אַרעסטירטע.

דעם 5 מאַי האָט הירש לעקערט געשאָסן אין פאָן־וואַלן, געטראָפן אין אים מיט איין שאָס, געווען נאָכדעם אַרעסטירט און איבערגעגעבן אין די הענט פונעם מיליטער־געריכט. דעם 11־טן מאַי 1902 האָט דער קאָמאַנדיר פונעם מיליטער, גענעראַל פון אינפאַנטעריע גורטשין אַרויסגעגעבן אַזאַ באַפעל צום מיליטער פונעם ווילנער מיליטערישן באַצירק אונטערן נומער 126: „איבערקוקנדיק... דעם ענין וועגן דעם מיעשטשאַנין פון קאָוונער גובערניע הירש דאַווידאָוויטש לעקוך, ער איז אויך לעקערט, און דעם באַשלוס וועגן דעם דאָזיקן ענין פונעם מיליטער־פּראָקוראָר פון ווילנער מיליטערישן קרייז־געריכט, גיב איך איבער אין הסכם מיט דעם דאָזיקן באַשלוס דעם מיעשטשאַנין לעקוך צום ווילנער מיליטערישן קרייז־גע־

ריכט אין דער באַשולדיקונג, אַז האָבנדיק אין זינען צו טויטן דעם ווילנער גובערנאַטאָר... גענעראַל־לייטענאַנט פאָן־וואַל, פאַר די מאָסמיטלען, וואָס (ער) האָט אָנגענומען אין די אינטערעסן פון געזעלשאַפטלעכער רו און אָרדענונג, און איינשאַפנדיק זיך פאַר דעם... אַ רעוואָלווער מיט 5 פּאַטראָנעס, איז ער, לעקוך, דעם 5־טן מאַי געקומען אין ווילנע אויף דעם לוקישקער פּלאַץ צום צירק „טשיני־זעללי", וואו דעמאָלט האָט זיך געפונען דער גובערנאַטאָר פאָן־וואַל, און מיט דעם אָנגעלאָדענעם רעוואָלווער האָט ער געוואַרט ביזן סוף פון דער פאָרשטעלונג. ווען דער גובערנאַטאָר פאָן־וואַל איז צוגעגאַנגען צו זיין קאַרעט, — און דעמאָלט אויסגעשאָסן דריי מאָל... אים האָט זיך ניט איינגעגעבן צו טויטן, ווייל די שאָסן האָבן געטראָפן — איינער אין דער לינקער האַנט, און דער צווייטער אין דעם רעכטן פוס... דאָס דאָזיקע פאַרברעכן איז פאָראויסגעזען דורך דעם 18־טן § פונעם געזעץ וועגן די „מאָסמיטלען צו באַוואָרענען די מלוכהשע אָרדענונג און די געזעלשאַפטלעכע רו" און דורך דעם אַרט. 279 פון דעם XXII בוך פון די מיליטערישע באַשלוסן".

עס האָט ניט געדויערט פיל צייט נאָך דעם באַפעל פון דער מיליטעריש־מאַכט פון 11־טן מאַי, ווי דעם 29 מאַי האָט זיך דאָס געריכט מודיע געווען דעם פּראָקוראָר פון ווילנער מיליטערישן קרייז־געריכט, אַז הירש לעקערט איז שוין אויפגעהאָנגען געוואָרן לויט דעם אורטייל פונעם מיליטערישן געריכט. אָט איז דער אָפיציעלער טעקסט פון דער דאָזיקער ידיעה: „...איך בין מודיע אייער עקסעלענץ, אַז דער טויט־אורטייל איבערן פאַראורטיילטן הירש לעקוך איז דורכגעפירט געוואָרן היינטיקן טאָג (ד. ה. 29 מאַי) 2 אַזייגער מיט 10 מינוט נאָך האַלבער נאַכט. דער טויט־אורטייל איז דורכגעפירט געוואָרן אויפן אָרט, וואָס איז געווען אָנגעוויזן פון דער אַדמיניסטראַציע, נעבן דער שטאָט ווילנע, אויף דעם מיליטערישן פעלד, וואָס איז אַרומגערינגלט פון אַלע זייטן מיט מיליטער, אין איינעם אַ ראָוו, וואָס איז ניט באַמערקבאַר פאַר פרעמדע אויגן. 2.30 האָט דער דאָקטער, וואָס איז בייגעווען ביי דער דורכפירונג פון אורטייל, קאָנסטאַטירט דעם טויט פון לעקוך; זיין קערפּער איז געוואָרן נאָכדעם באַגראָבן אויפן אָרט פון קעפונג אין דעם פאָראויס צוגעגרייטן קבר"...

...אין דער געשיכטע פון דער רעוואָלוציאָנערער יידישער באַוועגונג האָט די ווילנער עקזעקוציע און דער שאָס



פון הירש לעקערטן אַרויסגערופן ניט נאָר אַ רושם, נאָר אויך געוויסע אידעאָלאָגישע ענדערונגען אין דער טאַקטיק, אין די קאַמף־מעטאָדן. דער באַרעכטיקטער געפיל פון נקמה האָט באַשאַפן אומעטום אַ מעכטיקן שטראָם פון טעראָריסטישע שטימונגען און באַפאַרבט מיט זיי די קרייזן, וואָס זיינען ביז דאַן געווען פרעמד, אַפילו פיינטלעך צום טעראָר, ווי אַ מעטאָד פון קאַמף קעגן דער צאַרישער זעלבסטהערשונג. די דאָזיקע ענדערונגען האָבן זיך בולט אויסגעדריקט אין לעבן פון „בונד". אין דעם אומלעגאַלן אָרגאַן פון „בונד" „אַרבעטער שטימע" (נום 34), איז דערשינען אַן אַרטיקל: „ווי אַזוי דאַרף מען ענטפערן אויף שמיץ", וואָס האָט אַרויסזאָגנדיק זיך פּרינציפּיעל קעגן טעראָר, גערופן, געפאָדערט צו אַקטיווער פאַרטיידיקונג, צו „אָרגאַניזירטער נקמה", ד. ה. פאַקטיש צום טעראָר. אין אויגוסט 1902 האָט זיך צונויפגעקליבן די 5־טע קאָנפערענץ פון „בונד", וואו מיט אַן איבערוויגנדער מערהייט פון שטימען איז די דאָזיקע טאַקטיק פון „אָרגאַניזירטער נקמה" געוואָרן אָנגענומען. באַלד נאָכדעם איז אין די רייען פון „בונד" געווען דורכגעפירט אַ ברייטע דיסקוסיע וועגן דער פראַגע פון טעראָר. דעמאָלט איז דאָך אין אַלגעמיין געגאַנגען אַ ביטערער קאַמף צווישן די רוסישע סאָציאַל־דעמאָקראַטן און סאָציאַליסטן־רעוואָלוציאָנערן, וואָס האָבן אַנטוויקלט אַ פאַרצווייגטע טעראָריסטישע טעטיקייט אונטער דער אָנפירונג פון גרי־גאָרי גערשוני. די סאָציאַל־דעמאָקראַטן בראש מיט דער צייטונג „איסקראַ" האָבן געמאַכט אַן אָנגריף אויפן „בונד" פאַר זיין ניט־אויסגעהאַלטנקייט. אין די רייען פון „בונד" האָבן זיך אויך אָנגעהויבן וואַקלונגען אין דער פראַגע. ווען עס איז פאָרגעקומען דער 5־טער צוזאַמענפאָר פון „בונד" (אין יאָר 1903) זיינען שוין די טעראָריסטישע שטימונגען געווען אויף אַזויפיל אָפּגעשוואַכט, אַז דער צוזאַמענפאָר האָט איינשטימיק אַנולירט די דיסקוסיע און איבערגעגאַנגען צו לויפנדע ענינים".

אָבער טראָץ דעם איז דער אָנדענק פון הירש לעקערטן, זיין נאָמען, זיין העלדישע טאַט געבליבן אַלס איינע פון די דערהויבנסטע מאָמענטן פון דער געשיכטע, פון דער יידישער אַרבעטער און רעוואָלוציאָנערער באַוועגונג. ס'איז ווערט דאָ אונטערצושטרייכן, אַז אין די 20־ער יאָרן האָבן די קאָמוניסטן אין מינסק אויפגעשטעלט אַ דענקמאָל לכבוד הירש לעקערט...

הענעך שטיין

# יהושע פעלאָוויטש

## דער מחבר פון דער פועלי־ציון־שבועה

ניט אַלע ווייסן מן־הסתם, אַז דער מחבר פון דער באַרימטער פועלי־ציון־שבועה איז יהושע פעלאָוויטש, אַ יליד פון אַ ליטוויש קליין שטעטל ראָגאָווע, קאָוונער גובערניע; אַז דער זעלביקער מענטש האָט געוואוינט אין אַמעריקע, אין דער שטאָט באַלטימאָר, ווייט פון עפנטלעכן לעבן, און כמעט אַ פאַרגעסענער פון די ברייטע מאַסן איז ער דאָרט געשטאָרבן פון אַ האַרץ־אַטאַק דעם 13־טן פעברואַר 1938, אין עלטער פון 63 יאָר.

אַ מערקווירדיקן צופאַל האָט מיך געפירט צו דער אַנטדעקונג פון דער דאָזיקער כמעט היסטאָרישער פערזענלעכקייט. זייענדיק אַליין אַ באַלטימאָרער תושב און זעענדיק זיך כמעט יעדן טאָג צוליב געשעפטלעכע ענינים מיט פעלאָוויטשן, איז מיר גאָרניט איינגעפאַלן, אַז דאָס איז דער מחבר פון דער אַזוי פאָפולערער „שבועה". ער איז געווען אַ נחבא אל הכלים און קיינמאָל ניט גערעדט וועגן זיך און וועגן זיין פאַרגאַנגענהייט. איינמאָל, בלעטערנדיק זלמן רייזענס לעקסיקאָן, איז מיר אויפגעפאַלן צופעליק דער נאָמען פעלאָוויטש יהושע, געבוירן אין ראָגאָווע, אין מיין געבורטס־שטעטל. דערקונדיקנדיק זיך וועגן דעם ביים בעל דבר אַליין איז מיר קלאָר געוואָרן, אַז ער איז עס טאַקע. אין תוך כדי דיבור האָט ער מיר אין קורצן דערציילט זיין לעבנס־לויף.

געבוירן איז ער אין ראָגאָווע אין יאָר 1875. צו 2 יאָר האָבן זיך זיינע עלטערן באַזעצט אינעם דערבייאיקן שטעטל קופּישאָק, וואו ער האָט געלערנט אין חדר, אין ישיבות און פאַר זיך. זינט דעם אָנפאַנג פון ציוניזם געווען טעטיק אין דער באַוועגונג. אַחוץ די „שבועה" האָט ער אויך אָנגעשריבן אייניקע אַנדערע לידער און לעגענדעס, וועלכע זיינען פאַרעפנטלעכט געוואָרן אין אַמעריקע, וואוהין פעלאָוויטש האָט אויסגעוואַנדערט אין 1906. זיי זיינען געזאַמלט אין דעם ביכל „לידער און לעגענדעס", נ"י, 1918 ז—ן פ"צ. ער האָט אויך אָפּגעדרוקט אייניקע פובליציסטישע אַרטיקלען און איבערזעצונגען אין „וואַרהייט" און „אידישן טאַגעבלאַט", אַ יידישע לעגענדע „ר' חנניא בן הכינאי" אין „יידישן קעמפער" און „די געבורט פון דער שבועה" אין „דאָס אידישע פאָלק", נאָוו. 1928.

דריי יאָר האָט פעלאָוויטש פאַרבראַכט אין ניו־יאָרק, וואו ער האָט דערלערנט דעם דרוקער־פאַך. אין 1909 איז ער געקומען קיין באַלטימאָר און אויפגעעפנט אַן אייגענע דרוקעריי, וועלכע ער האָט אָפּערירט ביזן לעצטן טאָג פון זיין לעבן.

כאָטש פעלאָוויטש איז צוליב פרנסה שטענדיק געווען אַ מענטש אַ פאַרהאָרעוועטער, דאָך האָט מען אים פון צייט צו צייט געקענט זען ביי געזעלשאַפטלעכער אַרבעט און איז אין האַרצן פאַרבליבן אַן איבערגעגעבענער ציוניסט, אויף וואָס עס קענען עדות זאָגן זיינע ראָמאַנטישע ציון־לידער, וועלכע ער פלעגט תמיד אונטערזינגען ביי דער אַרבעט.

פעלאָוויטש האָט אָנגעשריבן „די שבועה" אין ווילנע, אין יאָר 1903, פורים תרס"ג. די מוזיק האָט פאַרפאַסט מ. בערנשטיין. „די שבועה" האָט איבערגעזעצט אין העברעאיש ק. ל. סילמאַן און פאַרעפנטלעכט אין „החיים והטבע".

# ליטווישע ייִדן

# אין דער וועלט

ב. י. זאַק

# ליטווישע יידן אין קאַנאַדע

## פון קאָוונע ביז לאַנקאַסטער

די אומשטענדן, וואָס זיינען אין דעם פאָריקן און היינטיקן יאָרהונדערט געווען אַזאַ דינאַמישער כוח אין לעבן פון די יידישע מאַסן פון צענטראַל־און מזרח־אייראָפּע, בעת זיי האָבן פון דאָרט זיך אַ לאָז געטאָן וואַנדערן, האָבן אויך ניט געהאַט אויסגעמיטן די ליטווישע יידן. אויך זיי האָבן צוליב אַזעלכע אָדער אַנדערע סיבות זיך געגעבן אַ ריר און אַ הייב פון די אַלטע ערטער, זיך אַוועקגעלאָזט אין נייע, ווייטע לענדער אַריין, וואוהין זיי האָבן, דער עיקר, זינט דער צווייטער העלפט פון פאָריקן יאָרהונדערט, אַריבערגעוואַנדערט און זיך דאָרט באַזעצט.

היינט קאָנען מיר זען, אַז דאָס איז אפשר געווען דער ווילן פון דער השגחה אַליין, אַז דאָס זאָל אַזוי פּאַסירן. עס איז באַשערט געווען, אַז יענע ליטווישע יידן אָדער זייערע אָפּשטאַמיקע, וועלכע געפינען זיך איצט אין דרום־אַפריקע, אין אויסטראַליע און אין די פאַרשיידענע אַמעריקאַנער לענדער, קאַנאַדע אַריינגערעכנט, זאָלן בלייבן לעבן. דורך זיי איז פון דעם אַמאָליקן ליטווישן יידנטום, מיט אַלץ וואָס עס האָט מיט זיך פאָרגעשטעלט, פאַרבליבן כאָטש אַ שטיקל זכר.

עס איז געווען באַשערט, אַז זיי זאָלן קאָנען אויסמיידן דאָס וואָס האָט געטראָפן זייערע טאַטעס, מאַמעס, שוועסטער, ברידער, קרובים אָדער פריינט, וועלכע האָבן ניט געהאַט דאָס גליק ווי זיי, צו קאָנען מיט יאָרן פריער נאָך אַרויסרייסן זיך פון דעם אומגליקלעכן לאַנד, וואו די נאַצישע חיות־רעות האָבן אין די יידישע שטעט און שטעטלעך מיט אַזוי פיל קאַניבאַלישער בלוטדאָרשטיקייט אומגעבראַכט די, וועמען זיי האָבן געקאָנט, און אָפּגעווישט אַלע שפורן פון דעם פריערדיקן יידישן לעבן דאָרטן.

אויך קאַנאַדע, ווי מיר האָבן עס אָנגעמערקט, האָט דורך דער זעלביקער צייט אויפגענומען ביי זיך אַ צאָל יידן, וואָס זיינען אַהער אַריבערגעקומען פון ליטע. מיר ווייסן ניט ווי גרויס אָט די צאָל איז ווען עס איז געווען, אויך ניט וויפל ליטווישע יידן עס געפינען זיך בכלל אין דעם דאָזיקן לאַנד היינט. דאָס איז אַ זאַך וועגן וועלכער אונדזער אָפיציעלע סטאַטיסטיק, דווקא אַ זייער אויספירלעכע, דערציילט אונדז גאָרניט. אין די קאַנאַדער צענזוסציפערן געפינען מיר יאָ אַ רובריק „ליטוויש". דאָס איז אָבער לחלוטין ניט חל אויף יידן, נאָר אויף ליטווינער בכלל, — חוץ בלויז דאָ, וואו עס רעדט זיך וועגן די וואָס זיינען געבוירן אין ליטע. און אַפילו בנוגע זיי קאָנען מיר נאַטירלעך ניט וויסן וויפל עס זיינען יידן, און וויפל ניט־יידן. עס איז אין שייכות דערמיט כדאי צו באַמערקן,



אַז לויט דער קאַנאַדער פאָלקס־ציילונג פון 1941, איז די צאָל ליטוויש־געבוירענע אין לאַנד — 6.804 — געווען קלענער פון דער צאָל וואָס האָבן זיך געהאַט אָנגעגעבן פאַר ליטווינער על פי אָפּשטאַם — 7.789, און אויך קלענער פון דער צאָל, וואָס האָבן אָנגעגעבן ליטוויש פאַר זייער מוטער־שפּראַך — 6.910. דעם דאָזיקן פאַקט ברענג איך דאָ בלויז, דרך אַגב, מחמת מיט דער איצטיקער אַרבעט קער זיך דאָס ווייניק אָן.

אין וועלכער צייט, נאָך דעם ווי אין אייראָפּע האָט זיך געהאַט אויפגעהויבן אַ יידישע אויסוואַנדערונג, האָבן ליטווישע יידן אָנגעהויבן צום ערשטן קומען קיין קאַנאַדע? ווער זיינען זיי געווען, פון וואַנען זיינען זיי געקומען, און אין וועלכע ערטער האָבן זיי ביים באַטרעטן דעם קאַנאַדער באָדן געזוכט זיך צו באַזעצן?

וואָס פאַר אַ ראָל האָבן ליטווישע יידן זינט אָט יענער צייט בכלל געשפּילט און שפּילן עד היום אין דעם יידישן לעבן פון דער דאָזיקער יונגער מדינה, וואו עס איז אויפגעקומען, באַזונדערס זינט דעם אָנהייב פון היינטיקן יאָרהונדערט, אַזאַ פיינער און בליענדיקער יידישער ישוב?

דער ענטפער אויף די אַלע פראַגעס ברענגט פאַר אונדז אַרויס אַ ריי זייער אינטערעסאַנטע זאַכן. עס איז וויכטיק דערמיט זיך צו באַקענען, מחמת מיר דערזעען דאָ פאַר זיך ווי אַזוי און דורך וועמען עס זיינען אין אַ גרויסער מאָס געלייגט געוואָרן די יסודות, מען קאָן אַפילו זאָגן, דער גאַנצער פאַקטישער הינטערגרונט פון דעם היינטיקן יידישן לעבן אין קאַנאַדע.

פאַר אַ סך וועט דאָס אפשר זיין ניי, אָבער דאָס טרעט פאַר אונדז אַרויס מיט פולער בולטקייט, אַזוי גיך ווי מיר נעמען זיך אונטערצוזוכן דעם אייראָפּעאישן „יחוס" בנוגע די געבורט־לענדער פון אַמאָליקע יידישע אימיגראַנטן אין קאַנאַדע. מיר דערוויסן זיך, אַז דער רוב זיינען געווען אַזעלכע יידישע אימיגראַנטן פון ליטע, וואָס צווישן זיי האָבן זיך געפונען די פיאָנערן און בויערס פון אונדזער היינטיקן ישוב דאָ אין לאַנד. די דאָזיקע אַמאָליקע ליטוויש־יידישע איינוואוינער, אָדער זייערע אָפּשטאַמערס, האָבן צום דאָזיקן ישוב פיל בייגעטראָגן. זיי האָבן דעם היגן יידישן לעבן געגעבן דעם גרעסטן שטויס פאָרויס, און ניט בלויז אין דער קאַנאַדער מעטראָפּאָליע אַליין, נאָר איבערן גאַנצן לאַנד.

מיר קומען דערפון צום אויספיר, אַז די קליינע ליטע איז דורך אַ צייט מיט יאָרן געווען דער רעזערוואואַר, וואָס פון אים האָבן קאַנאַדער יידן געצויגן זייערע בעסטע כוחות. עס איז אמת, אַז די צאָל וואָס איז אַהער אַריבער־

געקומען פון די ליטווישע שטעט און שטעטלעך איז געווען ניט גרויס. אָבער דאָ האָט ניט אַזוי געשפּילט אַ ראָל די צאָל, ווי די די אַריבערגעקומענע גופא. דאָס וואָס זיי האָבן מיט זיך מיטגעבראַכט אין איכות, איז פאַר דעם יונגן, וואַקסנדיקן ישוב געווען ממש ניט אָפּצושאַצן.

די דאָזיקע יידישע אימיגראַנטן האָבן מיט זיך מיטגעבראַכט אי תורה, אי וועלטלעכן וויסן. זיי האָבן מיטגעבראַכט ווי אַ טייל פון זייער גייסטיקן „באַגאַזש" אַ וואַרעמע צוגעבונדנקייט צו די אַלטע טראַדיציעס פון אונדזער פאָלק, און יענעם „עפּעס", וואָס זיי האָבן אין זיך איינגעזאַפּט אין דער אַלטער היים, יענעם שטאַרקן יידישן געפיל, וואָס זיי האָבן אַזוי טיף איינגעזויגן אין זייער בלוט און וואָס דורך זיי זיך לייכט געלאָזט איבערגעבן צו אַנדערע, זיך געלאָזט אָפּשטעמפּלען אויף יעדן צווייג פון יידישן לעבן, מיט וועלכן זיי זיינען אין דעם נייעם לאַנד געקומען אין באַריר.

ווען מיר באַקענען זיך מיט דער ראָל וואָס די און יענע יחידים האָבן געשפּילט צווישן קאַנאַדער יידן, ווי אויך מיט דעם ווער זיי אַליין זיינען געווען, וועט ווערן קלאָר דאָס, אויף וואָס מיר ווילן אָנווייזן. מען דערמאָנט נאָך עד היום דעם זייער טשיקאַוון פאַל, וואָס איז זיך אַמאָל פאַרלאָפן מיט דער יידישער קהילה פון דער שטאָט קוויבעק. די קוויבעקער יידן האָבן זיך געניטיקט אין אַ שוחט און זיי האָבן וועגן דעם אַריינגעגעבן אַ מודעה אין שרהזאָנס „יידישע גאַזעטן". זיי האָבן אָבער געשטעלט אַ תנאי, אַז ער טאָר ניט זיין קיין „ליטוואַק". אַז אַ שוחט זאָל זיין אַ יליד־ליטע, איז אין זייערע אויגן מסתמא געווען אַ גוואַלטיקער פּסול. אָבער גראָד צווישן די אַמאָל אַריבערגעקומענע ליטווישע יידן, אָדער זייערע אָפּשטאַמערס, האָבן זיך געפונען און געפינען זיך אויך היינט די פיינסטע יידישע משפחות אין קאַנאַדע. דאָס זיינען משפחות וואָס האָבן פון זיך אַרויסגעגעבן די בויערס פון אונדזערע וויכטיקסטע אינסטיטוציעס, גרויסע רבנים, באַוואוסטע כלל־טוערס, געזעלשאַפטלעכע פירערס, פּראָמינענטע מעדיקער, שרייבער, קינסטלער און אַנדערע, וואָס האָבן מיט עפּעס וואָס זיך אויסגעצייכנט, אָדער צייכענען זיך אויס, וואָס האָבן אין היגן יידישן לעבן אַזוי פיל אַריינגעבראַכט, און וועמעס נעמען זיינען היינט באַוואוסט איבערן גאַנצן לאַנד.

דער ערשטער ליטווישער ייד — דער ערשטער, לויט ווי עס איז מעגלעך געווען פעסטצושטעלן — וואָס איז קיין קאַנאַדע אַריבערגעקומען, איז געווען משה בילסקי (1829—1923), דער פאָטער פון דער גרויסער קאַנאַדער יידישער כלל־טוערין מרס. א. י. פרימאַן (1885—1940) און פון מרס. אלען בראָנפמאַן. ער איז געבוירן אין קאָוונע און האָט אין קאַנאַדע איינגעוואַנדערט אַרום 1840, בעת ער איז אַלט געווען 11 יאָר. ער איז געקומען צוזאַמען מיט זיין פאָטער, אליהו בילסקי, וועלכער האָט זיך באַזעצט אין מאָנטרעאָל. זיין פאָטער האָט אין 1857 פאַרלאָזט קאַנאַדע און איז אַוועקגעפאָרן קיין ארץ־ישראל, און משה בילסקי האָט זיך דאַן אַריבערגעקליבן קיין אָטאַווא — דער ערשטער ייד, וואָס האָט זיך באַזעצט אין דער קאַנאַדער הויפּטשטאָט.

זיין קאַריערע די ערשטע יאָרן איז געווען, ווי מען האָט עס אין זיין צייט אָנגערופן, ספּעקטאַקלדיק. בעת מען האָט אין דער קאַנאַדער פּאַציפישער פּראָווינץ געהאַט אַנטדעקט גאָלד, האָט ער צוזאַמען מיט אַנדערע גאָלד־זוכערס זיך אויך אַוועקגעלאָזן אַהין. אין 1863 האָט ער אין סאַן־פראַנציסקאָ זיך אָנגעשלאָסן אין דער אַמעריקאַנער אַרמיי. דאָס איז געווען, בעת דער בירגער־קריג איז אין די פאַראייניקטע שטאַטן געווען אין פולן שוואונג. אין 1867 אָבער, האָט ער זיך צוריק אומגעקערט קיין אָטאַוואַ און זינט יענער צייט האָט ער זיך אינגאַנצן געווידמעט דער יונגער קהילה דאָרטן, וואו ער איז אין משך פון איבער אַ האַלבן יאָרהונדערט געווען אַ קאָנטיקע פיגור און איינער פון די אַקטיווסטע און איבערגעגעבנסטע יידישע טוערס.

מיט זיבעצן יאָר שפּעטער נאָך זיין קומען קיין קאַנאַדע, הערן מיר פון נאָך אַ ליטוויש־יידישן אימיגראַנט. דאָס איז געווען נח פרידמאַן (1831—1881), אויך פון קאָוונע. עס לאָזט זיך אַפילו גלייבן, אַז אין דער צווישנצייט האָבן געמוזט זיין נאָך איינגעוואַנדערטע פון ליטע. מיר ווייסן אָבער ניט ווער זיי זיינען געווען. מיר ווייסן אויך ניט פאַרוואָס נח פרידמאַן, וועלכער איז געקומען אין 1857, האָט זיך דאַן גראָד באַזעצט אין צפון לאַנקאַסטער, אין דער פּראָווינץ אָנטעריאָ — אַ געגנט, וואָס מען האָט נאָר וואָס געהאַט געעפנט פאַר קאָלאָניזאַציע. פון וועמען האָט ער דאַן געהאַט געקראָגן זיינע ידיעות וועגן יענעם פּלאַץ? איז דאָס אפשר ניט געווען פון קרובים אָדער באַקאַנטע, וועלכע זיינען קיין קאַנאַדע געווען אַריבערגעקומען נאָך פאַר אים?

די געגנט אַרום לאַנקאַסטער האָט באַלד צוגעצויגן צו זיך נאָך ליטווישע יידן, וועלכע זיינען דאָרט געקומען אין די שפּעטערדיקע יאָרן. דאָרט האָט זיך ביסלעכווייז געשאַפן אַ קליינע ליטוויש־יידישע קאָלאָניע, וואָס האָט אָבער זיך ניט געקאָנט האַלטן צוליב דעם, וואָס זי האָט זיך ניט פאַרגרעסערט. צווישן די אַריבערגעקומענע האָבן זיך געפונען נח פרידמאַנס שוואָגער — חיים קעלערט פון קאָוונע, שלמה לעווינסאָן פון מאַריאַמפּאָל און נאָך אַנדערע. דער רוב פון זיי האָבן אָבער שפּעטער זיך אַריבערגעקליבן קיין מאָנטרעאָל, — דעם עלטערן און גרעסערן צענטער, וואָס האָט שוין געהאַט אַן איינגעשטעלט יידיש לעבן.

מיט די דאָזיקע אַריבערגעקומענע ליטוויש־יידישע אימיגראַנטן פון יענעם פּעריאָד — און צו זיי דאַרף מען צורעכענען נאָך איינציקע וואָס זיינען געקומען מיט אַ פּאָר יאָר שפּעטער — איז געבליבן פאַרבונדן דער אויפבוי פון אַ גרויסער קאַנאַדער אינדוסטריע — די קליידער־אינדוסטריע, וואָס ביי איר זיינען היינט באַשעפטיקט צענדליקער, טויזנטער מענטשן. מיט זיי איז אויך געבליבן

פאַרבונדן אַ פריער קאַפּיטל אין דעם יידישן קהילה־לעבן פון דער קאַנאַדער מעטראָפּאָליע, וואו זיי האָבן אין זייער צייט געשפּילט אַזאַ ראָל און גענומען אַן אָנטייל אין די פאַרשיידענע אָרטיקע יידישע טעטיקייטן, וואָס האָבן דעמאָלט אָנגעהויבן אויפקומען.

זייערע נעמען, פּונקט ווי די נעמען פון נאָך אַ סך אַנדערע ליטווישע יידן, וועלכע זיינען אַריבערגעקומען אין די שפּעטע זעכציקער, זיבעציקער און אַכציקער יאָרן און זיך באַזעצט אין מאָנטרעאָל, וואַרפן זיך כּסדר דורך אין דעם פּנקס פון דער „שער השמים"־שול — די צווייטע עלטסטע געמיינדע אין לאַנד (צום ערשטן געגרינדעט אין 1846), וואָס איז היינט זיך אַזוי צעוואַקסן. זיי וואַרפן זיך אויך דורך אין די פּראָטאָקאָל־ביכער פון דער מאָנטרעאָלער „יאָנג מענס היברו בענעוואָלענט סאָסייעטי", — דעם פילאַנטראָפּישן פאַראיין, וואָס אַרום אים האָט אין משך פון אַ סך יאָרן זיך קאָנצענטרירט אַ וויכטיקער טייל פון קאַנאַדער יידישן לעבן. דאָס איז דער פאַראיין, וואָס פון אים איז אַרויסגעקומען דער שפּעטערדיקער „באַראָן דע הירש אינסטיטוט" און זיינען אַרויסגעוואַקסן אַלע היינטיקע פאַרצווייגטע יידישע צדקה־טעטיקייטן אין מאָנטרעאָל.

אָט די דאָזיקע אַלע ליטוויש־יידישע אימיגראַנטן פון יענער צייט זיינען פאַר דעם יונגן ישוב דעמאָלט געווען אַ גרויס געווינס. דאָס איז געווען אַן עלעמענט, צווישן וועלכן עס האָבן זיך געפונען אי בויערס, אי וועגווייזערס. זיי האָבן געגעבן דעם טאָן פאַר אַ סך זאַכן. אין אַלצדינג האָט ביסלעכווייז זיך גענומען פילן זייער באַזונדערע השפּעה, און דאָס וואָס האָט זיי אַזוי שטאַרק אונטערשיידט פון זייערע איינגעוואַנדערטע ברידער פון אַנדערע טיילן אייראָפּע. זיי זיינען תמיד געווען צווישן די, וואָס האָבן גענומען גרינדן יידישע אָרגאַניזאַציעס, וואָס האָבן געבויט שולן און בתי־מדרשים און גענומען איינפירן דעם טראַדיציאָנעלן חדר. זיי האָבן געזאָרגט ניט בלויז ווי צו באַפרידיקן די יידישע מאַטעריעלע נויטן, נאָר אויך די גייסטיקע. דער עיקר איז יידישע דערציאונג געוואָרן איינע פון זייערע גרעסטע זאָרגן.

אויב אָט דאָס אַלץ איז בכלל געווען דער גייסט, וואָס האָט נאָך אַרום סוף פאָריקן יאָרהונדערט גענומען פאַמעלעך איבערפאָרעמען דאָס יידישע לעבן אין קאַנאַדע, קעגן דעם ווילן פון די וואָס האָבן דאָס ניט געוואָלט, וואָס האָבן אויף דער דאָזיקער דערשיינונג גראָד געקוקט אַזוי קרום, — דאַן זיינען דאָס געווען ליטווישע יידן, וואָס האָבן צו דעם בייגעטראָגן אַ זייער גרויסן חלק — איייניקע פון זיי מער, אַנדערע ווייניקער.

## די כהנם פון בודאָוויץ

באַזונדערס האָט זיך אויסגעצייכנט די בכבודיקע משפּחה פון די כהנס, וועלכע האָט אין אַ פולער מאָס פאַרקערפּערט מיט זיך די פיינסטע יידישע טראַדיציעס און אייגנשאַפטן, וואָס זי האָט מיט זיך מיטגעבראַכט פון דער אַלטער היים. זי האָט די דאָזיקע טראַדיציעס און אייגנשאַפטן זיך באַמיט כּסדר אויפצוהאַלטן, און איר השפּעה צווישן קאַנאַדער יידן איז במשך פון איבער אַ האַלבן יאָרהונדערט געווען זייער גרויס. די דאָזיקע השפּעה, וואָס איז פאַראַנטוואָרטלעך פאַר אַ סך זאַכן, וואָס דער היגער נייער ישוב קאָן אויף זיי אָנווייזן, האָט זיך נאָך געלאָזט שטאַרק פילן ביז לעצטנס.

דאָס איז די משפּחה פון זייער חשובן און ביי זיין לעבן אַזוי באַליבטן זקן־הרבנים פון מאָנטרעאָל און גאַנץ קאַנאַדע הרב צבי הכהן זצ"ל (1862—1950). וועגן דעם לעבן פון דער דאָזיקער גרויסער יידישער פּערזענלעכקייט, אַ סך יאָרן דער שטאָלץ פון קאַנאַדער יידן, וועט נאָך אויסקומען צו ריידן. דאָ וויל איך בלויז באַמערקן, אַז דעם ליטווישן דאָרף (בודאָוויץ), וואו די כהנס האָבן געוואוינט, דערמאָנט אויך א. ז. לעווין־עפּשטיין אין זיינע „זכרונות" * בעת ער שילדערט אַזוי בילדעריש זיין היים־שטעטל ווילקאָווישק. ער דערציילט, אַז אין דער ווילקאָווישקער אומגעגנט האָבן געוואוינט אַ סך יידן אין דערפער. עס האָבן צווישן זיי זיך געפונען אי רייכע, אי למדנים, און די דאָזיקע „ישובניקעס", ווי מען פלעגט זיי רופן, פלעגן מיט זייערע ביישטייערונגען העלפן אויסהאַלטן די ווילקאָווישקער אינסטיטוציעס. „אַזוי געדענק איך", שרייבט ער, „דעם דאָרף בודאָוויץ, לעבן ווילקאָווישק. דאָרטן האָבן געוואוינט עטלעכע ברידער, די כהנס — זיי און זייערע פאַמיליעס. אַלע זיינען זיי געווען גרויסע למדנים און בעלי־צדקה. אין דער שטאָט מאָנטרעאָל, קאַנאַדע, לעבט נאָך היינט איינער פון אָט דער משפּחה. דאָס איז הרב צבי הכהן, וועלכער האָט נאָך בעת ער איז געווען אַ יינגל פאַרלאָזט דעם דאָרף און איז אַוועקגעפאָרן לערנען קיין וואָלאָזשין. אויך זיין פּלימעניק, דער באַוואוסטער עסקן, לעאָן קאָהען פון מאָנטרעאָל, געהערט צו דער משפּחה כהן „פונעם דאָרף בודאָוויץ, וואָס לעבן ווילקאָווישק".

דער ערשטער פון דער דאָזיקער משפּחה, וואָס האָט איינגעוואַנדערט קיין קאַנאַדע איז געווען אליעזר כהן (1844—1914), דער עלטערער ברודער פון הרב צבי הכהן. זייער פאָטער איז געווען ר' חיים הכהן ז"ל, — אַ למדן און מופלג, וועלכער האָט געשטאַמט פון גרויסן רבנישן יחוס, און פון וועמען זיינע זין, קאָנטיק, האָבן אין מעלות געהאַט געירשנט זייער פיל.

אליעזר כהן איז אַריבערגעקומען אין 1869. ער האָט אין דער היים געקראָגן אַ גוטע יידישע דערציאונג, האָט געלערנט אין דער וואָלאָזשינער ישיבה, און דאָס, צוזאַמען מיט דער אַטמאָספערע ביי זיי אין הויז, האָט אים געהאַט צוגעגרייט פאַר דער ראָל וואָס אים איז אין קאַנאַדע אויסגעקומען שפּילן מיט יאָרן שפּעטער. דאָס איז געווען, ווען אין אים האָט אויפגעוואַקסט דער יידישער עסקן, דער

---

* א. ז. הלוי לוין־עפּשטיין: „זכרונותי", תל־אביב, תרצ"ב.

ענערגישער טוער וואָס האָט זיך געווידמעט יענע ייִדישע אינטערעסן, וועלכע זיינען אים געווען נאָענט.

ווי אַנדערע ליטוויש־ייִדישע אימיגראַנטן פאַר אים, האָט אויך ער ביי זיין אָנקומען אין דעם נייעם לאַנד צוערשט זיך באַזעצט אין דער פּראָווינץ אָנטעריאָ. אין 1883, אָבער, האָט ער זיך אַריבערגעקליבן קיין מאָנטרעאַל, וואו ער האָט זיך געלאָזט אַריינציען אין פאַרשיידענע ייִדישע טעטיקייטן און איז געוואָרן איינער פון די איבערגעגעבנסטע אָרטיקע ייִדישע טוערס.

אַלץ האָט אים פאַראינטערעסירט. צי דאָס איז געווען די מאָנטרעאָלער ת״ת, וואָס איז געוואָרן זיין אידעאַל און וועלכער ער האָט מיט אַזאַ ברייטהאַרציקייט געהאָלפן אויפהאַלטן; די „שערי השמים״־שול, וואָס האָט שוין אַרום יענער צייט אָנגעהויבן זיך שטאַרק פונאַנדערוואַקסן, און וואָס ער איז געוואָרן איינער פון אירע פירערס; ייִדישע צדקה־טעטיקייטן, חיבת־ציון אָדער ייִדישע קאָלאָניזאַציע בכלל — האָט ער דאָ אויפגענומען מיט איין און דעם זעלביקן ענטוזיאַזם, מיט אויפריכטיקייט. זיין כלל־טוערישע ענערגיע, וואָס האָט געזוכט אַלערליי אויסגאַנגען, האָט אָנגעשטעקט אַנדערע. ער איז געווען פון די ערשטע קאַנאַדיזירטע ייִדן, וואָס האָבן פיל געזאָרגט פאַר ייִדישער דערציאונג.

דעם חוש פאַר פילזייטיקע ייִדישע אינטערעסן, מיט וועלכע ער האָט זיך אָפּגעגעבן, האָט ביי אים איבערגענומען זיין עלטערער זון, לייאָן קאָהען (1868—1937), וועלכער האָט אים ווייט איבערגעשטיגן. ער איז אין זיין כלל־טוערײַ געווען אַ מענטש מיט אַ פיל ברייטערן פאַרנעם און ער האָט מיט אַ סך זאַכן זיך געמאַכט באַליבט ביי אַנדערע. זיין פּערזענלעכקייט האָט אימפּאָנירט, האָט צוגעגעבן פּרעסטיזש אַלץ אין וואָס ער איז אַריינגעצויגן געוואָרן, און זיינע עפנטלעכע פאַרדינסטן זיינען געווען פילפאַכע.

לייאָן קאָהען איז אַריבערגעקומען קיין קאַנאַדע צוזאַמען מיט זיין מוטער, ווען ער איז געווען דריי יאָר אַלט. דאָס איז געווען אין 1871. די פאַמיליע האָט אַ היפּשע צייט געהאַט געוואוינט אין אַ קליינעם שטעטל מאָבערלי, אין דער פּראָווינץ אָנטעריאָ, אָבער שפּעטער האָט זי זיך אַריבערגעקליבן קיין מאָנטרעאַל. דער יונגער לייאָן קאָהען איז גיך צונויפגעוואַקסן געוואָרן מיטן נייעם אָרט, וואו ער האָט פאַר זיך געפונען אַזאַ ברייטן פעלד. אַ פאָלקס־מענטש מיט אַ געבוירענעם חוש פאַר ייִדישע נויטן, האָט זיין איינפלוס זיך דאָ געגומען שטאַרק פילן.

ניט דאָ, פאַרשטייט זיך, איז דער פּלאַץ זיך אָפּצושטעלן אויף די אַלערליי פּאַזן פון זיין טעטיקייט, וואָס נעמען אַרום אַ משך פון באַלד אַ האַלבן יאָרהונדערט. עס וועט זיין גענוג צו זאָגן, אַז ער איז אַלע יאָרן געשטאַנען אין סאַמע צענטער פון ייִדישן לעבן. ער איז געווען סעקרעטאַר פון ערשטן קאָמיטעט אויסצוקעמפן גלייכע שול־רעכט פאַר די ייִדישע קינדער פון מאָנטרעאָל, אַ לאַנגע צייט פּרעזידענט פונעם „באַראָן דע הירש אינסטיטוט״, אַן אינסטיטוציע, וואָס האָט אין זיך איינגעשלאָסן פאַרשיידענע ייִדישע טעטיקייטן; פּרעזידענט (עטלעכע צענדליק יאָר נאָכאַנאַנד) פון „שער השמים״־שול (די גרעסטע אין לאַנד); הויפּט־אָנפירער פון דער ייק״א־אַרבעט אין קאַנאַדע; פּרעזידענט פון קאַנאַדער ייִדישן קאָנגרעס; פּרעזידענט פון די פאַראייניקטע קאַנאַדער ייִדישע מלחמה־הילף אָרגאַניזאַציעס, געווען פאַרבונדן מיט נאָך אַ סך אַנדערע אינסטיטוציעס און אָרגאַניזירטע קערפּערשאַפטן, וואָס האָבן אין זיין צייט זיך באַוויזן אויף דער ייִדישער גאַס.

די דאָזיקע פילזייטיקע ראָל זיינע האָט אַמאָל גאַנץ ריכטיק כאַראַקטעריזירט ראַביי ד״ר הערמאַן אַבראַמאָוויטש ז״ל, פון דער „שער השמים״־שול אין מאָנטרעאָל (אויך אַ ליטווישער ייד). ער האָט וועגן אים ביי אַ געוויסער געלעגנהייט זיך אויסגעדריקט, אַז ער האָט פאַרקערפּערט אין זיך „אי מזרח, אי מערב״, און אַז „ער איז געווען די בריק צווישן פּינסק און וואַשינגטאָן״... פּינסק און וואַשינגטאָן — די ייִדישע וועלט און די גויאישע וועלט, צוויי באַזונדערע, גאַנץ פרעמדע וועלטן, צווישן וועלכע עס ליגט אַזאַ דיסטאַנץ, — עקסטרעמען וואָס קאָנען זיך ניט צונויפקומען. אָבער לייאָן קאָהען האָט געוויזן, אַז זיי קאָנען אונטער געוויסע אומשטענדן זיך יאָ צונויפקומען.

אומקערנדיק זיך צוריק צו די „כהנס פון בודאָוויץ״, בעט זיך דאָ לשם פאַרגלייך צו זאָגן, אַז דאָס וואָס לייאָן קאָהען איז געווען פאַר קאַנאַדער ייִדן ווי אַ גרויסער געזעלשאַפטלעכער טוער, איז זיין באַרימטער פעטער, הרב צבי הכהן זצ״ל, פאַר זיי געווען ווי אַ נאַציאָנאַל־רעליגיעזער פירער, ווי אַ פאָרשטייער פון אָרטאָדאָקסישער ייִדישקייט, און ווי דער וואָרטזאָגער פון די וועלכע באַמיען זיך אַריינצוברענגען אין היגן ייִדישן לעבן דעם גייסט פון תורה און פון דער אַלטער ייִדישער פאַרוואָרצלטקייט.

הרב צבי הכהן איז געבוירן אין בודאָוויץ, אין זיין דרייסיקסטן לעבנס־יאָר אַריבערגעקומען קיין קאַנאַדע. געקומען איז ער אַן אָנגעזאַפּטער מיט תורה און מיט וויסן, אַ באַלאָדענער מיט דעם רייכסטן באַגאַזש וואָס אַן אימיגראַנט האָט מיט זיך געקאָנט ברענגען. דאָס איז געווען — אַלץ וואָס ער האָט געגאָסן אין די באַרימטע גרויסע ישיבות וואו ער האָט אין דער היים געלערנט. איז דאָך דאָס אין אָט יענע ישיבות, וואו עס האָט זיך געהאַט אויסגעפאָרעמט די שפּעטערדיקע גרויסע גייסטיקע פּערזענלעכקייט פון דעם רב כהן, וועמען אַלע האָבן געקענט.

נאָך אין זיינע יינגל־יאָרן, האָט ער זיך אויסגעצייכנט מיט זיין חריפותדיקן קאָפּ און אַרויסגעוויזן זעלטענע פעאיקייטן. זיין ערשטע דערציאונג אין תורה און אין תלמוד האָט ער געקראָגן ביי זיין פאָטער. ווען ער איז געוואָרן 14 יאָר האָט מען אים אַוועקגעשיקט קיין ווילקאָווישק, וואו ער האָט געלערנט ביי ר׳ מיכאל נאמן; צו 16 יאָר האָט מען אים געשיקט קיין ווילנע, אין „ראַמאַילעס קלויז״, וואו דער ראש־ישיבה איז דעמאָלט געווען

ר׳ בן־ציון חריף. דער יונגער אָבער פּעאיקער בחור, וועמען מען האָט דאָרטן גערופן „הערשל ווילקאָווישקער", האָט צווישן זיינע חברים באַוויזן מיט זיין זעלטענער התמדה גיך זיך קונה שם צו זיין.

פון ווילנע איז ער געפאָרן קיין וואָלאָזשין, וואו זיינע ראשי־ישיבה זיינען געווען ר׳ נפתלי צבי בערלין (דער „נציב") און ר׳ חיים בריסקער. צו 18 יאָר האָט ער געקראָגן סמיכה פון דעם באַוואוסטן גאון ר׳ יעקב דוד סלוצקער (דער רידב"ז). מיט צוועלף יאָר שפּעטער האָט ער פאַרלאָזן זיין היים אין דער קליינער, אָרעמער ליטע און זיך אַוועקגעלאָזט וואַנדערן. ער איז געקומען קיין קאַנאַדע און זיך באַזעצט אין מאָנטרעאָל.

ער איז אין פולן זין פון וואָרט געווען אַ פּיאָנער, אַ בויער. ער האָט אַ סך יאָרן פון זיין לעבן אַוועקגעגעבן אויף צו דינען דעם יידישן כלל, אויף צו זאָרגן פאַר יידישן חינוך און פאַר אַנדערע געזונטע יידישע אינטערעסן. ער האָט פאַר די דאָזיקע אינטערעסן זיך איינגעשטעלט, אַפילו געקעמפט, אויב מען האָט עס באַדאַרפט. ער האָט געקעמפט ניט בלויז פון דער בימה אין שולן און בתי־מדרשים, אָדער ביי יידישע פאָלקס־פאַרזאַמלונגען, נאָר אויך אויף די שפּאַלטן פון „קענעדער אָדלער" — די צייטונג, וואָס איז פאַר אים אָפט געווען די טריבונע אויף צו לאָזן הערן זיין וואָרט.

די יידישע קהילה פון מאָנטרעאָל האָט אים צו פאַרדאַנקען פאַר אַ סך זאַכן, און זי וועט זיין אָנדענק טייער האַלטן. הרב צבי הכהן איז אין 1950 נפטר געוואָרן אין ווערמאָנט, נ. י., אין הויז פון זיין טאָכטער און איידעם, ביי וועמען ער האָט די לעצטע יאָרן פון זיין לעבן זיך אויפגעהאַלטן, ווען ער איז שוין געווען אַ זקן, איבער 90. ער איז געבראַכט געוואָרן צו קבורה אין מאָטרעאָל, וואו מען האָט אין 1952 אים אויפגעשטעלט אַן אוהל.

זייער ריכטיק האָט וועגן אים זיך אויסגעדריקט הרב י. ל. זלאָטניק, וועלכער איז דעמאָלט געווען אַ תושב אין מאָנטרעאָל. הרב צבי הכהן — האָט ער דאַן באַמערקט, — איז איינער פון די, וואָס איז געשטאַנען ביים וויגעלע פון דעם נייעם יידישן ישוב אין קאַנאַדע און אַ גרויסן אָנטייל גענומען אין דער זאָרג, אַז דער דאָזיקער ישוב זאָל אויסוואַקסן געזונט און שטאַרק און ניט פאַרפרעמדט ווערן אין דער פרעמדער סביבה און ניט פאַרפרוירן ווערן פון די קאַלטע צפון־ווינטן. ער איז איינער פון די ראשונים, וואָס האָבן אַוועקגעלייגט אַ פעסטן פונדאַמענט פאַר אַ געזונט יידיש־רעליגיעז און נאַציאָנאַל לעבן אין קאַנאַדע".

## די פרימאַנס פון אטאַווא

אַ נאָמען, וואָס וועט צווישן אַלע אַנדערע נעמען פון ליטווישע יידן אין קאַנאַדע קיינמאָל ניט אויפהערן אַרויסשיינען, איז דער נאָמען — פ ר י מ אַ ן. מיט דעם דאָזיקן נאָמען איז פאַרבונדן דער אומפאַרגעסלעכער אָנדענק פון די צוויי גרויסע און לויטערע יידישע פערזענלעכקייטן, וועמעס הערצער זיינען געווען פול מיט ליבשאַפט און וואַרעמקייט צו זייער ליידנדיקן פאָלק, און וואָס האָבן דורך זייערע פיינע, נאָבעלע מעשים זיך אַליין געשטעלט דעם שענסטן מאָנומענט.

ביידע האָבן זיי געלעבט דעם זעלביקן לעבן, — געלעבט פאַר אַנדערע, פאַר וועמען זיי האָבן זיך תמיד מוסר־נפש געווען. זיי האָבן געלעבט פאַר דעם וואוילזיין פון די אַרום זיי, און געלעבט, דער עיקר, פאַר זייער אייגן פאָלק, וועמעס חלומות און האָפענונגען עס האָבן זיי אינספּירירט אין דער אַרבעט, וואָס זיי האָבן זיך געווידמעט.

קאַנאַדער יידן וועלן מיט דעם נאָמען „פרימאַן" אַלעמאָל זיין שטאָלץ. דאָס איז אַ נאָמען, אַרום וועלכן עס האָט זיך אַרומגעפלאָכטן אַ שיינע טראַדיציע, און וואָס מיט אַ סך יאָרן שפּעטער וועלן אַרום אים זיך אַפילו שאַפן מעשיות און זיך וועבן לעגענדעס. האָבן דאָך די פרימאַנס אַזוי לאַנג פאַרקערפּערט אין זיך דאָס העכסטע און שענסטע אין נאָבלקייט, אין פיינקייט, און דער עיקר, אין יידישער גוטסקייט. זיכער וועלן אָט אַזעלכע לעגענדעס זיך שאַפן אַרום דעם נאָמען און דער פערזאָן פון ליליען פרימאַן, די פרוי פון אַרטשיבאַלד י. פרימאַן. זי איז געווען אַ פרוי, וואָס האָט תמיד געוויטיקט אויף דעם צער פון אירע מיטמענטשן, אָבער וואָס האָט נאָך מער געוויטיקט אויף דעם צער פון איר אייגן פאָלק און אויף יעדן אומגליק, וואָס איז ערגעץ פון יענער זייט ים באַפאַלן אירע שוועסטער און ברידער.

ליליען פרימאַן איז געבוירן אין אָטאַוואַ, דעם 6־טן יוני 1885. זי איז געווען די טאָכטער פון דעם אויבנדערמאָנטן משה בילסקי, דעם ערשטן ליטוויש־יידישן אימיגראַנט, וואָס איז אַריבערגעקומען קיין קאַנאַדע. אין 1903 האָט זי חתונה געהאַט מיט אַרטשיבאַלד י. פרימאַן, וועלכער איז צו 13 יאָר אַריבערגעקומען מיט זיינע עלטערן פון ווירבאַלן. זי האָט פרי פאַרנומען דעם רוף פון די וואָס זיינען געווען אין נויט און זי האָט זיך אַריינגעוואָרפן אין אַרבעט לטובת הכלל. איר האַרץ, וואָס איז אָנגעפילט געווען מיט רחמנות און צערטלעכקייט צו אַלעמען, איז באַזונדערס אָנגעפילט געווען מיט אַ סך ליבשאַפט און וואַרעמקייט צו יידן. ציוניזם און די יידישע נאַציאָנאַלע האָפענונגען זיינען געוואָרן דער אידעאַל, וועלכן זי האָט זיך געווידמעט מיט לייב און לעבן.

ליליען פרימאַן איז געווען די פרעזידענטין און איינע פון די גרינדערינס פון דער קאַנאַדער „הדסה". אונטער איר פירערשאַפט איז די אָרגאַניזאַציע אויסגעוואַקסן און איז געוואָרן אַ וויכטיקער צווייג אין קאַנאַדער ציוניזם. אין 1919 האָט זי אָרגאַניזירט דעם „העלפּינג הענד"־פאָנד פאַר ארץ־ישראל, וואָס האָט אַהין אַריבערגעשיקט קליידער און מעדיצין פאַר דער מלחמה־געליטענער באַפעלקערונג. איר אינספּירירנדיקער גייסט און איינפלוס האָבן זיך שטאַרק געלאָזט מערקן אין יעדער גרעסערער און קלענערער נאַציאָנאַלער אַקציע.

עס איז ניט אָפּצושאַצן וויפל די דאָזיקע מערקווירדיקע פרוי האָט אויפגעטאָן פאַר דער בוי־אַרבעט אין ארץ־ישראל און פאַרן דאָרטיקן ישוב בכלל. איר ביישטייער צו די שפּיטאָל־איינריכטונגען אין דעם יידישן היימלאַנד, צו די פאַרשיידענע סאַניטאַרע אונטערנעמונגען — וואָס האָבן אויסגעריייניקט מאַלאַריע־זומפּן א. אַ. וו. — דאָס אַלץ איז אַ קאַפּיטל פאַר זיך, וואָס איז דירעקט געווען פאַרבונדן מיט איר אומדערמידלעכער טעטיקייט ווי די „הדסה"־פּרעזידענטין. אין ישראל גופא איז איר נאָמען פאַראייביקט געוואָרן דורך דעם ליליען־פרימאַן פליגל פון דער אַגריקולטור־שול פאַר מיידלעך אין נהלל.

זי איז אויך אַ צייט געווען די אָנפירערין פון דעם „רויטן קרייץ" אין אָטאַווע, די גייסטיקע אָנפירערין פון אַ וועטעראַנען־אָרגאַניזאַציע, און איז געווען פאַרבונדן מיט נאָך אַנדערע קאַנאַדער טעטיקייטן. זי איז געווען וויצע־פּרעזידענטין פון קאַנאַדער אינסטיטוט פאַר בלינדע, אַן ערן־מיטגליד פון דער קאַנאַדער ליגע פון דער בריטישער אימפּעריע, און געווען זייער אַקטיוו אין אַלע פּאַטריאָטישע אָרגאַניזאַציעס. פאַר אָט דעם גרויסן און וואַרעמען אינטערעס וואָס זי האָט אַרויסגעוויזן צו ענגלאַנד איז זי באַערט געוואָרן מיט דעם טיטל „אָפיציר פון דעם אָרדן פון דער בריטישער אימפּעריע". מיט אַ יאָר שפּעטער האָט זי באַקומען דעם יובליי־מעדאַל. קאַנאַדע האָט שטאַרק אָפּגעשאַצט אירע אויפטוען פאַרן לאַנד און פאַרן פאָלק.

ליליען פרימאַן האָט זיך אָבער באַזונדערס פאַראייביקט דורך דער גרויסער אַקציע, וואָס זי האָט אין 1921 געהאַט אונטערגענומען — צו ראַטעווען יידישע יתומים פון דער צעפּאָגראָמירטער אוקראַינע און זיי אַריבערצוברענגען קיין קאַנאַדע. דער גורל פון די דאָזיקע אומגליקלעכע יידישע יתומים האָט זי דאַן געריררט, איר ניט געלאָזט רוען. זי האָט פּערזענלעך זיך משתדל געווען ביי דער קאַנאַדער רעגירונג אַז מען זאָל זיי אַהער אַריינלאָזן. ווען זי האָט געקראָגן די פאַרזיכערונג, אַז מען וועט דאָס טאָן, איז זי אַליין געפאָרן קיין אייראָפּע און פון דאָרטן אַריבערגעבראַכט 150 פון די דאָזיקע יתומים, וואָס זיינען פאַרטיילט געוואָרן אין קאַנאַדער יידישע היימען. יענער אויפטו אירער האָט אומעטום אַרויסגערופן דעם וואַרעמסטן לויב.

די, וועמען זי האָט דאַן אַריבערגעבראַכט, האָבן קיינמאָל ניט פאַרגעסן, וואָס זי האָט פאַר זיי געטאָן. זיי געדענקען די מוטערלעכע צערטלעכקייט וואָס זי האָט זיי אויף אַלע אופנים אַרויסגעוויזן, אַפילו דאַן, ווען זיי זיינען געוואָרן דערוואַקסענע און האָבן געקאָנט שוין אַליין זיך דורכשלאָגן זייער וועג אין לעבן. זיי וועלן איר אָנדענק אַלעמאָל טראָגן ביי זיך אין האַרצן, פונקט אַזוי וועלן זי ניט פאַרגעסן הונדערטער אַנדערע מענטשן, וועמען זי האָט געטאָן אַלערליי טובות. ליליען פרימאַן איז געשטאָרבן זייער פריצייטיק — דעם 2־טן נאָוועמבער 1940, ווען זי איז געווען בלויז 55 יאָר אַלט.





דאָס, וואָס „מאַמע" פרימאַן, ווי אַ סך האָבן זי גערופן, איז געווען פאַר קאַנאַדער יידן, איז אין אַ גרויסער מאָס פאַר זיי אויך געווען איר חבר אין לעבן — אַרטשיבאַלד י. פרימאַן. עס וועט דאָך ניט זיין קיין גוזמא צו זאָגן, אַז אויב ער האָט באַוויזן צו ווערן אַזאַ וויכטיקע נאַציאָנאַלע פיגור אין לאַנד און קומען צו דער הייך, וואָס ער האָט דערגרייכט, האָט ער געהאַט זייער פיל צו פאַרדאַנקען זיין פרוי.

ער איז געבוירן אין 1880, און דער אימיגראַנטן־שטראָם האָט אים צוזאַמען מיט זיינע עלטערן אין 1893 געבראַכט קיין קאַנאַדע. דער דאָזיקער שטראָם האָט אים אַהער פאַרטראָגן, ווי ער האָט פאַרטראָגן נאָך אַנדערע יידישע אימיגראַנטן — קינדער, וואָס זיינען אין קאַנאַדע אויסגעוואַקסן און וואָס האָבן אין זיך איינגעזאַפּט אַלץ, וואָס די קאַנאַדער סביבה האָט זיי געקאָנט געבן. קיינער פון זיי איז אָבער ניט געוואָרן דאָס, וואָס פרימאַן איז געוואָרן. ער איז געוואָרן די פאַרקערפּערונג פון דעם ניי־אויפגעקומענעם קאַנאַדער יידישן דור.

די בעסטע און שענסטע אייגנשאַפטן וואָס מען קאָן געפינען ביים קאַנאַדער יידן פון דער שפּעטערדיקער צייט, האָט מען געקאָנט געפינען ביי אים, און אין אַ זייער גרויסער מאָס. מען האָט אים דערפאַר מיט רעכט געקאָנט באַצייכענען פאַרן פאָרשטייער פון ניי־אויפגעקומענעם יידישן דור אין דאָזיקן לאַנד — דעם דור וואָס פילט זיך צוגעבונדן צו אַלערליי יידישע אינטערעסן, אָבער וואָס פאַרמאָגט דאָך אין זיך אויך דאָס, וואָס בינדט אים צו צו קאַנאַדע גופא.

זיין קאַריערע, ווי אַ געזעלשאַפטלעכער טוער איז ניט געווען צו קאָלירפול אָדער ספּעקטאַקלדיק. ער האָט ניט געהערט צו די, וואָס ווערן געטריבן פון אַ שטאַרקן אינערלעכן דראַנג צו פאַרנעמען זיך ווייט און גרויס. זיינע גרויסע געשעפטלעכע דערפאָלגן האָבן אָבער ניט פאַרטומלט די איידעלע מענטשלעכע סענטימענטן אין אים. זיין האַרץ האָט ניט אויפגעהערט צו שלאָגן מיט אַ סך וואַרעמקייט צו די בלוטיקע יידישע נויטן. ער האָט פרי זיך אידענטיפיצירט מיט דער ציוניסטישער באַוועגונג און מיט אַלץ, וואָס איז נוגע געווען יידן. אַלץ האָט געפונען ביי אים דעם זעלביקן טיפן, מענטשלעכן אָפּקלאַנג.

פרימאַן האָט ליב געהאַט צו ריידן וועגן דעם, וויפל דער ציון־אידעאַל האָט געמאַכט פולער און אינהאַלטסרייכער זיין אייגן לעבן. און אין דעם האָט געשטעקט אַ גרויסער אמת. ער האָט פאַר ציוניזם, און פאַר קאַנאַדער ציוניזם בפרט, געטאָן גרויסע זאַכן. אָבער פונקט אַזעלכע גרויסע זאַכן האָט די ארץ־ישראל באַוועגונג און דער אידעאַליזם, מיט וועלכן זי איז געווען דורכגעדרונגען, געטאָן אויך פאַר אים. דאָס איז פאַר אים געווען אי אַ קוואַל פון באַגייסטערונג, אי אויך די שול אין וועלכער ער אַליין האָט פיל געלערנט. דאָס האָט אים אויך געבראַכט צום פאָדערגרונט פון דער ברייטער יידישער עפנטלעכקייט.

דער אַמאָליקער ליטוויש־יידישער אימיגראַנטן־יינגל האָט אָנגעהאַלטן אַ פּערזענלעכע פריינטשאַפט מיטן קאַנאַדער פּרעמיער אַ סך יאָרן. ער איז אויך געווען נאָענט באַפריינדעט מיט נאָך אַנדערע אָפיציעלע פּערזענלעכקייטן אין דער קאַנאַדער הויפּטשטאָט. אָט דער דאָזיקער גרויסער יידישער כלל־טוער האָט ביי אַלעמען אַרויסגערופן באַוואונדערונג. פרימאַן איז בכלל געווען אַ כלל־טוער וואָס האָט אַלעמען אימפּאָנירט מיט זיין האַרציקייט. אין די עטלעכע צענדליק יאָר וואָס ער איז געשטאַנען אין שפּיץ פון דער קאַנאַדער ציוניסטישער באַוועגונג און וואָס ער האָט זיך אַזוי נאָענט אינטערעסירט מיט פאַרשיידענע אַנדערע גרויסע יידישע זאַכן, האָט ער עס געטאָן מיט טיפער נשמהדיקער וואַרעמקייט, אויפריכטיק און איבערגעגעבן.

ער איז געוואָרן פירער פון קאַנאַדער ציוניסטן אין 1921 און איז פאַרבליבן אויף דעם פּאָסטן ביז זיין טויט אין 1944. ער איז געווען אַ מיטגליד פון אַקציאָנס־קאָמיטעט און פון דער יידישער אַגענץ, פּאָרזיצער פון קאַנאַדער קאָמיטעט פאַר יידישע מלחמה־יתומים, צענדליק יאָר כסדר אויך געווען פּרעזידענט פון דער „עדת־ישורון״־שול אין אָטאַוואַ.

קאַנאַדער ציוניסטן האָבן אין יאָר 1944 אָנגענומען אַ באַשלוס צו גרינדן אין ארץ־ישראל אַ קאָלאָניע אויף זיין נאָמען.

## שפּעטערדיקע איינגעוואַנדערטע

מיר האָבן שוין אויבן באַמערקט, אַז מען קאָן ניט זאָגן גענוי וויפל ליטווישע יידן עס געפינען זיך היינט אין קאַנאַדע, מחמת עס זיינען וועגן דעם ניטאָ קיין ציפערן, מיר ווייסן אָבער יאָ, אַז ווי קליין זייער צאָל זאָל ניט זיין, זיינען זיי צעשפּרייט איבער דער לענג און ברייט פון דער דאָזיקער מדינה. ליטע איז אין קאַנאַדע גוט פאַרטראָטן. אומעטום טרעפן מיר אָן געקומענע פון אירע שטעט און שטעטלעך, אַפילו דערפער. אַפילו אין גאָר ווייטע מקומות איז ניט קיין זעלטנקייט צו טרעפן אַ יידן פון קאָוונע, טעלז, ווילקאָווישק, שאַוול, זאַגער, שקוד, יאַנעווע, פּאָזשעלווע, מאלאט, אַניקשט, דאָרביאַן און צענדליקער־צענדליקער נאָך אַנדערע ערטער. לויט אָט די ערטער, פון וועלכע זיי שטאַמען, וויקלט זיך פאַר אייך פונאַנדער פּאַקטיש די גאַנצע מאַפּע פון לאַנד, וועלכן זיי האָבן אַמאָל איבערגעלאָזט הינטער זיך.

געקומען זיינען זיי אַלע הויפּטזעכלעך אין די לעצטע פופציק יאָר — כאָטש איניקע פון זיי פיל פריער — צוזאַמען מיט דער אַלגעמיינער מענטשלעכער כוואַליע, וואָס האָט קיין קאַנאַדע זיך אַריינגעגאָסן דורך אָט דער צייט. כדאי צו באַמערקן, אַז די דאָזיקע שפּעטער איינגעוואַנדערטע געהערן צום זעלביקן סאָרט מענטשן, וואָס די גאָר ערשטע איינגעוואַנדערטע, וועלכע זיינען געקומען פאַר זיי. אויך זיי האָבן מיט זיך מיטגעבראַכט אַ סך פון יענע טיפיישע אייגנשאַפטן, וואָס דאָס היינט פאַרשוואונדענע ליטווישע יידנטום האָט פאַרמאָגט אין זיך. דער באַרימטער, היינט אונטערגעגאַנגענער יידישער קיבוץ, וואָס איז געווען דורכגעזאַפּט מיט די טראַדיציעס פון השכלה, לומדות און געזונטן יידישן פאָלקס־שאַפן, האָט פון זיך עפּעס וואָס מיטגעגעבן „אין וועג אַריין״ צו די וואָס האָבן אים פאַרלאָזט. וואָס זיי האָבן פון דאָרטן מיט זיך מיטגענומען, איז ניט געגאַנגען פאַרלוירן. דאָס קומט אונדזער היגן יונגן ישוב שטאַרק צונוץ.

עס איז דעריבער ניט קיין וואונדער, וואָס אין כמעט יעדן טייל קאַנאַדע טרעפן מיר אָן היינט ניט בלויז ליטווישע יידן, אָדער זייערע אָפּשטאַמערס, נאָר אויך אַזעלכע פון זיי, וואָס נעמען אָנטייל אין אַלע טעטיקייטן און אין יעדער וויכטיקער יידישער באַוועגונג. זיי זיינען נאַציאָנאַלע טוערס, געזעלשאַפטלעכע עסקנים, קולטורעלע וואָרטזאָגערס. זיי צייכענען זיך אויס מיט זייערע שאַפונגען, מיט זייערע ביישטייערן, און גיבן צו פאָרעם דער אָרטיקער יידישער געזעלשאַפטלעכקייט.

מיר האָבן מיט אַ ווײַלע פריער, ריידנדיק וועגן די פרימאַנס, דערמאָנט די שטאָט אָטאַוואַ, וואו זיי האָבן געלעבט. אין אָטאַוואַ טרעפן מיר אָן נאָך אַנדערע ליטווישע יידן. לאָמיר צווישן זיי דערמאָנען דזשאָן דאָווער, וועלכער האָט זייער פיל געטאָן פאַר דער דאָרטיקער יונגער יידישער קהילה; זיין זון ד״ר הענרי דאָווער, היינט אַ באַוואוסטער מעדיקער אין יענער שטאָט. אין אָטאַוואַ האָט ר׳ יוסף דוד בערגער ז״ל, איינער פון די גרויסע און באַקאַנטע ליטווישע למדנים, זינט 1905 אַ סך יאָרן געהאַט פאַרנומען דעם כסא הרבנות. הרב בערגער האָט באַקומען סמיכה פון הרה״ג ר׳ נחום שפּיראָ פון שאַט, וועלכער איז געווען באַוואוסט ווי דער „דאָקשיצער עילוי״, פון הרה״ג ר׳ חיים ראצקער, פון יאַנאָווע, דעם מחבר פון „אורח חיים״, און פון נאָך אַנדערע. זיין זון, רבי ד״ר יוליוס בערגער, וועלכער איז געבוירן אין שאַוול, איז אויפגעצויגן געוואָרן אין אָטאַוואַ. ער האָט אָבער נאָך אין דער היים געקראָגן אַ גוטע יידישע דערציאונג. אויף דער זייט ים האָט ער שפּעטער אויך געלערנט אין דער הויכשול פון אָטאַוואַ, אין קאָלאָמביער אוניווערזיטעט, אין מעקגיל אוניווערזיטעט (מאָנטרעאָל) און אין יידישן טעאָלאָגישן סעמינאַר אין ניו־יאָרק. רבי ד״ר יוליוס בערגער, וועלכער איז געווען פאַרבונדן מיט דער „שערי־ציון״־שול, מאָנטרעאָל, איז אויך אַ פעאיקער שריפטשטעלער, אַ פאָרשער און באַדייטנדיקער יידישער געלערנטער. זיינע ליטעראַרישע אַרבעטן ווערן אויפגענומען מיט גרויס אינטערעס. ער איז אַ צייט געווען לעקטאָר אינעם אָריענטאַלישן דעפּאַרטאַמענט פון מעקגיל אוניווערזיטעט.

ליטווישע יידן געפינען מיר אין טאָראָנטאָ, אַ שטאָט וואו דער גרויסער רוב פון דער יידישער באַפעלקערונג באַשטייט גראָד פון אַריבערגעקומענע פון פוילן. צווישן די ערשטע ליטווישע יידן דאָרטן דאַרף מען דערמאָנען רבי נתן ראָבינסאָן, וועלכער איז געבוירן אין קאַלוואַריע און האָט זיך באַזעצט אין טאָראָנטאָ אינעם יאָר 1877.

ער האָט דאָן איבערגענומען די פירערשאַפט פון דער „בני שלום"־שול, איז עטלעכע יאָר שפּעטער געווען שוחט, חזן און מוהל פון דער דעמאָלט נאָך יונגער קהילה. אינעם יאָר 1884 האָבן אין טאָראָנטאָ זיך באַזעצט מר. נייטן סמיט און זיין פרוי, וועלכע זיינען געקומען פון ליטע. מר. סמיט האָט זיך פרי פאַראינטערעסירט מיט יידישער דערציאונג און איז געווען איינער פון די וואָס האָבן מיטגעהאָלפן אין דער גרינדונג פון דער ערשטער תלמוד־תורה אין יענער שטאָט.

ווען מען רעדט וועגן דער יידישער קהילה פון טאָראָנטאָ, קאָן מען געוויס ניט פאַרפעלן דעם נאָמען פון אירע פּיאָנערן און באַקאַנטע כלל־טוערס — אליהו פולאַן, וועלכער איז געבוירן אין טעלז. ער האָט אין טאָראָנטאָ זיך באַזעצט אינעם יאָר 1885, ער האָט זינט דאָן גענומען אַן אַנטייל אין אַלץ, וואָס האָט באַריִרט די יידן פון יענער שטאָט. ער האָט זיך באַטייליקט אין אויפבוי פון אַ סך וויכטיקע אינסטיטוציעס, צווו. אנדערע, פון דער ערשטער תלמוד־תורה, פון דער צדקה־פעדעראַציע, און איז געווען פאַרבונדן מיט פאַרשיידענע אַנדערע טעטיקייטן. ער האָט ווי אַ כלל־טוער אַרויסגעוויזן גרויס איבערגעגעבנקייט צו אַלע נאַציאָנאַלע און געזעלשאַפטלעכע יידישע אינטערעסן, איינער פון די פּראָמינענטסטע יידישע תושבים דאָרטן און זיינע פאַרדינסטן פאַר יידן פון טאָראָנטאָ ווערן אָנערקענט ביזן היינטיקן טאָג.

אין דער זעלביקער שטאָט טרעפן מיר נעמען פון נאָך באַקאַנטע ליטווישע יידן — שמואל וועבער, דוד לאַווין, יעקב אַנדריוס, דעם באַוואוסטן סעם קראַניק, סעמיועל דזש. זאַקס און נאָך אַנדערע. זיי אַלע האָבן אין פאַרשיידענע צייטן געשפּילט אַ געוויסע ראָל. באַזונדערס זיינען די לעצטע צוויי ביז ניט לאַנג געווען ענג פאַרבונדן מיט דעם יידישן לעבן פון טאָראָנטאָ און זיך געצײלט צווישן די ענערגישסטע און אַקטיווסטע יידישע כלל־טוערס דאָרטן. זייער פּילזייטיקע אַרבעט האָט אַרומגענומען אַלע פאַזן פון יידישער טעטיקייט. דער עיקר אָנזעעוודיק איז זייער אַנטייל געווען אויף צווי פון די סאַמע וויכטיקסטע געביטן — דעם קאַנאַדער יידישן קאָנגרעס און דער קאַנאַדער ציוניסטישער באַוועגונג. סעמיועל דזש. זאַקס, אַ געבוירענער אין קאַנאַדע, אָבער וועמעס עלטערן זיינען געקומען פון ליטע, איז געווען פּרעזידענט פון די קאַנאַדער ציוניסטן, פאַרנעמענדיק פרימאַנס פריערדיקן פּלאַץ.

אַ „ליטוואַק" איז אויך דער באַקאַנטער אַרטשי ב. בענעט, וועלכער איז זינט אַ סך יאָרן אַ תושב אין טאָראָנטאָ. די פיינע פּובליציסטישע פעדער וואָס ער פאַרמאָגט און די געזעלשאַפטלעכע ענערגיע אין אים האָבן אים זייער פרי געבראַכט אין קאָנטאַקט מיט דער יידישער גאַס.

ער האָט אויף אַלץ רעאַגירט מיט לעבעדיקייט, — ווי עס קאָן נאָר אויף יעדער וויכטיקער יידישער דערשיינונג רעאַגירן איינער, וואָס פאַרמאָגט אַ וואַרעם, פילנדיק האַרץ און אַ וואַך אויג.

בענעט איז געוואָרן אי אַן ענערגישער טוער, אי אַ וואָרטזאָגער, צו וועמען מען האָט אומעטום זיך צוגעהערט מיט אינטערעס, מיט אויפמערקזאַמקייט. מען האָט צו אים זיך צוגעהערט, צי דאָס איז געווען אין דער ציוניסטישער באַוועגונג, אין וועלכער ער איז פרי אַריינגעטראָטן, אָדער אין יעדער אַנדער נאַציאָנאַלער באַוועגונג, צו וועלכער ער איז צוגעשטאַנען. פּונקט אַזוי וואָגיק איז זיין וואָרט אויך אין אַלץ, וואָס איז נוגע דעם קאַנאַדער יידישן קאָנגרעס אין וועלכן ער איז אַמאָל געווען איינער פון די אַקטיווסטע טוערס.

אַרטשי בענעט האָט נאָך מיט אַ סך יאָרן צוריק געזוכט אין וואָרט און אין שריפט צו פּאָפּולאַריזירן דעם קאָנגרעס־געדאַנק.

ליטווישע יידן געפינען מיר אין נאָך אַנדערע פּונקטן פון דער פּראָווינץ אָנטאַריאָ, אין נאָענטער אָדער ווייטער שכנות פון טאָראָנטאָ — אין קינגסטאָן, האַמילטאָן, לאָנדאָן, ווינדזאָר, קיטשענער, טימינס, קאָקריין, קוירקלאַנד לייק און נאָך אַנדערע ערטער. אַריבערגעקומענע דאָס רוב אין דעם היינטיקן יאָרהונדערט, האָבן זיי זייער אַמאָליקע היים נאָך ניט פאַרגעסן. דאָס זיינען יידן, וואָס האָבן זייער ערשטע דערציאונג געקראָגן אין דעם אַמאָליקן ליטווישן חדר. מיר טרעפן צווישן זיי אַפילו אַזעלכע, פון דעם עלטערן דור, וואָס האָבן אויך געלערנט אין אַ ישיבה און וואָס פאַרמאָגן נאָך אין זיך אַ סך פון דעם, וואָס די אַלטע היים האָט אין זיי איינגעפּלאַנצט. זיי אַלע אָבער פילן זיך שוין טיף פאַרוואָרצלטע אין דעם נייעם לאַנד, וואו זיי געפינען זיך, און מיט וועלכן זיי זיינען דורך אַזוי פיל פעדעם צונויפגעבונדן.

ניט יעדער פון זיי, פאַרשטייט זיך, איז אַריבערגעקומען אין דעם היינטיקן יאָרהונדערט. יידן פון ליטע האָבן גענומען זיך באַזעצן אין געוויסע טיילן פון אָנטאַריאָ פיל פריער. אין האַמילטאָן הערן מיר פון חיים סידערסקי נאָך אין יאָר 1883, בעת ער האָט אַהין איינגעוואַנדערט פון ליטע און דאָרטן זיך באַזעצט. ער האָט צווישן די אַרום צוויי צענדליק יידישע משפּחות, וואָס האָבן אין האַמילטאָן דאָן זיך געפונען, געשפּילט אַ וויכטיקע ראָל, אינטערעסירנדיק זיך מיט אַלץ וואָס האָט די יונגע קהילה דאָרטן געקאָנט באַפעסטיקן.

אין האַמילטאָן איז אויך פרי אַריבערגעקומען יצחק קאָהען, וועלכער איז געבוירן לעבן קאָוונע. ער איז אָבער אין האַמילטאָן ניט פאַרבליבן און האָט אַרום 1898 זיך אַריבערגעקליבן קיין קינגסטאָן. ער איז געוואָרן איינער פון די אַקטיווסטע יידישע טוערס דאָרטן, וועמען די יידן פון קינגסטאָן קאָנען היינט צושרייבן אַ סך אויפטוען. ער איז אַ פּאָר יאָר אויך געווען אַ מיטגליד פון דעם אָרטיקן שטאָט־ראָט.

אומעטום, אין די נאָר וואָס אויסגערעכנטע ערטער פון דער פּראָווינץ אָנטאַריאָ האָבן יידן, וואָס שטאַמען פון ליטע גענומען און נעמען עד־היום אַ גרויסן אַנטייל

אין דעם דאָרטיקן יידישן לעבן. קיין שום וויכטיקע לאָקאַלע יידישע געשעעניש פאַרלויפט זיך דאָרט ניט אָן זיי. זיי זיינען פאַרטראָטן אין יידישע אָרגאַניזאַציעס און געפינען זיך צווישן די, וואָס העלפן אַזעלכע אָרגאַניזאַציעס גרינדן. זיי אינטערעסירן זיך שטאַרק מיט יידישער דערציאונג און מיט אַנדערע אַקטועלע יידישע פּראָבלעמען. זייערע נעמען, ווי למשל, פון די קאַפּלאַנס אין קוירקלאַנד לייק, זיינען צווישן די יידן דאָרטן זייער גוט באַקאַנט.

און דאָס אייגענע בילד קומט אונדז פאַר די אויגן אין אַלע איבעריקע טיילן פון לאַנד. מיר זעען עס אין די מערב־פּראָווינצן, אין בריטיש קאָלאָמביע ביים פּאַציפישן ברעג און דאָס גלייכן אין די דריי פּראָווינצן ביים אַטלאַנטישן ברעג, דער עיקר אין ניו־בראָנזוויק, וואו מען טרעפט יידן פון דאָרביאַן. עס איז, פאַרשטייט זיך, ניט מעגלעך זיך דאָ אָפּצושטעלן אויף יעדן פאַל באַזונדער, אַפילו ווען עס האַנדלט זיך וועגן אַ מער באַוואוסטן נאָמען, און דאָס איז פאַר דעם צוועק פון דער איצטיקער אַרבעט אויך ניט נייטיק. עס איז אָבער וויכטיק צו אונטערשטרייכן וואָס מיר האָבן שוין געזאָגט אויבן — אַז מען קאָן געפינען יידן, וואָס שטאַמען פון ליטע אַפילו אין די פאַרוואָרפנסטע קאַנאַדער מקומות.

דערמאָנענדיק די מערב־פּראָווינצן, איז כדאי דאָ צו פאַרצייכענען, אַז די ברידער יעקב און וועלוול דיימאָנד, פון ווילנע, זיינען געווען די ערשטע יידן, וואָס האָבן זיך באַזעצט אין אַלבערטאַ פּראָווינץ. דאָס איז נאָך געווען אָנהייב די ניינציקער יאָרן פון פאָריקן יאָרהונדערט. אַ ליטווישער ייד איז אויך געווען דער באַוואוסטער וויניפּעגער געזעלשאַפטלעכער טוער מאַרקוס הײמאַן, וועלכער איז עטלעכע יאָר געזעסן אין דער פּראָווינציעלער לעגיסלאַטור פון מאַניטאָבע. געבוירן אין ווילנע אין 1883, איז ער מיט די עלטערן געקומען קיין ענגלאַנד, ווען ער איז געווען אַ קינד. זיין פאָטער, הרב אַהרן ב״ר מרדכי הײמאַן, איז געווען אַ גרויסער למדן, דער מחבר פון „תולדות תנאים ואמוראים״, „בית ועד לחכמים״ און „פתשגן הכתב״. מאַרקוס הײמאַן האָט שטודירט אין אָקספאָרד, האָט געענדיקט אַדוואָקאַט און האָט אין יאָר 1913 זיך באַזעצט אין וויניפּעג. אַ דאַנק זיין אַקאַדעמישער בילדונג האָט מען אים אויפגענומען אַלס לעקטאָר אין דעם מאַניטאָבער אוניווערזיטעט און אין מאַניטאָבער געזעץ־שול. ער איז געווען איינער פון די אָנגעזעענסטע יידישע פּערזענלעכקייטן דאָרטן און האָט אין דעם יידישן און דעם אַלגעמיינעם לעבן פון יענער שטאָט גענומען אַ גרויסן אָנטייל. אין 1930 איז ער געווען קאַנדידאַט פאַר מעיאָר. שפּעטער איז ער אויסגעקליבן געוואָרן אין דער לעגיסלאַטור פון מאַניטאָבע און אין 1936 איז ער געוויילט געוואָרן צום צווייטן מאָל. אין 1934 האָט ער דאָרטן אַריינגעבראַכט דעם „הײמאַן ביל״, אַ געזעץ קעגן ראַסן־פאַרלוימדונג, וואָס איז געוואָרן אַ טייל פון די סטאַטוטן פון יענער פּראָווינץ און טראָגט זיין נאָמען ביז היינטיקן טאָג. ער איז געשטאָרבן מיט עטלעכע יאָר צוריק.

צווישן „ליטוואַקעס״, וואָס געפינען זיך אין דער גרויסער קאַנאַדער מערב־שטאָט און זעען זיך אָן אין דאָרטיקן יידישן לעבן, דאַרפן מיר אויך דערמאָנען דעם פּעדאַגאָג לייב באַסמאַן, וועלכער קומט פון ווילקאָמיר. באַסמאַן האָט איינגעוואַנדערט אין 1928 און איז פון וויניפּעג שפּעטער אַריבערגעקומען קיין מאָנטרעאָל, וואו ער האָט אַ לאַנגע צייט געהאַט אָנגעפירט מיט דער „ווינטשעווסקי שול״. אין 1940 האָט ער זיך ווידער אַריבערגעקליבן קיין וויניפּעג, וואו ער איז זינט דאַן פאַרבונדן מיט דער דאָרטיקער „שלום־עליכם״ שול.

## בויערס פון נייעם ישוב

כאָטש מען קאָן געפינען אָפּשטאַמיקע פון ליטע אין כמעט יעדן ווינקל פון דער דאָזיקער מדינה, פאַרמאָגט אָבער די קאַנאַדער מעטראָפּאָליע ביי זיך די גרעסטע צאָל אימיגראַנטן. און דאָס איז גאַנץ נאַטירלעך. אין מאָנטרעאל, וואו עס איז בכלל פאַראַן אַ גרעסערע און מער קאָמפּאַקטע יידישע באַפעלקערונג, פּולסירט דאָס יידישע לעבן שטאַרקער ווי אומעטום, און דאָס איז געווען גענוג פון אָנהייב אָן צוצוציען אַהער אַזעלכע, וואָס האָבן געהאַט פון ליטע אויסגעוואַנדערט. מיר קאָנען דעריבער אין דער דאָזיקער שטאָט באַזונדערס זען, וואָס זיי האָבן צווישן קאַנאַדער יידן בייגעטראָגן.

פונקט ווי דאָס איז געווען דער פאַל מיט די גאָר ערשטע פון יענע, וואָס האָבן זיך שוין אין מאָנטרעאָל באַזעצט, אַזוי האָבן אויך די, וואָס זיינען געקומען אַ ביסל שפּעטער עפּעס וואָס צוגעגעבן. מען האָט דאָס באַשיימפּערלעך געקאָנט זען און פילן. מענטשן מיט אַ לעבעדיקן געזעלשאַפטלעכן חוש און מיט השגות און אידייען, וואָס האָבן מיט זיך שטאַרק דערמאָנט אין דער אַלטער ליטווישער היים, זיינען זיי געוואָרן אַ זייער אַקטיווער עלעמענט. זייער „אַלט־היימישקייט״ און „אַלטמאָדישקייט״ זיינען געוואָרן אַ פאַקטאָר, וואָס האָט דעם מזרח־אייראָפּעאישן אימיגראַנט אין היגן יידישן לעבן געהאָלפן צוגעבן אַלץ מער וואָג. זיי זיינען געוואָרן די פירערס און די טוערס אין צדקה־אינסטיטוציעס, אין פאַרשיידענע אָרגאַניזאַציעס, האָבן זיך גענומען שטאַרק אָפּגעבן מיט דעם ענין ת״ת, מיט נאַציאָנאַלע און געזעלשאַפטלעכע אַרבעטן, און מיט װ׳ער פאַרטיפונג פון דעם יידישן לעבן בכלל.

צווישן די בויערס פון נייערן ישוב האָבן זיי זיך גענומען שטאַרק אָנזען — און מען זעט זיי אָן ביז היינטיקן טאָג. ניט זייער גרויס אין צאָל, — און זייער השפעה לאָזט זיך דאָך פילן. אויף געוויסע געביטן פאַרנעמען זיי אַפילו אַן אויבנאָניקן אָרט, און מען מוז צוגעבן, אַז זייער בייטראָג איז דאָ זייער גרויס.

עס איז דעריבער ניט קיין צופאַל, וואָס ליטווישע יידן האָבן זיך אַפילו גענומען אָנזען צווישן די ספרדים,

און וואָס געבוירענע אין קאָוונע און אין ווילנע און אין ווילקאָווישק האָבן געדאַרפט נעמען העלפן אויפהאַלטן די היגע שפּאַניש־פּאָרטוגעזער קהילה. ס'איז אויך קיין צופאַל, וואָס די זעלביקע, געבוירענע אין קאָוונע און אין ווילנע און אין ווילקאָווישק זיינען געוואָרן די פירערס צווישן די „דייטש־פּוילישע" יידן, און וואָס זייערע נעמען וואַרפן זיך כסדר דורך אין דעם פנקס פון דער „שער השמים"־שול. אין די ביידע פאַלן האָט דאָס געמיינט, אַז געקומענע פון ליטע זיינען געווען אַן עלעמענט, וועלכן די פריערדיקע „יאהודים" האָבן געזוכט צוצוציען צו זיך. זיי האָבן אין זיי דערזען דאָס רוב יידן לערנערס, וואוילקענערס, דאָס פאַרקערפּערונג פון יענער יידישקייט, וואָס זיי האָבן געוואָלט אַז אַנדערע זאָלן פון זייערטוועגן אין דעם זיך האַלטן, בכדי זיי אַליין זאָלן דערפון זיין פּטור. דאָס האָט אָבער גורם געווען, אַז די „ליטוואַקעס", ווי קליין זייער צאָל איז ניט געווען, זאָלן צווישן די יידן פון מאָנטרעאָל ווערן אַ גרויסער געזעלשאַפטלעכער כוח.

צווישן די אַריבערגעקומענע פון ליטע, וואָס זיינען אין קאַנאַדע געוואָרן פירערס ביי די „דייטש־פּוילישע" יידן, קאָן מען אוודאי ניט פאַרבייגיין דעם נאָמען פון אַזאַ בריליאַנטענער פּערזענלעכקייט ווי הרב ד"ר הערמאַן אַבראַמאָוויטש ז"ל, וועלכער האָט אין משך פון 45 יאָר פאַרנומען דעם כסא הרבנות ביי דער „שער השמים"־שול. געבוירן אין ווילנע, וואו ער האָט געקראָגן זיין ערשטע יידישע דערציאונג, איז ער מיט זיינע עלטערן געקומען קיין אַמעריקע, ווען ער איז געווען 10 יאָר אַלט. ער האָט אויף דער זייט ים פאַרגעזעצט לערנען און שפּעטער געענדיקט דעם קאָלאָמביער אוניווערזיטעט און יידישן טעאָלאָגישן סעמינאַר. ער איז געווען ערשט 22 יאָר, בעת מען האָט אים אויפגענומען אין דער „שער השמים"־שול פון מאָנטרעאָל. אָבער ער האָט שוין דאַן אַרויסגעוויזן יענע זעלטענע מעלות, וואָס האָבן זיין אימפּאָנירנדיקער פּערזענלעכקייט זייער פיל צוגעגעבן.

מען וועט תמיד דערמאָנען דעם „תלמוד"־פּראָצעס, וואָס איז אין 1913 פאָרגעקומען אין דער שטאָט קוויבעק, ביי וועלכן ער איז אויפגעטראָטן. דאָס איז געווען אַ משונהדיקער אַנאַכראָניזם, ווען אין צוואַנציקסטן יאָרהונדערט האָט אין אַ ציוויליזירט לאַנד אויף דעם אַמעריקאַנער קאָנטינענט אַ מאָדנער יידישער רב, אַ רב מיט אַ דאָקטאָר־טיטל, געדאַרפט אין געריכט פאַרטיידיקן דעם תלמוד קעגן יידישע פאַרלוימדערס. ראַבי אַבראַמאָוויטש, וועלכער איז פאַרבליבן מיט זיין געמיינדע ביז צו זיין לעצטן לעבנס־טאָג, איז געשטאָרבן אין 1947.

פאַראַן אַפילו וויכטיקע אינסטיטוציעס און אָרגאַניזאַציעס, ביי וועלכע ליטווישע יידן זיינען געווען די הויפּט־איניציאַטאָרס, אויב ניט די גרינדערס. אַזאַ אינסטיטוציע איז דער „גמילות חסדים פאַראיין", וואָס אַ סאָוואַלקער ייד, מר. זיגמונד פיינבערג, האָט אינעם יאָר 1911 געשאַפן אין מאָנטרעאָל. דער פאַראיין, וואָס איז זינט





דאַן שטאַרק אויסגעוואַקסן, עקזיסטירט ביז היינטיקן טאָג. זיי האָבן געהאָלפן אָנרעגן דעם געדאַנק פאַר דער און יענער וויכטיקער זאַך. זיי זיינען געווען די, וואָס זיינען געשטאַנען אין שפּיץ פון דעם אַמאָליקן „באַראָן דע הירש אינסטיטוט", בעת אַרום אים זיינען געווען קאָנצענטרירט אַזוי פיל פאַרשיידענע יידישע טעטיקייטן.

יע, דאָס איז געווען אַ חיים וויינבערג פון זשידעגערע, אַ משה קאָוויענסקי פון בארזדי, אַ לואי האָלשטיין פון ווילקאָווישק, און נאָך אַנדערע ליטווישע יידן, פּיאָנערישע טוערס אין פולן זין פון וואָרט, וועלכע האָבן די דאָזיקע טעטיקייטן זייער פיל צוגעגעבן. דאָס אייגענע איז אויך מיט די, וואָס זיינען געקומען נאָך זיי. זיי האָבן געשטיצט און שטיצן יעדע אונטערנעמונג. מיר געפינען זיי היינט צווישן די, וואָס נעמען אַ באַזונדערן אָנטייל אין אַלע פאַזן פון קאַנאַדער יידישן לעבן.

ליטווישע יידן אין מאָנטרעאָל זיינען מיט אַ האַלבן יאָרהונדערט צוריק אויך געשטאַנען ביים וויגעלע פון אַ דעמאָלט נאָך קליינער און אָרעמער, אָבער זייער נייטיקער אינסטיטוציע, וואָס זיי האָבן אַ סך יאָרן געהאָלפן מיט גרויס מי אויפהאַלטן. פון אָט יענעם אָנהייב זיינען אַרויסגעקומען די היינט פיינע און מוסטערהאַפטע היגע „פאַראייניקטע תלמוד־תורהס", ביי וועלכע עס געפינט זיך אויך אַ „פּאַראָקיאַל שול", — אַן אמתע צירונג־אינסטיטוציע פאַר די יידן פון מאָנטרעאָל. די צוויי פאַקטישע איניציאַטאָרס און גרינדערס זיינען געווען דער אויבנדערמאָנטער משה קאָוויענסקי און הרב א. מ. אשינסקי, שפּעטער ערן־פּרעזידענט פון פאַרבאַנד פון ליטווישע יידן אין פּיטסבורג. רבי אשינסקי, וועלכער איז דעמאָלט געווען רב פון דער „בני־יעקב" שול אין מאָנטרעאָל, איז אויך געווען פון די ערשטע גרינדערס פון דער ציוניסטישער אָרגאַניזאַציע אין קאַנאַדע.

צווישן די, וואָס זיינען לעצטנס געשטאַנען ביי דער פירערשאַפט פון די „פאַראייניקטע תלמוד־תורהס" פון מאָנטרעאָל געפינען מיר ווידער ליטווישע יידן, אָדער אָפּשטאַמיקע פון ליטווישע יידן. איינער פון זיי איז דער זייער פראָמינענטער היגער יידישער אַדוואָקאַט לאַזאַרוס פיליפּס, וועלכער איז געווען פּרעזידענט פון ת"ת און וועמעס עלטערן קומען פון בודאָוויץ. צו דער פירערשאַפט איז אויך געווען צוגעצויגן דער באַקאַנטער היגער געזעלשאַפטלעכער טוער האַרייס ר. קאָהען, זון פון לייאָן קאָהען.

זייער פיל האָבן פאַר דעם דאָזיקן גרויסן יידישן דערציאונגס־אַנשטאַלט אין מאָנטרעאָל געטאָן נ. מ. וויינער, יצחק גאָלד ע"ה, בערל לעוויט, סעם סילווער, די ברידער אַלבערט און אַנדערע. וויינער איז געווען ראש פונעם ועד החינוך, וועלכן ער האָט אָרגאַניזירט. ער איז אויך אַקטיוו אין יידישע נאַציאָנאַלע קרייזן. ער איז אַן אייניקל פון הרב חיים מאַרקוס פון אַניקשט און אַ זון פון ר' מאיר אליה וויינער, רב פון וויזשון, דעם מחבר

פון ספר „רב טבחיא" (וואַרשע, תרע"ג), וועמען די דעניקינצעס האָבן אין 1920 דערהרגעט אין טאַמבאָוו.

יצחק גאָלד, וועלכער איז געקומען קיין קאַנאַדע אין 1912, איז אַ זון פון הרב קלמן גאָלדשטיין פון זשאַגער. ער האָט גענומען אַ גרויסן אָנטייל אין היגן יידישן לעבן אויך אויסער ת"ת. ער איז געווען טעטיק אין „גמילות־חסדים פאַראיין", אין יידישן שפּיטאָל, אין דער „עדת ישראל"־שול און אין דעם קאַנאַדער „אָרט". טעטיק אין אַנדערע אינסטיטוציעס חוץ ת"ת זיינען אויך די ברידער אַלבערט, וועלכע קומען פון ווילנע. אברהם אַלבערט איז זייט אַ סך יאָרן פּרעזידענט פון דער גרויסער „בני־יעקב"־שול, און יודל אַלבערט איז פּרעזידענט פון די מאָנטרעאָלער „מזרחי".

אַמאָליקע יידישע לומדות איז אין מאָנטרעאָל ביז איצט געווען זייער גוט פאַרטראָטן צווישן די געקומענע פון ליטע. מיר האָבן שוין דערציילט וועגן דעם אַקטיוון היגן זקן הרבנים, הרב צבי הכהן זצ"ל, דאַרף מען אויך דאָ דערמאָנען הרב משה יום־טוב וואַכטפויגל ז"ל, ערן־פּרעזידענט פון היגן פאַרבאַנד פון ליטווישע יידן, דעם אַלטן ר' צבי הירש לאַנדע ז"ל, וועלכער איז געווען באַוואוסט פאַר אַ גרויסן למדן. הרב אהרן שלמה זאַלמענאָוויטש ז"ל, און הרב שמחה גאַרבער ז"ל. הרב זאַלמענאָוויטש, וועלכער איז געבוירן אין ריטעווע, האָט געשטאַמט פון אַ גזע גרויסע לומדים און איז געווען אַ בקי אין תלמוד און אין פּוסקים, ער האָט זיין יוגנט פאַרבראַכט אין די ישיבות פון טעלזש און וואָלאָזשין, וואו מען האָט אים גערופן דער „ריטעווער מתמיד". אין מאָנטרעאָל האָט ער זיך באַזעצט אין 1921 און ער האָט זיך גערעכנט פאַר איינעם פון די חשובסטע רבנים אין שטאָט. ער האָט אויך מיטגעאַרבעט אין דעם רבנישן זשורנאַל „הפּרדס". ער איז געשטאָרבן סוף 1940 און איבערגעלאָזט אַ צאָל כתבי־יד.

הרב שמחה גאַרבער, אַ געבוירענער אין סואוואַלקער געגנט, האָט זיך באַזעצט אין מאָנטרעאַל אין 1906. ער האָט אין דער היים געלערנט אין די באַרימטע ליטווישע ישיבות און איז געווען אַ זעלטענער מופלג. ער איז אויך געווען ראש־ישיבה אין קאַלוואַריע. אין מאָנטרעאָל איז ער אַ סך יאָרן געווען רב אין דער „חברה תהילים לינת הצדק", און מען האָט אים אין שטאָט זייער פיל געשעצט. ער איז געווען אַ גרויסער עניו, אָבער אָנגעזאַפּט מיט תורה, און זיין חריפות און זעלטענע תלמודישע בקיאות האָבן אַלע באַוואונדערט. ער איז געשטאָרבן אין 1924.

דער באַקאַנטער היגער יידישער אַדוואָקאַט און נאַציאָנאַל־געזעלשאַפטלעכער עסקן, מייקל גאַרבער, איז זיינער אַ זון. געבוירן אין ווילקאָווישק, וואו ער האָט געקראָגן זיין ערשטע יידישע און אַלגעמיינע דערציאונג, איז מייקל גאַרבער אַריבערגעקומען קיין מאָנטרעאָל אין זיינע יונגע יאָרן. אין 1914 האָט ער געענדיקט דעם קונסט־פאַקולטעט אין מעקגיל אוניווערזיטעט, און מיט דריי יאָר שפּעטער האָט ער אויסגעשטודירט אַדוואָקאַט. ער האָט





אַ קורצע צייט מיטגעאַרבעט אין „קענעדער אָדלער" און מיט יאָרן שפּעטער איז ער געוואָרן אַן אָפּטער מיטאַרבעטער אין קאַנאַדער „דזשואיש קראָניקל", וואו זיינע אַרטיקלען האָבן מיט זייער אייגנאַרטיקן טאָן און פיינעם הומאָר אַרויסגערופן גרויס אינטערעס.

זיין פּילזייטיקער אָנטייל אין דעם אַלגעמיינעם יידישן לעבן פון קאַנאַדע איז גוט באַוואוסט. שוין אַ פּאָר צענדליק יאָר ווי ער שטייט אין סאַמע מיטן פון דער היגער ציוניסטישער באַוועגונג, אין וועלכער ער איז אַן אַקטיווער טוער. נאָך דעם טויט פון א. י. פרימאַן איז ער געוואָרן פאָרזיצער פונעם פּרעזידיום און האָט פאַרנומען פרימאַנס פּלאַץ. אין יאַנואַר 1946 האָט מען אים אויסגעקליבן פאַרן נאַציאָנאַלן וויצע־פּרעזידענט. ער איז אויך איינער פון די וויכטיקסטע פירערס פון קאַנאַדער יידישן קאָנגרעס און נעמט אין זיינע פאַרשיידענע אַרבעטן אַ זייער גרויסן אָנטייל. זיינס אַ ברודער איז ד"ר ה. גאַרבער.

מיר האָבן פריער דערמאָנט איניקע פירערס פון דער אָרטאָדאָקסיע צווישן ליטווישע יידן אין מאָנטרעאָל, עס איז כדאי צו באַמערקן, אַז דער פירער פון רעפאָרם־יידישקייט אין מאָנטרעאָל איז אויך אַ „ליטוואַק". דאָס איז ראַביי יהושע ה. שטערן, פון היגן „טעמפּל עמנואל", אַ געבוירענער אין איירעגאָלע, איז ער פרי געקומען אין די פאַראייניקטע שטאַטן, וואו ער האָט זיין העכערע בילדונג געקראָגן אין דער שטאָט סינסינעטי און געענדיקט אויף רעפאָרם־ראַביי. די פירערשאַפט פון היגן טעמפּל האָט ער איבערגענומען אין 1927. ער האָט זינט דאַן אַריינגעבראַכט דאָרטן אַ סך נייע זאַכן, ווי וויסנשאַפטלעכע לעקציעס וואָס ווערן געהאַלטן פאַר די טעמפּל־באַזוכערס וועגן פאַרשיידענע יידישע ענינים. ראַביי שטערן איז אויך אַ פעאיקער פּובליציסט און ער האָט אַרויסגעגעבן עטלעכע אַרבעטן אין בוכפאָרם.

אויב דער עלטערער ישוב האָט געקאָנט אָנווייזן אויף פּראָמינענטע משפחות צווישן געקומענע פון ליטע, איז דאָס זעלבע אויך אין דעם איצטיקן ישוב. אויך דער דאָזיקער נייערער ישוב צייכנט זיך אויס אין דעם פּרט. פאַראַן היינט ליטווישע יידן, וואָס שפּילן אין קאַנאַדער לעבן בכלל אַ זייער באַדייטנדיקע ראָל. צווישן די סאַמע אָנגעזעענסטע פון זיי, וואָס האָבן אין מאָנטרעאָל זיך באַזעצט אין דער שפּעטערדיקער צייט, דאַרף מען באַזונדערס דערמאָנען די באַלאָנס, וועלכע האָבן איינגעוואַנדערט אָנהייב די ניינציקער יאָרן פון פאָריקן יאָרהונדערט. דאָס איז אַ משפחה, וואָס ביי איר זיינען קולטור און בילדונג געגאַנגען האַנט אין האַנט מיט פיינע יידישע טראַדיציעס און וואָס האָט אַרויסגעגעבן נעמען וואָס פאַרשאַפן קאַנאַדער יידן, און ליטווישע יידן בפרט, גרויס כבוד.

שמואל יעקב באַלאָן און זיין פרוי, די שוועסטער פון דעם ראש־ישיבה פון טעלזש, זיינען ביידע געבוירן אין ליטע, — ער אין זשאַגער, און זי אין שאַד. זיי האָבן אין ליטע אויך חתונה געהאַט, און אין זייערע פריע דרייסיקער יאָרן זיינען זיי אַריבערגעקומען קיין קאַנאַדע און זיך באַ־

זעצט אין מאָנטרעאָל. די עלטערע דריי קינדער זייערע זיינען געבוירן אין שאד. איינער פון זיי איז דער היינט באַוואוסטער קאַנאַדער נאָז־האַלדז און אויערן־ספּעציאַליסט ד״ר דייוויד ה. באַלאָן, און נאָך איינער — דער אַדוואָקאַט איזידאָר באַלאָן וועלכער איז געשטאָרבן אין 1951. אין מאָנטרעאָל זיינען געבוירן נאָך פיר קינדער, פון זיי חנה־אסתר באַלאָן, די פרוי פון דעם קינדער־ספּעציאַליסט ד״ר אַלטאָן גאָלדבלום (אויך אַ ליטווישער ייִד), די באַרימטע קאַנאַדער פּיאַניסטין עלען באַלאָן און דער כירורג ד״ר הערי ק. באַלאָן.

שמואל יעקב באַלאָן און זיין פרוי, וועלכע זיינען ביידע געשטאָרבן אין 1942, האָבן דאָס טראַדיציאָנעל־ייִדישע, וואָס זיי האָבן אין זיך פאַרמאָגט, געזוכט צו פאַרבינדן מיט מאָדערנקייט, מיט דער קולטור פון דעם נייעם לאַנד. זיי האָבן ניט געקאָנט אָפּטיילן הויכע וועלטלעכע בילדונג, דאָס וואָס זיי האָבן זייערע קינדער געגעבן אין אַ פולער מאָס, פון אַ גוטער ייִדישער דערציאונג. די קינדער האָבן געלערנט, געשטודירט, אָבער אויך ניט פאַרנאַכלעסיקט וואָס זיי האָבן געדאַרפט וויסן וועגן ייִדן און ייִדישקייט. אויף אַלץ איז געלעגן די געזונטע השפעה וואָס האָט געהערשט ביי זיי אין הויז. און די דאָזיקע השפעה, ווי מען קאָן זען, האָט געהאַט אַ גוטע ווירקונג.

ד״ר דייוויד ה. באַלאָן, וועלכער איז געבוירן אין שאד אין 1888, איז דערצויגן געוואָרן אין מאָנטרעאָל, וואו ער האָט געקראָגן העכערע בילדונג. אין 1908 האָט ער געענדיקט דעם קונסט־פאַקולטעט פון מעקגיל אוניווערזיטעט און מיט אַ יאָר שפּעטער דעם מעדיצינישן פאַקולטעט. זינט 1914 איז ער פאַרבונדן מיט דעם גרויסן „ראָיאַל וויקטאָריע" שפּיטאָל אין מאָנטרעאָל. ער איז אויך פאַרבונדן מיט נאָך אַנדערע שפּיטאָלן. אין 1933 איז ער אינעם „ראָיאַל וויקטאָריע" שפּיטאָל געוואָרן הויפּט־אָטאָרינאָלאַרינגאָלאָגיסט און אַ מיטגליד פון דער דאָרטיקער מעדיצינישער פאַרוואַלטונג; אין די ביידע פאַלן — אַן אומגעוויינלעכע און זייער גרויסע זאַך פאַר אַ ייִדישן דאָקטאָר. ער איז אויך געוואָרן הויפּט פונעם דעפּאַרטאַמענט אין אָטאָרינאָלאַרינגאָלאָגיע אין מעקגיל אוניווערזיטעט און אין 1938 — פּראָפעסאָר פון אָטאָרינאָלאַרינגאָלאָגיע. ד״ר באַלאָן האָט פאַרעפנטלעכט אַ סך וויכטיקע מעדיצינישע אַרבעטן, און אין זיין געביט, אָטאָרינאָלאַרינגאָלאָגיע, ווערט ער אָנערקענט פאַר איינעם פון די גרעסטע ספּעציאַליסטן אין לאַנד.

נאָך אַ באַוואוסטער נאָמען אין דער באַלאָן משפחה איז מיס עלען באַלאָן. עלען באַלאָן איז געבוירן אין מאָנטרעאָל אין 1897, און זי האָט נאָך אין אירע קינדער־יאָרן אַרויסגעוויזן גרויסע מוזיקאַלישע פעאיקייטן. מבינים האָבן איר פּיאַנאָ־שפּילן באַוואונדערט, מען האָט אין איר דערזען אַ באַדייטנדיקן, צוקונפטיקן טאַלאַנט. זי האָט געענדיקט די מעקגיל קאָנסערוואַטאָריע מיט גרויסע אויסצייכענונגען און פאָרגעזעצט שטודירן אין ניו־יאָרק, לאָנדאָן און פּאַריז. זי האָט ביסלעכווייז זיך געמאַכט אַ נאָמען אין דער מוזיקאַלישער וועלט. זי איז זינט דאַן אויפגעטראָטן אויף עפנטלעכע קאָנצערטן און מיט פאַרשיידענע סימפאָנישע אָרקעסטערס אין אייראָפּע און אין אַמעריקע, און די קריטיק האָט זי אומעטום זייער וואַרעם אויפגענומען און באַגריסט ווי אַ גרויסע און באַגאַבטע קינסטלערין. אין 1922 האָט זי מיט איר אויסערגעוויינלעכן שפּילן גענומען בערלין ממש מיט שטורעם. עלען באַלאָן פאַרמאָגט אַ וואונדערלעכע טעכניק און ווערט באַטראַכט ווי קאַנאַדעס גרעסטע און באַרימטסטע פּיאַניסטין.

באַרימט געמאַכט האָט זיך אויך אַן אַנדער מיטגליד פון דער באַלאָן משפחה, אַ ברודער פון די צוויי נאָר וואָס דערמאָנטע. דאָס איז דער פּראָמינענטער היגער כירורג ד״ר הערי ק. באַלאָן. געבוירן אין מאָנטרעאָל אין 1901, האָט ער אין אָנהייב געחלומט פון אַ מוזיקאַלישער קאַריערע, צו ווערן אַ גרויסער פידל־שפּילער. ער האָט אָבער זיך גענומען שטודירן מעדיצין און האָט אין 1923 געענדיקט מעקגיל אוניווערזיטעט מיט אַ דאָקטאָר־דיפּלאָם. ער האָט זינט דאַן פאָרגעזעצט שטודירן אין פראַנקפורט, בודאַפּעשט און אין אַנדערע ערטער. ער פּראַקטיקירט היינט כירורגיע אין מאָנטרעאָל, וואו ער איז הויפּט־כירורג אין ייִדישן שפּיטאָל. ער איז מיטגליד אין אַ סך מעדיצינישע און וויסנשאַפטלעכע קערפּערשאַפטן און האָט פיל געשריבן איבער מעדיצינישע פּראַגעס. ער איז אויך מיטפאַרפאַסער פון אַ טעקסט־בוך איבער כירורגישע קראַנקהייטן.

געבוירן אין מאָנטרעאָל, אָבער אויך פון איינגעוואַנדערטע ליטווישע עלטערן, איז דער גרויסער מאָנטרעאָלער ספּעציאַליסט פון קינדער־קראַנקייטן, ד״ר אַלטאָן גאָלדבלום, וועלכער איז דורך הייראַט פאַרבונדן מיט דער באַלאָן משפחה. ער איז הויפּט־דאָקטאָר פון מאָנטרעאָלס גרויסן „טשילדרענס מעמאָריאַל" שפּיטאָל און הויפּט פונעם דעפּאַרטאַמענט פון קינדער־קראַנקייטן אין היגן ייִדישן שפּיטאָל. זינט 1944 איז ער פאָרזיצער פונעם דעפּאַרטאַמענט פון קינדער־קראַנקייטן אין מעקגיל אוניווערזיטעט און זינט 1945 — פּראָפעסאָר פון קינדער־קראַנקייטן. ד״ר גאָלדבלום, וועלכער האָט אין קאַנאַדער מעדיצינישע קרייזן זיך געמאַכט אַ נאָמען פון אַ גרויסן קענער אין זיין ספּעציאַליזירטן צווייג, האָט פיל ביי געטראָגן צו דער מעדיצינישער ליטעראַטור. אַ בוך א. ט. „השגחה פונעם קינד", וואָס ער האָט אַרויסגעגעבן, האָט שוין אויסגעהאַלטן פיר ענגלישע אויפלאַגעס און צוויי פראַנצויזישע.

ווען מיר ריידן וועגן מעדיקער, איז געוויס אויפן פּלאַץ צו פאַרצייכענען, אַז ד״ר יעקב רובין, איינער פון די ערשטע צוויי ייִדישע צאָן־דאָקטוירים אין לאַנד, איז אויך געווען אַ ליטווישער ייִד. ער איז געבוירן אין קאָוונע און איז געקומען מיט זיינע עלטערן, וועלכע האָבן זיך באַזעצט אין מאָנטרעאָל ווען ער איז געווען א יונגער ייִנגל. ער האָט גראַדואירט מיט ידיעות פון דענטיסט אין 1905. ד״ר רובין איז געשטאָרבן מיט אייניקע יאָר צוריק.

אַ געבוירענער אין ליטע איז אויך דער באַרימטער יידישער געלערנטער, פּסיכאָלאָג און שריפטשטעלער ד״ר א. א. ראָבאַק, וועלכער איז דערצויגן געוואָרן אין מאָנטרעאָל. כאָטש ער האָט פאַרלאָזט קאַנאַדע אין זיין 22־טן לעבנס־יאָר, פלעגט ער ביז גאָר לעצטנס פון צייט צו צייט זיך אַראָפּכאַפּן אין זיין אַמאָליקער היימשטאָט, וואו ער האָט אַ משפּחה, און וואו עס געפינט זיך אויך זיין ערשטע „אַלמאַ מאַטער״, וואָס ער האָט אַמאָל געענדיקט מיט העכסטער אויסצייכענונג. ער איז געווען איינער פון די פריע רעדאַקטאָרן פון „קענעדער אָדלער״, וואו ער האָט אַ סך יאָרן שפּעטער מיטגעאַרבעט, און אויך ערשטער רעדאַקטאָר פון קאַנאַדער „דזשואיש קראָניקל״.

די יידישע דערציאונג, וואָס ער האָט אין זיך איינגעזאַפּט דאָ וואו ער איז אויפגעוואַקסן און דערצויגן געוואָרן, שפּיגלט זיך עד היום אָפּ אין אים. ראָבאַק, דער גרויסער געלערנטער, וועלכער האָט ווי אַ פּסיכאָלאָג זיך געמאַכט אַ וועלט־נאָמען, האָט אויך אַ זעלטן וואַרעמע באַציאונג צו יידיש, די שפּראַך וואָס ער פילט זיך צו איר אַזוי שטאַרק צוגעבונדן, — און פּונקט אַזאַ וואַרעמע באַציאונג אויך צו אַלץ וואָס האָט אַ שייכות מיט יידישער קולטור בכלל.

עס איז אפשר ניט ריכטיק צו באַצייכענען היינט ראָבאַקן ווי אַ קאַנאַדער. אָנווייזן אָבער מעג מען דאָ, אַז זיין אָרט ווי אַ גרויסער געלערנטער איז אַ קאַפּיטל פאַר זיך אַליין. ער איז דער מחבר פון אַ פּאָר צענדליק וויכטיקע פּסיכאָלאָגישע ווערק, וואָס אַ טייל פון זיי זיינען איבערגעזעצט אויף אַנדערע שפּראַכן און ווערן באַנוצט ווי טעקסטביכער אין אוניווערזיטעטן.

קונסט און וויסנשאַפט האָבן אַ נאָענטע שייכות מיט ליטעראַטור. די פאָרליגנדיקע אַרבעט וואָלט דעריבער געווען ניט פולשטענדיק, ווען מיר זאָלן דאָ אויף אַ ווײַלע זיך ניט אָפּשטעלן אויף עטלעכע גוט באַקאַנטע נעמען פון ליטווישע יידן, וואָס זיינען פאַרבונדן מיט יידישן ליטעראַרישן שאַפן אין קאַנאַדע. איינער פון זיי איז דער באַקאַנטער יידישער דיכטער נח יצחק גאָטליב, וועמעס בוך „ליטע מיין היימלאַנד״, געהייליקט דעם אָנדענק פון זיינע נאָענטסטע און טייערסטע, וואָס זיינען אומגעקומען אין דער צווייטער וועלט־מלחמה, איז דערשינען אין 1945. גאָטליב, וועלכער איז געבוירן אין קאָוונע אין 1903, איז זינט 1930 אַ תושב אין מאָנטרעאָל. ער איז אַ שטענדיקער מיטאַרבעטער אין „קענעדער אָדלער״, וואו זיינע דערציילונגען און קריטישע אַרטיקלען דרוקן זיך רעגלמעסיק. ער האָט ביז היינט פאַרעפנטלעכט לידער אין פאַרשיידענע אויסגאַבעס און באַטייליקט זיך מיט אַרבעטן אויך אין 1־טן זאַמלבוך „ליטע״. אויסער זיינע לידער־זאַמלונגען, וואָס זיינען דערשינען אין קאָוונע, האָט ער אין מאָנטרעאָל אויך אַרויסגעגעבן „זעגלען אין זון״ (לידער), „איבערבוי״ (נאָוועלע), „נייע לידער״, „סאָוויעטישע שרייבער״ (עסייען) און „אַ מענטש אין די הימלען״ (לידער).

זינט 1929 געפינט זיך אין קאַנאַדע אויך די דיכטערין יודיקאַ, וועלכע איז נאָך אַ סך וואַנדערונגען מגולגל געוואָרן אין דעם דאָזיקן לאַנד, וואו זי האָט געפונען איר היים. זי האָט די ערשטע עטלעכע יאָר געוואוינט אין מאָנטרעאָל און שפּעטער אין טאָראָנטאָ. יודיקאַס לידער, וואָס זיינען אָפּט דורכגעדרונגען מיט אַזוי פיל צאַרטער, שטילער בענקשאַפט נאָך דער דיכטערינס ליטווישן היימלאַנד, האָבן, זינט זי איז אין קאַנאַדע, זיך געדרוקט אין פאַרשיידענע קאַנאַדער און אַמעריקאַנער צייטשריפטן. אין 1934 איז אין פאַרלאַג „איקוף״, טאָראָנטאָ, דערשינען איר בוך לידער „שפּליטערס״. דאָס לעצטע ליד דאָרטן פאַרענדיקט זיך מיט די ווערטער: „איך האָב דיך ליב, איך האָב דיך ליב, מיין ליטוויש היים״.

אַ געבוירענער אין ליטע איז אויך געווען ר׳ חיים קרוגער ע״ה, פאַרפאַסער פונעם בוך „דער רמב״ם״, וועלכער איז אַ סך יאָרן געווען אַ נאָענטער מיטאַרבעטער פון „קענעדער אָדלער״. ער איז געבוירן אין מאזשייק און האָט אין דער היים געלערנט אין פאַרשיידענע ישיבות. ער איז געווען אַ גרויסער למדן, אָבער אויך דורכגעדרונגען מיט אַ סך וועלטלעכן וויסן. קיין קאַנאַדע איז ער געקומען אין 1907 און זיך באַזעצט אין מאָנטרעאָל, וואו ער האָט זיך פאַרנומען מיט זיין פאַך, שחיטה, און אין 1921 איז ער אַריינגעטראָטן אין „קענעדער אָדלער״. ער האָט אויך געשריבן אונטער די פּסעוודאָנימען ח. ק. שאָכאַט, אָנקל ברוך, היימאַן צינמאַן, דאָבל קוף און רוקח. אַ באַזונדערן אינטערעס האָבן געהאַט אַרויסגערופן זיינע אַרטיקלען איבער חכמת ישראל. חיים קרוגער איז געווען איינער פון די פיינסטע און זעלטנסטע יידישע טיפּן, וואָס מען האָט געקאָנט באַגעגענען. ער איז געשטאָרבן אין 1933, בלויז אַ פּאָר טעג איידער עס איז דערשינען זיין ווערק „דער רמב״ם, זיין לעבן און שאַפן״. ער האָט אויך געפּלאַנט אַרויסצוגעבן זיינע אַרבעטן „רבנו סעדיה גאון״, „פילון היהודי״ און „ר׳ יהודה הלוי״, אָבער זיין וואונטש איז ניט מקוים געוואָרן.

אַ שייכות מיט גייסטיקער יידישער שאַפונג האָט אויך געהאַט דער גוט באַקאַנטער העברעאישער משכיל שמואל תלפּיות ע״ה, וועלכער איז געבוירן אין ניישטאָט און איז זינט 1886 געווען אַ מאָנטרעאָלער תושב. תלפּיות האָט אַמאָליקע יאָרן גענומען אַ גרויסן אָנטייל אין העברעאישער דערציאונגס־אַרבעט אין מאָנטרעאָל און האָט פונדאַנען קאָרעספּאָנדירט פאַרן „המליץ״, „הצפירה״, „הצופה״ און „הזמן״. ער האָט אויך פאַרעפנטלעכט אַ סך אַרטיקלען איבער חכמת ישראל אין „קענעדער אָדלער״, „יידישן טאָגבלאַט״ און אין ענגליש־יידישע זשורנאַלן. אַ שטיקל צייט האָט ער אויך אַליין אַרויסגעגעבן אַן אילוסטרירט וואָכנבלאַט „די פאָלקסצייטונג״, אין יידיש און ענגליש. אין 1941 האָט ער פאַרעפנטלעכט אַ בוך „געקליבענע שריפטן״, וואָס באַשטייט פון אַ זאַמלונג אָפּהאַנדלונגען איבער חכמת ישראל. ער איז געשטאָרבן אין 1951.

אַ גאַר באַזונדער אָרט אין דעם היינטיקן יידישן לעבן פון קאַנאַדע, הן מיט זייערע ליטעראַרישע בייטראָגן, הן אויך מיט זייער קולטור־געזעלשאַפטלעכער ראָל בכלל, פאַרנעמען דער באַקאַנטער היגער פּובליציסט און מוזיקאָלאָג ישראל ראַבינאָוויטש און דער יונגער געלערנטער און פאָרשער דוד ראָם. ביידע שטאַמען פון ליטע. ראַבינאָוויטש האָט איינגעוואַנדערט אין 1911, און זינט 1918 איז ער פאַרבונדן מיטן „קענעדער אָדלער", די צייטונג פון וועלכער ער איז אויך רעדאַקטאָר. זיין אייגנאַרטיקער זשורנאַליסטישער טאָן, דער גייסט וועלכן ער באַמיט זיך אין דער צייטונג אויפצוהאַלטן, גיבן איר צו אַ סך חשיבות. זיין „טאָג איין, טאָג אויס"־רובריק דאָרטן האָט צוגעצויגן אַ ספּעציעלן שיכט לייענערס. ער האָט ביז היינט מיטגעאַרבעט אין פאַרשיידענע ליטעראַרישע אויסגאַבעס אין די פאַראייניקטע שטאַטן און אין קאַנאַדע, און ווערט באַטראַכט פאַר איינעם פון די בעסטע און פּעאיקסטע יידישע פּובליציסטן אין לאַנד. גרויס אינטערעס רופן אַרויס זיינע אַרטיקלען איבער מוזיק, און יידישער מוזיק בפרט — אַ זשאַנער וואָס איז אים שטאַרק באַליבט. זיינע ביז היינט פאַרעפנטלעכטע שטודיעס און עסייען וועגן דעם צייכענען זיך אויס אי מיט דעם אָריגינעלן סטיל, אין וועלכן זיי זיינען געשריבן, אי אויך מיט זיין גרויסער פילזייטיקער באַהאַוונטקייט מיט דעם ענין. אין 1940 איז דערשינען אין בוכפאָרם זיין „מוזיק ביי יידן". דאָס זעלביקע ווערק איז אין אַן אויסגעברייטערטער פאָרם אַרויס (אין 1952) אין ענגליש.

דוד ראָם, פון דער באַקאַנטער פאַמיליע „האחים ראָם", איז געבוירן אין ווילנע אין 1910 און איז אַריבערגעקומען קיין קאַנאַדע צוזאַמען מיט זיין משפּחה אַלס יינגל. ער איז דערצויגן געוואָרן אין וואַנקאָווער, בריטיש קאָלאָמביע, און האָט דורכגעמאַכט דעם קאָלאָמביע אוניווערזיטעט פון סיאַטל (ענגלישע ליטעראַטור) און אין מאָנטרעאָל — דעם מעקגיל אוניווערזיטעט, וואו ער האָט דורכגעמאַכט אַ ביבליאָטעקאַר־קורס.

ער האָט זיך פרי פאַראינטערעסירט מיט דער קאָלירפולער יידישער פאַרגאַנגענהייט אין בריטיש קאָלאָמביע, און דאָס, צוזאַמען מיט זיין ערנסטער באַציאונג צו אַלץ וואָס איז נוגע דעם קאַנאַדער יידישן לעבן בכלל, האָט אים געמאַכט פאַר אַן ענערגישן געשיכטע־פאָרשער. ער האָט ביז היינט פאַרעפנטלעכט אַ סך וויכטיקע אַרבעטן וועגן די יידן אין בריטיש קאָלאָמביע. אין 1942 איז אין מאָנטרעאָל דערשינען אין בוכפאָרם זיין „דהי פוירסט טו יירס", וואו ער דערציילט וועגן די ערשטע צוויי יאָר פונעם דאָזיקן יידישן ישוב. דוד ראָם, וועמעס שפּראַך איז אַזוי זאַפטיק און קערנדיק, באַנוצט זיך מיט יידיש פּונקט אַזוי פליסיק ווי מיט ענגליש. ער האָט ביז היינט געדרוקט זיינע אַרטיקלען אין פאַרשיידענע צייטונגען און זשורנאַלן. וויכטיק אויך זיינען די יערלעכע קאַנאַדער איבערזיכטן וואָס ער האָט געשריבן פאַר דעם „אַמעריקאַנער יידישן יאָרבוך". די לעצטע עטלעכע יאָר האָט ער אָנגעפירט מיט דער פּרעסע־אַרבעט ביים קאַנאַדער יידישן קאָנגרעס און רעדאַגירט די פּעריאָדישע קאָנגרעס־אויסגאַבע „קאָנגרעס־ביולעטין".

אַ ליטוואַק איז, פאַרשטייט זיך, אויך דער שרייבער פון די דאָזיקע שורות, וועלכער האָט אין זיינע יינגליאָרן פאַרלאָזט זיין היימשטעטל אַבעל (באַשריבן פון אים אין „ליטע", בוך איינס) און איז אין 1901 געקומען קיין קאַנאַדע. ער איז דאַן געקומען צוזאַמען מיט זיין מוטער, אַן עלטערן ברודער און אַן עלטערער שוועסטער. דער ברודער, מענדל לייב זאַק ע"ה, אַ גרויסער העברעער, וועלכער האָט אַמאָל געלערנט אין די ישיבות פון וואָלאָזשין און סלאָבאָדקע, האָט אין מאָנטרעאָל דעם זעלביקן יאָר נאָך געהאָלפן גרינדן די פּועלי־ציון פּאַרטיי. ער איז א סך יאָרן שפּעטער געווען איינער פון די אַקטיווסטע אָרטיקע „פּועלי־ציון" טוערס. ער איז געשטאָרבן אין 1927, זייענדיק נאָך גאַנץ יונג.

מיין ציל, ווי די לייענערס קאָנען דאָס זען, איז צו שרייבן וועגן אַנדערע. וועל איך דאָ וועגן מיין פּערזענלעכן בייטראָג צום גייסטיקן יידישן שאַפן אין קאַנאַדע גאָרניט זאָגן.

פון די, וואָס מען דאַרף נאָך דאָ דערמאָנען, קאָן מען געוויס ניט אַדורכלאָזן אַזאַ ווי גרעגאָרי סאַנדערס, וועלכער איז אין די יידישע קרייזן פון מאָנטרעאָל אַזוי גוט באַקאַנט. ער איז געבוירן אין ווירבאַלן אין 1882 און איז שוין אַ היגער תושב זינט 1902. ער האָט זיין דערציאונג געקראָגן אין דער היים, אונטער דער אויפזיכט פון זיין פאָטער, וועלכער איז געווען אַ גרויסער העברעער און באַרימטער פּעדאַגאָג. גרעגאָרי סאַנדערס איז געווען דער ערשטער היגער קאָרעספּאָנדענט פון פּעטערבורגער „פריינד", און ער האָט פונדאַנען אויך קאָרעספּאָנדירט פאַרן „המליץ" און „הצפירה". ער האָט פאַרמאָגט אין זיין באַזיץ אַ גרויסע קאָלעקציע בריוו פון יהואשן, וואָס זיינען ביי אים פאַרלוירן געגאַנגען.

וועגן זיין פאָטער, ר' אברהם אליה סאַנדער זצ"ל, אויך באַוואוסט אונטער דעם פּען־נאָמען אאס"ר, און וואָס איז געבוירן אין ווירבאַלן אין 1859, איז כדאי דאָ איבערצוגעבן, אַז ער איז געווען פון די ערשטע וואָס האָבן אין ליטע איינגעפירט חדרים מתוקנים. ער האָט זיין גאַנץ לעבן אַוועקגעגעבן פאַר העברעאישער דערציאונג. זיין הויז אין ווירבאַלן איז געווען אַ בית ועד לחכמים. דאָרט פלעגן פאַרקערן משכילים, שרייבער, דיכטער און סתם יידישע אינטעליגענטן. ער האָט פאַרמאָגט אַן אויסערגעוויינלעכע ביבליאָטעק, וואו עס האָבן זיך געפונען ביכער אין פאַרשיידענע שפּראַכן. צווישן די שטענדיקע באַזוכערס דאָרטן האָט מען געקאָנט טרעפן יהואשן, בן־אביגדורן, ד"ר גאָלדמאַנען (פאָטער פון ד"ר נחום גאָלדמאַן), ש. ראָזנפעלדן, וועלכער פלעגט קומען פון קאָוונע, און נאָך אַנדערע. ער איז אויך געווען אַ שטענדיקער מיטאַרבעטער

אין „המגיד" און „המליץ". ער איז געשטאָרבן אין ווירבאַלן אין 1931.

ביז אַרום סוף 1952 האָט אין קאַנאַדע אויך געוואוינט דער באַקאַנטער סקולפּטאָר, קונסט־גראַווירער און מאָלער בצלאל מלחי, וועלכער איז געבוירן אין סימנע. מלחי האָט שטודירט אין דער בצלאל קונסט־שול אין ירושלים ביי פּראָפעסאָר באָריס שאַץ. ווען ער האָט אין 1926 פון דאָרטן גראַדואירט, איז ער געקומען צוריק קיין ליטע און אויסגעשטעלט דאָרט זיינע אַרבעטן. ער איז שפּעטער אַוועקגעפאָרן קיין דרום־אַמעריקע (אורוגוואי), וואו ער האָט פאַרבראַכט פיר יאָר און האָט מיט זיינע סקולפּטורן און מאָלערייען אַרויסגערופן אַ סך לויב פון קונסט־מבינים.

אָנהייב די דרייסיקער יאָרן איז מלחי געקומען קיין קאַנאַדע און זיך באַזעצט אין מאָנטרעאָל, וואו ער האָט אין קונסט־קרייזן זיך גיך געמאַכט אַ נאָמען. מען האָט אין אים דערזען איינעם פון די פיינסטע און מאָדערנסטע יידישע קינסטלער, אַ קינסטלער מיט אַן אייגנאַרטיקן יידישן סטיל, וועלכער איז אין זיין פאַך — ווי אַ סקולפּטאָר, מאָלער און קונסט־גראַווירער — אַ גרויסער מייסטער. ער האָט מיט זיינע אַרבעטן, וואָס זיינען געווען אויסגעשטעלט אין עפנטלעכע פּלעצער, זיך געמאַכט באַרימט. מלחי האָט אויך אילוסטרירט אַ סך ביכער. סוף 1952 האָט ער פאַרלאָזט קאַנאַדע און איז צוזאַמען מיט זיין פרוי גרונע (געבוירן אין אליטע) אַריבערגעפאָרן אין די פאַראייניקטע שטאַטן.

צווישן ליטווישע יידן, וועלכע האָבן געמאַכט קאַנאַדע פאַר זייער היים אין דער לעצטער צייט, געפינען מיר אויך דעם עסקן און פּובליציסט מענדל לאַדסקי, וועלכער איז אין 1899 געבוירן אין ווילקאָווישק. די לייענער געדענקן אים פון אַן אַרבעט זיינער וואָס איז פאַרעפנטלעכט אין „ליטע", בוך איינס און אויך אין 2־טן נעמט ער אָנטייל. זינט 1949 איז מענדל לאַדסקי אַ תושב אין מאָנטרעאָל, וואו ער איז אַקטיוו אין יידישע קולטור־קרייזן און איז אויך פאָרזיצער פונעם פאַראיין פון יידישע שרייבער.

פון אַלץ, וואָס מיר האָבן ביז איצט דאָ איבערגעגעבן, קאָן מען זיך לייכט מאַכן אַ באַגריף וועגן דער גאַנץ באַזונדערער ראָל, וואָס עס האָבן אין קאַנאַדע ביז היינט געשפּילט און שפּילן די, וועמען מיר קאָנען אָנרופן „ליטווישע יידן". די דאָזיקע ראָל זייערע איז געווען ניט אין אַן ערך גרעסער פון זייער צאָל אין לאַנד. דאָס וואָס זיי האָבן צום היגן יידישן לעבן בייגעטראָגן און טראָגן ביי, איז אַ קאַפּיטל, וואָס איז ווערט, אַז מען זאָל עס פאַרצייכענען.

מיר האָבן אין די ראַמען פון דער איצטיקער אַרבעט, וואָס האָט זיך שוין אַזוי אויך פאַרצויגן, זיך געמוזט, פאַרשטייט זיך, באַגרענעצן. מיר זיינען צוליב דעם געצוואונגען דורכצולאָזן נעמען, און מיר קאָנען זיך אויך ניט אָפּשטעלן לענגער אויף די וואָס מיר דערמאָנען. עס איז אָבער גענוג צו זאָגן, אַז דער גרויסער רוב פון זיי זיינען וואַרעמע, האַרציקע יידן, ביי וועמען די אַלערליי יידישע אינטערעסן און נויטן געפינען תמיד אַ גרויסן אָפּרוף.

ווען מיר ציען אונטער אַ לעצטן סך הכל, זעען מיר אַז, דער עיקר, די לעצטע עטלעכע צענדליק יאָר האָבן געבראַכט קיין קאַנאַדע פון די ליטווישע שטעט און שטעטלעך איינוואַנדערער, וואָס צווישן זיי געפינען מיר אַ סך ענערגישע און איבערגעגעבענע יידישע טוערס. זיי איז אין דעם נייעם לאַנד אפשר אָנגעקומען פיל גרינגער דורכצושלאָגן זיך אַ וועג, ווי די וואָס זיינען געקומען פאַר זיי. מאַטעריעל איז זייער פּאָזיציע ניט קיין שלעכטע. דער רוב פון זיי איז פאַרטראָטן אין פאַרשיידענע צווייגן פון קאַנאַדער לעבן. פאַראַן היינט צווישן זיי סוחרים, פאַבריקאַנטן, אַרבעטער, געענדיקטע פּראָפעסיאָנאַלן און אַנדערע, אויך אַזעלכע, וואָס גיבן זיך אָפּ מיט דעם יידישן לערער־פאַך. די היגע יידישע גאַס האָט אין זיי אַלעמען זייער פיל געוואונען. דאָס איז אַן עלעמענט, וואָס איז דורכגעדרונגען מיט אַ געזונטן יידישן באַוואוסטזיין און נעמט אַ לעבעדיקן אָנטייל אין אַלע אָרגאַניזירטע יידישע טעטיקייטן.

די דאָזיקע ליטווישע יידן האָבן, נאַטירלעך, נאָך ניט פאַרגעסן די אַלטע היים, מיט אַלץ, וואָס זי איז פאַר זיי געווען. זיי האָבן ניט פאַרגעסן דאָס, מיט וואָס זי האָט זיך אַזוי טיף איינגעקריצט אין זייער זכרון, אין די טיףטיפעניש פון זייער האַרצן. זיי קאָנען זי פון דאָרטן ניט אַרויסרייסן. זיי קאָנען אויך ניט איבעררייסן דעם צובונד מיט איר, אַפילו ווען זי ליגט אַ חרובע, אַ פאַרוויסטע, אירע דורותדיקע קהילות אָפּגעמעקטע, און מיט יידישע מאַסן־קברים דאָ און דאָרט — אַ זכר פון די, וואָס האָבן דאָרטן זינט דורות געלעבט, וואָס האָבן געשפּונען דעם אַלטן, דעם אייביקן יידישן חלום, און האָבן צווישן יידן איבער גאָר דער וועלט אַריינגעבראַכט אַזוי פיל וואַרעמקייט, אַזוי פיל גייסטיקע ליכטיקייט.

דער פאַרלאַנג אָנצוהאַלטן מיט איר דעם דאָזיקן צובונד האָט צווישן די יידן פון מאָנטרעאָל נאָך מיט יאָרן צוריק אָנגערעגט די אידייע צו אָרגאַניזירן פאַרבאַנד פון ליטווישע יידן. אויף דער איניציאַטיוו פון דעם פריצייטיק פאַרשטאָרבענעם אַדוואָקאַט יעקב ראָזנפעלד ע"ה, י. רייכל און אַ פּאָר אַנדערע, איז אין 1932 אַזאַ פאַרבאַנד אויך געשאַפן געוואָרן, אָנגעפירט פון דעם באַקאַנטן היגן פּעדאַגאָג מרדכי מענדעלסאָן, וועלכער איז געווען פּרעזידענט. די אָרגאַניזאַציע, אין וועלכער עס איז געווען אָנגעשלאָסן מערסטנס אַ יונגער עלעמענט, האָט פאַר זיך געהאַט אַ פּראָגראַם פון קולטור־געזעלשאַפטלעכער־פאַרווייַלונג און האָט עקזיסטירט אַ פּאָר יאָר צייט.

אונטער דעם דרוק פון די קאַטאַסטראָפאַלע געשעענישן פון דער לעצטער וועלט־מלחמה האָט מען אין מאָנטרעאָל מיט עטלעכע יאָר צוריק ווידער אויפגעלעבט דעם פאַרבאַנד פון ליטווישע יידן, אָבער שוין מיט אַן אַנדער ציל. דער צוועק, וואָס מען האָט זיך איצט געשטעלט,

איז געווען צו שאַפן הילף פאַר די שארית־הפליטה פון דעם אומגעבראַכטן יידישן קיבוץ אין ליטע (אין דער פאָרם פון פעקלעך און אויף אַנדערע אופנים), אויך צו העלפן אויפזוכן קרובים. עס איז אויך געשאַפן געוואָרן אַ „פרויען אָקזילערי“. דער פאַרבאַנד, אין וועלכן עס זיינען געווען אַנגעשלאָסן אַ 300 מיטגלידער, האָט במשך פון זיין עקזיסטענץ באַוויזן זייער פיל אויפצוטאָן. ווי אַן אינדיווידועלע אָרגאַניזאַציע, האָט ער ביז היינט זיך אויך באַטייליקט אין כמעט יעדער וויכטיקער נאַציאָנאַלער הילף־אַקציע, וואָס מאָנטרעאָלער יידן האָבן דורכגעפירט.

אין ליטווישן פאַרבאַנד אין מאָנטרעאָל זיינען ביז היינט טעטיק דער באַקאַנטער היגער נאַציאָנאַל־געזעלשאַפטלעכער עסקן סעם סילווער, פרעזידענט פונעם פאַרבאַנד, וועלכער קומט פון וויזשון, דער שוין דערמאָנטער מרדכי מענדעלסאָן, וועלכער איז קאַסירער פונעם פאַרבאַנד, ה. זאַלקינד, מאיר קאַפּלאַן, די ברידער חיים, כאַצקל, ראָבערט, און אירווינג שילער און אַנדערע. איינער פון די ענערגישסטע טוערס איז אויך געווען דער אויבנדערמאָנטער יעקב ראָזנפעלד, וועלכער איז געשטאָרבן אין 1950.

פיל געטאָן פאַרן פאַרבאַנד האָבן זיינע עלטערע דריי ברידער — דער באַקאַנטער היגער כלל־טוער דזשולידס ראָזנפעלד, ארטשי ראָזנפעלד און ד״ר הירש ראָזנפעלד, וועלכע קומען אַלע פון ניישטאָט. דער לעצטער, וועלכער האָט גראַדואירט פונעם קונסט־פאַקולטעט אין מעקגיל, מאָנטרעאָל, אין 1928 (צוזאַמען מיט זיין ברודער יעקב ראָזנפעלד), האָט שפּעטער שטודירט מעדיצין אין שטראַסבורג. זינט 1937 פּראַקטיקירט ער אין מאָנטרעאָל, וואו ער פאַרנעמט אין מעדיצינישע קרייזן אַן אָנזעעוודיקן אָרט.

אויב די ליטווישע יידן האָבן אין דער געשיכטע פון דעם קאַנאַדער יידישן ישוב אַריינגעשריבן אַ שיין בלאַט, דאַרפן זיי זיך אויך ניט שעמען מיט דעם, ווי אַזוי זיי האָבן בעת דעם מוראדיקסטן חורבן, וואָס האָט געטראָפן אונדזער פאָלק, רעאַגירט אויף זיין רוף נאָך הילף. זייערע הערצער האָבן זיך ברייט צעעפנט. זיי האָבן אויף דעם דאָזיקן רוף געענטפערט מיט א סך וואַרעמקייט, ווי דאָס האָט געוויזן די אַרבעט פון דעם היגן פאַרבאַנד פון ליטווישע יידן.

יהונתן באָטניצקי

# יידישע ליטע און יידישע דרום־אפריקע

דער יידישער יישוב אין דרום־אַפריקע ווערט באַטראַכט אין דער יידישער וועלט, און מיט רעכט, אַלס קאָלאָניע פון אַמאָליקן גייסטרייכן ליטווישן יידנטום. דאָס דרום־אַפריקאַנער יידנטום שטאַמט אין דער איבערוויגנדער מערהייט פון ליטע און דער עיקר פון דער אַמאָליקער קאָוונער גובערניע. דאָס זאָגט אָבער ניט, אַז די איצטיקע יידן פון דרום־אַפריקע באַזיצן אַלע כאַראַקטערשטריכן און פילן זיך אַלס ליטווישע יידן. דער פאַקט איז, אַז די גרעסטע מערהייט פון היינטיקן יידישן יישוב פון דרום־אַפריקע זיינען דער צווייטער אָדער דריטער דור פון די אַמאָליקע יידישע אימיגראַנטן פון ליטע, וועלכע זיינען געקומען אין דרום־אַפריקע אין סוף פון פאָריקן יאָרהונדערט. ביי דער מערהייט איז נאָר פאַרבליבן אַ נעפּלדיקער זכרון, אַז זייערע עלטערן אָדער זיידעס זיינען געקומען פון ליטע.

דער גייסטיקער און קולטורעלער מרחק פון די אַמאָליקע יידישע אימיגראַנטן פון ליטע און זייערע איצטיקע קינדער איז גאַנץ גרויס און ברייט און ווערט נאָך גרעסער און ברייטער פון יאָר צו יאָר. דאָס קאָן מען באַשיימפּערלעך זען פון די סטאַטיסטישע ציפערן פון די פאָלקסציילונגען פון דער באַפעלקערונג, וואָס קומען פאַר פער־



יאָדיש אין לאַנד. אין 1936 האָבן 17.561 יידן אָנגעגעבן אין דער פאָלקסציילונג, אַז יידיש איז זייער מוטער־שפּראַך. די יידישע באַפעלקערונג האָט דאַן געציילט 90 טויזנט נפשות. ד״ה אַז 19.37 פּראָצענט פון יידן אין דרום־אַפריקע האָבן גערעדט יידיש אין דער היים. אין 1946, ווען דער יידישער יישוב האָט געציילט 104.165 נפשות האָבן שוין נאָר 14.044 יידן אָנגעגעבן, אַז יידיש איז זייער היימשפּראַך. ד. ה., נאָר 13.4 פּראָצענט פון דער יידישער באַפעלקערונג. אין 1951 איז די צאָל פון דער יידישער באַפעלקערונג געווען 108.496 און די צאָל יידיש־ריידנדע איז געווען נאָר 9.972, ד. ה., אַ ירידה אין צאָל און אין פּראָצענט. איצט ציילט די יידישע באַפעלקערונג פון 110 ביז 115 טויזנט נפשות און דער פּראָצענט פון די וואָס ריידן יידיש איז געוויס קלענער.

דער איצטיקער יידישער יישוב אין דרום־אַפריקע איז די פּרוכט פון דער צונויפשמעלצונג פון די אָפּשטאַמיקע פון די ליטווישע יידן און פון די יידן פון מערב, ווי ענגלאַנד און דייטשלאַנד. אין קעגנזאַץ צום יידנטום פון אַמעריקע, איז דאָס דרום־אַפריקאַנער יידנטום מער האָמאָגעניש און געוויסע נאַציאָנאַלע כאַראַקטער־שטריכן, מיט וועלכע דאָס ליטווישע יידנטום האָט זיך אויסגעצייכנט,

זיינען אויפגעהאַלטן געוואָרן אין איצטיקן יידישן יישוב אין דרום־אַפריקע.

די געשיכטע פון די יידן אין דרום־אַפריקע הייבט זיך אָן מיט איבער 120 יאָר צוריק, ווען אין 1841 איז אין קייפּטאון געגרינדעט געוואָרן די ערשטע יידישע קהלה אויפן באָדן פון דרום־אַפריקע, וואָס האָט דאַן געציילט 17 מיטגלידער. ביז 1871 איז די יידישע אימיגראַציע קיין דרום־אַפריקע באַשטאַנען פון ענגלישע און דייטשע יידן. איינצלנע אימיגראַנטן פון ליטע זיינען געווען אויך פריער, אָבער די גרעסטע יידישע אימיגראַציע פון מזרח־אייראָפּע האָט זיך אָנגעהויבן, ווען עס זיינען אַנטדעקט געוואָרן די דימענטן־פעלדער אין קימבערליי און די גאָלד־מינעס אויפן וויטוואַטערסראַנד מיטן צענטער אין יאָהאַנעסבורג. די מערסטע יידישע אימיגראַנטן זיינען געקומען פון דער ליטע, פון קאָוונער גובערניע, און אין 1891 איז שוין אָט דער טיפּ אימיגראַנטן געווען אַ מער־הייט צווישן די יידן אין דרום־אַפריקע.

עס באַשטייט ניט קיין צווייפל, אַז ווען ניט די יידישע אימיגראַציע פון ליטע קיין דרום־אַפריקע, וואָלט ניט פאַרבליבן קיין זכר פון די ערשטע קליינע יידישע קהילות וואָס זיינען געגרינדעט געוואָרן דורך די יידישע אימי־גראַנטן פון ענגלאַנד און דייטשלאַנד. עס איז אַ פאַקט, אַז פון די גרינדער פון דער יידישער קהילה אין קייפּטאון אין 1841 זיינען אַלע אַסימילירט געוואָרן צווישן דער ניט־יידישער באַפעלקערונג און קיינער פון זייערע אָפּ־שטאַמיקע זיינען ניט פאַרבליבן אַלס יידן.

די פראַגע, וואָס האָט פאַראינטערעסירט די פאָרשער פון דער געשיכטע פון ד. א. יידישן יישוב איז געווען: פאַרוואָס האָט דרום־אַפריקע צוגעצויגן גראָד די יידן פון קאָוונער גובערניע, און ניט די יידן פון די אַנדערע טיילן פון אַמאָליקן רוסלאַנד.

אַן ענטפער אויף דער דאָזיקער פראַגע קענען מיר באַקומען, אויב מיר וועלן נעמען אין באַטראַכט די פאָל־גנדע פאַקטן:

איינער פון די ערשטע יידישע אימיגראַנטן פון ליטע איז געווען סעמי מאַרקס, אַ פּשוטער, ניט־געבילדעטער אָרעמער ייד פון דעם ליטווישן שטעטל ניישטאָט־סוגינט. ער איז געקומען אין דרום אַפריקע דורך ענגלאַנד אין 1898, זייענדיק אַלט 18 יאָר.

אין משך פון אַ קורצער צייט איז ער געוואָרן אַן עושר. ער איז געוואָרן אַ מאַגנאַט און אַ פּיאָנער פון דער ד. א. אינדוסטרי און אויך אַ גאָלד־מינען און דימענטן־מאַגנאַט. סעמי מאַרקס איז געווען אַן אינטימער פריינד פון בורישן פּרעזידענט קרוגער און פיל לעגענדעס ווערן נאָך עד היום דערציילט וועגן זייער אינטימער פריינד־שאַפט. מ׳דערציילט, אַז פּרעזידענט קרוגער האָט געזאָגט: סעמי מאַרקס איז איינער פון די בעסטע מענטשן. איך וועל נאָך פון אים מאַכן אַ קריסט. סעמי מאַרקס איז פון פּרעזידענט קרוגער באַשטימט געוואָרן אַלס סענאַטאָר.

די אומגלויבלעכע הצלחה פון סעמי מאַרקס האָט זיך





פאַרשפּרייט שנעל אין זיין געבורטס־שטעטל ניישטאָט־סוגינט און אומגעגנט און האָט געמאַכט אַ קאָלאָסאַלן רושם. דאָס האָט געדינט אַלס שטויס פאַר פיל יידן פון די דאָרטיקע שטעטלעך נאָכצוטאָן סעמי מאַרקסן און זיך אַיועקלאָזן אין דער לעגענדאַרער דרום־אַפריקע.

אין יאָר 1892 האָט סעמי מאַרקס מיט זיין שוואָגער און שותּף לואיס געשיקט צו זייער געבורטס־שטעטל ניי־שטאָט־סוגינט טויזנט פונט צו בויען אַ שול. אַזאַ קאָלאָ־סאַלע סומע אין דער דעמאָלטיקער צייט האָט אַרויס־גערופן אַן אויפרודערונג אין שטעטל. דאָס האָט אויך שטאַרק אָנגעלאָקט פיל ליטווישע יידן צו פאָרן קיין דרום־אַפריקע און „אָנצושעפּן" געלט.

אַחוץ דער שווערער עקאָנאָמישער לאַגע, וואָס האָט געהערשט אין תחום־המושב אין רוסלאַנד, זיינען אין די יאָרן 1880—1890 אויסגעבראָכן פיל שריפות אין אַ סך ליטווישע שטעט און שטעטלעך, וואָס האָבן חרוב געמאַכט די הייזער און געשעפטן, און פיל יידישע פאַמיליעס זיינען געבליבן אָן אַ דאַך איבערן קאָפּ און אָן אַ שטיקל ברויט. אין קאָוונע איז פאָרגעקומען אַ גרויסע שריפה אין 1881. אין פּאָנעוועזש זיינען פאָרגעקומען צוויי שריפות אין די יאָרן 1882 און 1884 און אויך אין שעדאָווע, ווילקאָמיר, קראָקי א. א. זיינען פאָרגעקומען שריפות — אַלע שטעט פון וועלכע די מערסטע יידישע אימיגראַנטן אין דרום־אַפריקע שטאַמען.

גלייכצייטיק זיינען אין פיל ליטווישע שטעטלעך פאָר־געקומען גירושים פון די יידן פון די ליטווישע דערפער, וואָס האָט פאַרערגערט די עקאָנאָמישע לאַגע ביז גאָר. קיין פּאָגראָמען אין די אַכציקער יאָרן זיינען אין ליטע גופא ניט פאָרגעקומען, אָבער די פּאָגראָמען אין די אַנ־דערע טיילן פון רוסלאַנד האָבן געהאַט אַ טיפן אָפּקלאַנג אין די ליטווישע שטעטלעך. אין פּאָגראָם אין ניזשני נאָווגאָראָד אין 1884 איז דערהרגעט געוואָרן ברוך בלאָך, זיין ווייב און צוויי קינדער, וועלכע האָבן געשטאַמט פון ניישטאָט־סוגינט, דאָס שטעטל פון וועלכע די ערשטע יידישע אימיגראַנטן אין דרום־אַפריקע האָבן געשטאַמט. דער אָפּקלאַנג פון פּאָגראָם האָט אויך דערגרייכט אין דרום־אַפריקע. אַ ייד פון ניישטאָט־סוגינט, וועלכער האָט זיך צוריקגעקערט פון דרום־אַפריקע האָט געבראַכט 50 פונט, וואָס די ליטווישע יידן אין קייפּטאון האָבן צו־נויפגעקליבן פאַר די קרבנות פון די פּאָגראָמען.

פון אָט די אַלע געבראַכטע פאַקטן קענען מיר קומען צו די פאָלגנדע מסקנות:

די אַנטי־יידישע רדיפות און דיסקרימינאַציעס, פּאָג־ראָמען און עקאָנאָמישע שוועריקייטן אין תחום־המושב, האָבן געבראַכט צו אַ מאַסן־עמיגראַציע פון די רוסישע יידן. די ידיעות וועגן גרויסן דערפאָלג פון די ערשטע יידישע אימיגראַנטן אין דרום־אַפריקע, וואָס זיינען באַ־שטעטיקט געוואָרן דורך די צוריקגעקערטע יידן אין די ליטווישע שטעטלעך אַרום ניישטאָט־סוגינט, האָבן געמאַכט אַ גאָר שטאַרקן איינדרוק אויף די יידן פון אַרום און פיל

האָבן באַשלאָסן צו גיין אין די שריט פון די פריערדיקע עמיגראַנטן און אויך פּרובירן זייער מזל אין דער ווייטער גאָלדענער מדינה אין דרום־אַפריקע.

פון דער אַנדערער זייט, זיינען די יידישע אימיגראַנטן פון ליטע געווען צוגעפּאַסט צו די עקאָנאָמישע באַדינגונגען, וואָס האָבן דעמאָלט געהערשט אין דרום־אַפריקע. זייער עקאָנאָמישע פונקציע איז געווען נוצלעך פאַרן לאַנד. דער יידישער אימיגראַנט איז געוואָרן אַ „שמויזער" — אַ פּעדלער און האָט באַזאָרגט די בורישע פאַרמער, וועלכע האָבן געוואוינט צעזייט און צעשפּרייט איבער די ברייטע שטחים פון לאַנד, מיט שטאָטישע סחורות און אָפּגעקויפט פון זיי זייערע פּראָדוקטן. די פאַרמערס זיינען געווען צו די יידישע פּעדלערס זייער דאַנקבאַר און האָבן זיי אַרויסגעוויזן פריינטלעכקייט. ביי די בורן האָט דער תנ"ך געשפּילט אַ קאָלאָסאַלע ראָל אין זייער לעבן און זיי האָבן זיך באַצויגן מיט גרויס דרך־ארץ צו די יידן — „דאָס פאָלק פון תנ"ך".

מיט דער צייט האָבן זיך אָט די יידישע אימיגראַנטן אַרויפגעאַרבעט און אָנשטאָט פּעדלען האָבן זיי געעפנט געשעפטן און פאַבריקן און די זין און טעכטער פון די אַמאָליקע פּעדלער זיינען אַריין אין די אוניווערסיטעטן און געוואָרן דאָקטוירים, אַדוואָקאַטן און אַנדערע פרייע פּראָפעסיעס. דער צווייטער און דריטער דור פון די ערשטע אימיגראַנטן זיינען היינט דער רוב מנין און רוב בנין פון יידישן יישוב אין דרום־אַפריקע און פון זיי זיינען אויך אַרויסגעקומען די איצטיקע פירער פון דרום־אַפריקאַנער יידנטום.

90 פּראָצענט פון דער יידישער באַפעלקערונג לעבן אין די גרעסערע שטעט. איבער 63 פּראָצענט פון די יידן געפינען זיך אין טראַנסוואַל און אַ העלפט פון יישוב געפינט זיך אין יאָהאַנעסבורג און איר שטח. מיט כמעט דרייסיק יאָר צוריק האָט אַ גרויסע צאָל יידן געלעבט אין די פּראָווינץ־שטעט. איצט ווערן די קלענערע שטעטלעך אויסגעליידיקט פון יידן. ניט קוקנדיק וואָס דער יידישער יישוב איז נאָך פאַרהעלטנישמעסיק יונג, זיינען שוין פאַראַן פיל שטעטלעך, וועלכע האָבן געהאַט באַדייטנדיקע צאָלן יידן — אויסגעליידיקטע פון יידן. אין פיל שטעטלעך קען מען זען ווי עס פוסטעווען די אַמאָליקע שיין־אויסגעבויטע שולן.

דער פּראָצענט יידן צו דער אַלגעמיינער אייראָפּעאישער באַפעלקערונג איז מיט 25 יאָר צוריק געווען 4.5 פּראָצענט. אין 1951 איז דער פּראָצענט געפאַלן צו 4.2 און איצט איז דער פּראָצענט נאָך קלענער.

ווען מיר זאָלן פאַרגלייכן דאָס דרום־אַפריקאַנער יידנטום צום ליטווישן יידנטום, וואָס מיר ווייסן פון די לעצטע יאָרן, וואָלטן מיר מוזן שטעלן די פראַגע: הזאת נעמי? זיינען זיי עס די זעלבע ליטווישע יידן, וואָס האָבן געשמט אַלס די נאַציאָנאַל־באַוואוסטזיניקע און קולטור־רייכסטע פון יידישן פאָלק. דער אונטערשייד פון דאָס יידישע ליטע און דאָס יידישע דרום־אַפריקע איז ווי ווייס צו שוואַרץ.

מיר שטעלן זיך פאַר דאָס ליטווישע יידנטום מיט זיינע צאָלרייכע קולטורעלע און עקאָנאָמישע אינסטיטוציעס און מיט זיין נאַטירלעכן נאַציאָנאַלן חוש. דאָס ליטווישע יידנטום איז געווען טאַקע קליין אין צאָל אָבער רייך אין נאַציאָנאַלן שאַפן און קולטורעלע דערגרייכונגען. דאָס קען אָבער ניט געזאָגט ווערן וועגן דרום־אַפריקאַנער יידנטום, אויף וויפל עס איז שייך צו יידישע קולטור און נאַציאָנאַלע גייסטיקע שאַפונגען.

די ליטווישע יידן, וועלכע זיינען געקומען אין דרום־אַפריקע מיט 80 יאָר צוריק, האָבן פאַרלאָזן שטעטלעך אָפּגעשטאַנענע און פינצטערע. עס איז דאַן געווען אַ ליטע פון משה לייב ליליענבלומס תקופה, אַוואו עס האָט געהערשט פאַנאַטיזם און צביעות, אַוואו די ערשטע טרעגער פון דער השכלה האָבן געהאַט אויסצושטיין רדיפות און פאַרפאָלגונגען. זיי האָבן געבראַכט אין דרום־אַפריקע אַן אָרעמען גייסטיקן באַגאַזש (אַחוץ אויסנאַמען, פאַרשטייט זיך). דאָס ביסל יידישקייט, וואָס זיי האָבן מיטגעבראַכט, איז געווען אַן אַמאָליקע בית־המדרש יידישקייט, באַדעקט מיט אַ ביסל עם־הארצות, באַפּוצט מיט אַן אַנגלאָפיצירטן סינאַגאָגאַליזם. די ליטווישע יידן האָבן זיך פאַרקוקט אויף די ענגלישע יאַהודים, וועמען זיי האָבן גענומען פאַר אַ מוסטער און זיך באַמיט מיט אַלע כוחות זיי נאָכצומאַכן. זיי האָבן געקוקט מיט גרויס דרך־ארץ אויף די ענגלישע יידן, וועמען זיי האָבן איבערגעלאָזן די העגעמאָניע אין יידישע לעבן און אין וועמענס הענט זי איז פאַרבליבן ביזן היינטיקן טאָג.

דאָס יידישע קולטורעלע לעבן איז געווען אָרעם און אינהאַלטסלאָז, און אַפילו דעם רעליגיעזן באַגאַזש, וואָס מען האָט מיטגענומען פון דער היים, האָט מען שוין אויך אַראָפּגעוואָרפן אין ים, נאָכן פאַרענדיקן די נסיעה אויף דער שיף.

די שפּעטערדיקע יידישע אימיגראַנטן פון ליטע, וועלכע זיינען שוין געווען אַ פּראָדוקט פון דער נייער צייט און האָבן שוין געהאַט מיטגעבראַכט מאָדערנע אידעען, האָבן די לאַגע ווייניק געענדערט. די יידישע אימיגראַציע קיין דרום־אַפריקע איז אַלעמאָל געווען אַ קרובים־אימיגראַציע און דעריבער אַ קליינע אין צאָל. די נייע אימיגראַנטן האָבן זיך געמוזט צופּאַסן צו די באַדינגונגען, וואָס זיי האָבן געפונען, און אויף אַזאַ אופן איז די פירערשאַפט פון יידישן לעבן פאַרבליבן אין די הענט פון די ענגלישע אָדער אַנגלאָפיצירטע יידן.

די ליטווישע יידן האָבן אויפגעבויט אין דרום־אַפריקע גרויסע סאָציאַל־פילאַנטראָפּישע אינסטיטוציעס, ווי: בתי־מדרשים, מושבי־זקנים, בתי־יתומים, גמילות־חסדים, חברא־קדישא א. א. וו. זיי קאָנען באמת זיין אַ מוסטער פאַר אַנדערע יידישע יישובים. אויפן נאַציאָנאַל־קולטורעלן געביט האָבן זיי ווייניק געשאַפן, און היינט צו טאָג איז דאָס יידישע דרום־אַפריקע איינע פון די אָפּגעשטאַנענסטע יידישע קיבוצים אין דער וועלט אין נאַציאָנאַל־קולטורעלן זין. אין יאָהאַנעסבורג האָבן עקזיסטירט איי־

ניקע צענדליק לאַנדסלייט־„סאָסייטיס" פון אַלערליי ליטווישע שטעטלעך. ביז דער לעצטער מלחמה האָבן זיי זיך פאַרנומען מיט העלפן זייערע שטעטלעך אין דער אַלטער היים. מיט קיין קולטורעלער טעטיקייט האָבן זיי זיך קיינמאָל ניט פאַרנומען. אין יאָהאַנעסבורג איז פאַראַן אַ גרויסע שול פון דער פּאָנעװעזשער „סאָסייטי" און אויך אַ שול פון דער פּאָסוואָלער „סאָסייטי". פון די מער וויכטיקערע לאַנדסלייט „סאָסייטיס" זיינען געווען די קאָוונער, שאַוולער, טעלזשער, קראָקינאָווער, קיידאַנער, ווילנער א. א. כמעט אַלע ליטווישע „סאָסייטיס" עקזיסטירן נאָר אויפן פּאַפּיר. מיטן חורבן פון ליטע און מיטן אויסשטאַרבן פון עלטערן דור גייען די לאַנדסמאַנשאַפטן אויס.

אין די לעצטע יאָרן זיינען אויפגעבויט געוואָרן פיל חינוך אינסטיטוציעס און דער אינטערעס צום יידישן חינוך איז פיל שטאַרקער געוואָרן. גראָד האָבן די ערשטע דורות ליטווישע אימיגראַנטן זייער פאַרנאַכלעסיקט די יידישע דערציאונג פון זייערע קינדער.

אויפן עקאָנאָמישן געביט האָבן זיך די ליטווישע יידן גוט אַרויפגעאַרבעט און זיינען, אין אַלגעמיין, אין אַ גוטן עקאָנאָמישן מצב. אין דער גאָלד־און דימענטן־אינדוסטרי האָבן בכלל קיינע ליטווישע יידן ניט אָנטייל גענומען. אויף וויפל עס האָבן אָנטייל גענומען יידן בכלל, זיינען עס געווען ענגלישע און דייטשע יידן. די ליטווישע יידן האָבן געשפּילט אַ גאָר וויכטיקע ראָל אין דער אַנטוויקלונג פון דער מיטעלער אינדוסטרי, ווי: באַקליידונג, מעבל, לעדער און טעקסטיל. אין די יאָרן פון דער 2־טער וועלט־מלחמה האָבן זיך די דאָזיקע אינדוסטריעס זייער אויסגעברייטערט און די ליטווישע יידן זיינען די וויכטיקסטע אָנטיילנעמער אין דעם. אויך אין פאַרמעריי האָבן זיך אויסגעצייכנט ליטווישע יידן. דער „קעניג פון די מיליס" (קוקורוזע), דער פאַרשטאָרבענער י. לאַזאַרוס, איז געווען אַ ליטווישער ייד (ער האָט איבערגעלאָזן אין צוואה זיין פערמע פאַר „אָרט־אָזע"). און אויך דער „קעניג פון קאַרטאָפל" איז אַ ליטווישער ייד — י. ד. לוריע.

דרום־אַפריקאַנער יידן שמן אין דער וועלט אַלס גרויסע נדבנים, און אין די בייטראָגן פאַר די ציוניסטישע פאָנדן שטייט דאָס דרום־אַפריקאַנישע יידנטום (פּראָפּאָרציאָנעל) אויפן ערשטן אָרט. אין אמתן גערעדט, האָט דאָס אָרעמע ליטווישע יידנטום געגעבן פאַר יידישע ענינים, פּראָפּאָרציאָנעל, מער ווי דער רייכער יידישער קיבוץ אין דרום־אַפריקע, אָבער דאָך איז אמת, אַז די דרום־אַפריקאַנער יידן זיינען בכלל ברייטהאַרציק און געבן פאַר אַלע יידישע „אַפּעלס" מיט אַ ברייטער האַנט. עס איז קיין צווייפל ניט, אַז אַט דער שטריך איז זיי פאַרבליבן פון זייער ליטווישער אָפּשטאַמונג. די אַלע פּאָזיטיווע יידישע שטריכן אין כאַראַקטער פון דרום־אַפריקאַנער יידנטום זיינען עס טאַקע די ירושה פון זייער קערנדיקער ליטווישקייט.

דער יידישער יישוב אין דרום־אַפריקע מאַכט איצט דורך אַ שווערן קריזיס. צוליב די פאַרשאַרפטע ראַסן־פּראָבלעמען אין לאַנד איז די זיכערקייט פון דער יידישער באַפעלקערונג געוואָרן דערשיטערט. די אָנגעצויגענע באַציאונגען צווישן ישראל און דרום־אַפריקע צוליב דער שטעלונג צו דרום אַפריקעס ראַסן־פּאָליטיק מצד ישראל אין אונ"אָ, האָבן געהאַט אַן אַנטמוטיקנדיקע ווירקונג אויף דער יידישער באַפעלקערונג. קיין נייע יידישע אימיגראַנטן קומען ניט אַריין אין לאַנד און, פון דער אַנדערער זייט, מערקט זיך אַן עמיגראַציע פון דרום־אַפריקע. דער יידישער יישוב פאַרקלענערט זיך און די צוקונפט איז פאַרוואָלקנט.

משה שטאַרקמאַן

# ליטווישע יידן — פּיאָנערן פון דער יידישער פּרעסע אין אַמעריקע

געהייליקט דעם אָנדענק פון מיין פּאָטער, ר׳ ישראל בן ר׳ אליעזר־יצחק ז״ל — אַ יליד גאַליציע, וואָס האָט שטאַרק פאַרערט די ליטווישע לומדות.

ליטווישע יידן זיינען געווען די גרונט־לייגערס פון אָרגאַניזירטן מזרח־יידישן קיבוץ־לעבן אין די פאַראייניקטע שטאַטן. ס׳איז דערפאַר ניט קיין וואונדער, וואָס די „ליטוואַקעס״ זיינען אויך געווען די פּיאָנערן־בויערס פון דער יידישער פּרעסע און ליטעראַטור אין אַמעריקע. די „ליטוואַקעס״, די שטורעם־פייגל פון דער השכלה — די ערשטע צו פּרוּוון שאַפן אַ סינטעז פון יידישקייט און וועלטלעכקייט — זיינען מער פון וועלכן עס איז אַנדערן שיכט צווישן די יידישע אימיגראַנטן געווען גייסטיק צוגעגרייט צו זיין די חלוצים פון דער יידישער זשורנאַליסטיק און וואָרט־קונסט אין דער נייער וועלט.

ליטווישע יידן, בעיקר יענע, וואָס האָבן געוואוינט ביי די פּרייסישע גרענעץ־געביטן, האָבן געוואוסט, אַז אַנשטאָט זוכן גליקן אין וואָלין, לוינט זיך בעסער אַריבערצוגיין די פּרייסישע גרענעץ און, פּונקט ווי עס האָבן געטאָן אַ סך דייטשע יידן, זיך לאָזן איבערן אָקעאַן צו דער ווייטער אַמעריקע. די ליטווישע יידן האָבן פאַרנומען דעם אויבנאָן צווישן די מזרח־איראָפּעאישע יידן אויסצוואַנדערן אין די פאַראייניקטע שטאַטן לאַנג פאַר דער גרויסער מאַסן־אימיגראַציע.

## „קאַלוואַריער דייטשן״ — יעקב כהן און זיינע פּאָליטישע אַמביציעס

די ליטוואַקעס, הגם די דייטשע „יאַהודים״ האָבן אויף זיי געקוקט פון אויבן־אַראָפּ, האָבן מיט זייער האַלטונג און פירונג געגעבן צו פאַרשטיין, אַז אויך זיי זיינען „מאָדערן״ און „ציוויליזירט״, און זיי האָבן ביי זיך ניט וואָס אַראָפּצופאַלן לגבי זייערע דייטש־רײדנדיקע „גלויבנס־גענאָסן״. און באַלד האָבן די „קאַלוואַריער דייטשן״, די יחסנישע ליטוואַקעס, געוויזן וואָס זיי קענען. זיי זיינען געווען פון די ערשטע מזרח־יידן צו אָרגאַניזירן אייגענע לאַנדסמאַנשאַפטן. אין 1873, אַ יאָר נאָך פאַר דער גרינדונג פון „בית המדרש הגדול״, אויף סאָפאָלק סטריט, האָבן די ווילנער און סינייער לאַנדסלייט אין ניו־יאָרק געשאַפן אַ פאַראייניקטע „קאָנגרעגעישאָן״.

סוף זעכציקער און אָנהייב זיבעציקער יאָרן פון פאַרגאַנגענעם יאָרהונדערט האָט אַ ליטווישער ייד שוין אָנגעהויבן צו שפּילן אַ ראָל אינעם אַלגעמיינעם ניו־יאָרקער פּאָליטישן לעבן. יעקב כהן — האָט דער דאָזיקער ליטוואַק געהייסן, און ער איז געווען אַן איידעם פון שמואל ד. מאַס, איינער פון די חשובי העדה צווישן די פּרייסישע יידן אין שטאָט. כהן איז טאַקע ניט געווען קיין מיטגליד אין דער פּרייסישער שול „אדרת אל״, אָבער ער פלעגט אָפט קומען דאָרט דאַווענען. כהנען האָט מען געהאַלטן פאַר אַ תלמיד־חכם, אָבער אָנשטאָט צו חברן זיך מיט דעם עלטערן דור, האָט ער זיך גאָר געחברט מיט די יוגנטלעכע עלעמענטן. כהן האָט דערביי געהאַט צוויי אויסרעכענונגען: ראשית, ער האָט געהאַט עטלעכע טעכטער, און דאָס קענען זיך מיט די יונגעלייט איז געווען אַ מעלה צו טאָן פּאַסיקע שידוכים; שנית, כהן האָט געטראַכט וועגן קאַנדידאַטירן אויף אַ פּאָליטישן אַמט, און ער האָט פאַרשטאַנען, אַז בלויז צווישן די יונגעלייט וועט ער געפינען אַרויסהעלפערס פאַר זיינע פּאָליטישע אַמביציעס.

יעקב כהן האָט געוואוינט אויף דער 33טער גאַס. ער איז רייך געוואָרן פון ריעל עסטעיט (אייזנבאַן) און געהאַט אין זיין אייגנס אַ זומערהיים און אַ גוט. ער איז אויך געווען דער אייגנטימער פון „קאַרלס 23טן וואָרד פּאַרק״, אַ פאַרוויילונגס־גאָרטן אין די בראָנקס. טאָמער האָט מען געדאַרפט מאַכן עפּעס אַן אונטערנעמונג לטובת צדקה, פלעגט כהן געבן גערן זיין פאַרוויילונגס־גאָרטן, און דאָס האָט פאַרשטאַרקט זיין פּאָפּולאַריטעט און חשיבות צווישן דער יידישער באַפעלקערונג. יעקב כהן האָט חוץ פּאָליטישע אויך געהאַט זשורנאַליסטיש־פאַרלעגערישע אַמביציעס, און ער האָט געוואַרט אויף אַ שעת־הכושר עס צו פאַרווירקלעכן. צווישן זיינע לאַנדסלייט האָבן זיך שוין געפונען גענוג זשורנאַליסטישע כוחות, אָבער ניו־יאָרק האָט נאָך ניט געהאַט קיין דרוקעריי, וואו מ׳זאָל קאָנען דרוקן אַ וואָכנשריפט אויף יידיש אָדער העברעאיש, און כהן האָט געמוזט אונטערוואַרטן ביז אַן אַנדערער ליטווישער ייד האָט אַזאַ דרוקעריי איינגעאָרדנט.

## בערנשטיין, גרשוני און בוכנער

דער דאָזיקער פּיאָנער פון יידישן דרוק־וועזן איז געווען אַן איידעם פון דעם קאַלוואַריער ר׳ צבי הירש בערנשטיין (אַ פעטער פונעם שפּעטער־באַקאַנטן ענגליש־יידישן זשורנאַליסט הערמאַן בערנשטיין), ער איז אָנגעקומען קיין אַמעריקע אַ קורצע צייט פאַרן אויסברוך פון

דער פראַנצויזיש־פרייסישער מלחמה. בערנשטיין האָט געזען ווי זיינע לאַנדסלייט, די „קאַלוואַריער דייטשן", האָבן מיט גרויס חשק געשלונגען די מלחמה־נייעס, וואָס זיינען געווען געדרוקט אין די דייטשע און ענגלישע בלעטער, איז אים איינגעפאַלן צו גרינדן אַ יידיש וואָכנבלאַט. ער האָט גלייך אימפּאָרטירט יידישן דרוק־שריפט פון ווין און ווילנע. עס האָט אָבער געפעלט אַ שריפטזעצער.

גראָד דעמאָלט איז אָנגעקומען קיין ניו־יאָרק דער געוועזענער משומד און שפּעטערדיקער ראַבינער צבי הירש גרשוני, וועלכער האָט אויף יענער זייט ים זיך שוין געהאַט קונה שם געווען ווי אַ העברעאישער שרייבער. גרשוני, אַ ווילנער, האָט זיך אויסגעלערנט די מלאכה פון זעצעריי בעת ער איז געווען אויף קעסט ביי די לאָנדאָנער מיסיאָנערן. האָט בערנשטיין אים איינגעלאַדן צו ווערן דער שריפטזעצער און מיט־רעדאַקטאָר פון דער געפּלאַנטער צייטונג.

צווישן די ניו־יאָרקער משכילים האָט זיך אָבער געפונען איינער, וואָס דער מאַנגל אין אַ דרוקעריי האָט אים ניט אָפּגעשראָקן. י. ק. בוכנער האָט דער משכיל געהייסן. וואו און ווען ער איז געבוירן געוואָרן איז ניט באַקאַנט. איידער בוכנער איז געקומען קיין אַמעריקע האָט ער געוואוינט אין דייטשלאַנד, ענגלאַנד און פראַנקרייך. ער האָט שוין געהאַט זשורנאַליסטישע דערפאַרונגען אויף יענער זייט ים, און דעריבער האָט ער פאַרשטאַנען, אַז פאַרלאָזן זיך בלויז אויף לייענער־קונים איז ניט גענוג, נאָר מען מוז אויך קריגן הילף פון אַ פּאָליטיש־פאַראינטערעסירטער גרופּע. די דעמאָקראַטישע פּאָליטישענס פון „טעמעני האָל" האָבן בוכנערן צוגעזאָגט זייער שטיצע. האָרעס גרילי, רעדאַקטאָר פון דער ניו־יאָרקער „טריביון" און פּרעזידענט־קאַנדידאַט פון די ליבעראַל־רעפּובליקאַנער האָט בוכנערן פּראָטעזשירט און געהאָלפן אים שאַפן אַ צייטונג פאַר די מזרח־יידן. גרילי האָט געצילט צו קריגן דורך בוכנערן, — דעמאָלט שוין אַ באַקאַנטער יידיש־געזעלשאַפטלעכער טוער — די שטימעס פון יענע יידישע אימיגראַנטן, וואָס האָבן שוין געהאַט באַוויזן צו ווערן אַמעריקאַנער בירגער. בוכנער איז געשטאַנען בראש פון „היברו אינסטיטוט". פונעם ביסל ידיעות וועגן דער דאָזיקער תלמוד־תורה איז צו זען, אַז זי איז געווען אַ וויכטיקער פּרואוו צו מאָדערניזירן דעם יידישן חינוך. אין 1871 האָט ער אָרגאַניזירט אַ „יידישע אימיגראַנטן הילפס־אינסטיטוציע", וואָס האָט איינגעאָרדנט פּאָפּולער־וויסנשאַפטלעכע לעקציעס אין קופּער־אוניאָן, און זי האָט געשטרעבט צו הייבן דעם מצב פון יידישע אימיגראַנטן — עקאָנאָמיש און קולטורעל. אין 1873 איז בוכנער געווען טעטיק ביים „יידישן האַנטווערקער־פאַראיין" צו העלפן די אָרעמע אַרבעטער מאַטעריעל און צו געפינען פאַר זייערטוועגן פאַסיקע וואוינונגען פאַר ווייניק דירה־געלט.





## די „יידישע צייטונג", די „פּאָסט" און "היברו ניוס"

אַזוי ווי אין ניו־יאָרק איז ניט געווען קיין פּאַסיקע יידישע דרוקעריי, האָט בוכנער באַשלאָסן אַרויסצוגעבן זיין וואָכנשריפט „יידישע צייטונג", ליטאָגראַפירט, און דעם 1־טן מערץ 1870 איז אַרויס דער ערשטער נומער. די „יידישע צייטונג", וואָס האָט געקאָסט זעקס סענט אַ נומער, האָט געדאַרפט דערשיינען יעדן פרייטיק אין דער פרי, אָבער דערשינען איז זי בלויז עטלעכע מאָל אין יאָר, געוויינטלעך אין פאַרבינדונג מיט אַ וויכטיק געשעעניש. דער 12־טער נומער איז דערשינען דעם 14־טן פעברואַר 1873. בוכנערס אויסגאַבע איז פאַקטיש געווען אויף דייטש, נאָר מיט יידישע אותיות, און ס'איז מעגלעך, אַז ער האָט דאָס אַוועקגעשטעלט דעם שפּראַך־נוסח פאַר די ערשטע יידישע צייטונגען אין דער נייער וועלט.

אַזוי שנעל ווי דעם קאַלוואַריער רבס איידעם, צבי הירש בערנשטיין, האָט איינגעשטעלט זיין דרוקעריי, האָט ער, מיט דער זעצערישער און שרייבערישער הילף פון צבי גרשוני גענומען אַרויסגעבן דאָס וואָכנבלאַט „די פּאָסט", די ערשטע געדרוקטע יידישע צייטשריפט אין די פאַראייניקטע שטאַטן. בערנשטיין און גרשוני האָבן ניט געקאָנט אויסקומען צווישן זיך, און אויף גרשוניס אָרט איז אָנגעקומען אַן אַנדערער שריפטזעצער. בערנשטיין איז געבליבן דער הויפּט־באַלעבאָס אויך איבער דער זשורנאַליסטישער זייט פון דער „פּאָסט". פון דער דאָזיקער וואָכנשריפט האָט זיך ניט אויפגעהיט אַפילו קיין איינציקער נומער, אַזוי, אַז עס איז אוממעגלעך זי אַפילו צו כאַראַקטעריזירן. מען ווייסט בלויז, אַז זי איז דערשינען זעקס חדשים כסדר. גרשוני איז שפּעטער געוואָרן אַן ענגליש־יידישער זשורנאַליסט און רעדאַקטאָר; ער איז געווען אַ ראַבינער און לערער אין אַטלאַנטאַ־שיקאַגאָ און געדרוקט קאָרעספּאָנדענציעס פון אַמעריקע אין די אייראָפּעאישע העברעאישע צייטונגען. ער האָט איבערגעזעצט אויף ענגליש ווערק פון דער רוסישער ליטעראַטור און אויך געשריבן אויף ענגליש אָריגינעלע דערציילונגען, וואָס זיינען דערשינען אין אַ באַזונדער בוך. גרשוני האָט איבערזעצט אויף העברעאיש לאָנגפעלאָס פּאָעמע „עקסעלזיאָר" און זיך באַטייליקט אין „השלוח" אונטער אחד־העמס רעדאַקציע. ער איז געשטאָרבן אין יאָר 1897.

בערנשטיינס „פּאָסט" וואָלט מסתמא געווען עקזיסטירט ווייטער, אָבער דער רעדאַקטאָר־אַרויסגעבער האָט זיך געלאָזט איבעררײדן פונעם אויבנדערמאָנטן יעקב כהן, אַז זיי זאָלן בשותפות אַרויסגעבן אַ נייע וואָכנשריפט. כהן האָט אויפן דעמאָקראַטישן צעטל קאַנדידירט פאַר אַ „סופּער־וויזער", אַן אַמט, וואָס איז געווען העכער פון אַן איצטיקן ראַטמאַן אין שטאָט־ראַט. כהן האָט צוגעזאָגט בערנשטיינען קריגן אַ גרעסערן סכום געלט כדי צו פינאַנסירן די אונטערנעמונג. אַזוי ווי

כהן האָט, צוליב זיינע פּאָליטישע אַמביציעס, געוואָלט גרייכן צו אַלע שיכטן פון דער יידישער באַפעלקערונג — די רוסיש־פּוילישע יידן, די משכילים־העברעער, די דייטש־ריידנדיקע „יאַהודים” און די אַמעריקאַניזירטע יידן, — איז באַשטימט געוואָרן, אַז די וואָכנשריפט זאָל דערשיינען אויף פיר שפּראַכן מיטאַמאָל: יידיש, העברעאיש, דייטש און ענגליש. דעם 5־טן אַפּריל 1871, פאַר פּסח, איז דערשינען דער ערשטער נומער פון „העברעו נויעס” („היברו ניוס”). די צייטונג איז געווען שיין געדרוקט אויף גוטן פּאַפּיר, אָבער איר אינהאַלט איז געווען אַ מיש־מאַש פון איבערגעדרוקטע זאַכן, אָן וועלכן עס איז סדר.

כאָטש כהן איז דורכגעפאַלן אין די וואַלן, האָט ער געהאַט בדעה ווייטער אַרויסצוגעבן די פירשפּראַכיקע וואָכנשריפט, כדי זי צו קאָנען נוצן בעת שפּעטערדיקע וואַל־אַקציעס. שפּעטער האָט ער באַשלאָסן אויפצוגעבן דאָס גאַנצע עסק, נאָכדעם ווי עס זיינען אַנטשטאַנען קריגערייען צווישן אים און בערנשטיינען. כהן האָט די צייטונג אָפּגעשטעלט מיטן 13־טן נומער און זיין חלק אין דער דרוקעריי האָט ער אַוועקגעשענקט דעם יידישן יתומים־אַנשטאַלט. בערנשטיין האָט אָבער געהאַלטן, אַז אים קומט אַרויס פונעם שותפות אַ סך מער וויפל כהן האָט אים געגעבן, און ער האָט קעגן אים פאַרפירט אַ פּראָצעס. פונעם משפּט האָט בערנשטיין גאָרניט געוואונען, און ער איז געבליבן ביים זאַץ, וואָס ער האָט געהאַט אַריינגעלייגט אין געשעפט, ווען דאָס שותפות איז געשלאָסן געוואָרן.

מיטן ביסל יידישן שריפט, וואָס בערנשטיין האָט געהאַלטן אין אַ צימערל אויף לודלאָו סטריט, איז ער געוואָרן דער פּיאָנער פון דער העברעאישער פּרעסע אין אַמעריקע. דעם 11־טן יוני 1871 איז אַרויס דער ערשטער נומער פון „הצופה בארץ החדשה”. — די ערשטע העברעאישע וואָכנשריפט אין די פאַראייניקטע שטאַטן. זיין זעצער און מיט־רעדאַקטאָר איז געווען דער סואוואַלקער משכיל, מרדכי האַלמשטיין, וועלכער האָט אַ צייט געוואוינט אין ענגלאַנד און פאַר זיין אָפּפאָר קיין אַמעריקע אין 1870 איז ער געווען דער הויפּט־מגיה אין דער וואַרשעווער דרוקעריי פון זיין פעטער אַבאַ מאַרקסאָן. דער „הצופה” האָט, מיט עטלעכע איבעררייסן, עקזיסטירט ביזן יאָר 1876. נאָכן אונטערגאַנג פון דער וואָכנשריפט האָט בערנשטיין זיך גענומען צו באַנק־געשעפטן, און ער איז אַ צייט אויך געווען דער אייגנטימער פון אַ יידיש טעאַטער. בערנשטיין איז געבוירן געוואָרן אין ניי־שטאָט־שירווינט, 1846. ער איז געשטאָרבן אין יאָר 1907.

## כתריאל צבי שרהזאָן און מרדכי האַלמשטיין

דער ענערגישסטער צווישן די פּיאָנערן פון דער יידישער פּרעסע אין אַמעריקע איז געווען כתריאל צבי שרהזאָן. ער איז געבוירן געוואָרן דעם 12־טן דעצעמבער, 1885, אין פּויזער, סואוואַלקער געגענט, וואו זיין פאָטער





ר׳ אליהו איז געזעסן אויפן כסא הרבנות. אין 1859 איז ר׳ אליהו געוואָרן רב אין סואוואַלק גופא, און דאָרט האָט כתריאל צבי חתונה געהאַט מיט בתיה האַלמשטיין, אַ טאָכטער פון ר׳ דוד האַלמשטיין, פון די חשובסטע לומדים און באַלעבאַטים אין שטאָט. ר׳ דודס זון מרדכי האַלמשטיין איז שפּעטער, פּונקט ווי ר׳ דודס איידעם, געוואָרן אַ פּיאָנער פון דער יידישער זשורנאַליסטיק דאָ אין לאַנד.

כתריאל צבי שרהזאָן האָט אין דער ליטע זיך ניט געקאָנט דערשלאָגן צו אַ זיכערער פּרנסה. ווי אַ צאָל אַנדערע דרייסטע יידישע יונגעלייט איז ער אין 1869 אַוועקגעפאָרן קיין אַמעריקע. אַ יאָר שפּעטער איז ער צוריקגעפאָרן אַהיים. אָבער אין 1871 איז ער ווידער געקומען קיין ניו־יאָרק און אויף פּאַרק סטריט געעפנט אַ דרוקעריי בשותפות מיטן שטעטינער מדפיס ע. שרענצל. די דרוקעריי „שרענצל און שרהזאָן” האָט צוערשט אַרויסגעגעבן אַן אַטלאַס מיט פאַרשיידענע ידיעות וועגן פעלקער און לענדער. אַזוי ווי מ׳האָט אין 1872 שוין געשאַצט, אַז אין ניו־יאָרק וווינען בערך 80 טויזנט יידן, האָבן די צוויי שותפים באַשלאָסן צו ווערן צייטונג־פאַרלעגערס, און די פירמע האָט גענומען אַרויסגעבן דאָס וואָכנבלאַט „ניו־יאָרקער יידישע צייטונג”. נאָך פינף חדשים דערשיינען איז דאָס וואָכנבלאַט אָפּגעשטעלט געוואָרן, ווייל דער זעצער פון דער פירמע, מ. טאָפּאָלאָווסקי האָט געעפנט אַן אייגענע דרוקעריי. די פירמע „שרענצל און שרהזאָן” איז געבליבן אָן אַ זעצער, און דערביי האָבן די באַלעבאַטים נאָך געהאַט טויזנט דאָלער היזק, ווייל די ערשטע צייט האָט מען געמוזט דערלייגן צו דער צייטונג. אַ קריסט, אַ דייטשער אימיגראַנט, האָט אָפּגעקויפט די יידישע אותיות. אין 1873 איז שרהזאָן אַוועק קיין סיראַקיוז, וואו עס האָבן שוין געוואוינט ליטווישע לאַנדסלייט, וועלכע האָבן געהאַט זייערס אַן אייגענע חברה. שרהזאָן איז אויף אַ קורצער צייט געוואָרן דער רב פון די סיראַקיוזער ליטוואַקעס, אָבער דערנאָך איז ער אַוועק קיין שיקאַגאָ, וואָס איז שוין אויך געווען אַ צענטער פון ליטווישע יידן און ער האָט דאָרט פּרובירט זיין מזל אין מסחר.

אין דעמזעלביקן יאָר איז ער אַהיימגעפאָרן קיין סואוואַלק אַהערצוברענגען זיין משפּחה, און אין 1874 איז ער שוין ווידער געווען אין ניו־יאָרק. אינאיינעם מיט זיין שוואָגער מרדכי האַלמשטיין האָט שרהזאָן אָנגעהויבן אַרויסצוגעבן די „יידישע גאַזעטן”, אַ וואָכנשריפט פון וועלכער ס׳איז אַרויסגעוואַקסן די ערשטע אַמעריקאַנער יידישע טעגלעכע צייטונג. די „יידישע גאַזעטן” זיינען דערשינען 54 יאָר, ביז 1928, ווען די וואָכנשריפט איז פאַראייניקט געוואָרן מיטן „אַמעריקאַנער”.

דאָס שותפות צווישן שרהזאָן און האַלמשטיין האָט לאַנג ניט אָנגעהאַלטן. אין 1875 האָט האַלמשטיין אָנגעהויבן אַרויסגעבן אַן אייגענע וואָכנשריפט — „ניו־יאָרקער איזראַעליט”, וואָס האָט עקזיסטירט בלויז עטלעכע חדשים. האַלמשטיין האָט צוריק אָנגעהויבן אַרבעטן פאַר זיין

שוואָגער — און ער איז ווידער געוואָרן רעדאַקטאָר פון די „גאַזעטן", אָנהאַלטנדיק דעם אַמט ביז זיין טויט אין 1897.

## עטעלזאָן און זיין „איזראַעליטישע פּרעסע"

אין די 50־קער יאָרן פון 19־טן יאָרהונדערט האָבן יידישע אימיגראַנטן פון ליטע אָנגעהויבן זייער פּיאָנעריש באַזעצונג אין דער מיטל מזרחדיקער הויפּט־שטאָט שיקאַגאָ. צווישן זיי האָט זיך אויך געפונען נחמן דוב עטעלזאָן, וועלכער איז געבוירן געוואָרן אין שאַקי, אין יאָר 1898. געקומען איז ער קיין אַמעריקע אין יאָר 1851, און ער האָט שפּעטער געעפנט אַ דרוקעריי אין שיקאַגאָ. אַ ייד אַ למדן און אַ משכיל, האָט עטעלזאָן דער דרוקער גוט געקענט די נויטן פון דער שיקאַגער יידישער עדה. ער האָט אויך צוגעזען, אַז די יידישע לייענער דאַרפן וואַרטן צו לאַנג ביז עס קומען אָן די ניו־יאָרקער „גאַזעטן". אין 1877, ווען ס'האָט אויסגעבראָכן די טערקיש־רוסישע מלחמה, און די שיקאַגער יידישע אימיגראַנטן האָבן געדורשט נאָך נייעס פון פראָנט, האָט עטעלזאָן גענומען אַרויסגעבן די וואָכנשריפט „איזראַעליטישע פּרעסע". די ערשטע אַמעריקאַנער יידישע צייטשריפט אויסער ניו־יאָרק. זיין געהילף־רעדאַקטאָר איז ש. ל. מאַרקוס, וועלכער איז פריער געווען אַ מלמד ערגעצוואו אין אַלאַבאַמאַ. די „איזראַעליטישע פּרעסע" האָט אויך געהאַט אַ העברעאישע ביילאַגע — „היכל העברי", און אַזוי האָט עטעלזאָן אויך געהאָלפן לייגן די פונדאַמענטן פאַר דער העברעאישער פּרעסע אין די פאַראייניקטע שטאַטן.

נאָך דריי יאָר דערשיינען אין שיקאַגאָ, איז די „איזראַעליטישע פּרעסע" אַריבערגעטראָגן געוואָרן קיין ניו־יאָרק צו קאָנקורירן מיט שרהזאָנס „גאַזעטן". אָבער שרהזאָן איז אַרויס דער זיגער און דעם 9־טן אַפּריל 1884 איז די „איזראַעליטישע פּרעסע" אונטערגעגאַנגען.

## יעקב צבי סאָבעל, דער ערשטער יידישער דיכטער אין אַמעריקע

אין 1876 איז אָנגעקומען קיין אַמעריקע דער שאַוולער העברעאישער שרייבער, פּעדאַגאָג און געוועזענער ראש־ישיבה יעקב צבי סאָבעל. באַלד נאָך זיין אנקומען אין נייעם לאַנד האָט סאָבאָל פאַרעפנטלעכט אין „יידישע גאַזעטן" די פּאָעמע „די דריי הויפּט־פּרינציפּן פון דער תורה אָדער עולם התוהו". אַ יאָר שפּעטער, אין 1877, איז דערשינען זיין „שור זהב לכבוד ישראל הזקן — ישראל דער אַלטער", אַ העברעאיש־יידיש לידער־בוך, וואָס איז געווען דער ערשטער פּרואוו אַרויסצוגעבן העברעאישע און יידישע דיכטונג אויפן אַמעריקאַנער קאָנטינענט. אויפן שער־בלאַט האָט סאָבעל אַוועקגעשטעלט די פאָלגנדיקע מאָטאָ:

דיעזע גאָלדענע ליעדער,
אַה, מיינע ליעבען ברידער!
געשריבן מיט ענערגיא,
צו איבער צייגען ריכטיג,
ווי הערליך אונד וויכטיג,
איז יודישער פּאָעזיא.
דאַס דיא הייליגע שפּראַכע,
איז דיא איינציגע זאַכע,
וועלכע מיט אונדז וואונדער טהוט;
דאַן ווען דיעזע שפּראַכע בליהט,
דאַן וויים דער איזראַעליט,
ער האָט קוראַז, שטאָלץ אונד מוטה.

דאָס דאָזיקע לידער־בוך, וואָס איז אָן ווערט פון קינסטלערישן שטאַנדפּונקט, אַנטהאַלט אויך אַ פּאָעמע „דער פּאָלנישער תלמיד־חכם אין אַמעריקע". אין דער דאָזיקער פּאָעמע ווערן געשילדערט די עינויים פון יידישן למדן־אימיגראַנט אין דער נייער סביבה. די דאָזיקע פּאָעמע גיט אַן איבערבליק איבערן לעבן פון די מזרח־אייראָפּעאישע יידן באַלד נאָך זייער אָנקום אין די פאַראייניקטע שטאַטן — ערב דער גרויסער יידישער מאַסן־איינוואַנדערונג.

אין דעם זעלבן יאָר, ווען ס'איז אַרויס סאָבעלס לידער־זאַמלונג, איז אין ניו־יאָרק אויך דערשינען אַ. זילבערשטיינס „דאָס לעבן און דער טויט פון ישו הנוצרי". דאָס דאָזיקע ביכל האָט זיכער געמוזט האָבן אַ גרויסע צאָל קונים, ווייל אין דער „אַלטער היים" האָט מען אַזעלכע אַנטיקריסטלעכע ביכלעך נאָר פאַרשפּאַרט אין געהיים.

מ. טאָפּאָלאָווסקי, וואָס איז מיט יאָרן פריער געווען אַ זעצער אין דער דרוקעריי פון „שרענצל און שרהזאָן", איז אין 1878 שוין געווען דער באַלעבאָס פון אַן אייגענער דרוקעריי — אין 121 קאַנעל סטריט. ביי טאָפּאָלאָווסקין האָט זיך אויך געדרוקט שרהזאָנס וואָכנבלאַט „יידישע גאַזעטן". טאָפּאָלאָווסקי האָט באַשלאָסן אויך צו ווערן אַן אַרויסגעבער. ער האָט געקראָגן אַ פּאַסיקן מענטש פאַרן רעדאַקטאָר־אַמט אין דער פּערזאָן פון ג. לאַנדוי, און אין זומער 1877 האָט אָנגעהויבן דערשיינען „דיא יודישע פאָלקסצייטונג", וואָס האָט זיך אַנאָנסירט אַלס „דיא גרעסטע אונד בילליגסטע יידישע צייטונג אין אַמעריקאַ".

די „פאָלקסצייטונג" איז באמת געווען שיין אין טעכנישן זין, אָבער די אַרויסגעבערישע טעטיקייט האָט טאָפּאָלאָווסקין געשטערט אין דער געשעפטלעכער זייט פון דער דרוקעריי. דאָס קאָנקורירן מיט שרהזאָנס „גאַזעטן" האָט אויך אַוועקגענומען אַ סך ענערגיע. אין מאַי 1880 איז פאָרגעקומען אַ קאָנפערענץ פון אָרדען „ברית אברהם". שרהזאָן און טאָפּאָלאָווסקי זיינען ביידע געווען דעלעגאַטן, און אויף טאָפּאָלאָווסקיס איניציאַטיוו האָבן זיי אָנגעהויבן פאַרהאַנדלען, אַז שרהזאָן זאָל אָפּקויפן די „פאָלקסצייטונג" — די אַבאָנאַמענטן רשימה מיט די חובות א. ד. גל. דעמזעלבן טאָג איז דער מסחר טאַקע פאַרענדיקט געוואָרן.

## איסט בראָדוועי נומער 5, —
## אַ געשעפט, אַ רעדאַקציע, אַ בית־המדרש

אין יאָר 1881, ערב דעם אָנהייב פון דער גרויסער מזרח־יידישער מאַסן־וואַנדערונג קיין אַמעריקע, איז דאָס הויז נומער 5 איסט בראָדוויי שוין געווען אַ צענטער פון ליטווישע יידן. אונטן האָט זיך געפונען אַ מעבל־געשעפט; אויפן ערשטן גאָרן האָט זיך געפונען די רעדאַקציע און דרוקעריי פון שרהזאָנס „יידישע גאַזעטן" און די וואוינונג פון דער שרהזאָן־משפחה; אויפן צווייטן שטאָק איז געווען דאָס בית המדרש פון די סואוואַלקער לאַנדסלייט.

אָנפאַנג 80־קער יאָרן, ווען עס האָבן אין רוסלאַנד זיך אָנגעהויבן די פּאָגראָמען און עס האָבן גענומען שטראָמען קיין אַמעריקע מאַסן יידיש־ריידנדיקע יידן, האָט שרהזאָן באַשלאָסן, אַז עס איז געקומען די צייט אַרויסצוגעבן די „יידישע גאַזעטן" יעדן טאָג. דעם 18־טן יוני 1881 איז דערשינען דער ערשטער נומער „טעגלעכע גאַזעטן", די ערשטע יידישע טעגלעכע צייטונג אין אַמעריקע. עס זיינען אָבער נאָך ניט געווען דעמאָלט גענוג קונים פאַר אַ יידיש טאָגבלאַט, און נאָך צוויי חדשים זיינען די „גאַזעטן" צוריק פאַרוואַנדלט געוואָרן אין אַ וואָכנשריפט. דער ליטוואַק שרהזאָן, וואָס האָט זיך ניט אָפּגעשראָקן פאַר דורכפאַלן, איז ניט אַנטמוטיקט געוואָרן פונעם ערשטן ניט־געלונגענעם פּרואוו אין 1881, און צוויי יאָר שפּעטער, דעם 6־טן אַפּריל 1883, האָט ער ווידער גענומען אַרויסגעבן די „טעגלעכע גאַזעטן". דאָס באַנייטע טאָגבלאַט איז דערשינען אַ קאַרג פערטל יאָר כסדר, און אין יולי האָבן די „גאַזעטן" ווידער אַמאָל געמוזט אַרויסגיין וועכנטלעך. אַ סך יידישע לייענער האָבן זיך אָבער מער ניט געקענט באַגנוגענען מיט אַ צייטונג איין מאָל אין וואָך. כדי צופרידנצושטעלן אָט דעם מין לייענער, האָט שרהזאָן אַ שטיק צייט אַרויסגעגעבן יעדן דינסטיק די „פאָלקסצייטונג", וואָס ער האָט אין 1880 געהאַט אָפּגעקויפט פון מ. טאָפּאָלאָווסקי.

אויך דער צווייטער ניט־געלונגענער פּרואוו האָט שרהזאָנען ניט אַנטמוטיקט. אין יאַנואַר 1885 האָט ער אָנגעהויבן אַרויסצוגעבן זיין „יידישעס טאַגעבלאַט", וואָס איז יאָרן־לאַנג געווען די שטאַרקסטע און איינפלוסרייכס־



טע יידישע צייטונג אין אַמעריקע. דאָס „טאַגעבלאַט" איז דערשינען 45 יאָר, אָן איבעררייס, ביז די צייטונג איז פאַרקויפט געוואָרן צום „מאָרגען זשורנאַל" און זי איז איינגעשלונגען געוואָרן דורך אים דעם 30־טן אַפּריל 1928. שרהזאָן אַליין איז אַוועק פון דער וועלט מיט 23 יאָר פריער — דעם 12־טן יאַנואַר 1905. נאָך זיין טויט איז דאָס „טאַגעבלאַט" געפירט געוואָרן פון זיין זון יחזקאל, געבוירן אין סואוואַלק און פון זיין איידעם לעאָן קאָמייקע, וועלכער איז געווען אַ לאַנדסמאַן פון ווילקאָווישקי. מיטן אונטערגאַנג פון „טאַגעבלאַט" איז אַראָפּ פון דער יידישער צייטונג־אַרענע די פאַמיליע שרהזאָן, וואָס האָט אַריינגעשריבן אַ גרויס פּיאָנערן־קאַפּיטל אין דער געשיכטע פון דער יידישער פּרעסע אין אַמעריקע.

## אָנהייב פון רעוואָלוציאָנערער יידישער פּרעסע

ווען שרהזאָן האָט אין 1885 גענומען אַרויסגעבן דאָס „יידישע טאַגעבלאַט", זיינען אין די פאַראייניקטע שטאַטן שוין געהאַט געלייגט געוואָרן די פונדאַמענטן פאַר דער יידישער אַרבעטער־באַוועגונג. איינער פון די גרונט־לייגער איז געווען דער ווילנער רעוואָלוציאָנער־אינטעליגענט אַב. קאַהאַן. אינאיינעם מיטן קרעמענטשוגער „עם־עולמניק", ח. שאַמראַיעווסקי (שפּעטער באַקאַנט אַלס ד"ר טשאַרלס ראָיעווסקי), האָט קאַהאַן גענומען אַרויסגעבן אַ רעוואָלוציאָנערע יידישע וואָכנשריפט, די ערשטע פון דעם מין אויף יידיש אין אַמעריקע. „די נייע צייט" האָט געהייסן די דאָזיקע רעוואָלוציאָנערע צייטשריפט, און זי האָט אָנגעהויבן דערשיינען ערב שבועות 1886. מער ווי פיר נומערן זיינען ניט אַרויס, ווייל די דעפיציטן זיינען געווען גרויסע און די צאָל לייענער איז געווען אַ קליינע ביז גאָר. אָבער ניט געקוקט אויף איר קורצער עקזיסטענץ, האָט „די נייע צייט" משפיע געווען, אַז עס זאָלן געמאַכט ווערן נאָך אַזעלכע פּרואוון — פּרואוון, וואָס האָבן געפירט צו דער אַנטשטייאונג און אַנטוויקלונג פון דער אַמעריקאַנער יידישער אַרבעטער־פּרעסע. יידן פון דער ליטע האָבן אויך אַ גרויס פּיאָנערן־חלק אינעם אויפקום פון דער יידישער אַרבעטער־באַוועגונג אין אַמעריקע — אָבער די דאָזיקע פאַזע גייט ניט אַריין אין די ראַמען פון אונדזער איצטיקער אָפּהאַנדלונג.

יידן (אָפּשטאַמיקע פון ליטע) אין דער אַמעריקאַנער אַרמיי, וועלכע
האָבן געקעמפט קעגן די נאַצים בעת דער צווייטער וועלט־מלחמה.

די געפאַלענע — כבוד זייער אָנדענק!



דוד אראָנסאָן



ריטשאַרד אַרענס



לוציען באָבראָוו



פּעטער בראָנשטיין



מאיר גודמאַן



דוד גינסבערג



קלמן גינסבערג



וואָלסטאָן



באָריס חיימסאָן



פימאַ חיימסאָן



אַברהם און מתתיהו יאפע



ה. כעלמאָוויטש



פיליפ כעלמאָוויטש



אַלבערט לאָענטאַל



איזידאָר לעני



לעניט



דוד מאַטיס



אַמאָס מאַנסטאָף



ראובן מאַטוסעוויטש
(אַ ברודער פון ד. מאַטיס)



נתן מאַנסטאָף



אַרטור ספּיקאַס



בערנאַרד קאַהען



ישראל קאַניסמאַן



ה. קופּער



ד. ע. רוטקאָוויטש



סט. רוטקאָוויטש

# זוכצעטל פון נעמען


**א**

אַביבית, שושנה 317
אַבעליאָוו (סקאַבעליאַוו), מאיר 577
אַבראַמאָוויטש, הירש 384
אַבראַמאָוויטש, הערמאַן 820, 831
אַבראַמאָוויטש (ריין), רפאל 124, 175—177, 795
אַבראַמסאָן, אינזש. 143, 347—348, 607
אַבראַמסאָן, אליא 455
אַבראַמסאָן, ראַזאַליאַ 462
אַברהם דער האַמלער 211
אַבראַס, פּיצע 567
אַגדתי, ברוך 317
אַגוז, פ. 578
אַדאַמאָוויטש, אירעניע 659
אַדאַמייטיס, יאַנאַס 631
אַדלער, אויגוסט 719
אַדעסער, בצלאל 567
אהרוניביצי, נח 255
אוואַראַוו, ס. 389
אויערבאַך, ד״ר 640
אויערבאַך, שרה, ד״ר 640
אומרו, דוד 345—346, 418, 426, 441
אונגער, ל., ד״ר 255
אוער, לעאָפּאָלד 555, 560
אוקולינסקי, אַבנר 362
אורבאַנאַס, פּראַנאַס 633
אורחין, (לערערין) 618—619
אוריסאָן, אַ. אַדוו. 180
אָזשינסקי, ליאָן, אינזש. 253, 284, 347, 366
אַחד העם (אַ. גינזבורג, ד״ר) 610, 727
אַחרון, יוסף 556, 559
אידעלסאָן, א., ד״ר 251
אידעלסאָן, אַברהם 411
איוואַן גראָזני — IV (רוסישער צאַר) 508, 525
איוואַנאָוו 183
איוואַנאָוויטש, סטעפאַן 802
איוואַנאַוסקאַס, וויטאַוטאַס 622
איוואַשקאַ 629
איוואַשקאַ, קאַזיס 631
איידעלסאָן, יוסף 572
איידעס (עדות), תנחום 88
אייזנבערג, פּסח 132, 135
אייזין, שרה 418
אייזענשטאַט, דוד 582
איינשטיין, אַלבערט 715, 718, 720, 722
איינהאָרן, אַהרן 417
אייסישקין, א. 577
איליאַנאָוו 183
איפ, י., ד״ר 425, 465
איצעלע וואָלאָזשינער, ר׳ 389, 744
איציקאָוויץ, דוד 365
**איש־קובנה (ראַבינאָוויטש, יצחק, אלחנן ר׳) 732**

אישתירי הפרחי 753
אַלאַדיאַין 791
אַלבאָם 128
אַלבעניז, איסאַק 557, 566
אַלבערט 832
אַלדאַנאָוו, מאַרק 795
אַלטענבערג, אלחנן 357
אַלטער דער הויבער 185
אַלטפעלד, יודל 425
אליהו קרעטינגער, ר׳ 746
אַלייסקי, יעקב, אַגראָנ. 52, 269, 285, 426
אלישיב (פרידמאַן), שמואל, ד״ר 63, 65, 68—70, 576
אַלעקאַ (ליטוו. רעזש.) 547
אַלעקסאַנדער — II (רוסישער צאַר) 115, 117, 168, 390, 509, 761
אַלעקסאַנדער — III (רוסישער צאַר) 102, 200
אַלעקסאַנדראַוויטש (ס. ר.) 794
אַלעקסאַנדראַוויטש, מישאַ 548, 573
אַלעקסאַנדראַוויטש, מ., ד״ר 447
אַלעקסאַנדריסקי („טאָוואַרישטש״) 166
אַלפס, בן־ציון 417
אַלפּעראָוויטש, ד״ר 549
אַלשוואַנגער, א., ד״ר 541
אנגל, יואל 548, 560
אַנדריוס, יעקב 827
אַנטאָקאָלסקי, מאַרק 293, 505, 511, 525
אַניקין 791
אַניקשט, יצחק 367
אַנ־סקי (ש. ז. ראַפּאָפּאָרט) ש. 569
אַסטראָווסקי (חזן) 573
אַסיפּאָווע (פּיאַניסטין) 556
אַפּאַטאַשו, יוסף 343, 482
אַפּאַטהעקער, דוד 417
אַקון (זעלדין), אסתר 459
אַקון, דזשאָו, ד״ר 459
אַקונעצקי, שלמה 235
אַקסעלראַד, ח. 363
אַקסעלראַד, ליובאַ 103
אַקסעלראַד, מאיר 245
אַקערמאַן (אַניקשט) 250
אַראָן (קאָוונע) 536
אַראַנאָוו 143
אַראַנאָווסקי (קאָוונע) 119
אַראַנאָווסקי, ליאַלאַ 498
אַראָנסאָן, גריגאָרי 163, 787
אַראָנסאָן, דוד 861
אַראָנסאָן, ישראל 211
אַראָנסאָן, נחום 510
אַראָנסאָן, שבתי 417
אַראָצקער, אַלטער 132—133
אַרביטבלאַט, ג. (קינסטלער) 530
אַרלאָוו (פּריסטאַוו) 112
אַרנולד, ד״ר 162

אַרנשטאַם 664
אַרענס ריטשאַרד 861
אַרקינאַ, צאָן־אַרצטין 201
אַרש, ירחמיאל 49—52, 454
אַרש, גאָלדע 47
אַרש, יעגטע 446, 454
אַרש־סודאַרסקי, אַלטע 21, 27, 39, 49—52, 288, 374, 424, 444 — 446, 453—484, 547, 53—554
אַשינסקי, אי., הרב 832
אַשעראָוויטש,הירש 418
אַשרי, אפרים, הרב 642

**ב**

באַביאַליס (פּולקאָווניק) 647
באַבראָוו 42
באַבראָוו, בלומע 467
באַבראָוו, לוציען 862
באַדן, פּאָול 93
באַדאַנאַס, פּר. 626
באַטניצקי, יהונתן 130, 843
באַיער, ש. 554
באַך, יאָהאַן סעבאַסטיאַן 566
באַכמאַן, יעקב 567
באַלאַן 834
באַלאַשער, אבא 418, 458, 487, 496, **667**
באַלטשיונאַס 629
באַלטשיונאַס, גלח 628
באַלמאַנט ק. ד. 518
באַסמאַן, לייב 830
באַלעל 149, 152, 435
באַלפור, אַרטור 91, 128, 296
באָם, קאַרל 566
באַנד, ה. 429
באַנד מאַקס 530
באַנטשעווסקי, ד״ר 474
באַס (ראַבינאָוויטש), משה 583
באַסטאַמסקי, שלמה 392
באַק, ד. 427, 436
באַק, זעליק 418, 426—427
באַקשט, אהרן 365—366
באַראַווסקי, כ. 678
באַראַכאָוו, בער 125—127, 138, 144, 151, 154—157
באַראַן הירש 817
באַרוכין 385
באַרנשטיין, י. 786
באַרסאַש, באַנדאַר 555
באַרעט, יעקב 746
באַרקין 583
בבלי, הלל 405, 407
בודריס 663
בויווידאַס 628
בוטינאַס 631
בוטקאַס 631

בוטשיס (קאַנאַניק) 371
בוטשעקאַס, אַלג. 623
בויער, אינזש. 347
בוך, אבא 417
בוך, אפרים 374
בוכאַרין, ניקאָלאַי אי. 798
בוכנער, י. 852, 853
בוכעלמאַן 170
בולאַט, א. 130
בונק, דוד 523—24
בורצעוו, וולאַדימיר ל. 219
בורר, מ., ד״ר 362
בורשטיין 498
בורשטיין, מ. 667
ביאַלאָסטאָצקי, ב. 414
ביאַליק, ח. נ. 157, 317, 324, 417, 550, 777, 785
ביזאַני, פּ. 564
בייבטשיק, י. 583
בייליס, א. 324
ביינאַרט 144
ביינושעוויטש, נ. 425
ביינער, יהודה 427
בילאָוו, פאַן 560
בילסקי, אַ. 819
בילסקי, מ. 815
בילעצקי, י. ח. 479
בינדער, שלמה 426, 543, 544
בינקיענע 667
ביסטריצקי, נתן 550
ביעלאַגלאָווסקי (חרמוני), אפרים 69
ביעלי, אַנדרעי 518
ביעלינסקי (פריסטאַוו) 114
בירגער, יוסף 235
בירזשישקאַ, וו. 481
בירזשישקאַ, מ. 380, 443, 446
בירמאַן, מאיר 477
בירנבוים, ע. 577
בלאַזער, איצעלע, ר׳ 724, 725
בלאַט, ז. 498
בלאָך, אליהו 356, 362
בלאָך, אליעזר 363, 364
בלאָך, אסתר 373
בלאָך, ברוך 846
בלאָך, יהודה 250
בלאָך, יוסף 358, 359, 361—62
בלאָך, יצחק 360
בלאָך, מ. (אַרכיט.) 347—48, 481
בלאָך, נתן 358
בלאָך, ערנסט 555, 560
בלאָך, שלום 524
בלאָשטיין, ה. 147, 414
בלאָשטיין, חיים 373
בלודז, בנימין, ד״ר 465
בלום, וו. 662
בלום, ל. 357
בלומאַן 427
בלומענטאַל, אינזש. 692
בלומענטאַל, א. 578
בלומענטאַל, יוליוס 483
בלומענטאַל, ניסן 567
בלומענפעלד, בלומע 165
בלומענפעלד, שמואל 165
בלעכאַראָוויטש, שאול 318, 549, 587
בלעכאַראָוויטש, שלום 552, 587
בלעכאַראָוויטש, עלוזע 587
בן־אדיר (ראָזין), א. 69, 421, 427, 474, 605
בן־אביגדור (א. ל. שאַלקאָוויץ) 780, 840
בן־אפרים, א. 369, 376
בן־יהודה (פערלמאַן) 750
בעבוטאָוו, פירשט 792
בסוק, משה 405
בעהר (אַברהם), אַדאָלף 578
בעזראַדני 561
בעטהאָווען, ל. וו. 520, 558
בעל־מחשבות (עליאַשעוו), איזידאָר 192, 413, 538, 605
בעלזער, ניסן 567
בעליאַצקין, ש., פּראָפ׳ 132, 348, 374, 377, 549
בעליסאָן, ס. 561
בענעט, א. ב. 827
בעסטוזשעוו, ר. 415
בעקער, ז. 528, 532
בעקער, ח. 492
בער, פישל 366
בערגעלסאָן, דוד 343, 421
בערגער, א. 414
בערגער, בנימין, ד״ר 132, 323
בערגער, יוליוס, ד״ר 826
בערגער, יוסף, ד״ר 132, 323, 614, 826
בערדיטשעווסקי 561
בערדיטשעווסקי (בן גריון), מיכה יוסף 782
בערטראַן, י. 717
בעריאַ 128
בערלין (נצי״ב), נפתלי צבי 821
בערמאַן 638
בערמאַן, אהרן, ד״ר 299, 323
בערמאַן, יעקב 579
בערמאַן, לוי 417
בערמאַן, מ. 415
בערנפעלד, ש., ד״ר 785
בערנשטיין 852
בערנשטיין („נאַראָדאָוויעץ״) 483
בערנשטיין, אַברהם משה 569
בערנשטיין, הערמאַן 417, 852
בערנשטיין (בערגמאַן), לעאָן 105, 202
בערנשטיין, מ. 808
בערנשטיין, צבי 417, 852
בערנשטיין, ראובן 373, 376
בערנשטיין־כהן, ב. 317
בערעזין 793
בערקמאַן 536
בערקמאַן, יצחק לייב 355
בראָד, מאַקס 606
בראָדי, פּ. 785
בראָדעצקי, זעליג 494
בראָוודא, יעווג. 562
בראָדערזאָן, משה 385
בראַון צ. 643
בראַזיוקייטיס 617
בראַכמאַן, חיים 373
בראַמסאָן, זש. 125
בראַמסאָן, לאה 467
בראַמסאָן, לעאָנטי, ד״ר 283, 465, 787
בראַמסאָן, משה 374
בראַנפּמאַן, א. 815
בראַנשטיין, פּעטער 861
ברודנע, אייזיק 67, 69, 245
ברודני, בן־ציון 67
ברוידע, ג. ר. 362
ברוידע, גוטמאַן 239
ברוידע, מ. י. 577
ברוידע, צבי 745
ברוידעס, אַברהם 405, 408
ברוצקוס, יוליוס, ד״ר 76, 138, 324, 414, 605, 786
ברוק (ברק), צבי 498
ברוקער, אפרים 128, 133—32
בריסאָוו, וואַלערי 518
בריזגיס (בישאָף) 650
בריל, הירש 417
ברינמאַן, י. 125
ברענער, וו. ד. 519
ברק 630
ברק, ד״ר 435

## ג

גאַבעץ, אַלעקסאַס 623
גאַבעץ, וויטאַוטאַס 623
גאַדאַווסקי, לעאָפּאָלד 555, 563
גאַזשאַנסקי (שלגו), שמואל 164
גאָטליב, יעקב 410—11, 164, 426—28, 543—45
גאָטליב, נח יצחק 410, 837
גאָטלער, דוד 149, 152
גאָטפּאַרשטיין, י. 418, 426
גאָטצעטל 348
גאָלאָב, יהושע 361
גאָלאָמב, אַדוו. 619
גאָלאָמב, א. 393, 396—397
גאָלבאַך 799
גאָלבאַרט, ש. 642
גאָלד, י. 832
גאָלד, מ. 495
גאָלדבלאַט, אהרן 418
גאָלדבלאַט, דוד 417
גאָלדבלום, א., ד״ר 835
גאָלדבערג (ווילקאָמיר) 454, 618, 619
גאָלדבערג, (קאָוונע) 467
גאָלדבערג, א. 498
גאָלדבערג, יעקב, אדוו. 648
גאָלדבערג, לאה 317, 405, 408
גאָלדבערג, מאַקס 342
גאָלדבערג, ש., ד״ר 238
גאָלדמאַן 840
גאָלדמאַן, יעקב 747
גאָלדמאַן, נחום, ד״ר 786, 840
גאָלדפאַדען, אַברהם 535, 552
גאָלדפאַרב, פּ. 323
גאָלדסמיט, יעקב 577
גאָלדשטיין, יעקב 570
גאָלדשטיין, קלמן, הרב 833

גאָלדשמידס, יאַקאָב 784
גאָלדשמידס, ש. 373, 376
גאָלוב (תורי), א. 498, 652
גאַליס־שוואַרץ, אסתר 368
גאַלוואַנאַוסקאַס, ע. 146
גאָלענפּאָל, עקיבא 343, 418, 425
גאַנצער, מ. 417
גאַפּאַנאָוויטש, מ., אַדוו. 376
גאַר, יעקב 642
גאַר, יוסף 149, 418, 475
גאָר, מיכאל 318
גאָראַוואָי 427
גאַרבער, ה., ד״ר 834
גאַרבער, מ. 833
גאַרבער, שמחה 833
גאָרדאָן, ד״ר 679
גאָרדאָן, געני 412
גאָרדאָן (יל״ג), יהודה לייב 293, 405,
713, 756
גאָרין־גאָרניצקי 535
גאַרליאַוסקאַס, ב. 624
גאָרניצקי, נתן 185
גאַרפונקל, לייב 65, 69, 70, 138, 238, 254,
418, 479, 643
גאָרקי, מאַקסים 796
גאָרשיין, שרה 534
גודמאַן, מאיר 861
גודמאַן, פּאָול 482
גווינס, וו. 435
גוטמאַן, מ. 152, 156, 376
גוטמאַן, י. 786
גוטמאַן (באַלטיקאַקליס), משה 417
גוטמאַן, נאָטע 523—524
גוטמאַן, ראָזע 418
גוטמאַן (לעווין), רבקה 654
גוידע (גאַרן), יצחק 186
גוירשווין, דזש. 557
גורדון, א. ד. 95
גורוויטש 498
גורוויטש, לייזער 430
גורוויטש, ל. 481
גורוויטש, רבקה 467
גורעוויטש 561, 638
גורעוויטש, לאַזאַר 132
גורעוויטש, מאָיסיי 164
גורעוויץ, יוסף ליפּמאַן 355
גורעוויץ, מאיר 358, 362
גורטשין, רוסיש. גענ. 804
גורינאַס 630
גידאָני, אַדוו. 234, 538
גיטלזאָן, צבי 364
גיטעלעוויץ, שמחה 367
גיטעלעוויץ־היילפּערין, שרה 367
גיטעלעס, א. 132
גילדע (שאָוול) 245
גילדע, מרדכי, ד״ר 524
גילזאָוושטיצע, ע. 165
גילעשענסקי, ה. 446
גימפּל, מרדכי 775
גינזבורג, האָראַץ, באַראָן 736
גינזבורג, מ. 381
גינזבורג, מרדכי אהרן 417
גינזבורג, שאול 413, 797
גינזבערג, ברוך 358
גינסבערג, דוד 861
גינסבערג, קלמן 862
גינצבורג, איליא 510, 525
גיעדרייטיס 619
גלאָבוס, דוד 418, 426—429, 545—546
גלאַז, יהודית 418
גלאַזונאָוו, א. ק. 557
גלאַזמאַן, אַרי 418, 543—544, 599
גלאַזמאַן, יוסף 674
גלאַנץ 484
גלאַס, י. י. 331, 343
גלוך, משה 544, 637
גליעבאָוו, איגאָר 562
גליק 170
גליק, חיים 368
גליק, יוסף 417
גליק, צבי 364
גליצמאַן, לייב 418
גליקמאַן, ראובן, ד״ר 641
גלעזער, חיים 575
גלעזער, יעקב 546, 548, 576
גנעסין, מ. 561
געדימין, ליטוו. קעניג 441
געטע, יאָהאַן וואָלפגאַנג 720
געלבטרונק, מיכאל 662
געלפּערן, דימא 642
געמעליצקי, ג. 651
גענס, ש. 317
גענש, נתן, ד״ר 429
געץ, פּ. 358
געקע 660
גערבער, דיריגענט 576
גערגעל, נ. 474
גערץ, אורציק 188
גערץ, גרשון מ. 415
גערצאָוו, א. 166
גערצאָוויץ, לייב 362
גערשטיין, ד״ר 444
גערשענאָוויטש, רחל 163
גפן, ט. 550
גראַבער, חיהלע 317
גראָדזענסקי, א. י. 417
גראָדזענסקי, עוזר 355
גראַדע, חיים 410
גראָמאָוו, מ. 318
גראָנעמאַן, סאַמ., אַדוו. 344
גראָס, עזריאל 418
גראָסמאַן, וולאַדימיר 427
גראָסמאַן, י., פּראָפ׳ 562
גיבר, א. 714
גרוזענבערג, אָסקאַר 72
גרילי, ה. 853
גריליכעס, שמואל, ד״ר 637
גרין, נחמה 524
גרינבלאַט (גורן), נתן 69, 70, 317, 323,
348, 415, 481, 554
גרינבערג, איקאַ 664
גרינבערג, אפרים 65, 70, 418, 498
גרינבערג־קלינגער, ש. 136
גרינגאַרד, ב. 40, 459
גרינהויז, ש., ד״ר 658
גרינשטיין, לאה 418, 595
גרינשפּאַן, י. 418
גרישמאַנאַוסקאַס, ב. 633
גרישמאַנאַוסקאַס, ל. 633
גרעץ (היינריך), צבי 81, 709
גרשוני, גרשון 132
גרשוני, צבי הירש 852

## ד

ד. פּ. 555
דאַווידאָוו 702
דאַווידאָוו, אַ. מ. 362
דאַווידאָוויטש, א. צ. 582
דאַווידזאָן, י. 417
דאַווער, דזש. 826
דאַווער, העגרי 826
דאַנישעווסקי, משה, ר׳ 725, 737
דאָנסקי, יצחק נחמן, ד״ר 323, 481
דאָרפמאַן 573
דובאַוסקאַס 623, 624
דובנאָוו, שמעון 110, 132, 143 447, 469,
473, 605—606
דובראָוויטש, פּ. 323
דובראָווסקי, י. 429
דודאַ, ה. 631
דודזיץ, יאַדוויגאַ 659
דוואָרזשעצקי, מ., ד״ר 604
דוואָרקאָוויטש, דוב 239
דויטשלענדער, ש. ל. 356, 358, 365
דונאַיעווסקי, אי. 567
דורמאַשקין, וו. 575
דושקין 636
דזימיטראָווסקי־פּונק, ב. 373
דזשייקאָבסאָן, היימי 552
דזשערזשינסקי, פעליקס 205
דיאַמאַנט, שלמה 140
דיאַנילעוו 518
דייטש 139
דייטש, מ. 662
דיימאַנד 829
דייניס, ב. 360
דייניס, ש. 360
דימענטמאַן, י. 323
דינעזאָן, יעקב 411, 413
דיסקין, יהושע לייב 779
דיק, אייזיק מאיר 392
דירער, אַלבערט 530
דעביוסי, קלאָד 557
דעווייקיס, וו. 617, 622
דעמבאָ 483
דעמבאָ (בראָנשטיין), איסאַק 102, 104
דעמבאָ, יצחק, ד״ר 738
דעניקין, רוסיש. גענ. 833
דער נסתר (פנחס כהנאָוויטש) 421—422
דרוק, ה. 429

ה
האוזער, ד״ר 606
האוער, ד״ר 653
האופּטמאַן, י. 560
האַלבערשטאַט, ד״ר 356
האַלברייך, י. 429
האַלטמאַן, רחל 417
האַלם, מאַקס 346
האלמשטיין, מרדכי 855
האַלשטיין, ל. 832
האַפּיען 267
האַפּמאַן, דוד 735
האַפּמאַן, נ. ד. 417
האַפּשטיין, דוד 147, 416
האַראַדעצקי, ש. א., ד״ר 785
הוז, דב 482
הורוויטש (ווילנע) 443
הורוויטש, אַדאָלף 718
הורוויטש, ברוך 354
הורוויטש, צילה 364
הורוויץ־סניעג, חנה 368
היטלער, אַ. 92, 152, 160, 375, 469, 647, 678
היידריך 657
היילפּערן, יהודה 355, 363
היילפּערן, ש. ס. 366
היימאַן, אליעזר 318, 346, 416, 596
היימאַן, יצחק 578, 580, 599
היימאַן, מ. 829
הילבערט, דוד 718—719, 722—723
הילמאַן, סידני 104
הינדענבורג, פּאַול, פאָן 123
הירשאָוויץ, אַברהם 366
הירשאָוויץ, אייזיק 359
הירשאָוויץ, הדסה 368
הירשאָוויץ, י. א. 358
הירשביין, פּרץ 540
הירשקאַן, צבי 605
הכהן, אַברהם 709
העגל, פרידריך 799
העי, זש. 522
העכט 638
העלוועצי, 799
העליר, חיים 777
העלמאַן, יעקב 88, 409
העלמהאָלטץ, הערמאַן 716
העלער, בתיה 363
העלער, מ. 447
העלערמאַן, דוד 495—498
העלערמאַן, זאב 495—498
העלערמאַן, יוסף 495—498
העלערמאַן, לעאָן 495—498
הענדעל, געאָרג פרידריך 548
הערמאַן 667
הערשמאַן, מרדכי 571
הערץ 608
הערץ, היינריך 718
הערץ, נפתלי 775
הערץ, צ. 316
הערץ, ש. 120
הערצבערג, משה 149, 152
הערצל, בנימין, ד״ר 610, 784
הערש, פסח ליבמאַן, פּראָפ׳ 104, 417, 427
הרכבי, א. א. 715

ו
וואַגלער, אלחנן 410
וואַגנער, פּראָפ׳ 348
וואַגנער, וו. 606
וואכטפויגל, משה יום־טוב 833
וואַלאַדקאַ, בולאַס 623
וואַלאַוויצקי (אַנקוריון, אי., ד״ר), ל. 524
וואַלאַנטשיוס, בר. 633
וואַלגעמוט, יהודה 363
וואַלדבערג, אליהו 68, 498
וואַלדעמאַראַס, אַוגוסטינאַס 71, 124, 135, 325, 384, 645
וואַלטער 540
וואַליקא 621
וואַלסאַנעק, רודאָלף 422
וואַלסטאַן 861
וואַלף, איסר בער 222, 366, 469, 487
וואַלף, אַננאַ 470
וואַלף, גריגאָרי 483
וואַלף, האַנס, ד״ר 234, 651
וואַלף, ווערא 471
וואַלף, משולם 76, 323
וואַלפסאַן, דוד, פּראָפ׳ 784
וואַלפע 467
וואַלפער, מיכאיל 385—386
וואַלפערט, ז. 374
וואַלפערט, יעקב 142, 149
וואַלק, עזריאל 67, 69
וואַסילענקאַ, נ. (קאַפּיטאַן) זען: וועסעלניצקי
וואַסילקאַוו, יעקב 581—586
וואַסיליעוו, א. וו. 723
וואַסער 125
וואַסערצוג, חיים 571
וואַרנאַס, סט. 631
וואַרנאַס, פּר. 619—620
וואַרשאַווסקי, אַננאַ 318, 467, 549
וואַרשאַווסקי, לעאָן 549
וואַרשאַווסקי, מאיר 67
וואַשינגטאָן, דזשאָרזש 522
וואלפּאָוויטש, מאַקס 549
וויגאַדאַ 484
וויגאַדסקי, יעקב, ד״ר 541
ווידוצקי 235
ווידוצקי, אַדוו. 537
וויטאָוטאַס, ליטוו. קעניג 441, 474
וויטע, ס., גראַף 169
וויידילאַוסקאַס 624
ווייזמאַן, אליהו 573
וויטעקונאַס, קאַזיס 624
וויטענבערג, יצחק 678
וויטער (דעווינישסקי), א. 104, 127, 540, 771, 797
וויינבערג, חיים 832
וויינטרויב (חזן) 574
וויניק, ד. 447
וויינער, מ. א. 832
וויינער, נ. מ. 832
וויינרייך, מאַקס, ד״ר 444
וויינשטאַק (מכבי־אינסטרוקטאָר) 495
ווייס, ד״ר 578
וויינשטיין 335
ווייס, שפרה 417
ווייסבאַרט, י. 425, 443
ווייסלאַווסקי, צבי, ד״ר 786
ווייסער, י. 586
ווייערשטראַס (וויינערשטראַסער), קאַרל 716
ווייצמאַן, חיים, ד״ר 143
ווייצמאַן, מ. 366
ווילהעלמינע, האָלענד. קעניגין 580
ווילטראַקיס 623
ווילטשינסקיס (קאָוונ. בורמיסטער) 651
ווילימאַס, ב. 628
ווילנער גאון (הגר״א) 293
ווילענטשוק, א. 662
ווילענסקי, וואלף 638
ווילקאַוואַס, אַדאַמאַס 628
ווילקאַמירסקי, אברהם 580
ווילקאַמירסקי, נחום 578
ווינאַגוראַ, ברוך 128, 132, 144
ווינאַווער, אַדוו. 789
ווינטשעווסקי, מאַריס 101, 411, 657, 748, 830
וויפּער, ראָבערט, פּראָפ׳ 606
ווירביצקאַס 623
ווירשוליס, א. 650
ווישניצער, מ. ד״ר 786
ווישניצער, מאַרק 474
וועבער 538
וועבער, הענריך 716
וועבער, קאַרל מאַריא 566
וועבער, שמואל 827
וועלער, ד״ר 755
וועניאַווסקי, אורי 555
וועסלער, הרב 560
וועסעלניצקי, ישראל 622
ווערבאַ, ז. 709
ווערבאַלאָוו 136
ווערבאַלינסקי, שמואל, ד״ר 641
ווערבלאָווסקי, ד. 429, 435, 445, 481
ווערבלאָווסקי, פּ. 467
ווערבאָוויטש, ל., ד״ר 425, 429
ווריאַווקין (קאָוונ. גובערנאַטאָר) 487, 537
ווערט, אַבאַ 132
ווערמעל 513
ורדי, דוד 317

ז
זאַבאַרסקי, אַברהם 67, 69, 246
זאַהן, משה 183
זאַיעץ, מ. י. 484
זייגאַרניק, אהרן 612
זאַלודקאָווסקי (לידער חזן) 570, 582
זאַלמאַנאָוויטש, אַ. ש. 833
זאַלעסקי, גדאַל 562
זאַלקינד, אַהרן 189
זאַלקינד, ה. 843
זאַלקינד, מ. 588
זאַלקינד, ד״ר 484
זאַלצבערג, יואל 358, 362, 364, 367

זאַמאַוסקאַס, פּ. 615, 622
זאַמענהאָף, ל. ד״ר 713
זאַסלאַווסקי, דוד 121, 194, 802
זאַק 224
זאַק, ב. 813, 840
זאַק, מאיר 67
זאַק, מענדל 840
זאַק, ס. דז. 827
זאַק, ש. 425
זאַקס, הרב 358
זאַקס, א. ש. 104, 417
זאַקס, העניע 142, 149
זאקס, י. 548, 554, 576
זאַרעצקי, א. 604
זואַער, עמיל 564
זובאָוו 178
זובאַטאָוו, ס. 105, 107, 163, 188, 802
זוסמאַנאָוויטש 435
זופּאָוויטש, יודל 664
זופּאָוויטש, מ. ל. 583
זיידל, ס. 556
זיידלסאָן, ש. 445
זיידמאַן (בורשטיין) 548
זיידמאַן, פּראָפּ׳ 137, 547, 605
זייפערט, משה 417
זילבערמאַן, אפרים 657
זימאַן, העניע 349, 435, 439
זינגמאַן, קלמן 417
זיסקינד, נ. י. 578
זיסקינד, נתן 187
זלאַטניק, י. ל., הרב 821
זלמן־סנדר, ר. 337
זמרי, דער זון פון סלוא 732
זעזינאָוו 793
זעלדאָוו, סענדער 417
זעלדין־אָקון, אסתר 459
זעלדין, ר. ד. 459
זעליקאָוויטש, געצל 412
זרובבל, יעקב 154, 62—161
זשאַפּער, י. 554
זשאַרדאַן, ס. 717
זשאַק, מ. א. 786
זשדאַנאָוו, אַנדרעי א. 800
זשווינים 633
זשיטאָמירסקי 561
זשיטלאָווסקי, חיים 427
זשיטניק, א. ז. 476
זשילינסקי, אָלעקאַ 318
זשילקין 791
זשירנאָווסקי, דאַצ. 381
זשעלווים, פּר. 629
זשעליגאָווסקי, פּויליש. גענ. 69, 131, 384
זשעמייטיס, פּראָפּ׳ 380

## ח

ח. ל., זען: לייקאָוויטש, ח.
חגי, בערעלע 484
חדקל, י. ל. 586
חיימסאָן, באָריס 862
חיימסאָן, פּימאַ 863
חייטין, שלום 152, 154
חיים בריסקער, ר׳ 821
חיים גדליה 769
חיין, ל., זען: שמעוני, ל.
חלפן, פנחס 362
חלפן, שרה לאה 363
חסיד, ל. 583
חפץ־חיים (הכהן ישראל מאיר), הרב 739—744
חפץ, יאַשאַ 555
חריס, א. 323
חריף, בן־ציון, ר׳ 821

## ט

טאַבאַנט, ד. 132
טאָדעס, ל. 446, 454
טאָטלעבן, גראַף 243
טאַל, סידי 346
טאָלסטאָי, לעוו 95
טאָמאַס, ט. 564
טאָמאַשאַוסקאַס, וו. 623
טאָמאַשאַוסקאַס, ל. 623
טאַמאַרין 630
טאַמפּאָווסקי, זלמן 142, 149
טאַנין, שלום 540
טאָפּאָלאָווסקי, מ. 856, 858
טאָקער, ח. 373
טאָקער, ריטשאַרד 586
טוב, זאַנוול 144
טובאליענע 453, 471
טוביאנסקי, מ. ל. 583
טווריע, יעקב, ד״ר 640
טוירבער, ע. ס. 563
טוראָוו, ניסן, ד״ר 784
טוריצקי, י. א. 364
טייכטעל 570
טילמאַן 247
טיץ, אליהו 368
טישקעוויטש, גראַף 560
טענדלער (מכבי־אינסטרוקט.) 495
טראַוב, זלמן 69, 324, 418, 481 553, 610
טראוב, יוכבד 610
טראַכטנבערג, מינאַ 166
טראַכטנבערג, סאָניע 224
טראַכטנבערג, שלמה 359, 362, 367
טראַצקי, אינזש. 125
טראַצקי, ל. 434
טרומפּיאנסקי 442
טרומפּעלדאָר, יוסף 612
טרינקאָ, סט. 623
טרוספּוס, ג., אַדוו. 157
טרעטיאַקאָוו, פּ. מ. 514
טשאַרנאָ, ש. י., ד״ר 299
טשאַרנאָווסקי 793
טשאַרני, דניאל 407, 426, 474
טשאַרנעס 125
טשורליאָניענע, סאָפיע 667
טשייקאָווסקי 793
טשלענאָוו, ד״ר 778
טשעכאָוו, אַנטאָן 515
טשעכאָוואַ, מ. פּ. 515
טשעריקאָווער, אליהו 474
טשערנאָחיטש, חיים, פּראָפּ׳ 723
טשערניאַווסקי, יוסף 561
טשערניכאָוו, יוסף 122, 132, 174 ,328, 478, 605
טשערניכאָווסקי, שאול 317, 422, 423,
טשערנישעווסקי, ניקאָלאַי ג. 766

## י

יאָאַכים, יאָזעף 555
יאַדלאָווקער, הערמאַן 582
יאָזעליס, יעקב 493
יאָטאַליס, פּולקאָווניק 628
יאָכעליס 637
יאָנאָלייטיס, פּראָפּ׳ 380
יאַנאָסאָוויטש, מ. 417
יאַנוסעוויטש, נ. 458
יאַנושקעוויטש, גענ. 72
יאָנעס, נתן 430
יאָסאַדע, י. 418, 546
יאָסימאַס (קינסטלער) 534
יאָסינאָווסקי, פּ. 586
יאָסעלעוויטש, יעקב 629
יאָסעלעוויטש, פּייוווש 629
יאַפּע אַברהם און מתתיהו 863
יאָפּע־דעבאָרין, אַברהם 795
יאָפּע, זלמן 635
יאָפּע, י. 528, 532
יאָפּע, חיים, ד״ר 137, 347, 605
יאַצקאַן, שמואל יעקב 412
יאַקאָווקין 567
יאָרדאַן 651
ידידיה, א. 287, 456
יהואש (ש. בלומגאַרטן) 412, 840
יהודה הלוי, ר׳ 838
יואלית, חוה 317
יודין־אייזנשטאַט 121
יודיקאַ (י. ציק) 415, 479, 838
יודעלעוויטש־גילדה, עדינה 523
יוחנן המטביל 509
יוחנן, ר׳ 494
יעגער 649
יעלאָווצין 536, 576
יעלין, חיים 418, 426, 545
יעלין (יעגלין), מאיר 418, 545, 642
יעלניצקי, אַנדריי 164, 166
יעלענאַ, ק. 625
יעפּרויקין, י. 474
יעקב, ר׳ (ריישער גאון) 775
יעקב־יוסף (ווילנ. שטאָט־מגיד), ר׳ 733
יעקובסון, נחמן 778
יערמאַק (קאָזאַקן־אַטאַמאַן), טימאָפעיעוויטש 510
יפה, אַברהם 417
יפה, יוסף 412
יפה, ישראל 582
יפה, לייב 550, 771
יפה, יעקב שמואל 417
יפה, מ. 376
יפה, מרדכי 405, 415
יפה, ש. 373
יפה־האָלצבערג, שושנה 364

יפה־מושקאַט, גיטע 363
יצחק אלחנן (ספעקטאָר — קאָוונער גאון), ר' 293, 413, 481 724, 731, 735, 746, 764
יקר, נ. 495
ירוחם הקטן 567
ירושלמי, אליעזר 418, 611, 642
ירמיהו הנביא 765
ישורין, י. 409
ישראל סאַלאַנטער, ר' 293, 710, 726, 741, 743, 747
ישראל שקודער 576

## כ

כאַטאַיעוו 802
כאַינאַווסקי ד. מ. 574
כאַסמאַן, רפאל 418, 554
כאַצקעלס, העלענאַ 137, 340, 415, 427, 443
כאַראַנזשיצקי, ט., אדוו. 179, 480
כאַרנאַס, ג., אינזש. 251, 347
כהן 817
כהן בערל 27, 329, 340, 350, 418, 642
כהן, בערנאַרד 248
כהן, דוד (קינסטלער) 534
כהן, יעקב 851
כהן, משה 71, 91, 317, 323
כהן, עדה 418
כהנא, יוסף צבי 571
כהנאָוו, מ. נ. 750
כהנמאַן, יוסף ש., הרב 364
כוואַלעס, רחל 462
כוואַניק, ד"ר 132
כוכב, ש. 418
כלעבינקאַס, א. 622
כספי־סערעבראָוויטשיוס 653
כעלמאַוויטש, ה. 864
כעלמאַוויטש, פיליפּ 863
כץ 121
כץ, שאול 625
כ"ץ, מרדכי 417
כרמי, ישראל 498

## ל

לאַבאַטשעווסקי, ניקאָלאַי אי. 723
לאַדסקי, מענדל 33, 459, 841
לאַווין, דוד 827
לאַזאַראָוו, ז. 250
לאַזאַרוס, י. 850
לאַזאַרסאָן, וו., דאַצ. 132, 137, 278, 344, 348, 377, 470
לאַזאַרעוו 385, 386
לאַט (קינסטלער) 530
לאַטיק 143
לאַכמאַן (חזן) 573
לוואָוו 561
לאַמדאַנסקי, אינזש. 435, 441
לאַמפּערט, ל. 334, 343, 381 454
לאַן, מאַטקע 149
לאַנג 415
לאַנדאַו, ה. 435, 444, 454
לאַנדאַו, ע., פּראָפ' 377
לאַנדאַוער, גוסטאַוו — 95
לאַנדאַן, בערל 427
לאַנדאַן, דזש. 606
לאַנדוי, ג. 858
לאַנדוי (פּילאַלאַג) 610
לאַנדוי, שמואל 250
לאַנדע, צבי־הירש 833
לאַענטאַל, אַלבערט 863
לאַפּ, מרים 380
לאַפּין, אַבאַ, ד"ר 483, 486
לאַפּין, מתתיהו 483
לאַפּקעס, אַגראָנ. 132, 137
לאַצמאַן, יהושע 418
לאַצקי, בערטאָלדי 88, 409, 478
לאַקסאַן, ר. ל. 417
לאַרענץ, ה. 715
לואיס־לאַמעד 417
לובאַצקי, ברוך 395, 397
לובעצקי 638
לודענדאָרף, גענ. 123
לונץ, א. מ. 758, 745
לונץ, כיעניע 747, 750
לונץ, צבי 747, 750
לינץ־באַלאַטין חנה 758,141
לופּיאַנסקי, ש"פּ 367
לוצאַטאָ (שד"ל) שמואל־דוד 709
לוריע (קראַנקנשוועסטער) 637
לוריע, אסתר 642, 672
לוריע, י. ד. 850
לוריע, יוסף 412, 417
לוריע, ע. 185
לוריע, ר. 417
ליאַדאָוו, אַלעקסאַנדער נ. 560
ליאָוו, לעאָ 584
ליבערמאַן 498
ליבערמאַן, אַהרן 102
ליבשיטץ, מ. 779
לידסקי. נ. 480
ליובאָווסקי, ז. 69
ליודווינאַווסקי 374
ליוושין, משה 340, 427, 481
ליטוואַק, א. 797
ליטווין 605
ליטווין, א. 417
ליטווינאָוו, וו. 164
לייבאָשיץ, וועלוול 524
לייוויק, ה. 343
לייזוס, א. 633
לייקאָוויטש, ח. 21, 318, 418, 427, 460, 518, 524, 544, 546, 554, 587, 641
ליכטנשטיין, יצחק 505
ליכטנשטיין, ראובן 400
ליליענבלום (מל"ל), משה לייב 111, 226, 293, 413 712, 759, 848
לילענטאַל, מ. 390
לינקאָלן, א. 519, 521
ליסט, פראַנץ 563
ליעסין, אַברהם 58
ליפּאָווסקי, נחום 540
ליפּעץ, דב 293, 523
ליפּצער, בעני 665
ליפקין, ליפמאַן 710
ליפשיץ (קינסטלער), י. 528, 532
ליפשיץ, יאַנקל, ר' 724
ליפשיץ גוסטאַ 215
ליפשיץ, יהודה 498
ליפשיץ, יעקב 417, 712
ליפשיץ, מ. 166, 215
לעביוש, זלמן 318
לעבענזאָן, אַברהם דוב 405
לעבענזאָן, מיכה יוסף 405, 406
לעדין, ל. 635
לעהמאַן, ד"ר 463
לעהמאַן, ז. 95, 456
לעהרער, דוד 426
לעוואַנדע (יהודה) לייב 392
לעווי, י. 362
לעוויט ב. 832
לעוויטאַן, ד"ר 549
לעוויטאַן, איסאַק 293, 511 525
לעוויטאַן־שערעשעווסקי ד"ר 362
לעווין, דב 643
לעווין, דוד 358, 367
לעווין, הירש 665
לעווין, ז. 417
לעווין (יהל"ל), יהודה לייב 712
לעווין, יודל 128, 132, 134
לעווין, ירוחם 69
לעווין, משה 364, 367, 664
לעווין, שמואל 136, 345,137, 442, 554
לעווין, שמואל 357
לעווין־עפשטיין, א. ז. 818
לעווינזאָן, חיים, ד"ר 763
לעווינסאָן 638
לעווינסאָן (קינסטלער) 532
לעווינסאָן, משה 582
לעווינסאָן, שלמה 816
לעווינסקי, א. י. 581
לעווע, היינריך 487, 493
לעווענהערץ, ד"ר 301
לעני, איזידאָר 864
לעניט, 863
לעניק, וו. אי. 797, 799
לעקערט, הירש 801
לעשעם, אַגראָנ. 243
לעשצ'ינסקי, יעקב 421, 474

## מ

מ. ג. ג. 732
מאַגעלניצקי, יוסף 577
מאיר, ד"ר 301
מאיר בעל־הנס, ר' 751
מאיראָוויטש, ד. 426, 546
מאיראָוויטש, ל. 435, 554
מאַגיליוקער, רחביה 418, 481
מאַדייסקער, סאָניע 674
מאַהילעווער, יוסף, ד"ר 580
מאַהילעווער, שמואל, ר' 713
מאָושאָוויטש, ד"ר 378, 381
מאַטוליאַניס 648
מאַטוסעוויטש, ראובן 865
מאַטיס, אננא 443, 462
מאַטיס, דוד 427, 863

מאַטיס, משה, ד״ר 103, 104, 137, 424, 445, 454
מאַטשעניוס, זען: גאַרליאַוסקאַס
מאַכטענבערג, מאיר 584
מאַלדאַוואַן 561
מאַלטשאַן, שמואל 118
מאַליער, זש. ב. 343
מאַלניק 435
מאַלקין, אי 556
מאַמאַנטאַוו 518
מאַמינסקי, לאַזאַר 561
מאַנאַשאַוויטש, יענקל 216
מאַנדעל, אַברהם 142, 143, 147, 149
מאַנדלברויט, מ. 239, 536
מאַנדעלמאַן, מ. 448
מאַנדעלשטאַם, עמנואל 493
מאַנטעפיאָרע, משה 390, 576, 713
מאַניושקאַ, סט. 571
מאַנסטאַף, אַמאַס 864
מאַנסטאַף, נתן 865
מאַנפריד, ל. 417
מאַנשעסטער, ש. 577
מאַס, ד. 852
מאַסאַריק, טהאָמאַס 100
מאַפּו, אַברהם 75, 100, 293, 488, 609, 642, 741, 748, 753, 609, 642
מאָץ, ישראל 482
מאָץ, שמואל 426
מאַצקין, ל. 607
מאַראַזאָוו, ס. 515
מאַרגאַלין 467, 605
מאַרגאַלין, יהושע 299
מאַרגאַלין, יוסף 487
מאַרגאַליס 427, 664
מאַרגאַרי 114, 115
מאַרגענשטערן, י. 484
מאַרטיני 562
מאַריני, פּראָפ׳ 547
מאַרלי, לאָרד 482
מאַרעק, פסח 413
מאַרק, יודל 138, 162, 326, 415, 422, 442, 605
מאַרקאָוויטש, יוסף 429
מאַרקאָוסקאַס, אַדוו. 127
מאַרקוס, ד״ר 238
מאַרקוס, ה. 528, 531
מאַרקוס, פסח 418, 422, 559
מאַרקוס, ש. ל. 857
מאַרקס, חיים, הרב 832
מאַרקס, ס. 845
מאַרקסאָן, א. 582, 855
מה־יפית, י. 418
מה־יפית, רפאל 454
מהר״ם 779
מואַקאַטין 793
מוטניק (גליעב) 103
מונק, עזרא 781
מוסאָליני, בעניטאָ 153, 623
מוקדוני (קאַפּעל), אַלכסנדר 69, 421, 478, 605
מזה, יהושע הלוי (סגל), 413
מיזען, דאוויד 563
מייגאַס, פּר. 630
מייזל 488
מייזל, ח., ד״ר 494
מייזעל, יוסף 711
מייזעל, ליזאַ 183
מייזשיש 629, 631
מייסטער, א. 662
מייעראָוויטש, ל. 344, 345
מיכאַילאָווסקי, ישראל 578
מיכאַילאָוויטש, עד. 560
מיכעלאָוויטש 225
מיל, דזש. 106, 115
מילחידאַס, סט. 633
מיליוקאָוו פּ. 791
מילייקאָווסקי, הלל 743
מילנער 537, 561
מילנער, ד. 587
מילער 435
מילער, ד״ר 755
מילקינטאַס 631
מילשטיין, א. 189
מיניאַטאַס, וו. 633
מינסקי, רבקה 373
מינסקי (ווילענקי), ניקאָלאַי 518
מינסקער, ישראל 576
מינסקער, סענדער 576
מינקאָווסקי, פּראָפ׳ 293, 715
מינקאָווסקי, פּנחס 567
מיעזשינאַס, ל. 616
מיקולסקיס 629
מיצלמאַכער, ד״ר 381
מיצקעוויטש־קאַפּסוקאַס 167, 168
מיצקעוויטש, אַדאַם 609
מיקוניס 137
מירבאַך, גראַף 794
מירסקי, לייב 137, 496
מישורסקי, ה. 252
מלאָך, ל. 427
מלאכי, א. ר. 743
מלב״ם 781
מלחי, בצלאל 841
מלצר־קלצקין, מרדכי 775
מעדאַליע, ד״ר 470
מעדוועדיעוו 386
מעדישאַוסקאַס, פּ. 615, 622
מעדעם, וולאַדימיר 24—120, 176, 177
מעלאַמעד, הירש 482
מעלמאַן, א., ד״ר 301, 323
מענדעלסאָן, בערטאַלדי 556
מענדעלסאָן, מרדכי 842
מענדעלסאָן, ש. 447
מענדעלע מוכר ספרים (ש. י. אַבראַמאָוויטש) 81, 343, 346, 608, 730
מענדעלעוויטש, מנחם 582
מענעס, אַברהם 474
מעסטעטשקין 561
מעסענבליום, יעקב 529
מעק, נ. 658
מעקמילין, פּר. 556
מער, ב. 426
מערעזשקאָווסקי, דמיטרי 518
משהקע דער בערשטער („ראַגאַוזער״), 108
משורר, טוביה 135, 142

### נ

נאַדל, לייב 547
נאַדסאָן, ס. 124
נאַוואַצקאַ 697
נאַוואַקאַס, ד״ר 622
נאַוויכאָוויץ, משה 367
נאַוואַקאָווסקי 567
נאַזימאָוו (ווילנ. גובערנ.) 508
נאַזשיק, יצחק 583
נאַטהאַן, פּ. 783
נאַכבוש, נח 540
נאַמבערג, ה. י. 276, 544
נאמן, מיכאַל 820
נאַנסען, פּ. 520
נאַפּאָלעאָן, באָנאַפּאַרט 59
נאַרדוי, מאַקס 493
נאַרווילאַס, ק. 633
נאַרייקיס, א. 631
נאַשעז, ט. 555
נבוכדנאצר הרשע (קעניג פון בבל) 494
נוסבוים, חיים 361
נחום 183
ניגער, שמואל 427, 459
ניטשע, פרידריך 530
ניילים־שיקוץ, אסתר 364
ניימאַרק, פּנחס 363
נייפעלד, יודל 141
ניסנבוים, י. 487
ניעקראַסאָוו, נ. א. 218
ניצעוויטש, ישראל 128, 147, 149
ניקאָלאַי II (לעצטער רוסישער קייסער) 113—116, 485
ניקאָלאַי ניקאָלאַיעוויטש 72, 114, 123, 236, 294, 394, 539, 784
ניקיש, אַרטור 557
נעטער, קאַרל 748
נעסטאָר 510
נעסטעראָוו, מיכאַיל וו. 513
נצי״ב (נפתלי צבי יהודה בערלין) 734
נשמית, שרה 642
נתן, אינגאַ 459
נתן, הארי 459

### ס

סאַבאַל, ד״ר 637
סאַבאַניעעוו 562
סאַביעסקי, יאַן (פויל. קעניג) 681
סאַבעל, יעקב צבי 417, 857
סאַדינסקי 166
סאַווידזש, לעאָן 416
סאַוויטש 454
סאַוויצקי 633
סאַווראַסאָוו, אַלעקסאַנדר 513
סאַזאַנאָוו 166
סאַימאַן, הערי 557
סאַלאַגוב, פיאַדאָר 518
סאַלאָווייטשיק 247
סאַלאָווייטשיק, מאַטוויי, ד״ר 287, 424, 454

סאַלאָווייטשיק, מאַקס, ד״ר 76, 78, 85, 138, 143, 237, 296, 425, 607, 785
סאַלאָווייטשיק, לינאַ 465
סאַלאָמאָן, ז. 474
סאַלאַצאַאווסקי, ה. 725
סאַלץ, מאיר 731
סאַמאַוסקאַס, י. 628
סאַמאַרן 161
סאַמוליס, ר. 632
סאַמונאַוו, יהודה 356, 357
סאַנדער (אאס״ר), אברהם אליהו 840
סאַנדער, ג. 840
סאַסנאַאווסקי 170
סאַפּקאַ, י. 624
סאַקאַלאָוו, נחום 41, 317, 322, 714, 795
סאַקאַלאָווסקי 192
סאַקאַלאָווסקי, ל. 582
סאַקראַטעס 509
סודאַרסקי, אַלטע, זען: אַרש־סודאַרסקי, אַלטע
סודאַרסקי, אפרים 459
סודאַרסקי, מענדל, ד״ר 21, 27, 33, 49, 409, 425, 436, 445, 473, 553, 641, 280, 283, 287, 328, 335, 342, 374, 755, 775
סוויאַטאָפּאָלק־מירסקי, פּעטער 166, 167
סוויאַטיצקי, ע. 792
סוטין, חיים 525
סווירסקי 638
סוכאַנאַוו 795
סוצקעווער, אַברהם 410
סוריצקי, י. 367
סטאַלאַקער, פּ. 657
סטאַלין, י. 128, 434, 794
סטאַליפּין 243
סטאַלניץ, נתן 567
סטאַלניץ, שמואל 575
סטאַנקעוויטש, ב. 795
סטאַסאַוו, דמיטרי, וו. 508
סטאַקאַס, וו. 623
סטאַקאַס, י. 623
סטאַשעוויטש, פּ. 556
סטוטשינסקי, א. י. 425
סטעפאַן באַטאָרי 378
סטעקלאָוו 795
סטראַד, י. ז. 583
סטאַשינסקי („ווילנ. בעל הביתל״), יואל דוד 571
סטרעליץ, חיים נחום 367
סיגעט, יאָזעף 555
סידערער, שלמה 367
סידערסקי, חיים 828
סילווער, ס. 832, 843
סילמאַן 340
סילמאַן, ק. ל. 807
סילקינער, ב. נ. 405
סימאַנאָף, יעקב 577
סינגאַלאָווסקי, אַהרן 468
סיקאָרסקי (ס. ר.) 166
סיראָטע, גרשון 568
סירקין, לייב 498, 614
סירקין, נחמן 71, 177
סלאַבאָדסקאַיאַ 536
סלאָנים, י. 422
סלאָנימסקי 710
סלאָנימער, יוסף 582
סליאָזבערג, אַדוו. 789
סלוצקער, יעקב דוד (רידב״ז) 821
סמאָליאַקאָוו, דוד 135, 144, 149
סמאָלענסקי, פּרץ 755, 781
סמאַרגאָנער, זימל 583
סמיגליס, א. 659
סמיט, נ. 827
סמילגעוויטשיוס, יאָנאַס 623
סמעטאָנאַ, אַנטאַנאַס 309, 378, 453, 622, 624, 645
סמעטאָניענע, זאָפיע 453, 471
סניעג, שמואל אבא 368, 649
סעגאַל 427
סעגאַל, א., ד״ר 299, 323
סעגאַלאָוויטש, ז. 473, 645
סעדיה גאון, ר׳ 838
סען־סאַנס, קאַמיל 563
סענקוס, אַדאָלף 633
סענקוס, אַלפאָנסאַס 633
סערדאַצקי, יענטע 416
סערפאָוו, אַלעקסאַנדר 129
ספּאַסקי, וואַסיל י. פּ. 382
ספּיוואַק, יעקב 567
ספּיקאַס, אַרטור 866
סרעבניצקי, אייזיק 660
סתם, ישראל 356

## ע

עדעלשטיין (דרוקער) 427
עדעלשטיין, (פאַבריק.) 219
עזרא, א. 540
עטינגער, פּראָפ׳ 520
עטעלזאָן, נחמן דוב 857
עלבאַגען, פּראָפ׳ 786
עליאַס, מרים 317
עליאַשעוו־ווייסבאַרד, אסתר, ד״ר 332, 335, 338, 348, 417, 425, 442, 483
עליאַשעוו, רחל 185
עליאַשעוו, ניקאָלאַי 482
עליאַשעוויטש 234
עליאַשעוויטש, פּראָוויז. 537
עלמאַן, מישאַ 556
עלמית, סאָניע 540
עלקעס אלחנן, ד״ר 652
עמית (גאָטליב), יעקב 91
עמערסאָן 606
עמערסאָן, וו. 522
ענגעל, יואל 318
ענגערט, פּראָפ׳ 380
עפּעלבוים, ב. 415
עפּרויקין, ישראל 416, 471
עפּשטיין, אַלטער 416
עפּשטיין, אפרים 481
עפּשטיין, לאַזאַר 460
עפּשטיין, מ. 376
עפּשטיין, משה מרדכי 354
עפּשטיין, פרענק 456
עציון (האָלצבערג), יצחק רפאל 351
ערוואַרטס, וויליאַם 522
עריסטאָוו 793
ערלאַנגער, מיכאל 412
ערליך, ה. 802
ערסלאָווייטע 627
ערסלער (חזן) 576
ערעם, משה 132, 135, 141, 144, 607

## פּ, פ

פּאַגאַניני, ניקאָלאַי 556
פּאַגירמאַנסקי, מ. 362
פּאַוויליאַניס, מיקאַס — זען: פּאַסקעוויטשיוס, מעטשיס
פּאַוזער, מ. 555
פּאַזשעלאַ (ס. ד.) 149
פּאַט, יעקב 460
פּאַטערסאָן (ס. ד.) 796, 802
פּאַיגט, וואַלדעמאַר 716
פּאַיענסאָן, י. 429
פּיאַסטראַ 556
פּאַכמאַן, וו. דע 566
פּאַליאַקאָוו 606, 770
פּאַליווניק, י. 362
פּאַליווניק, משה 362
פּאַליקאַרפּאַס, וואַצלאַוואַס 624
פּאַלניצקאַ, טייבעלע 125
פּאַלעצקיס, יוסטינאַס 378
פּאַן־וואַל, (ווילנ. גובערנ.) 803
פּאַנעווזשער, שמחה 583
פּאַסטערנאַק, לעאָניד 511
פּאַסקעוויטשיוס, מעטשיס 617, 622
פּאַפּערנאַ, א. י. 392
פּאַקוליס, יואַזאַס 623
פּאַרט, בתיה 234, 267
פּאַרט, צבי 67, 233, 239, 245, 250, 251
פּאַרטנאָי 184
פּאַרטנאָי, נח 103
פּאַרטנאָוו, א. 553
פּאַרלאָו, קעטלין 556
פּאַרענבערג (ראַזענבערג, י.), ק., ד״ר 104, 224, 413
פּוהן, חיים 363
פּולאַן, אליהו 827
פּומפּוטיס, וויטאָוטאַס 623
פּונער, נ. 340, 435
פּונק, אַהרן 368
פּופּקאָ, חיים 384
פּוצעוויטשיוס, פּאָווילאַס 629
פּוריעניענע, לידיאַ 68
פּז (פּאַץ), חנוך 523
פּטאַשעק, ד״ר 637
פּיאַטניצקי, אַסיפּ 164
פּיוועלזאָן, א. מ., הרב 368
פּיוועלזאָן, אַ. פּ. 358
פּיוועלזאָן־שלאָפּאָבערסקי, פּייגע 368
פּייטעלזאָן, א. 662
פּיין 664
פּיין, אהרן 245
פּיינבערג, ז. 831

פיינבערג, נ., ד״ר 235
פיינבערג (אינה.) 101
פיינבערג (פרוי), ד״ר 467
פיינבערג (קאָוונ. כלל־טוער), ד״ר 487, 537
פיינבערג, הערש 173
פיינזילבער, שלמה הלוי 358
פיינזינגער, יהושע 571
פיינשטיין, ח. מ. 534, 546
פייערבאַך, לודוויג 799
פייערבערג, מרדכי זאב 781
פייקעס, מיראָן 201
פיכטע, יאָהאַן ג. 799
פילגראַם 665
פילון היהודי 838
פיליפּס, ל. 832
פילסודסקי, יאָזעף 130, 384
פין, שמואל יוסף 390, 392, 712
פינטשוק, נתן 128—29, 132
פינטשוק (חזן) 484
פינסקי, דוד 147, 538
פינעס, יחיאל מיכל 763
פינקל (דרוקער) 427
פינקלשטיין, נ. 412
פינקעל 636
פינקעלשטיין, לאזאר, ד״ר 465
פינקעלשטיין, עוזר, אַדוו. 138—37, 238, 409, 422, 443, 453
פיסאַרעוו, דמיטרי אי. 768
פיק, פּ. 342
פיקעלטשיק 538
פירס (פּערלמוטער), יאַן 586
פישזאָן, א. 477
פלאַוויוס, יוסף 606
פלאַטנער, אייזיק 128, 132, 144
פלודערמאַכער 541
פליסקין, שמואל, הרב 739
פלעווע (רוס. אינערן־מינ.), פאָן 166, 803
פלעטשקייטיס, (ליטוו. גענ.) 647
פלעכאַוויטשיוס (ליטוו. גענ.) 379
פלעכאַנאָוו, געאָרג 797
פנחס, זון פון אליעזר הכהן 732
פעטוכאָווסקי, שמואל 67
פעטער דער גרויסער 509
פעטראַוסקאַס, קיפּראַס 552, 667
פעטשיוליס (פּולק.) 628
פעלאָוויטש, יהושע 807
פעלדשטיין, צמח, ד״ר 223, 348, 349
פּעקער, נתן 498
פערל, יוסף 606
פערעלמאַן, ש. 429, 784
פּערי (נאָרד־פאָרשער) 520
פּערסקי, ב. 636
פראַגער, מנוח 418
פראָכאָווניק (פרחיהו), א. נ. 323, 348, 524
פראָכאָווניק, דניאל 317, 418
פראַם, דוד 416
פראַנק, הערמאַן, ד״ר 57, 715
פראַנק, משה 304
פראַנק, ניסן 417
פראַקער, כאַצקל 418
פראַקער (לערער) 340

פרוג, שמעון 489
פרויד, זיגמונד 799
פרומקין, דוב 750, 751, 754
פרומקין (פּעדאַגאָג), ד״ר 137
פריד, מ. 166
פריד, ריווע 166
פרידמאַן, א. א. 310
פרידמאַן, אַהרן 578
פרידמאַן (ראַסיין) 245
פרידמאַן, ב. 498
פרידמאַן, ט. 662
פרידמאַן, יהושע, ד״ר 323, 523
פרידמאַן, יוסף 142, 143, 146, 147
פרידמאַן, מרדכי, אַגראָנ. 68, 69, 348
פרידמאַן, נח 816
פרידמאַן, נ., אַדוו. 138, 177, 483
פרידמאַן־מאַרגאָלין 348
פרידע, שלום 580
פרייד, ד״ר 618
פריידבערג, א. ש. 712
פרייל, גבריאל 405
פרילוצקי, נח 378, 447
פרימאַן, אַ. י. 815, 822
פרימאַן, ליליע 822
פרענאָוויטש, י. ש. 417
פרענקל, פּראָפ׳ 251
פרענקל 398, 638
פרענקל, אינזש. 482
פּרץ (פּערציקאָוויטש), א., ד״ר 642
פּרץ, י. ל. 21, 27, 343, 411, 539
פּשעוואַלסקי, יאַן 674

## צ

צאָבעל, משה, ד״ר 786
צבי, רפאל 318
צווייג, אַרנאָלד 344
צווייג, סטעפאַן 344
צוקערמאַן (אבינועם), שמואל 362
צייטלין, ל. 561
צימבאַליסט, אפרים 556
צינקאָווסקי 179
ציק, משה (דרוקער) 184
ציק, משה (בלעכער) 184
צמח (פו״צ) 135
צמחזאָן, ש. צ. 578
צעכאַנאָוויטשיוס, סט. 630
צעסלער 536
צעסלער, משה 528, 534
צעפּעלאָוויטש־דאַרסקי, פריידל 418, 479
צערנעס, ל. 487
צערעטעלי 795
צרפת, ראובן 422, 423, 345, 601

## ק

קאַבאַקער, ד״ר 640
קאַגאַן (ווילקאָמיר) 618
קאַגאַן, בעני 498
קאַגאַנאָוויטש, מ. 137, 605
קאַדיסאָן (שוסטער), לייב 535
קאַהאַן, אַב. 392, 860
קאָהען, בערנאַרד 865

קאָהען, ה. ר. 832
קאָהען, הערמאַן 782
קאָהען, יצחק 828
קאָהען, לעאָן 818
קאָוואַלסקי, יצחק 673
קאָוואַרסקי 638
קאָוונער, אַבאָ 678
קאָווענסקי, משה 832
קאַזלאָווסקי, יעקב 525, 528
קאַזלאַוקסאַס 654
קאַזשדאַן, ח. ש. 447
קאַטערגיענע, ה., ד״ר 667
קאַטץ, מרדכי 356, 362
קאַטשקאָ, אהרן 581
קאַיגען, דוד 606
קאַלאַכניק (חזן) 567
קאָלאָדני, א., אינזש. 435, 439
קאַלוואַריע, ד״ר 301
קאַלטונסקי, יוסף 495
קאַלמאַנאָוויטש, זעליג 69, 132, 137, 421, 446, 474, 562, 603, 611
קאַלמאַנאָוויטש, שלום 609
קאָמאַראָוו (רעפּעס) 544, 546
קאַמזאָן, י. ד. 405, 416, 482, 643
קאַמייקא, לעאָן 860
קאַמינסקי, אידאַ 482
קאַמינסקיס 651
קאַמענעצקי (חזן) 570
קאַן, פּ. 447
קאַנטאָר, ב. 443
קאַנטאָר, י. ל. 392
קאַניעוו, קאַזיס 633
קאַניוכאָווסקי, לייב 679
קאַניסמאַן, ישראל 866
קאַסאָווסקי (לעווינסאָן, נחום), וולאַדימיר 102
קאַסטעל, דוד 756
קאַסטעלניאָוואַ־טערעסקאַ 557
קוסעוויצקי, משה 552, 572
קאַפּיט 561
קאַפּילאָוויץ, יצחק 354, 355, 358
קאַפּלאַן 459
קאַפּלאַן (בונדיסט) 166
קאַפּלאַן, אברהם אליהו 355, 362, 366
קאַפּלאַן (קאַנאַדע) 829
קאַפּלאַן (מוזיקער) 561
קאַפּלאַן, אפרים 414
קאַפּלאַן, ישראל 366, 418, 481, 595, 641
קאַפּלאַן, מאיר 843
קאַפּלאַן, קלמן 346, 588
קאַפּלאַן,שמואל 68, 136
קאַפּלאַנאַס, י., 543
קאַפּלאַנאָוויטש, דן 541
קאַפּלינסקי, מיכל 219
קאָפּעלאָוויטש 131, 132, 481
קאָפּעלאָוויטש, ל. 425, 431
קאָפּעלאַנסקי, הערי 417
קאָפּעלושניק, ש. 137, 491, 497
קאָפּעלמאַן, מ. 651
קאַץ 427
קאַץ, מאַנע 482
קאַצענעלבאָגן 375

קאַצענעלבאָגן, אוריה 27, 418, 422, 423, 442, 641
קאַצענעלבאָגן, הירש 390, 392
קאַצענעלסאָן, יצחק 385
קאַראַטיגין 562
קאַרטשאַק, רוזשקאַ 160
קאַרל מאַרקס 117, 146, 478, 773, 799,
קאַרלינער, ברוך 573
קאַרלעבאַך, ד״ר 284, 295, 370
קאַרלעבאַך, דוד 363
קאַרלעבאַך, יוסף, ד״ר 356, 365
קאַרעלי 562
קאַרנאָװסקי־מעסענבלום, מאַניאַ 530
קאַרניאַל, א. 484
קאַרצמער 250
קאַשעטאַ, יאָנאַס 629
קדש, ש., ד״ר 642
קובילױנאַס, פּ. (ליטװ. גענ.) 647
קובלאַנאָװ, אַברהם 132
קובער, ד״ר 364
קודרע (חזן) 573
קװאַרטין, זבולון 484
קוזמיצקאַס, פּר. 617—618, 620—621
קױגען, פּראָפ׳ 786
קױפמאַן, ד״ר 471, 478
קױפמאַן, יחזקאל, ד״ר 786
קױפמאַן, יהודה 407
קוליאַקשאַ 624
קומער, ערנסט 716
קוניגאַס, א. 550
קופער, ה. 865
קופער, ישראל 571
קוק, ישראל ניסן 357
קוראָפּאַטקין (רוס. אינ. מינ.) 116
קורגאַנאָװ. מ. 662
קורסקי, פּראַנץ 442
קושעלעװיטש (לערער) 278
קיבאַרטסקי, צבי, ד״ר 381
קיטעל 664
קיטשענער, לאָרד 412
קײדאַנסקי, מענדל 119
קײריס, סט. 68
קילעמניק (חזן) 567
קימעריס, אַנט. 623
קין, אַברהם 474
קינדעריס, רודאָלף 143
קיסין, א. 323
קיסין (גאָרן), י. 27, 417, 458, 511, 641
קיסינאַס (ביבליאָגראַף), יצחק 481
קיסעלהאָף 561
קירזשענעץ 477
קירילאָװאַ, א. 622
קירכהאָף, גוסטאַװ 716
קלאַוס, א. 418
קלאַצקין 775
קלאַצקין, אליהו 775, 782
קלאַצקין, ח. 425
קלאַצקין, יעקב, ד״ר 775
קלאַצקין, מ. 317
קליאַנסקי, אורי 394
קליבאַנסקי (קראַנקנשװעסטער) 637
קליס (גאַזשאַנסקי), צילע 164, 166
קליף, מנחם 367
קלעבאַנאָװ, ח. פּ. 184
קלעװאַנסקי („מאַקסים"), סעמיאָן 106, 203, 801
קלעצקין, ב. 444, 605
קנײטאַס, פעליקס 633
קעלאַג, ק. ל. 563
קעלזאָן, שלמה 67, 267
קעלערט, חיים 816
קענסקי־שאַלטופער 534
קערענסקי, אַלעקסאַנדר 611, 791
קראַמסקאַי, אי. נ. 508
קראַניק, סעם 827
קראַנעקער, לעאָפּאָלד 716
קראַקינאָװסקי,פּ. 662
קרוגער (בורישער פּרעזידענט) 845
קרוגער, חיים 838
קרומער, ישראל 355, 357
קרומער, שלמה יהושע 355
קרון, חיים זלמן 356, 358, 362 363
קריװאָשעעװ, דוד 373
קרופּניק, ברוך 785
קריב, אַברהם 405
קרײן, א. 561
קרײנין, מ. 478
קריסטוס (ישוע) 508
קרעװער, ד״ר 253
קרעטשמאַר, אליהו 484
קרעמיע (יצחק), אַדאָלף 753
קרעמער 651
קרעמער, אַרקאַדי 105
קרעמער, איזאַ 588
קרעסין, מרים 552

## ר

ראַבאַק, א. א., ד״ר 837
ראַבינאָװיטש (אײזן־געשעפט) 481
ראַבינאָװיטש, א., ד״ר 637, 649
ראַבינאָװיטש, אײזיק 366
ראַבינאָװיטש, איסר 238
ראַבינאָװיטש, אליעזר 362
ראַבינאָװיטש (צאַן־אַרצט) 538
ראַבינאָװיטש, הינדע 362
ראַבינאָװיטש, הירש 417, 731, 746
ראַבינאָװיטש, װולף 495, 498
ראַבינאָװיטש, יצחק 417
ראַבינאָװיטש, יצחק אײזיק 709
ראַבינאָװיטש (מוזיקאָלאָג), ישראל 559, 839
ראַבינאָװיטש, ישראל 166, 221
ראַבינאָװיטש, משה 553
ראַבינאָװיטש, עקיבא 417
ראַבינאָװיטש, פּסח 495
ראַבינאָװיטש, צבי הירש 777
ראַבינאָװיטש, רפאל,ד״ר 223, 299
ראַבינאָװיטש, רפאל יהודה 573
ראַבינאָװיטש (שפּ״ר), שאול פּנחס 709
ראַבינאָװיטש, שולמית 600
ראַבינאָװיטש, שמואל 711
ראַבינאָװיטש־הכהן, צירל 709
ראַבינזאָן, יעקב, ד״ר 130, 132, 323, 418, 479, 672
ראַבינזאָן, נ. פּראָפ׳ 131
ראַבינזאָן, נתן, ד״ר 130
ראַבינסאָן, נתן, ר׳ 826
ראַגאָװ (לעליאַ), מ. 165
ראַגאָװ, משה 577
ראַגאָװ, ש. 435
ראַוקע 654
ראַגינסקי, י., אינזש. 347
ראַדאַשיצקי 385
ראַדולאַנסקי, י. 445
ראַדזיװיל, גראַף 60, 560
ראַדין 373
ראַדען, אַגיוסט 509, 521
ראַזענבלאַט, יאָסעלע 484
ראַזשינאַיער, ז. 583
ראַװיטש, מלך 427
ראַװנער, זײדל 567
ראַזאָװסקי, ברוך לײב 582
ראַזאָװסקי, ישעיה 443, 480
ראַזאָװסקי, שלמה 561
ראַזומני, אפרים זלמן 567
ראַזנאַטאָװסקי 679
ראַזען, יוסף 132, 135
ראַזען, שרגא פײװל 357
ראַזען, מאַקס 556
ראַזענבוים, שמשון, ד״ר 72, 76, 78, 85, 132 138, 143, 296
ראַזענבלום 435
ראַזענבלום, דוד 239
ראַזענבערג, אַלפרעד 675
ראַזענבערג (פּו״צ) 125
ראַזענבערג, ישעיה, זען: פּאַרנבערג ק̇.
ראַזענבערג, מישאַ 478
ראַזענגאַרד, אינזש. 347
ראַזענטאַל, אלחנן 498
ראַזענטאַל, שמואל 554
ראַזענפעלד 844
ראַזענפעלד, ד״ר (מאָנטרעאָל) 459
ראַזענפעלד, אַלכסנדר, ד״ר 323, 348, 496
ראַזענפעלד, יעקב, אַדװ. 842
ראַזענפעלד, מאָריס 413
ראַזענפעלד, ש. 715, 732, 759, 840
ראַזענסאָן, הרב 480, 487
ראַט, אָסקאַר 521
ראַטנבערג, יוסף 460
ראַטנער, יצחק 549
ראַטנער, ש. 665
ראַטנשטײן, נ. 427, 430
ראַטשילד, דזש. 738
ראַטשיס, פּ. 149
ראַטשקאָװסקי 375
ראַיעק, סימאַ 524
ראַיעק, צפורה 523
ראַכלין, א. 429
ראַכמיל, ד״ר 342
ראַכמילעװיטש, נ., ד״ר 238
ראַכמילעװיטש, נחמן 357
ראַם, דוד 839

ראַמאַנאָוו (לעצטע רוס. צאַרישע דינאַסטיע) 716
ראַסיין, י., אַגראָנ. 282, 469
ראַסיענסקי 467
ראַפּאַלאָוויטש (פּו״צ) 139
ראַפּאַלאָוויטש, חיים 418, 422, 423
ראַפּאַפּאָרט, אנא 417
ראַפּאַפּאָרט, שמחה 779
ראַפּע (דרוקער) 427
ראַצקער, חיים, ר׳ 826
ראַקאַוסקאַס, אַדאַמאַס 628
ראַקער, יאַנקל 111
ראַשקעס, אריה לייב 709
ראַשקעס, ש. מ. 709
רבקש, משה, ר׳ 709
רובין, איסר מאיר 417
רובין, יעקב, ד״ר 836
רובינפעלד, ה. 662
רובינשטיין, א. מ. 103, 137
רובינשטיין, דוד 642
רובינשטיין, ראובן 23, 25, 49, 52, 254, 268, 374, 421, 443, 460, 496, 543, 553, 643
רודאַשעווסקי 398
רודניק, מרדכי 611
רודניצקי, לאה 418, 545
רודעל 684
רוזוועלט, טעאָדאָר 521
רוטמאַן, אַריה 581
רוטקאָוויטש 866
רוטשטיין, דבורה 142, 143
רויטמאַן, דוד 571
רומשינסקי, יוסף 574
רוקח, ישראל 105
ריזין, י. 323
ריטעווסקי, דבורה 750
ריטעווסקי, יעקב 750
ריטשאַרדס, בערנאַרד 417
רייזען, אַברהם 217
רייזען, זלמן 407, 411, 414, 541, 604, 807
רייטלינגער, ע. 657
רייך (פּו״צ) 143
רייכל, י. 842
רייניס, הרב 354
ריעפּין, אי. ע. 508
רמב״ם (ר׳ משה בן מימון) 654, 655, 709
רנ״ק (ר׳ נחמן קראָכמאַל) 709
רעמעני, עדואַרד 555
רעמעריס, פּראָפ׳ 380
רענענקאַמף (צאַרישער גענ.) 71, 572
רש״י (ר׳ שלמה יצחק) 494

## ש

שאַבאַד, צמח, ד״ר 162, 475, 541
שאַבאַן, א. 418
שאַבלינסקיס, אַל. 623
שאַבלינסקיס, יאָנאַס 622
שאַבסלבאַן, בנימין 367
שאַדאָוויטש 335
שאַגאַל, מאַרק 529, 605
שאַכנאָווסקי, ישעיהו 235
שאַכעט (שוחט), ש. 359, 362
שאַלטופּער, יצחק 324
שאַליט (שאַליטאַן), לוי 642
שאַליט 561
שאַליט, י. 541
שאַמאַריעווסקי, ח. 860
שאַפּאַזשניקאָוו, צבי יהודה 362
שאַפּיס 621
שאַפּירא, אברהם דובער 239, 357, 258, 366, 649, 654
שאַפּירא, ד. א. 317, 418, 544
שאַפּירא, הערמאַן 293, 710
שאַפּירא, ח. נ., ד״ר 324, 374, 377, 418, 480, 491, 544, 667
שאַפּירא, טוביה 238
שאַפּירא, מ. ש., הרב 731
שאַפּירא, נ., ד״ר 348, 481
שאַפּירא, נחום 826
שאַפּירא, נתן 324
שאַפּען, פּ. 566
שאַץ, אַדוו. 435
שאַץ, באָריס, פּראָפ׳ 510, 841
שאַץ, אליהו 363
שאַץ־אַנין, מאַקס 156
שאַצקי, יוסף, ד״ר 162, 442
שאַר, ברוך 567
שאַרפּאַנטיער, אַלעקסאַנדר 521
שאַרפשטיין, צבי 339, 350
שבלת, ל. 418, 425
שוואַל, ז. 335
שובערט, פראַנץ 566
שובין, ליעוו 519
שוואַבע, משה, ד״ר 284, 301, 323, 370
שוואַזשאַס, ד. 631
שוואַזשאַס, י. 631
שוואַרץ, יוסף 457, 746, 747
שוואַרץ, ד., ד״ר 479, 485
שוואַרץ, א. ש. 405, 406
שוואַרץ, דוד 498
שוואַרץ, יאָזעף 582
שוואַרץ, ישראל יעקב 417
שוואַרצבערג 638
שוחט, הירש 743
שויס, חיים בנימין 417
שולגין, חנא 471, 576
שולמאַן (מוזיקער) 561
שולמאַן, אליעזר 417, 750
שולמאַן, אליהו 323
שולמאַן, וויקטאָר 101, 108, 417, 441
שולמאַן, פּנחס 374
שומאַן, ראָבערט 566
שוסטערמאַן, הרב 662
שופּאַס 617
שטאַבינסקי, דוד 578
שטאַרקאַס 552
שטאַרקמאַן, ישראל 851
שטאַרקמאַן, משה 851
שטיין, הענעך 807
שטיינבאַך 538
שטיינבערג, יהושע 385, 386
שטיינבערג (ס. ר.), י. נ. 793
שטיינבערג, ד. מ. 484, 571
שטיינבערג, מאַקסימיליאַן 568
שטיינשניידער, משה 756
שטיף (בעל־דמיון), נ. 69, 476
שטיק 663
שטערן, יהושע 834
שטערנבערג, יעקב 345
שטראַוס, יאָהאַן 566
שטראַוס, ריכאַרד 566
שטראַשון (סטראַשון), שמואל 570
שטרוק, הערמאַן 344
שטרייכמאַן 481
שטרייכמאַן, יחזקאל 528, 532
שיינהויז, י. ל. 324
שיינזאַן 548
שילינגאַס, באַראָן 376
שילער 483
שילער, יאָהאַן פרידריך 722
שימייטע, אַנאַ 379
שימעלעוויטש 184
שימענס 498
שיפּער 495
שירער, עמיל 606
שלאָסבערג, ג. ב. 478
שלאָסבערג, מ. 132, 135
שלאַפּאַבערסקי, לידיאַ, ד״ר 288 467
שלום אַש 343, 539
שלום עליכם (ש. ראַבינאָוויטש) 81, 343, 346, 608, 693
שלעזינגער, בנימין 104
שלעזינגער, נ. 356
שלעפּאַק, אפרים 484
שמואל מאַהילעווער 746
שמואלאָוויץ, יצחק 354—358, 362, 364, 367
שמואלאָוויץ (שוואַרץ), עלאַ 367
שמולעוויטש, ע. ד״ר 467
שמוקלער 638
שמוקלער, הרב 649
שמוקלער, משה 186
שמחוני, י. נ. 785
שמידט (פּו״צ) 147
שמיט, אַשר 375—377
שמיט 629
שמעון בן יוחאי, ר׳ 751
שמעוני (חיין), ל. 123, 162, 603
שי״ר (ראַפּאַפּאָרט שמואל יהודה לייב) 709
שמש, ברוך 149, 152
שניאור, זלמן 317, 324
שניאור, חיים 540
שניד, ה. 119—120
שניידער, 359, 362
שניידער, שמואל 636
שעוויד, וויליאַם 564
שעוויטש, אַלתר 105, 184
שעוויטש, ליזע 182
שעפּנער, ברוך 426
שער, כ. 638
שער, משה 636
שעראַשעניעווסקי, בערל 678
שעראַשעניעווסקי, ראָזע 678
שערמאַן 534
שערעשעווסקי, טוביה 456

שערעשעווסקי, יעקב 363
שערעשעווסקי, אָלגאַ 200
שערעשעווסקי, עמנואל 363
שערעשעווסקי, שמואל 356—358, 362
שערצמאַן, שלמה 131, 133
שערשענאָווסקי 487
שפּאַר, לודוויג 562
שפּינאָזאַ, ברוך 509, 787
שפּענגלער, אָסוואַלד 799
שקאַלניק, אַבאַ הלל 417
שקליאַר (מוזיקער) 561
שקליאַר, ה. 181
שקליאַרסקי, מ. ש. 417
שקעמאַס 676
שרהזאָן, יחזקאל 860
שרהזאָן, כתריאל 855
שרענצל, ע. 856

**ת**

תגר, ד״ר 779
תלפיות, שמואל 838

# שטעט און שטעטלעך

**א**

אַבעל 131, 840
אָדעס 413, 727
אוטיאַן 152, 621
אונגאַרינא 282, 469
אַשוויץ 661
אָטאַוואַ 816
איוויע 395
אייראַגאָלע 834
איישישאָק 779
אינגאַלינע 395
אַלאַבאַמאַ 857
אַליטע 61, 462, 627, 666
אַנטקאַלניס 617
אַניקשט 112, 825
אַקמיאַן 627
אַשמענע 395, 709

**ב**

באַזיליאַן 624
באַטווילא 617
באַלטימאָר 807
באַן 718, 719
באָסטאָן 625
באַראַנאָוויטש 395
בובי 627
בודאָוויץ 817
בוסק 181
בוענאָס איירעס 162
בוקאַרעשט 487
ביאַליסטאָק 112, 128, 538
ביזדאַני 664
בירא־בידזשאַן 407
בירזש 60, 414
בית־זרע 67, 100
בן־שמן 95
בנימינה 98
בערלין 71, 153, 154, 161, 282, 323, 340, 355, 409, 473, 493, 530, 658, 681, 712, 716, 724
בראָד 751
ברייטאָן־ביטש 51
ברין 363
בריסק 60
ברעסלאַו 658
בת־גלים 100
בת־ים 363

**ג**

גאָלדינגען 604
גאָלינגען 362
גאַרזד 60, 340, 415, 417
גבעת ברנר 66
געטינגען 719
גראָדנע 127—128, 167, 387, 679

**ד**

דאַטנאָווע 243
דאַכאַו 661
דאַנציג 96, 134, 323, 688
דאַרביאַן 825, 829
דאָרפּאַט 153, 154, 408
דווינסק 49, 112
דונילאָוויטש 394—396
דוסיאַט 415
דוקשט 395—396
דפנה 66
דראַנסי 136

**ה**

האַמבורג 684
האַמילטאָן 60
האַמעל 113
האַסאַלאָוויץ 743
האַראַדיטש 395
היידוצישאָק 395
היקעל 415
העלסינגפאָרס 80

**ו**

וואַבאַלניק 412
וואָלאָזשין 733
וואָלין 851
וואָרנע 152, 416
וואַרשע 108, 110, 129, 158, 162, 387, 539, 658, 710
וואַשינגטאָן 309, 820
וויבאָרג 791
ווידז 395, 415
וויזשון 60
וויטעבסק 73
וויגוווע 244
ווילנע 37, 57, 59, 62, 69, 102, 104, 120, 124, 160, 293, 323, 378, 393, 406, 408, 441, 506, 511, 535, 568, 603, 743, 803, 849, 851
ווילקאָווישק 67, 106, 109, 110, 112, 119, 125, 146, 153, 160, 281, 314, 489, 491, 495, 818, 825
ווילקאָמיר 67, 118, 181, 277, 281, 316, 327, 341, 491, 615, 622, 761, 846
ווילקי 146, 236, 407
ווין 129, 458, 755, 853
ווירבאַלן (ווערזשבאָלאָווע) 35, 92, 105, 109, 299, 358, 412, 491, 613
ווישטינעץ 109, 196, 211
ווישי 787
וועקשנע 411, 416, 627
ווערסאַיל 296

**ז**

זשאַגער 60, 104, 111, 118, 152, 492, 624, 825
זלאַטאוסט (אוראַל) 114
זשידיקי 627
זשיטאָמיר 112, 387
זשעזמער 406, 552

**ח**

חדרה 100
חולון 68
חיפה 82, 99, 100, 610

**ט**

טאַווריק 299, 709
טאַמבאָוו 73
טאָראָנטאָ 361, 450, 826
טבריה 751
טירשקלי 624, 627
טעלז 58, 60, 152, 277, 281, 294, 356, 359, 799, 825, 849
טראַנסוואַל 847
טראָק (ווילנ. קרייז) 60, 626
טרישקי 624
טשיפּלישקי 129—130
טשערניגאָוו 73, 109

**י**

יאָהאַנעסבורג 407, 450, 845, 847, 849
יאַנישקיס 60, 111, 492, 801
יאַנעווע 101, 111, 119, 181, 358, 411, 492, 657, 825
יאַקוטסק (קיראָוו) 118
יבנה 607

יורבורג 235, 489, 491
יעלאָק 627
יפו 749
ירושלים 82, 303, 314, 356, 363, 746, 748, 755, 758

כ

כאַרבין 470—471
כאַרטום 412
כפר־הנוער 95
כפר מאַסאַריק 100

ל

לאַזדיי 559
לאָנדאָן 78, 81, 378, 487, 712, 751
לאַנדוואַראָוו 395
לאַנדסבערג (בייערן) 598
לאַנקאַסטער 816
ליבאַווע 112
לידאַ 354, 395
לייזשוואַ 627
לייפּון 244
לייפּציג 106, 109
לינגמיאַן 740

מ

מאַהילעוו 73
מאָזשייק 627
מאַלאַט 825
מאַלאַריטע (ווילנ. קרייז) 400
מאָנטעווידעאָ 450
מאָנטרעאַל 123, 450, 816
מאָסקווע 92, 471, 513
מאַריאַמפּאָל 106, 116, 119, 127, 281, 407, 491
מאַרציקאַנץ 702
מיטאַווע 519, 733
מינכען 366
מינסק 73, 128, 133, 410, 866
מיצפה השרון 100
מירון 751
מסטיסלאַוו 743
מעזעריטש 119, 211
מעלבורן 355, 407
מעמל (קליפּעדאַ) 89, 154, 157, 323, 377, 462, 492, 646
מענית 100
מעקסיקע 307, 450
מערעטש 666
מרחביה 608
משמרות 67

נ

נאַרווע 660
ניו־יאָרק 51, 103, 106, 162, 329, 340, 407, 462, 519, 733, 854
ניזשני־נאָווגאָראָד (גאָרקי) 846
ניי־ווילייקע 395, 398
ניי־זשאַגער 411, 413
ניישטאָט 106, 109, 131, 146, 149, 154, 530, 845, 855
ניעסחיזש 731
נתניה 99

ס

סאַלאַנט 181, 412, 445, 743
סאַן־רעמאָ 91, 296
סאָקאָלניק 514
סאַראַטאָוו 413
סוואַלק 36, 92, 101, 106, 123, 160, 323, 859
סווענציאַן 395
סטאַלינגראַד 658
סיאַד 244, 627
סיניי 851
סיראַקיוז 856
סלוצניק 732
סמילאַוויטש 526

ע

עמיר 100

פּ, פֿ

פּאַדבראַדזש 123
פּאַזשעלווע 825
פּאַלאַנגע 60, 365, 414—415
פּאָנאַר 627
פּאָנעוועזש 106, 110, 113, 117, 119, 146, 168, 151, 277, 281, 317, 324, 361, 407, 416, 462, 491, 495, 640, 743, 846, 849
פּאַניעמוניעליס 631
פּאַנעמונעק 416
פּאַסוואַל 60, 181, 624, 849
פּאַסטאַוו 395
פּאָפּעליאַן 623—624
פּאַקרוי 356
פּאָרטסמוט 169, 170
פּאַריז 78, 136, 309, 324, 462, 467, 507, 515, 520, 526, 717, 748, 795
פּומבדיתא 607
פּומפּיאַן 60, 412, 414
פּיוואָנע 621—622
פּילאַדנאַגי 93
פּילאַדעלפיע 339, 412
פּילווישאַק 104, 407
פּינסק 820
פּלאַטל 634
פּלאַרענץ 531
פּלונגע 60, 633
פּסקאָוו 624
פּעטערבורג (לענינגראַד) 169, 406, 471, 487, 508, 611, 621, 736, 746, 787
פּעטראַשון 417
פּראַג 489
פראַנקפורט א/מ 658
פרען 611—612
פתח־תקוה 99, 100

צ

ציריך 102, 104, 719

ק

קאָוונע 49, 57, 67, 92, 101, 160, 407, 453, 495, 519, 535, 603, 613, 627, 629, 637, 641, 673, 710, 725, 732, 735, 738, 747
קאָזלאָווע רודע 640
קאַטאָוויץ 713
קאַלאַאוטאָווע 365
קאַלוואַריע 106, 111, 112, 116, 128
קאַלינאָווע 282, 469
קאָנסטאַנטינאָפּאָל 487
קאַשעדאַר 640
קוויבעק 815, 831
קוזשי 627
קופּישקי 111, 112, 358, 642, 807
קורשאַן 624
קיבאַרט 358, 491, 511
קיידאַן 60, 111, 119, 131, 141, 153, 244, 358, 413, 489, 495, 640, 759, 849
קייפּטאַון 845
קינגסטאַן 828
קיעוו 127, 395
קישענעוו 166, 538, 784
קלאַגע 660
קליפּעדע, זען — מעמל
קעלם 60, 111, 353, 356, 627
קעלן 720, 722
קעניגסבערג 715, 718—719
קראָקע 90
קראַקי 846
קרעווע 743—745

ר

ראַגאָווע 181, 807
ראַדין 739, 743
ראַדווילישאָק 235, 624
ראַסטאָוו 73
ראַסיין 58, 113, 294, 663
ראָקישאָק 278, 642
רויטער הייף 640
רוים 507
ריגע 146, 152, 161, 297, 323, 363, 475, 519, 627, 658
ריטאַווע 412
רמת־השופט 100
רעוועל 153
רעננה 100

ש

שאַדאָווע 111, 113
שאַוול 58, 67, 104, 118, 131, 167, 277, 281, 317, 379, 407, 462, 495, 519, 613, 622, 637, 656, 747, 825, 857
שאַט 119, 414
שאַנכאַי 449, 470
שאַקי 131, 857
שוקיאַן 624
שטוטהאָף 368, 661
שטראַסבורג 719
שיקאַגאָ 625, 856
שירווינט 393
שלעזוויג־האָלשטיין 661
שעדאָווע 413, 846
שקוד 415, 642, 825
שקלאָוו 743

ת

תל־אביב 21, 49, 82, 162, 357, 407, 643

*PXV+

97 - 3520

v. 2